און צו דיעזען חדר ווערען די מייסטען קינדער געשיקט בלויז פינף אָדער זעקס יאהר און אויך דיעזע קורצע צייט ווערט ניט אבגעגעבען אין גאַנצען צו אידישע למודים, זאָנדערן א גרויסע טהייל, אָדער די גרעסטע טהייל פון טאג ווערט בענוצט צו לערנען די לאַנדס־שפּראַכע און אנדערע קענטניסע, יעצט איז די פראַגע: „ווי בעקעמפּפט מען די אונגעהייער גרויסע שוויריגקייטען, מיט וועלכע דער למוד פון חומש איז ארומגערינגעלט?“ זעהר אַ הארבע פראַגע און די נויטווענדיגקייט פון א מעטהאָדע, וועלכע זאָל דיעזע אלע שוויריגקייטען אָבשאַפען, ווי דיעזער חומש, וועלכען איך גיעב דאָ פאר דעם אידישען פובליקום, ווערט שטאַרק געפיהלט.

צייט פערלוסט, אונארדנונג ערגערניס און קלעפּ.

אָבוואָהל די שוויריגקייטען פון לערנען חומש אָהן די הילפע פון אזאַ מעטהאָדע ווי די, וועלכע איהר האַלט אין האַנד, זיינען, ווי געזאָגט, אונגעהייער גרויס און צאַהלרייך און אָבוואָהל יעדער איינער פון די, וועלכע לעזען דיעזע הקדמה, האבען אליין געלערנט חומש ניט איין יאָהר, פון דעסטוועגען בין איך זיכער, אז אויסער זעהר וועניג ערפאַהרענע לעהרערס־משכילים, וועלכע קענען זיך ערהויבען איבער דעם הרגל, איז כמעט ניטאָ איינער, וועלכער זאָל זיין בעקאַנט מיט די אַלע שוויריגקייטען און פערשטעהען זייער אמת׳ע, שלעכטע ווירקונג, וועלכע זיי האבען אויף אלע קלאַסען קינדער, אָהן איין אויסנאַהמע, און טאַקי נור דאַרום, ווייל זיי האבען אליין אויך געלערנט חומש מיט די זעלבע שלעכטע געהילפס־מיטלען פון זייער פריהעסטען קינדהייט אָן, דאַרום איז ביי זיי די געוואָהנהייט געוואָרען די צווייטע נאַטור און זיי בעמערקען גאר ניט, דאס זיי האבען געלערנט אונטער זעהר שלעכטע צושטענדע, וועלכע האבען זעהר פיעל פערקלענערט זייערע פאָרט־שריטע אין לערנען, און אונטער וועלכע יעצטיגע צייט איז אין גאַנצען אונמעגליך צו לערנען און צו קענען.

איך וויל דאַרום פּרובירען אויסרעכענען בלויז איינעגע פון די שוויריגקייטען, וועלכע רויבען אַוועג די גרעסטע טהייל פון דער לעהר־צייט, שטערען די אָרדנונג אין חדר, פעראורזאַכען גרויס ערגערניס דעם לעהרער און זיינען פעראַנטוואָרטליך פיר די גרעסטע טהייל שלעג און קלעפּ, מיט וועלכע דער לעהרער איז מאַנכעס מאָל אָדער אָפטמאָל, געצוואונגען מכבד צו זיין די שילער, וועלכע טהוען אזוי פיעל וועה די עלטערן, די קינדער און נאך מעהר דעם לעהרער אליין, און וועלכעס פלאַנצט איין ביי די קינדער אַ שנאה צום חדר, צו אידישע לעהרע און צו אלעס, וואס איז אידיש.

איינינגע הויפּט שוויריגקייטען פון חומש אונטעריכטען.

ווען א לעהרער געהט לערנען חומש מיט איין אָנפאַנגער, וועלכער האט ניט דעם קלענסטען בעגריף פון דער שפּראַכע, אין וועלכע דער חומש איז געשריבען, מוז ער איהם פאָרלעזען ניט וועניגער אַלס פינף און צוואַנציג מאָל ביז ער מאַכט איהם פעהיג צו חזר׳ן אָדער וויעדערהאָלען די געלערנטע חומש. ווען דאס קינד געהט וויעדערהאָלען די חומש, געפינט ער אויס, אז ער וויים ניט די בעדייטונג פון איינינגע ווערטער. דיעזע ווערטער מוז ער, געוועהנליך, פרעגען דעם לעהרער. דיעזער אינגעל איז אבער ניט דער איינציגער אין זיין קלאַס, אין דער קלאַסע זיינען דאָ, ווענינגסטענס, 8—10 קינדער. יענע ווייסען אויך ניט און דאַרפען אויך אָנקומען צום לעהרער. דער לעהרער וויעדער, נאכדעם ווי ער האט שוין פערבראַכט געוויסע צייט פאָרצולעזען די שטיקעל חומש 25 מאָל, מוז געהן לערנען מיט א צווייטע קלאַס און ווען דער לעהרער איז אריינגעטהאָן אין איין אַנדער ענין ברעכען אויס 5 אָדער 10 קולות מיט איין מאָל; און גאַנץ אָפט מיט אזעלכע משונה׳דיגע אָבזאַצען ווי צוב״ש: „לעהרער! השמים ואת? לעהרער! ובהו וחשך? לעהרער ערב ויהי?“ און די פראַגען קומען אזוי אָפט, אזוי משונה׳דיג און אזוי געמישט מיט 10 קולות, אז דער לעהרער מוז בעשליסען ענטוועדער גאר ניט צו בעאַנטוואָרטען די קלאַס, וועלכע וויעדערהאָלט די חומש, אָדער גאָר ניט צו לערנען מיט קיין אַנדער קלאַס. און דאס איז נאך אַלין גערעדט, ווען דער לעהרער האט בלויז 2 קלאַסען, וואס טהוט אבער דער לעהרער, וועלכער האט 5 — 6 קלאַסען צו אונטערריכטען?

ווען דער לעהרער קען דאָך ניט די גאַנצע צייט כסדר אי לערנען מיט א קלאַס, אי אימער שטעהן און בעאַנטוואָרטען די שטענדיגע פראַגען פון איין אנדער קלאַס אָדער קלאַסען, איז ער געצוואונגען,

אום יוצא צו זיין, אָנצוקומען צו די הילפע פון זיינע תלמידים און ערלויבען, אָדער בעפעהלען, אז דער וואס ווייס זאָל זאָגען דעם וואס ווייס ניט. אבער דאַמיט רואינירט ער נאך מעהר די אָרדנונג און פערלירט די קאָנטראָלע איבער זיינע תלמידים גאָר אין גאַנצען, דען ווען ער פרעגט איינעם פון זיינע תלמידים ווארום ער רעדט, ווארום ער רוישט, ווארום ער ווענדעט זיך צו דעם און צו יענעם און מאַכט אָן אונ־אָרדנונג. ערהאַלט ער אימער דעם זעלבען פאַלשען תירוץ: „איך פרעג איהם א ווארט" און איהר מוזט איהם גלויבען אויף זיין וואָרט, דען א ברירה האט איהר?

זעלבסט־פערשטענדליך, אז אין דעם מיש מאַש און די גרויסע מהומה און אונאָרדנונג, וועלכע ווערען דאַדורך פעראורזאַכט, מוזען די שילער ווערען שלעכט און די לעהרער נערוועז, און ערגערניס, געשרייען און קלעפּ, וועלכע זיינען די שאַנד־פלעקען פון הדר, זיינען גאַנץ נאַטירליכע פאָלגען.

אנדערע פעהלערן און שוויריגקייטען.

איך וויל אויסרעכענען אין קורצען נאך אייניגע חסרונות און שוויריגקייטען, וועלכע רינגלען ארום דעם למוד פון חומש אָהן די הילפע פון אזאַ מעטהאָדע, ווי דער „עזר המורה והתלמיד" איז:

1. דער לעהרער איז גאַנץ אָפט ניט אימשטאַנדע איבער־צוזעצען די חומש יעדען מאָל „פונקט דאס זעלבע. אָהן דעם קלענסטען שנוי" און דער קלענסטער שנוי ברייננט שוין דעם תלמיד, בעזאָנדערס דעם אָנפאַנגער, אין די גרעסטע פערווירונג, און ער קען ניט גערדיינקען, ווען מען זאָגט איהם איין מאָהל אזוי און דעם צווייטען מאָל אַנדערס. דעיזע ספּאַסירט בעזאָנדערס מיט לעהרערס־משכילים, ביי וועלכע די חומש איז ניט אַיינגע׳חזר׳ט פון רבי׳ן, זאָגדערן זיי פערשטעהען, וואס זיי אונטעריכטען.

2. ווען קינדער פערפעהלען אמאָל צו קומען אין חדר, בלייבען זיי ניט געקענט דעם לעקציאָן חומש, וואס מען האט דעם טאג געלערנט און. מאַנכעס מאָל איז דער לעהרער געצוואונגען אָבצוהאַלטען דעם גאַנצען קלאַס פון לערנען ווייטער וועגען א פּאָאר תלמידים, וועלכע זיינען א טאָג, אָדער אייניגע טעג בעפאָר ניט געווען אין חדר.

3. ווען א קינד וויל ניט צולייגען דעם קאָפּ אין דער צייט פון לערנען און קען ניט זיין לעקציאָן, איז דער בעסטער מיטעל דאַצו איהם איינצוהאַלטען, ביז ער וועט אָבטהאָן נאך דער צייט, וואס ער איז געווען פויל צו טהאָן אין דער צייט. איהר קענט דאס אבער ניט אויספיהרען, סיידען איהר זאָלט זיך אַוועגזעצען מיט איהם לערנען די חומש גאר אויף דאס נייע.

4. מען הערט גאַנץ אָפט קלאַגען, סיי פון עלטערן פון קינדער מיט גוטע פעהיגקייטען און סיי פון קינדער מיט שלעכטע פעהיגקייטען; די ערשטע זאָגען: „איהר האט צוזאַמענ־געזעצט מיין אינגעל מיט די גרעסטע פוסטע פויערים און ער מוז זיך שלעפּען מיט זיי און לערנט אויס א דריטעל פון וויפיעל ער איז אימשטאַנדע אויסצולערנען". די לעצטע, ווידער, זאָגען: „וואס טויג מיר, וואס איהר האט מיט איהם אויסגעלערנט עטליכע פרשיות חומש א וואָך, אז ער ווייס דאַפון אַ וואָרט ניט, בעסער וואָלט ער אויס־געלערנט בלויז איין פרשה, אבער ער זאל דיזעלבע וויסען קלאָר"; און מען מוז צוגעבען, אז ביידע קלאַסען עלטערן זיינען גערעכט, אבער דער לעהרער איז אויך ניט אונגערעכט: איז ער דען אימשטאַנדע צו מאַכען אזוי פיעל קלאַסען וויפיעל קינדער עס זיינען דאָ און צוטהיילען די צייט אויף הונדערט חלקים? דאַדורך וואָלטען זיי דאך נאך מעהר פערלאָרען! ער איז דאַרום געצוואונגען צו צוטהיילען זיינע תלמידים אויף אזוי ווייניג קלאַסען ווי מעגליך, און דער לערנען מוז זיין אַ מיטעל־מעסיגער, א ביסעל ווייניגער וויפיעל דער גוטער און פעהיגער און אַ ביסעל מעהר ווי דער שלעכטער און אונפעהיגער שילער קען לערנען און די ענדע איז, אז ביידענ׳ס עלטערן בלייבען אונצופריעדען.

די אלע אויבענגענאַנטע שוויריגקייטען, און צייט פערברייננונג ווערען אָבגעשאַפט אין דיזעלבע מינוט, וואס מיר גיבען אין די האַנד פון תלמיד אזאַ ספר, וואס מיט זיין הילפע איז ער אימשטאַנדע צו פּערפערטיגען זיין לעקציאָן חומש אליין, אָהן די הילפע פון דעם לעהרער, און דאס איז וואס דער „עזר המורה והתלמיד" טהוט, וויא איהר וועט אייך באלד איבערצייגען.

דער „עזור המורה והתלמיד“ שאַפט אב אללע שוויריגקייטען.

איך וויל אין קורצע ווערטער ערקלערען ווי אזוי דער „עזור המורה והתלמיד“ שאַפט אָב אלע שוויריגקייטען, שאַפט רוהע און אָרדנונג אין די חדרים, תלמוד תורה׳ס און העברעאישע שולען און שפּאָרט איין פיעל צייט.

1. דער לעהרער דאַרף שוין ניט מעהר פערברייגגען פיעל צייט און מיה פאַרצולעזען דעם לעקציאָן חומש 25 מאָל אום בלויז צו מאַכען דעם שילער פעהיג דעם זעלבען צו ווידערהאָלען, און דאן ניט לאָזען דעם לעהרער לערנען מיט איין אַנדער קלאַס, דורך די אָפטע פראַגען, און אָנמאַכען אונאָרדנונג, דען ער דאַרף פאר איהם אפילו איינמאָל אויך ניט פאָרלעזען דאס חומש, ווייל יעדער שילער, וועלכער קען נור לעזען אידיש (און דאס קאָנען אלע קענען אין 2—3 טעג צייט), איז אימשטאַנדע מיט דיא הילפע פון „עזור המורה והתלמיד“ אליין צו פערפערטיגען אַ פיעל גרעסערען לעקציאָן חומש און וויסען פיעל ב עסער אַלס ווען דער לעהרער וואָלט מיט איהם לערנען 25 מאָל

2. דער לעהרער דאַרף שוין אויך מעהר ניט אָנקומען צו די הילפע פון זיינע תלמידים איהם צו העלפען בעאַנטוואָרטען די אָפטע פראַגען פון אַנדערע תלמידים, און ער איז דאַרום אימשטאַנדע צו האבען אַלע זיינע תלמידים אונטער זיין קאָנטראָלע, דען ער קען זיי בעפעהלען, דאס אונטער קיינע אומשטענדען זאָל איינער ריידען אָדער זיך ווענדען צום צווייטען און קען בעשטראָפען יעדען איינעם, וואס פאָלגט ניט. ווייל דער פאַלשער תרוץ אויף אַלע קשיות „איך פרעג איהם א וואָרט“, וועלכער האט געמוזט זיין א גוטער תרוץ אויף אַלע געררווישען, גערייִדען, געלעכטער א. ז. וו. קען שוין מעהר ניט גילטען, דען יעדער וואס האט דעם „עזור המורה והתלמיד“ אין האַנד דאַרף צו קיינעם ניט אָנקומען, און דער לעהרער איז ניר נייטהיג אום אויפצופּאַסען, דאס זיינע תלמידים זאָלען אליין לערנען אין רוהע און אָרדנונג און זיי איבער צו הערען דעם לעקציאָן חומש, אום צו וויסען אויב זיי האבען געטהאָן דאס, וואס זייער פפליכט איז צו טהאָן און וואס זיי קענען טהאָן.

3. האט איינער פון די תלמידים ניט געטהאָן זיין פפליכט און קען ניט זיין לעקציאָן, קען דער לעהרער איהם איינהאַלטען ביז ער וועט אָבטהאָן נאָך דער צייט, וואס ער איז געווען פויל צו טהאן אין דער צייט.

4. איז איינער אָדער איניגע תלמידים ניט געוועזען אַ טאָג אדער איניגע טעג אין חדר, דאַרף דער גאַנצער קלאַס ניט אָבגעהאַלטען ווערען פון לערנען צוליב זיי, און זיי אליין דאַרפען אויך ניט פערלירען די לעהרע פון דער צייט, וואס זיי זיינען געוועזען אָבוועזענד, דען זיי קענען אין איין טאג אדער איניגע טעג אָבטהאן די אַרבייט, וועלכע זיי האבען פערפעהלט.

5. דער „עזור המורה והתלמיד“ גיט דעם לעהרער די מעגליכקייט צו פערטהיילען זיינע שילער, ווען נייטיג, אין אזוי פיעל קלאַסען וויפיעל שילער ער האט, אדער וועניגסטענס צו פערטהיילען די קלאַסען אַזוי גענוי ווי דער עלטער און די פעהיגקייטען פון די קינדער פערלאַנגען. אהן די הילפע פון עזור המורה והתלמיד מוזען די שילער זיין צוזאַמען אין אַ קלאַסע, ווייל אזוי ווי דער לעהרער איז דאָך ניט אימשטאַנדע יעדען איינעם איבער צו הערען דעם גאַנצען לעקציאָן חומש, דאַרום דאַרף איינער צו הערען, ווען דער צווייטער זאָגט, אום דאַדורך זאָל דער ווערט וואס הערט צו וויסען, אויב ער, האט ריכטיג איינגעאיבט זיין לעקציאָן. אָבער דורך דעם „עזור המורה והתלמיד“ קאן דער שילער אליין וויסען אויף זיכער אויב ער ווייס די חומש אָדער ניט, נאָך איידער ער קומט צום לעהרער, (זעה וויטער „ווי לערנט מען דעם „עזור המורה והתלמיד)און דער איינציגער צוועק פון איבער הערען דעם לעקציאָן חומש איז נור צו זעהען, אויב דער שילער האט געטהאָן, וואס ער דאַרף טהאָן, אום צו וויסען די חומש אויפ׳ן בעסטען אַרט, גענוי און ריכטיג, דער לעהרער קאן דארום צוטהיילען זיינע שילער לויט זייערע פעהיגקייטען, צו די צופרידענהייט פון די עלטערן און דעם פראָפיט פון זיינע תלמידים. און איז ניט געצוואונגען צוזאַמען צו פּאָרען חמר־גמל. . .

וויא לערנט מען דעם עוזר המורה והתלמיד?

גיט יעדען שילער א קאַרטעל אָדער א גלייכע שטיקעל פּאַפּיר. הייסט זיי דאַמיט פערדעקען די איבערזעצונג בלויז ביז די שורה, וועלכע זיי געהן לערנען. הייסט זיי לעזען די שורה חומש און די איבערזעטצונג דאַרויף זעהר לאַנגזאַם און פאַרזיכטיג ביז זיי זיינען אימשטאַנדע די איבערזעצונג צו זאָגען אויסוויינדיג. דאַן זאָלען זיי אַרויפרוקען די קאַרטעל אום צו פערדעקען די איבערזעצונג און זאָלען 1 מאָל לעזען די שורה חומש און איבערזעצען אויסוויינדיג. דאַן זאָלען זיי אַראָברוקען די קאַרטעל און איבערלעזען די איבערזעצונג אינעווייניג אום זיך צו איבערצייגען אויב זיי האבען ריכטיג איבערזעצט. ווען זיי געפינען אויס, אז זיי האבען ריכטיג איבערזעצט, דאַרפען זיי איניגע מאָל איינאיבען די שורה אום צו געדיינקען און דאַרפען דאַן לערנען די צווייטע און דריטע שורה אויף דעם זעלבען אַרט. ווען זיי לערנען אָב אַ פּסוק אָדער אַ האַלבען, דאַרפען זיי גיין ווי־דערהאָלען דעם פּסוק, דאס הייסט, זיי דאַרפען פערדעקען די איבערזעצונג און לעזען יעדע שורה בעזונדער און איבערזעצען אויסוויינדיג, אָבער זיי דאַרפען ניט אוועק־געהן פון א שורה ביז זיי רוקען ניט אראָב די קאַרטעל אום נאָכדעם צו לעזען די איבערזעצונג אינעווייניג און צו וויסען אויף זיכער אויב זיי האבען ריכטיג איבערזעצט אָדער ניט.

פאָררעדע

צו דער צווייטען אויפלאגע.

אין די ערשטע אויפלאַגע האב איך פערשפּראָכען צו געבען צו דער צווייטער אויפלאַגע די ענדע פון דער הקדמה, דורך וועלכע פיעלע קשיות וועלען פערענטפערט ווערען. לײדער קען איך עס יעצט ניט טהאָן וועגען פיעל וויכטיגערע אַרבײט, וועלכע די פאָרטזעצונג פון דיזען חומש און די פערפערטיגונג פון דעם צווייטען טהייל אונטער דעם נאָמען „מורה התורה והשפה״ וואָס איז אַ פאָלשטענדיגע מעטהאָדע צו אונטעררִיכטען די העברעאישע שפּראַכע און איהר גראַמאַטיק אין ענגע פערבינדונג מיט דער תורה, פערלאַנגען פון מיר. איך וויל דאַרום מאַכען בלויז אייניגע בעמערקונגען.

1) דער „עוזר המורה והתלמיד״ איז אַזוי פּשוט ווי ברויט און אויך אַזוי נעטהיג ווי ברויט. אויב מען איז ביז יעצט אויסגעקומען אָהן אַזאַ ספר איז עס נור, ווייל אָהן ברויט קען מען אויך אויסקומען. אָבער וואס פאַר א לעבען איז דאס? דעם מלמד׳ס לעבען, וועלכער דאַרף לערנען נ אָ כ ז א ג ע ן חומש אַ קינד, וואס האט קיין בעגריף פון דער שפּראַכע, אין וועלכע די תורה איז געשריבען אָהן אַזאַ הילפס־בוך ווי דער „עוזר המורה והתלמיד״ איז, איז געוויס ניט בעסער ווי דער טויט. און דעם קינד׳ס לאַגע איז אויך ניט מקנא צו זיין.

איך ווייס גאַנץ גוט, אז צו זאגען, דאס דער „עוזר המורה והתלמיד״ איז אַזוי פּשוט ווי ברויט, איז דער גרעסטער חסרון, וואס איך האב געקענט זאגען אויף מיין שווערע, אונערמיעדליכע אַרבײט, וועלכע קאָסט מיר אונגעהייער פיעל געלד, צייט און מיה, ווייל, לײדער, איז די גרעסטע טהייל פון אונזער פאָלק געוואהנט צו פערגעטערען און צאָהלען געלד פיר יעדע זאַך, וואס ליגט דאַרין גדלות; עס מאַכט ניט אויס ווי קרום און פאַלש, ווי אונניציג און אוננעטהיג די זאַך איז, אַבי עס שטעקט נור דאַרין גדלות, אַבי אַ פּשט׳ל און אַ דריידעל קויפט ר׳ יודעל און בעצאָהלט דאַפיר מיט כסף מלא; אָבער צאָהלען געלד פיר אַזאַ נאַרישען ספר, וואס דערצעהלט, אז בראשית איז דער טייטש: אין אָנפאַנג, און קימערט זיך גאר ניט פיר די קלאָמין קשיא: מאי קא משמע לן? אַזעלכע נאַררען קען מען וועניג געפינען ביי אידען, נור אַזוי ווי איך ערוואַרטע זאָ ווי זאָ גאָר נישט פון אַזעלכע חכמים, און איך האָף נור אויף די וועניגע, פּראַקטישע לעהרער און מענער, וועלכע וויסען ווי צו שעצען אַ נוצבאַרע זאַך אָבוואָל אָדער נור ווייל זי איז פּשוט. דאַרום שעהם איך זיך ניט צו ווידערהאָלען, אז: דער „עוזר המורה והתלמיד״ איז אַזוי פּשוט ווי ברויט און אַזוי נעטהיג ווי ברויט, און די גדלות זוכער וועלען מוזען וואַרטען ביז דער „מורה התורה והשפה״ ערשיינט, דאָרט וועלען זיי געפינען, וואס זיי זוכען.

2) דער גרויסער ערפאָלג פון אונטעררִיכטען חומש מיט דער הילפע פון „עוזר המורה והתלמיד״ איז ניט בלויז אַ השערה אדער אַ פאַנטאַזיע: איך אונטעררִיכטע חומש מיט דיזע מעטהאָדע שוין מעהר אַלס 6 מאָנאט און, אויסער וואס עס האבען זיך פערווירקליכט אַלע מעלות, וועלכע איך האב אויסגערעכענט אין מיין הקדמה צו די ערשטע אויפלאַגע, האב איך אויך פאָלגענדעס אויסגעפונען: 1) פיעלע קינדער, וועלכע וואלטען לויט זייערע פעהיגקייטען נימאַלס געקענט לערנען חומש אין דיזען לאַגע, אָדער וואָלטען ערשט מיט א יאָהר אדער צוויי שפּעטער אָנגעפאַנגען חומש, זיינען יעצט, מיט דער הילפע פון דעם „עוזר המורה והתלמיד״ אימשטאַנדע געוועזען אָנצופאַנגען חומש און אַליין צו פערפערטיגען אַ רעקציאָן אויפ׳ן צווייטען אדער דריטען טאָג, נאָכדעם ווי מען האט זיי צום ערשטען מאָל געזאגט די אָנפאַנגס־רעגעלען פון לעזען אידיש. אַלעס וואס מען האט געדאַרפט מיט אַזעלכע קינדער טהאן וואַר: 1 מאָל לאַנגזאַם פאָרלעזען, פיר בלויז אַ קורצע צייט, די חומש מיט די איבערזעצונג, אדער די איבערזעצונג אַליין, אום זיי צו מאַכען פעהיג צו לעזען אַ ל ע ווערטער אין די איבערזעצונג, און דאַן האבען זיי פערפערטיגט אַ לעקציאָן חומש פיעל גרעסער און בעסער אַלס פעהיגע קינדער, מיט וועלכע מען לערנט א פסוק חומש 25 מאָל מ י נ ד ל י ך. 2) קינדער פון 10—11 יאהר אַלט, וועלכע האבען געלערענט היער אונדאָ אין חומש, אבער וועלכע קאָנען ניט אַליין ווידערהאָלען, וואס זיי האבען געלערענט און פערגעסען אין פערלויף פון 3—4 יאהר און מיט זיי מוז מען אויף דאס נייע לערנען יעדע שטיקעל חומש פונקט ווי מיט קליינע קינדער, אַזעלכע קינדער זיינען אימער אימשטאַנדע געוועזען אויס צולערנען מיט דער הילפע פון דעם „עוזר המורה והתלמיד״ אַ קאַפּיטעל אדער צוויי פון חומש (ד. ה. גאַנץ בראשית אין א מאָנאַט אדער צוויי) אויסער זייערע אַנדערע לעקציאָנען ווי תנ״ך, דקדוק, שרייבען א. ז. וו. אין בלויז 3 שטונדען, וועלכע זיי פערווייללען אין חדר (ווענינסטענס 1 העלפט פון דיזע צייט ווערט פערבראַכט אויף „עברי״ לייזען). 3) די תלמידים האבען אימער גאַנץ אָבפּרישען, וואס זיי האבען געלערענט און האבען פיעל אדער וועניג פערגעסען צוליעב די פערנאַכלעסיגונג אין ווידערהאָלען. דיזער פונקט איז זעהר א וויכטיגער: דאס, וואס דער למוד פון חומש און נ״ך איז אַזוי ערפאָלגלאָז, איז פיעל צו פערדאַנקען דעם פאַקט, וואס זאָגאַר נאָכדעם ווי דעם לעהרער איז געלונגען זיינע תלמידים קלאָר צו מאַכען אַ געוויסע טהייל דאַפון, פערגעסען זיי עס ווידער צוליעב זייער נאַכלעסיגקייט צו ווידערהאָלען אין דער צייט. און קוים האבען זיי פערגעסען, וואס זיי האבען געלערענט, זיינען זיי מעהר ניט אימשטאַנדע די זעלבע חומש אַליין צו לערנען און ווידערהאָלען, און אַזוי קומט דער לעהרער מיט גרויס פערדרוס צו דער איבערצייגונג, אז זיינע תלמידים האבען גענצליך פערגעסען דיזע וואָך אדער מאָנאַט, וואס זיי האבען געלערענט א וואך אדער אַ מאָנאט בעפאָר. דער „עוזר המורה והתלמיד״ שאַפט אָב דיזען גרויסען איבעל.

איך שרייב דיזעס אין אַ עיר ואם בישראל, וואו עס געפינען זיך איין 50 טויזענד אידען כן ירבו, און מיין „בני ציון סקול״ איז בעקאַנט צו יעדען. יעדער קען זיך דאַרום איבערצייגען אין די וואַרהייט פון מיינע בעהויפּטונגען.

3) זייט איך האב געמאַכט די ערשטע אויפלאַגע פון „עוזר המורה והתלמיד״ האבען מיר מעהרערע לעהרער געוויזען און געשריעבען, אז דער ניט האט זיי אויך אויס געלערענט צו טהאָן דאס זעלבע ווי איך. ד. ה. זיי זיינען מאַכנים מאָל געצוואונגען געווען אויפצושרייבען די חומש מיט די איבערזעצונג און דאס געבען צו זייערע תלמידים צו לערנען. צוליעב די שווערע אַרבייט זיינען זיי אבער נור אימשטאַנדע געווען דיזעס צו טהאָן אויף די ערשטע 2 -3 קאַפּיטלעך. דאס קען דינען אלס בעוויז פיר די נויטהווענדיגקייט פון אַזאַ מעטהאָדע. בעזאָנדערס מאַך איך אויפמערקזאַם בעאַמטע פון תלמודי תורה אדער פון העברעאישע פּריוואַט שוהלען, וועלכע האַלטען געהילפס־לעהרער, אויף דעם פאַקט, אז אָפט ווערען קינדער רואינירט אין לערנען נור דורך די וועכסלונג פון די

לעהרער. אדער דורך דעם איבערגיין פון איין קלאסע אין די צווייטע, ווייל איין לעהרער לערענט אנדערש ווי דער צווייטער. דיזער איבעל קען נור אבגעשאפט ווערען ווען אזא ספר ווי דער „עוזר המורה והתלמיד" זאל אנגענומען ווערען אלס לעהרבוך פיר אלע קלאסען און זאל געגעבען ווערען אין די הענד פון יעדען לעהרער.

4) די שפראכע פון „עוזר המורה והתלמיד" איז איינפאך אידיש און א דייטשער ווארט איז נור דארט געברויכט געווארען, וואו עס איז ניטאָ קיין אידישער ווארט. אויב דאמיט ווילען אונצופרידען זיין קאַלוואַריער דייטשען, וועלכע ווילען גילטען אַרס גוטע לעהרער-משכילים דאמיט, וואס זיי איבערזעצען תנ״ך אין א שפראכע, וועלכע ניט זיי און ניט זייערע תלמידים אדער זייערע עלטערן פערשטעהען (דען דער כלל איז: מען דארף נור מאכען אז די עלטערן זאלען ניט פערשטעהען, און דאן בעטראכטען זיי דאס פיר גדלות און צאהלען א גוטען שכר למוד), דאפיר וועל איך פערדינען דעם דאנק פון אויפריכטיגע מענער און ערנסטע פעדאגאגען.

5) די איבערזעצונג איז אָהן נקודות, ווייל יעדער, וואס האט זיך ווען געשטעלט די פראגע: „וואס איז זשארגאן מיט נקודות?" איז געוויס געצוואונגען געווען צו אַנטווארטען: „זשארגאָן מיט נקודות זיינען געדרוקטע ווערטער אין וועלכע די וואָקאלען (לויטען, שטימען) זיינען בעצייכענט אי מיט „וואָקאל-צייכען" (נקודות), אי מיט „וואָקאל-בוכשטאבען" (א, אָ, י, יי, ױ, ו, וו), וועלכע קומען ביידע פיר איין און דעם זעלבען צוועק, און איינעס פון זיי (געוועהנליך די וואָקאל-בוכשטאבען, אָדער די נקודות) דארף מאן האבען ווי א פינפטע ראָד צו א וואָגען". איבערהויפט ווייס איך ניט ווי א מאן, וואס פערשטעהט ניט אויסצולערנען א קינד לעזען זשארגאן אָהן נקודות, אין די זעלבע צייט ווען ער לערענט איהם לעזען העברעאיש מיט נקודות, קען מאכען אַנשפּריכע צו זיין א העברעאישער לעהרער, וועלכער דארף מעהר אדער ווייניגער דייקען וועגען דעם אונטערריכט צו לעזען העברעאיש אי אָהן וואָקאל-בוכשטאבען אי אָהן וואָקאל צייכען (העברעאיש אָהן נקודות). נור אין די לענדער, וואו צייט און אַרבייט קאָסט קיין געלד, האט געקאָנט בלייבען א זכר פון אזא שווערע, גאַנץ אונניציגע זאַך ווי די נקודות אין זשארגאן. אין אמעריקא אבער, וואו די אונניציגע נקודות אין זשארגאן וואלטען פעראורזאכט אונגעהייערע קאָסטען, האבען מיר זוכה געווען צו זעהן, ווי אַריבער-געקומענע אייראָפּייאישע עמי הארצים לעזען דורך איניגע צייטונגען און ביכלעך יעדען טאג אָהן נקודות פיעל געלייפיגער און בעסער ווי מאנכע יודישע ספר אין אייראָפּא לעזען א בוך מיט נקודות. און ווי קליינע אידישע קינדער פון 7 יאהר אלט, וועלכע קענען ענטוועדער גאר ניט אדער גאנץ ווייניג אידיש, פערפערטיגען אליין א לעקציאָן אין „עוזר המורה והתלמיד" גלייך אויף דעם צווייטען טאג, ווי מען האט זיי דעם ערשטען מאל געזאגט אז איין א׳ נאך דעם בוכשטאב אין זשארגאן בעדייטעט דאס זעלבע, וואס (פתח) אונטער דעם בוכשטאב אין העברעאיש. פרובירט דערצעהלען אייערע תלמידים דיזע גרויסע תורה צור זעלבער צייט, ווען איהר לערענט זיי לעזען העברעאיש, און איהר וועט זעהן אז לא בשמים היא.

6) אין איבערזעצען חומש זיינען דאָ 2 וועגען: 1) צו איבערזעצען יעדען ווארט בעזונדער און ניט אַכטען, וואס דאָן, ווען מען זאל דיזע איבערזעצונג איבערשרייבען און איבער לעזען, וועט די איבערזעצונג ניט האבען קיין צוזאמענהאנג און עס וועט ניט קלעפּען אַ ווארט צו אַ ווארט. 2) צו איבערזעצען אזוי פיעל ווערטער צוזאמען און אויף אזא אַרט, אז עס זאל זיך קלעפּען א ווארט צו א ווארט און אז דער פסוק חומש זאל עטוואס דערצעהלען און זאל ניט זיין בלויז איין אויפהייפונג פון ווערטער אהן יעדען געשמאק און צוזאמענהאנג. דער ערשטער וועג איז דער וועג פון מלמדים פון אַלטען דור און פתח מלמדים עמי הארצים; אויף דעם צווייטען וועג געהט יעדער פערנינפטיגער מענש און יעדער אמת׳ר פעדאגאג, וועלכער בעצוועקט עטוואס מיט׳ן אונטערריכטען חומש, ענטוועדער די געשיכטע אדער די שפראכע, און דער לעצטער וועג איז אויך דער וועג פון „עוזר המורה והתלמיד".

די מלמדים פון דעם ערשטען סאָרט זיינען אַזוי שטארק צוגעוואָהנט צום זאגען און מאכען אַנדערען נאָכזאָגען אונפערשטענדליכע ווערטער, אָהן די קלענסטע שייכות און פערבינדונג פון איין ווארט צום צווייטען, אז זיי אַארט אפילו ניט פיר די ריכטיגע איבערזעצונג פון יעדען ווארט בעזונדער. (אבוואהל זיי בעהויפטען אז זייער גאַנצער שטרעבען איז, אז דער קינד זאל וויסען די בעדייטונג פון די „ווערטער") און דער בנין, זמן, גוף, מין, מספר, ו׳ המהפך, ו׳ המחבר א. ז. וו. אין פעלים, און כנויים, די אותיות ובכל ם א. ז. וו. אין שמות ווערען פון זיי געווענליך איגנאָרירט ביים איבערזעצען, און: ויאמר, וישמרך, ומבנותיהם ווערט איבערזעצט: געזאגט, געהיט, טעכטער. די איינציגע זאך, וואס דאס קינד קען לערנען פון אזא סאָרט איבערזעצונג איז צו ריידען אונפערשטענדליכע ווערטער אָהן אַ טעם און אָהן א ריח זיין גאַנצען לעבען, און צו בלייבען איין אייביגער קאַליקע אויפ׳ן צונג. (דאָ ליגט דער סוד, ווארום אונזער המון, וועלכער האט זיין גאנצע שפראכע געלערענט נור אין חדר, איז געבליבען אזוי געפאַלען אויפ׳ן לשון. אויב איהר האט ווען געהערט דיזע לייטע ריידענדיג פון פרעזידענטען שטול און אויף אסיפות אין אמעריקא, וועט איהר פערשטעהן די וואהרהייט פון מיינע ווערטער).

אויף די טענה פון דיזע לייטע, אז די תלמידים פערשטעהען ניט די בעדייטונג פון יעדען ווארט בעזונדער, ווען מען לערענט זיי אויפ׳ן ריכטיגען וועג, האב איך פיעלע מאל איבערצייגט, אז קינדער, וועלכע האבען פערפערטיגט א נייעם לעקציאָן חומש אין „עוזר המורה והתלמיד" פיר זיך אין די אויגען, האבען ריכטיג בעאנטווארטעט אויף די פראַגען וועגען די בעדייטונג פון יעדען ווארט בעזונדער, ווערענד די וואס לערנען אָהן א טעם און אָהן א ריח וויסען ניט די ווערטער און ניט דעם אינהאַלט פון וואס זיי לערנען.

7) דער „עוזר המורה והתלמיד" איז געמאַכט געווארען ניט נור פיר קינדער, זאָנדערן אויך פיר מענער און פרויען, וועלכע ווילען שטודירען די ביבעל אין איהר אָריגינאַל. אזעלכע לייטע קענען ערזיכען זייער וואונש אויף דעם לייכטעסטען, בעסטען און שנעלסטען אַרט זאָגאַר אָהן די הילפע פון א לעהרער. דאגעגען מוזען קינדער האבען א לעהרער, וועלכער זאל זיי מאכען לערנען, פונקט ווי זיי דארפען האבען א לעהרער, וועלכער זאל זיי הערען לעזען יעדען טאג עברי, אבוואהל זיי קענען שוין עברי. און די קינדער אַליין אָדער זייערע עלטערן קענען ניט פערנעהמען דעם פלאַטץ פון לעהרער.

8) די בעמערקונגען אונטער יעדען בלאַט חומש זיינען געמאכט געווארען ניט צוליב זייער נויטהווענדיקייט, דען וואס איז דער חלוק אויב „רשע" איז איבערזעצט: בייזער, שלעכטער, גאטלאָזער, פרעפלער, אונגערעכטער, זינדיגער א. ז. וו. נור ווייל ביי אחב״י געפינען זיך איין אַזעלכע, פיר וועלכע עס איז גענוג צו וויסען, אז דער מחבר האט אויף איין האָאר איבערזעצט אַנדערש ווי זיי זיינען געוואוהנט צו פערטייטשען, אז זיי זאלען ווארפען דעם ספר הינטער זיך און ניט קוקען אויף זיינע גרויסע נוצען, דארום זיינען די בעמערקונגען געמאכט געווארען דיזע לייטע צו פרידען צו שטעלען. ווען איינער וויל ניט אַנגעהמען דעם ספר ווי ער איז געדרוקט אין פנים, קען ער 1 מאל פארלעזען די חומש פיר זיינע תלמידים און זיי הייסען אויסמעקען אין זייערע ספרים דעם ווארט אין די איבערזעצונג, וואס איהם געפעלט ניט, און דאן וועט דער תלמיד וויסען, אז אין דעם פלאַטץ דארף ער געברויכען דעם ווארט פון דער בעמערקונג, לויט דעם נומער, וואס שטעהט ביים אויסגעמעקטען ווארט. איך האָפע אבער, דאס יעדער פערנינפטיגער לעהרער וועט זיך ערשפּארען דיזע גאַנץ אונניציגע אַרבייט.

דער איבערזעטצער און ארויסגעבער. ערב ר״ה התר״ס, פילאדעלפיא, במדינת אמעריקא.

הסכמות ומכתבי תהלה*)

מרבנים, חכמים, סופרים, משכילים, פדגוגים ומורים להועיל בבתי ספר לבני ציון היקרים.

ב"ה. ידידי החכם וסופר משכיל ושלם מ' יוסף מאנילגיצקי הראני פעולתו לטובה אשר פעל ועשה לטובת בני הנעורים במחברתו הנפלאה אשר טרח בה חרבה בעבודה כביה העתקת תורת אלקים לשפה ברורה, אשר תקל הרבה עבודת המורים והתלמידים, ראיתי ונוכחתי הטוב והמועיל האצור במחברתו, אשר מאז קחתי שכם בהנרגת הת"ת פה, ראיתי כי עוד אין לנו בספרותנו ספר דנוף כ"ה ללמד ילדי ישראל מקראי קדש לאט לאט, הנחוץ מאד בארצנו ביחוד. אשר זמן הלמוד מצער מאד, והנערים אינם בעלי מלאכה ארת

ולזאת אחזיקנא טיבותא להמחבר המעתיק על טוב מפעלו. והוא מוכשר לזה בכל הפרטים, וכבר יצא לו מוניטין למשכיל דורש אלקים ומלמד להועיל, ובטוח אנכי כי יוציא מתחת ידו דבר מתוקן, ומחברתו תפיק רצון מהתומכים פעולתו, וד' יהי' בעזרו להוציא גם את החלק השני[1] לאור, כאשר תברכנו נפש הכו"ח למען האמת, ט"ז אדר תרנ"ט לפ"ק, פילאדעלפיא.

נאם דוב אריה באמ"ו הגאון מו"ה אברהם הכהן זללה"ה לעווינטהאל חופ"ק.

הנה בא לפני ידידי המשכיל המפואר והחה"ש סופר מהיר מאד נעלה מו"ה יוסף מאגילניצקי וחבורו הנפלא בידו, ראיתי והתבוננתי בו, והנה האח ראיתי אור חדש, ורב טוב צפון בו לתועלת בנינו ולתועלת הפדגוגים (ומלמדי להועיל) ולמורי בתי ספר לבני ישרון, כי לדאבון לבבנו למרות התקונים והמסלות החדשות שסללו למו בהעתקות שונות בתורת ה' עוד לא הטיבו את דרכם זה, כמה קולמסין נשברו וכמה דיו נשפך להטיב את מצב החנוך הפרוע לשמצה . . . ולא עלתה בידם, כי למרות החבורים גדולי הכמות וגם רבי האיכות אשר לדאבון לבבנו מרוב טובה הכו הנערים בסנורים ולא יכלו לצעוד אף צעד אחד קדימה בשפתנו היקרה, כי אם ברב עמל וטרח הרבה, — לכן נחזיק טובה להמחבר הנכבד הנ"ל, ויישר חילו בעד מפעלו הנכבד לטובת בנינו.—יען כי הוא סלל לו מסלה ישרה והדשה בהעתקתו את תורת אל חי בשפה המדברת בכל ארצות פזורנו, והעתקתו זאת היא בחוקת ברוקה מכל פסלת, ויש בה אכל נפש המשכלת ותקוה טובה נשקפת ממנה לדור הבא, כי ממנה יתד וממנה פנה להטיב את סדר החנוך הנוכחי. סמוך לבי כי אחינו יתמכו את פעולתו הנעלה והעתקתו תפיק רצון מנהם. ולראי' באתי ע"ה למען האמת, כ' אדר תרנ"ט לפ"ק פילאדעלפיא.

נאם אברהם צבי דר. ערשלער חופ"ק.

מי כמורה עברי ידע את התלאות הרבות והמכשולים העצומים הנכונים למורה ולתלמיד גם יחד בלמוד „חומש" — ובפרט למתחילים. כי תחת אשר ללמודי הקריאה, למשל, ימצאון ספרי עזר במספר רב מאד, ובכל שנה ושנה הננו רואים מתודות חדשות להקל ולהטיב הלמוד וכן בלמוד השפה ודקדוקה — הנה הלמוד הזה, חומש, אשר הוא הלמוד היסודי האחד לכל העם מקצה, (ולרבו הוא — כלו)— הלמוד הזה עודנו מונח כאבן שאין לה הופכין, והנהו עומד על עמדו כמו לפני כמה מאות שנה, אין מנהל, אין עוזר, אין מורה דרך — ואין כל דרך סלולה. ומאין דרך לעבור וללכת הלאה — רב הילדים ככלם נשארים עומדים על אם הדרך כל ימי „לכתם אל החדר" או נוטים השמאל או שבים אחור . . . .

ע"כ ישמח מאד לב כל מורה עברי היודע פרק במעשה הפדגוגיה בראותו ספר יקר בערכו כעוזר המורה והתלמיד הזה, אשר כשמו כן הוא, — בעוד אשר לי משנה שמחה היא, יען כי בתור מחדש חדשות בעניני החנוך זה שנים רבות, החלותי גם אני לעשות את המלאכה הכבדה הזאת זה כעשר שנים[2])— רק למען הועיל. ומאין כח ללדה, היתה אמו קברו. כקבר הרבה ספרים מועילים ונחוצים בכל מקצועות החנוך, מלמוד הקריאה עד דקדוק, תנ"ך, גמרא, דה"י ועוד ועוד, אשר הריתי בעצב.

והנה פתאום הקרה ה' אם, אשר הרתה כמוני, גם חלה גם חבלה, גם טפחה גם גדלה, גם הבא הביאה את הילד הנחמד הרך הזה ותציגהו לפני לשחק לפני, והילד בכללו[3]) כלבבי וכנפשי, ילד שעשועים. ואנכי — לא חלתי ולא חבלתי. ועתה הלא אקבל את הילד הנעים הזה בזרועות פתוחות?

ע"כ בכל לבי ונפשי הנני נותן לאורה היקר הזה, היחיד במינו, זכות אזרח בבית ספרי שערי ציון, היחיד גם הוא במינו בכל רחבי ארץ ההדשה[4]). והנני מקוה כי ממני יראו יתר המורים והמלמדים וקבעו הספר הזה להם לספר למוד, לטוב להם, ולמען תת כח להמחבר הנכבד להוסיף ללדת את אחיו[1]), תאמו. ובשמעם לקולי וברכו גם אותי, גם את המחבר הנכבד לאמר: ברוך שזה ילד ברוך שזה גדל.

ז"ה ניימאן.

(ראש המורים בבית הספר שערי-ציון וישיבתו ומיסדם). 40 לעאָנאַרד סט. ברוקלין נ. י.

---

*) ההסכמות נדפסו על פי הסדר אשר באו לידי.

[1]) הוא החלק המלמד התורה, השפה ודקדוקה יחד.

[2]) ידידי הכותב הנכבד הראה לי עתה בכתובים כי גם הוא החל לעשות ספר כזה. המעתיק.

[3]) כי בפרטיו — אין שני נביאים מתנבאים בסגנון אחד.

[4]) בבית הספר של הכותב הנכבד ידברו אך עברית, והמחזה הנעים מאד לראות איך ילדים בני חמש ושש ידברו בשפת עמם כמו בשפת אמם, פעל עלי פעולה עזה עד מאד, וגמרתי אמר להנהיג את הדבור בשפת עבר גם בבית ספרי „בית ספר לבני ציון", מי יתן ויתנוני אבות תלמידי לבצע את מחשבתי הטובה וחפצי זה יצלח בידי. המעתיק.

מיינונגען פון צייטונגען, בעריהמטע מענער, פעדאגאגען און זאך־קענער

וואס דער גרעסטער משורר און פעדאגאג זאגט.

קבלתי את החומש לבתי ספר ולעם אשר שלחת לי, ואחרי התבונני היטב אל המצאתך לעשותו דרוש להפץ הילדים, התפלאתי מאד על דעתך הישרה, כי הגדלת לעשות בהמצאתך הטובה לעזור להמורים והתלמידים גם יחד ולשנן תורת ה׳ לילדים רכים בלי כל עמל ויגיעה. באמעריקא ארץ הפלאות מחדשים יום יום מעשי בראשית בהמצאות חדשות ומועילות וזה כל חפץ הממציאים להקל כל מלאכה על עושיה ע״י מכונות המוכשרות לה, וכן עשית גם אתה, כי המצאת לנו דרך חדש ופשוט עד מאד אשר לא יכבד עוד לשנן „חומש״ לילדים, וראה זה דבר חדש בספרות הפדגוגיא, כי באופן קל מן הקל ילמדו עוללינו תורת משה ויבואו עד תבונת שפת קדשנו.

ואנכי אף כי בתור יודע שפת עבר ופדגוג בעל נסיון ידעתי כי המצאתך טובה ונכוחה, בכל זאת לא העמקתי להבין עד כמה הגדלת לעשות עד שמסרתי את ה„חומש״ לילדי, ופעולת המצאתך נראתה עליהם בכל הודה והדרה, כי במשך ימים אחדים ידעו על פה סדר בראשית ועל כן אודך על פעלך ואמר לך: לך בכחך זה ויודך פליטת אחינו בארץ החדשה והישנה אשר עוד לבם נאמן לשפת קדשנו. ידידך ומוקיר פעלך מ. מ. דאליצקי. נויארק, טבת, תר״ס

וואס דער בעריהמטער פעדאגאגישער פערפאסער זאגט.

איך קען בעצייגען הירמיט דאס איך האב איינגעפיהרט אין פילאדעלפיער ת״ת מאגילניצקי׳ס חומש אונד קען מיט פערגעניגען זאגען דאס איך האב אויך געפונען דאס דיער חומש בריינגט פיעליע נוטצען דיעם שילער אונד פיער ערלייכטערונג דיעם לעהרער. א לעהרער וועלכער האט צו אטענדען 2 אדער 3 קלאססען האט קיין בעססערעס מיטטעל דיא ארדנונג אין סקוהל צו האלטען וויא צו געבען דיא שילער צו שטודירען מאגילניצקיס חומש. איך עמפפעהלע דיזען חומש אללע מיינע בעקאנטע. פהילאדעלפיא כ״ד אדר שני תרס׳. דוב ארי׳ פרידמאן.

וואס א בעריהמטער לעהרער זאגט.

מיטען גאנצען הארצען נעהם איך אן דעם „סקול חומש״ וועלכער איז א בן יחיד אין זיין ארט. איך לעהר־בוך, אין מיין סקול, וועלכע איז אויך א יחיד במינו אין גאנץ אמעריקא. און איך האפע, דאס אנדערע לעהרער וועלען גאבטהאן מיין ביישפיל און זיי וועלען מאגילניצקי׳ס סקול חומש איינפיהרען אלס לעהר־בוך אין זייערע סקולס פיר זייער אייגענעם בענעפיט. ז. ה. ניימאן, שערי ציון סקול, 40 ריאגארד סט, ברוקלין.

וואס דער אויבער לעהרער פון בית הספר לילדי העברים פון לידז, ענגלאנד, שרייבט.

איך שיק 10 שילינג מיר צושיקען די ערשטע 6 סדרות פון אייער סקול חומש אין ענגליש. וועלכען איך וויל איינפיהרען אין מיין סקול. שרייבט דעם פרייז פיר מעהרערע עקז. וועגען די נוטצען פון חומש קען איך אייך בלויז שרייבען, דאס איך האב דיזערבע געטאן פיר מיינע תלמידים מיט א קאפי מאשין, איך וועלכען איך פריגג איניגע שטונדען שווער ארבייטען, און יעצט וועל איך עס איינשפארען. ס. ה. פינקעלשטיין.

וואס מר. דייוויד סולצבערגער ערצעהלט.

„ווען איהר וואלט געזעהן די פארטשריטע, וואס די קינדער האבען געמאכט אין די קורצע צייט, וואס מיר אונטערריכטען פון Magil's Linear School Bible וואלט איהר פערוואונדערט געווארען״

מיס עוועלין בוימיזלער, א לעהרערין אין סקול נומ. 1 פון די היברו עדיוקיישאן סאסייטי׳ס סקולס אין א געשפרעך מיט מר. דייוויד סולצבערגער, איינער פון די הויפט פיהרער פון דער סאסייטי.

וואס מר. ארטהור דעמביטץ פון גרעטץ קאלעדזש שרייבט.

איך האב געוויזען אייער Linear Shcool Bible צו מיינע גרעסערע שילער און זיי זיינען זעהר גערן עס צו האבען אזוי שנעל ווי עס וועט פערטיג ווערען פון דרוק. Arthur A. Dembitz of Gratz College. Phila

וואס א לעהרער פון פילאדעלפיער תלמוד תורה זאגט.

אף כי אהיה כיהודה ועוד לקרא בספרי נגד קהל עם בשבחי הסקול חומש ומעלותיו, יען כי כבר נתנו גדולי ישראל הסכמתם כי ספר יקר הופיע בספרותנו הפדגוגית לתועלת תלמידי בתי הספר לב״י ולתועלת המורים היודעים מה העת הדרשת מאתם. בכל זאת לא למותר אחשוב כי גם אנכי אתן את תעודתי, יען כי אנכי בחנתי אותו במעשה בהיותי מורה בהת״ת דפילאדעלפיא, ואוכל להעיד כי מן העת אשר החומש הנ״ל מצא מהלכים בהת״ת והחלותי להשתמש בו ראיתי ברכה כפולה בעבודתי וכל מורה החפץ להקל עבודתו ולראות כי תלמידיו יעשו פרי ויצליחו בלמודם, ימהר להביא את הסקול חומש בבית ספרו. אהרן דווארקאוויטץ, פילאדעלפיא. אדר ב׳ התר״ס.

וואס א לעהרער פון דער היברו עדיוקיישאן סאסייטי זאגט.

איך געברויך אייער „ליניען חומש״ אין מיין שולע. איך געפין עס זעהר פאסענד צום אונטערריכטען. ה. גראבאסקי, לעהרער פון סקול נומ. 3 פון די היברו עדיוקיישאן סאסייטי׳ס סקולס.

וואס א בעריהמטער מבקר שרייבט, המליץ, נומ. 46, 1900.

הספר „עוזר המורה והתלמיד" יראנו לדעת, כי סוף סוף החלו גם פדגוגינו החדשים להבין, כי לא על פי המיטודות החדשות לבדן ילמד הילד העברי לדעת שפת קדשנו. כי ראשית חכמה הוא התנ"ך. וכל המיטודות והכריסטומטיות הן רק פרפראות לחכמה (ואני אומר „פדגוגינו" בל"ר מפני שכבר נכו אחרים זולתו לעשות כזאת, אך הם קצצו בנטיעות וקצרו ושנו מלשון הכתוב וע"כ דרכיהם לא יתכנו.) וע"כ בקשו תחבולה להקל את למוד החומש מעל המורה ומעל התלמיד המתחיל. (כי באמת הלמוד קשה הוא בהתחלתו 1) כי לא עליהם יהיה עוד לחזור על כל מלה ומלה מאה פעמים ואחת, עד שתהי שגורה בפי התלמיד כמשנתה; הם בקשו ומצאו: לתרגם את התורה מלה במלה. כל מלה תרגומה בצדה, ועתה הלא יוכל המורה לשום לפני תלמידו שיעור מלים לחזור עליהן בפני עצמו, אחר הלמוד. בספר, למען דעתו להשיב למורהו ביום מחר על שאלותיו; ומצד זה—אמנם רבה התועלת בספר הזה; ואולם דא עקא, כי הספר מתורגם „יהודית" (ז'רגונית) ולא יתכן אפוא ל„בתי הספר", כמש"כ המחבר בשערי ספרו. ואם מצד זת באנו לדין—אז יהיה בעינינו, כחצי דבר, אשר גמר מלאכתו ראוי לבוא עוד...2) אכן המתחיל בדבר אומרים לו: „גמור!" — „לבנון"

וואס דער המליץ פון פעטערסבורג שרייבט אין נג. 269, 1899.

בספר הזה מתורגם בשפת יהודית המדברת כל ספר בראשית מלה במלה מקבילות זו לזו בתרגום מדויק, עד כי יוכל להיות לספר חנוך לילדים הלומדים בחדרים ובבה"ס בשפת יהודית המדוברת, לשנן בעצמם את למודיהם ולהתרגל לאט לאט במקראי קדש. ביחוד יוכל הספר הזה להיות לעזר לאחינו ב"י יוצאי רוסיא ופולין באמעריקה, אשר נשארה להם לשון אמם רגילה בפיהם ובפי בניהם גם במקום שבתם החדש. ותנאי החיים באמעריקה לא יתנו לילדיהם להקדיש את שנות נעוריהם בחדר המלמד—לשנן בעצמם את תורתנו הק' מקרא ותרגום ולהבינה. לכל חוברת נספח כרטיס קטן וצר כרוחב מקום התרגום הז'רגוני בחצי העמוד אשר קראהו המחבר בשם „שטודיר־קארטע". והיה בשנן התלמיד את למוד התרגום, יכסה בהכרטיס את השורה אשר עליו לשנן בעל פה. וקורא את המלה בחומש ותרגומה בעל פה ואח"כ מגלה את הכרטיס להוכח אם יפה תרגם. על הכרטיס נדפסו כללים איך להתנהג בו.

כמתכנת החומש בתרגומו לשפת יהודית. עשהו המחבר גם בשפת אנגליא ויתרגם את החומש גם לשפת אנגליא מלה במלה. להיות לעזר ולמורה להועיל לאחב"י יושבי אמעריקה המדברים אנגלית ובשם „Magil's Linear School Bible" יכונה.

וואס דער Jewish Exponent, 30 מערץ 1900, שרייבט אין איין עדיטאריעל

יעדע זאך וואס בעצוועקט צו ערלייכטערן די קענטניסע פון דער העברעאישען שפראכע און דער ביבעל איז ווערטה ערמוטהיגט צו ווערען. צו דיזען צוועק האט מר. יוסף מאגיל פערפערטיגט זיין „ליניען ביבעל". עס אונטערשיידעט זיך פון די געוויינליכע „אונטער־ליניען" איבערזעצונגען אין מעהרערע בעציהונגען. בעזאנדערס אין די ארדנונג פון דעם טעקסט און די איבערזעצונג זייט־ביי־זייט אין פאראלעל קאלומס [עמודים]. דער פארצוג דאפון איז, וואס די איבערזעצונג קומט ניט ארויס צודרייט און צור־מישט ווי אין די „אינטער־ליניען" איבערזעצונגען. מר. מאגיל'ס „ליניען חומש" איז זארגפעלטיג פערפערטיגט געווארען. זיין ארדנונג איז איינפאך און די „בעמערקונגען" ערקלערען, ביז צו א געווי־סער מאס. די שוויריגקייטען פון טעקסט. בעזאנדערע אויפמערקזאמקייט איז געגעבען געווארען צו דער איבערזעצונג, און עס איז זעהר וויניג שוויריגקייט צו וויסען אויף געוויס, וועלכעס ווארט פון דער איבערזעצונג ענטשפריכט דעם העברעאישען ווארט. לעהרערס און שטודענטען וועלען טהאן גוט, ווען זיי וועלען פרובירען די פארציגע פון דיזע מעטאדע.

וואס דער הערלד, 15 טען פעב' ענטנעהמט פון Jewish Exponent

„די היברו עדיוקיישאן סאסייעטי" וועלכע האט ניט לאנג געפייערט דעם 50 יעריגען יובילעאום פון איהר טהעטיגקייט האט מעהרערע סקולס אין פערשידענע געגענדען פון פילאדעלפיא, וואו מען אונטעררוכטעט העברייאיש און ענגליש אונ' אויך נאכט שוהלען צו לערנען ענגליש אונד פערשידענע מלאכות, און איהר לעצטען רעפארט ערקלערט די סאסייטי די נוטצען פיר איהרע סקולס וועלכע זי ציהט פון א ספר וואס איז געמאכט געווארען פון איינער א רוסישען אידען. דער רעפארט לויטעט: די לעהרערס פון די העברע־אישע סקולס ריידען זעהר הויך פון מאגילנ'צק'ס סקול חומש, די קינדער פערלאנגען מען זאל זיי אויפגעבען לעסאנס צו שטודירען צו הויזע. געוויס האבען מיר זעהר פיעל געוואונען—זאגט ווייטער דער רעפארט—ווען דיזער ספר איז אימשטאנדע צו ערוועקען א וואונש ביי די קינדער צו שטודירען העברייאיש.

---

1) וזהו באמת הסוד אשר בגללו הסירו הפדגוגים הידועים את למוד החומש מתכן הלמודים למתחילים, והם רק תואנה מצאו באמרם, כי ענין החומש יקשה מהילדים; כי נהפוך הוא ספורי התורה, — כאשר יורת הנסיון—מלבבים את הילדים הרכים יותר מספורי המעשיות באלף שודדים ומכשפה זקנה וכדומה. לבנון.

2) נבואות נזרקה לתוך פיך. מבקר נכבד. כי בעת אשר ישבת וכתבת דבריך אלה ידי היו עסוקות במשלוח. מודעות לארץ רוסיא להודיע כי החלותי להדפיס את התורה גם בתרגום רוסי ובקרוב יצא הספר בראשית לאור.

בְּרֵאשִׁית

GENESIS.

CAPUT I. א

בְּרֵאשִׁית	אין אָנפאַנג
בָּרָא אֱלֹהִים	האט גאָט בעשאַפען
אֵת הַשָּׁמַיִם	[1]דעם הימעל
וְאֵת הָאָרֶץ׃	און די ערד.
2. וְהָאָרֶץ	2. און די ערד
הָיְתָה	איז געוועזען
תֹהוּ	וויסט
וָבֹהוּ	און לעער
וְחֹשֶׁךְ	און פינסטערניס (איז געוועזען)
עַל פְּנֵי תְהוֹם	אויף די פלעכע פון אָבגרונד
וְרוּחַ אֱלֹהִים	און גאָטעס [2]גייסט
מְרַחֶפֶת	האָט געשוועבט
עַל פְּנֵי הַמָּיִם׃	אויף די פלעכע פון די וואַסער.
3. וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים	3. און גאָט האָט געזאָגט:
יְהִי אוֹר	„עס זאָל ווערען [3]ליכט"
וַיְהִי אוֹר׃	און עס איז געוואָרען [3]ליכט.
4. וַיַּרְא אֱלֹהִים	4. און גאָט האָט געזען
אֶת הָאוֹר	די [3]ליכט,
כִּי טוֹב	דאָס (עס איז) גוט,
וַיַּבְדֵּל אֱלֹהִים	און גאט האט געשיידעט
בֵּין הָאוֹר	צווישען די [3]ליכט
וּבֵין הַחֹשֶׁךְ	און צווישען די פינסטערנים.
5. וַיִּקְרָא אֱלֹהִים	5. און גאָט האָט [4]גערופען
לָאוֹר	[5]די ליכט
יוֹם	טאָג,
וְלַחֹשֶׁךְ	און [5]די פינסטערניס
קָרָא	האָט ער [4]גערופען
לָיְלָה	נאַכט.
וַיְהִי עֶרֶב	און עס איז געוואָרען אַבענד
וַיְהִי בֹקֶר	און עס איז געוואָרען מאָרגען,
יוֹם אֶחָד׃	איין טאָג.
6. וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים	6. און גאָט האָט געזאָגט:

יְהִי	עס זאָל ווערען
רָקִיעַ	(איין) [6]אויסברייטונג
בְּתוֹךְ הַמָּיִם	אין מיטען די וואַסער,
וִיהִי מַבְדִּיל	און עס זאָל שיידען
בֵּין מַיִם לָמָיִם׃	צווישען וואַסער און וואַסער!
7. וַיַּעַשׂ אֱלֹהִים	7. און גאָט האָט געמאַכט
אֶת הָרָקִיעַ	די [6]אויסברייטונג,
וַיַּבְדֵּל	און ער האט געשיידעט
בֵּין הַמַּיִם	צווישען די וואַסער
אֲשֶׁר מִתַּחַת לָרָקִיעַ	וועלכע (וואַר) אונטער די [6]אַ זברייטונג.
וּבֵין הַמַּיִם	און צווישען די וואַסער,
אֲשֶׁר מֵעַל לָרָקִיעַ	וועלכע (וואר) איבער די [6]אויסברייטונג.
וַיְהִי כֵן׃	און עס איז אַזוי געוואָרען.
8. וַיִּקְרָא אֱלֹהִים	8. און גאט האָט [4]גערופען
לָרָקִיעַ	[5]די [6]אויסברייטונג
שָׁמָיִם	הימעל,
וַיְהִי עֶרֶב	און עס איז געוואָרען אַבענד
וַיְהִי בֹקֶר	און עס איז געוואָרען מאָרגען,
יוֹם שֵׁנִי׃	(אַ) צווייטער טאָג.
9. וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים	9. און גאט האט געזאָגט:
יִקָּווּ הַמַּיִם	די וואַסער זאָלען זיך פערזאַמלע
מִתַּחַת הַשָּׁמַיִם	פון אונטער דעם הימעל
אֶל מָקוֹם אֶחָד	צו איין אָרט
וְתֵרָאֶה הַיַּבָּשָׁה	און די טריקעניס זאָל געזען ווערען;
וַיְהִי כֵן׃	און עס איז אַזוי געוואָרען.
10. וַיִּקְרָא אֱלֹהִים	10. און גאט האט [4]גערופען
לַיַּבָּשָׁה	[5]די טריקעניס
אֶרֶץ	ערד;
וּלְמִקְוֵה הַמַּיִם	און [5]די זאַמלונג פון די וואַסער
קָרָא יַמִּים	האט ער [4]גערופען מעערען,
וַיַּרְא אֱלֹהִים	און גאט האט געזען
כִּי טוֹב׃	דאָס (עס איז) גוט.

1) די. 2) ווינד, אדער: וְרוּחַ אלקים — און א שטאַרקער ווינד. 3) ליכטיגקייט 4) גענאַנט. 5) צו די. 6) אויסדעהנונג.

11 וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים	11 און גאט האט געזאגט:
תַּדְשֵׁא הָאָרֶץ	די ערד זאל [1]מאכען שפראָצען
דֶּשֶׁא	[2]גראָז,
עֵשֶׂב	קרויט,
מַזְרִיעַ זֶרַע	וועלכע ברייננגט ארויס [3]זאָמען,
עֵץ פְּרִי	פרוכט בוים,
עֹשֶׂה פְּרִי	וועלכער טראָגט פרוכט,
לְמִינוֹ	נאך זיין אַרט
אֲשֶׁר זַרְעוֹ בוֹ	וואס זיין [3]זאַמען (איז) אין איהם,
עַל הָאָרֶץ	אויף דער ערד:
וַיְהִי כֵן:	און עס איז אַזוי געוואָרען.
12 וַתּוֹצֵא הָאָרֶץ	12 און די ערד האט ארויסגעבראַכט
דֶּשֶׁא	[2]גראָז,
עֵשֶׂב	קרויט,
מַזְרִיעַ זֶרַע	(וועלכע) ברייננגט ארויס [3]זאָמען,
לְמִינֵהוּ	נאך זיין אַרט,
וְעֵץ	און בוים,
עֹשֶׂה פְּרִי	וועלכער טראָגט פרוכט,
אֲשֶׁר זַרְעוֹ בוֹ	וואס זיין [3]זאַמען (איז) אין איהם
לְמִינֵהוּ	נאך זיין אַרט,
וַיַּרְא אֱלֹהִים	און גאט האט געזען,
כִּי טוֹב:	דאָס (עס איז) גוט.
13 וַיְהִי עֶרֶב	13 און עס איז געוואָרען אַבענד,
וַיְהִי בֹקֶר	און עס איז געוואָרען מאָרגען,
יוֹם שְׁלִישִׁי:	[4]אַ דריטער טאג.
14 וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים	14 און גאט האט געזאגט:
יְהִי מְאֹרֹת	עס זאלען ווערען [5]בעלייכטונגען,
בִּרְקִיעַ הַשָּׁמַיִם	אין די [6]אויסברייטונג פון דעם הימעל
לְהַבְדִּיל	צו שיידען
בֵּין הַיּוֹם	צווישען דעם טאג
וּבֵין הַלָּיְלָה	און צווישען די נאכט,
וְהָיוּ	און זיי זאלען זיין
לְאֹתֹת	צו צייכען
וּלְמוֹעֲדִים	און צו צייטען,
וּלְיָמִים	און צו טעג
וְשָׁנִים:	און יאָהרען.
15 וְהָיוּ	15 און זיי זאלען זיין
לִמְאוֹרֹת	פיר [5]בעלייכטונגען
בִּרְקִיעַ הַשָּׁמַיִם	אין די [6]אויסברייטונג פון דעם הימעל
לְהָאִיר	צו לייכטען
עַל הָאָרֶץ	אויף דער ערד
וַיְהִי כֵן:	און עס איז אַזוי געוואָרען.
16 וַיַּעַשׂ אֱלֹהִים	16 און גאט האט געמאכט
אֶת שְׁנֵי הַמְּאֹרֹת הַגְּדֹלִים	די צוויי גרויסע [6]בעלייכטונגען
אֶת הַמָּאוֹר הַגָּדֹל	די גרעסערע [7]בעלייכטונג
לְמֶמְשֶׁלֶת הַיּוֹם	[8]צו בעהערשען דעם טאג,
וְאֶת הַמָּאוֹר הַקָּטֹן	און די קלענערע בעלייכטונג
לְמֶמְשֶׁלֶת הַלַּיְלָה	[8]צו בעהערשען די נאכט,
וְאֵת הַכּוֹכָבִים:	און די שטערען.
17 וַיִּתֵּן אֹתָם אֱלֹהִים	17 און גאט האט זיי אריין [9]געגעבען
בִּרְקִיעַ הַשָּׁמָיִם	אין די אויסברייטונג פון דעם הימעל
לְהָאִיר עַל הָאָרֶץ:	צו לייכטען אויף דער ערד,
18 וְלִמְשֹׁל	18 און צו הערשען
בַּיּוֹם וּבַלַּיְלָה	ביי טאג און ביי נאַכט,
וּלְהַבְדִּיל	און צו שיידען
בֵּין הָאוֹר	צווישען די ליכטיגקייט
וּבֵין הַחֹשֶׁךְ	און צווישען די פינסטערניס
וַיַּרְא אֱלֹהִים	און גאט האט געזען
כִּי טוֹב:	דאָס (עס איז) גוט.
19 וַיְהִי עֶרֶב	19 און עס איז געוואָרען אַבענד
וַיְהִי בֹקֶר	און עס איז געוואָרען מאָרגען
יוֹם רְבִיעִי:	[4]אַ פירטער טאג.
20 וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים	20 און גאט האט געזאגט
יִשְׁרְצוּ הַמַּיִם	די וואסער זאלען ווימלען,
שֶׁרֶץ	אַ געווימעל
נֶפֶשׁ חַיָּה	פון לעבעדיגע [10]טהירען
וְעוֹף	און געפליגעל
יְעוֹפֵף	זאָל פליהען
עַל הָאָרֶץ	איבער די ערד
עַל פְּנֵי	אויף די פלעכע
רְקִיעַ הַשָּׁמָיִם:	פון דער הימעל אויסברייטונג

1) אַרויסברייננגען, בעוואַקסען. 2) געוויקס. 3) זאַאַט. 4) דער. 5) ליכטער. 6) אויסדעהנונג. 7) ליכט.
8) צו די בעהערשונג פון. 9) געזעצט. 10) וועזען

21. וַיִּבְרָא אֱלֹהִים	21. און גאט האט בעשאפען
אֶת הַתַּנִּינִם הַגְּדֹלִים	די גרויסע וואלפישען
וְאֵת כָּל נֶפֶשׁ הַחַיָּה	און יעדע לעבעדיגע טהיר
הָרֹמֶשֶׂת	וועלכע קריכט,
אֲשֶׁר שָׁרְצוּ הַמַּיִם	וואס די וואסער האבען געווימעלט,
לְמִינֵהֶם	נאך זייער אַרט
וְאֵת כָּל עוֹף כָּנָף	און יעדע פויגעל (מיט) [1]פליגלען
לְמִינֵהוּ	נאך זיין אַרט
וַיַּרְא אֱלֹהִים	און גאט האט געזעען
כִּי טוֹב׃	דאס (עס איז) גוט.
22. וַיְבָרֶךְ אֹתָם אֱלֹהִים	22. און גאט האט זיי געבענשט
לֵאמֹר	זאָגענדיג:
פְּרוּ	זייט פרוכטבאַר
וּרְבוּ	און מעהרט אייך
וּמִלְאוּ אֶת הַמַּיִם	און פילט די וואסער
בַּיַּמִּים	אין די מעערען
וְהָעוֹף	און דאס געפליגעל
יִרֶב	זאָל זיך מעהרען
בָּאָרֶץ׃	אויף דער ערד.
23. וַיְהִי עֶרֶב	23. און עס איז געוואָרען אַבענד
וַיְהִי בֹקֶר	און עס איז געוואָרען מאָרגען
יוֹם חֲמִישִׁי׃	[2]אַ פינפטער טאג.
24. וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים	24. און גאט האט געזאגט
תּוֹצֵא הָאָרֶץ	די ערד זאל ארויסברייגגען
נֶפֶשׁ חַיָּה	לעבעדיגע טהירען
לְמִינָהּ	נאך [3]איהר אַרט
בְּהֵמָה	פיה
וָרֶמֶשׂ	און [4]געווירעם
וְחַיְתוֹ אֶרֶץ	און טהירען פון דער ערד
לְמִינָהּ	נאך איהר אַרט
וַיְהִי כֵן׃	און עס איז אזוי געווארען.
25. וַיַּעַשׂ אֱלֹהִים	25. און גאט האט געמאַכט
אֶת חַיַּת הָאָרֶץ	די טהירען פון דער ערד
לְמִינָהּ	נאך [3]איהר אַרט
וְאֶת הַבְּהֵמָה	און די פיה
לְמִינָהּ	נאך [3]איהר אַרט
וְאֵת כָּל רֶמֶשׂ הָאֲדָמָה	און אלע [4]געווירעם פון דער ערד
לְמִינֵהוּ	נאך [3]זיין אַרט
וַיַּרְא אֱלֹהִים	און גאט האט געזעען
כִּי טוֹב׃	דאס עס איז גוט.
26. וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים	26. און גאט האט געזאגט
נַעֲשֶׂה אָדָם	[5]מיר וועלען מאכען [6]אַ מענשען
בְּצַלְמֵנוּ	אין אונזער בילד
כִּדְמוּתֵנוּ	נאך אונזער [7]עהנליכקייט
וְיִרְדּוּ	און זיי זאלען הערשען
בִדְגַת הַיָּם	איבער די פיש פון דעם מעער
וּבְעוֹף הַשָּׁמַיִם	און איבער דאס געפליגעל פון דעם הימעל
וּבַבְּהֵמָה	און איבער די פיה
וּבְכָל הָאָרֶץ	און איבער די גאנצע ערד
וּבְכָל הָרֶמֶשׂ	און איבער אלע [4]געווירעם
הָרֹמֵשׂ	וואס קריכט
עַל הָאָרֶץ׃	אויף דער ערד.
27. וַיִּבְרָא אֱלֹהִים	27. און גאט האט בעשאַפען
אֶת הָאָדָם	דעם מענשען
בְּצַלְמוֹ	אין זיין בילד
בְּצֶלֶם אֱלֹהִים	אין גאָטעס בילד
בָּרָא אֹתוֹ	האט ער איהם בעשאפען,
זָכָר וּנְקֵבָה	[8]מאנספערזאָן און פרויענצימער
בָּרָא אֹתָם׃	האט ער זיי בעשאפען.
28. וַיְבָרֶךְ אֹתָם אֱלֹהִים	28. און גאט האט זיי געבענשט
וַיֹּאמֶר לָהֶם אֱלֹהִים	און גאט האט צו זיי געזאגט:
פְּרוּ	זייט פרוכטבאַר
וּרְבוּ	און מעהרט אייך
וּמִלְאוּ אֶת הָאָרֶץ	און פילט די ערד
וְכִבְשֻׁהָ	און בעצווינגט איהר
וּרְדוּ	און הערשט
בִּדְגַת הַיָּם	איבער די פיש פון דעם מעער
וּבְעוֹף הַשָּׁמַיִם	און איבער דאס געפליגעל פון דעם הימעל

1) בעפליגעלטע פויגעל. 2) דער. 3) זייער. 4) קריכענדע. 5) לאָ׳מיר מאַכען. 6) מענשען. 7) געשטאַלט. 8) מענליך און ווייבליך.

וּבְכָל חַיָּה	און איבער יעדע טהיר,
הָרֹמֶשֶׂת	וואס קריכט
עַל הָאָרֶץ׃	אויף דער ערד.
29. וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים	29. און גאָט האט געזאָגט:
הִנֵּה נָתַתִּי לָכֶם	זעה, איך האב אייך געגעבען
אֶת כָּל עֵשֶׂב	אַלע קרויט,
זֹרֵעַ זֶרַע	וועלכע טראָגט זאַמען,
אֲשֶׁר עַל פְּנֵי כָל הָאָרֶץ	וועלכע איז אויף די פלעכע פון די גאַנצע ערד,
וְאֶת כָּל הָעֵץ	און יעדען בוים
אֲשֶׁר בּוֹ	אויף וועלכען (עס איז דאָ)
פְרִי עֵץ	בוים־פרוכט,
זֹרֵעַ זָרַע	וועלכע טראָגט זאַמען,
לָכֶם יִהְיֶה	אייך זאל עס געהערען
לְאָכְלָה׃	[1]פיר שפייזע.
30. וּלְכָל חַיַּת הָאָרֶץ	30. און צו אַלע טהירען פון דער ערד,
וּלְכָל עוֹף הַשָּׁמַיִם	און צו אַלע פויגלען פון דעם הימעל,
וּלְכֹל רוֹמֵשׂ	און צו אַלעס וואס קריכט
עַל הָאָרֶץ	אויף דער ערד,
אֲשֶׁר בּוֹ	וואס אין איהם (איז דאָ)
נֶפֶשׁ חַיָּה	אַ לעבעדיגע זעעלע,
אֶת כָּל יֶרֶק עֵשֶׂב	(האב איך געגעבען) אַלע [2]גרינע קרויט
לְאָכְלָה	[1]פיר שפייזע.
וַיְהִי כֵן׃	און עס איז אַזוי געוואָרען.
31. וַיַּרְא אֱלֹהִים	31. און גאָט האט געזעען
אֶת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה	אַלעס, וואס ער האט געמאַכט,
וְהִנֵּה טוֹב מְאֹד	און זעה, עס וואַר זעהר גוט
וַיְהִי עֶרֶב	און עס איז געוואָרען אַבענד
וַיְהִי בֹקֶר	און עס איז געווארן מאָרגען,
יוֹם הַשִּׁשִּׁי׃	דער זעקסטער טאָג.

CAP. II. — ב

1. וַיְכֻלּוּ	1. און עס זיינען געענדיגט געוואָרען
הַשָּׁמַיִם וְהָאָרֶץ	די הימעל און די ערד
וְכָל צְבָאָם׃	און זייער גאַנצעס העער.
2. וַיְכַל אֱלֹהִים	2. און גאָט האט געענדיגט
בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי	אויף דעם זיבענטען טאג
מְלַאכְתּוֹ	זיין אַרבייט,
אֲשֶׁר עָשָׂה	וועלכע ער האט געמאַכט,
וַיִּשְׁבֹּת	און ער האט גערוהט
בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי	אויף דעם זיבענטען טאג
מִכָּל מְלַאכְתּוֹ	פון אַלע זיינע אַרבייט,
אֲשֶׁר עָשָׂה׃	וועלכע ער האט געמאַכט.
3. וַיְבָרֶךְ אֱלֹהִים	3. און גאָט האט געבענשט
אֶת יוֹם הַשְּׁבִיעִי	דעם זיבענטען טאָג.
וַיְקַדֵּשׁ אֹתוֹ	און ער האט איהם געהייליגט.
כִּי בוֹ	דען אין איהם,
שָׁבַת	האט ער גערוהט,
מִכָּל מְלַאכְתּוֹ	פון אַלע זיינע אַרבייט,
אֲשֶׁר בָּרָא אֱלֹהִים	וועלכע גאָט האט בעשאַפען
לַעֲשׂוֹת׃	[3]און געמאַכט.

שֵׁנִי — שֵׁנִי

4. אֵלֶּה תוֹלְדוֹת	4. דיזעס איז די [4]געשיכטע
הַשָּׁמַיִם וְהָאָרֶץ	פון די הימעל און די ערד,
בְּהִבָּרְאָם	ווען זיי זיינען בעשאַפען געוואָרען
בְּיוֹם	אין דעם טאָג,
עֲשׂוֹת יְיָ אֱלֹהִים	ווען דער עוויגער גאָט האט געמאַכט,
אֶרֶץ וְשָׁמָיִם׃	ערד און הימעל.
5. וְכֹל שִׂיחַ הַשָּׂדֶה	5. און [5]יעדע [6]פלאַנצונג פון פעלד
טֶרֶם יִהְיֶה בָאָרֶץ	וואַר נאך ניט אויף דער ערד
וְכָל עֵשֶׂב הַשָּׂדֶה	און אַלע קרויט פון פעלד
טֶרֶם יִצְמָח	האט נאך ניט געשפראָצט,
כִּי לֹא הִמְטִיר יְיָ אֱלֹהִים	דען דער עוויגער גאָט האט ניט געמאַכט רעגענען
עַל הָאָרֶץ	אויף דער ערד,
וְאָדָם אַיִן	און קיין מענש איז געווען
לַעֲבֹד	צו בעאַרבייטען
אֶת הָאֲדָמָה׃	די ערד.
6. וְאֵד יַעֲלֶה	6. און אַ [7]נעבעל פלעגט אויפגיין
מִן הָאָרֶץ	פון דער ערד,
וְהִשְׁקָה	און ער פלעגט אָנטרינקען
אֶת כָּל פְּנֵי הָאֲדָמָה׃	די גאַנצע פלעכע פון דער ערד.
7. וַיִּיצֶר יְיָ אֱלֹהִים	7. און דער עוויגער גאָט האט [8]געבילדעט

1) צום עסען. 2) גראָזען־גרינס, גרינוועַרק. 3) אום נאָכדעם ווייטער צו טהאָן. 4) געבורט, ענטשטעהונג, אָדער: דיזע זינד דיא גענעראַציאָנען. 5) קיין. 6) געוועקס. 7) וואָלקען, דאַמפף. 8) אויסגעמאַכט, בעשאַפען.

אֶת הָאָדָם	דעם מענשען
עָפָר	(פון) שטויב
מִן הָאֲדָמָה	פון דער ערד,
וַיִּפַּח	און ער האט אריינגעבלאָזען
בְּאַפָּיו	אין [1]זיין נאָז
נִשְׁמַת חַיִּים	אַ לעבענ'ס־אָטהעם,
וַיְהִי הָאָדָם	און דער מענש איז געוואָרען
לְנֶפֶשׁ חַיָּה:	צו אַ לעבעדיגע [2]זעלע.
8. וַיִּטַּע יְיָ אֱלֹהִים	8. און דער עוויגער גאָט האט געפלאַנצט
גַּן בְּעֵדֶן	אַ גאָרטען אין עדן,
מִקֶּדֶם	פון [3]מאָרגען־זייט,
וַיָּשֶׂם שָׁם	און ער האט דאָרט (אריין) געזעצט
אֶת הָאָדָם	דעם מענשען,
אֲשֶׁר יָצָר:	וועלכען ער האט'געבילדעט
9. וַיַּצְמַח יְיָ אֱלֹהִים	9. און דער עוויגער גאָט האט געמאַכט [5]שפראָצען
מִן הָאֲדָמָה	פון דער ערד
כָּל עֵץ	יעדען בוים,
נֶחְמָד לְמַרְאֶה	[6]ליבליך צום אָנזעהען
וְטוֹב לְמַאֲכָל	און גוט פיר שפייזע,
וְעֵץ הַחַיִּים	און דעם בוים פון לעבען
בְּתוֹךְ הַגָּן	אין מיטען גאָרטען,
וְעֵץ הַדַּעַת	און דעם בוים פון [7]וויסען
טוֹב וָרָע:	(וואָס)גוט און שלעכט (איז)
10. וְנָהָר	10 און אַ שטראָם
יֹצֵא מֵעֵדֶן	גייט ארויס פון עדן
לְהַשְׁקוֹת	אָנצוטרינקען
אֶת הַגָּן	דעם גאָרטען,
וּמִשָּׁם	און פון דאָרט
יִפָּרֵד	טיילט ער זיך
וְהָיָה	און ער ווערט
לְאַרְבָּעָה רָאשִׁים:	צו פיר הויפּט (שטראָמען).
11. שֵׁם הָאֶחָד פִּישׁוֹן	11. דער נאָמען פון [8]איינעם (איז) פישון
הוּא הַסֹּבֵב	ער רינגעלט אַרום
אֵת כָּל אֶרֶץ הַחֲוִילָה	די גאַנצע לאַנד חוילה
אֲשֶׁר שָׁם הַזָּהָב:	וואָס דאָרט איז די גאָלד.
12 וּזֲהַב הָאָרֶץ הַהִוא	12. און די גאָלד פון יענע לאַנד

טוֹב	(איז) גוט,
שָׁם הַבְּדֹלַח	דאָרט איז דער קריסטאַל
וְאֶבֶן הַשֹּׁהַם:	און דער אָניקס־שטיין.
13. וְשֵׁם	13. און דער נאָמען
הַנָּהָר הַשֵּׁנִי	פון דעם צווייטען שטראָם
גִּיחוֹן	איז גיחון,
הוּא הַסּוֹבֵב	ער רינגעלט אַרום
אֵת כָּל אֶרֶץ כּוּשׁ:	די גאַנצע לאַנד כוש.
14. וְשֵׁם	14. און דער נאָמען
הַנָּהָר הַשְּׁלִישִׁי	פון דעם דריטען שטראָם
חִדֶּקֶל	(איז) חידקל,
הוּא הַהֹלֵךְ	ער גייט
קִדְמַת אַשּׁוּר	געגען מאָרגען־זייט פון אשור.
וְהַנָּהָר הָרְבִיעִי	און דער פירטער שטראָם
הוּא פְרָת:	איז פרת.
15. וַיִּקַּח יְיָ אֱלֹהִים	15. און דער עוויגער גאָט האט גענומען
אֶת הָאָדָם	דעם מענשען,
וַיַּנִּחֵהוּ	און האט איהם [9]אריין געזעצט
בְגַן עֵדֶן	אין גאָרטען עדן
לְעָבְדָהּ	[10]איהר צו בעאַרבייטען
וּלְשָׁמְרָהּ:	און [10]איהר צו היטען.
16. וַיְצַו יְיָ אֱלֹהִים	16. און דער עוויגער גאָט האט [11]געבאָטען
עַל הָאָדָם	דעם מענשען
לֵאמֹר	זאָגענדיג:
מִכֹּל עֵץ הַגָּן	פון יעדען בוים פון גאָרטען
אָכֹל תֹּאכֵל:	מעגסט'ו עסען.
17. וּמֵעֵץ הַדַּעַת	17. אָבער פון דעם בוים פון וויסען,
טוֹב וָרָע	(וואָס) גוט און שלעכט(איז)
לֹא תֹאכַל מִמֶּנּוּ	זאָלסט'ו ניט עסען פון איהם,
כִּי בְּיוֹם	דען אין דעם טאָג,
אֲכָלְךָ מִמֶּנּוּ	ווען דו וועסט עסען פון איהם
מוֹת תָּמוּת:	וועסט'ו שטאַרבען.
18. וַיֹּאמֶר יְיָ אֱלֹהִים	18. און דער עוויגער גאָט האט געזאָגט:
לֹא טוֹב	עס איז ניט גוט,
הֱיוֹת הָאָדָם לְבַדּוֹ	(דאָס) דער מענש זאָל זיין אַליין,
אֶעֱשֶׂה לּוֹ	איך וויל איהם מאַכען

1) נאָז־לעכער. 2) וועזען. 3) אָסט, מזרח־זייט. 4) אויסגעמאַכט, בעשאַפען. 5) וואַקסען 6) געלוסטיג. 7) ערקענטניס. 8) ערשטען. 9) געלאָזען. 10) איהם. 11) בעפוילען.

עֵזֶר	א געהילפין,
כְּנֶגְדּוֹ׃	(וואס פּאסט) פיר איהם.
19. וַיִּצֶר יְיָ אֱלֹהִים	19. און דער עוויגער גאט האט געבילדעט
מִן הָאֲדָמָה	פון דער ערד
כָּל חַיַּת הַשָּׂדֶה	אַלע טהירען פון פעלד
וְאֵת כָּל עוֹף הַשָּׁמַיִם	און אלע געפליגעל פון הימעל,
וַיָּבֵא	און ער האט (זיי) געבראכט
אֶל הָאָדָם	צום מענשען
לִרְאוֹת	צו זעהען,
מַה יִּקְרָא לוֹ	וואס ער וועט [1]איהם [2]אנרופען,
וְכֹל אֲשֶׁר יִקְרָא לוֹ הָאָדָם	און אלעם וואס דער מענש וועט [2]אנרופען
נֶפֶשׁ חַיָּה	די לעבעדיגע טהירען[3]
הוּא שְׁמוֹ׃	דאס איז זיין נאמען.
שְׁלִישִׁי	שְׁלִישִׁי
20. וַיִּקְרָא הָאָדָם	20. און דער מענש האט [4]גערופען
שֵׁמוֹת	נעמען
לְכָל הַבְּהֵמָה	צו אלע פיה
וּלְעוֹף הַשָּׁמַיִם	און צו די געפליגעל פון הימעל,
וּלְכֹל חַיַּת הַשָּׂדֶה	און צו אלע טהירען פון פעלד,
וּלְאָדָם	אָבער פיר דעם מענשען
לֹא מָצָא	האט ער ניט געפונען
עֵזֶר	א געהילפין
כְּנֶגְדּוֹ׃	(וואס פּאסט) פיר איהם.
21. וַיַּפֵּל יְיָ אֱלֹהִים	21. און דער עוויגער גאט האט [5]געמאכט פאלען
תַּרְדֵּמָה	א טיפען שלאף
עַל הָאָדָם	אויף דעם מענשען,
וַיִּישָׁן	און ער איז איינגעשלאפען,
וַיִּקַּח	און ער האט גענומען
אַחַת מִצַּלְעֹתָיו	איינעם פון זיינע ריפּען,
וַיִּסְגֹּר	און ער האט [6]פערשלאסען
בָּשָׂר	(מיט) פלייש
תַּחְתֶּנָּה׃	אויף איהר שטעלע.
22. וַיִּבֶן יְיָ אֱלֹהִים	22. און דער עוויגער גאט האט [7]געבויט
אֶת הַצֵּלָע	די ריפּ,
אֲשֶׁר לָקַח	וועלכע ער האט גענומען
מִן הָאָדָם	פון דעם מענשען,
לְאִשָּׁה	צו א פרוי,
וַיְבִאֶהָ	און ער האט איהר געבראכט
אֶל הָאָדָם׃	צו דעם מענשען.
23. וַיֹּאמֶר הָאָדָם	23. און דער מענש האט געזאגט:
זֹאת הַפַּעַם	דיזעס מאל
עֶצֶם מֵעֲצָמַי	(איז דאס) א ביין פון מיינע ביינער,
וּבָשָׂר מִבְּשָׂרִי	און פלייש פון מיין פלייש,
לְזֹאת	צו דיזע
יִקָּרֵא	זאל גערופען ווערען
אִשָּׁה	[8]מאַנין
כִּי מֵאִישׁ	דען פון [9]מאן
לֻקְחָה זֹּאת׃	איז דיזע גענומען געווארען.
24. עַל כֵּן	24. דארום
יַעֲזָב אִישׁ	פערלאזט א מאן
אֶת אָבִיו	זיין פאטער
וְאֶת אִמּוֹ	און זיין מוטער
וְדָבַק בְּאִשְׁתּוֹ	און ער שליסט זיך אן זיין פרוי
וְהָיוּ	און זיי ווערען
לְבָשָׂר אֶחָד׃	צו איין לייב.
25. וַיִּהְיוּ שְׁנֵיהֶם	25. און זיי זיינען ביידע געווען
עֲרוּמִּים	נאקעט,
הָאָדָם	דער מענש
וְאִשְׁתּוֹ	און זיין פרוי,
וְלֹא יִתְבֹּשָׁשׁוּ׃	און זיי האבען זיך ניט געשעמט.

CAP. III. ג

1. וְהַנָּחָשׁ	1. און דער שלאנג
הָיָה עָרוּם	איז געווען [10]ליסטיגער
מִכֹּל חַיַּת הַשָּׂדֶה	פון אלע טהירען פון פעלד,
אֲשֶׁר עָשָׂה יְיָ אֱלֹהִים	וועלכע דער עוויגער גאט האט געמאכט;
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט
אֶל הָאִשָּׁה	צו די פרוי:
אַף כִּי אָמַר אֱלֹהִים	האט ווירקליך גאט געזאגט
לֹא תֹאכְלוּ	איהר זאלט ניט עסען
מִכֹּל עֵץ הַגָּן׃	פון [11]קיין בוים פון גארטען?
2. וַתֹּאמֶר הָאִשָּׁה	2. און די פרוי האט געזאגט

1) זיי. 2) נענען. 3) אזוי ווי: וכל אשר יקרא האדם לנפש חיה. 4) גענאנט. 5) געווארפען. 6) אנגעפילט. 7) אויסגעמאכט, געבילדעט. 8) פרוי, אשה. 9) איש. 10) שלויער, קליגער. 11) יעדען.

אֶל הַנָּחָשׁ	צו דעם שלאַנג:
מִפְּרִי	פון די פרוכט
עֵץ הַגָּן	פון די בוימער פון דעם גאָרטען
נֹאכֵל:	(מעגען)מיר עסען;
3. וּמִפְּרִי הָעֵץ	3. אָבער פון די פרוכט פון דעם בוים,
אֲשֶׁר בְּתוֹךְ הַגָּן	וועלכער איז אין מיטען גאָרטען,
אָמַר אֱלֹהִים	האט גאט געזאָגט:
לֹא תֹאכְלוּ מִמֶּנּוּ	איהר זאָלט ניט עסען פון איהם
וְלֹא תִגְּעוּ בּוֹ	און איהר זאלט איהם ניט אָנריהרען,
פֶּן תְּמֻתוּן:	אום איהר זאָלט ניט שטאַרבען.
4. וַיֹּאמֶר הַנָּחָשׁ	4. און דער שלאַנג האט געזאגט
אֶל הָאִשָּׁה	צו די פרוי:
לֹא מוֹת תְּמֻתוּן:	איהר וועט ניט שטאַרבען.
5. כִּי יֹדֵעַ אֱלֹהִים	5. זאָנדערן גאט וויס,
כִּי בְּיוֹם	דאָס אין דעם טאג,
אֲכָלְכֶם מִמֶּנּוּ	ווען איהר וועט עסען פון איהם,
וְנִפְקְחוּ עֵינֵיכֶם	וועלען אַייערע אויגען געעפענט ווערען,
וִהְיִיתֶם כֵּאלֹהִים	און איהר וועט ווערען ווי גאט
יֹדְעֵי טוֹב וָרָע:	[1]צו וויסען, (וואס)גוט און שלעכט (איז).
6. וַתֵּרֶא הָאִשָּׁה	6. און די פרוי האט געזען,
כִּי טוֹב הָעֵץ	דאס דער בוים איז גוט
לְמַאֲכָל	פיר שפייזע,
וְכִי תַאֲוָה הוּא	און דאס ער איז אַ לוסט
לָעֵינַיִם	פיר די אויגען,
וְנֶחְמָד הָעֵץ	און דער בוים איז ליבליך
לְהַשְׂכִּיל	[2]קלוג צו מאַכען,
וַתִּקַּח מִפִּרְיוֹ	האט זי גענומען פון זיינע פרוכט
וַתֹּאכַל	און זי האט געגעסען,
וַתִּתֵּן גַּם לְאִישָׁהּ	און זי האט אויך געגעבען צו איהר מאַן
עִמָּהּ	[3]מיט איהר
וַיֹּאכַל:	און ער האט געגעסען
7. וַתִּפָּקַחְנָה	7. און עס זיינען געעפענט געווארען
עֵינֵי שְׁנֵיהֶם	זייערע ביידען׳ס אויגען,
וַיֵּדְעוּ	און זיי האבען זיך דער־וואוסט,
כִּי עֵירֻמִּם הֵם	דאָס זיי זיינען נאַקעט,
וַיִּתְפְּרוּ	און זיי האבען צונייפגענייט

עֲלֵה תְאֵנָה	פייגען בלעטער,
וַיַּעֲשׂוּ לָהֶם חֲגֹרֹת:	און זיי האבען זיך געמאכט שירצען.
8. וַיִּשְׁמְעוּ	8. און זיי האבען געהערט
אֶת קוֹל יְיָ אֱלֹהִים	די שטימע פון דעם עוויגען גאט,
מִתְהַלֵּךְ בַּגָּן	גייט אין גאָרטען
לְרוּחַ הַיּוֹם	ביי דעם ווינד פון [5]טאג,
וַיִּתְחַבֵּא	און ער האט זיך בעהאַלטען,
הָאָדָם וְאִשְׁתּוֹ	דער מענש און זיין פרוי,
מִפְּנֵי יְהוָה אֱלֹהִים	פאר דעם עוויגען גאט,
בְּתוֹךְ עֵץ הַגָּן:	צווישען די בוימער פון גאָרטען.
9. וַיִּקְרָא יְיָ אֱלֹהִים	9. און דער עוויגער גאט האט גערופען
אֶל הָאָדָם	צו דעם מענשען
וַיֹּאמֶר לוֹ	און ער האט צו איהם געזאגט:
אַיֶּכָּה:	וואו ביסט׳ו?
10. וַיֹּאמֶר	10. און ער האט געזאגט:
אֶת קֹלְךָ	דיין שטימע
שָׁמַעְתִּי בַּגָּן	האב איך געהערט אין גאָרטען,
וָאִירָא	און איך האב מיך געפירכטעט,
כִּי עֵירֹם אָנֹכִי	דען איך בין נאַקעט,
וָאֵחָבֵא:	און איך האב מיך בעהאַלטען.
11. וַיֹּאמֶר	11. און ער האט געזאגט:
מִי הִגִּיד לְךָ	ווער האט דיר געזאָגט
כִּי עֵירֹם אָתָּה	דאס דו ביזט נאַקעט?
הֲמִן הָעֵץ	צו פון דעם בוים,
אֲשֶׁר צִוִּיתִיךָ	וואס איך האב דיר געבאָטען
לְבִלְתִּי אֲכָל מִמֶּנּוּ	ניט צו עסען פון איהם,
אָכָלְתָּ:	האָסט׳ו געגעסען?
12. וַיֹּאמֶר הָאָדָם	12. און דער מענש האט געזאגט:
הָאִשָּׁה	די פרוי,
אֲשֶׁר נָתַתָּה עִמָּדִי	וועלכע דו האסט געגעבען ביי מיר,
הִוא נָתְנָה לִּי	זי האט מיר געגעבען
מִן הָעֵץ	פון דעם בוים,
וָאֹכֵל:	און איך האב געגעסען.
13. וַיֹּאמֶר יְיָ אֱלֹהִים	13. און דער עוויגער גאט האט געזאגט
לָאִשָּׁה	צו די פרוי:
מַה זֹּאת עָשִׂית	וואס האָסט׳ו דיזעס געטאָן?

1) וועלכע וויסען. 2) צו בעטראַכטען. 3) ביי. 4) גאַרטלען. 5) ד. ה. ווען דער טאג וואר קיהל.

וַתֹּאמֶר הָאִשָּׁה	און די פרוי האט געזאָגט:
הַנָּחָשׁ הִשִּׁיאַנִי	דער שלאַנג האט מיך [1]פערפירט,
וָאֹכֵל:	און איך האב געגעסען.
14. וַיֹּאמֶר יְיָ אֱלֹהִים	14. און דער עוויגער גאט האט געזאָגט
אֶל הַנָּחָשׁ	צו דעם שלאַנג:
כִּי עָשִׂיתָ זֹּאת	ווייל דו האסט דיזעס געטאָן
אָרוּר אַתָּה	זאלסט'ו זיין פערפלוכט
מִכָּל הַבְּהֵמָה	(מעהר) פון אלע פיה
וּמִכֹּל חַיַּת הַשָּׂדֶה	און (מעהר) פון אלע טהירען פון פעלד,
עַל גְּחֹנְךָ תֵלֵךְ	אויף דיין בויך זאלסט'ו גיין
וְעָפָר תֹּאכַל	און שטויב זאלסט'ו עסען
כָּל יְמֵי חַיֶּיךָ:	אלע טעג פון דיין לעבען.
15. וְאֵיבָה	15. און אַ פיינדשאַפט
אָשִׁית	וועל איך מאַכען
בֵּינְךָ	צווישען דיר
וּבֵין הָאִשָּׁה	און צווישען די פרוי
וּבֵין זַרְעֲךָ	און צווישען דיין [3]זאַמען
וּבֵין זַרְעָהּ	און צווישען איהר [2]זאַמען,
הוּא יְשׁוּפְךָ רֹאשׁ	ער וועט דיר פערוואונדען (דעם) קאָפּ,
וְאַתָּה תְּשׁוּפֶנּוּ עָקֵב	און דו וועסט איהם פערוואונדען (דעם) טריט.
16. אֶל הָאִשָּׁה אָמַר	16. צו די פרוי האט ער געזאָגט:
הַרְבָּה אַרְבֶּה	איך וועל מעהרען
עִצְּבוֹנֵךְ וְהֵרֹנֵךְ	דיינע שמערצען [3]און דיין שוואַנגערשאַפט.
בְּעֶצֶב תֵּלְדִי בָנִים	מיט שמערצען וועסט'ו געבערען קינדער.
וְאֶל אִישֵׁךְ	און צו דיין מאַן
תְּשׁוּקָתֵךְ	(זאָל זיין) דיין פערלאַנג,
וְהוּא יִמְשָׁל בָּךְ:	און ער וועט הערשען איבער דיר.
17. וּלְאָדָם אָמַר	17. און צו אָדם האט ער געזאָגט:
כִּי שָׁמַעְתָּ	ווייל דו האָסט געהערט
לְקוֹל אִשְׁתֶּךָ	צו די שטימע פון דיין פרוי,
וַתֹּאכַל מִן הָעֵץ	און דו האסט געגעסען פון דעם בוים,
אֲשֶׁר צִוִּיתִיךָ לֵאמֹר	וואס איך האב דיר געבאָטען זאָגענדיג:
לֹא תֹאכַל מִמֶּנּוּ	דו זאלסט ניט עסען פון איהם,
אֲרוּרָה הָאֲדָמָה	(דארום) זאל די ערד זיין פערפלוכט
בַּעֲבוּרֶךָ	פון [4]דיינעט־וועגען,
בְּעִצָּבוֹן תֹּאכֲלֶנָּה	מיט שמערצען זאלסט'ו (פון) איהר עסען
כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ:	אלע טעג פון דיין לעבען.
18. וְקוֹץ וְדַרְדַּר	18. און דערנער און דיסטעלן
תַּצְמִיחַ לָךְ	וועט זי דיר מאַכען [5]וואקסען
וְאָכַלְתָּ	און דו וועסט עסען
אֶת עֵשֶׂב הַשָּׂדֶה:	די קרויט פון פעלד.
19. בְּזֵעַת אַפֶּיךָ	19. מיט די שווייס פון דיין געזיכט
תֹּאכַל לֶחֶם	וועסט'ו עסען ברויט,
עַד שׁוּבְךָ	ביז דו וועסט זיך צוריק־קערען
אֶל הָאֲדָמָה	צו דער ערד,
כִּי מִמֶּנָּה לֻקָּחְתָּ	דען פון איהר ביסט'ו גענומען געוואָרען,
כִּי עָפָר אַתָּה	דען שטויב ביסט'ו
וְאֶל עָפָר תָּשׁוּב:	און צו שטויב וועסט'ו זיך צוריק־קערען.
20. וַיִּקְרָא הָאָדָם	20. און דער מענש האט [6]אָנגערופען
שֵׁם אִשְׁתּוֹ חַוָּה	דעם נאָמען פון זיין פרוי חוה
כִּי הִוא הָיְתָה	דען זי איז געוועזען
אֵם כָּל חָי:	די מוטער פון אלע לעבעדיגע.
21. וַיַּעַשׂ יְיָ אֱלֹהִים	21. און דער עוויגער גאט האט געמאַכט
לְאָדָם וּלְאִשְׁתּוֹ	פיר אדם און זיין פרוי
כָּתְנוֹת עוֹר	פעלענע [7]העמדער
וַיַּלְבִּשֵׁם:	און ער האט זיי בעקליידעט.
רְבִיעִי	רְבִיעִי
22. וַיֹּאמֶר יְיָ אֱלֹהִים	22. און דער עוויגער גאט האט געזאָגט:
הֵן הָאָדָם הָיָה	זעה! דער מענש איז געוואָרען
כְּאַחַד מִמֶּנּוּ	ווי איינער פון אונז
לָדַעַת טוֹב וָרָע	צו וויסען (וואס) גוט און שלעכט (איז)
וְעַתָּה	און יעצט
פֶּן יִשְׁלַח יָדוֹ	פיללייכט וועט ער אויס־שטרעקען זיין האנד
וְלָקַח	און ער וועט נעהמען
גַּם מֵעֵץ הַחַיִּים	אויך פון דעם לעבענס־בוים,
וְאָכַל	און ער וועט עסען
וָחַי לְעֹלָם:	און ער וועט לעבען אויף עוויג.
23. וַיְשַׁלְּחֵהוּ יְיָ אֱלֹהִים	23. און דער עוויגער גאט האט איהם ארויסגעשיקט
מִגַּן עֵדֶן	פון גארטען עדן
לַעֲבֹד אֶת הָאֲדָמָה	צו בעארבייטען די ערד,
אֲשֶׁר לֻקַּח מִשָּׁם:	פון וועלכע ער איז גענומען געוואָרען
24. וַיְגָרֶשׁ אֶת הָאָדָם	און ער האט ארויסגעטריבען דעם מענשען.

1)אָנגערעדט. 2)קינדער. 3)און. 4)וועגען דיר. 5)שפּראָצען. 6)גענאַנט. 7)רעק.

וַיְשַׁכֵּן	און ער האט ¹געשטעלט
מִקֶּדֶם לְגַן עֵדֶן	פון מארגען-זייט פון גארטען עדן
אֶת הַכְּרֻבִים	די כרובים,
וְאֵת לַהַט	און דעם קלינג
הַחֶרֶב הַמִּתְהַפֶּכֶת	פון דעם שווערד, וואס ²קעהרט זיך,
לִשְׁמֹר	צו היטען
אֶת דֶּרֶךְ עֵץ הַחַיִּים:	דעם וועג פון דעם לעבענס בוים.

CAP. IV. ד

1. וְהָאָדָם יָדַע	1. און אדם האט ערקענט
אֶת חַוָּה אִשְׁתּוֹ	זיין פרוי חוה,
וַתַּהַר	און זי איז שוואנגער געווארען,
וַתֵּלֶד אֶת קַיִן	און זי האט געבארען קין,
וַתֹּאמֶר	און זי האט געזאגט:
קָנִיתִי אִישׁ	איך האב ערווארבען א מאן
אֶת יְהוָה:	מיט גאט.
2. וַתֹּסֶף לָלֶדֶת	2. און זי האט ווידער געבארען
אֶת אָחִיו אֶת הָבֶל	זיין ברודער הבל,
וַיְהִי הֶבֶל	און הבל איז געווען
רֹעֵה צֹאן	א ³שאף הירט
וְקַיִן הָיָה	און קין איז געווען
עֹבֵד אֲדָמָה:	איין ערד ארבייטער.
3. וַיְהִי מִקֵּץ יָמִים	3. און עס וואר ⁴אם ענדע פון יאהרען
וַיָּבֵא קַיִן	האט קין געבראכט
מִפְּרִי הָאֲדָמָה	פון די פרוכט פון דער ערד
מִנְחָה לַיהוָה:	א געשענק צו דעם עוויגען:
4. וְהֶבֶל הֵבִיא גַם הוּא	4. און הבל האט אויך געבראכט
מִבְּכֹרוֹת צֹאנוֹ	פון די ⁵ערסט-געבארענע פון זיינע ³שאף
וּמֵחֶלְבֵהֶן	און פון זייערע פעטע,
וַיִּשַׁע יְהוָה	און דער עוויגער האט זיך געווענדעט
אֶל הֶבֶל וְאֶל מִנְחָתוֹ:	צו הבל און צו זיין געשענק.
5. וְאֶל קַיִן	5. אבער צו קין
וְאֶל מִנְחָתוֹ	און צו זיין געשענק
לֹא שָׁעָה	האט ער זיך ניט געווענדעט
וַיִּחַר לְקַיִן מְאֹד	און עס האט קין זעהר פערדראסען,
וַיִּפְּלוּ פָּנָיו:	און זיין געזיכט איז איינגעפאלען.
6. וַיֹּאמֶר יְיָ אֶל קָיִן	6. און דער עוויגער האט געזאגט צו קין:
לָמָּה חָרָה לָךְ	וואָרום פערדריסט עס דיר,
וְלָמָּה נָפְלוּ פָנֶיךָ:	און וואָרום איז איינגעפאלען דיין געזיכט?
7. הֲלוֹא	7. ⁶(זעה) דאך,
אִם תֵּיטִיב	ווען דו ווערסט ⁷גוט זיין
שְׂאֵת	⁸וועל איך דיר פערצייהען,
וְאִם לֹא תֵיטִיב	אבער ווען דו ווערסט ניט ⁷גוט זיין
לַפֶּתַח חַטָּאת רֹבֵץ	(דאן) ליגט די זינד פאר דער טהיר
וְאֵלֶיךָ תְּשׁוּקָתוֹ	און צו דיר איז ⁹זיין פערלאנגען,
וְאַתָּה תִּמְשָׁל בּוֹ:	אבער דו קענסט הערשען איבער ⁹איהם.
8. וַיֹּאמֶר קַיִן	8. און קין האט (עס) ¹⁰געזאגט
אֶל הֶבֶל אָחִיו	צו זיין ברודער הבל;
וַיְהִי בִּהְיוֹתָם בַּשָּׂדֶה	און עס וואר, ווען זיי זיינען געווען אין פעלד,
וַיָּקָם קַיִן	איז קין אויפגעשטאנען
אֶל הֶבֶל אָחִיו	געגען זיין ברודער הבל
וַיַּהַרְגֵהוּ:	און ער האט איהם דערשלאגען.
9. וַיֹּאמֶר יְיָ אֶל קַיִן	9. און דער עוויגער האט געזאגט צו קין:
אֵי הֶבֶל אָחִיךָ	וואו איז דיין ברודער הבל?
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט:
לֹא יָדַעְתִּי	איך ווייס ניט,
הֲשֹׁמֵר אָחִי אָנֹכִי:	בין איך דען מיין ברודערס היטער?
10. וַיֹּאמֶר מֶה עָשִׂיתָ	10. און ער האט געזאגט: וואס האסט'ו געטאן?
קוֹל דְּמֵי אָחִיךָ	די שטימע פון דיין ברודערס בלוט
צֹעֲקִים אֵלַי	שרייט צו מיר
מִן הָאֲדָמָה:	פון דער ערד.
11. וְעַתָּה אָרוּר אָתָּה	11. און יעצט ווערסט'ו זיין פערפלוכט
מִן הָאֲדָמָה	¹¹פון די ערד,
אֲשֶׁר פָּצְתָה אֶת פִּיהָ	וועלכע האט געעפענט איהר מויל
לָקַחַת	צו נעהמען
אֶת דְּמֵי אָחִיךָ	דיין ברודערס בלוט
מִיָּדֶךָ:	פון דיין האנד.
12. כִּי תַעֲבֹד	12. ווען דו ווערסט בעארבייטען
אֶת הָאֲדָמָה	די ערד,
לֹא תֹסֵף תֵּת כֹּחָהּ לָךְ	וועט זי דיר מעהר ניט געבען איהר קראפט.
נָע וָנָד	¹²איין ארומטרייבער און א וואנדערער
תִּהְיֶה בָאָרֶץ:	וועסט'ו זיין אויף דער ערד.
13. וַיֹּאמֶר קַיִן אֶל יְיָ	13. און קין האט געזאגט צום עוויגען:

1) געלאגערט, געמאכט רוהען. 2) דרעהט זיך, פאכט אום. 3) קליין-פיה. 4) נאך איניגער צייט 5) ערסטלינג. 6) איז דען ניט אזוי? 7) פערבעסערען דיין אויפפיהרונג. 8) קענסט'ו אויפהייבען (דיין געזיכט). 9) איהר. 10) דערצעהלט. 11) דורך. 12) אומשטעט און פליכטיג, פערוואגערט.

גָּדוֹל עֲוֹנִי מִנְּשֹׂא:	מיין [1]זינד איז צו גרויס צו דערטראָגען.
14 הֵן גֵּרַשְׁתָּ אֹתִי הַיּוֹם	14. זעה, דו האסט מיך הייטע פערטריבען
מֵעַל פְּנֵי הָאֲדָמָה	פון די פלעכע פון דער ערד,
וּמִפָּנֶיךָ	און פון דיין געזיכט
אֶסָּתֵר	וועל איך פערבאָרגען זיין
וְהָיִיתִי נָע וָנָד	און איך וועל זיין [2]איין אַרומטרייבער און אַ וואַנדערער
בָּאָרֶץ	אויף דער ערד,
וְהָיָה	און עס וועט זיין
כָל מֹצְאִי	יעדער וואס וועט מיך געפינען
יַהַרְגֵנִי:	וועט מיך דערשלאָגען.
15. וַיֹּאמֶר לוֹ יְהֹוָה	15. און דער עוויגער האט צו איהם געזאגט:
לָכֵן כָּל הֹרֵג קַיִן	דאַרום, יעדער, וואס וועט קין דערשלאָגען
שִׁבְעָתַיִם יֻקָּם	זאָל זיבען-[3]פאַך גערעכען ווערען.
וַיָּשֶׂם יְהֹוָה לְקַיִן אוֹת	און גאט האט געמאַכט קין אַ צייכען,
לְבִלְתִּי הַכּוֹת אֹתוֹ	דאס איהם זאל ניט דערשלאָגען
כָּל מֹצְאוֹ:	יעדער, וואס וועט איהם געפינען.
16. וַיֵּצֵא קַיִן	16. און קין איז [4]אַוועג-געגאַנגען
מִלִּפְנֵי יְהֹוָה	פון פאר דעם עוויגען,
וַיֵּשֶׁב בְּאֶרֶץ נוֹד	און ער האט געוואָהנט אין די לאַנד נוד.
קִדְמַת עֵדֶן:	אין מאָרגען-זייט פון עדן
17 וַיֵּדַע קַיִן אֶת אִשְׁתּוֹ	17. און קין האט ערקענט זיין פרוי,
וַתַּהַר	און זי איז שוואַנגער געווארען
וַתֵּלֶד אֶת חֲנוֹךְ	און זי האט געבאָרען חנוך,
וַיְהִי בֹּנֶה עִיר	און ער האט געבויט א שטאָט
וַיִּקְרָא שֵׁם הָעִיר	און ער האט גערופען דעם נאמען פון די שטאָט
כְּשֵׁם בְּנוֹ חֲנוֹךְ:	ווי דער נאמען פון זיין זוהן חנוך.
18. וַיִּוָּלֵד לַחֲנוֹךְ אֶת עִירָד	18. און ביי חנוך איז געבאָרען געוואָרען עירד,
וְעִירָד יָלַד אֶת מְחוּיָאֵל	און עירד האט געבאָרען מחויאל,
וּמְחִיָּיאֵל יָלַד אֶת מְתוּשָׁאֵל	און מחייאל האט געבאָרען מתושאל,
וּמְתוּשָׁאֵל יָלַד אֶת לָמֶךְ:	און מתושאל האט געבאָרען למך.
חֲמִישִׁי	חֲמִישִׁי
19. וַיִּקַּח לוֹ לֶמֶךְ	19. און למך האט זיך גענומען
שְׁתֵּי נָשִׁים	צוויי פרויען,
שֵׁם הָאַחַת עָדָה	דער נאמען פון איינער (וואַר) עדה,
וְשֵׁם הַשֵּׁנִית צִלָּה:	און דער נאמען פון די צווייטע (וואַר) צלה.
20 וַתֵּלֶד עָדָה אֶת יָבָל	20. און עדה האט געבאָרען יבל,
הוּא הָיָה	ער איז געווען
אֲבִי יֹשֵׁב אֹהֶל	דער פאטער פון די וואס וואָהנען אין געצעלטען
וּמִקְנֶה:	און (בעזיצען) פיה.
21. וְשֵׁם אָחִיו יוּבָל	21. און דער נאמען פון זיין ברודער (וואַר) יובל.
הוּא הָיָה	ער איז געווען
אֲבִי כָּל תֹּפֵשׂ	דער פאטער פון יעדען, וואס שפּילט
כִּנּוֹר וְעוּגָב:	האַרפע און פלעטע.
22. וְצִלָּה גַם הִוא יָלְדָה אֶת תּוּבַל קַיִן	22. און צלה האט אויך געבאָרען תובל קין,
לֹטֵשׁ כָּל חֹרֵשׁ	אַ [5]שמיד פון אַלערליי ווערקצייג
נְחֹשֶׁת וּבַרְזֶל	פון קופער און אייזען;
וַאֲחוֹת תּוּבַל קַיִן נַעֲמָה:	און די שוועסטער פון תובל קין (וואַר) נעמה.
שִׁשִּׁי	שִׁשִּׁי
23 וַיֹּאמֶר לֶמֶךְ לְנָשָׁיו	23. און למך האט געזאגט צו זיינע פרויען:
עָדָה וְצִלָּה	עדה און צלה
שְׁמַעַן קוֹלִי	הערט מיין שטימע,
נְשֵׁי לֶמֶךְ	(איהר) למך׳ס פרויען,
הַאְזֵנָּה אִמְרָתִי	פערנעמט מיין רעדע.
כִּי אִישׁ הָרַגְתִּי	דען אַ מאַן האב איך דערשלאָגען
לְפִצְעִי	[6]צו מיין וואונד,
וְיֶלֶד לְחַבֻּרָתִי:	און אַ קינד—[6]צו מיין בייל.
24. כִּי שִׁבְעָתַיִם	24. ווען זיבען-[3]פאַך
יֻקַּם קָיִן	וועט פיר קין ראַכע גענומען געוואָרען
וְלֶמֶךְ שִׁבְעִים וְשִׁבְעָה:	דאַן וועט פיר למך זיבען און זיבציג פאַך (ראַכע גענומען ווערען)
25. וַיֵּדַע אָדָם עוֹד	25. און אדם האט נאָך אַמאָל ערקענט
אֶת אִשְׁתּוֹ	זיין פרוי,
וַתֵּלֶד בֵּן	און זי האט געבאָרען אַ זוהן
וַתִּקְרָא אֶת שְׁמוֹ שֵׁת	און זי האט גערופען זיין נאמען שת,
כִּי שָׁת לִי אֱלֹהִים	דען גאט האט מיר [7]געגעבען
זֶרַע אַחֵר	[8]אַנדערע זאַמען

1) שטראָף. 2) אונשטעט און פליכטיג, פערוואָגעלט. 3) מאָל אַזוי פיעל. 4) אַרויס. 5) שלייפער. 6) ד. ה. אַזוי ווי: צו מיין בעדויערען און צו מיין פערדרוס. 7) ע"זעצט, געטאָן. 8) איין אַנדער קינד.

תַּחַת הֶבֶל	אַנשטאָט הבל,
כִּי הֲרָגוֹ קָיִן׃	ווייל קין האט איהם דערשלאגען.
26. וּלְשֵׁת גַּם הוּא	26. און אויך ביי שת
יֻלַּד בֵּן	איז געבארען געוואָרען אַ זוהן
וַיִּקְרָא אֶת שְׁמוֹ אֱנוֹשׁ	און ער האט גערופען זיין נאָמען אנוש;
אָז הוּחַל לִקְרֹא	דאַן האט מען אָנגעפאנגען אָנצורופען
בְּשֵׁם יְהֹוָה׃	דעם נאמען פון דעם עוויגען

CAP. V. ה

1. זֶה סֵפֶר	1. דיעזער איז דער בוך
תּוֹלְדֹת אָדָם	פון די [1]נאַכקאָמען פון אָדם,
בְּיוֹם	אין דעם טאָג,
בְּרֹא אֱלֹהִים אָדָם	ווען גאט האט בעשאַפען אָדם,
בִּדְמוּת אֱלֹהִים עָשָׂה אֹתוֹ	האט ער איהם געמאַכט אין גאָטעס עהנליכקייט.
2. זָכָר וּנְקֵבָה	2. [2]מאַנס־פערזאָהן און פרויענצימער
בְּרָאָם	האט ער זיי בעשאַפען,
וַיְבָרֶךְ אֹתָם	און ער האט זיי געבענשט,
וַיִּקְרָא אֶת שְׁמָם	און ער האט גערופען זייער נאמען
אָדָם	מענש
בְּיוֹם הִבָּרְאָם׃	אין דעם טאג ווען זיי זיינען בעשאַפען געוואָרען.
3. וַיְחִי אָדָם	3. און אָדם האט געלעבט
שְׁלֹשִׁים וּמְאַת שָׁנָה	הונדערט און דרייסיג יאהר,
וַיּוֹלֶד בִּדְמוּתוֹ	און ער האט [3]געבאָרען אין זיין עהנליכקייט
כְּצַלְמוֹ	נאך זיין בילד,
וַיִּקְרָא אֶת שְׁמוֹ שֵׁת׃	און ער האט גערופען זיין נאמען שת.
4. וַיִּהְיוּ יְמֵי אָדָם	4. און עס זיינען געוועזען די [4]טעג פון אָדם
אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת שֵׁת	נאכדעם ווי ער האט געבאָרען שת,
שְׁמֹנֶה מֵאֹת שָׁנָה	אַכט הונדערט יאָהר.
וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃	און ער האט געבארען זיהן און טעכטער.
5. וַיִּהְיוּ כָּל יְמֵי אָדָם	5. און עס זיינען געוועזען אַלע טעג פון אָדם,
אֲשֶׁר חַי	וועלכע ער האט געלעבט,
תְּשַׁע מֵאוֹת שָׁנָה	ניין הונדערט יאָהר,
וּשְׁלֹשִׁים שָׁנָה	און דרייסיג יאהר,
וַיָּמֹת׃	און ער איז געשטאָרבען.
6. וַיְחִי שֵׁת	6. און שת האט געלעבט
חָמֵשׁ שָׁנִים	פינף יאהר
וּמְאַת שָׁנָה	און הונדערט יאָהר,
וַיּוֹלֶד אֶת אֱנוֹשׁ׃	און ער האט געבאָרען אנוש.
7. וַיְחִי שֵׁת	7. און שת האט געלעבט
אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת אֱנוֹשׁ	נאכדעם ווי ער האט געבארען אנוש,
שֶׁבַע שָׁנִים	זיבען יאהר
וּשְׁמֹנֶה מֵאוֹת שָׁנָה	און אַכט הונדערט יאהר,
וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃	און ער האט געבארען זיהן און טעכטער.
8. וַיִּהְיוּ כָּל יְמֵי שֵׁת	8. און עס זיינען געוועזען אלע טעג פון שת,
שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה שָׁנָה	צוועלף יאהר
וּתְשַׁע מֵאוֹת שָׁנָה	און ניינען הונדערט יאהר
וַיָּמֹת׃	און ער איז געשטאָרבען.
9. וַיְחִי אֱנוֹשׁ	9. און אנוש האט געלעבט
תִּשְׁעִים שָׁנָה	נייבציג יאהר,
וַיּוֹלֶד אֶת קֵינָן׃	און ער האט געבארען קינן.
10. וַיְחִי אֱנוֹשׁ	10. און אנוש האט געלעבט
אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת קֵינָן	נאכדעם ווי ער האט געבאָרען קינן,
חֲמֵשׁ עֶשְׂרֵה שָׁנָה	פופצעהן יאהר
וּשְׁמֹנֶה מֵאוֹת שָׁנָה	און אַכט הונדערט יאהר,
וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃	און ער האט געבארען זיהן און טעכטער.
11. וַיִּהְיוּ כָּל יְמֵי אֱנוֹשׁ	11. און עס זיינען געוועזען אַלע טעג פון אנוש
חָמֵשׁ שָׁנִים	פינף יאהר
וּתְשַׁע מֵאוֹת שָׁנָה	און ניין הונדערט יאהר,
וַיָּמֹת׃	און ער איז געשטארבען.
12. וַיְחִי קֵינָן	12. און קינן האט געלעבט
שִׁבְעִים שָׁנָה	זיבציג יאהר,
וַיּוֹלֶד אֶת מַהֲלַלְאֵל׃	און ער האט געבארען מהללאל.
13. וַיְחִי קֵינָן	13. און קינן האט געלעבט
אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת מַהֲלַלְאֵל	נאכדעם ווי ער האָט געבאָרען מהללאל
אַרְבָּעִים שָׁנָה	פערציג יאָהר
וּשְׁמֹנֶה מֵאוֹת שָׁנָה	און אַכט הונדערט יאָהר,
וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃	און ער האָט געבארען זיהן און טעכטער.
14. וַיִּהְיוּ כָּל יְמֵי קֵינָן	14. און עס זיינען געוועזען אַלע טעג פון קינן,
עֶשֶׂר שָׁנִים	צעהן יאָהר

1)געשלעכטער, גענעראַציאָנען. 2)מענליכעס און ווייבליכעס. 3)געצייגט. 4)יאָהרען.

וּתְשַׁע מֵאוֹת שָׁנָה — און ניין הונדערט יאהר,
וַיָּמֹת׃ — און ער איז געשטארבען.
15. וַיְחִי מַהֲלַלְאֵל — 15. און מהללאל האט געלעבט
חָמֵשׁ שָׁנִים — פינף יאהר
וְשִׁשִּׁים שָׁנָה — און זעכציג יאהר,
וַיּוֹלֶד אֶת יָרֶד׃ — און ער האט געבארען ירד.
16. וַיְחִי מַהֲלַלְאֵל — 16. און מהללאל האט געלעבט,
אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת יֶרֶד — נאכדעם ווי ער האט געבארען ירד,
שְׁלֹשִׁים שָׁנָה — דרייסיג יאהר
וּשְׁמֹנֶה מֵאוֹת שָׁנָה — און אכט הונדערט יאהר,
וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃ — און ער האט געבארען זיהן און טעכטער.
17. וַיִּהְיוּ כָּל יְמֵי מַהֲלַלְאֵל — 17. און עס זיינען געוועזן אלע טעג פון מהללאל
חָמֵשׁ וְתִשְׁעִים שָׁנָה — פינף און נײנציג יאהר
וּשְׁמֹנֶה מֵאוֹת שָׁנָה — און אכט הונדערט יאהר,
וַיָּמֹת׃ — און ער איז געשטארבען.
18. וַיְחִי יֶרֶד — 18. און ירד האט געלעבט
שְׁתַּיִם וְשִׁשִּׁים שָׁנָה — צוויי און זעכציג יאהר,
וּמְאַת שָׁנָה — און הונדערט יאהר,
וַיּוֹלֶד אֶת חֲנוֹךְ׃ — און ער האט געבארען חנוך.
19. וַיְחִי יֶרֶד — 19. און ירד האט געלעבט,
אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת חֲנוֹךְ — נאכדעם ווי ער האט געבארען חנוך,
שְׁמֹנֶה מֵאוֹת שָׁנָה — אכט הונדערט יאהר,
וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃ — און ער האט געבארען זיהן און טעכטער.
20. וַיִּהְיוּ כָּל יְמֵי יֶרֶד — 20. און עס זיינען געוועזן אלע טעג פון ירד
שְׁתַּיִם וְשִׁשִּׁים שָׁנָה — צוויי און זעכציג יאהר
וּתְשַׁע מֵאוֹת שָׁנָה — און ניין הונדערט יאהר,
וַיָּמֹת׃ — און ער איז געשטארבען.
21. וַיְחִי חֲנוֹךְ — 21. און חנוך האט געלעבט
חָמֵשׁ וְשִׁשִּׁים שָׁנָה — פינף און זעכציג יאהר,
וַיּוֹלֶד אֶת מְתוּשָׁלַח׃ — און ער האט געבארען מתושלח.
22. וַיִּתְהַלֵּךְ חֲנוֹךְ — 22. און חנוך איז געגאנגען
אֶת הָאֱלֹהִים — מיט גאט,[1]
אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת מְתוּשֶׁלַח — נאכדעם ווי ער האט געבארען מתושלח,
שְׁלֹשׁ מֵאוֹת שָׁנָה — דריי הונדערט יאהר
וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃ — און ער האט געבארען זיהן און טעכטער.
23. וַיְהִי כָּל יְמֵי חֲנוֹךְ — 23. און עס זיינען געוועזן אלע טעג פון חנוך:
חָמֵשׁ וְשִׁשִּׁים שָׁנָה — פינף און זעכציג יאהר
וּשְׁלֹשׁ מֵאוֹת שָׁנָה׃ — און דריי הונדערט יאהר.
24. וַיִּתְהַלֵּךְ חֲנוֹךְ — 24. און חנוך איז געגאנגען
אֶת הָאֱלֹהִים — מיט גאט,[1]
וְאֵינֶנּוּ — און ער איז מעהר ניט געוועזן
כִּי לָקַח אֹתוֹ אֱלֹהִים׃ — דען גאט האט איהם צו גענומען.

שְׁבִיעִי — שְׁבִיעִי

25. וַיְחִי מְתוּשֶׁלַח — 25. און מתושלח האט געלעבט
שֶׁבַע וּשְׁמֹנִים שָׁנָה — זיבען און אכציג יאהר
וּמְאַת שָׁנָה — און הונדערט יאהר,
וַיּוֹלֶד אֶת לָמֶךְ׃ — און ער האט געבארען למך.
26. וַיְחִי מְתוּשֶׁלַח — 26. און מתושלח האט געלעבט.
אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת לֶמֶךְ — נאכדעם ווי ער האט געבארען למך.
שְׁתַּיִם וּשְׁמוֹנִים שָׁנָה — צוויי און אכציג יאהר
וּשְׁבַע מֵאוֹת שָׁנָה — און זיבען הונדערט יאהר,
וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃ — און ער האט געבארען זיהן און טעכטער.
27. וַיִּהְיוּ כָּל יְמֵי מְתוּשֶׁלַח — 27. און עס זיינען געוועזן אלע טעג פון מתושלח
תֵּשַׁע וְשִׁשִּׁים שָׁנָה — ניין און זעכציג יאהר
וּתְשַׁע מֵאוֹת שָׁנָה — און ניין הונדערט יאהר,
וַיָּמֹת׃ — און ער איז געשטארבען.
28. וַיְחִי לֶמֶךְ — 28. און למך האט געלעבט
שְׁתַּיִם וּשְׁמֹנִים שָׁנָה — צוויי און אכציג יאהר
וּמְאַת שָׁנָה — און הונדערט יאהר,
וַיּוֹלֶד בֵּן׃ — און ער האט געבארען א זוהן
29. וַיִּקְרָא אֶת שְׁמוֹ נֹחַ — 29. און ער האט גערופען זיין נאמען נח,
לֵאמֹר — זאגענדיג:
זֶה יְנַחֲמֵנוּ — דיזער וועט אונז טרייסטען
מִמַּעֲשֵׂנוּ — [2]פון אונזער ארבייט
וּמֵעִצְּבוֹן יָדֵינוּ — און [3]פון די שמערצען פון אונזערע הענד.
מִן הָאֲדָמָה — פון דער ערד,
אֲשֶׁר אֵרְרָהּ יְהוָה׃ — וועלכע דער עוויג ער האט פערפלוכט.

1) ד. ה. ער וואך פֿרום. 2) ביי 3) ביי די מיהע,

30. וַיְחִי לֶמֶךְ	30. און למך האט געלעבט
אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת נֹחַ	נאָכדעם ווי ער האט געבארען נח,
חָמֵשׁ וְתִשְׁעִים שָׁנָה	פינף און ניינציג יאָהר
וַחֲמֵשׁ מֵאֹת שָׁנָה	און פינף הונדערט יאָהר,
וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת:	און ער האט געבארען זיהן און טעכטער.
31. וַיְהִי כָּל יְמֵי לֶמֶךְ	31. און עס זיינען געוועזען אַלע טעג פון למך,
שֶׁבַע וְשִׁבְעִים שָׁנָה	זיבען און זיבציג יאהר
וּשְׁבַע מֵאוֹת שָׁנָה	און זיבען הונדערט יאהר,
וַיָּמֹת:	און ער איז געשטארבען.
32. וַיְהִי נֹחַ	32. און נח איז געווען
בֶּן חֲמֵשׁ מֵאוֹת שָׁנָה	פינף הונדערט יאהר אַלט,
וַיּוֹלֶד נֹחַ	און נח האט געבארען
אֶת שֵׁם אֶת חָם וְאֶת יָפֶת:	שם, חם און יפת.

CAP. VI. ו

1. וַיְהִי	1. און עס איז געווען,
כִּי הֵחֵל הָאָדָם	ווען די מענשען האָבען אָנגעפאַנגען
לָרֹב	זיך צו פערמעהרען
עַל פְּנֵי הָאֲדָמָה	אויף די פלעכע פון דער ערד
וּבָנוֹת יֻלְּדוּ לָהֶם:	און טעכטער זיינען ביי זיי געבאָרען געוואָרען.
2. וַיִּרְאוּ בְנֵי הָאֱלֹהִים	2. דאַן האבען די [1]געטליכע זיהן געזעהן
אֶת בְּנוֹת הָאָדָם	די טעכטער פון די [2]מענשען,
כִּי טֹבֹת הֵנָּה	דאס זיי זיינען [9]גוט,
וַיִּקְחוּ לָהֶם נָשִׁים	און זיי האבען זיך גענומען פרויען
מִכֹּל אֲשֶׁר בָּחָרוּ:	פון אַלעס וואס זיי האבען זיך אויסגעקליבען.
3. וַיֹּאמֶר יְהוָֹה	3. און דער עוויגער האָט געזאָגט:
לֹא יָדוֹן רוּחִי	מיין גייסט וועט ניט שטרייטען
בָאָדָם	מיט דעם מענשען
לְעֹלָם	אויף עוויג,
בְּשַׁגַּם הוּא בָשָׂר	ווייל ער איז דאָך נור פלייש,
וְהָיוּ יָמָיו	און זיינע טעג זאָלען זיין
מֵאָה וְעֶשְׂרִים שָׁנָה:	(נור) הונדערט און צוואַנציג יאהר.
4. הַנְּפִלִים	4. די ריזען
הָיוּ בָאָרֶץ	זיינען געוועזען אויף דער ערד
בַּיָּמִים הָהֵם	אין יענע [3]טעג,
וְגַם אַחֲרֵי כֵן	און אויך נאכדעם,
אֲשֶׁר יָבֹאוּ	ווען עס פלעגען קומען
בְּנֵי הָאֱלֹהִים	די געטליכע זיהן,[1]
אֶל בְּנוֹת הָאָדָם	צו די טעכטער פון דעם מענשען,[2]
וְיָלְדוּ לָהֶם	און זיי האבען געבארען צו זיי;
הֵמָּה הַגִּבֹּרִים	זיי זיינען דאס די העלדען,
אֲשֶׁר מֵעוֹלָם	וואס פון עוויג אָן,
אַנְשֵׁי הַשֵּׁם:	מענשען פון נאמען.[4]
מַפְטִיר	מַפְטִיר
5. וַיַּרְא יְהוָֹה	5. און דער עוויגער האט געזען,
כִּי רַבָּה	דאס עס איז גרויס
רָעַת הָאָדָם	די שלעכטעס פון דעם מענשען,
בָּאָרֶץ	אויף דער ערד
וְכָל יֵצֶר	און דער גאַנצער [5]אַרט
מַחְשְׁבֹת לִבּוֹ	פון די געדאנקען פון זיין האַרצען
רַק רַע כָּל הַיּוֹם:	איז אימער נור שלעכט.
6. וַיִּנָּחֶם יְהוָֹה	6. און דער עוויגער האט [6]בערייעט,
כִּי עָשָׂה אֶת הָאָדָם	דאס ער האט געמאכט דעם מענשען,
בָּאָרֶץ	אויף דער ערד,
וַיִּתְעַצֵּב אֶל לִבּוֹ:	און ער האט זיך [7]בעקימערט אין זיין האַרצען.
7. וַיֹּאמֶר יְהוָֹה	7. און דער עוויגער האט געזאגט:
אֶמְחֶה	איך וועל [8]פערטילגען
אֶת הָאָדָם	דעם מענשען,
אֲשֶׁר בָּרָאתִי	וועלכען איך האב בעשאפען
מֵעַל פְּנֵי הָאֲדָמָה	פון די פלעכע פון דער ערד,
מֵאָדָם	פון מענשען
עַד בְּהֵמָה	ביז פיה,
עַד רֶמֶשׂ	ביז געווירעם
וְעַד עוֹף הַשָּׁמָיִם	און ביז דאס געפליגעל פון הימעל
כִּי נִחַמְתִּי	דען איך האב [6]בערייעט,
כִּי עֲשִׂיתִם:	דאס איך האב זיי געמאַכט.
8. וְנֹחַ מָצָא חֵן	8. אָבער נח האט געפונען גנאַדע
בְּעֵינֵי יְהוָֹה:	אין גאָטטס אויגען.

1) ד. ה. די העכערע קלאַסע מענשען. 2) ד. ה. די איינפאַכע מענשען. 3) צייטען. 4) ד. ה. בעריהמטע מענער. 5) בילדען. 6) חרטה געהאַט. 7) טרויעריג געווען. 8) אָבמעקען. 9) שעהן.

נֹחַ

NOACH.

9. אֵלֶּה תּוֹלְדֹת נֹחַ	9. דיזעס איז די געשיכטע פון נח;
נֹחַ אִישׁ צַדִּיק	נח (איז געוועזן) אַ גערעכטער מאַן,
תָּמִים הָיָה	ער איז געוועזן אַ [1]פרומער
בְּדֹרֹתָיו	אין זיינע [2]צייטען;
אֶת הָאֱלֹהִים	מיט גאָט
הִתְהַלֶּךְ נֹחַ:	איז נח געגאַנגען.
10. וַיּוֹלֶד נֹחַ	10. און נח האָט געבאָרען
שְׁלֹשָׁה בָנִים	דריי זיהן
אֶת שֵׁם אֶת חָם וְאֶת יָפֶת:	שם, חם און יפת.
11. וַתִּשָּׁחֵת הָאָרֶץ	11. און די ערד איז פערדאָר־בען געוואָרען
לִפְנֵי הָאֱלֹהִים	פאַר גאָט,
וַתִּמָּלֵא הָאָרֶץ	און די ערד איז פול געוואָרען
חָמָס:	(מיט) [3]רויב.
12. וַיַּרְא אֱלֹהִים	12. און גאָט האָט געזעהן
אֶת הָאָרֶץ	די ערד,
וְהִנֵּה נִשְׁחָתָה	[4]דאָס זי איז פערדאָרבען געוואָרען
כִּי הִשְׁחִית כָּל בָּשָׂר	דען אַלעס פלייש[5] האָט פערדאָרבען
אֶת דַּרְכּוֹ	זיין [6]וועג
עַל הָאָרֶץ:	אויף דער ערד.
13. וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים לְנֹחַ	13. און גאָט האָט געזאָגט צו נח:
קֵץ כָּל בָּשָׂר	די ענדע פון אַלעס פלייש
בָּא לְפָנַי	איז געקומען פאַר מיר,
כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ	דען די ערד איז פול געוואָרן
חָמָס	מיט רויב
מִפְּנֵיהֶם	פון זיי
וְהִנְנִי מַשְׁחִיתָם	און איך פערדאַרב זיי
אֶת הָאָרֶץ:	מיט דער ערד.
14. עֲשֵׂה לְךָ	14. מאַך דיר
תֵּבַת עֲצֵי גֹפֶר	אַ [7]קאַסטען פון [8]גפר־האָלץ
קִנִּים	(מיט) קאַמערען
תַּעֲשֶׂה אֶת הַתֵּבָה	זאָלסט'ו מאַכען דעם [7]קאַסטען,
וְכָפַרְתָּ אֹתָהּ	און דו זאָלסט [9]איהר [10]אויספעכען
מִבַּיִת וּמִחוּץ	פון אינוועניג און פון אויסוויינג
בַּכֹּפֶר:	מיט פעך.
15. וְזֶה	15. און דיזעס (איז דער אָרט),
אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה אֹתָהּ	וואָס דו זאָלסט [9]איהר מאַכען:
שְׁלֹשׁ מֵאוֹת אַמָּה	דריי הונדערט איילען
אֹרֶךְ הַתֵּבָה	די לייגג פון דעם קאַסטען,
חֲמִשִּׁים אַמָּה	פופציג איילען
רָחְבָּהּ	[11]איהר ברייט,
וּשְׁלֹשִׁים אַמָּה	און דרייסיג איילען
קוֹמָתָהּ:	[11]איהר הויך.
16. צֹהַר	16. [12]אַ בעלייכטונג
תַּעֲשֶׂה לַתֵּבָה	זאָלסט'ו מאַכען צום קאַסטען,
וְאֶל אַמָּה	און ביז (צו) איין איל
תְּכַלֶּנָּה	זאָלסטו איהר פערפיגר־יגען
מִלְמַעְלָה	פון אויבען,
וּפֶתַח הַתֵּבָה	און דעם איינגאַנג פון דעם קאַסטען
בְּצִדָּהּ תָּשִׂים	זאָלסט'ו מאַכען אין [11]איהר זייט
תַּחְתִּיִּם	(מיט) אונטערסטע,
שְׁנִיִּם	צווייטע
וּשְׁלִשִׁים	און דריטע (שטאָקען)
תַּעֲשֶׂהָ:	זאָלסט'ו [9]איהר מאַכען.
17. וַאֲנִי הִנְנִי מֵבִיא	17. און איך ברייגג
אֶת הַמַּבּוּל מַיִם	דעם וואַסער־פלוט
עַל הָאָרֶץ	איבער די ערד,
לְשַׁחֵת כָּל בָּשָׂר	צו פערדאַרבען אַלעס פלייש,
אֲשֶׁר בּוֹ רוּחַ חַיִּים	וואָס אין איהם (איז דאַ) אַ לעבענס־אָטהעם
מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם	פון אונטער דעם הימעל;
כֹּל אֲשֶׁר בָּאָרֶץ	אַלעס וואָס איז אויף דער ערד
יִגְוָע:	וועט [13]פערגיין.
18. וַהֲקִמֹתִי	18. און איך וועל אויפשטעלען
אֶת בְּרִיתִי	מיין בונד
אִתָּךְ	מיט דיר,
וּבָאתָ אֶל הַתֵּבָה	און דו זאָלסט קומען אין דעם קאַסטען,
אַתָּה וּבָנֶיךָ	דו און דיינע זיהן
וְאִשְׁתְּךָ	און דיין פרוי
וּנְשֵׁי בָנֶיךָ	און דיינע זיהן'ס פרויען

1) פאָלקאָמענער. 2) געגעראַציאָנען, געשלעכטער. 3) געוואַלט־טהאַט. 4) און זעה. 5) לעבעדיגע 6) אויפ־פיהרונג. 7) אַרכע. 8) ציפּרעסען־האָלץ. 9) איהם. 10) אויסקלעפּען. 11) זיין. 12) אַ פענסטער. 13) אומקומען.

אִתָּךְ:	מיט דיר.
19. וּמִכָּל הָחַי	19. און פון אַלע לעבעדיגע,
מִכָּל בָּשָׂר	פון אַלעם פלייש,
שְׁנַיִם מִכֹּל	צוויי פון אַלעם
תָּבִיא אֶל הַתֵּבָה	זאלסט׳ו ברייגגען אין דעם קאַסטען,
לְהַחֲיֹת אִתָּךְ	דעם לעבען צו ערהאַלטען מיט דיר
זָכָר וּנְקֵבָה יִהְיוּ:	מענליכעס און ווייבליכעס זאלען זיי זיין.
20. מֵהָעוֹף לְמִינֵהוּ	20. פון דאס געפליגעל נאך זיין אַרט,
וּמִן הַבְּהֵמָה לְמִינָהּ	און פון די פיה נאך איהר אַרט,
מִכֹּל רֶמֶשׂ הָאֲדָמָה	פון אַלע געווירעם פון דער ערד
לְמִינֵהוּ	נאך זיין אַרט,
שְׁנַיִם מִכֹּל	צוויי פון אַלעם
יָבֹאוּ אֵלֶיךָ	זאלען קומען צו דיר
לְהַחֲיוֹת:	(זיי) דעם לעבען צו ערהאַלטען.
21. וְאַתָּה קַח לְךָ	21. און דו נעהם דיר
מִכָּל מַאֲכָל	פון יעדע שפייזע,
אֲשֶׁר יֵאָכֵל	וועלכע ווערט געגעסען,
וְאָסַפְתָּ אֵלֶיךָ	און דו זאלסט פערזאַמלען צו דיר,
וְהָיָה לְךָ וְלָהֶם	און עס זאל זיין צו דיר און צו זיי
לְאָכְלָה:	פיר שפייזע.
22. וַיַּעַשׂ נֹחַ	22. און נח האט עס געטאַן,
כְּכֹל אֲשֶׁר צִוָּה אֹתוֹ אֱלֹהִים	ווי אַלעס, וואס גאט האט איהם געבאָטען,
כֵּן עָשָׂה:	אַזוי האט ער געטאָן.

שֵׁנִי Cap. VII. שֵׁנִי ז

1. וַיֹּאמֶר יְהוָֹה לְנֹחַ	1. און דער עוויגער האט געזאגט צו נח:
בֹּא אַתָּה	קום דו
וְכָל בֵּיתְךָ	און דיין גאַנצע הויז (געזינד)
אֶל הַתֵּבָה	אין דעם קאַסטען,
כִּי אֹתְךָ רָאִיתִי	דען דיך האב איך געזען
צַדִּיק לְפָנַי	(אלס) גערעכטען (מאַן) פאר מיר
בַּדּוֹר הַזֶּה:	אין דיזען צייט־אַלטער.
2. מִכֹּל הַבְּהֵמָה הַטְּהוֹרָה	2. פון אַלע ריינע פיה
תִּקַּח לְךָ	זאלסט׳ו דיר נעהמען
שִׁבְעָה שִׁבְעָה	צו [1]זיבען
אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ	אַ מאַן און זיין פרוי[2],
וּמִן הַבְּהֵמָה	און פון די פיה,
אֲשֶׁר לֹא טְהֹרָה הִוא	וועלכע איז ניט ריין,
שְׁנַיִם	צוויי,
אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ:	אַ מאַן און זיין פרוי[2].
3. גַּם מֵעוֹף הַשָּׁמַיִם	3. אויך פון דאס געפליגעל פון הימעל
שִׁבְעָה שִׁבְעָה	[1]צו זיבען
זָכָר וּנְקֵבָה	מענליכעס און ווייבליכעס,
לְחַיּוֹת זֶרַע	צו ערהאַלטען זאַמען
עַל פְּנֵי כָל הָאָרֶץ:	אויף די פלעכע פון דער גאַנצער ערד.
4. כִּי	4. דען
לְיָמִים עוֹד שִׁבְעָה	אין נאך זיבען טעג אַרום
אָנֹכִי מַמְטִיר	וועל איך מאַכען רעגנען
עַל הָאָרֶץ	אויף דער ערד
אַרְבָּעִים יוֹם	פערציג טעג
וְאַרְבָּעִים לָיְלָה	און פערציג נעכט,
וּמָחִיתִי	און איך וועל [3]פערטילגען
אֶת כָּל הַיְקוּם	דעם גאַנצען [4]בעשטאַנד,
אֲשֶׁר עָשִׂיתִי	וועלכען איך האב געמאַכט
מֵעַל פְּנֵי הָאֲדָמָה:	פון די פלעכע פון דער ערד.
5. וַיַּעַשׂ נֹחַ	5. און נח האט געטאַן
כְּכֹל אֲשֶׁר צִוָּהוּ יְהוָֹה:	ווי אַלעס, וואס דער עוויגער האט איהם געבאָטען
6. וְנֹחַ בֶּן שֵׁשׁ מֵאוֹת שָׁנָה	6. און נח וואַר זעקס הונדערט יאָהר אַלט,
וְהַמַּבּוּל הָיָה מַיִם	ווען דער וואַסער־פלוט איז געוועזען
עַל הָאָרֶץ:	אויף דער ערד.
7. וַיָּבֹא נֹחַ	7. און נח איז אריינגעקומען
וּבָנָיו	און זיינע זיהן
וְאִשְׁתּוֹ	און זיין פרוי
וּנְשֵׁי בָנָיו	און זיינע זיהן׳ס פרויען
אִתּוֹ	מיט איהם,
אֶל הַתֵּבָה	אין קאַסטען,
מִפְּנֵי מֵי הַמַּבּוּל:	פאר די וואסער פון דעם פלוט.
8. מִן הַבְּהֵמָה הַטְּהוֹרָה	8. פון די ריינע פיה

1)זיבען זיבען. 2)מענליכעס און ווייבליכעס. 3)אבמעקען. 4)אַלע וועזען.

וּמִן הַבְּהֵמָה	און פון די פיה
אֲשֶׁר אֵינֶנָּה טְהֹרָה	וועלכע איז ניט ריין,
וּמִן הָעוֹף	און פון דאס געפליגעל
וְכֹל אֲשֶׁר רֹמֵשׂ	און אַלעס, וואס קריכט
עַל הָאֲדָמָה:	אויף דער ערד.
9. שְׁנַיִם שְׁנַיִם	9. [1]צו צוויי
בָּאוּ אֶל נֹחַ	זיינען זיי געקומען צו נח
אֶל הַתֵּבָה	אין דעם קאַסטען,
זָכָר וּנְקֵבָה	מענליך און ווייבליך,
כַּאֲשֶׁר צִוָּה אֱלֹהִים אֶת נֹחַ:	ווי גאָט האט געבאָטען נח.
10. וַיְהִי	10. און עס איז געווען
לְשִׁבְעַת הַיָּמִים	נאך די זיבען טעג,
וּמֵי הַמַּבּוּל הָיוּ	און די וואַסער פון פלוט איז געווען
עַל הָאָרֶץ:	אויף דער ערד.
11. בִּשְׁנַת שֵׁשׁ מֵאוֹת שָׁנָה	11. אין דעם זעקס הונדערט־סטען יאהר
לְחַיֵּי נֹחַ	פון נח'ס לעבען,
בַּחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי	אין דעם צווייטען מאָנאַט,
בְּשִׁבְעָה עָשָׂר יוֹם	אין דעם זיבצעהנטען טאג
לַחֹדֶשׁ	פון מאָנאַט,
בַּיּוֹם הַזֶּה	אין דיזען טאג,
נִבְקְעוּ	זיינען אויפגעשפּאַלטען געוואָרען
כָּל מַעְיְנוֹת	אַלע קוועלען
תְּהוֹם רַבָּה	פון גרויסען אָבגרונד,
וַאֲרֻבֹּת הַשָּׁמַיִם	און די פענסטערס פון הימעל
נִפְתָּחוּ:	זיינען געעפענט געוואָרען.
12. וַיְהִי הַגֶּשֶׁם	12. און דער רעגען איז געווען
עַל הָאָרֶץ	אויף דער ערד
אַרְבָּעִים יוֹם	פערציג טעג
וְאַרְבָּעִים לָיְלָה:	און פערציג נעכט.
13. בְּעֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה	13. אין דעם זעלבען טאָג
בָּא נֹחַ	איז נח געקומען
וְשֵׁם וְחָם וָיֶפֶת	און שם, חם און יפת,
בְּנֵי נֹחַ	נח'ס זיהן,
וְאֵשֶׁת נֹחַ	און נח'ס פרוי,

וּשְׁלֹשֶׁת נְשֵׁי בָנָיו	און די דריי פרויען פון זיינע זיהן,
אִתָּם	מיט זיי
אֶל הַתֵּבָה:	אין דעם קאַסטען.
14. הֵמָּה וְכָל הַחַיָּה	14. זיי און אַלע טהירען
לְמִינָהּ	נאך [2]איהר אַרט;
וְכָל הַבְּהֵמָה לְמִינָהּ	און אַלע פיה נאך [2]איהר אַרט;
וְכָל הָרֶמֶשׂ	און אַלעס געווירעם.
הָרֹמֵשׂ עַל הָאָרֶץ	וואס קריכט אויף דער ערד,
לְמִינֵהוּ	נאך זיין אַרט;
וְכָל הָעוֹף לְמִינֵהוּ	און אַלעס געפליגעל נאך זיין אַרט;
כֹּל צִפּוֹר	אַלע פויגלען,
כָּל כָּנָף:	אַלע, וואס האבען פליגלען.
15. וַיָּבֹאוּ אֶל נֹחַ	15. און זיי זיינען געקומען צו נח
אֶל הַתֵּבָה	אין דעם קאַסטען,
שְׁנַיִם שְׁנַיִם	[1]צו צוויי
מִכָּל הַבָּשָׂר	פון אַלעם פלייש,
אֲשֶׁר בּוֹ רוּחַ חַיִּים:	וואס אין איהם (איז דאָ) אַ לעבענס אָטהעם.
16. וְהַבָּאִים	16. און די, וואס זיינען אַריין געקומען:
זָכָר וּנְקֵבָה	מענליך און ווייבליך,
מִכָּל בָּשָׂר	פון אַלעם פלייש,
בָּאוּ	זיינען זיי אַריין געקומען,
כַּאֲשֶׁר צִוָּה אֹתוֹ אֱלֹהִים	ווי גאָט האט איהם געבאָטען
וַיִּסְגֹּר יְהוָֹה בַּעֲדוֹ:	און דער עוויגער האט פער־שלאָסען [3]פאר איהם.
שְׁלִישִׁי	שְׁלִישִׁי
17. וַיְהִי הַמַּבּוּל	17. או דער פלוט איז געווען
אַרְבָּעִים יוֹם	פערציג טעג
עַל הָאָרֶץ	אויף דער ערד,
וַיִּרְבּוּ הַמַּיִם	און די וואַסער האבען זיך געמעהרט
וַיִּשְׂאוּ אֶת הַתֵּבָה	און זיי האבען געטראָגען דעם קאַסטען,
וַתָּרָם מֵעַל הָאָרֶץ:	און [4]זי האט זיך אויפגעהויבען פון דער ערד.
18. וַיִּגְבְּרוּ הַמַּיִם	18. און די וואַסער האבען זיך געשטאַרקט,
וַיִּרְבּוּ מְאֹד	און זיי האבען זיך זעהר געמעהרט
עַל הָאָרֶץ	אויף דער ערד,
וַתֵּלֶךְ הַתֵּבָה	און דער קאַסטען איז געגאַנגען
עַל פְּנֵי הַמָּיִם:	אויף די פלעכע פון די וואַסער.

1) צוויי צוויי. 2) זייער. 3) הינטער. 4) ער.

19. וְהַמַּיִם	19. אונ די וואסער
גָּבְרוּ מְאֹד מְאֹד	האבען זיך זעהר (אונ) זעהר געשטארקט
עַל הָאָרֶץ	אויף דער ערד,
וַיְכֻסּוּ	אונ עס זיינען בעדעקט געווארען
כָּל הֶהָרִים הַגְּבֹהִים	אלע הויכע בערג,
אֲשֶׁר תַּחַת כָּל הַשָּׁמָיִם:	וועלכע זיינען אונטער דעם גאנצען הימעל.
20. חֲמֵשׁ עֶשְׂרֵה אַמָּה	20. פופצעהן איילען
מִלְמַעְלָה	פון אויבען
גָּבְרוּ הַמָּיִם	האבען זיך די וואסער געשטארקט,
וַיְכֻסּוּ הֶהָרִים:	אונ די בערג זיינען בעדעקט געווארען.
21. וַיִּגְוַע כָּל בָּשָׂר	21. אונ עס איז [1]אונטערגעגאנגען אלעס פלייש,
הָרֹמֵשׂ עַל הָאָרֶץ	וועלכע [2]קריכט אויף דער ערד,
בָּעוֹף	פון געפליגעל,
וּבַבְּהֵמָה	אונ פון פיה,
וּבַחַיָּה	אונ פון טהירען,
וּבְכָל הַשֶּׁרֶץ	אונ פון אלעס געווימעל,
הַשֹּׁרֵץ עַל הָאָרֶץ	וועלכע ווימעלט אויף דער ערד,
וְכֹל הָאָדָם:	אונ אלע מענשען.
22. כֹּל אֲשֶׁר נִשְׁמַת רוּחַ חַיִּים	22. אלעס, וואס האט געהאט א הויך פון א לעבענס אטעם
בְּאַפָּיו	אין זיין נאז,
מִכֹּל אֲשֶׁר בֶּחָרָבָה	פון אלעס, וואס איז אויף דער טריקניס,
מֵתוּ:	זיינען געשטארבען.
23. וַיִּמַח	23. אונ ער האט פערטיליגט
אֶת כָּל הַיְקוּם	דעם גאנצען בעשטאנד,
אֲשֶׁר עַל פְּנֵי הָאֲדָמָה	וואס איז געוועזען אויף די פלעכע פון דער ערד,
מֵאָדָם	פון מענשען
עַד בְּהֵמָה	ביז פיה,
עַד רֶמֶשׂ	ביז געווירעם
וְעַד עוֹף הַשָּׁמַיִם	אונ ביז דאס געפליגעל פון הימעל,
וַיִּמָּחוּ מִן הָאָרֶץ	אונ זיי זיינען פערטיליגט געווארען פון דער ערד,
וַיִּשָּׁאֶר אַךְ נֹחַ	אונ עס איז איבער געבליבען נור נח
וַאֲשֶׁר אִתּוֹ	אונ וואס זיינען געוועזען מיט איהם
בַּתֵּבָה:	אין קאסטען.
24. וַיִּגְבְּרוּ הַמַּיִם	24. אונ די וואסער האבען זיך געשטארקט

עַל הָאָרֶץ	אויף דער ערד
חֲמִשִּׁים וּמְאַת יוֹם:	הונדערט אונ פופציג טעג.

CAP. VIII. ח

1. וַיִּזְכֹּר אֱלֹהִים אֶת נֹחַ	1. אונ גאט האט [3]דערמאנט נח
וְאֵת כָּל הַחַיָּה	אונ אלע טהירען
וְאֶת כָּל הַבְּהֵמָה	אונ אלע פיה,
אֲשֶׁר אִתּוֹ	וועלכע זיינען מיט איהם געוועזען
בַּתֵּבָה	אין קאסטען,
וַיַּעֲבֵר אֱלֹהִים רוּחַ	אונ גאט האט דורכגעפיהרט א ווינד
עַל הָאָרֶץ	אויף דער ערד,
וַיָּשֹׁכּוּ הַמָּיִם:	אונ די וואסער זיינען שטיל געווארען.
2. וַיִּסָּכְרוּ	2. אונ עס זיינען פערשטאפט געווארען
מַעְיְנֹת תְּהוֹם	די קוועלען פון אבגרונד
וַאֲרֻבֹּת הַשָּׁמָיִם	אונ די פענסטער פון הימעל,
וַיִּכָּלֵא הַגֶּשֶׁם	אונ דער רעגען האט [4]אויפגעהערט
מִן הַשָּׁמָיִם:	פון הימעל.
3. וַיָּשֻׁבוּ הַמַּיִם	3. אונ די וואסער האבען זיך צוריק געקעהרט
מֵעַל הָאָרֶץ	פון דער ערד
הָלוֹךְ וָשׁוֹב	אימער צוריק,
וַיַּחְסְרוּ הַמַּיִם	אונ די וואסער זיינען וועניגער געווארען
מִקְצֵה	אם ענדע
חֲמִשִּׁים וּמְאַת יוֹם:	פון הונדערט אונ פופציג טעג.
4. וַתָּנַח הַתֵּבָה	4. אונ דער קאסטען האט גערוהט
בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי	אין דעם זיבענטען מאנאט
בְּשִׁבְעָה עָשָׂר יוֹם	אין דעם זיבצעהנטען טאג
לַחֹדֶשׁ	פון מאנאט
עַל הָרֵי אֲרָרָט:	אויף די בערג אררט.
5. וְהַמַּיִם	5. אונ די וואסער
הָיוּ הָלוֹךְ וְחָסוֹר	זיינען אימער וועניגער געווארען
עַד הַחֹדֶשׁ הָעֲשִׂירִי	ביז דעם צעהנטען מאנאט,
בָּעֲשִׂירִי	אין דעם צעהנטען (מאנאט)
בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ	אין דעם ערשטען (טאג) פון מאנאט
נִרְאוּ	זיינען געזען געווארען
רָאשֵׁי הֶהָרִים:	די שפיצען פון די בערג.
6. וַיְהִי	6. אונ עס איז געוועזען

1) אומגעקומען. 2) רעגט זיך. 3) געדיינקט. 4) איינגעהאלטען געווארען.

מִקֵּץ אַרְבָּעִים יוֹם	אַם ענדע פון פערציג טעג,
וַיִּפְתַּח נֹחַ	האט נח געעפענט
אֶת חַלּוֹן הַתֵּבָה	דעם פענסטער פון דעם קאַסטען,
אֲשֶׁר עָשָׂה:	וועלכען ער האט געמאַכט.
7. וַיְשַׁלַּח אֶת הָעֹרֵב	7. און ער האט אַרויסגעשיקט דעם ראָב,
וַיֵּצֵא	און ער איז אַרויסגעגאַנגען,
יָצוֹא וָשׁוֹב	אַרויס און אַריין[1]
עַד יְבֹשֶׁת הַמַּיִם	ביז די וואסער איז אויסגעטריקענט געוואָרען
מֵעַל הָאָרֶץ:	פון דער ערד.
8. וַיְשַׁלַּח אֶת הַיּוֹנָה	8. און ער האט אַרויסגעשיקט די טויב
מֵאִתּוֹ	פון [2]איהם
לִרְאוֹת	צו זעהען
הֲקַלּוּ הַמַּיִם	אויב די וואַסער זיינען [3]גרינגער געווארען
מֵעַל פְּנֵי הָאֲדָמָה:	פון די פלעכע פון דער ערד.
9. וְלֹא מָצְאָה הַיּוֹנָה	9. אָבער די טויב האט ניט געפונען
מָנוֹחַ	אַ רוהע־אָרט
לְכַף רַגְלָהּ	פיר איהר [4]פוס־זויל,
וַתָּשָׁב אֵלָיו	און זי האט זיך צוריק געקערט צו איהם
אֶל הַתֵּבָה	צו דעם קאַסטען,
כִּי מַיִם	דען וואסער (איז געווען)
עַל פְּנֵי כָל הָאָרֶץ	אויף די פלעכע פון דער גאנצער ערד,
וַיִּשְׁלַח יָדוֹ	און ער האט אויסגעשטרעקט זיין האַנד,
וַיִּקָּחֶהָ	און ער האט איהר גענומען,
וַיָּבֵא אֹתָהּ אֵלָיו	און ער האט איהר געבראַכט צו [2]איהם
אֶל הַתֵּבָה:	אין דעם קאַסטען.
10. וַיָּחֶל עוֹד	10. און ער האט נאָך געוואַרט
שִׁבְעַת יָמִים אֲחֵרִים	אַנדערע זיבען טעג,
וַיֹּסֶף שַׁלַּח אֶת הַיּוֹנָה	און ער האט ווידער אַרויס־געשיקט די טויב
מִן הַתֵּבָה:	פון דעם קאַסטען.
11. וַתָּבֹא אֵלָיו הַיּוֹנָה	11. און די טויב איז צו איהם געקומען
לְעֵת עֶרֶב	אַבענד־צייט,
וְהִנֵּה עֲלֵה זַיִת טָרָף	און איין אָבגעפליקטער אייל־בלאַט
בְּפִיהָ	(איז געווען) אין איהר מויל,
וַיֵּדַע נֹחַ	דאן האט זיך נח דערוואוסט,
כִּי קַלּוּ הַמַּיִם	דאס די וואסער זיינען גרינגער געווארען,
מֵעַל הָאָרֶץ:	פון דער ערד.
12. וַיִּיָּחֶל עוֹד	12. און ער האט נאָך געוואַרט
שִׁבְעַת יָמִים אֲחֵרִים	אַנדערע זיבען טעג,
וַיְשַׁלַּח אֶת הַיּוֹנָה	און ער האט אַרויסגעשיקט די טויב,
וְלֹא יָסְפָה	און זי האט ניט געמעהרט
שׁוּב אֵלָיו עוֹד:	זיך ווידער צוריק צו קערען צו איהם.
13. וַיְהִי בְּאַחַת וְשֵׁשׁ מֵאוֹת שָׁנָה	13. און עס איז געווען אין זעקס הונדערט און ערסטען יאהר,
בָּרִאשׁוֹן	אין דעם ערסטען (מאָנאַט),
בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ	אין דעם ערסטען (טאג) פון מאָנאַט,
חָרְבוּ הַמַּיִם	זיינען די וואַסער אָבגעטריקענט געווארען
מֵעַל הָאָרֶץ	פון דער ערד,
וַיָּסַר נֹחַ	און נח האט אַראָבגענומען
אֶת מִכְסֵה הַתֵּבָה	די דעקע פון דעם קאַסטען,
וַיַּרְא	און ער האט געזען,
וְהִנֵּה חָרְבוּ	דאס עס איז אָבגעטריקענט געווארען
פְּנֵי הָאֲדָמָה:	די פלעכע פון דער ערד.
14. וּבַחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי	14. און אין דעם צווייטען מאָנאַט,
בְּשִׁבְעָה וְעֶשְׂרִים יוֹם	אין דעם זיבען און צוואַנציג־סטען טאג
לַחֹדֶשׁ	פון מאָנאַט.
יָבְשָׁה הָאָרֶץ:	איז די ערד טרוקען געוואָרן.
רְבִיעִי	רְבִיעִי
15. וַיְדַבֵּר אֱלֹהִים אֶל נֹחַ	15. און גאט האט גערעדט צו נח
לֵאמֹר:	זאָגענדיג:
16. צֵא מִן הַתֵּבָה	16. גיי אַרויס פון דעם קאסטען,
אַתָּה וְאִשְׁתְּךָ	דו און דיין פרוי
וּבָנֶיךָ	און דיינע זיהן
וּנְשֵׁי בָנֶיךָ	און דיינע זיהן'ס פרויען
אִתָּךְ:	מיט דיר.
17. כָּל הַחַיָּה	17. אַלע טהירען,
אֲשֶׁר אִתְּךָ	וועלכע זיינען ביי דיר,
מִכָּל בָּשָׂר	פון אַלעם פלייש,
בָּעוֹף	פון דאס געפליגעל
וּבַבְּהֵמָה	און פון די פיה,
וּבְכָל הָרֶמֶשׂ	און פון אַלעס געווירעם,
הָרֹמֵשׂ עַל הָאָרֶץ	וואס קריכט אויף דער ערד,

1) הין און צוריק, אַרויס געגאַנגען און זיך צוריק געקערט. 2) זיך. 3) ווייניגער. 4) פוס־זאָהלע.

הַיְצֵא אִתָּךְ	ברייננ ארויס מיט דיר.
וְשָׁרְצוּ בָאָרֶץ	און זיי זאלען זיך ווימעלען אויף דער ערד
וּפָרוּ	און זיי זאלען פרוכטבאר זיין
וְרָבוּ	און זיי זאלען זיך מעהרען
עַל הָאָרֶץ:	אויף דער ערד.
18. וַיֵּצֵא נֹחַ	18. און נח איז ארויסגעגאנגען
וּבָנָיו	און זיינע זיהן
וְאִשְׁתּוֹ	און זיין פרוי
וּנְשֵׁי בָנָיו	און זיינע זיהן'ס פרויען
אִתּוֹ:	מיט איהם.
19. כָּל הַחַיָּה	19. אלע טהירען,
כָּל הָרֶמֶשׂ	אלע געווירעם
וְכָל הָעוֹף	און אלע געפליגעל,
כֹּל רוֹמֵשׂ עַל הָאָרֶץ	אלעס וואס קריכט אויף דער ערד
לְמִשְׁפְּחֹתֵיהֶם	נאך זייערע [1]פאמיליען
יָצְאוּ מִן הַתֵּבָה:	זיינען זיי ארויסגעגאנגען פון דעם קאסטען.
20. וַיִּבֶן נֹחַ מִזְבֵּחַ לַיי	20. און נח האט געבויט איין אלטאר צום עוויגען,
וַיִּקַּח	און ער האט גענומען
מִכֹּל הַבְּהֵמָה הַטְּהֹרָה	פון אלע רייני פיה
וּמִכֹּל הָעוֹף הַטָּהוֹר	און פון אלע רייניגע געפליגעל
וַיַּעַל עֹלֹת	און ער האט אויפגעבראכט [2]בראנד-אפפער
בַּמִּזְבֵּחַ:	אויף דעם אלטאר.
21. וַיָּרַח יְהוָֹה	21. און דער עוויגער האט געשמעקט
אֶת רֵיחַ הַנִּיחֹחַ	דעם ליבליכען גערוך,
וַיֹּאמֶר יְהוָֹה אֶל לִבּוֹ	און דער עוויגער האט געזאגט צו זיין הארצען:
לֹא אֹסִף לְקַלֵּל עוֹד	איך וויל מעהר ניט פלוכען
אֶת הָאֲדָמָה	די ערד
בַּעֲבוּר הָאָדָם	וועגען דעם מענשען,
כִּי יֵצֶר	דען דער [3]אבזיכט
לֵב הָאָדָם	פון דעם מענשענס-הארץ
רַע מִנְּעֻרָיו	איז שלעכט פון זיין יוגענד אן,
וְלֹא אֹסִף עוֹד לְהַכּוֹת	און איך וויל מעהר ניט שלאגען
אֶת כָּל חַי	אלע לעבעדיגע
כַּאֲשֶׁר עָשִׂיתִי:	ווי איך האב געטאן.
22. עֹד כָּל יְמֵי הָאָרֶץ	22. (זאלאנג) די טעג פון דער ערד (וועלען) נאך דויערן.
זֶרַע וְקָצִיר	(דאס) זעען און שניידען,
וְקֹר וָחֹם	און קעלט און היטץ,
וְקַיִץ וָחֹרֶף	און זומער און ווינטער,
וְיוֹם וָלַיְלָה	און טאג און נאכט
לֹא יִשְׁבֹּתוּ:	וועלען ניט אויפהערען.

Cap. IX. ט

1. וַיְבָרֶךְ אֱלֹהִים אֶת נֹחַ	1. און גאט האט געבענשט נח
וְאֶת בָּנָיו	און זיינע זיהן,
וַיֹּאמֶר לָהֶם	און ער האט צו זיי געזאגט:
פְּרוּ	זייט פרוכטבאר
וּרְבוּ	און מעהרט אייך,
וּמִלְאוּ אֶת הָאָרֶץ:	און פילט די ערד.
2. וּמוֹרַאֲכֶם	2. און אייער פורכט
וְחִתְּכֶם	און אייער שרעק
יִהְיֶה	זאל זיין
עַל כָּל חַיַּת הָאָרֶץ	איבער אלע טהירען פון דער ערד
וְעַל כָּל עוֹף הַשָּׁמָיִם	און איבער אלע געפליגעל פון הימעל.
בְּכֹל אֲשֶׁר תִּרְמֹשׂ הָאֲדָמָה	איבער אלעס, וואס קריכט (אויף) דער ערד
וּבְכָל דְּגֵי הַיָּם	און איבער אלע פיש פון מעער:
בְּיֶדְכֶם נִתָּנוּ:	אין אייער האנד זיינען זיי געגעבען געווארען.
3. כָּל רֶמֶשׂ	3. יעדע קריכענדע,
אֲשֶׁר הוּא חַי	וועלכע לעבט,
לָכֶם יִהְיֶה	זאל עס זיין צו אייך
לְאָכְלָה	פיר שפייזע.
כְּיֶרֶק עֵשֶׂב	ווי גרינע קרויט
נָתַתִּי לָכֶם אֶת כֹּל:	האב איך אייך געגעבען אלעס.
4. אַךְ בָּשָׂר בְּנַפְשׁוֹ	4. נור פלייש מיט זיין זעעלע,
דָמוֹ	(מיט) זיין בלוט,
לֹא תֹאכֵלוּ:	זאלט איהר ניט עסען.
5. וְאַךְ אֶת דִּמְכֶם	5. און נור אייער בלוט,
לְנַפְשֹׁתֵיכֶם	פיר אייערע [4]זעעלען.
אֶדְרֹשׁ	וועל איך [5]פאדערען,
מִיַּד כָּל חַיָּה	פון די האנד פון יעדע טהיר
אֶדְרְשֶׁנּוּ	וועל איך עס [5]פאדערען.

1)געשלעכטער, גאטונגען. 2)גאנץ-אפפער. 3)זינען, בילדען, ארט. 4)לעבען. 5)ראכע נעהמען.

וּמִיַּד הָאָדָם	און פון די האנד פון דעם מענשען,
מִיַּד אִישׁ	פון די האנד פון א מאן,
אָחִיו	(וועלכער וועט דערשלא־גען) זיין ברודער,
אֶדְרֹשׁ	וועל איך פאָדערען
אֶת נֶפֶשׁ הָאָדָם׃	די זעלע פון דעם מענשען
6. שֹׁפֵךְ	6. דער, וואס פערגיסט,
דַּם הָאָדָם	די בלוט פון אַ מענשען,
בָּאָדָם	דורך מענשען
דָּמוֹ יִשָּׁפֵךְ	זאָל זיין בלוט פערגאָסען ווערען,
כִּי בְּצֶלֶם אֱלֹהִים	דען אין גאָטעס־בילד
עָשָׂה אֶת הָאָדָם׃	האט ער געמאַכט דעם מענשען.
7. וְאַתֶּם פְּרוּ	7. און איהר זייט פרוכטבאַר
וּרְבוּ	און מעהרט אייך,
שִׁרְצוּ בָאָרֶץ	ווימעלט אויף דער ערד,
וּרְבוּ בָהּ׃	און מעהרט אייך אויף איהר.
חֲמִישִׁי	חֲמִישִׁי
8. וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים אֶל נֹחַ	8. און גאט האט געזאָגט צו נח
וְאֶל בָּנָיו אִתּוֹ	און צו זיינע זיהן מיט איהם,
לֵאמֹר׃	זאָגענדיג:
9. וַאֲנִי	9. און איך,
הִנְנִי מֵקִים	זעה, איך שטעל אויף
אֶת בְּרִיתִי	מיין בונד
אִתְּכֶם	מיט אייך,
וְאֶת זַרְעֲכֶם	און מיט אייער זאמען
אַחֲרֵיכֶם׃	נאך אייך.
10. וְאֵת כָּל נֶפֶשׁ הַחַיָּה	10. און מיט יעדע לעבעדיגע [1]זעלע,
אֲשֶׁר אִתְּכֶם	וואס איז ביי אייך,
בָּעוֹף	מיט דאס געפליגעל,
בַּבְּהֵמָה	מיט די פיה
וּבְכָל חַיַּת הָאָרֶץ	און מיט יעדע טהיר פון דער ערד,
אִתְּכֶם	(וואס איז) ביי אייך,
מִכֹּל יֹצְאֵי הַתֵּבָה	פון אלע, וואס געהען אַרויס פון דעם קאַסטען,
לְכֹל חַיַּת הָאָרֶץ׃	פיר יעדע טהיר פון דער ערד.
11. וַהֲקִמֹתִי	11. און איך וועל אויפשטעלען

אֶת בְּרִיתִי	מיין בונד
אִתְּכֶם	מיט אייך,
וְלֹא יִכָּרֵת כָּל בָּשָׂר עוֹד	דאס אַלעס פלייש זאל מעהר ניט [2]אָבגעשניטען ווערען
מִמֵּי הַמַּבּוּל	פון די וואַסער פון דעם פלוט,
וְלֹא יִהְיֶה עוֹד מַבּוּל	און עס זאל מעהר ניט זיין קיין פלוט,
לְשַׁחֵת הָאָרֶץ׃	צו פערדאַרבען די ערד.
12. וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים	12. און גאט האט געזאָגט:
זֹאת אוֹת הַבְּרִית	דיזעס איז דער בונדעס־צייכען,
אֲשֶׁר אֲנִי נֹתֵן	וועלכען איך גיב,
בֵּינִי וּבֵינֵיכֶם	צווישען מיר און צווישען אייך,
וּבֵין כָּל נֶפֶשׁ חַיָּה	און צווישען יעדע לעבעדיגע [1]זעלע,
אֲשֶׁר אִתְּכֶם	וואס איז ביי אייך,
לְדֹרֹת עוֹלָם׃	פיר עוויגע [3]געשלעכטער.
13. אֶת קַשְׁתִּי	13. מיין בויגען
נָתַתִּי	האב איך (אריין) [4]געגעבען
בֶּעָנָן	אין דעם וואָלקען,
וְהָיְתָה	און עס זאל זיין
לְאוֹת בְּרִית	פיר א בונדעס־צייכען
בֵּינִי וּבֵין הָאָרֶץ׃	צווישען מיר און צווישען די ערד
14. וְהָיָה	14. און עס וועט זיין,
בְּעַנְנִי עָנָן	ווען איך וועל ברייגגען א וואָלקען
עַל הָאָרֶץ	איבער די ערד,
וְנִרְאֲתָה הַקֶּשֶׁת	און דער בויגען וועט געזען ווערען
בֶּעָנָן׃	אין דעם וואָלקען,
15. וְזָכַרְתִּי אֶת בְּרִיתִי	15. דאן וועל איך געדיינקען מיין בונד,
אֲשֶׁר בֵּינִי וּבֵינֵיכֶם	וואס איז צווישען מיר און צווישען אייך,
וּבֵין כָּל נֶפֶשׁ חַיָּה	און צווישען יעדע לעבעדיגע [1]זעלע
בְּכָל בָּשָׂר	[6]פון אלעם פלייש,
וְלֹא יִהְיֶה עוֹד הַמַּיִם	און די וואסער וועט מעהר ניט ווערען
לְמַבּוּל	צו א פלוט
לְשַׁחֵת	צו פערדארבען
כָּל בָּשָׂר׃	אלעס פלייש.
16. וְהָיְתָה הַקֶּשֶׁת	16. און דער בויגען וועט זיין
בֶּעָנָן	אין דעם וואָלקען,
וּרְאִיתִיהָ	און איך וועל [6]איהו זעהען

1) וועזען. 2) פערטיליגט. 3) צייטען. 4) געזעצט. 5) אונטער. 6) איהם.

לִזְכֹּר	צו געדיינקען
בְּרִית עוֹלָם	(דעם) עוויגען בונד
בֵּין אֱלֹהִים	צווישען גאט
וּבֵין כָּל נֶפֶשׁ חַיָּה	און צווישען יעדע לעבעדיגע זעלע
בְּכָל בָּשָׂר	[1]פון אַלעם פלייש,
אֲשֶׁר עַל הָאָרֶץ׃	וואס איז אויף דער ערד.
17. וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים אֶל נֹחַ	17. און גאט האט געזאָגט צו נח:
זֹאת אוֹת הַבְּרִית	דיזעס איז דער בונדעס־צייכען,
אֲשֶׁר הֲקִמֹתִי	וועלכען איך האב אויפגעשטעלט,
בֵּינִי	צווישען מיר
וּבֵין כָּל בָּשָׂר	און צווישען אַלעם פלייש,
אֲשֶׁר עַל הָאָרֶץ׃	וואס איז אויף דער ערד.
שִׁשִּׁי	שִׁשִּׁי
18. וַיִּהְיוּ בְנֵי נֹחַ	18. און עס זיינען געוועזען די זיהן פון נח,
הַיֹּצְאִים מִן הַתֵּבָה	וועלכע זיינען אַרויס פון דעם קאַסטען:
שֵׁם וְחָם וָיָפֶת	שם, חם און יפת.
וְחָם הוּא אֲבִי כְנָעַן׃	און חם איז דער פאטער פון כנען.
19. שְׁלֹשָׁה אֵלֶּה	19. דיזע דריי
בְּנֵי נֹחַ	זיינען נח׳ס זיהן,
וּמֵאֵלֶּה	און פון דיזע
נָפְצָה כָל הָאָרֶץ׃	איז די גאַנצע ערד [2]פער־שפּרייט געוואָרען.
20. וַיָּחֶל נֹחַ	20. און נח האט אָנגעפאַנגען
אִישׁ הָאֲדָמָה	איין לאַנד־מאן (צו זיין),
וַיִּטַּע כָּרֶם׃	און ער האט געפלאַנצט אַ וויינגאָרטען.
21. וַיֵּשְׁתְּ מִן הַיַּיִן	21. און ער האט געטרונקען פון דעם וויין,
וַיִּשְׁכָּר	און ער איז [3]בערוישט געוועזען,
וַיִּתְגַּל	און ער האט זיך אָבגעדעקט
בְּתוֹךְ אָהֳלֹה׃	אין זיין געצעלט.
22. וַיַּרְא חָם	22. און חם האט געזעהן,
אֲבִי כְנַעַן	דער פאטער פון כנען,
אֵת עֶרְוַת אָבִיו	די בלעסע פון זיין פאטער,
וַיַּגֵּד	און ער האט (עס) דערציילט
לִשְׁנֵי אֶחָיו	צו זיינע צוויי ברידער
בַּחוּץ׃	אין דרויסען.
23. וַיִּקַּח שֵׁם וָיֶפֶת	23. און שם און יפת האבען גענומען
אֶת הַשִּׂמְלָה	די קלייד,
וַיָּשִׂימוּ	און זיי האבען [4]אַוועק־געלייגט
עַל שְׁכֶם שְׁנֵיהֶם	אויף זייער ביידענ׳ס שול־טער,
וַיֵּלְכוּ אֲחֹרַנִּית	און זיי זיינען געגאַנגען [5]ריקוועריטס,
וַיְכַסּוּ	און זיי האבען בעדעקט
אֵת עֶרְוַת אֲבִיהֶם	זייער פאטער׳ס בלעסע,
וּפְנֵיהֶם אֲחֹרַנִּית	און זייער געזיכט (וואַר) [5]ריקוועריטס,
וְעֶרְוַת אֲבִיהֶם	און זייער פאטער׳ס בלעסע
לֹא רָאוּ׃	האבען זיי ניט געזעהן.
24. וַיִּיקֶץ נֹחַ	24. און נח האט ערוואַכט
מִיֵּינוֹ	פון זיין וויין,
וַיֵּדַע	און ער האט זיך דערוואוסט
אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה לוֹ	וואס איהם האט געטאָן
בְּנוֹ הַקָּטָן׃	זיין קלייגער זוהן.
25. וַיֹּאמֶר	25. און ער האט געזאגט:
אָרוּר כְּנָעַן	פערפלוכט זאל זיין כנען,
עֶבֶד עֲבָדִים	אַ קנעכט פון קנעכט
יִהְיֶה לְאֶחָיו׃	זאל ער זיין צו זיינע ברידער.
26. וַיֹּאמֶר	26. און ער האט געזאָגט:
בָּרוּךְ יְהוָה	[6]געלויבט זאל זיין דער עוויגער
אֱלֹהֵי שֵׁם	דער גאט פון שם,
וִיהִי כְנַעַן	און כנען זאל זיין
עֶבֶד לָמוֹ׃	אַ קנעכט צו זיי.
27. יַפְתְּ אֱלֹהִים לְיֶפֶת	27. גאט זאל אויסברייטען יפת.
וְיִשְׁכֹּן	און ער זאל וויינען
בְּאָהֳלֵי שֵׁם	אין די געצעלטען פון שם,
וִיהִי כְנַעַן	און כנען זאל זיין
עֶבֶד לָמוֹ׃	אַ קנעכט צו זיי.
28. וַיְחִי נֹחַ	28. און נח האט געלעבט
אַחַר הַמַּבּוּל	נאך דעם פלוט,
שְׁלֹשׁ מֵאוֹת שָׁנָה	דריי הונדערט יאָהר
וַחֲמִשִּׁים שָׁנָה׃	און פופציג יאָהר.
29. וַיְהִי כָּל יְמֵי נֹחַ	29. און עס זיינען געוועזען אַלע טעג פון נח
תְּשַׁע מֵאוֹת שָׁנָה	ניין הונדערט יאהר
וַחֲמִשִּׁים שָׁנָה	און פופציג יאהר,
וַיָּמֹת׃	און ער איז געשטאָרבען.

1) אונטער. 2) בעפעלקערט. 3) בעטרונקען. 4) געטאָן. 5) הינטערווייליך. 6) געבענשט.

CAP. X. — י

1. וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת	1. און דיזע זיינען די נאכקאמען
בְּנֵי נֹחַ	פון נח'ס זיהן,
שֵׁם חָם וָיָפֶת	שם, חם און יפת,
וַיִּוָּלְדוּ לָהֶם בָּנִים	און עס זיינען בייא זיי געבאָ־רען געוואָרען זיהן
אַחַר הַמַּבּוּל:	נאָך דעם פלוט.
2. בְּנֵי יֶפֶת	2. די זיהן פון יפת (זיינען געוועזען):
גֹּמֶר וּמָגוֹג וּמָדַי	גומר און מגוג און מדי
וְיָוָן וְתֻבָל	און יון און תובל
וּמֶשֶׁךְ וְתִירָס:	און משך און תירס.
3. וּבְנֵי גֹּמֶר	3. און די זיהן פון גומר (זיינען געוועזען):
אַשְׁכְּנַז וְרִיפַת	אשכנז און ריפת
וְתֹגַרְמָה:	און תוגרמה.
4. וּבְנֵי יָוָן	4. און די זיהן פון יון (זיינען געוועזען):
וְאַבְרָהָם הֹלֵךְ עִמָּם	און אברהם איז געגאַנגען מיט זײ

1) דעם רינד. 2)קאַלב. 3)ווײכען. 4)קנעכט. 5)געגעבען. 6)פילײכט ווי אין אידיש: בײ דיזע צײט, ווען מען וועט לעבען; אָדער: אין וועלכע איהר וועט לעבען. 7)טעג 8)נאך מײן פערוועלקען. 9)וואָללוסט. 10)אונמעגליך.

לְשַׁלְּחָם׃	זיי צו בעגלייטען.
17. וַיהוָה אָמָר	17 און גאט האט געזאגט:
הַמְכַסֶּה אֲנִי	זאל איך פערדעקען
מֵאַבְרָהָם	פון אברהם.
אֲשֶׁר אֲנִי עֹשֶׂה׃	וואס איך טהוא?
18. וְאַבְרָהָם הָיוֹ יִהְיֶה	18. און אברהם וועט ווערען
לְגוֹי גָּדוֹל וְעָצוּם	צו א גרויסע און מעכטיגע נאציאָן.
וְנִבְרְכוּ בוֹ	און עס וועלען [1]דורך איהם געבענשט ווערען
כֹּל גּוֹיֵי הָאָרֶץ׃	אלע נאציאָנען פון דער ערד.
19. כִּי יְדַעְתִּיו	19. דען איך האב [2]איהם ערקענט.
לְמַעַן אֲשֶׁר יְצַוֶּה	אום ער זאל בעפעהלען
אֶת בָּנָיו וְאֶת בֵּיתוֹ	זיינע זיהן און זיין הויז
אַחֲרָיו	נאָך איהם.
וְשָׁמְרוּ דֶּרֶךְ יְהוָה	דאס זיי זאלען היטען דעם עוויגענ'ס־וועג
לַעֲשׂוֹת	צו טהאָן
צְדָקָה וּמִשְׁפָּט	גערעכטיגקייט און רעכט.
לְמַעַן הָבִיא יְהוָה	אום דער עוויגער זאל ברייגגען
עַל אַבְרָהָם	איבער אברהם.
אֵת אֲשֶׁר דִּבֶּר עָלָיו׃	וואס ער האט גערעדט איבער איהם.
20. וַיֹּאמֶר יְהוָה	20. און דער עוויגער האט געזאגט:
זַעֲקַת סְדֹם וַעֲמֹרָה	דער געשריי (איבער) סדום און עמורה
כִּי רָבָּה	איז גרויס
וְחַטָּאתָם	און זייער זינד
כִּי כָבְדָה מְאֹד׃	איז זעהר שווער.
21. אֵרְדָה נָּא	21. איך וועל דאך אראבגיין,
וְאֶרְאֶה	און איך וועל זעהן,
הַכְּצַעֲקָתָהּ	אויב ווי דער געשריי,
הַבָּאָה אֵלַי	וועלכער איז געקומען צו מיר,
עָשׂוּ	האבען זיי געטאָן,
כָּלָה	(דאַן וועל איך ברייגגען) פערניכטונג
וְאִם לֹא	און אויב נים,
אֵדָעָה׃	וויל איך (עס) וויסען[3].
22. וַיִּפְנוּ מִשָּׁם הָאֲנָשִׁים	22. און די מענער האבען זיך פון דאָרט געקערט,
וַיֵּלְכוּ סְדֹמָה	און זיי זיינען געגאַנגען נאָך סדום,
וְאַבְרָהָם עוֹדֶנּוּ עֹמֵד	און אברהם איז נאָך געשטאַנען,

לִפְנֵי יְהוָה׃	פאר דעם עוויגען.
23. וַיִּגַּשׁ אַבְרָהָם	23. און אברהם האט זיך ערנענטערט.
וַיֹּאמַר	און ער האט געזאגט:
הַאַף תִּסְפֶּה	וועסט'ו אויך [4]פערניכטען
צַדִּיק עִם רָשָׁע׃	דעם גערעכטען מיט דעם [5]זינדיגען?
24. אוּלַי יֵשׁ	24. פילייכט איז דאָ
חֲמִשִּׁים צַדִּיקִם	פופציג גערעכטע
בְּתוֹךְ הָעִיר	אין דער שטאָט,
הַאַף תִּסְפֶּה	וועסט'ו אייך פערניכטען
וְלֹא תִשָּׂא לַמָּקוֹם	און דו וועסט נים פערצייהען דעם אָרט
לְמַעַן חֲמִשִּׁים הַצַּדִּיקִם	וועגן די פופציג גערעכטע,
אֲשֶׁר בְּקִרְבָּהּ׃	וועלכע זיינען אין איהר?
25. חָלִלָה לְּךָ	25. [6]עס פאַסט נים פאר דיר
מֵעֲשׂת כַּדָּבָר הַזֶּה	צו טהאָן אַזאַ זאַך
לְהָמִית	צו טויטען
צַדִּיק עִם רָשָׁע	(דעם) גערעכטען מיט (דעם) [5]זינדיגען,
וְהָיָה כַצַּדִּיק כָּרָשָׁע	און דער גערעכטער זאָל זיין ווי דער [5]זינדיגער,
חָלִלָה לָּךְ	[6]עס פאַסט נים פיר דיר!
הֲשֹׁפֵט כָּל הָאָרֶץ	צו דער ריכטער פון דער גאַנצער ערד
לֹא יַעֲשֶׂה מִשְׁפָּט׃	זאָל נים טהאָן קיין גערעכטיגקייט?
26. וַיֹּאמֶר יְהוָה	26. און גאט האט געזאָגט:
אִם אֶמְצָא בִסְדֹם	אויב איך וועל געפינען אין סדום
חֲמִשִּׁים צַדִּיקִים	פופציג גערעכטע
בְּתוֹךְ הָעִיר	אין דער שטאט,
וְנָשָׂאתִי	וועל איך פערצייהען
לְכָל הַמָּקוֹם	דעם גאַנצען אָרט
בַּעֲבוּרָם׃	וועגען זיי.
27. וַיַּעַן אַבְרָהָם	27. און אברהם האט געאַנטוואָרט,
וַיֹּאמַר	און ער האט געזאגט:
הִנֵּה נָא	זעה דאָך,
הוֹאַלְתִּי לְדַבֵּר	איך [7]אונטערשטיי צו ריידען
אֶל אֲדֹנָי	צו מיין העררן,
וְאָנֹכִי עָפָר וָאֵפֶר׃	אָבוואָהל איך בין נור שטויב און אַש.
28. אוּלַי יַחְסְרוּן	28. פילייכט וועט פעהלען
חֲמִשִּׁים הַצַּדִּיקִם	(פון) די פופציג גערעכטע

1) זיך מיט איהם בענשען. 2) זיך מיט איהם בעקענט. 3) זעה בעמערקונג ענדע ספר. 4) אומברייגגען, פערדערבען. פערטיליגען. 5) שלעכטער, גאָטלאָזער. 6) עס זאָל זיין ווייט פון דיר; צו פראָסט. 7) וויל; פאַנג אָן.

חֲמִשָּׁה	פינף.
הֲתַשְׁחִית בַּחֲמִשָּׁה	צו וועסט׳ו פערדארבען וועגען די פינף
אֶת כָּל הָעִיר	די גאנצע שטאָט?
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאָגט:
לֹא אַשְׁחִית	איך וועל ניט פערדארבען,
אִם אֶמְצָא שָׁם	אויב איך וועל דאָרט געפינען
אַרְבָּעִים וַחֲמִשָּׁה:	פינף און פערציג.
29. וַיֹּסֶף עוֹד לְדַבֵּר אֵלָיו	29. און ער האט ווידער גערעדט צו איהם,
וַיֹּאמַר	און ער האט געזאגט:
אוּלַי יִמָּצְאוּן שָׁם	פילייכט וועלען דאָרט געפונען ווערען
אַרְבָּעִים	פערציג?
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאָגט:
לֹא אֶעֱשֶׂה	איך ווער (עס) ניט טהאָן
בַּעֲבוּר הָאַרְבָּעִים:	וועגען די פערציג.
30. וַיֹּאמֶר	30. און ער האט געזאָגט:
אַל נָא יִחַר לַאדֹנָי	זאָל דאך ניט [1]ערצירנען מיין העררן,
וַאֲדַבֵּרָה	און איך וועל ריידען:
אוּלַי יִמָּצְאוּן שָׁם	פילייכט וועלען דאָרט געפונען ווערען
שְׁלֹשִׁים	דרייסיג?
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט:
לֹא אֶעֱשֶׂה	איך וועל (עס) ניט טהאָן,
אִם אֶמְצָא שָׁם	אויב איך וועל דאָרט געפינען
שְׁלֹשִׁים:	דרייסיג.
31. וַיֹּאמֶר	31. און ער האט געזאגט:
הִנֵּה נָא	זעה דאך,
הוֹאַלְתִּי לְדַבֵּר	איך אונטערשטיי צו ריידען
אֶל אֲדֹנָי	צו מיין הערר:
אוּלַי יִמָּצְאוּן שָׁם	פילייכט וועלען דאָרט געפונען ווערען
עֶשְׂרִים	צוואנציג?
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט:
לֹא אַשְׁחִית	איך וועל ניט פערדארבען
בַּעֲבוּר הָעֶשְׂרִים:	וועגען די צוואנציג.
32. וַיֹּאמֶר	32. און ער האט געזאגט:
אַל נָא יִחַר לַאדֹנָי	זאָל דאך ניט [1]ערצירנען מיין העררן,
וַאֲדַבְּרָה	און איך וועל ריידען
אַךְ הַפַּעַם	נור (דיזען) מאָל:
אוּלַי יִמָּצְאוּן שָׁם	פילייכט וועלען דאָרט געפונען ווערען
עֲשָׂרָה	צעהן?
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט:
לֹא אַשְׁחִית	איך וועל ניט פערדארבען
בַּעֲבוּר הָעֲשָׂרָה:	וועגען די צעהן.
33. וַיֵּלֶךְ יְהוָה	33. און דער עוויגער איז אוועק־געגאנגען,
כַּאֲשֶׁר כִּלָּה לְדַבֵּר	ווען ער האט געענדיגט ריידען
אֶל אַבְרָהָם	צו אברהם,
וְאַבְרָהָם שָׁב לִמְקֹמוֹ	און אברהם האט זיך צוריק־געקערט צו זיין אָרט.

Cap. XIX. יט

שְׁלִישִׁי	שְׁלִישִׁי
1. וַיָּבֹאוּ שְׁנֵי הַמַּלְאָכִים	1. און די צוויי ענגלען זיינען געקומען
סְדֹמָה	נאך סדום
בָּעֶרֶב	אין אבענד,
וְלוֹט יֹשֵׁב	און לוט איז געזעסען
בְּשַׁעַר סְדֹם	אין דעם טויער פון סדום,
וַיַּרְא לוֹט	און (ווען) לוט האט (זיי) דערזען,
וַיָּקָם לִקְרָאתָם	איז ער אויפ־געשטאנען ענטגעגען זיי,
וַיִּשְׁתַּחוּ אַפַּיִם	און ער האט זיך געבוקט (מיט דעם) געזיכט
אָרְצָה:	צו דער ערד.
2. וַיֹּאמֶר	2. און ער האט געזאגט:
הִנֶּה נָּא אֲדֹנַי	[2]איך ביטע, מיינע העררן!
סוּרוּ נָא	קעהרט דאך איין
אֶל בֵּית עַבְדְּכֶם	אין די הויז פון אייער קנעכט,
וְלִינוּ	און איבער־נעכטיגט,
וְרַחֲצוּ רַגְלֵיכֶם	און וואשט אייערע פיס,
וְהִשְׁכַּמְתֶּם	און איהר וועט אויפשטיין פריה,
וַהֲלַכְתֶּם לְדַרְכְּכֶם	און איהר וועט גיין צו אייער וועג,
וַיֹּאמְרוּ	אָבער זיי האבען געזאָגט:
לֹּא	ניין!
כִּי בָרְחוֹב נָלִין:	זאָנדערן אויף׳ן [3]גאס וועלען מיר איבערנעכטיגען.
3. וַיִּפְצַר בָּם מְאֹד	3. און ער האט זיי זעהר [4]שטארק געבעטען
וַיָּסֻרוּ אֵלָיו	און זיי האבען איינגעקערט ביי איהם,
וַיָּבֹאוּ אֶל בֵּיתוֹ	און זיי זיינען געקומען אין זיין הויז,

1) גרימען, פערדריסען. 2) זעה, אָ מיינע העררן! 3) שטראסע. 4) דרינגענד.

וַיַּעַשׂ לָהֶם מִשְׁתֶּה	און ער האט פיר זיי געמאכט א מאָל־צייט
וּמַצּוֹת אָפָה	און אונגעזייערטע קוכענס האט ער געבאַקען,
וַיֹּאכֵלוּ׃	און זיי האבען געגעסען.
4. טֶרֶם יִשְׁכָּבוּ	4. זיי האבען זיך נאך ניט געלייגט,
וְאַנְשֵׁי הָעִיר	און די לייטע פון שטאָט,
אַנְשֵׁי סְדֹם	די לייטע פון סדום,
נָסַבּוּ עַל הַבַּיִת	האבען אַרום־גערינגעלט די הויז
מִנַּעַר וְעַד זָקֵן	פון יונג ביז אַלט,
כָּל הָעָם מִקָּצֶה׃	דאס גאַנצע פאָלק פון (יעדען) ברעג.
5. וַיִּקְרְאוּ אֶל לוֹט	5. און זיי האבען גערופען צו לוט,
וַיֹּאמְרוּ לוֹ	און זיי האבען צו איהם געזאגט:
אַיֵּה הָאֲנָשִׁים	וואו זיינען די מענער,
אֲשֶׁר בָּאוּ אֵלֶיךָ	וועלכע זיינען געקומען צו דיר
הַלָּיְלָה	דיזע נאַכט,
הוֹצִיאֵם אֵלֵינוּ	פיהר זיי אַרויס צו אונז,
וְנֵדְעָה אֹתָם׃	און מיר וועלען זיי ערקענען.
6. וַיֵּצֵא אֲלֵהֶם לוֹט	6. און לוט איז צו זיי אַרויסגעגאַנגען
הַפֶּתְחָה	צום איינגאַנג,
וְהַדֶּלֶת	און די טהיר
סָגַר אַחֲרָיו׃	האט ער פערשלאָסען הינטער [1]איהם.
7. וַיֹּאמַר	7. און ער האט געזאגט:
אַל נָא אַחַי תָּרֵעוּ׃	טהוט דאך קיין בייזעס, מיינע ברידער![2]
8. הִנֵּה נָא	8. זעהט דאָך
לִי שְׁתֵּי בָנוֹת	איך האב צוויי טעכטער,
אֲשֶׁר לֹא יָדְעוּ אִישׁ	וועלכע האבען ניט ערקענט קיין מאַן,
אוֹצִיאָה נָּא אֶתְהֶן	איך וועל זיי אַרויספיהרען
אֲלֵיכֶם	צו אייך,
וַעֲשׂוּ לָהֶן	און טהוט צו זיי,
כַּטּוֹב בְּעֵינֵיכֶם	ווי עס איז גוט אין אייערע אויגען,
רַק לָאֲנָשִׁים הָאֵל	נור צו דיזע לייטע
אַל תַּעֲשׂוּ דָבָר	זאָלט איהר קיין זאַך טהאָן,
כִּי עַל כֵּן בָּאוּ	[3]דען דאַרום זיינען זיי געקומען
בְּצֵל קֹרָתִי׃	אין דעם שאָטען פון מיין [4]דאַך.
9. וַיֹּאמְרוּ	9. און זיי האבען געזאָגט:
גֶּשׁ הָלְאָה	גיי [5]וויטער!
וַיֹּאמְרוּ	און זיי האבען געזאגט:

הָאֶחָד בָּא לָגוּר	דער איינער איז געקומען זיך אויפ־צו־האַלטען
וַיִּשְׁפֹּט שָׁפוֹט	און ער וויל גאָר ריכטען!
עַתָּה נָרַע לְךָ	יעצט וועלען מיר דיך (מעהר) בייזעס טהאָן
מֵהֶם	פון זיי,
וַיִּפְצְרוּ בָאִישׁ בְּלוֹט מְאֹד	און זיי האבען זעהר [6]שטאַרק געבעטען דעם מאַן לוט,
וַיִּגְּשׁוּ	און זיי האבען זיך דערנעהנ־טערט
לִשְׁבֹּר הַדָּלֶת׃	צו צוברעכען די טהיר.
10. וַיִּשְׁלְחוּ הָאֲנָשִׁים	10. און די לייטע האבען אויסגעשטרעקט
אֶת יָדָם	זייער האַנד,
וַיָּבִיאוּ אֶת לוֹט	און זיי האבען אַריינ־גע־בראַכט לוט
אֲלֵיהֶם	צו [1]זיי
הַבָּיְתָה	אין הויז
וְאֶת הַדֶּלֶת סָגָרוּ׃	און די טהיר האבען זיי פערשלאָסען.
11. וְאֶת הָאֲנָשִׁים	11. און די לייטע
אֲשֶׁר פֶּתַח הַבַּיִת	וועלכע (זיינען געווען ביים) איינגאַנג פון הויז,
הִכּוּ בַּסַּנְוֵרִים	האבען זיי געשלאָגען מיט בלינדהייט,
מִקָּטֹן וְעַד גָּדוֹל	פון קליין ביז גרויס,
וַיִּלְאוּ	און זיי זיינען מיד געווארען
לִמְצֹא הַפָּתַח׃	צו געפינען דעם איינגאַנג.
12. וַיֹּאמְרוּ הָאֲנָשִׁים	12. און די לייטע האבען געזאגט
אֶל לוֹט	צו לוט:
עֹד מִי לְךָ פֹה	וועמען האָסטו נאך היר
חָתָן	איין איידעם
וּבָנֶיךָ וּבְנֹתֶיךָ	און דיינע זיהן און דיינע טעכטער,
וְכֹל אֲשֶׁר לְךָ בָּעִיר	און אַלעס, וואס געהערט צו דיר אין דער שטאָט
הוֹצֵא מִן הַמָּקוֹם׃	פיהר אַרויס פון דיזען אָרט.
13. כִּי מַשְׁחִתִים אֲנַחְנוּ	13. דען מיר פערדארבען
אֶת הַמָּקוֹם הַזֶּה	דיזען אָרט,
כִּי גָדְלָה צַעֲקָתָם	דען [7]דער געשריי איבער זיי איז גרויס
אֶת פְּנֵי יְהוָה	פאר דעם עוויגען,
וַיְשַׁלְּחֵנוּ יְהוָה	און דער עוויגער האט אונז געשיקט
לְשַׁחֲתָהּ׃	איהר צו פערדארבען.
14. וַיֵּצֵא לוֹט	14. און לוט איז אַרויס־געגאַנגען,
וַיְדַבֵּר אֶל חֲתָנָיו	און ער האט גערעט צו זיינע איידעמ'ס

1) זיך. 2) אזוי ווי: אל תרעו נא אחי! אָדער ווי: נא אַחי! אל תרעו, איך ביטע, מיינע ברידער, טהוט קיין בייזעס.
3) ווייל זיי זיינען געקומען. 4) באַלקען. 5) אוועג. 6) דרינגענד. 7) זייער געשריי איז גרויס.

לֹקְחֵי בְנֹתָיו	וועלכע האבען געזאָלט נעהמען זיינע טעכטער.
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט:
קוּמוּ	שטייט אויף,
צְּאוּ	גייט אַרויס
מִן הַמָּקוֹם הַזֶּה	פון דיזען אָרט,
כִּי מַשְׁחִית יְהוָה	דען דער עוויגער פער־דאַרבט
אֶת הָעִיר	די שטאָט,
וַיְהִי כִמְצַחֵק	און ער איז געוועזען ווי [1]אַ שפּאָטער
בְּעֵינֵי חֲתָנָיו:	אין די אויגען פון זיינע איידעמס.
15. וּכְמוֹ הַשַּׁחַר עָלָה	15. און ווי דער מאָרגען־שטערען איז אויפגעגאַנגען
וַיָּאִיצוּ הַמַּלְאָכִים בְּלוֹט	האבען די ענגלען [2]געדרענגט אין לוט,
לֵאמֹר	זאגענדיג:
קוּם	שטיי אויף,
קַח אֶת אִשְׁתְּךָ	נעהם דיין פרוי,
וְאֶת שְׁתֵּי בְנֹתֶיךָ	און דיינע צוויי טעכטער.
הַנִּמְצָאֹת	וועלכע געפינען זיך (היער)
פֶּן תִּסָּפֶה	[3]אום דו זאָלסט ניט פער־ניכטעט ווערען
בַּעֲוֹן הָעִיר:	דורך די זינד פון דער שטאָט.
16. וַיִּתְמַהְמָהּ	16. אָבער (אַלס) ער האט זיך פערזאַמט,
וַיַּחֲזִיקוּ הָאֲנָשִׁים	האבען די מענער אָנגענו־מען
בְּיָדוֹ	אין זיין האַנד
וּבְיַד אִשְׁתּוֹ	און אין די האַנד פון זיין פרוי,
וּבְיַד שְׁתֵּי בְנֹתָיו	און אין די האַנד פון זיינע צוויי טעכטער,
בְּחֶמְלַת יְהוָה עָלָיו	[4]ווייל דער עוויגער האט זיך ערבאַרעמט איבער איהם,
וַיֹּצִאֻהוּ	און זיי האבען איהם אַרויס־געפיהרט
וַיַּנִּחֻהוּ	און זיי האבען איהם געלאָזען
מִחוּץ לָעִיר:	פון אויסען שטאָט.
17. וַיְהִי	17. און עס איז געוועזען,
כְהוֹצִיאָם אֹתָם	ווען ער האבט זיי אַרויסגע־פיהרט
הַחוּצָה	אין [5]דרויסען,
וַיֹּאמֶר	האט ער געזאָגט:
הִמָּלֵט עַל נַפְשֶׁךָ	רעטע זיך וועגען דיין זעלע,
אַל תַּבִּיט אַחֲרֶיךָ	דו זאָלסט ניט קוקען הינטער דיר,
וְאַל תַּעֲמֹד	און דו זאלסט ניט(בלייבען) שטעהן
בְּכָל הַכִּכָּר	אין דעם גאַנצען קרייז,
הָהָרָה הִמָּלֵט	רעטע זיך צום באַרג,
פֶּן תִּסָּפֶה:	[3]אום דו זאלסט ניט פער־ניכטעט ווערען.
18. וַיֹּאמֶר לוֹט אֲלֵהֶם	18. און לוט האט צו זיי געזאגט:
אַל נָא אֲדֹנָי	ניט דאך, מיינע העררען!
19. הִנֵּה נָא	19. זעה דאך,
מָצָא עַבְדְּךָ חֵן	דיין קנעכט האט געפונען גנאַדע
בְּעֵינֶיךָ	אין דיינע אויגען,
וַתַּגְדֵּל	און דו האסט גרויס געמאַכט
חַסְדְּךָ	דיין גנאַדע,
אֲשֶׁר עָשִׂיתָ עִמָּדִי	וועלכע דו האסט געטאָן מיט מיר
לְהַחֲיוֹת אֶת נַפְשִׁי	[6]מיך דעם לעבען צו ערהאַלטען,
וְאָנֹכִי לֹא אוּכַל	אָבער איך קען ניט
לְהִמָּלֵט הָהָרָה	זיך רעטען צום באַרג,
פֶּן תִּדְבָּקַנִי הָרָעָה	פילייכט וועט מיר [7]טרעפען דער [8]אונגליק
וָמַתִּי:	און איך וועל שטאַרבען.
20. הִנֵּה נָא	20. זעה דאך,
הָעִיר הַזֹּאת קְרֹבָה	דיזע שטאָט איז נאָהענט
לָנוּס שָׁמָּה	דאָרט צו ענטלויפען,
וְהִיא מִצְעָר	און זי איז קליין,
אִמָּלְטָה נָּא שָׁמָּה	איך וועל זיך דאָרט רעטען,
הֲלֹא מִצְעָר הִיא	—[9]איז זי ניט קליין?—
וּתְחִי נַפְשִׁי:	און מיין זעלע וועט בלייבען לעבען.
רְבִיעִי	רְבִיעִי
21. וַיֹּאמֶר אֵלָיו	21. און ער האט צו איהם געזאגט:
הִנֵּה נָשָׂאתִי פָנֶיךָ	זעה, איך [10]אַכטע דיין פערזאָן
גַּם לַדָּבָר הַזֶּה	אויך ביי דיזע זאַך
לְבִלְתִּי הָפְכִּי	ניט אומצוקערען
אֶת הָעִיר	די שטאָט,
אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ:	וואס דו האָסט גערעט.
22. מַהֵר	22. אַייל,
הִמָּלֵט שָׁמָּה	רעטע זיך דאָרט,
כִּי לֹא אוּכַל לַעֲשׂוֹת דָּבָר	דען איך קען קיין זאַך טהאָן
עַד בֹּאֲךָ שָׁמָּה	ביז דו וועסט דאָרט קומען;
עַל כֵּן קָרָא	דאַרום האט מען גערופען
שֵׁם הָעִיר	דעם נאמען פון דער שטאָט

1) איינער, וואס מאַכט שפּאַס. 2) געאיילט. 3) דאַמיט. 4) וועגען גאָטעס באַרעמהערציגקייט. 5) גאַס. 6) מיין זעלע 7) גרייכען, בעהעפטען, אָנשליסען, בעגעגנען 8) בעזעס, שלעכטעס 9) זי איז דאך קליין 10) טהו דיר צוליב.

צֹעַר: — צוער.

23. הַשֶּׁמֶשׁ יָצָא — 23. די זון איז אַרויסגעגאַנגען
עַל הָאָרֶץ — אויף דער ערד,
וְלוֹט בָּא צֹעֲרָה: — און לוט איז געקומען נאך צוער.

24. וַיהוָה הִמְטִיר — 24. און דער עוויגער האט געמאַכט רעגנען
עַל סְדֹם וְעַל עֲמֹרָה — איבער סדום און עמורה
גָּפְרִית וָאֵשׁ — שוועבעל און פייער
מֵאֵת יְהוָה — פון דעם עוויגען,
מִן הַשָּׁמָיִם: — פון הימעל.

25. וַיַּהֲפֹךְ — 25. און ער האט אומגעקערט
אֶת הֶעָרִים הָאֵל — דיזע שטעט,
וְאֵת כָּל הַכִּכָּר — און דעם גאַנצען [1]קרייז,
וְאֵת כָּל יֹשְׁבֵי הֶעָרִים — און אַלע איינוואָהנער פון די שטעט,
וְצֶמַח הָאֲדָמָה: — און די [2]שפּראָצונג פון דער ערד.

26. וַתַּבֵּט אִשְׁתּוֹ — 26. און זיין פרוי האט געקוקט
מֵאַחֲרָיו — פון הינטער זיך,
וַתְּהִי — און זי איז געוואָרען
נְצִיב מֶלַח: — אַ זייל זאַלץ.

27. וַיַּשְׁכֵּם אַבְרָהָם — 27. און אברהם איז אויפגעשטאַנען פריה
בַּבֹּקֶר — דעם מאָרגענס
אֶל הַמָּקוֹם — [3]צום אָרט,
אֲשֶׁר עָמַד שָׁם — וואס ער איז דאָרט געשטאַנען
אֶת פְּנֵי יְהוָה: — פאַר דעם עוויגען.

28. וַיַּשְׁקֵף — 38. און ער האט געקוקט
עַל פְּנֵי סְדֹם וַעֲמֹרָה — אויף די פלעכע פון סדום און עמורה,
וְעַל כָּל פְּנֵי — און אויף די גאַנצע פלעכע
אֶרֶץ הַכִּכָּר — פון די לאַנד פון דעם קרייז,
וַיַּרְא — און ער האט געזען,
וְהִנֵּה עָלָה — דאַס עס איז אויפגעגאַנגען
קִיטֹר הָאָרֶץ — אַ רויך פון דער ערד,
כְּקִיטֹר הַכִּבְשָׁן: — ווי דער רויך פון אַ [4]קאַלך־אייוועז.

29. וַיְהִי — 29. און עס איז געוועזן,
בְּשַׁחֵת אֱלֹהִים — ווען דער עוויגער האט פערדאָרבען
אֶת עָרֵי הַכִּכָּר — די שטעט פון דעם [1]קרייז,
וַיִּזְכֹּר אֱלֹהִים אֶת אַבְרָהָם — האט גאָט [5]געדיינקט אַן אברהם
וַיְשַׁלַּח אֶת לוֹט — און ער האט אַרויסגעשיקט לוט,
מִתּוֹךְ הַהֲפֵכָה — פון מיטען די [6]אומקעהרונג,
בַּהֲפֹךְ אֶת הֶעָרִים — ווען ער האט אומגעקערט די שטעט,
אֲשֶׁר יָשַׁב בָּהֵן לוֹט: — וואס לוט האט אין זיי געוואָהנט.

30. וַיַּעַל לוֹט מִצּוֹעַר — 30. און לוט איז אויפ־געגאַנגען פון צוער,
וַיֵּשֶׁב בָּהָר — און ער האט געוואָהנט אויף דעם באַרג,
וּשְׁתֵּי בְנֹתָיו עִמּוֹ — און זיינע צוויי טעכטער מיט איהם.
כִּי יָרֵא — דען ער האט זיך געפירכטעט
לָשֶׁבֶת בְּצוֹעַר — צו וואָהנען אין צוער,
וַיֵּשֶׁב בַּמְּעָרָה — און ער האט געוואָהנט אין אַ הייל,
הוּא וּשְׁתֵּי בְנֹתָיו: — ער און זיינע צוויי טעכטער.

31. וַתֹּאמֶר הַבְּכִירָה אֶל הַצְּעִירָה אָבִינוּ
זָקֵן וְאִישׁ אֵין בָּאָרֶץ לָבוֹא עָלֵינוּ כְּדֶרֶךְ
כָּל הָאָרֶץ: 32. לְכָה נַשְׁקֶה אֶת אָבִינוּ
יַיִן וְנִשְׁכְּבָה עִמּוֹ וּנְחַיֶּה מֵאָבִינוּ זָרַע:
33. וַתַּשְׁקֶיןָ אֶת אֲבִיהֶן יַיִן בַּלַּיְלָה הוּא
וַתָּבֹא הַבְּכִירָה וַתִּשְׁכַּב אֶת אָבִיהָ וְלֹא
יָדַע בְּשִׁכְבָהּ וּבְקוּמָהּ: 34. וַיְהִי מִמָּחֳרָת
וַתֹּאמֶר הַבְּכִירָה אֶל הַצְּעִירָה הֵן שָׁכַבְתִּי
אֶמֶשׁ אֶת אָבִי נַשְׁקֶנּוּ יַיִן גַּם הַלַּיְלָה
וּבֹאִי שִׁכְבִי עִמּוֹ וּנְחַיֶּה מֵאָבִינוּ זָרַע:
35. וַתַּשְׁקֶיןָ גַּם בַּלַּיְלָה הַהוּא אֶת אֲבִיהֶן
יָיִן וַתָּקָם הַצְּעִירָה וַתִּשְׁכַּב עִמּוֹ וְלֹא
יָדַע בְּשִׁכְבָהּ וּבְקֻמָהּ: 36. וַתַּהֲרֶיןָ שְׁתֵּי
בְנוֹת לוֹט מֵאֲבִיהֶן:

37. וַתֵּלֶד הַבְּכִירָה בֵּן — 37. און די עלטערע האט געבאָרען אַ זוהן,
וַתִּקְרָא שְׁמוֹ מוֹאָב — און זי האט גערופען זיין נאָמען מואב,
הוּא אֲבִי מוֹאָב — ער איז דער פאָטער פון (דעם פאָלק) מואב
עַד הַיּוֹם: — ביז הייטע.

38. וְהַצְּעִירָה גַם הִוא — 38. און אויך די אינגערע
יָלְדָה בֵּן — האט געבאָרען אַ זוהן,
וַתִּקְרָא שְׁמוֹ בֶּן עַמִּי — און זי האט גערופען זיין נאָמען בן עמי,
הוּא אֲבִי בְנֵי עַמּוֹן — ער איז דער פאָטער פון די קינדער פון עמון
עַד הַיּוֹם: — ביז הייטע.

1) אומגעגענד. 2) געוועקס. 3) (און ער איז געגאַנגען) צום אָרט. 4) אייוועז. ברענ־אייוועז. 5) זיך דערמאָנט.
6) צושטערונג. 7) וועגען.

CAP. XX. כ

1. וַיִּסַּע מִשָּׁם אַבְרָהָם	1. און אברהם האט פון דאָרט געריווזט
אַרְצָה הַנֶּגֶב	נאָך זיד־לאַנד.
וַיֵּשֶׁב	און ער האט זיך בעזעצט
בֵּין קָדֵשׁ וּבֵין שׁוּר	צווישען קדש און צווישען שור,
וַיָּגָר בִּגְרָר:	און ער האט געוואָהנט אין גרר.
2. וַיֹּאמֶר אַבְרָהָם	2. און אברהם האט געזאגט
אֶל שָׂרָה אִשְׁתּוֹ	[1]אויף זיין פרוי שרה :
אֲחֹתִי הִוא	„זי איז מיין שוועסטער“,
וַיִּשְׁלַח אֲבִימֶלֶךְ מֶלֶךְ גְּרָר	און אבימלך, דער קעניג פון גרר, האט געשיקט,
וַיִּקַּח אֶת שָׂרָה :	און ער האט גענומען שרה.
3. וַיָּבֹא אֱלֹהִים	3. און גאָט איז געקומען
אֶל אֲבִימֶלֶךְ	צו אבימלך
בַּחֲלוֹם הַלָּיְלָה	אין נאַכט־טרוים
וַיֹּאמֶר לוֹ	און ער האט צו איהם געזאָגט:
הִנְּךָ מֵת	זעה, דו שטאַרבסט
עַל הָאִשָּׁה	וועגען די פרוי,
אֲשֶׁר לָקַחְתָּ	וועלכע דו האסט גענומען,
וְהִוא בְּעֻלַת בָּעַל:	דען זי איז א ווייב פון א מאַן.
4. וַאֲבִימֶלֶךְ	4. אבער אבימלך
לֹא קָרַב אֵלֶיהָ	האט זיך ניט ערנעהנטערט צו איהר,
וַיֹּאמַר	און ער האט געזאָגט :
אֲדֹנָי	מיין העדר!
הֲגוֹי גַּם צַדִּיק תַּהֲרֹג :	ווערסט׳ו אויך א גערעכטע נאַציאָן [2]טויטען?
5. הֲלֹא הוּא אָמַר לִי	5. האט ער ניט צו מיר געזאָגט:
אֲחֹתִי הִוא	„זי איז מיין שוועסטער?“
וְהִיא גַם הִוא אָמְרָה	און אויך זי זעלבסט האט געזאָגט:
אָחִי הוּא	„ער איז מיין ברודער“
בְּתָם לְבָבִי	[3]מיט די אונשולד פון מיין האַרצען
וּבְנִקְיֹן כַּפַּי	און [3]מיט די ריינקייט פון מיינע הענד
עָשִׂיתִי זֹאת:	האב איך דיזעס געטהאָן.
6. וַיֹּאמֶר אֵלָיו הָאֱלֹהִים	6. און גאָט האט צו איהם געזאָגט
בַּחֲלֹם	אין טרוים :
גַּם אָנֹכִי יָדַעְתִּי	אויך איך ווייס,
כִּי בְתָם לְבָבְךָ	דאס אין דעם אונשולד פון דיין האַרצען
עָשִׂיתָ זֹּאת	האָסט׳ו דיזעס געטהאָן,
וָאֶחְשֹׂךְ גַּם אָנֹכִי אוֹתְךָ	דאַרום האב איך דיך אויך [4]אָבגעהאַלטען
מֵחֲטוֹ לִי	צו זינדיגען געגען מיר,
עַל כֵּן לֹא נְתַתִּיךָ	דאַרום האב איך דיך ניט געלאָזען
לִנְגֹּעַ אֵלֶיהָ:	זיך אָנצוריהרען אָן איהר.
7. וְעַתָּה	7. און יעצט
הָשֵׁב אֵשֶׁת הָאִישׁ	קעהר צוריק די פרוי פון דעם מאַן,
כִּי נָבִיא הוּא	דען ער איז א פּראָפעט.
וְיִתְפַּלֵּל בַּעַדְךָ	און ער וועט בעטען פאר דיר
וֶחְיֵה	און דו וועסט לעבען (בלייבען),
וְאִם אֵינְךָ מֵשִׁיב	ווען דו קעהרסט (איהר) אבער ניט צוריק
דַּע	זאָלסט׳ו וויסען,
כִּי מוֹת תָּמוּת	דאס דו מוזט שטאַרבען,
אַתָּה וְכָל אֲשֶׁר לָךְ:	דו און אלעס, וואס געהערט צו דיר.
8. וַיַּשְׁכֵּם אֲבִימֶלֶךְ	8. און אבימלך איז אויפגעשטאַנען פריה
בַּבֹּקֶר	דעם־מאָרגענס,
וַיִּקְרָא לְכָל עֲבָדָיו	און האט גערופען אלע זיינע קנעכט.
וַיְדַבֵּר	און ער האט גערעדט
אֶת כָּל הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה	אלע דיזע ווערטער
בְּאָזְנֵיהֶם	אין זייערע אויערען,
וַיִּירְאוּ הָאֲנָשִׁים מְאֹד:	און די מענער האבען זיך זעהר געפירכטעט.
9. וַיִּקְרָא אֲבִימֶלֶךְ לְאַבְרָהָם	9. און אבימלך האט גע־רופען אברהם,
וַיֹּאמֶר לוֹ	און ער האט צו איהם געזאָגט:
מֶה עָשִׂיתָ לָּנוּ	וואס האָסט׳ו אונז געטהאָן?
וּמֶה חָטָאתִי לָךְ	און וואס האב איך געזינ־דיגט געגען דיר,
כִּי הֵבֵאתָ	דאס דו האסט געבראַכט
עָלַי וְעַל מַמְלַכְתִּי	איבער מיר און איבער מיין קעניגרייך
חֲטָאָה גְדֹלָה	א גרויסע [5]זינד?
מַעֲשִׂים	טהאַטען,
אֲשֶׁר לֹא יֵעָשׂוּ	וועלכע ווערען ניט געטהאָן

1) וועגען. 2) דערשלאָגען. אומבריינגען. 3) אין. 4) פערמיעדען. פערהינדערט. 5) שולד. פערשולדיגונג.

עָשִׂיתָ עִמָּדִי׃	האָסט'ו געטהאָן מיט מיר.
10. וַיֹּאמֶר אֲבִימֶלֶךְ	10. און אבימלך האט געזאָגט
אֶל אַבְרָהָם	צו אברהם:
מָה רָאִיתָ	וואס האָסט'ו געזעהן,
כִּי עָשִׂיתָ	דאס דו האָסט געטהאָן
אֶת הַדָּבָר הַזֶּה׃	דיזע זאך?
11. וַיֹּאמֶר אַבְרָהָם	11. און אברהם האט געזאָגט:
כִּי אָמַרְתִּי	דען איך האב [1]געזאגט:
רַק אֵין יִרְאַת אֱלֹהִים	[2]געוויס איז קיין גאָטעס-פורכט (דאָ)
בַּמָּקוֹם הַזֶּה	אין דיזען אָרט,
וַהֲרָגוּנִי	און זיי וועלען מיר דער-שלאָגען
עַל דְּבַר אִשְׁתִּי׃	וועגען מיין פרוי.
12. וְגַם אָמְנָה	12. און אויך ווירקליך
אֲחֹתִי	(זי איז) מיין שוועסטער,
בַת אָבִי הִוא	זי איז מיין פאטער'ס טאָכטער[3]
אַךְ לֹא בַת אִמִּי	אבער ניט מיין מוטער'ס טאָכטער,
וַתְּהִי לִי לְאִשָּׁה׃	און זי איז [4]געוואָרען מיין פרוי.
13. וַיְהִי	13. און עס איז געוועזען
כַּאֲשֶׁר הִתְעוּ אֹתִי אֱלֹהִים	ווען גאט האט מיר [5]פער-אירט
מִבֵּית אָבִי	פון מיין פאטער'ס הויז,
וָאֹמַר לָהּ	האב איך צו איהר געזאגט:
זֶה חַסְדֵּךְ	דיזעס (זאל זיין) דיין גנאָדע,
אֲשֶׁר תַּעֲשִׂי עִמָּדִי	וועלכע דו זאלסט טהאָן מיט מיר:
אֶל כָּל הַמָּקוֹם	אין יעדען אָרט,
אֲשֶׁר נָבוֹא שָׁמָּה	וואס מיר וועלען דאָרט קומען,
אִמְרִי לִי	זאָג [6]אויף מיר:
אָחִי הוּא׃	"ער איז מיין ברודער".
14. וַיִּקַּח אֲבִימֶלֶךְ	14. און אבימלך האט גענומען
צֹאן וּבָקָר	שאָף און רינדער,
וַעֲבָדִים וּשְׁפָחֹת	און קנעכט און דינסטען,
וַיִּתֵּן לְאַבְרָהָם	און ער האט געגעבען צו אברהם,
וַיָּשֶׁב לוֹ	און ער האט איהם צוריק-געקעהרט
אֵת שָׂרָה אִשְׁתּוֹ׃	זיין פרוי שרה.
15. וַיֹּאמֶר אֲבִימֶלֶךְ	15. און אבימלך האט געזאָגט:
הִנֵּה אַרְצִי לְפָנֶיךָ	זעה, מיין לאנד איז פאר דיר
בַּטּוֹב בְּעֵינֶיךָ	וואו עס איז גוט אין דיינע אויגען[7]
שֵׁב׃	וואָהן.
16. וּלְשָׂרָה אָמַר	16. און צו שרה האט ער געזאָגט:
הִנֵּה נָתַתִּי	זעה, איך האב געגעבען
אֶלֶף כֶּסֶף	טויזענד זילבער-שטיק
לְאָחִיךְ	צו דיין ברודער,
הִנֵּה הוּא לָךְ	דיזעס וועט זיין פיר דיר
כְּסוּת עֵינַיִם	א [8]צודעק פיר די אויגען
לְכֹל אֲשֶׁר אִתָּךְ	פיר אלע, וואס זיינען ביי דיר,
וְאֵת כֹּל	און אין אלעס
וְנֹכָחַת׃	ביסט'ו גערעכט-פערטיגט[9].
17. וַיִּתְפַּלֵּל אַבְרָהָם	17. און אברהם האט געבעטען
אֶל הָאֱלֹהִים	צו גאָט,
וַיִּרְפָּא אֱלֹהִים אֶת אֲבִימֶלֶךְ	און גאט האט געהיילט אבימלך,
וְאֶת אִשְׁתּוֹ	און זיין פרוי,
וְאַמְהֹתָיו	און זיינע דינסטען,
וַיֵּלֵדוּ׃	און זיי האבען געבאָרען.
18. כִּי עָצֹר עָצַר יְיָ	18. דען דער עוויגער האט [10]פערשלאָסען
בְּעַד כָּל רֶחֶם	[11]יעדע [12]געבער-מוטער
לְבֵית אֲבִימֶלֶךְ	פון אבימלך'ס הויז,
עַל דְּבַר שָׂרָה	וועגען שרה,
אֵשֶׁת אַבְרָהָם׃	אברהם'ס פרוי.

כא

CAP. XXI.

1. וַיהוָה פָּקַד אֶת שָׂרָה	1. און דער עוויגער האט דערמאָנט שרה,
כַּאֲשֶׁר אָמָר	ווי ער האט געזאגט,
וַיַּעַשׂ יְהוָה לְשָׂרָה	און דער עוויגער האט געטהאָן צו שרה,
כַּאֲשֶׁר דִּבֵּר׃	ווי ער האט גערעדט.
2. וַתַּהַר	2. און זי איז שוואַנגער געוואָרען,
וַתֵּלֶד שָׂרָה לְאַבְרָהָם בֵּן	און שרה האט געבאָרען צו אברהם א זוהן
לִזְקֻנָיו	צו זיין עלטער,
לַמּוֹעֵד	צו די בעשטימטע צייט,
אֲשֶׁר דִּבֶּר אֹתוֹ אֱלֹהִים׃	וואס גאט האט (צו) איהם גערעדט.

1) געטראַכט. 2) נור. 3) זעה רש"י. 4) מיר געוואָרען פיר א פרוי. 5) געמאַכט איסוואַנדערן. 6) וועגען. 7) וואו דיר געפעהלט. 8) בעדעקונג. 9) זעה דר. פהיליפזאָהן'ס קאָמענטאר. 10) אויפגעהאַלטען. 11) פיר יעדע. 12) מוטער-לייב.

3. וַיִּקְרָא אַבְרָהָם — 3. און אברהם האט גערופען
אֶת שֵׁם בְּנוֹ — דעם נאמען פון זיין זוהן,
הַנּוֹלַד לוֹ — וועלכער איז צו איהם געבאָרען געוואָרען,
אֲשֶׁר יָלְדָה לּוֹ שָׂרָה — וועלכען שרה האט צו איהם געבאָרען,
יִצְחָק: — יצחק.
4. וַיָּמָל אַבְרָהָם — 4. און אברהם האט בעשניטען
אֶת יִצְחָק בְּנוֹ — זיין זוהן יצחק
בֶּן שְׁמֹנַת יָמִים — (צו) אַכט טעג אַלט.
כַּאֲשֶׁר צִוָּה אֹתוֹ אֱלֹהִים: — ווי גאט האט איהם [1]געבאָטען.

חֲמִישִׁי — חֲמִישִׁי

5. וְאַבְרָהָם בֶּן מְאַת שָׁנָה — 5. און אברהם איז געוועזען הונדערט יאהר אַלט,
בְּהִוָּלֶד לוֹ — ווען בייא איהם איז געבאָרען געוואָרען
אֵת יִצְחָק בְּנוֹ: — זיין זוהן יצחק.
6. וַתֹּאמֶר שָׂרָה — 6. און שרה האט געזאגט:
צְחֹק — אַ געלעכטער
עָשָׂה לִי אֱלֹהִים — האט מיר גאט געמאַכט,
כָּל הַשֹּׁמֵעַ — יעדער, וואס וועט הערען,
יִצְחַק לִי: — וועט לאַכען [2]איבער מיר.
7. וַתֹּאמֶר — 7. און זי האט געזאגט:
מִי מִלֵּל לְאַבְרָהָם — ווער (וואָלט) געזאגט צו אברהם,
הֵינִיקָה בָנִים שָׂרָה — דאס שרה (וועט נאך) זייגען קינדער,
כִּי יָלַדְתִּי בֵן — [3]דאַך האב איך געבאָרען אַ זוהן
לִזְקֻנָיו: — צו זיין עלטער.
8. וַיִּגְדַּל הַיֶּלֶד — 8. און דער קינד איז גרויס געוואָרען,
וַיִּגָּמַל — און ער איז ענטוויינט געוואָרען,
וַיַּעַשׂ אַבְרָהָם — און אברהם האט געמאַכט
מִשְׁתֶּה גָדוֹל — א גרויסען מאָלצייט,
בְּיוֹם — אין דעם טאג,
הִגָּמֵל אֶת יִצְחָק: — ווען יצחק איז ענטוויינט געוואָרען.
9. וַתֵּרֶא שָׂרָה — 9. און שרה האט געזען
אֶת בֶּן הָגָר הַמִּצְרִית — דעם זוהן פון הגר די מצרית,
אֲשֶׁר יָלְדָה לְאַבְרָהָם — וועלכען זי האט געבאָרען צו אברהם,
מְצַחֵק: — [4](ער) מאַכט שפּאַס.
10. וַתֹּאמֶר לְאַבְרָהָם — 10. און זי האט געזאָגט צו אברהם:
גָּרֵשׁ הָאָמָה הַזֹּאת — טרייב ארויס דיזע דינסט
וְאֶת בְּנָהּ — און איהר זוהן,
כִּי לֹא יִירַשׁ — דען עס זאָל ניט ערבען
בֶּן הָאָמָה הַזֹּאת — דער זוהן פון דיזע דינסט
עִם בְּנִי — מיט מיין זוהן,
עִם יִצְחָק: — מיט יצחק.
11. וַיֵּרַע הַדָּבָר מְאֹד — 11. און די זאַך איז זעהר [5]שלעכט געוועזען
בְּעֵינֵי אַבְרָהָם — אין אברהם'ס אויגען,
עַל אוֹדֹת בְּנוֹ: — וועגען זיין זוהן.
12. וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים — 12. און גאט האט געזאגט
אֶל אַבְרָהָם — צו אברהם:
אַל יֵרַע בְּעֵינֶיךָ — עס זאל ניט שלעכט זיין אין דיינע אויגען
עַל הַנַּעַר — וועגען דעם קנאַבע
וְעַל אֲמָתֶךָ — און וועגען דיין דינסט,
כֹּל אֲשֶׁר תֹּאמַר אֵלֶיךָ שָׂרָה — אלעס, וואס שרה וועט דיר זאגען,
שְׁמַע בְּקֹלָהּ — הער אין איהר שטימע,
כִּי בְיִצְחָק — דען נאך יצחק
יִקָּרֵא לְךָ — וועט דיר גערופען ווערען
זָרַע: — זאמען,
13. וְגַם אֶת בֶּן הָאָמָה — 13. און אויך דעם זוהן פון דער דינסט
לְגוֹי אֲשִׂימֶנּוּ — וועל איך מאַכען צו אַ פאָלק
כִּי זַרְעֲךָ הוּא: — ווייל ער איז דיין זאמען.
14. וַיַּשְׁכֵּם אַבְרָהָם — 14. און אברהם איז אויפגעשטאַנען פריה
בַּבֹּקֶר — דעם־מאָרגענס,
וַיִּקַּח לֶחֶם — און ער האט גענומען ברויט
וְחֵמַת מַיִם — און אַ [6]שלויך וואסער,
וַיִּתֵּן אֶל הָגָר — און ער האט (עס) געגעבען צו הגר,
שָׂם עַל שִׁכְמָהּ — —ער האט (עס) געלייגט אויף איהר שולטער—
וְאֶת הַיֶּלֶד — און דעם קינד,
וַיְשַׁלְּחֶהָ — און ער האט איהר אוועקגעשיקט,
וַתֵּלֶךְ — און זי איז געגאַנגען,
וַתֵּתַע — און זי האט [7]פעראירט
בְּמִדְבַּר בְּאֵר שָׁבַע: — אין דער וויסטע באר שבע.
15. וַיִּכְלוּ הַמַּיִם — 15. און (ווען) די וואסער האט זיך געענדיגט
מִן הַחֵמֶת — פון דעם [6]שלויך,

1) בעפוילען. 2) פון. 3) דאָס איך וועל געבערען א זוהן. 4) שפּאַטענדיג. 5) ניט געפעלען געוואָרען. 6) לאָגעל. 7) פערבלאָנדזעט.

וַתַּשְׁלֵךְ אֶת הַיֶּלֶד	האט זי אַוועג־געוואָרפען דעם קינד
תַּחַת אַחַד הַשִּׂיחִם׃	אונטער איינעם פון די [1]בוימער.
16. וַתֵּלֶךְ	16. און זי איז געגאַנגען,
וַתֵּשֶׁב לָהּ מִנֶּגֶד	און זי האט זיך געזעצט [2]קעגענגעגען,
הַרְחֵק	(אזוי) ווייט
כִּמְטַחֲוֵי קֶשֶׁת	ווי אַ בויגען־שאָס,
כִּי אָמְרָה	דען זי האט געזאָגט:
אַל אֶרְאֶה	איך וויל ניט זעהן,
בְּמוֹת הַיָּלֶד	ווען דאס קינד שטאַרבט[3],
וַתֵּשֶׁב מִנֶּגֶד	און זי איז געזעסען עגט־געגען,
וַתִּשָּׂא אֶת קֹלָהּ	און זי האט אויפגעהייבען איהר שטימע
וַתֵּבְךְּ׃	און זי האט געוויינט.
17. וַיִּשְׁמַע אֱלֹהִים	17. און גאָט האט געהערט
אֶת קוֹל הַנַּעַר	די שטימע פון דעם קנאַבע,
וַיִּקְרָא מַלְאַךְ אֱלֹהִים	און איין ענגעל פון גאָט האט גערופען
אֶל הָגָר	צו הגר
מִן הַשָּׁמַיִם	פון הימעל,
וַיֹּאמֶר לָהּ	און ער האט צו איהר געזאָגט:
מַה לָּךְ הָגָר	וואס איז דיר הגר?
אַל תִּירְאִי	פירכטע זיך ניט.
כִּי שָׁמַע אֱלֹהִים	דען גאָט האט געהערט
אֶל קוֹל הַנַּעַר	צו די שטימע פון דעם קנאַבע,
בַּאֲשֶׁר הוּא שָׁם׃	וואו ער איז דאָרט.
18. קוּמִי	18. שטעה אויף,
שְׂאִי אֶת הַנַּעַר	הייב אויף[4] דעם קנאַבע,
וְהַחֲזִיקִי אֶת יָדֵךְ בּוֹ	און האַלט דיין האַנד פעסט אָן איהם[5]
כִּי לְגוֹי גָּדוֹל	דען צו אַ גרויסע נאַציאָן
אֲשִׂימֶנּוּ׃	וועל איך איהם מאַכען.
19. וַיִּפְקַח אֱלֹהִים	19. און גאט האט געעפענט
אֶת עֵינֶיהָ	איהרע אויגען,
וַתֵּרֶא	און זי האט געזעהן
בְּאֵר מָיִם	אַ וואַסער־ברונען
וַתֵּלֶךְ	און זי איז געגאַנגען
וַתְּמַלֵּא אֶת הַחֵמֶת	און זי האט אָנגעפילט דעם [6]שלויך
מַיִם	(מיט) וואַסער,
וַתַּשְׁקְ אֶת הַנָּעַר׃	און זי האט אָנגעטרונקען דעם קנאַבע.
20. וַיְהִי אֱלֹהִים	20. און גאָט איז געווען
אֶת הַנַּעַר	מיט דעם קנאַבע,
וַיִּגְדָּל	און ער איז גרויס געוואָרען,
וַיֵּשֶׁב בַּמִּדְבָּר	און ער האט געוואָהנט אין דער וויסטע,
וַיְהִי רֹבֶה קַשָּׁת׃	און ער איז געווען אַ בויגען שיסער.
21. וַיֵּשֶׁב	21. און ער האט געוואָהנט
בְּמִדְבַּר פָּארָן	אין דער וויסטע פאָרן,
וַתִּקַּח לוֹ אִמּוֹ אִשָּׁה	און זיין מוטער האט פיר איהם גענומען אַ פרוי
מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם׃	פון די לאַנד מצרים.
שִׁשִּׁי	שִׁשִּׁי
22. וַיְהִי בָּעֵת הַהִוא	22. און עס איז געווען אין יענער צייט:
וַיֹּאמֶר אֲבִימֶלֶךְ	האט אבימלך געזאגט
וּפִיכֹל שַׂר צְבָאוֹ	און זיין [7]העער־פיהרער פיכול
אֶל אַבְרָהָם	צו אברהם
לֵאמֹר	זאָגענדיג:
אֱלֹהִים עִמְּךָ	גאָט איז מיט דיר
בְּכֹל	אין אַלעס,
אֲשֶׁר אַתָּה עֹשֶׂה׃	וואס דו טהוסט.
23. וְעַתָּה	23. און יעצט
הִשָּׁבְעָה לִּי בֵאלֹהִים	שווער מיר ביי גאָט
הֵנָּה	היר,
אִם תִּשְׁקֹר	אויב דו וועסט פאַלש זיין
לִי	צו מיר,
וּלְנִינִי	אָדער צו מיין [8]זוהן,
וּלְנֶכְדִּי	אָדער צו מיין אייניקעל,
כַּחֶסֶד	ווי די גנאַדע,
אֲשֶׁר עָשִׂיתִי עִמְּךָ	וועלכע איך האב געטאָן מיט דיר,
תַּעֲשֶׂה עִמָּדִי	זאָלסט'ו טהאָן מיט מיר
וְעִם הָאָרֶץ	און מיט די לאַנד,
אֲשֶׁר גַּרְתָּה בָּהּ׃	וואס דו האסט זיך אויפגעהאַלטען אין איהר.
24. וַיֹּאמֶר אַבְרָהָם	24. און אברהם האט געזאגט:
אָנֹכִי אִשָּׁבֵעַ׃	איך וועל שווערען.
25. וְהוֹכִחַ אַבְרָהָם אֶת אֲבִימֶלֶךְ	25. און אברהם האט [9]פאָר־ווירפע געמאַכט אבימלך
עַל אֹדוֹת בְּאֵר הַמַּיִם	וועגען דעם וואַסער־ברונען,

1) געשטרויכען. 2) פון ווייטען. 3) דאס שטאַרבען פון דעם קינד. 4) טראָג. 5) און נעהם איהם אָן מיט'ן האַנד. 6) לאָגעל. 7) פעלד־מאַרשאַל. 8) קינד, קינדער. 9) אויסגערעדט, פאָרגעהאַלטען.

אֲשֶׁר גָּזְלוּ עַבְדֵי אֲבִימֶלֶךְ	וועלכען אבימלך׳ס קנעכט האבען אוועג־גערויבט.
26. וַיֹּאמֶר אֲבִימֶלֶךְ	26. און אבימלך האט געזאָגט:
לֹא יָדַעְתִּי	איך ווייס ניט
מִי עָשָׂה	ווער עס האט געטהאָן
אֶת הַדָּבָר הַזֶּה	דיזע זאַך,
וְגַם אַתָּה	און אויך דו
לֹא הִגַּדְתָּ לִּי	האָסט מיר ניט געזאָגט,
וְגַם אָנֹכִי לֹא שָׁמַעְתִּי	און איך האב (עס) אויך ניט געהערט
בִּלְתִּי הַיּוֹם׃	אויסער הייטע.
27. וַיִּקַּח אַבְרָהָם	27. און אברהם האט גענומען
צֹאן וּבָקָר	שאָף און רינדער,
וַיִּתֵּן לַאֲבִימֶלֶךְ	און ער האט (זיי) געגעבען צו אבימלך,
וַיִּכְרְתוּ שְׁנֵיהֶם	און זיי האבען ביידע גע־שלאָסען
בְּרִית׃	אַ בונד.
28. וַיַּצֵּב אַבְרָהָם	28. און אברהם האט אוועג־געשטעלט
אֶת שֶׁבַע כִּבְשֹׂת הַצֹּאן	[1]זיבען [2]שעפּסען
לְבַדְּהֶן׃	בעזונדער.
29. וַיֹּאמֶר אֲבִימֶלֶךְ	29. און אבימלך האט געזאָגט
אֶל אַבְרָהָם	צו אברהם:
מָה הֵנָּה	(צו) וואס זיינען
שֶׁבַע כְּבָשֹׂת הָאֵלֶּה	דיזע זיבען [2]שעפּסען,
אֲשֶׁר הִצַּבְתָּ	וועלכע דו האָסט אוועג־געשטעלט
לְבַדָּנָה׃	בעזונדער?
30. וַיֹּאמֶר	30. און ער האט געזאָגט:
כִּי אֶת שֶׁבַע כְּבָשֹׂת	דען דיזע זיבען [2]שעפּסען
תִּקַּח מִיָּדִי	וועסט׳ו נעהמען פון מיין האַנד,
בַּעֲבוּר תִּהְיֶה לִּי	אום עס זאָל זיין צו מיר
לְעֵדָה	פיר א צייגניס,
כִּי חָפַרְתִּי	דאס איך האב געגראָבען
אֶת הַבְּאֵר הַזֹּאת׃	דיזען ברונען.
31. עַל כֵּן קָרָא	31. דאַרום האט מען גערופען
לַמָּקוֹם הַהוּא	יענעם אָרט
בְּאֵר שָׁבַע	באר שבע,
כִּי שָׁם	דען דאָרט
נִשְׁבְּעוּ שְׁנֵיהֶם׃	האבען זיי ביידע געשוואָרען
32. וַיִּכְרְתוּ בְרִית	32. און זיי האבען געשלאָסען אַ בונד
בִּבְאֵר שָׁבַע	אין באר שבע,
וַיָּקָם אֲבִימֶלֶךְ	און אבימלך איז אויפ־געשטאַנען
וּפִיכֹל שַׂר צְבָאוֹ	און זיין העער־פיהרער פיכול,
וַיָּשֻׁבוּ	און זיי האבען זיך צוריק־געקעהרט
אֶל אֶרֶץ פְּלִשְׁתִּים׃	צו די לאַנד פלשתים.
33. וַיִּטַּע	33. און ער האט געפלאַנצט
אֵשֶׁל	אַ [3]פלאַנצונג
בִּבְאֵר שָׁבַע	אין באר שבע,
וַיִּקְרָא שָׁם	און ער האט דאָרט גערופען
בְּשֵׁם יְהֹוָה	אין דעם נאָמען פון יְיָ
אֵל עוֹלָם׃	דעם עוויגען גאָט.
34. וַיָּגָר אַבְרָהָם	34. און אברהם האט זיך אויפגעהאַלטען
בְּאֶרֶץ פְּלִשְׁתִּים	אין די לאַנד פלשתים
יָמִים רַבִּים׃	פיעלע טעג.

Cap. XXII. כב

שְׁבִיעִי

1. וַיְהִי	1. און עס איז געוועזען
אַחַר הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה	נאך דיזע [4]בעגעבענהייטען
וְהָאֱלֹהִים	און גאָט
נִסָּה אֶת אַבְרָהָם	האט געפּרופט אברהם,
וַיֹּאמֶר אֵלָיו	און ער האט צו איהם געזאגט:
אַבְרָהָם	אברהם!
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט:
הִנֵּנִי׃	היר בין איך.
2. וַיֹּאמֶר	2. און ער האט געזאגט:
קַח נָא	נעהם דאָך
אֶת בִּנְךָ	דיין זוהן,
אֶת יְחִידְךָ	דיין איינציגען (זוהן),
אֲשֶׁר אָהַבְתָּ	וועלכען דו ליבסט,
אֶת יִצְחָק	יצחק,
וְלֶךְ לְךָ	און גיי דיר
אֶל אֶרֶץ הַמֹּרִיָּה	צו די לאַנד מוריה,
וְהַעֲלֵהוּ שָׁם	און ברייננ איהם דאָרט אויף
לְעֹלָה	פיר אַ [5]בראַנד־אָפּפער

1) די זיבען 2) לעמער, יונגע שאָף. 3) טאַמאַריסקע, טערעבינטען בוים. 4) זאַכען, פּאַסירונגען. 5) גאַנץ־אָפּפער.

עַל אַחַד הֶהָרִים	אויף איינעם פון די בערג,
אֲשֶׁר אֹמַר אֵלֶיךָ׃	וועלכען איך וועל דיר זאגען.
3. וַיַּשְׁכֵּם אַבְרָהָם	3. און אברהם איז אויפ־געשטאנען פריה
בַּבֹּקֶר	דעם־מארגענס,
וַיַּחֲבֹשׁ אֶת חֲמֹרוֹ	און ער האט געזאטעלט זיין אייזעל,
וַיִּקַּח אֶת שְׁנֵי נְעָרָיו	און ער האט גענומען זיינע צוויי קנאבען
אִתּוֹ	מיט [1]איהם,
וְאֵת יִצְחָק בְּנוֹ	און זיין זוהן יצחק,
וַיְבַקַּע	און ער האט צושפאלטען
עֲצֵי עֹלָה	האלץ (צום) בראנד־אפפער,
וַיָּקָם	און ער איז אויפגעשטאנען,
וַיֵּלֶךְ	און ער איז געגאנגען
אֶל הַמָּקוֹם	צו דעם ארט,
אֲשֶׁר אָמַר לוֹ הָאֱלֹהִים׃	וועלכען גאט האט איהם געזאגט.
4. בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי	4. אויף דעם דריטען טאג,
וַיִּשָּׂא אַבְרָהָם	האט אברהם אויפגעהייבען
אֶת עֵינָיו	זיינע אויגען,
וַיַּרְא אֶת הַמָּקוֹם	און ער האט געזעען דעם ארט
מֵרָחֹק׃	פון ווייטען.
5. וַיֹּאמֶר אַבְרָהָם	5. און אברהם האט געזאגט
אֶל נְעָרָיו	צו זיינע קנאבען:
שְׁבוּ לָכֶם פֹּה	זיצט אייך היר
עִם הַחֲמוֹר	מיט דעם אייזעל,
וַאֲנִי וְהַנַּעַר	און איך און דער קנאבע
נֵלְכָה עַד כֹּה	וועלען גיין ביז [2]דארטען,
וְנִשְׁתַּחֲוֶה	און מיר וועלען [3]זיך בוקען,
וְנָשׁוּבָה אֲלֵיכֶם׃	און מיר וועלען זיך צוריק־קערען צו אייך.
6. וַיִּקַּח אַבְרָהָם	6. און אברהם האט גענומען
אֶת עֲצֵי הָעֹלָה	די האלץ (צום) בראנד־אפפער,
וַיָּשֶׂם עַל יִצְחָק בְּנוֹ	און ער האט ארויף־געלייגט אויף זיין זוהן יצחק,
וַיִּקַּח בְּיָדוֹ	און ער האט גענומען אין זיין האנד
אֶת הָאֵשׁ	די פייער
וְאֶת הַמַּאֲכֶלֶת	און דעם [4]שלאכט־מעסער,
וַיֵּלְכוּ שְׁנֵיהֶם	און זיי זיינען ביידע געגאנגען
יַחְדָּו׃	צוזאמען.

7. וַיֹּאמֶר יִצְחָק	7. און יצחק האט געזאגט:
אֶל אַבְרָהָם אָבִיו	צו זיין פאטער אברהם,
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט:
אָבִי	מיין פאטער!
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט:
הִנֶּנִּי בְנִי	היר בין איך, מיין זוהן.
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט:
הִנֵּה הָאֵשׁ וְהָעֵצִים	זעה, היר איז די פייער און די האלץ;
וְאַיֵּה הַשֶּׂה	אבער וואו איז דער [5]לאם
לְעֹלָה׃	פיר א בראנד־אפפער?
8. וַיֹּאמֶר אַבְרָהָם	8. און אברהם האט געזאגט:
אֱלֹהִים	גאט
יִרְאֶה לּוֹ הַשֶּׂה	וועט זיך זעהן דעם לאם
לְעֹלָה	פיר א בראנד־אפפער,
בְּנִי	מיין זוהן!
וַיֵּלְכוּ שְׁנֵיהֶם	און זיי זיינען ביידע געגאנגען
יַחְדָּו׃	צוזאמען.
9. וַיָּבֹאוּ	9. און זיי זיינען געקומען
אֶל הַמָּקוֹם	צו דעם ארט,
אֲשֶׁר אָמַר לוֹ הָאֱלֹהִים	וועלכען גאט האט איהם געזאגט,
וַיִּבֶן שָׁם אַבְרָהָם	און אברהם האט דארט געבויט
אֶת הַמִּזְבֵּחַ	דעם אלטאר,
וַיַּעֲרֹךְ אֶת הָעֵצִים	און ער האט [6]געארדנעט די האלץ,
וַיַּעֲקֹד אֶת יִצְחָק בְּנוֹ	און ער האט געבונדען זיין זוהן יצחק,
וַיָּשֶׂם אֹתוֹ	און ער האט איהם ארויף־געלייגט
עַל הַמִּזְבֵּחַ	אויף דעם אלטאר
מִמַּעַל לָעֵצִים׃	איבער די האלץ.
10. וַיִּשְׁלַח אַבְרָהָם	10. און אברהם האט אויס־געשטרעקט
אֶת יָדוֹ	זיין האנד
וַיִּקַּח	און ער האט גענומען
אֶת הַמַּאֲכֶלֶת	דעם [4]שלאכט־מעסער,
לִשְׁחֹט אֶת בְּנוֹ׃	צו שלאכטען זיין זוהן.
11. וַיִּקְרָא אֵלָיו	11. דאן האט צו איהם גערופען
מַלְאַךְ יְהוָה	איין ענגעל פון דעם עוויגען
מִן הַשָּׁמַיִם	פון הימעל,

1) זיך. 2) אהין. 3) אנבעטען. 4) מעסער. 5) שעפס. 6) אויסגעלייגט, צורעכט געמאכט; צובערייט.

וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט:
אַבְרָהָם אַבְרָהָם	אברהם! אברהם!
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט:
הִנֵּנִי:	היר בין איך!
12. וַיֹּאמֶר	12. און ער האט געזאגט:
אַל תִּשְׁלַח יָדְךָ	דו זאלסט ניט אויס־שטרעקען דיין האנד
אֶל הַנַּעַר	צו דעם קנאבע,
וְאַל תַּעַשׂ לוֹ מְאוּמָה	און דו זאלסט איהם גאר נישט טהאן,
כִּי עַתָּה יָדַעְתִּי	דען יעצט ווייס איך,
כִּי יְרֵא אֱלֹהִים אַתָּה	דאס דו ביסט א גאטעס־פירכטיגער,
וְלֹא חָשַׂכְתָּ	און האסט ניט [1]פערמידען
אֶת בִּנְךָ	דיין זוהן
אֶת יְחִידְךָ	דיין איינציגען (זוהן)
מִמֶּנִּי:	פון מיר.
13. וַיִּשָּׂא אַבְרָהָם	13. און אברהם האט אויפ־געהייבען
אֶת עֵינָיו	זיינע אויגען,
וַיַּרְא	און ער האט געזעהן,
וְהִנֵּה אַיִל אַחַר	דאס איין [2]אנדער ווידער
נֶאֱחַז	איז געוועזן [3]אנגענומען
בַּסְּבַךְ	אין [4]בוים־צווייגען
בְּקַרְנָיו	מיט זיינע הערנער,
וַיֵּלֶךְ אַבְרָהָם	און אברהם איז געגאנגען
וַיִּקַּח אֶת הָאַיִל	און ער האט גענומען דעם ווידער,
וַיַּעֲלֵהוּ	און ער האט איהם אויפגע־בראכט
לְעֹלָה	פיר א בראנד־אָפּפער
תַּחַת בְּנוֹ:	אנשטאט זיין זוהן.
14. וַיִּקְרָא אַבְרָהָם	14. און אברהם האט גע־רופען
שֵׁם הַמָּקוֹם הַהוּא	דעם נאמען פון יענעם ארט:
יְהוָה יִרְאֶה	גאט וועט זעהן.
אֲשֶׁר יֵאָמֵר הַיּוֹם	ווי עס ווערט (נאך) הייטע געזאגט:
בְּהַר יְהוָה	אויף דעם בארג פון דעם עוויגען
יֵרָאֶה:	וועט עס געזען ווערען.
15. וַיִּקְרָא מַלְאַךְ יי	15. און דער ענגעל פון דעם עוויגען האט גערופען
אֶל אַבְרָהָם	צו אברהם
שֵׁנִית	א צווייטען מאל
מִן הַשָּׁמָיִם:	פון הימעל.
16. וַיֹּאמֶר	16. און ער האט געזאגט:
בִּי נִשְׁבַּעְתִּי	ביי מיר האב איך געשווארען
נְאֻם יְהוָה	[5]זאגט דער עוויגער,
כִּי יַעַן אֲשֶׁר עָשִׂיתָ	דאס ווייל דו האסט געטאן
אֶת הַדָּבָר הַזֶּה	דיזע זאך,
וְלֹא חָשַׂכְתָּ	און דו האסט ניט פערמידען
אֶת בִּנְךָ	דיין זוהן,
אֶת יְחִידֶךָ:	דיין איינציגען (זוהן).
17. כִּי בָרֵךְ אֲבָרֶכְךָ	17. דארום וועל איך דיר בענשען
וְהַרְבָּה אַרְבֶּה	און איך וועל מעהרען
אֶת זַרְעֲךָ	דיין זאמען,
כְּכוֹכְבֵי הַשָּׁמַיִם	ווי די שטערען פון הימעל
וְכַחוֹל	און ווי די זאמד,
אֲשֶׁר עַל שְׂפַת הַיָּם	וועלכע איז ביי דעם ברעג פון דעם מעער,
וְיִרַשׁ זַרְעֲךָ	און דיין זאמען וועט ערבען
אֵת שַׁעַר אֹיְבָיו:	דעם טויער פון זיינע פיינד.
18. וְהִתְבָּרְכוּ	18. און עס וועלען זיך בענשען
בְזַרְעֲךָ	מיט דיין זאמען
כֹּל גּוֹיֵי הָאָרֶץ	אלע נאציאנען פון דער ערד
עֵקֶב אֲשֶׁר שָׁמַעְתָּ	דאפיר, ווייל דו האסט געהערט
בְּקֹלִי:	אין מיין שטימע.
19. וַיָּשָׁב אַבְרָהָם	19. און אברהם האט זיך צוריק־געקערט
אֶל נְעָרָיו	צו זיינע קנאבען,
וַיָּקֻמוּ	און זיי זיינען אויפגעשטא־נען,
וַיֵּלְכוּ יַחְדָּו	און זיי זיינען געגאנגען צוזאמען
אֶל בְּאֵר שָׁבַע	נאך באר שבע,
וַיֵּשֶׁב אַבְרָהָם	און אברהם האט געוואהנט
בִּבְאֵר שָׁבַע:	אין באר שבע.
מַפְטִיר	מפטיר
20. וַיְהִי	20. און עס איז געוועזן
אַחֲרֵי הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה	נאך דיזע [6]בעגעבענהייטען
וַיֻּגַּד לְאַבְרָהָם	איז אנגעזאגט געווארען צו אברהם
לֵאמֹר	זאגענדיג:
הִנֵּה יָלְדָה מִלְכָּה גַם הִוא בָּנִים	זעה, אויך מלכה האט געבארען זיהן;

1) פערווייגערט. 2) אחר נאכדעם; פון הינטען; אדער: אחר נאחז, וועלכער איז נאכדעם געוועזן פערוויקעלט. 3) פערוויקעלט. 4) דיקיכט. 5) דער שפרוך, אדער: דאס ווארט, פון דעם עוויגען. 6) זאכען. פאסירונגען.

לְנָחוֹר אָחִיךָ׃	צו דיין ברודער נחור.
21. אֶת עוּץ בְּכֹרוֹ	21. עוץ, זיין ערשט־געבאָ־רענעם,
וְאֶת בּוּז אָחִיו	און בוז, זיין ברודער.
וְאֶת קְמוּאֵל	און קמואל,
אֲבִי אֲרָם׃	דער פאטער פון ארם.
22. וְאֶת כֶּשֶׂד	22. און כשד,
וְאֶת חֲזוֹ	און חזו,
וְאֶת פִּלְדָּשׁ	און פלדש,
וְאֶת יִדְלָף	און ידלף,
וְאֵת בְּתוּאֵל׃	און בתואל.
23. וּבְתוּאֵל יָלַד אֶת רִבְקָה	23. און בתואל האט געבאָ־רען רבקה.
שְׁמֹנָה אֵלֶּה	דיזע אכט
יָלְדָה מִלְכָּה לְנָחוֹר	האט מלכה געבאָרען צו נחור,
אֲחִי אַבְרָהָם׃	אברהם'ס ברודער.
24. וּפִילַגְשׁוֹ	24. און זיין קעבס־ווייב,
וּשְׁמָהּ רְאוּמָה	וואס איהר נאמען איז געוועזן ראומה,
וַתֵּלֶד גַּם הִוא	האט אויך געבאָרען:
אֶת טֶבַח	טבח,
וְאֶת גַּחַם	און גחם,
וְאֶת תַּחַשׁ	און תחש,
וְאֶת מַעֲכָה׃	און מעכה.

חַיֵּי שָׂרָה — CHAYE SARAH

Cap. XXIII. — כג

1. וַיִּהְיוּ חַיֵּי שָׂרָה	1. און די לעבענס־(צייט) פון שרה איז געוועזן
מֵאָה שָׁנָה	הונדערט יאהר
וְעֶשְׂרִים שָׁנָה	און צוואַנציג יאָהר
וְשֶׁבַע שָׁנִים	און זיבען יאָהר.
שְׁנֵי חַיֵּי שָׂרָה׃	(דאס זיינען געוועזן) די לעבענס־יאהרען פון שרה.
2. וַתָּמָת שָׂרָה	2 און שרה איז געשטאָרבען
בְּקִרְיַת אַרְבַּע	אין קרית ארבע,
הִוא חֶבְרוֹן	דאס איז חברון,
בְּאֶרֶץ כְּנָעַן	אין די לאַנד כנען,
וַיָּבֹא אַבְרָהָם	און אברהם איז געקומען
לִסְפֹּד לְשָׂרָה	צו בעקלאָגען שרה
וְלִבְכֹּתָהּ׃	און איהר צו בעוויינען.
3. וַיָּקָם אַבְרָהָם	3. און אברהם איז אויפגע־שטאַנען
מֵעַל פְּנֵי מֵתוֹ	[1]פון זיין טויטען,
וַיְדַבֵּר אֶל בְּנֵי חֵת	און ער האט גערעט צו די קינדער חת
לֵאמֹר׃	זאָגענדיג:
4. גֵּר וְתוֹשָׁב	4. אַ פרעמדער און איין איינ־וואָהנער
אָנֹכִי עִמָּכֶם	בין איך מיט אייך,
תְּנוּ לִי	גיט מיר
אֲחֻזַּת קֶבֶר	איין [2]איינענטהום־גראַב
עִמָּכֶם	ביי אייך,
וְאֶקְבְּרָה מֵתִי	און איך וועל בעגראָבען מיין טויטען
מִלְּפָנָי׃	[3]פון פאר מיר.
5. וַיַּעֲנוּ בְנֵי חֵת אֶת אַבְרָהָם	5. און די קינדער חת האבען געאַנטוואָרט אברהם
לֵאמֹר לוֹ׃	איהם זאָגענדיג:
6. שְׁמָעֵנוּ אֲדֹנִי	6. הער אונז, מיין הערר!
נְשִׂיא אֱלֹהִים	אַ געטליכער פירשט
אַתָּה בְּתוֹכֵנוּ	ביזט'ו [4]צווישען אונז.
בְּמִבְחַר קְבָרֵינוּ	אין דעם בעסטען פון אונזערע גראַבען,
קְבֹר אֶת מֵתֶךָ	בעגראַב דיין טויטען,
אִישׁ מִמֶּנּוּ	קיין מאַן פון אונז
אֶת קִבְרוֹ לֹא יִכְלֶה מִמְּךָ	וועט ניט פערמיידען פון דיר זיין גראַב
מִקְּבֹר מֵתֶךָ׃	[5]צו בעגראָבען דיין טויטען.
7. וַיָּקָם אַבְרָהָם	7. און אברהם איז אויפגע־שטאַנען
וַיִּשְׁתַּחוּ	און ער האט זיך געבוקט
לְעַם הָאָרֶץ	צו דעם פאָלק פון די לאַנד,
לִבְנֵי חֵת׃	צו די קינדער חת.
8. וַיְדַבֵּר אִתָּם	8. און ער האט מיט זיי גערעט
לֵאמֹר	זאָגענדיג:
אִם יֵשׁ אֶת נַפְשְׁכֶם	[6]אויב עס איז אייער ווילען
לִקְבֹּר אֶת מֵתִי	צו בעגראָבען מיין טויטען
מִלְּפָנַי	[3]פון פאר מיר,
שְׁמָעוּנִי	(דאַן) הערט מיך,
וּפִגְעוּ לִי	און בעט פיר מיך
בְּעֶפְרוֹן בֶּן צֹחַר׃	ביי עפרון דער זוהן פון צחר.

1)פון פאר. 2)ערב־בעגרעבניס. 3)פון מיר. 4)אונטער. 5)פון צו. 6)אויב איהר זייט גענייגט.

9. וְיִתֶּן לִי	9. דאס ער זאל מיר געבּען
אֶת מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה	די יהייל מכפלה,
אֲשֶׁר לוֹ	וועלכע געהערט צו איהם,
אֲשֶׁר בִּקְצֵה שָׂדֵהוּ	וועלכע איז ביים [2]ענד פון זיין פעלד,
בְּכֶסֶף מָלֵא	פיר (די) פולע געלד
יִתְּנֶנָּה לִּי	זאל ער מיר איהר געבען
בְּתוֹכְכֶם	צווישען אייך
לַאֲחֻזַּת קָבֶר:	פיר איין [3]אייגענטהום־גראַב
10. וְעֶפְרוֹן יֹשֵׁב	10. און עפרון האט געוואָהנט
בְּתוֹךְ בְּנֵי חֵת	צווישען די קינדער חת.
וַיַּעַן עֶפְרוֹן הַחִתִּי אֶת אַבְרָהָם	און עפרון דער חתי האט געאַנטוואָרט אברהם
בְּאָזְנֵי בְנֵי חֵת	אין די אויערן פון די קינדער חת
לְכֹל בָּאֵי	פאַר אַלע, וואס זיינען געקומען
שַׁעַר עִירוֹ	(אין) דעם טויער פון זיין שטאָט.
לֵאמֹר:	זאָגענדיג:
11. לֹא אֲדֹנִי	ניין, מיין הערר!
שְׁמָעֵנִי	הער מיך,
הַשָּׂדֶה נָתַתִּי לָךְ	די פעלד האב איך דיר אַוועג־געגעבען
וְהַמְּעָרָה אֲשֶׁר בּוֹ	און די הייל, וועלכע איז אין איהם.
לְךָ נְתַתִּיהָ	האב איך איהר דיר אוועג־געגייבען,
לְעֵינֵי בְנֵי עַמִּי	פאר די אויגען פון די קינדער פון מיין פאָלק
נְתַתִּיהָ לָּךְ	האב איך איהר דיר אוועג־געגעבען;
קְבֹר מֵתֶךָ:	בעגראָב היין טויטען.
12. וַיִּשְׁתַּחוּ אַבְרָהָם	12. און אברהם האט זיך געבוקט
לִפְנֵי עַם הָאָרֶץ:	פאר דעם פאָלק פון די לאַנד.
13. וַיְדַבֵּר אֶל עֶפְרוֹן	13. און ער האט גערעט צו עפרון
בְּאָזְנֵי עַם הָאָרֶץ	אין די אויערן פון דעם פאָלק פון די לאַנד
לֵאמֹר	זאָגעדיג:
אַךְ אִם אַתָּה לוּ שְׁמָעֵנִי	ווען דו וואָלסט מיך נור געהערט!
נָתַתִּי כֶּסֶף הַשָּׂדֶה	איך גיב די געלד (פיר) די פעלד,
קַח מִמֶּנִּי	נעהם עס פון מיר,
וְאֶקְבְּרָה אֶת מֵתִי שָׁמָּה:	און איך וועל דאָרט בעגראָבען מיין טויטען.

14. וַיַּעַן עֶפְרוֹן אֶת אַבְרָהָם	14. און עפרון האט געאַנטוואָרט אברהם
לֵאמֹר לוֹ:	איהם זאָגענדיג:
15. אֲדֹנִי	15. מיין הערר!
שְׁמָעֵנִי	הער מיך!
אֶרֶץ אַרְבַּע מֵאֹת שֶׁקֶל כֶּסֶף	אַ לאַנד פון פיר הונדערט שקל זילבער
בֵּינִי וּבֵינְךָ	צווישען מיר און צווישען דיר
מַה הִוא	[4]וואס איז דאָס?
וְאֶת מֵתְךָ קְבֹר:	בעגראָב (נור) דיין טויטען,
16. וַיִּשְׁמַע אַבְרָהָם אֶל עֶפְרוֹן	16. און אברהם האט [5]פער־שטאַנען עפרון,
וַיִּשְׁקֹל אַבְרָהָם לְעֶפְרֹן	און אברהם האט אָבגע־וועגען צו עפרון
אֶת הַכֶּסֶף	די זילבער,
אֲשֶׁר דִּבֶּר	וועלכע ער האט גערעט,
בְּאָזְנֵי בְנֵי חֵת	אין די אויערן פון די קינדער חת,
אַרְבַּע מֵאוֹת שֶׁקֶל כֶּסֶף	פיר הונדערט שקל זילבער
עֹבֵר לַסֹּחֵר:	גאַנגבאַר ביים קויפמאַן.
שֵׁנִי	שֵׁנִי
17. וַיָּקָם	17. און עס איז געבליבען שטעהן
שְׂדֵה עֶפְרוֹן	די פעלד פון עפרון,
אֲשֶׁר בַּמַּכְפֵּלָה	וועלכע איז אין מכפלה,
אֲשֶׁר לִפְנֵי מַמְרֵא	וועלכע איז פאַר ממרא,
הַשָּׂדֶה	די פעלד
וְהַמְּעָרָה	און די הייל,
אֲשֶׁר בּוֹ	וועלכע איז אין איהם
וְכָל הָעֵץ	און יעדער בוים
אֲשֶׁר בַּשָּׂדֶה	וועלכער (וואַר) אין פעלד,
אֲשֶׁר בְּכָל גְּבֻלוֹ	וועלכער (וואַר) אין זיין גאַנצען גרענעץ
סָבִיב:	אַרים.
18. לְאַבְרָהָם	18. ביי אברהם
לְמִקְנָה	פיר אַ [6]קויפ־גוט,
לְעֵינֵי בְנֵי חֵת	פאַר די אויגען פון די קינדער חת
בְּכֹל בָּאֵי	פאַר אַלע, וואס זיינען געקומען

1) דאָפּעלע הייל. 2) ברעג. 3) ערב־בעגרעבּנים. 4) וואס פיר א ווערטה האט עס? 5) צוגעהערט. 6) איינקויף.

שַׁעַר עִירוֹ:	(אין) דעם טויער פון זיין שטאָט.
19. וְאַחֲרֵי כֵן	19. און נאָכדעם
קָבַר אַבְרָהָם	האט אברהם בעגראָבען
אֶת שָׂרָה אִשְׁתּוֹ	זיין פרוי שרה
אֶל מְעָרַת	אין די הייל
שְׂדֵה הַמַּכְפֵּלָה	פון די פעלד מכפלה
עַל פְּנֵי מַמְרֵא	פאר ממרא,
הִיא חֶבְרוֹן	דאס איז חברון,
בְּאֶרֶץ כְּנָעַן:	אין די לאנד כנען.
20. וַיָּקָם	20. און עס איז געבליבען שטעהן
הַשָּׂדֶה	די פעלד
וְהַמְּעָרָה אֲשֶׁר בּוֹ	און די הייל, וועלכע (וואַר) אין איהם,
לְאַבְרָהָם	ביי אברהם
לַאֲחֻזַּת קָבֶר	פיר איין [1]אייגענטהום־גראַב
מֵאֵת בְּנֵי חֵת:	פון די קינדער חת.

CAP. XXIV. כד

1. וְאַבְרָהָם זָקֵן	1. און אברהם איז געוועזען אַלט,
בָּא בַּיָּמִים	ער איז געקומען אין די [2]יאָהרען,
וַיהוָה	און דער עוויגער
בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם	האט געבענשט אברהם
בַּכֹּל:	מיט אַלעס.
2. וַיֹּאמֶר אַבְרָהָם	2. און אברהם האט געזאָגט
אֶל עַבְדּוֹ	צו זיין קנעכט,
זְקַן בֵּיתוֹ	דעם עלטסטען פון זיין הויז,
הַמֹּשֵׁל	וועלכער האט געהערשט
בְּכָל אֲשֶׁר לוֹ	איבער אַלעס, וואס געהערט צו איהם,
שִׂים נָא יָדְךָ	לייג דאָך דיין האַנד
תַּחַת יְרֵכִי:	אונטער מיין [3]היפטע.
3. וְאַשְׁבִּיעֲךָ בַּיהוָה	3. און איך וועל דיר בעשוועהרען ביי דעם עוויגען,
אֱלֹהֵי הַשָּׁמַיִם	דער גאט פון דעם הימעל
וֵאלֹהֵי הָאָרֶץ	און דער גאט פון די ערד.
אֲשֶׁר לֹא תִקַּח	דאס דו זאָלסט ניט נעהמען
אִשָּׁה	אַ פרוי
לִבְנִי	פיר מיין זוהן
מִבְּנוֹת הַכְּנַעֲנִי	פון די טעכטער פון דעם כנעני,
אֲשֶׁר אָנֹכִי יוֹשֵׁב	וואס איך וואָהן
בְּקִרְבּוֹ:	[4]צווישען איהם.
4. כִּי אֶל אַרְצִי	4. זאָנדערן צו מיין לאַנד
וְאֶל מוֹלַדְתִּי	און צו מיין געבורטס־אָרט
תֵּלֵךְ	זאָלסט'ו גייןָ,
וְלָקַחְתָּ אִשָּׁה	און דו זאָלסט נעהמען אַ פרוי
לִבְנִי	פיר מיין זוהן,
לְיִצְחָק:	פיר יצחק.
5. וַיֹּאמֶר אֵלָיו הָעֶבֶד	5. און דער קנעכט האט צו איהם געזאגט:
אוּלַי	פילייכט
לֹא תֹאבֶה הָאִשָּׁה	וועט די פרוי ניט וועלען
לָלֶכֶת אַחֲרַי	[5]געהן נאך מיר
אֶל הָאָרֶץ הַזֹּאת	צו דיזע לאַנד,
הֶהָשֵׁב אָשִׁיב	זאל איך צוריק־פיהרען
אֶת בִּנְךָ	דיין זוהן
אֶל הָאָרֶץ	צו די לאַנד,
אֲשֶׁר יָצָאתָ מִשָּׁם:	וואס דו ביסט אַרויסגעגאַנגען פון דאָרט?
6. וַיֹּאמֶר אֵלָיו אַבְרָהָם	6. און אברהם האט צו איהם געזאגט:
הִשָּׁמֶר לְךָ	היט דיך
פֶּן תָּשִׁיב אֶת בְּנִי שָׁמָּה:	דאס דו זאָלסט דאָרט ניט צוריק־פיהרען מיין זוהן.
7. יְהוָה	7. דער עוויגער,
אֱלֹהֵי הַשָּׁמַיִם	דער גאט פון דעם הימעל,
אֲשֶׁר לְקָחַנִי	וועלכער האט מיר גענומען
מִבֵּית אָבִי	פון מיין פאטער׳ס הויז
וּמֵאֶרֶץ מוֹלַדְתִּי	און פון מיין געבורטס־לאַנד,
וַאֲשֶׁר דִּבֶּר לִי	און וועלכער האט גערעדט צו מיר,
וַאֲשֶׁר נִשְׁבַּע לִי	און וועלכער האט געשוואָרען צו מיר,
לֵאמֹר	זאָגענדיג:
לְזַרְעֲךָ	צו דיין זאמען
אֶתֵּן	וועל איך געבען
אֶת הָאָרֶץ הַזֹּאת	דיזע לאַנד.
הוּא יִשְׁלַח מַלְאָכוֹ	ער וועט שיקען זיין ענגעל
לְפָנֶיךָ	פאר דיר,
וְלָקַחְתָּ אִשָּׁה לִבְנִי	און דו וועסט נעהמען אַ פרוי פיר מיין זוהן,
מִשָּׁם:	פון דאָרט.

1)ערב־בעגרעבניס. 2)טעג. 3)לענדע. 4)אונטער. 5)צו גייהן.

8. וְאִם לֹא תֹאבֶה הָאִשָּׁה	8. אָבער אויב די פרוי וועט ניט וועלען
לָלֶכֶת אַחֲרֶיךָ	צו געהן נאך דיר,
וְנִקִּיתָ	דאַן ביסט׳ו ריין
מִשְּׁבֻעָתִי זֹאת	פון מיין דיעזען שוואור,
רַק אֶת בְּנִי	נור מיין זוהן
לֹא תָשֵׁב שָׁמָּה :	זאָלסט׳ו דאָרט ניט צוריק־פיהרען.
9. וַיָּשֶׂם הָעֶבֶד	9. און דער קנעכט האָט געלייגט
אֶת יָדוֹ	זיין האַנד
תַּחַת יֶרֶךְ אַבְרָהָם	אונטער די [1]היפטע פון אברהם
אֲדֹנָיו	זיין העררן,
וַיִּשָּׁבַע לוֹ	און ער האט צו איהם געשוואָרען
עַל הַדָּבָר הַזֶּה :	אויף דיזע זאַך.
שְׁלִישִׁי	שְׁלִישִׁי
10. וַיִּקַּח הָעֶבֶד	10. און דער קנעכט האט גענומען
עֲשָׂרָה גְמַלִּים	צעהן קאַמעלען
מִגְּמַלֵּי אֲדֹנָיו	פון זיין העררן׳ס קאַמעלען,
וַיֵּלֶךְ	און ער איז אַוועג־געגאַנגען
וְכָל טוּב אֲדֹנָיו	און אַלעס גוטס פון זיין העררן
בְּיָדוֹ	(האט ער גענומען) אין זיין האַנד,[2]
וַיָּקָם	און ער איז אויפגעשטאַנען,
וַיֵּלֶךְ	און ער איז געגאַנגען
אֶל אֲרַם נַהֲרַיִם	נאך אַרם נהרים,
אֶל עִיר נָחוֹר :	צו די שטאָט פון נחור.
11. וַיַּבְרֵךְ הַגְּמַלִּים	11. און ער האט געמאַכט קניען די קאַמעלען
מִחוּץ לָעִיר	פון אויסען שטאָט
אֶל בְּאֵר הַמָּיִם	ביי דעם וואַסער־ברונען,
לְעֵת עֶרֶב	צו אַבענד צייט,
לְעֵת	צו די צייט
צֵאת הַשֹּׁאֲבֹת :	ווען די (וואַסער)־שעפּע־רינ׳ס געהען ארויס.
12. וַיֹּאמַר	12. און ער האט געזאָגט:
יְהוָה	עוויגער,
אֱלֹהֵי אֲדֹנִי אַבְרָהָם	דער גאָט פון מיין העררר אברהם,
הַקְרֵה נָא לְפָנַי	מאַך דאָך טרעפען פאַר מיר[3]
הַיּוֹם	הייטע,
וַעֲשֵׂה חֶסֶד	און טהוא גנאַדע
עִם אֲדֹנִי אַבְרָהָם :	מיט מיין העררן אברהם.
13. הִנֵּה אָנֹכִי נִצָּב	13. זעה, איך שטעה
עַל עֵין הַמָּיִם	ביי דעם וואַסער־קוואַל
וּבְנוֹת אַנְשֵׁי הָעִיר	און די טעכטער פון די שטאָט־לייטע
יֹצְאֹת	געהען ארויס
לִשְׁאֹב מָיִם :	צו שעפּעז וואַסער.
14. וְהָיָה	14. און עס זאָל זיין,
הַנַּעֲרָה	די [4]מיידעל,
אֲשֶׁר אֹמַר אֵלֶיהָ	וואס איך וועל זאָגען צו איהר:
הַטִּי נָא כַדֵּךְ	בייג דאָך איין דיין קרוג,
וְאֶשְׁתֶּה	און איך וועל טרינקען,
וְאָמְרָה	און זי וועט זאָגען:
שְׁתֵה	טרינק,
וְגַם גְּמַלֶּיךָ אַשְׁקֶה	און אויך דיינע קאַמעלען וועל איך אָנטרינקען,
אֹתָהּ הֹכַחְתָּ	איהר האָסט׳ו בעשטימט
לְעַבְדְּךָ לְיִצְחָק	צו דיין קנעכט, צו יצחק,
וּבָהּ אֵדַע	און דאַמיט וועל איך וויסען,
כִּי עָשִׂיתָ חֶסֶד	דאס דו האָסט געטהאָן גנאַדע
עִם אֲדֹנִי :	מיט מיין העררן.
15. וַיְהִי	15. און עס איז [5]געוועזן:
הוּא טֶרֶם כִּלָּה לְדַבֵּר	איידער ער האט נאך געענ־דיגט ריידען,
וְהִנֵּה רִבְקָה יֹצֵאת	איז רבקה ארויס־געגאַנגען,
אֲשֶׁר יֻלְּדָה לִבְתוּאֵל	וועלכע איז געבאָרען גע־וואָרען ביי בתואל,
בֶּן מִלְכָּה	דער זוהן פון מלכה,
אֵשֶׁת נָחוֹר	נחור׳ס פרוי,
אֲחִי אַבְרָהָם	אברהם׳ס ברודער
וְכַדָּהּ עַל שִׁכְמָהּ :	און איהר קרוג (וואַר) אויף איהר שולטער.
16. וְהַנַּעֲרָה	16. און די [4]מיידעל
טֹבַת מַרְאֶה מְאֹד	(איז געוועזן) פון זעהר [6]גוטען אַנזעהן,
בְּתוּלָה	אַ יונג־פרוי,
וְאִישׁ לֹא יְדָעָהּ	און אַ מאַן האט איהר ניט ערקענט,
וַתֵּרֶד הָעַיְנָה	און זי איז אַראָב־געגאַנגען צום קוואַל,
וַתְּמַלֵּא כַדָּהּ	און זי האט אָנגעפילט איהר קרוג,
וַתָּעַל :	און זי איז אַרויפ־געגאַנגען.
17. וַיָּרָץ הָעֶבֶד	17. און דער קנעכט איז געלאָפען
לִקְרָאתָהּ	ענטקעגען איהר

1) לענדע. 2) מיט זיך. 3) לאָז עס מיר דאָך געל׳נגען. 4) מעדכען. 5) געשעהן. 6) שעהנעם.

וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאָגט:
הַגְמִיאִינִי נָא	[1]לאָז מיר דאָך טרינקען
מְעַט מַיִם	אַ ביסעל וואַסער
מִכַּדֵּךְ:	פון דיין קרוג.
18. וַתֹּאמֶר	18. און זי האט געזאגט:
שְׁתֵה אֲדֹנִי	טרינק, מיין הערר,
וַתְּמַהֵר	און זי האט געאַיילט,
וַתֹּרֶד כַּדָּהּ	און זי האט אַראָבגעלאָזען איהר קרוג
עַל יָדָהּ	אויף איהר האַנד,
וַתַּשְׁקֵהוּ:	און זי האט איהם אָנגע־טרונקען.
19. וַתְּכַל לְהַשְׁקֹתוֹ	19. און (ווען) זי האט גע־ענדיגט איהם אָנצוטרינקען,
וַתֹּאמֶר	האט זי געזאָגט:
גַּם לִגְמַלֶּיךָ אֶשְׁאָב	אויך פיר דיינע קאַמעלען וועל איך אָנשעפען
עַד אִם כִּלּוּ לִשְׁתֹּת:	ביז זיי וועלען ענדיגען טרינקען.
20. וַתְּמַהֵר	20. און זי האט געאַיילט,
וַתְּעַר כַּדָּהּ	און זי האט [2]אויסגעליידיגט איהר קרוג
אֶל הַשֹּׁקֶת	אין די טרענק־רינע,
וַתָּרָץ עוֹד אֶל הַבְּאֵר	און זי איז נאך־(אַ מאָל) געלאָפען צום ברונען
לִשְׁאֹב	אָנצושעפען,
וַתִּשְׁאַב	און זי האט אָנגעשעפט
לְכָל גְּמַלָּיו:	פיר אַלע זיינע קאַמעלען.
21. וְהָאִישׁ	21. און דער מאַן
מִשְׁתָּאֵה לָהּ	האט איהר פערוואונדערט אָנגעקוקט,
מַחֲרִישׁ	שווייגענדיג,
לָדַעַת	צו [3]וויסען
הַהִצְלִיחַ יְיָ דַּרְכּוֹ	צו האט דער עָוויגער בע־גליקט זיין וועג
אִם לֹא:	אָדער ניט.
22. וַיְהִי	22. און עס איז געוועזן,
כַּאֲשֶׁר כִּלּוּ הַגְּמַלִּים	ווי די קאַמעלען האבען געענדיגט
לִשְׁתּוֹת	צו טרינקען,
וַיִּקַּח הָאִישׁ	האט דער מאַן גענומען
נֶזֶם זָהָב	אַ גאָלדענעם נאָז־רינג,
בֶּקַע מִשְׁקָלוֹ	אַ האַלבער (שֶׁקֶל) (וואַר) זיין געוויכט,
וּשְׁנֵי צְמִידִים	און צוויי אַרם־בענדער
עַל יָדֶיהָ	[4]פיר איהרע הענד,

עֲשָׂרָה זָהָב	צעהן (שקל) גאָלד,
מִשְׁקָלָם:	(וואַר) זייער געוויכט.
23. וַיֹּאמֶר	23. און ער האט געזאגט:
בַּת מִי אַתְּ	וועמענס טאָכטער ביסט׳ו?
הַגִּידִי נָא לִי	זאָג דאָך מיר,
הֲיֵשׁ בֵּית אָבִיךְ	איז דאָ אין דיין פאָטערס־הויז
מָקוֹם לָנוּ	איין אָרט פיר אונז
לָלִין:	איבער־צו־נעכטיגען?
24. וַתֹּאמֶר אֵלָיו	24. און זי האט געזאָגט צו איהם:
בַּת בְּתוּאֵל אָנֹכִי	איך בין די טאָכטער פון בתואל,
בֶּן מִלְכָּה	דער זוהן פון מלכה,
אֲשֶׁר יָלְדָה לְנָחוֹר:	וועלכען זי האט געבאָרען צו נחור.
25. וַתֹּאמֶר אֵלָיו	25. און זי האט צו איהם געזאָגט:
גַּם תֶּבֶן	אויך שטרוי,
גַּם מִסְפּוֹא	אויך פוטער
רַב עִמָּנוּ	(איז דאָ) פיעל ביי אונז,
גַּם מָקוֹם לָלוּן:	אויך איין אָרט צום איבער־נעכטיגען.
26. וַיִּקֹּד הָאִישׁ	26. און דער מאַן האט זיך [5]געקניט,
וַיִּשְׁתַּחוּ לַיהוָה:	און ער האט זיך געבוקט צום עוויגען.
רְבִיעִי	רְבִיעִי
27. וַיֹּאמֶר	27. און ער האט געזאָגט.
בָּרוּךְ יְהוָה	געלויבט איז דער עוויגער,
אֱלֹהֵי אֲדֹנִי אַבְרָהָם	דער גאָט פון מיין הערין אברהם,
אֲשֶׁר לֹא עָזַב	וועלכער האט ניט אָבגע־לאָזען
חַסְדּוֹ וַאֲמִתּוֹ	זיין גנאַדע און [6]טרייע
מֵעִם אֲדֹנִי	פון מיין הערין.
אָנֹכִי בַּדֶּרֶךְ	איך (בין) אויף דעם וועג,
נָחַנִי יְהוָה	(וואס) דער עוויגער האט מיך געפיהרט
בֵּית אֲחֵי אֲדֹנִי:	(צו די הויז פון מיין הערין׳ס ברידער.
28. וַתָּרָץ הַנַּעֲרָה	28. און די [7]מיידעל איז געלאָפען
וַתַּגֵּד	און זי האט דערציילט
לְבֵית אִמָּהּ	[8]צו איהר מוטער׳ס־הויז
כַּדְּבָרִים הָאֵלֶּה:	[9]דיזע זאַכען.
29. וּלְרִבְקָה אָח	29. און רבקה האט געהאַט אַ ברודער
וּשְׁמוֹ לָבָן	און זיין נאמען (וואַר) לבן,
וַיָּרָץ לָבָן אֶל הָאִישׁ	און לבן איז געלאָפען צו דעם מאַן,

1) מאַך מיר דאָך אָנזופען, שלירפען. 2) אויסגעגאָסען. 3) ערפאַהרען. 4) (האט ער אָנגעטהאָן) אויף איהרע רענד. 5) פערנייגט. 6) ריכטיגקייט, וואַהרהייט. 7) מערכען. 8) אין. 9) ווי דיזע.

הַחוּצָה	אין דרויס׳ן,
אֶל הָעָיִן:	צום קוואַל.
30. וַיְהִי	30. און עס איז געוועזן,
כִּרְאֹת אֶת הַנֶּזֶם	ווי ער האט געזעהן דעם נאָז־רינג
וְאֶת הַצְּמִדִים	און די אַרם־בענדער
עַל יְדֵי אֲחֹתוֹ	אויף די הענד פון זיין שוועסטער
וּכְשָׁמְעוֹ	און ווי ער האט געהערט
אֶת דִּבְרֵי	די ווערטער
רִבְקָה אֲחֹתוֹ	פון זיין שוועסטער רבקה,
לֵאמֹר	זאָגענדיג:
כֹּה דִבֶּר אֵלַי הָאִישׁ	אזוי האט צו מיר גערעט דער מאַן,
וַיָּבֹא אֶל הָאִישׁ	איז ער געקומען צו דעם מאַן
וְהִנֵּה עֹמֵד	און (ער זעהט) ער שטייט
עַל הַגְּמַלִּים	ביי די קאַמעלען,
עַל הָעָיִן:	ביי דעם קוואַל.
31. וַיֹּאמֶר	31. און ער האט געזאָגט:
בּוֹא בְּרוּךְ יְהוָה	קום, געבענשטער פון דעם עוויגען,
לָמָּה תַעֲמֹד בַּחוּץ	וואַרום שטייסט׳ו אין דרויסען?
וְאָנֹכִי פִּנִּיתִי הַבַּיִת	איך האב דאָך אויפגעראַמט די הויז
וּמָקוֹם לַגְּמַלִּים:	און איין אָרט פיר די קאַמעלען.
32. וַיָּבֹא הָאִישׁ	32. און דער מאַן איז געקומען
הַבַּיְתָה	אין הויז,
וַיְפַתַּח הַגְּמַלִּים	און ער האט [1]אָבגעזאָטעלט די קאַמעלען,
וַיִּתֵּן	און ער האט געגעבען
תֶּבֶן וּמִסְפּוֹא	שטרוי און פוטער
לַגְּמַלִּים	צו די קאַמעלען,
וּמַיִם	און וואַסער
לִרְחֹץ רַגְלָיו	צו וואַשען זיינע פיס
וְרַגְלֵי הָאֲנָשִׁים	און די פיס פון די מענער,
אֲשֶׁר אִתּוֹ:	וועלכע (זיינען געווען) מיט איהם.
33. וַיּוּשַׂם לְפָנָיו	33. און מען האט פאַר איהם געלייגט
לֶאֱכֹל	צו עסען,
וַיֹּאמֶר	אָבער ער האט געזאָגט:
לֹא אֹכַל	איך וועל ניט עסען
עַד אִם דִּבַּרְתִּי	ביז איך וועל האבען גערעט
דְּבָרָי:	מיינע ווערטער,
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאָגט:
דַּבֵּר:	רייד!
34. וַיֹּאמַר	34. און ער האט געזאָגט:
עֶבֶד אַבְרָהָם אָנֹכִי:	אברהם׳ס קנעכט (בין) איך.
35. וַיהוָה	35. און דער עוויגער
בֵּרַךְ אֶת אֲדֹנִי מְאֹד	האט זעהר געבענשט מיין העררן,
וַיִּגְדָּל	און ע׳ איז גרויס געוואָרען,
וַיִּתֶּן לוֹ	און ער האט איהם געגעבען
צֹאן וּבָקָר	שאָף און רינדער,
וְכֶסֶף וְזָהָב	און זילבער און גאָלד,
וַעֲבָדִים וּשְׁפָחֹת	און קנעכט און דינסטען,
וּגְמַלִּים וַחֲמֹרִים:	און קאַמעלען און אייזלען.
36. וַתֵּלֶד שָׂרָה אֵשֶׁת אֲדֹנִי	36. און שרה, די פרוי פון מיין העררן, האט געבאָרען
בֵן לַאדֹנִי	אַ זוהן צו מיין העררן,
אַחֲרֵי זִקְנָתָהּ	[2]נאך איהר עלטער,
וַיִּתֶּן לוֹ	און ער האט איהם אָוועג־געגעבען
אֶת כָּל אֲשֶׁר לוֹ:	אַלעס וואס איהם געהערט.
37. וַיַּשְׁבִּעֵנִי אֲדֹנִי	37. און מיין הערר האט מיך בעשוואָרען
לֵאמֹר	זאגענדיג:
לֹא תִקַּח אִשָּׁה	דו זאלסט ניט נעהמען אַ פרוי
לִבְנִי	פיר מיין זוהן
מִבְּנוֹת הַכְּנַעֲנִי	פון די טעכטער פון דעם כנעני,
אֲשֶׁר אָנֹכִי יֹשֵׁב	וואס איך וואָהן
בְּאַרְצוֹ:	אין זיין לאַנד.
38. אִם לֹא	38. [3]זאָנדערן
אֶל בֵּית אָבִי	צו מיין פאָטער׳ס הויז
תֵּלֵךְ	זאלסט׳ו גיין
וְאֶל מִשְׁפַּחְתִּי	און צו מיין פאַמיליע,
וְלָקַחְתָּ אִשָּׁה לִבְנִי:	און דו זאלסט נעהמן אַ פרוי פיר מיין זוהן.
39. וָאֹמַר אֶל אֲדֹנִי	39. און איך האב געזאגט צו מיין העררן:
אֻלַי לֹא תֵלֵךְ הָאִשָּׁה	פילייכט וועט די פרוי ניט גיין
אַחֲרָי:	נאך מיר?
40. וַיֹּאמֶר אֵלָי	40. און ער האט צו מיר געזאגט:
יְהוָה	דער עוויגער,
אֲשֶׁר הִתְהַלַּכְתִּי	וואס איך בין געגאַנגען

1)אָבגעצאַמט, לויז־געמאכט, געעפענט. 2)נאָכדעם ווי זי איז אַלט געוועזן. 3)אויב ניט.

לְפָנָיו	פאר איהם,
יִשְׁלַח מַלְאָכוֹ אִתָּךְ	ער וועט שיקען זיין ענגעל מיט דיר,
וְהִצְלִיחַ דַּרְכֶּךָ	און ער וועט בעגליקען דיין וועג,
וְלָקַחְתָּ אִשָּׁה לִבְנִי	און דו וועסט נעמען א פרוי פיר מיין זוהן
מִמִּשְׁפַּחְתִּי	פון מיין פאַמיליע
וּמִבֵּית אָבִי׃	און פון מיין פאטער׳ס הויז.
41. אָז תִּנָּקֶה	41. דאַן זאָלסט׳ו [1]ריין זיין
מֵאָלָתִי	פון מיין שוואור.
כִּי תָבוֹא	ווען דו וועסט קומען
אֶל מִשְׁפַּחְתִּי	צו מיין פאַמיליע
וְאִם לֹא יִתְּנוּ לָךְ	און ווען זיי וועלען דיר (זי) ניט געבען,
וְהָיִיתָ נָקִי	דאַן זאָלסט׳ו זיין [1]ריין
מֵאָלָתִי׃	פון מיין שוואור.
42. וָאָבֹא הַיּוֹם	42. און איך בין הייטע געקומען
אֶל הָעָיִן	צום קוואַל,
וָאֹמַר	און איך האב געזאגט:
יְהוָה	עוויגער,
אֱלֹהֵי אֲדֹנִי אַבְרָהָם	דער גאָט פון מיין העררן אברהם,
אִם יֶשְׁךָ נָּא מַצְלִיחַ דַּרְכִּי	ווען דו וואָלסט בעגליקען מיין וועג,
אֲשֶׁר אָנֹכִי הֹלֵךְ	וואס איך גיי
עָלֶיהָ׃	אויף [2]איהר.
43. הִנֵּה אָנֹכִי נִצָּב	43. זעה, איך שטיי
עַל עֵין הַמָּיִם	ביי דעם וואַסער־קוואַל,
וְהָיָה	און עס זאל זיין
הָעַלְמָה	די [3]מיידעל,
הַיֹּצֵאת לִשְׁאֹב	וועלכע גייט אַרויס צו שעפּען,
וְאָמַרְתִּי אֵלֶיהָ	און איך וועל צו איהר זאגען
הַשְׁקִינִי נָא	טרינק מיר דאך אָן
מְעַט מַיִם	אַ ביסעל וואַסער
מִכַּדֵּךְ׃	פון דיין קרוג.
44. וְאָמְרָה אֵלַי	44. און זי וועט צו מיר זאגען:
גַּם אַתָּה שְׁתֵה	אויך דו טרינק
וְגַם לִגְמַלֶּיךָ	און אויך פיר דיינע קאַמעלען
אֶשְׁאָב	וועל איך אָנשעפּען.
הִוא הָאִשָּׁה	זי איז די פרוי,

אֲשֶׁר הֹכִיחַ יְהוָה	וועלכע דער עוויגער האט בעשטימט
לְבֶן אֲדֹנִי׃	פיר דעם זוהן פון מיין העררן.
45. אֲנִי טֶרֶם אֲכַלֶּה לְדַבֵּר	45. איך האב נאך ניט געענדיגט ריידען
אֶל לִבִּי	צו מיין האַרצען.
וְהִנֵּה רִבְקָה יֹצֵאת	און זעה, רבקה גייט אַרויס
וְכַדָּהּ עַל שִׁכְמָהּ	און איהר קרוג אויף איהר שולטער
וַתֵּרֶד הָעַיְנָה	און זי איז אַראָבגעגאַנגען צום קוואַל,
וַתִּשְׁאָב	און זי האט אָנגעשעפּט.
וָאֹמַר אֵלֶיהָ	און איך האב צו איהר געזאגט:
הַשְׁקִינִי נָא׃	טרינק דאך מיר אָן.
46. וַתְּמַהֵר	46. און זי האט געאַיילט,
וַתּוֹרֶד כַּדָּהּ	און זי האט אַראָבגעלאָזען איהר קרוג
מֵעָלֶיהָ	פון [4]איהר,
וַתֹּאמֶר	און זי האט געזאגט:
שְׁתֵה	טרינק,
וְגַם גְּמַלֶּיךָ אַשְׁקֶה	און אויך דיינע קאַמעלען וועל איך אָנטרינקען,
וָאֵשְׁתְּ	און איך האב געטרונקען,
וְגַם הַגְּמַלִּים	און אויך די קאַמעלען
הִשְׁקָתָה׃	האט זי אָנגעטרונקען.
47. וָאֶשְׁאַל אֹתָהּ	47. און איך האב איהר געפרעגט,
וָאֹמַר	און איך האב געזאגט:
בַּת מִי אַתְּ	וועמענ׳ס טאָכטער ביסט׳ו?
וַתֹּאמֶר	און זי האט געזאגט:
בַּת בְּתוּאֵל	די טאָכטער פון בתואל,
בֶּן נָחוֹר	דער זוהן פון נחור,
אֲשֶׁר יָלְדָה לּוֹ מִלְכָּה	וועלכען מלכה האט צו איהם געבאָרען,
וָאָשִׂם הַנֶּזֶם	דאַן האב איך געלייגט דעם נאָז־רינג
עַל אַפָּהּ	אויף איהר נאָז
וְהַצְּמִידִים	און די אָרם־בענדער
עַל יָדֶיהָ׃	אויף איהרע הענד.
48. וָאֶקֹּד	48. און איך האב זיך געקניט
וָאֶשְׁתַּחֲוֶה לַיהוָה	און איך האב זיך געבוקט צום עוויגען,
וָאֲבָרֵךְ אֶת יְהוָה	און איך האב געלויבט דעם עוויגען,
אֱלֹהֵי אֲדֹנִי אַבְרָהָם	דעם גאָט פון מיין העררן אברהם,
אֲשֶׁר הִנְחַנִי	וועלכער האט מיך געפיהרט

1) פריי. 2) איריי. 3) מערכען. 4) זיך.

בְּדֶרֶךְ אֱמֶת	אויף דעם ריכטיגען וועג
לָקַחַת	צו נעהמען
אֶת בַּת אֲחִי אֲדֹנִי	די טאָכטער פון מיין הערן׳ס ברודער
לִבְנוֹ:	פיר זיין זוהן.
49. וְעַתָּה	49. און יעצט
אִם יֶשְׁכֶם עֹשִׂים	אויב איהר ווילט טהאָן
חֶסֶד וֶאֱמֶת	גנאַדע און [1]טרייע
אֶת אֲדֹנִי	מיט מיין הערן,
הַגִּידוּ לִי	זאָגט מיר,
וְאִם לֹא	און אויב ניט
הַגִּידוּ לִי	זאָגט מיר (אויך),
וְאֶפְנֶה	און איך וועל זיך ווענדען
עַל יָמִין	אויף רעכטס
אוֹ עַל שְׂמֹאל:	אָדער אויף לינקס.
50. וַיַּעַן לָבָן וּבְתוּאֵל	50. און לבן און בתואל האבען געאַנטוואָרט
וַיֹּאמְרוּ	און זיי האבען געזאָגט:
מֵיְהוָה יָצָא הַדָּבָר	פון דעם עוויגען איז אַרויס־געגאַנגען די זאַך,
לֹא נוּכַל דַּבֵּר אֵלֶיךָ	מיר קענען ניט ריידען צו דיר
רַע אוֹ טוֹב:	שלעכטעס אָדער גוטעס.
51. הִנֵּה רִבְקָה לְפָנֶיךָ	51. זעה, רבקה איז פאר דיר,
קַח וָלֵךְ	נעהם (זי) און גיי,
וּתְהִי אִשָּׁה	און זי זאל זיין אַ פרוי
לְבֶן אֲדֹנֶיךָ	צו דעם זוהן פון דיין הערן
כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה:	ווי דער עוויגער האט גערעט.
52. וַיְהִי	52. און עס איז געוועזן
כַּאֲשֶׁר שָׁמַע עֶבֶד אַבְרָהָם	ווי אברהם׳ס קנעכט האט געהערט
אֶת דִּבְרֵיהֶם	זייערע ווערטער,
וַיִּשְׁתַּחוּ אַרְצָה לַיְיָ:	האט ער זיך געבוקט צו דער ערד צום עוויגען.
חֲמִישִׁי	חֲמִישִׁי
53. וַיּוֹצֵא הָעֶבֶד	53. און דער קנעכט האט אַרויס־[2]גענומען
כְּלֵי כֶסֶף	זילבערנע [3]זאַכען
וּכְלֵי זָהָב	און גאָלדענע זאַכען
וּבְגָדִים	און קליידער,
וַיִּתֵּן לְרִבְקָה	און ער האט געגעבען צו רבקה,
וּמִגְדָּנֹת	און [4]קאָסטבאַרע זאַכען
נָתַן לְאָחִיהָ	האט ער געגעבען צו איהר ברודער
וּלְאִמָּהּ:	און צו איהר מוטער.
54. וַיֹּאכְלוּ	54 און זיי האָבען געגעסען
וַיִּשְׁתּוּ	און זיי האבען געטרונקען,
הוּא וְהָאֲנָשִׁים	ער און די מענער,
אֲשֶׁר עִמּוֹ	וועלכע (זיינען געוועזן) מיט איהם,
וַיָּלִינוּ	און זיי האבען איבער־גע־נעכטיגט
וַיָּקוּמוּ בַבֹּקֶר	און זיי זיינען אויפגעשטאַנען דעם־מאָרגענס,
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט:
שַׁלְּחֻנִי לַאדֹנִי:	[5]שיקט מיך אַוועק צו מיין הערן.
55. וַיֹּאמֶר אָחִיהָ וְאִמָּהּ	55. און איהר ברודער און איהר מוטער האבען געזאגט
תֵּשֵׁב הַנַּעֲרָ אִתָּנוּ	זאָל די מיידעל ויצען ביי אונז
יָמִים	[6]א יאָהר,
אוֹ עָשׂוֹר	אָדער [7]צעהן מאָנאַט
אַחַר תֵּלֵךְ:	נאָכדעם וועט זי גיין.
56. וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם	56. און ער האט צו זיי געזאגט:
אַל תְּאַחֲרוּ אֹתִי	האַלט מיך ניט אויף,
וַיהוָה הִצְלִיחַ דַּרְכִּי	[8]ווען דער עוויגער האט בעגליקט מיין וועג,
שַׁלְּחוּנִי	שיקט מיר אַוועג,
וְאֵלְכָה לַאדֹנִי:	און איך וועל גיין צו מיין הערן.
57. וַיֹּאמְרוּ	57. און זיי האבען געזאגט:
נִקְרָא לַנַּעֲרָ	מיר וועלען רופען די מיידעל,
וְנִשְׁאֲלָה אֶת פִּיהָ:	און מיר וועלען פרעגען איהר מויל.
58. וַיִּקְרְאוּ לְרִבְקָה	58. און זיי האבען גערופען רבקה;
וַיֹּאמְרוּ אֵלֶיהָ	און זיי האבען צו איהר געזאגט:
הֲתֵלְכִי	ווילסט׳ו גיין
עִם הָאִישׁ הַזֶּה	מיט דיזען מאַן?
וַתֹּאמֶר	און זי האט געזאגט:
אֵלֵךְ:	איך וועל גיין.
59. וַיְשַׁלְּחוּ	59. און זיי האבען אַוועג־געשיקט
אֶת רִבְקָה אֲחֹתָם	זייער שוועסטער רבקה
וְאֶת מֵנִקְתָּהּ	און איהר אַמע
וְאֶת עֶבֶד אַבְרָהָם	און אברהם׳ס קנעכט
וְאֶת אֲנָשָׁיו:	און זיינע לייטע.

1) ריכטיגקייט, וואַרהייט. 2) געצוויגען, געבראַכט. 3) געפעס, גערעטה. 4) זיסע שפייזען. 5) לאָזט מיך גיין צו מיין הערן. 6) (איניגע) טעג. 7) צעהן (טעג). 8) דען, וויל.

60. וַיְבָרְכוּ אֶת רִבְקָה	60 און זיי האבען געבענשט רבקה,
וַיֹּאמְרוּ לָהּ	און זיי האבען צו איהר געזאגט:
אֲחֹתֵנוּ	אונזער שוועסטער,
אַתְּ הֲיִי	דו זאָלסט ווערען
לְאַלְפֵי רְבָבָה	צו צעהנדליג־טויזענדער,
וְיִירַשׁ זַרְעֵךְ	און דיין זאַמען זאל ערבען
אֵת שַׁעַר שֹׂנְאָיו׃	דעם טויער פון זיינע פיינד.
61. וַתָּקָם רִבְקָה	61. און רבקה איז אויפגעשטאַנען
וְנַעֲרֹתֶיהָ	און איהרע [1]מעדכען,
וַתִּרְכַּבְנָה	און זיי האבען געריטען
עַל הַגְּמַלִּים	אויף די קאַמעלען,
וַתֵּלַכְנָה	און זיי זיינען געגאַנגען
אַחֲרֵי הָאִישׁ	נאך דעם מאן,
וַיִּקַּח הָעֶבֶד אֶת רִבְקָה	און דער קנעכט האט גענומען רבקה.
וַיֵּלַךְ׃	און ער איז אַוועג-געגאַנגען.
62. וְיִצְחָק בָּא	62. און יצחק איז געקומען
מִבּוֹא	פון אַ [2]גאַנג
בְּאֵר לַחַי רֹאִי	(נאך) באר לחי ראי[3]
וְהוּא יוֹשֵׁב	און ער האט געוואָהנט
בְּאֶרֶץ הַנֶּגֶב׃	אין זיד־לאַנד.
63. וַיֵּצֵא יִצְחָק	63. און יצחק איז אַרויסגעגאַנגען
לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה	[4]נאָכצודיינקען אין פעלד
לִפְנוֹת עָרֶב	געגען אַבענד,
וַיִּשָּׂא עֵינָיו	און ער האט אויפגעהייבען זיינע אויגען,
וַיַּרְא	און ער האט געזען,
וְהִנֵּה גְמַלִּים בָּאִים	[5]דאס קאַמעלען קומען.
64. וַתִּשָּׂא רִבְקָה	64. און רבקה האט אויפגעהייבען
אֶת עֵינֶיהָ	איהרע אויגען,
וַתֵּרֶא אֶת יִצְחָק	און זי האט געזען יצחק,
וַתִּפֹּל	און זי [6]האט זיך אַראָבגעלאָזען
מֵעַל הַגָּמָל׃	פון דעם קאַמעל.
65. וַתֹּאמֶר אֶל הָעֶבֶד	65. און זי האט געזאגט צו דעם קנעכט:
מִי הָאִישׁ הַלָּזֶה	ווער איז יענער מאַן
הַהֹלֵךְ בַּשָּׂדֶה	וועלכער גייט אין פעלד
לִקְרָאתֵנוּ	ענטגעגען אונז ?
וַיֹּאמֶר הָעֶבֶד	און דער קנעכט האט געזאגט:
הוּא אֲדֹנִי	דאס איז מיין הערר,
וַתִּקַּח הַצָּעִיף	דאַן האט זי גענומען דעם שלייער,
וַתִּתְכָּס׃	און זי האט זיך בעדעקט.
66. וַיְסַפֵּר הָעֶבֶד	66. און דער קנעכט האט דערציילט
לְיִצְחָק	צו יצחק
אֵת כָּל הַדְּבָרִים	אַלע זאַכען,
אֲשֶׁר עָשָׂה׃	וועלכע ער האט געטאָן.
67. וַיְבִאֶהָ יִצְחָק	67. און יצחק האט איהר געבראַכט
הָאֹהֱלָה שָׂרָה אִמּוֹ	אין דעם געצעלט פון זיין מוטער שרה.
וַיִּקַּח אֶת רִבְקָה	און ער האט גענומען רבקה
וַתְּהִי לוֹ לְאִשָּׁה	און זי איז צו איהם געוואָרען פיר אַ פרוי.
וַיֶּאֱהָבֶהָ	און ער האט איהר געליבט.
וַיִּנָּחֵם יִצְחָק	און יצחק האט זיך געטרייסט
אַחֲרֵי אִמּוֹ׃	נאך זיין מוטער.

CAP. XXV. — כה

שִׁשִּׁי

1. וַיֹּסֶף אַבְרָהָם	1. [7]און אברהם האט געמעהרט
וַיִּקַּח אִשָּׁה	און ער האט גענומען א פרוי,
וּשְׁמָהּ קְטוּרָה	און איהר נאמען איז געוועזען קטורה.
2. וַתֵּלֶד לוֹ	2. און זי האט איהם געבאָרען
אֶת זִמְרָן וְאֶת יָקְשָׁן	זמרן און יקשן,
וְאֶת מְדָן וְאֶת מִדְיָן	און מדן און מדין,
וְאֶת יִשְׁבָּק וְאֶת שׁוּחַ	און ישבק און שוח.
3. וְיָקְשָׁן יָלַד	3. און יקשן האט געבאָרען
אֶת שְׁבָא וְאֶת דְּדָן	שבא און דדן.
וּבְנֵי דְדָן הָיוּ	און די זיהן פון דדן זיינען געווען:
אַשּׁוּרִם וּלְטוּשִׁם	אַשורים און לטושים
וּלְאֻמִּים׃	און לאומים.
4. וּבְנֵי מִדְיָן	4. און די זיהן פון מדין (זיינען געווען)
עֵיפָה וָעֵפֶר וַחֲנֹךְ	עיפה און עפר און חנוך,
וַאֲבִידָע וְאֶלְדָּעָה	און אַבידה און אלדעה,
כָּל אֵלֶּה	דיזע אַלע
בְּנֵי קְטוּרָה׃	(זיינען געווען) די זיהן פון קטורה.

1) מיידלעך; דינסטען: 2) רייזע. 3) ברונען פון זעהן (גאָט) לעבעדיגערהייט. 4) בעטען; שפּאַצירען; קלאָגען. 5) און זעה. 6) איז אַראָב־געפאַלען. 7) ויסף אברהם ויקח אשה. און אברהם האט ווידער גענומען א פרוי.

5. וַיִּתֵּן אַבְרָהָם	5. און אברהם האט אוועג־געגעבען
אֶת כָּל אֲשֶׁר לוֹ	אלעס, וואס געהערט צו איהם,
לְיִצְחָק׃	צו יצחק.
6. וְלִבְנֵי הַפִּילַגְשִׁים	6. און צו די זיהן פון די קעבס־ווייבער,
אֲשֶׁר לְאַבְרָהָם	וועלכע אברהם האט געהאט,
נָתַן אַבְרָהָם מַתָּנֹת	האט אברהם געגעבען געשענקע,
וַיְשַׁלְּחֵם	און ער האט זיי אוועג־געשיקט
מֵעַל יִצְחָק בְּנוֹ	פון זיין זוהן יצחק,
בְּעוֹדֶנּוּ חַי	ווען ער האט נאך געלעבט,
קֵדְמָה	נאך מארגען־זייט,
אֶל אֶרֶץ קֶדֶם׃	אין מארגען־לאנד.
7. וְאֵלֶּה יְמֵי שְׁנֵי חַיֵּי אַבְרָהָם	7. און דיזע זיינען די טעג פון אברהם'ס לעבענס־יאהרען,
אֲשֶׁר חָי	וועלכע ער האט געלעבט:
מְאַת שָׁנָה	הונדערט יאהר
וְשִׁבְעִים שָׁנָה	און זיבציג יאהר
וְחָמֵשׁ שָׁנִים׃	און פינף יאהר.
8. וַיִּגְוַע	8. און ער [1]איז פערגאנגען,
וַיָּמָת אַבְרָהָם	און אברהם איז געשטארבען
בְּשֵׂיבָה טוֹבָה	אין א גוטען עלטער,
זָקֵן וְשָׂבֵעַ	אלט און (לעבענס־)זאט
וַיֵּאָסֶף	און ער איז איינגעזאמעלט געווארען
אֶל עַמָּיו׃	צו זיין פאלק.
9. וַיִּקְבְּרוּ אֹתוֹ	9. און עס האבען איהם בעגראבען
יִצְחָק וְיִשְׁמָעֵאל בָּנָיו	זיינע זיהן יצחק און ישמעאל
אֶל מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה	אין די הייל פון מכפלה,
אֶל שְׂדֵה עֶפְרֹן	אין די פעלד פון עפרון
בֶּן צֹחַר הַחִתִּי	דער זוהן פון צוחר דעם חתי,
אֲשֶׁר עַל פְּנֵי מַמְרֵא׃	וועלכער איז פאר ממרא.
10. הַשָּׂדֶה	10. די פעלד,
אֲשֶׁר קָנָה אַבְרָהָם	וועלכע אברהם האט געקויפט,
מֵאֵת בְּנֵי חֵת	פון די קינדער חת,
שָׁמָּה קֻבַּר אַבְרָהָם	דארט איז בעגראבען געווארען אברהם
וְשָׂרָה אִשְׁתּוֹ׃	און זיין פרוי שרה.
11. וַיְהִי	11. און עס איז געוועזען
אַחֲרֵי מוֹת אַבְרָהָם	נאך דעם טויט פון אברהם,
וַיְבָרֶךְ אֱלֹהִים	האט גאט געבענשט
אֶת יִצְחָק בְּנוֹ	זיין זוהן יצחק,
וַיֵּשֶׁב יִצְחָק	און יצחק האט געוואהנט
עִם בְּאֵר לַחַי רֹאִי׃	ביי באר לחי ראי[2].

שְׁבִיעִי

12. וְאֵלֶּה תֹּלְדֹת יִשְׁמָעֵאל	12. און דיזע זיינען די געשלעכטער פון ישמעאל
בֶּן אַבְרָהָם	דער זוהן פון אברהם,
אֲשֶׁר יָלְדָה הָגָר הַמִּצְרִית	וועלכע עס האט געבארען הגר, די [3]מצרית,
שִׁפְחַת שָׂרָה	שרה'ס דינסט,
לְאַבְרָהָם׃	צו אברהם.
13. וְאֵלֶּה שְׁמוֹת	13. און דיזע זיינען די נעמען
בְּנֵי יִשְׁמָעֵאל	פון ישמעאל'ס זיהן,
בִּשְׁמֹתָם	מיט זייערע נעמען,
לְתוֹלְדֹתָם	נאך זייערע געשלעכטער:
בְּכֹר יִשְׁמָעֵאל נְבָיֹת	דער ערשט־געבארענער פון ישמעאל (וואר) נביות,
וְקֵדָר וְאַדְבְּאֵל	און קדר און אדבאל,
וּמִבְשָׂם׃	און מבשם.
14. וּמִשְׁמָע וְדוּמָה	14. און משמע און דומה
וּמַשָּׂא׃	און משא.
15. חֲדַד וְתֵימָא	15. חדד און תימא,
יְטוּר נָפִישׁ וָקֵדְמָה׃	יטור, נפיש און קדמה.

מַפְטִיר

16. אֵלֶּה הֵם	16. דיזע זיינען
בְּנֵי יִשְׁמָעֵאל	די זיהן פון ישמעאל,
וְאֵלֶּה שְׁמֹתָם	און דיזע זיינען זייערע נעמען,
בְּחַצְרֵיהֶם	אין זייערע [4]הייפען
וּבְטִירֹתָם	און אין זייערע [5]שלעסער,
שְׁנֵים עָשָׂר נְשִׂיאִם	צוועלף פירשטען
לְאֻמֹּתָם׃	נאך זייערע נאציאנען.
17. וְאֵלֶּה	17. און דיזע זיינען
שְׁנֵי חַיֵּי יִשְׁמָעֵאל	די לעבענס־יאהרען פון ישמעאל:
מְאַת שָׁנָה	הונדערט יאהר
וּשְׁלֹשִׁים שָׁנָה	און דרייסיג יאהר

1) זיך געענד׳גט, פערשיעדען. 2) ברונען פון זעהן (גאט) לעבעדיגערהייט. 3) עגיפטערין. 4) געהעפטען. 5) בורג, פאלאסטען; לאגערען (פון פאסטוכער).

וְשֶׁ֣בַע שָׁנִ֑ים	און זיבען יאהר.
וַיִּגְוַ֣ע	און ער איז פערגאַנגען,
וַיָּ֔מָת	און ער איז געשטאָרבען,
וַיֵּאָ֖סֶף	און ער איז איינגעזאַמעלט געוואָרען
אֶל־עַמָּֽיו׃	צו זיין פאָלק.
18. וַיִּשְׁכְּנ֨וּ	18. און זיי האבען געוואָהנט
מֵֽחֲוִילָ֜ה עַד־שׁ֗וּר	פון חוילה ביז שור,
אֲשֶׁר֙ עַל־פְּנֵ֣י מִצְרַ֔יִם	וואס איז פאר מצרים,
בֹּאֲכָ֖ה אַשּׁ֑וּרָה	ביז מען קומט אין אַשור,
עַל־פְּנֵ֥י כָל־אֶחָ֖יו	פאר אַלע זיינע ברידער
נָפָֽל׃	האט ער [1]גערוהט.

תּוֹלְדֹת TOLEDOTH.

19. וְאֵ֛לֶּה תּוֹלְדֹ֥ת יִצְחָ֖ק	19. און דיזע איז די געשיכטע פון יצחק,
בֶּן־אַבְרָהָ֑ם	דער זוהן פון אברהם;
אַבְרָהָ֖ם הוֹלִ֥יד אֶת־יִצְחָֽק׃	אברהם האט געבאָרען יצחק.
20. וַיְהִ֣י יִצְחָ֗ק	20. און יצחק איז געוועזן
בֶּן־אַרְבָּעִ֣ים שָׁנָ֔ה	פערציג יאהר אַלט,
בְּקַחְתּ֣וֹ אֶת־רִבְקָ֗ה	ווען ער האט גענומען רבקה,
בַּת־בְּתוּאֵל֙ הָֽאֲרַמִּ֔י	די טאָכטער פון בתואל דער ארמי
מִפַּדַּ֖ן אֲרָ֑ם	פון פדן אַרם
אֲח֛וֹת לָבָ֥ן הָאֲרַמִּ֖י	די שוועסטער פון לבן דער ארמי,
ל֥וֹ לְאִשָּֽׁה׃	צו [2]איהם פיר אַ פרוי.
21. וַיֶּעְתַּ֨ר יִצְחָ֤ק לַֽיהוָה֙	21. און יצחק האט געבעטען צום עוויגען
לְנֹ֣כַח אִשְׁתּ֔וֹ	[3]וועגען זיין פרוי,
כִּ֥י עֲקָרָ֖ה הִ֑וא	דען זי איז געוועזן איין אונפרוכטבאַרע,
וַיֵּעָ֤תֶר לוֹ֙ יְהוָ֔ה	אונדער עוויגער איז צו איהם איבערגעבעטען געוואָרען,
וַתַּ֖הַר רִבְקָ֥ה אִשְׁתּֽוֹ׃	און זיין פרוי רבקה איז שוואַנגער געוואָרען.
22. וַיִּתְרֹצְﬞצ֤וּ הַבָּנִים֙	22. און די קינדער האבען זיך געשטויסען
בְּקִרְבָּ֔הּ	אין איהר לייב.
וַתֹּ֕אמֶר	און זי האט געזאָגט:
אִם־כֵּ֕ן	אויב אַזוי,
לָ֥מָּה זֶּ֖ה אָנֹ֑כִי	וואָרום האב איך דיזעס (פערלאַנגט)?
וַתֵּ֖לֶךְ	און זי איז געגאַנגען
לִדְרֹ֥שׁ אֶת־יְהוָֽה׃	[4]נאָכצופרעגען ביי דעם עוויגען,
23. וַיֹּאמֶר֩ יְהוָ֨ה לָ֜הּ	23. און דער עוויגער האט צו איהר געזאגט:
שְׁנֵ֤י גֹיִים֙ בְּבִטְנֵ֔ךְ	צוויי [5]פעלקער (זיינען) אין דיין [6]לייב
וּשְׁנֵ֣י לְאֻמִּ֔ים	און צוויי [7]נאַציאָנען
מִמֵּעַ֖יִךְ יִפָּרֵ֑דוּ	וועלען זיך צו־שיידען פון דיינע איינגעווייידען,
וּלְאֹם֙	און איין נאַציאָן
מִלְאֹ֣ם יֶֽאֱמָ֔ץ	וועט שטאַרקער זיין אַלס די צווייטע נאַציאָן,
וְרַ֖ב יַעֲבֹ֥ד צָעִֽיר׃	און דער עלטערער וועט דינען דעם אינגערען.
24. וַיִּמְלְא֥וּ יָמֶ֖יהָ	24. און (ווען) איהרע טעג זיינען פול געוואָרען
לָלֶ֑דֶת	צו געבערען,
וְהִנֵּ֥ה תוֹמִ֖ם בְּבִטְנָֽהּ׃	און זעה, א צווילינג (איז געוועזן) אין איהר [6]לייב.
25. וַיֵּצֵ֤א הָרִאשׁוֹן֙	25. און דער ערשטער איז ארויס־געגאַנגען
אַדְמוֹנִ֔י	[8]רויט,
כֻּלּ֖וֹ כְּאַדֶּ֣רֶת שֵׂעָ֑ר	אין גאַנצען ווי אַ האָריגער מאַנטעל,
וַיִּקְרְא֥וּ שְׁמ֖וֹ עֵשָֽׂו׃	און זיי האבען גערופען זיין נאמען עשו.
26. וְאַֽחֲרֵי־כֵ֞ן	26. און נאָכדעם
יָצָ֣א אָחִ֗יו	איז ארויס־געגאַנגען זיין ברודער,
וְיָד֤וֹ אֹחֶ֙זֶת֙	און זיין האַנד האט [9]גע־האַלטען
בַּעֲקֵ֣ב עֵשָׂ֔ו	אָן עשו'ס טריט,
וַיִּקְרָ֥א שְׁמ֖וֹ יַעֲקֹ֑ב	און ער האט גערופען זיין נאָמען יעקב;
וְיִצְחָ֛ק בֶּן־שִׁשִּׁ֥ים שָׁנָ֖ה	און יצחק (וואַר) זעכציג יאָהר אַלט,
בְּלֶ֥דֶת אֹתָֽם׃	[10]ווען (רבקה) האט זיי געבאָרען.
27. וַֽיִּגְדְּלוּ֙ הַנְּעָרִ֔ים	27. און די קנאַבען זיינען גרויס געוואָרען,
וַיְהִ֣י עֵשָׂ֗ו	און עשו איז געוועזן
אִ֛ישׁ יֹדֵ֥עַ צַ֖יִד	אַ מאַן (וועלכער) פער־שטייט יאַכט,
אִ֣ישׁ שָׂדֶ֑ה	אַ פעלד־מאַן,
וְיַֽעֲקֹב֙ אִ֣ישׁ תָּ֔ם	אָבער יעקב וואָר א [11]פרומער מאַן,
יֹשֵׁ֖ב אֹהָלִֽים׃	(און) ער האט געוואָהנט אין געצעלטען.
28. וַיֶּאֱהַ֥ב יִצְחָ֛ק אֶת־עֵשָׂ֖ו	28 און יצחק האט געליעבט עשו,
כִּי־צַ֣יִד בְּפִ֑יו	דען דאס [12]פאַנגען (איז געוועזן) פיר זיין מויל,
וְרִבְקָ֖ה אֹהֶ֥בֶת אֶֽת־יַעֲקֹֽב׃	אָבער רבקה האט געליעבט יעקב.
29. וַיָּ֥זֶד יַעֲקֹ֖ב נָזִ֑יד	29. און יעקב האט געקאָכט אַ געריכט

1)זיך אויסגעלייגט, אויסגעזעצט, געוואָהנט. 2)זיך. 3)פיר; געגען. 4)נאָכפאָרשען. 5)נאַציאָנען. 6)בויך. 7)שטאַמען. 8)רויטהליך. 9)אָנגענומען. 10)ביי זייער געבורט. 11)בעשיידענער, אונשולדיגער. 12)ווילדפרעט.

וַיָּבֹא עֵשָׂו	און עשו איז געקומען
מִן הַשָּׂדֶה	פון פעלד,
וְהוּא עָיֵף׃	און ער איז געוועזן מיד.
30. וַיֹּאמֶר עֵשָׂו	30. און עשו האט געזאָגט
אֶל יַעֲקֹב	צו יעקב:
הַלְעִיטֵנִי נָא	לאָז מיר דאך שלינגען
מִן הָאָדֹם	פון די רויטע,
הָאָדֹם הַזֶּה	דיזע רויטע,
כִּי עָיֵף אָנֹכִי	דען איך בין מיד,
עַל כֵּן	דאַרום
קָרָא שְׁמוֹ אֱדֹם׃	האט מען גערופען זיין נאמען אדום.
31. וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב	31. און יעקב האט געזאגט:
מִכְרָה כַיּוֹם	פערקויף [1]הייטע
אֶת בְּכֹרָתְךָ	דיין [2]ערשט־געבורט
לִי׃	צו מיר.
32. וַיֹּאמֶר עֵשָׂו	32. און עשו האט געזאגט:
הִנֵּה אָנֹכִי הוֹלֵךְ	זעה, איך גיי (דאָך)
לָמוּת	צום שטאַרבען
וְלָמָּה זֶּה לִי בְּכֹרָה׃	צו וואס אַלזאָ דאַרף איך די [2]ערשט־געבורט.
33. וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב	33. און יעקב האט געזאגט:
הִשָּׁבְעָה לִּי כַּיּוֹם	שווער מיר [1]הייטע,
וַיִּשָּׁבַע לוֹ	און ער האט צו איהם געשוואָרען,
וַיִּמְכֹּר אֶת בְּכֹרָתוֹ	און ער האט פערקויפט זיין [2]ערשט־געבורט
לְיַעֲקֹב׃	צו יעקב.
34. וְיַעֲקֹב נָתַן לְעֵשָׂו	34. און יעקב האט געגעבען צו עשו:
לֶחֶם וּנְזִיד עֲדָשִׁים	ברויט און א ליכזען־געריכט,
וַיֹּאכַל	און ער האט געגעסען,
וַיֵּשְׁתְּ	און ער האט געטרונקען,
וַיָּקָם	און ער איז אויפגעשטאַנען,
וַיֵּלַךְ	און ער איז אַוועג־געגאנגען
וַיִּבֶז עֵשָׂו	און עשו האט פעראַכטעט
אֶת הַבְּכֹרָה׃	די [2]ערשט־געבורט.

Cap. XXVI. כו

1. וַיְהִי רָעָב בָּאָרֶץ	1. און עס איז געוועזן אַ הונגער אין די לאַנד,
מִלְּבַד הָרָעָב הָרִאשׁוֹן	אויסער דעם ערשטען הונגער,
אֲשֶׁר הָיָה	וועלכער איז געוועזן
בִּימֵי אַבְרָהָם	אין די [3]טעג פון אברהם,
וַיֵּלֶךְ יִצְחָק	און יצחק איז געגאַנגען
אֶל אֲבִימֶלֶךְ	צו אבימלך,
מֶלֶךְ פְּלִשְׁתִּים	דער קעניג פון פלשתים,
גְּרָרָה	נאך גרר.
2. וַיֵּרָא אֵלָיו יְהוָה	2. און דער עוויגער האט זיך צו איהם בעוויזען
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט:
אַל תֵּרֵד מִצְרָיְמָה	גיי ניט אַראָב אין מצרים,
שְׁכֹן בָּאָרֶץ	וואָהן אין די לאַנד,
אֲשֶׁר אֹמַר אֵלֶיךָ׃	וועלכע איך וועל דיר זאגען
3. גּוּר בָּאָרֶץ הַזֹּאת	3. האַלט זיך אויף אין דיזע לאַנד
וְאֶהְיֶה עִמְּךָ	און איך וועל זיין מיט דיר,
וַאֲבָרְכֶךָּ	און איך וועל דיך בענשען,
כִּי לְךָ	דען צו דיר
וּלְזַרְעֲךָ	און צו דיין זאַמען
אֶתֵּן	וועל איך געבען
אֶת כָּל הָאֲרָצֹת הָאֵל	דיזע אַלע לענדער,
וַהֲקִמֹתִי	און איך וועל אויפ־שטעלען
אֶת הַשְּׁבֻעָה	דעם שוואור,
אֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתִּי	וואס איך האב געשוואָרען
לְאַבְרָהָם אָבִיךָ׃	צו דיין פאטער אברהם.
4. וְהִרְבֵּיתִי	4. און איך וועל מעהרען
אֶת זַרְעֲךָ	דיין זאַמען
כְּכוֹכְבֵי הַשָּׁמַיִם	ווי די שטערען פון הימעל,
וְנָתַתִּי לְזַרְעֲךָ	און איך וועל געבען צו דיין זאַמען
אֵת כָּל הָאֲרָצֹת הָאֵל	דיזע אַלע לענדער,
וְהִתְבָּרְכוּ	און עס וועלען זיך בענשען
בְזַרְעֲךָ	מיט דיין זאַמען
כֹּל גּוֹיֵי הָאָרֶץ׃	אַלע נאַציאָנען פון דער ערד.
5. עֵקֶב אֲשֶׁר שָׁמַע אַבְרָהָם בְּקֹלִי	5. ווייל אברהם האט געהערט אין מיין שטימע
וַיִּשְׁמֹר מִשְׁמַרְתִּי	און ער האט געהיט מיין [4]פעראָרדנונג,
מִצְוֹתַי	מיינע געבאָטע,
חֻקּוֹתַי	מיינע געזעצע,
וְתוֹרֹתָי׃	און מיינע לעהרע.

1) יעצט, זאָגלייך. 2) ערשט־געבורט (רעכט). 3) צייטען. 4) פאָרשריפט.

שֵׁנִי	שֵׁנִי
6. וַיֵּשֶׁב יִצְחָק בִּגְרָר:	6. און יצחק האט געוואָהנט אין גרר.
7. וַיִּשְׁאֲלוּ	7. און עס האבען געפרעגט
אַנְשֵׁי הַמָּקוֹם	די לייטע פון דעם אָרט
לְאִשְׁתּוֹ	וועגען זיין פרוי,
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאָגט:
אֲחֹתִי הִוא	„זי איז מיין שוועסטער"
כִּי יָרֵא לֵאמֹר	דען ער האט זיך געפירכטעט צו זאגען:
אִשְׁתִּי	„(זי איז) מיין פרוי",
פֶּן יַהַרְגֻנִי	[1]פילייכט וועלען מיר דערשלאָגען
אַנְשֵׁי הַמָּקוֹם	די לייטע פון דעם אָרט
עַל רִבְקָה	וועגען רבקה,
כִּי טוֹבַת מַרְאֶה הִוא	דען זי (וואַר) פון [2]גוטען אַנזעהן.
8. וַיְהִי	8. און עס איז געוועזן,
כִּי אָרְכוּ לוֹ שָׁם הַיָּמִים	[3]ווען ער איז דאָרט געוועזן אַ לאַנגע צייט,
וַיַּשְׁקֵף אֲבִימֶלֶךְ	האט געקוקט אבימלך,
מֶלֶךְ פְּלִשְׁתִּים	דער קעניג פון פלשתים,
בְּעַד הַחַלּוֹן	דורך דעם פענסטער,
וַיַּרְא	און ער האט געזעהן,
וְהִנֵּה יִצְחָק מְצַחֵק	דאס יצחק האט זיך [4]פערבראַכט
אֵת רִבְקָה אִשְׁתּוֹ:	מיט זיין פרוי רבקה.
9. וַיִּקְרָא אֲבִימֶלֶךְ לְיִצְחָק	9. און אבימלך האט גערופען צו יצחק,
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט:
אַךְ הִנֵּה אִשְׁתְּךָ הִוא	וואַהרליך, זעה, זי איז(דאך) דיין פרוי,
וְאֵיךְ אָמַרְתָּ	און ווי אַזוי האָסט'ו געזאגט:
אֲחֹתִי הִוא	„זי איז מיין שוועסטער"?
וַיֹּאמֶר אֵלָיו יִצְחָק	און יצחק האט צו איהם געזאגט:
כִּי אָמַרְתִּי	דען איך האב געדיינקט,
פֶּן אָמוּת עָלֶיהָ:	פילייכט וועל איך שטאַרבען וועגען איהר.
10. וַיֹּאמֶר אֲבִימֶלֶךְ	10. און אבימלך האט געזאגט:
מַה זֹּאת עָשִׂיתָ לָּנוּ	וואס האסט'ו אונז דיזעס געטאָן?
כִּמְעַט שָׁכַב אַחַד הָעָם	[5]באַלד וואָלט איינער פון דעם פאָלק [6]געהייראַט
אֶת אִשְׁתֶּךָ	מיט דיין פרוי,

וְהֵבֵאתָ עָלֵינוּ אָשָׁם:	און דו וואָלסט געבראַכט אויף אונז אַ שולד.
11. וַיְצַו אֲבִימֶלֶךְ	11. און אבימלך האט בעפוילען
אֶת כָּל הָעָם	דעם גאַנצען פאָלק
לֵאמֹר	זאגענדיג:
הַנֹּגֵעַ בָּאִישׁ הַזֶּה	דער, וואס וועט אָנריהרען דיזען מאַן
וּבְאִשְׁתּוֹ	און זיין פרוי,
מוֹת יוּמָת:	זאל געטייט ווערען.
12. וַיִּזְרַע יִצְחָק	12. און יצחק האט געזעעט
בָּאָרֶץ הַהִוא	אין יענע לאנד,
וַיִּמְצָא	און ער האט געפונגען
בַּשָּׁנָה הַהִוא	אין יענעם יאהר
מֵאָה שְׁעָרִים	הונדערט [7]פאַך.
וַיְבָרְכֵהוּ יְהוָה:	און דער עוויגער האט איהם געבענשט.
שְׁלִישִׁי	שְׁלִישִׁי
13. וַיִּגְדַּל הָאִישׁ	13. און דער מאַן איז גרויס געווארען
וַיֵּלֶךְ הָלוֹךְ וְגָדֵל	און ער איז געגאַנגען אימער גרעסער,
עַד כִּי גָדַל מְאֹד:	ביז ער איז זעהר גרויס געווארען.
14. וַיְהִי לוֹ	14. או ער האט געהאַט
מִקְנֵה צֹאן	שאָף־הערדען
וּמִקְנֵה בָקָר	און רינדער־הערדען
וַעֲבֻדָּה רַבָּה	און גרויסע דינער־שאַפט,
וַיְקַנְאוּ אֹתוֹ פְּלִשְׁתִּים:	און די פלשתים האבען איהם [8]בעניידעט.
15. וְכָל הַבְּאֵרֹת	15. און אלע ברונען,
אֲשֶׁר חָפְרוּ עַבְדֵי אָבִיו	וועלכע זיין פאטער'ס קנעכט האבען געגראָבען,
בִּימֵי אַבְרָהָם אָבִיו	אין די טעג פון זיין פאטער אברהם,
סִתְּמוּם פְּלִשְׁתִּים	האבען די פלשתים זיי פערשטאָפּט.
וַיְמַלְאוּם עָפָר:	און זיי האבען זיי פול געמאַכט מיט ערד.
16. וַיֹּאמֶר אֲבִימֶלֶךְ	16. און אבימלך האט געזאָגט
אֶל יִצְחָק	צו יצחק:
לֵךְ מֵעִמָּנוּ	גיי פון אונז,
כִּי עָצַמְתָּ מִמֶּנּוּ מְאֹד:	דען דו ביסט פיל [9]שטאַרקער פון אונז.
17. וַיֵּלֶךְ מִשָּׁם יִצְחָק	17. און יצחק איז פון דאָרט אַוועג־געגאַנגען.
וַיִּחַן בְּנַחַל גְּרָר	און ער האט [10]געלאַגערט אין דעם טהאָל גרר,

1) דען ער האט זיך געטראַכט) פילייכט . . . 2) שע זעהנס. 3) אַלס די טעג האבען זיך איהם דאָרט פערלענגערט. 4) געשערצט, געשפיעלט. 5) קיים. 6) געזינדיגט. 7) מאָל אזוי פיעל. 8) מקנא געוועזן. 9) רייכער. 10) גערוהט.

וַיֵּשֶׁב שָׁם׃	און ער האט זיך דארט בעזעצט.
18. וַיָּשָׁב יִצְחָק וַיַּחְפֹּר	18. און יצחק האט [1]ווידער אויפגעגראבען
אֶת בְּאֵרֹת הַמַּיִם	די וואסער־ברונען,
אֲשֶׁר חָפְרוּ	וועלכע מען האט געגראבען
בִּימֵי אַבְרָהָם אָבִיו	אין די טעג פון זיין פאטער אברהם
וַיְסַתְּמוּם פְּלִשְׁתִּים	און די פלשתים האבען זיי פערשטאפט
אַחֲרֵי מוֹת אַבְרָהָם	נאך אברהם׳ס טויט.
וַיִּקְרָא לָהֶן שֵׁמוֹת	און ער האט זיי [2]גערופען נעמען,
כַּשֵּׁמֹת	ווי די נעמען,
אֲשֶׁר קָרָא לָהֶן אָבִיו׃	וואס זיין פאטער האט זיי [2]גערופען.
19. וַיַּחְפְּרוּ עַבְדֵי יִצְחָק	19. און יצחק׳ס קנעכט האבען געגראבען
בַּנָּחַל	אין דעם טהאל,
וַיִּמְצְאוּ שָׁם	און זיי האבען דארט געפונען
בְּאֵר מַיִם חַיִּים׃	א ברונען פון [3]קוואל־וואסער.
20. וַיָּרִיבוּ רֹעֵי גְרָר	20. און די הירטען פון גרר האבען זיך געקריגט
עִם רֹעֵי יִצְחָק	מיט יצחק׳ס הירטען,
לֵאמֹר	זאגענדיג:
לָנוּ הַמָּיִם	„צו אונז געהערט די וואסער",
וַיִּקְרָא שֵׁם הַבְּאֵר עֵשֶׂק	און ער האט גערופען דעם נאמען פון ברונען [4]עשק,
כִּי הִתְעַשְּׂקוּ עִמּוֹ׃	ווייל זיי האבען זיך געקריגט מיט איהם.
21. וַיַּחְפְּרוּ	21. און זיי האבען געגראבען
בְּאֵר אַחֶרֶת	איין אנדער ברונען,
וַיָּרִיבוּ	און זיי האבען געקריגט
גַּם עָלֶיהָ	אויך וועגען [5]איהר,
וַיִּקְרָא שְׁמָהּ שִׂטְנָה׃	און ער האט גערופען [6]איהר נאמען שטנה.
22. וַיַּעְתֵּק מִשָּׁם	22. און ער האט זיך פון דארט אבגערוקט,
וַיַּחְפֹּר	און ער האט געגראבען
בְּאֵר אַחֶרֶת	איין אנדער ברונען,
וְלֹא רָבוּ עָלֶיהָ	און זיי האבען זיך ניט געקריגט וועגען [5]איהר;
וַיִּקְרָא שְׁמָהּ רְחֹבוֹת	און ער האט גערופען [6]איהר נאמען רחובות,
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט:
כִּי עַתָּה	דען יעצט
הִרְחִיב יְהֹוָה לָנוּ	האט דער עוויגער אונז [7]אויסגעברייטעט,

וּפָרִינוּ בָאָרֶץ׃	און מיר וועלען פרוכטבאר זיין אין די לאנד.
רְבִיעִי	רְבִיעִי
23. וַיַּעַל מִשָּׁם	23 און ער איז אויף־געגאנגען פון דארט
בְּאֵר שָׁבַע׃	(נאך) באר שבע.
24. וַיֵּרָא אֵלָיו יְהֹוָה	24. און דער עוויגער האט זיך צו איהם בעוויזען,
בַּלַּיְלָה הַהוּא	אין יענער נאכט,
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט:
אָנֹכִי אֱלֹהֵי אַבְרָהָם אָבִיךָ	איך בין דער גאט פון דיין פאטער אברהם,
אַל תִּירָא	דו זאלסט זיך ניט פירכטען,
כִּי אִתְּךָ אָנֹכִי	דען איך בין מיט דיר,
וּבֵרַכְתִּיךָ	און איך וועל דיך בענשען,
וְהִרְבֵּיתִי אֶת זַרְעֲךָ	און איך וועל מעהרען דיין זאמען
בַּעֲבוּר אַבְרָהָם עַבְדִּי׃	וועגען מיין קנעכט אברהם.
25. וַיִּבֶן שָׁם מִזְבֵּחַ	25. און ער האט דארט געבויט איין אלטאר,
וַיִּקְרָא	און ער האט גערופען
בְּשֵׁם יְהֹוָה	אין דעם נאמען פון דעם עוויגען,
וַיֶּט שָׁם אָהֳלוֹ	און ער האט דארט [8]אויפ־געשטעלט זיין געצעלט,
וַיִּכְרוּ שָׁם עַבְדֵי יִצְחָק בְּאֵר׃	און יצחק׳ס קנעכט האבען דארט געגראבען א ברונען.
26. וַאֲבִימֶלֶךְ	26. און אבימלך
הָלַךְ אֵלָיו מִגְּרָר	איז געגאנגען צו איהם פון גרר,
וַאֲחֻזַּת מֵרֵעֵהוּ	און א געזעלשאפט פון זיינע פריינדע,
וּפִיכֹל שַׂר צְבָאוֹ׃	און זיין [9]העער־פיהרער פיכול.
27. וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם יִצְחָק	27. און יצחק האט צו זיי געזאגט:
מַדּוּעַ בָּאתֶם אֵלָי	ווארום זייט איהר געקומען צו מיר,
וְאַתֶּם שְׂנֵאתֶם אֹתִי	איהר [10]האט מיך דאך פיינד,
וַתְּשַׁלְּחוּנִי מֵאִתְּכֶם׃	און איהר האט מיך אוועג־געשיקט פון אייך.
28. וַיֹּאמְרוּ	28. און זיי האבען געזאגט:
רָאוֹ רָאִינוּ	מיר האבען [11]איינגעזען,
כִּי הָיָה יְהֹוָה עִמָּךְ	דאס דער עוויגער איז געוועזען מיט דיר,
וַנֹּאמֶר	דארום האבען מיר געזאגט:
תְּהִי נָא אָלָה בֵּינוֹתֵינוּ	זאל דאך זיין א שוואור צווישען אונז,

1)זיך צוריק־געקעהרט און ער האט אויפגעגראבען. 2)געגעבען. 3)לעבעדיגע. 4)קריג. 5)איהם. 6)זיין. 7)ברייט געמאכט, רוים געמאכט. 8)אויפגעשלאגען. 9)פעלד־מארשאל. 10)האסט מיר דאך. 11)קלאר געזעהן.

בֵּינֵינוּ וּבֵינֶךָ	צווישען אונז און צווישען דיר,
וְנִכְרְתָה בְרִית	און מיר וועלען [1]שליסען אַ בונד
עִמָּךְ׃	מיט דיר
29. אִם תַּעֲשֵׂה עִמָּנוּ רָעָה	29. דאס דו זאָלסט (ניט) טהאָן מיט אונז שלעכטעס.
כַּאֲשֶׁר לֹא נְגַעֲנוּךָ	אזוי ווי מיר האבען דיך ניט בעריהרט,
וְכַאֲשֶׁר עָשִׂינוּ עִמְּךָ	און ווי מיר האבען געטאָן מיט דיר
רַק טוֹב	נור גוטעס,
וַנְּשַׁלֵּחֲךָ בְּשָׁלוֹם	און מיר האבען דיך אַוועג־געשיקט אין פרידען.
אַתָּה עַתָּה	דו (ביסט) יעצט
בְּרוּךְ יְהוָה׃	א געבענשטער פון דעם עוויגען.
חֲמִישִׁי	חֲמִישִׁי
30 וַיַּעַשׂ לָהֶם מִשְׁתֶּה	30. און ער האט פיר זיי געמאַכט א מאָל־צייט,
וַיֹּאכְלוּ	און זיי האבען גענעסען,
וַיִּשְׁתּוּ	און זיי האבען געטרונקען.
31. וַיַּשְׁכִּימוּ בַבֹּקֶר	31. און זיי זיינען אויפ־געשטאַנען פריה דעס־מאָרגנס
וַיִּשָּׁבְעוּ	און זיי האבען געשוואָרען
אִישׁ לְאָחִיו	איינער צום אַנדערן,
וַיְשַׁלְּחֵם יִצְחָק	און יצחק האט זיי אַוועג־געשיקט,
וַיֵּלְכוּ מֵאִתּוֹ	און זיי זיינען אַוועג־געגאַנגען פון איהם
בְּשָׁלוֹם׃	אין פרידען.
32. וַיְהִי	32. און עס איז געוועזן
בַּיּוֹם הַהוּא	אין יענעם טאג
וַיָּבֹאוּ עַבְדֵי יִצְחָק	זיינען יצחק'ס קנעכט געקומען,
וַיַּגִּדוּ לוֹ	און זיי האבען איהם געזאגט
עַל אֹדוֹת הַבְּאֵר	וועגען דעם ברונען,
אֲשֶׁר חָפָרוּ	וועלכען זיי האבען געגראָבען
וַיֹּאמְרוּ לוֹ	און זיי האבען צו איהם געזאגט:
מָצָאנוּ מָיִם׃	מיר האבען געפונען וואַסער.
33. וַיִּקְרָא אֹתָהּ שִׁבְעָה	33. און ער האט איהר גערופען „שבעה"
עַל כֵּן שֵׁם הָעִיר בְּאֵר שָׁבַע	דארום איז דער נאמען פון די שטאָט באר שבע,
עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃	ביז דיזען טאג.
34. וַיְהִי עֵשָׂו	34. ווען עשו איז געוועזן
בֶּן אַרְבָּעִים שָׁנָה	פערציג יאהר אַלט

וַיִּקַּח אִשָּׁה אֶת יְהוּדִית	האט ער גענומען אַ פרוי יהודית,
בַּת בְּאֵרִי הַחִתִּי	די טאכטער פון בארי, דעם חתי,
וְאֶת בָּשְׂמַת	און בשמת,
בַּת אֵילֹן הַחִתִּי׃	די טאכטער פון אלון, דעם חתי.
35. וַתִּהְיֶיןָ	35. און זיי זיינען געוועזן
מֹרַת רוּחַ	א [2]גייסטעס־קריינקונג
לְיִצְחָק וּלְרִבְקָה׃	פיר יצחק און פיר רבקה.

CAP. XXVII. כז

1. וַיְהִי	1. און עס איז געוועזן,
כִּי זָקֵן יִצְחָק	ווען יצחק איז אַלט געוואָרען,
וַתִּכְהֶיןָ עֵינָיו מֵרְאֹת	זיינען זיינע אויגען דונקעל געוואָרען צו זעהען,
וַיִּקְרָא אֶת עֵשָׂו	און ער האט גערופען עשו,
בְּנוֹ הַגָּדוֹל	זיין גרעסערן זוהן,
וַיֹּאמֶר אֵלָיו	און ער האט צו איהם געזאגט:
בְּנִי	מיין זוהן!
וַיֹּאמֶר אֵלָיו	און ער האט צו איהם געזאגט:
הִנֵּנִי׃	היר בין איך.
2. וַיֹּאמֶר	2. און ער האט געזאגט:
הִנֵּה נָא זָקַנְתִּי	זעה דאך, איך בין אַלט,
לֹא יָדַעְתִּי	איך ווייס ניט
יוֹם מוֹתִי׃	דעם טאג פון מיין טויט.
3. וְעַתָּה	3. און יעצט,
שָׂא נָא כֵלֶיךָ	נעהם דאך דיינע [3](יאַכט)־געצייג,
תֶּלְיְךָ	דיין [4]קעכער
וְקַשְׁתֶּךָ	און דיין בויגען,
וְצֵא הַשָּׂדֶה	און געה ארויס (אין) פעלד,
וְצוּדָה לִּי צָיִד׃	און פאַנג מיר אַ [5]פאַנג.
4. וַעֲשֵׂה לִי	4. און מאַך מיר
מַטְעַמִּים	געשמאַקע־געריכטען,
כַּאֲשֶׁר אָהַבְתִּי	ווי איך ליב,
וְהָבִיאָה לִּי	און ברייננ (זיי) מיר,
וְאֹכֵלָה	און איך וועל עסען,
בַּעֲבוּר תְּבָרֶכְךָ נַפְשִׁי	אום מיין זעלע זאל דיך בענשען
בְּטֶרֶם אָמוּת׃	בעפאָר איך וועל שטאַרבען.

1)פערשניידען. 2)הערצ־לייד. 3)וואַפען. 4)אין וואס מען האַלט שוס־פיילען. 5)ווילדפרעט.

5. וְרִבְקָה שֹׁמַעַת	5. און רבקה האט געהערט,
בְּדַבֵּר יִצְחָק	ווען יצחק האט גערעט
אֶל עֵשָׂו בְּנוֹ	צו זיין זוהן עשו,
וַיֵּלֶךְ עֵשָׂו הַשָּׂדֶה	און עשו איז געגאנגען (אין) פעלד
לָצוּד צַיִד	צו פאנגען א ¹פאנג
לְהָבִיא׃	צו ברײנגען.
6. וְרִבְקָה אָמְרָה	6. און רבקה האט געזאגט
אֶל יַעֲקֹב בְּנָהּ	צו איהר זוהן יעקב,
לֵאמֹר	זאגענדיג:
הִנֵּה שָׁמַעְתִּי	זעה, איך האב געהערט
אֶת אָבִיךָ	דיין פאטער
מְדַבֵּר אֶל עֵשָׂו אָחִיךָ	רעדענדיג צו דיין ברודער עשו,
לֵאמֹר׃	זאגענדיג:
7. הָבִיאָה לִּי צַיִד	7. „ברײנג מיר א ¹פאנג,
וַעֲשֵׂה לִי מַטְעַמִּים	און מאך מיר געשמאקע געריכטען,
וְאֹכֵלָה	און איך וועל עסען,
וַאֲבָרֶכְכָה	און איך וועל דיר בענשען
לִפְנֵי יְהֹוָה	פאר דעם עוויגען
לִפְנֵי מוֹתִי׃	פאר מיין טויט“
8. וְעַתָּה בְנִי	8. און יעצט מיין זוהן,
שְׁמַע בְּקֹלִי	הער אין מיין שטימע,
לַאֲשֶׁר אֲנִי מְצַוָּה אֹתָךְ׃	וואס איך וועל דיר בעפעהלען.
9. לֶךְ נָא אֶל הַצֹּאן	9. גיי דאך צו די שאף,
וְקַח לִי מִשָּׁם	און נעהם מיר פון דארט
שְׁנֵי גְּדָיֵי עִזִּים טֹבִים	צוויי גוטע ציגענ-בעקלעך,
וְאֶעֱשֶׂה אֹתָם	און איך וועל זיי מאכען
מַטְעַמִּים	געשמאקע געריכטען
לְאָבִיךָ	פיר דיין פאטער,
כַּאֲשֶׁר אָהֵב׃	ווי ער ליבט.
10. וְהֵבֵאתָ	10. און דו זאלסט (זיי) ברײנגען
לְאָבִיךָ	צו דיין פאטער,
וְאָכָל	און ער וועט עסען,
בַּעֲבֻר אֲשֶׁר יְבָרֶכְךָ	אום ער זאל דיר בענשען
לִפְנֵי מוֹתוֹ׃	פאר זיין טויט.
11. וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב	11. און יעקב האט געזאגט

אֶל רִבְקָה אִמּוֹ	צו זיין מוטער רבקה:
הֵן עֵשָׂו אָחִי	זעה, מיין ברודער עשו
אִישׁ שָׂעִר	(איז) א האריגער מאן
וְאָנֹכִי אִישׁ חָלָק׃	און איך בין א גלאטער מאן.
12. אוּלַי יְמֻשֵּׁנִי אָבִי	12. פיללייכט וועט מיר מיין פאטער אנטאפען,
וְהָיִיתִי בְעֵינָיו	און איך וועל זיין אין זיינע אויגען,
כִּמְתַעְתֵּעַ	ווי א בעטריגער,
וְהֵבֵאתִי עָלַי קְלָלָה	און איך וועל ברײנגען אויף מיר א פלוך
וְלֹא בְרָכָה׃	און ניט קיין זעגען.
13. וַתֹּאמֶר לוֹ אִמּוֹ	13. או זיין מוטער האט צו איהם געזאגט:
עָלַי קִלְלָתְךָ בְּנִי	אויף מיר (זאל קומען) דיין פלוך, מיין זוהן,
אַךְ שְׁמַע בְּקֹלִי	נור הער אין מיין שטימע,
וְלֵךְ קַח לִי׃	און גיי נעהם מיר.
14. וַיֵּלֶךְ	14. און ער איז געגאנגען,
וַיִּקַּח	און ער האט גענומען,
וַיָּבֵא לְאִמּוֹ	און ער האט געבראכט צו זיין מוטער,
וַתַּעַשׂ אִמּוֹ	און זיין מוטער האט געמאכט
מַטְעַמִּים	געשמאקע געריכטען,
כַּאֲשֶׁר אָהֵב אָבִיו׃	ווי זיין פאטער ליבט.
15. וַתִּקַּח רִבְקָה	15. און רבקה האט גענומען
אֶת בִּגְדֵי עֵשָׂו	די קליידער פון עשו,
בְּנָהּ הַגָּדֹל	איהר גרעסערען זוהן,
הַחֲמֻדֹת	די ²שיינע,
אֲשֶׁר אִתָּהּ בַּבָּיִת	וועלכע זיינען געוועזען ביי איהר אין הויז,
וַתַּלְבֵּשׁ	און זי האט בעקליידעט
אֶת יַעֲקֹב בְּנָהּ הַקָּטָן׃	איהר קלענערען זוהן יעקב.
16. וְאֵת עֹרֹת	16. און די פעלען
גְּדָיֵי הָעִזִּים	פון די ציגען-בעקלעך
הִלְבִּישָׁה	האט זי אנגעקליידעט
עַל יָדָיו	אויף זיינע הענד,
וְעַל חֶלְקַת צַוָּארָיו׃	און אויף דאס ³גלאטע פון זיין האלז
17. וַתִּתֵּן	17. און זי האט געגעבען
אֶת הַמַּטְעַמִּים	די געשמאקע געריכטען
וְאֶת הַלֶּחֶם	און דאס ברויט,
אֲשֶׁר עָשָׂתָה	וועלכע זי האט געמאכט.

1) ווילדפרעט. 2) טהייערע, געלוסטיגע. 3) גלאטען ארט.

בְּיַד יַעֲקֹב בְּנָהּ׃	אין די האַנד פון איהר זוהן יעקב.
18. וַיָּבֹא אֶל אָבִיו	18. און ער איז געקומען צו זיין פאטער,
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט:
אָבִי	מיין פאטער!
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט:
הִנֶּנִּי	היר בין איך,
מִי אַתָּה בְּנִי׃	ווער ביסט׳ו מיין זוהן?
19. וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב	19. און יעקב האט געזאגט
אֶל אָבִיו	צו זיין פאטער:
אָנֹכִי עֵשָׂו בְּכֹרֶךָ	איך בין עשו, דיין ערשט־געבאָרענער,
עָשִׂיתִי	איך האב געטאָן,
כַּאֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ אֵלָי	ווי דו האסט גערעט צו מיר,
קוּם נָא	שטיי דאך אויף
שְׁבָה	זעץ זיך,
וְאָכְלָה מִצֵּידִי	און עסס פון מיין פאַנג
בַּעֲבוּר תְּבָרְכַנִּי נַפְשֶׁךָ׃	אום דיין זעלע זאל מיר בענשען.
20. וַיֹּאמֶר יִצְחָק	20. און יצחק האט געזאגט
אֶל בְּנוֹ	צו זיין זוהן:
מַה זֶּה	[1]וואס איז דאס,
מִהַרְתָּ לִמְצֹא	דאס דו האסט שנעל געפונען,
בְּנִי	מיין זוהן?
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט:
כִּי הִקְרָה יְיָ אֱלֹהֶיךָ לְפָנָי׃	דען דער עוויגער דיין גאט האט [2]געמאַכט־טרעפען פאר מיר.
21. וַיֹּאמֶר יִצְחָק	21. און יצחק האט געזאגט
אֶל יַעֲקֹב	צו יעקב:
גְּשָׁה נָּא	ערנעהנטער זיך דאך,
וַאֲמֻשְׁךָ	און איך וועל דיך אָנטאַפּען,
בְּנִי	מיין זוהן,
הַאַתָּה זֶה בְּנִי עֵשָׂו	צו ביסט׳ו דאס מיין זוהן עשו,
אִם לֹא׃	אָדער ניט.
22. וַיִּגַּשׁ יַעֲקֹב	22. און יעקב האט זיך ערנעהנטערט
אֶל יִצְחָק אָבִיו	צו זיין פאטער יצחק,
וַיְמֻשֵּׁהוּ	און ער האט איהם אָנגע־טאַפּט,
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט:

הַקֹּל קוֹל יַעֲקֹב	די שטימע איז יעקב׳ס שטימע,
וְהַיָּדַיִם יְדֵי עֵשָׂו׃	אָבער די הענד זיינען עשו׳ס הענד.
23. וְלֹא הִכִּירוֹ	23. און ער האט איהם ניט דערקענט,
כִּי הָיוּ יָדָיו	דען זיינע הענד זיינען געוועזען,
כִּידֵי עֵשָׂו אָחִיו	ווי די הענד פון זיין ברודער עשו,
שְׂעִרֹת	האָריגע,
וַיְבָרְכֵהוּ׃	און ער האט איהם גע־בענשט.
24. וַיֹּאמֶר	24. און ער האט געזאגט:
אַתָּה זֶה בְּנִי עֵשָׂו	ביסט׳ו דאס מיין זוהן עשו?
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט:
אָנִי׃	איך בין עס.
25. וַיֹּאמֶר	25. און ער האט געזאגט:
הַגִּשָׁה לִּי	[3]טראָג מיר צו,
וְאֹכְלָה	און איך וועל עסען
מִצֵּיד בְּנִי	פון מיין זוהן׳ס פאַנג,
לְמַעַן תְּבָרֶכְךָ נַפְשִׁי	אום מיין זעלע זאל דיך בענשען,
וַיַּגֶּשׁ לוֹ	און ער האט איהם דער־לאַנגט,
וַיֹּאכַל	און ער האט געגעסען,
וַיָּבֵא לוֹ יַיִן	און ער האט איהם געבראַכט וויין,
וַיֵּשְׁתְּ׃	און ער האט געטרונקען.
26. וַיֹּאמֶר אֵלָיו יִצְחָק אָבִיו	26. און זיין פאטער יצחק האט צו איהם געזאגט:
גְּשָׁה נָּא	ערנעהנטער זיך דאך
וּשְׁקָה לִּי	און קיש מיר,
בְּנִי׃	מיין זוהן.
27. וַיִּגַּשׁ	27. און ער האט זיך ערנעהנ־טערט,
וַיִּשַּׁק לוֹ	און ער האט איהם געקושט.
וַיָּרַח	און ער האט געשמעקט
אֶת רֵיחַ בְּגָדָיו	דעם גערוך פון זיינע קליי־דער,
וַיְבָרֲכֵהוּ	און ער האט איהם געבענשט,
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט:
רְאֵה רֵיחַ בְּנִי	זעה, דער גערוך פון מיין זוהן
כְּרֵיחַ שָׂדֶה	(איז) ווי דער גערוך פון אַ פעלד,
אֲשֶׁר בֵּרֲכוֹ יְהוָֹה׃	וועלכע דער עוויגער האט איהם געבענשט.
שִׁשִּׁי	שִׁשִּׁי
28. וְיִתֶּן לְךָ הָאֱלֹהִים	28. און גאט זאל דיר געבען

1) אָדער: מה זה מהרת למצא, וואס האסט׳ו אזוי שנעל געפונען. 2) צוגעשיקט, בעשערט. 3) ברייננ מיר אהער, דערלאַנג מיר.

מִטַּל הַשָּׁמַיִם	פון די טהוי פון הימעל
וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ	און פון די פעטקייטען פון דער ערד,
וְרֹב דָּגָן וְתִירֹשׁ:	און פיל קארן און [1]מאָסט.
29. יַעַבְדוּךָ עַמִּים	29. פעלקער זאלען דיר דינען
וְיִשְׁתַּחֲווּ לְךָ לְאֻמִּים	און נאציאָנען זאָלן זיך צו דיר בוקען,
הֱוֵה גְבִיר לְאַחֶיךָ	דו זאָלסט זיין אַ הערר איבער דיינע ברידער,
וְיִשְׁתַּחֲווּ לְךָ	און עס זאלען זיך צו דיר בוקען
בְּנֵי אִמֶּךָ	די זיהן פון דיין מוטער,
אֹרְרֶיךָ	די וואס פלוכען דיר
אָרוּר	זאלען זיין פערפלוכט,
וּמְבָרֲכֶיךָ	און די וואס בענשען דיר
בָּרוּךְ:	זאלען זיין געבענשט.
30. וַיְהִי	30. און עס איז געווען
כַּאֲשֶׁר כִּלָּה יִצְחָק	ווי יצחק האט געענדיגט
לְבָרֵךְ אֶת יַעֲקֹב	צו בענשען יעקב,
וַיְהִי	און עס איז געווען
אַךְ יָצֹא יָצָא יַעֲקֹב	(ווי) יעקב איז נור אַרויסגעגאַנגען
מֵאֵת פְּנֵי יִצְחָק אָבִיו	פון פאר זיין פאָטער יצחק,
וְעֵשָׂו אָחִיו בָּא	איז זיין ברודער עשו געקומען
מִצֵּידוֹ:	פון זיין [2]פאַנגען.
31. וַיַּעַשׂ גַּם הוּא	31. און ער האט אויך געמאַכט
מַטְעַמִּים	געשמאַקע געריכטען,
וַיָּבֵא לְאָבִיו	און ער האט (זיי) געבראַכט צו זיין פאטער,
וַיֹּאמֶר לְאָבִיו	און ער האט געזאגט צו זיין פאטער:
יָקֻם אָבִי	זאָל מיין פאָטער אויפשטיין,
וְיֹאכַל מִצֵּיד בְּנוֹ	און ער זאל עסען פון זיין זוהן'ס [3]פאַנג,
בַּעֲבֻר תְּבָרְכַנִּי נַפְשֶׁךָ:	אום דיין זעלע זאל מיר בענשען.
32. וַיֹּאמֶר לוֹ יִצְחָק אָבִיו	32. און זיין פאטער יצחק האט צו איהם געזאָגט:
מִי אָתָּה	„ווער ביסט'ו"?
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט:
אֲנִי בִּנְךָ בְכֹרְךָ עֵשָׂו:	איך בין דיין ערשט-געבאָרענער זוהן עשו.
33. וַיֶּחֱרַד יִצְחָק	33. און יצחק האט געציטערט
חֲרָדָה גְּדֹלָה עַד מְאֹד	זעהער אַ גרויסע ציטערניס
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט:
מִי אֵפוֹא הוּא	ווער אַלזאָ איז ער
הַצָּד צַיִד	וועלכער האט געפאַנגען אַ [3]פאַנג,
וַיָּבֵא לִי	און ער האט מיר געבראַכט,
וָאֹכַל מִכֹּל	און איך האב געגעסען פון אַלעס
בְּטֶרֶם תָּבוֹא	בעפאָר דו ביסט געקומען
וָאֲבָרְכֵהוּ	און איך האב איהם געבענשט?
גַּם בָּרוּךְ יִהְיֶה:	ער וועט אויך (בלייבען) געבענשט!
34. כִּשְׁמֹעַ עֵשָׂו	34. ווי עשו האט געהערט
אֶת דִּבְרֵי אָבִיו	די ווערטער פון זיין פאטער,
וַיִּצְעַק	האט ער געשריען
צְעָקָה גְּדֹלָה וּמָרָה עַד מְאֹד:	זעהר אַ גרויסען און אַ ביטערען געשריי,
וַיֹּאמֶר לְאָבִיו	און ער האט געזאגט צו זיין פאטער:
בָּרְכֵנִי גַם אָנִי אָבִי:	בענש מיר אויך, מיין פאטער!
35. וַיֹּאמֶר	35. און ער האט געזאגט:
בָּא אָחִיךָ בְּמִרְמָה	דיין ברודער איז געקומען מיט [4]ליסט
וַיִּקַּח בִּרְכָתֶךָ:	און ער האט צוגענומען דיין זעגען.
36. וַיֹּאמֶר	36. און ער האט געזאגט:
הֲכִי קָרָא שְׁמוֹ יַעֲקֹב	האט מען דען דארום גערופען זיין נאמען יעקב,
וַיַּעְקְבֵנִי זֶה פַעֲמַיִם	ווייל ער האט מיר גענאַרט שוין צוויי מאָל?
אֶת בְּכֹרָתִי לָקָח	מיין ערשט-געבורט האט ער צוגענומען
וְהִנֵּה עַתָּה	און זעה, יעצט
לָקַח בִּרְכָתִי	האט ער צוגענומען מיין זעגען;
וַיֹּאמַר	און ער האט געזאגט:
הֲלֹא אָצַלְתָּ לִּי בְּרָכָה	האסט'ו פיר מיר ניט [5]אָבגעטיילט אַ זעגען?
37. וַיַּעַן יִצְחָק	37. און יצחק האט געאַנטוואָרט
וַיֹּאמֶר לְעֵשָׂו	און ער האט געזאגט צו עשו:
הֵן גְּבִיר	זעה, (פיר) אַ העררן
שַׂמְתִּיו לָךְ	האב איך איהם געמאַכט איבער דיר,
וְאֶת כָּל אֶחָיו	און אַלע זיינע ברידער
נָתַתִּי לוֹ	האב איך איהם געגעבען
לַעֲבָדִים	פיר קנעכט,
וְדָגָן וְתִירֹשׁ	און (מיט) קאָרן און [1]מאָסט

[1]) זאַפט פון וויינטרויבען. [2]) יאַגט. [3]) ווילדפרעט. [4]) בעטרוג, רמאות. [5]) בעהאַלטען.

סְמַכְתִּיו	האב איך איהם [1]פערזאָרגט,
וּלְכָה אֵפוֹא	און פיר דיר אַלזאָ
מָה אֶעֱשֶׂה בְּנִי:	וואס זאל איך טהאָן מיין זוהן?
38. וַיֹּאמֶר עֵשָׂו	38. און עשו האט געזאגט
אֶל אָבִיו	צו זיין פאטער:
הַבְרָכָה אַחַת הִוא לְךָ אָבִי	האָסט'ו דען איין זעגען, מיין פאטער?
בָּרְכֵנִי גַם אָנִי	בענש מיר אויך,
אָבִי	מיין פאטער.
וַיִּשָּׂא עֵשָׂו קֹלוֹ	און עשו האט אויפגעהייבען זיין שטימע,
וַיֵּבְךְּ:	און ער האט געוויינט.
39. וַיַּעַן יִצְחָק אָבִיו	39. און זיין פאטער יצחק האט געאַנטוואָרט,
וַיֹּאמֶר אֵלָיו	און ער האט צו איהם געזאגט:
הִנֵּה מִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ	זעה, די פעטיגקייטען פון דער ערד
יִהְיֶה מוֹשָׁבֶךָ	וועט זיין דיין וואָהנונגס־אָרט
וּמִטַּל הַשָּׁמַיִם	און פון די טהוי פון הימעל
מֵעָל:	פון אויבען.
40. וְעַל חַרְבְּךָ	40. אָבער דורך דיין שווערט
תִחְיֶה	וועסט'ו לעבען,
וְאֶת אָחִיךָ	און דיין ברודער
תַּעֲבֹד	וועסט'ו דינען,
וְהָיָה	און עס וועט זיין,
כַּאֲשֶׁר תָּרִיד	ווען דו וועסט דיך [2]מיהען
וּפָרַקְתָּ	דאַן וועסט'ו [3]אראָבווארפען
עֻלּוֹ	זיין יאָך
מֵעַל צַוָּארֶךָ:	פון דיין האלז.
41. וַיִּשְׂטֹם עֵשָׂו אֶת יַעֲקֹב	41. און עשו האט געהאַסט יעקב
עַל הַבְּרָכָה	וועגען דעם זעגען,
אֲשֶׁר בֵּרְכוֹ אָבִיו	(מיט) וועלכען זיין פאַטער האט איהם געבענשט
וַיֹּאמֶר עֵשָׂו בְּלִבּוֹ	און עשו האט געטראכט אין זיין הארצען:
יִקְרְבוּ	(ווען) עס וועלען זיך ערנענטערען
יְמֵי אֵבֶל אָבִי	די טרויער טעג פון מיין פאַטער,
וְאַהַרְגָה	דאַן וועל איך דערשלאָגען
אֶת יַעֲקֹב אָחִי:	מיין ברודער יעקב.
42. וַיֻּגַּד לְרִבְקָה	42. און עס איז געזאָגט געוואָרען צו רבקה

אֶת דִּבְרֵי עֵשָׂו	די ווערטער פון עשו,
בְּנָהּ הַגָּדֹל	איהר גרעסערער זוהן,
וַתִּשְׁלַח	און זי האט געשיקט,
וַתִּקְרָא לְיַעֲקֹב	און זי האט גערופען יעקב,
בְּנָהּ הַקָּטָן	איהר קלענערען זוהן,
וַתֹּאמֶר אֵלָיו	און זי האט צו אים געזאָגט:
הִנֵּה עֵשָׂו אָחִיךָ	זעה, דיין ברודער עשו
מִתְנַחֵם לְךָ	טרייסט זיך וועגען דיר
לְהָרְגֶךָ:	דיך צו דערשלאָגען.
43. וְעַתָּה בְנִי	43. און יעצט, מיין זוהן,
שְׁמַע בְּקֹלִי	הער אין מיין שטימע,
וְקוּם	און שטיי אויף,
בְּרַח לְךָ	ענטלויף דיר
אֶל לָבָן אָחִי	צו מיין ברודער לבן
חָרָנָה:	נאָך חרן.
44. וְיָשַׁבְתָּ עִמּוֹ	44. און דו זאָלסט וואָהנען ביי איהם
יָמִים אֲחָדִים	אייניגע [4]יאָהר,
עַד אֲשֶׁר תָּשׁוּב	ביז עס וועט זיך [5]אָבווענדען
חֲמַת אָחִיךָ:	דער גרים פון דיין ברודער.
45. עַד שׁוּב	45. ביז עס וועט זיך [5]אָב־ווענדען
אַף אָחִיךָ	דער צאָרן פון דיין ברודער
מִמְּךָ	פון דיר
וְשָׁכַח	און ער וועט פערגעסען
אֵת אֲשֶׁר עָשִׂיתָ לּוֹ	וואס דו האסט איהם געטאָן,
וְשָׁלַחְתִּי	דאַן וועל איך שיקען,
וּלְקַחְתִּיךָ מִשָּׁם	און איך וועל דיך נעהמען פון דאָרט:
לָמָה אֶשְׁכַּל גַּם שְׁנֵיכֶם	וואָרום זאָל איך [6]פערלירען אייך ביידען
יוֹם אֶחָד:	(אין) איין טאָג?
46. וַתֹּאמֶר רִבְקָה	46. און רבקה האט געזאָגט
אֶל יִצְחָק	צו יצחק:
קַצְתִּי בְחַיַּי	עס איז מיר איבערדריסיג מיין לעבען
מִפְּנֵי בְּנוֹת חֵת	וועגען די טעכטער חת,
אִם לֹקֵחַ יַעֲקֹב	אויב יעקב זאל נעהמען
אִשָּׁה	א פרוי
מִבְּנוֹת חֵת	פון די טעכטער חת.

1) אונטערשטיצט. 2) בעקלאָגען, וועסט האבען געגוג געליטען; ווען דו וועסט איבערוועלטיגען. 3) אראָב־נעהמען, אראָבְרייסען. 4) טעג, צייט. 5) אָב־קעהרען, צוריק־קעהרען. 6) בערויבט ווערען פון אייך ביידען.

כָּאֵלֶּה	ווי דיזע
מִבְּנוֹת הָאָרֶץ	פון די טעכטער פון די לאנד
לָמָּה לִּי חַיִּים׃	צו וואס טויג מיר דער לעבען?

Cap. XXVIII. כח

1. וַיִּקְרָא יִצְחָק אֶל יַעֲקֹב	1. און יצחק האט גערופען יעקב,
וַיְבָרֶךְ אֹתוֹ	און ער האט איהם געבענשט
וַיְצַוֵּהוּ	און ער האט איהם בעפוילען,
וַיֹּאמֶר לוֹ	און ער האט צו איהם געזאגט:
לֹא תִקַּח אִשָּׁה	דו זאלסט ניט נעהמען א פרוי,
מִבְּנוֹת כְּנָעַן׃	פון די טעכטער פון כנען.
2. קוּם	2. שטיי אויף
לֵךְ	גיי
פַּדֶּנָה אֲרָם	נאך פדן ארם
בֵּיתָה בְתוּאֵל	אין די הויז פון בתואל,
אֲבִי אִמֶּךָ	דיין מוטער׳ס פאטער,
וְקַח לְךָ מִשָּׁם	און נעהם דיר פון דארט
אִשָּׁה	א פרוי,
מִבְּנוֹת לָבָן	פון די טעכטער פון לבן,
אֲחִי אִמֶּךָ׃	דיין מוטער׳ס ברודער.
3. וְאֵל שַׁדַּי	3. און גאט, דער אלמעכטי־גער,
יְבָרֵךְ אֹתְךָ	זאל דיך בענשען,
וְיַפְרְךָ	און זאל דיך פרוכטבאר מאכען,
וְיַרְבֶּךָ	און ער זאל דיר מעהרען,
וְהָיִיתָ	און דו זאלסט ווערען
לִקְהַל עַמִּים׃	צו א פערזאמלונג פון פעלקער.
4. וְיִתֶּן לְךָ	4. און ער זאל דיר געבען
אֶת בִּרְכַּת אַבְרָהָם	אברהם׳ס זעגען,
לְךָ	צו דיר
וּלְזַרְעֲךָ	און צו דיין זאמען
אִתָּךְ	מיט דיר,
לְרִשְׁתְּךָ	דאס דו זאלסט ערבען
אֶת אֶרֶץ מְגֻרֶיךָ	דיין [1]וואהנונגס־לאנד,
אֲשֶׁר נָתַן אֱלֹהִים לְאַבְרָהָם׃	וועלכע גאט האט געגעבען צו אברהם.

שְׁבִיעִי	שְׁבִיעִי
5. וַיִּשְׁלַח יִצְחָק אֶת יַעֲקֹב	5. און יצחק האט געשיקט יעקב,
וַיֵּלֶךְ פַּדֶּנָה אֲרָם	און ער איז געגאנגען נאך פדן ארם
אֶל לָבָן	צו לבן,
בֶּן בְּתוּאֵל הָאֲרַמִּי	דער זוהן פון בתואל, דער ארמי,
אֲחִי רִבְקָה	דער ברודער פון רבקה,
אֵם יַעֲקֹב וְעֵשָׂו׃	די מוטער פון יעקב און עשו.
6. וַיַּרְא עֵשָׂו	6. און (ווען) עשו האט געזעהן,
כִּי בֵרַךְ יִצְחָק אֶת יַעֲקֹב	דאס יצחק האט געבענשט יעקב,
וְשִׁלַּח אֹתוֹ	און ער האט איהם אוועג־געשיקט
פַּדֶּנָה אֲרָם	נאך פדן ארם
לָקַחַת לוֹ מִשָּׁם	צו נעהמען זיך פון דארט
אִשָּׁה	א פרוי,
בְּבָרְכוֹ אֹתוֹ	[2]אינדעם ער האט איהם געבענשט,
וַיְצַו עָלָיו	און ער האט איהם בעפוילען
לֵאמֹר	זאגענדיג:
לֹא תִקַּח אִשָּׁה	דו זאלסט ניט נעהמען א פרוי,
מִבְּנוֹת כְּנָעַן׃	פון די טעכטער פון כנען.
מַפְטִיר	מַפְטִיר
7. וַיִּשְׁמַע יַעֲקֹב	7. און (דאס) יעקב האט געהערט
אֶל אָבִיו	צו זיין פאטער,
וְאֶל אִמּוֹ	און צו זיין מוטער,
וַיֵּלֶךְ פַּדֶּנָה אֲרָם׃	און ער איז אוועג־געגאנגען אין פדן ארם.
8. וַיַּרְא עֵשָׂו	8. דאן האט עשו איינגעזעהן
כִּי רָעוֹת בְּנוֹת כְּנָעַן	דאס די טעכטער פון כנען, זיינען [3]שלעכט
בְּעֵינֵי יִצְחָק אָבִיו׃	אין די אויגען פון זיין פאטער יצחק,
9. וַיֵּלֶךְ עֵשָׂו	9. און עשו איז געגאנגען
אֶל יִשְׁמָעֵאל	צו ישמעאל,
וַיִּקַּח אֶת מָחֲלַת	און ער האט גענומען מחלת,
בַּת יִשְׁמָעֵאל	די טאכטער פון ישמעאל,
בֶּן אַבְרָהָם	אברהם׳ס זוהן,
אֲחוֹת נְבָיוֹת	די שוועסטער פון נביות,
עַל נָשָׁיו	צו זיינע (אנדערע) פרויען,
לוֹ לְאִשָּׁה׃	[4]צו איהם פיר א פרוי.

1) די לאנד פון דיין אויפענטהאלט. 2) וועהרענד. 3) ניט געפעליג. 4) זיך.

וַיֵּצֵא VAYETZAY

10. וַיֵּצֵא יַעֲקֹב	10. און יעקב איז אַרויס־געגאַנגען
מִבְּאֵר שָׁבַע	פון באר שבע,
וַיֵּלֶךְ חָרָנָה :	און ער איז געגאַנגען נאָך חרן.
11. וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם	11. און ער האט [1]געטראָפען איין אָרט,
וַיָּלֶן שָׁם	און ער האט דאָרט איבער־גענעכטיגט,
כִּי בָא הַשֶּׁמֶשׁ	וויל די זון איז אונטער־געגאַנגען,
וַיִּקַּח	און ער האט גענומען
מֵאַבְנֵי הַמָּקוֹם	פון די שטיינער פון דעם אָרט,
וַיָּשֶׂם מְרַאֲשֹׁתָיו	און ער האט עס געלייגט צו־[2]קאָפּענס,
וַיִּשְׁכַּב	און ער האט זיך געלייגט
בַּמָּקוֹם הַהוּא :	אין יענעם אָרט.
12. וַיַּחֲלֹם	12. און ער האט געטרוימט,
וְהִנֵּה סֻלָּם	[3]דאַס אַ לייטער
מֻצָּב אַרְצָה	איז געשטעלט אויף דער ערד
וְרֹאשׁוֹ	און זיין [4]שפּיץ
מַגִּיעַ הַשָּׁמָיְמָה	גרייכט ביז דעם הימעל,
וְהִנֵּה מַלְאֲכֵי אֱלֹהִים	[3]און גאָטעס ענגלען
עֹלִים וְיֹרְדִים בּוֹ :	געהען אַרויף און אַרונטער [5]אויף איהם.
13. וְהִנֵּה	13. און זעה,
יְהוָה נִצָּב עָלָיו	דער עוויגער איז געשטאַנען ביי איהם,
וַיֹּאמַר	און ער האט געזאגט:
אֲנִי יְהוָה	איך בין דער עוויגער,
אֱלֹהֵי אַבְרָהָם אָבִיךָ	דער גאָט פון דיין פאָטער אברהם
וֵאלֹהֵי יִצְחָק	און דער גאָט פון יצחק,
הָאָרֶץ	די לאַנד,
אֲשֶׁר אַתָּה שֹׁכֵב עָלֶיהָ	וואס דו ליגסט אויף איהר,
לְךָ אֶתְּנֶנָּה	וועל איך איהר געבען צו דיר
וּלְזַרְעֶךָ :	און צו דיין זאַמען.
14. וְהָיָה זַרְעֲךָ	14. און דיין זאַמען וועט זיין
כַּעֲפַר הָאָרֶץ	ווי די שטויב פון דער ערד,
וּפָרַצְתָּ	און דו וועסט זיך אויס־ברייטען
יָמָּה וָקֵדְמָה	נאָך [6]אַבענד־זייט און מאָרגען־זייט
וְצָפֹנָה וָנֶגְבָּה	און נאָרד־זייט און זיד־זייט,
וְנִבְרְכוּ בְךָ	און עס וועלען [7]דורך דיר געבענשט ווערען,
כָּל מִשְׁפְּחֹת הָאֲדָמָה	אַלע פאַמיליען פון דער ערד
וּבְזַרְעֶךָ :	און [7]דורך דיין זאַמען.
15. וְהִנֵּה אָנֹכִי עִמָּךְ	15. און זעה, איך בין מיט דיר,
וּשְׁמַרְתִּיךָ	און איך וועל דיך היטען
בְּכֹל אֲשֶׁר תֵּלֵךְ	[9]וואוהין דו וועסט גיין,
וַהֲשִׁבֹתִיךָ	און איך וועל דיך צוריק־קערען
אֶל הָאֲדָמָה הַזֹּאת	צו דיזע לאַנד,
כִּי לֹא אֶעֱזָבְךָ	דען איך וועל דיך ניט פערלאָזען
עַד אֲשֶׁר אִם עָשִׂיתִי	ביז איך וועל האבען געטאָן,
אֵת אֲשֶׁר דִּבַּרְתִּי לָךְ :	וואס איך האב גערעט צו דיר.
16. וַיִּיקַץ יַעֲקֹב	16. און יעקב האט ערוואַכט
מִשְּׁנָתוֹ	פון זיין שלאָף,
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט:
אָכֵן	וואַהרליך!
יֵשׁ יְהוָה	דער עוויגער איז דאָ
בַּמָּקוֹם הַזֶּה	אין דיזען אָרט,
וְאָנֹכִי לֹא יָדָעְתִּי :	און איך האב (עס)ניט געוואוסט.
17. וַיִּירָא	17. און ער האט זיך געפירכ־טעט,
וַיֹּאמַר	און ער האט געזאגט:
מַה נּוֹרָא הַמָּקוֹם הַזֶּה	ווי פורכטבאַר איז דיזער אָרט!
אֵין זֶה	דאס איז ניט אַנדערס
כִּי אִם בֵּית אֱלֹהִים	[10]אויסער גאָטעס־הויז
וְזֶה שַׁעַר הַשָּׁמָיִם :	און דיזער איז דער טויער פון הימעל.
18. וַיַּשְׁכֵּם יַעֲקֹב	18. און יעקב איז אויף־געשטאַנען פריה
בַּבֹּקֶר	דעם־מאָרגענס,
וַיִּקַּח אֶת הָאֶבֶן	און ער האט גענומען דעם שטיין,
אֲשֶׁר שָׂם מְרַאֲשֹׁתָיו	וועלכען ער האט געלייגט צו־קאָפּענס,
וַיָּשֶׂם אֹתָהּ מַצֵּבָה	און ער האט [11]זיא געמאַכט (פיר) אַ [12]דיינק־זייל
וַיִּצֹק שֶׁמֶן	און ער האט געגאָסען אייל
עַל רֹאשָׁהּ :	אויף איהר [4]שפּיטץ.
19. וַיִּקְרָא	19. און ער האט גערופען
אֶת שֵׁם הַמָּקוֹם הַהוּא	דעם נאמען פון יענעם אָרט
בֵּית אֵל	[13]בית אל,

1) בעגעגענט, צוגעגאַנגען, געגרייכט. 2) אונטערן קאָפּ. 3) און זעה,. 4) קאָפּ. 5) דורך. 6) וועסט. 7) זיך מיט דיר בענשען. 8) מיט. 9) אומעטום וואו דו. 10) זאָנדערן, אַלס, סיידען. 11) איהם. 12) שטאַנד־זייל. 13) גאָטעס־הויז.

וְאוּלָם	אָבער
לוּז שֵׁם הָעִיר	לוז (איז געווען) דער נאמען פון די שטאָט
לָרִאשֹׁנָה׃	צום ערשטען.
20. וַיִּדַּר יַעֲקֹב נֶדֶר	20. און יעקב האט צוגע־זאָגט אַ צוזאָג,
לֵאמֹר	זאָגענדיג:
אִם יִהְיֶה אֱלֹהִים	ווען גאט וועט זיין
עִמָּדִי	מיט מיר.
וּשְׁמָרַנִי	און ער וועט מיך היטען
בַּדֶּרֶךְ הַזֶּה	אויף דיזען וועג,
אֲשֶׁר אָנֹכִי הוֹלֵךְ	(אויף) וועלכען איך גיי,
וְנָתַן לִי	און ער וועט מיר געבען
לֶחֶם לֶאֱכֹל	ברויט צום עסען
וּבֶגֶד לִלְבֹּשׁ׃	און אַ קלייד אָנצוקליידען.
21. וְשַׁבְתִּי בְשָׁלוֹם	21. און איך וועל זיך צוריק־קערען אין פרידען
אֶל בֵּית אָבִי	צו מיין פאָטער׳ס הויז.
וְהָיָה יְהוָה לִי	[1]און דער עוויגער וועט זיין צו מיר
לֵאלֹהִים׃	פיר אַ גאט.
22. וְהָאֶבֶן הַזֹּאת	22. [2]דאַן זאל דיזער שטיין,
אֲשֶׁר שַׂמְתִּי מַצֵּבָה	וועלכען איך האב געמאַכט (פיר) אַ דיינק־זייל
יִהְיֶה בֵּית אֱלֹהִים	זאָל זיין גאָטעס־הויז,
וְכֹל אֲשֶׁר תִּתֶּן לִי	און אַלעס וואס דו וועסט מיר געבען
עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ לָךְ׃	וועל איך געבען אַ צעהנטע טהייל צו דיר.

Cap. XXIX. כט

שֵׁנִי | שֵׁנִי

1. וַיִּשָּׂא יַעֲקֹב רַגְלָיו	1. און יעקב האט אויפ־געהייבען זיינע פיס,
וַיֵּלֶךְ	און ער איז געגאַנגען
אַרְצָה בְנֵי קֶדֶם׃	נאָך די לאַנד פון די [3]מאָרגען־לענדער.
2. וַיַּרְא	2. און ער האט געזעען
וְהִנֵּה בְאֵר בַּשָּׂדֶה	דאַס אַ ברונען איז אויפ׳ן פעלד
וְהִנֵּה שָׁם	און דאָרט (זיינען געווען)
שְׁלֹשָׁה עֶדְרֵי צֹאן	דריי שאָף־הערדען
רֹבְצִים עָלֶיהָ	[4]געלאַגערט ביי [5]איהר,
כִּי מִן הַבְּאֵר הַהִוא	דען פון יענעם ברונען
יַשְׁקוּ הָעֲדָרִים	פלעגט מען אָנטרינקען די הערדען
וְהָאֶבֶן גְּדֹלָה	[6]אָבער אַ גרויסער שטיין
עַל פִּי הַבְּאֵר׃	(איז געווען) אויף די עפנונג פון דעם ברונען.
3. וְנֶאֶסְפוּ שָׁמָּה	3. און עס פלעגען זיך דאָרט פערזאַמלען
כָל הָעֲדָרִים	אַלע הערדען,
וְגָלְלוּ אֶת הָאֶבֶן	און זיי פלעגען אַראָב־קייקלען דעם שטיין.
מֵעַל פִּי הַבְּאֵר	פון די עפנונג פון דעם ברונען,
וְהִשְׁקוּ אֶת הַצֹּאן	און זיי פלעגען אָנטרינקען די שאָף,
וְהֵשִׁיבוּ אֶת הָאֶבֶן	און זיי פלעגען צוריק־קערען דעם שטיין
עַל פִּי הַבְּאֵר	אויף די עפנונג פון דעם ברונען
לִמְקֹמָהּ׃	צו איהר אָרט.
4. וַיֹּאמֶר לָהֶם יַעֲקֹב	4. און יעקב האט צו זיי געזאָגט:
אַחַי מֵאַיִן אַתֶּם	מיינע ברידער, פון וואַנען זייט איהר?
וַיֹּאמְרוּ	און זיי האבען געזאגט:
מֵחָרָן אֲנָחְנוּ׃	פון חרן זיינען מיר.
5. וַיֹּאמֶר לָהֶם	5. און ער האט צו זיי געזאגט:
הַיְדַעְתֶּם אֶת לָבָן	קענט איהר לבן,
בֶּן נָחוֹר	דעם זוהן פון נחור?
וַיֹּאמְרוּ יָדָעְנוּ׃	און זיי האבען געזאגט: מיר קענען (איהם).
6. וַיֹּאמֶר לָהֶם	6. און ער האט צו זיי געזאגט:
הֲשָׁלוֹם לוֹ	איז ער [7]געזונד?
וַיֹּאמְרוּ שָׁלוֹם	און זיי האבען געזאגט: ער איז געזונד.
וְהִנֵּה רָחֵל בִּתּוֹ בָּאָה	און זעה, זיין טאָכטער רחל קומט
עִם הַצֹּאן׃	מיט די שאָף.
7. וַיֹּאמֶר	7. און ער האט געזאָגט:
הֵן עוֹד הַיּוֹם גָּדוֹל	זעהט, דער טאג איז נאך גרויס
לֹא עֵת	עס איז נים צייט
הֵאָסֵף הַמִּקְנֶה	אַייצוזאַמלען די פיה,
הַשְׁקוּ הַצֹּאן	טרינקט אָן די שאָף,
וּלְכוּ רְעוּ׃	און גייט פיטערט.
8. וַיֹּאמְרוּ	8. און זיי האבען געזאגט:
לֹא נוּכַל	(דאס) קענען מיר ניט
עַד אֲשֶׁר יֵאָסְפוּ	ביז עס וועלען זיך פערזאַמלען
כָּל הָעֲדָרִים	אַלע הערדען
וְגָלְלוּ אֶת הָאֶבֶן	און זיי וועלען אַראָבקייקלען דעם שטיין
מֵעַל פִּי הַבְּאֵר	פון די עפענונג פון דעם ברונען
וְהִשְׁקִינוּ הַצֹּאן׃	[8]און מיר וועלען אָנטרינקען די שאָף.
9. עוֹדֶנּוּ מְדַבֵּר עִמָּם	9. ער רעדט נאך מיט זיי
וְרָחֵל בָּאָה	און רחל איז געקומען

1) דאַן וועט דער עוויגער. 2) און דיזער שטיין. 3) קינדער פון מאָרגען לאַנד. 4) ליגענדיג. 5) איהם. 6) און דער שטיין איז געווען גרויס. 7) פרידליך; גייט עס איהם וואָהל?. 8) דאַן וועלען מיר.

עִם הַצֹּאן	מיט די שאָף,
אֲשֶׁר לְאָבִיהָ	וועלכע געהערט צו איהר פאטער,
כִּי רֹעָה הִוא׃	דען זי איז געווען אַ הירטין.
10. וַיְהִי	10. און עס איז געווען
כַּאֲשֶׁר רָאָה יַעֲקֹב	ווי יעקב האט דערזען
אֶת רָחֵל בַּת לָבָן	רחל, די טאָכטער פון לבן,
אֲחִי אִמּוֹ	זיין מוטער׳ס ברודער,
וְאֶת צֹאן לָבָן	און די שאָף פון לבן
אֲחִי אִמּוֹ	זיין מוטער׳ס ברודער,
וַיִּגַּשׁ יַעֲקֹב	דאַן האט זיך יעקב ערנענטערט,
וַיָּגֶל אֶת הָאֶבֶן	און ער האט אַראָב־געקייקעלט דעם שטיין
מֵעַל פִּי הַבְּאֵר	פון די עפנונג פון דעם ברונען,
וַיַּשְׁקְ אֶת צֹאן לָבָן	און ער האט אָנגעטרונקען די שאָף פון לבן,
אֲחִי אִמּוֹ׃	זיין מוטער׳ס ברודער.
11. וַיִּשַּׁק יַעֲקֹב לְרָחֵל	11. און יעקב האט געקושט רחל,
וַיִּשָּׂא אֶת קֹלוֹ	און ער האט אויפ־געהויבען זיין שטימע,
וַיֵּבְךְּ׃	און ער האט געוויינט.
12. וַיַּגֵּד יַעֲקֹב לְרָחֵל	12. און יעקב האט [1]דערצײלט רחל,
כִּי אֲחִי אָבִיהָ הוּא	דאס ער איז איהר פאטער׳ס ברודער
וְכִי בֶן רִבְקָה הוּא	און דאס ער איז רבקה׳ס זוהן,
וַתָּרָץ	און זי איז געלאָפען,
וַתַּגֵּד לְאָבִיהָ׃	און זי האט [1]דערצײלט איהר פאָטער.
13. וַיְהִי	13. און עס איז געווען
כִשְׁמֹעַ לָבָן	ווי לבן האט געהערט
אֶת שֵׁמַע יַעֲקֹב	די נאַכריכט פון יעקב,
בֶּן אֲחֹתוֹ	זיין שוועסטער׳ס זוהן,
וַיָּרָץ לִקְרָאתוֹ	איז ער געלאָפען ענטגעגען איהם
וַיְחַבֶּק לוֹ	און ער האט איהם אום־געאַרעמט,
וַיְנַשֶּׁק לוֹ	און ער האט איהם געקושט,
וַיְבִיאֵהוּ אֶל בֵּיתוֹ	און ער האט איהם געבראַכט אין זיין הויז,
וַיְסַפֵּר לְלָבָן	און ער האט דערצײלט צו לבן
אֵת כָּל הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה׃	דיזע אַלע [2]בעגעבענהייטען.
14. וַיֹּאמֶר לוֹ לָבָן	14. און לבן האט צו איהם געזאגט:
אַךְ	וואַהרליך!
עַצְמִי וּבְשָׂרִי אָתָּה	מיין ביין און פלייש ביסטו[3],

וַיֵּשֶׁב עִמּוֹ	און ער האט ביי איהם געוואָהנט
חֹדֶשׁ יָמִים׃	אַ מאָנאַט [4]צייט.
15. וַיֹּאמֶר לָבָן לְיַעֲקֹב	15. און לבן האט געזאגט צו יעקב:
הֲכִי אָחִי אַתָּה	צו ווייל דו ביסט מיין ברודער
וַעֲבַדְתַּנִי חִנָּם	זאָלסטו מיר דינען אומזאָנסט?
הַגִּידָה לִּי	זאָג מיר
מַה מַּשְׂכֻּרְתֶּךָ׃	וואס זאל זיין דיין לוין.
16. וּלְלָבָן שְׁתֵּי בָנוֹת	16. און לבן האט געהאַט צוויי טעכטער.
שֵׁם הַגְּדֹלָה לֵאָה	דער נאמען פון די גרעסערע (איז געווען) לאה
וְשֵׁם הַקְּטַנָּה רָחֵל׃	און דער נאמען פון די קליי־נערע (איז געווען) רחל.
17. וְעֵינֵי לֵאָה רַכּוֹת	17. און לאה׳ס אויגען (זיינען געווען) שוואַכע,
וְרָחֵל הָיְתָה	אָבער רחל איז געווען
יְפַת תֹּאַר	פון שיינעם געשטאַלט
וִיפַת מַרְאֶה׃	און פון שיינעם אָנזען.
שְׁלִישִׁי	שְׁלִישִׁי
18. וַיֶּאֱהַב יַעֲקֹב אֶת רָחֵל	18. און יעקב האט געליבט רחל,
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט :
אֶעֱבָדְךָ	איך וועל דיר דינען
שֶׁבַע שָׁנִים	זיבען יאָהר
בְּרָחֵל בִּתְּךָ הַקְּטַנָּה׃	פיר רחל, דיין קלענערע טאָכטער.
19. וַיֹּאמֶר לָבָן	19. און לבן האט געזאגט:
טוֹב	עס איז בעסער,
תִּתִּי אֹתָהּ לָךְ	דאס איך זאל איהר געבען צו דיר,
מִתִּתִּי אֹתָהּ	[5]איידער איך זאל איהר געבען
לְאִישׁ אַחֵר	צו איין אַנדער מאַן,
שְׁבָה עִמָּדִי׃	[6]זיין ביי מיר.
20. וַיַּעֲבֹד יַעֲקֹב	20. און יעקב האט געדינט
בְּרָחֵל	פיר רחל
שֶׁבַע שָׁנִים	זיבען יאהר,
וַיִּהְיוּ בְעֵינָיו	און זיי זיינען געווען אין זיינע אויגען,
כְּיָמִים אֲחָדִים	ווי אייניגע טעג,
בְּאַהֲבָתוֹ אֹתָהּ׃	ווייל ער האט איהר געליבט.
21. וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב	21. און יעקב האט געזאגט
אֶל לָבָן	צו לבן:

1) געזאָגט, 2) פּאַסירונגען, זאַכען. 3) ר. ה. א נאָהענטער פערוואַנדטער. 4) טעג. 5) אַלס. 6) וואָהן, בלייב.

הָבָה אֶת אִשְׁתִּי	גיב (מיר) מיין פרוי,
כִּי מָלְאוּ יָמָי	דען [1]מיין צייט איז פול,
וְאָבוֹאָה אֵלֶיהָ :	און איך וועל [2]איהר הייראַטען.
22. וַיֶּאֱסֹף לָבָן	22. און לבן האט פערזאַמעלט
אֶת כָּל אַנְשֵׁי הַמָּקוֹם	אַלע לייטע פון דעם אָרט,
וַיַּעַשׂ מִשְׁתֶּה:	און ער האט געמאַכט אַ מאָל־צייט.
23. וַיְהִי בָעֶרֶב	23. און עס איז געווען אָם אַבענד,
וַיִּקַּח אֶת לֵאָה בִתּוֹ	האט [3]ער גענומען זיין טאָכטער לאה,
וַיָּבֵא אֹתָהּ אֵלָיו	און [3]ער האט איהר געבראַכט צו איהם,
וַיָּבֹא אֵלֶיהָ :	און [4]ער האט איהר געהייראַט.
24. וַיִּתֵּן לָבָן לָהּ	24. און לבן האט איהר געגעבען
אֶת זִלְפָּה שִׁפְחָתוֹ	זיין דינסט זלפה
לְלֵאָה בִתּוֹ שִׁפְחָה :	צו זיין טאכטער לאה (פיר) אַ דינסט.
25. וַיְהִי בַבֹּקֶר	25. און עס איז געווען דעם מאָרגענס
וְהִנֵּה הִיא לֵאָה	[5]און ער זעהט, דאס עס איז לאה!
וַיֹּאמֶר אֶל לָבָן	און ער האט געזאגט צו לבן
מַה זֹּאת עָשִׂיתָ לִּי	וואָס האָסט׳ו מיר דיזעס געטאָן?
הֲלֹא בְרָחֵל עָבַדְתִּי עִמָּךְ	האב איך ניט פיר רחל ביי דיר געדינט?,
וְלָמָּה רִמִּיתָנִי	און וואַרום האָסט׳ו מיר [6]גענאַרט?
26. וַיֹּאמֶר לָבָן	26. און לבן האט געזאגט:
לֹא יֵעָשֶׂה כֵן	עס ווערט אַזוי ניט געטאָן
בִּמְקוֹמֵנוּ	אין אונזער אָרט
לָתֵת הַצְּעִירָה	צו געבען די אינגערע
לִפְנֵי הַבְּכִירָה :	פאר די עלטערע.
27. מַלֵּא שְׁבֻעַ זֹאת	27. [7]ערפיל די וואָך [8]פון דיזע
וְנִתְּנָה לְךָ	און מיר וועלען דיר געבען
גַּם אֶת זֹאת	אויך דיזע
בַּעֲבֹדָה	פיר די דינסט,
אֲשֶׁר תַּעֲבֹד עִמָּדִי	וועלכע דו וועסט דינען ביי מיר,
עוֹד שֶׁבַע שָׁנִים אֲחֵרוֹת :	נאָך אַנדערע זיבען יאָהר.
28. וַיַּעַשׂ יַעֲקֹב כֵּן	28. און יעקב האט אַזוי געטאָן,
וַיְמַלֵּא שְׁבֻעַ זֹאת	און ער האט [7]ערפילט די וואָך [8]פון דיזע,
וַיִּתֶּן לוֹ	און ער האט איהם געגעבען
אֶת רָחֵל בִּתּוֹ	זיין טאָכטער רחל

לוֹ לְאִשָּׁה :	איהם פיר אַ פרוי.
29. וַיִּתֵּן לָבָן	29. און לבן האט געגעבען
לְרָחֵל בִּתּוֹ	צו זיין טאכטער רחל
אֶת בִּלְהָה שִׁפְחָתוֹ	זיין דינסט בלהה,
לָהּ לְשִׁפְחָה :	איהר פיר אַ דינסט.
30. וַיָּבֹא גַּם אֶל רָחֵל	30. און ער[10]האט געהייראַט אויך רחל
וַיֶּאֱהַב גַּם אֶת רָחֵל	און ער האט געליבט אויך רחל
מִלֵּאָה	מעהר פון לאה,
וַיַּעֲבֹד עִמּוֹ	און ער האט ביי איהם געדינט
עוֹד שֶׁבַע שָׁנִים אֲחֵרוֹת :	נאָך אַנדערע זיבען יאהר.
31. וַיַּרְא יְהוָה	31. און דער עוויגער האט געזען,
כִּי שְׂנוּאָה לֵאָה	דאס לאה איז געהאַסט,
וַיִּפְתַּח אֶת רַחְמָהּ	און ער האט געעפענט איהר [11]מוטער־לייב,
וְרָחֵל עֲקָרָה :	אָבער רחל (איז געווען) איין אונפרוכטבאַרע.
32. וַתַּהַר לֵאָה	32. און לאה איז שוואַנגער געוואָרען,
וַתֵּלֶד בֵּן	און זי האט געבאָרען אַ זוהן,
וַתִּקְרָא שְׁמוֹ רְאוּבֵן	און זי האט גערופען זיין נאמען ראובן,
כִּי אָמְרָה	דען זי האט געזאגט :
כִּי רָאָה יְהוָה	וואַהרליך, דער עוויגער האט געזען
בְּעָנְיִי	אין מיין עלענד,
כִּי עַתָּה	דען יעצט,
יֶאֱהָבַנִי אִישִׁי :	וועט מיין מאַן מיך ליבען.
33. וַתַּהַר עוֹד	33. און זי איז ווידער שוואנגער געוואָרען,
וַתֵּלֶד בֵּן	און זי האט געבאָרען אַ זוהן,
וַתֹּאמֶר	און זי האט געזאגט:
כִּי שָׁמַע יְהוָה	ווייל דער עוויגער האט געהערט,
כִּי שְׂנוּאָה אָנֹכִי	דאס איך בין געהאַסט,
וַיִּתֶּן לִי גַּם אֶת זֶה	דאַרום האט ער מיר געגעבען אויך דיזען,
וַתִּקְרָא שְׁמוֹ שִׁמְעוֹן :	און זי האט גערופען זיין נאמען שמעון,
34. וַתַּהַר עוֹד	34. און זי איז ווידער שוואַנגער געווארען,
וַתֵּלֶד בֵּן	און זי האט געבאָרען א זוהן,
וַתֹּאמֶר	און זי האט געזאגט:
עַתָּה הַפַּעַם	יעצט, דיזען מאָל
יִלָּוֶה אִישִׁי אֵלַי	וועט מיין מאַן זיך אַנשליסען אָן מיר,
כִּי יָלַדְתִּי לוֹ	דען איך האב איהם געבאָרען

1)מיינע טעג זיינען פול געווארען. 2)קומען צו איהר. 3)לבן. 4)יעקב. 5)און זעה,. 6)בעטראָגען. 7)ענדיג. 8)לאה, זעה רשי׳. 9)געענדיגט. 10)איז געקומען. 11)געבער־מוטער. 12)דיזען קינד.

שְׁלֹשָׁה בָנִים	דריי זיהן,
עַל כֵּן	דאַרום
קָרָא שְׁמוֹ לֵוִי :	האט [1]ער גערופען זיין נאמען לוי.
35. וַתַּהַר עוֹד	35. און זי איז ווידער שוואַנגער געוואָרען,
וַתֵּלֶד בֵּן	און זי האָט געבאָרען אַ זוהן,
וַתֹּאמֶר	און זי האט געזאגט:
הַפַּעַם	דיזען מאָל
אוֹדֶה אֶת יְהוָה	לויב איך דעם עוויגען,
עַל כֵּן	דאַרום
קָרְאָה שְׁמוֹ יְהוּדָה	האט זי גערופען זיין נאמען יהודה,
וַתַּעֲמֹד מִלֶּדֶת :	און זי האט זיך [2]אָבגעשטעלט פון געבערען.

CAP. XXX. ל

1. וַתֵּרֶא רָחֵל	1. און (ווען) רחל האט געזען
כִּי לֹא יָלְדָה לְיַעֲקֹב	דאס זי האט ניט געבאָרען צו יעקב,
וַתְּקַנֵּא רָחֵל בַּאֲחֹתָהּ	דאַן האט רחל [3]בענײדעט איהר שוועסטער,
וַתֹּאמֶר אֶל יַעֲקֹב	און זי האט געזאגט צו יעקב:
הָבָה לִּי בָנִים	גיב מיר קינדער,
וְאִם אַיִן	און אויב ניט —
מֵתָה אָנֹכִי :	שטאַרב איך.
2. וַיִּחַר אַף יַעֲקֹב	2. און יעקב׳ס צאָרן האט [4]געברענט
בְּרָחֵל	געגען רחל,
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט:
הֲתַחַת אֱלֹהִים אָנֹכִי	בין איך דען אָנשטאָט גאט,
אֲשֶׁר מָנַע מִמֵּךְ	וועלכער האט פערמידען פון דיר
פְּרִי בָטֶן :	[5]לייב־פרוכט.?
3. וַתֹּאמֶר	3. און זי האט געזאָגט:
הִנֵּה אֲמָתִי בִלְהָה	היר איז מיין דינסט בלהה,
בֹּא אֵלֶיהָ	[6]הייראַט איהר,
וְתֵלֵד עַל בִּרְכַּי	און זי זאל געבערען אויף מיינע קניען,
וְאִבָּנֶה גַם אָנֹכִי	און אויך איך וועל געבויט ווערען
מִמֶּנָּה :	[7]פון איהר.
4. וַתִּתֶּן לוֹ	4. און זי האט איהם געגעבען
אֶת בִּלְהָה שִׁפְחָתָהּ	איהר דינסט בלהה
לְאִשָּׁה	פיר אַ פרוי,
וַיָּבֹא אֵלֶיהָ יַעֲקֹב :	און יעקב [8]האט איהר געהייראַט.
5. וַתַּהַר בִּלְהָה	5. און בלהה איז שוואַנגער געווארען,
וַתֵּלֶד לְיַעֲקֹב בֵּן :	און זי האט געבאָרען אַ זוהן צו יעקב.
6. וַתֹּאמֶר רָחֵל	6. און רחל האט געזאָגט:
דָּנַנִּי אֱלֹהִים	גאט האט מיך גערי‌כטעט,
וְגַם שָׁמַע בְּקֹלִי	און ער האט אויך געהערט [9]מיין שטימע,
וַיִּתֶּן לִי בֵּן :	און ער האט מיר געגעבען א זוהן,
עַל כֵּן	דאַרום
קָרְאָה שְׁמוֹ דָּן :	האט זי גערופען זיין נאמען דן.
7. וַתַּהַר עוֹד	7. און זי איז ווידער שוואַנגער געוואָרען
וַתֵּלֶד בִּלְהָה שִׁפְחַת רָחֵל	און בלהה, רחל׳ס דינסט, האט געבאָרען
בֵּן שֵׁנִי לְיַעֲקֹב :	אַ צווייטען זוהן צו יעקב.
8. וַתֹּאמֶר רָחֵל	8. און רחל האט געזאגט:
נַפְתּוּלֵי אֱלֹהִים	[10]געטליכע קאַמפפען
נִפְתַּלְתִּי עִם אֲחֹתִי	האב איך געקעמפפט מיט מיין שוועסטער,
גַּם יָכֹלְתִּי	און איך האב (איהר) אויך ביי־געקומען,
וַתִּקְרָא שְׁמוֹ נַפְתָּלִי :	און זי האט גערופען זיין נאמען נפתלי.
9. וַתֵּרֶא לֵאָה	9. און (ווען) לאה האט געזען,
כִּי עָמְדָה מִלֶּדֶת	דאָס זי האט זיך [2]אָבגעשטעלט פון געבערען,
וַתִּקַּח	דאַן האט זי גענומען
אֶת זִלְפָּה שִׁפְחָתָהּ	איהר דינסט זלפה,
וַתִּתֵּן אֹתָהּ לְיַעֲקֹב	און זי האט איהר געגעבען צו יעקב
לְאִשָּׁה :	פיר א פרוי.
10. וַתֵּלֶד זִלְפָּה שִׁפְחַת לֵאָה	10 און זלפה, לאה׳ס דינסט, האט געבאָרען
לְיַעֲקֹב בֵּן :	אַ זוהן צו יעקב.
11. וַתֹּאמֶר לֵאָה	11. און לאה האט געזאגט:
בָּא גָד	„גליק קומט".
וַתִּקְרָא אֶת שְׁמוֹ גָּד :	און זי האט גערופען זיין נאמען גד.
12. וַתֵּלֶד זִלְפָּה שִׁפְחַת לֵאָה	12. און זלפה, לאה׳ס דינסט, האט געבאָרען
בֵּן שֵׁנִי לְיַעֲקֹב :	אַ צווייטען זוהן צו יעקב.
13. וַתֹּאמֶר לֵאָה	13. און לאה האט געזאגט:
בְּאָשְׁרִי	צו מיין גליק!
כִּי אִשְּׁרוּנִי בָּנוֹת	דען די [11]טעכטער וועלען מיר [12]פיר גליקליך רעכענען
וַתִּקְרָא אֶת שְׁמוֹ אָשֵׁר :	און זי האט גערופען זיין נאמען אָשר.

1) מען. 2) אויפגעהערט צו געבערען. 3) מקנא געוועז. 4) געגרימט. 5) ד. ה. קינדער. 6) קום צו איהר. 7) דורך איהר. 8) איז געקומען צו איהר. 9) אין מיין. 10) שטאַרק געקעמפפט; געראַנגעלט. 11) פרויען. 12) לויבען.

רְבִיעִי

14. וַיֵּלֶךְ רְאוּבֵן בִּימֵי קְצִיר חִטִּים וַיִּמְצָא
דוּדָאִים בַּשָּׂדֶה וַיָּבֵא אֹתָם אֶל לֵאָה אִמּוֹ
וַתֹּאמֶר רָחֵל אֶל לֵאָה תְּנִי נָא לִי מִדּוּדָאֵי
בְּנֵךְ׃ 15. וַתֹּאמֶר לָהּ הַמְעַט קַחְתֵּךְ אֶת
אִישִׁי וְלָקַחַת גַּם אֶת דּוּדָאֵי בְּנִי וַתֹּאמֶר
רָחֵל לָכֵן יִשְׁכַּב עִמָּךְ הַלַּיְלָה תַּחַת
דּוּדָאֵי בְנֵךְ׃ 16. וַיָּבֹא יַעֲקֹב מִן הַשָּׂדֶה
בָּעֶרֶב וַתֵּצֵא לֵאָה לִקְרָאתוֹ וַתֹּאמֶר אֵלַי
תָּבוֹא כִּי שָׂכֹר שְׂכַרְתִּיךָ בְּדוּדָאֵי בְּנִי
וַיִּשְׁכַּב עִמָּהּ בַּלַּיְלָה הוּא׃

17. וַיִּשְׁמַע אֱלֹהִים	17. און גאט האט געהערט
אֶל לֵאָה	צו לאה.
וַתַּהַר	און זי איז שוואנגער געווארען,
וַתֵּלֶד לְיַעֲקֹב	און זי האט געבארען צו יעקב
בֵּן חֲמִישִׁי׃	א פינפטען זוהן.
18. וַתֹּאמֶר לֵאָה	18. און לאה האט געזאגט:
נָתַן אֱלֹהִים שְׂכָרִי	גאט האט (מיר) געגעבען מיין לוין,
אֲשֶׁר נָתַתִּי שִׁפְחָתִי	ווייל איך האב געגעבען מיין דינסט
לְאִישִׁי	צו מיין מאן.
וַתִּקְרָא שְׁמוֹ יִשָּׂשכָר׃	און זי האט גערופען זיין נאמען ישכר.
19. וַתַּהַר עוֹד לֵאָה	19. און לאה איז ווידער שוואנגער געווארען,
וַתֵּלֶד בֵּן שִׁשִּׁי	און זי האט געבארען א זעקסטען זוהן
לְיַעֲקֹב׃	צו יעקב.
20. וַתֹּאמֶר לֵאָה	20. און לאה האט געזאגט:
זְבָדַנִי אֱלֹהִים אֹתִי	[1]גאט האט מיר צו־געטיילט
זֵבֶד טוֹב	[1]א גוטען טייל.
הַפַּעַם	דיזען מאל
יִזְבְּלֵנִי אִישִׁי	וועט מיין מאן ביי מיר וואהנען,
כִּי יָלַדְתִּי לוֹ	דען איך האב איהם געבארען
שִׁשָּׁה בָנִים	זעקס קינדער.
וַתִּקְרָא אֶת שְׁמוֹ זְבֻלוּן׃	און זי האט גערופען זיין נאמען זבולון.
21. וְאַחַר יָלְדָה בַּת	21. און נאכדעם האט זי געבארען א טאכטער,
וַתִּקְרָא אֶת שְׁמָהּ דִּינָה׃	און זי האט גערופען איהר נאמען דינה.
22. וַיִּזְכֹּר אֱלֹהִים אֶת רָחֵל	22. און גאט האט דערמאנט רחל,
וַיִּשְׁמַע אֵלֶיהָ אֱלֹהִים	און גאט האט צו איהר געהערט,
וַיִּפְתַּח אֶת רַחְמָהּ׃	און ער האט געעפענט איהר [2]מוטער־לייב.
23. וַתַּהַר	23. און זי איז שוואנגער געווארען
וַתֵּלֶד בֵּן	און זי האט געבארען א זוהן,
וַתֹּאמֶר	און זי האט געזאגט:
אָסַף אֱלֹהִים	גאט האט [3]אוועג־גענומען
אֶת חֶרְפָּתִי׃	מיין שאנדע.
24. וַתִּקְרָא אֶת שְׁמוֹ יוֹסֵף	24. און זי האט גערופען זיין נאמען יוסף
לֵאמֹר	זאגענדיג:
יֹסֵף יְהוָה לִי	גאט זאל מיר [4]מעהרען
בֵּן אַחֵר׃	איין אנדער זוהן.
25. וַיְהִי	25. און עס איז געווען
כַּאֲשֶׁר יָלְדָה רָחֵל אֶת יוֹסֵף	ווי רחל האט געבארען יוסף,
וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב אֶל לָבָן	האט יעקב געזאגט צו לבן
שַׁלְּחֵנִי	שיק מיר אוועג
וְאֵלְכָה	און איך וועל גיין
אֶל מְקוֹמִי	צו מיין ארט
וּלְאַרְצִי׃	און צו מיין לאנד.
26. תְּנָה אֶת נָשַׁי	26. גיב (מיר) מיינע פרויען
וְאֶת יְלָדַי	און מיינע קינדער,
אֲשֶׁר עָבַדְתִּי אֹתְךָ	וואס איך האב דיר געדינט
בָּהֵן	פיר זיי,
וְאֵלֵכָה	און איך וועל גיין,
כִּי אַתָּה יָדַעְתָּ	דען דו ווייסט דאך
אֶת עֲבֹדָתִי	מיין דינסט,
אֲשֶׁר עֲבַדְתִּיךָ׃	[5]וואס איך האב דיר געדינט.
27. וַיֹּאמֶר אֵלָיו לָבָן	27. און לבן האט צו איהם געזאגט:
אִם נָא מָצָאתִי חֵן	ווען איך וואלט דאך גנאדע געפונען
בְּעֵינֶיךָ	אין דיינע אויגען!
נִחַשְׁתִּי	איך האב [6]בעמערקט,

1) גאט האט מיר בעשאנקען מיט א גוטען געשענק. 2) געבער־מוטער. 3) איינגעזאמעלט. 4) געבען. 5) ווי.
6) געפיהלט; דורך צויבעריי (האב איך אויסגעפונען), דאס דער עוויגער האט מיר געבענשט פון דיינעט־וועגען.

וַיְבָרְכֵנִי יְהוָה	דאס דער עוויגער האט מיך געבענשט
בִּגְלָלֶךָ :	פון דיינעט־וועגען.
28. וַיֹּאמַר	28. און ער האט געזאגט:
נָקְבָה שְׂכָרְךָ עָלַי	בעשטים מיר דיין לוין,
וְאֶתֵּנָה :	און איך וועל (עס) געבען.
29. וַיֹּאמֶר אֵלָיו	29. און ער האט צו איהם געזאגט:
אַתָּה יָדַעְתָּ	דו ווייסט
אֵת אֲשֶׁר עֲבַדְתִּיךָ	וואס איך האב דיר גערינט,
וְאֵת אֲשֶׁר הָיָה מִקְנְךָ	און וואס דיינע פיה איז [1]געוואָרען
אִתִּי :	ביי מיר.
30. כִּי מְעַט	30. דען די [2]ביסעל
אֲשֶׁר הָיָה לְךָ לְפָנַי	וואס דו האָסט געהאַט פאַר מיר,
וַיִּפְרֹץ לָרֹב	האט זיך אויסגעברייטעט צו [3]פיל,
וַיְבָרֶךְ יְהוָה אֹתְךָ	און דער עוויגער האט דיך געבענשט
לְרַגְלִי	פון מיינעט־וועגען.
וְעַתָּה	און יעצט.
מָתַי אֶעֱשֶׂה גַם אָנֹכִי	ווען וועל איך אויך טהאָן
לְבֵיתִי :	פיר מיין הויז ?
31. וַיֹּאמֶר	31. און ער האט געזאגט:
מָה אֶתֶּן לָךְ	וואס זאל איך דיר געבען,
וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב	און יעקב האט געזאגט:
לֹא תִתֶּן לִי מְאוּמָה	דו זאלסט מיר גאָר־נישט געבען,
אִם תַּעֲשֶׂה לִּי	אויב דו וועסט מיר טהאָן
הַדָּבָר הַזֶּה	דיזע זאַכע
אָשׁוּבָה	[4]וועל איך זיך צוריק־קערען,
אֶרְעֶה צֹאנְךָ	[4]איך וועל פיטערען דיינע שאָף,
אֶשְׁמֹר :	(און) איך וועל (זיי) היטען.
32 אֶעֱבֹר בְּכָל צֹאנְךָ	32. איך וועל דורך־גיין דורך אַלע דיינע שאָף
הַיּוֹם	היינט,
הָסֵר מִשָּׁם	נעהם פון דאָרט אַוועג
כָּל שֶׂה נָקֹד וְטָלוּא	יעדען קליין־פלעקיגען און גרויס־פלעקיגען [5]לאַם,
וְכָל שֶׂה חוּם	און יעדען [6]דונקעל־רויטען [5]לאַם
בַּכְּשָׂבִים	אונטער די [7]שעפּסען,
וְטָלוּא וְנָקֹד	און גרויס־פלעקיגע און קליין־פלעקיגע
בָּעִזִּים	אונטער די ציגען,
וְהָיָה שְׂכָרִי :	און (דאס)זאל זיין מיין לוין.

33 וְעָנְתָה בִּי צִדְקָתִי	33. און מיין גערעכטיגקייט וועט פיר מיר בעצייגען
בְּיוֹם מָחָר	אין [8]די קינפטיגע צייט,
כִּי תָבוֹא עַל שְׂכָרִי	ווען דו וועסט קומען איבער מיין לוין
לְפָנֶיךָ	פיר דיר,
כֹּל אֲשֶׁר אֵינֶנּוּ נָקֹד וְטָלוּא	אַלעס וואס איז ניט קליין־פלעקיג אָדער גרויס־פלעקיג
בָּעִזִּים	אונטער די ציגען
וְחוּם בַּכְּשָׂבִים	און [9]דונקעל־רויט אונטער די [7]שעפּסען
גָּנוּב הוּא אִתִּי :	איז דאס געשטוילען ביי מיר.
34. וַיֹּאמֶר לָבָן	34. און לבן האט געזאגט:
הֵן	יאָ,
לוּ יְהִי כִדְבָרֶךָ :	[10]אָ, ווען עס וואָלט זיין ווי דיין וואָרט!
35. וַיָּסַר בַּיּוֹם הַהוּא	35. און ער האט אַוועג־גענומען אין יענעם טאג
אֶת הַתְּיָשִׁים	די בעק,
הָעֲקֻדִּים וְהַטְּלֻאִים	די פוס־געצייכנעטע און די גרויס־פלעקיגע,
וְאֵת כָּל הָעִזִּים	און אַלע ציגען,
הַנְּקֻדּוֹת וְהַטְּלֻאֹת	די קליין־פלעקיגע און די גרויס־פלעקיגע,
כֹּל אֲשֶׁר לָבָן בּוֹ	אַלעס, וואס אין איהם איז געווען אַ ווייסקייט,
וְכָל חוּם	און אַלע [9]דונקעל־רויטע
בַּכְּשָׂבִים	אונטער די [7]שעפּסען
וַיִּתֵּן	און ער האט (זיי) געגעבען
בְּיַד בָּנָיו :	אין די האַנד פון זיינע זיהן.
36. וַיָּשֶׂם	36. און ער האט געמאַכט
דֶּרֶךְ שְׁלֹשֶׁת יָמִים	אַ וועג פון דריי טעג־(רייזע)
בֵּינוֹ וּבֵין יַעֲקֹב	צווישען [11]איהם און צווישען יעקב.
וְיַעֲקֹב רֹעֶה	און יעקב האט געפיטערט
אֶת צֹאן לָבָן הַנּוֹתָרֹת :	די איבעריגע שאָף פון לבן.
37. וַיִּקַּח לוֹ יַעֲקֹב	37. און יעקב האט זיך גענומען
מַקַּל לִבְנֶה לַח	אַ פייכטען שטעקען פון פּאַפּעל־האָלץ
וְלוּז וְעַרְמוֹן	און מאַנדעל־בוים און קאַסטאַניען־בוים,
וַיְפַצֵּל בָּהֵן	און ער האט אָבגעשיילט אין זיי
פְּצָלוֹת לְבָנוֹת	ווייסע שטרייפען,
מַחְשֹׂף הַלָּבָן	[12]ענטבלעסענדיג דאס ווייסע,
אֲשֶׁר עַל הַמַּקְלוֹת :	וועלכע איז אויף די שטעקענס.
38. וַיַּצֵּג	38. און ער האט אַוועג־געשטעלט

1)איז געווען. 2)דאס ווענינגע. 3)אַ מענגע. 4)וועל איך ווידער פיטערען. 5)שעפּס. 6)ברוינעס. 7)לעמער, יונגע שאָף. 8)דעם מאָרגעדיגען טאג. 9)ברוין. 10)הלואי וואָלט. 11)זיך. 12)אָבדעקענדיג.

אֶת הַמַּקְלוֹת	די שטעקענס,
אֲשֶׁר פִּצֵּל	וועלכע ער האט אָבגעשיילט,
בָּרְהָטִים	אין די [1]וואסער־ריננען
בְּשִׁקְתוֹת הַמָּיִם	אין די טרינק־ריננען,
אֲשֶׁר תָּבֹאןָ הַצֹּאן	וואו די שאָף פלעגען קומען
לִשְׁתּוֹת	צו טרינקען,
לְנֹכַח הַצֹּאן	ענטגעגען די שאָף,
וַיֵּחַמְנָה	און זיי פלעגען זיך דערהיצען,
בְּבֹאָן לִשְׁתּוֹת׃	ווען זיי פלעגען קומען צו טרינקען.
39. וַיֶּחֱמוּ הַצֹּאן	39. און די שאָף פלעגען זיך דערהיצען
אֶל הַמַּקְלוֹת	ביי די שטעקענס,
וַתֵּלַדְןָ הַצֹּאן	און די שאָף פלעגען געבערען
עֲקֻדִּים	פוס־געצייכענטע,
נְקֻדִּים וּטְלֻאִים׃	קליין־פלעקיגע און גרויס־פלעקיגע.
40. וְהַכְּשָׂבִים	40. און [2]די שעפסען
הִפְרִיד יַעֲקֹב	האָט יעקב אָבגעזאָנדערט.
וַיִּתֵּן	און ער האט [3]געגעבען
פְּנֵי הַצֹּאן	דאס געזיכט פון די שאָף
אֶל עָקֹד	צו די פוס־געצייכענטע
וְכָל חוּם	און יעדע דונקעל־רויטע
בְּצֹאן לָבָן	אונטער לבן׳ס שאָף,
וַיָּשֶׁת לוֹ	און ער האט זיך געמאַכט
עֲדָרִים לְבַדּוֹ	הערדען בעזונדער,
וְלֹא שָׁתָם	און ער האט זיי ניט געטאָן
עַל צֹאן לָבָן׃	צו די שאָף פון לבן.
41. וְהָיָה	41. און עס פלעגט זיין
בְּכָל יַחֵם	יעדעס (מאָל) ווען עס פלעגען זיך דערהיצען
הַצֹּאן הַמְקֻשָּׁרוֹת	די [4]קרעפטיגע שאָף
וְשָׂם יַעֲקֹב	פלעגט יעקב שטעלען
אֶת הַמַּקְלוֹת	די שטעקענס
לְעֵינֵי הַצֹּאן	פאר די אויגען פון די שאָף
בָּרְהָטִים	אין די [1]וואַסער־ריננען,
לְיַחְמֵנָּה	דאס זיי זאָלען זיך דערהיצען
בַּמַּקְלוֹת׃	ביי די שטעקענס.
42. וּבְהַעֲטִיף הַצֹּאן	42. אָבער ווען די שאָף פלעגען [5]שוואַך ווערען
לֹא יָשִׂים	פלעגט ער ניט שטעלען,

וְהָיָה הָעֲטֻפִים	און (אַלזאָ) האבען די [6]שוואַכע געהערט
לְלָבָן	צו לבן
וְהַקְּשֻׁרִים לְיַעֲקֹב׃	און די [4]קרעפטיגע צו יעקב.
43. וַיִּפְרֹץ הָאִישׁ מְאֹד מְאֹד	43. און דער מאַן האט זיך זעהר (און) זעהר [7]אויס־געברייטערט,
וַיְהִי לוֹ	און ער האט געהאַט
צֹאן רַבּוֹת	פיל שאָף
וּשְׁפָחוֹת וַעֲבָדִים	און דינסטען און קנעכט,
וּגְמַלִּים וַחֲמֹרִים׃	און קאמעלען און אייזלען.

לא — Cap. XXXI.

1. וַיִּשְׁמַע	1. און ער האט געהערט
אֶת דִּבְרֵי בְנֵי לָבָן	די ווערטער פון לבן׳ס זיהן,
לֵאמֹר	זאָגענדיג:
לָקַח יַעֲקֹב	יעקב האט אַוועג־גענומען
אֵת כָּל אֲשֶׁר לְאָבִינוּ	אַלעס, וואס געהערט צו אונזער פאָטער,
וּמֵאֲשֶׁר לְאָבִינוּ	און פון דאס, וואס געהערט צו אונזער פאטער,
עָשָׂה	האט ער [8]אויף־געטאָן
אֵת כָּל הַכָּבֹד הַזֶּה׃	דיזע גאַנצע [9]רייכטהום.
2. וַיַּרְא יַעֲקֹב	2. און יעקב האט געזעהן
אֶת פְּנֵי לָבָן	[10](אויף)דעם געזיכט פון לבן,
וְהִנֵּה אֵינֶנּוּ עִמּוֹ	דאַס [11]ער איז ניט מיט איהם
כִּתְמוֹל שִׁלְשׁוֹם׃	ווי געסטערן (און) פאָר־געסטערן[12].
3. וַיֹּאמֶר יְיָ אֶל יַעֲקֹב	3. און דער עוויגער האט געזאָגט צו יעקב:
שׁוּב	קעהר זיך צוריק
אֶל אֶרֶץ אֲבוֹתֶיךָ	צו די לאַנד פון דיינע [13]עלטערן
וּלְמוֹלַדְתֶּךָ	און צו דיין געבורטס־אָרט,
וְאֶהְיֶה עִמָּךְ׃	און איך וועל זיין מיט דיר.
4. וַיִּשְׁלַח יַעֲקֹב	4. און יעקב האט געשיקט,
וַיִּקְרָא לְרָחֵל וּלְלֵאָה	און ער האט גערופען רחל און לאה
הַשָּׂדֶה	(אויף)דאַס פעלד
אֶל צֹאנוֹ׃	צו זיינע שאָף.
5. וַיֹּאמֶר לָהֶן	5. און ער האט צו זיי געזאָגט:
רֹאֶה אָנֹכִי	איך זעה
אֶת פְּנֵי אֲבִיכֶן	[10](אויף) דעם געזיכט פון אייער פאָטער,
כִּי אֵינֶנּוּ אֵלַי	דאס [11]ער איז ניט מיט מיר
כִּתְמֹל שִׁלְשֹׁם	ווי געסטערן (און)פאָר־געסטערן[12],

1)קאָרעטעס. 2)דיזע. 3)געריכטעט, געשטעלט. 4)פריה־צייטיגע. 5)זיךפערשפעטיגען. 6)שפעטיגע. 7)ד.ה. רייך געוואָרען. 8)ערוואָרבען. 9)הערליכקייט. 10)דאס געזיכט. 11)עס איז. 12)ד.ה. ווי בעפאָר. 13)פאָטערס.

וֵֽאלֹהֵי אָבִי	אָבער דער גאָט פון מיין פאָטער
הָיָה עִמָּדִי׃	איז געווען מיט מיר.
6. וְאַתֵּנָה יְדַעְתֶּן	6. און איהר ווייסט (דאָך),
כִּי בְּכָל כֹּחִי	דאָס מיט מיין גאַנצע קראַפט
עָבַדְתִּי אֶת אֲבִיכֶן׃	האָב איך געדינט אייער פאָטער.
7. וַאֲבִיכֶן	7. אָבער אייער פאָטער
הֵתֶל בִּי	האָט [1]געשפאָט איבער מיר,
וְהֶחֱלִף	און ער האָט אומגעביטען
אֶת מַשְׂכֻּרְתִּי	מיין לוין
עֲשֶׂרֶת מֹנִים	צעהן מאָל,
וְלֹא נְתָנוֹ אֱלֹהִים	אָבער גאָט האָט איהם ניט [2]געלאָזען
לְהָרַע עִמָּדִי׃	בייזעס צו טהאָן מיט מיר.
8. אִם כֹּה יֹאמַר	8. ווען ער פלעגט אַזוי זאָגען:
נְקֻדִּים יִהְיֶה שְׂכָרֶךָ	„קליין־פלעקיגע זאָל זיין דיין לוין"
וְיָלְדוּ כָל הַצֹּאן	דאַן פלעגען אַלע שאָף געבערען
נְקֻדִּים	קליין־פלעקיגע,
וְאִם כֹּה יֹאמַר	און ווען ער פלעגט אַזוי זאָגען:
עֲקֻדִּים יִהְיֶה שְׂכָרֶךָ	„פוס־געצייכענטע זאָל זיין דיין לוין"
וְיָלְדוּ כָל הַצֹּאן	דאַן פלעגען אַלע שאָף געבערען
עֲקֻדִּים׃	פוס־געצייכענטע.
9. וַיַּצֵּל אֱלֹהִים	9. און גאָט האָט [3]אַוועג־גענומען
אֶת מִקְנֵה אֲבִיכֶם	די פיה פון אייער פאָטער,
וַיִּתֶּן לִי׃	און ער האָט (עס) מיר געגעבען.
10. וַיְהִי	10. און עס איז געווען,
בְּעֵת יַחֵם הַצֹּאן	אין דער צייט, ווען די שאָף פלעגען זיך דערהיצען,
וָאֶשָּׂא עֵינַי	האָב איך אויפ־געהייבען מיינע אויגען
וָאֵרֶא בַּחֲלוֹם	און איך האָב געזעהן אין טרוים,
וְהִנֵּה הָעַתֻּדִים	דאָס די בעק,
הָעֹלִים עַל הַצֹּאן	וועלכע געהען אויף אויף די שאָף
עֲקֻדִּים	(זיינען) פוס־געצייכענטע
נְקֻדִּים וּבְרֻדִּים׃	קליין־פלעקיגע און געשפרינקעלטע.
11. וַיֹּאמֶר אֵלַי	11. און עס האָט צו מיר געזאָגט
מַלְאַךְ הָאֱלֹהִים	אַ גאָטעס ענגעל
בַּחֲלוֹם	אין טרוים:
יַעֲקֹב	יעקב!
וָאֹמַר הִנֵּנִי׃	און איך האָב געזאָגט: היר בין איך

12. וַיֹּאמֶר	12. און ער האָט געזאָגט:
שָׂא נָא עֵינֶיךָ וּרְאֵה	הייב דאָך אויף דיינע אויגען, און זעה
כָּל הָעַתֻּדִים	אַלע בעק,
הָעֹלִים עַל הַצֹּאן	וועלכע געהען אויף אויף די שאָף
עֲקֻדִּים	(זיינען) פוס־געצייכענטע,
נְקֻדִּים וּבְרֻדִּים	קליין־פלעקיגע און געשפרינקעלטע,
כִּי רָאִיתִי	דען איך האָב געזעהן
אֵת כָּל אֲשֶׁר לָבָן עֹשֶׂה לָּךְ׃	אַלעס, וואָס לבן טהוט דיר.
13. אָנֹכִי הָאֵל בֵּית אֵל	13. איך בין דער גאָט פון בית אל,
אֲשֶׁר מָשַׁחְתָּ שָּׁם	וואָס דו האָסט דאָרט געזאַלבט
מַצֵּבָה	אַ [4]דיינק־זייל
אֲשֶׁר נָדַרְתָּ לִּי שָׁם	וואָס דו האָסט מיר דאָרט צוגעזאָגט
נֶדֶר	אַ צוזאָג;
עַתָּה קוּם	יעצט שטיי אויף,
צֵא מִן הָאָרֶץ הַזֹּאת	גיי אַרויס פון דיזע לאַנד,
וְשׁוּב	און קעהר זיך צוריק
אֶל אֶרֶץ מוֹלַדְתֶּךָ׃	צו די לאַנד פון דיין געבורט.
14. וַתַּעַן רָחֵל וְלֵאָה	14. און רחל און לאה האָבען געאַנטוואָרט,
וַתֹּאמַרְנָה לוֹ	און זיי האָבען צו איהם געזאָגט:
הַעוֹד לָנוּ	האָבען מיר (דען) נאָך
חֵלֶק וְנַחֲלָה	אַ טהייל און איין ערב
בְּבֵית אָבִינוּ׃	אין אונזער פאָטערס הויז?
15. הֲלוֹא נָכְרִיּוֹת	15. צו דען ניט ווי פרעמדע
נֶחְשַׁבְנוּ לוֹ	זיינען מיר ביי איהם גערעכענט?
כִּי מְכָרָנוּ	דען ער האָט אונז פערקויפט,
וַיֹּאכַל גַּם אָכוֹל	און ער האָט אויך פערצעהרט
אֶת כַּסְפֵּנוּ׃	אונזער געלט.
16. כִּי כָל הָעֹשֶׁר	16. דען דאָס גאַנצע רייכטהום,
אֲשֶׁר הִצִּיל אֱלֹהִים	וועלכע גאָט האָט [3]אַוועג־גענומען
מֵאָבִינוּ	פון אונזער פאָטער,
לָנוּ הוּא וּלְבָנֵינוּ	געהערט עס צו אונז און צו אונזערע קינדער;
וְעַתָּה	און יעצט,
כֹּל אֲשֶׁר אָמַר אֱלֹהִים אֵלֶיךָ	אַלעס, וואָס גאָט האָט צו דיר געזאָגט,
עֲשֵׂה׃	טהוא.

1) מיך אָבגענאַרט, בעטראָגען. 2) געגעבען. 3) ענטצויגען, אבגעשיידעט, גערעטעט פון איינעמס הענד פיר דעם צווייטען. 4) שטאַנד־זייל.

שִׁשִּׁי	שִׁשִּׁי
17. וַיָּקָם יַעֲקֹב	17. און יעקב איז אויפגע־שטאנען,
וַיִּשָּׂא אֶת בָּנָיו	און ער האט [1]געטראגען זיינע זיהן
וְאֶת נָשָׁיו	און זיינע פרויען
עַל הַגְּמַלִּים:	אויף די קאמעלען.
18. וַיִּנְהַג	18. און ער האט אוועג־געפירט
אֶת כָּל מִקְנֵהוּ	זיין גאנצע הערדע
וְאֶת כָּל רְכֻשׁוֹ	און זיין גאנצען פערמעגען,
אֲשֶׁר רָכָשׁ	וואס ער האט ערווארבען,
מִקְנֵה קִנְיָנוֹ	די הערדע פון זיין אייגענטהום[2],
אֲשֶׁר רָכַשׁ	וועלכע ער האט ערווארבען
בְּפַדַּן אֲרָם	אין פדן ארם,
לָבוֹא	צו קומען
אֶל יִצְחָק אָבִיו	צו זיין פאטער יצחק
אַרְצָה כְּנָעַן:	נאך די לאנד כנען.
19. וְלָבָן הָלַךְ	19. און לבן איז געגאנגען
לִגְזֹז אֶת צֹאנוֹ	צו שערען זיינע שאף,
וַתִּגְנֹב רָחֵל	און רחל האט געשטוילען
אֶת הַתְּרָפִים	די געצען בילדער,
אֲשֶׁר לְאָבִיהָ:	וועלכע (זיינען געווען) ביי איהר פאטער.
20. וַיִּגְנֹב יַעֲקֹב	20. און יעקב האט [3]געשטוילען
אֶת לֵב לָבָן הָאֲרַמִּי	די הארץ פון לבן דעם ארמי
עַל בְּלִי הִגִּיד לוֹ	ווייל ער האט איהם ניט געזאגט,
כִּי בֹרֵחַ הוּא:	דאס ער וויל ענטלויפען.
21. וַיִּבְרַח הוּא	21. און ער איז ענטלאפען
וְכָל אֲשֶׁר לוֹ	און אלעס, וואס האט געהערט צו איהם,
וַיָּקָם	און ער איז אויפגעשטאנען,
וַיַּעֲבֹר אֶת הַנָּהָר	און ער איז איבער־געגאנגען דעם שטראם,
וַיָּשֶׂם אֶת פָּנָיו	און ער האט געריכטעט זיין געזיכט
הַר הַגִּלְעָד:	(נאך) דעם בארג גלעד.
22. וַיֻּגַּד לְלָבָן	22. און עס איז אנגעזאגט געווארען צו לבן
בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי	אויף דעם דריטען טאג,
כִּי בָרַח יַעֲקֹב:	דאס יעקב איז ענטלאפען.
23. וַיִּקַּח אֶת אֶחָיו	23. און ער האט גענומען זיינע ברידער
עִמּוֹ	מיט איהם,
וַיִּרְדֹּף אַחֲרָיו	און ער האט געיאגט נאך איהם

דֶּרֶךְ שִׁבְעַת יָמִים	א וועג פון זיבען טעג[4],
וַיַּדְבֵּק אֹתוֹ	און ער האט איהם געגרייכט
בְּהַר הַגִּלְעָד:	אויף דעם בארג גלעד.
24. וַיָּבֹא אֱלֹהִים	24. אבער גאט איז געקומען
אֶל לָבָן הָאֲרַמִּי	צו לבן דעם ארמי
בַּחֲלֹם הַלָּיְלָה	אין נאכט־טרוים,
וַיֹּאמֶר לוֹ	און ער האט צו איהם געזאגט:
הִשָּׁמֶר לְךָ	היט דיך,
פֶּן תְּדַבֵּר עִם יַעֲקֹב	דאס דו זאלסט ניט ריידען מיט יעקב
מִטּוֹב עַד רָע:	פון גוטעס ביז שלעכטעס[5].
25. וַיַּשֵּׂג לָבָן אֶת יַעֲקֹב	25. און לבן האט געגרייכט יעקב;
וְיַעֲקֹב תָּקַע	און יעקב האט אויפגע־שלאגען
אֶת אָהֳלוֹ	זיין געצעלט
בָּהָר	אויף דעם בארג,
וְלָבָן תָּקַע	און לבן האט אויפגע־שלאגען (זיין געצעלט)
אֶת אֶחָיו	מיט זיינע ברידער
בְּהַר הַגִּלְעָד:	אויף דעם בארג גלעד.
26. וַיֹּאמֶר לָבָן	26. און לבן האט געזאגט
לְיַעֲקֹב	צו יעקב:
מֶה עָשִׂיתָ	וואס האסט׳ו געטאן,
וַתִּגְנֹב אֶת לְבָבִי	דאס דו האסט געשטוילען מיין הארץ,
וַתְּנַהֵג אֶת בְּנֹתַי	און דו האסט אוועג־געפירט מיינע טעכטער,
כִּשְׁבֻיוֹת חָרֶב:	ווי [6]שווערד־געפאנגענע?
27. לָמָּה נַחְבֵּאתָ	27. ווארום האסט׳ו זיך בעהאלטען
לִבְרֹחַ	צו ענטלויפען,
וַתִּגְנֹב אֹתִי	און דו האסט מיך [7]בעשטוילען,
וְלֹא הִגַּדְתָּ לִּי	און דו האסט מיר ניכטס געזאגט?
וָאֲשַׁלֵּחֲךָ	איך וואלט דיר אוועג־געשיקט
בְּשִׂמְחָה וּבְשִׁרִים	מיט פריידע און מיט לידער,
בְּתֹף וּבְכִנּוֹר:	מיט א פויק און מיט א [8]הארפע.
28. וְלֹא נְטַשְׁתַּנִי	28. און דו האסט מיר ניט געלאזען
לְנַשֵּׁק לְבָנַי וְלִבְנֹתָי	צו קושען מיינע זיהן און מיינע טעכטער;
עַתָּה הִסְכַּלְתָּ עֲשׂוֹ:	נון, דו האסט נאריש געטאן!
29. יֶשׁ לְאֵל יָדִי	29. איך האב מאכט אין מיין האנד
לַעֲשׂוֹת עִמָּכֶם רָע	צו טהאן מיט אייך שלעכטעס,

1) ארויפגעזעצט. 2) זיין ערווארבענע הערדע. 3) שטוילען א הארץ מיינט: אבנארען. 4) 7 טעג רייזע.
5) ד. ה. קיין גוטעס און קיין שלעכטעס. 6) קריגס־. 7) אדער: אבגענארט. 8) פידעל.

וֵאלֹהֵי אֲבִיכֶם	אָבער דער גאט פון אַייער פאָטער
אֶמֶשׁ אָמַר אֵלַי לֵאמֹר	האט פאָריגע נאַכט געזאָגט צו מיר׳ זאָגענדיג:
הִשָּׁמֶר לְךָ	היט דיך
מִדַּבֵּר עִם יַעֲקֹב	צו ריידען מיט יעקב
מִטּוֹב עַד רָע :	פון גוטעס ביז שלעכטעס.
30. וְעַתָּה	30. און יעצט,
הָלֹךְ הָלַכְתָּ	אַוועג־געגאַנגען ביסט׳ו
כִּי נִכְסֹף נִכְסַפְתָּה	ווייל דו האָסט [1]געבענקט
לְבֵית אָבִיךָ	נאך דיין פאָטער׳ס הויז,
לָמָּה גָנַבְתָּ	(אָבער) וואָרום האָסט׳ו געשטוילען
אֶת אֱלֹהָי :	מיינע געטער?
31. וַיַּעַן יַעֲקֹב	31. און יעקב האט געאַנטוואָרט,
וַיֹּאמֶר לְלָבָן	און ער האט געזאגט צו לבן:
כִּי יָרֵאתִי	ווייל איך האב געפירכטעט,
כִּי אָמַרְתִּי	דען איך האב געטראַכט:
פֶּן תִּגְזֹל אֶת בְּנוֹתֶיךָ	פיליכט ווערסט׳ו רויבען דיינע טעכטער
מֵעִמִּי :	פון מיר.
32. עִם אֲשֶׁר תִּמְצָא	32. (אָבער) ביי וועמען דו וועסט געפינען
אֶת אֱלֹהֶיךָ	דיינע געטער,
לֹא יִחְיֶה	דער זאָל ניט לעבען;
נֶגֶד אַחֵינוּ	אין [2]געגענוואָרט פון אונזערע ברידער
הַכֶּר לְךָ	דערקען דיר,
מָה עִמָּדִי	וואס ביי מיר איז,
וְקַח לָךְ	און נעהם דיר צו;
וְלֹא יָדַע יַעֲקֹב	און יעקב האָט ניט געוואוסט,
כִּי רָחֵל גְּנָבָתַם :	דאס רחל האט זיי געשטוילען.
33. וַיָּבֹא לָבָן	33. און לבן איז אַריינ־געקומען
בְּאֹהֶל יַעֲקֹב	אין יעקב׳ס געצעלט
וּבְאֹהֶל לֵאָה	און אין לאה׳ס געצעלט,
וּבְאֹהֶל שְׁתֵּי הָאֲמָהֹת	און אין דעם געצעלט פון די צוויי דינסטען,
וְלֹא מָצָא	און ער האט ניט געפונען
וַיֵּצֵא מֵאֹהֶל לֵאָה	און ער איז אַרויס־געגאַנגען פון לאה׳ס געצעלט,
וַיָּבֹא בְּאֹהֶל רָחֵל :	און ער איז אַריינ־געקומען אין רחל׳ס געצעלט.
34. וְרָחֵל לָקְחָה	34. און רחל האט גענומען
אֶת הַתְּרָפִים	די געצען־בילדער,
וַתְּשִׂמֵם	און זי האט זיי געלייגט
בְּכַר הַגָּמָל	אונטער דעם [3]זאַטעל פון דעם קאַמעל,
וַתֵּשֶׁב עֲלֵיהֶם	און זי האט זיך געזעצט אויף זיי;
וַיְמַשֵּׁשׁ לָבָן	און לבן האט דורך געטאַפּט
אֶת כָּל הָאֹהֶל	דעם גאַנצען געצעלט,
וְלֹא מָצָא :	און ער האט ניט געפונען.
35. וַתֹּאמֶר	35. און זי האט געזאָגט
אֶל אָבִיהָ	צו איהר פאָטער:
אַל יִחַר	עס זאל ניט ערצירנען
בְּעֵינֵי אֲדֹנִי	אין די אויגען פון מיין הערען
כִּי לוֹא אוּכַל	דאַס איך קען ניט
לָקוּם מִפָּנֶיךָ	אויפ־צו־שטיין פאר דיר,
כִּי דֶרֶךְ נָשִׁים לִי	דען איך האב די געוויינליכע פרויען (שוועכע);
וַיְחַפֵּשׂ	און ער האט געזוכט,
וְלֹא מָצָא	און ער האט ניט געפונען
אֶת הַתְּרָפִים :	די געצען־בילדער.
36. וַיִּחַר לְיַעֲקֹב	36. און יעקב האט געצירנעט,
וַיָּרֶב בְּלָבָן	און ער האט זיך געקריגט מיט לבן,
וַיַּעַן יַעֲקֹב	און יעקב האט געאַנטוואָרט
וַיֹּאמֶר לְלָבָן	און ער האט געזאגט צו לבן:
מַה פִּשְׁעִי	וואס איז מיין פערברעכען,
מַה חַטָּאתִי	וואס איז מיין זינד,
כִּי דָלַקְתָּ אַחֲרָי :	דאס דו האסט [4]געיאָגט נאך מיר?
27. כִּי מִשַּׁשְׁתָּ	37. ווען דו האסט דורכ־געטאַפּט
אֶת כָּל כֵּלַי	אַלע מיינע [5]זאַכען,
מַה מָּצָאתָ	וואס האסט׳ו געפונען
מִכֹּל כְּלֵי בֵיתֶךָ	פון אַלע דיינע הויז [5]זאַכען
שִׂים כֹּה	לייג (עס) היער פאָר
נֶגֶד אַחַי	אין געגענוואַרט פון מיינע ברידער
וְאַחֶיךָ	און דיינע ברידער,
וְיוֹכִיחוּ בֵּין שְׁנֵינוּ :	און זאלען זיי ענטשיידען צווישען אונז ביידען.
38. זֶה עֶשְׂרִים שָׁנָה	38. [1]שוין צוואַציג יאָהר
אָנֹכִי עִמָּךְ	בין איך ביי דיר,
רְחֵלֶיךָ וְעִזֶּיךָ	דיינע מוטער־שאָף און דיינע ציגען
לֹא שִׁכֵּלוּ	האבען ניט [6]אָבגעוואָרפין.
וְאֵילֵי צֹאנְךָ	און די ווידערס פון דיינע שאָף
לֹא אָכָלְתִּי :	האב איך ניט געגעסען.

1) געזעהנט, געלוסט. 2) פאַר אונזערע. א. ז. וו. 3) קישען. 4) הייס געיאָגט. 5) גערעטה, געפעס.
6) פעהל־געבאָרען, מפיל־געוועזן. 7) דיזע.

39. טְרֵפָה	39. אַ צוריסענע
לֹא הֵבֵאתִי אֵלֶיךָ	האב איך ניט געבראַכט צו דיר,
אָנֹכִי אֲחַטֶּנָּה	איך פלעג די שולד מוזען טראָגען,
מִיָּדִי תְּבַקְשֶׁנָּה	פון מיין האַנד פלעגסט'ו איהר פאָדערען,
גְּנֻבְתִי יוֹם	סיי עס איז געשטוילען געוואָרען ביי טאָג
וּגְנֻבְתִי לָיְלָה׃	און סיי עס איז געשטוילען געוואָרען ביי נאַכט.
40. הָיִיתִי בַיּוֹם	40. (וואו) איך בין געוועזען ביי טאָג
אֲכָלַנִי חֹרֶב	האט מיך פערצעהרט (די) היטץ,
וְקֶרַח בַּלָּיְלָה	און דער [1]פראָסט ביי נאַכט;
וַתִּדַּד שְׁנָתִי	און מיין שלאָף האט זיך [2]דערוויטערט
מֵעֵינָי׃	פון מיינע אויגען.
41. זֶה לִּי עֶשְׂרִים שָׁנָה	41. אַזוי איז מיר געוועזען צוואַנציג יאָהר
בְּבֵיתֶךָ	אין דיין הויז;
עֲבַדְתִּיךָ	איך האב דיר געדינט
אַרְבַּע עֶשְׂרֵה שָׁנָה	פערצעהן יאָהר
בִּשְׁתֵּי בְנֹתֶיךָ	פיר דיינע צוויי טעכטער,
וְשֵׁשׁ שָׁנִים	און זעקס יאָהר
בְּצֹאנֶךָ	פיר דיינע שאָף,
וַתַּחֲלֵף	און דו האסט געביטען
אֶת מַשְׂכֻּרְתִּי	מיין לוין
עֲשֶׂרֶת מֹנִים׃	צעהן מאָל.
42. לוּלֵי אֱלֹהֵי אָבִי	42. ווען ניט דער גאט פון מיין פאָטער,
אֱלֹהֵי אַבְרָהָם	דער גאט פון אברהם
וּפַחַד יִצְחָק	און די [3]פורכט פון יצחק
הָיָה לִי	וואָלט געוועזען מיט מיר,
כִּי עַתָּה	וואַהרליך יעצט
רֵיקָם שִׁלַּחְתָּנִי	וואָלסט'ו מיך אַוועק־געשיקט ליידיג!
אֶת עָנְיִי	מיין עלענד
וְאֶת יְגִיעַ כַּפַּי	און די מיה פון מיינע הענד
רָאָה אֱלֹהִים	האָט גאט געזעהן,
וַיּוֹכַח אָמֶשׁ׃	און ער האט ענטשידען פאָריגע נאַכט.
שְׁבִיעִי	שְׁבִיעִי
43. וַיַּעַן לָבָן	43. און לבן האט געאַנטוואָרט,
וַיֹּאמֶר אֶל יַעֲקֹב	און ער האט געזאגט צו יעקב:
הַבָּנוֹת בְּנֹתַי	די טעכטער (זיינען דאָך) מיינע טעכטער,
וְהַבָּנִים בָּנַי	און די זיהן זיינען מיינע זיהן

וְהַצֹּאן צֹאנִי	און די שאָף זיינען מיינע שאָף,
וְכֹל אֲשֶׁר אַתָּה רֹאֶה	און אַלעס, וואס דו זעהסט
לִי הוּא	געהערט צו מיר;
וְלִבְנֹתַי	און צו מיינע טעכטער,
מָה אֶעֱשֶׂה לָאֵלֶּה	וואס זאל איך טהאָן צו דיזע
הַיּוֹם	הייטע,
אוֹ לִבְנֵיהֶן	אָדער צו זייערע קינדער,
אֲשֶׁר יָלָדוּ׃	וועלכע זיי האבען געבאָרען?
44. וְעַתָּה לְכָה	44. און יעצט, קום
נִכְרְתָה בְרִית	מיר וועלען שליסען אַ בונד,
אֲנִי וָאָתָּה	איך און דו,
וְהָיָה לְעֵד	און ער זאל זיין פיר אַ ציגע
בֵּינִי וּבֵינֶךָ׃	צווישען מיר און צווישען דיר.
45. וַיִּקַּח יַעֲקֹב אָבֶן	45. און יעקב האט גענומען אַ שטיין,
וַיְרִימֶהָ מַצֵּבָה׃	און ער האט איהר [4]אַוועג־געשטעלט (אַלס) דיינק־זייל
46. וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב	46. און יעקב האט געזאָגט
לְאֶחָיו	צו זיינע ברידער:
לִקְטוּ אֲבָנִים	קלייבט שטיינער!
וַיִּקְחוּ אֲבָנִים	און זיי האבען גענומען שטיינער,
וַיַּעֲשׂוּ גָל	און זיי האבען געמאַכט אַ [5]הויפען.
וַיֹּאכְלוּ שָׁם	און זיי האבען דאָרט געגעסען
עַל הַגָּל׃	אויף דעם [5]הויפען.
47. וַיִּקְרָא לוֹ לָבָן יְגַר שָׂהֲדוּתָא	47. און לבן האט איהם גערופען יגר שהדותא[6],
וְיַעֲקֹב קָרָא לוֹ גַּלְעֵד׃	און יעקב האט איהם גערופען גלעד[6].
48. וַיֹּאמֶר לָבָן	48. און לבן האט געזאגט:
הַגַּל הַזֶּה עֵד	דיזער הויפען זאל זיין אַ ציגע
בֵּינִי וּבֵינְךָ | הַיּוֹם	צווישען מיר און צווישען דיר, | הייטע,
עַל כֵּן קָרָא שְׁמוֹ גַּלְעֵד׃	דאַרום האט מען גערופען זיין נאמען גלעד.
49. וְהַמִּצְפָּה	49. און (אויך) מצפה,
אֲשֶׁר אָמַר	ווייל ער האט געזאגט:
יִצֶף יְהוָה	דער עוויגער זאל קוקען
בֵּינִי וּבֵינֶךָ	צווישען מיר און צווישען דיר,
כִּי נִסָּתֵר	ווען מיר וועלען פערבאָרגען זיין
אִישׁ מֵרֵעֵהוּ׃	איינער פון דעם אַנדערען.

1) קעלט. 2) אַוועג־געפלויגען, פערוואָגעלט געוואָרען. 3) ד. ה. גאט. 4) אויפגעהויבען. 5) קופע, בערגעל.
6) ציינגניס־הויפען.

50. אִם תְּעַנֶּה	50. אויב דו וועסט [1]קוועלען
אֶת בְּנֹתַי	מיינע טעכטער,
וְאִם תִּקַּח נָשִׁים	און אויב דו וועסט נעהמען פרויען
עַל בְּנֹתַי	צו מיינע טעכטער;
אֵין אִישׁ עִמָּנוּ	(אָבוואָל) קיין מאַן (איז דאָ) ביי אונז,
רְאֵה	(אָבער) זעה,
אֱלֹהִים עֵד	גאָט איז א צייגע
בֵּינִי וּבֵינֶךָ׃	צווישען מיר און צווישען דיר.
51. וַיֹּאמֶר לָבָן	51. און לבן האט געזאגט
לְיַעֲקֹב	צו יעקב:
הִנֵּה הַגַּל הַזֶּה	היר איז דיזער הויפען
וְהִנֵּה הַמַּצֵּבָה	און היר איז דער דיינק-זייל,
אֲשֶׁר יָרִיתִי	וועלכע איך האב [2]אַוועג־געשטעלט
בֵּינִי וּבֵינֶךָ׃	צווישען מיר און צווישען דיר.
52. עֵד הַגַּל הַזֶּה	52. א צייגע (זאל זיין) דיזער הויפען
וְעֵדָה הַמַּצֵּבָה	און א צייגע (זאל זיין) דער דיינק־זייל,
אִם אָנִי	דאס איך
לֹא אֶעֱבֹר אֵלֶיךָ	זאל ניט איבערגיין צו דיר
אֶת הַגַּל הַזֶּה	דיזען הויפען
וְאִם אַתָּה	און דאס דו
לֹא תַעֲבֹר אֵלַי	זאלסט ניט איבערגיין צו מיר
אֶת הַגַּל הַזֶּה	דיזען הויפען
וְאֶת הַמַּצֵּבָה הַזֹּאת	און דיזען דיינק־זייל
לְרָעָה׃	צום בייזען.
53. אֱלֹהֵי אַבְרָהָם	53. דער גאט פון אברהם
וֵאלֹהֵי נָחוֹר	און דער גאט פון נחור
יִשְׁפְּטוּ בֵינֵינוּ	זאלען ריכטען צווישען אונז!
אֱלֹהֵי אֲבִיהֶם	די געטער פון זייערע פאָטער'ס;
וַיִּשָּׁבַע יַעֲקֹב	און יעקב האט געשוואָרען
בְּפַחַד אָבִיו יִצְחָק׃	ביי די פורכט פון זיין פאָטער יצחק.
54. וַיִּזְבַּח יַעֲקֹב זֶבַח	54. און יעקב האט גע־שלאַכט א שלאַכטונג
בָּהָר	אויף דעם באַרג,
וַיִּקְרָא לְאֶחָיו	און ער האט גערופען [צו] זיינע ברידער
לֶאֱכָל לָחֶם	צו עסען [3]ברויט,
וַיֹּאכְלוּ לֶחֶם	און זיי האבען געגעסען [3]ברויט,
וַיָּלִינוּ בָּהָר׃	און זיי האבען איבער־גע־נעכטיגט אויף דעם באַרג.

לב

Cap. XXXII.

מַפְטִיר	מַפְטִיר
1. וַיַּשְׁכֵּם לָבָן בַּבֹּקֶר	1. און לבן איז אויפגעשטאַ־נען פריה דעסמאָרגענס,
וַיְנַשֵּׁק לְבָנָיו	און ער האט געקושט זיינע זיהן
וְלִבְנוֹתָיו	און זיינע טעכטער,
וַיְבָרֶךְ אֶתְהֶם	און ער האט זיי געבענשט,
וַיֵּלֶךְ וַיָּשָׁב לָבָן	און לבן איז געגאַנגען און זיך צוריק־געקערט,
לִמְקֹמוֹ׃	צו זיין אָרט.
2. וְיַעֲקֹב הָלַךְ	2. און יעקב איז געגאַנגען
לְדַרְכּוֹ	צו זיין וועג,
וַיִּפְגְּעוּ בוֹ	און עס האבען איהם בעגעגענט
מַלְאֲכֵי אֱלֹהִים׃	גאָטעס־ענגלען.
3. וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב	3. און יעקב האט געזאגט
כַּאֲשֶׁר רָאָם	ווי ער האט זיי געזען:
מַחֲנֵה אֱלֹהִים זֶה	דיזער איז גאָטעס לאַגער;
וַיִּקְרָא	און ער האט גערופען
שֵׁם הַמָּקוֹם הַהוּא	דעם נאמען פון יענעם אָרט
מַחֲנָיִם׃	מחנים.

וַיִּשְׁלַח VAYISHLACH

4. וַיִּשְׁלַח יַעֲקֹב	4. און יעקב האט געשיקט
מַלְאָכִים לְפָנָיו	באָטען, פאר [4]איהם
אֶל עֵשָׂו אָחִיו	צו עשו, זיין ברודער,
אַרְצָה שֵׂעִיר	נאך די לאַנד שעיר
שְׂדֵה אֱדוֹם׃	(אין) די פעלד אדום.
5. וַיְצַו אֹתָם, לֵאמֹר	5. און ער האט זיי בעפוילען, זאָגענדיג:
כֹּה תֹאמְרוּן	אַזוי זאלט איהר זאגען
לַאדֹנִי לְעֵשָׂו	צו מיין העררען, צו עשו:
כֹּה אָמַר	אַזוי האט געזאָגט
עַבְדְּךָ יַעֲקֹב	דיין קנעכט יעקב:
עִם לָבָן גַּרְתִּי	ביי לבן האב איך זיך אויפ־געהאלטען
וָאֵחַר עַד עָתָּה׃	און איך האב זיך [5]פער־זאַמט ביז יעצט.
6. וַיְהִי לִי שׁוֹר	6. און איך האב [געהאַט] אָקס(ען)
וַחֲמוֹר	און אייזל(ען)
צֹאן וְעֶבֶד וְשִׁפְחָה	שאָף, און קנעכט און דינסט(ען).
וָאֶשְׁלְחָה	און איך האב געשיקט

---

1) דריקען, פייניגען. 2) אויפגעוואָרפען. 3) שפייזע. 4) זיך. 5) פערוויילט פערהאַלטען.

לְהַגִּיד לַאדֹנִי	(עס) צו ידערציילען [צו] מיין העררען
לִמְצֹא חֵן בְּעֵינֶיךָ:	אום צו געפינען [2]גונסט אין דיינע אויגען.
7. וַיָּשֻׁבוּ הַמַּלְאָכִים	7. און די באטע האבען זיך צוריק־געקערט
אֶל יַעֲקֹב, לֵאמֹר	צו יעקב, זאגענדיג:
בָּאנוּ אֶל אָחִיךָ	מיר זיינען געקומען צו דיין ברודער,
אֶל עֵשָׂו	צו עשו.
וְגַם הֹלֵךְ לִקְרָאתְךָ	און אויך ער גייט דיר ענטגעגען,
וְאַרְבַּע מֵאוֹת אִישׁ	און פיר הונדערט מאן
עִמּוֹ:	מיט איהם.
8. וַיִּירָא יַעֲקֹב מְאֹד	8. און יעקב האט זיך זעהר געפירכטעט,
וַיֵּצֶר לוֹ	און עס איז איהם [3]איינג געווארען,
וַיַּחַץ אֶת הָעָם	און ער האט צוטיילט דאס פאלק,
אֲשֶׁר אִתּוֹ	וועלכעס איז געוועזן ביי איהם,
וְאֶת הַצֹּאן	און די שאף
וְאֶת הַבָּקָר	און די רינדער
וְהַגְּמַלִּים	און די קאמעלען
לִשְׁנֵי מַחֲנוֹת:	אויף צוויי לאגערען.
9. וַיֹּאמֶר	9. און ער האט געזאגט:
אִם יָבוֹא עֵשָׂו	אויב עשו וועט קומען
אֶל הַמַּחֲנֶה הָאַחַת	צו איין לאגער,
וְהִכָּהוּ	און ער וועט איהם שלאגען,
וְהָיָה הַמַּחֲנֶה	דאן וועט זיין דער לאגער
הַנִּשְׁאָר	וואס וועט איבערבלייבען
לִפְלֵיטָה:	פיר א רעטונג.
10. וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב	10. און יעקב האט געזאגט:
אֱלֹהֵי אָבִי אַבְרָהָם	גאט פון מיין פאטער אברהם
וֵאלֹהֵי אָבִי יִצְחָק	און גאט פון מיין פאטער יצחק;
יְהוָה הָאֹמֵר אֵלַי	עוויגער, וועלכער האט צו מיר געזאגט:
שׁוּב לְאַרְצְךָ	קעהר זיך צוריק צו דיין לאנד,
וּלְמוֹלַדְתְּךָ	און צו דיין געבורטס־ארט,
וְאֵיטִיבָה עִמָּךְ:	און איך וועל גוטעס טהאן מיט דיר.
11. קָטֹנְתִּי	11. איך בין (צו) קליין
מִכֹּל הַחֲסָדִים	[4]פיר די אלע גנאדע
וּמִכָּל הָאֱמֶת	און [4]פיר די אלע טריייע,
אֲשֶׁר עָשִׂיתָ	וואס דו האסט געטאן
אֶת עַבְדֶּךָ	מיט דיין קנעכט,

כִּי בְמַקְלִי	דען מיט מיין שטעקען
עָבַרְתִּי	בין איך איבער געגאנגען
אֶת הַיַּרְדֵּן הַזֶּה	דיזען ירדן,
וְעַתָּה הָיִיתִי	און יעצט בין איך געווארען
לִשְׁנֵי מַחֲנוֹת:	צו צוויי לאגערען.
12. הַצִּילֵנִי נָא	12. רעטע דאך מיר
מִיַּד אָחִי	פון די האנד פון מיין ברודער,
מִיַּד עֵשָׂו	פון די האנד פון עשו.
כִּי יָרֵא אָנֹכִי אֹתוֹ	דען איך פירכטע מיך פיר איהם,
פֶּן יָבוֹא וְהִכַּנִי	דאס ער זאל ניט קומען, און מיך שלאגען,
אֵם עַל בָּנִים:	(די) מוטער מיט(די)קינדער.
13. וְאַתָּה אָמַרְתָּ	13. און דו האסט (דאך) געזאגט:
הֵיטֵב אֵיטִיב עִמָּךְ	איך וועל גוטעס טהאן מיט דיר,
וְשַׂמְתִּי אֶת זַרְעֲךָ	און איך וועל מאכען דיין זאמען,
כְּחוֹל הַיָּם	ווי די זאמד פון דעם מעער,
אֲשֶׁר לֹא יִסָּפֵר	וועלכע וועט ניט קענען געציילט ווערען
מֵרֹב:	פון פילקייט.
שֵׁנִי	שֵׁנִי
14. וַיָּלֶן שָׁם	14 און ער האט דארט איבער־גענעכטיגט,
בַּלַּיְלָה הַהוּא	אין יענע נאכט,
וַיִּקַּח	און ער האט גענומען
מִן הַבָּא בְיָדוֹ	פון וואס [5]עס איז געקומען אין זיין האנד,
מִנְחָה, לְעֵשָׂו אָחִיו:	א געשענק פיר זיין ברודער עשו.
15. עִזִּים מָאתַיִם	15. ציגען—צוויי הונדערט
וּתְיָשִׁים עֶשְׂרִים	און בעק—צוואנציג,
רְחֵלִים מָאתַיִם	מוטער־שאף—צוויי הונ־דערט,
וְאֵילִים עֶשְׂרִים:	און ווידערס—צוואנציג.
16. גְּמַלִּים מֵינִיקוֹת	16. זייגענדע קאמעלען
וּבְנֵיהֶם, שְׁלֹשִׁים	און זייערע קינדער—דרייסיג,
פָּרוֹת אַרְבָּעִים	קיה—פערציג,
וּפָרִים עֲשָׂרָה	און [6]שטיערען—צעהן,
אֲתֹנֹת עֶשְׂרִים	אייזעלינען—צוואנציג,
וַעְיָרִים עֲשָׂרָה:	און יונגע אייזלען—צעהן.
17. וַיִּתֵּן	17. און ער האט געגעבען
בְּיַד עֲבָדָיו	אין די האנד פון זיינע קנעכט
עֵדֶר עֵדֶר לְבַדּוֹ	יעדע הערדע בעזונדער,

1) זאגען, בעריכטען. 2) גנאדע. 3) באנגע. 4) פון. 5) אד. ער האט געהאט. 6) בוללען.

ויאמר אל עבדיו	און ער האט געזאָגט צו זיינע קנעכט:
עברו לפני	גייט מיר פאָרויס,
ורוח תשימו	און אַ צווישען־רוים זאָלט איהר [1]מאַכען
בין עדר ובין עדר:	צווישען הערדע און הערדע.
18. ויצו את הראשון	18. און ער האט בעפוילען דעם ערשטען,
לאמר	זאָגענדיג:
כי יפגשך עשו אחי	ווען עס וועט דיר בעגעגענען עשו, מיין ברודער,
ושאלך, לאמר	און ער וועט דיר פרעגען, זאָגענדיג:
למי אתה	צו וועמען געהערסט דו?
ואנה תלך	און וואוהין גייסט'ו
ולמי אלה לפניך:	און צו וועמען געהערען דיזע פאר דיר?
19. ואמרת	19. דאַן זאלסט'ו זאגען:
לעבדך ליעקב	צו דיין קנעכט, צו יעקב (געהערט עס);
מנחה היא, שלוחה	עס איז אַ געשענק, געשיקט
לאדני לעשו	צו מיין הערען, צו עשו,
והנה גם הוא	און אויך ער זעלבסט
אחרינו:	איז הינטער אונז.
20. ויצו גם את השני	20. און ער האט בעפוילען אויך דעם צווייטען,
גם את השלישי	אויך דעם דריטען,
גם את כל ההלכים	אויך אַלע, וועלכע זיינען געגאַנגען
אחרי העדרים	הינטער די הערדען,
לאמר	זאָגענדיג:
כדבר הזה	ווי דיזע וואָרט(ען)
תדברון אל עשו	זאָלט איהר ריידען צו עשו
במצאכם אתו:	ווען איהר וועט איהם [2]טרעפען.
21. ואמרתם	21. און איהר זאָלט זאָגען:
גם	אויך
הנה עבדך יעקב	זעה. דיין קנעכט יעקב
אחרינו	איז הינטער אונז,
כי אמר	דען ער האט געזאָגט:
אכפרה פניו	איך וויל [3]פערגעבען זיין [4]געזיכט
במנחה	מיט דעם געשענק,
ההלכת לפני	וועלכער גייט פאר מיר,
ואחרי כן	און נאָכדעם,
אראה פניו	וועל איך זעהן זיין געזיכט,
אולי ישא פני:	פילייכט וועט ער [5]אויפהויבען מיין געזיכט.

22. ותעבר המנחה	22. און דער געשענק איז פאַרביי־געגאַנגען
על פניו	פאַר [6]איהם,
והוא לן	און ער האט איבער־גענעכטיגט
בלילה ההוא	אין יענע נאַכט
במחנה:	אין דעם לאַגער.
23. ויקם בלילה ההוא	23. און ער איז אויפגעשטאַנען אין יענע נאַכט,
ויקח את שתי נשיו	און ער האט גענומען זיינע צוויי פרויען,
ואת שתי שפחתיו	און זיינע צוויי דינסטען,
ואת אחד עשר ילדיו	און זיינע עלף קינדער,
ויעבר	און ער איז איבער־געגאַנגען
את מעבר יבק:	די [7]פורט פון יבק.
24. ויקחם	24. און ער האט זיי גענומען,
ויעברם את הנחל	און ער האט זיי איבער־געפיהרט דעם טייך,
ויעבר את אשר לו:	און ער האט איבערגעפיהרט וואס האט געהערט צו איהם
25. ויותר יעקב לבדו	25. און יעקב איז געבליבען אַליין;
ויאבק איש עמו	און אַ מאַן האט זיך גע־ראַנגעלט מיט איהם
עד עלות השחר:	ביז דעם אויפגאַנג פון דעם מאָרגען־שטערען.
26. וירא	26. און (ווען) ער האט געזעהן,
כי לא יכל לו	דאס ער קען איהם ניט בייקומען
ויגע בכף ירכו	האט ער אָנגערירט אין דעם געלענק פון זיין היפטע,
ותקע	און עס האט זיך [8]אַרויס־גערוקט
כף ירך יעקב	דער געלענק פון יעקב׳ס היפטע,
בהאבקו עמו:	ווען ער האט זיך געראַנגעלט מיט איהם.
27. ויאמר, שלחני	27. און ער האט געזאָגט: שיק מיך אַוועק,
כי עלה השחר	דען דער מאָרגען־שטערען איז אויפגעגאַנגען;
ויאמר	אָבער ער האט געזאָגט:
לא אשלחך	איך וועל דיך ניט אוועק־שיקען
כי אם ברכתני:	זאָנדערן ווען דו וועסט מיך האבען געבענשט.
28. ויאמר אליו	28. און ער האט צו איהם געזאָגט:
מה שמך	וואָס איז דיין נאָמען?
ויאמר, יעקב:	און ער האט געזאָגט: יעקב
29. ויאמר	29. און ער האט געזאָגט:
לא יעקב	ניט יעקב
יאמר עוד שמך	זאל דיין נאמען [9]ווייטער גערופען ווערען,
כי אם ישראל	זאָנדערן ישראל,
כי שרית	דען דו האָסט געשטריטען

1) לאָזען. 2) געפינען. 3) פערזעהנען. 4) ד. ה. שטילען זיין צאָרען. 5) ערטראָגען, ד. ה. פילייכט וועט ער מיר פריינדליך אויפנעהמען. 6) זיין געזיכט. 7) איבער־גאַנג. 8) אויסגעלינקט. 9) העכ. נאך געזאָגט ווערען.

עִם אֱלֹהִים	מיט [1]גאָט
וְעִם אֲנָשִׁים	און מיט מענשען,
וַתּוּכָל׃	און דו ביזט (זיי) בייגע־קומען.
30 וַיִּשְׁאַל יַעֲקֹב	30. און יעקב האט געפרעגט.
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאָגט:
הַגִּידָה נָּא שְׁמֶךָ	זאָג דאָך דיין נאָמען!
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאָגט:
לָמָּה זֶּה תִּשְׁאַל	וואָרום דען פרעגסטו
לִשְׁמִי	נאָך מיין נאָמען?
וַיְבָרֶךְ אֹתוֹ שָׁם׃	און ער האט איהם דאָרט געבענשט.
שְׁלִישִׁי	שְׁלִישִׁי
31. וַיִּקְרָא יַעֲקֹב	31. און יעקב האט גערופען
שֵׁם הַמָּקוֹם, פְּנִיאֵל	דעם נאָמען פון דעם אָרט: [2]פניאל.
כִּי רָאִיתִי אֱלֹהִים	דען איך האב געזעהן [1]גאָט
פָּנִים אֶל פָּנִים	געזיכט צו געזיכט,
וַתִּנָּצֵל נַפְשִׁי׃	און מיין זעלע איז גע־רעטעט געוואָרען.
32. וַיִּזְרַח לוֹ הַשֶּׁמֶשׁ	32 און די זון האט איהם אויפגעשיינט,
כַּאֲשֶׁר עָבַר אֶת פְּנוּאֵל	ווען ער איז פאַרביי־געגאַנגען פנואל;
וְהוּא צֹלֵעַ עַל יְרֵכוֹ׃	און ער איז געהונקען, אויף זיין היפטע.
33. עַל כֵּן לֹא יֹאכְלוּ	33. דאַרום עסען ניט
בְנֵי יִשְׂרָאֵל	די קינדער ישראל
אֶת גִּיד הַנָּשֶׁה	דעם שפּאַנ־אָדער,
אֲשֶׁר עַל כַּף הַיָּרֵךְ	וועלכער איז אויף דעם געלענק פון די היפטע,
עַד הַיּוֹם הַזֶּה	ביז דיזען טאָג,
כִּי נָגַע	דען ער האט אָנגעריהרט
בְּכַף יֶרֶךְ יַעֲקֹב	אין דעם געלענק פון יעקב׳ס היפטע.
בְּגִיד הַנָּשֶׁה׃	אין דעם שפּאַנ-אָדער.

לג

לג

1. וַיִּשָּׂא יַעֲקֹב עֵינָיו	1. און יעקב האט אויפ־געהויבען זיינע אויגען,
וַיַּרְא	און ער האט געזעהן,
וְהִנֵּה עֵשָׂו בָּא	דאס עשו קומט,
וְעִמּוֹ	און מיט איהם
אַרְבַּע מֵאוֹת אִישׁ	פיער הונדערט מאן;
וַיַּחַץ אֶת הַיְלָדִים	און ער האט צוטיילט די קינדער
עַל לֵאָה וְעַל רָחֵל	אויף לאה און אויף רחל
וְעַל שְׁתֵּי הַשְּׁפָחוֹת׃	און אויף די צוויי דינסטען.
2 וַיָּשֶׂם אֶת הַשְּׁפָחוֹת	2. און ער האט געשטעלט די דינסטען
וְאֶת יַלְדֵיהֶן	און זייערע קינדער
רִאשֹׁנָה	[3]צום ערשטען,
וְאֶת לֵאָה וִילָדֶיהָ	און לאה און איהרע קינדער
אַחֲרֹנִים	[4]הינטער (זיי),
וְאֶת רָחֵל וְאֶת יוֹסֵף	און רחל און יוסף
אַחֲרֹנִים׃	[5]הינטער (דיזע).
3. וְהוּא עָבַר לִפְנֵיהֶם	3. און ער איז געגאַנגען פאָר זיי,
וַיִּשְׁתַּחוּ אַרְצָה	און ער האט זיך געבוקט צו דער ערד
שֶׁבַע פְּעָמִים	זיבען מאָל
עַד גִּשְׁתּוֹ, עַד אָחִיו׃	ביז ער האט זיך דערנענ־טערט ביז זיין ברודער.
4. וַיָּרָץ עֵשָׂו	4. און עשו איז געלאָפען
לִקְרָאתוֹ	ענטגעגען איהם,
וַיְחַבְּקֵהוּ	און ער האט איהם אַרומ־געאַרעמט,
וַיִּפֹּל עַל צַוָּארָו	און ער איז געפאַלען אויף זיין האַלדז,
וַיִּשָּׁקֵהוּ	און ער האט איהם געקושט,
וַיִּבְכּוּ׃	און זיי האבען געוויינט.
5. וַיִּשָּׂא אֶת עֵינָיו	5. און ער האט אויפגע־הויבען זיינע אויגען,
וַיַּרְא אֶת הַנָּשִׁים	און ער האט געזעהן די פרויען
וְאֶת הַיְלָדִים	און די קינדער,
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאָגט:
מִי אֵלֶּה לָּךְ	ווער זיינען דיזע ביי דיר?
וַיֹּאמַר	און ער האט געזאגט:
הַיְלָדִים	(זיי זיינען) די קינדער,
אֲשֶׁר חָנַן אֱלֹהִים	(מיט) וועלכע גאָט האט [6]בעגנאַדיגט
אֶת עַבְדֶּךָ׃	דיין קנעכט.
רְבִיעִי	רְבִיעִי
6. וַתִּגַּשְׁןָ הַשְּׁפָחוֹת	6. און די דינסטען האבען זיך דערנענטערט
הֵנָּה וְיַלְדֵיהֶן	זיי און זייערע קינדער,
וַתִּשְׁתַּחֲוֶיןָ׃	און זיי האבען זיך געבוקט
7. וַתִּגַּשׁ גַּם לֵאָה	7. און אויך לאה האט זיך דערנענטערט
וִילָדֶיהָ	און איהרע קינדער,
וַיִּשְׁתַּחֲווּ	און זיי האבען זיך געבוקט,
וְאַחַר	און נאָכהער
נִגַּשׁ יוֹסֵף וְרָחֵל	האט זיך דערנענטערט יוסף און רחל,

1) גאָטעס ענגלען, געטליכע וועזען. 2) גאָטעס געזיכט. 3) פון פאָרענט. 4) פון הינטען. 5) צולעצט. 6) בעשאָנקען.

וַיִּשְׁתַּחֲווּ׃	און זיי האבען זיך געבוקט.
8. וַיֹּאמֶר	8. און ער האט געזאגט:
מִי לְךָ	וואס איז ביי דיר
כָּל הַמַּחֲנֶה הַזֶּה	דיזער גאנצער לאגער,
אֲשֶׁר פָּגָשְׁתִּי	וועלכען איך האב בעגעגענט?
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט:
לִמְצֹא חֵן	אום צו געפינען גונסט
בְּעֵינֵי אֲדֹנִי׃	אין די אויגען פון מיין העררן.
9. וַיֹּאמֶר עֵשָׂו	9. און עשו האט געזאגט:
יֶשׁ לִי רָב	איך האב גענוג:
אָחִי יְהִי לְךָ אֲשֶׁר לָךְ׃	מיין ברודער, זאל זיין ביי דיר׳ וואס געהערט צו דיר.
10. וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב	10. און יעקב האט געזאגט:
אַל נָא	ניט דאך!
אִם נָא מָצָאתִי	אויב איך האב געפונען
חֵן, בְּעֵינֶיךָ	גונסט, אין דיינע אויגען,
וְלָקַחְתָּ מִנְחָתִי	דאן זאלסט׳ו נעמען מיין געשענק,
מִיָּדִי	פון מיין האנד,
כִּי עַל כֵּן רָאִיתִי פָנֶיךָ	ווייל איך האב געזען דיין געזיכט
כִּרְאֹת פְּנֵי אֱלֹהִים	ווי מען זעהט גאטעס געזיכט,
וַתִּרְצֵנִי׃	און דו האסט מיך [1]וויליג אויפגענומען.
11. קַח נָא אֶת בִּרְכָתִי	11. נעהם דאך מיין [2]געשענק,
אֲשֶׁר הֻבָאת לָךְ	וועלכער איז דיר געבראכט געווארען,
כִּי חַנַּנִי אֱלֹהִים	דען גאט האט מיך בעגנאדיגט
וְכִי יֶשׁ לִי כֹל	און איך האב אלעס.
וַיִּפְצַר בּוֹ	און ער האט איהם שטארק געבעטען,
וַיִּקָּח׃	און ער האט צוגענומען.
12. וַיֹּאמֶר	12. און ער האט געזאגט:
נִסְעָה, וְנֵלֵכָה	לא׳מיר רייזען, און ל׳אמיר גיין,
וְאֵלְכָה, לְנֶגְדֶּךָ׃	און איך וועל גיין נעבען דיר.
13. וַיֹּאמֶר אֵלָיו	13. און ער האט צו איהם געזאגט:
אֲדֹנִי יֹדֵעַ	מיין הערר וויים,
כִּי הַיְלָדִים רַכִּים	דאס די קינדער זיינען צארטע
וְהַצֹּאן וְהַבָּקָר	און די שאף און די רינדער
עָלוֹת עָלָי	(די) [3]זייגענדע. (זיינען) אויף מיר,
וּדְפָקוּם יוֹם אֶחָד	און ווען מען זאל זיי איבער־טרייבען איין טאג
וָמֵתוּ כָּל הַצֹּאן׃	דאן וועלען שטארבען אלע שאף.
14. יַעֲבָר נָא אֲדֹנִי	14. זאל דאך מיין הערר גיין
לִפְנֵי עַבְדּוֹ	פאר זיין קנעכט,
וַאֲנִי אֶתְנַהֲלָה	און איך וועל [4]זיך פיהרען
לְאִטִּי	נאך מיין לאנגזאמקייט,
לְרֶגֶל הַמְּלָאכָה	נאך דעם טריט פון די פיה,
אֲשֶׁר לְפָנַי	וועלכעס איז פאר מיר
וּלְרֶגֶל הַיְלָדִים	און נאך דעם טריט פון די קינדער,
עַד אֲשֶׁר אָבֹא	ביז איך וועל קומען
אֶל אֲדֹנִי שֵׂעִירָה׃	צו מיין העררן נאך שעיר.
15. וַיֹּאמֶר עֵשָׂו	15. און עשו האט געזאגט:
אַצִּיגָה נָּא עִמְּךָ	איך וויל דאך אבשטעלען ביי דיר
מִן הָעָם, אֲשֶׁר אִתִּי	פון דעם פאלק, וואס איז ביי מיר.
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט:
לָמָּה זֶּה	וואצו דיזעס?
אֶמְצָא חֵן	איך וויל (נור) געפינען גונסט
בְּעֵינֵי אֲדֹנִי׃	אין די אויגען פון מיין העררן.
16. וַיָּשָׁב בַּיּוֹם הַהוּא עֵשָׂו	16. און עשו האט זיך אין יענעם טאג צוריק־געקערט
לְדַרְכּוֹ, שֵׂעִירָה׃	צו זיין וועג, נאך שעיר.
17. וְיַעֲקֹב נָסַע סֻכֹּתָה	17. און יעקב האט גערייזט נאך סכות,
וַיִּבֶן לוֹ בָּיִת	און ער האט זיך געבויט א הויז,
וּלְמִקְנֵהוּ	און פיר זיינע פיה
עָשָׂה סֻכֹּת	האט ער געמאכט [5]היטטען,
עַל כֵּן קָרָא	דארום האט מען גערופען
שֵׁם הַמָּקוֹם סֻכּוֹת׃	דעם נאמען פון דעם ארט: סכות.
18. וַיָּבֹא יַעֲקֹב שָׁלֵם	18. און יעקב איז געקומען פרידליך
עִיר שְׁכֶם	(נאך) די שטאט שכם,
אֲשֶׁר בְּאֶרֶץ כְּנַעַן	וועלכע איז אין די לאנד כנען,
בְּבֹאוֹ מִפַּדַּן אֲרָם	ווען ער איז געקומען פון פדן ארם,
וַיִּחַן אֶת פְּנֵי הָעִיר׃	און ער האט געלאגערט פאר דער שטאט
19. וַיִּקֶן	19. און ער האט געקויפט
אֶת חֶלְקַת הַשָּׂדֶה	די [6]שטיק פעלד,
אֲשֶׁר נָטָה שָׁם אָהֳלוֹ	וואו ער האט דארט אויפ־געשטעלט זיין געצעלט
מִיַּד בְּנֵי חֲמוֹר	פון די האנד פון די זיהן פון חמור
אֲבִי שְׁכֶם	דער פאטער פון שכם

1)פריינדליך, גנעדיג. 2)זעגען. 3)או עלות עלי: זייגען יונגע. תחת: עולים. מן עול. (ישעי׳ סה״ כ״) יונגעס קינד. כמו חורי תחת חורים (יש׳ יט׳ ט׳) גובי תחת גובים (עמוס ז׳ א׳ נחום ג׳ יז׳) 4)גאבגיין. 5)ביידלעך. 6) מהייל.

בִּמְאָה קְשִׂיטָה׃	פיר הונדערט קשיטה.
20. וַיַּצֶּב שָׁם מִזְבֵּחַ	20. און ער האט דאָרט געשטעלט איין אַלטאַר,
וַיִּקְרָא לוֹ	און ער האט איהם גערופען:
אֵל אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל׃	אל אלהי ישראל[1].

Cap. XXXIV. לד

חֲמִישִׁי — חֲמִישִׁי

1. וַתֵּצֵא דִינָה בַּת לֵאָה	1. און עס איז אַרויסגעגאנגען דינה די טאָכטער פון לאה,
אֲשֶׁר יָלְדָה לְיַעֲקֹב	וועלכע זי האט געבאָרען צו יעקב,
לִרְאוֹת	צו זעהן
בִּבְנוֹת הָאָרֶץ׃	[אין] די טעכטער פון די לאַנד.
2. וַיַּרְא אֹתָהּ	2. און עס האט איהר געזעהן
שְׁכֶם בֶּן חֲמוֹר הַחִוִּי	שכם דער זוהן פון חמור, דער חוי,
נְשִׂיא הָאָרֶץ	דער פירשט פון די לאַנד.
וַיִּקַּח אֹתָהּ	און ער האט איהר גענומען,
וַיִּשְׁכַּב אֹתָהּ	און ער האט איהר [2]געהייראַט,
וַיְעַנֶּהָ׃	און ער האט איהר געפּייניגט.
3. וַתִּדְבַּק נַפְשׁוֹ	3. און זיין זעלע האט זיך [3]פערבונדען
בְּדִינָה בַּת יַעֲקֹב	מיט דינה, יעקב'ס טאכטער,
וַיֶּאֱהַב אֶת הַנַּעֲרָ	און ער האט געליבט דאָס מעדכען,
וַיְדַבֵּר	און ער האט גערעט
עַל לֵב הַנַּעֲרָ׃	צו די האַרץ פון דאָס מעדכען[4].
4. וַיֹּאמֶר שְׁכֶם	4. און שכם האט געזאָגט
אֶל חֲמוֹר אָבִיו	צו חמור, זיין פאטער,
לֵאמֹר	זאָגענדיג:
קַח לִי	נעהם פיר מיר
אֶת הַיַּלְדָּה הַזֹּאת	דיזעס [5]מעדכען
לְאִשָּׁה׃	פיר אַ פרוי.
5. וְיַעֲקֹב שָׁמַע	5. און יעקב האט געהערט
כִּי טִמֵּא	דאס ער האט פעראונרייניגט
אֶת דִּינָה בִתּוֹ	דינה, זיין טאָכטער,
וּבָנָיו הָיוּ אֶת מִקְנֵהוּ	און זיינע זיהן זיינען געוועזען מיט זיינע פיה
בַּשָּׂדֶה	אין פעלד,
וְהֶחֱרִשׁ יַעֲקֹב	און יעקב האט געשוויגען
עַד בֹּאָם׃	ביז זיי זיינען געקומען.
6. וַיֵּצֵא חֲמוֹר	6. און עס איז אַרויסגעגאַנגען חמור,
אֲבִי שְׁכֶם	דער פאטער פון שכם,
אֶל יַעֲקֹב	צו יעקב
לְדַבֵּר אִתּוֹ׃	צו ריידען מיט איהם.
7. וּבְנֵי יַעֲקֹב	7. און יעקב'ס זיהן
בָּאוּ מִן הַשָּׂדֶה	זיינען געקומען פון פעלד.
כְּשָׁמְעָם	ווען זיי האבען (עס) געהערט;
וַיִּתְעַצְּבוּ הָאֲנָשִׁים	און די לייטע זיינען טרויעריג געווען,
וַיִּחַר לָהֶם מְאֹד	און עס האט זיי זעהר געגרימט,
כִּי נְבָלָה	דען אַ שאַנד־טהאַט
עָשָׂה בְיִשְׂרָאֵל	האט ער געטאָן אין ישראל,
לִשְׁכַּב אֶת בַּת יַעֲקֹב	צו [6]הייראַטען יעקב'ס טאכטער,
וְכֵן לֹא יֵעָשֶׂה׃	און אַזוי דאַרף ניט געטאָן ווערען.
8. וַיְדַבֵּר חֲמוֹר אִתָּם	8. און חמור האט גערעט מיט זיי,
לֵאמֹר	זאָגענדיג:
שְׁכֶם בְּנִי	שכם, מיין זוהן,
חָשְׁקָה נַפְשׁוֹ	געלוסט זיין זעלע
בְּבִתְּכֶם	אייער טאָכטער,
תְּנוּ נָא אֹתָהּ לוֹ	גיט דאָך איהר צו איהם
לְאִשָּׁה׃	פיר אַ פרוי.
9. וְהִתְחַתְּנוּ אֹתָנוּ	9. און פערשוועגערט אייך מיט אונז,
בְּנֹתֵיכֶם	אייערע טעכטער
תִּתְּנוּ לָנוּ	וועט איהר געבען צו אונז,
וְאֶת בְּנֹתֵינוּ	און אונזערע טעכטער
תִּקְחוּ לָכֶם׃	וועט איהר אייך נעהמען.
10. וְאִתָּנוּ תֵּשֵׁבוּ	10. און ביי אונז וועט איהר וואָהנען,
וְהָאָרֶץ	און די לאַנד
תִּהְיֶה לִפְנֵיכֶם	וועט זיין פאָר אייך,
שְׁבוּ וּסְחָרוּהָ	וואָהנט, און האַנדעלט אין איהר,
וְהֵאָחֲזוּ בָּהּ׃	און נעהמט בעזיץ אין איהר.
11. וַיֹּאמֶר שְׁכֶם	11. און שכם האט געזאגט:
אֶל אָבִיהָ וְאֶל אַחֶיהָ	צו איהר פאָטער און צו איהרע ברידער:
אֶמְצָא חֵן בְּעֵינֵיכֶם	איך וויל געפינען גנאַדע אין אייערע אויגען.
וַאֲשֶׁר תֹּאמְרוּ אֵלַי	און וואס איהר וועט מיר זאָגען
אֶתֵּן׃	וועל איך געבען.
12. הַרְבּוּ עָלַי מְאֹד	12. פערמעהרט אויף מיר זעהר[7]
מֹהַר וּמַתָּן	קויף־פרייז און געשענק,

1) ד. ה. גאָט, דער גאָט פון ישראל. 2) הֶעב. געלעגען מיט איהר. 3) בעהעפט, אָנגעקלעבט. 4) ד. ה. ער האט איהר איינגערעדט. 5) קינד. 6) ליגען. 7) ד. ה. בעט מיר פיעל.

וְאֶתְּנָה	און איך וועל געבען,
כַּאֲשֶׁר תֹּאמְרוּ אֵלָי	ווי איהר וועט זאָגען צו מיר
וּתְנוּ לִי אֶת הַנַּעֲרָה	נור גיט מיר דאס מעדכען
לְאִשָּׁה׃	פיר אַ פרוי.
13. וַיַּעֲנוּ בְנֵי יַעֲקֹב	13. און די קינדער פון יעקב האבען געאַנטוואָרט
אֶת שְׁכֶם וְאֶת חֲמוֹר אָבִיו	שכם און חמור, זיין פאטער,
בְּמִרְמָה	מיט ליסט,
וַיְדַבֵּרוּ	און זיי האבען גערעט;
אֲשֶׁר טִמֵּא	וויל ער האט פעראונרייניגט
אֵת דִּינָה אֲחֹתָם׃	זייער שוועסטער דינה.
14. וַיֹּאמְרוּ אֲלֵיהֶם	14. און זיי האבען געזאגט צו זיי:
לֹא נוּכַל לַעֲשׂוֹת	מיר קענען ניט טהאָן
הַדָּבָר הַזֶּה	דיזע זאַך
לָתֵת אֶת אֲחֹתֵנוּ	צו געבען אונזער שוועסטער
לְאִישׁ אֲשֶׁר לוֹ עָרְלָה	צו אַ מאַן, וועלכער האט א פאָרהויט,
כִּי חֶרְפָּה הִוא לָנוּ׃	דען עס איז א שאַנדע פיר אונז.
15. אַךְ בְּזֹאת	15. נור מיט דיזעס
נֵאוֹת לָכֶם	וועלען מיר אייננוויליגען צו אייך,
אִם תִּהְיוּ כָמֹנוּ	אויב איהר וועט זיין ווי מיר,
לְהִמֹּל לָכֶם	דאס ביי אייך וועט בעשניטען ווערען
כָּל זָכָר׃	יעדעס מענליכע.
16. וְנָתַנּוּ אֶת בְּנֹתֵינוּ	16. דאַן וועלען מיר געבען אונזערע טעכטער
לָכֶם	צו אייך,
וְאֶת בְּנֹתֵיכֶם	און אייערע טעכטער
נִקַּח לָנוּ	וועלען מיר נעהמען צו אונז,
וְיָשַׁבְנוּ אִתְּכֶם	און מיר וועלען וואָהנען ביי אייך,
וְהָיִינוּ לְעַם אֶחָד׃	און מיר וועלען ווערען צו איין פאָלק.
17. וְאִם לֹא תִשְׁמְעוּ	17. אָבער ווען איהר וועט ניט הערען
אֵלֵינוּ	צו אונז,
לְהִמּוֹל	בעשניטען צו ווערען,
וְלָקַחְנוּ אֶת בִּתֵּנוּ	דאַן וועלען מיר נעהמען אונזער טאָכטער,
וְהָלָכְנוּ׃	און מיר וועלען גיין.
18. וַיִּיטְבוּ דִבְרֵיהֶם	18. און זייערע רייד זיינען געפעליג געוואָרען
בְּעֵינֵי חֲמוֹר	אין די אויגען פון חמור
וּבְעֵינֵי שְׁכֶם	און אין די אויגען פון שכם,

בֶּן חֲמוֹר׃	דער זוהן פון חמור.
19. וְלֹא אֵחַר הַנַּעַר	19. און דער קנאַבע האט ניט פערזאַמט
לַעֲשׂוֹת הַדָּבָר	צו טהאָן די זאַך,
כִּי חָפֵץ בְּבַת יַעֲקֹב	דען ער האט געוואָלט יעקב׳ס טאָכטער;
וְהוּא נִכְבָּד	און ער איז געווען געעהרט
מִכֹּל בֵּית אָבִיו׃	מעהר אַלס אַלע (אין) זיין פאָטער׳ס הויז.
20. וַיָּבֹא חֲמוֹר	20. און חמור איז געקומען
וּשְׁכֶם בְּנוֹ	און זיין זוהן שכם
אֶל שַׁעַר עִירָם	צו דעם טויער פון זייער שטאָט,
וַיְדַבְּרוּ	און זיי האבען גערעט
אֶל אַנְשֵׁי עִירָם	צו די מענשען פון זייער שטאָט,
לֵאמֹר׃	זאָגענדיג:
21. הָאֲנָשִׁים הָאֵלֶּה	21. דיזע לייטע
שְׁלֵמִים הֵם אִתָּנוּ	זיינען [1]פרידליך מיט אונז,
וְיֵשְׁבוּ בָאָרֶץ	דאַרום לאָזען זיי וואָהנען אין די לאַנד
וְיִסְחֲרוּ אֹתָהּ	און לאָזען זיי [2]האַנדלען (אין) איהר;
וְהָאָרֶץ	און די לאַנד,
הִנֵּה רַחֲבַת יָדַיִם	זעה, זי (איז דאָך) גערוימיג[3]
לִפְנֵיהֶם	פאַר זיי,
אֶת בְּנֹתָם	זייערע טעכטער
נִקַּח לָנוּ לְנָשִׁים	וועלען מיר אונז נעהמען פיר פרויען,
וְאֶת בְּנֹתֵינוּ	און אונזערע טעכטער
נִתֵּן לָהֶם׃	וועלען מיר געבען צו זיי.
22. אַךְ בְּזֹאת	22. נור מיט דיזעס
יֵאֹתוּ לָנוּ הָאֲנָשִׁים	וועלען די לייטע איינוויליגען צו אונז
לָשֶׁבֶת אִתָּנוּ	צו וואָהנען ביי אונז.
לִהְיוֹת לְעַם אֶחָד	צו ווערען צו איין פאָלק,
בְּהִמּוֹל לָנוּ	ווען ביי אונז וועט בעשניטען ווערען
כָּל זָכָר	יעדעס מענליכע,
כַּאֲשֶׁר הֵם נִמֹּלִים׃	ווי זיי זיינען בעשניטען.
23. מִקְנֵהֶם וְקִנְיָנָם	23. זייערע הערדען און זייער אייגענטהום
וְכָל בְּהֶמְתָּם	און אַלע זייער פיה.
הֲלוֹא לָנוּ הֵם	וועלען זיי דען ניט זיין אונזערע?
אַךְ נֵאוֹתָה לָהֶם	נור לאָ׳מיר אַיינוויליגען צו זיי,
וְיֵשְׁבוּ אִתָּנוּ׃	און זיי וועלען וואָהנען ביי אונז.
24. וַיִּשְׁמְעוּ אֶל חֲמוֹר	24. און זיי האבען געהערט צו חמור

1)גאַנץ. 2)בערייזען, פערקעהרען. 3)אָד. זעה, זי (איז דאָך) ברייט אויף ביידע זייטען.

וְאֶל שְׁכֶם בְּנוֹ	און צו שכם, זיין זוהן,
כָּל יֹצְאֵי	אַלע, וואס זיינען אַרויס־ געגאַנגען
שַׁעַר עִירוֹ	(צום) טויער פון זיין שטאָט
וַיִּמֹּלוּ	און זיי האבען זיך געלאזען בעשניידען
כָּל זָכָר	יעדעס מענליכע,
כָּל יֹצְאֵי	אַלע, וואס זיינען אַרויס־ געגאַנגען,
שַׁעַר עִירוֹ:	(צום) טויער פון זיין שטאָט.
25. וַיְהִי	25. און עס איז געוועזן
בַיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי	אויף דעם דריטען טאג,
בִּהְיוֹתָם כֹּאֲבִים	ווען זיי [1]האָבען געליטען שמערצען,
וַיִּקְחוּ שְׁנֵי בְנֵי יַעֲקֹב	האָבען גענומען די צוויי זיהן פון יעקב,
שִׁמְעוֹן וְלֵוִי	שמעון און לוי,
אֲחֵי דִינָה	דינה׳ס ברידער,
אִישׁ חַרְבּוֹ	יעדער זיין שווערט,
וַיָּבֹאוּ עַל הָעִיר	און זיי זיינען געקומען אויף די שטאָט
בֶּטַח	(אין) זיכערהייט.
וַיַּהַרְגוּ כָּל זָכָר:	און זיי האבען דערשלאָגען יעדעס מענליכע.
26. וְאֶת חֲמוֹר	26. און חמור
וְאֶת שְׁכֶם בְּנוֹ	און שכם, זיין זוהן,
הָרְגוּ לְפִי חָרֶב	האבען זיי דערשלאָגען מיט דעם שאַרף פון שווערט,
וַיִּקְחוּ אֶת דִּינָה	און זיי האָבען גענומען דינה
מִבֵּית שְׁכֶם	פון שכם׳ס הויז,
וַיֵּצֵאוּ:	און זיי זיינען אַרויס־ געגאַנגען.
27. בְּנֵי יַעֲקֹב	27. יעקב׳ס זיהן
בָּאוּ עַל הַחֲלָלִים	זיינען געקומען איבער די דערשלאָגענע,
וַיָּבֹזּוּ הָעִיר	און זיי האָבען בערויבט די שטאָט,
אֲשֶׁר טִמְּאוּ אֲחוֹתָם:	ווייל זיי האבען פעראונ־ רייניגט זייער שוועסטער.
28. אֶת צֹאנָם	28. זייערע שאָף,
וְאֶת בְּקָרָם	און זייערע רינדער,
וְאֶת חֲמֹרֵיהֶם	און זייערע אייזלען,
וְאֵת אֲשֶׁר בָּעִיר	און וואס (איז געוועזן) אין שטאָט,
וְאֶת אֲשֶׁר בַּשָּׂדֶה	און וואס (איז געוועזן) אין פעלד,
לָקָחוּ:	האבען זיי צוגענומען.
29. וְאֶת כָּל חֵילָם	29. און זייער גאַצען פערמעגען,
וְאֶת כָּל טַפָּם	און אַלע זייערע קינדער,
וְאֶת נְשֵׁיהֶם	און זייערע פרויען,

שָׁבוּ, וַיָּבֹזּוּ	האבען זיי געפאַנגען, און זיי האבען בערויבט
וְאֵת כָּל אֲשֶׁר בַּבָּיִת:	און (אויך) אַלעס וואס (איז געוועזן) אין הויז.
30. וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב	30. און יעקב האט געזאָגט
אֶל שִׁמְעוֹן וְאֶל לֵוִי	צו שמעון און צו לוי:
עֲכַרְתֶּם אֹתִי	איהר האט מיך בעטריבט,
לְהַבְאִישֵׁנִי	מיך [2]צו פער־אַכטען
בְּיֹשֵׁב הָאָרֶץ	ביי די איינוואָהנער פון די לאַנד,
בַּכְּנַעֲנִי וּבַפְּרִזִּי	ביי דעם כנעני און ביי דעם פרזי,
וַאֲנִי מְתֵי מִסְפָּר	און איך בין א (קליינע) צאַהל מענשען,
וְנֶאֶסְפוּ עָלַי	און זיי וועלען זיך פער־ זאַמלען געגען מיר,
וְהִכּוּנִי	און זיי וועלען מיר שלאָגען,
וְנִשְׁמַדְתִּי	און איך וועל פערטיליגט ווערען,
אֲנִי וּבֵיתִי:	איך און מיין הויז.
31. וַיֹּאמְרוּ	31. און זיי האבען געזאגט:
הַכְזוֹנָה	צו ווי איין [3]אויס־געלאַסענע
יַעֲשֶׂה אֶת אֲחוֹתֵנוּ:	זאל ער בעהאנדלען אונזער שוועסטער?

לה   Cap. XXXV.

1. וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים	1. און גאט האט געזאָגט
אֶל יַעֲקֹב	צו יעקב:
קוּם	שטיי אויף!
עֲלֵה בֵית אֵל	גיי אויף (נאך) בית אל,
וְשֶׁב שָׁם	און וואָהן דאָרט,
וַעֲשֵׂה שָׁם מִזְבֵּחַ	און מאַך דאָרט איין אלטאַר
לָאֵל	צו דעם גאט,
הַנִּרְאֶה אֵלֶיךָ	וועלכער האט זיך בעוויזען צו דיר,
בְּבָרְחֲךָ	ווען דו ביסט ענטלאָפען
מִפְּנֵי עֵשָׂו אָחִיךָ:	פון עשו, דיין ברודער.
2. וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב	2. און יעקב האט געזאגט
אֶל בֵּיתוֹ	צו זיין הויז
וְאֶל כָּל אֲשֶׁר עִמּוֹ	און צו אַלע, וועלכע זיינען מיט איהם (געוועזן):
הָסִרוּ	[4]דערוויטערט
אֶת אֱלֹהֵי הַנֵּכָר	די פרעמדע געטער,
אֲשֶׁר בְּתֹכְכֶם	וועלכע זיינען צווישען אייך,
וְהִטַּהֲרוּ	און רייניגט אייך,
וְהַחֲלִיפוּ שִׂמְלֹתֵיכֶם:	און בייט איבער אַייערע קליידער.
3. וְנָקוּמָה	3. און מיר וועלען אויפשטיין,

1) זיינען געוועזן (אין) שמערצען. 2) העב. שטינקענד צו מאַכען. 3) בוהלערין. הורע. 4) שאַפט אַוועג. טהוט אָב.

וְנָקוּמָה וְנַעֲלֶה בֵּית אֵל	און מיר ווילען אויפ־גיין, (נאך) בית אל,
וְאֶעֱשֶׂה שָּׁם מִזְבֵּחַ	און איך וועל דארט מאכען איין אלטאר
לָאֵל הָעֹנֶה אֹתִי	צו דעם גאט, וועלכער ענטפערט מיר
בְּיוֹם צָרָתִי	אין דעם טאג פון מיין נויטה,
וַיְהִי עִמָּדִי	און ער איז געוועזן מיט מיר
בַּדֶּרֶךְ אֲשֶׁר הָלָכְתִּי:	אויף דעם וועג, וועלכען איך בין געגאנגען.
4. וַיִּתְּנוּ אֶל יַעֲקֹב	4. און זיי האבען געגעבען צו יעקב
אֵת כָּל אֱלֹהֵי הַנֵּכָר	אלע פרעמדע געטער,
אֲשֶׁר בְּיָדָם	וועלכע (זיינען געוועזן) אין זייער האנד,
וְאֶת הַנְּזָמִים	און די רינגען,
אֲשֶׁר בְּאָזְנֵיהֶם	וועלכע (זיינען געוועזן) אין זייערע אויערען,
וַיִּטְמֹן אֹתָם יַעֲקֹב	און יעקב האט זיי בעהאל־טען,
תַּחַת הָאֵלָה	אונטער דעם [1]אייכען־בוים,
אֲשֶׁר עִם שְׁכֶם:	וועלכער (איז געוועזן) ביי שכם.
5. וַיִּסָּעוּ	5. און זיי האבען געררייזט;
וַיְהִי חִתַּת אֱלֹהִים	און עס איז געוועזן א שרעק פון גאט
עַל הֶעָרִים	אויף די שטעט,
אֲשֶׁר סְבִיבוֹתֵיהֶם	וועלכע (זיינען געוועזן) ארום זיי,
וְלֹא רָדְפוּ	און זיי האבען ניט געיאגט
אַחֲרֵי בְּנֵי יַעֲקֹב:	נאך יעקב׳ס זיהן.
6. וַיָּבֹא יַעֲקֹב לוּזָה	6. און יעקב איז געקומען נאך לוז,
אֲשֶׁר בְּאֶרֶץ כְּנַעַן	וועלכע איז אין די לאנד כנען,
הִיא בֵּית אֵל	דאס איז בית אל,
הוּא וְכָל הָעָם	ער און דאס גאנצע פאלק,
אֲשֶׁר עִמּוֹ:	וועלכע (זיינען געוועזן) מיט איהם.
7. וַיִּבֶן שָׁם מִזְבֵּחַ	7. און ער האט דארט געבויט איין אלטאר,
וַיִּקְרָא לַמָּקוֹם	און ער האט גערופען דעם ארט:
אֵל בֵּית אֵל	[2]אל בית אל,
כִּי שָׁם	ווייל דארט
נִגְלוּ אֵלָיו הָאֱלֹהִים	האט זיך גאט געאפענ־בארט צו איהם,
בְּבָרְחוֹ מִפְּנֵי אָחִיו:	ווען ער איז ענטלאפען פון זיין ברודער.
8. וַתָּמָת דְּבֹרָה	8. און דבורה איז געשטארבען,
מֵינֶקֶת רִבְקָה	רבקה׳ס אמע,
וַתִּקָּבֵר	און זי איז בעגראבען געווארען
מִתַּחַת לְבֵית אֵל	אונטערהאלב פון בית אל,
תַּחַת הָאַלּוֹן	אונטער די אייכע,

וַיִּקְרָא שְׁמוֹ	און ער האט גערופען זיין נאמען:
אַלּוֹן בָּכוּת:	[3]אלון בכות.
9. וַיֵּרָא אֱלֹהִים	9. און גאט האט זיך בעוויזען
אֶל יַעֲקֹב	צו יעקב,
עוֹד	נאך אמאל,
בְּבֹאוֹ מִפַּדַּן אֲרָם	ווען ער איז געקומען פון פדן ארם,
וַיְבָרֶךְ אֹתוֹ:	און ער האט איהם געבענשט.
10. וַיֹּאמֶר לוֹ אֱלֹהִים	10. און גאט האט צו איהם געזאגט:
שִׁמְךָ יַעֲקֹב	דיין נאמען איז יעקב;
לֹא יִקָּרֵא שִׁמְךָ עוֹד יַעֲקֹב	דיין נאמען זאל (אבער) מער ניט גערופען ווערען יעקב,
כִּי אִם יִשְׂרָאֵל	זאנדערן ישראל
יִהְיֶה שְׁמֶךָ	זאל זיין דיין נאמען;
וַיִּקְרָא אֶת שְׁמוֹ	און ער האט גערופען זיין נאמען:
יִשְׂרָאֵל:	ישראל.
11. וַיֹּאמֶר לוֹ אֱלֹהִים	11. און גאט האט צו איהם געזאגט:
אֲנִי אֵל שַׁדַּי	איך בין גאט דער אל־מעכטיגער,
פְּרֵה, וּרְבֵה	זיי פרוכטבאר, און מעהר זיך,
גּוֹי וּקְהַל גּוֹיִם	א פאלק, און א פערזאמלונג פון פעלקער
יִהְיֶה מִמֶּךָּ	וועט ווערען פון דיר,
וּמְלָכִים	און קעניגע
מֵחֲלָצֶיךָ יֵצֵאוּ:	וועלען ארויסגיין פון דיינע לענדען.
שִׁשִּׁי	שִׁשִּׁי
12. וְאֶת הָאָרֶץ	12. און די לאנד,
אֲשֶׁר נָתַתִּי	וועלכע איך האב געגעבען
לְאַבְרָהָם וּלְיִצְחָק	צו אברהם און צו יצחק,
לְךָ אֶתְּנֶנָּה	וועל איך איהר געבען צו דיר
וּלְזַרְעֲךָ אַחֲרֶיךָ	און צו דיין זאמען, נאך דיר
אֶתֵּן אֶת הָאָרֶץ:	וועל איך געבען די לאנד.
13. וַיַּעַל מֵעָלָיו אֱלֹהִים	13. און גאט האט זיך [4]ערהויבען פון איהם
בַּמָּקוֹם	אין דעם ארט,
אֲשֶׁר דִּבֶּר אִתּוֹ:	וואס ער האט גערעט מיט איהם.
14. וַיַּצֵּב יַעֲקֹב מַצֵּבָה	14. און יעקב האט גע־שטעלט א דיינק־זייל
בַּמָּקוֹם	אין דעם ארט,
אֲשֶׁר דִּבֶּר אִתּוֹ	וואס ער האט גערעט מיט איהם,
מַצֶּבֶת אָבֶן	א דיינק־זייל פון שטיין,

1) טערעבינטען־בוים. 2) גאט פון בית אל. 3) די אייכע פון וויינען. 4) אויפגעגאנגען, אוועג־געגאנגען.

וַיַּסֵּךְ עָלֶיהָ נֶסֶךְ	און ער האט געגאָסען אויף איהר אַ טראַנק־אָפּפער.
וַיִּצֹק עָלֶיהָ שָׁמֶן׃	און ער האט געגאָסען אויף איהר אייל.
15. וַיִּקְרָא יַעֲקֹב	15. און יעקב האט גערופען
אֶת שֵׁם הַמָּקוֹם	דעם נאמען פון דעם אָרט
אֲשֶׁר דִּבֶּר אִתּוֹ שָׁם אֱלֹהִים	וואס גאט האט מיט איהם דאָרט גערעט:
בֵּית אֵל׃	בית אל.
16. וַיִּסְעוּ מִבֵּית אֵל	16. און זיי האבען גערייזט פון בית אל,
וַיְהִי עוֹד	און עס איז נאך געווען
כִּבְרַת הָאָרֶץ	אַ שטרעקע לאַנד
לָבוֹא אֶפְרָתָה	צו קומען נאך אפרת,
וַתֵּלֶד רָחֵל	ווען רחל האט געבאָרען,
וַתְּקַשׁ בְּלִדְתָּהּ׃	און עס איז איהר שווער געווען אין איהר געבערען.
17. וַיְהִי	17. און עס איז געווען
בְהַקְשֹׁתָהּ	ווען עס איז איהר שווער געווען
בְּלִדְתָּהּ	אין איהר געבערען,
וַתֹּאמֶר לָהּ הַמְיַלֶּדֶת	האט צו איהר געזאגט די הייב־אַמע:
אַל תִּירְאִי	פירכטע ניט,
כִּי גַם זֶה לָךְ בֵּן׃	דען אויך דיזער איז פיר דיר אַ זוהן.
18. וַיְהִי	18. און עס איז געווען
בְּצֵאת נַפְשָׁהּ	ביי דעם אויסגאַנג פון איהר זעלע,
כִּי מֵתָה	ווען זי האט (געהאלטען ביים) שטאַרבען,
וַתִּקְרָא שְׁמוֹ בֶּן אוֹנִי	דאַן האט זי גערופען זיין נאמען [1]בן אוני,
וְאָבִיו	און זיין פאטער
קָרָא לוֹ בִנְיָמִין׃	האט איהם גערופען [2]בנימין.
19. וַתָּמָת רָחֵל	19. און רחל איז געשטאָרבען,
וַתִּקָּבֵר	און זי איז בעגראָבען געוואָרען
בְּדֶרֶךְ אֶפְרָתָה	אויף דעם וועג נאך אפרת,
הִיא בֵּית לָחֶם׃	דאס איז בית לחם.
20. וַיַּצֵּב יַעֲקֹב	20. און יעקב האט געשטעלט
מַצֵּבָה	אַ דיינק־זייל
עַל קְבֻרָתָהּ	אויף איהר גראַב,
הִיא מַצֶּבֶת	דאס איז די דיינק־זייל
קְבֻרַת רָחֵל	פון רחל'ס גראַב
עַד הַיּוֹם׃	ביז הייטע.
21. וַיִּסַּע יִשְׂרָאֵל	21. און ישראל האט גערייזט,

וַיֵּט אָהֳלֹה	און ער האט אויפגעשטעלט זיין געצעלט
מֵהָלְאָה לְמִגְדַּל עֵדֶר	ווייטער פון דעם טהורעם עדר.
22. וַיְהִי	22. און עס איז געווען
בִּשְׁכֹּן יִשְׂרָאֵל	ווען ישראל האט געוואָהנט
בָּאָרֶץ הַהִוא	אין יענע לאַנד,
וַיֵּלֶךְ רְאוּבֵן	דאַן איז ראובן געגאַנגען,
וַיִּשְׁכַּב אֶת בִּלְהָה	און ער האט [3]געהייראַט בלהה,
פִּילֶגֶשׁ אָבִיו	זיין פאטער'ס קעבס־ווייב,
וַיִּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל	און ישראל האט (עס) געהערט,
וַיִּהְיוּ בְנֵי יַעֲקֹב	און יעקב'ס זיהן זיינען געווען
שְׁנֵים עָשָׂר׃	צוועלף.
23. בְּנֵי לֵאָה	23. די זיהן פון לאה:
בְּכוֹר יַעֲקֹב רְאוּבֵן	דער ערשט־געבאָרענער פון יעקב (וואָר) ראובן,
וְשִׁמְעוֹן וְלֵוִי וִיהוּדָה	און שמעון, און לוי, און יהודה,
וְיִשָּׂשכָר וּזְבֻלוּן׃	און יששכר, און זבלון.
24. בְּנֵי רָחֵל	24. די זיהן פון רחל:
יוֹסֵף וּבִנְיָמִן׃	יוסף און בנימין.
25. וּבְנֵי בִלְהָה	און די זיהן פון בלהה,
שִׁפְחַת רָחֵל	רחל'ס דינסט:
דָּן וְנַפְתָּלִי׃	דן און נפתלי.
26. וּבְנֵי זִלְפָּה	26. און די זיהן פון זלפה,
שִׁפְחַת לֵאָה	לאה'ס דינסט:
גָּד וְאָשֵׁר	גד און אשר;
אֵלֶּה בְּנֵי יַעֲקֹב	דיזע זיינען יעקב'ס זיהן,
אֲשֶׁר יֻלַּד לוֹ	וועלכע זיינען צו איהם געבאָרען געוואָרען
בְּפַדַּן אֲרָם׃	אין פדן ארם.
27. וַיָּבֹא יַעֲקֹב	27. און יעקב איז געקומען
אֶל יִצְחָק אָבִיו	צו יצחק, זיין פאטער,
מַמְרֵא	(נאך) ממרא,
קִרְיַת הָאַרְבַּע	(אין) קרית ארבע,
הִיא חֶבְרוֹן	דאס איז חברון,
אֲשֶׁר גָּר שָׁם	וואס דאָרט האט זיך אויפ־געהאַלטען
אַבְרָהָם וְיִצְחָק׃	אברהם און יצחק.
28. וַיִּהְיוּ	28. און עס זיינען געווען
יְמֵי יִצְחָק	די טעג פון יצחק,
מְאַת שָׁנָה	הונדערט יאָהר

1) דער זוהן פון מיין שמערצען. 2) דער זוהן פון טעג (אַלטער). 3) געלעגען.

וּשְׁמֹנִים שָׁנָה׃ — און אַכציג יאָהר.
29. וַיִּגְוַע יִצְחָק — 29. און יצחק איז [1]פערגאַנגען
וַיָּמָת — און ער איז געשטאָרבען
וַיֵּאָסֶף אֶל עַמָּיו — און ער איז איינגעזאַמעלט געוואָרען צו זיין פאָלק,
זָקֵן וּשְׂבַע יָמִים — אַלט און זאַט פון יאָהרען.
וַיִּקְבְּרוּ אֹתוֹ — און עס האבען איהם בעגראָבען
עֵשָׂו וְיַעֲקֹב בָּנָיו׃ — עשו און יעקב, זיינע זיהן.

CAP. XXXVI. לו

1. וְאֵלֶּה תֹּלְדוֹת עֵשָׂו — 1. און דיזע זיינען די געשלעכטער פון עשו.
הוּא אֱדוֹם׃ — ער איז אדום.
2. עֵשָׂו לָקַח אֶת נָשָׁיו — 2. עשו האט גענומען זיינע פרויען
מִבְּנוֹת כְּנָעַן — פון די טעכטער פון כנען
אֶת עָדָה — עדה
בַּת אֵילוֹן הַחִתִּי — די טאכטער פון אילון דעם חתי,
וְאֶת אָהֳלִיבָמָה — און אהליבמה,
בַּת עֲנָה — די טאָכטער פון ענה
בַּת צִבְעוֹן הַחִוִּי׃ — די טאכטער פון צבעון דעם חוי.
3. וְאֶת בָּשְׂמַת — 3. און בשמת
בַּת יִשְׁמָעֵאל — די טאכטער פון ישמעאל,
אֲחוֹת נְבָיוֹת׃ — די שוועסטער פון נביות.
4. וַתֵּלֶד עָדָה לְעֵשָׂו — 4. און עדה האט געבאָרען צו עשו
אֶת אֱלִיפָז — אליפז.
וּבָשְׂמַת יָלְדָה — און בשמת האט געבאָרען
אֶת רְעוּאֵל׃ — רעואל.
5. וְאָהֳלִיבָמָה יָלְדָה — 5. און אהליבמה האט געבאָרען:
אֶת יְעוּשׁ וְאֶת יַעְלָם — יעוש, און יעלם,
וְאֶת קֹרַח — און קרח.
אֵלֶּה בְּנֵי עֵשָׂו — דיזע זיינען די זיהן פון עשו
אֲשֶׁר יֻלְּדוּ לוֹ — וועלכע זיינען צו איהם געבאָרען געוואָרען
בְּאֶרֶץ כְּנָעַן׃ — אין די לאַנד כנען.
6. וַיִּקַּח עֵשָׂו אֶת נָשָׁיו — 6. און עשו האט גענומען זיינע פרויען,
וְאֶת בָּנָיו — און זיינע זיהן,
וְאֶת בְּנֹתָיו — און זיינע טעכטער,
וְאֶת כָּל נַפְשׁוֹת בֵּיתוֹ — און אַלע פּערזאָנען פון זיין הויז,
וְאֶת מִקְנֵהוּ — און זיינע הערדען,
וְאֶת כָּל בְּהֶמְתּוֹ — און אַלע זיינע פיה,
וְאֶת כָּל קִנְיָנוֹ — און זיין גאַנצען אייגענטהום,
אֲשֶׁר רָכַשׁ — וועלכע ער האט ערוואָרבען
בְּאֶרֶץ כְּנָעַן — אין די לאַנד כנען,
וַיֵּלֶךְ אֶל אֶרֶץ — און ער איז אַוועג־געגאַנגען אין אַ לאַנד,
מִפְּנֵי יַעֲקֹב אָחִיו׃ — פון יעקב זיין ברודער.
7. כִּי הָיָה רְכוּשָׁם רָב — 7. דען זייער פערמעגען איז געוועזען (צו) פיל,
מִשֶּׁבֶת יַחְדָּו — צו וואָהנען צוזאַמען
וְלֹא יָכְלָה אֶרֶץ מְגוּרֵיהֶם — און [2]זייער וואָהנונגס־לאַנד האט ניט געקענט
לָשֵׂאת אֹתָם — זיי צו טראָגען
מִפְּנֵי מִקְנֵיהֶם׃ — וועגען זייערע הערדען.
8. וַיֵּשֶׁב עֵשָׂו — 8. און עשו האט געוואָהנט
בְּהַר שֵׂעִיר — אויף דעם באַרג שעיר.
עֵשָׂו הוּא אֱדוֹם׃ — עשו איז אדום.
9. וְאֵלֶּה תֹּלְדוֹת עֵשָׂו — 9. און דיזע זיינען די געשלעכטער פון עשו,
אֲבִי אֱדוֹם — דער פאטער פון אדום,
בְּהַר שֵׂעִיר׃ — אויף דעם באַרג שעיר.
10. אֵלֶּה שְׁמוֹת — 10. דיזע זיינען די נעמען
בְּנֵי עֵשָׂו — פון עשו׳ס זיהן:
אֱלִיפַז בֶּן עָדָה — אליפז, דער זוהן פון עדה,
אֵשֶׁת עֵשָׂו — עשו׳ס פרוי,
רְעוּאֵל בֶּן בָּשְׂמַת — רעואל, דער זוהן פון בשמת
אֵשֶׁת עֵשָׂו׃ — עשו׳ס פרוי.
11. וַיִּהְיוּ בְּנֵי אֱלִיפָז — 11. און די זיהן פון אליפז זיינען געוועזען:
תֵּימָן אוֹמָר צְפוֹ — תימן, אומר, צפו,
וְגַעְתָּם וּקְנַז׃ — און געתם און קנז.
12. וְתִמְנַע — 12. און תמנע
הָיְתָה פִילֶגֶשׁ — איז געוועזען אַ קעבס־ווייב
לֶאֱלִיפַז בֶּן עֵשָׂו — צו אליפז, עשו׳ס זוהן,
וַתֵּלֶד לֶאֱלִיפַז — און זי האט געבאָרען צו אליפז,
אֶת עֲמָלֵק — עמלק.
אֵלֶּה בְּנֵי עָדָה — דיזע זיינען די זיהן פון עדה
אֵשֶׁת עֵשָׂו׃ — עשו׳ס פרוי.
13. וְאֵלֶּה בְּנֵי רְעוּאֵל — 13. און דיזע זיינען די זיהן פון רעואל:
נַחַת וָזֶרַח — נחת און זרח,
שַׁמָּה וּמִזָּה — שמה און מזה.

1) פערשיידען, זיך געענדיגט. 2) די לאַנד פון זייער אויפענטהאַלט.

אֵ֣לֶּה הָי֔וּ בְּנֵ֥י בָשְׂמַ֖ת	דיזע זיינען געוועזען די זיהן פון בשמת.
אֵ֥שֶׁת עֵשָֽׂו׃	עשו׳ס פרוי.
14. וְאֵ֣לֶּה הָי֗וּ	14. און דיזע זיינען געוועזען
בְּנֵ֨י אָהֳלִֽיבָמָ֧ה	די זיהן פון אהליבמה,
בַת־עֲנָ֛ה	די טאָכטער פון ענה,
בַּת־צִבְע֖וֹן	די טאָכטער פון צבעון,
אֵ֣שֶׁת עֵשָׂ֑ו	עשו׳ס פרוי,
וַתֵּ֣לֶד לְעֵשָׂ֗ו	און זי האט געבאָרען צו עשו:
אֶת־יעיש [יְע֥וּשׁ] וְאֶת־יַעְלָ֖ם	יעוש, און יעלם,
וְאֶת־קֹֽרַח׃	און קרח.
15. אֵ֖לֶּה	15. דיזע זיינען
אַלּוּפֵ֣י בְנֵֽי־עֵשָׂ֑ו	די [1]פירשטען פון עשו׳ס זיהן
בְּנֵ֤י אֱלִיפַז֙	די זיהן פון אליפז,
בְּכ֣וֹר עֵשָׂ֔ו	עשו׳ס ערשט־געבאָרענער (זיינען געוועזען):
אַלּ֤וּף תֵּימָן֙	פירשט תימן,
אַלּ֣וּף אוֹמָ֔ר	פירשט אומר,
אַלּ֥וּף צְפ֖וֹ	פירשט צפו,
אַלּ֥וּף קְנַֽז׃	פירשט קנז.
16. אַלּוּף־קֹ֛רַח	16. פירשט קרח,
אַלּ֥וּף גַּעְתָּ֖ם	פירשט געתם,
אַלּ֣וּף עֲמָלֵ֑ק	פירשט עמלק.
אֵ֣לֶּה אַלּוּפֵ֤י אֱלִיפַז֙	דיזע זיינען די פירשטען פון אליפז,
בְּאֶ֣רֶץ אֱד֔וֹם	אין די לאַנד אדום;
אֵ֖לֶּה בְּנֵ֥י עָדָֽה׃	דיזע זיינען די זיהן פון עדה
17. וְאֵ֨לֶּה בְּנֵ֣י רְעוּאֵל֮	17. און דיזע זיינען די זיהן פון רעואל,
בֶּן־עֵשָׂו֒	עשו׳ס זוהן:
אַלּ֥וּף נַ֙חַת֙	פירשט נחת,
אַלּ֣וּף זֶ֔רַח	פירשט זרח,
אַלּ֥וּף שַׁמָּ֖ה	פירשט שמה,
אַלּ֣וּף מִזָּ֑ה	פירשט מזה.
אֵ֜לֶּה אַלּוּפֵ֤י רְעוּאֵל֙	דיזע זיינען די פירשטען פון רעואל,
בְּאֶ֣רֶץ אֱד֔וֹם	אין די לאַנד אדום,
אֵ֕לֶּה בְּנֵ֥י בָשְׂמַ֖ת	דיזע זיינען די זיהן פון בשמת
אֵ֥שֶׁת עֵשָֽׂו׃	עשו׳ס פרוי.
18. וְאֵ֗לֶּה	18. און דיזע זיינען
בְּנֵ֤י אָהֳלִֽיבָמָה֙	די זיהן פון אהליבמה
אֵ֣שֶׁת עֵשָׂ֔ו	עשו׳ס פרוי:
אַלּ֥וּף יְע֛וּשׁ	פירשט יעוש,
אַלּ֥וּף יַעְלָ֖ם	פירשט יעלם,
אַלּ֣וּף קֹ֑רַח	פירשט קרח.
אֵ֣לֶּה	דיזע זיינען
אַלּוּפֵ֞י אָהֳלִֽיבָמָ֛ה	די פירשטען פון אהליבמה,
בַּת־עֲנָ֖ה אֵ֥שֶׁת עֵשָֽׂו׃	די טאָכטער פון ענה, עשו׳ס פרוי.
19. אֵ֧לֶּה בְנֵֽי־עֵשָׂ֛ו	19. דיזע זיינען עשו׳ס זיהן,
וְאֵ֥לֶּה אַלּוּפֵיהֶ֖ם	און דיזע זיינען זייערע פירשטען,
ה֥וּא אֱדֽוֹם׃	ער איז אדום.
שְׁבִיעִי	שְׁבִיעִי
20. אֵ֤לֶּה	20. דיזע זיינען
בְנֵֽי־שֵׂעִיר֙ הַחֹרִ֔י	די זיהן פון שעיר, דעם חרי,
יֹשְׁבֵ֖י הָאָ֑רֶץ	די אײנוואָהנער פון די לאַנד:
לוֹטָ֥ן וְשׁוֹבָ֖ל	לוטן און שובל,
וְצִבְע֥וֹן וַעֲנָֽה׃	און צבעון און ענה.
21. וְדִשׁ֥וֹן	21. און דשון,
וְאֵ֖צֶר וְדִישָׁ֑ן	און אצר און דישן.
אֵ֣לֶּה אַלּוּפֵ֧י הַחֹרִ֛י	דיזע זיינען די פירשטען פון דעם חרי,
בְּנֵ֥י שֵׂעִ֖יר	די זיהן פון שעיר,
בְּאֶ֥רֶץ אֱדֽוֹם׃	אין די לאַנד אדום.
22. וַיִּהְי֥וּ בְנֵֽי־לוֹטָ֖ן	22. און די זיהן פון לוטן זיינען געוועזען:
חֹרִ֣י וְהֵימָ֑ם	חרי און הימם,
וַאֲח֥וֹת לוֹטָ֖ן תִּמְנָֽע׃	און די שוועסטער פון לוטן (איז געוועזען) תמנע.
23. וְאֵ֨לֶּה֙ בְּנֵ֣י שׁוֹבָ֔ל	23. און דיזע זיינען די זיהן פון שובל:
עַלְוָ֥ן וּמָנַ֖חַת וְעֵיבָ֑ל	עלון און מנחת און עיבל,
שְׁפ֖וֹ וְאוֹנָֽם׃	שפו און אונם.
24. וְאֵ֥לֶּה בְנֵֽי־צִבְע֖וֹן	24. און דיזע זיינען די זיהן פון צבעון:
וְאַיָּ֣ה וַעֲנָ֑ה	[2]איה און ענה.
ה֣וּא עֲנָ֗ה	דאס איז (דער) ענה,
אֲשֶׁ֨ר מָצָ֤א	וועלכער האט געפונען
אֶת־הַיֵּמִם֙	די [3]וואַרעמע קוועלען
בַּמִּדְבָּ֔ר	אין דער וויסטע,
בִּרְעֹת֥וֹ אֶת־הַחֲמֹרִ֖ים	ווען ער האט געפיטערט די אייזלען
לְצִבְע֥וֹן אָבִֽיו׃	פיר צבעון, זיין פאטער
25. וְאֵ֥לֶּה בְנֵֽי־עֲנָ֖ה	25. און דיזע זיינען די זיהן פון ענה:

1) שטאַם־פירשטען. 2) אַד. ואיה. 3) מויל־עזלען; ריעזען; אַ נאָמען פון אַ פאָלק.

דִּשֹׁן	דשון,
וְאָהֳלִיבָמָה בַּת עֲנָה	און אהליבמה די טאכטער פון ענה.
26. וְאֵלֶּה בְּנֵי דִישָׁן	26. און דיזע זיינען די זיהן פון דישן:
חֶמְדָּן וְאֶשְׁבָּן	חמדן און אשבן,
וְיִתְרָן וּכְרָן:	און יתרן און כרן.
27. אֵלֶּה בְּנֵי אֵצֶר	27. דיזע זיינען די זיהן פון אצר:
בִּלְהָן וְזַעֲוָן וַעֲקָן:	בלהן און זעון און עקן.
28. אֵלֶּה בְנֵי דִישָׁן	28. דיזע זיינען די זיהן פון דישן:
עוּץ וַאֲרָן:	עוץ און ארן.
29. אֵלֶּה אַלּוּפֵי הַחֹרִי	29. דיזע זיינען די פירשטען פון דעם חרי;
אַלּוּף לוֹטָן	פירשט לוטן,
אַלּוּף שׁוֹבָל	פירשט שובל,
אַלּוּף צִבְעוֹן	פירשט צבעון,
אַלּוּף עֲנָה:	פירשט ענה.
30. אַלּוּף דִּשֹׁן	30. פירשט דשון,
אַלּוּף אֵצֶר	פירשט אצר,
אַלּוּף דִּישָׁן	פירשט דישן.
אֵלֶּה אַלּוּפֵי הַחֹרִי	דיזע זיינען די פירשטען פון דעם חרי
לְאַלֻּפֵיהֶם	נאך זייערע פירשטען
בְּאֶרֶץ שֵׂעִיר:	אין די לאנד שעיר.
31. וְאֵלֶּה הַמְּלָכִים	31. און דיזע זיינען די קעניגע,
אֲשֶׁר מָלְכוּ	וועלכע האבען רעגירט
בְּאֶרֶץ אֱדוֹם	אין די לאנד אדום,
לִפְנֵי מְלָךְ מֶלֶךְ	בעפאר א קעניג האט רעגירט
לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל:	איבער די קינדער ישראל.
32. וַיִּמְלֹךְ בֶּאֱדוֹם	32. און עס האט רעגירט אין אדום
בֶּלַע בֶּן בְּעוֹר	בלע דער זוהן פון בעור,
וְשֵׁם עִירוֹ דִּנְהָבָה:	און דער נאמען פון זיין שטאט (איז געוועזן) דנהבה.
33. וַיָּמָת בָּלַע	33. און בלע איז געשטארבען,
וַיִּמְלֹךְ תַּחְתָּיו	און עס האט רעגירט אויף זיין שטעלע
יוֹבָב בֶּן זֶרַח	יובב, דער זוהן פון זרח
מִבָּצְרָה:	פון בצרה.
34. וַיָּמָת יוֹבָב	34. און יובב איז געשטארבען,
וַיִּמְלֹךְ תַּחְתָּיו חֻשָׁם	און עס האט רעגירט אויף זיין שטעלע חושם
מֵאֶרֶץ הַתֵּימָנִי:	פון די לאנד תימן
35. וַיָּמָת חֻשָׁם	35. און חושם איז געשטארבען,
וַיִּמְלֹךְ תַּחְתָּיו	און עס האט רעגירט אויף זיין שטעלע
הֲדַד בֶּן בְּדַד	הדד, דער זוהן פון בדד:
הַמַּכֶּה אֶת מִדְיָן	וועלכער האט געשלאגען מדין
בִּשְׂדֵה מוֹאָב	אין די פעלד פון מואב,
וְשֵׁם עִירוֹ עֲוִית:	און דער נאמען פון זיין שטאט (איז געוועזן) עוית.
36. וַיָּמָת הֲדָד	36. און הדד איז געשטארבען,
וַיִּמְלֹךְ תַּחְתָּיו	און עס האט רעגירט אויף זיין שטעלע
שַׂמְלָה מִמַּשְׂרֵקָה:	שמלה פון משרקה.
37. וַיָּמָת שַׂמְלָה	37. און שמלה איז געשטארבען,
וַיִּמְלֹךְ תַּחְתָּיו	און עס האט רעגירט אויף זיין שטעלע
שָׁאוּל	שאול
מֵרְחֹבוֹת הַנָּהָר:	פון רחובות ביים שטראם.
38. וַיָּמָת שָׁאוּל	38. און שאול איז געשטארבען,
וַיִּמְלֹךְ תַּחְתָּיו	און עס האט רעגירט אויף זיין שטעלע
בַּעַל חָנָן בֶּן עַכְבּוֹר:	בעל חנן, דער זוהן פון עכבור.
39. וַיָּמָת בַּעַל חָנָן	39. און עס איז געשטארבען בעל חנן,
בֶּן עַכְבּוֹר	דער זוהן פון עכבור,
וַיִּמְלֹךְ תַּחְתָּיו הֲדַר	און הדר האט רעגירט אויף זיין שטעלע,
וְשֵׁם עִירוֹ פָּעוּ	און דער נאמען פון זיין שטאט (איז געוועזן) פעו,
וְשֵׁם אִשְׁתּוֹ	און דער נאמען פון זיין פרוי (איז געוועזן)
מְהֵיטַבְאֵל	מהיטבאל,
בַּת מַטְרֵד	די טאכטער פון מטרד,
בַּת מֵי זָהָב:	די טאכטער פון מי זהב.

מַפְטִיר מַפְטִיר

40. וְאֵלֶּה שְׁמוֹת	40. און דיזע זיינען די נעמען
אַלּוּפֵי עֵשָׂו	פון די פירשטען פון עשו
לְמִשְׁפְּחֹתָם	נאך זייערע פאמיליען,
לִמְקֹמֹתָם	נאך זייערע ערטער,
בִּשְׁמֹתָם	מיט זייערע נעמען:
אַלּוּף תִּמְנָע	פירשט תמנע,
אַלּוּף עַלְוָה	פירשט עלוה,
אַלּוּף יְתֵת:	פירשט יתת.
41. אַלּוּף אָהֳלִיבָמָה	41. פירשט אהליבמה,
אַלּוּף אֵלָה	פירשט אלה,
אַלּוּף פִּינֹן:	פירשט פינן.
42. אַלּוּף קְנַז	42. פירשט קנז,

אַלּוּף תֵּימָן	פירשט תימן,
אַלּוּף מִבְצָר׃	פירשט מבצר.
43. אַלּוּף מַגְדִּיאֵל	43. פירשט מגדיאל,
אַלּוּף עִירָם	פירשט עירם.
אֵלֶּה אַלּוּפֵי אֱדוֹם	דיזע זיינען די פירשטען פון אדום
לְמֹשְׁבֹתָם	נאך זייערע וואָהנ־ערטער,
בְּאֶרֶץ אֲחֻזָּתָם	אין די לאַנד פון זייער אייגענטהום,
הוּא עֵשָׂו	ער איז עשו,
אֲבִי אֱדוֹם׃	דער (שטאַם)־פאַטער פון אדום.

וַיֵּשֶׁב VAYESHEB

CAP. XXXVII. לז

1. וַיֵּשֶׁב יַעֲקֹב	1. און יעקב האט געוואָהנט
בְּאֶרֶץ מְגוּרֵי אָבִיו	אין די וואָהנונגס־לאַנד פון זיין פאַטער,
בְּאֶרֶץ כְּנָעַן׃	אין די לאַנד כנען.
2. אֵלֶּה	2. דיזע זיינען
תֹּלְדוֹת יַעֲקֹב	די געשלעכטער פון יעקב:
יוֹסֵף בֶּן שְׁבַע עֶשְׂרֵה שָׁנָה	(ווען) יוסף איז געוועזען זיבצעהן יאהר אַלט
הָיָה רֹעֶה אֶת אֶחָיו	האט ער געפיטערט מיט זיינע ברידער
בַּצֹּאן	די שאָף,
וְהוּא נַעַר	[1]און ער (איז געוועזען) אַ קנאַבע
אֶת בְּנֵי בִלְהָה	[1]מיט די זיהן פון בלהה
וְאֶת בְּנֵי זִלְפָּה	און מיט די זיהן פון זלפה
נְשֵׁי אָבִיו	זיין פאַטער'ס פרויען;
וַיָּבֵא יוֹסֵף	און יוסף האט געבראַכט
אֶת דִּבָּתָם רָעָה	זייערע שלעכטע רייד[2]
אֶל אֲבִיהֶם׃	צו זייער פאַטער.
3. וְיִשְׂרָאֵל	3. און ישראל
אָהַב אֶת יוֹסֵף	האט געליבט יוסף
מִכָּל בָּנָיו	(מעהר) פון אַלע זיינע זיהן,
כִּי בֶן זְקֻנִים הוּא לוֹ	דען ער איז ביי איהם געווען אַ זוהן צו דער עלטער,
וְעָשָׂה לוֹ	און ער האט איהם געמאַכט
כְּתֹנֶת פַּסִּים׃	אַ [3]העמד פון פערשידענע קאָלאָרען.
4. וַיִּרְאוּ אֶחָיו	4. און זיינע ברידער האבען געזעהן,
כִּי אֹתוֹ	דאס איהם
אָהַב אֲבִיהֶם	ליבט זייער פאטער
מִכָּל אֶחָיו	(מעהר) פון אַלע זיינע ברידער,
וַיִּשְׂנְאוּ אֹתוֹ	האבען זיי איהם געהאַסט,
וְלֹא יָכְלוּ	און זיי האבען ניט געקענט
דַּבְּרוֹ לְשָׁלֹם׃	מיט איהם ריידען פרידליך.
5. וַיַּחֲלֹם יוֹסֵף חֲלוֹם	5. און יוסף האט געטרוימט אַ טרוים,
וַיַּגֵּד לְאֶחָיו	און ער האט (עס) דערציילט צו זיינע ברידער,
וַיּוֹסִפוּ עוֹד שְׂנֹא אֹתוֹ׃	און זיי האבען איהם נאך מעהר געהאַסט.
6. וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם	6. און ער האט געזאַגט צו זיי:
שִׁמְעוּ נָא	הערט דאך
הַחֲלוֹם הַזֶּה	דיזען טרוים,
אֲשֶׁר חָלָמְתִּי׃	וועלכען איך האב געטרוימט.
7. וְהִנֵּה	7. און זעה,
אֲנַחְנוּ מְאַלְּמִים	מיר בינדען
אֲלֻמִּים	גאַרבען
בְּתוֹךְ הַשָּׂדֶה	אין מיטען פעלד,
וְהִנֵּה קָמָה אֲלֻמָּתִי	און זעה, מיין גאַרב האט זיך אויפגעשטעלט,
וְגַם נִצָּבָה	און זי איז אויך געבליבען שטעהן,
וְהִנֵּה תְסֻבֶּינָה	און עס האבען זיך אַרומגערינגעלט
אֲלֻמֹּתֵיכֶם	אייערע גאַרבען,
וַתִּשְׁתַּחֲוֶיןָ לַאֲלֻמָּתִי	און זיי האבען זיך געבוקט צו מיין גאַרב.
8. וַיֹּאמְרוּ לוֹ אֶחָיו	8. און זיינע ברידער האבען צו איהם געזאגט:
הֲמָלֹךְ תִּמְלֹךְ עָלֵינוּ	וועסט'ו רעגירען איבער אונז?
אִם מָשׁוֹל תִּמְשֹׁל בָּנוּ	אָדער וועסט'ו הערשען איבער אונז?
וַיּוֹסִפוּ עוֹד שְׂנֹא אֹתוֹ	און זיי האבען איהם נאך מעהר געהאַסט
עַל חֲלֹמֹתָיו	וועגען זיינע טרוימען
וְעַל דְּבָרָיו׃	און וועגען זיינע רייד.
9. וַיַּחֲלֹם עוֹד	9. און ער האט נאך גע־טרוימט
חֲלוֹם אַחֵר	איין אַנדער טרוים:
וַיְסַפֵּר אֹתוֹ לְאֶחָיו	און ער האט איהם דער־ציילט צו זיינע ברידער,
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאַגט:
הִנֵּה חָלַמְתִּי	זעה, איך האב געטרוימט
חֲלוֹם עוֹד	נאך אַ טרוים:
וְהִנֵּה הַשֶּׁמֶשׁ וְהַיָּרֵחַ	און זעה, די זון און דער מאָנד
וְאַחַד עָשָׂר כּוֹכָבִים	און עלף שטערן

1) אָדער: און ער איז געוועזען אַלס קנאַבע ביי די זיהן א. ז. וו. 2) אָד. בייזע נאַכריידע פון זיי. 3) זיידענע העמד; לאַנגע העמד.

מִשְׁתַּחֲוִים לִי׃	בוקען זיך צו מיר.
10. וַיְסַפֵּר אֶל אָבִיו	10. און ער האט דערציילט צו זיין פאטער
וְאֶל אֶחָיו	און צו זיינע ברידער,
וַיִּגְעַר בּוֹ אָבִיו	און זיין פאטער האט אויף איהם אָנגעשריען,
וַיֹּאמֶר לוֹ	און ער האט געזאגט צו איהם:
מָה הַחֲלוֹם הַזֶּה	וואס איז דיזער טרוים,
אֲשֶׁר חָלָמְתָּ	וועלכען דו האסט געטרוימט?
הֲבוֹא נָבוֹא	וועלען מיר דען קומען
אֲנִי וְאִמְּךָ וְאַחֶיךָ	איך, און דיין מוטער, און דיינע ברידער
לְהִשְׁתַּחֲוֹת לְךָ	זיך צו בוקען צו דיר
אָרְצָה׃	צו דער ערד?
11. וַיְקַנְאוּ בוֹ אֶחָיו	11. און זיינע ברידער האבען איהם בעניידעט,
וְאָבִיו	אָבער זיין פאטער
שָׁמַר אֶת הַדָּבָר׃	האט [1]געהיט די זאַך.
שֵׁנִי	שֵׁנִי
12. וַיֵּלְכוּ אֶחָיו	12. און זיינע ברידער זיינען געגאַנגען
לִרְעוֹת	צו פיטערען
אֶת צֹאן אֲבִיהֶם	זייער פאטער'ס שאָף
בִּשְׁכֶם׃	אין שכם.
13. וַיֹּאמֶר יִשְׂרָאֵל	13. און ישראל האט געזאגט
אֶל יוֹסֵף	צו יוסף:
הֲלוֹא אַחֶיךָ רֹעִים	[2]פיטערען ניט דיינע ברידער
בִּשְׁכֶם	אין שכם?
לְכָה	קום,
וְאֶשְׁלָחֲךָ אֲלֵיהֶם	און איך וועל דיר שיקען צו זיי;
וַיֹּאמֶר לוֹ, הִנֵּנִי׃	און ער האט געזאָגט צו איהם: היר בין איך.
14. וַיֹּאמֶר לוֹ	14. און ער האט געזאגט צו איהם:
לֶךְ נָא, רְאֵה	גיי דאָך, זעה
אֶת שְׁלוֹם אַחֶיךָ	די פרידען פון דיינע ברידער,
וְאֶת שְׁלוֹם הַצֹּאן	און די פרידען פון די שאָף,
וַהֲשִׁבֵנִי דָּבָר	און ברייננ מיר צוריק איין אַנטוואָרט;
וַיִּשְׁלָחֵהוּ	און ער האט איהם געשיקט
מֵעֵמֶק חֶבְרוֹן	פון דעם טהאָל פון חברון,
וַיָּבֹא שְׁכֶמָה׃	און ער איז געקומען נאַך שכם.
15. וַיִּמְצָאֵהוּ אִישׁ	15 און אַ מאַן האט איהם געפונען,
וְהִנֵּה תֹעֶה	דאס ער אירט אום
בַּשָּׂדֶה	אין פעלד,
וַיִּשְׁאָלֵהוּ הָאִישׁ	און דער מאַן האט איהם געפרעגט
לֵאמֹר	זאָגענדיג:
מַה תְּבַקֵּשׁ׃	וואס זוכסט'ו.
16. וַיֹּאמֶר	16. און ער האט געזאגט:
אֶת אַחַי	מיינע ברידער
אָנֹכִי מְבַקֵּשׁ	זוך איך.
הַגִּידָה נָּא לִי	זאָג דאָך מיר,
אֵיפֹה הֵם רֹעִים׃	וואו זיי פיטערען?
17. וַיֹּאמֶר הָאִישׁ	17. און דער מאַן האט געזאגט:
נָסְעוּ מִזֶּה	זיי האבען אַוועג־געריזט פון היר,
כִּי שָׁמַעְתִּי אֹמְרִים	דען איך האב געהערט זיי זאָגען:
נֵלְכָה דֹּתָיְנָה	לאָ'מיר גיין נאך דותן.
וַיֵּלֶךְ יוֹסֵף	און יוסף איז געגאַנגען
אַחַר אֶחָיו	נאך זיינע ברידער,
וַיִּמְצָאֵם בְּדֹתָן׃	און ער האט זיי געפונען אין דותן.
18. וַיִּרְאוּ אֹתוֹ	18. און זיי האבען איהם געזען
מֵרָחֹק	פון וויטען,
וּבְטֶרֶם יִקְרַב אֲלֵיהֶם	און בעפאָר ער האט זיך דערנעהנטערט צו זיי
וַיִּתְנַכְּלוּ אֹתוֹ	האבען זיי [3]געטראַכט (געגען) איהם
לַהֲמִיתוֹ׃	איהם צו טויטען.
19. וַיֹּאמְרוּ	19. און זיי האבען געזאגט
אִישׁ אֶל אָחִיו	איינער צום אַנדערען:
הִנֵּה בַּעַל הַחֲלֹמוֹת הַלָּזֶה בָּא׃	זעה, יענער טרוימער קומט![4]
20. וְעַתָּה	20. און יעצט
לְכוּ וְנַהַרְגֵהוּ	קומט און מיר וועלען איהם דערשלאָגען
וְנַשְׁלִכֵהוּ	און מיר וולען איהם אַריינוואַרפען
בְּאַחַד הַבֹּרוֹת	אין איינע פון די גריבער,
וְאָמַרְנוּ	און מיר וועלען זאָגען:
חַיָּה רָעָה אֲכָלָתְהוּ	אַ [5]ביזע טהיר האט איהם אויפ־געגעסען,
וְנִרְאֶה	און מיר וועלען זעהן
מַה יִּהְיוּ חֲלֹמֹתָיו׃	וואס וועט זיין (פון) זיינע טרוימען.
21. וַיִּשְׁמַע רְאוּבֵן	21. און ראובן האט (עס) געהערט,
וַיַּצִּלֵהוּ מִיָּדָם	און ער האט איהם גערע־טעט פון זייער האַנד,
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט:

1)בעמערקט, געדיינקט. 2)אָדער: דיינע ברידער פיטערען דאך. 3)זיי זיך פערשוואָרען; פלענער געמאַכט.
4)אָדער: דער טרוימער קומט דאָרט. 5)ווילדע.

לֹא נַכֶּנּוּ נָפֶשׁ :	לאָ׳מיר איהם ניט טויט־שלאָגען.
22. וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם רְאוּבֵן	22. און ראובן האט צו זיי געזאגט:
אַל תִּשְׁפְּכוּ דָם	איהר זאלט ניט פערגיסען קיין בלוט!
הַשְׁלִיכוּ אֹתוֹ	ווארפט איהם אַריין
אֶל הַבּוֹר הַזֶּה	אין דיזע גרוב,
אֲשֶׁר בַּמִּדְבָּר	וועלכע איז אין דער וויסטע,
וְיָד	אָבער אַ האנד
אַל תִּשְׁלְחוּ בוֹ	זאלט איהר ניט אויס־שטרעקען געגען איהם,
לְמַעַן הַצִּיל אֹתוֹ	אום איהם צו רעטען
מִיָּדָם	פון זייער האַנד,
לַהֲשִׁיבוֹ	אום איהם צוריק־צו קערען
אֶל אָבִיו :	צו זיין פאטער.
שְׁלִישִׁי	שְׁלִישִׁי
23. וַיְהִי	23. און עס איז געווען,
כַּאֲשֶׁר בָּא יוֹסֵף	ווי יוסף איז געקומען
אֶל אֶחָיו	צו זיינע ברידער,
וַיַּפְשִׁיטוּ אֶת יוֹסֵף	האבען זיי אַראָב־געצויגען (פון) יוסף
אֶת כֻּתָּנְתּוֹ	זיין העמד,
אֶת כְּתֹנֶת הַפַּסִּים	די העמד פון פערשידענע קאָלאָרען,
אֲשֶׁר עָלָיו :	וועלכע איז געווען אויף איהם.
24. וַיִּקָּחֻהוּ	24. און זיי האבען איהם גענומען,
וַיַּשְׁלִכוּ אֹתוֹ	און זיי האבען איהם אַריינ־געוואָרפען
הַבֹּרָה	אין די גרוב,
וְהַבּוֹר רֵק	און די גרוב איז געווען לייריג,
אֵין בּוֹ מָיִם :	עס איז אין איהם געווען קיין וואַסער.
25. וַיֵּשְׁבוּ	25. און זיי האבען זיך געזעצט
לֶאֱכָל לֶחֶם	צו עסען ברויט,
וַיִּשְׂאוּ עֵינֵיהֶם	און זיי האבען אויפ־געהויבען זייערע אויגען,
וַיִּרְאוּ	און זיי האבען געזען,
וְהִנֵּה אֹרְחַת יִשְׁמְעֵאלִים	דאַס אַ רייזע־געזעלשאַפט ישמעאלים
בָּאָה מִגִּלְעָד	קומט פון גלעד,
וּגְמַלֵּיהֶם נֹשְׂאִים	און זייערע קאַמעלען טראָגען
נְכֹאת	געווירצען,
וּצְרִי	און באַלזאַם,
וָלֹט	און [1]לאַדאַנום,
הוֹלְכִים	זיי געהען
לְהוֹרִיד מִצְרָיְמָה :	(עס) אָבצופיהרען נאך מצרים.
26. וַיֹּאמֶר יְהוּדָה	26. און יהודה האט געזאגט
אֶל אֶחָיו	צו זיינע ברידער:
מַה בֶּצַע	וואס פיר [2]נוצען (וועט זיין),
כִּי נַהֲרֹג אֶת אָחִינוּ	ווען מיר וועלען דערשלאָגען אונזער ברודער,
וְכִסִּינוּ אֶת דָּמוֹ :	און מיר וועלען פערדעקען זיין בלוט?
27. לְכוּ, וְנִמְכְּרֶנּוּ	27. קומט, לאָ׳מיר איהם פערקויפען
לַיִּשְׁמְעֵאלִים	צו די ישמעאלים,
וְיָדֵנוּ אַל תְּהִי בוֹ	אָבער אונזער האַנד זאל ניט זיין אויף איהם,
כִּי אָחִינוּ	דען ער איז אונזער ברודער
בְשָׂרֵנוּ הוּא	ער איז אונזער פלייש.
וַיִּשְׁמְעוּ אֶחָיו :	און זיינע ברידער האבען (איהם) געהערט.
28. וַיַּעַבְרוּ	28. און עס זיינען פאַרביי־געגאַנגען
אֲנָשִׁים מִדְיָנִים	מדינישע לייטע,
סֹחֲרִים	קויפ־לייטע,
וַיִּמְשְׁכוּ	און זיי האבען געצויגען,
וַיַּעֲלוּ אֶת יוֹסֵף	און זיי האבען אויפגע־בראַכט יוסף
מִן הַבּוֹר	פון די גרוב,
וַיִּמְכְּרוּ אֶת יוֹסֵף	און זיי האבען פערקויפט יוסף
לַיִּשְׁמְעֵאלִים	צו די ישמעאלים
בְּעֶשְׂרִים כָּסֶף	פיר צוואַנציג זילבער־שטיק,
וַיָּבִיאוּ אֶת יוֹסֵף	און זיי האבען געבראַכט יוסף
מִצְרָיְמָה :	נאך מצרים.
29. וַיָּשָׁב רְאוּבֵן	29. און ראובן האט זיך צוריק־געקערט
אֶל הַבּוֹר	צו די גרוב,
וְהִנֵּה אֵין יוֹסֵף בַּבּוֹר	און ער זעהט, יוסף איז ניט׳אָ אין די גרוב,
וַיִּקְרַע אֶת בְּגָדָיו :	און ער האט צוריסען זיינע קליידער.
30. וַיָּשָׁב אֶל אֶחָיו	30. און ער האט זיך צוריק־געקערט צו זיינע ברידער,
וַיֹּאמַר	און ער האט געזאָגט:
הַיֶּלֶד אֵינֶנּוּ	דאס קינד איז ניט׳אָ,
וַאֲנִי אָנָה אֲנִי בָא :	און איך, וואו זאל איך אַהינ־קומען?
31. וַיִּקְחוּ	31. און זיי האבען גענומען
אֶת כְּתֹנֶת יוֹסֵף	יוסף׳ס העמד,
וַיִּשְׁחֲטוּ	און זיי האבען געשלאַכט

[1] לאַטוס; וויירויך. [2] פערדינסט, געווין.

שְׂעִיר עִזִּים	אַ ציגענ־בּאָק,
וַיִּטְבְּלוּ	און זיי האבען אײנגעטונקט
אֶת הַכֻּתֹּנֶת	די העמד
בַּדָּם׃	אין די בלוט.
32. וַיְשַׁלְּחוּ	32. און זיי האבען אַוועג־געשיקט
אֶת כְּתֹנֶת הַפַּסִּים	די העמד פון פערשידענע קאלאָרען
וַיָּבִיאוּ אֶל אֲבִיהֶם	און זיי האבען עס געבראַכט צו זייער פאטער,
וַיֹּאמְרוּ	און זיי האבען געזאגט:
זֹאת מָצָאנוּ	דיזעס האבען מיר געפונען,
הַכֶּר נָא	דערקען דאך
הַכְּתֹנֶת בִּנְךָ הִיא	איז דאס דיין זוהן׳ס העמד
אִם לֹא׃	אָדער ניט?
33. וַיַּכִּירָהּ	33. און ער האט איהר דערקענט,
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט:
כְּתֹנֶת בְּנִי	(דאס איז) מיין זוהן׳ס העמד,
חַיָּה רָעָה	אַ בייזע טהיר
אֲכָלָתְהוּ	האט איהם אויפ-געגעסען,
טָרֹף טֹרַף יוֹסֵף׃	יוסף איז געוויס צוריסען געוואָרען.
34. וַיִּקְרַע יַעֲקֹב	34. און יעקב האט צוריסען
שִׂמְלֹתָיו	זיינע קליידער,
וַיָּשֶׂם שַׂק	און ער האט אַרויפ־געלייגט אַ זאק
בְּמָתְנָיו	אויף זיינע לענדען,
וַיִּתְאַבֵּל עַל בְּנוֹ	און ער האט געטרויערט אויף זיין זוהן
יָמִים רַבִּים׃	[1]א לאַנגע צייט.
35. וַיָּקֻמוּ כָל בָּנָיו	35. און עס זיינען אויפ־געשטאַנען אַלע זיינע זיהן
וְכָל בְּנֹתָיו	און אַלע זיינע טעכטער
לְנַחֲמוֹ	איהם צו טרייסטען,
וַיְמָאֵן לְהִתְנַחֵם	אָבער ער האט ניט געוואָלט זיך לאָזען טרייסטען,
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט:
כִּי אֵרֵד אֶל בְּנִי	[דען] איך וועל אַרונטער־גיין צו מיין זוהן
אָבֵל	טרויערענדיג,
שְׁאֹלָה	אין גרוב;
וַיֵּבְךְּ אֹתוֹ אָבִיו׃	און זיין פאטער האט איהם בעוויינט.
36. וְהַמְּדָנִים	36. און די מדנים
מָכְרוּ אֹתוֹ	האבען איהם פערקויפט
אֶל מִצְרָיִם	אין מצרים.
לְפוֹטִיפַר	צו פוטיפר,
סְרִיס פַּרְעֹה	פרעה׳ס האָפ־בעדינטער,
שַׂר הַטַּבָּחִים׃	דער אָבערשטער פון די לייב־וואַכע.

Cap. XXXVIII. לח

רְבִיעִי — רְבִיעִי

1. וַיְהִי בָּעֵת הַהִוא	1. און עס איז געווען אין יענע צייט,
וַיֵּרֶד יְהוּדָה	איז יהודה [2]אַוועג־געגאַנגען
מֵאֵת אֶחָיו	פון זיינע ברידער,
וַיֵּט	און ער האט זיך געווענדעט
עַד אִישׁ עֲדֻלָּמִי	[3]צו אַ מאַן פון עדולם,
וּשְׁמוֹ חִירָה׃	און זיין נאמען (איז געווען) חירה.
2. וַיַּרְא שָׁם יְהוּדָה	2. און יהודה האט דאָרט געזען
בַּת אִישׁ כְּנַעֲנִי	די טאכטער פון אַ מאן פון כנען,
וּשְׁמוֹ שׁוּעַ	און זיין נאמען איז געווען שוע,
וַיִּקָּחֶהָ	און ער האט איהר גענומען
וַיָּבֹא אֵלֶיהָ׃	און ער [4]האט איהר געהייראַט.
3. וַתַּהַר	3. און זי איז שוואַנגער געוואָרען,
וַתֵּלֶד בֵּן	און זי האט געבאָרען אַ זוהן,
וַיִּקְרָא אֶת שְׁמוֹ עֵר׃	און ער האט גערופען זיין נאמען ער.
4. וַתַּהַר עוֹד	4. און זי איז נאך אַמאָל שוואַנגער געוואָרען,
וַתֵּלֶד בֵּן	און זי האט געבאָרען אַ זוהן,
וַתִּקְרָא אֶת שְׁמוֹ אוֹנָן׃	און זי האט גערופען זיין נאמען אונן.
5. וַתֹּסֶף עוֹד וַתֵּלֶד בֵּן	5. און זי האט ווידער נאך אַמאָל געבארען אַ זוהן,
וַתִּקְרָא אֶת שְׁמוֹ שֵׁלָה	און זי האט גערופען זיין נאמען שלה;
וְהָיָה בִכְזִיב	און [5]ער איז געווען אין כזיב
בְּלִדְתָּהּ אֹתוֹ׃	ווען זי האט איהם געבאָרען.
6. וַיִּקַּח יְהוּדָה אִשָּׁה	6. און יהודה האט גענו־מען אַ פרוי,
לְעֵר בְּכוֹרוֹ	פיר ער, זיין ערשט־געבאָרענעם.
וּשְׁמָהּ תָּמָר׃	און איהר נאמען איז געווען תמר.
7. וַיְהִי עֵר	7. און ער איז געווען,
בְּכוֹר יְהוּדָה	דער ערשט־געבאָרענער פון יהודה,
רַע	שלעכט
בְּעֵינֵי יְהוָה	אין די אויגען פון דעם עוויגען,
וַיְמִתֵהוּ יְהוָה׃	און דער עוויגער האט איהם געטויטעט.

1) פיעלע טעג. 2) אראב. 3) ביז. 4) איז געקימען צו איהר. 5) יהודה.

8 וַיֹּאמֶר יְהוּדָה לְאוֹנָן בֹּא אֶל אֵשֶׁת אָחִיךָ וְיַבֵּם אֹתָהּ וְהָקֵם זֶרַע לְאָחִיךָ׃
9 וַיֵּדַע אוֹנָן כִּי לֹּא לוֹ יִהְיֶה הַזָּרַע וְהָיָה אִם בָּא אֶל אֵשֶׁת אָחִיו וְשִׁחֵת אַרְצָה
לְבִלְתִּי נְתָן זֶרַע לְאָחִיו׃ 10 וַיֵּרַע בְּעֵינֵי יְהוָֹה אֲשֶׁר עָשָׂה וַיָּמֶת גַּם אֹתוֹ׃ 11 וַיֹּאמֶר
יְהוּדָה לְתָמָר כַּלָּתוֹ שְׁבִי אַלְמָנָה בֵית אָבִיךְ עַד יִגְדַּל שֵׁלָה בְנִי כִּי אָמַר פֶּן
יָמוּת גַּם הוּא כְּאֶחָיו וַתֵּלֶךְ תָּמָר וַתֵּשֶׁב בֵּית אָבִיהָ׃ 12 וַיִּרְבּוּ הַיָּמִים וַתָּמָת בַּת
שׁוּעַ אֵשֶׁת יְהוּדָה וַיִּנָּחֶם יְהוּדָה וַיַּעַל עַל גֹּזְזֵי צֹאנוֹ הוּא וְחִירָה רֵעֵהוּ הָעֲדֻלָּמִי
תִּמְנָתָה׃ 13 וַיֻּגַּד לְתָמָר לֵאמֹר הִנֵּה חָמִיךְ עֹלֶה תִמְנָתָה לָגֹז צֹאנוֹ׃ 14 וַתָּסַר
בִּגְדֵי אַלְמְנוּתָהּ מֵעָלֶיהָ וַתְּכַס בַּצָּעִיף וַתִּתְעַלָּף וַתֵּשֶׁב בְּפֶתַח עֵינַיִם אֲשֶׁר עַל
דֶּרֶךְ תִּמְנָתָה כִּי רָאֲתָה כִּי גָדַל שֵׁלָה וְהִוא לֹא נִתְּנָה לוֹ לְאִשָּׁה׃ 15 וַיִּרְאֶהָ יְהוּדָה
וַיַּחְשְׁבֶהָ לְזוֹנָה כִּי כִסְּתָה פָּנֶיהָ׃ 16 וַיֵּט אֵלֶיהָ אֶל הַדֶּרֶךְ וַיֹּאמֶר הָבָה נָּא אָבוֹא
אֵלַיִךְ כִּי לֹא יָדַע כִּי כַלָּתוֹ הִוא וַתֹּאמֶר מַה תִּתֶּן לִּי כִּי תָבוֹא אֵלָי׃ 17 וַיֹּאמֶר
אָנֹכִי אֲשַׁלַּח גְּדִי עִזִּים מִן הַצֹּאן וַתֹּאמֶר אִם תִּתֵּן עֵרָבוֹן עַד שָׁלְחֶךָ׃ 18 וַיֹּאמֶר
מָה הָעֵרָבוֹן אֲשֶׁר אֶתֶּן לָּךְ וַתֹּאמֶר חֹתָמְךָ וּפְתִילֶךָ וּמַטְּךָ אֲשֶׁר בְּיָדֶךָ וַיִּתֶּן לָהּ
וַיָּבֹא אֵלֶיהָ וַתַּהַר לוֹ׃ 19 וַתָּקָם וַתֵּלֶךְ וַתָּסַר צְעִיפָהּ מֵעָלֶיהָ וַתִּלְבַּשׁ בִּגְדֵי
אַלְמְנוּתָהּ׃ 20 וַיִּשְׁלַח יְהוּדָה אֶת גְּדִי הָעִזִּים בְּיַד רֵעֵהוּ הָעֲדֻלָּמִי לָקַחַת הָעֵרָבוֹן
מִיַּד הָאִשָּׁה וְלֹא מְצָאָהּ׃ 21 וַיִּשְׁאַל אֶת אַנְשֵׁי מְקֹמָהּ לֵאמֹר אַיֵּה הַקְּדֵשָׁה הִוא
בָעֵינַיִם עַל הַדָּרֶךְ וַיֹּאמְרוּ לֹא הָיְתָה בָזֶה קְדֵשָׁה׃ 22 וַיָּשָׁב אֶל יְהוּדָה וַיֹּאמֶר
לֹא מְצָאתִיהָ וְגַם אַנְשֵׁי הַמָּקוֹם אָמְרוּ לֹא הָיְתָה בָזֶה קְדֵשָׁה׃ 23 וַיֹּאמֶר יְהוּדָה
תִּקַּח לָהּ פֶּן נִהְיֶה לָבוּז הִנֵּה שָׁלַחְתִּי הַגְּדִי הַזֶּה וְאַתָּה לֹא מְצָאתָהּ׃ 24 וַיְהִי
כְּמִשְׁלֹשׁ חֳדָשִׁים וַיֻּגַּד לִיהוּדָה לֵאמֹר זָנְתָה תָּמָר כַּלָּתֶךָ וְגַם הִנֵּה הָרָה לִזְנוּנִים
וַיֹּאמֶר יְהוּדָה הוֹצִיאוּהָ וְתִשָּׂרֵף׃ 25 הִוא מוּצֵאת וְהִיא שָׁלְחָה אֶל חָמִיהָ לֵאמֹר
לְאִישׁ אֲשֶׁר אֵלֶּה לּוֹ אָנֹכִי הָרָה וַתֹּאמֶר הַכֶּר נָא לְמִי הַחֹתֶמֶת וְהַפְּתִילִים וְהַמַּטֶּה
הָאֵלֶּה׃ 26 וַיַּכֵּר יְהוּדָה וַיֹּאמֶר צָדְקָה מִמֶּנִּי כִּי עַל כֵּן לֹא נְתַתִּיהָ לְשֵׁלָה בְנִי וְלֹא
יָסַף עוֹד לְדַעְתָּהּ׃ 27 וַיְהִי בְּעֵת לִדְתָּהּ וְהִנֵּה תְאוֹמִים בְּבִטְנָהּ׃ 28 וַיְהִי בְלִדְתָּהּ
וַיִּתֶּן יָד וַתִּקַּח הַמְיַלֶּדֶת וַתִּקְשֹׁר עַל יָדוֹ שָׁנִי לֵאמֹר זֶה יָצָא רִאשֹׁנָה׃ 29 וַיְהִי
כְּמֵשִׁיב יָדוֹ וְהִנֵּה יָצָא אָחִיו וַתֹּאמֶר מַה פָּרַצְתָּ עָלֶיךָ פָּרֶץ וַיִּקְרָא שְׁמוֹ פָּרֶץ׃
30 וְאַחַר יָצָא אָחִיו אֲשֶׁר עַל יָדוֹ הַשָּׁנִי וַיִּקְרָא שְׁמוֹ זָרַח׃

רש י

8 וְהָקֵם זֶרַע: הבן יקרא על שם המת. 11 כִּי אָמַר וגו': כלומר דוחה היה אותה בקש
שלא היה בדעתו להשיאה לו. כִּי אָמַר פֶּן יָמוּת: מוחזקת היא זו שימותו אנשיה. 12 וַיַּעַל
עַל גֹּזְזֵי צֹאנוֹ: ויעל תימנתה לעמוד על גוזזי צאנו. 13 עֹלֶה תִמְנָתָה: ובשמשון הוא אומר
וירד שמשון וגו' תימנתה בשיפוע ההר היתה יושבת עולין לה מכאן ויורדין לה מכאן.
14 וַתִּתְעַלָּף: כסתה פניה שלא יכיר אותה. בְּפֶתַח עֵינַיִם: בפתיחת עינים בפרשת דרכים.
ורבותינו דרשו בפתחו של אברהם אבינו שכל עינים מצפות לראותו. 18 חֹתָמְךָ וּפְתִילֶךָ:
עזקתך ושמיכך. טבעת שאתה חותם בה ושמלתך שאתה מתכסה בה. 25 וְהִיא שָׁלְחָה
אֶל חָמִיהָ: לא רצתה להלבין פניו ולומר ממך אני מעוברת אלא לאיש אשר אלה לו אומרת
אם יודה מעצמו יודה ואם לאו ישרפוני ואל אלבין פניו. מכאן אמרו נח לו לאדם שיפילוהו
לכבשן האש ואל ילבין פני חבירו ברבים.

לט Cap. XXXIX.

חֲמִישִׁי

1. וְיוֹסֵף הוּרַד	1. און יוסף איז אַבגעפיהרט געוואָרען
מִצְרָיְמָה	נאָך מצרים,
וַיִּקְנֵהוּ פּוֹטִיפַר	און עס האט איהם אָבגעקויפט פּוטיפר,
סְרִיס פַּרְעֹה	פּרעה'ס אַ האָפ־בעדינטער,
שַׂר הַטַּבָּחִים	דער אָבערשטער פון די לייב־וואַכע,
אִישׁ מִצְרִי	אַ מצרי'שער מאַן
מִיַּד הַיִּשְׁמְעֵאלִים	פון די האַנד פון די ישמעאלים,
אֲשֶׁר הוֹרִדֻהוּ שָׁמָּה׃	וועלכע האבען איהם דאָרט אָבגעפיהרט.
2. וַיְהִי יְהוָה	2. און דער עווינער איז געוועזען
אֶת יוֹסֵף	מיט יוסף,
וַיְהִי	און ער איז געוועזען
אִישׁ מַצְלִיחַ	אַ בעגליקענדער מאַן,
וַיְהִי	און ער איז געוועזען
בְּבֵית אֲדֹנָיו	אין די הויז פון זיין העררן
הַמִּצְרִי׃	דעם מצרי.
3. וַיַּרְא אֲדֹנָיו	3. און זיין העררר האט געזעהן,
כִּי יְהוָה אִתּוֹ	דאס דער עווינער איז מיט איהם,
וְכֹל	און אַלעס,
אֲשֶׁר הוּא עֹשֶׂה	וואס ער טהוט.
יְהוָה מַצְלִיחַ	בעגליקט דער עווינער
בְּיָדוֹ׃	אין זיין האַנד.
4. וַיִּמְצָא יוֹסֵף	4. און יוסף האט געפונען
חֵן	גונסט
בְּעֵינָיו	אין זיינע אויגען,
וַיְשָׁרֶת אֹתוֹ	און ער האט איהם בעדינט.
וַיַּפְקִדֵהוּ	און ער האט איהם [1]אויפ־גענומען
עַל בֵּיתוֹ	איבער זיין הויז.
וְכָל יֶשׁ לוֹ	און אַלעס, וואס ער האט געהאַט
נָתַן	האט ער געגעבען
בְּיָדוֹ׃	אין זיין האַנד.
5. וַיְהִי	5. און עס איז געוועזען
מֵאָז הִפְקִיד אֹתוֹ	זייט דעם ער האט איהם [1]אויפ־גענומען
בְּבֵיתוֹ	איבער זיין הויז
וְעַל כָּל	און איבער אַלעס,
אֲשֶׁר יֶשׁ לוֹ	וואס ער האט געהאַט,
וַיְבָרֶךְ יְהוָה	האט דער עווינער געבענשט
אֶת בֵּית הַמִּצְרִי	די הויז פון דעם מצרי
בִּגְלַל יוֹסֵף	וועגען יוסף,
וַיְהִי בִּרְכַּת יְהוָה	און דעם עווינער'ס זעגען איז געוועזען
בְּכָל	אין אַלעס,
אֲשֶׁר יֶשׁ לוֹ	וואס ער האט געהאַט,
בַּבַּיִת	אין הויז
וּבַשָּׂדֶה׃	און אין פעלד.
6. וַיַּעֲזֹב	6. און ער האט געלאָזען
כָּל אֲשֶׁר לוֹ	אַלעס, וואס ער האט געהאַט,
בְּיַד יוֹסֵף	אין יוסף'ס האַנד.
וְלֹא יָדַע אִתּוֹ מְאוּמָה	און ער האט גאָר ניט געוואוסט (וואס איז) ביי איהם
כִּי אִם הַלֶּחֶם	אויסער דאס ברויט
אֲשֶׁר הוּא אוֹכֵל	וועלכע ער האט געגעסען.
וַיְהִי יוֹסֵף	און יוסף איז געוועזען
יְפֵה תֹאַר	פון שעהנעם געשטאַלט
וִיפֵה מַרְאֶה׃	און פון שעהנעם אַנזעהען.

1) געזעצט.

היר ווערט דערציילט דאס פוטיפר׳ס פרוי האט פערליימדעט יוסף׳ן פיר זיין הערך פוטיפר, און זי האט איהם בעשולדיגט אין אַ פערברעכען, וועלכען ער האט ניט בעגאַנגען.

שִׁשִּׁי

7 וַיְהִי אַחַר הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וַתִּשָּׂא אֵשֶׁת
אֲדֹנָיו אֶת עֵינֶיהָ אֶל יוֹסֵף וַתֹּאמֶר
שִׁכְבָה עִמִּי׃ 8 וַיְמָאֵן וַיֹּאמֶר אֶל אֵשֶׁת
אֲדֹנָיו הֵן אֲדֹנִי לֹא יָדַע אִתִּי מַה בַּבָּיִת
וְכֹל אֲשֶׁר יֶשׁ לוֹ נָתַן בְּיָדִי׃ 9 אֵינֶנּוּ
גָדוֹל בַּבַּיִת הַזֶּה מִמֶּנִּי וְלֹא חָשַׂךְ מִמֶּנִּי
מְאוּמָה כִּי אִם אוֹתָךְ בַּאֲשֶׁר אַתְּ אִשְׁתּוֹ
וְאֵיךְ אֶעֱשֶׂה הָרָעָה הַגְּדֹלָה הַזֹּאת
וְחָטָאתִי לֵאלֹהִים׃ 10 וַיְהִי כְּדַבְּרָהּ אֶל
יוֹסֵף יוֹם יוֹם וְלֹא שָׁמַע אֵלֶיהָ לִשְׁכַּב
אֶצְלָהּ לִהְיוֹת עִמָּהּ׃ 11 וַיְהִי כְּהַיּוֹם הַזֶּה
וַיָּבֹא הַבַּיְתָה לַעֲשׂוֹת מְלַאכְתּוֹ וְאֵין
אִישׁ מֵאַנְשֵׁי הַבַּיִת שָׁם בַּבָּיִת׃ 12
וַתִּתְפְּשֵׂהוּ בְּבִגְדוֹ לֵאמֹר שִׁכְבָה עִמִּי
וַיַּעֲזֹב בִּגְדוֹ בְּיָדָהּ וַיָּנָס וַיֵּצֵא הַחוּצָה׃
13 וַיְהִי כִּרְאוֹתָהּ כִּי עָזַב בִּגְדוֹ בְּיָדָהּ
וַיָּנָס הַחוּצָה׃ 14 וַתִּקְרָא לְאַנְשֵׁי בֵיתָהּ
וַתֹּאמֶר לָהֶם לֵאמֹר רְאוּ הֵבִיא לָנוּ אִישׁ
עִבְרִי לְצַחֶק בָּנוּ בָּא אֵלַי לִשְׁכַּב עִמִּי
וָאֶקְרָא בְּקוֹל גָּדוֹל׃ 15 וַיְהִי כְשָׁמְעוֹ כִּי
הֲרִימֹתִי קוֹלִי וָאֶקְרָא וַיַּעֲזֹב בִּגְדוֹ אֶצְלִי
וַיָּנָס וַיֵּצֵא הַחוּצָה׃ 16 וַתַּנַּח בִּגְדוֹ אֶצְלָהּ
עַד בּוֹא אֲדֹנָיו אֶל בֵּיתוֹ׃ 17 וַתְּדַבֵּר
אֵלָיו כַּדְּבָרִים הָאֵלֶּה לֵאמֹר בָּא אֵלַי
הָעֶבֶד הָעִבְרִי אֲשֶׁר הֵבֵאתָ לָּנוּ לְצַחֶק
בִּי׃ 18 וַיְהִי כַּהֲרִימִי קוֹלִי וָאֶקְרָא וַיַּעֲזֹב
בִּגְדוֹ אֶצְלִי וַיָּנָס הַחוּצָה׃

רש״י

9 וְחָטָאתִי לֵאלֹהִים: בני נח נצטוו על העריות. 11 וַיְהִי כְּהַיּוֹם הַזֶּה: כלומר ויהי כאשר הגיע יום מיוחד יום צחוק יום איד שלהם שהלכו כולם לבית ע״ז אמרה אין לי יום הגון להזקק ליוסף כהיום הזה אמרה להם חולה אני ואיני יכולה לילך (תנחומא).

19. וַיְהִי	19. און עס איז געווען
כִּשְׁמֹעַ אֲדֹנָיו	ווי זיין הערר האט געהערט
אֶת דִּבְרֵי אִשְׁתּוֹ	די ווערטער פון זיין פרוי,
אֲשֶׁר דִּבְּרָה אֵלָיו	וועלכע האט צו איהם גערעט,
לֵאמֹר	זאָגענדיג:
כַּדְּבָרִים הָאֵלֶּה	אַזעלכע זאַכען
עָשָׂה לִי עַבְדֶּךָ	האט מיר דיין קנעכט געטאָן,
וַיִּחַר אַפּוֹ׃	דאַן האט זיין צאָרן געברענט.
20. וַיִּקַּח אֲדֹנֵי יוֹסֵף אֹתוֹ	20. און יוסף׳ס הערר האט איהם גענומען,
וַיִּתְּנֵהוּ	און ער האט איהם אַריינגעגעבען
אֶל בֵּית הַסֹּהַר	אין געפענגניס־הויז,
מְקוֹם	(אין דעם) אָרט,
אֲשֶׁר אֲסִירֵי הַמֶּלֶךְ	וואו דעם קעניגס געפאַנגענע
אֲסוּרִים	זיינען געפאַנגען,
וַיְהִי שָׁם	און ער איז דאָרט געווען
בְּבֵית הַסֹּהַר׃	אין געפענגניס־הויז.
21. וַיְהִי יְיָ אֶת יוֹסֵף	21. און דער עוויגער איז געווען מיט יוסף,
וַיֵּט אֵלָיו חָסֶד	און ער האט איהם [1]צוגעבייגט גנאַדע,
וַיִּתֵּן חִנּוֹ	און ער האט געגעבען זיין גונסט
בְּעֵינֵי שַׂר בֵּית הַסֹּהַר	אין די אויגען פון דעם [2]אָבערשטען פון געפענגניס־הויז.
22. וַיִּתֵּן שַׂר בֵּית הַסֹּהַר	22. און דער [3]אָבערשטער פון געפענגניס־הויז האט געגעבען
בְּיַד יוֹסֵף	אין יוסף׳ס האַנד
אֵת כָּל הָאֲסִירִם	אַלע געפאַנגענע,
אֲשֶׁר בְּבֵית הַסֹּהַר	וועלכע זיינען געווען אין געפענגניס־הויז,
וְאֵת כָּל	און אַלעס,
אֲשֶׁר עֹשִׂים שָׁם	וואס זיי האבען דאָרט געטאָן,
הוּא הָיָה עֹשֶׂה׃	האט ער (עס געהייסען) טהאָן.
23. אֵין שַׂר בֵּית הַסֹּהַר רֹאֶה	23. דער אָבערשטער פון געפענגניס־הויז האט ניט געזעהן
אֶת כָּל מְאוּמָה	קיין זאַך,
בְּיָדוֹ	(וואס איז געווען) אין זיין האַנד,
בַּאֲשֶׁר יְהֹוָה אִתּוֹ	ווייל דער עוויגער וואַר מיט איהם,
וַאֲשֶׁר הוּא עֹשֶׂה	און וואס ער האט געטאָן
יְהֹוָה מַצְלִיחַ׃	האט דער עוויגער בעגליקט.

1) געגעבען, אויסגעשטרעקט, צוגעווענדעט. 2) אויפזעהער.

CAP. XL. — מ

שביעי	שביעי
1. וַיְהִי	1. און עס איז געווען
אַחַר הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה	נאך דיזע בעגעבענהייטען
חָטְאוּ	האבען געזינדיגט,
מַשְׁקֵה מֶלֶךְ מִצְרַיִם	דער שענקער פון קעניג פון מצרים
וְהָאֹפֶה	און דער בעקער,
לַאֲדֹנֵיהֶם	געגען זייער הערען,
לְמֶלֶךְ מִצְרָיִם׃	געגען דעם קעניג פון מצרים.
2. וַיִּקְצֹף פַּרְעֹה	2. און פרעה האט געצירנעט
עַל שְׁנֵי סָרִיסָיו	איבער זיינע צוויי האפ־בעדינטע,
עַל שַׂר הַמַּשְׁקִים	איבער דעם אָבערשטען פון די שענקערס
וְעַל שַׂר הָאוֹפִים׃	און איבער דעם אָבערשטען פון די בעקערס.
3. וַיִּתֵּן אֹתָם	3. און ער האט זיי אריינגעגעבען
בְּמִשְׁמַר	אין [1]וואכט־הויז,
בֵּית	(אין) די הויז
שַׂר הַטַּבָּחִים	פון דעם אָבערשטען פון די לייב־וואכע,
אֶל בֵּית הַסֹּהַר	אין געפענגניס־הויז,
מְקוֹם	(אין דעם) אָרט,
אֲשֶׁר יוֹסֵף אָסוּר שָׁם	וואו יוסף איז דארט געווען געפאנגען.
4. וַיִּפְקֹד שַׂר הַטַּבָּחִים אֶת יוֹסֵף	4. און דער אָבערשטער פון די לייב־וואכע האט אויפגע־נומען יוסף
אִתָּם	מיט זיי,
וַיְשָׁרֶת אֹתָם	און ער האט זיי בעדינט,
וַיִּהְיוּ יָמִים בְּמִשְׁמָר׃	און זיי זיינען געווען [2]א יאהר אין [1]וואכט־הויז.
5 וַיַּחַלְמוּ חֲלוֹם	5. און זיי האבען געטרוימט א טרוים,
שְׁנֵיהֶם	זיי ביידע,
אִישׁ חֲלֹמוֹ	יעדער זיין טרוים
לְאַבְרָהָם לְיִצְחָק וּלְיַעֲקֹב :	צו אברהם, יצחק און יעקב.
25. וַיַּשְׁבַּע יוֹסֵף	25. און יוסף האט בע־שוואָרען
אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	די קינדער ישראל
לֵאמֹר	זאגענדיג:
פָּקֹד יִפְקֹד אֱלֹהִים אֶתְכֶם	גאט וועט אייך געוויס דערמאָנען
וְהַעֲלִתֶם	און (דאַן) זאלט איהר אויפ־ברייננגען
אֶת עַצְמֹתַי	מיינע ביינער,
מִזֶּה :	פון היר.
26. וַיָּמָת יוֹסֵף	26. און יוסף איז געשטאָר־בען
בֶּן מֵאָה וָעֶשֶׂר שָׁנִים	הונדערט און צעהן יאהר אַלט,
וַיַּחַנְטוּ אֹתוֹ	און מען האט איהם איינ־באַלזאַמירט,
וַיִּישֶׂם בָּאָרוֹן	און מען האט איהם אַריינ־געלייגט אין אַ [4]לאַדע
בְּמִצְרָיִם :	אין מצרים.

חזק.

1) ד. ה. אום עס זאל געשעהן דאס, וואס איז יעצט געשעהן. 2) אור־עניקלעך. 3) ערצויגען. 4) זארג

עוֹזֵר הַמּוֹרֶה וְהַתַּלְמִיד

— אוֹ —

חוּמָשׁ

לְבָתֵּי־סֵפֶר וְלָעָם

סֵפֶר־עֵזֶר לִקְטַנִּים וְלִגְדוֹלִים לִלְמוֹד וּלְלַמֵּד תּוֹרַת יְיָ תְּמִימָה בְּלִי כָל שִׁנּוּי וְקִצּוּר
עַל פִּי שִׁיטָה חֲדָשָׁה, פְּשׁוּטָה וְקַלָּה בְּשֵׁם שִׁיטַּת־הַטּוּרִים(ליניען סיסטעם)

דעם לעהרער׳ס און שילער׳ס געהילפע

איין לייכטע און איינפאַכע מעטהאָדע

צו אונטערריכטען גאנץ חומש, אהן ענדערונג אדער אבקירצונג, מיט גרויס ערפאָלג
מיט דער הילפע פון א נייע „ליניען־סיסטעם"

פיר העברעאישע שולען און חדרים, ווי אויך פיר זעלבסט־אונטעררכט.

— פון —

יוסף בן יהודה מאגילניצקי

מראָססיין.

אויבער־לעהרער פון „מאגילניצקי׳ס בְּנֵי צִיּוֹן סְקוּל", 708 סויטה 5טע סט. פילאדעלפיא, פא.
(פאָרמאלס לעהרער פיר העבערע העברעאישע אונטעררכט אין די הירש עדיוקיישען סאָסייטי׳ס סקול.)

ספר שמות

4טע פערבעסערטע אויפלאגע.

— פערלאג און דרוק פון —

יוסף מאַגילניצקי, 708 סויטה 5טע סטריט.

פילאַדעלפיא, פא.

תרס״ג

וויא לערנט מען דעם עוור המורה והתלמיד ?

גיט יעדען שילער א קארטעל אדער א גלייכע שטיקעל פאפיר. הייסט זיי דאמיט פערדעקען די איבערזעצונג בלויז ביז די שורה, וועלכע זיי געהן לערנען. הייסט זיי לעזען די שורה חומש און די איבערזעטצונג דארויף זעהר לאנגזאם און פארזיכטיג ביז זיי זיינען אימשטאנדע די איבערזעצונג צו זאגען אויסוויינינג. דאן זאלען זיי ארויפרוקען די קארטעל אום צו פערדעקען די איבערזעצונג און זאלען 1 מאל לעזען די שורה חומש און איבערזעצען אויסוויינינג. דאן זאלען זיי אראברוקען די קארטעל און איבערלעזען די איבערזעצונג איבעוויינינג אום זיך צו איבערצייגען אויב זיי האבען ריכטיג איבערזעצט. ווען זיי געפינען אויס, אז זיי האבען ריכטיג איבערזעצט, דארפען זיי איניגע מאל איינאיבען די שורה אום צו געדיינקען און דארפען דאן לערנען די צווייטע און דריטע שורה אויף דעם זעלבען ארט. ווען זיי לערנען אב א פסוק אדער א האלבען, דארפען זיי גיין ווידערהאלען דעם פסוק דאס הייסט, זיי דארפען פערדעקען די איבערזעצונג און לעזען יעדע שורה בעזונדער און איבערזעצען אויסוויינינג. אבער זיי דארפען נישט אוועג־געהן פון א שורה ביז זיי רוקען נישט אראב די קארטעל אום נאכדעם צו לעזען די איבערזעצונג איבעוויינינג און צו וויסען אויף זיכער אויב זיי האבען ריכטיג איבערזעצט אדער נישט.

שמות הטעמים

פשטא מנח זרקא מנח סגול מנח | מנח רביעי
מהפך פשטא זקף־קטן זקף־גדול מרכא טפחא
מנח אתנחתא פזר תלישא־קטנה תלישא־גדולה
קדמא ואזלא אזלא־גרש גרשים דרגא תביר יתיב
פסיק | סוף־פסוק שלשלת קרני־פרה מרכא־כפולה
ירח־בן־יומו :

דיזע חומשים זיינען צו בעקומען ביי אלע מוכרי ספרים הויפט פערקויף פיר אלע לענדער ביים איבערזעצער:
J. Magil, 708 S. 5th St. Philadelphia, America.
הויפט פערקויף אין רוסלאנד ביי
Ш. Лесемъ, Вильна. М. Стефановская ул. Д. Городища.
Sh. Lessem, Wilna, M-Stefanofska Strasse. Haus Gorodisca.

סֵפֶר שְׁמוֹת

EXODUS.

CAPUT. I. א

1. וְאֵלֶּה שְׁמוֹת	1. און דיזע זיינען די נעמען
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	פון ישראל׳ס זיהן
הַבָּאִים מִצְרָיְמָה	וועלכע זיינען געקומען נאך מצרים;
אֵת יַעֲקֹב	[1]מיט יעקב
אִישׁ וּבֵיתוֹ בָּאוּ׃	[1](איז) יעדער מאַן און זיין הויז (געזינד) געקומען.
2. רְאוּבֵן שִׁמְעוֹן	2. ראובן, שמעון,
לֵוִי וִיהוּדָה׃	לוי און יהודה.
3. יִשָּׂשכָר	3. יששכר,
זְבוּלֻן וּבִנְיָמִן׃	זבולון און בנימין.
4. דָּן וְנַפְתָּלִי	4. דן און נפתלי,
גָּד וְאָשֵׁר׃	גד און אשר.
5. וַיְהִי כָּל־נֶפֶשׁ	5. און עס זיינען געוועזען אַלע זעלע(ן),
יֹצְאֵי יֶרֶךְ־יַעֲקֹב	וועלכע זיינען ארויסגעגאַנגען פון יעקב׳ס [2]היפטע,
שִׁבְעִים נָפֶשׁ	זיבציג זעלע(ן);
וְיוֹסֵף הָיָה בְמִצְרָיִם׃	און יוסף איז (שוין) געוועזען אין מצרים.
6. וַיָּמָת יוֹסֵף	6. און יוסף איז געשטאָרבען,
וְכָל־אֶחָיו	און אַלע זיינע ברידער,
וְכֹל הַדּוֹר הַהוּא׃	און יענער גאַנצער געשלעכט.
7. וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל	7. און די קינדער ישראל
פָּרוּ	זיינען פרוכטבאַר געוועזען,
וַיִּשְׁרְצוּ	און זיי האבען זיך געווימעלט.
וַיִּרְבּוּ	און זיי האבען זיך געמעהרט,
וַיַּעַצְמוּ בִּמְאֹד מְאֹד	און זיי האבען זיך געשטאַרקט זעהר און זעהר;
וַתִּמָּלֵא הָאָרֶץ אֹתָם׃	און די לאַנד איז פול געוואָרען מיט זיי.
8. וַיָּקָם מֶלֶךְ־חָדָשׁ	8. און עס איז אויפגעשטאַנען אַ נייער קעניג
עַל־מִצְרָיִם	איבער מצרים,
אֲשֶׁר לֹא־יָדַע אֶת־יוֹסֵף׃	וועלכער האט ניט געקענט יוסף.
9. וַיֹּאמֶר אֶל־עַמּוֹ	9. און ער האט געזאגט צו זיין פאָלק:
הִנֵּה עַם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	זעה, דאס פאָלק פון די קינדער ישראל
רַב וְעָצוּם מִמֶּנּוּ׃	איז [3]גרעסער און שטאַרקער פון אונז.
10. הָבָה נִתְחַכְּמָה לוֹ	10. [4]קומט, לאָ׳מיר זיך קליגען צו איהם,
פֶּן־יִרְבֶּה	[5]דען) פילייכט וועט ער זיך מעהרען,
וְהָיָה	און עס וועט זיין,
כִּי־תִקְרֶאנָה	ווען עס וועט זיך טרעפען
מִלְחָמָה	אַ שטרייט
וְנוֹסַף גַּם־הוּא	דאַן וועט ער זיך אויך [6]אָנשליסען
עַל־שֹׂנְאֵינוּ	צו אונזערע [7]פיינדע,
וְנִלְחַם־בָּנוּ	און ער וועט שטרייטען מיט אונז,
וְעָלָה מִן־הָאָרֶץ׃	און ער וועט [8]ארויסגיין פון די לאַנד.
11. וַיָּשִׂימוּ עָלָיו	11. און זיי האבען געמאַכט איבער איהם
שָׂרֵי מִסִּים	בעאַמטע איבער די [9]צינז־ארבייט,
לְמַעַן עַנֹּתוֹ	אום איהם צו [10]פייניגען
בְּסִבְלֹתָם	מיט זייערע שווערע אַרבייט.
וַיִּבֶן	און ער האט געבויט
עָרֵי מִסְכְּנוֹת לְפַרְעֹה	פאָראַטה־שטעט פיר פרעה
אֶת־פִּתֹם וְאֶת־רַעַמְסֵס׃	פתם און רעמסס.
12. וְכַאֲשֶׁר יְעַנּוּ אֹתוֹ	12. אָבער [11]ווי זיי פלעגען איהם [10]פייניגען
כֵּן יִרְבֶּה	[12]אַזוי פלעגט ער זיך מעהרען
וְכֵן יִפְרֹץ	און [12]אַזוי פלעגט ער זיך אויסברייטען,
וַיָּקֻצוּ	און זיי האבען זיך געפירכטעט

1) אָדער: מיט יעקב; יעדער א. ז. וו. זיינען זיי געקומען. ניט לויט די נגינה. 2) לענדע. 3) גרויס, מעהר, צאהלרייכער 4) וואָהלאַן! 5) דאס ער זאל זיך ניט מעהרען. 6) פערמעהרט ווערען. 7) האַסערס. 8) אויפגיין. 9) ד. ה. אונבעצאָהלטע צוואַנגס־ארבייט. 10) דריקען, קוועלען. 11) וואס מעהר זיי א. ז. וו. 12) אַלץ מעהר פלעגט א. ז. וו.

מִפְּנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃	פאַר די קינדער ישראל.
13. וַיַּעֲבִדוּ מִצְרַיִם	13. און די מצרים האבען געמאַכט ארבייטען
אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	די קינדער ישראל
בְּפָרֶךְ׃	מיט [1]שטרענגע.
14. וַיְמָרְרוּ	14. און זיי האבען פערבי־טערט
אֶת־חַיֵּיהֶם	זייער לעבען
בַּעֲבֹדָה קָשָׁה	מיט שווערע אַרבייט
בְּחֹמֶר וּבִלְבֵנִים	אין [2]ליים און אין ציגעל,
וּבְכָל־עֲבֹדָה בַּשָּׂדֶה	און מיט אַלערליי אַרבייט אין פעלד;
אֵת כָּל־עֲבֹדָתָם	אַלע זייערע ארבייט,
אֲשֶׁר־עָבְדוּ בָהֶם	וועלכע זיי האבען געאַר־בייט מיט זיי,
בְּפָרֶךְ׃	(איז געוועזען) מיט [1]שטרענגע
15. וַיֹּאמֶר מֶלֶךְ מִצְרַיִם	15. און דער קעניג פון מצרים האט געזאגט
לַמְיַלְּדֹת הָעִבְרִיֹּת	צו די אידישע הייב־אַמען:
אֲשֶׁר שֵׁם הָאַחַת שִׁפְרָה	וואס דער נאמען פון איינע (איז געוועזען) שפרה.
וְשֵׁם הַשֵּׁנִית פּוּעָה׃	און דער נאמען פון די צווייטע (איז געוועזען) פועה.
16. וַיֹּאמֶר	16. און ער האט געזאגט:
בְּיַלֶּדְכֶן	ווען איהר [3]וועט העלפען געבערען
אֶת־הָעִבְרִיּוֹת	די אידישע (פרויען),
וּרְאִיתֶן עַל־הָאָבְנָיִם	דאַן זאלט איהר זעהן אויף דעם געבערשטול,
אִם־בֵּן הוּא	אויב עס איז אַ זוהן,
וַהֲמִתֶּן אֹתוֹ	זאָלט איהר איהם טויטען,
וְאִם־בַּת הִוא	אָבער אויב עס איז אַ טאָכטער,
וָחָיָה׃	דאַן זאל זי בלייבען לעבען.
17. וַתִּירֶאןָ הַמְיַלְּדֹת	17. אבער די הייב־אַמען האבען געפירכטעט
אֶת־הָאֱלֹהִים	פאר גאט,
וְלֹא עָשׂוּ	און זיי האבען ניט געטאָן,
כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר אֲלֵיהֶן	ווי עס האט גערעדט צו זיי
מֶלֶךְ מִצְרָיִם	דער קעניג פון מצרים,
וַתְּחַיֶּיןָ אֶת־הַיְלָדִים	און זיי האבען געלאָזען לעבען די קינדער.
שֵׁנִי	שֵׁנִי
18. וַיִּקְרָא מֶלֶךְ־מִצְרַיִם	18. און דער קעניג פון מצרים האט גערופען
לַמְיַלְּדֹת	[צו] די הייב־אַמען.
וַיֹּאמֶר לָהֶן	און ער האט געזאגט צו זיי:
מַדּוּעַ עֲשִׂיתֶן	ווארום האט איהר געטאָן
הַדָּבָר הַזֶּה	דיזע זאַך,
וַתְּחַיֶּיןָ אֶת־הַיְלָדִים׃	און איהר האט געלאָזען לעבען די קינדער?
19. וַתֹּאמַרְןָ הַמְיַלְּדֹת	19. און די הייב־אַמען האבען געזאגט
אֶל־פַּרְעֹה	צו פרעה:
כִּי לֹא כַנָּשִׁים הַמִּצְרִיֹּת	ווייל ניט ווי די מצרי'שע (פרויען)
הָעִבְרִיֹּת	זיינען די אידישע,
כִּי־חָיוֹת הֵנָּה	דען זיי זיינען [4]געזונדע,
בְּטֶרֶם תָּבוֹא אֲלֵהֶן הַמְיַלֶּדֶת	נאָך בעפאָר די הייב־אַמע קומט צו זיי
וְיָלָדוּ׃	האבען זיי (שוין) געבאָרען.
20. וַיֵּיטֶב אֱלֹהִים	20. און גאָט האט גוטעס געטאָן
לַמְיַלְּדֹת	צו די הייב־אַמען,
וַיִּרֶב הָעָם	און דאס פאָלק האט זיך געמעהרט,
וַיַּעַצְמוּ מְאֹד׃	און זיי האבען זיך זעהר געשטאַרקט.
21. וַיְהִי	21. און עס איז געוועזען,
כִּי־יָרְאוּ הַמְיַלְּדֹת	ווייל די הייב־אַמען האבען געפירכטעט
אֶת־הָאֱלֹהִים	פאַר גאָט,
וַיַּעַשׂ לָהֶם בָּתִּים׃	דאַרום האט ער זיי געמאַכט [5]הייזער.
22. וַיְצַו פַּרְעֹה	22. און פרעה האט בעפוילען
לְכָל־עַמּוֹ	[צו] זיין גאַנצע פאָלק,
לֵאמֹר	זאָגענדיג:
כָּל־הַבֵּן הַיִּלּוֹד	יעדער זוהן, וועלכער ווערט געבאָרען,
הַיְאֹרָה תַּשְׁלִיכֻהוּ	זאלט איהר איהם אריינ־וואַרפען אין פלוס,
וְכָל־הַבַּת תְּחַיּוּן׃	אבער יעדע טאָכטער זאָלט איהר לאָזען לעבען.

Cap. II. ב

1. וַיֵּלֶךְ אִישׁ	1. און עס איז געגאַנגען אַ מאַן
מִבֵּית לֵוִי	פון די הויז פון לוי,
וַיִּקַּח אֶת־בַּת־לֵוִי׃	און ער האט גענומען (פיר אַ פרוי) לוי'ס אַ טאָכטער.
2. וַתַּהַר הָאִשָּׁה	2. און די פרוי איז שוואַנ־גער געוואָרען,
וַתֵּלֶד בֵּן	און זי האט געבאָרען אַ זוהן,
וַתֵּרֶא אֹתוֹ	און זי האט איהם געזעהן
כִּי־טוֹב הוּא	דאס ער איז [6]גוט,
וַתִּצְפְּנֵהוּ	און זי האט איהם [7]פערבאָרגען

1) שווערקייט, בעדריקונג. 2) מערטעל. 3) ענטבינדעט; האַנדעלט אַלס הייב־אַמע. 4) שטאַרקע; לעבענס־פאָל. 5) ד. ה. גרויסע, רייכע און געעהרטע פאַמיליען. 6) שעהן. 7) פערדעקט, בעהאַלטען.

שְׁלֹשָׁה יְרָחִים׃	דריי מאָנאַטען.
3. וְלֹא־יָכְלָה עוֹד הַצְּפִינוֹ	3. אָבער זי האט מעהר ניט געקענט איהם פערבאָרגען.
וַתִּקַּח־לוֹ	און זי האט פיר איהם גענומען
תֵּבַת גֹּמֶא	א קעסטעל פון [1]ראָהר,
וַתַּחְמְרָה	און זי האט איהר אויס־געקלעבט
בַחֵמָר וּבַזָּפֶת	מיט לֵיים און מיט פעך,
וַתָּשֶׂם בָּהּ	און זי האט אַריינגעלייגט אין איהר
אֶת־הַיֶּלֶד	דעם קינד,
וַתָּשֶׂם בַּסּוּף	און זי האט עֶס אַוועג־געשטעלט אין די שילף
עַל־שְׂפַת הַיְאֹר׃	ביים ברעג פון דעם פלוס.
4. וַתֵּתַצַּב אֲחֹתוֹ	4. און זיין שוועסטער האט זיך געשטעלט
מֵרָחֹק	פון ווייטענס,
לְדֵעָה	צו וויסען,
מַה־יֵּעָשֶׂה לוֹ׃	וואס עס וועט [2]איהם געשעהן.
5. וַתֵּרֶד בַּת־פַּרְעֹה	5. און פרעה'ס טאָכטער איז אַרונטער־געגאַנגען
לִרְחֹץ עַל־הַיְאֹר	זיך צו באָדען ביי דעם פלוס
וְנַעֲרֹתֶיהָ הֹלְכֹת	און איהרע מעדכען זיינען געגאַנגען
עַל־יַד הַיְאֹר	ביי דעם [3]ברעג פון דעם פלוס,
וַתֵּרֶא אֶת־הַתֵּבָה	און זי האט געזעהן די קעסטעל
בְּתוֹךְ הַסּוּף	אין מיטען די שילף,
וַתִּשְׁלַח אֶת־אֲמָתָהּ	און זי האט געשיקט איהר דינסט,
וַתִּקָּחֶהָ׃	און זי האט איהר צוגענומען
6. וַתִּפְתַּח	6. און זי האט געעפענט,
וַתִּרְאֵהוּ	און זי האט איהם געזעהן,
אֶת־הַיֶּלֶד	דעם קינד,
וְהִנֵּה־נַעַר בֹּכֶה	און [4]דער קנאַבע (האט) געוויינט!
וַתַּחְמֹל עָלָיו	און זי האט זיך ערבאַרעמט איבער איהם,
וַתֹּאמֶר	און זי האט געזאגט
מִיַּלְדֵי הָעִבְרִים זֶה׃	פון די אידישע קינדער איז דיזער.
7. וַתֹּאמֶר אֲחֹתוֹ	7. און זיין שוועסטער האט געזאגט
אֶל־בַּת־פַּרְעֹה	צו פרעה'ס טאָכטער:
הַאֵלֵךְ	זאל איך גיין
וְקָרָאתִי לָךְ	און איך זאל רופען פיר דיר
אִשָּׁה מֵינֶקֶת	אַ זייגעדיגע פרוי
מִן הָעִבְרִיֹּת	פון די אידישע (פרויען),

וְתֵינִק לָךְ	דאַס זי זאל זייגען פיר דיר
אֶת־הַיָּלֶד׃	דעם קינד?
8. וַתֹּאמֶר־לָהּ בַּת־פַּרְעֹה	8. און פרעה'ס טאכטער האט געזאגט צו איהר:
לֵכִי	גיין;
וַתֵּלֶךְ הָעַלְמָה	און דאס [5]מעדכען איז געגאַנגען,
וַתִּקְרָא	און זי האט גערופען
אֶת־אֵם הַיָּלֶד׃	די מוטער פון דעם קינד.
9. וַתֹּאמֶר לָהּ בַּת־פַּרְעֹה	9. און פרעה'ס טאכטער האט געזאגט צו איהר:
הֵילִיכִי	[6]נעהם
אֶת־הַיֶּלֶד הַזֶּה	דיזען קינד,
וְהֵינִקִהוּ לִי	און זייג איהם פיר מיר,
וַאֲנִי אֶתֵּן	און איך וועל (דיר) געבען
אֶת־שְׂכָרֵךְ	דיין לוין;
וַתִּקַּח הָאִשָּׁה הַיֶּלֶד	און די פרוי האט גענומען דאס קינד,
וַתְּנִיקֵהוּ׃	און זי האט איהם געזייגען.
10. וַיִּגְדַּל הַיֶּלֶד	10. און ווען דאס קינד איז גרויס געוואָרען
וַתְּבִאֵהוּ	האט זי איהם געבראַכט
לְבַת־פַּרְעֹה	צו פרעה'ס טאכטער,
וַיְהִי־לָהּ לְבֵן	און ער איז ביי איהר געוועזען [7]פיר אַ זוהן,
וַתִּקְרָא שְׁמוֹ מֹשֶׁה	און [8]זי האט גערופען זיין נאָמען משה,
וַתֹּאמֶר	און זי האט געזאגט:
כִּי מִן־הַמַּיִם	דען פון וואַסער
מְשִׁיתִהוּ׃	[9]האב איך איהם אַרויס־געצויגען.
שְׁלִישִׁי	שְׁלִישִׁי
11. וַיְהִי	11. און עס איז געוועזען
בַּיָּמִים הָהֵם	אין יענע טעג,
וַיִּגְדַּל מֹשֶׁה	ווען משה איז גרויס געוואָרען,
וַיֵּצֵא אֶל־אֶחָיו	איז ער אַרויסגעגאַנגען צו זיינע ברידער,
וַיַּרְא בְּסִבְלֹתָם	און ער האט געזעהן [אין] זייערע [10]שווערע אַרבייט,
וַיַּרְא	און ער האט געזעהן
אִישׁ מִצְרִי	אַ מצרי'שער מאַן
מַכֶּה אִישׁ־עִבְרִי	שלאָגט אַ אידישען מאַן
מֵאֶחָיו׃	פון זיינע ברידער.
12. וַיִּפֶן כֹּה וָכֹה	12. און ער האט זיך גע־ווענדעט הין און הער,

1) שילף, פּאַפּיר שילף. 2) געטהאָן ווערען צו איהם. 3) זייט. 4) זעה, אַ וויינענדער קנאַבע! 5) יונגפרוי. 6) טראָג, נאַ דיר, היר האָסט'ו. 7) אָנשטאָט. 8) פרעה'ס טאָכטער; אָדער: משה'ס מוטער. 9) אָדער: האָסט'ו. 10) לאַסטען.

וַיַּרְא	און ער האט געזעהן,
כִּי־אֵין אִישׁ	דאס קיין מאַן איז דאָ,
וַיַּךְ אֶת־הַמִּצְרִי	און ער האט געשלאָגען דעם מצרי,
וַיִּטְמְנֵהוּ בַּחוֹל׃	און ער האט איהם בעהאַלטען אין זאַמד.
13. וַיֵּצֵא	13. און ער איז אַרויס־געגאַנגען
בַּיּוֹם הַשֵּׁנִי	אויף דעם צווייטען טאָג,
וְהִנֵּה	און זעה,
שְׁנֵי־אֲנָשִׁים עִבְרִים	צוויי אידישע לייטע
נִצִּים	קריגען זיך;
וַיֹּאמֶר לָרָשָׁע	און ער האט געזאָגט צום שולדיגען:
לָמָּה תַכֶּה רֵעֶךָ׃	וואָרום שלאָגסט'ו דיין [1]נעכסטען?
14. וַיֹּאמֶר	14. און ער האט געזאָגט:
מִי שָׂמְךָ לְאִישׁ	ווער האט דיך געמאַכט [2]פיר אַ מאַן,
שַׂר וְשֹׁפֵט עָלֵינוּ	(פיר) איין אָבערסט און אַ ריכטער איבער אונז?
הַלְהָרְגֵנִי אַתָּה אֹמֵר	דיינקסט'ו מיר צו דערשלאָגען
כַּאֲשֶׁר הָרַגְתָּ	ווי דו האסט דערשלאָגען
אֶת־הַמִּצְרִי	דעם מצרי?
וַיִּירָא מֹשֶׁה	און משה האט זיך געפירכטעט,
וַיֹּאמַר	און ער האט געזאגט:
אָכֵן נוֹדַע הַדָּבָר׃	וואהרליך, די זאַך איז בעוואוסט געוואָרען.
15. וַיִּשְׁמַע פַּרְעֹה	15. און פרעה האט געהערט
אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה	דיזע זאַך,
וַיְבַקֵּשׁ	און ער האט געזוכט
לַהֲרֹג אֶת־מֹשֶׁה	צו דערשלאָגען משה;
וַיִּבְרַח מֹשֶׁה	אָבער משה איז אנטלאָפען
מִפְּנֵי פַרְעֹה	פון פאַר פרעה
וַיֵּשֶׁב בְּאֶרֶץ־מִדְיָן	און ער האט זיך בעזעצט אין לאַנד מדין,
וַיֵּשֶׁב עַל־הַבְּאֵר׃	און ער האט זיך געזעצט ביי [3]אַ ברונען.
16. וּלְכֹהֵן מִדְיָן	16. און דער פריסטער פון מדין האט געהאַט
שֶׁבַע בָּנוֹת	זיבען טעכטער,
וַתָּבֹאנָה	און זיי זיינען געקומען,
וַתִּדְלֶנָה	און זיי האבען אָנגעשעפט,
וַתְּמַלֶּאנָה	און זיי האבען אָנגעפילט
אֶת־הָרְהָטִים	די [4]וואַסער־רינען
לְהַשְׁקוֹת	אָנצוטרינקען
צֹאן אֲבִיהֶן׃	זייער פאָטער'ס שאָף.
17. וַיָּבֹאוּ הָרֹעִים	17. און די הירטען זיינען געקומען
וַיְגָרְשׁוּם	און זיי האבען זיי אַוועג־געטריבען,
וַיָּקָם מֹשֶׁה	אבער משה איז אויפגע־שטאַנען,
וַיּוֹשִׁעָן	און ער האט זיי געהאָלפען,
וַיַּשְׁקְ אֶת־צֹאנָם׃	און ער האט אָנגעטרונקען זייערע שאָף.
18. וַתָּבֹאנָה	18. און זיי זיינען געקומען
אֶל־רְעוּאֵל אֲבִיהֶן	צו רעואל, זייער פאָטער,
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט:
מַדּוּעַ מִהַרְתֶּן בֹּא	וואָרום האט איהר געאיילט (צו) קומען
הַיּוֹם׃	הייטע?
19. וַתֹּאמַרְןָ	19. און זיי האבען געזאגט:
אִישׁ מִצְרִי הִצִּילָנוּ	אַ מצרי'שער מאַן האט אונז גערעטעט
מִיַּד הָרֹעִים	פון די האַנד פון די הירטען,
וְגַם־דָּלֹה דָלָה לָנוּ	און ער האט אויך אָנגע־שעפט פיר אונז,
וַיַּשְׁקְ אֶת־הַצֹּאן׃	און ער האט אָנגעטרונקען די שאָף.
20. וַיֹּאמֶר אֶל־בְּנֹתָיו	20. און ער האט געזאָגט צו זיינע טעכטער:
וְאַיּוֹ	און וואו איז ער?
לָמָּה זֶּה עֲזַבְתֶּן	וואָרום דען האט איהר אַוועג־געלאָזען
אֶת־הָאִישׁ	דעם מאַן?
קִרְאֶן לוֹ	רופט איהם,
וְיֹאכַל לָחֶם׃	און זאל ער עסען ברויט.
21. וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה	21. און משה האט איינ־געוויליגט
לָשֶׁבֶת אֶת־הָאִישׁ	צו וואָהנען ביי דעם מאַן,
וַיִּתֵּן	און ער האט געגעבען
אֶת־צִפֹּרָה בִתּוֹ	צפרה זיין טאכטער
לְמֹשֶׁה׃	צו משה.
22. וַתֵּלֶד בֵּן	22 און זי האט געבאָרען אַ זוהן,
וַיִּקְרָא אֶת־שְׁמוֹ גֵּרְשֹׁם	און ער האט גערופען זיין נאָמען גרשם,
כִּי אָמַר	דען ער האט געזאגט:
גֵּר הָיִיתִי	אַ פרעמדלינג בין איך געוועזען
בְּאֶרֶץ נָכְרִיָּה׃	אין אַ פרעמדע לאַנד.
23. וַיְהִי	23. און עס איז געוועזען,
בַיָּמִים הָרַבִּים הָהֵם	[5]נאך פערלויף פון לאַנגער צייט,
וַיָּמָת מֶלֶךְ מִצְרַיִם	דאס דער קעניג פון מצרים איז געשטאָרבען,
וַיֵּאָנְחוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל	און די קינדער ישראל האבען געזיפצעט

1) נאָכבאַר, נעבען־מענש, פריינד. 2) אָד. פיר איין אָבערסט א. ז. וו. 3) דעם. 4) קאָריטעס. 5) העב. אין יענע פיעלע טעג.

מִן־הָֽעֲבֹדָה	פון דער אַרבייט,
וַיִּזְעָקוּ	און זיי האבען געשריען,
וַתַּעַל שַׁוְעָתָם	און זייער געשריי איז אויפ־געגאַנגען
אֶל־הָאֱלֹהִים	צו גאָט
מִן־הָֽעֲבֹדָה׃	פון דער אַרבייט.
24. וַיִּשְׁמַע אֱלֹהִים	24. און גאָט האט געהערט
אֶת־נַאֲקָתָם	זייער יאָמערען·
וַיִּזְכֹּר אֱלֹהִים	און גאָט האט געדיינקט
אֶת־בְּרִיתוֹ	וועגען זיין בונד
אֶת־אַבְרָהָם	מיט אברהם,
אֶת־יִצְחָק	מיט יצחק
וְאֶת־יַֽעֲקֹב׃	און מיט יעקב.
25. וַיַּרְא אֱלֹהִים	25. און גאָט האט געזעהן
אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	די קינדער ישראל,
וַיֵּדַע אֱלֹהִים׃	און גאָט האט געוואוסט (זייער לאַגע).

Cap. III.

ג

1. וּמֹשֶׁה הָיָה רֹעֶה	1. און משה האט געפי־טערט
אֶת־צֹאן יִתְרוֹ חֹתְנוֹ	די שאָף פון יתרו, זיין [1]שוויגער־פאָטער,
כֹּהֵן מִדְיָן	דער פריסטער פון מדין,
וַיִּנְהַג אֶת־הַצֹּאן	און ער האט געפיהרט די שאָף
אַחַר הַמִּדְבָּר	[2]נאָך דער וויסטע,
וַיָּבֹא	און ער איז געקומען
אֶל־הַר הָאֱלֹהִים	צו גאָטעס באַרג,
חֹרֵֽבָה׃	נאָך חורב.
2. וַיֵּרָא מַלְאַךְ יְהוָה אֵלָיו	2. און איין ענגעל פון דעם עוויגען האט זיך בעוויזען צו איהם
בְּלַבַּת־אֵשׁ	אין אַ פלאַם פייער,
מִתּוֹךְ הַסְּנֶה	פון מיטען דעם דאָרן־בוש,
וַיַּרְא	און ער האט געזעהן,
וְהִנֵּה הַסְּנֶה	דאס דער דאָרן־בוש
בֹּעֵר בָּאֵשׁ	ברענט אין פייער,
וְהַסְּנֶה	און דער דאָרן־בוש
אֵינֶנּוּ אֻכָּל׃	ווערט ניט [3]פערצעהרט.
3. וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה	3. און משה האט געזאגט:
אָסֻרָה־נָּא	איך וויל דאָך [4]צוגיין,
וְאֶרְאֶה	און איך וויל זעהן,

אֶת־הַמַּרְאֶה הַגָּדֹל הַזֶּה	דיזע גרויסע ערשיינונג,
מַדּוּעַ לֹא־יִבְעַר	ווארום ווערט ניט פער־ברענט
הַסְּנֶה׃	דער דאָרן־בוש.
4. וַיַּרְא יְהוָה	4. און ווען דער עוויגער האט געזעהן,
כִּי סָר לִרְאוֹת	דאס ער איז צוגעגאַנגען צו זעהן,
וַיִּקְרָא אֵלָיו אֱלֹהִים	דאַן האט גאָט גערופען צו איהם
מִתּוֹךְ הַסְּנֶה	פון דעם דאָרן־בוש,
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט:
מֹשֶׁה מֹשֶׁה	משה, משה!
וַיֹּאמֶר הִנֵּנִי׃	און ער האט געזאגט: היר בין איך.
5. וַיֹּאמֶר	5. און ער האט געזאגט:
אַל־תִּקְרַב הֲלֹם	דערנעהנטער זיך ניט הירן
שַׁל־נְעָלֶיךָ	[5]ציה אראָב דיינע שיך,
מֵעַל רַגְלֶיךָ	פון אויף דיינע פיס,
כִּי הַמָּקוֹם	דען דער אָרט,
אֲשֶׁר אַתָּה עוֹמֵד עָלָיו	וואס דו שטייסט אויף איהם,
אַדְמַת־קֹדֶשׁ הוּא׃	איז הייליגע ערד.
6. וַיֹּאמֶר	6. און ער האט געזאגט:
אָנֹכִי אֱלֹהֵי אָבִיךָ	איך בין דער גאָט פון דיין פאָטער,
אֱלֹהֵי אַבְרָהָם	דער גאָט פון אברהם,
אֱלֹהֵי יִצְחָק	דער גאָט פון יצחק,
וֵאלֹהֵי יַֽעֲקֹב	און דער גאָט פון יעקב.
וַיַּסְתֵּר מֹשֶׁה פָּנָיו	אין משה האט פערבאָרגען זיין געזיכט,
כִּי יָרֵא מֵהַבִּיט	דען ער האט זיך געפירכ־טעט צו קוקען
אֶל־הָאֱלֹהִים׃	[6]אויף גאָט.
7. וַיֹּאמֶר יְהוָה	7. און דער עוויגער האט געזאגט:
רָאֹה רָאִיתִי	איך האב געזעהן
אֶת־עֳנִי עַמִּי	דעם [7]עלענד פון מיין פאלק
אֲשֶׁר בְּמִצְרָיִם	וועלכעס איז אין מצרים,
וְאֶת־צַעֲקָתָם	און זייער געשריי
שָׁמַעְתִּי	האב איך געהערט
מִפְּנֵי נֹגְשָׂיו	וועגען זיינע [8]בעדריקער,
כִּי יָדַעְתִּי	דען איך וויים
אֶת־מַכְאֹבָיו׃	זיינע [9]ליידען.

1) שוועהר. 2) וויט אין דער וויסטע. 3) פערברענט. 4) איינקעהרען. 5) וואַרף אַראָב, נעהם אַראָב, טהוא אויס. 6) צו. 7) אַרמוטה, ליידען. 8) דרענגער, צוטרייבער, אויפזעהער. 9) שמערצען, וויהטאַגען.

8. וָאֵרֵד	8. און איך בין אַראָבּגעקומען
לְהַצִּילוֹ מִיַּד מִצְרַיִם	איהם צו רעטען פון די האַנד פון די מצרים,
וּלְהַעֲלֹתוֹ	און איהם [1]אַרויס־צוברייגגען
מִן־הָאָרֶץ הַהִוא	פון יענע לאַנד
אֶל־אֶרֶץ טוֹבָה וּרְחָבָה	צו א גוטע און ברייטע לאַנד
אֶל־אֶרֶץ	צו אַ לאַנד,
זָבַת חָלָב וּדְבָשׁ	וועלכע [2]פליסט מילך און האָניג,
אֶל־מְקוֹם	צו דעם אָרט
הַכְּנַעֲנִי וְהַחִתִּי	פון דעם כנעני און דעם חתי,
וְהָאֱמֹרִי וְהַפְּרִזִּי	און דעם אמורי און דעם פריזי,
וְהַחִוִּי וְהַיְבוּסִי:	און דעם חוי און דעם יבוסי.
9. וְעַתָּה	9. און יעצט
הִנֵּה	זעה,
צַעֲקַת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל	דער געשריי פון די קינדער ישראל
בָּאָה אֵלָי	איז געקומען צו מיר,
וְגַם־רָאִיתִי	און איך האב אויך געזעהן
אֶת־הַלַּחַץ	די דריקונג,
אֲשֶׁר מִצְרַיִם	(מיט) וועלכע די מצרים
לֹחֲצִים אֹתָם:	דריקען זיי.
10. וְעַתָּה לְכָה	10. און יעצט גיי
וְאֶשְׁלָחֲךָ אֶל־פַּרְעֹה	און איך וועל דיר שיקען צו פרעה,
וְהוֹצֵא אֶת־עַמִּי	און פיהר אַרויס מיין פאָלק,
בְנֵי־יִשְׂרָאֵל	די קינדער ישראל,
מִמִּצְרָיִם:	פון מצרים.
11. וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה	11. און משה האט געזאגט
אֶל־הָאֱלֹהִים	צו גאט:
מִי אָנֹכִי	ווער בין איך,
כִּי אֵלֵךְ אֶל־פַּרְעֹה	דאס איך זאל גיין צו פרעה,
וְכִי אוֹצִיא	און דאס איך זאל אַרויספיהרען
אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	די קינדער ישראל
מִמִּצְרָיִם:	פון מצרים?
12. וַיֹּאמֶר	12. און ער האט געזאגט:
כִּי־אֶהְיֶה עִמָּךְ	געוויס וועל איך זיין מיט דיר!
וְזֶה־לְּךָ הָאוֹת	און דיזעס זאל דיר זיין (אַלס) צייכען,
כִּי אָנֹכִי שְׁלַחְתִּיךָ	דאס איך האב דיר געשיקט.

בְּהוֹצִיאֲךָ אֶת־הָעָם	ווען דו וועסט אַרויספיהרען דאס פאָלק
מִמִּצְרַיִם	פון מצרים,
תַּעַבְדוּן	וועט איהר דינען
אֶת־הָאֱלֹהִים	גאט
עַל הָהָר הַזֶּה:	אויף דיזען באַרג.
13. וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה	13. און משה האט געזאגט
אֶל־הָאֱלֹהִים	צו גאט:
הִנֵּה אָנֹכִי בָא	זעה, (ווען) איך וועל קומען
אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	צו די קינדער ישראל,
וְאָמַרְתִּי לָהֶם	און איך וועל זאגען צו זיי:
אֱלֹהֵי אֲבוֹתֵיכֶם	דער גאט פון אייערע עלטערן
שְׁלָחַנִי אֲלֵיכֶם	האט מיך געשיקט צו אייך,
וְאָמְרוּ־לִי	און זיי וועלען צו מיר זאָגען:
מַה־שְּׁמוֹ	וואס איז זיין נאָמען?
מָה אֹמַר אֲלֵהֶם:	וואס זאל איך זאגען צו זיי?
14. וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים	14. און גאט האט געזאגט
אֶל־מֹשֶׁה	צו משה:
אֶהְיֶה אֲשֶׁר אֶהְיֶה	[3]„איך וועל זיין, וועלכער איך וועל זיין";
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט:
כֹּה תֹאמַר	אַזוי זאלסט'ו זאגען
לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל	צו די קינדער ישראל:
אֶהְיֶה	[4]„איך וועל זיין"
שְׁלָחַנִי אֲלֵיכֶם:	האט מיך געשיקט צו אייך.
15. וַיֹּאמֶר עוֹד אֱלֹהִים	15. און גאט האט [5]נאך געזאגט
אֶל־מֹשֶׁה	צו משה:
כֹּה תֹאמַר	אַזוי זאלסט'ו זאגען
אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	צו די קינדער ישראל:
יְהוָה	דער עוויגער,
אֱלֹהֵי אֲבֹתֵיכֶם	דער גאט פון אַייערע עלטערן
אֱלֹהֵי אַבְרָהָם	דער גאט פון אברהם,
אֱלֹהֵי יִצְחָק	דער גאט פון יצחק,
וֵאלֹהֵי יַעֲקֹב	און דער גאט פון יעקב,
שְׁלָחַנִי אֲלֵיכֶם	האט מיך געשיקט צו אייך;
זֶה־שְּׁמִי לְעֹלָם	דיזעס איז מיין נאמען אויף עוויג
וְזֶה זִכְרִי	און דיזעס איז מיין אַנדיינקען

1) אויפ־צוברייגגען. 2) רינט. 3) אָדער: איך בין דער, וועלכער איך בין. 4) אדער: „איך בין". 5) ווייטער.

לְדֹר דֹּר׃	[1]פיר אלע געשלעכטער.
חֲמִישִׁי	חֲמִישִׁי
16. לֵךְ וְאָסַפְתָּ	16. גיי, און דו זאלסט פערזאמלען
אֶת־זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל	די עלטעכטע פון ישראל,
וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם	און דו זאלסט זאגען צו זיי:
יְהוָה	דער עוויגער,
אֱלֹהֵי אֲבֹתֵיכֶם	דער גאט פון אייערע עלטערן,
נִרְאָה אֵלַי	האט זיך בעוויזען צו מיר,
אֱלֹהֵי אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב	דער גאט פון אברהם, יצחק, און יעקב,
לֵאמֹר	זאגענדיג:
פָּקֹד פָּקַדְתִּי אֶתְכֶם	איך האב [2]דערמאָהנט אייך,
וְאֶת־הֶעָשׂוּי לָכֶם	און וואס עס ווערט געטאָן צו אייך
בְּמִצְרָיִם׃	אין מצרים.
17. וָאֹמַר	17. און איך האב געזאגט:
אַעֲלֶה אֶתְכֶם	איך וועל אייך [3]ארויס־ברייגגען
מֵעֳנִי מִצְרַיִם	פון דעם עלענד פון מצרים
אֶל־אֶרֶץ	צו די לאַנד
הַכְּנַעֲנִי וְהַחִתִּי	פון דעם כנעני און דעם חתי,
וְהָאֱמֹרִי וְהַפְּרִזִּי	און דעם אמורי און דעם פריזי,
וְהַחִוִּי וְהַיְבוּסִי	און דעם חוי און דעם יבוסי,
אֶל־אֶרֶץ	צו אַ לאַנד,
זָבַת חָלָב וּדְבָשׁ׃	וואס פליסט מילך און האָניג.
18. וְשָׁמְעוּ לְקֹלֶךָ	18. און זיי וועלען הערען צו דיין שטימע,
וּבָאתָ	און דו זאלסט קומען,
אַתָּה וְזִקְנֵי יִשְׂרָאֵל	דו און די עלטעסטע פון ישראל
אֶל־מֶלֶךְ מִצְרַיִם	צום קעניג פון מצרים,
וַאֲמַרְתֶּם אֵלָיו	און איהר זאלט זאגען צו איהם:
יְהוָה	דער עוויגער,
אֱלֹהֵי הָעִבְרִיִּים	דער גאט פון די [4]עברים
נִקְרָה עָלֵינוּ	[5]האט זיך געטראָפען ביי אונז,
וְעַתָּה נֵלֲכָה־נָּא	און יעצט ווילען מיר דאך גיין
דֶּרֶךְ שְׁלֹשֶׁת יָמִים	[6]אַ וועג פון דריי טעג
בַּמִּדְבָּר	אין דער וויסטע,
וְנִזְבְּחָה	און מיר ווילען שלאַכטען
לַיהוָה אֱלֹהֵינוּ׃	צו דעם עוויגען, אונזער גאָט.

19. וַאֲנִי יָדַעְתִּי	19. און איך וויים,
כִּי לֹא־יִתֵּן אֶתְכֶם מֶלֶךְ מִצְרַיִם	דאס דער קעניג פון מצרים וועט אייך ניט ערלויבען
לַהֲלֹךְ	צו גיין,
וְלֹא בְּיָד חֲזָקָה׃	[7]און (אויך) ניט דורך אַ שטאַרקע האַנד.
20. וְשָׁלַחְתִּי אֶת־יָדִי	20. אָבער איך וועל אויס־שטרעקען מיין האַנד,
וְהִכֵּיתִי אֶת־מִצְרַיִם	און איך וועל שלאָגען מצרים,
בְּכֹל נִפְלְאֹתַי	מיט אלע מיינע וואונדער,
אֲשֶׁר אֶעֱשֶׂה	וועלכע איך וועל טהאָן
בְּקִרְבּוֹ	צווישען איהם.
וְאַחֲרֵי־כֵן	און נאָכדעם
יְשַׁלַּח אֶתְכֶם׃	וועט ער אייך אַרויס־שיקען.
21. וְנָתַתִּי	21. און איך וועל געבען
אֶת־חֵן הָעָם־הַזֶּה	גונסט (צו) דיזע פאָלק
בְּעֵינֵי מִצְרָיִם	אין די אויגען פון די מצרים,
וְהָיָה	און עס וועט זיין,
כִּי תֵלֵכוּן	ווען איהר וועט אַרויס־גיין,
לֹא תֵלְכוּ רֵיקָם׃	וועט איהר ניט אַרויס־גיין [8]לעדיג.
22. וְשָׁאֲלָה אִשָּׁה	22. און (יעדע) פרוי זאל פערלאַנגען
מִשְּׁכֶנְתָּהּ	פון איהר נאַכבאַרין
וּמִגָּרַת בֵּיתָהּ	און פון די איינוואָהנערין פון איהר הויז
כְּלֵי־כֶסֶף	זילבערנע געפעס
וּכְלֵי זָהָב	און גאָלדענע געפעס
וּשְׂמָלֹת	און קליידער,
וְשַׂמְתֶּם	און איהר זאלט (עס) אַרויף־לייגען
עַל־בְּנֵיכֶם	אויף אייערע זיהן
וְעַל־בְּנֹתֵיכֶם	און אויף אייערע טעכטער,
וְנִצַּלְתֶּם אֶת־מִצְרָיִם׃	און איהר וועט [9]אויסליידי־גען מצרים.

Cap. IV.

ד

1. וַיַּעַן מֹשֶׁה	1. און משה האט געאַנט־וואָרט
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט:
וְהֵן	אָבער זעה,
לֹא־יַאֲמִינוּ לִי	זיי וועלען מיר ניט גלויבען,
וְלֹא יִשְׁמְעוּ בְּקֹלִי	און זיי וועלען ניט הערען אין מיין שטימע,
כִּי יֹאמְרוּ	דען זיי וועלען זאגען:
לֹא־נִרְאָה אֵלֶיךָ יְיָ׃	דער עוויגער האט זיך ניט בעוויזען צו דיר.

1) אָד. פון געשלעכט (צו) געשלעכט. 2) בעדאַכט. 3) אויפברייגגען. 4) העברעער, אידען. 5) איז ערשיענען; האט אונז בעגעגענט. 6) דריי טעג רייזע. 7) אָד. אַזוי ווי ואם לא: ווען ניט דורך א. ז. וו. 8) לעער. 9) בערויבען.

2. וַיֹּאמֶר אֵלָיו יְהוָֹה	2. און גאט האט געזאגט צו איהם:
מַזֶּה (מה זה ק׳) בְיָדֶךָ	וואס איז דאס אין דיין האנד?
וַיֹּאמֶר, מַטֶּה:	און ער האט געזאגט: א שטעקען.
3. וַיֹּאמֶר	3. און ער האט געזאגט:
הַשְׁלִיכֵהוּ אַרְצָה	ווארף איהם צו דער ערד!
וַיַּשְׁלִכֵהוּ אַרְצָה	און ער האט איהם געווארפען צו דער ערד,
וַיְהִי לְנָחָשׁ	און ער איז געווארען [צו] א שלאנג;
וַיָּנָס מֹשֶׁה מִפָּנָיו:	און משה איז אנטלאפען פון פאר איהם.
4. וַיֹּאמֶר יְהוָֹה	4. און דער עוויגער האט געזאגט
אֶל־מֹשֶׁה	צו משה:
שְׁלַח יָדְךָ	שטרעק אויס דיין האנד,
וֶאֱחֹז בִּזְנָבוֹ	און נעהם אן זיין עק!
וַיִּשְׁלַח יָדוֹ	און ער האט אויס־גע־שטרעקט זיין האנד,
וַיַּחֲזֶק בּוֹ	און ער האט איהם אנגע־נומען,
וַיְהִי לְמַטֶּה	און ער איז געווארען [צו] א שטעקען
בְּכַפּוֹ:	אין זיין האנד.
5. לְמַעַן יַאֲמִינוּ	5. אום זיי זאלען גלויבען
כִּי־נִרְאָה אֵלֶיךָ יְהוָֹה	דאס עס האט זיך בעוויזען צו דיר דער עוויגער,
אֱלֹהֵי אֲבֹתָם	דער גאט פון זייערע עלטערן,
אֱלֹהֵי אַבְרָהָם	דער גאט פון אברהם,
אֱלֹהֵי יִצְחָק	דער גאט פון יצחק
וֵאלֹהֵי יַעֲקֹב:	און דער גאט פון יעקב.
6. וַיֹּאמֶר יְיָ לוֹ עוֹד	6. און דער עוויגער האט ווידער געזאגט צו איהם:
הָבֵא־נָא יָדְךָ	ברייננ דאך אריין דיין האנד
בְּחֵיקֶךָ	אין דיין [1]בוזען!
וַיָּבֵא יָדוֹ	און ער האט אריין געבראכט זיין האנד
בְּחֵיקוֹ	אין זיין [1]בוזען,
וַיּוֹצִאָהּ	און ער האט איהר ארויס־געבראכט,
וְהִנֵּה יָדוֹ	און זעה, זיין האנד
מְצֹרַעַת כַּשָּׁלֶג:	(איז געווען) [2]אויסזעציג, ווי שניי.
7. וַיֹּאמֶר	7. און ער האט געזאגט:
הָשֵׁב יָדְךָ	קעהר צוריק דיין האנד
אֶל־חֵיקֶךָ	צו דיין [1]בוזען,
וַיָּשֶׁב יָדוֹ	און ער האט צוריק־גע־קעהרט זיין האנד
אֶל־חֵיקוֹ	צו זיין [1]בוזען,
וַיּוֹצִאָהּ	דאן האט ער איהר ארויס־געבראכט
מֵחֵיקוֹ	פון זיין [1]בוזען,
וְהִנֵּה־שָׁבָה	און זעה, [3]זי איז צוריק־געווארען
כִּבְשָׂרוֹ:	ווי זיין פלייש.
8. וְהָיָה	8. און עס וועט זיין,
אִם־לֹא יַאֲמִינוּ לָךְ	אויב זיי וועלען דיר ניט גלויבען
וְלֹא יִשְׁמְעוּ	און זיי וועלען ניט הערען
לְקֹל הָאֹת הָרִאשׁוֹן	צו די שטימע פון דעם ערסטען צייכען,
וְהֶאֱמִינוּ	דאן וועלען זיי גלויבען
לְקֹל הָאֹת הָאַחֲרוֹן:	צו די שטימע פון דעם לעצטען צייכען.
9. וְהָיָה	9. און עס וועט זיין,
אִם־לֹא יַאֲמִינוּ	אויב זיי וועלען ניט גלויבען
גַּם לִשְׁנֵי הָאֹתוֹת הָאֵלֶּה	אויך צו דיזע צוויי צייכענס,
וְלֹא יִשְׁמְעוּן לְקֹלֶךָ	און זיי וועלען ניט הערען צו דיין שטימע,
וְלָקַחְתָּ	דאן זאלסט'ו נעהמען
מִמֵּימֵי הַיְאֹר	פון די וואסער פון דעם פלוס,
וְשָׁפַכְתָּ הַיַּבָּשָׁה	און דו זאלסט אויס־גיסען (אויף) דער טריקניס,
וְהָיוּ הַמַּיִם	און עס וועט זיין, די וואסער
אֲשֶׁר תִּקַּח	וועלכע דו וועסט נעהמען
מִן־הַיְאֹר	פון דעם פלוס,
וְהָיוּ לְדָם	וועט ווערען [צו] בלוט
בַּיַּבָּשֶׁת:	אויף די טריקניס.
10. וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה	10. און משה האט געזאגט
אֶל־יְהוָֹה	צו דעם עוויגען:
בִּי אֲדֹנָי	איך ביטע, מיין הערר!
לֹא אִישׁ דְּבָרִים אָנֹכִי	איך בין ניט א מאן פון ווארטען,
גַּם מִתְּמוֹל	[5]אויך פון געסטערן
גַּם מִשִּׁלְשֹׁם	[5]אויך פון פאר־געסטערן,
גַּם מֵאָז דַּבֶּרְךָ	אויך (ניט) זייט־דעם דו האסט גערעדט
אֶל־עַבְדֶּךָ	צו דיין קנעכט,
כִּי כְבַד־פֶּה	דען (מיט) א שווערע מויל
וּכְבַד לָשׁוֹן	און א שווערען צונג
אָנֹכִי:	בין איך.
11. וַיֹּאמֶר יְהוָֹה אֵלָיו	11. און דער עוויגער האט געזאגט צו איהם:
מִי שָׂם פֶּה	ווער האט געמאכט א מויל

1) שאָס. 2) קרעציג. 3) זי האט זיך צוריק־געקעהרט 4) ד. ה. א גוטער רעדנער. 5) ניט.

לָֽאָדָם	צום מענשען,
אוֹ מִֽי־יָשׂוּם אִלֵּם	אָדער ווער מאַכט שטום,
אוֹ חֵרֵשׁ	אדער טויב,
אוֹ פִקֵּחַ	אדער זעהענדיג,
אוֹ עִוֵּר	אָדער בלינד?
הֲלֹא אָנֹכִי יְהוָה:	ניט איך, דער עוויגער?
12. וְעַתָּה לֵךְ	12. און יעצט גיי,
וְאָנֹכִי אֶֽהְיֶה	און איך וועל זיין
עִם־פִּיךָ	מיט דיין מויל,
וְהוֹרֵיתִיךָ	און איך וועל דיר לערנען,
אֲשֶׁר תְּדַבֵּר:	וואס דו זאלסט ריידען.
13. וַיֹּאמֶר	13. און ער האט געזאגט:
בִּי אֲדֹנָי	איך ביטע, מיין הערר!
שְׁלַח־נָא	שיק דאָך
בְּיַד־תִּשְׁלָח:	דורך וועמען דו ווילסט שיקען.
14. וַיִּֽחַר־אַף יְהוָה	14. און דער צאָרן פון דעם עוויגען האט געברענט
בְּמֹשֶׁה	געגען משה,
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט:
הֲלֹא אַהֲרֹן אָחִיךָ (הַלֵּוִי)	איז ניט אהרן דיין ברודער דער לוי?
יָדַעְתִּי	איך ווייס,
כִּֽי־דַבֵּר יְדַבֵּר הוּא	דאס ער קען גוט ריידען
וְגַם	און אויך
הִנֵּה־הוּא יֹצֵא	זעה, ער גייט ארויס
לִקְרָאתֶךָ	געגען דיר,
וְרָאֲךָ	און ער וועט דיך זעהן,
וְשָׂמַח בְּלִבּוֹ:	און ער וועט זיך פרעהען אין זיין הארצען.
15. וְדִבַּרְתָּ אֵלָיו	15. און דו זאלסט ריידען צו איהם,
וְשַׂמְתָּ	און דו זאלסט אַריינלייגען
אֶת־הַדְּבָרִים	די ווערטער
בְּפִיו	אין זיין מויל,
וְאָנֹכִי אֶֽהְיֶה	און איך וועל זיין
עִם־פִּיךָ	מיט דיין מויל
וְעִם־פִּיהוּ	און מיט זיין מויל,
וְהוֹרֵיתִי אֶתְכֶם	און איך וועל אייך לערנען,
אֵת אֲשֶׁר תַּעֲשׂוּן:	וואס איהר זאלט טהאָן.

16. וְדִבֶּר־הוּא לְךָ	16. און ער וועט ריידען פיר דיר
אֶל־הָעָם	צו דעם פאָלק;
וְהָיָה	און עס וועט זיין,
הוּא יִֽהְיֶה־לְּךָ	ער וועט זיין צו דיר
לְפֶה	[1]פיר אַ מויל,
וְאַתָּה תִּֽהְיֶה־לּוֹ	און דו וועסט זיין צו איהם
לֵֽאלֹהִים:	[2]פיר אַ גאט.
17. וְאֶת־הַמַּטֶּה הַזֶּה	17. און דיזען שטעקען
תִּקַּח בְּיָדֶךָ	זאלסט'ו נעהמען אין דיין האַנד,
אֲשֶׁר תַּֽעֲשֶׂה־בּוֹ	וואס דו זאלסט מאַכען מיט איהם
אֶת־הָאֹתֹת:	די צייכענס.
שִׁשִּׁי	שִׁשִּׁי
18. וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה	18. און משה איז געגאַנגען,
וַיָּשָׁב	און ער האט זיך צוריק־געקעהרט
אֶל־יֶתֶר חֹֽתְנוֹ	צו יתר, זיין שוויגער־פאַטער,
וַיֹּאמֶר לוֹ	און ער האט געזאגט צו איהם:
אֵֽלְכָה נָּא	איך וויל גיין,
וְאָשׁוּבָה	און איך וויל זיך צוריק־קעהרען
אֶל־אַחַי	צו מיינע ברידער,
אֲשֶׁר־בְּמִצְרַיִם	וועלכע זיינען אין מצרים,
וְאֶרְאֶה	און איך וויל זעהען,
הַעוֹדָם חַיִּים	אויב זיי לעבען נאָך.
וַיֹּאמֶר יִתְרוֹ	און יתרו האט געזאגט
לְמֹשֶׁה	צו משה:
לֵךְ לְשָׁלוֹם:	גיי אין פרידען!
19. וַיֹּאמֶר יְהוָה	19. און דער עוויגער האט געזאגט
אֶל־מֹשֶׁה	צו משה:
בְּמִדְיָן	אין מדין,
לֵךְ שֻׁב מִצְרָיִם	גיי, קעהר זיך צוריק (נאָך) מצרים,
כִּֽי־מֵתוּ כָּל־הָאֲנָשִׁים	דען עס זיינען געשטאָרבען די אַלע מענער,
הַֽמְבַקְשִׁים	וועלכע האבען געזוכט
אֶת־נַפְשֶׁךָ:	דיין זעלע.
20. וַיִּקַּח מֹשֶׁה	20. און משה האט גענומען
אֶת־אִשְׁתּוֹ	זיין פרוי
וְאֶת־בָּנָיו	און זיינע זיהן,
וַיַּרְכִּבֵם	און ער האט זיי געזעצט רייטען

1) אָנשטאַט.

עַל־הַחֲמֹר	אויף דעם אייזעל,
וַיָּשָׁב	און ער האט זיך צוריק־געקעהרט
אַרְצָה מִצְרָיִם	נאך די לאנד מצרים,
וַיִּקַּח מֹשֶׁה	און משה האט גענומען
אֶת־מַטֵּה הָאֱלֹהִים	דעם געטליכען שטעקען
בְּיָדוֹ׃	אין זיין האנד.
21. וַיֹּאמֶר יְהוָה	21. און דער עוויגער האט געזאגט
אֶל־מֹשֶׁה	צו משה:
בְּלֶכְתְּךָ	ווען דו געהסט
לָשׁוּב מִצְרַיְמָה	זיך צוריק־צו־קעהרען נאך מצרים
רְאֵה כָּל־הַמֹּפְתִים	זעה די אלע וואונדער,
אֲשֶׁר־שַׂמְתִּי בְיָדֶךָ	וועלכע איך האב [1]געגעבען אין דיין האנד,
וַעֲשִׂיתָם לִפְנֵי פַרְעֹה	און דו זאלסט זיי מאכען פאר פרעה,
וַאֲנִי אֲחַזֵּק	און איך וועל שטארקען
אֶת־לִבּוֹ	זיין הארץ,
וְלֹא יְשַׁלַּח	און ער וועט ניט ארויס־שיקען
אֶת־הָעָם׃	דאס פאלק.
22. וְאָמַרְתָּ	22. און דו זאלסט זאגען
אֶל־פַּרְעֹה	צו פרעה:
כֹּה אָמַר יְהוָה	אזוי האט געזאגט דער עוויגער:
בְּנִי בְכֹרִי יִשְׂרָאֵל׃	ישראל איז מיין זוהן, מיין ערסט־געבארענער.
23. וָאֹמַר אֵלֶיךָ	23. און איך [2]זאג צו דיר:
שַׁלַּח אֶת־בְּנִי	שיק ארויס מיין זוהן,
וְיַעַבְדֵנִי	דאס ער זאל מיך דינען!
וַתְּמָאֵן לְשַׁלְּחוֹ	און [3]ווען דו וועסט ניט וועלען איהם ארויס שיקען
הִנֵּה אָנֹכִי הֹרֵג	זעה, (דאן) דערשלאג איך
אֶת־בִּנְךָ בְּכֹרֶךָ׃	דיין זוהן, דיין ערסט־געבארענעם.
24. וַיְהִי בַדֶּרֶךְ	24. און עס איז געווען אויפ'ן וועג,
בַּמָּלוֹן	אין דעם הערבערג,
וַיִּפְגְּשֵׁהוּ יְהוָה	דאס גאט האט איהם בעגעגענט,
וַיְבַקֵּשׁ הֲמִיתוֹ׃	און ער האט געוואלט איהם טויטען.
25. וַתִּקַּח צִפֹּרָה צֹר	25. און צפרה האט גענומען א [4]שארפען שטיין
וַתִּכְרֹת	און זי האט אבגעשניטען
אֶת־עָרְלַת בְּנָהּ	די פארהויט פון איהר זוהן,
וַתַּגַּע לְרַגְלָיו	און זי האט (עס) [5]געווארפען צו זיינע פיס,
וַתֹּאמֶר	און זי האט געזאגט:

כִּי	וואהרליך!
חֲתַן־דָּמִים אַתָּה לִי׃	א בלוטיגער ברייטיגאם ביסט'ו צו מיר.
26. וַיִּרֶף מִמֶּנּוּ	26. און ער האט אבגע־לאזען פון איהם,
אָז אָמְרָה	דאן האט זי געזאגט:
חֲתַן דָּמִים	(דו ביסט) א בלוטיגער ברייטיגאם
לַמּוּלֹת.	וועגען בעשניידונג.
27. וַיֹּאמֶר יְהוָה	27. און דער עוויגער האט געזאגט
אֶל־אַהֲרֹן	צו אהרן:
לֵךְ לִקְרַאת מֹשֶׁה	גיי ענטגעגען משה
הַמִּדְבָּרָה	נאך די וויסטע;
וַיֵּלֶךְ	און ער איז געגאנגען,
וַיִּפְגְּשֵׁהוּ	און ער האט איהם בעגע־גענט
בְּהַר הָאֱלֹהִים	אויף גאטעס־בארג,
וַיִּשַּׁק־לוֹ׃	און ער האט איהם געקושט
28. וַיַּגֵּד מֹשֶׁה לְאַהֲרֹן	28. און משה האט דער־ציילט צו אהרן
אֵת כָּל־דִּבְרֵי יְהוָה	אלע ווערטער פון גאט,
אֲשֶׁר שְׁלָחוֹ	וועלכער האט איהם געשיקט,
וְאֵת כָּל־הָאֹתֹת	און אלע צייכענס,
אֲשֶׁר צִוָּהוּ׃	וועלכע ער האט איהם בעפוילען (צו מאכען).
29. וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן	29. און משה און אהרן זיינען געגאנגען,
וַיַּאַסְפוּ	און זיי האבען פערזאמעלט
אֶת־כָּל־זִקְנֵי	אלע עלטעסטע
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃	פון די קינדער ישראל.
30. וַיְדַבֵּר אַהֲרֹן	30. און אהרן האט גערעט
אֵת כָּל־הַדְּבָרִים	די אלע ווערטער,
אֲשֶׁר־דִּבֶּר יְהוָה	וועלכע דער עוויגער האט גערעט
אֶל־מֹשֶׁה	צו משה,
וַיַּעַשׂ הָאֹתֹת	און ער האט געמאכט די צייכענס
לְעֵינֵי הָעָם׃	פאר די אויגען פון דעם פאלק.
31. וַיַּאֲמֵן הָעָם	31. און דאס פאלק האט געגלויבט;
וַיִּשְׁמְעוּ	און ווען זיי האבען געהערט,
כִּי־פָקַד יְהוָה	דאס דער עוויגער האט [6]דערמאהנט
אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	די קינדער ישראל
וְכִי רָאָה אֶת־עָנְיָם	און דאס ער האט געזעהן זייער עלענד,
וַיִּקְּדוּ	דאן האבען זיי זיך [7]געקניט,
וַיִּשְׁתַּחֲווּ׃	און זיי האבען זיך געבוקט.

1) געלייגט. 2) האב געזאגט. 3) דו האסט ניט געוואלט א. ז. וו. 4) מעסער, שארפער מעסער; שטיינערנער מעסער. 5) צוגעלייגט. 6) בעדאכט. 7) פערנייגט.

Cap. V. ה

שְׁבִיעִי

1. וְאַחַר	1. און נאכהער
בָּאוּ מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן	זיינען געקומען משה און אהרן,
וַיֹּאמְרוּ אֶל־פַּרְעֹה	און זיי האבען געזאגט צו פרעה:
כֹּה־אָמַר יְהוָה	אזוי האט געזאגט דער עוויגער,
אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל	דער גאט פון ישראל,
שַׁלַּח אֶת־עַמִּי	שיק ארויס מיין פאלק,
וְיָחֹגּוּ לִי	דאס זיי זאלען האלטען א פייער־טאג פאר מיר
בַּמִּדְבָּר׃	אין דער וויסטע.
2. וַיֹּאמֶר פַּרְעֹה	2. און פרעה האט געזאגט:
מִי יְהוָה	ווער איז דער עוויגער,
אֲשֶׁר אֶשְׁמַע בְּקֹלוֹ	דאס איך זאל הערען אין זיין שטימע
לְשַׁלַּח אֶת־יִשְׂרָאֵל	ארויס צו שיקען די ישראל?
לֹא יָדַעְתִּי אֶת־יְהוָה	איך קען ניט דעם עוויגען
וְגַם אֶת־יִשְׂרָאֵל	און אויך די ישראל
לֹא אֲשַׁלֵּחַ׃	וועל איך ניט ארויס־שיקען.
3. וַיֹּאמְרוּ	3. און זיי האבען געזאגט:
אֱלֹהֵי הָעִבְרִים	דער גאט פון די [1]עברים
נִקְרָא עָלֵינוּ	[2]האט זיך געטראפען ביי אונז;
נֵלְכָה נָּא	מיר ווילען דאך גיין
דֶּרֶךְ שְׁלֹשֶׁת יָמִים	א וועג פון דריי טעג (רייזע)
בַּמִּדְבָּר	אין דער וויסטע,
וְנִזְבְּחָה	און מיר ווילען [3]שלאכטען
לַיהוָה אֱלֹהֵינוּ	צו דעם עוויגען, אונזער גאט,
פֶּן־יִפְגָּעֵנוּ	דאמיט ער זאל אונז ניט [4]פלאגען
בַּדֶּבֶר אוֹ בֶחָרֶב׃	מיט פעסט אדער מיט'ן שווערט.
4. וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם	4. און עס האט געזאגט צו זיי
מֶלֶךְ מִצְרַיִם	דער קעניג פון מצרים:
לָמָּה, מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן	וואָרום, משה און אהרן,
תַּפְרִיעוּ אֶת־הָעָם	שטערט איהר דאס פאלק
מִמַּעֲשָׂיו	פון זיינע ארבייטען?
לְכוּ לְסִבְלֹתֵיכֶם׃	גייט צו אייערע שווערע ארבייטען.
5. וַיֹּאמֶר פַּרְעֹה	5. און פרעה האט געזאגט:
הֵן־רַבִּים עַתָּה	זעה, [5]פיל איז יעצט
עַם הָאָרֶץ	דאס פאלק פון די לאנד.

וְהִשְׁבַּתֶּם אֹתָם	און איהר ווילט זיי [6]מאכען רוהען
מִסִּבְלֹתָם׃	פון זייערע שווערע ארבייטען?
6. וַיְצַו פַּרְעֹה	6. און פרעה האט בעפוילען
בַּיּוֹם הַהוּא	אין [7]יענעם טאג
אֶת־הַנֹּגְשִׂים בָּעָם	די בעדריקער פון דעם פאלק
וְאֶת־שֹׁטְרָיו	און זיינע אויפזעהערס,
לֵאמֹר׃	זאגענדיג:
7. לֹא תֹאסִפוּן לָתֵת תֶּבֶן לָעָם	7. גיט מעהר קיין שטרוי צום פאלק
לִלְבֹּן הַלְּבֵנִים	צו מאכען די ציגעל
כִּתְמוֹל שִׁלְשֹׁם	ווי געסטערן (און) פאר־געסטערן,[8]
הֵם יֵלְכוּ	זאלען זיי זעלבסט גיין,
וְקֹשְׁשׁוּ לָהֶם תֶּבֶן׃	און זאלען זיי זיך קלייבען שטרוי.
8. וְאֶת־מַתְכֹּנֶת	8. און דעם צאהל
הַלְּבֵנִים	פון די ציגעל,
אֲשֶׁר הֵם עֹשִׂים	וועלכע זיי (פלעגען) מאכען
תְּמוֹל שִׁלְשֹׁם	געסטערן (און) פאר־געסטערן,[8]
תָּשִׂימוּ עֲלֵיהֶם	זאלט איהר ארויפ־לייגען אויף זיי,
לֹא תִגְרְעוּ מִמֶּנּוּ	איהר זאלט ניט מינדערן פון איהם,
כִּי־נִרְפִּים הֵם	דען זיי זיינען פויל,
עַל־כֵּן הֵם צֹעֲקִים	דארום שרייען זיי,
לֵאמֹר	זאגענדיג:
נֵלְכָה	מיר ווילען גיין,
נִזְבְּחָה לֵאלֹהֵינוּ׃	מיר ווילען [3]שלאכטען צו אונזער גאט.
9. תִּכְבַּד הָעֲבֹדָה	9. בעשווערט זאל ווערען די ארבייט
עַל־הָאֲנָשִׁים	אויף די לייטע,
וְיַעֲשׂוּ־בָהּ	דאס זיי זאלען דארין צו טהאן האבען,
וְאַל־יִשְׁעוּ	און זיי וועלען זיך ניט ווענדען
בְּדִבְרֵי־שָׁקֶר׃	[9]צו פאלשע ווערטער.
10. וַיֵּצְאוּ	10. און עס זיינען ארויס־געגאנגען
נֹגְשֵׂי הָעָם	די בעדריקער פון דעם פאלק
וְשֹׁטְרָיו	און זיינע אויפזעהערס,
וַיֹּאמְרוּ אֶל־הָעָם	און זיי האבען געזאגט צו דעם פאלק,
לֵאמֹר	זאגענדיג:
כֹּה אָמַר פַּרְעֹה	אזוי האט געזאגט פרעה:
אֵינֶנִּי נֹתֵן לָכֶם תֶּבֶן׃	איך גיב אייך קיין שטרוי.

1) העברעער, אידען 2) איז ערשינען, האט אונז בעגעגענט. 3) אפפערן. 4) טרעפען. 5) צאהלרייך. 6) שטערען. 7) דעם זעלבען. 8) ד. ה. ווי ביז יעצט. 9) מיט.

11. אַתֶּם לְכוּ	11. איהר (זעלבסט) גייט,
קְחוּ לָכֶם תֶּבֶן	נעהמט אייך שטרוי
מֵאֲשֶׁר תִּמְצָאוּ	פון וואנען איהר וועט געפינען,
כִּי אֵין נִגְרָע	דען עס ווערט ניט געמינדערט
מֵעֲבֹדַתְכֶם	פון אייער ארבייט
דָּבָר׃	(קיין) זאַך.
12. וַיָּפֶץ הָעָם	12. און דאס פאלק האט זיך פערשפרייט
בְּכָל־אֶרֶץ מִצְרָיִם	אין די גאַנצע לאַנד מצרים
לְקֹשֵׁשׁ קַשׁ	צו קלייבען שטאפּעלן
לַתֶּבֶן׃	אַנשטאַט שטרוי.
13. וְהַנֹּגְשִׂים אָצִים	13. און די בעדריקער האָבען געדרענגט,
לֵאמֹר	זאָגענדיג:
כַּלּוּ מַעֲשֵׂיכֶם	ענדיגט אייערע אַרבייטען,
דְּבַר־יוֹם בְּיוֹמוֹ	(יעדעס) טאָג־ווערק אין זיין טאָג,
כַּאֲשֶׁר בִּהְיוֹת הַתֶּבֶן	אַזוי ווי ווען עס איז געוועזען די שטרוי.
14. וַיֻּכּוּ	14. און עס זיינען געשלאָגען געוואָרען
שֹׁטְרֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	די [1]אויפזעהערס פון די קינדער ישראל,
אֲשֶׁר־שָׂמוּ עֲלֵהֶם	וועלכע עס האבען געזעצט איבער זיי
נֹגְשֵׂי פַרְעֹה	פרעה'ס בעדריקער,
לֵאמֹר	זאָגענדיג:
מַדּוּעַ לֹא כִלִּיתֶם	ווארום האט איהר ניט געענדיגט
חָקְכֶם	אייער בעשטימטע (צאָל)
לִלְבֹּן	צו מאַכען ציגעל,
כִּתְמוֹל שִׁלְשֹׁם	ווי געסטערן (און) פאָרגעסטערן,
גַּם־תְּמוֹל גַּם־הַיּוֹם׃	אויך געסטערן אויך הייטע?
15. וַיָּבֹאוּ	15. און עס זיינען געקומען
שֹׁטְרֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	די [1]אויפזעהערס פון די קינדער ישראל,
וַיִּצְעֲקוּ אֶל־פַּרְעֹה	און זיי האבען געשריען צו פרעה,
לֵאמֹר	זאָגענדיג:
לָמָּה תַעֲשֶׂה כֹה	ווארום טהוסט'ו אַזוי
לַעֲבָדֶיךָ׃	צו דיינע קנעכט?
16. תֶּבֶן	16. שטרוי
אֵין נִתָּן לַעֲבָדֶיךָ	ווערט ניט געגעבען צו דיינע קנעכט,
וּלְבֵנִים	און ציגעל,
אֹמְרִים לָנוּ	זאגט מען אונז,
עֲשׂוּ	מאַכט.

וְהִנֵּה עֲבָדֶיךָ מֻכִּים	און זעה, דיינע קנעכט ווערען געשלאָגען,
וְחָטָאת עַמֶּךָ׃	דאָך שולד האט דיין פאלק[2].
17. וַיֹּאמֶר	17. און ער האט געזאגט:
נִרְפִּים אַתֶּם נִרְפִּים	פויל זייט איהר, פויל,
עַל־כֵּן אַתֶּם אֹמְרִים	דאַרום זאגט איהר:
נֵלְכָה	מיר ווילען גיין,
נִזְבְּחָה לַיהוָה׃	מיר ווילען שלאַכטען צום עוויגען.
18. וְעַתָּה לְכוּ עִבְדוּ	18. און יעצט, גייט, אַרבייט,
וְתֶבֶן לֹא־יִנָּתֵן לָכֶם	אבער שטרוי וועט אייך ניט געגעבען ווערען,
וְתֹכֶן לְבֵנִים	און דעם צאָל ציגעל
תִּתֵּנוּ׃	מוסט איהר געבען.
19. וַיִּרְאוּ שֹׁטְרֵי בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֹתָם	19 און די אויפזעהערס פון די קינדער ישראל האבען [3]זיי געזעהן
בְּרָע	אין [4]נויטה,
לֵאמֹר	ווייל מען האט צו זיי געזאָגט:
לֹא־תִגְרְעוּ	איהר זאלט ניט מינדערן
מִלִּבְנֵיכֶם	פון אייערע ציגעל
דְּבַר־יוֹם בְּיוֹמוֹ׃	(יעדעס) טאָג־ווערק אין זיין טאָג.
20. וַיִּפְגְּעוּ	20. און זיי האבען בעגעגנט
אֶת־מֹשֶׁה וְאֶת־אַהֲרֹן	משה און אהרן
נִצָּבִים לִקְרָאתָם	שטעהענדיג ענטגעגען זיי,
בְּצֵאתָם	ווען זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען
מֵאֵת פַּרְעֹה׃	פון פרעה.
מַפְטִיר	מַפְטִיר
21. וַיֹּאמְרוּ אֲלֵהֶם	21. און זיי האבען געזאגט צו זיי:
יֵרֶא יְהוָה עֲלֵיכֶם	דער עוויגער זאָל זעהן אויף אייך,
וְיִשְׁפֹּט	און ער זאל ריכטען,
אֲשֶׁר הִבְאַשְׁתֶּם	ווייל איהר האט שטינקענד געמאַכט
אֶת־רֵיחֵנוּ	אונזער גערוך[5]
בְּעֵינֵי פַרְעֹה	אין די אויגען פון פרעה
וּבְעֵינֵי עֲבָדָיו	און אין די אויגען פון זיינע קנעכט,
לָתֶת־חֶרֶב בְּיָדָם	צו געבען אַ שווערט אין זייער האַנד
לְהָרְגֵנוּ׃	אונז צו דערשלאגען!
22. וַיָּשָׁב מֹשֶׁה	23. און משה האט זיך צוריק־געקעהרט
אֶל־יְהוָה	צו דעם עוויגען,
וַיֹּאמַר	און ער האט געזאגט:

1) בעאַמטע. 2) ד. ה. די עגיפּטער, ווייל זיי גיבען קיין שטרוי. זעה פערשיעדענע פּרושים אין דר. פהיליפּזאהן'ס קאָמענטאַר. 3) ד. ה. זייערע ברידער; אדער: זיך זעלבסט. 4) א שלעכטע (לאַגע). 5) ד. ה. פּעראַכטעט.

אֲדֹנָי	מיין הערר !
לָמָה הֲרֵעֹתָה	ווארום האסט'ו שלעכטעס געטהאָן
לָעָם הַזֶּה	צו דיזע פאָלק ?
לָמָּה זֶּה שְׁלַחְתָּנִי׃	ווארום דען האסט'ו מיך געשיקט ?
23. וּמֵאָז בָּאתִי	23. און זייט־דעם איך בין געקומען
אֶל־פַּרְעֹה	צו פרעה
לְדַבֵּר בִּשְׁמֶךָ	צו ריידען אין דיין נאמען,
הֵרַע לָעָם הַזֶּה	האט ער שלעכטעס געטאָן צו דיזע פאלק,
וְהַצֵּל	אָבער רעטען
לֹא־הִצַּלְתָּ	האסט'ו ניט גערעטעט
אֶת־עַמֶּךָ׃	דיין פאָלק.

CAP. VI. ו

1. וַיֹּאמֶר יְהוָה	1. און דער עוויגער האט געזאגט
אֶל־מֹשֶׁה	צו משה:
עַתָּה תִרְאֶה	יעצט וועסט ו זעהן,
אֲשֶׁר אֶעֱשֶׂה לְפַרְעֹה	וואס איך וועל טהאָן צו פרעה,
כִּי בְיָד חֲזָקָה	דען מיט אַ שטאַרקע האַנד
יְשַׁלְּחֵם	וועט ער זיי אַרויס־שיקען,
וּבְיָד חֲזָקָה	און מיט אַ שטאַרקע האַנד
יְגָרְשֵׁם מֵאַרְצוֹ׃	וועט ער זיי אַרויס־טרייבען פון זיין לאַנד.

וָאֵרָא VAAYRAH.

2. וַיְדַבֵּר אֱלֹהִים	2. און גאט האט גערעט
אֶל־מֹשֶׁה	צו משה,
וַיֹּאמֶר אֵלָיו	און ער האט געזאגט צו איהם:
אֲנִי יְהוָה׃	איך בין דער עוויגער.
3. וָאֵרָא	3. און איך האב זיך בעוויזען
אֶל־אַבְרָהָם	צו אברהם,
אֶל־יִצְחָק	צו יצחק,
וְאֶל־יַעֲקֹב	און צו יעקב,
בְּאֵל שַׁדָּי	אַלס גאט דער אַלמעכטיגער
וּשְׁמִי יְהוָה	אָבער (מיט) מיין נאמען עוויגער
לֹא נוֹדַעְתִּי לָהֶם׃	בין איך ניט בעקאַנט געוואָרען צו זיי.
4. וְגַם הֲקִמֹתִי	4. און איך האב אויך אויפגעשטעלט
אֶת־בְּרִיתִי אִתָּם	מיין בונד מיט זיי
לָתֵת לָהֶם	זיי צו געבען
אֶת־אֶרֶץ כְּנָעַן	די לאַנד כנען,
אֵת אֶרֶץ מְגֻרֵיהֶם	די לאַנד פון זייער אויפענט־האַלט,
אֲשֶׁר־גָּרוּ בָהּ׃	וואס זיי האבען זיך אויפ־געהאַלטען אין איהר.
5. וְגַם אֲנִי שָׁמַעְתִּי	5. און איך האב אויך געהערט
אֶת־נַאֲקַת	דאס יאַמערען
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	פון די קינדער ישראל,
אֲשֶׁר מִצְרַיִם	וואס די מצרים
מַעֲבִדִים אֹתָם	מאַכען זיי אַרבייטען,
וָאֶזְכֹּר אֶת־בְּרִיתִי׃	און איך האב געדיינקט וועגען מיין בונד.
6. לָכֵן	6. דאַרום
אֱמֹר לִבְנֵי־יִשְׂרָאֵל	זאָג צו די קינדער ישראל:
אֲנִי יְהוָה	איך בין דער עוויגער,
וְהוֹצֵאתִי אֶתְכֶם	און איך וועל אייך אַרויס־פיהרען
מִתַּחַת סִבְלֹת מִצְרָיִם	פון אונטער די שווערע אַרבייטען פון מצרים,
וְהִצַּלְתִּי אֶתְכֶם	און איך וועל אייך רעטען
מֵעֲבֹדָתָם	פון זייער דינסט,
וְגָאַלְתִּי אֶתְכֶם	און איך וועל אייך ערלייזען
בִּזְרוֹעַ נְטוּיָה	מיט איין אויס־געשטרעק־טען אַרם
וּבִשְׁפָטִים גְּדֹלִים׃	און מיט גרויסע שטראָף־געריכטען.
7. וְלָקַחְתִּי אֶתְכֶם לִי לְעָם	7. און איך וועל אייך נעהמען צו מיר פיר אַ פאלק,
וְהָיִיתִי לָכֶם	און איך וועל זיין צו אייך
לֵאלֹהִים	פיר אַ גאט,
וִידַעְתֶּם	און איהר וועט וויסען,
כִּי אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם	דאס איך בין דער עוויגער אייער גאט,
הַמּוֹצִיא אֶתְכֶם	וועלכער פיהרט אייך ארויס
מִתַּחַת סִבְלוֹת מִצְרָיִם׃	פון אונטער די שווערע אַרבייטען פון מצרים.
8. וְהֵבֵאתִי אֶתְכֶם	8. און איך וועל אייך ברייגגען
אֶל־הָאָרֶץ	צו די לאַנד,
אֲשֶׁר נָשָׂאתִי אֶת־יָדִי	וואס איך האב אויפגעהויבען מיין האַנד(צו שווערען)
לָתֵת אֹתָהּ	איהר צו געבען
לְאַבְרָהָם לְיִצְחָק וּלְיַעֲקֹב	צו אברהם, צו יצחק, און צו יעקב,

וְנָתַתִּי אֹתָהּ לָכֶם	און איך וועל איהר געבען צו אייך
מוֹרָשָׁה	(פיר) איין ערב.
אֲנִי יְהֹוָה׃	איך, דער עוויגער!
9. וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה כֵּן	9. און משה האט אזוי גערעט
אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	צו די קינדער ישראל,
וְלֹא שָׁמְעוּ	אָבער זיי האבען ניט געהערט
אֶל־מֹשֶׁה	צו משה
מִקֹּצֶר רוּחַ	פון [1]קורצען־געמיטה
וּמֵעֲבֹדָה קָשָׁה׃	און פון שווערע אַרבייט.
10. וַיְדַבֵּר יְהֹוָה	10. און דער עוויגער האט גערעט
אֶל־מֹשֶׁה	צו משה,
לֵּאמֹר׃	זאָגענדיג:
11. בֹּא דַבֵּר אֶל־פַּרְעֹה	11. קום, רייד צו פרעה,
מֶלֶךְ מִצְרָיִם	דעם קעניג פון מצרים,
וִישַׁלַּח	דאס ער זאל אַרויס־שיקען
אֶת־בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל	די קינדער ישראל
מֵאַרְצוֹ׃	פון זיין לאנד.
12. וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה	12. און משה האט גערעט
לִפְנֵי יְהֹוָה	פאר דעם עוויגען,
לֵאמֹר	זאגענדיג:
הֵן בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל	זעה, די קינדער ישראל
לֹא־שָׁמְעוּ אֵלַי	האבען מיר ניט צו געהערט,
וְאֵיךְ יִשְׁמָעֵנִי פַרְעֹה	[2]און ווי זאָל מיר פרעה הערען?
וַאֲנִי עֲרַל שְׂפָתָיִם׃	און איך בין (דאָך מיט) אונבעשניטענע ליפען[3].
13. וַיְדַבֵּר יְהֹוָה	13. און דער עוויגער האט גערעט
אֶל־מֹשֶׁה וְאֶל־אַהֲרֹן	צו משה און צו אהרן,
וַיְצַוֵּם	און ער האט זיי בעפוילען
אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	צו די קינדער ישראל
וְאֶל־פַּרְעֹה	און צו פרעה,
מֶלֶךְ מִצְרָיִם	דעם קעניג פון מצרים,
לְהוֹצִיא	אַרויס־צו־פיהרען
אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	די קינדער ישראל
מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם׃	פון די לאַנד מצרים.
שני	שני
14. אֵלֶּה רָאשֵׁי	14. דיזע זיינען די הייפטער
בֵית־אֲבֹתָם	פון זייער פעטערליכע הויז:

בְּנֵי רְאוּבֵן	די זיהן פון ראובן,
בְּכֹר יִשְׂרָאֵל	דער ערסט־געבאָרענער פון ישראל,
חֲנוֹךְ וּפַלּוּא	(זיינען געווען): חניך און פלוא,
חֶצְרוֹן וְכַרְמִי	חצרון און כרמי;
אֵלֶּה מִשְׁפְּחֹת רְאוּבֵן	דיזע זיינען די פאמיליען פון ראובן.
15. וּבְנֵי שִׁמְעוֹן	15. און די זיהן פון שמעון (זיינען געווען):
יְמוּאֵל וְיָמִין וְאֹהַד	ימואל, און ימין, און אוהד,
וְיָכִין וְצֹחַר	און יכין און צוחר,
וְשָׁאוּל בֶּן־הַכְּנַעֲנִית	און שאול, דער זוהן פון דער כנענית;
אֵלֶּה	דיזע זיינען
מִשְׁפְּחֹת שִׁמְעוֹן׃	די פאַמיליען פון שמעון.
16. וְאֵלֶּה שְׁמוֹת	16. און דיזע זיינען די נעמען
בְנֵי־לֵוִי	פון לוי'ס זיהן,
לְתֹלְדֹתָם	נאך זייערע געשלעכטער:
גֵּרְשׁוֹן וּקְהָת וּמְרָרִי	גרשון, און קהת און מררי;
וּשְׁנֵי חַיֵּי לֵוִי	און די לעבענ'ס יאָהרען פון לוי (זיינען געווען)
שֶׁבַע וּשְׁלֹשִׁים וּמְאַת שָׁנָה׃	הונדערט און זיבען און דרייסיג יאָהר.
17. בְּנֵי גֵרְשׁוֹן	17. די זיהן פון גרשון (זיינען געווען):
לִבְנִי וְשִׁמְעִי	לבני און שמעי,
לְמִשְׁפְּחֹתָם׃	נאך זייערע פאמיליען.
18. וּבְנֵי קְהָת	18. און די זיהן פון קהת (זיינען געווען):
עַמְרָם וְיִצְהָר	עמרם, און יצהר,
וְחֶבְרוֹן וְעֻזִּיאֵל	און חברון און עוזיאל;
וּשְׁנֵי חַיֵּי קְהָת	און די לעבענ'ס יאָהרען פון קהת (זיינען געווען)
שָׁלֹשׁ וּשְׁלֹשִׁים וּמְאַת שָׁנָה׃	הונדערט און דריי און דרייסיג יאָהר.
19. וּבְנֵי מְרָרִי	19. און די זיהן פון מררי (זיינען געווען):
מַחְלִי וּמוּשִׁי	מחלי און מושי;
אֵלֶּה מִשְׁפְּחֹת הַלֵּוִי	דיזע זיינען די פאַמיליען פון לוי.
לְתֹלְדֹתָם׃	נאך זייערע געשלעכטער.
20. וַיִּקַּח עַמְרָם	20. און עמרם האט גענומען
אֶת־יוֹכֶבֶד דֹּדָתוֹ	יוכבד, זיין [4]טאַנטע,
לוֹ לְאִשָּׁה	צו זיך פיר אַ פרוי,
וַתֵּלֶד לוֹ	און זי האט געבאָרען צו איהם
אֶת־אַהֲרֹן	אהרן

1) אונמוטה, נידערשלאָגענהייט. אונגעדולד. 2) טאָ ווי־זשע זאל א. ז. וו. 3) ד. ה. אַ שטאַמלער. 4) מוהמע,

וְאֶת־מֹשֶׁה	און משה,
וּשְׁנֵי חַיֵּי עַמְרָם	און די לעבענ'ס יאָהרען פון עמרם (זיינען געווען)
שֶׁבַע וּשְׁלֹשִׁים וּמְאַת שָׁנָה׃	הונדערט און זיבען און דרייסיג יאָהר.
21. וּבְנֵי יִצְהָר	21. און די זיהן פון יצהר (זיינען געווען):
קֹרַח וָנֶפֶג וְזִכְרִי׃	קרח, און נפג, און זכרי.
22. וּבְנֵי עֻזִּיאֵל	22. און די זיהן פון עוזיאל (זיינען געווען):
מִישָׁאֵל וְאֶלְצָפָן	מישאל און אלצפן
וְסִתְרִי׃	און סתרי.
23. וַיִּקַּח אַהֲרֹן	23. און אהרן האט גענומען
אֶת־אֱלִישֶׁבַע	אלישבע,
בַּת־עַמִּינָדָב	די טאכטער פון עמינדב,
אֲחוֹת נַחְשׁוֹן	די שוועסטער פון נחשון,
לוֹ לְאִשָּׁה	צו זיך פיר אַ פרוי,
וַתֵּלֶד לוֹ	און זי האט געבארען צו איהם:
אֶת־נָדָב	נדב
וְאֶת־אֲבִיהוּא	און אביהוא,
אֶת־אֶלְעָזָר	אלעזר
וְאֶת־אִיתָמָר׃	און איתמר.
24. וּבְנֵי קֹרַח	24. און די זיהן פון קרח (זיינען געווען):
אַסִּיר וְאֶלְקָנָה	אסיר, און אלקנה,
וַאֲבִיאָסָף	און אביאסף;
אֵלֶּה	דיזע זיינען
מִשְׁפְּחֹת הַקָּרְחִי׃	די פאַמיליען פון קרח.
25. וְאֶלְעָזָר בֶּן אַהֲרֹן	25. און אלעזר אהרן'ס זוהן
לָקַח־לוֹ	האט זיך גענומען
מִבְּנוֹת פּוּטִיאֵל	פון פוטיאל'ס טעכטער,
לוֹ לְאִשָּׁה	צו זיך פיר אַ פרוי,
וַתֵּלֶד לוֹ	און זי האט געבאָרען צו איהם
אֶת־פִּינְחָס	פינחס;
אֵלֶּה רָאשֵׁי	דיזע זיינען די הייפטער
אֲבוֹת הַלְוִיִּם	פון די (שטאַם)-פעטער פון די לוים
לְמִשְׁפְּחֹתָם׃	נאך זייערע פאַמיליען.
26. הוּא אַהֲרֹן וּמֹשֶׁה	26. דאס איז אהרן און משה,
אֲשֶׁר אָמַר יְהוָה לָהֶם	וואס דער עוויגער האט געזאגט צו זיי:

הוֹצִיאוּ	פיהרט ארויס
אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	די קינדער ישראל
מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם	פון די לאַנד מצרים
עַל־צִבְאֹתָם׃	נאך זייערע [1]העערען.
27. הֵם הַמְדַבְּרִים	27. דיזע זיינען עס, וועלכע האבען גערעט
אֶל־פַּרְעֹה	צו פרעה,
מֶלֶךְ־מִצְרַיִם	דעם קעניג פון מצרים,
לְהוֹצִיא	אום אַרויס-צופיהרען
אֶת־בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל	די קינדער ישראל
מִמִּצְרָיִם	פון מצרים,
הוּא מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן׃	דאס איז משה און אהרן.
28. וַיְהִי	28. און עס איז געווען,
בְּיוֹם	אין דעם טאג,
דִּבֶּר יְהוָה	(וואס) דער עוויגער האט גערעט
אֶל־מֹשֶׁה	צו משה
בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם׃	אין די לאַנד מצרים,
שְׁלִישִׁי	שְׁלִישִׁי
29. וַיְדַבֵּר יְהוָה	29. דאס דער עוויגער האט גערעט
אֶל־מֹשֶׁה	צו משה
לֵּאמֹר	זאָגענדיג:
אֲנִי יְהוָה	איך בין דער עוויגער!
דַּבֵּר אֶל־פַּרְעֹה	רייד צו פרעה,
מֶלֶךְ מִצְרַיִם	דעם קעניג פון מצרים,
אֵת כָּל־אֲשֶׁר אֲנִי דֹּבֵר אֵלֶיךָ׃	אַלעס, וואס איך רייד צו דיר.
30. וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה	30. און משה האט געזאגט
לִפְנֵי יְהוָה	פאר דעם עוויגען:
הֵן אֲנִי עֲרַל שְׂפָתַיִם	זעה, איך בין (מיט) אונבע־שניטענע ליפען,
וְאֵיךְ	און ווי
יִשְׁמַע אֵלַי פַּרְעֹה׃	זאל פרעה מיר צו הערען!

Cap. VII.

ז

1. וַיֹּאמֶר יְהוָה	1. און דער עוויגער האט געזאגט
אֶל־מֹשֶׁה	צו משה:
רְאֵה	זעה,
נְתַתִּיךָ אֱלֹהִים	איך האב דיך [2]געמאכט (פיר) אַ [3]גאט
לְפַרְעֹה	צו פרעה,

1) חיל; קריגס-שאַארען. 2) געגעבען, געזעצט. 3) ד. ה. אַ פאָרשפרעכער, דער, וואס זאגט דעם רעדנער (נביא), וואס צוריידען.

וְאַהֲרֹן אָחִיךָ	און אהרן, דיין ברודער,
יִהְיֶה נְבִיאֶךָ׃	וועט זיין דיין פּראָפעט.
2. אַתָּה תְדַבֵּר	2. דו וועסט ריידען
אֵת כָּל־אֲשֶׁר אֲצַוֶּךָּ	אַלעס, וואס איך וועל דיר בעפֿוילען,
וְאַהֲרֹן אָחִיךָ	און אהרן, דיין ברודער,
יְדַבֵּר אֶל־פַּרְעֹה	וועט ריידען צו פרעה,
וְשִׁלַּח	דאס ער זאָל אַרויס־שיקען
אֶת־בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל	די קינדער ישראל
מֵאַרְצוֹ׃	פון זיין לאַנד.
3. וַאֲנִי אַקְשֶׁה	3. אָבער איך וועל האַרט מאַכען
אֶת־לֵב פַּרְעֹה	פרעה׳ס האַרץ,
וְהִרְבֵּיתִי אֶת־אֹתֹתַי	און איך וועל מעהרען מיינע צייכענס
וְאֶת־מוֹפְתַי	און מיינע וואונדער
בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם׃	אין די לאַנד מצרים.
4. וְלֹא־יִשְׁמַע אֲלֵכֶם פַּרְעֹה	4. און פרעה וועט אייך ניט צו־העֹרען,
וְנָתַתִּי אֶת־יָדִי	און איך וועל לייגען מיין האַנד
בְּמִצְרָיִם	אויף מצרים,
וְהוֹצֵאתִי אֶת צִבְאֹתַי	און איך וועל אַרויס־פיהרען מיינע [1]העערען,
אֶת־עַמִּי	מיין פאָלק,
בְנֵי־יִשְׂרָאֵל	די קינדער ישראל,
מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם	פון די לאַנד מצרים
בִּשְׁפָטִים גְּדֹלִים׃	מיט גרויסע שטראָף־געריכטען.
5. וְיָדְעוּ מִצְרַיִם	5. און די מצרים וועלען וויסען
כִּי־אֲנִי יְהוָֹה	דאס איך בין דער עוויגער,
בִּנְטֹתִי אֶת־יָדִי	ווען איך וועל אויס־שטרעקען מיין האַנד
עַל־מִצְרָיִם	איבער מצרים,
וְהוֹצֵאתִי	און איך וועל אַרויס־פיהרען
אֶת־בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל	די קינדער ישראל
מִתּוֹכָם׃	פון צווישען זיי.
6. וַיַּעַשׂ מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן	6. און משה און אהרן האָבען (עס) געטאָן;
כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָֹה אֹתָם	ווי דער עוויגער האט זיי בעפוילען,
לְשַׁלְּחָם מִן־הָאָרֶץ	זיי ארויס־צו־שיקען פון דאס לאנד,
כִּי אָמְרוּ	דען זיי האבען געזאגט:
כֻּלָּנוּ מֵתִים׃	מיר אלע שטארבען!
34. וַיִּשָּׂא הָעָם	34. און דאס פאלק האט געטראגען
אֶת־בְּצֵקוֹ	זיינע טייג
טֶרֶם יֶחְמָץ	בעפאר עס איז נאך געוואַ־רען זויער,
מִשְׁאֲרֹתָם	זייערע [3]טייג־שיסלען
צְרֻרֹת בְּשִׂמְלֹתָם	איינגעבונדען אין זייערע קליידער
עַל־שִׁכְמָם׃	אויף זייער שולטער.
35. וּבְנֵי־יִשְׂרָאֵל עָשׂוּ	35. און די קינדער ישראל האבען געטאן,
כִּדְבַר מֹשֶׁה	ווי משה'ס ווארט,
וַיִּשְׁאֲלוּ מִמִּצְרַיִם	און זיי האבען [4]פערלאנגט פון די מצרים
כְּלֵי־כֶסֶף וּכְלֵי זָהָב	זילבערנע געפעס און גאלדערנע געפעס
וּשְׂמָלֹת׃	און קליידער.
36. וַיהוָה נָתַן	36. און דער עוויגער האט געגעבען
אֶת־חֵן הָעָם	גונסט צום פאלק
בְּעֵינֵי מִצְרַיִם	אין די אויגען פון די מצרים.
וַיַּשְׁאִלוּם	און זיי האבען זיי [4]געגעבען זייער פערלאנג,
וַיְנַצְּלוּ אֶת־מִצְרָיִם׃	און זיי האבען אויסגע־ליידיגט די מצרים.
37 וַיִּסְעוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל	37. און די קינדער ישראל האבען געררייזט
מֵרַעְמְסֵס סֻכֹּתָה	פון רעמסס נאך סכות,
כְּשֵׁשׁ־מֵאוֹת אֶלֶף	אונגעפעהר זעקס הונדערט טויזענד
רַגְלִי	פוס־געהער,
הַגְּבָרִים לְבַד מִטָּף׃	די מענער אויסער קינדער.

1) פערנייגט. 2) האבען זיך געשטארקט. 3) מולטערס, ברויט־דייזעס, באקטרעגע. 4) אדער: געליהען.

38. וְגַם־עֵרֶב רַב	38. און אויך פיל ¹געמיש־טעס־(פאָלק)
עָלָה אִתָּם	איז אויפגעגאַנגען מיט זיי
וְצֹאן וּבָקָר	און שאָף און רינדער,
מִקְנֶה כָּבֵד מְאֹד׃	זעהר אַ ²שווערע הערדע.
39. וַיֹּאפוּ אֶת־הַבָּצֵק	39. און זיי האבען געבאַקען (פון) די טייג,
אֲשֶׁר הוֹצִיאוּ	וועלכע זיי האבען אַרויס־געבראַכט
מִמִּצְרַיִם	פון מצרים,
עֻגֹת מַצּוֹת	אונגעזייערטע קוכענס.
כִּי לֹא חָמֵץ	דען עס איז ניט זויער געוואָרען,
כִּי־גֹרְשׁוּ מִמִּצְרַיִם	דען זיי זיינען אַרויסגעטריבען געוואָרען פון מצרים,
וְלֹא יָכְלוּ	און זיי האָבען ניט געקענט
לְהִתְמַהְמֵהַּ	זיך פערזאַמען.
וְגַם־צֵדָה	און אויך שפּייזע
לֹא־עָשׂוּ לָהֶם׃	האבען זיי ניט געמאַכט פיר זיך.
40. וּמוֹשַׁב	40. און די וואָהנ־צייט
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	פון די קינדער ישראל,
אֲשֶׁר יָשְׁבוּ בְּמִצְרָיִם	וואס זיי האָבען געוואָהנט אין מצרים,
שְׁלֹשִׁים שָׁנָה	(איז געוועזען) דרייסיג יאהר
וְאַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה׃	און פיער הונדערט יאהר.
41. וַיְהִי	41. און עס איז געוועזען
מִקֵּץ שְׁלֹשִׁים שָׁנָה	צום ענדע פון דרייסיג יאָהר
וְאַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה	און פיער הונדערט יאהר,
וַיְהִי	און עס איז געוועזען
בְּעֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה	אין דעם זעלבען טאָג
יָצְאוּ	זיינען אַרויס־געגאַנגען
כָּל־צִבְאוֹת יְהוָה	אַלע הערען פון דעם עוויגען,³
מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם׃	פון דאס לאַנד מצרים.
42. לֵיל שִׁמֻּרִים הוּא	42. עס איז אַ נאַכט פון היטונג⁴
לַיהוָה	פון דעם עוויגען'ס וועגען,
לְהוֹצִיאָם	ווייל ער האט זיי אַרויס־געפיהרט
מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם	פון דאס לאַנד מצרים,
הוּא־הַלַּיְלָה הַזֶּה	דאס איז די זעלבע נאַכט,
לַיהוָה שִׁמֻּרִים	(וועלכע איז) אַ ⁴היטונג פון דעם עוויגען'ס וועגען
לְכָל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	ביי אַלע קינדער ישראל,
לְדֹרֹתָם׃	פיר זייערע געשלעכטער.
43. וַיֹּאמֶר יְהוָה	43. און דער עוויגער האט געזאָגט

אֶל־מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן	צו משה און אהרן:
זֹאת חֻקַּת הַפָּסַח	דיזעס איז דאס געזעטץ פון פסח־אָפּפער,
כָּל־בֶּן־נֵכָר	⁵יעדער פרעמדער
לֹא־יֹאכַל בּוֹ׃	זאָל ניט עסען פון איהם.
44. וְכָל־עֶבֶד אִישׁ	44. און יעדער קנעכט פון אַ מאַן,
מִקְנַת־כָּסֶף	אַ געקויפטער פיר געלד,
וּמַלְתָּה אֹתוֹ	זאָלסט'ו איהם בעשניידען,
אָז יֹאכַל בּוֹ׃	דאַן קען ער עסען פון איהם.
45. תּוֹשָׁב וְשָׂכִיר	45. איין איינוואָהנער און אַ געדונגענער⁶
לֹא־יֹאכַל בּוֹ׃	זאָל ניט עסען פון איהם.
46. בְּבַיִת אֶחָד יֵאָכֵל	46. אין איין הויז זאל עס געגעסען ווערען,
לֹא־תוֹצִיא מִן־הַבַּיִת	דו זאָלסט ניט אַרויס־ברייננגען פון'ם הויז
מִן־הַבָּשָׂר	פון די פלייש
חוּצָה	אין דרויסען,
וְעֶצֶם	און אַ ביין
לֹא תִשְׁבְּרוּ־בוֹ׃	זאָלט איהר ניט צוברעכען פון איהם.
47. כָּל־עֲדַת יִשְׂרָאֵל	47. די גאַנצע געמיינדע פון ישראל
יַעֲשׂוּ אֹתוֹ׃	זאָלען איהם מאַכען.
48. וְכִי־יָגוּר אִתְּךָ	48. און ווען עס וועט זיך אויפהאַלטען ביי דיר
גֵּר	אַ פרעמדער,
וְעָשָׂה פֶסַח לַיהוָה	און ער וועט וועלען מאַכען אַ פסח־אָפּפער צום עוויגען,
הִמּוֹל לוֹ כָל־זָכָר	זאָל ביי איהם בעשניטען ווערען יעדעס מענליכע,
וְאָז יִקְרַב לַעֲשֹׂתוֹ	און דאַן קען ער זיך ערנעהנטערן איהם צו מאַכען,
וְהָיָה	און ער וועט זיין
כְּאֶזְרַח הָאָרֶץ	ווי דער איינגעבאָרענער פון דעם לאַנד,
וְכָל־עָרֵל	אבער ⁵יעדער אונבעשניטענער
לֹא־יֹאכַל בּוֹ׃	זאל ניט עסען פון איהם.
49. תּוֹרָה אַחַת יִהְיֶה	49. איין געזעטץ זאָל זיין
לָאֶזְרָח	פיר דעם איינגעבאָרענעם,
וְלַגֵּר	און פיר דעם פרעמדען,
הַגָּר בְּתוֹכְכֶם׃	וועלכער וואָהנט צווישען אייך.
50. וַיַּעֲשׂוּ כָּל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	50. און אַלע קינדער ישראל האבען געטאָן,
כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה	ווי דער עוויגער האט בעפוילען
אֶת־מֹשֶׁה וְאֶת־אַהֲרֹן	משה און אהרן
כֵּן עָשׂוּ׃	אַזוי האבען זיי געטאָן.

1) אַ געמיש פון פערשידענע פעלקער. 2) גרויסע. 3) ד. ה. גאָטעס-פאָלק. 4) ד. ה. וועלכע דאַרף געהיט ווע[illegible]ן, געהאַלטען ווערען. 5) קיין. 6) ד. ה. ניט אידען, וועלכע זיינען בעשניטען.

51. וַיְהִי	51. און עס איז געוועזן
בְּעֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה	אין דעם זעלבען טאג
הוֹצִיא יְהוָֹה	האט דער עוויגער ארויס־געפיהרט
אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	די קינדער ישראל
מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם	פון דאס לאנד מצרים
עַל־צִבְאֹתָם׃	נאך זייערע העערען.

CAP. XIII.

יג

שְׁבִיעִי	שְׁבִיעִי
1. וַיְדַבֵּר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	1. און דער עוויגער האט גערעט צו משה,
לֵּאמֹר׃	זאָגענדיג:
2. קַדֶּשׁ־לִי	2. מאַך הייליג צו מיר
כָל־בְּכוֹר	יעדען ערסט־געבאָרענעם.
פֶּטֶר כָּל־רֶחֶם	[1] יעדעס, וואס עפענט די מוטער־לייב
בִּבְנֵי יִשְׂרָאֵל	אונטער די קינדער ישראל.
בָּאָדָם וּבַבְּהֵמָה	אונטער מענש(ען) און אונטער פיה;
לִי הוּא׃	עס געהערט צו מיר.
3. וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה	3. און משה האט געזאָגט
אֶל־הָעָם	צו דעם פאָלק:
זָכוֹר אֶת־הַיּוֹם הַזֶּה	געדיינקט דיזען טאָג,
אֲשֶׁר יְצָאתֶם	וואס איהר זייט אַרויס־געגאַנגען
מִמִּצְרַיִם	פון מצרים,
מִבֵּית עֲבָדִים	פון קנעכט־הויז.
כִּי בְּחֹזֶק יָד	דען מיט אַ שטאַרקע האַנד
הוֹצִיא יְהוָֹה אֶתְכֶם	האט דער עוויגער אייך אַרויס־געפיהרט,
מִזֶּה	פון היר.
וְלֹא יֵאָכֵל חָמֵץ׃	און עס זאָל ניט געגעסען ווערען געזייערטעס.
4. הַיּוֹם אַתֶּם יֹצְאִים	4. הייטע גייט איהר אַרויס
בְּחֹדֶשׁ הָאָבִיב׃	אין דעם [2] זאַנגען־מאָנאַט.
5. וְהָיָה	5. און עס וועט זיין,
כִי־יְבִיאֲךָ יְהוָֹה	ווען דער עוויגער וועט דיר ברייגען
אֶל־אֶרֶץ הַכְּנַעֲנִי	אין דאס לאַנד פון דעם כנעני,
וְהַחִתִּי וְהָאֱמֹרִי	און דעם חתי און דעם אמרי,
וְהַחִוִּי וְהַיְבוּסִי	און דעם חוי און דעם יבוסי,
אֲשֶׁר נִשְׁבַּע	וואס ער האט געשוואָרען
לַאֲבֹתֶיךָ	צו דיינע עלטערן
לָתֶת לָךְ	דיר צו געבען,
אֶרֶץ	אַ לאַנד,
זָבַת חָלָב וּדְבָשׁ	וואס פליסט מילך און האָניג,
וְעָבַדְתָּ	דאַן זאָלסט'ו דינען
אֶת־הָעֲבֹדָה הַזֹּאת	דיזע דינסט
בַּחֹדֶשׁ הַזֶּה׃	אין דיזען מאָנאַט.
6. שִׁבְעַת יָמִים	6. זיבען טעג
תֹּאכַל מַצֹּת	זאָלסט'ו עסען אונגעזויערטע (קוכענס)
וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי	און אויף דעם זיבענטען טאָג
חַג לַיהוָֹה׃	(זאָל זיין) אַ פייער־טאָג צו דעם עוויגען.
7. מַצּוֹת יֵאָכֵל	7. אונגעזויערטע (קוכענס) זאָל געגעסען ווערען
אֵת שִׁבְעַת הַיָּמִים	די זיבען טעג,
וְלֹא־יֵרָאֶה לְךָ חָמֵץ	און עס זאָל ניט געזען ווע־רען ביי דיר געזייערטעס,
וְלֹא־יֵרָאֶה לְךָ שְׂאֹר	און עס זאָל ניט געזען ווערן ביי דיר זויער־טייג
בְּכָל־גְּבֻלֶךָ׃	אין דיין גאַנצען גרענעצען.
8. וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ	8. און דו זאָלסט דערציילען [צו] דיין זוהן
בַּיּוֹם הַהוּא	אין יענעם טאָג,
לֵאמֹר	זאָגענדיג:
בַּעֲבוּר זֶה	(איך מהוא עס) וועגען דעם,
עָשָׂה יְהוָֹה לִי	(וואס) דער עוויגער האט מיט מיר געטאָן,
בְּצֵאתִי מִמִּצְרָיִם׃	ווען איך בין אַרויס־געגאַנגען פון מצרים.
9. וְהָיָה לְךָ	9. און עס זאָל זיין צו דיר
לְאוֹת עַל־יָדְךָ	פיר אַ צייכען אויף דיין האַנד[3]
וּלְזִכָּרוֹן בֵּין עֵינֶיךָ	און צו איין אַנדיינקונג צווי־שען דיינע אויגען[4]
לְמַעַן תִּהְיֶה תּוֹרַת יְיָ	אום דעם עוויגען'ס [5] געזעץ זאָל זיין
בְּפִיךָ	אין דיין מויל,
כִּי בְּיָד חֲזָקָה	דען מיט אַ שטאַרקע האַנד
הוֹצִאֲךָ יְיָ מִמִּצְרָיִם׃	האט דער עוויגער דיר אַרויס געפיהרט פון מצרים.
10. וְשָׁמַרְתָּ	10. און דו זאָלסט היטען
אֶת־הַחֻקָּה הַזֹּאת	דיזען געזעץ
לְמוֹעֲדָהּ	צו איהר צייט.
מִיָּמִים יָמִימָה׃	פון יאָהר צו יאָהר.
11. וְהָיָה	11. און עס וועט זיין,
כִּי־יְבִאֲךָ יְהוָֹה	ווען דער עוויגער וועט דיר ברייגען
אֶל־אֶרֶץ הַכְּנַעֲנִי	אין דאס לאַנד פון דעם כנעני,
כַּאֲשֶׁר נִשְׁבַּע לְךָ	ווי ער האט געשוואָרען צו דיר
וְלַאֲבֹתֶיךָ	און צו דיינע עלטערן,

1) אזוי ווי כל פטר רחם, זעה פ׳ 13. 2) ד. ה. ניסן דער מאָנאַט, ווען די געטריידע איז אין זאַנגען, צייטיג. 3) ד. ה. תפלין של יד. 4) ד. ה. תפלין של ראש. 5) לעהרע.

וּנְתָנָהּ לָךְ׃	און ער וועט איהר געבען צו דיר;
12. וְהַעֲבַרְתָּ	12. דאַן זאָלסט'ו [1]אָבשיידען
כָל־פֶּטֶר־רֶחֶם	יעדעס, וואס עפענט די מוטער־לייב,
לַיהוָֹה	צו דעם עוויגען,
וְכָל־פֶּטֶר ׀ שֶׁגֶר בְּהֵמָה	און יעדע ערסט־געוואָרפענע פון פיה,
אֲשֶׁר יִהְיֶה לְךָ	וועלכע דו וועסט האבען,
הַזְּכָרִים	די מענליכע,
לַיהוָֹה׃	(זאל געהערען)צום עוויגען.
13. וְכָל־פֶּטֶר חֲמֹר	13. און יעדער ערסט־געבאָרענער פון איין אייזעל
תִּפְדֶּה בְשֶׂה	זאָלסט'ו אויסלייזען מיט אַ לאַם.
וְאִם־לֹא תִפְדֶּה	און אויב דו ווילסט (איהם) ניט אויס-לייזען,
וַעֲרַפְתּוֹ	דאַן זאָלסט'ו איהם ברעכען דעם [2]געניק,
וְכֹל בְּכוֹר אָדָם	אבער יעדען ערסט־געבאָרענעם פון אַ מענשען
בְּבָנֶיךָ	אונטער דיינע זיהן
תִּפְדֶּה׃	מוזט'ו אויסלייזען.
מַפְטִיר	מַפְטִיר
14. וְהָיָה	14. און עס וועט זיין,
כִּי־יִשְׁאָלְךָ בִנְךָ	ווען דיין זוהן וועט דיר פרעגען
מָחָר	אין דער צוקונפט[3]:
לֵאמֹר	זאגענדיג:
מַה־זֹּאת	וואס איז דיזעס?
וְאָמַרְתָּ אֵלָיו	דאַן זאָלסט'ו זאגען צו איהם:
בְּחֹזֶק יָד	מיט אַ שטאַרקע האַנד
הוֹצִיאָנוּ יְהוָֹה	האט דער עוויגער אונז אַרויס-געפיהרט
מִמִּצְרַיִם	פון מצרים
מִבֵּית עֲבָדִים׃	פון קנעכט־הויז.
15. וַיְהִי	15. און עס איז געווען,
כִּי־הִקְשָׁה פַרְעֹה	ווען פרעה איז הארט געוועזן
לְשַׁלְּחֵנוּ	אונז אַרויס־צושיקען,
וַיַּהֲרֹג יְהוָֹה	דאַן האט דער עוויגער דערשלאָגען
כָּל־בְּכוֹר	יעדען ערסט־געבאָרענעם
בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם	אין דאס לאַנד מצרים,
מִבְּכֹר אָדָם	פון דעם ערסט-געבאָרענעם פון מענש(ען)
וְעַד־בְּכוֹר בְּהֵמָה	ביז דעם ערסט-געבאָרענעם פון פיה,
עַל־כֵּן אֲנִי זֹבֵחַ לַיהוָֹה	דאַרום שלאַכט איך צו דעם עוויגען

כָּל־פֶּטֶר רֶחֶם	יעדעס, וואס עפענט די מוטער־לייב
הַזְּכָרִים	די מענליכע,
וְכָל־בְּכוֹר בָּנַי	און יעדען ערסט-געבאָרענעם פון מיינע זיהן
אֶפְדֶּה׃	לייז איך אויס.
16. וְהָיָה	16. און עס זאל זיין
לְאוֹת עַל־יָדְכָה	פיר אַ צייכען אויף דיין האַנד
וּלְטוֹטָפֹת בֵּין עֵינֶיךָ	און פיר שטערן-בענדער צווישען דיינע אויגען,
כִּי בְּחֹזֶק יָד	דען מיט אַ שטאַרקע האַנד
הוֹצִיאָנוּ יְהוָֹה	האט דער עוויגער אונז אַרויס-געפיהרט
מִמִּצְרָיִם׃	פון מצרים.

בְּשַׁלַּח — BESHALLACH.

17. וַיְהִי	17. און עס איז געווען,
בְּשַׁלַּח פַּרְעֹה	ווען פרעה האט אַרויס-געשיקט
אֶת־הָעָם	דאס פאלק,
וְלֹא־נָחָם אֱלֹהִים	דאַן האט זיי גאט ניט געפיהרט
דֶּרֶךְ אֶרֶץ פְּלִשְׁתִּים	(דורך) דעם וועג פון דאס לאַנד פלשתים,
כִּי קָרוֹב הוּא	ווייל ער איז נאָהענט,
כִּי אָמַר אֱלֹהִים	דען גאט האט געזאגט:
פֶּן־יִנָּחֵם הָעָם	פילייכט וועט דאס פאָלק [4]בערייען,
בִּרְאֹתָם מִלְחָמָה	ווען זיי וועלען זעהן קריג,
וְשָׁבוּ מִצְרָיְמָה׃	און זיי וועלען זיך צוריק־קעהרען נאך מצרים.
18. וַיַּסֵּב אֱלֹהִים	18. זאָנדערען גאט האט ארום־געפיהרט
אֶת־הָעָם	דאַס פאָלק
דֶּרֶךְ הַמִּדְבָּר	(דורך) דעם וועג פון דער וויסטע,
יַם־סוּף	(צום) שילף מעער;
וַחֲמֻשִׁים	און בעוואַפענטע
עָלוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל	זיינען די קינדער ישראל אויף־געגאַנגען
מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם׃	פון דאס לאַנד מצרים.
19. וַיִּקַּח מֹשֶׁה	19. און משה האט גענומען
אֶת־עַצְמוֹת יוֹסֵף	יוסף'ס ביינער
עִמּוֹ	מיט [5]איהם,
כִּי הַשְׁבֵּעַ הִשְׁבִּיעַ	דען ער האט בעשוואָרען
אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	די קינדער ישראל,
לֵאמֹר	זאָגענדיג:

1) איבערפיהרען, אָבגעבען. 2) נאַקען. 3) העברעאיש: מאָרגען. 4) חרטה האבען. 5) זיך.

פָּקֹד יִפְקֹד אֱלֹהִים אֶתְכֶם	גאט וועט אייך געוויס דערמאנען,
וְהַעֲלִיתֶם	דאַן זאלט איהר אויפ־ברייגגען
אֶת־עַצְמֹתַי מִזֶּה	מיינע ביינער פון היר
אִתְּכֶם:	מיט אייך.
20. וַיִּסְעוּ מִסֻּכֹּת	20. און זיי האבען געדייזט פון סכות,
וַיַּחֲנוּ בְאֵתָם	און זיי האבען געלאַגערט אין אתם
בִּקְצֵה הַמִּדְבָּר:	ביים ברעג פון דער וויסטע.
21. וַיהוָה הֹלֵךְ לִפְנֵיהֶם	21. און דער עוויגער איז געגאַנגען פאר זיי
יוֹמָם בְּעַמּוּד עָנָן	ביי טאָג מיט אַ וואָלקען־זייל
לַנְחֹתָם הַדֶּרֶךְ	זיי צו פיהרען דעם וועג,
וְלַיְלָה בְּעַמּוּד אֵשׁ	און ביי נאַכט מיט אַ פייער־זייל
לְהָאִיר לָהֶם	זיי צו בעלייכטען,
לָלֶכֶת יוֹמָם וָלָיְלָה:	אום צו געהן ביי טאג און ביי נאַכט.
22. לֹא־יָמִישׁ	22. עס האט ניט [1]אָבגע־טרעטען
עַמּוּד הֶעָנָן יוֹמָם	דער וואָלקען־זייל ביי טאג
וְעַמּוּד הָאֵשׁ לָיְלָה	און דער פייער-זייל ביי נאַכט
לִפְנֵי הָעָם:	פאר דעם פאָלק.

Cap. XIV. יד

1. וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה	1. און דער עוויגער האט גערעט צו משה,
לֵּאמֹר:	זאגענדיג:
2. דַּבֵּר	2. רייד
אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	צו די קינדער ישראל,
וְיָשֻׁבוּ	דאס זיי זאלען זיך צוריק־קעהרען,
וְיַחֲנוּ	און זיי זאלען לאַגערן
לִפְנֵי פִּי הַחִירֹת	פאַר פי החירות
בֵּין מִגְדֹּל וּבֵין הַיָּם	צווישען מגדול און צווישען דעם מעער
לִפְנֵי בַּעַל צְפֹן	פאר [2]בעל צפון,
נִכְחוֹ תַחֲנוּ	ענטגעגען איהם זאָלט איהר לאַגערן
עַל־הַיָּם:	ביי דעם מעער.
3. וְאָמַר פַּרְעֹה	3. און פרעה וועט זאגען
לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל	[5]אויף די קינדער ישראל:
נְבֻכִים הֵם בָּאָרֶץ	זיי זיינען פעראירט אין דאס לאַנד,
סָגַר עֲלֵיהֶם הַמִּדְבָּר:	די וויסטע האט זיי איינגע־שלאָסען.
4. וְחִזַּקְתִּי	4. און איך וועל שטאַרקען
אֶת־לֵב פַּרְעֹה	פרעה'ס הארץ,

וְרָדַף אַחֲרֵיהֶם	דאַס ער וועט זיי נאָכיאָגען,
וְאִכָּבְדָה בְּפַרְעֹה	און איך וועל געעהרט ווערען [3]דורך פרעה
וּבְכָל־חֵילוֹ	און [2]דורך זיין גאַנצע מאַכט
וְיָדְעוּ מִצְרַיִם	און די מצרים וועלען וויסען,
כִּי־אֲנִי יְהוָה	דאס איך בין דער עוויגער;
וַיַּעֲשׂוּ־כֵן:	און זיי האבען אַזוי געטאָן.
5. וַיֻּגַּד לְמֶלֶךְ מִצְרַיִם	5. און מען האט [4]דערצייילט דעם קעניג פון מצרים
כִּי בָרַח הָעָם	אַז דאַס פאָלק איז ענטלאָפען,
וַיֵּהָפֵךְ	דאַן האט זיך פערוואַנדעלט
לְבַב פַּרְעֹה וַעֲבָדָיו	די האַרץ פון פרעה און פון זיינע קנעכט
אֶל־הָעָם	[5]געגען דאס פאָלק,
וַיֹּאמְרוּ	און זיי האבען געזאגט:
מַה־זֹּאת עָשִׂינוּ	וואס האבען מיר דיזעס געטאָן,
כִּי־שִׁלַּחְנוּ	דאס מיר האבען אַרויס־געשיקט
אֶת־יִשְׂרָאֵל	די ישראל
מֵעָבְדֵנוּ:	פון [6]אונז צו דינען?
6. וַיֶּאְסֹר אֶת־רִכְבּוֹ	6. און ער האט געשפאַנט זיין וואָגען,
וְאֶת־עַמּוֹ לָקַח עִמּוֹ:	און זיין פאָלק האט ער גענומען מיט איהם.
7. וַיִּקַּח	7. און ער האט גענומען
שֵׁשׁ־מֵאוֹת רֶכֶב בָּחוּר	זעקס הונדערט אויסער־וועהלטע [7]וועגען
וְכֹל רֶכֶב מִצְרָיִם	און אַלע וועגען פון מצרים
וְשָׁלִשִׁם עַל־כֻּלּוֹ:	און הויפּט־לייטע איבער זיין גאַנצען (העער).
8. וַיְחַזֵּק יְהוָה	8. און דער עוויגער האט געשטאַרקט
אֶת־לֵב פַּרְעֹה	די הארץ פון פרעה,
מֶלֶךְ מִצְרַיִם	דעם קעניג פון מצרים,
וַיִּרְדֹּף	און ער האט געיאָגט
אַחֲרֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	נאָך די קינדער ישראל,
וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל יֹצְאִים	און די קינדער ישראל זיינען אַרויס־געגאַנגען
בְּיָד רָמָה:	מיט איין אויפ-געהייבענע האַנד.[8]
שֵׁנִי	שֵׁנִי
9. וַיִּרְדְּפוּ מִצְרַיִם	9. און די מצרים האבען געיאָגט
אַחֲרֵיהֶם	נאָך זיי,
וַיַּשִּׂיגוּ אוֹתָם	און זיי האבען זיי געגרייכט
חֹנִים עַל־הַיָּם	געלאַגערט ביי דעם מעער
כָּל־סוּס	אַלע פערד

1) אָבגעוויכען, אָפּגעקעהרט, זיך דערווייטערט. 2) איין עגיפּטישער געטץ. 3) ביי. 4) בער כטעט. 5) וועגען. 6) אונזער דינסט. 7) שטרייט־וועגען. 8) ד. ה מיט שטאָלץ; עפענטליך.

רֶכֶב פַּרְעֹה	(און) וועגען פון פרעה
וּפָרָשָׁיו וְחֵילוֹ	און זיינע רייטער און זיין מאַכט
עַל־פִּי הַחִירֹת	ביי פי החירות
לִפְנֵי בַּעַל צְפֹן׃	פאַר בעל צפון.
10. וּפַרְעֹה הִקְרִיב	10. און פרעה האט זיך דערנעהנטערט;
וַיִּשְׂאוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל	און די קינדער ישראל האבען אויפגעהויבען
אֶת־עֵינֵיהֶם	זייערע אויגען,
וְהִנֵּה מִצְרַיִם ׀ נֹסֵעַ	און [1]זיי זעהען די מצרים רייזענדיג
אַחֲרֵיהֶם	הינטער זיי,
וַיִּירְאוּ מְאֹד	און זיי האבען זיך זעהר געפירכטעט.
וַיִּצְעֲקוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל	און די קינדער ישראל האבען געשריען
אֶל־יְהוָה׃	צו דעם עוויגען.
11. וַיֹּאמְרוּ אֶל־מֹשֶׁה	11. און זיי האבען געזאגט צו משה:
הֲמִבְּלִי אֵין־קְבָרִים	[2]צו ווייל עס זיינען ניט'אָ קיין גראַבען
בְּמִצְרַיִם	אין מצרים,
לְקַחְתָּנוּ	[3](דאַרום) האסט'ו אונז אַרויס־גענומען
לָמוּת בַּמִּדְבָּר	צו שטאַרבען אין דער וויסטע?
מַה־זֹּאת עָשִׂיתָ לָּנוּ	וואס האסט'ו אונז דיזעס געטאָן
לְהוֹצִיאָנוּ מִמִּצְרָיִם׃	אונז אַרויס־צופיהרען פון מצרים?
12. הֲלֹא־זֶה הַדָּבָר	12. איז ניט דאס [4]די רייד,
אֲשֶׁר דִּבַּרְנוּ אֵלֶיךָ	וועלכע מיר האבען גערעט צו דיר
בְמִצְרַיִם	אין מצרים,
לֵאמֹר	זאָגענדיג:
חֲדַל מִמֶּנּוּ	[5]לאָז אָב פון אונז,
וְנַעַבְדָה אֶת־מִצְרָיִם	און מיר וועלען דינען די מצרים,
כִּי טוֹב לָנוּ	דען עס איז אונז בעסער
עֲבֹד אֶת־מִצְרַיִם	(צו) דינען די מצרים
מִמֻּתֵנוּ בַּמִּדְבָּר׃	אַלס צו שטאַרבען אין דער וויסטע.
13. וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה	13. און משה האָט געזאגט
אֶל־הָעָם	צו דעם פאָלק:
אַל־תִּירָאוּ	איהר זאלט זיך ניט פירכטען
הִתְיַצְּבוּ	שטייט,
וּרְאוּ	און זעהט
אֶת־יְשׁוּעַת יְהוָה	דעם עוויגען'ס הילפע,
אֲשֶׁר־יַעֲשֶׂה לָכֶם	וואס ער וועט טהאָן פיר אייך
הַיּוֹם	הייטע.

כִּי אֲשֶׁר רְאִיתֶם אֶת־מִצְרַיִם הַיּוֹם	דען די מצרים, וועלכע איהר זעהט הייטע,
לֹא תֹסִפוּ לִרְאֹתָם עוֹד	וועט איהר זיי מעהר ניט זעהן
עַד־עוֹלָם׃	ביז עוויג.
14. יְהוָה יִלָּחֵם לָכֶם	14. דער עוויגער וועט שטרייטען פיר אייך,
וְאַתֶּם תַּחֲרִשׁוּן׃	אבער איהר זאלט שווייגען שטיל.
שְׁלִישִׁי	שְׁלִישִׁי
15. וַיֹּאמֶר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	15. און דער עוויגער האט געזאגט צו משה:
מַה־תִּצְעַק אֵלָי	וואס שרייסט'ו צו מיר?
דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל	רייד צו די קינדער ישראל,
וְיִסָּעוּ׃	דאס זיי זאָלען רייזען.
16. וְאַתָּה	16. און דו
הָרֵם אֶת־מַטְּךָ	הייב אויף דיין שטעקען,
וּנְטֵה אֶת־יָדְךָ	און נייג דיין האַנד
עַל־הַיָּם	איבער דעם מעער,
וּבְקָעֵהוּ	און שפּאַלט איהם,
וְיָבֹאוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל	און די קינדער ישראל וועלען אַריינ־קומען
בְּתוֹךְ הַיָּם בַּיַּבָּשָׁה׃	אין מיטען דעם מעער אין דער טריקעניס.
17. וַאֲנִי הִנְנִי מְחַזֵּק	17. און איך, זעה איך וועל שטאַרקען
אֶת־לֵב מִצְרַיִם	די האַרץ פון די מצרים,
וְיָבֹאוּ אַחֲרֵיהֶם	און זיי וועלען קומען נאך זיי
וְאִכָּבְדָה בְּפַרְעֹה	און איך וועל געעהרט ווערען [6]דורך פרעה,
וּבְכָל־חֵילוֹ	און [6]דורך זיין גאַנצע מאַכט,
בְּרִכְבּוֹ וּבְפָרָשָׁיו׃	[6]דורך זיינע וועגען און [6]דורך זיינע רייטער.
18. וְיָדְעוּ מִצְרַיִם	18. און די מצרים וועלען וויסען
כִּי־אֲנִי יְהוָה	דאָס איך בין דער עוויגער,
בְּהִכָּבְדִי בְּפַרְעֹה	ווען איך וועל געעהרט ווערען [6]דורך פרעה,
בְּרִכְבּוֹ וּבְפָרָשָׁיו׃	[6]דורך זיינע וועגען און דורך זיינע רייטער.
19. וַיִּסַּע	19. און עס [7]האט גערייזט
מַלְאַךְ הָאֱלֹהִים	גאָטעס־ענגעל,
הַהֹלֵךְ	וועלכער איז געגאַנגען
לִפְנֵי מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל	פאר דעם לאַגער פון די ישראל,
וַיֵּלֶךְ מֵאַחֲרֵיהֶם	און ער איז געגאַנגען הינטער זיי,
וַיִּסַּע עַמּוּד הֶעָנָן	און דער וואָלקען־זייל האט [7]גערייזט
מִפְּנֵיהֶם	פון פאר זיי,

1) און זעה. 2) אדער: זיינען דען ניט'אָ א.ז.וו. 3) דאס דו האָסט א.ז.וו. 4) דאס ווארט. 5) לאָז אונז צו־רוה.
6) ביי. 7) אַוועג־געגאַנגען

וַיַּעֲמֹד מֵאַחֲרֵיהֶם׃	און ער האט זיך געשטעלט הינטער זיי.
20. וַיָּבֹא	20. און ער איז געקומען
בֵּין ׀ מַחֲנֵה מִצְרַיִם	צווישען דעם לאַגער פון די מצרים
וּבֵין מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל	און צווישען דעם לאַגער פון די ישראל;
וַיְהִי	און עס איז געוועזן
הֶעָנָן וְהַחֹשֶׁךְ	דער וואָלקען און די פינס־טערניס (פיר די מצרים),
וַיָּאֶר אֶת־הַלָּיְלָה	און ער האט בעלייכטעט די נאַכט (פיר די ישראל),
וְלֹא־קָרַב זֶה אֶל־זֶה	און איינער האט זיך ניט דערנענטערט צום אַנדערן
כָּל־הַלָּיְלָה׃	די גאַנצע נאַכט.
21. וַיֵּט מֹשֶׁה אֶת־יָדוֹ	21. און משה האט געבייגט זיין האַנד
עַל־הַיָּם	איבער דעם מעער.
וַיּוֹלֶךְ יְהוָה אֶת־הַיָּם	און דער עוויגער האט גע־פיהרט דעם מעער
בְּרוּחַ קָדִים עַזָּה	מיט אַ שטאַרקען אָסט־ווינד
כָּל־הַלַּיְלָה	די גאַנצע נאַכט,
וַיָּשֶׂם אֶת־הַיָּם	און ער האט געמאַכט דעם מעער
לֶחָרָבָה	צו טריקניס,
וַיִּבָּקְעוּ הַמָּיִם׃	און די וואַסער זיינען גע־שפּאָלטען געוואָרען.
22 וַיָּבֹאוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל	22. און די קינדער ישראל זיינען געקומען
בְּתוֹךְ הַיָּם בַּיַּבָּשָׁה	אין מיטען דעם מעער אין דער טריקניס,
וְהַמַּיִם לָהֶם חוֹמָה	און די וואַסער איז צו זיי געוועזען [1]אַ מויער
מִימִינָם וּמִשְּׂמֹאלָם׃	פון זייער רעכטע האַנד און פון זייער לינקע האַנד.
23. וַיִּרְדְּפוּ מִצְרַיִם	23. און די מצרים האבען געיאָגט,
וַיָּבֹאוּ אַחֲרֵיהֶם	און זיי זיינען געקומען נאך זיי,
כֹּל סוּס פַּרְעֹה	אַלע פערד פון פרעה,
רִכְבּוֹ וּפָרָשָׁיו	זיינע וועגען און זיינע רייטער
אֶל־תּוֹךְ הַיָּם׃	אין מיטען דעם מעער.
24. וַיְהִי	24. און עס איז געווען
בְּאַשְׁמֹרֶת הַבֹּקֶר	אין די מאָרגען־וואַכע[2],
וַיַּשְׁקֵף יְהוָה	דאַן האט דער עוויגער געקוקט
אֶל־מַחֲנֵה מִצְרַיִם	אויף דעם לאַגער פון די מצרים
בְּעַמּוּד אֵשׁ וְעָנָן	מיט אַ זייל פון פייער און וואָלקען,
וַיָּהָם	און ער האט [3]פערווירט
אֵת מַחֲנֵה מִצְרָיִם׃	דעם לאַגער פון די מצרים.
25. וַיָּסַר	25. און ער האט אַראָב־גענומען
אֵת אֹפַן מַרְכְּבֹתָיו	[4]די רעדער פון זיינע וועגען
וַיְנַהֲגֵהוּ בִּכְבֵדֻת	און ער האט איהם געפיהרט מיט שווערקייט.

וַיֹּאמֶר מִצְרַיִם	און מצרים האט געזאגט:
אָנוּסָה מִפְּנֵי יִשְׂרָאֵל	איך וויל לויפען פאר די קינדער ישראל,
כִּי יְהוָה נִלְחָם לָהֶם	דען דער עוויגער שטרייט פיר זיי
בְּמִצְרָיִם׃	געגען די מצרים.
רְבִיעִי	רְבִיעִי
26 וַיֹּאמֶר יי אֶל־מֹשֶׁה	26. און דער עוויגער האט געזאגט צו משה:
נְטֵה אֶת־יָדְךָ	נייג דיין האַנד
עַל־הַיָּם	איבער דעם מעער,
וְיָשֻׁבוּ הַמַּיִם	און די וואַסער וועלען זיך צוריק־קעהרען
עַל־מִצְרַיִם	איבער די מצרים,
עַל־רִכְבּוֹ	איבער זיינע וועגען
וְעַל־פָּרָשָׁיו׃	און איבער זיינע רייטער.
27. וַיֵּט מֹשֶׁה אֶת־יָדוֹ	27. און משה האט געבייגט זיין האַנד
עַל־הַיָּם	איבער דעם מעער,
וַיָּשָׁב הַיָּם	און דער מעער האט זיך צוריק־געקעהרט
לִפְנוֹת בֹּקֶר	געגען מאָרגען
לְאֵיתָנוֹ	צו זיין שטאַרקייט,
וּמִצְרַיִם נָסִים	און די מצרים זיינען געלאָפען
לִקְרָאתוֹ	געגען איהם,
וַיְנַעֵר יְהוָה	און דער עוויגער האט [5]אַריינגעוואָרפען
אֶת־מִצְרַיִם	די מצרים
בְּתוֹךְ הַיָּם׃	אין מיטען דעם מעער.
28. וַיָּשֻׁבוּ הַמַּיִם	28. און די וואַסער האבען זיך צוריק־געקעהרט,
וַיְכַסּוּ אֶת־הָרֶכֶב	און זיי האבען בעדעקט די וועגען
וְאֶת־הַפָּרָשִׁים	און די רייטער
לְכֹל חֵיל פַּרְעֹה	מיט אַלע העערען פון פרעה,
הַבָּאִים אַחֲרֵיהֶם	וועלכע זיינען געקומען נאך זיי
בַּיָּם	אין דעם מעער,
לֹא־נִשְׁאַר בָּהֶם	עס איז ניט געבליבען אונטער זיי
עַד־אֶחָד׃	ביז איינעם.
29. וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל	29. און די קינדער ישראל
הָלְכוּ בַיַּבָּשָׁה	זיינען געגאַנגען אין דער טריקניס
בְּתוֹךְ הַיָּם	אין מיטען דעם מעער
וְהַמַּיִם לָהֶם חֹמָה	און די וואַסער איז צו זיי געוועזען אַ מויער
מִימִינָם וּמִשְּׂמֹאלָם׃	פון זייער רעכטע האַנד און פון זייער לינקע האַנד.
30. וַיּוֹשַׁע יְהוָה	30. און דער עוויגער האט געהאָלפען

1) ד. ה. ווי אַ מויער. 2) ד. ה. די לעצטע נאַכט־אַבטהיילונג, וועלכע גרענצט זיך מיט׳ן מאָרגען.
3) צוטומעלט. 4) דעם ראַד. 5) אריינגעשאָקערט, געשטירצט.

בַּיּוֹם הַהוּא	אין יענעם טאָג
אֶת־יִשְׂרָאֵל	די ישראל
מִיַּד מִצְרָיִם	פון די האַנד פון די מצרים,
וַיַּרְא יִשְׂרָאֵל	און ישראל האט געזען
אֶת־מִצְרַיִם	די מצרים
מֵת	טויט
עַל־שְׂפַת הַיָּם׃	ביים ברעג פון דעם מעער.
31. וַיַּרְא יִשְׂרָאֵל	31. און ישראל האט געזען
אֶת־הַיָּד הַגְּדֹלָה	די גרויסע [1]מאַכט,
אֲשֶׁר עָשָׂה יְהוָֹה	וועלכע דער עוויגער האט [2]געוויזען
בְּמִצְרַיִם	אויף די מצרים,
וַיִּירְאוּ הָעָם אֶת־יְיָ	און דאס פאָלק האט גע־ פירכטעט דעם עוויגען,
וַיַּאֲמִינוּ בַּיהוָֹה	און זיי האבען געגלויבט אין דעם עוויגען
וּבְמֹשֶׁה עַבְדּוֹ׃	און אין משה, זיין קנעכט.

Cap. XV. טו

1. אָז יָשִׁיר־מֹשֶׁה	1. דאַן האט געזונגען משה
וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל	און די קינדער ישראל
אֶת־הַשִּׁירָה הַזֹּאת	דיזען געזאַנג
לַיהוָֹה	צו דעם עוויגען,
וַיֹּאמְרוּ לֵאמֹר	און זיי האבען געזאגט, זאָגענדיג:
אָשִׁירָה לַיהוָֹה	איך וויל זינגען צו דעם עוויגען,
כִּי־גָאֹה גָּאָה	דען (ער איז) הויך ערהאַבען
סוּס וְרֹכְבוֹ	(דעם) פערד און זיין רייטער
רָמָה בַיָּם׃	האט ער געוואָרפען אין׳ם מעער.
2. עָזִּי וְזִמְרָת יָהּ	2. מיין שטאַרקייט און (מיין) געזאַנג איז דער עוויגער,
וַיְהִי־לִי לִישׁוּעָה	און ער איז געוועזן מיר צו הילפען;
זֶה אֵלִי	דיזער איז מיין גאט,
וְאַנְוֵהוּ	און איך וויל איהם [3]ריהמען,
אֱלֹהֵי אָבִי	מיין פאָטער׳ס גאט,
וַאֲרֹמְמֶנְהוּ׃	און איך וויל איהם [4]ערהייבען
3. יְהוָֹה אִישׁ מִלְחָמָה	3. דער עוויגער איז אַ קריגס־מאַן,
יְהוָֹה שְׁמוֹ׃	„עוויגער" איז זיין נאָמען.
4. מַרְכְּבֹת פַּרְעֹה	4. פרעה׳ס וועגען
וְחֵילוֹ	און זיין קריגס־מאַכט
יָרָה בַיָּם	האט ער געשליידערט אין׳ם מעער,
וּמִבְחַר שָׁלִשָׁיו	און די בעסטע פון זיינע הויפט־לייטע
טֻבְּעוּ בְיַם־סוּף׃	זיינען [5]פערזונקען געוואָרען אין׳ם שילף־מעער.
5. תְּהֹמֹת יְכַסְיֻמוּ	5. טיפע וואַסער האבען זיי בעדעקט,
יָרְדוּ בִמְצוֹלֹת	זיי זיינען אַרונטער־געגאַנ־ גען אין די טיפענים
כְּמוֹ־אָבֶן׃	ווי אַ שטיין.
6. יְמִינְךָ יְהוָֹה	6. דיין רעכטע האַנד, עוויגער,
נֶאְדָּרִי בַּכֹּחַ	איז [6]פערהערליכט מיט קראַפט,
יְמִינְךָ יְהוָֹה	דיין רעכטע האַנד, עוויגער,
תִּרְעַץ אוֹיֵב׃	צושמעטערט (דעם) פיינד.
7. וּבְרֹב גְּאוֹנְךָ	7. און אין דיין גרויסע הויכקייט
תַּהֲרֹס קָמֶיךָ	צושטערסט׳ו [7]די, וועלכע שטעהען אויף געגען דיר,
תְּשַׁלַּח חֲרֹנְךָ	דו [8]שיקסט אַרויס דיין [9]גרים
יֹאכְלֵמוֹ כַּקַּשׁ׃	[10]פערברענט ער זיי ווי [11]שטרוי.
8. וּבְרוּחַ אַפֶּיךָ	8. און דורך דעם הויך פון דיין נאָז
נֶעֶרְמוּ מַיִם	האבען זיך [12]אויפ־געהייפט וואַסער,
נִצְּבוּ כְמוֹ־נֵד	עס זיינען געשטאַנען ווי אַ וואַנד
נֹזְלִים	פליסענדע (וואַסער),
קָפְאוּ תְהֹמֹת	עס זיינען פערגליווערט גע־ ווארען טיפע וואַסער
בְּלֶב־יָם׃	אין מיטען דעם מעער.
9. אָמַר אוֹיֵב	9. דער פיינד האט געזאגט:
אֶרְדֹּף	איך וועל יאגען,
אַשִּׂיג	איך וועל גרייכען,
אֲחַלֵּק שָׁלָל	איך וועל צו־טהיילען רויב,
תִּמְלָאֵמוֹ נַפְשִׁי	[13]פול וועט מיט זיי ווערען מיין זעלע;
אָרִיק חַרְבִּי	איך וועל אַרויס־ציהען מיין שווערד
תּוֹרִישֵׁמוֹ יָדִי׃	[14]פערטילגען וועט זיי מיין האַנד.
10. נָשַׁפְתָּ בְרוּחֲךָ	10. (אָבער) דו האסט גע־ בלאָזען מיט דיין אָטעם,
כִּסָּמוֹ יָם	האָט זיי בעדעקט דאס מעער
צָלְלוּ כַּעוֹפֶרֶת	זיי זיינען פערזונקען ווי בליי,
בְּמַיִם אַדִּירִים׃	אין די שטאַרקע וואַסערן.
11. מִי־כָמֹכָה בָּאֵלִם יְיָ	11. ווער איז ווי דו אונטער די געטער, עוויגער!
מִי כָּמֹכָה	ווער איז ווי דו
נֶאְדָּר בַּקֹּדֶשׁ	[6]פערהערליכט אין הייליגקייט,
נוֹרָא תְהִלֹּת	פורכטבאַר (אין) לויבען,
עֹשֵׂה־פֶלֶא׃	איין וואונדער־טהוער.
12. נָטִיתָ יְמִינְךָ	12. דו האָסט גענייגט דיין רעכטע האַנד
תִּבְלָעֵמוֹ אָרֶץ׃	האט זיי פערשלונגען (די) ערד.

1) האַנד. 2) געטאָן. 3) בעשעהענען. 4) הויך פרייזען. 5) דערטרונקען. 6) געריהמט. 7) דיינע פיינדע. 8) לאָזט. 9) צאָרן. 10) פערצעהרט. 11) שטאָפעלן. 12) אויפגעשטעלט ווי גאַרבען. 13) זאַט. 14) אויסראָטען.

13. נָחִיתָ בְחַסְדְּךָ	13. דו האָסט געפיהרט מיט דיין גנאַדע
עַם־זוּ גָּאָלְתָּ	דיזעס פאָלק, (וועלכעס) דו האָסט אויס־געלייזט,
נֵהַלְתָּ בְעָזְּךָ	דו האָסט (עס) [1]געלייטעט מיט דיין שטאַרקייט
אֶל־נְוֵה קָדְשֶׁךָ	צו דעם וואָהנונג פון דיין הייליגקייט.
14. שָׁמְעוּ עַמִּים	14. פעלקער האבען (עס) געהערט
יִרְגָּזוּן	האבען זיי געציטערט,
חִיל אָחַז	אַ ציטערניס האט אָנגענומען
יֹשְׁבֵי פְּלָשֶׁת׃	די בעוואָהנער פון פלשת.
15. אָז נִבְהֲלוּ	15. דאַן זיינען דערשראָקען געוואָרען
אַלּוּפֵי אֱדוֹם	די פירשטען פון אדום,
אֵילֵי מוֹאָב	די שטאַרקע פון מואב
יֹאחֲזֵמוֹ רָעַד	האט זיי אָנגענומען אַ שרעק
נָמֹגוּ	עס זיינען [2]צוגאַנגען געוואָרען
כֹּל יֹשְׁבֵי כְנָעַן׃	אַלע בעוואָהנער פון כנען.
16. תִּפֹּל עֲלֵיהֶם	16. עס איז געפאַלען אויף זיי
אֵימָתָה וָפַחַד	פורכט און שרעקען
בִּגְדֹל זְרוֹעֲךָ	דורך די גרויסקייט פון דיין [3]אַרעם
יִדְּמוּ כָּאָבֶן	זיינען זיי [4]שטיל געבליבען ווי אַ שטיין,
עַד־יַעֲבֹר עַמְּךָ יְהוָה	ביז דיין פאָלק איז דורכ־געגאַנגען, עוויגער,
עַד־יַעֲבֹר	ביז עס איז דורכגעגאַנגען
עַם־זוּ קָנִיתָ׃	דיזעס פאָלק (וועלכעס) דו האסט [5]ערוואָרבען.
17. תְּבִאֵמוֹ	17. דו וועסט זיי אַריינ־ברינגען
וְתִטָּעֵמוֹ	און דו וועסט זיי איינ־פלאַנצען
בְּהַר נַחֲלָתְךָ	אויף דעם באַרג פון דיין ערב־טהייל,
מָכוֹן	(אין דעם) אָרט,
לְשִׁבְתְּךָ פָּעַלְתָּ יְהוָה	(וואס) דו, עוויגער, האָסט געמאַכט פיר דיין זיטצן,
מִקְּדָשׁ אֲדֹנָי כּוֹנְנוּ יָדֶיךָ׃	(וואו) דיינע הענד, עוויגער, האבען געגרינדעט אַ הייליגטהום.
18. יְהוָה יִמְלֹךְ	18. דער עוויגער וועט רעגירען
לְעֹלָם וָעֶד׃	אויף אימער און עוויג!
19. כִּי בָא סוּס פַּרְעֹה	19. ווען פרעה׳ס פערד זיינען געקומען
בְּרִכְבּוֹ וּבְפָרָשָׁיו	מיט זיינע וועגען און מיט זיינע רייטער
בַּיָּם	אין׳ם מעער,
וַיָּשֶׁב יְהוָה עֲלֵהֶם	און דער עוויגער האט געבראַכט איבער זיי
אֶת־מֵי הַיָּם	די וואַסער פון׳ם מעער,
וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל	און די קינדער ישראל

הָלְכוּ בַיַּבָּשָׁה	זיינען געגאַנגען אין דער טריקניס
בְּתוֹךְ הַיָּם׃	אין מיטען דעם מעער;
20. וַתִּקַּח	20. דאַן האט גענומען
מִרְיָם הַנְּבִיאָה	מרים, די פּראָפעטין,
אֲחוֹת אַהֲרֹן	אהרן׳ס שוועסטער,
אֶת־הַתֹּף בְּיָדָהּ	דעם פויק אין איהר האַנד,
וַתֵּצֶאןָ כָל־הַנָּשִׁים	און אַלע פרויען זיינען אַרויס־געגאַנגען
אַחֲרֶיהָ	נאָך איהר
בְּתֻפִּים וּבִמְחֹלֹת׃	מיט פויקען און מיט טענץ.
21. וַתַּעַן לָהֶם מִרְיָם	21. און מרים האט זיי געאַנטוואָרט:
שִׁירוּ לַיהוָה	זינגט צו דעם עוויגען,
כִּי־גָאֹה גָּאָה	דען ער איז הויך ערהאַבען,
סוּס וְרֹכְבוֹ	(דעם) פערד און זיין רייטער
רָמָה בַיָּם׃	האט ער געוואָרפען אין׳ס מעער.
22. וַיַּסַּע מֹשֶׁה	22. און משה האט גע־מאַכט רייזען
אֶת־יִשְׂרָאֵל	די ישראל
מִיַּם־סוּף	פון׳ם שילף־מעער,
וַיֵּצְאוּ	און זיי זיינען אַרויס־געגאַנגען
אֶל־מִדְבַּר־שׁוּר	נאָך די וויסטע שור,
וַיֵּלְכוּ שְׁלֹשֶׁת־יָמִים	און זיי זיינען געגאַנגען דריי טעג
בַּמִּדְבָּר	אין דער וויסטע,
וְלֹא־מָצְאוּ מָיִם׃	און זיי האבען געפונען קיין וואַסער.
23. וַיָּבֹאוּ מָרָתָה	23. און זיי זיינען געקומען נאָך מרה,
וְלֹא יָכְלוּ	אבער זיי האבען ניט געקענט
לִשְׁתֹּת מַיִם מִמָּרָה	[צו] טרינקען וואַסער פון מרה,
כִּי מָרִים הֵם	דען [6]עס איז געווען ביטער
עַל־כֵּן	דאַרום
קָרָא־שְׁמָהּ מָרָה׃	האט מען גערופען איהר נאָמען מרה.
24. וַיִּלֹּנוּ הָעָם	24. און דאס פאָלק האט [7]געמוררט
עַל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר	געגען משה, זאָגענדיג:
מַה־נִּשְׁתֶּה׃	וואָס זאָלען מיר טרינקען?
25. וַיִּצְעַק אֶל־יְהוָה	25. און ער האט געשריען צו דעם עוויגען,
וַיּוֹרֵהוּ יְהוָה עֵץ	און דער עוויגער האט איהם געוויזען אַ האָלץ,
וַיַּשְׁלֵךְ אֶל־הַמַּיִם	און ער האט (עס) געוואָרפען אין די וואַסער,
וַיִּמְתְּקוּ הַמָּיִם	און די וואַסער איז זיס געוואָרען.
שָׁם שָׂם לוֹ	דאָרט האט ער [8]איהם [9]געגעבען

1) געפיהרט. 2) צושמאָלצען, ד. ה. מוטה־פערלירען. 3) ד. ה. מאכט. 4) שטום. 5) געקויפט. 6) זיי זיינען.
7) זיך בעקלאָגט, געקריגט. 8) ד. ה. דעם פאָלק. 9) געשטעלט, געטאָן.

חֹק וּמִשְׁפָּט	גע׳זעצין און רעכט,
וְשָׁם נִסָּהוּ׃	און דאָרט האט ער איהם געפּרופט.
26. וַיֹּאמֶר	26. און ער האט געזאָגט:
אִם־שָׁמוֹעַ תִּשְׁמַע	אויב דו וועסט הערען
לְקוֹל יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	צו די שטימע פון דעם עוויגען, דיין גאט,
וְהַיָּשָׁר בְּעֵינָיו	און דאס, וואס רעכט איז אין זיינע אויגען,
תַּעֲשֶׂה	וועסט׳ו טהאָן,
וְהַאֲזַנְתָּ לְמִצְוֹתָיו	און דו וועסט [1]פערנעהמען [צו] זיינע געבאָטע,
וְשָׁמַרְתָּ כָּל־חֻקָּיו	און דו וועסט היטען אַלע זיינע געזעטצע,
כָּל־הַמַּחֲלָה	קיינע פון די קראַנקהייטען,
אֲשֶׁר־שַׂמְתִּי	וועלכע איך האב געלייגט
בְמִצְרַיִם	אויף מצרים,
לֹא־אָשִׂים עָלֶיךָ	וועל איך (דאַן) נִיט לייגען אויף דיר,
כִּי אֲנִי יְהוָה רֹפְאֶךָ׃	דען איך עוויגער בין דיין [2]היילער.
חֲמִישִׁי	חֲמִישִׁי
27. וַיָּבֹאוּ אֵילִמָה	27. און זיי זיינען געקומען נאָך אילים,
וְשָׁם שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה עֵינֹת מַיִם	און דאָרט (זיינען געווען) צוועלף וואַסער־קוועלען
וְשִׁבְעִים תְּמָרִים	און זיבציג [3]דאַטעל־בוימער,
וַיַּחֲנוּ שָׁם עַל־הַמָּיִם׃	און זיי האבען דאָרט געלאַגערט ביים וואַסער.

Cap. XVI. טז

1. וַיִּסְעוּ מֵאֵילִם	1. און זיי האבען געריזט פון אילים,
וַיָּבֹאוּ	און זיי זיינען געקומען,
כָּל־עֲדַת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל	די גאַנצע געמיינדע פון די קינדער ישראל,
אֶל־מִדְבַּר־סִין	נאך דער וויסטע סין,
אֲשֶׁר בֵּין־אֵילִם	וועלכע איז צווישען אילים
וּבֵין סִינָי	און צווישען סיני,
בַּחֲמִשָּׁה עָשָׂר יוֹם	אין דעם פופצעהנטען טאג
לַחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי	פון דעם צווייטען מאָנאַט
לְצֵאתָם	נאך זייער אַרויס־גאַנג
מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם׃	פון דאס לאַנד מצרים.
2. וַיִּלּוֹנוּ	2. און זיי האבען [4]געמורמט,
כָּל־עֲדַת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל	די גאַנצע געמיינדע פון די קינדער ישראל,
עַל־מֹשֶׁה וְעַל־אַהֲרֹן	געגען משה און געגען אהרן
בַּמִּדְבָּר׃	אין דער וויסטע.
3. וַיֹּאמְרוּ אֲלֵהֶם	3. און עס האבען געזאָגט צו זיי
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	די קינדער ישראל:
מִי־יִתֵּן מוּתֵנוּ	[6]בעסער וואָלטען מיר געשטאָרבען
בְיַד־יְהוָה	דורך דעם עוויגען׳ס האַנד,
בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם	אין דאס לאַנד מצרים,
בְּשִׁבְתֵּנוּ	ווען מיר זיינען געזעסען
עַל־סִיר הַבָּשָׂר	ביים טאָפּ פלייש,
בְּאָכְלֵנוּ לֶחֶם לָשֹׂבַע	ווען מיר האבען געגעסען ברויט צו זאַט,
כִּי־הוֹצֵאתֶם אֹתָנוּ	דען איהר האט אונז אַרויס־געפיהרט
אֶל־הַמִּדְבָּר הַזֶּה	צו דיזע וויסטע
לְהָמִית	צו טויטען
אֶת־כָּל־הַקָּהָל הַזֶּה	דיזע גאַנצע פערזאַמלונג
בָּרָעָב׃	דורך הונגער.
4. וַיֹּאמֶר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	4. און דער עוויגער האט געזאָגט צו משה:
הִנְנִי מַמְטִיר לָכֶם	זעה, איך מאַך רעגנען פיר אייך
לֶחֶם מִן־הַשָּׁמָיִם	ברויט פון הימעל,
וְיָצָא הָעָם	און דאס פאלק וועט אַרויס־גיין,
וְלָקְטוּ	און זיי וועלען קלייבען
דְּבַר־יוֹם בְּיוֹמוֹ	די בעדירפניס פון אַ טאג [6]יעדען טאג,
לְמַעַן אֲנַסֶּנּוּ	אום איך זאל איהם פּרופען,
הֲיֵלֵךְ בְּתוֹרָתִי	אויב ער וועט גיין אין מיינע לעהרע
אִם־לֹא׃	אָדער ניט.
5. וְהָיָה בַּיּוֹם הַשִּׁשִּׁי	5. און עס וועט זיין אויף דעם זעקסטען טאג
וְהֵכִינוּ	זאלען זיי צובערייטען,
אֵת אֲשֶׁר יָבִיאוּ	וואס זיי וועלען ברינגען,
וְהָיָה מִשְׁנֶה	און עס וועט זיין דאָפּעלט
עַל אֲשֶׁר־יִלְקְטוּ	געגען (דאס), וואס זיי וועלען קלייבען
יוֹם׀ יוֹם׃	יעדען טאג.
6. וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן	6. און משה און אהרן האבען געזאגט
אֶל־כָּל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	צו אַלע קינדער ישראל:
עֶרֶב וִידַעְתֶּם	(אם) אַבענד, דאַן וועט איהר וויסען,
כִּי יְיָ הוֹצִיא אֶתְכֶם	דאס דער עוויגער האט אייך אַרויס־געפיהרט
מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם׃	פון דאס לאַנד מצרים.
7. וּבֹקֶר וּרְאִיתֶם	7. און (אם) מאָרגען, דאַן וועט איהר זעהן
אֶת־כְּבוֹד יְהוָה	די [7]הערליכקייט פון דעם עוויגען;
בְּשָׁמְעוֹ	דען ער האט געהערט
אֶת־תְּלֻנֹּתֵיכֶם	אייער [4]מורמען

1) צוהערען, געהאָרכען. 2) אַרצט. 3) פּאַלמען־בוימער. 4) זיך בעקלאָגט, געקריגט. 5) ווערטערליך: ווער וועט געבען אונזער טויט ד. ה. הלואי וואָלטען מיר געשטאָרבען. 6) אין דעם זעלבען טאג. 7) עהרע.

עַל־יְהוָה	געגען דעם עוויגען,
וְנַחְנוּ מָה	דען, וואס זיינען מיר,
כִּי תַלִּינוּ עָלֵינוּ׃	דאס איהר זאלט מוררען געגען אונז?
8. וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה	8. און משה האט געזאגט,
בְּתֵת יְיָ לָכֶם בָּעֶרֶב	[1]דער עוויגער וועט אייך געבען אם אבענד
בָּשָׂר לֶאֱכֹל	פלייש צו עסען,
וְלֶחֶם בַּבֹּקֶר לִשְׂבֹּעַ	און ברויט אם מארגען זאט צו ווערען,
בִּשְׁמֹעַ יְהוָה	דען דער עוויגער האט געהערט
אֶת־תְּלֻנֹּתֵיכֶם	אייער מוררען,
אֲשֶׁר אַתֶּם מַלִּינִם	וואס איהר מוררט
עָלָיו	געגען איהם:
וְנַחְנוּ מָה	דען וואס זיינען מיר?
לֹא־עָלֵינוּ תְלֻנֹּתֵיכֶם	ניט געגען אונז איז אייער מוררען,
כִּי עַל־יְהוָה׃	זאנדערן געגען דעם עוויגען
9. וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה	9. און משה האט געזאגט
אֶל־אַהֲרֹן	צו אהרן:
אֱמֹר אֶל־כָּל־עֲדַת	זאג צו די גאנצע געמיינדע
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	פון די קינדער ישראל:
קִרְבוּ לִפְנֵי יְהוָה	דערנעהנטערט אייך פאר דעם עוויגען,
כִּי שָׁמַע	דען ער האט געהערט
אֵת תְּלֻנֹּתֵיכֶם׃	אייער מוררען.
10. וַיְהִי כְּדַבֵּר אַהֲרֹן	10. און עס איז געווען, ווי אהרן האט גערעט
אֶל־כָּל־עֲדַת	צו די גאנצע געמיינדע
בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל	פון די קינדער ישראל,
וַיִּפְנוּ אֶל־הַמִּדְבָּר	דאן האבען זיי זיך געווענדעט צו דער וויסטע,
וְהִנֵּה כְּבוֹד יְהוָה	[2]און די הערליכקייט פון דעם עוויגען
נִרְאָה בֶּעָנָן׃	האט זיך בעוויזען אים וואלקען.
שִׁשִּׁי	שִׁשִּׁי
11. וַיְדַבֵּר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	11. און דער עוויגער האט גערעט צו משה.
לֵּאמֹר׃	זאגענדיג:
12. שָׁמַעְתִּי	12. איך האב געהערט
אֶת־תְּלוּנֹּת	דאס מוררען
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	פון די קינדער ישראל,
דַּבֵּר אֲלֵהֶם, לֵאמֹר	רייד צו זיי, זאגענדיג:
בֵּין הָעַרְבַּיִם	געגען אבענד
תֹּאכְלוּ בָשָׂר	וועט איהר עסען פלייש,
וּבַבֹּקֶר תִּשְׂבְּעוּ לָחֶם	און אם מארגען וועט איהר זאט זיין (מיט) ברויט,
וִידַעְתֶּם	און איהר וועט וויסען,
כִּי אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם	דאס איך בין דער עוויגער, אייער גאט.
13. וַיְהִי בָעֶרֶב	13. און עס איז געווען אם אבענד,
וַתַּעַל הַשְּׂלָו	איז אויפ געגאנגען די [3]וואכטעל,
וַתְּכַס אֶת־הַמַּחֲנֶה	און זי האט בעדעקט דעם לאגער,
וּבַבֹּקֶר	און אם מארגען
הָיְתָה שִׁכְבַת הַטַּל	איז געווען א [4]לאגע פון טהוי
סָבִיב לַמַּחֲנֶה׃	ארום דעם לאגער.
14. וַתַּעַל	14. און אלס עס האט זיך אויפ-געהויבען
שִׁכְבַת הַטָּל	די לאגע פון די טהוי,
וְהִנֵּה עַל־פְּנֵי הַמִּדְבָּר	[2]דאן איז געווען אויף די פלעכע פון דער וויסטע
דַּק	(עטוואס) [5]דינעס,
מְחֻסְפָּס	[6]גרויפען־פערמיג,
דַּק כַּכְּפֹר עַל־הָאָרֶץ׃	[5]דין ווי [7]רייף אויף דער ערד.
15. וַיִּרְאוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל	15. און די קינדער ישראל האבען (עס) געזעהן,
וַיֹּאמְרוּ	און זיי האבען געזאגט
אִישׁ אֶל־אָחִיו	אייגער צו דעם אנדערן:
מָן הוּא	וואס איז דאס?
כִּי לֹא יָדְעוּ	דען זיי האבען ניט געוואוסט
מַה־הוּא	וואס דאס איז,
וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֲלֵהֶם	דאן האט משה געזאגט צו זיי:
הוּא הַלֶּחֶם	דאס איז די ברויט,
אֲשֶׁר נָתַן יְהוָה לָכֶם	וואס דער עוויגער האט אייך געגעבען
לְאָכְלָה׃	פיר שפייזע.
16. זֶה הַדָּבָר	16. דיזעס איז די זאך,
אֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה	וועלכע דער עוויגער האט בעפוילען:
לִקְטוּ מִמֶּנּוּ	קלייבט פון איהם
אִישׁ לְפִי אָכְלוֹ	יעדער נאך זיין עסען,
עֹמֶר לַגֻּלְגֹּלֶת	איין [8]עומר פיר יעדען [9]קאפ
מִסְפַּר נַפְשֹׁתֵיכֶם	נאך דעם צאהל פון אייערע זעלען,
אִישׁ לַאֲשֶׁר בְּאָהֳלוֹ	יעדער פיר די, וואס זיינען אין זיין [10]געצעלט,
תִּקָּחוּ׃	זאלט איהר נעהמען.
17. וַיַּעֲשׂוּ־כֵן	17. און עס האבען אזוי געטאן
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	די קינדער ישראל,
וַיִּלְקְטוּ	און זיי האבען געקליבען,

1) דען דער א. ז. וו. 2) און זעה. 3) ד. ה. וואכטלען, אזא סארט פויגלען. 4) א פאך. 5) פיינעס, קליין. 6) שופען-ארטיג. 7) געפרארענע טהוי. 8) א מאס. זעה פ׳ 36. 9) ד. ה. פיר יעדען מענש. 10) ד. ה. הויז.

הַמַּרְבֶּה וְהַמַּמְעִיט׃	¹דער פיל, און ¹דער ווייניג.
18. וַיָּמֹדּוּ בָעֹמֶר	18. און זיי האבען געמאָסטען מיט'ן עומר.
וְלֹא הֶעְדִּיף	אבער עס האט ניט איבריג געהאט
הַמַּרְבֶּה	דער, וואס האט פיל געקליבען,
וְהַמַּמְעִיט	און דער, וואס האט ווייניג געקליבען,
לֹא הֶחְסִיר	האט (איהם) ניט געפעהלט.
אִישׁ לְפִי־אָכְלוֹ	יעדער נאך זיין עסען
לָקָטוּ׃	האבען זיי געקליבען.
19. וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה	19. און משה האט געזאגט
אֲלֵהֶם	צו זיי:
אִישׁ אַל־יוֹתֵר מִמֶּנּוּ	קיין מאַן זאָל ניט איבריג־לאָזען פון איהם
עַד־בֹּקֶר׃	ביז (צום) מאָרגען.
20. וְלֹא־שָׁמְעוּ	20. אבער זיי האבען ניט געהערט
אֶל־מֹשֶׁה	צו משה,
וַיּוֹתִרוּ אֲנָשִׁים	און לייטע האָבען איבריג־געלאָזען
מִמֶּנּוּ	פון איהם
עַד־בֹּקֶר	ביז (צום) מאָרגען,
וַיָּרֻם תּוֹלָעִים	און עס האט געווערימט (מיט) ווערים,
וַיִּבְאַשׁ	און עס האט געשטונקען.
וַיִּקְצֹף עֲלֵהֶם מֹשֶׁה	און משה האט געצירנעט אויף זיי.
21. וַיִּלְקְטוּ אֹתוֹ	21. און זיי האבען איהם געקליבען
בַּבֹּקֶר בַּבֹּקֶר	מאָרגען פיר מאָרגען,
אִישׁ כְּפִי אָכְלוֹ	יעדער נאך זיין עסען,
וְחַם הַשֶּׁמֶשׁ	און ווי די זון פלעגט הייס שיינען.
וְנָמָס׃	פלעגט עס צושמאָלצען ווערען.
22. וַיְהִי בַּיּוֹם הַשִּׁשִּׁי	22. און עס איז געוועזען אויף דעם זעקסטען טאָג,
לָקְטוּ לֶחֶם מִשְׁנֶה	האבען זיי געקליבען דאָפּעלטע שפּייזע,
שְׁנֵי הָעֹמֶר לָאֶחָד	צוויי עומר פיר איינעם.
וַיָּבֹאוּ	און עס זיינען געקומען
כָּל־נְשִׂיאֵי הָעֵדָה	אַלע פירשטען פון דער געמיינדע,
וַיַּגִּידוּ לְמֹשֶׁה׃	און זיי האבען (עס) דערציילט צו משה.
23. וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם	23. און ער האט געזאגט צו זיי
הוּא אֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה	דאס איז, וואס דער עוויגער האט גערעט:
שַׁבָּתוֹן	א רוהע־טאָג,
שַׁבַּת־קֹדֶשׁ לַיהוָה	אַ הייליגער רוהע־טאָג צו דעם עוויגען
מָחָר	(איז) מאָרגען;

אֵת אֲשֶׁר־תֹּאפוּ	וואס איהר דאַרפט באַקען
אֵפוּ	באַקט,
וְאֵת אֲשֶׁר־תְּבַשְּׁלוּ	און וואס איהר דאַרפט קאָכען
בַּשֵּׁלוּ	קאָכט,
וְאֵת כָּל־הָעֹדֵף	און אַלעס, וואס בלייבט איבריג,
הַנִּיחוּ לָכֶם	לייגט אוועג פיר אייך
לְמִשְׁמֶרֶת	צו איין אויף־בעוואהרונג
עַד־הַבֹּקֶר׃	ביז (צום) מאָרגען.
24. וַיַּנִּיחוּ אֹתוֹ	24. און זיי האבען איהם אוועג געלייגט
עַד־הַבֹּקֶר	ביז (צום) מאָרגען,
כַּאֲשֶׁר צִוָּה מֹשֶׁה	ווי משה האט בעפוילען,
וְלֹא הִבְאִישׁ	און ער האט ניט געשטונקען
וְרִמָּה לֹא־הָיְתָה בּוֹ׃	און ווערים איז ניט געוועזען אויף איהם.
25. וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה	25. און משה האט געזאגט:
אִכְלֻהוּ הַיּוֹם	עסט איהם הייטע,
כִּי־שַׁבָּת הַיּוֹם לַיהוָה	דען א רוהע־טאָג איז הייטע צו דעם עוויגען
הַיּוֹם לֹא תִמְצָאֻהוּ	הייטע וועט איהר איהם ניט געפינען
בַּשָּׂדֶה׃	אויפ'ן פעלד.
26. שֵׁשֶׁת יָמִים	26. זעקס טעג
תִּלְקְטֻהוּ	וועט איהר איהם קלייבען,
וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי	אבער אויף דעם זיבענטען טאג
שַׁבָּת	איז אַ רוהע־טאָג,
לֹא יִהְיֶה־בּוֹ׃	ער וועט ניט זיין אין איהם.
27. וַיְהִי	27. און עס איז געוועזען
בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי	אויף דעם זיבענטען טאָג
יָצְאוּ מִן־הָעָם	זיינען ארויס־געגאַנגען פון דעם פאָלק
לִלְקֹט	צו קלייבען,
וְלֹא מָצָאוּ׃	אבער זיי האבען ניט געפונען.
28. וַיֹּאמֶר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	28. און דער עוויגער האט געזאָגט צו משה:
עַד־אָנָה מֵאַנְתֶּם	ביז ווי לאַנג וועט איהר ניט וועלען
לִשְׁמֹר מִצְוֹתַי	[צו] היטען מיינע געבאָטע
וְתוֹרֹתָי׃	און מיינע לעהרע?
29. רְאוּ	29. זעהט,
כִּי־יְהוָה נָתַן לָכֶם	דאס דער עוויגער האט אייך געגעבען
הַשַּׁבָּת	דעם רוהע טאָג,
עַל־כֵּן הוּא נֹתֵן לָכֶם	דארום גיט ער אייך

1) ווער.

בַּיּוֹם הַשִּׁשִּׁי	אין דעם זעקסטען טאג
לֶחֶם יוֹמָיִם	שפייזע (פיר) צוויי טעג,
שְׁבוּ׀ אִישׁ תַּחְתָּיו	זיצט יעדער אויף זיין שטעלע,
אַל־יֵצֵא אִישׁ מִמְּקֹמוֹ	זאל קיין מאן ארויס־גיין פון זיין ארט
בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי׃	אין דעם זיבענטען טאג.
30. וַיִּשְׁבְּתוּ הָעָם	30. און דאס פאלק האט גערוהט
בַּיּוֹם הַשְּׁבִעִי׃	אויף דעם זיבענטען טאג.
31. וַיִּקְרְאוּ בֵית־יִשְׂרָאֵל	31. און דאס הויז ישראל האט גערופען
אֶת־שְׁמוֹ מָן	זיין נאמען „מָן“
וְהוּא כְּזֶרַע גַּד לָבָן	און ער איז געוועזען ווי קאריאנדער־זאמען, ווייס,
וְטַעְמוֹ	און זיין געשמאק (איז געוועזען)
כְּצַפִּיחִת בִּדְבָשׁ׃	ווי א קוכען מיט האניג.
32. וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה	32. און משה האט געזאגט:
זֶה הַדָּבָר	דיזעס איז די זאך,
אֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה	וועלכע דער עוויגער האט בעפוילען:
מְלֹא הָעֹמֶר מִמֶּנּוּ	א פולער עומר פון איהם
לְמִשְׁמֶרֶת	(זאל זיין) צו איין אויפ־בעוואהרונג
לְדֹרֹתֵיכֶם	פיר אייערע נאכקאמען,
לְמַעַן׀ יִרְאוּ	אום זיי זאלען זעהן
אֶת־הַלֶּחֶם	די שפייזע,
אֲשֶׁר הֶאֱכַלְתִּי אֶתְכֶם	וועלכע איך האב אייך געגעבען עסען
בַּמִּדְבָּר	אין דער וויסטע,
בְּהוֹצִיאִי אֶתְכֶם	ווען איך האב אייך ארויס־געפיהרט
מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם׃	פון דאס לאנד מצרים.
33. וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה	33. און משה האט געזאגט
אֶל־אַהֲרֹן	צו אהרן:
קַח צִנְצֶנֶת אַחַת	נעהם איין פלאש,
וְתֶן־שָׁמָּה	און לייג דארט אריין
מְלֹא־הָעֹמֶר מָן	א פולען עומר מן,
וְהַנַּח אֹתוֹ	און לייג איהם
לִפְנֵי יְהוָה	פאר דעם עוויגען
לְמִשְׁמֶרֶת	צו איין אויפ־בעוואהרונג
לְדֹרֹתֵיכֶם׃	פיר אייערע געשלעכטער.

34. כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה	34. ווי דער עוויגער האט בעפוילען
אֶל־מֹשֶׁה	צו משה,
וַיַּנִּיחֵהוּ אַהֲרֹן	(אזוי) האט עס אהרן געלייגט
לִפְנֵי הָעֵדֻת	פאר די צייגניס
לְמִשְׁמָרֶת׃	צו איין אויפ־בעוואהרונג.
35. וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל	35. און די קינדער ישראל
אָכְלוּ אֶת־הַמָּן	האבען געגעסען דעם מן
אַרְבָּעִים שָׁנָה	פערציג יאהר
עַד־בֹּאָם	ביז זייער קומען
אֶל־אֶרֶץ נוֹשָׁבֶת	צו א בעוואהנטע לאנד,
אֶת־הַמָּן אָכְלוּ	דעם מן האבען זיי געגעסען
עַד־בֹּאָם	ביז זייער קומען
אֶל־קְצֵה אֶרֶץ כְּנָעַן׃	צו דעם ברעג פון דאס לאנד כנען.
36. וְהָעֹמֶר	36. און דער עומר
עֲשִׂרִית הָאֵיפָה הוּא׃	איז א צעהנטעל פון איין אפה.

Cap. XVII. — יז

שְׁבִיעִי — שְׁבִיעִי

1. וַיִּסְעוּ	1. און עס האבען געריזט
כָּל־עֲדַת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל	די גאנצע געמיינדע פון די קינדער ישראל
מִמִּדְבַּר סִין	פון דער וויסטע סין
לְמַסְעֵיהֶם	נאך זייערע רייזען,
עַל־פִּי יְהוָה	אויף דעם עוויגען'ס בעפעהל,
וַיַּחֲנוּ בִּרְפִידִים	און זיי האבען געלאגערט אין רפידים,
וְאֵין מַיִם	און עס איז געוועזען קיין וואסער
לִשְׁתֹּת הָעָם׃	צו טרינקען (פיר) דאס פאלק
2. וַיָּרֶב הָעָם	2. און דאס פאלק האט זיך געקריגט
עִם־מֹשֶׁה	מיט משה,
וַיֹּאמְרוּ	און זיי האבען געזאגט:
תְּנוּ־לָנוּ מַיִם וְנִשְׁתֶּה	גיט אונז וואסער, דאס מיר זאלען טרינקען.
וַיֹּאמֶר לָהֶם מֹשֶׁה	און משה האט געזאגט צו זיי
מַה־תְּרִיבוּן עִמָּדִי	וואס קריגט איהר זיך מיט מיר?
מַה־תְּנַסּוּן אֶת־יְהוָה׃	וואס פרופט איהר דעם עוויגען?
3. וַיִּצְמָא שָׁם הָעָם	3. און דאס פאלק איז דארט דורשטיג געוועזען
לַמַּיִם	נאך וואסער,
וַיָּלֶן הָעָם עַל־מֹשֶׁה	און דאס פאלק האט געמורט געגען משה,
וַיֹּאמֶר	און האט געזאגט:

1) גלאז, קרוג, קארב, טאפ.

לָמָּה זֶּה הֶעֱלִיתָנוּ	וואַרום דען האָסט'ו אונז אויפ-געבראכט
מִמִּצְרַיִם	פון מצרים ?
לְהָמִית אֹתִי	צו טויטען מיך
וְאֶת־בָּנַי וְאֶת־מִקְנַי	און מיינע זיהן און מיינע פיה
בַּצָּמָא :	דורך דורשט ?
4. וַיִּצְעַק מֹשֶׁה אֶל־יְיָ	4. און משה האט געשריען צום עוויגען,
לֵאמֹר	זאגענדיג:
מָה אֶעֱשֶׂה	וואס זאל איך טהאָן
לָעָם הַזֶּה	צו דיזען פאָלק ?
עוֹד מְעַט וּסְקָלֻנִי :	נאָך אַביסעל, [1]דאַן וועלען זיי מיר פערשטיינען.
5. וַיֹּאמֶר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	5. און דער עוויגער האט געזאָגט צו משה:
עֲבֹר לִפְנֵי הָעָם	גיי פאָראויס פאר דעם פאָלק
וְקַח אִתְּךָ	און נעהם מיט דיר
מִזִּקְנֵי יִשְׂרָאֵל	פון די עלטעסטע פון ישראל,
וּמַטְּךָ	און דיין שטעקען,
אֲשֶׁר הִכִּיתָ בּוֹ	וואס דו האָסט געשלאָגען מיט איהם
אֶת־הַיְאֹר	דעם פלוס,
קַח בְּיָדְךָ	נעהם אין דיין האַנד,
וְהָלָכְתָּ :	און דו זאָלסט גיין.
6. הִנְנִי עֹמֵד לְפָנֶיךָ שָּׁם	6. זעה, איך וועל דארט שטעהן פאַר דיר,
עַל־הַצּוּר בְּחֹרֵב	אויף דעם פעלזען אין חורב
וְהִכִּיתָ בַצּוּר	און דו זאָלסט שלאָגען אויף דעם פעלזען,
וְיָצְאוּ מִמֶּנּוּ מַיִם	און עס וועט אַרויס־גיין פון איהם וואַסער,
וְשָׁתָה הָעָם	און דאס פאָלק וועט טרינקען.
וַיַּעַשׂ כֵּן מֹשֶׁה	און משה האט אַזוי געטאָן
לְעֵינֵי זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל :	פאר די אויגען פון די עלטעסטע פון ישראל.
7. וַיִּקְרָא שֵׁם הַמָּקוֹם	7. און ער האט גערופען דעם נאָמען פון דעם אָרט:
מַסָּה וּמְרִיבָה	מסה און מריבה.[2]
עַל־רִיב ׀ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	וועגען די קריג פון די קינדער ישראל
וְעַל נַסֹּתָם אֶת־יְהוָֹה	און וועגען זייער פרופען דעם עוויגען,
לֵאמֹר	זאָגענדיג
הֲיֵשׁ יְהוָֹה בְּקִרְבֵּנוּ	איז דער עוויגער דאָ צווי־שען אונז
אִם־אָיִן :	אָדער ניט. ?
8. וַיָּבֹא עֲמָלֵק	8. און עמלק איז געקומען,
וַיִּלָּחֶם עִם־יִשְׂרָאֵל	און ער האט געשטריטען מיט די ישראל

בִּרְפִידִם :	אין רפידים.
9. וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה	9. און משה האט געזאָגט
אֶל־יְהוֹשֻׁעַ	צו יהושע:
בְּחַר־לָנוּ אֲנָשִׁים	קלייב־אויס פיר אונז מענער
וְצֵא הִלָּחֵם בַּעֲמָלֵק	און גיי אַרויס, שטרייט מיט עמלק!
מָחָר אָנֹכִי נִצָּב	מאָרגען וועל איך שטעהן
עַל־רֹאשׁ הַגִּבְעָה	אויף דעם שפּיטץ פון דעם היגעל
וּמַטֵּה הָאֱלֹהִים בְּיָדִי	מיט גאָטעס שטעקען אין מיין האַנד.
10. וַיַּעַשׂ יְהוֹשֻׁעַ	10. און יהושע האט געטאן,
כַּאֲשֶׁר אָמַר־לוֹ מֹשֶׁה	ווי משה האט געזאגט צו איהם,
לְהִלָּחֵם בַּעֲמָלֵק	צו שטרייטען מיט עמלק.
וּמֹשֶׁה אַהֲרֹן וְחוּר	און משה, אהרן און חור
עָלוּ רֹאשׁ הַגִּבְעָה :	זיינען אויפ־געגאַנגען אויף'ן שפּיץ פון'ם היגעל.
11. וְהָיָה	11. און עס איז געווען,
כַּאֲשֶׁר יָרִים מֹשֶׁה	ווי משה פלעגט אויפהייבען
יָדוֹ	זיין האַנד,
וְגָבַר יִשְׂרָאֵל	דאַן פלעגט [3]זיך שטאַרקען ישראל
וְכַאֲשֶׁר יָנִיחַ יָדוֹ	און ווי ער פלעגט אַראָב־לאָזען זיין האַנד,
וְגָבַר עֲמָלֵק :	דאַן פלעגט [3]זיך שטאַרקען עמלק;
12. וִידֵי מֹשֶׁה כְּבֵדִים	12. אבער משה'ס הענד זיינען געוואָרען שווער,
וַיִּקְחוּ־אֶבֶן	דאַן האבען זיי גענומען אַ שטיין,
וַיָּשִׂימוּ תַחְתָּיו	און זיי האבען (עס) געלייגט אונטער איהם,
וַיֵּשֶׁב עָלֶיהָ	און ער האט זיך געזעצט אויף איהר,
וְאַהֲרֹן וְחוּר	און אהרן און חור
תָּמְכוּ בְיָדָיו	האבען אונטערשטיצט זיינע הענד
מִזֶּה אֶחָד	פון דיזע (זייט) איינער
וּמִזֶּה אֶחָד	און פון דיזע (זייט) איינער,
וַיְהִי יָדָיו אֱמוּנָה	און זיינע הענד זיינען געוועזן [4]פעסט
עַד־בֹּא הַשָּׁמֶשׁ :	ביז די זון אונטער־גאַנג.
13. וַיַּחֲלֹשׁ יְהוֹשֻׁעַ	13. און יהושע האט [5]אָבגעשוואַכט
אֶת־עֲמָלֵק וְאֶת־עַמּוֹ	[6]עמלק און זיין פאָלק
לְפִי־חָרֶב :	דורך דעם שאַרף פון שווערט.
מַפְטִיר	מַפְטִיר
14. וַיֹּאמֶר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	14. און דער עוויגער האט געזאָגט צו משה:
כְּתֹב זֹאת	פער־שרייב דיזעס
זִכָּרוֹן בַּסֵּפֶר	(צום) אַנדיינקען אין דעם בוך,

1) ד. ה. ווען עס זאָל נאך אַ קורצע צייט אַזוי אָנהאַלטען. 2) ד. ה. פרופונג און קריג. 3) זיגען. 4) אויפ־געהייבען, אויפ־געריכטעט, אויס־דויערנד. 5) בעזיגט, אַנידער־געלייגט. 6) אַזוי האט געהייסען דער קעניג.

וְשִׂים בְּאָזְנֵי יְהוֹשֻׁעַ	און לייג (עס) אין די אויערן פון יהושע,[1]
כִּי מָחֹה אֶמְחֶה	דאס איך וועל פערטילגען
אֶת־זֵכֶר עֲמָלֵק	דעם אַנדיינקען פון עמלק
מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם׃	פון אונטער דעם הימעל.
15. וַיִּבֶן מֹשֶׁה מִזְבֵּחַ	15. און משה האט געבויט איין אַלטאַר,
וַיִּקְרָא שְׁמוֹ	און ער האט גערופען זיין נאמען:
יְהוָה ׀ נִסִּי׃	דער עוויגער איז מיין [2]פאַניר!
16. וַיֹּאמֶר	16. און ער האט געזאגט,
כִּי־יָד עַל־כֵּס יָהּ	דען די האַנד איז אויף גאָטעס שטול (צו שווערען)[3]
מִלְחָמָה לַיְיָ בַּעֲמָלֵק	(דאס) קריג האט דער עוויגער געגען עמלק
מִדֹּר דֹּר׃	פון געשלעכט צו געשלעכט

יִתְרוֹ

YITHRO

CAP. XVIII.

יח

1. וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ	1. און עס האט געהערט יתרו,
כֹהֵן מִדְיָן	דער פריסטער פון מדין,
חֹתֵן מֹשֶׁה	משה׳ס שוועהר,
אֵת כָּל־אֲשֶׁר עָשָׂה	
אֱלֹהִים לְמֹשֶׁה	אַלעס, וואס גאָט האט געטאָן צו משה
וּלְיִשְׂרָאֵל עַמּוֹ	און צו ישראל, זיין פאָלק,
כִּי־הוֹצִיא יְהוָה	דאס דער עוויגער האט אַרויס־געפיהרט
אֶת־יִשְׂרָאֵל	די ישראל
מִמִּצְרָיִם׃	פון מצרים.
2. וַיִּקַּח יִתְרוֹ	2. דאַן האט גענומען יתרו,
חֹתֵן מֹשֶׁה	משה׳ס שוועהר,
אֶת־צִפֹּרָה	צפורה,
אֵשֶׁת מֹשֶׁה	משה׳ס פרוי,
אַחַר שִׁלּוּחֶיהָ׃	נאָכדעם ווי ער האט איהר אַהיים געשיקט.
3. וְאֵת שְׁנֵי בָנֶיהָ	3. און איהרע צוויי זיהן,
אֲשֶׁר שֵׁם הָאֶחָד	וואס דער נאמען פון איינעם
גֵּרְשֹׁם	(איז געוועזן) גרשם,
כִּי אָמַר	דען ער האט געזאָגט:
גֵּר הָיִיתִי	אַ פרעמדער בין איך געוועזן
בְּאֶרֶץ נָכְרִיָּה׃	אין אַ פרעמדע לאַנד.
4. וְשֵׁם הָאֶחָד	4. און דער נאמען פון דעם צווייטען
אֱלִיעֶזֶר	(איז געוועזן) אליעזר,
כִּי אֱלֹהֵי אָבִי	דען דער גאָט פון מיין פאטער
בְּעֶזְרִי	(איז געוועזן אין מיין הילף,
וַיַּצִּלֵנִי	און ער האט מיר גערעטעט
מֵחֶרֶב פַּרְעֹה׃	פון פרעה׳ס שווערט.
5. וַיָּבֹא יִתְרוֹ	5. אַלזאָ איז געקומען יתרו,
חֹתֵן מֹשֶׁה	משה׳ס שוועהר,
וּבָנָיו וְאִשְׁתּוֹ	און זיינע זיהן און זיין פרוי
אֶל־מֹשֶׁה	צו משה,
אֶל־הַמִּדְבָּר	צו דער וויסטע,
אֲשֶׁר־הוּא חֹנֶה שָׁם	וואס ער האט דאָרט געלאַגערט
הַר הָאֱלֹהִים׃	(ביי) גאָטעס־באַרג.
6. וַיֹּאמֶר אֶל־מֹשֶׁה	6. און ער האט געלאָזען זאָגען משה:
אֲנִי חֹתֶנְךָ יִתְרוֹ	איך, דיין שוועהר יתרו,
בָּא אֵלֶיךָ	קום צו דיר,
וְאִשְׁתְּךָ וּשְׁנֵי בָנֶיהָ	און דיין פרוי און איהרע צוויי זיהן
עִמָּהּ׃	(זיינען) מיט איהר.
7. וַיֵּצֵא מֹשֶׁה	7. און משה איז אַרויס־געגאַנגען
לִקְרַאת חֹתְנוֹ	ענטגעגען זיין שוועהר,
וַיִּשְׁתַּחוּ	און ער האט זיך געבוקט,
וַיִּשַּׁק־לוֹ	און ער האט איהם געקושט,
וַיִּשְׁאֲלוּ אִישׁ לְרֵעֵהוּ	און זיי האבען געפרעגט איינער דעם אַנדערן
לְשָׁלוֹם	וועגען פרידען,
וַיָּבֹאוּ הָאֹהֱלָה׃	און זיי זיינען אַריינ-געקומען אין׳ם געצעלט.
8 וַיְסַפֵּר מֹשֶׁה לְחֹתְנוֹ	8. און משה האט דער־ציילט צו זיין שוועהר
אֵת כָּל־אֲשֶׁר עָשָׂה	
יְהוָה	אַלעס, וואס דער עוויגער האָט געטאָן
לְפַרְעֹה וּלְמִצְרַיִם	צו פרעה און צו מצרים
עַל אוֹדֹת יִשְׂרָאֵל	וועגען די ישראל,
אֵת כָּל־הַתְּלָאָה	אַלע [4]מיה־זעליגקייט,
אֲשֶׁר מְצָאָתַם בַּדֶּרֶךְ	וואס זיי האט געטראָפען אויף׳ן וועג,
וַיַּצִּלֵם יְהוָה׃	און דער עוויגער האט זיי גערעטעט.
9. וַיִּחַדְּ יִתְרוֹ	9. און יתרו האט זיך געפרייט
עַל כָּל־הַטּוֹבָה	איבער אַלע גוטעס,
אֲשֶׁר עָשָׂה יְהוָה	וואס דער עוויגער האט געטאָן
לְיִשְׂרָאֵל	צו ישראל,
אֲשֶׁר הִצִּילוֹ	וואס ער האט [5]איהם גערעטעט

1) ד. ה. זאָג איהם. 2) ד. ה. אַ קריגס־פאָהן 3) ד. ה. גאָט האט אויפגעהייבען זיין האַנד אויף זיין שטול צו שווערען. 4) שוועריגקייט, מידיגקייט. 5) די ישראל.

מִיַּד מִצְרָיִם׃	פון די האַנד פון די מצרים.
10. וַיֹּאמֶר יִתְרוֹ	10. און יתרו האָט געזאָגט:
בָּרוּךְ יְהֹוָה	געלויבט איז דער עוויגער,
אֲשֶׁר הִצִּיל אֶתְכֶם	וועלכער האָט אייך גערעטעט
מִיַּד מִצְרַיִם	פון די האַנד פון די מצרים
וּמִיַּד פַּרְעֹה	און פון די האַנד פון פרעה,
אֲשֶׁר הִצִּיל אֶת־הָעָם	וועלכער האָט גערעטעט דאָס פאָלק
מִתַּחַת יַד־מִצְרָיִם׃	פון אונטער די [1]האַנד פון די מצרים.
11. עַתָּה יָדַעְתִּי	11. יעצט ווייס איך,
כִּי־גָדוֹל יְהֹוָה	דאָס דער עוויגער איז גרעסער
מִכָּל־הָאֱלֹהִים	פון אַלע געטער,
כִּי בַדָּבָר	דען דורך די זאַך,
אֲשֶׁר זָדוּ	וואָס זיי האָבען שלעכטעס געטראַכט
עֲלֵיהֶם׃	געגען [2]זיי.
12. וַיִּקַּח יִתְרוֹ	12. דאַן האָט גענומען יתרו,
חֹתֵן מֹשֶׁה	משה׳ס שוועהר,
עֹלָה וּזְבָחִים	בראַנד־אָפּפער און שלאַכט־טונגען
לֵאלֹהִים	צו גאָט,
וַיָּבֹא אַהֲרֹן	און אהרן איז געקומען
וְכֹל ׀ זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל	און אַלע עלטעסטע פון ישראל
לֶאֱכָל־לֶחֶם	צו עסען ברויט
עִם־חֹתֵן מֹשֶׁה	מיט משה׳ס שוועהר
לִפְנֵי הָאֱלֹהִים׃	פאַר גאָט.
שֵׁנִי	שֵׁנִי
13. וַיְהִי מִמָּחֳרָת	13. און עס איז געווען אויף מאָרגען,
וַיֵּשֶׁב מֹשֶׁה	האָט זיך משה געזעצט
לִשְׁפֹּט אֶת־הָעָם	צו ריכטען דאָס פאָלק
וַיַּעֲמֹד הָעָם עַל־מֹשֶׁה	און דאָס פאָלק איז געשטאַנען ביי משה
מִן־הַבֹּקֶר עַד־הָעָרֶב	פון׳ם מאָרגען ביז אַבענד.
14. וַיַּרְא חֹתֵן מֹשֶׁה	14. און משה׳ס שוועהר האָט געזעהן
אֵת כָּל־אֲשֶׁר־הוּא עֹשֶׂה לָעָם	אַלעס, וואָס ער טהוט מיט דעם פאָלק.
וַיֹּאמֶר	און ער האָט געזאָגט:
מָה־הַדָּבָר הַזֶּה	וואָס איז דיזע זאַך,
אֲשֶׁר אַתָּה עֹשֶׂה	וואָס דו טהוסט
לָעָם	מיט דעם פאָלק?
מַדּוּעַ אַתָּה יוֹשֵׁב	וואַרום זיצט׳ו
לְבַדֶּךָ	דו אַליין,
וְכָל־הָעָם נִצָּב עָלֶיךָ	און דאָס גאַנצע פאָלק שטייט ביי דיר
מִן־בֹּקֶר עַד־עָרֶב׃	פון מאָרגענס ביז אַבענד?
15. וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה	15. און משה האָט געזאָגט
לְחֹתְנוֹ	צו זיין שוועהר:
כִּי־יָבֹא אֵלַי הָעָם	ווייל דאָס פאָלק קומט צו מיר
לִדְרֹשׁ אֱלֹהִים׃	צו פרעגען גאָט.
16. כִּי־יִהְיֶה לָהֶם דָּבָר	16. ווען זיי האָבען אַ (שטרייט)־זאַך
בָּא אֵלַי	קומען [3]זיי צו מיר,
וְשָׁפַטְתִּי	און איך ריכטע
בֵּין אִישׁ וּבֵין רֵעֵהוּ	צווישען איינעם און צווישען דעם אַנדערען,
וְהוֹדַעְתִּי	און איך מאַך בעקאַנט
אֶת־חֻקֵּי הָאֱלֹהִים	גאָטעס געזעצע
וְאֶת־תּוֹרֹתָיו׃	און זיינע לעהרען.
17. וַיֹּאמֶר חֹתֵן מֹשֶׁה	17. און משה׳ס שוועהר האָט געזאָגט
אֵלָיו	צו איהם:
לֹא־טוֹב הַדָּבָר	עס איז ניט גוט די זאַך,
אֲשֶׁר אַתָּה עֹשֶׂה׃	וואָס דו טהוסט.
18. נָבֹל תִּבֹּל	18. דו וועסט געוויס מיד ווערען,
גַּם־אַתָּה	אויך דו
גַּם־הָעָם הַזֶּה	אויך דיזעס פאָלק,
אֲשֶׁר עִמָּךְ	וואָס איז ביי דיר,
כִּי־כָבֵד מִמְּךָ הַדָּבָר	דען די זאַך איז צו שווער פיר דיר.
לֹא תוּכַל עֲשֹׂהוּ	דו קענסט עס ניט טהאָן
לְבַדֶּךָ׃	דו אַליין.
19. עַתָּה שְׁמַע בְּקֹלִי	19. יעצט הער אין מיין שטימע.
אִיעָצְךָ	איך וויל דיר ראַטען,
וִיהִי אֱלֹהִים עִמָּךְ	און גאָט וועט זיין מיט דיר;
הֱיֵה אַתָּה לָעָם	זיי דו פיר דאָס פאָלק
מוּל הָאֱלֹהִים	פאַר גאָט[4],
וְהֵבֵאתָ אַתָּה	און דו זאָלסט ברייגגען
אֶת־הַדְּבָרִים	די (שטרייט)־זאַכען
אֶל־הָאֱלֹהִים׃	צו גאָט.
20. וְהִזְהַרְתָּה אֶתְהֶם	20. און דו זאָלסט זיי [5]ערקלערען
אֶת־הַחֻקִּים	די געזעצע

1) מאַכט. 2) ד. ה. די ישראל דאַפיר האָט זיי גאָט אַזוי שטאַרק בעשטראָפט. דאַרום ווייס איך, דאָס דער עוויגער איז גרעסער א. ז. וו. זעה. פּהיליפּזאָהן׳ס 3) ער. 4) ד. ה פערטרעט דאָס פאָלק פאַר גאָט. 5) לערנען.

וְאֶת־הַתּוֹרֹת	און די לעהרען;
וְהוֹדַעְתָּ לָהֶם	און דו זאָלסט זיי בעקאַנט מאַכען
אֶת־הַדֶּרֶךְ יֵלְכוּ בָהּ	די וועג. (וואס) זיי זאָלען געהן אין איהר,
וְאֶת־הַמַּעֲשֶׂה	און די טהאַט.
אֲשֶׁר יַעֲשׂוּן׃	וואס זיי זאָלען טהאָן.
21. וְאַתָּה תֶחֱזֶה	21. און דו זאָלסט [1]אויס־זעהן
מִכָּל־הָעָם	פון דעם גאַנצען פאָלק
אַנְשֵׁי־חַיִל	[2]פעהיגע מענער,
יִרְאֵי אֱלֹהִים	גאָטעס־פירכטיגע,
אַנְשֵׁי אֱמֶת	מענער פון וואַהרהייט,
שֹׂנְאֵי בָצַע	(וועלכע) האסען [3]אייגען־נוטץ,
וְשַׂמְתָּ עֲלֵהֶם	און דו זאלסט (זיי) מאַכען איבער זיי[4]
שָׂרֵי אֲלָפִים	אָבערסטע איבער טויזענדע
שָׂרֵי מֵאוֹת	אָבערסטע איבער הונדערטע,
שָׂרֵי חֲמִשִּׁים	אָבערסטע איבער פופציג
וְשָׂרֵי עֲשָׂרֹת׃	און אָבערסטע איבער צעהנדליגע.
22. וְשָׁפְטוּ אֶת־הָעָם	22. און זיי זאָלען ריכטען דאס פאָלק
בְּכָל־עֵת	אין יעדער צייט.
וְהָיָה	און עס זאָל זיין:
כָּל־הַדָּבָר הַגָּדֹל	יעדע גרויסע זאַך
יָבִיאוּ אֵלֶיךָ	זאָלען זיי ברייננען צו דיר,
וְכָל־הַדָּבָר הַקָּטֹן	און יעדע קליינע זאַך
יִשְׁפְּטוּ־הֵם	זאָלען זיי ריכטען;
וְהָקֵל מֵעָלֶיךָ	און פערלייכטער פון זיך,
וְנָשְׂאוּ אִתָּךְ׃	און זאָלען זיי טראָגען מיט דיר (די לאַסט).
23. אִם אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה	23. אויב דיזע זאַכע
תַּעֲשֶׂה	וועסט'ו טהאָן,
וְצִוְּךָ אֱלֹהִים	און גאָט וועט דיר (דאָס) בעפֿוילען,
וְיָכָלְתָּ עֲמֹד	דאַן וועסט'ו קענען בעשטיין
וְגַם כָּל־הָעָם הַזֶּה	און אויך דיזע גאַנצע פאָלק
עַל־מְקֹמוֹ יָבֹא	וועט קומען אויף זיין אָרט
בְשָׁלוֹם׃	אין פרידען.
שְׁלִישִׁי	שְׁלִישִׁי
24. וַיִּשְׁמַע מֹשֶׁה	24. און משה האט געהערט
לְקוֹל חֹתְנוֹ	צו די שטימע פון זיין שוועהר,

וַיַּעַשׂ	און ער האט געטאָן
כֹּל אֲשֶׁר אָמָר׃	אַלעס וואס ער האט געזאָגט
25. וַיִּבְחַר מֹשֶׁה	25. און משה האט אויס־געוויילט
אַנְשֵׁי־חַיִל	פעהיגע מענער
מִכָּל־יִשְׂרָאֵל	פון גאַנץ ישראל,
וַיִּתֵּן אֹתָם רָאשִׁים	און ער האט זיי געמאַכט (פיר) הייפטער
עַל־הָעָם	איבער דאס פאָלק,
שָׂרֵי אֲלָפִים	אָבערסטע איבער טויזענדע
שָׂרֵי מֵאוֹת	אָבערסטע איבער הונדערטע,
שָׂרֵי חֲמִשִּׁים	אָבערסטע איבער פופציג
וְשָׂרֵי עֲשָׂרֹת׃	און אָבערסטע איבער צעהנדליגע.
26. וְשָׁפְטוּ אֶת־הָעָם	26. [5]דאס זיי זאָלען ריכטען דאס פאָלק
בְּכָל־עֵת	אין יעדער צייט,
אֶת־הַדָּבָר הַקָּשֶׁה	די שווערע זאַך
יְבִיאוּן אֶל־מֹשֶׁה	[6]זאָלען זיי ברייננען צו משה
וְכָל־הַדָּבָר הַקָּטֹן	און יעדע קליינע זאַך
יִשְׁפּוּטוּ הֵם׃	[6]זאָלען זיי ריכטען.
27. וַיְשַׁלַּח מֹשֶׁה	27. און משה האט אַוועג־געשיקט
אֶת־חֹתְנוֹ	זיין שוועהר.
וַיֵּלֶךְ לוֹ אֶל־אַרְצוֹ׃	און ער איז זיך געגאַנגען צו זיין לאַנד.

CAP. XIX. — יט

רְבִיעִי	רְבִיעִי
1. בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁלִישִׁי	1. אין דעם דריטען מאָנאַט
לְצֵאת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל	נאך דעם אַרויס־גאַנג פון די קינדער ישראל
מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם	פון דאס לאַנד מצרים,
בַּיּוֹם הַזֶּה	אין דיזען טאָג,
בָּאוּ מִדְבַּר סִינָי׃	זיינען זיי געקומען (אין) די וויסטע סיני.
2. וַיִּסְעוּ מֵרְפִידִים	2. און זיי האבען גערייזט פון רפידים,
וַיָּבֹאוּ מִדְבַּר סִינַי	און זיי זיינען געקומען (אין) די וויסטע סיני,
וַיַּחֲנוּ בַּמִּדְבָּר	און זיי האבען געלאַגערט אין די וויסטע,
וַיִּחַן־שָׁם יִשְׂרָאֵל	און ישראל האט דאָרט געלאַגערט
נֶגֶד הָהָר׃	געגען דעם באַרג.
3. וּמֹשֶׁה עָלָה	3. און משה איז אויף־געגאַנגען
אֶל־הָאֱלֹהִים	צו גאָט,
וַיִּקְרָא אֵלָיו יְהוָה	און דער עוויגער האט גערופען צו איהם
מִן־הָהָר	פון דעם באַרג,

1) אויסזוכען. 2) טיכטיגע, העלדישע. 3) געווין. 4) ד. ה. איבער די ישראל. 5) און זיי האבען געריכטעט. 6) פלעגען.

לֵאמֹר	זאָגענדיג:
כֹּה תֹאמַר	אַזוי זאָלסט'ו זאגען
לְבֵית יַעֲקֹב	צו די הויז פון יעקב,
וְתַגֵּיד לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל׃	און דו זאָלסט דערציילען צו די קינדער ישראל.
4. אַתֶּם רְאִיתֶם	4. איהר האט געזעהן.
אֲשֶׁר עָשִׂיתִי	וואס איך האב געטאָן
לְמִצְרָיִם	צו די מצרים,
וָאֶשָּׂא אֶתְכֶם	און ווי איך האב אייך געטראָגען
עַל־כַּנְפֵי נְשָׁרִים	אויף אָדלער־פליגלען,
וָאָבִא אֶתְכֶם אֵלָי׃	און איך האב אייך געבראַכט צו מיר.
5. וְעַתָּה	5. און יעצט,
אִם־שָׁמוֹעַ תִּשְׁמְעוּ	אויב איהר וועט הערען
בְּקֹלִי	אין מיין שטימע,
וּשְׁמַרְתֶּם אֶת־בְּרִיתִי	און איהר וועט היטען מיין בונד,
וִהְיִיתֶם לִי סְגֻלָּה	דאַן וועט איהר מיר זיין אַ [1]טהייערער אייגענטהום
מִכָּל־הָעַמִּים	פון אַלע פעלקער,
כִּי לִי כָּל־הָאָרֶץ׃	דען צו מיר געהערט דאס גאַנצע לאַנד.
6. וְאַתֶּם תִּהְיוּ־לִי	6. און איהר וועט זיין ביי מיר
מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים	אַ קעניגרייך פון פריסטערס
וְגוֹי קָדוֹשׁ	און אַ הייליגע נאַציאָן.
אֵלֶּה הַדְּבָרִים	דיזע זיינען די ווערטער,
אֲשֶׁר תְּדַבֵּר	וועלכע דו זאָלסט ריידען
אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃	צו די קינדער ישראל.
חֲמִישִׁי	חֲמִישִׁי
7. וַיָּבֹא מֹשֶׁה	7. און משה איז געקומען,
וַיִּקְרָא לְזִקְנֵי הָעָם	און ער האט גערופען [צו] די עלטעסטע פון דאס פאָלק,
וַיָּשֶׂם לִפְנֵיהֶם	און ער האט זיי פאָרגעלייגט
אֵת כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה	דיזע אַלע ווערטער,
אֲשֶׁר צִוָּהוּ יְהוָה׃	וועלכע דער עוויגער האָט איהם בעפוילען.
8. וַיַּעֲנוּ כָל־הָעָם	8. און דאס גאַנצע פאָלק האט געאַנטוואָרט
יַחְדָּו	[2]צוזאַמען
וַיֹּאמְרוּ	און זיי האבען געזאגט:
כֹּל אֲשֶׁר־דִּבֶּר יְהוָה	אַלעס, וואס דער עוויגער האט גערעט,
נַעֲשֶׂה	וועלען מיר טהאָן,
וַיָּשֶׁב מֹשֶׁה	און משה האט צוריק־געבראַכט
אֶת־דִּבְרֵי הָעָם	די ווערטער פון דעם פאָלק
אֶל־יְהוָה׃	צו דעם עוויגען.
9. וַיֹּאמֶר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	9. און דער עוויגער האט געזאגט צו משה:
הִנֵּה אָנֹכִי בָּא אֵלֶיךָ	זעה, איך וועל קומען צו דיר
בְּעַב הֶעָנָן	אין אַ דיקען וואָלקען,
בַּעֲבוּר יִשְׁמַע הָעָם	אום דאס פאָלק זאל הערען,
בְּדַבְּרִי עִמָּךְ	ווען איך וועל ריידען מיט דיר
וְגַם־בְּךָ	און אויך [אין] דיר
יַאֲמִינוּ לְעוֹלָם	וועלען זיי גלויבען אויף עוויג
וַיַּגֵּד מֹשֶׁה	און משה האט דערציילט
אֶת־דִּבְרֵי הָעָם	די ווערטער פון דאס פאָלק
אֶל־יְהוָה׃	צו דעם עוויגען.
10. וַיֹּאמֶר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	10. און דער עוויגער האט געזאָגט צו משה:
לֵךְ אֶל־הָעָם	גיי צו דעם פאָלק,
וְקִדַּשְׁתָּם	און דו זאלסט זיי הייליגען,
הַיּוֹם וּמָחָר	הייטע און מאָרגען,
וְכִבְּסוּ שִׂמְלֹתָם׃	און זיי זאָלען וואַשען זייערע קליידער.
11. וְהָיוּ נְכֹנִים	11. און זיי זאלען זיין[3] בערייט
לַיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי	צום דריטען טאָג.
כִּי ׀ בַּיּוֹם הַשְּׁלִשִׁי	דען אויף דעם דריטען טאג
יֵרֵד יְהוָה	וועט דער עוויגער אַראָב־קומען
לְעֵינֵי כָל־הָעָם	פאר די אויגען פון דעם גאַנצען פאָלק
עַל־הַר סִינָי׃	אויף דעם באַרג סיני.
12. וְהִגְבַּלְתָּ אֶת־הָעָם	12. און דו זאלסט אָבגרענצען דאס פאָלק
סָבִיב	אַרום,
לֵאמֹר	זאָגענדיג:
הִשָּׁמְרוּ לָכֶם	היט אייך
עֲלוֹת בָּהָר	אויפ-(צו)-געהן אויף דעם באַרג
וּנְגֹעַ בְּקָצֵהוּ	און אָנ-(צו)-ריהרען זיין ברעג,
כָּל־הַנֹּגֵעַ בָּהָר	יעדער, וואס וועט אָנריהרען דעם באַרג
מוֹת יוּמָת׃	זאָל געטויטעט ווערען.
13. לֹא־תִגַּע בּוֹ יָד	13. קיין האַנד זאל [4]איהם ניט אָנריהרען,
כִּי־סָקוֹל יִסָּקֵל	זאָנדערען ער וועט געוויס פערשטיינט ווערען
אוֹ־יָרֹה יִיָּרֶה	אדער ער וועט געוויס דער־שאָסען ווערען[5],
אִם־בְּהֵמָה אִם־אִישׁ	סיי פיה סיי אַ מענש
לֹא יִחְיֶה	וועט ניט לעבען בלייבען,

1) טהייערע זאך, אַ זאָנדערבאַרער שאַטץ. 2) איינשטימיג. 3) פערטיג. 4) ד. ה. דעם, וואס געהט ארויף אדער בעריהרט דעם באַרג. 5) דורך האָגעל־שטיינער און פייער פון הימעל.

בִּמְשֹׁךְ הַיֹּבֵל	ווען דער האָרן וועט לאַנג בלאָזען,
הֵמָּה יַעֲלוּ בָהָר׃	זאָלען זיי אויף-גיין אויף דעם באַרג.
14. וַיֵּרֶד מֹשֶׁה	14. און משה איז אַראָב־געגאַנגען
מִן־הָהָר	פון דעם באַרג
אֶל־הָעָם	צום פאלק,
וַיְקַדֵּשׁ אֶת־הָעָם	און ער האט געהייליגט דאס פאלק,
וַיְכַבְּסוּ שִׂמְלֹתָם׃	און זיי האבען געוואַשען זייערע קליידער.
15. וַיֹּאמֶר אֶל־הָעָם	15. און ער האט געזאגט צום פאָלק:
הֱיוּ נְכֹנִים	זייט בערייט
לִשְׁלֹשֶׁת יָמִים	צום דריטען טאג,
אַל־תִּגְּשׁוּ אֶל־אִשָּׁה׃	איהר זאלט זיך ניט דער־נענטערען צו אַ פרוי
16. וַיְהִי	16. און עס איז געווען
בַיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי	אויף דעם דריטען טאג,
בִּהְיֹת הַבֹּקֶר	ווען עס איז געוואָרען מארגען,
וַיְהִי קֹלֹת וּבְרָקִים	דאַן זיינען געווען דונערען און בליטצען,
וְעָנָן כָּבֵד	און אַ שווערער וואָלקען
עַל־הָהָר	אויף דעם באַרג,
וְקֹל שֹׁפָר חָזָק מְאֹד	און זעהר אַ שטאַרקע שטי־מע פון אַ טראָמפּעט,
וַיֶּחֱרַד כָּל־הָעָם	און עס האט געציטערט דאס גאַנצע פאָלק,
אֲשֶׁר בַּמַּחֲנֶה׃	וואס איז געווען אין דעם לאַגער.
17. וַיּוֹצֵא מֹשֶׁה	17. און משה האט אַרויס־געפיהרט
אֶת־הָעָם	דאס פאָלק,
לִקְרַאת הָאֱלֹהִים	ענטגעגען גאט
מִן־הַמַּחֲנֶה	פון דעם לאַגער,
וַיִּתְיַצְּבוּ	און זיי האבען זיך געשטעלט
בְּתַחְתִּית הָהָר׃	ביי דעם אונטען פון דעם באַרג.
18. וְהַר סִינַי עָשַׁן כֻּלּוֹ	18. און דער באַרג סיני האט אין גאַנצען גערויכערט
מִפְּנֵי אֲשֶׁר יָרַד עָלָיו יְהוָה בָּאֵשׁ	דארום, ווייל דער עווינער איז אויף איהם אַראָב־געקומען אים פייער,
וַיַּעַל עֲשָׁנוֹ	און זיין רויך איז אויף־געגאַנגען
כְּעֶשֶׁן הַכִּבְשָׁן	ווי דער רויך פון איין אויווען,
וַיֶּחֱרַד כָּל־הָהָר מְאֹד	און דער גאַנצער באַרג האט זעהר געציטערט.
19. וַיְהִי	19. און עס איז געווען,
קוֹל הַשֹּׁפָר	די שטימע פון דעם טראָמפּעט
הוֹלֵךְ וְחָזֵק מְאֹד	איז געוואָרען אימער שטאַרקער;
מֹשֶׁה יְדַבֵּר	משה האט גערעט

וְהָאֱלֹהִים	און גאט
יַעֲנֶנּוּ בְקוֹל׃	האט איהם געאַנטוואָרט מיט אַ שטימע.
שִׁשִּׁי	שִׁשִּׁי
20. וַיֵּרֶד יְהוָה	20. און דער עווינער איז אַראָב־געקומען
עַל־הַר סִינַי	אויף דעם באַרג סיני
אֶל־רֹאשׁ הָהָר	צום שפיטץ פון דעם באַרג,
וַיִּקְרָא יְהוָה לְמֹשֶׁה	און דער עווינער האט גערופען [צו] משה
אֶל־רֹאשׁ הָהָר	צום שפיטץ פון דעם באַרג
וַיַּעַל מֹשֶׁה׃	און משה איז אויף־געגאַנגען
21. וַיֹּאמֶר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	21. און דער עווינער האט געזאגט צו משה:
רֵד הָעֵד בָּעָם	גיי אַראָב, וואַרנע [אין] דאס פאָלק,
פֶּן־יֶהֶרְסוּ אֶל־יְהוָה	דאַמיט זיי זאָלען זיך ניט דורכ־ברעכען צום עווינען
לִרְאוֹת	צו זעהן,
וְנָפַל מִמֶּנּוּ רָב׃	און עס וועלען פאַלען פון איהם פילע.
22. וְגַם הַכֹּהֲנִים	22. און אויך די פריסטער,
הַנִּגָּשִׁים אֶל־יְהוָה	וועלכע דער־נעהנטערן זיך צום עווינען,
יִתְקַדָּשׁוּ	זאלען זיך היילינען,
פֶּן־יִפְרֹץ בָּהֶם יְהוָה׃	דאַמיט דער עווינער זאל ניט [1]איינ־ברעכען אונטער זיי.
23. וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל יְיָ	23. און משה האט געזאגט צום עווינען:
לֹא־יוּכַל הָעָם לַעֲלֹת	דאס פאָלק קען ניט אויפגיין
אֶל־הַר סִינָי	צום באַרג סיני,
כִּי־אַתָּה הַעֵדֹתָה בָּנוּ	דען דו זעלבסט האָסט אונז געוואַרענט,
לֵאמֹר	זאָגענדיג:
הַגְבֵּל אֶת־הָהָר	גרענעץ־אָב דעם באַרג,
וְקִדַּשְׁתּוֹ׃	און הייליג איהם!
24. וַיֹּאמֶר אֵלָיו יְהוָה	24. און דער עווינער האט געזאגט צו איהם:
לֶךְ־רֵד	גיי, קום אַרונטער,
וְעָלִיתָ אַתָּה	און דו זאָלסט אויף־גיין
וְאַהֲרֹן עִמָּךְ	און אהרן מיט דיר,
וְהַכֹּהֲנִים וְהָעָם	און די פריסטערס און דאס פאָלק
אַל־יֶהֶרְסוּ	זאָלען זיך ניט דורכברעכען
לַעֲלֹת אֶל־יְהוָה	אויף-צו-גיין צו דעם עווינען,
פֶּן־יִפְרָץ־בָּם׃	דאַמיט ער זאָל ניט [1]איינ־ברעכען אונטער זיי.
25. וַיֵּרֶד מֹשֶׁה	25. און משה איז אַראָב־געגאַנגען
אֶל־הָעָם	צום פאָלק,
וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם׃	און ער האט (עס) געזאָגט צו זיי

1) פראַגען.

Cap. XX. כ

1. וַיְדַבֵּר אֱלֹהִים	1 און גאט האט גערעדט
אֵת כָּל־הַדְּבָרִים ׀ הָאֵלֶּה ׀	דיזע אַלע ווערטער,
לֵאמֹר׃	זאָגענדיג:
2. אָנֹכִי יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	2. איך בין דער עוויגער, דיין גאט,
אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ	וועלכער האט דיר אַרויס־געפיהרט
מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם	פון דאס לאַנד מצרים,
מִבֵּית עֲבָדִים׃	פון קנעכט הויז.
3. לֹא־יִהְיֶה לְךָ	3. עס זאל ניט זיין ביי דיר
אֱלֹהִים אֲחֵרִים	אַנדערע געטער
עַל־פָּנָי׃	פאַר מיין געזיכט[1].
4. לֹא־תַעֲשֶׂה לְךָ	4. דו זאלסט דיר ניט מאַכען
פֶסֶל	אַ געשניצטען בילד
וְכָל־תְּמוּנָה	און קיין געשטאַלט,
אֲשֶׁר בַּשָּׁמַיִם ׀	וואס איז אין הימעל
מִמַּעַל	פון אויבען,
וַאֲשֶׁר בָּאָרֶץ	אָדער, וואס איז אויף דער ערד
מִתָּחַת	פון אונטען,
וַאֲשֶׁר בַּמַּיִם	אָדער, וואס איז אין וואַסער
מִתַּחַת לָאָרֶץ׃	פון אונטער דער ערד.
5. לֹא־תִשְׁתַּחֲוֶה לָהֶם	5. דו זאָלסט זיך ניט בוקען צו זיי,
וְלֹא תָעָבְדֵם	און דו זאָלסט זיי ניט דינען
כִּי אָנֹכִי יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	דען איך, דער עוויגער, דיין גאט,
אֵל קַנָּא	בין איין אייפריגער גאט,
פֹּקֵד	(וועלכער) [2]דערמאָהנט
עֲוֹן אָבֹת	די זינד פון די עלטערן
עַל־בָּנִים	אויף די קינדער,
עַל־שִׁלֵּשִׁים	אויף דעם דריטען (געשלעכט)
וְעַל־רִבֵּעִים	און אויף דעם פירטען (געשלעכט)
לְשֹׂנְאָי׃	צו די, וואס האַסען מיר[3].
6. וְעֹשֶׂה חֶסֶד	6. און (איך) טהוא גנאַדע
לַאֲלָפִים	צו דעם טויזענדסטען (געשלעכט)
לְאֹהֲבַי	צו די, וואס ליבען מיר,
וּלְשֹׁמְרֵי מִצְוֺתָי׃	און צו די, וואס היטען מיינע געבאָטע[4].
7. לֹא תִשָּׂא	7. דו זאלסט ניט אויס־שפּרעכען

אֶת־שֵׁם־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	דעם נאמען פון דעם עוויגען דיין גאט,
לַשָּׁוְא	[5]אומזאָנסט,
כִּי לֹא יְנַקֶּה יְהוָה	דען דער עוויגער וועט ניט לאָזען אונגעשטראָפט[6]
אֵת אֲשֶׁר־יִשָּׂא	דעם, וואס וועט אויס־שפּרעכען
אֶת־שְׁמוֹ	זיין נאמען
לַשָּׁוְא׃	[5]אומזאָנסט.
8. זָכוֹר	8. געדיינק
אֶת־יוֹם הַשַּׁבָּת	דעם רוהע־טאָג
לְקַדְּשׁוֹ׃	איהם צו היילִיגען.
9. שֵׁשֶׁת יָמִים תַּעֲבֹד	9. זעקס טעג זאלסטו ארבייטען
וְעָשִׂיתָ	און דו זאָלסט טהאן
כָּל־מְלַאכְתֶּךָ׃	אַלע דיינע אַרבייטען;
10. וְיוֹם הַשְּׁבִיעִי	10. אבער דער זיבענטער טאג
שַׁבָּת לַיהוָה אֱלֹהֶיךָ	איז אַ רוהע־טאָג צום עוויגען דיין גאט,
לֹא־תַעֲשֶׂה	דו זאלסט ניט טהאָן
כָל־מְלָאכָה	קיין אַרבייט,
אַתָּה ׀ וּבִנְךָ וּבִתֶּךָ	דו, און דיין זוהן, און דיין טאָכטער,
עַבְדְּךָ וַאֲמָתְךָ	דיין קנעכט, און דיין דינסט,
וּבְהֶמְתֶּךָ	און דיינע פיה,
וְגֵרְךָ	און דיין פרעמדער,
אֲשֶׁר בִּשְׁעָרֶיךָ׃	וועלכער איז אין דיינע טויערען[7].
11. כִּי שֵׁשֶׁת־יָמִים	11. דען זעקס טעג
עָשָׂה יְהוָה	האט דער עוויגער געמאַכט
אֶת־הַשָּׁמַיִם	דעם הימעל
וְאֶת־הָאָרֶץ	און די ערד,
אֶת־הַיָּם	דעם מעער
וְאֶת־כָּל־אֲשֶׁר־בָּם	און אַלעס, וואס איז אין זיי,
וַיָּנַח בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי	און ער האט גערוהט אויף דעם זיבענטען טאג,
עַל־כֵּן בֵּרַךְ יְהוָה	דארום האט דער עוויגער געבענשט
אֶת־יוֹם הַשַּׁבָּת	דעם רוהע־טאג,
וַיְקַדְּשֵׁהוּ׃	און ער האט איהם געהייליגט.
12. כַּבֵּד	12. בעעהר
אֶת־אָבִיךָ וְאֶת־אִמֶּךָ	דיין פאטער און דיין מוטער,
לְמַעַן יַאֲרִכוּן יָמֶיךָ	אום דיינע טעג זאלען זיך פערלייַנגערן
עַל הָאֲדָמָה	אויף דעם לאַנד,
אֲשֶׁר־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	וואס דער עוויגער, דיין גאט,

1) ר. ה. אויסער מיר. 2) בעשטראַפט. 3) ד.ה. אויב דער דריטער און פירטער געשלעכט זיינען אויך זינדיגע. 4) ד. ה. אויך זיי זיינען פרום. 5) צום פאַלשען. 6) ריין, אונשולדיג האַלטען. 7) ד. ה. אין דיין שטאָט.

נֹתֵן לָךְ׃	גיט דיר:
13. לֹא תִּרְצָח	13. דו זאָלסט ניט מאָרדען.
לֹא תִּנְאָף	דו זאָלסט ניט עהע-ברעכען
לֹא תִּגְנֹב	דו זאָלסט ניט שטעהלען.
לֹא־תַעֲנֶה בְרֵעֲךָ	דו זאָלסט ניט בעצייגען געגען דיין [1]נעכסטען
עֵד שָׁקֶר׃	[2]פאַלשע צייגניס.
14. לֹא תַחְמֹד	14. דו זאָלסט ניט [3]געלוסטען
בֵּית רֵעֶךָ	די הויז פון דיין [1]נעכסטען;
לֹא תַחְמֹד	דו זאָלסט ניט [3]געלוסטען
אֵשֶׁת רֵעֶךָ	די פרוי פון דיין [1]נעכסטען
וְעַבְדּוֹ וַאֲמָתוֹ	און זיין קנעכט. און זיין דינסט.
וְשׁוֹרוֹ וַחֲמֹרוֹ	און זיין אָקס און זיין אייזעל
וְכֹל אֲשֶׁר לְרֵעֶךָ׃	און אַלעס, וואס געהערט צו דיין [1]נעכסטען.
שְׁבִיעִי	שְׁבִיעִי
15. וְכָל־הָעָם רֹאִים	15. און דאס גאַנצע פאָלק האבען געזעהן
אֶת־הַקּוֹלֹת	די דונערען,
וְאֶת הַלַּפִּידִם	און די פלאַמען,
וְאֵת קוֹל הַשֹּׁפָר	און די שטימע פון דעם טראָמפּעט,
וְאֶת־הָהָר עָשֵׁן	און דעם רויכענדען באַרג,
וַיַּרְא הָעָם	און ווען דאס פאָלק האט (עס) געזעהן,
וַיָּנֻעוּ	האבען זיי [4]געציטערט,
וַיַּעַמְדוּ מֵרָחֹק׃	און זיי האבען זיך געשטעלט פון וויטען.
16. וַיֹּאמְרוּ אֶל־מֹשֶׁה	16. און זיי האבען געזאגט צו משה:
דַּבֵּר־אַתָּה עִמָּנוּ	רייד דו מיט אונז,
וְנִשְׁמָעָה	און מיר וועלען הערען,
וְאַל־יְדַבֵּר עִמָּנוּ אֱלֹהִים	און זאָל גאָט ניט ריידען מיט אונז,
פֶּן־נָמוּת׃	דאָמיט מיר זאָלען ניט שטאַרבען.
17. וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה	17. און משה האט געזאגט
אֶל־הָעָם	צום פאָלק:
אַל־תִּירָאוּ	איהר זאָלט אייך ניט פירכטען,
כִּי לְבַעֲבוּר נַסּוֹת אֶתְכֶם	דען אום אייך צו פרופען
בָּא הָאֱלֹהִים	איז גאָט געקומען,
וּבַעֲבוּר תִּהְיֶה	און אום עס זאָל זיין
יִרְאָתוֹ	זיין פורכט

עַל־פְּנֵיכֶם	פאַר אייער געזיכט,
לְבִלְתִּי תֶחֱטָאוּ׃	דאס איהר זאָלט ניט זינדיגען.
18. וַיַּעֲמֹד הָעָם	18. און דאס פאָלק האט זיך געשטעלט
מֵרָחֹק	פון וויטען
וּמֹשֶׁה נִגַּשׁ	און משה האט זיך דערנעהנטערט
אֶל־הָעֲרָפֶל	צו דעם [5]געדיכטען וואָלקען
אֲשֶׁר־שָׁם הָאֱלֹהִים׃	וואס דאָרט (איז געווען) גאָט
מַפְטִיר	מַפְטִיר
19. וַיֹּאמֶר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	19. און דער עוויגער האט געזאָגט צו משה:
כֹּה תֹאמַר	אַזוי זאָלסט'ו זאָגען
אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	צו די קינדער ישראל:
אַתֶּם רְאִיתֶם	איהר האט געזעהן,
כִּי מִן־הַשָּׁמַיִם	דאס פון ה הימעל
דִּבַּרְתִּי עִמָּכֶם׃	האב איך גערעדט מיט אייך.
20. לֹא תַעֲשׂוּן אִתִּי	20. איהר זאָלט ניט מאַכען נעבען מיר,
אֱלֹהֵי כֶסֶף	זילבערנע געטער,
וֵאלֹהֵי זָהָב	און גאָלדערנע געטער
לֹא תַעֲשׂוּ לָכֶם׃	זאָלט איהר אייך ניט מאַכען.
21. מִזְבַּח אֲדָמָה	21. איין אַלטאַר פון ערד
תַּעֲשֶׂה־לִּי	זאָלסט'ו מיר מאַכען,
וְזָבַחְתָּ עָלָיו	און דו זאָלסט שלאַכטען אויף איהם
אֶת־עֹלֹתֶיךָ	דיינע בראַנד־אָפּפערס
וְאֶת שְׁלָמֶיךָ	און דיינע פרידענס־אָפּפערס,
אֶת־צֹאנְךָ	דיינע שאָף
וְאֶת־בְּקָרֶךָ	און דיינע רינדער,
בְּכָל־הַמָּקוֹם	אין יעדען אָרט,
אֲשֶׁר אַזְכִּיר אֶת שְׁמִי	וואו איך וועל הייסען דערמאָהנען מיין נאָמען,
אָבוֹא אֵלֶיךָ	וועל איך קומען צו דיר
וּבֵרַכְתִּיךָ׃	און איך וועל דיר בענשען.
22. וְאִם־מִזְבַּח אֲבָנִים	22. און אויב איין אלטאַר פון שטיינער
תַּעֲשֶׂה־לִּי	וועסט'ו מיר מאַכען,
לֹא־תִבְנֶה אֶתְהֶן	זאָלסט'ו זיי ניט בויען
גָּזִית	[6]בעהאַקטע (שטיינער)
כִּי חַרְבְּךָ הֵנַפְתָּ	דען ווי דו האָסט דיין [7]שווערט אויפ־געהויבען
עָלֶיהָ	איבער איהר,

1) פריינד, צווייטער, נעבען־מענש. 2) (אלס) פאַלשער צייגע. 3) בעגעהרען. 4) געשאָקעלט פון שרעק
5) דיקע פינסטערניס; טומאַן, וועטער־וואָלקען. 6) געשטעכטע, בעהויענע שטיינער. 7) אייזען. האַק־אייזען.

וַתְּחַלְלֶהָ׃	אַזוי האָסט'ו איהר ענטהייליגט.
23. וְלֹא־תַעֲלֶה	26. און דו זאָלסט ניט אויף־גיין
בְמַעֲלֹת	מיט טרעפּ
עַל־מִזְבְּחִי	אויף מיין אַלטאַר,
אֲשֶׁר לֹא־תִגָּלֶה	אום עס זאָל ניט אַבגעדעקט ווערען
עֶרְוָתְךָ	דיין בלעסע
עָלָיו׃	אויף איהם.

מִשְׁפָּטִים — MISHPATIM

Cap. XXI. — כא

1. וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים	1. און דיזע זיינען די רעכטע,
אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם	וועלכע דו זאָלסט זיי פאָרלייגען.
2. כִּי תִקְנֶה	2. ווען דו וועסט קויפען
עֶבֶד עִבְרִי	איין אידישען קנעכט,
שֵׁשׁ שָׁנִים יַעֲבֹד	זאל ער דינען זעקס יאָהר,
וּבַשְּׁבִעִת	און אויף דעם זיבענטען (יאָהר)
יֵצֵא לַחָפְשִׁי חִנָּם׃	זאל ער ארויס־גיין פריי אומזאָנסט.
3. אִם־בְּגַפּוֹ יָבֹא	3. אויב ער וועט קומען [1]אַליין,
בְּגַפּוֹ יֵצֵא	זאל ער [1]אַליין אַרויס־גיין,
אִם־בַּעַל אִשָּׁה הוּא	(אבער) אויב ער איז אַ מאַן פון אַ פרוי
וְיָצְאָה אִשְׁתּוֹ עִמּוֹ׃	דאַן זאל אַרויס-גיין זיין פרוי מיט איהם.
4. אִם־אֲדֹנָיו	4. אויב זיין הערר
יִתֶּן־לוֹ אִשָּׁה	וועט איהם געבען אַ פרוי,[2]
וְיָלְדָה־לוֹ	און זי וועט צו איהם געבערען
בָנִים אוֹ בָנוֹת	זיהן אָדער טעכטער,
הָאִשָּׁה וִילָדֶיהָ	די פרוי און איהרע קינדער
תִּהְיֶה לַאדֹנֶיהָ	זאל (דאַן) געהערען צו איהר הערן,
וְהוּא יֵצֵא בְגַפּוֹ׃	און ער זאל אַרויס-גיין [1]אַליין
5. וְאִם־אָמֹר יֹאמַר הָעֶבֶד	5. אבער אויב דער קנעכט וועט זאגען:
אָהַבְתִּי אֶת־אֲדֹנִי	איך ליב מיין העררן,
אֶת־אִשְׁתִּי וְאֶת־בָּנָי	מיין פרוי און מיינע קינדער,
לֹא אֵצֵא חָפְשִׁי׃	איך וויל ניט אַרויס־גיין פריי.
6. וְהִגִּישׁוֹ אֲדֹנָיו	6. דאַן זאל דער הערר איהם [3]צופיהרען
אֶל־הָאֱלֹהִים	צו די ריכטער,
וְהִגִּישׁוֹ אֶל־הַדֶּלֶת	און ער זאל איהם [3]צופיהרען צום טהיר
אוֹ אֶל־הַמְּזוּזָה	אדער צום טהיר־פּפאָסט,
וְרָצַע אֲדֹנָיו אֶת־אָזְנוֹ	און זיין הערר זאל דורכבאָהרען זיין אויער
בַּמַּרְצֵעַ	מיט איין אָהל,
וַעֲבָדוֹ לְעֹלָם׃	און ער זאל איהם דינען אויף אימער[4].
7. וְכִי־יִמְכֹּר אִישׁ	7. ווען אַ מאַן וועט פערקויפען
אֶת־בִּתּוֹ לְאָמָה	זיין טאכטער פיר א דינסט,
לֹא תֵצֵא	זאל זי ניט אַרויס־גיין
כְּצֵאת הָעֲבָדִים׃	ווי די קנעכט געהען אַרויס[5]
8. אִם־רָעָה	8. ווען זי איז ניט [6]געפעליג
בְּעֵינֵי אֲדֹנֶיהָ	אין די אויגען פון איהר הערן,
אֲשֶׁר־לֹא (לו ק׳) יְעָדָהּ	וועלכער האט איהר בעשטימט פיר זיך,
וְהֶפְדָּהּ	דאַן זאל ער איהר העלפען אויסלייזען,
לְעַם נָכְרִי	צו אַ פרעמדע פאָלק.
לֹא־יִמְשֹׁל	זאל ער ניט [7]הערשען
לְמָכְרָהּ	איהר צו פערקויפען,
בְּבִגְדוֹ־בָהּ׃	ווייל ער איז געוועזען [8]טרייּלאָז געגען איהר.
9. וְאִם־לִבְנוֹ	9. און אויב פיר זיין זוהן
יִיעָדֶנָּה	וועט ער איהר בעשטימען,
כְּמִשְׁפַּט הַבָּנוֹת	נאך די רעכט פון די טעכטער
יַעֲשֶׂה־לָּהּ׃	זאל ער איהר טהאן.
10. אִם־אַחֶרֶת	10. אויב איין אַנדער (פרוי)
יִקַּח־לוֹ	וועט ער זיך נעהמען,
שְׁאֵרָהּ	איהרע שפּייזע,
כְּסוּתָהּ וְעֹנָתָהּ	איהרע קליידונג און איהר בייוואָהנונג
לֹא יִגְרָע׃	זאל ער ניט מינדערן.
11. וְאִם־שְׁלָשׁ־אֵלֶּה	11 און אויב דיזע דריי (זאַכען)
לֹא יַעֲשֶׂה לָהּ	וועט ער איהר ניט טהאַן צו איהר,
וְיָצְאָה חִנָּם	דאַן זאל זי אַרויס־גיין אומזאָנסט,
אֵין כָּסֶף׃	אָהן געלד.
12. מַכֵּה אִישׁ	12. ווער עס שלאָגט אַ מענשען,
וָמֵת	דאס ער שטאַרבט,
מוֹת יוּמָת׃	זאָל געטויטעט ווערען.
13. וַאֲשֶׁר לֹא צָדָה	13. אבער ווער עס האט ניט געלויערט,[9]
וְהָאֱלֹהִים	זאָנדערן גאט
אִנָּה לְיָדוֹ	האט געשיקט אין זיין האנד,[10]
וְשַׂמְתִּי לְךָ מָקוֹם	דאַן וועל איך מאַכען פיר דיר איין אָרט.

1) ד. ה. אָהן א פרוי. 2) ד. ה איין ניט אידישע שקלאַפין. 3) דערנעהנטערן 4) ד. ה. ביז אַ יובל-יאָהר קומט. 5) ד. ה. נור צום 7 טען יאהר, זאָנדערען עס איז מעגליך, אַז זי זאל פריהער בעפרייט ווערען, ווי עס ווערט ווייטער ערקלערט. 6) שלעכט. 7) די מאַכט האבען. 8) פאַלש. 9) ד. ה. ער האט עס ניט געמיינט צו טהאן 10) אונטער־געפיהרט, געטראפען

אֲשֶׁר יָנוּס שָׁמָּה׃	וואס ער זאל דאָרטען ענטלויפען.
14. וְכִי־יָזִד אִישׁ	14. אבער ווען אַ מאַן וועט קומען [1]מיט ווילען
עַל־רֵעֵהוּ	געגען זיין נעכסטען
לְהָרְגוֹ בְעָרְמָה	איהם צו דערשלאגען דורך [2]הינטער־ליסט,
מֵעִם מִזְבְּחִי תִּקָּחֶנּוּ	זאָלסט'ו איהם פון מיין אַלטאַר אַראָבנעהמען
לָמוּת׃	צו שטאַרבען.[3]
15. וּמַכֵּה אָבִיו וְאִמּוֹ	15. און ווער עס שלאָגט זיין פאטער, אָדער זיין מוטער,
מוֹת יוּמָת׃	דער זאל געטויטעט ווערען.
16. וְגֹנֵב אִישׁ	16. און ווער עס שטיילט אַ מענשען,
וּמְכָרוֹ	און ער פערקויפט איהם,
וְנִמְצָא בְיָדוֹ	אדער ער ווערט געפונען אין זיין האַנד,
מוֹת יוּמָת׃	דער זאל געטויטעט ווערען.
17. וּמְקַלֵּל אָבִיו וְאִמּוֹ	17. און ווער עס פלוכט זיין פאטער אדער זיין מוטער
מוֹת יוּמָת׃	דער זאל געטויטעט ווערען.
18. וְכִי־יְרִיבֻן אֲנָשִׁים	18. און ווען מענשען וועלען זיך קריגען,
וְהִכָּה־אִישׁ אֶת־רֵעֵהוּ	און איינער וועט שלאָגען דעם אַנדערן
בְּאֶבֶן אוֹ בְאֶגְרֹף	מיט אַ שטיין, אדער מיט'ן פויסט,
וְלֹא יָמוּת	און ער וועט ניט שטאַרבען,
וְנָפַל לְמִשְׁכָּב׃	זאָנדערן ער וועט פאַלען צו בעט.
19. אִם־יָקוּם	19. (דאַן) אויב ער וועט אויפשטעהן
וְהִתְהַלֵּךְ בַּחוּץ	און ער וועט געהן אין גאַס
עַל־מִשְׁעַנְתּוֹ	אויף זיין שטעקען,
וְנִקָּה הַמַּכֶּה	דאַן זאָל פריי זיין דער שלעגער (פון טויט),
רַק שִׁבְתּוֹ יִתֵּן	נור (פיר) זיין אַרבייט־שטערונג מוז ער געבען,
וְרַפֹּא יְרַפֵּא׃	און ער מוז (איהם) פאָל־שטענדיג אויס־היילען.
שֵׁנִי	שֵׁנִי
20. וְכִי־יַכֶּה אִישׁ	20. און ווען אַ מאַן וועט שלאָגען
אֶת־עַבְדּוֹ	זיין קנעכט,[4]
אוֹ אֶת־אֲמָתוֹ	אָדער זיין דינסט[4]
בַּשֵּׁבֶט	מיט'ן [5]רוטה,
וּמֵת תַּחַת יָדוֹ	און ער וועט שטאַרבען אונטער זיין האַנד,
נָקֹם יִנָּקֵם׃	זאָל ער גערעכענט ווערען.
21. אַךְ אִם־יוֹם אוֹ יוֹמַיִם	21. אבער ווען איין טאג אדער צוויי טעג
יַעֲמֹד	וועט ער בלייבען [6]שטעהן,
לֹא יֻקַּם	זאָל ער ניט גערעכענט ווערען
כִּי כַסְפּוֹ הוּא׃	דען ער איז זיין געלד.
22. וְכִי־יִנָּצוּ אֲנָשִׁים	22. און ווען מענשען וועלען זיך [7]קריגען,
וְנָגְפוּ אִשָּׁה הָרָה	און זיי וועלען אַ [8]שטויס־טהאָן אַ שוואַנגערע פרוי,
וְיָצְאוּ יְלָדֶיהָ	דאס איהרע קינדער וועלען ארויס־גיין,
וְלֹא יִהְיֶה אָסוֹן	אבער עס וועט קיין אונגליק געשעהן (דער פרוי)
עָנוֹשׁ יֵעָנֵשׁ	זאל ער בעשטראָפט ווערען[9]
כַּאֲשֶׁר יָשִׁית עָלָיו	וויפיל עס וועט אַרויף־לייגען אויף איהם
בַּעַל הָאִשָּׁה	דער מאַן פון די פרוי,
וְנָתַן בִּפְלִלִים׃	און ער זאל (עס) געבען דורך די ריכטער.
23. וְאִם־אָסוֹן יִהְיֶה	23. אבער אויב איין אונגליק וועט געשעהן (דער פרוי)[10],
וְנָתַתָּה	דאַן זאָלסט'ו געבען
נֶפֶשׁ תַּחַת נָפֶשׁ׃	אַ זעלע פיר אַ זעלע.
24. עַיִן תַּחַת עַיִן	24. איין אויג פיר איין אויג,
שֵׁן תַּחַת שֵׁן	אַ צאָהן פיר אַ צאָהן,
יָד תַּחַת יָד	אַ האַנד פיר אַ האַנד,
רֶגֶל תַּחַת רָגֶל׃	אַ פוס פיר אַ פוס.
25. כְּוִיָּה תַּחַת כְּוִיָּה	25. אַ בראַנד־וואונד פיר אַ בראַנד־וואונד,
פֶּצַע תַּחַת פָּצַע	אַ וואונד פיר אַ וואונד,
חַבּוּרָה תַּחַת חַבּוּרָה	אַ בייל פיר אַ בייל.
26. וְכִי־יַכֶּה אִישׁ	26. און ווען אַ מאַן וועט שלאָגען
אֶת־עֵין עַבְדּוֹ	די אויג פון זיין קנעכט,
אוֹ־אֶת־עֵין אֲמָתוֹ	אדער די אויג פון זיין דינסט,
וְשִׁחֲתָהּ	און ער וועט איהר פער־דאַרבען,
לַחָפְשִׁי יְשַׁלְּחֶנּוּ	זאָל ער איהם אַרויס־שיקען פריי
תַּחַת עֵינוֹ׃	פיר זיין אויג.
27. וְאִם־שֵׁן עַבְדּוֹ	27. און אויב דעם צאָהן פון זיין קנעכט
אוֹ־שֵׁן אֲמָתוֹ	אדער דעם צאָהן פון זיין דינסט
יַפִּיל	וועט ער [11]ארויס־שלאָגען,
לַחָפְשִׁי יְשַׁלְּחֶנּוּ	זאל ער איהם ארויס־שיקען פריי
תַּחַת שִׁנּוֹ׃	פיר זיין צאָהן.
28. וְכִי־יִגַּח שׁוֹר	28. און ווען איין אָקס וועט שטעכען
אֶת־אִישׁ	אַ מאַן,
אוֹ אֶת־אִשָּׁה	אדער אַ פרוי,
וָמֵת	און ער וועט שטאַרבען,
סָקוֹל יִסָּקֵל הַשּׁוֹר,	זאל דער אָקס פערשטיינט ווערען,
וְלֹא יֵאָכֵל אֶת־בְּשָׂרוֹ	און עס זאל ניט געגעסען ווערען זיין פלייש,

1) גערן. 2) בעטרוג, רמאות. 3) ד. ה. אויב ער איז אַ כהן אדער ער וויל זיך רעטען דאַדורך וואס ער האט זיך געשטעלט נאהענט צום אַלטאַר (זעה מ"א ב. ל"א) 4) ניט קיין אידישע. 5) שטעקען. 6) לעבען. 7) זיך ראַנגלען, רייסען. 8) קלאַפּ. 9) ד. ה. מיט געלד פיר די קינדער. 10) זעה רש"י. 11) מאַכען ארויס־פאַלען.

וּבַעַל הַשּׁוֹר נָקִי׃	אבער דער אייגענ־טהימער פון דעם אָקס איז פריי.
29 וְאִם שׁוֹר נַגָּח הוּא	29. אבער אויב ער איז אַ שטעכעדיגער אָקס
מִתְּמֹל שִׁלְשֹׁם	פון געסטערן (און) פאָר־געסטערן,
וְהוּעַד בִּבְעָלָיו	און זיין אייגענ־טהימער איז געוואָרענט געוואָרען,
וְלֹא יִשְׁמְרֶנּוּ	אבער ער האט איהם ניט געהיט,
וְהֵמִית	און ער וועט טויטען
אִישׁ אוֹ אִשָּׁה	אַ מאַן אדער אַ פרוי,
הַשּׁוֹר יִסָּקֵל	זאל דער אָקס פערשטיינט ווערען,
וְגַם בְּעָלָיו יוּמָת׃	און אויך זיין אייגענ־טהימער זאל געטויטעט ווערען[1].
30. אִם־כֹּפֶר	30. אויב [2]לייז־געלד
יוּשַׁת עָלָיו	וועט ארויפ־געלייגט ווערען אויף איהם,
וְנָתַן פִּדְיֹן נַפְשׁוֹ	דאַן זאל ער געבען די לייזונג פון זיין זעלע,
כְּכֹל אֲשֶׁר־יוּשַׁת עָלָיו׃	וויפיל עס וועט ארויפ־געלייגט ווערען אויף איהם.
31. אוֹ בֵן יִגָּח	31. אויב ער וועט שטעכען אַ זוהן,
אוֹ־בַת יִגָּח	אדער ער וועט שטעכען אַ טאָכטער,
כַּמִּשְׁפָּט הַזֶּה	נאך דעם זעלבען רעכט
יֵעָשֶׂה לּוֹ׃	זאל צו איהם געטאָן ווערען
32. אִם־עֶבֶד יִגַּח הַשּׁוֹר	32. אויב אַ קנעכט וועט דער אָקס שטעכען,
אוֹ אָמָה	אָדער אַ דינסט,
כֶּסֶף׀ שְׁלֹשִׁים שְׁקָלִים	דרייסיג שקל זילבער
יִתֵּן לַאדֹנָיו	זאָל ער געבען צו זיין העררן,
וְהַשּׁוֹר יִסָּקֵל׃	און דער אָקס זאל פער־שטיינט ווערען.
33. וְכִי־יִפְתַּח אִישׁ בּוֹר	33. און ווען אַ מאַן וועט עפענען אַ גרוב,
אוֹ כִּי־יִכְרֶה אִישׁ בֹּר	אָדער ווען אַ מאַן וועט גראָבען אַ גרוב,
וְלֹא יְכַסֶּנּוּ	און ער וועט איהם ניט צודעקען
וְנָפַל־שָׁמָּה	און דאָרט וועט אַריינ־פאַלען
שׁוֹר אוֹ חֲמוֹר׃	איין אָקס אדער איין אייזעל,
34. בַּעַל הַבּוֹר יְשַׁלֵּם	34. זאָל דער אייגענטהימער פון די גרוב בעצאָהלען,
כֶּסֶף יָשִׁיב לִבְעָלָיו	געלד זאל ער צוריק־קעהרען צו זיין אייגענ־טהימער,
וְהַמֵּת יִהְיֶה־לּוֹ׃	און דאס טויטע (פיה) זאל געהערען צו איהם[3].
35. וְכִי־יִגֹּף שׁוֹר אִישׁ	35. און ווען דער אָקס פון אַ מאַן וועט שטויסען
אֶת־שׁוֹר רֵעֵהוּ	דעם אָקס פון זיין נעכסטען,
וָמֵת	און ער וועט שטאַרבען,
וּמָכְרוּ	דאַן זאלען זיי פערקויפען
אֶת־הַשּׁוֹר הַחַי	דעם לעבעדיגען אָקס
וְחָצוּ אֶת־כַּסְפּוֹ	און זיי זאָלען טהיילען זיין געלד,
וְגַם אֶת־הַמֵּת יֶחֱצוּן׃	און אויך דעם טויטען (אָקס) זאלען זיי טהיילען.
36. אוֹ נוֹדַע	36. (אבער) אויב עס איז געוועזען בעוואוסט,
כִּי שׁוֹר נַגָּח הוּא	דאס ער איז איז אַ שטעכע־דיגער אָקס
מִתְּמוֹל שִׁלְשֹׁם	פון געסטערן (און) פאָר־געסטערן,
וְלֹא יִשְׁמְרֶנּוּ בְּעָלָיו	און זיין אייגענטהימער האט איהם ניט געהיט
שַׁלֵּם יְשַׁלֵּם	(דאַן) זאל ער בעצאָהלען
שׁוֹר תַּחַת הַשּׁוֹר	איין אָקס פיר איין אָקס,
וְהַמֵּת יִהְיֶה־לּוֹ׃	און דער טויטער (אָקס) זאל געהערען צו איהם.
37. כִּי יִגְנֹב אִישׁ	37 ווען אַ מאַן וועט שטוילען
שׁוֹר אוֹ שֶׂה	איין אָקס אדער אַ לאַם,
וּטְבָחוֹ	און ער וועט איהם שלאַכטען
אוֹ מְכָרוֹ	אדער ער וועט איהם פערקויפען
חֲמִשָּׁה בָקָר יְשַׁלֵּם	זאָל ער בעצאהלען פינף רינדער
תַּחַת הַשּׁוֹר	פיר דעם אָקס,
וְאַרְבַּע צֹאן	און פיער שאָף
תַּחַת הַשֶּׂה׃	פיר דעם לאַם.

Cap. XXII. כב

1. אִם־בַּמַּחְתֶּרֶת	1. אויב אין אונטערגראָבונג
יִמָּצֵא הַגַּנָּב	וועט געפונען ווערען דער דיב
וְהֻכָּה	און ער וועט געשלאָגען ווערען,
וָמֵת	דאס ער וועט שטאַרבען,
אֵין לוֹ דָּמִים׃	(דאַן) איז וועגען איהם ניט אַ קיין בלוט־(שולד)[4].
2. אִם־זָרְחָה הַשֶּׁמֶשׁ	2. אבער ווען די זון האט געשיינט[5]
עָלָיו	אויף איהם,
דָּמִים לוֹ	(דאַן) איז וועגען איהם יאָ דאָ בלוט־(שולד),[6]
שַׁלֵּם יְשַׁלֵּם	ער דאַרף בעצאָהלען[7],
אִם־אֵין לוֹ	(און) אויב ער האט ניט,
וְנִמְכַּר בִּגְנֵבָתוֹ׃	דאַן זאל ער פערקויפט ווערען פיר זיין דיבשטאָל.
3. אִם־הִמָּצֵא תִמָּצֵא	3. אויב עס וועט געפונען ווערען
בְיָדוֹ	אין זיין האַנד
הַגְּנֵבָה	דאס דיבשטאַהל,
מִשּׁוֹר	סיי איין אָקס,

1) מיתה בידי שמים. 2) שטראָף־געלד. 3) ד. ה. דער אייגענטהימער פון דעם בעשעדיגטען אָקס מוז עס נעה־מען אין רעכנונג (חז״ל). 4) ווייל ער האט זיך אַנדערש ניט געקענט פערטהיידיגען. 5) ד. ה. ווען עס איז שוין געווען ליכטיג. 6) ווייל ער האט געקענט רופען נאך הילפע. 7) ד. ה. דער דיב. אויב מען האט איהם ניט דערשלאָגען.

עַד־חֲמוֹר עַד־שֶׂה	אדער איין אייזעל אדער אַ לאַם,
חַיִּים	לעבעדיג,
שְׁנַיִם יְשַׁלֵּם׃	זאל ער בעצאָהלען צוויי־(פאַך).
שְׁלִישִׁי	שְׁלִישִׁי
4. כִּי יַבְעֶר־אִישׁ	4. ווען אַ מאַן וועט [1]אָב־ווײדען
שָׂדֶה אוֹ־כֶרֶם	אַ פעלד אדער אַ וויינ־גאָרטען
וְשִׁלַּח אֶת־בְּעִירֹה	[2]און ער וועט שיקען זיינע פיה,
וּבִעֵר	און עס וועט ווײדען
בִּשְׂדֵה אַחֵר	אין די פעלד פון איין אַנדערן
מֵיטַב שָׂדֵהוּ	(מיט) דאס בעסטע פון זיין פעלד
וּמֵיטַב כַּרְמוֹ	און (מיט) דאס בעסטע פון זיין ווײנ־גאָרטען
יְשַׁלֵּם׃	זאל ער בעצאָהלען.
5. כִּי־תֵצֵא אֵשׁ	5 ווען עס וועט ארויס־גיין אַ פייער,
וּמָצְאָה קֹצִים	און עס וועט טרעפען דערנער,
וְנֶאֱכַל גָּדִישׁ	און עס וועט פער־צעהרען אַ גאַרבען־הויפען,
אוֹ הַקָּמָה	אדער די שטעהענדע געטריידע,
אוֹ הַשָּׂדֶה	אדער דאס פעלד,
שַׁלֵּם יְשַׁלֵּם	מוז בעצאָהלען
הַמַּבְעִר	דער, וואס האט אָנגעצונדען
אֶת־הַבְּעֵרָה׃	דעם בראַנד.
6. כִּי־יִתֵּן אִישׁ	6. ווען אַ מאַן וועט געבען
אֶל־רֵעֵהוּ	צו זיין נעבסטען
כֶּסֶף אוֹ־כֵלִים לִשְׁמֹר	זילבער אדער [3]זאַכען צו היטען,[5]
וְגֻנַּב מִבֵּית הָאִישׁ	און עס וועט געשטאָהלען ווערען פון דעם מאַן'ס הויז,
אִם־יִמָּצֵא הַגַּנָּב	(דאַן) אויב דער דיב וועט געפונען ווערען,
יְשַׁלֵּם שְׁנָיִם׃	זאל ער בעצאָהלען צוויי־(פאַך).
7. אִם־לֹא יִמָּצֵא הַגַּנָּב	7 (אבער) אויב דער דיב וועט ניט געפונען ווערען,
וְנִקְרַב בַּעַל־הַבַּיִת	דאַן זאל דער [6]הויז־הערר געבראַכט ווערען
אֶל־הָאֱלֹהִים	צו די ריכטער (צו שווערען),
אִם־לֹא שָׁלַח יָדוֹ	אויב ער האט ניט גע־שטרעקט זיין האַנד
בִּמְלֶאכֶת רֵעֵהוּ׃	צו די [7]זאַך פון זיין נעבסטען.[8]
8. עַל־כָּל־דְּבַר־פֶּשַׁע	8. וועגען יעדע זאַך פון [9]אַ פערברעכען,
עַל־שׁוֹר עַל־חֲמוֹר	וועגען איין אָקס, וועגען איין אייזעל,
עַל־שֶׂה עַל־שַׂלְמָה	וועגען אַ לאַם, וועגען אַ קלייד,
עַל־כָּל־אֲבֵדָה	וועגען יעדע פערלאָר־רענע זאַך,

אֲשֶׁר יֹאמַר	(וועגען) וועלכע איינער וועט זאָגען,
כִּי־הוּא זֶה	דאס איז דיזעס,[10]
עַד הָאֱלֹהִים יָבֹא	פאַר די ריכטער זאל קומען
דְּבַר־שְׁנֵיהֶם	זייער ביידען'ס זאַך,
אֲשֶׁר יַרְשִׁיעֻן אֱלֹהִים	וועמען די ריכטער וועלען בעשולדיגען,
יְשַׁלֵּם שְׁנַיִם לְרֵעֵהוּ׃	דער זאל בעצאָהלען צוויי־(פאַך) צו זיין נעבסטען.
9. כִּי־יִתֵּן אִישׁ	9. ווען אַ מאַן וועט געבען
אֶל־רֵעֵהוּ	צו זיין נעבסטען
חֲמוֹר אוֹ־שׁוֹר אוֹ־שֶׂה	איין אייזעל אדער איין אָקס אדער אַ לאַם
וְכָל־בְּהֵמָה לִשְׁמֹר	אדער אירגענד וועלכע פיה צו היטען,[11]
וּמֵת	און עס וועט שטאַרבען,
אוֹ־נִשְׁבַּר	אדער עס וועט [12]בעשעדיגט ווערען,
אוֹ־נִשְׁבָּה	אדער עס וועט געפאַנגען ווערען,
אֵין רֹאֶה	(און) קיינער זעהט ניט.
10. שְׁבֻעַת יְהוָה	10. גאָטעס־שוואור
תִּהְיֶה	זאל זיין
בֵּין שְׁנֵיהֶם	צווישען זיי ביידען,
אִם־לֹא שָׁלַח יָדוֹ	אויב ער האט ניט גע־שטרעקט זיין האַנד
בִּמְלֶאכֶת רֵעֵהוּ	צו די זאַך פון זיין נעבסטען,[8]
וְלָקַח בְּעָלָיו	און זיין אייגענטהימער זאל (עס) אָננעהמען,[13]
וְלֹא יְשַׁלֵּם׃	און ער זאל ניט בעצאָהלען.
11. וְאִם־גָּנֹב יִגָּנֵב	11. אבער אויב עס וועט געשטאָהלען ווערען
מֵעִמּוֹ	פון איהם,
יְשַׁלֵּם לִבְעָלָיו׃	זאל ער בעצאָהלען צו זיין אייגענטהימער.
12. אִם־טָרֹף יִטָּרֵף	12. אויב עס וועט צוריסען ווערען,[14]
יְבִאֵהוּ עֵד	זאל ער [15]עס ברײנגען (אַלס) צייגע;
הַטְּרֵפָה לֹא יְשַׁלֵּם׃	(פיר) די צוריסענע דאַרף ער ניט בעצאָהלען.
13. וְכִי־יִשְׁאַל אִישׁ	13. און ווען אַ מאַן וועט (עטוואַס) לייהען
מֵעִם רֵעֵהוּ	פון זיין נעבסטען,
וְנִשְׁבַּר	און עס וועט [12]בעשעדיגט ווערען,
אוֹ־מֵת	אדער עס וועט שטאַרבען,
בְּעָלָיו אֵין־עִמּוֹ	(אויב) דער אייגענ־טהימער איז ניט ביי איהם,
שַׁלֵּם יְשַׁלֵּם׃	מוז ער בעצאָהלען,
14. אִם־בְּעָלָיו עִמּוֹ	14. אויב דער אייגענ־טהימער איז ביי איהם,
לֹא יְשַׁלֵּם	דאַרף ער ניט בעצאָהלען;
אִם־שָׂכִיר הוּא	אויב ער איז אַ געדונגענער

1) אָבפּיטערן, 2) שיקענדיג. 3) ארומכאַפּען 4) געפעס 5) אָהן לוין. 6) ד.ה. דער היטער. 7) אייגענטהום. 8) ד.ה. אויב ער זעלבסט האט עס ניט געשטאָהלען. 9) בעשולדיגונג. 10) ד. ה. אַז דאס איז זיינע. 11) פיר לוין, 12) אויסברעכען (אַ גליד). 13) די שבועה. אַד. דאס טויטע פיה. 14) זעה רש״י. 15) ד. ה. ער קען עטוואס פון דאס צוריסענע פיה ברײנגען אלס צייגע.

בָּא בִּשְׂכָרוֹ׃	קומט עס אין זיין לוין.[1]
15. וְכִי־יְפַתֶּה אִישׁ	
בְּתוּלָה	
אֲשֶׁר לֹא־אֹרָשָׂה	
וְשָׁכַב עִמָּהּ	
מָהֹר יִמְהָרֶנָּה לּוֹ	
לְאִשָּׁה׃	
16. אִם־מָאֵן יְמָאֵן אָבִיהָ	
לְתִתָּהּ לוֹ	
כֶּסֶף יִשְׁקֹל	
כְּמֹהַר הַבְּתוּלֹת׃	
17. מְכַשֵּׁפָה	17. אַ צויבערין
לֹא תְחַיֶּה׃	זאָלסט'ו ניט לאָזען לעבען.
18. כָּל־שֹׁכֵב	
עִם־בְּהֵמָה	
מוֹת יוּמָת׃	
19. זֹבֵחַ לָאֱלֹהִים	19. ווער, עס שלאַכט צו געטער,
יָחֳרָם	זאל פערטיליגט ווערען,
בִּלְתִּי לַיהוָה לְבַדּוֹ׃	אויסער צום עווּיגען אַליין.[2]
20. וְגֵר לֹא־תוֹנֶה	20. און אַ פרעמדען זאָלסט'ו ניט קריינקען
וְלֹא תִלְחָצֶנּוּ	און דו זאלסט איהם ניט אונטער־דריקען,
כִּי־גֵרִים הֱיִיתֶם	דען פרעמדע זייט איהר (זעלבסט) געווען
בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם׃	אין דאס לאַנד מצרים.
21. כָּל־אַלְמָנָה וְיָתוֹם	21. קיין וויטווע און וואַיזען
לֹא תְעַנּוּן׃	זאָלט איהר ניט [3]קוועלען.
22. אִם־עַנֵּה תְעַנֶּה אֹתוֹ	22. אויב דו וועסט איהם [3]קוועלען,
כִּי אִם צָעֹק יִצְעַק אֵלַי	(און) ווען ער וועט שרייען צו מיר,
שָׁמֹעַ אֶשְׁמַע	וועל איך צוהערען
צַעֲקָתוֹ׃	זיין געשריי.
23. וְחָרָה אַפִּי	23. און מיין צאָרן וועט ברענען,
וְהָרַגְתִּי אֶתְכֶם	און איך וועל אייך דערשלאגען
בֶּחָרֶב	דורך דעם שווערט,
וְהָיוּ נְשֵׁיכֶם אַלְמָנוֹת	און אייערע פרויען וועלען זיין וויטווען,
וּבְנֵיכֶם יְתֹמִים׃	און אייערע קינדער וואַיזען.

24. אִם־כֶּסֶף ׀ תַּלְוֶה	24. אויב דו וועסט געלד לייהען
אֶת־עַמִּי	מיין פאָלק,
אֶת־הֶעָנִי עִמָּךְ	דעם אָרעמען ביי דיר,
לֹא־תִהְיֶה לוֹ	זאָלסט'ו ניט זיין געגען איהם,
כְּנֹשֶׁה	ווי אַ [4]שולד־הערר;
לֹא־תְשִׂימוּן עָלָיו	איהר זאלט אויף איהם ניט לייגען
נֶשֶׁךְ׃	ציגזען.
25. אִם־חָבֹל תַּחְבֹּל	25. אויב דו וועסט פיר אַ פפאַנד נעהמען
שַׂלְמַת רֵעֶךָ	די קלייד פון דיין נעכסטען,
עַד־בֹּא הַשֶּׁמֶשׁ	ביז זון אונטער־גאַנג
תְּשִׁיבֶנּוּ לוֹ׃	זאָלסט'ו עס איהם צוריק געבען.
26. כִּי הִוא כְסוּתֹה לְבַדָּהּ	26. דען דאס איז זיין איינציגע דעקע,
הִוא שִׂמְלָתוֹ לְעֹרוֹ	דאס איז זיין קלייד פיר זיין [5]הויט,
בַּמֶּה יִשְׁכָּב	אויף וואס זאל ער ליגען?
וְהָיָה	און עס וועט זיין,
כִּי־יִצְעַק אֵלַי	ווען ער וועט שרייען צו מיר
וְשָׁמַעְתִּי	דאַן וועל איך צוהערען,
כִּי־חַנּוּן אָנִי׃	דען איך בין גנעדיג.
רְבִיעִי	רְבִיעִי
27. אֱלֹהִים לֹא תְקַלֵּל	27. [6]ריכטער זאָלסט'ו ניט פלוכען,
וְנָשִׂיא בְעַמְּךָ	און אַ [7]פירשט אין דיין פאָלק
לֹא תָאֹר׃	זאָלסט'ו ניט שילטען.
28. מְלֵאָתְךָ	28. דיינע געטריידע [8]
וְדִמְעֲךָ	און דיינע [9]פליסיגקייט
לֹא תְאַחֵר	זאָלסט'ו ניט פער־זאַמען;[10]
בְּכוֹר בָּנֶיךָ	דעם ערסט־געבאָרענעם פון דיינע זיהן
תִּתֶּן־לִי׃	זאָלסט'ו געבען צו מיר.
29. כֵּן־תַּעֲשֶׂה	29. אזוי זאָלסט'ו טהאן
לְשֹׁרְךָ לְצֹאנֶךָ	מיט דיין אָקס, מיט דיינע שאָף;
שִׁבְעַת יָמִים	זיבען טעג
יִהְיֶה עִם־אִמּוֹ	זאל עס זיין ביי זיין מוטער,
בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי	אויף דעם אַכטען טאג
תִּתְּנוֹ־לִי׃	זאלסט'ו (עס) געבען צו מיר
30. וְאַנְשֵׁי־קֹדֶשׁ	30. און הייליגע מענשען
תִּהְיוּן לִי	זאלט איהר זיין צו מיר,

1) ד. ה. פיר דעם לוין, וואס ער נעהמט, דארף ער ליידען דעם שאדען. 2) אזוי ווי: זובח לאלהים בלתי לה״ לבדו יחרם. 3) בעדריקען. 4) גלויביגער, מלוה, מאָהנער. 5) לייב. 6) גאָט. 7) אָבערסט. 8) ד. ה. דער איבער-פלוס פון דיינע ערסט־צייטיגע געטריידע 9) זאפט פון די ערסט-צייטיגע פרוכט. 10) צו ברייגגען צו גאט.

וּבָשָׂר בַּשָּׂדֶה טְרֵפָה	און פלייש אויפ'ן פעלד צוריסען,
לֹא תֹאכֵלוּ	זאָלט איהר ניט עסען,
לַכֶּלֶב תַּשְׁלִכוּן אֹתוֹ׃	צום הונד זאָלט איהר עס ווארפען.
CAP. XXIII.	כג
1. לֹא תִשָּׂא שֵׁמַע שָׁוְא	1. דו זאָלסט ניט [1]אומטראָגען פאַלשע נאַכריכט,
אַל־תָּשֶׁת יָדְךָ	דו זאָלסט ניט [2]פערבינדען דיין האַנד
עִם־רָשָׁע	מיט אַ גאָט־לאָזען
לִהְיֹת עֵד חָמָס׃	צו זיין אַ צייגע (פיר) אונרעכט.
2. לֹא־תִהְיֶה	2. דו זאָלסט ניט [3]זיין
אַחֲרֵי־רַבִּים לְרָעֹת	נאָך די מעהרהייט צום בייזען,
וְלֹא־תַעֲנֶה עַל־רִב	און דו זאָלסט ניט [4]בעצייגען וועגען אַ [5]רעכטס־זאַך
לִנְטֹת אַחֲרֵי רַבִּים	(נור) אום זיך צו נייגען נאָך די מעהרהייט,
לְהַטֹּת׃	צו [6]בייגען (דאס רעכט).
3. וְדָל	3. און איין אַרמען
לֹא תֶהְדַּר בְּרִיבוֹ׃	זאָלסט'ו ניט שוינען אין זיין [5]רעכטס־זאַך.
4. כִּי תִפְגַּע	4. ווען דו וועסט בעגעגנען
שׁוֹר אֹיִבְךָ אוֹ חֲמֹרוֹ	דעם אָקס פון דיין פיינד אָדער זיין אייזעל
תֹּעֶה	אירענדיג,
הָשֵׁב תְּשִׁיבֶנּוּ לוֹ׃	זאָלסט'ו איהם צוריק־ברייננגען צו איהם.
5. כִּי־תִרְאֶה	5. ווען דו וועסט זעהן
חֲמוֹר שֹׂנַאֲךָ	דעם אייזעל פון דיין האַסער
רֹבֵץ תַּחַת מַשָּׂאוֹ	ליגענדיג אונטער זיין לאַסט.
וְחָדַלְתָּ	און דו וועסט וועלען פערמיידען
מֵעֲזֹב לוֹ	איהם צו העלפען אָבלאָדען,
עָזֹב תַּעֲזֹב	(אָבער) דו מוזט העלפען אָבלאָדען
עִמּוֹ׃	מיט איהם.[7]
חֲמִישִׁי	חֲמִישִׁי
6. לֹא תַטֶּה	6. דו זאָלסט ניט בייגען
מִשְׁפַּט אֶבְיֹנְךָ	דאס רעכט פון דיין בעדירפטיגען
בְּרִיבוֹ׃	אין זיין [5]רעכטס־זאַך.
7. מִדְּבַר־שֶׁקֶר	7. פון אַ פאַלשע זאַך
תִּרְחָק	זאָלסט'ו זיך דערווייטערן,
וְנָקִי וְצַדִּיק	און איין אונשולדיגען און אַ גערעכטען
אַל־תַּהֲרֹג	זאָלסט'ו ניט דערשלאַגען,
כִּי לֹא־אַצְדִּיק רָשָׁע׃	דען איך וועל ניט רעכט־פערטיגען איין אונגערעכטען
8. וְשֹׁחַד לֹא תִקָּח	8. און בעשטעכונג זאָלסט'ו ניט נעהמען,

כִּי הַשֹּׁחַד	דען די בעשטעכונג
יְעַוֵּר פִּקְחִים	מאַכט בלינד זעהענדיגע,
וִיסַלֵּף דִּבְרֵי צַדִּיקִים	און עס פער־דרייט די ווערטער פון גערעכטע.
9. וְגֵר לֹא תִלְחָץ	9. און אַ פרעמדען זאָלסט'ו ניט אונטער־דריקען,
וְאַתֶּם יְדַעְתֶּם	וויל איהר ווייסט (דאָך)
אֶת־נֶפֶשׁ הַגֵּר	די [8]זעלע פון דעם פרעמדען,
כִּי־גֵרִים הֱיִיתֶם	דען פרעמדע זייט איהר געוועזען
בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם׃	אין דאס לאַנד מצרים.
10. וְשֵׁשׁ שָׁנִים	10. און זעקס יאהר
תִּזְרַע אֶת־אַרְצֶךָ	זאָלסט'ו בעזעען דיין לאַנד,
וְאָסַפְתָּ	און דו זאָלסט אַיינ־זאַמלען
אֶת־תְּבוּאָתָהּ׃	איהר [9]ערטראַג,
11. וְהַשְּׁבִיעִת	11. און (אין) דעם זיבענטען (יאָהר)
תִּשְׁמְטֶנָּה	זאָלסט'ו איהר פער־נאַכלעסיגען,
וּנְטַשְׁתָּהּ	און דו זאָלסט איהר פערלאָזען,
וְאָכְלוּ	דאס עס זאָלען דאַפון עסען
אֶבְיֹנֵי עַמֶּךָ	די בעדירפטיגע פון דיין פאָלק,
וְיִתְרָם	[10]און וואס זיי לאָזען איבריג
תֹּאכַל חַיַּת הַשָּׂדֶה	מעגען עסען די טהירען פון'ם פעלד;
כֵּן־תַּעֲשֶׂה	אַזוי זאָלסט'ו טהאָן
לְכַרְמְךָ לְזֵיתֶךָ׃	מיט דיין וויינגאָרטען, מיט דיין אייל־בוים.
12. שֵׁשֶׁת יָמִים	12. זעקס טעג
תַּעֲשֶׂה מַעֲשֶׂיךָ	זאָלסט'ו טהאָן דיינע אַרבייטען,
וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי	אָבער אויף דעם זיבענטען טאָג
תִּשְׁבֹּת	זאָלסט'ו רוהען,
לְמַעַן יָנוּחַ	אום עס זאָל רוהען
שׁוֹרְךָ וַחֲמֹרֶךָ	דיין אָקס און דיין אייזעל
וְיִנָּפֵשׁ	און עס זאָל זיך אָב־רוהען
בֶּן־אֲמָתְךָ וְהַגֵּר׃	דער זוהן פון דיין דינסט און דער פרעמדער.
13. וּבְכֹל	13. און אין אַלעס,
אֲשֶׁר־אָמַרְתִּי אֲלֵיכֶם	וואס איך האָב געזאָגט צו אייך,
תִּשָּׁמֵרוּ	זאָלט איהר [11]זיך היטען,
וְשֵׁם אֱלֹהִים אֲחֵרִים	און דעם נאָמען פון אַנדערע געטער
לֹא תַזְכִּירוּ	זאָלט איהר ניט דערמאָהנען
לֹא יִשָּׁמַע עַל־פִּיךָ׃	עס זאָל ניט געהערט ווערען אויף דיין מויל.
14. שָׁלֹשׁ רְגָלִים	14. דריי מאָל

1) אויסשפרעכען. 2) טהאָן, געבען. 3) פאָלגען. 4) זיך אויסשפרעכען. 5) פראָצעס. 6) ד. ה. צו פערקרימען זעה רש״י. 7) צוזאַמען מיט דעם אייגענטהימער זעה רש״י. 8) געמיטה. 9) פרוכט. 10) אין זייער רעסט 11) פאָרזיכטיג זיין.

תָּחֹג לִי	זאלסט'ו פייער-טאג האלטען פיר מיר
בַּשָּׁנָה׃	אים יאהר.
15. אֶת־חַג הַמַּצּוֹת	15. דעם פייער־טאג פון די אונגעזייערטע קוכענס
תִּשְׁמֹר	זאלסט'ו היטען,
שִׁבְעַת יָמִים	זיבען טעג
תֹּאכַל מַצּוֹת	זאלסט'ו עסען אונגע־זייערטע קוכענס,
כַּאֲשֶׁר צִוִּיתִךָ	ווי איך האב דיר בעפוילען,
לְמוֹעֵד	צו די בעשטימטע צייט
חֹדֶשׁ הָאָבִיב	פון דעם זאנגען־מאנאט,[1]
כִּי־בוֹ יָצָאתָ	דען אין איהם ביזט'ו ארויס־געגאנגען
מִמִּצְרָיִם	פון מצרים.
וְלֹא־יֵרָאוּ פָנַי רֵיקָם׃	און מען זאל זיך ניט ווייזען (פאר) מיין געזיכט ליידיג.[2]
16. וְחַג הַקָּצִיר	16. און דעם פייער־טאג פון שניידען,
בִּכּוּרֵי מַעֲשֶׂיךָ	פון די ערסטלינגען פון דיינע ארבייטען,
אֲשֶׁר תִּזְרַע בַּשָּׂדֶה	וואס דו וועסט זייען אין פעלד,
וְחַג הָאָסִף	און דעם פייער־טאג פון איינזאמלונג,
בְּצֵאת הַשָּׁנָה	ביים אויס־גאנג פון'ם יאהר,
בְּאָסְפְּךָ	ווען דו זאמעלסט איין
אֶת מַעֲשֶׂיךָ	דיינע ארבייטען
מִן־הַשָּׂדֶה׃	פון'ם פעלד.
17. שָׁלֹשׁ פְּעָמִים	17. דריי מאל
בַּשָּׁנָה	אים יאהר
יֵרָאֶה כָּל־זְכוּרְךָ	זאל געזעהן ווערען יעדער פון דיינע מאנס-פערזאנען
אֶל־פְּנֵי הָאָדֹן יְהוָה׃	פאר דעם געזיכט פון דעם העררן, דעם עוויגען.
18. לֹא־תִזְבַּח	18. דו זאלסט ניט [4]אפפערן
עַל־חָמֵץ	ביי געזייערטעס
דַּם־זִבְחִי	די בלוט פון מיין אפפער[5]
וְלֹא־יָלִין	און עס זאל ניט איבער־נעכטיגען
חֵלֶב־חַגִּי	די פעטס פון מיין פעסט־(אפפער)
עַד־בֹּקֶר׃	ביז (צום) מארגען.
19. רֵאשִׁית	19. די ערסטע
בִּכּוּרֵי אַדְמָתְךָ	פון די ערסטלינגען פון דיין לאנד
תָּבִיא	זאלסט'ו ברינגען
בֵּית יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	(אין) די הויז פון דעם עוויגען דיין גאט;
לֹא־תְבַשֵּׁל גְּדִי	דו זאלסט ניט קאכען א ציקיל
בַּחֲלֵב אִמּוֹ׃	אין די מילך פון זיין מוטער.[6]

ששי	ששי
20. הִנֵּה	20. זעה.
אָנֹכִי שֹׁלֵחַ מַלְאָךְ	איך שיק איין ענגעל
לְפָנֶיךָ	פאר דיר
לִשְׁמָרְךָ בַּדָּרֶךְ	דיר צו היטען אויפ'ן וועג,
וְלַהֲבִיאֲךָ	און דיר צו ברייננען
אֶל־הַמָּקוֹם	צו דעם ארט,
אֲשֶׁר הֲכִנֹתִי׃	וועלכין איך האב בערייטעט
21. הִשָּׁמֶר מִפָּנָיו	21. היט זיך פאר איהם,
וּשְׁמַע בְּקֹלוֹ	און הער אין זיין שטימע,
אַל־תַּמֵּר בּוֹ	זיי ניט ווידער-שפענסטיג געגען איהם
כִּי לֹא יִשָּׂא	דען ער וועט ניט פערצייהען
לְפִשְׁעֲכֶם	[צו] אייער [7]פערברעכען,
כִּי שְׁמִי בְּקִרְבּוֹ׃	דען מיין נאמען איז אין איהם.
22. כִּי אִם־שָׁמוֹעַ תִּשְׁמַע	22. ווען אבער דו וועסט הערען
בְּקֹלוֹ	אין זיין שטימע,
וְעָשִׂיתָ	און דו וועסט טהאן
כֹּל אֲשֶׁר אֲדַבֵּר	אלעס, וואס איך וועל ריידען
וְאָיַבְתִּי אֶת־אֹיְבֶיךָ	דאן וועל איך בעפיינדען דיינע פיינדע,
וְצַרְתִּי אֶת צֹרְרֶיךָ׃	און איך וועל דריקען דיינע בעדריקער.
23. כִּי־יֵלֵךְ מַלְאָכִי	23. דען מיין ענגעל וועט געהן
לְפָנֶיךָ	פאר דיר,
וֶהֱבִיאֲךָ	און ער וועט דיר ברייננען
אֶל־הָאֱמֹרִי וְהַחִתִּי	צו דעם אמורי און דעם חתי
וְהַפְּרִזִּי וְהַכְּנַעֲנִי	און דעם פריזי און דעם כנעני
הַחִוִּי וְהַיְבוּסִי	דעם חוי און דעם יבוסי,
וְהִכְחַדְתִּיו׃	און איך וועל [8]איהם פערטילגען.
24. לֹא־תִשְׁתַּחֲוֶה	24. דו זאלסט זיך ניט בוקען
לֵאלֹהֵיהֶם	צו זייערע געטער,
וְלֹא תָעָבְדֵם	און דו זאלסט זיי ניט דינען,
וְלֹא תַעֲשֶׂה	און דו זאלסט ניט טהאן
כְּמַעֲשֵׂיהֶם	ווי זייערע טהאטען,
כִּי הָרֵס תְּהָרְסֵם	זאנדערן דו זאלסט זיי צושטערען,
וְשַׁבֵּר תְּשַׁבֵּר	און דו זאלסט צושמעטערן
מַצֵּבֹתֵיהֶם׃	זייערע דיינק־זיילען.

1) דאס איז דער מאנאט ניסן 2) ד. ה. ווען מען קומט אין ירושלים דארף מען ברייננען אפפערס 3) ערנטע, ד. ה. שבועות. 4) שלאכטען. 5) פסח-אפפער 6) די חז"ל האבען דאפון געאסר'ט צו עסען יעדע פלייש מיט מילך 7) איבערטרעטונג 8) זיי.

25. וַעֲבַדְתֶּם	25. אבער דינען זאלט איהר
אֵת יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם	דעם עוויגען, אייער גאט,
וּבֵרַךְ אֶת־לַחְמְךָ	און ער וועט בענשען דיינע ברויט
וְאֶת־מֵימֶיךָ	און דיינע וואַסער,
וַהֲסִרֹתִי מַחֲלָה	און איך וועל דערווייטערן קראַנקהייט
מִקִּרְבֶּךָ׃	פון צווישען דיר.
שְׁבִיעִי	שְׁבִיעִי
26. לֹא תִהְיֶה	26. עס וועט ניט זיין
מְשַׁכֵּלָה וַעֲקָרָה	אַ פעהל-געבערענדע[1] אָדער איין [2]אונפרוכטבאַרע
בְּאַרְצֶךָ	אין דיין לאַנד,
אֶת־מִסְפַּר יָמֶיךָ	די צאָהל פון דיינע טעג
אֲמַלֵּא׃	וועל איך פול מאַכען.
27. אֶת־אֵימָתִי	27. מיין שרעק
אֲשַׁלַּח לְפָנֶיךָ	וועל איך שיקען פאר דיר,
וְהַמֹּתִי אֶת־כָּל־הָעָם	און איך וועל צוטומלען דאס גאַנצע פאָלק,
אֲשֶׁר תָּבֹא בָּהֶם	וואס דו וועסט קומען [3]אונטער זיי,
וְנָתַתִּי	און איך וועל [4]צו-ווענדען
אֶת־כָּל־אֹיְבֶיךָ אֵלֶיךָ	אַלע דיינע פיינדע צו דיר
עֹרֶף׃	(מיט'ן) נאַקען.[5]
28. וְשָׁלַחְתִּי	28. און איך וועל שיקען
אֶת־הַצִּרְעָה	די [6]האָרניס
לְפָנֶיךָ	פאר דיר,
וְגֵרְשָׁה אֶת־הַחִוִּי	און זי וועט פערטרייבען דעם חוי,
אֶת־הַכְּנַעֲנִי	דעם כנעני
וְאֶת־הַחִתִּי	און דעם חתי
מִלְּפָנֶיךָ׃	פאר דיר.
29. לֹא אֲגָרְשֶׁנּוּ	29. איך וועל איהם ניט פערטרייבען
מִפָּנֶיךָ	פאר דיר
בְּשָׁנָה אֶחָת	אין איין יאהר,
פֶּן־תִּהְיֶה הָאָרֶץ	דאַמיט דאס לאַנד זאל ניט ווערען
שְׁמָמָה	וויסט,
וְרַבָּה עָלֶיךָ	און עס וועלען זיך מעה־רען געגען דיר
חַיַּת הַשָּׂדֶה׃	די טהירען פון'ם פעלד
30. מְעַט מְעַט	30. ביסלעך־וויז
אֲגָרְשֶׁנּוּ מִפָּנֶיךָ	וועל איך איהם פערטרייבען פאר דיר,
עַד אֲשֶׁר תִּפְרֶה	ביז דו וועסט [7]פרוכטבאַר ווערען,
וְנָחַלְתָּ אֶת־הָאָרֶץ׃	און דו וועסט [8]בעזעצען דאס לאַנד.
31. וְשַׁתִּי אֶת־גְּבֻלְךָ	31. און איך וועל מאַכען דיין גרענעץ
מִיַּם־סוּף	פון שילף־מעער
וְעַד־יָם פְּלִשְׁתִּים	ביז דעם מעער פון די פלשתים,
וּמִמִּדְבָּר עַד־הַנָּהָר	און פון דער וויסטע ביז דעם שטראָם,
כִּי ׀ אֶתֵּן בְּיֶדְכֶם	דען איך וועל געבען אין אייער האַנד
אֵת יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ	די בעוואָהנער פון'ם לאַנד,
וְגֵרַשְׁתָּמוֹ מִפָּנֶיךָ׃	און דו וועסט זיי פערטרייבען פאר דיר.
32. לֹא־תִכְרֹת	32. דו זאלסט ניט שליסען
לָהֶם וְלֵאלֹהֵיהֶם	מיט זיי און מיט זייערע געטער
בְּרִית׃	אַ בונד.
33. לֹא יֵשְׁבוּ בְּאַרְצְךָ	33. זיי זאָלען ניט בלייבען וואָהנען אין דיין לאַנד,
פֶּן־יַחֲטִיאוּ אֹתְךָ לִי	דאַמיט זיי זאָלען דיר ניט מאַכען זינדיגען געגען מיר;
כִּי תַעֲבֹד	ווען דו וועסט דינען
אֶת־אֱלֹהֵיהֶם	זייערע געטער,
כִּי־יִהְיֶה לְךָ	דאַן וועט עס זיין צו דיר
לְמוֹקֵשׁ׃	פיר א פאַל־שטריק.

Cap. XXIV. כד

1. וְאֶל־מֹשֶׁה אָמַר	1. און צו משה האט ער געזאָגט;
עֲלֵה אֶל־יְהוָה	גיי אַרויף צום עוויגען,
אַתָּה וְאַהֲרֹן	דו און אהרן,
נָדָב וַאֲבִיהוּא	נדב און אביהוא
וְשִׁבְעִים	און זיבציג
מִזִּקְנֵי יִשְׂרָאֵל	פון די עלטעסטע פון די ישראל
וְהִשְׁתַּחֲוִיתֶם מֵרָחֹק׃	און איהר זאלט זיך בוקען פון וויטען
2. וְנִגַּשׁ מֹשֶׁה לְבַדּוֹ	2. און משה אליין זאל זיך דערנעהנטערן,
אֶל־יְהוָה	צום עוויגען
וְהֵם לֹא יִגָּשׁוּ	אבער זיי זאלען זיך ניט דערנעהנטערן,
וְהָעָם לֹא יַעֲלוּ עִמּוֹ׃	און דאס פאָלק זאל ניט אַרויף־גיין מיט איהם.
3. וַיָּבֹא מֹשֶׁה	3. און משה איז געקומען,
וַיְסַפֵּר לָעָם	און ער האט דערציילט צום פאָלק
אֵת כָּל־דִּבְרֵי יְהוָה	אַלע ווערטער פון דעם עוויגען
וְאֵת כָּל־הַמִּשְׁפָּטִים	און אַלע רעכטע,
וַיַּעַן כָּל־הָעָם	און דאס גאַנצע פאָלק האט געענטוואָרט
קוֹל אֶחָד	איינשטימיג,
וַיֹּאמְרוּ	און זיי האבען געזאגט:

1) אַזעלכע, וואס געבעהרט טויטע קינדער. 2) אַזעלכע, וואס האט גאָר קיין קינדער. 3) אדער: געגען. 4) געבען. 5) ד. ה. דיינע פיינדע וועלען לויפען פון דיר. 6) גיפטיגע פליג. 7) זיך מעהרען. 8) בעזיצען, ערבען.

כָּל־הַדְּבָרִים	אלע ווערטער,
אֲשֶׁר־דִּבֶּר יְהוָה	וועלכע דער עוויגער האט גערעט,
נַעֲשֶׂה׃	וועלען מיר טהאָן.
4. וַיִּכְתֹּב מֹשֶׁה	4. און משה האט פערשריבען
אֵת כָּל־דִּבְרֵי יְהוָה	אַלע ווערטער פון דעם עוויגען,
וַיַּשְׁכֵּם בַּבֹּקֶר	און ער איז אויפ־געשטאַנען פריה דעסמאָרגענס,
וַיִּבֶן מִזְבֵּחַ	און ער האט געבויט איין אַלטאַר
תַּחַת הָהָר	אונטער דעם באַרג,
וּשְׁתֵּים עֶשְׂרֵה מַצֵּבָה	און צוועלף דיינק־זיילען
לִשְׁנֵים עָשָׂר שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל	פיר די צוועלף שטאַמען פון ישראל.
5. וַיִּשְׁלַח	5. און ער האט געשיקט
אֶת־נַעֲרֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	די יונגע פון די קינדער ישראל,
וַיַּעֲלוּ עֹלֹת	און זיי האבען אויפגעבראַכט בראַנד־אָפּפערס,
וַיִּזְבְּחוּ	און זיי האבען געשלאַכטעט
זְבָחִים שְׁלָמִים לַיְיָ	פרידענס־שלאַכטונגען צום עוויגען
פָּרִים׃	שטירען.
6. וַיִּקַּח מֹשֶׁה	6. און משה האט גענומען
חֲצִי הַדָּם	א העלפט בלוט,
וַיָּשֶׂם בָּאַגָּנֹת	און ער האט (עס) געטהאָן אין די בעקענס,
וַחֲצִי הַדָּם	און די(אַנדער) העלפט בלוט
זָרַק עַל־הַמִּזְבֵּחַ׃	האט ער געשפּרענגט אויף דעם אַלטאַר.
7. וַיִּקַּח סֵפֶר הַבְּרִית	7. און ער האט גענומען דעם בונדעס־בוך,
וַיִּקְרָא בְּאָזְנֵי הָעָם	און ער האט געלעזען פאַר די אויערן פון'ם פאָלק,
וַיֹּאמְרוּ	און זיי האבען געזאָגט:
כֹּל אֲשֶׁר־דִּבֶּר יְהוָה	אַלעס, וואס דער עוויגער האט גערעט,
נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמָע׃	וועלען מיר טהאָן און מיר וועלען הערען!
8. וַיִּקַּח מֹשֶׁה	8. און משה האט גענומען
אֶת־הַדָּם	דאס בלוט,
וַיִּזְרֹק עַל־הָעָם	און ער האט געשפּרענגט אויף דאס פאָלק
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט:
הִנֵּה דַם־הַבְּרִית	זעה, דאס בלוט פון דעם בונד,
אֲשֶׁר כָּרַת יְיָ עִמָּכֶם	וועלכען דער עוויגער האט געשלאָסען מיט אייך,
עַל כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה׃	וועגען דיזע אַלע ווערטער.
9. וַיַּעַל מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן	9. און משה און אהרן זיינען אויפ־געגאַנגען,
נָדָב וַאֲבִיהוּא	נדב און אביהוא
וְשִׁבְעִים	און זיבציג
מִזִּקְנֵי יִשְׂרָאֵל׃	פון די עלטעסטע פון ישראל
10. וַיִּרְאוּ	10. און זיי האבען געזעהן[1]
אֵת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל	דעם גאט פון ישראל,
וְתַחַת רַגְלָיו	און אונטער זיינע פיס (איז געווען)
כְּמַעֲשֵׂה	ווי די ווערק
לִבְנַת הַסַּפִּיר	פון דעם [2]גלענצענדען זאַפיר
וּכְעֶצֶם הַשָּׁמַיִם	און ווי דער הימעל זעלבסט
לָטֹהַר׃	אין [3]ריינהייט.
11. וְאֶל־אֲצִילֵי	11. און צו די [4]ערעלע
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	פון די קינדער ישראל
לֹא שָׁלַח יָדוֹ	האט ער ניט געשטרעקט זיין האַנד,[5]
וַיֶּחֱזוּ אֶת־הָאֱלֹהִים	און זיי האבען געזעהן גאָט,
וַיֹּאכְלוּ	און זיי האבען געגעסען,
וַיִּשְׁתּוּ׃	און זיי האבען געטרונקען.
12. וַיֹּאמֶר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	12. און דער עוויגער האט געזאגט צו משה:
עֲלֵה אֵלַי הָהָרָה	גיי אַרויף צו מיר אויפ'ן באַרג
וֶהְיֵה־שָׁם	און זיי דארט,
וְאֶתְּנָה לְךָ	און איך וועל דיר געבען
אֶת־לֻחֹת הָאֶבֶן	די טאָוולען פון שטיין
וְהַתּוֹרָה וְהַמִּצְוָה	און די לעהרע און דאס געבאָט,
אֲשֶׁר כָּתַבְתִּי	וועלכע איך האב געשריבען
לְהוֹרֹתָם׃	זיי צו לערנען.
13. וַיָּקָם מֹשֶׁה	13. און משה איז אויפ־געשטאַנען
וִיהוֹשֻׁעַ מְשָׁרְתוֹ	און יהושע זיין דינער,
וַיַּעַל מֹשֶׁה	און משה איז אויפגעגאַנגען
אֶל־הַר הָאֱלֹהִים׃	צו גאָטעס באַרג.
14. וְאֶל־הַזְּקֵנִים אָמַר	14. און צו די עלטעסטע האט ער געזאגט:
שְׁבוּ־לָנוּ בָזֶה	[6]וואַרטעט פיר אונז היר,
עַד אֲשֶׁר־נָשׁוּב	ביז מיר וועלען זיך צוריק־קעהרען
אֲלֵיכֶם	צו אייך,
וְהִנֵּה	און זעה,
אַהֲרֹן וְחוּר עִמָּכֶם	אהרן און חור זיינען ביי אייך,
מִי־בַעַל דְּבָרִים	ווער עס האט אַ רעכטס־זאַך
יִגַּשׁ אֲלֵהֶם׃	זאל זיך דערנעהנטערן צו זיי

1) בנבואה. 2) ווייסען; ציגעל (טאַפעל) פון זאַפיר 3) קלאָרהייט. 4) אויסערוועהלטע. פאָרשטעהער. 5) ד. ה. זיי האט קיין בייזעס פּאַסירט (זעה 19. 22) ווייל זיי האבען זיך בלויז פון וייטען געבוקט (זעה 24. 1). 6) זיצט.

מַפְטִיר	מַפְטִיר
15. וַיַּעַל מֹשֶׁה	15. און משה איז אַרויף געגאַנגען
אֶל־הָהָר	צום באַרג,
וַיְכַס הֶעָנָן אֶת־הָהָר:	און דער וואָלקען האט בעדעקט דעם באַרג.
16. וַיִּשְׁכֹּן כְּבוֹד־יְהוָה	16. און די [1]הערליכקייט פון עוויגען האט [2]גערוהט
עַל־הַר סִינַי	אויף דעם באַרג סיני,
וַיְכַסֵּהוּ הֶעָנָן	און דער וואָלקען האט איהם בעדעקט
שֵׁשֶׁת יָמִים	זעקס טעג,
וַיִּקְרָא אֶל־מֹשֶׁה	און ער האט גערופען צו משה
בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי	אויף דעם זיבענטען טאג
מִתּוֹךְ הֶעָנָן:	פון מיטען דעם וואָלקען.
17. וּמַרְאֵה	17. און די ערשיינונג
כְּבוֹד יְהוָה	פון די הערליכקייט פון דעם עוויגען
כְּאֵשׁ אֹכֶלֶת	(איז געווען) ווי אַ פערצעהרענדער פייער
בְּרֹאשׁ הָהָר	אויף דעם שפּיץ פון'ם באַרג
לְעֵינֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל:	פאַר די אויגען פון די קינדער ישראל
18. וַיָּבֹא מֹשֶׁה	18. און משה איז געקומען
בְּתוֹךְ הֶעָנָן	אין מיטען פון'ם וואָלקען,
וַיַּעַל אֶל־הָהָר	און ער איז אַרויף-געגאַנגען צום באַרג,
וַיְהִי מֹשֶׁה בָּהָר	און משה איז געווען אויף דעם באַרג
אַרְבָּעִים יוֹם	פערציג טעג
וְאַרְבָּעִים לָיְלָה:	און פערציג נעכט.

תְּרוּמָה THERUMAH

כה Cap. XXV.

1. וַיְדַבֵּר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	1. און דער עוויגער האט גערעט צו משה,
לֵּאמֹר:	זאגענדיג:
2. דַּבֵּר	2. רייד
אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	צו די קינדער ישראל,
וְיִקְחוּ־לִי	דאס זיי זאלען נעהמען פיר מיר
תְּרוּמָה	א [3]גאַבע,
מֵאֵת כָּל־אִישׁ	פון יעדען מאַן,
אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ	וואס זיין האַרץ איז פרייגיביג,[4]
תִּקְחוּ אֶת־תְּרוּמָתִי:	זאלט איהר נעהמען מיין [3]גאַבע.
3. וְזֹאת הַתְּרוּמָה	3. און דיזעס איז די [3]גאַבע,
תַּעֲשֶׂה לַיּוֹם	זאלסט'ו [4]אָפּפערן יעדען טאָג
עַל־הַכִּפֻּרִים	צור פערגעבונג,
וְחִטֵּאתָ עַל־הַמִּזְבֵּחַ	און דו זאלסט [5]רייניגען דעם אַלטאַר
בְּכַפֶּרְךָ עָלָיו	דאַמיט וואס דו וועסט פערגעבען אויף איהם,
וּמָשַׁחְתָּ אֹתוֹ	און דו זאלסט איהם זאַלבען
לְקַדְּשׁוֹ :	אום איהם צו הייליגען.
37. שִׁבְעַת יָמִים	37. זיבען טעג
תְּכַפֵּר עַל־הַמִּזְבֵּחַ	זאלסט'ו פערגעבען אויף דעם אַלטאַר,
וְקִדַּשְׁתָּ אֹתוֹ	און דו זאלסט איהם הייליגען
וְהָיָה הַמִּזְבֵּחַ	און דער אַלטאַר זאל זיין
קֹדֶשׁ קָדָשִׁים	אַלער-הייליגסט,
כָּל־הַנֹּגֵעַ בַּמִּזְבֵּחַ	אַלעס, וואס ריהרט זיך אָן דעם אַלטאַר,
יִקְדָּשׁ :	זאָל הייליג זיין.
שִׁשִּׁי	שִׁשִּׁי
38. וְזֶה אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה	38. און דיזעס איז, וואס דו זאָלסט [4]אָפּפערן
עַל־הַמִּזְבֵּחַ	אויף דעם אַלטאַר:
כְּבָשִׂים בְּנֵי־שָׁנָה	שעפסען פון איין יאהר אַלט
שְׁנַיִם לַיּוֹם תָּמִיד :	צוויי פיר יעדען טאָג בעשטענדיג.
39. אֶת־הַכֶּבֶשׂ הָאֶחָד	39. [דעם] איין שעפס
תַּעֲשֶׂה בַבֹּקֶר	זאלסט'ו [4]אָפּפערן דעם־מאָרגענס,
וְאֵת הַכֶּבֶשׂ הַשֵּׁנִי	און דעם צווייטען שעפס
תַּעֲשֶׂה בֵּין הָעַרְבָּיִם :	זאלסט'ו [4]אָפּפערן געגען אַבענד.
40. וְעִשָּׂרֹן סֹלֶת	40. און אַ [6]צעהנטעל פיינע מעהל
בָּלוּל בְּשֶׁמֶן כָּתִית	געמישט מיט געשטויסענע אייל
רֶבַע הַהִין	אַ פירטעל [7]הין,
וְנֵסֶךְ	און אַ [8]טראַנק־אָפּפער
רְבִיעִת הַהִין יָיִן	אַ פירטעל [7]הין וויין
לַכֶּבֶשׂ הָאֶחָד :	פיר [דעם] איין שעפס.
41. וְאֵת הַכֶּבֶשׂ הַשֵּׁנִי	41. און דעם צווייטען שעפס
תַּעֲשֶׂה בֵּין הָעַרְבָּיִם	זאלסט'ו [4]אָפּפערן געגען אַבענד,
כְּמִנְחַת הַבֹּקֶר	ווי דער שפייז־אָפּפער פון דעם־מאָרגענס
וּכְנִסְכָּהּ	און ווי איהר [8]טראַנק־אָפּפער
תַּעֲשֶׂה־לָּהּ	זאלסט'ו [4]אָפּפערן צו איהר,
לְרֵיחַ נִיחֹחַ	צום ליבליכען גערוך,
אִשֶּׁה לַיהוָה :	אַ פייער אָפּפער צום עוויגען

1) פערזעהנט. 2) ד. ה. ניט קיין כהן. 3) אַ הייליגטהום. 4) מאַכען. 5) ענטזינדיגען. 6) צעהנטיל איפה.
43 און אַ פינפטעל אייער. 7) הין איז 72 אייער. 8) גיס־אָפּפער. 9) אָנציהען.

42. עֹלַת תָּמִיד	42. אַ שטענדיגער בראַנד־אָפּפער (זאל דיזעס זיין)
לְדֹרֹתֵיכֶם	פיר אייער געשלעכטער,
פֶּתַח אֹהֶל־מוֹעֵד	(ביים) איינגאַנג פון פערזאַמלונגס־געצעלט
לִפְנֵי יְהוָה	פאר דעם עוויגען,
אֲשֶׁר אִוָּעֵד לָכֶם	וואס איך וועל [1]צוזאַמענ־קומען מיט אייך
שָׁמָּה	דארטען,
לְדַבֵּר אֵלֶיךָ שָׁם׃	דאָרט צו ריידען צו דיר.
43. וְנֹעַדְתִּי שָׁמָּה	43. און איך וועל דאָרטען [1]צוזאַמענ־קומען
לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל	מיט די קינדער ישראל,
וְנִקְדַּשׁ בִּכְבֹדִי׃	און [2]ער וועט געהייליגט ווערען דורך מיין עהרע.
44. וְקִדַּשְׁתִּי	44. און איך וועל הייליגען
אֶת־אֹהֶל מוֹעֵד	דעם פערזאַמלונגס געצעלט
וְאֶת־הַמִּזְבֵּחַ	און דעם אַלטאַר,
וְאֶת־אַהֲרֹן וְאֶת בָּנָיו	און אהרן און זיינע זיהן
אֲקַדֵּשׁ	וועל איך הייליגען
לְכַהֵן לִי׃	צו זיין פריסטערס צו מיר.
45. וְשָׁכַנְתִּי	45. און איך וועל וואָהנען
בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	צווישען די קינדער ישראל,
וְהָיִיתִי לָהֶם לֵאלֹהִים	און איך וועל צו זיי זיין פיר אַ גאָט.
46. וְיָדְעוּ	46. און זיי וועלען וויסען,
כִּי אֲנִי יְיָ אֱלֹהֵיהֶם	דאס איך בין דער עוויגער, זייער גאָט,
אֲשֶׁר הוֹצֵאתִי אֹתָם	וואס איך האב זיי אַרויס־געפיהרט
מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם	פון דאס לאַנד מצרים,
לְשָׁכְנִי בְתוֹכָם	אום צו וואָהנען צווישען זיי
אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיהֶם׃	איך בין דער עוויגער זייער גאָט.
Cap. XXX.	ל
שְׁבִיעִי	שְׁבִיעִי
1. וְעָשִׂיתָ מִזְבֵּחַ	1. און דו זאלסט מאַכען איין אַלטאַר
מִקְטַר קְטֹרֶת	(צום) רויכערן רויכער־ווערק
עֲצֵי שִׁטִּים	פון שיטים האָלץ
תַּעֲשֶׂה אֹתוֹ׃	זאלסט'ו איהם מאַכען.
2. אַמָּה אָרְכּוֹ	2. איין אייל זיין לייגג
וְאַמָּה רָחְבּוֹ	און איין אייל זיין ברייט,
רָבוּעַ יִהְיֶה	פיער־עקיג זאל ער זיין,
וְאַמָּתַיִם קֹמָתוֹ	און צוויי איילען זיין הויך,
מִמֶּנּוּ קַרְנֹתָיו׃	פון איהם[3] (זאלען זיין) זיינע הערנער.

3. וְצִפִּיתָ אֹתוֹ	3. און דו זאלסט איהם בעדעקען
זָהָב טָהוֹר	(מיט) ריינע גאָלד,
אֶת־גַּגּוֹ	זיין [4]דאַך
וְאֶת־קִירֹתָיו סָבִיב	און זיינע ווענד אַרום
וְאֶת־קַרְנֹתָיו	און זיינע הערנער,
וְעָשִׂיתָ לּוֹ	און דו זאלסט מאַכען פיר איהם
זֵר זָהָב סָבִיב׃	אַ גאָלדענעם קראַנץ אַרום.
4. וּשְׁתֵּי טַבְּעֹת זָהָב	4. און צוויי גאָלדענע רינגען
תַּעֲשֶׂה־לּוֹ	זאלסט'ו מאַכען פיר איהם
מִתַּחַת לְזֵרוֹ	פון אונטער זיין קראַנץ
עַל שְׁתֵּי צַלְעֹתָיו	אויף זיינע צוויי [5]זייטען־ווענד
תַּעֲשֶׂה	זאלסט'ו (זיי) מאַכען
עַל־שְׁנֵי צִדָּיו	אויף זיינע ביידע זייטען,
וְהָיָה לְבָתִּים לְבַדִּים	און זיי זאלען זיין[6] אַלס [7]הייזער פיר די שטאַנגען
לָשֵׂאת אֹתוֹ בָּהֵמָּה׃	צו טראָגען איהם מיט זיי.
5. וְעָשִׂיתָ אֶת הַבַּדִּים	5. און דו זאלסט מאַכען די שטאַנגען
עֲצֵי שִׁטִּים	פון שיטים־האָלץ,
וְצִפִּיתָ אֹתָם זָהָב׃	און דו זאלסט זיי בעדעקען, (מיט) גאָלד.
6. וְנָתַתָּה אֹתוֹ	6. און דו זאלסט איהם שטעלען
לִפְנֵי הַפָּרֹכֶת	פאר דעם פאָרהאַנג,
אֲשֶׁר עַל־אֲרֹן הָעֵדֻת	וואס איז פאר די לאַדע פון דאס צייגניס,
לִפְנֵי הַכַּפֹּרֶת	פאר דעם צודעק,
אֲשֶׁר עַל־הָעֵדֻת	וועלכער איז אויף דאס צייגניס
אֲשֶׁר אִוָּעֵד לְךָ	וואס איך וועל [1]צוזאַמענ־קומען מיט דיר
שָׁמָּה׃	דאָרטען.
7. וְהִקְטִיר עָלָיו אַהֲרֹן	7. און אהרן זאל אויף איהם רויכערן
קְטֹרֶת סַמִּים	רויכער־ווערק פון געווירצען
בַּבֹּקֶר בַּבֹּקֶר	מאָרגען פיר מאָרגען,
בְּהֵיטִיבוֹ אֶת־הַנֵּרֹת	ווען ער וועט צורעכט מאַכען די לאָמפען,
יַקְטִירֶנָּה׃	זאל ער עס רויכערן.
8. וּבְהַעֲלֹת אַהֲרֹן	8. און ווען אהרן וועט אָנצינדען
אֶת־הַנֵּרֹת	די לאָמפען
בֵּין הָעַרְבַּיִם	געגען אבענד
יַקְטִירֶנָּה	זאל ער עס רויכערן,
קְטֹרֶת תָּמִיד	בעשטענדיגע רויכער־ווערק

1) זיך צוזאמענ־טרעפען, אין אַ בעשטימטע צייט און פלאַטץ. 2) דער משכן, אדער דאס פאָלק ישראל. 3) ד. ה. פון איין שטיק. 4) ד. ה. זיין אויבערשטער פלאַט. 5) ווינקלען. 6) זעה רש"י. 7) זעה ז. 65, בעמערקונג 3.

לִפְנֵי יְהוָה	פאר דעם עוויגען
לְדֹרֹתֵיכֶם׃	פיר אייערע געשלעכטער.
9. לֹא־תַעֲלוּ עָלָיו	9. איהר זאלט ניט אריפ־ברייגגען אויף איהם
קְטֹרֶת זָרָה	פרעמדע ריכער־ווערק,
וְעֹלָה וּמִנְחָה	אדער א בראנד־אָפּפער אדער אַ שפייז־אָפּפער,
וְנֶסֶךְ	און א טראנק־אָפּפער
לֹא תִסְּכוּ עָלָיו׃	זאלט איהר ניט גיסען אויף איהם.
10. וְכִפֶּר אַהֲרֹן	10. און אהרן זאל פערגעבען
עַל־קַרְנֹתָיו	אויף זיינע הערנער
אַחַת בַּשָּׁנָה	איין מאל אין יאהר;
מִדַּם	פון דאס בלוט
חַטַּאת הַכִּפֻּרִים	פון דעם זינד־אָפּפער פון פערגעבונג,
אַחַת בַּשָּׁנָה	איין מאל אין יאהר
יְכַפֵּר עָלָיו	זאל ער פערגעבען אויף איהם
לְדֹרֹתֵיכֶם	פיר אייערע געשלעכטער,
קֹדֶשׁ קָדָשִׁים הוּא	ער איז אלער־הייליגסט
לַיהוָה׃	צום עוויגען.

כִּי תִשָּׂא KI THISSA

11. וַיְדַבֵּר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	11. און דער עוויגער האט גערעט צו משה,
לֵּאמֹר׃	זאָגענדיג:
12. כִּי תִשָּׂא	12. ווען דו וועסט אויפ־נעהמען
אֶת־רֹאשׁ	די קאָפּ־(צאהל)
בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל	פון די קינדער ישראל
לִפְקֻדֵיהֶם	נאך זייערע געציילטע,[1]
וְנָתְנוּ	דאַן זאלען זיי געבען
אִישׁ	יעדער מאַן
כֹּפֶר נַפְשׁוֹ	לייז־געלד פיר זיין זעלע
לַיהוָה	צום עוויגען,
בִּפְקֹד אֹתָם	ווען מען וועט זיי ציילען,
וְלֹא־יִהְיֶה בָהֶם נֶגֶף	אום בייזיי זאל ניט זיין אַ פּלאַג,
בִּפְקֹד אֹתָם׃	ווען מען וועט זיי ציילען.
13. זֶה׀ יִתְּנוּ	13. דיזעס זאלען זיי געבען:
כָּל־הָעֹבֵר	יעדער, וואס גייט
עַל־הַפְּקֻדִים	דורך די ציילונג,
מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל	איין האלבען שקל
בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ	נאך דעם הייליגען שקל.
עֶשְׂרִים גֵּרָה הַשֶּׁקֶל	צוואַנציג גרה דער שקל,
מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל	א האלבען שקל
תְּרוּמָה לַיהוָה׃	(אלס) גאַבע צום עוויגען.
14. כֹּל הָעֹבֵר	14. יעדער וואס גייט
עַל־הַפְּקֻדִים	דורך די ציילונג
מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה	פון צוואַנציג יאהר אלט
וָמָעְלָה	און העכער,
יִתֵּן תְּרוּמַת יְהוָה׃	דער זאל געבען די גאַבע (פיר) דעם עוויגען.
15. הֶעָשִׁיר לֹא־יַרְבֶּה	15. דער רייכער זאָל ניט מעהר געבען,
וְהַדַּל לֹא יַמְעִיט	און דער אָרעמער זאל ניט ווייניגער געבען
מִמַּחֲצִית הַשָּׁקֶל	אַלס אַ האלבען שקל,
לָתֵת	צו געבען
אֶת־תְּרוּמַת יְהוָה	די גאַבע (פיר) דעם עוויגען,
לְכַפֵּר עַל־נַפְשֹׁתֵיכֶם׃	צו פערגעבען אויף אייערע זעלען.
16. וְלָקַחְתָּ	16. און דו זאלסט נעהמען
אֶת־כֶּסֶף הַכִּפֻּרִים	די געלד פון פערגעבונג
מֵאֵת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	פון די קינדער ישראל
וְנָתַתָּ אֹתוֹ	און דו זאלסט עס געבען
עַל־עֲבֹדַת	צום דינסט
אֹהֶל מוֹעֵד	פון דעם פערזאַמלונגס־געצעלט,
וְהָיָה לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל	און עס זאל זיין פיר די קינדער ישראל
לְזִכָּרוֹן	צום אַנדיינקען
לִפְנֵי יְהוָה	פאר דעם עוויגען,
לְכַפֵּר	צו פערגעבען
עַל־נַפְשֹׁתֵיכֶם׃	אויף אייערע זעלען.
17. וַיְדַבֵּר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	17. און דער עוויגער האט גערעט צו משה,
לֵּאמֹר׃	זאָגענדיג:
18. וְעָשִׂיתָ	18. און דו זאלסט מאַכען
כִּיּוֹר נְחֹשֶׁת	א [2]וואַש־בעקען פון קופער
וְכַנּוֹ נְחֹשֶׁת	און זיין פוס־געשטעל (פון) קופער
לְרָחְצָה	צום וואַשען,
וְנָתַתָּ אֹתוֹ	און דו זאלסט איהם שטעלען
בֵּין־אֹהֶל מוֹעֵד	צווישען דעם פערזאַמלונגס געצעלט
וּבֵין הַמִּזְבֵּחַ	און צווישען דעם אַלטאַר,

1) ד. ה. די, וואס ווערען געצעהלט, אדער געמוסטערט צו מיליטער־דינסט פון 20 יאהר אַלט ווי פ׳ 14. 2) האַנד־פאַס.

וְנָתַתָּ שָׁמָּה מָיִם :	אין דו זאָלסט דאָרט אַריינגעבּען וואַסער.
19 וְרָחֲצוּ אַהֲרֹן וּבָנָיו	19. און אהרן און זיינע זיהן זאָלען וואַשען
מִמֶּנּוּ	פון איהם
אֶת־יְדֵיהֶם	זייערע הענד
וְאֶת־רַגְלֵיהֶם :	און זייערע פיס.
20. בְּבֹאָם	20. ווען זיי דאַרפען אַריינקומען
אֶל־אֹהֶל מוֹעֵד	אין פערזאַמלונגס־געצעלט
יִרְחֲצוּ־מַיִם	זאָלען זיי זיך וואַשען (מיט) וואַסער,
וְלֹא יָמֻתוּ	דאָס זיי זאָלען ניט שטאַרבען.
אוֹ בְגִשְׁתָּם	אָדער ווען זיי דאַרפען זיך דערנעהנטערן
אֶל־הַמִּזְבֵּחַ	צום אַלטאַר
לְשָׁרֵת	צו בעדינען,
לְהַקְטִיר אִשֶּׁה לַיְיָ :	צו רויכערן אַ פייער אָפּפער צום עוויגען,
21. וְרָחֲצוּ	21. דאַן זאָלען זיי וואַשען
יְדֵיהֶם וְרַגְלֵיהֶם	זייערע הענד און זייערע פיס
וְלֹא יָמֻתוּ	דאָס זיי זאָלען ניט שטאַרבען
וְהָיְתָה לָהֶם	און עס זאָל זיין ביי זיי
חָק־עוֹלָם	איין עוויגער געזעטץ,
לוֹ וּלְזַרְעוֹ לְדֹרֹתָם :	פיר איהם און זיינע קינדער פיר זייערע געשלעכטער
22 וַיְדַבֵּר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	22. און דער עוויגער האָט גערעדט צו משה,
לֵּאמֹר :	זאָגענדיג:
23. וְאַתָּה קַח־לְךָ	23. און דו נעהם דיר
בְּשָׂמִים רֹאשׁ	[1]הויפּט געווירצען:
מָר־דְּרוֹר	זעלבּסט־פליסענדע מיררהען[2]
חֲמֵשׁ מֵאוֹת	פינף הונדערט (שקל),
וְקִנְּמָן־בֶּשֶׂם	און שמעקעדיגע צימרינג
מַחֲצִיתוֹ	די העלפט דאַפון,
חֲמִשִּׁים וּמָאתָיִם	צוויי הונדערט און פופציג.
וּקְנֵה־בֹשֶׂם	און שמעקעדיגע ראָהר
חֲמִשִּׁים וּמָאתָיִם :	צוויי הונדערט און פופציג.
24 וְקִדָּה חֲמֵשׁ מֵאוֹת	24. און קאַסיאַ פינף הונדערט
בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ	נאָך דעם הייליגען שקל,
וְשֶׁמֶן זַיִת הִין :	און אָליווען־אייל איין הין.
25. וְעָשִׂיתָ אֹתוֹ	25. און דו זאָלסט דאַפון מאַכען
שֶׁמֶן מִשְׁחַת־קֹדֶשׁ	הייליגע זאַלב־אייל,
רֹקַח מִרְקַחַת	אַ צובּערייטעטער זאַלב
מַעֲשֵׂה רֹקֵחַ	נאָך דער אַפּטייקער־קונסט,
שֶׁמֶן מִשְׁחַת־קֹדֶשׁ	הייליגע זאַלב־אייל
יִהְיֶה :	זאָל עס זיין.
26. וּמָשַׁחְתָּ בוֹ	26. און דו זאָלסט זאַלבּען דאַמיט
אֶת־אֹהֶל מוֹעֵד	דעם פערזאַמלונגס־געצעלט
וְאֵת אֲרוֹן הָעֵדֻת :	און די לאַדע פון דאָס צייגניס.
27. וְאֶת־הַשֻּׁלְחָן	27. און דעם טיש
וְאֶת־כָּל־כֵּלָיו	און אַלע זיינע געפעס,
וְאֶת־הַמְּנֹרָה	און די לייכטער
וְאֶת־כֵּלֶיהָ	און איהרע געפעס,
וְאֵת מִזְבַּח הַקְּטֹרֶת :	און דעם אַלטאַר פון די רויכער־ווערק.
28 וְאֶת־מִזְבַּח הָעֹלָה	28. און דעם אַלטאַר פון די בּראַנד־אָפּפער
וְאֶת־כָּל־כֵּלָיו	און אַלע זיינע געפעס,
וְאֶת־הַכִּיֹּר וְאֶת־כַּנּוֹ :	און דעם וואַש־בעקען און זיין פוס־געשטעל.
29. וְקִדַּשְׁתָּ אֹתָם	29. און דו זאָלסט זיי הייליגען
וְהָיוּ קֹדֶשׁ קָדָשִׁים	און זיי וועלען זיין אַלער־הייליגסט,
כָּל־הַנֹּגֵעַ בָּהֶם	אַלעס וואָס ריהרט זיך אָן זיי
יִקְדָּשׁ :	זאָל הייליג זיין.
30. וְאֶת־אַהֲרֹן	30. און אהרן
וְאֶת־בָּנָיו	און זיינע זיהן
תִּמְשָׁח	זאָלסט'ו זאַלבען,
וְקִדַּשְׁתָּ אֹתָם	און דו זאָלסט זיי הייליגען
לְכַהֵן לִי :	פּריסטערס צו זיין צו מיר.
31. וְאֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	31. און צו די קינדער ישראל
תְּדַבֵּר לֵאמֹר	זאָלסט'ו ריידען, זאָגענדיג:
שֶׁמֶן מִשְׁחַת־קֹדֶשׁ	הייליגע זאַלב־אייל
יִהְיֶה זֶה לִי	זאָל דיזעס זיין צו מיר
לְדֹרֹתֵיכֶם :	פיר אייערע געשלעכטער.
32. עַל־בְּשַׂר אָדָם	32. אויף דאָס פלייש פון אַ מענשען,
לֹא יִיסָךְ	זאָל עס ניט געגאָסען ווערען
וּבְמַתְכֻּנְתּוֹ	און נאָך זיין [3]צובּערייטונג
לֹא תַעֲשׂוּ כָּמֹהוּ	זאָלט איהר ניט מאַכען זיין גלייכען
קֹדֶשׁ הוּא	ער איז הייליג,
קֹדֶשׁ יִהְיֶה לָכֶם :	הייליג זאָל עס זיין ביי אייך.
33. אִישׁ	33. יעדער מאַן
אֲשֶׁר יִרְקַח כָּמֹהוּ	וואָס וועט צובּערייטען זיין גלייכען

1) די בעסטע געווירצען. 2) ד. ה. וואָס פליסט אַליין פריי (דרור) פון אַ געוויסען בּוים. 3) אַרט.

וַאֲשֶׁר יִתֵּן מִמֶּנּוּ	און דער וואס וועט [1]געבען דאפון
עַל־זָר	[2]אויף א פרעמדען,
וְנִכְרַת מֵעַמָּיו׃	דער וועט אויס-געראטעט ווערען פון זיין פאלק.
34. וַיֹּאמֶר יְיָ	34. און דער עוויגער האט געזאגט
אֶל־מֹשֶׁה׃	צו משה :
קַח־לְךָ סַמִּים	נעהם דיר געווירצען,
נָטָף וּשְׁחֵלֶת	[3]טריף־געווירץ און זעע־נאגעל
וְחֶלְבְּנָה	און גאלבאן,
סַמִּים	(דיזע) געווירצען;
וּלְבֹנָה זַכָּה	און רייגע וויהרויך,
בַּד בְּבַד יִהְיֶה׃	צו גלייכע טהיילען זאל עס זיין.
35. וְעָשִׂיתָ אֹתָהּ	35. און דו זאלסט דאפון מאכען
קְטֹרֶת	רויכער-ווערק,
רֹקַח מַעֲשֵׂה רוֹקֵחַ	א צובערייטונג נאך דער אפטייקער-קונסט,
מְמֻלָּח טָהוֹר קֹדֶשׁ׃	[5]דורכגעמישט, ריין, הייליג.
36. וְשָׁחַקְתָּ מִמֶּנָּה	36. און דו זאלסט צורייבען דאפון
הָדֵק	דין,
וְנָתַתָּה מִמֶּנָּה	און דו זאלסט לייגען דאפון
לִפְנֵי הָעֵדֻת	פאר דאס צייגניס
בְּאֹהֶל מוֹעֵד	אין דעם פערזאמלונגס־געצעלט,
אֲשֶׁר אִוָּעֵד לְךָ	וואס איך וועל צוזאמען־קומען מיט דיר
שָׁמָּה	דארטען,
קֹדֶשׁ קָדָשִׁים	אלער־הייליגסט
תִּהְיֶה לָכֶם׃	זאל עס זיין ביי אייך.
37. וְהַקְּטֹרֶת	37. און די רויכער־ווערק,
אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה	וועלכע דו וועסט מאכען,
בְּמַתְכֻּנְתָּהּ	נאך איהר צובערייטונג
לֹא תַעֲשׂוּ לָכֶם	זאלט איהר אייך ניט מאכען
קֹדֶשׁ תִּהְיֶה לְךָ לַיְיָ׃	הייליג זאל עס זיין ביי דיר צום עוויגען.
38. אִישׁ	38. יעדער מאן
אֲשֶׁר־יַעֲשֶׂה כָמוֹהָ	וועלכער וועט מאכען איהר גלייכען
לְהָרִיחַ בָּהּ	צו שמעקען דאפון,
וְנִכְרַת מֵעַמָּיו׃	דער וועט אויס-געראטעט ווערען פון זיין פאלק.

Cap. XXXI. לא

1. וַיְדַבֵּר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	1. און דער עוויגער האט גערעדט צו משה,
לֵּאמֹר׃	זאגענדיג:
2. רְאֵה קָרָאתִי בְשֵׁם	2. זעה, איך האב גערופען מיט'ן נאמען
בְּצַלְאֵל בֶּן־אוּרִי	בצלאל, דער זוהן פון אורי,
בֶן־חוּר	דער זוהן פון חור,
לְמַטֵּה יְהוּדָה׃	פון דעם שטאם יהודה.
3. וָאֲמַלֵּא אֹתוֹ	3. און איך האב איהם ערפילט
רוּחַ אֱלֹהִים	(מיט) גאטעס־גייסט.
בְּחָכְמָה וּבִתְבוּנָה	מיט קלוגהייט און מיט פערשטאנד
וּבְדַעַת	און מיט קענטניס
וּבְכָל־מְלָאכָה׃	און מיט יעדע קונסט.
4. לַחְשֹׁב מַחֲשָׁבֹת	4. [6]אויסצוטראכטען קונסט־ארבייטען,
לַעֲשׂוֹת	צו ארבייטען
בַּזָּהָב וּבַכֶּסֶף	אין גאלד און אין זילבער
וּבַנְּחֹשֶׁת׃	און אין קופער.
5. וּבַחֲרֹשֶׁת אֶבֶן	5. און אין שטיין-שניידען
לְמַלֹּאת	צום איינפאסען,
וּבַחֲרֹשֶׁת עֵץ	און אין האלץ־שניידען,
לַעֲשׂוֹת	צו ארבייטען
בְּכָל־מְלָאכָה׃	אין יעדע ארבייט.
6. וַאֲנִי	6. און איך,
הִנֵּה נָתַתִּי אִתּוֹ	זעה איך האב געגעבען מיט איהם
אֵת אָהֳלִיאָב	אהליאב,
בֶּן־אֲחִיסָמָךְ	דער זוהן פון אחיסמך
לְמַטֵּה־דָן	פון דעם שטאם דן,
וּבְלֵב כָּל־חֲכַם־לֵב	און אין די הארץ פון יעדען קלוגען
נָתַתִּי חָכְמָה	האב איך געגעבען קלוגהייט
וְעָשׂוּ	און זיי וועלען מאכען
אֵת כָּל־אֲשֶׁר צִוִּיתִךָ׃	אלעס וואס איך האב דיר בעפוילען.
7. אֵת אֹהֶל מוֹעֵד	7. דעם פערזאמלונגס־געצעלט
וְאֶת־הָאָרֹן לָעֵדֻת	און די לאדע פיר דאס צייגניס
וְאֶת־הַכַּפֹּרֶת	און דעם צודעק,
אֲשֶׁר עָלָיו	וועלכער איז אויף איהם,
וְאֵת כָּל־כְּלֵי הָאֹהֶל׃	און אלע געפעס פון דעם געצעלט.
8. וְאֶת־הַשֻּׁלְחָן	8. און דעם טיש
וְאֶת־כֵּלָיו	און זיינע געפעס,
וְאֶת־הַמְּנֹרָה הַטְּהֹרָה	און די [7]ריינע לייכטער

1) בעשמירען. 2) צו. 3) וואס טריפט פון א געוויסען געווירץ-בוים. 4) זעה רש״י. 5) געזאלצען, זעה רש״י.
6) צו ערפינדען. 7) ד. ה. וואס וואר אויס ריינע גאלד.

וְאֶת־כָּל־כֵּלֶיהָ	און אַלע איהרע געפעס,
וְאֵת מִזְבַּח הַקְּטֹרֶת :	און דעם אַלטאַר פון די רויכער-ווערק.
9. וְאֶת־מִזְבַּח הָעֹלָה	9. און דעם אַלטאַר פון די בראַנד-אָפּפער
וְאֶת־כָּל־כֵּלָיו	און אַלע זיינע געפעס,
וְאֶת־הַכִּיּוֹר וְאֶת־כַּנּוֹ	און דעם בעקען און זיין פוס געשטעל.
10. וְאֵת בִּגְדֵי הַשְּׂרָד	10. און די קליידער צום פערדעקען,[1]
וְאֶת־בִּגְדֵי הַקֹּדֶשׁ	און די הייליגע קליידער,
לְאַהֲרֹן הַכֹּהֵן	פיר אהרן, דעם פריסטער,
וְאֶת־בִּגְדֵי בָנָיו	און די קליידער פון זיינע זיהן
לְכַהֵן :	פריסטערס צו זיין.
11. וְאֵת שֶׁמֶן הַמִּשְׁחָה	11. און די זאַלב־אייל
וְאֶת־קְטֹרֶת הַסַּמִּים	און די רויכער-ווערק פון די געווירצען
לַקֹּדֶשׁ	פיר דעם הייליגטהום,
כְּכֹל אֲשֶׁר צִוִּיתִךָ	ווי אַלעס וואס איך האב דיר בעפוילען
יַעֲשׂוּ :	וועלען זיי מאַכען.
12. וַיֹּאמֶר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	12. און דער עוויגער האט געזאָגט צו משה,
לֵּאמֹר .	זאָגענדיג:
13. וְאַתָּה דַּבֵּר	13. און דו רייד
אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	צו די קינדער ישראל,
לֵאמֹר	זאָגענדיג:
אַךְ אֶת־שַׁבְּתֹתַי	אבער מיינע רוהע־טעג
תִּשְׁמֹרוּ	זאלט איהר היטען,
כִּי אוֹת הִוא	דען דאס איז אַ צייכען
בֵּינִי וּבֵינֵיכֶם	צווישען מיר און צווישען אייך
לְדֹרֹתֵיכֶם	פיר אייערע געשלעכטער,
לָדַעַת	צו וויסען,
כִּי אֲנִי יְיָ מְקַדִּשְׁכֶם :	דאס איך עוויגער הייליג אייך.
14. וּשְׁמַרְתֶּם	14. און איהר זאָלט היטען
אֶת־הַשַּׁבָּת	דעם רוהע־טאָג,
כִּי קֹדֶשׁ הִוא לָכֶם	דען [2]זי איז הייליג צו אייך
מְחַלְלֶיהָ מוֹת יוּמָת	ווער עס ענטהייליגט [3]איהר זאל געטויטעט ווערען,
כִּי כָּל־הָעֹשֶׂה בָהּ	דען יעדער וואס טהוט אין [3]איהר
מְלָאכָה	אַרבייט,
וְנִכְרְתָה	וועט אויסגעראָטעט ווערען
הַנֶּפֶשׁ הַהִוא	יענע זעלע
מִקֶּרֶב עַמֶּיהָ :	פון מיטען איהר פאָלק.

15. שֵׁשֶׁת יָמִים	15. זעקס טעג
יֵעָשֶׂה מְלָאכָה	זאָל געטאָן ווערען אַרבייט
וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי	אבער אויף דעם זיבענטען טאָג
שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן	זאל זיין אַ פייערליכער רוהע-טאָג,
קֹדֶשׁ לַיהֹוָה	הייליג צום עוויגען,
כָּל־הָעֹשֶׂה מְלָאכָה	יעדער, וואס טהוט אַרבייט
בְּיוֹם הַשַּׁבָּת	אין דעם רוהע־טאָג
מוֹת יוּמָת :	דער זאל געטויטעט ווערען.
16. וְשָׁמְרוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל	16. און די קינדער ישראל זאלען היטען
אֶת־הַשַּׁבָּת	דעם רוהע־טאָג,
לַעֲשׂוֹת אֶת־הַשַּׁבָּת	צו האַלטען דעם רוהע־טאג
לְדֹרֹתָם	פיר זייערע געשלעכטער
בְּרִית עוֹלָם :	(אַלס) עוויגען בונד.
17. בֵּינִי	17. צווישען מיר
וּבֵין בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	און צווישען די קינדער ישראל
אוֹת הִוא לְעֹלָם	איז דאס אַ צייכען אויף עוויג
כִּי שֵׁשֶׁת יָמִים	דען זעקס טעג
עָשָׂה יְהוָה	האט דער עוויגער געמאַכט
אֶת־הַשָּׁמַיִם	דעם הימעל
וְאֶת־הָאָרֶץ	און די ערד,
וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי	און אויף דעם זיבענטען טאָג
שָׁבַת וַיִּנָּפַשׁ :	האט ער גערוהט, און ער האט זיך ערהאָלט.
שֵׁנִי	שֵׁנִי
18. וַיִּתֵּן אֶל־מֹשֶׁה	18. און ער האט געגעבען צו משה,
כְּכַלֹּתוֹ לְדַבֵּר אִתּוֹ	ווי ער האט געענדיגט [צו] ריידען מיט איהם
בְּהַר סִינַי	אויף דעם באַרג סיני
שְׁנֵי לֻחֹת הָעֵדֻת	צוויי טאָוולען פון דאס צייגניס,
לֻחֹת אֶבֶן	טאָוולען פון שטיין,
כְּתֻבִים	געשריבען
בְּאֶצְבַּע אֱלֹהִים :	מיט גאָטעס־פינגער.

CAP. XXXII לב

1. וַיַּרְא הָעָם	1. און (ווען) דאס פאָלק האט געזעהן,
כִּי בֹשֵׁשׁ מֹשֶׁה	דאס משה פערזאַמט זיך
לָרֶדֶת מִן־הָהָר	אַרונטער-צו-קומען פון'ם באַרג,
וַיִּקָּהֵל הָעָם	דאַן האט זיך דאס פאָלק פערזאַמעלט
עַל־אַהֲרֹן	ביי אהרן,

1) ד. ה. די דעקען, מיט וואס מען פלעגט פערהילען די הייליגע זאַכען ביים אומרייזען. זעה רש"י 2) ער 3) איהם.

וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו	און זיי האבען געזאגט צו איהם:
קוּם	שטיי אויף,
עֲשֵׂה־לָנוּ אֱלֹהִים	מאך אונז געטער
אֲשֶׁר יֵלְכוּ לְפָנֵינוּ	וועלכע זאלען גיין פאר אונז,
כִּי־זֶה ׀ מֹשֶׁה הָאִישׁ	דען דיזער מאן משה,
אֲשֶׁר הֶעֱלָנוּ	וועלכער האט אונז [5]אויפ־געבראכט
מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם	פון דאס לאנד מצרים,
לֹא יָדַעְנוּ	ווייסען מיר ניט
מֶה־הָיָה לוֹ:	וואס איהם איז געשעהן.
2. וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם אַהֲרֹן	2 און אהרן האט געזאגט צו זיי:
פָּרְקוּ נִזְמֵי הַזָּהָב	[1]נעהמט אראב די גאלדענע רינגען,
אֲשֶׁר בְּאָזְנֵי נְשֵׁיכֶם	וועלכע זיינען אין די אויערן פון אייערע פרויען,
בְּנֵיכֶם וּבְנֹתֵיכֶם	אייערע זיהן און אייערע טעכטער,
וְהָבִיאוּ אֵלָי:	און ברענגט (זיי) צו מיר.
3. וַיִּתְפָּרְקוּ כָּל־הָעָם	3. און דאס גאנצע פאלק האבען אראב־גענומען
אֶת־נִזְמֵי הַזָּהָב	די גאלדענע רינגען,
אֲשֶׁר בְּאָזְנֵיהֶם	וועלכע (זיינען געוועזען) אין זייערע אויערן,
וַיָּבִיאוּ אֶל־אַהֲרֹן:	און זיי האבען (עס) געבראכט צו אהרן.
4. וַיִּקַּח מִיָּדָם	4. און ער האט (עס) גענומען פון זייער האנד,
וַיָּצַר אֹתוֹ בַּחֶרֶט	און ער האט עס [2]געבילדעט אין א [3]פארעם,
וַיַּעֲשֵׂהוּ עֵגֶל מַסֵּכָה	און ער האט דאפון געמאכט א געגאסענע קאלב;
וַיֹּאמְרוּ	און זיי האבען געזאגט:
אֵלֶּה אֱלֹהֶיךָ יִשְׂרָאֵל	דיזע זיינען דיינע געטער, ישראל,
אֲשֶׁר הֶעֱלוּךָ	וועלכע האבען דיר [5]אויפ־געבראכט
מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם:	פון דאס לאנד מצרים.
5. וַיַּרְא אַהֲרֹן	5. און (ווען) אהרן האט (עס) געזעהן,
וַיִּבֶן מִזְבֵּחַ לְפָנָיו	האט ער געבויט איין אלטאר פאר איהם,
וַיִּקְרָא אַהֲרֹן	און אהרן האט אויסגערופען
וַיֹּאמַר	און ער האט געזאגט:
חַג לַיהוָה מָחָר:	א פייער־טאג צום עוויגען איז מארגען!
6. וַיַּשְׁכִּימוּ	6. און זיי זיינען אויפ־געשטאנען פריה
מִמָּחֳרָת	אויף מארגען
וַיַּעֲלוּ עֹלֹת	און זיי האבען געאפפערט בראנד־אפפערס,
וַיַּגִּשׁוּ שְׁלָמִים	און זיי האבען געבראכט פרידענס־אפפערס,
וַיֵּשֶׁב הָעָם	און דאס פאלק האט זיך געזעצט
לֶאֱכֹל וְשָׁתוֹ	צו עסען און טרינקען,
וַיָּקֻמוּ לְצַחֵק:	און זיי זיינען אויפ־געשטאנען צום [4]טאנצען.
7. וַיְדַבֵּר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	7. און דער עוויגער האט גערעדט צו משה:
לֶךְ־רֵד	געה, שטייג ארונטער,
כִּי שִׁחֵת עַמְּךָ	דען פערדארבען האט דיין פאלק,
אֲשֶׁר הֶעֱלֵיתָ	וואס דו האסט [5]אויפ־געבראכט
מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם:	פון דאס לאנד מצרים.
8. סָרוּ מַהֵר	8. זיי האבען אבגעקערט שנעל
מִן הַדֶּרֶךְ	פון דעם וועג,
אֲשֶׁר צִוִּיתִם	וואס איך האב זיי בעפוילען,
עָשׂוּ לָהֶם	זיי האבען זיך געמאכט
עֵגֶל מַסֵּכָה	א געגאסענע קאלב,
וַיִּשְׁתַּחֲווּ־לוֹ	און זיי האבען זיך געבוקט צו איהם,
וַיִּזְבְּחוּ־לוֹ	און זיי האבען געשלאכט צו איהם
וַיֹּאמְרוּ	און זיי האבען געזאגט:
אֵלֶּה אֱלֹהֶיךָ יִשְׂרָאֵל	דיזע זיינען דיינע געטער, ישראל,
אֲשֶׁר הֶעֱלוּךָ	וועלכע האבען דיר [5]אויפ־געבראכט
מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם:	פון דאס לאנד מצרים.
9. וַיֹּאמֶר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	9. און דער עוויגער האט געזאגט צו משה:
רָאִיתִי אֶת הָעָם הַזֶּה	איך האב געזעהן דיזעס פאלק,
וְהִנֵּה	און זעה,
עַם קְשֵׁה־עֹרֶף הוּא:	עס איז א הארט־נעקיגעס פאלק.
10. וְעַתָּה הַנִּיחָה לִּי	10. און יעצט, לאז מיר,
וְיִחַר־אַפִּי בָהֶם	און זאל מיין צארן ברענען אויף זיי,
וַאֲכַלֵּם	און איך וועל זיי פערניכטען,
וְאֶעֱשֶׂה אוֹתְךָ	און איך וועל דיר מאכען
לְגוֹי גָּדוֹל:	פיר א גרויסע נאציאן.
11. וַיְחַל מֹשֶׁה	11. און משה האט געבעטען
אֶת פְּנֵי יְהוָה אֱלֹהָיו	פאר דעם עוויגען, זיין גאט,
וַיֹּאמַר	און ער האט געזאגט:
לָמָה יְהוָה	ווארום, עוויגער,
יֶחֱרֶה אַפְּךָ בְּעַמֶּךָ	זאל דיין צארן ברענען אויף דיין פאלק,
אֲשֶׁר הוֹצֵאתָ	וואס דו האסט ארויס־געפיהרט
מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם	פון דאס לאנד מצרים,
בְּכֹחַ גָּדוֹל	מיט א גרויסע קראפט
וּבְיָד חֲזָקָה:	און מיט א שטארקע האנד.

1) רייסט אראב. 2) איינגעבונדען. 3) פורעם; מייסעל, גריפעל; טוך. 4) שפיעלען. 5) ארויס=געפיהרט.

12. לָמָּה	12. וואַרום
יֹאמְרוּ מִצְרַיִם	זאָלען די מצרים זאָגען,
לֵאמֹר	זאָגענדיג:
בְּרָעָה	[1]מיט אַ שלעכטע (אַבזיכט)
הוֹצִיאָם	האט ער זיי אַרויס־געפיהרט
לַהֲרֹג אֹתָם בֶּהָרִים	אום זיי צו־דערשלאָגען אויף די בערג,
וּלְכַלֹּתָם	און זיי צו פערניכטען
מֵעַל פְּנֵי הָאֲדָמָה	פון די פלעכע פון דער ערד?
שׁוּב מֵחֲרוֹן אַפֶּךָ	קעהר צוריק פון דיין [2]גרים־צאָרן,
וְהִנָּחֵם עַל־הָרָעָה	און [3]בערייע אויף די שלעכטעס
לְעַמֶּךָ :	געגען דיין פאָלק.
13. זְכֹר לְאַבְרָהָם	13. געדיינק אָן אברהם,
לְיִצְחָק וּלְיִשְׂרָאֵל	אָן יצחק און אָן ישראל,
עֲבָדֶיךָ	דיינע קנעכט,
אֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתָּ לָהֶם	וואס דו האסט געשוואָרען צו זיי
בָּךְ	ביי דיר,
וַתְּדַבֵּר אֲלֵהֶם	און דו האסט גערעדט צו זיי:
אַרְבֶּה אֶת־זַרְעֲכֶם	איך וועל מעהרען אייער זאַמען
כְּכוֹכְבֵי הַשָּׁמָיִם	ווי די שטערן פון׳ם הימעל,
וְכָל־הָאָרֶץ הַזֹּאת	און דיזע גאַנצע לאַנד,
אֲשֶׁר אָמַרְתִּי	וואס איך האב געזאָגט,
אֶתֵּן לְזַרְעֲכֶם	וועל איך געבען צו אייער זאַמען,
וְנָחֲלוּ לְעֹלָם :	און זיי וועלען (עס) [4]ערבען אויף עוויג.
14. וַיִּנָּחֶם יְהוָה	14. און דער עוויגער האט בערייעט
עַל־הָרָעָה	אויף די שלעכטעס,
אֲשֶׁר דִּבֶּר	וואס ער האט גערעדט,
לַעֲשׂוֹת לְעַמּוֹ :	צו טהאָן צו זיין פאָלק.
15. וַיִּפֶן וַיֵּרֶד מֹשֶׁה	15. און משה האט זיך געווענדעט און איז אַרונטער־געגאַנגען
מִן הָהָר	פון דעם באַרג,
וּשְׁנֵי לֻחֹת הָעֵדֻת	און די צוויי טאָוולען פון דאס צייגניס
בְּיָדוֹ	(זיינען געווען) אין זיין האַנד
לֻחֹת	טאָוולען,
כְּתֻבִים	בעשריבען
מִשְּׁנֵי עֶבְרֵיהֶם	פון זייערע ביידע זייטען,
מִזֶּה וּמִזֶּה	פון דיזער (זייט) און פון דיזער (זייט)

הֵם כְּתֻבִים :	זיינען זיי געווען בעשריבען
16. וְהַלֻּחֹת	16. און די טאָוולען
מַעֲשֵׂה אֱלֹהִים הֵמָּה	זיינען געווען גאָטעס ווערק
וְהַמִּכְתָּב	און די שריפט
מִכְתַּב אֱלֹהִים הוּא	איז געווען גאָטעס שריפט,
חָרוּת עַל־הַלֻּחֹת :	אויס־געקריצט אויף די טאָוולען.
17. וַיִּשְׁמַע יְהוֹשֻׁעַ	17. און יהושע האט געהערט
אֶת־קוֹל הָעָם	די שטימע פון׳ם פאָלק
בְּרֵעֹה ברעו ק׳	אין זיין שאַרען,
וַיֹּאמֶר אֶל־מֹשֶׁה	און ער האט געזאָגט צו משה:
קוֹל מִלְחָמָה בַּמַּחֲנֶה	אַ קריגס־[6]שטימע איז אים לאַגער.
18. וַיֹּאמֶר	18. און ער האט געזאָגט:
אֵין קוֹל	עס איז ניט אַ שטימע
עֲנוֹת גְּבוּרָה	פון אַ געשריי פון [7]זיג,
וְאֵין קוֹל	און עס איז ניט אַ שטימע
עֲנוֹת חֲלוּשָׁה	פון אַ געשריי פון אַ נידער־לאַגע,[8]
קוֹל עַנּוֹת	אַ שטימע פון [9]זינגען
אָנֹכִי שֹׁמֵעַ :	הער איך.
19. וַיְהִי	19. און עס איז געווען,
כַּאֲשֶׁר קָרַב	ווי ער האט זיך דערנעהנ־טערט
אֶל־הַמַּחֲנֶה	צום לאַגער,
וַיַּרְא אֶת־הָעֵגֶל	און ער האט געזעהן די קאַלב
וּמְחֹלֹת	און (די) טענץ,
וַיִּחַר־אַף מֹשֶׁה	דאַן האט משה׳ס צאָרן געברענט,
וַיַּשְׁלֵךְ מִיָּדָו מידיו ק׳	און ער האט אַרויס־געוואָרפען פון זיינע הענד
אֶת־הַלֻּחֹת	די טאָוולען,
וַיְשַׁבֵּר אֹתָם	און ער האט זיי צובראָכען
תַּחַת הָהָר :	אונטער דעם באַרג.
20. וַיִּקַּח אֶת־הָעֵגֶל	20. און ער האט גענומען די קאַלב,
אֲשֶׁר עָשׂוּ	וועלכע זיי האבען געמאַכט
וַיִּשְׂרֹף בָּאֵשׁ	און ער האט (עס) פער־ברענט אים פייער,
וַיִּטְחַן עַד אֲשֶׁר־דָּק	און ער האט (עס) צומאָלען ביז (עס איז געוואָרען) דין,
וַיִּזֶר עַל־פְּנֵי הַמַּיִם	און ער האט עס פערשפּרייט אויף די פלעכע פונם וואַסער
וַיַּשְׁקְ	און ער האט אָנגעטרונקען
אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל :	די קינדער ישראל.
21. וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה	21. און משה האט געזאָגט

1) צום אונגליק. 2) ברענענדען צאָרן. 3) האב חרטה. 4) בעזיצען. 5) לאַרמען, יובצען. 6) געשריי. 7) שטאַרקייט. 8) זעה 17, 13, בעמערקונג 5. 9) שטאַרקען געשריי.

אֶל־אַהֲרֹן	צו אהרן:
מֶה־עָשָׂה לְךָ	וואס האט דיר געטאָן
הָעָם הַזֶּה	דיזעס פאָלק,
כִּי־הֵבֵאתָ עָלָיו	דאס דו האסט געבראַכט אויף איהם
חֲטָאָה גְדֹלָה׃	א גרויסע זינד?
22. וַיֹּאמֶר אַהֲרֹן	22. און אהרן האט געזאָגט:
אַל־יִחַר אַף אֲדֹנִי	זאל דאך ניט ברענגען מיין העררן'ס צאָרן!
אַתָּה יָדַעְתָּ	דו ווייסט (דאך)
אֶת־הָעָם	דאס פאָלק,
כִּי בְרָע הוּא׃	דאס עס איז [1]שלעכט.
23. וַיֹּאמְרוּ לִי	23. און זיי האבען געזאָגט צו מיר:
עֲשֵׂה־לָנוּ אֱלֹהִים	מאַך אונז געטער,
אֲשֶׁר יֵלְכוּ לְפָנֵינוּ	וועלכע זאָלען גיין פאר אונז,
כִּי־זֶה ׀ מֹשֶׁה הָאִישׁ	דען דיזער מאַן משה,
אֲשֶׁר הֶעֱלָנוּ	וועלכער האט אונז אויפ־געבראַכט
מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם	פון דאס לאַנד מצרים,
לֹא יָדַעְנוּ	ווייסען מיר ניט
מֶה־הָיָה לוֹ׃	וואס איהם איז געשעהן.
24. וָאֹמַר לָהֶם	24. און איך האב געזאָגט צו זיי:
לְמִי זָהָב	ווער האט גאָלד?
הִתְפָּרָקוּ	האבען זיי (עס) אראָב־געגומען,
וַיִּתְּנוּ־לִי	און זיי האבען (עס) געגעבען צו מיר,
וָאַשְׁלִכֵהוּ בָאֵשׁ	און איך האב עס געוואָרפען אים פייער,
וַיֵּצֵא הָעֵגֶל הַזֶּה׃	און עס איז ארויס־געגאנגען דיזע קאַלב.
25. וַיַּרְא מֹשֶׁה	25. און משה האט געזעהן
אֶת־הָעָם	דאס פאלק
כִּי פָרֻעַ הוּא	דאס עס איז [2]צולאָזען,
כִּי־פְרָעֹה אַהֲרֹן	דען אהרן האט עס [2]צולאָזען געמאַכט
לְשִׁמְצָה בְּקָמֵיהֶם׃	צו שאַנדע צווישען זייערע פיינדע.
26. וַיַּעֲמֹד מֹשֶׁה	26. און משה האט זיך געשטעלט
בְּשַׁעַר הַמַּחֲנֶה	אין דעם טויער פון דעם לאַגער
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאָגט:
מִי לַיהוָה	ווער (עס איז) פיר דעם עוויגען,
אֵלָי	(דער זאל קומען) צו מיר!
וַיֵּאָסְפוּ אֵלָיו	און עס האבען זיך פערזאַמעלט צו איהם
כָּל־בְּנֵי לֵוִי׃	אלע קינדער פון לוי.

27. וַיֹּאמֶר לָהֶם	27. און ער האט געזאָגט צו זיי:
כֹּה־אָמַר יְהוָה	אזוי האט געזאָגט דער עוויגער,
אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל	דער גאָט פון ישראל:
שִׂימוּ אִישׁ־חַרְבּוֹ	טהוט אָן יעדער זיין שווערט
עַל־יְרֵכוֹ	אויף זיין היפטע,
עִבְרוּ וָשׁוּבוּ	גייט הין און צוריק
מִשַּׁעַר לָשַׁעַר	פון טויער צו טויער
בַּמַּחֲנֶה	אים לאַגער,
וְהִרְגוּ	און דערשלאָגט
אִישׁ־אֶת־אָחִיו	יעדער זיין ברודער
וְאִישׁ אֶת־רֵעֵהוּ	און יעדער זיין פריינד
וְאִישׁ אֶת־קְרֹבוֹ׃	און יעדער זיין פערוואַנדטען.
28. וַיַּעֲשׂוּ בְנֵי־לֵוִי	28. און די קינדער פון לוי האבען געטאָן
כִּדְבַר מֹשֶׁה	ווי משה'ס ווארט,
וַיִּפֹּל מִן־הָעָם	און עס זיינען געפאַלען פון דעם פאָלק
בַּיּוֹם הַהוּא	אין יענעם טאָג
כִּשְׁלֹשֶׁת אַלְפֵי אִישׁ׃	ביי דריי טויזענד מאַן.
29. וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה	29. און משה האט געזאָגט:
מִלְאוּ יֶדְכֶם הַיּוֹם	פילט אייער האַנד הייטע
לַיהוָה	צום עוויגען,[3]
כִּי אִישׁ בִּבְנוֹ	דען יעדער (איז געווען) געגען זיין זוהן
וּבְאָחִיו	און געגען זיין ברודער,
וְלָתֵת עֲלֵיכֶם הַיּוֹם	דאס ער זאל אייך געבען הייטע
בְּרָכָה׃	א זעגען.
30. וַיְהִי מִמָּחֳרָת	30. און עס איז געווען אויף מאָרגען,
וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה	דאן האט משה געזאָגט
אֶל־הָעָם	צום פאלק:
אַתֶּם חֲטָאתֶם	איהר האט געזינדיגט
חֲטָאָה גְדֹלָה	א גרויסע זינד,
וְעַתָּה אֶעֱלֶה אֶל־יְיָ	און יעצט וועל איך אויף־גיין צום עוויגען,
אוּלַי אֲכַפְּרָה	פיללייכט וועל איך [4]פערזעהנען
בְּעַד חַטַּאתְכֶם׃	פיר אייער זינד.
31. וַיָּשָׁב מֹשֶׁה	31. און משה האט זיך צוריק געקערט
אֶל־יְהוָה	צום עוויגען,
וַיֹּאמַר	און ער האט געזאָגט:
אָנָּא חָטָא הָעָם הַזֶּה	אך! דיזעס פאלק האט געזינדיגט

1) אין שלעכטער (ביגונג), 2) ציגעללאָז; 3) זעה רש"י, 4) פערגעבונג אויס־ווירקען.

חֲטָאָה גְדֹלָה	א גרויסע זינד,
וַיַּעֲשׂוּ לָהֶם	און זיי האבען זיך געמאכט
אֱלֹהֵי זָהָב׃	געטער פון גאלד.
32. וְעַתָּה	32. און יעצט,
אִם־תִּשָּׂא חַטָּאתָם	וועסט'ו פערצייהען זייער זינד?
וְאִם־אַיִן	און אויב ניט,
מְחֵנִי נָא מִסִּפְרְךָ	מעק מיר דאך אויס פון דיין בוך,
אֲשֶׁר כָּתָבְתָּ׃	וועלכען דו האסט געשריבען.
33 וַיֹּאמֶר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	33. און דער עוויגער האט געזאגט צו משה:
מִי אֲשֶׁר חָטָא־לִי	ווער עס האט געזינדיגט צו מיר,
אֶמְחֶנּוּ מִסִּפְרִי׃	וועל איך איהם אויס-מעקען פון מיין בוך.
34. וְעַתָּה	34. און יעצט,
לֵךְ ׀ נְחֵה אֶת־הָעָם	גיי, פיהר דאס פאלק,
אֶל אֲשֶׁר־דִּבַּרְתִּי לָךְ	וואוהין איך האב גערעט צו דיר;
הִנֵּה	זעה,
מַלְאָכִי יֵלֵךְ לְפָנֶיךָ	מיין ענגעל וועט גיין פאר דיר,
וּבְיוֹם פָּקְדִי	און אין דעם טאג פון מיין דערמאהנען,[1]
וּפָקַדְתִּי עֲלֵהֶם	דאן וועל איך זיי דערמאהנען[1]
חַטָּאתָם׃	זייער זינד.
35. וַיִּגֹּף יְהוָה	35. און דער עוויגער האט געפלאגט
אֶת־הָעָם	דאס פאלק
עַל אֲשֶׁר עָשׂוּ	וויל זיי האבען געמאכט
אֶת־הָעֵגֶל	די קאלב,
אֲשֶׁר עָשָׂה אַהֲרֹן׃	וועלכע אהרן האט פערפערטיגט.
Cap. XXXIII.	לג
1. וַיְדַבֵּר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	1. און דער עוויגער האט גערעט צו משה:
לֵךְ עֲלֵה מִזֶּה	גיי, גיי־אויף פון היר,
אַתָּה וְהָעָם	דו און דאס פאלק,
אֲשֶׁר הֶעֱלִיתָ	וואס דו האסט אויפ־געבראכט
מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם	פון דאס לאנד מצרים,
אֶל־הָאָרֶץ	צו דאס לאנד,
אֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתִּי	וואס איך האב געשווארען
לְאַבְרָהָם	צו אברהם,
לְיִצְחָק וּלְיַעֲקֹב	צו יצחק און צו יעקב,
לֵאמֹר	זאגענדיג:
לְזַרְעֲךָ אֶתְּנֶנָּה׃	צו דיינע קינדער וועל איך איהר געבען.

2. וְשָׁלַחְתִּי לְפָנֶיךָ	2. און איך וועל שיקען פאר דיר
מַלְאָךְ	איין ענגעל,
וְגֵרַשְׁתִּי אֶת־הַכְּנַעֲנִי	און איך וועל פערטרייבען דעם כנעני,
הָאֱמֹרִי	דעם אמורי
וְהַחִתִּי וְהַפְּרִזִּי	און דעם חתי און דעם פרזי
הַחִוִּי וְהַיְבוּסִי׃	דעם חוי און דעם יבוסי.
3. אֶל־אֶרֶץ	3. צו א לאנד,
זָבַת חָלָב וּדְבָשׁ	וואס פליסט (מיט) מילך און האניג,
כִּי לֹא אֶעֱלֶה	דען איך וועל ניט אויפגיין
בְּקִרְבְּךָ	צווישען דיר,
כִּי עַם־קְשֵׁה־עֹרֶף אַתָּה	דען דו ביסט א הארט-נעקיגעס פאלק,
פֶּן־אֲכֶלְךָ בַּדָּרֶךְ׃	דאמיט איך זאל דיר ניט פערצעהרען אויפ'ן וועג.
4. וַיִּשְׁמַע הָעָם	4. ווען דאס פאלק האט געהערט
אֶת־הַדָּבָר הָרָע הַזֶּה	דיזע שלעכטע זאך,
וַיִּתְאַבָּלוּ	דאן האבען זיי געטרויערט,
וְלֹא־שָׁתוּ אִישׁ עֶדְיוֹ	און קיין מאן האט ניט אנגעטאן זיין צירונג
עָלָיו׃	אויף איהם.
5 וַיֹּאמֶר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	5. און דער עוויגער האט געזאגט צו משה:
אֱמֹר אֶל־בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל	זאג צו די קינדער ישראל:
אַתֶּם עַם־קְשֵׁה־עֹרֶף	איהר זייט א הארט-נעקיגעס פאלק,
רֶגַע אֶחָד	איין אויגענ־בליק
אֶעֱלֶה בְקִרְבְּךָ	(ווען) איך זאל אויפגיין צווישען דיר,
וְכִלִּיתִיךָ	דאן וועל איך דיר פערניכטען;
וְעַתָּה	און יעצט,
הוֹרֵד עֶדְיְךָ מֵעָלֶיךָ	נעהם אראב דיין צירונג פון דיר,
וְאֵדְעָה	און איך וועל וויסען
מָה אֶעֱשֶׂה־לָּךְ׃	וואס איך זאל טהאן צו דיר.
6. וַיִּתְנַצְּלוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל	6. און די קינדער ישראל האבען זיך אויסגעטאן
אֶת־עֶדְיָם	זייער צירונג
מֵהַר חוֹרֵב׃	פון דעם בארג חורב אן.[3]
7. וּמֹשֶׁה יִקַּח	7. און משה פלעגט נעהמען
אֶת־הָאֹהֶל	דעם געצעלט,[4]
וְנָטָה־לוֹ	און ער פלעגט איהם אויפ־שטעלען
מִחוּץ לַמַּחֲנֶה	אויסען דעם לאגער,

1) בעשטראפען. 2) זיך. 3) ד. ה. פון דער צייט אן, וואס זיי האבען געריזט פון דעם בארג חורב. 4) ד. ה. זיין אייגענעם געצעלט.

הַרְחֵק מִן־הַמַּחֲנֶה	ווייט פון דעם לאַגער.
וְקָרָא לוֹ	און ער האט איהם גערופען
אֹהֶל מוֹעֵד	פערזאַמלונגס־געצעלט;
וְהָיָה	און עס איז געוועזן,
כָּל־מְבַקֵּשׁ יְהוָֹה	יעדער, וואס האט געזוכט דעם עוויגען,
יֵצֵא אֶל־אֹהֶל מוֹעֵד	פלעגט אַרויס־גיין צום פערזאַמלונגס־געצעלט,
אֲשֶׁר מִחוּץ לַמַּחֲנֶה:	וועלכער איז געוועזן אויסען דעם לאַגער.
8. וְהָיָה	8. און עס איז געוועזן,
כְּצֵאת מֹשֶׁה	ווי משה פלעגט אַרויס־גיין
אֶל־הָאֹהֶל	צום געצעלט,
יָקוּמוּ כָּל־הָעָם	פלעגט דאס גאַנצע פאָלק אויפשטיין,
וְנִצְּבוּ	און זיי פלעגען זיך שטעלען
אִישׁ פֶּתַח אָהֳלוֹ	יעדער (ביים) איינגאַנג פון זיין געצעלט,
וְהִבִּיטוּ אַחֲרֵי מֹשֶׁה	און זיי פלעגען קוקען נאָך משה
עַד־בֹּאוֹ	ביז ער פלעגט אַריינקומען
הָאֹהֱלָה:	אין דעם געצעלט.
9. וְהָיָה	9. און עס איז געוועזן,
כְּבֹא מֹשֶׁה	ווי משה פלעגט אַריינקומען
הָאֹהֱלָה	אין דעם געצעלט,
יֵרֵד עַמּוּד הֶעָנָן	פלעגט דער וואָלקען־זייל זיך אראָבלאָזען,
וְעָמַד	און ער פלעגט זיך שטעלען
פֶּתַח הָאֹהֶל	(ביים) איינגאַנג פון דעם געצעלט,
וְדִבֶּר עִם־מֹשֶׁה:	און ער פלעגט ריידען מיט משה.
10. וְרָאָה כָל־הָעָם	10. און (ווען) דאס גאַנצע פאָלק פלעגט זעהן
אֶת־עַמּוּד הֶעָנָן	דעם וואָלקען־זייל
עֹמֵד פֶּתַח הָאֹהֶל	שטעהענדיג (ביין) איינגאַנג פון דעם געצעלט,
וְקָם כָּל־הָעָם	דאַן פלעגט דאס גאַנצע פאָלק אויפשטיין,
וְהִשְׁתַּחֲווּ	און זיי פלעגען זיך בוקען
אִישׁ פֶּתַח אָהֳלוֹ:	יעדער (ביים) איינגאַנג פון זיין געצעלט.
11. וְדִבֶּר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	11. און דער עוויגער פלעגט ריידען צו משה
פָּנִים אֶל־פָּנִים	געזיכט צו געזיכט,
כַּאֲשֶׁר יְדַבֵּר אִישׁ	ווי אַ מאַן רעדט
אֶל־רֵעֵהוּ	צו זיין פריינד,
וְשָׁב אֶל־הַמַּחֲנֶה	דאַן פלעגט ער זיך צוריק־קעהרען צום לאַגער,
וּמְשָׁרְתוֹ	אבער זיין דינער,
יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן	יהושע, דער זוהן פון נון,

נַעַר	(וועלכער וואַר) אַ יונגע,
לֹא יָמִישׁ	פלעגט ניט אָבטרעטען
מִתּוֹךְ הָאֹהֶל:	פון דעם געצעלט.
שְׁלִישִׁי	שְׁלִישִׁי
12. וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל־יְיָ	12. און משה האט געזאגט צום עוויגען:
רְאֵה אַתָּה אֹמֵר אֵלַי	זעה, דו זאָגסט צו מיר:
הַעַל אֶת־הָעָם הַזֶּה	ברייננ אויף דיזעס פאָלק,
וְאַתָּה לֹא הוֹדַעְתַּנִי	אבער דו האסט מיר ניט געלאָזען וויסען
אֵת אֲשֶׁר־תִּשְׁלַח	וועמען דו וועסט שיקען
עִמִּי	מיט מיר,
וְאַתָּה אָמַרְתָּ	און דו האסט(דאָך)געזאגט:
יְדַעְתִּיךָ בְשֵׁם	איך האב דיך ערקענט מיט'ן נאמען,
וְגַם־מָצָאתָ חֵן	און דו האסט אויך געפונען גונסט
בְּעֵינָי:	אין מיינע אויגען.
13. וְעַתָּה	13. און יעצט,
אִם־נָא מָצָאתִי חֵן	אויב איך האב געפונען גונסט
בְּעֵינֶיךָ	אין דיינע אויגען,
הוֹדִעֵנִי נָא	לאָז מיר דאָך וויסען
אֶת־דְּרָכֶךָ	דיין וועג,[1]
וְאֵדָעֲךָ	דאס איך זאל דיך וויסען,
לְמַעַן אֶמְצָא־חֵן	אום איך זאל געפינען גונסט
בְּעֵינֶיךָ	אין דיינע אויגען;
וּרְאֵה	און זעה,
כִּי עַמְּךָ הַגּוֹי הַזֶּה:	דאס דיין פאָלק איז דיזע נאַציאָן.
14. וַיֹּאמַר	14. און ער האט געזאגט:
פָּנַי יֵלֵכוּ	[2]מיין [3]געזיכט וועט גיין,
וַהֲנִחֹתִי לָךְ:	אום איך זאל דיר בערוהיגען.[2]
15. וַיֹּאמֶר אֵלָיו	15. און ער האט געזאגט צו איהם:
אִם־אֵין פָּנֶיךָ הֹלְכִים	אויב דיין [3]געזיכט גייט ניט,
אַל־תַּעֲלֵנוּ מִזֶּה:	זאָלסט'ו אונז ניט אויפ־ברייננען פון היר,
16. וּבַמֶּה יִוָּדַע אֵפוֹא	16. דען דורך וואס אַלזאָ וועט בעוואוסט ווערען,
כִּי־מָצָאתִי חֵן	דאס איך האב געפונען גונסט
בְּעֵינֶיךָ	אין דיינע אויגען,
אֲנִי וְעַמֶּךָ	איך און דיין פאָלק?
הֲלוֹא בְּלֶכְתְּךָ עִמָּנוּ	איז עס ניט דאַמיט, וואס דו וועסט גיין מיט אונז,
וְנִפְלֵינוּ	און מיר וועללן אַבגע־זאָנדערט זיין,

1) ד. ה. דיין אויפ־פיהרונג מיט דער וועלט. 2) אָד. פראַגענד: ווען מיין געזיכט וועט גיין מיט דיר, וועל איך דיר בערוהיגען? משה'ס ווערטער נאכדעם און גאטעס ווערטער: גם את הדבר הזה וכו׳ פערלאַנגען עס. 3) גאט זעלבסט

אֲנִי וְעַמֶּךָ	איך און דיין פאָלק,
מִכָּל־הָעָם	פון יעדען פאָלק,
אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי הָאֲדָמָה	וואס איז אויף די פלעכע פון דער ערד.
רְבִיעִי	רְבִיעִי
17. וַיֹּאמֶר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	17. און דער עוויגער האט געזאגט צו משה:
גַּם אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה	אויך דיזע זאך,
אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ	וועלכע דו האסט גערעט,
אֶעֱשֶׂה	וועל איך טהאָן,
כִּי־מָצָאתָ חֵן	דען דו האָסט געפונען גונסט
בְּעֵינַי	אין מיינע אויגען,
וָאֵדָעֲךָ בְּשֵׁם :	און איך האב דיר ערקענט מיט'ן נאמען.
18. וַיֹּאמַר	18. און ער האט געזאגט:
הַרְאֵנִי נָא	וויז מיר דאך
אֶת־כְּבֹדֶךָ :	דיין הערליכקייט.
19. וַיֹּאמֶר	19. און ער האט געזאגט:
אֲנִי אַעֲבִיר	איך וועל פאַרביי־פיהרען
כָּל־טוּבִי	אַלע מיינע גוטעס
עַל־פָּנֶיךָ	פאר דיין געזיכט,
וְקָרָאתִי בְשֵׁם יְהוָה	און איך וועל אויסרופען דעם נאמען פון דעם עוויגען[1]
לְפָנֶיךָ	פאר דיר,
וְחַנֹּתִי	[2]און איך וועל בעגנעדיגען
אֶת־אֲשֶׁר אָחֹן	דעם, וואס איך דאַרף בעגנעדיגען,
וְרִחַמְתִּי	[3]און איך וועל ערבאַרמען
אֶת־אֲשֶׁר אֲרַחֵם :	דעם, וואס איך דאַרף ער־באַרמען.
20. וַיֹּאמֶר	20. און ער האט געזאגט:
לֹא תוּכַל לִרְאֹת	דו קענסט ניט זעהן
אֶת־פָּנָי	מיין געזיכט,
כִּי לֹא־יִרְאַנִי הָאָדָם	דען אַ מענש קען מיר ניט זעהן,
וָחָי :	און ער זאל לעבען בלייבען.
21. וַיֹּאמֶר יְהוָה	21. און דער עוויגער האט געזאגט:
הִנֵּה מָקוֹם אִתִּי	היר איז איין אָרט ביי מיר,
וְנִצַּבְתָּ עַל־הַצּוּר :	און דו זאלסט זיך שטעלען אויף דעם פעלזען.
22. וְהָיָה	22. און עס וועט זיין,
בַּעֲבֹר כְּבֹדִי	ווען מיין הערליכקייט וועט פאַרבייגיין,
וְשַׂמְתִּיךָ	דאַן וועל איך דיר שטעלען
בְּנִקְרַת הַצּוּר	אין דעם שפּאַלט פון דעם פעלזען,
וְשַׂכֹּתִי כַפִּי עָלֶיךָ	און איך וועל דעקען מיין האַנד איבער דיר,
עַד־עָבְרִי :	ביז איך וועל פאַרביי־גיין.
23. וַהֲסִרֹתִי אֶת כַּפִּי	23. דאַן וועל איך אַראָב־נעהמען מיין האַנד,
וְרָאִיתָ אֶת־אֲחֹרָי	און דו וועסט מיך זעהן פון הינטען,
וּפָנַי לֹא יֵרָאוּ :	אבער מיין געזיכט וועט ניט געזעהן ווערען.

CAP. XXXIV. לד

חֲמִישִׁי	חֲמִישִׁי
1. וַיֹּאמֶר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	1. און דער עוויגער האט געזאגט צו משה:
פְּסָל־לְךָ	האַק דיר אויס
שְׁנֵי־לֻחֹת אֲבָנִים	צוויי טאָוולען פון שטיין
כָּרִאשֹׁנִים	ווי די ערשטע,
וְכָתַבְתִּי עַל־הַלֻּחֹת	און איך וועל שרייבען אויף די טאָוולען
אֶת־הַדְּבָרִים	די ווערטער,
אֲשֶׁר הָיוּ	וועלכע זיינען געווען
עַל־הַלֻּחֹת הָרִאשֹׁנִים	אויף די ערשטע טאָוולען,
אֲשֶׁר שִׁבַּרְתָּ :	וועלכע דו האסט צובראָכען
2. וֶהְיֵה נָכוֹן לַבֹּקֶר	2. און זיי בערייט צום מאָרגען,
וְעָלִיתָ בַבֹּקֶר	און דו זאלסט אַרויף־גיין דעם־מאָרגענס
אֶל־הַר סִינַי	צום באַרג סיני,
וְנִצַּבְתָּ לִי שָׁם	און דו זאלסט זיך שטעלען פאר מיר דאָרט
עַל־רֹאשׁ הָהָר :	אויף דעם שפּיטץ פון'ם באַרג.
3. וְאִישׁ	3. און קיין מאַן
לֹא־יַעֲלֶה עִמָּךְ	זאל ניט אַרויף־גיין מיט דיר,
וְגַם־אִישׁ אַל־יֵרָא	און אויך קיין מענש זאל געזעהן ווערען
בְּכָל־הָהָר	אויף דעם גאַנצען באַרג,
גַּם־הַצֹּאן וְהַבָּקָר	אויך די שאָף און די רינדער
אַל־יִרְעוּ	זאלען זיך ניט פיטערן
אֶל־מוּל הָהָר הַהוּא :	געגען יענעם באַרג.
4. וַיִּפְסֹל	4. און ער האט אויס־געהאַקט
שְׁנֵי לֻחֹת אֲבָנִים	צוויי טאָוולען פון שטיין
כָּרִאשֹׁנִים	ווי די ערשטע,
וַיַּשְׁכֵּם מֹשֶׁה	און משה איז אויפ־געשטאַנען
בַבֹּקֶר	דעם־מאָרגענס,
וַיַּעַל אֶל־הַר סִינַי	און ער איז אַרויף־געגאַנגען צום בארג סיני,
כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֹתוֹ	ווי דער עוויגער האט איהם בעפוילען,
וַיִּקַּח בְּיָדוֹ	און ער האט גענומען אין זיין האַנד

1) אָדער: און איך וועל אויסרופען ביים נאמען: „דער עוויגער איז פאר דיר". 2) אדער: און ווי איך בעגנעדיג.
3) אדער: און ווי איך ערבאַרעם. 4) פעלזען־קלופט.

שְׁנֵי לֻחֹת אֲבָנִים׃	צוויי טאָוולען פון שטיין.
5. וַיֵּרֶד יְהוָה	5. און דער עוויגער איז אַרונטער־געקומען
בֶּעָנָן	אים וואָלקען,
וַיִּתְיַצֵּב עִמּוֹ שָׁם	און ער האט זיך געשטעלט ביי איהם דארט,
וַיִּקְרָא בְשֵׁם יְהוָה׃	און ער האט גערופען אין דעם עוויגענס נאמען.
6. וַיַּעֲבֹר יְהוָה	6. און דער עוויגער איז פאַרביי־געגאַנגען
עַל־פָּנָיו	פאַר זיין געזיכט,
וַיִּקְרָא	און ער האט אויסגערופען:
יְהוָה ׀ יְהוָה	עוויגער, עוויגער,
אֵל רַחוּם וְחַנּוּן	בּאַרעמ־הערציגער און גנעדיגער גאָט,
אֶרֶךְ אַפַּיִם	לאַנג־מיטהיג,
וְרַב חֶסֶד וֶאֱמֶת׃	און גרויס (אין) גנאַדע און וואַהרהייט.
7. נֹצֵר חֶסֶד לָאֲלָפִים	7. (ער) [1]היט גנאַדע פיר טויזענדער,
נֹשֵׂא עָוֺן וָפֶשַׁע	(ער) פערצייהט זינד און פערברעכען
וְחַטָּאָה	און שולד,
וְנַקֵּה לֹא יְנַקֶּה	אבער ער לאָזט ניט אונבעשטראָפט,
פֹּקֵד ׀ עֲוֺן אָבוֹת	(ער) [2]דערמאָנט די זינד פון עלטערן
עַל־בָּנִים	אויף קינדער,
וְעַל־בְּנֵי בָנִים	און אויף קינדס קינדער
עַל־שִׁלֵּשִׁים	אויף דעם דריטען (געשלעכט)
וְעַל־רִבֵּעִים׃	און אויף דעם פירטען (געשלעכט).
8. וַיְמַהֵר מֹשֶׁה	8. און משה האט געאַיילט,
וַיִּקֹּד אַרְצָה	און ער האט זיך [3]געקניט צו דער ערד,
וַיִּשְׁתָּחוּ׃	און ער האט זיך געבוקט.
9. וַיֹּאמֶר	9. און ער האט געזאגט:
אִם־נָא מָצָאתִי חֵן	אויב איך האב געפונען גונסט
בְעֵינֶיךָ	אין דיינע אויגען,
אֲדֹנָי	מיין הערר,
יֵלֶךְ־נָא אֲדֹנָי	זאל דאך מיין הערר גיין
בְּקִרְבֵּנוּ	צווישען אונז,
כִּי עַם־קְשֵׁה־עֹרֶף הוּא	דען עס איז אַ האַרט־נעקיגעס פאָלק;
וְסָלַחְתָּ	[4]און דו זאלסט פערגעבען
לַעֲוֺנֵנוּ וּלְחַטָּאתֵנוּ	[צו]אונזער זינד און [צו] אונזער שולד,
וּנְחַלְתָּנוּ׃	און דו זאלסט אונז אַלס אייגענטהום צונעמען.
שִׁשִּׁי	שִׁשִּׁי
10. וַיֹּאמֶר	10. און ער האט געזאגט:

הִנֵּה	זעה,
אָנֹכִי כֹּרֵת בְּרִית	איך שליס אַ בונד;
נֶגֶד כָּל־עַמְּךָ	פאַר דיין גאַנצע פאָלק
אֶעֱשֶׂה נִפְלָאֹת	וועל איך טהאָן וואונדער,
אֲשֶׁר לֹא־נִבְרְאוּ	וועלכע זיינען ניט בעשאַפען געוואָרען,
בְכָל־הָאָרֶץ	אויף דער גאַנצער ערד
וּבְכָל־הַגּוֹיִם	און ביי אַלע פעלקער,
וְרָאָה כָל־הָעָם	און עס זאל זעהן דאס גאַנצע פאָלק,
אֲשֶׁר־אַתָּה בְקִרְבּוֹ	וואס דו ביסט צווישען איהם,
אֶת־מַעֲשֵׂה יְהוָה	דעם עוויגענס ווערק,
כִּי־נוֹרָא הוּא	דאס עס איז פורכטבאַר,
אֲשֶׁר אֲנִי עֹשֶׂה	וואס איך טהוא
עִמָּךְ׃	מיט דיר.
11. שְׁמָר־לְךָ	11. היט [דיר],
אֵת אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ	וואס איך בעפעהל דיך
הַיּוֹם	הייטע,
הִנְנִי גֹרֵשׁ מִפָּנֶיךָ	זעה איך פערטרייב פאר דיר
אֶת־הָאֱמֹרִי וְהַכְּנַעֲנִי	דעם אמורי און דעם כנעני
וְהַחִתִּי וְהַפְּרִזִּי	און דעם חתי און דעם פריזי
וְהַחִוִּי וְהַיְבוּסִי׃	און דעם חוי און דעם יבוסי.
12. הִשָּׁמֶר לְךָ	12. היט דיר.
פֶּן־תִּכְרֹת בְּרִית	דאס דו זאלסט ניט שליסען אַ בונד
לְיוֹשֵׁב הָאָרֶץ	מיט דעם בעוואָהנער פון די לאַנד,
אֲשֶׁר אַתָּה בָּא עָלֶיהָ	וואס דו קומסט [5]צו איהר,
פֶּן־יִהְיֶה לְמוֹקֵשׁ	אום ער זאל ניט זיין פיר אַ פאַל־שטריק
בְּקִרְבֶּךָ׃	צווישען דיר.
13. כִּי אֶת־מִזְבְּחֹתָם	13. זאָנדערן זייערע אַלטאַרען
תִּתֹּצוּן	זאלט איהר [6]צושטויסען,
וְאֶת־מַצֵּבֹתָם	און זייערע שטאַנד־זיילען
תְּשַׁבֵּרוּן	זאָלט איהר צוברעכען,
וְאֶת־אֲשֵׁרָיו	און זיינע [7]לינדען־בוימער
תִּכְרֹתוּן׃	זאלט איהר אויס־שניידען.
14. כִּי לֹא תִשְׁתַּחֲוֶה	14. דען דו זאלסט זיך ניט בוקען
לְאֵל אַחֵר	צו איין אַנדער גאָט,
כִּי יְהוָה	דען דער עוויגער,
קַנָּא שְׁמוֹ	אייפערער איז זיין נאמען,

1) פערוואַהרט, בעהאַלט 2) בעשטראָפט. 3) פערנייגט. 4) אדער: דו אבער וועסט פערגעבען א. ז. וו.
5) אויף. 6) צופיצלען, צושטערן. 7) געטצען־וועלדער.

אֵל קַנָּא הוּא :	ער איז איין אייפריגער גאָט.
15. פֶּן־תִּכְרֹת בְּרִית	15. [1](היט דיר) דאס דו זאלסט ניט שליסען אַ בונד
לְיוֹשֵׁב הָאָרֶץ	מיט דעם בעוואָהנער פון דאס לאַנד,
וְזָנוּ	(דען) ווען זיי וועלען [2]אָב־קעהרען
אַחֲרֵי אֱלֹהֵיהֶם	נאך זייערע געטער,
וְזָבְחוּ לֵאלֹהֵיהֶם	און זיי וועלען שלאַכטען צו זייערע געטער,
וְקָרָא לְךָ	דאַן וועט ער דיר רופען,
וְאָכַלְתָּ מִזִּבְחוֹ :	און דו וועסט עסען פון זיין שלאַכטונג.
16. וְלָקַחְתָּ מִבְּנֹתָיו	16. און דו וועסט נעהמען פון זיינע טעכטער
לְבָנֶיךָ	פיר דיינע זיהן,
וְזָנוּ בְנֹתָיו	און זיינע טעכטער וועלען [2]אָבקעהרען
אַחֲרֵי אֱלֹהֵיהֶן	נאך זייערע געטער,
וְהִזְנוּ אֶת בָּנֶיךָ	און זיי וועלען מאַכען [2]אָבקעהרען דיינע זיהן
אַחֲרֵי אֱלֹהֵיהֶן :	נאך זייערע געטער.
17. אֱלֹהֵי מַסֵּכָה	17. געגאָסענע געטער
לֹא תַעֲשֶׂה־לָּךְ :	זאָלסט'ו דיר ניט מאַכען.
18. אֶת־חַג הַמַּצּוֹת	18. דעם פייער-טאָג פון די אונגעזייערטע קוכענס
תִּשְׁמֹר	זאלסט'ו היטען;
שִׁבְעַת יָמִים	זיבען טעג
תֹּאכַל מַצּוֹת	זאלסט'ו עסען אונגעזייערטע קוכענס,
אֲשֶׁר צִוִּיתִךָ	[3]וואס איך האב דיר בעפוילען,
לְמוֹעֵד	צו די בעשטימטע צייט
חֹדֶשׁ הָאָבִיב	פון דעם [4]זאַנגען-מאָנאט,
כִּי בְּחֹדֶשׁ הָאָבִיב	דען אין דעם [4]זאַנגען־מאָנאַט
יָצָאתָ מִמִּצְרָיִם :	ביסט'ו ארויס-געגאַנגען פון מצרים.
19. כָּל־פֶּטֶר רֶחֶם	19. יעדעס, וואס עפענט די מוטער-לייב[5]
לִי	(געהערט) צו מיר,
וְכָל־מִקְנְךָ	און אַלע דיינע פיה,
תִּזָּכָר	(וועלכעס) וועט געבאָרען ווערען מענליך,
פֶּטֶר שׁוֹר וָשֶׂה :	דער ערסט-געבאָרענער פון איין אָקס אדער א [6]לאַם.
20. וּפֶטֶר חֲמוֹר	20. און דעם ערסט־געבאָרנעם פון איין אייזעל
תִּפְדֶּה בְשֶׂה	זאלסט'ו אויס־לייזען מיט אַ [6]לאַם,
וְאִם־לֹא תִפְדֶּה	און אויב דו ווילסט (איהם) ניט אויסלייזען,
וַעֲרַפְתּוֹ	דאַן זאלסט'ו איהם ברעכען דעם [7]געניק.
כֹּל בְּכוֹר בָּנֶיךָ	יעדען ערסט-געבאָרענעם פון דיינע זיהן
תִּפְדֶּה	זאלסט'ו אויס־לייזען,
וְלֹא־יֵרָאוּ פָנַי רֵיקָם :	און מען זאל [8]זיך ניט ווייזען (פאר) מיין געזיכט ליידיג.
21. שֵׁשֶׁת יָמִים	21. זעקס טעג
תַּעֲבֹד	זאלסט'ו אַרבייטען,
וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי	אבער אויף דעם זיבענטען טאָג
תִּשְׁבֹּת	זאלסט'ו רוהען,
בֶּחָרִישׁ וּבַקָּצִיר	אין אַקער-צייט און אין שניט צייט
תִּשְׁבֹּת :	זאלסט'ו רוהען.
22. וְחַג שָׁבֻעֹת	22. און (דעם) וואָכען־פייער-טאָג
תַּעֲשֶׂה לְךָ	זאלסט'ו דיר מאַכען
בִּכּוּרֵי קְצִיר חִטִּים	(ביי) די ערסטלינגען פון ווייטין-שניט,
וְחַג הָאָסִיף	און דעם פייער־טאָג פון איינזאַמלונג
תְּקוּפַת הַשָּׁנָה :	(ביים) אומלויף פון'ם יאָהר.
23. שָׁלֹשׁ פְּעָמִים	23. דריי מאָל
בַּשָּׁנָה	אים יאהר
יֵרָאֶה כָּל־זְכוּרְךָ	זאל געזעהן ווערען יעדער פון דיינע מאַנס-פערזאָנען
אֶת־פְּנֵי הָאָדֹן יְהוָה	פאר דעם געזיכט פון דעם העררן עוויגען,
אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל :	דעם גאָט פון ישראל.
24. כִּי־אוֹרִישׁ גּוֹיִם	24. דען איך וועל פער־טרייבען פעלקער
מִפָּנֶיךָ	פאר דיר,
וְהִרְחַבְתִּי אֶת־גְּבֻלֶךָ	און איך וועל אויס-בּרייטען דיין גרענעץ,
וְלֹא־יַחְמֹד אִישׁ	און קיין מאַן וועט ניט געלוסטען
אֶת־אַרְצְךָ	דיין לאַנד,
בַּעֲלֹתְךָ	ווען דו וועסט אויף־גיין
לֵרָאוֹת	[9]זיך צו ווייזען
אֶת־פְּנֵי יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	פאר דעם געזיכט פון דעם עוויגען, דיין גאָט,
שָׁלֹשׁ פְּעָמִים	דריי מאָל
בַּשָּׁנָה :	אים יאָהר.
25. לֹא־תִשְׁחַט	25. דו זאלסט ניט שלאַכטען
עַל־חָמֵץ	ביי געזייערטעס
דַּם־זִבְחִי	דאס בלוט פון מיין [10]שלאַכטונג,
וְלֹא־יָלִין	און עס זאל ניט איבער־נעכטיגען
לַבֹּקֶר	ביז צום מאָרגען
זֶבַח חַג הַפָּסַח :	די שלאַכטונג פון דעם פייער טאָג פסח.
26. רֵאשִׁית	26. די ערסטע
בִּכּוּרֵי אַדְמָתְךָ	פון די ערסטלינגען פון דיין לאַנד
תָּבִיא	זאלסט'ו ברייגען

1) זעה פ' 12. 2) נאַכבוהלען 3) ווי. 4) ד. ה. ניסן, ווען די זאַנגען ווערען צייטיג אין ארץ ישראל. 5) ד. ה. איין ערסט־געבאָרענער זכר. 6) שאָף. 7) נאַקען. 8) ערשיינען. 9) צו ערשיינען. 10) פסח־אָפּפער.

בֵּית יְהוָֹה אֱלֹהֶיךָ	(אין) די הויז פון דעם עוויגען דיין גאָט,
לֹא־תְבַשֵּׁל גְּדִי	דו זאלסט ניט קאָכען א בעקיל
בַּחֲלֵב אִמּוֹ׃	אין די מילך פון זיין מוטער.
שְׁבִיעִי	שְׁבִיעִי
27 וַיֹּאמֶר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	27. און דער עוויגער האט געזאגט צו משה:
כְּתָב־לְךָ	שרייב דיר אויף
אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה	דיזע ווערטער,
כִּי עַל־פִּי הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה	דען נאך דיזע ווערטער
כָּרַתִּי אִתְּךָ בְּרִית	האב איך געשלאָסען מיט דיר א בונד
וְאֶת־יִשְׂרָאֵל׃	און מיט די ישראל.
28. וַיְהִי־שָׁם	28. און ער איז דאָרט געוועזען
עִם־יְהוָֹה	ביי דעם עוויגען
אַרְבָּעִים יוֹם	פערציג טעג
וְאַרְבָּעִים לַיְלָה	און פערציג נעכט,
לֶחֶם לֹא אָכַל	ברויט האט ער ניט געגעסען
וּמַיִם לֹא שָׁתָה	און וואסער האט ער ניט געטרונקען,
וַיִּכְתֹּב עַל־הַלֻּחֹת	און ער האט געשריבען אויף די טאָוולען
אֵת דִּבְרֵי הַבְּרִית	די ווערטער פון דעם בונד,
עֲשֶׂרֶת הַדְּבָרִים׃	די צעהן-[2]ווערטער.
29. וַיְהִי	29. און עס איז געוועזען,
בְּרֶדֶת מֹשֶׁה	ווען משה איז אַרונטער-געגאַנגען
מֵהַר סִינַי	פון דעם בארג סיני,
וּשְׁנֵי לֻחֹת הָעֵדֻת	און ביידע טאָוולען פון דאס צייגניס
בְּיַד־מֹשֶׁה	(זיינען געווען) אין משה'ס האַנד
בְּרִדְתּוֹ	ווען ער איז אַרונטער-געגאַנגען
מִן־הָהָר	פון דעם בארג,
וּמֹשֶׁה לֹא־יָדַע	דאַן האט משה ניט געוואוסט,
כִּי קָרַן	דאס עס האט [3]געשטראַהלט
עוֹר פָּנָיו	די הויט פון זיין געזיכט,
בְּדַבְּרוֹ אִתּוֹ׃	ווייל [1]ער האט מיט איהם גערעדט.
30. וַיַּרְא אַהֲרֹן	30. און אהרן האט געזעהן
וְכָל־בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל	און אַלע קינדער ישראל
אֶת־מֹשֶׁה	משה,
וְהִנֵּה קָרַן	און זעה, עס האט [3]געשטראַהלט
עוֹר פָּנָיו	די הויט פון זיין געזיכט.

וַיִּירְאוּ	און זיי האבען זיך געפירכטעט
מִגֶּשֶׁת אֵלָיו׃	זיך צו דערנעהנטערן צו איהם.
31. וַיִּקְרָא אֲלֵהֶם מֹשֶׁה	31. און משה האט זיי צוגערופען,
וַיָּשֻׁבוּ אֵלָיו	און זיי האבען זיך צוריק-געקעהרט צו איהם,
אַהֲרֹן וְכָל־הַנְּשִׂאִים	אהרן און אַלע פירסטען
בָּעֵדָה	אין דער געמיינדע,
וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה אֲלֵהֶם׃	און משה האט גערעדט צו זיי
32. וְאַחֲרֵי־כֵן	32. און נאָכדעם
נִגְּשׁוּ כָּל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	האבען זיך דערנעהנטערט אַלע קינדער ישראל,
וַיְצַוֵּם	און ער האט זיי בעפוילען
אֵת כָּל אֲשֶׁר דִּבֶּר יְיָ	אַלעס, וואס דער עוויגער האט גערעדט
אִתּוֹ	מיט איהם
בְּהַר סִינָי׃	אויף דעם בארג סיני.
מַפְטִיר	מַפְטִיר
33. וַיְכַל מֹשֶׁה	33. און ווען משה האט געענדיגט
מִדַּבֵּר אִתָּם	ריידען מיט זיי,
וַיִּתֵּן עַל־פָּנָיו	דאַן האט ער אַרויף-געלייגט אויף זיין געזיכט
מַסְוֶה׃	אַ שלייער.
34. וּבְבֹא מֹשֶׁה	34. און ווען משה פלעגט קומען
לִפְנֵי יְהוָֹה	פאר דעם עוויגען
לְדַבֵּר אִתּוֹ	צו ריידען מיט איהם,
יָסִיר אֶת־הַמַּסְוֶה	פלעגט ער אראָבנעהמען דעם שלייער
עַד־צֵאתוֹ	ביז ער פלעגט אַרויס-גייען,
וְיָצָא	און ער פלעגט אַרויס-גיין
וְדִבֶּר	און ער פלעגט ריידען
אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	צו די קינדער ישראל,
אֵת אֲשֶׁר יְצֻוֶּה׃	וואס ער איז בעפוילען געוואָרען.
35. וְרָאוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל	35. און די קינדער ישראל פלעגען זעהן,
אֶת־פְּנֵי מֹשֶׁה	משה'ס געזיכט,
כִּי קָרַן	דאס עס האט [2]געשטראַהלט
עוֹר פְּנֵי מֹשֶׁה	די הויט פון משה'ס געזיכט,
וְהֵשִׁיב מֹשֶׁה	דאַן פלעגט משה צוריק-לייגען
אֶת־הַמַּסְוֶה	דעם שלייער
עַל־פָּנָיו	אויף זיין געזיכט
עַד־בֹּאוֹ	ביז ער פלעגט קומען
לְדַבֵּר אִתּוֹ׃	צו ריידען מיט [4]איהם.

1) זעה כ"ג, י"ט. בעמערקונג 6. 2) געבאָטע. 3) געשיינט, געגלענצט. 4) גאָט.

וַיַּקְהֵל VAIYAKHEL

Cap. XXXV. לה

1. וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה	1. און משה האט פערזאַמעלט
אֶת־כָּל־עֲדַת	די גאַנצע געמיינדע
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	פון די קינדער ישראל.
וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם	און ער האט געזאָגט צו זיי:
אֵלֶּה הַדְּבָרִים	דיזע זיינען די ווערטער,
אֲשֶׁר־צִוָּה יְהוָה	וועלכע דער עוויגער האט בעפוילען
לַעֲשֹׂת אֹתָם׃	זיי צו טהאָן.
2. שֵׁשֶׁת יָמִים	2. זעקס טעג
תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה	זאל געטאָן ווערען אַרבייט,
וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי	אבער אויף דעם זיבענטען טאָג
יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ	זאל ביי אייך זיין [1]הייליג,
שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן לַיהוָה	אַ פייערליכער רוהע־טאָג צום עוויגען,
כָּל־הָעֹשֶׂה בוֹ	יעדער, וואס טהוט אין איהם
מְלָאכָה	אַרבייט,
יוּמָת׃	זאל געטויטעט ווערען.
3. לֹא־תְבַעֲרוּ אֵשׁ	3. איהר זאלט ניט אָנצינדען פייער
בְּכֹל מֹשְׁבֹתֵיכֶם	אין אַלע אייערע וואָהנונגען
בְּיוֹם הַשַּׁבָּת׃	אין דעם רוהע־טאָג.
4. וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה	4. און משה האט געזאָגט
אֶל־כָּל־עֲדַת	צו די גאַנצע געמיינדע
בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל	פון די קינדער ישראל,
לֵאמֹר	זאָגענדיג:
זֶה הַדָּבָר	דיזעס איז די זאַך,
אֲשֶׁר־צִוָּה יְהוָה	וועלכע דער עוויגער האט בעפוילען,
לֵאמֹר׃	זאָגענדיג:
5. קְחוּ מֵאִתְּכֶם	5. [2]נעהמט פון אייך
תְּרוּמָה לַיהוָה	אַ גאַבע פיר דעם עוויגען,
כֹּל נְדִיב לִבּוֹ	יעדער, וואס זיין הארץ איז פריי־גיביג,
יְבִיאֶהָ	זאל איהר ברייגגען,
אֵת תְּרוּמַת יְהוָה	די גאַבע פון דעם עוויגען,
זָהָב וָכֶסֶף וּנְחֹשֶׁת׃	גאָלד און זילבער און קופער
6. וּתְכֵלֶת וְאַרְגָּמָן	6. און בלויע וואל און פורפור
וְתוֹלַעַת שָׁנִי	און רויטע פאָדעם

וְשֵׁשׁ וְעִזִּים׃	און לייווענט און ציגען־(האָר).
7. וְעֹרֹת אֵילִם	7. און ווידער־פעלען,
מְאָדָּמִים	רויט־געפאַרבען,
וְעֹרֹת תְּחָשִׁים	און תחש־פעלען
וַעֲצֵי שִׁטִּים׃	און שיטים־האָלץ.
8. וְשֶׁמֶן לַמָּאוֹר	8. און אייל [3]צור בעלייכטונג
וּבְשָׂמִים	און געווירצען
לְשֶׁמֶן הַמִּשְׁחָה	פיר די זאַלב־אייל
וְלִקְטֹרֶת הַסַּמִּים׃	און פיר די רויכער־ווערק פון די געווירצען.
9. וְאַבְנֵי־שֹׁהַם	9. און אָניקס־שטיינער
וְאַבְנֵי מִלֻּאִים	און איינפאַסונג־שטיינער
לָאֵפוֹד וְלַחֹשֶׁן׃	פיר דעם אפוד און פיר דעם ברוסט־שילד.
10. וְכָל־חֲכַם־לֵב בָּכֶם	10. און אַלע קלוגע אונטער אייך,
יָבֹאוּ וְיַעֲשׂוּ	זאלען קומען און זאלען מאַכען
אֵת כָּל־אֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה׃	אַלעס, וואס דער עוויגער האט בעפוילען.
11. אֶת־הַמִּשְׁכָּן	11. דעם וואָהנונג.
אֶת־אָהֳלוֹ	זיין געצעלט
וְאֶת־מִכְסֵהוּ	און זיין דעקע,
אֶת־קְרָסָיו	זיינע העקלעך
וְאֶת־קְרָשָׁיו	און זיינע ברעטער,
אֶת־בְּרִחָו בריחיו ק׳	זיינע ריגלען,
אֶת־עַמֻּדָיו	זיינע זיילען
וְאֶת־אֲדָנָיו׃	און זיינע שוועלען.
12. אֶת־הָאָרֹן	12. די לאָדע
וְאֶת־בַּדָּיו	און זיינע שטאַנגען,
אֶת־הַכַּפֹּרֶת	דעם צודעק
וְאֵת פָּרֹכֶת הַמָּסָךְ׃	און דעם פאָרהאַנג צור בעדעקונג.
13. אֶת הַשֻּׁלְחָן	13. דעם טיש
וְאֶת־בַּדָּיו	און זיינע שטאַנגען
וְאֶת־כָּל־כֵּלָיו	און אַלע זיינע געפעס
וְאֵת לֶחֶם הַפָּנִים׃	און די שוי־ברויט.
14. וְאֶת־מְנֹרַת הַמָּאוֹר	14. און דעם לייכטער צור בעלייכטונג
וְאֶת־כֵּלֶיהָ	און איהרע געפעס
וְאֶת־נֵרֹתֶיהָ	און איהרע לאָמפען
וְאֵת שֶׁמֶן הַמָּאוֹר׃	און די אייל [3]צור בעלייכטונג

1) אַ הייליגער (טאָג). 2) בריינגט. 3) פיר דעם לייכטער.

15. וְאֶת־מִזְבַּח	15. און דעם אַלטאַר
הַקְּטֹרֶת	פון די רויכער־ווערק
24. וַיָּשֶׂם אֶת־הַמְּנֹרָה	24. און ער האט געשטעלט דעם לייכטער
בְּאֹהֶל מוֹעֵד	אין דעם פערזאַמלונגס געצעלט
נֹכַח הַשֻּׁלְחָן	געגענ־איבער דעם טיש,
עַל יֶרֶךְ הַמִּשְׁכָּן	אויף די זייט פון דער וואָהנונג
נֶגְבָּה׃	געגען זיד־זייט.
25. וַיַּעַל הַנֵּרֹת	25. און ער האט אָנגע־צונדען די לאָמפען,
לִפְנֵי יְהוָה	פאַר דעם עוויגען,
כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃	ווי דער עוויגער האט בעפוילען משה.
26. וַיָּשֶׂם	26. און ער האט געשטעלט
אֶת־מִזְבַּח הַזָּהָב	דעם גאָלדענעם אַלטאַר
בְּאֹהֶל מוֹעֵד	אין דעם פערזאַמלונגס געצעלט,
לִפְנֵי הַפָּרֹכֶת׃	פאַר דעם פאָרהאַנג.
27. וַיַּקְטֵר עָלָיו	27. און ער האט גערויכערט אויף איהם
קְטֹרֶת סַמִּים	רויכער-ווערק פון געווירצען
כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃	ווי דער עוויגער האט בעפוילען משה.
שְׁבִיעִי	שְׁבִיעִי
28. וַיָּשֶׂם	28. און ער האט [1]געטאָן
אֶת־מָסַךְ הַפֶּתַח	דעם פאָרהאַנג פון דעם איינגאַנג
לַמִּשְׁכָּן׃	צו דער וואָהנונג.
29. וְאֵת מִזְבַּח הָעֹלָה	29. און דעם אַלטאַר פון בראַנד אָפּפערס
שָׂם	האט ער געשטעלט
פֶּתַח מִשְׁכַּן	(ביי) דעם איינגאַנג פון דער וואָהנונג
אֹהֶל מוֹעֵד	פון דעם פערזאַמלונגס געצעלט,
וַיַּעַל עָלָיו	און ער האט אויפ־גע־בראַכט אויף איהם
אֶת־הָעֹלָה	דער בראַנד אָפּפער,
וְאֶת־הַמִּנְחָה	און דעם שפּייז־אָפּפער,
כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃	ווי דער עוויגער האט בעפוילען משה.
30. וַיָּשֶׂם אֶת־הַכִּיֹּר	30. און ער האט געשטעלט דעם וואַשבעקען
בֵּין־אֹהֶל מוֹעֵד	צווישען דעם פערזאַמלונגס געצעלט
וּבֵין הַמִּזְבֵּחַ	און צווישען דעם אַלטאַר,
וַיִּתֵּן שָׁמָּה מַיִם	און ער האט דאָרט געגעבען וואַסער

1) ד. ה. דעם דאַך. 2) אויפגעהאַנגען.

לְרָחְצָה׃	צום וואַשען.
31. וְרָחֲצוּ מִמֶּנּוּ	31. און עס האבען געוואַשען פון איהם
מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן	משה און אהרן
וּבָנָיו	און זיינע זיהן
אֶת־יְדֵיהֶם	זייערע הענד
וְאֶת־רַגְלֵיהֶם׃	און זייערע פיס.
32. בְּבֹאָם	32. ווען זיי פלעגען אַריינקומען
אֶל־אֹהֶל מוֹעֵד	אין דעם פערזאַמלונגס געצעלט
וּבְקָרְבָתָם	און ווען זיי פלעגען זיך דערנעהנטערן
אֶל־הַמִּזְבֵּחַ	צום אַלטאַר,
יִרְחָצוּ	פלעגען זיי זיך וואַשען,
כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃	ווי דער עוויגער האט בעפוילען משה.
33. וַיָּקֶם אֶת־הֶחָצֵר	33. און ער האט אויפגעשטעלט דעם הויף
סָבִיב לַמִּשְׁכָּן וְלַמִּזְבֵּחַ	אַרום די וואָהנונג און דעם אַלטאַר,
וַיִּתֵּן	און ער האט געגעבען
אֶת־מָסַךְ	דעם פאָרהאַנג
שַׁעַר הֶחָצֵר	פון דעם טויער פון דעם הויף
וַיְכַל מֹשֶׁה	און משה האט געענדיגט
אֶת־הַמְּלָאכָה׃	די אַרבייט.
מַפְטִיר	מַפְטִיר
34. וַיְכַס הֶעָנָן	34. און דער וואָלקען האט בעדעקט
אֶת־אֹהֶל מוֹעֵד	דעם פערזאַמלונגס געצעלט

וּכְבוֹד יְהוָה	און די הערליכקייט פון דעם עוויגען
מָלֵא אֶת־הַמִּשְׁכָּן׃	האט אָנגעפילט די וואָהנונג
35. וְלֹא־יָכֹל מֹשֶׁה	35. און משה האט ניט געקענט
לָבוֹא	[צו] קומען
אֶל־אֹהֶל מוֹעֵד	אין דעם פערזאַמלונגס געצעלט,
כִּי־שָׁכַן עָלָיו הֶעָנָן	דען דער וואָלקען האט גערוהט אויף איהם,
וּכְבוֹד יְהוָה	און די הערליכקייט פון דעם עוויגען
מָלֵא אֶת־הַמִּשְׁכָּן׃	האט אָנגעפילט די וואָהנונג
36. וּבְהֵעָלוֹת הֶעָנָן	36. און ווען דער וואָלקען פלעגט זיך אויפהייבען
מֵעַל הַמִּשְׁכָּן	פון דער וואָהנונג
יִסְעוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	פלעגען די קינדער ישראל רייזען,
בְּכֹל מַסְעֵיהֶם׃	אין אַלע זייערע רייזען.
37. וְאִם־לֹא יֵעָלֶה הֶעָנָן	37. און ווען דער וואָלקען פלעגט זיך ניט אויף־הייבען
וְלֹא יִסְעוּ	דאַן פלעגען זיי ניט רייזען,
עַד־יוֹם הֵעָלֹתוֹ׃	ביז דעם טאג, ווען ער פלעגט זיך אויף־הייבען.
38. כִּי עֲנַן יְהוָה	38. דען דעם עוויגענס וואָלקען
עַל־הַמִּשְׁכָּן	(איז געווען) אויף דעם וואָהנונג
יוֹמָם	בייטאָג,
וְאֵשׁ	און אַ פייער
תִּהְיֶה לַיְלָה בּוֹ	פלעגט זיין (ביי) נאַכט אויף איהם.
לְעֵינֵי	פאַר די אויגען
כָל־בֵּית־יִשְׂרָאֵל	פון די גאַנצע הויז ישראל,
בְּכָל־מַסְעֵיהֶם׃	אין אַלע זייערע רייזען.

חזק

מאגילניצקי׳ם

ליניען

סקול חומש

— אָדער —

עוֹזֵר הַמּוֹרֶה וְהַתַּלְמִיד

(דעם לעהרער׳ס און שילער׳ס געהילפע)

איין גאַנץ נייע אונד לייכטע מעטהאָדע

צו אונטערריכטען גאנץ חומש, אהן ענדערונג אדער אבקירצונג, מיט גרויס ערפאָלג
מיט דער הילפע פון א נייע „ליניען־סיסטעם“

פיר סקולס, חדרים, תלמוד תורה׳ס און זעלבסט־אונטערריכט

— פון —

יוסף בן יהודה מאגילניצקי

פרינציפאל־לעהרער פון מאגילניצקי׳ם „בְּנֵי צִיּוֹן סְקוּל“, 708 סויטה 5טע סט., פילאדעלפיא. פא.
(פאָרמאַלס לעהרער פיר העבערע העברעאישע אונטערריכט אין די היברו עדיוקיישען סאָסייטי׳ס סקול)

ספר ויקרא

4טע פערבעסערטע אויפלאגע.

— פערלאג און דרוק פון —

יוסף מאַגיל, 708 סויטה 5טע סטריט,

פילאדעלפיא, פא.

תרס״ג

ווּיא לערנט מען דעם עוזר המורה והתלמיד?

גיט יעדען שילער א קאַרטעל אָדער א גלייכע שטיקעל פּאַפּיר. הייסט זיי דאַמיט פערדעקען די איבערזעצונג בלויז ביז די שורה, וועלכע זיי געהן לערנען. הייסט זיי לעזען די שורה חומש און די איבערזעטצונג דאַרויף זעהר לאַנגזאַם און פּאָרזיכטיג ביז זיי זיינען אימשטאַנדע די איבערזעצונג צו זאָגען אויסוויינדיג. דאַן זאָלען זיי ארויפרוקען די קאַרטעל אום צו פערדעקען די איבערזעצונג און זאָלען 1 מאָל לעזען די שורה חומש און איבערזעצען אויסוויינדיג. דאַן זאָלען זיי אַראָברוקען די קאַרטעל און איבערלעזען די איבערזעצונג אינעווייניג אום זיך צו איבערצייגען אויב זיי האבען ריכטיג איבערזעצט. ווען זיי געפינען אויס, אז זיי האבען ריכטיג איבערזעצט, דאַרפען זיי איניגע מאָל איינאיבען די שורה אום צו געדיינקען און דאַרפען דאַן לערנען די צווייטע און דריטע שורה אויף דעם זעלבען אַרט. ווען זיי לערנען אָב אַ פּסוק אָדער אַ האַלבען, דאַרפען זיי גיין ווי־דערהאָלען דעם פּסוק, דאס הייסט, זיי דאַרפען פערדעקען די איבערזעצונג און לעזען יעדע שורה בעזונדער און איבערזעצען אויסוויינדיג, אָבער זיי דאַרפען ניט אוועג־געהן פון א שורה ביז זיי רוקען ניט אראָב די קאַרטעל אום נאכדעם צו לעזען די איבערזעצונג אינעווייניג און צו וויסען אויף זיכער אויב זיי האבען ריכטיג איבערזעצט אָדער ניט.

שמות הטעמים

פַּשְׁטָא מֻנַּח זַרְקָא מֻנַּח סֶגוֹל מֻנַּח | מֻנַּח רְבִיעִי
מַהְפַּךְ פַּשְׁטָא זָקֵף-קָטֹן זָקֵף-גָּדוֹל מֵרְכָא טִפְּחָא
מֻנַּח אֶתְנַחְתָּא פָּזֵר תְּלִישָׁא-קְטַנָּה תְּלִישָׁא-גְדוֹלָה
קַדְמָא וְאַזְלָא אַזְלָא-גֵרֵשׁ גֵּרְשַׁיִם דַּרְגָּא תְּבִיר יְתִיב
פְּסִיק | סוֹף-פָּסוּק שַׁלְשֶׁלֶת קַרְנֵי-פָרָה מֵרְכָא-כְפוּלָה
יֶרַח-בֶּן-יוֹמוֹ ׃

סֵפֶר וַיִּקְרָא

LEVITICUS.

CAPUT. I. א

1. וַיִּקְרָא אֶל־מֹשֶׁה	1. און [1]ער האט גערופען צו משה,
וַיְדַבֵּר יְהוָה אֵלָיו	און דער עוויגער האט גערעדט צו איהם,
מֵאֹהֶל מוֹעֵד	פון דעם פערזאמלונגס געצעלט,
לֵאמֹר׃	זאגענדיג:
2. דַּבֵּר	2. רייד
אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	צו די קינדער ישראל,
וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם	און דו זאלסט זאגען צו זיי:
אָדָם כִּי־יַקְרִיב מִכֶּם	ווען [2]א מאן פון אייך וועט [3]בריינגען
קָרְבָּן לַיהוָה	איין אָפּפער צום עוויגען,
מִן־הַבְּהֵמָה	פון [די] פיה.
מִן־הַבָּקָר וּמִן־הַצֹּאן	פון [די] רינדער אדער פון [די] שאָף
תַּקְרִיבוּ	זאלט איהר [3]בריינגען
אֶת־קָרְבַּנְכֶם׃	אייער אָפּפער.
3. אִם־עֹלָה קָרְבָּנוֹ	3. אויב א בראנד־אָפּפער איז זיין אָפּפער
מִן־הַבָּקָר	פון [די] רינדער,
זָכָר תָּמִים	א מענליכעס, אָהן א פעהלער,
יַקְרִיבֶנּוּ	זאל ער עס [3]בריינגען
אֶל־פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד	צום איינגאנג פון דעם פערזאמלונגס געצעלט
יַקְרִיב אֹתוֹ	זאל ער איהם [3]בריינגען
לִרְצֹנוֹ	פון זיין ווילען[4]
לִפְנֵי יְהוָה׃	פאר דעם עוויגען.
4. וְסָמַךְ יָדוֹ	4. און ער זאל [5]אָנשפארען זיין האנד
עַל רֹאשׁ הָעֹלָה	אויף דעם קאָפּ פון דעם בראנד־אָפּפער,
וְנִרְצָה לוֹ	אום עס זאל מיט [6]ווילען אָנגענומען ווערען פיר איהם,
לְכַפֵּר עָלָיו׃	צו [7]פערגעבען [8]אויף איהם.
5. וְשָׁחַט	5. און ער זאל שלאכטען
אֶת־בֶּן הַבָּקָר	דעם יונגען רינד
לִפְנֵי יְהוָה	פאר דעם עוויגען,
וְהִקְרִיבוּ	און עס זאלען בריינגען
בְּנֵי אַהֲרֹן הַכֹּהֲנִים	אהרן'ס זיהן, די פריסטערס,
אֶת־הַדָּם	דאס בלוט.
וְזָרְקוּ אֶת־הַדָּם	און זיי זאלען [9]שפריצען דאס בלוט
עַל־הַמִּזְבֵּחַ סָבִיב	אויף דעם אלטאר ארום,
אֲשֶׁר־פֶּתַח	וועלכער (איז ביים) איינגאנג
אֹהֶל מוֹעֵד׃	פון דעם פערזאמלונגס געצעלט.
6. וְהִפְשִׁיט	6. און ער זאל [10]אָבשינדען
אֶת־הָעֹלָה	דעם בראנד־אָפּפער,
וְנִתַּח אֹתָהּ	און ער זאל עס צושניידען
לִנְתָחֶיהָ׃	אויף איהרע שטיקער.
7. וְנָתְנוּ	7. און עס זאלען געבען
בְּנֵי אַהֲרֹן הַכֹּהֵן	די זיהן פון אהרן דעם פריסטער
אֵשׁ עַל־הַמִּזְבֵּחַ	פייער אויף דעם אלטאר,
וְעָרְכוּ עֵצִים	און זיי זאלען [11]אָרדנען האָלץ
עַל־הָאֵשׁ׃	איבער דעם פייער.
8. וְעָרְכוּ	8. און עס זאלען [11]אָרדנען
בְּנֵי אַהֲרֹן הַכֹּהֲנִים	אהרן'ס זיהן, די פריסטערס,
אֵת הַנְּתָחִים	די שטיקער,
אֶת־הָרֹאשׁ	דעם קאָפּ
וְאֶת־הַפָּדֶר	און דאס [12]פעטס
עַל־הָעֵצִים	אויף די האָלץ,
אֲשֶׁר עַל־הָאֵשׁ	וואס איז איבער דעם פייער,
אֲשֶׁר עַל־הַמִּזְבֵּחַ׃	וואס איז אויף דעם אלטאר.

1) גאט. 2) יעמאנד. 3) דאַרבריינגען. 4) זעה רש"י; אדער: צור וואָהל געפעליגקייט פיר איהם; אדער: אום איהם וואָהלגעפעליג צו מאכען פאר דעם עוויגען. 5) ארויפלייגען. 6) גנאדע. 7) פערזעהנען. 8) פיר. 9) שפריצען. 10) אָבציהען (די הויט). 11) צוברייטען, אויפלייגען. 12) פעטהויט, פלאָם.

9. וְקִרְבּוֹ וּכְרָעָיו	9. און זיינע איינגעווייד[ע] און זיינע [1]קני-שטיקער
יִרְחַץ בַּמָּיִם	זאל ער וואשען מיט וואסער
וְהִקְטִיר הַכֹּהֵן	און דער פריסטער זאל [2]רויכערן
אֶת־הַכֹּל	אלעס
הַמִּזְבֵּחָה	אויף דעם אלטאר,
עֹלָה	(עס איז) א בראנד־אפפער,
אִשֵּׁה	איין פייער־אפפער
רֵיחַ־נִיחוֹחַ לַיהוָה׃	(צום) ליבליכען גערוך פיר דעם עוויגען.
10. וְאִם־מִן־הַצֹּאן קָרְבָּנוֹ	10. און אויב פון [די] שאף איז זיין אפפער,
מִן־הַכְּשָׂבִים	פון [די] לאמען
אוֹ מִן־הָעִזִּים	אדער פון [די] ציגען
לְעֹלָה	פיר א בראנד־אפפער,
זָכָר תָּמִים יַקְרִיבֶנּוּ׃	זאל ער עס ברײנגען א מענליכעס אהן א פעהלער.
11. וְשָׁחַט אֹתוֹ	11. און ער זאל עס שלאכטען
עַל יֶרֶךְ הַמִּזְבֵּחַ	אויף דער זייט פון דעם אלטאר
צָפֹנָה	געגען נארד־זייט
לִפְנֵי יְהוָה	פאר דעם עוויגען,
וְזָרְקוּ	און עס זאלען שפרענגען
בְּנֵי אַהֲרֹן הַכֹּהֲנִים	אהרן'ס זיהן, די פריסטערס,
אֶת־דָּמוֹ	זיין בלוט
עַל־הַמִּזְבֵּחַ סָבִיב׃	אויף דעם אלטאר ארום.
12. וְנִתַּח אֹתוֹ לִנְתָחָיו	12. און ער זאל עס צושנייד[ען] אויף זיינע שטיקער
וְאֶת־רֹאשׁוֹ	מיט זיין קאפ
וְאֶת־פִּדְרוֹ	און מיט זיינע פעטס.
וְעָרַךְ הַכֹּהֵן אֹתָם	און דער פריסטער זאל זיי ארדנען
עַל־הָעֵצִים	אויף די האלץ,
אֲשֶׁר עַל־הָאֵשׁ	וואס איז איבער דעם פייער,
אֲשֶׁר עַל־הַמִּזְבֵּחַ׃	וואס איז אויף דעם אלטאר.
13. וְהַקֶּרֶב וְהַכְּרָעַיִם	13. און די איינגעווייד[ע] און די [1]קני־שטיקער
יִרְחַץ בַּמָּיִם	זאל ער וואשען מיט וואסער
וְהִקְרִיב הַכֹּהֵן	און דער פריסטער זאל ברײנגען
אֶת־הַכֹּל	אלעס,
וְהִקְטִיר הַמִּזְבֵּחָה	און ער זאל (עס) [2]רויכערן אויף דעם אלטאר,
עֹלָה הוּא	עס איז א בראנד־אפפער
אִשֵּׁה	א פייער אפפער
רֵיחַ נִיחוֹחַ לַיהוָה׃	(צום) ליבליכען גערוך פיר דעם עוויגען.
שֵׁנִי	שֵׁנִי
14. וְאִם מִן־הָעוֹף עֹלָה	14. און אויב א בראנד־אפפער פון דאס געפליגעל[3]
קָרְבָּנוֹ לַיהוָה	איז זיין אפפער צום עוויגען
וְהִקְרִיב מִן־הַתֹּרִים	דאן זאל ער ברײנגען פון [די] טורטעל־טויבען
אוֹ מִן־בְּנֵי הַיּוֹנָה	אדער פון די יונגע טויבען
אֶת־קָרְבָּנוֹ׃	זיין אפפער.
15. וְהִקְרִיבוֹ הַכֹּהֵן	15. און דער פריסטער זאל עס ברײנגען
אֶל־הַמִּזְבֵּחַ	צו דעם אלטאר,
וּמָלַק אֶת־רֹאשׁוֹ	און ער זאל אבקנייפען זיין קאפ,
וְהִקְטִיר הַמִּזְבֵּחָה	און ער זאל (עס) רויכערן אויף דעם אלטאר,
וְנִמְצָה דָמוֹ	און זיין בלוט זאל אויס־געדריקט ווערען
עַל קִיר הַמִּזְבֵּחַ׃	אויף דעם וואנד פון דעם אלטאר.
16. וְהֵסִיר אֶת־מֻרְאָתוֹ	16. און ער זאל [4]אבזאנדערן זיין קראפ
בְּנֹצָתָהּ	מיט איהרע פעדערן,[5]
וְהִשְׁלִיךְ אֹתָהּ	און ער זאל עס ווארפען
אֵצֶל הַמִּזְבֵּחַ קֵדְמָה	ביי דעם אלטאר, געגען מארגען־זייט,
אֶל־מְקוֹם הַדָּשֶׁן׃	צום ארט פון די אש.
17. וְשִׁסַּע אֹתוֹ	17. און ער זאל עס איינ־רייסען
בִכְנָפָיו	ביי זיינע פליגלען,
לֹא יַבְדִּיל	ער זאל (עס אבער) ניט [6]אבטהיילען;
וְהִקְטִיר אֹתוֹ הַכֹּהֵן	און דער פריסטער זאל עס רויכערן
הַמִּזְבֵּחָה	אויף דעם אלטאר
עַל־הָעֵצִים	אויף די האלץ,
אֲשֶׁר עַל־הָאֵשׁ	וואס איז איבער די פייער,
עֹלָה הוּא	דאס איז א בראנד־אפפער,
אִשֵּׁה	א פייער־אפפער
רֵיחַ נִיחֹחַ לַיהוָה׃	(צום) ליבליכען גערוך פיר דעם עוויגען.

Cap. II. ב

1. וְנֶפֶשׁ כִּי־תַקְרִיב	1. און ווען [7]א פערזאן וועט ברײנגען
קָרְבַּן מִנְחָה לַיהוָה	א שפייז־אפפער צום עוויגען
סֹלֶת יִהְיֶה קָרְבָּנוֹ	זאל זיין פיינע מעהל זיין אפפער;
וְיָצַק עָלֶיהָ שֶׁמֶן	און ער זאל גיסען אויף איהר אייל,
וְנָתַן עָלֶיהָ לְבֹנָה׃	און ער זאל געבען אויף איהר ווייהרויך.
2. וֶהֱבִיאָהּ	2. און ער זאל איהר ברײנגען
אֶל־בְּנֵי אַהֲרֹן	צו אהרן'ס זיהן,

1) פוס־שטיקער. 2) פערברענען, לאזען מיט'ן רויך אויפגעהן. 3) אזוי ווי: ואם עולה מן העוף. דיזעס שטימט ניט מיט דער נגינה. 4) אראבנעהמען, אראבשניידען. 5) ד. ה. אבשניידען דעם קראפ צוזאמען מיט די אויסווייניגסטע הויט און די פעדערן דארויף. זעה רש"י. 6) אבזאנדערן, ד. ה. ער זאל ניט איבער־רייסען אין גאנצען. 7) יעמאנד.

הַכֹּהֲנִים	די פריסטערס,
וְקָמַץ מִשָּׁם	און ער זאל [1]אראָב־נעהמען פון דאָרט
מְלֹא קֻמְצוֹ	זיין פולען הויפען
מִסָּלְתָּהּ וּמִשַּׁמְנָהּ	פון איהרע פיינע מעהל און פון איהרע אייל
עַל כָּל־לְבֹנָתָהּ	מיט איהר גאַנצען ווייהרויך
וְהִקְטִיר הַכֹּהֵן	און דער פריסטער זאל רויכערן
אֶת־אַזְכָּרָתָהּ	איהר [2]געדענק־טהייל
הַמִּזְבֵּחָה	אויף דעם אַלטאַר,
אִשֵּׁה	(עס איז) אַ פייער־אָפּפער
רֵיחַ נִיחֹחַ לַיהוָה׃	צום ליבליכען גערוך פיר דעם עוויגען.
3. וְהַנּוֹתֶרֶת	3. און דאס איבריגע
מִן־הַמִּנְחָה	פון דעם שפייז־אָפּפער
לְאַהֲרֹן וּלְבָנָיו	(זאל זיין) פיר אהרן און פיר זיינע זיהן
קֹדֶשׁ קָדָשִׁים	(אלס) אלער־הייליגסטע
מֵאִשֵּׁי יְהוָה׃	פון די פייער־אָפּפערן פון דעם עוויגען.
4. וְכִי תַקְרִב	4. און ווען דו ווערסט בריינגען
קָרְבַּן מִנְחָה	אַ שפייז־אָפּפער
מַאֲפֵה תַנּוּר	(פון) [3]אויווען־געבעק:
סֹלֶת	(זאל עס זיין פון) פיינע מעהל
חַלּוֹת מַצֹּת	אונגעזייערטע קובענס,
בְּלוּלֹת בַּשֶּׁמֶן	געמישט מיט אייל
וּרְקִיקֵי מַצּוֹת	אז אונגעזייערטע קיכלעך
מְשֻׁחִים בַּשָּׁמֶן׃	בעשמירט מיט אייל.
5. וְאִם־מִנְחָה	5. און אויב אַ שפייז־אָפּפער
עַל־הַמַּחֲבַת	אויף דער [4]פאַן
קָרְבָּנֶךָ	איז דיין אָפּפער,
סֹלֶת בְּלוּלָה בַשֶּׁמֶן	(זאל עס זיין פון) פיינע מעהל געמישט מיט אייל,
מַצָּה תִהְיֶה׃	אונגעזייערט זאל עס זיין.
6. פָּתוֹת אֹתָהּ פִּתִּים	6. [5]צוברעקעל עס (אין) ברעקלעך,
וְיָצַקְתָּ עָלֶיהָ שָׁמֶן	און דו זאלסט גיסען אויף איהר אייל
מִנְחָה הִוא׃	עס איז אַ שפייז אָפּפער.
שְׁלִישִׁי	שְׁלִישִׁי
7. וְאִם־מִנְחַת מַרְחֶשֶׁת	7. און אויב אַ שפייז־אָפּפער (אין) אַ [6]בראָט־פאַן
קָרְבָּנֶךָ	איז דיין אָפּפער,
סֹלֶת בַּשֶּׁמֶן תֵּעָשֶׂה׃	זאל עס געמאַכט ווערען (פון) פיינע מעהל מיט אייל.

8. וְהֵבֵאתָ	8 און דו זאלסט בריינגען
אֶת־הַמִּנְחָה	דעם שפייז־אָפּפער,
אֲשֶׁר יֵעָשֶׂה מֵאֵלֶּה	וועלכער וועט געמאַכט ווערען פון דיזעס
לַיהוָה	צום עוויגען;
וְהִקְרִיבָהּ אֶל־הַכֹּהֵן	און ער זאל עס בריינגען צום פריסטער,
וְהִגִּישָׁהּ אֶל־הַמִּזְבֵּחַ׃	און ער זאל עס דערנעהנ־טערן צום אַלטאַר.
9. וְהֵרִים הַכֹּהֵן	9. און דער פריסטער זאל [7]אָב־שיידען
מִן־הַמִּנְחָה	פון דעם שפייז־אָפּפער
אֶת־אַזְכָּרָתָהּ	איהר [2]געדענק־טהייל,
וְהִקְטִיר הַמִּזְבֵּחָה	און ער זאל (עס) רויכערן אויף דעם אַלטאַר,
אִשֵּׁה	(עס איז) אַ פייער־אָפּפער
רֵיחַ נִיחֹחַ לַיהוָה׃	(צום) ליבליכען גערוך פיר דעם עוויגען.
10. וְהַנּוֹתֶרֶת	10. און דאס איבריגע
מִן־הַמִּנְחָה	פון דעם שפייז־אָפּפער
לְאַהֲרֹן וּלְבָנָיו	(זאל זיין) פיר אהרן און פיר זיינע זיהן,
קֹדֶשׁ קָדָשִׁים	(אַלס) אַלער־הייליגסטע
מֵאִשֵּׁי יְהוָה׃	פון די פייער־אָפּפערס פון דעם עוויגען.
11. כָּל־הַמִּנְחָה	11. יעדען שפייז־אָפּפער,
אֲשֶׁר תַּקְרִיבוּ לַיהוָה	וואס איהר וועט בריינגען צו גאָט,
לֹא תֵעָשֶׂה חָמֵץ	זאל נים געמאַכט ווערען (פון) געזויערטעס,
כִּי כָל־שְׂאֹר	דען יעדעס זויער־טייג
וְכָל־דְּבַשׁ	און יעדע האָניג
לֹא־תַקְטִירוּ מִמֶּנּוּ	זאלט איהר דאַפון ניט רויכערן
אִשֶּׁה לַיהוָה׃	(אַלס) פייער־אָפּפער צום עוויגען.
12. קָרְבַּן רֵאשִׁית	12. (אַלס) אָפּפער פון די ערסטלינגע
תַּקְרִיבוּ אֹתָם לַיהוָה	זאלט איהר זיי בריינגען צום עוויגען,
וְאֶל־הַמִּזְבֵּחַ	אבער אויפ'ן אַלטאַר
לֹא־יַעֲלוּ	זאלען זיי נים אויפגיין
לְרֵיחַ נִיחֹחַ׃	צום ליבליכען גערוך.
13. וְכָל־קָרְבַּן מִנְחָתְךָ	13. און אלע דיינע שפייז־אָפּפערס
בַּמֶּלַח תִּמְלָח	זאלסט'ו זאַלצען מיט זאַלץ,
וְלֹא תַשְׁבִּית מֶלַח	און דו זאלסט נים [8]לאָזען פעהלען זאַלץ
בְּרִית אֱלֹהֶיךָ	(אַלס) בונד פון דיין גאָט [9]
מֵעַל מִנְחָתֶךָ	פון דיין שפייז־אָפּפער;
עַל כָּל־קָרְבָּנְךָ	ביי אַלע דיינע אָפּפערס
תַּקְרִיב מֶלַח׃	זאלסט'ו בריינגען זאַלץ.

1) מיט'ן הויפען. 2) דופט־טהייל. 3) געבאַקענעס אין אויווען (אָפען). 4) פפאַנע. 5) צערשטיקעל. 6) בראָט־בעקען, טיפע־פאַן, טיגעל. 7) אראָבנעהמען 8) צושטערן 9) נאך יעצט איז די אַראַבישע זיטע ביים שליסען אַ בונד צו געניסען איניגע זאַלץ־קערנער; זאלץ פערהינדערט פוילניס און איז דארום פאַסענד פיר אַ צייכען פון אַ דויערהאַפטען בונד.

14. וְאִם־תַּקְרִיב	14. און אויב דו וועסט ברענגען,
מִנְחַת בִּכּוּרִים לַיי	א שפּייז־אָפּפער פון ערשט־לינגען צום עוויגען,
אָבִיב קָלוּי בָּאֵשׁ	(זאַנגוינען) געבראָטען אויפ׳ן פייער,
גֶּרֶשׂ כַּרְמֶל	גרייפּען פון פרישע קערנער
תַּקְרִיב	זאָלסט ו ברענגען
אֵת מִנְחַת בִּכּוּרֶיךָ׃	דעם שפּייז־אָפּפער פון דיינע ערשטלינגען.
15. וְנָתַתָּ עָלֶיהָ שֶׁמֶן	15. און דו זאָלסט געבען אויף איהר איל,
וְשַׂמְתָּ עָלֶיהָ לְבֹנָה	און דו זאָלסט לייגען אויף איהר וויהרויך
מִנְחָה הִוא׃	עס איז א שפּייז־אָפּפער.
16. וְהִקְטִיר הַכֹּהֵן	16. און דער פּריסטער זאָל רויכערן
אֶת־אַזְכָּרָתָהּ	איהר געדענק־טהייל
מִגִּרְשָׂהּ וּמִשַּׁמְנָהּ	פון איהרע גרייפּען און פון איהרע איול
עַל כָּל־לְבֹנָתָהּ	מיט איהר גאַנצען וויהרויך
אִשֶּׁה לַיהוָה׃	(אַלס) א פייער־אָפּפער צום עוויגען.

Cap. III.

ג

רְבִיעִי	רְבִיעִי
1. וְאִם־זֶבַח שְׁלָמִים	1. און אויב אַ פרידענס־שלאַכטונג
קָרְבָּנוֹ	איז זיין אָפּפער,
אִם מִן־הַבָּקָר	(דאַן) אויב פון [די] רינדער
הוּא מַקְרִיב	ברענגט ער,
אִם־זָכָר אִם־נְקֵבָה	סיי אַ מענליכעס סיי אַ ווייבליכעס,
תָּמִים יַקְרִיבֶנּוּ	זאָל ער עס ברענגען אָהן אַ פעהלער
לִפְנֵי יְהוָה׃	פאַר דעם עוויגען.
2. וְסָמַךְ יָדוֹ	2. און ער זאָל אָנשפּאַרען זיין האַנד
עַל־רֹאשׁ קָרְבָּנוֹ	אויף דעם קאָפּ פון זיין אָפּפער,
וּשְׁחָטוֹ	און ער זאָל איהם שלאַכטען
פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד	(ביים) איינגאַנג פון דעם פערזאַמלונגס געצעלט,
וְזָרְקוּ	און עס זאָלען שפּרענגען
בְּנֵי אַהֲרֹן הַכֹּהֲנִים	אהרן׳ס זיהן, די פּריסטערס,
אֶת־הַדָּם	דאס בלוט
עַל־הַמִּזְבֵּחַ סָבִיב׃	אויף דעם אַלטאַר אַרום.
3. וְהִקְרִיב	3. און ער זאָל ברענגען
מִזֶּבַח הַשְּׁלָמִים	פון די פרידענס־שלאַכטונג
אִשֶּׁה לַיהוָה	אַ פייער אָפּפער צום עוויגען
אֶת־הַחֵלֶב	די פעטס,
הַמְכַסֶּה אֶת־הַקֶּרֶב	וואס בעדעקט די איינגעווייד

וְאֵת כָּל־הַחֵלֶב	און אַלע פעטס.
אֲשֶׁר עַל־הַקֶּרֶב׃	וואס איז אויף די איינגעווייד.
4. וְאֵת שְׁתֵּי הַכְּלָיֹת	4. און די צוויי נירען
וְאֶת־הַחֵלֶב	און די פעטס,
אֲשֶׁר עֲלֵהֶן	וואס איז אויף זיי,
אֲשֶׁר עַל־הַכְּסָלִים	וואס איז ביי די פלאַנקען
וְאֶת־הַיֹּתֶרֶת	און די רויט־פלייש.
עַל־הַכָּבֵד	(וואס איז) אויף דעם לעבער,
עַל־הַכְּלָיוֹת	מיט די נירען
יְסִירֶנָּה׃	זאָל ער עס אראָבנעהמען.
5. וְהִקְטִירוּ אֹתוֹ בְנֵי־אַהֲרֹן	5. און אהרן׳ס זיהן זאָלען עס רויכערן
הַמִּזְבֵּחָה	אויף דעם אַלטאַר
עַל־הָעֹלָה	איבער דעם בראַנד־אָפּפער
אֲשֶׁר עַל־הָעֵצִים	וועלכער איז אויף די האָלץ,
אֲשֶׁר עַל־הָאֵשׁ	וואס איז איבער דעם פייער,
אִשֵּׁה	(עס איז) אַ פייער־אָפּפער
רֵיחַ נִיחֹחַ לַיהוָה׃	(צום) ליבליכען גערוך פיר דעם עוויגען.
6. וְאִם־מִן־הַצֹּאן קָרְבָּנוֹ	6. און אויב פון [די] שאָף איז זיין אָפּפער
לְזֶבַח שְׁלָמִים לַיהוָה	אַלס פרידענס־אָפּפער צום עוויגען,
זָכָר אוֹ נְקֵבָה תָּמִים	אַ מענליכעס אדער אַ ווייבליכעס אָהן אַ פעהלער
יַקְרִיבֶנּוּ׃	זאָל ער עס ברענגען.
7. אִם־כֶּשֶׂב	7. אויב אַ לאַם
הוּא־מַקְרִיב	ברענגט ער
אֶת־קָרְבָּנוֹ	זיין אָפּפער,
וְהִקְרִיב אֹתוֹ לִפְנֵי יי׃	דאַן זאָל ער עס ברענגען פאַר דעם עוויגען.
8. וְסָמַךְ אֶת־יָדוֹ	8. און ער זאָל אָנשפּאַרען זיין האַנד
עַל־רֹאשׁ קָרְבָּנוֹ	אויף דעם קאָפּ פון זיין אָפּפער,
וְשָׁחַט אֹתוֹ	און ער זאָל איהם שלאַכטען
לִפְנֵי אֹהֶל מוֹעֵד	פאַר דעם פערזאַמלונגס־געצעלט,
וְזָרְקוּ בְּנֵי אַהֲרֹן	און אהרן׳ס זיהן זאָלען שפּרענגען
אֶת־דָּמוֹ	זיין בלוט
עַל־הַמִּזְבֵּחַ סָבִיב׃	אויף דעם אַלטאַר אַרום.
9. וְהִקְרִיב	9. און ער זאָל ברענגען
מִזֶּבַח הַשְּׁלָמִים	פון די פרידענס־שלאַכטונג

1) צייטיגע זאַנגען גערעסטעט אויפ׳ן פייער. 2) זאַפטיגע. 3) אויף. 4) לענדען. 5) נעטץ. 6) אויף, ביי.
7) אויסער דעם (בעשטענדיגען) בראַנד־אָפּפער; זעה רש״י.

אשה ליהוה	(אַלס) פייער־אָפּפער צום עוויגען
חלבו	זיינע פעטס,
האליה תמימה	דעם גאַנצען [1]וויידעל
לעמת העצה	[2]געגען דעם [3]קרייץ־ביין
יסירנה	זאל ער עס אַראָב־נעהמען,
ואת־החלב	און די פעטס,
המכסה את־הקרב	וואס בעדעקט די איינגעווייד,
ואת כל־החלב	און אַלע פעטס,
אשר על־הקרב :	וואס איז אויף די איינגעווייד.
10. ואת שתי הכלית	10. און די צוויי נירען
ואת־החלב	און די פעטס,
אשר עלהן	וואס איז אויף זיי,
אשר על־הכסלים	וואס איז ביי די פלאַנקען,
ואת־היתרת	און די רויט־פלייש,
על־הכבד	(וואס איז) [4]אויף דעם לעבער,
על־הכלית	מיט די נירען
יסירנה :	זאל ער עס אַראָב־נעהמען.
11 והקטירו הכהן	11. און דער פריסטער זאל עס רויכערן
המזבחה	אויף דעם אַלטאַר,
לחם אשה ליהוה :	(אַלס) פייער־אָפּפער־שפייזע צום עוויגען.
12. ואם־עז קרבנו	12. און אויב אַ ציג איז זיין אָפּפער,
והקריבו לפני יהוה:	דאַן זאל ער עס ברינגען פאַר דעם עוויגען.
13. וסמך את־ידו	13. און ער זאל אָנשפּאַרען זיין האַנד
על־ראשו	אויף זיין קאָפּ,
ושחט אתו	און ער זאל עס שלאַכטען
לפני אהל מועד	פאַר דעם פערזאַמלונגס געצעלט,
וזרקו בני אהרן	און אהרן'ס זוהן זאלען שפּרענגען
את־דמו	זיין בלוט
על־המזבח סביב :	אויף דעם אַלטאַר אַרום.
14. והקריב ממנו	14. און ער זאל דאַפון ברינגען
קרבנו	זיין אָפּפער
אשה ליהוה	(אַלס) פייער אָפּפער צום עוויגען:
את־החלב	די פעטס,
המכסה את־הקרב	וואס בעדעקט די איינגעווייד,
ואת כל־החלב	און אַלע פעטס,
אשר על־הקרב :	וואס איז אויף די איינגעווייד.
15. ואת שתי הכלית	15. און די צוויי נירען
ואת־החלב	און די פעטס,
אשר עלהן	וואס איז אויף זיי,
אשר על־הכסלים	וואס איז אויף די פלאַנקען
ואת־היתרת	און די רויט־פלייש,
על־הכבד	(וואס איז) [4]אויף דעם לעבער,
על־הכלית	מיט די נירען
יסירנה :	זאל ער עס אַראָב־נעהמען.
16. והקטירם הכהן	16. און דער פריסטער זאל זיי רויכערן
המזבחה	אויף דעם אַלטאַר,
לחם אשה	(אַלס) פייער־אָפּפער־שפייזע
לריח ניחח	צום ליבליכען גערוך,
כל־חלב ליהוה :	אַלע פעטס געהערט צום עוויגען.
17. חקת עולם	17. איין עוויגער געזעטץ
לדרתיכם	פיר אייערע געשלעכטער,
בכל מושבתיכם	אין אַלע אייערע וואָהנונגען
כל־חלב וכל־דם	[5]אַלע פעטס און [5]אַלע בלוט
לא תאכלו :	זאלט איהר ניט עסען.

Cap. IV.

ד

חמישי	חמישי
1. וידבר יי אל־משה	1. און דער עוויגער האט גערעדט צו משה,
לאמר :	זאָגענדיג:
2. דבר	2. רייד
אל־בני ישראל	צו די קינדער ישראל
לאמר	זאָגענדיג:
נפש כי־תחטא	ווען אַ פערזאָן וועט זינדיגען
בשגגה	דורך איין אירטהום,
מכל מצות יהוה	געגען אירגענד וועלכע פערבאָטע פון דעם עוויגען,
אשר לא תעשינה	וועלכע דאַרפען ניט געטאָן ווערען,
ועשה מאחת מהנה	און ער וועט טהאָן איינע פון זיי.
3. אם הכהן המשיח	3 אויב דער געזאַלבטער פריסטער
יחטא	וועט זינדיגען
לאשמת העם	צור פערשולדיגונג פון דעם פאָלק,[6]
והקריב על חטאתו	דאַן זאל ער ברינגען וועגען זיין זינד,
אשר חטא	וואס ער האט געזינדיגט,
פר בן־בקר תמים	אַ יונגען שטיר אָהן אַ פעהלער

1) שוויפ־שטיק, עק. 2) ביז, ביי. 3) ריק־גראַט. 4) איבער, ביי. 5) קיינע. 6) ד. ה. און ער האט דאַ־דורך געבראַכט שולד אויפ'ן פאָלק. זעה רש"י

לַיהוָה, לְחַטָּאת:	צום עוויגען פיר א זינד־אפפער.
4. וְהֵבִיא אֶת־הַפָּר	4. און ער זאל ברינגען דעם שטיר
אֶל־פֶּתַח	צום איינגאנג
אֹהֶל מוֹעֵד	פון דעם פערזאמלונגס געצעלט
לִפְנֵי יְהוָה	פאר דעם עוויגען,
וְסָמַךְ אֶת־יָדוֹ	און ער זאל אנשפארען זיין האנד
עַל־רֹאשׁ הַפָּר	אויף דעם קאפ פון דעם שטיר,
וְשָׁחַט אֶת־הַפָּר	און ער זאל שלאכטען דעם שטיר
לִפְנֵי יְהוָה:	פאר דעם עוויגען.
5. וְלָקַח הַכֹּהֵן הַמָּשִׁיחַ	5. און דער געזאלבטער פריסטער זאל נעהמען
מִדַּם הַפָּר	פון דאס בלוט פון דעם שטיר
וְהֵבִיא אֹתוֹ	און ער זאל עס ברינגען
אֶל־אֹהֶל מוֹעֵד:	צום פערזאמלונגס געצעלט
6. וְטָבַל הַכֹּהֵן	6. און דער פריסטער זאל איינטונקען
אֶת־אֶצְבָּעוֹ	זיין פינגער
בַּדָּם	אין דאס בלוט.
וְהִזָּה מִן־הַדָּם	און ער זאל שפריצען פון דאס בלוט
שֶׁבַע פְּעָמִים	זיבען מאל
לִפְנֵי יְהוָה	פאר דעם עוויגען
אֶת־פְּנֵי פָּרֹכֶת הַקֹּדֶשׁ:	[1]געגען דעם פארהאנג פון דעם הייליגטהום.
7. וְנָתַן הַכֹּהֵן	7. און דער פריסטער זאל געבען
מִן־הַדָּם	פון דאס בלוט
עַל־קַרְנוֹת מִזְבַּח	אויף די [2]הערנער פון דעם אלטאר
קְטֹרֶת הַסַּמִּים	פון די געווירצען־רויכער־ווערק
לִפְנֵי יְהוָה	פאר דעם עוויגען,
אֲשֶׁר בְּאֹהֶל מוֹעֵד	וועלכער [3]איז אין דעם פערזאמלונגס־געצעלט,
וְאֵת | כָּל־דַּם הַפָּר	און דאס [4]גאנצע בלוט פון דעם שטיר
יִשְׁפֹּךְ	זאל ער אויס־גיסען
אֶל־יְסוֹד	צום גרונד
מִזְבַּח הָעֹלָה	פון דעם בראנד־אפפער־אלטאר,
אֲשֶׁר־פֶּתַח	וועלכער (איז ביים) איינגאנג
אֹהֶל מוֹעֵד:	פון דעם פערזאמלונגס געצעלט.
8. וְאֶת־כָּל־חֵלֶב	8. און די גאנצע פעטס
פַּר הַחַטָּאת	פון דעם שטיר פון דעם זינד־אפפער
יָרִים מִמֶּנּוּ	זאל ער [5]אראב־נעהמען פון איהם.
אֶת־הַחֵלֶב	די פעטס,
הַמְכַסֶּה עַל־הַקֶּרֶב	וואס בעדעקט איבער די איינגעווידע,
וְאֵת כָּל־הַחֵלֶב	און אלע פעטס,
אֲשֶׁר עַל־הַקֶּרֶב:	וואס איז אויף די איינגעווידע.
9. וְאֵת שְׁתֵּי הַכְּלָיֹת	9. און די ביידע נירען
וְאֶת־הַחֵלֶב	און די פעטס,
אֲשֶׁר עֲלֵיהֶן	וואס איז אויף זיי,
אֲשֶׁר עַל־הַכְּסָלִים	וואס איז ביי די פלאנקען,
וְאֶת־הַיֹּתֶרֶת	און די רויט־פלייש,
עַל־הַכָּבֵד	וואס איז [6]אויף דעם לעבער,
עַל־הַכְּלָיוֹת	מיט די נירען
יְסִירֶנָּה:	זאל ער עס אראב־נעהמען.
10. כַּאֲשֶׁר יוּרַם	10. ווי עס ווערט אראב־גענומען
מִשּׁוֹר זֶבַח הַשְּׁלָמִים	פון דעם אקס פון די פרידענס שלאכטונג,
וְהִקְטִירָם הַכֹּהֵן	און דער פריסטער זאל זיי רויכערן
עַל מִזְבַּח הָעֹלָה:	אויף דעם בראנד־אפפער־אלטאר.
11. וְאֶת־עוֹר הַפָּר	11. און דאס פעל פון דעם שטיר
וְאֶת־כָּל־בְּשָׂרוֹ	און זיין גאנצע פלייש
עַל־רֹאשׁוֹ	מיט זיין קאפ
וְעַל־כְּרָעָיו	און מיט זיינע קני־שטיקער
וְקִרְבּוֹ וּפִרְשׁוֹ:	און זיינע איינגעווידע און זיינע מיסט.
12. וְהוֹצִיא	12. און ער זאל ארויס־ברינגען
אֶת־כָּל־הַפָּר	דעם גאנצען שטיר
אֶל־מִחוּץ לַמַּחֲנֶה	אויסער־האלב פון דעם לאגער
אֶל־מָקוֹם טָהוֹר	צו א ריינעם ארט,
אֶל־שֶׁפֶךְ הַדֶּשֶׁן	צום ארט, וואו מען שיט אויס די אש,
וְשָׂרַף אֹתוֹ	און ער זאל איהם פערברענען
עַל־עֵצִים בָּאֵשׁ	אויף האלץ אים פייער.
עַל־שֶׁפֶךְ הַדֶּשֶׁן	אויף דעם ארט, וואו מען שיט אויס די אש,
יִשָּׂרֵף:	זאל ער פערברענט ווערען.
13. וְאִם כָּל־עֲדַת יִשְׂרָאֵל יִשְׁגּוּ	13. און אויב די גאנצע געמיינדע פון ישראל וועלען פעראירען,
וְנֶעְלַם דָּבָר	און עס וועט פערבארגען ווערען א זאך
מֵעֵינֵי הַקָּהָל	פון די אויגען פון דער פערזאמלונג,
וְעָשׂוּ	און זיי וועלען טהאן
אַחַת מִכָּל־מִצְוֹת יְיָ	איינע פון אלע פערבאטע פון דעם עוויגען,

1) פאר. 2) האָרן־פערמיגע ווינקלען. 3) שטעהט. 4) גאנצע (איבריגע) בלוט. 5) אבשיידען, אפהייבען.
6) איבער, ביי, אדער: מיט דעם לעבער.

אֲשֶׁר לֹא־תֵעָשֶׂינָה	וועלכע דאַרפען ניט געטאָן ווערען,
וְאָשֵׁמוּ׃	און זיי וועלען זיך פערשולדיגען,
14. וְנוֹדְעָה הַחַטָּאת	14. און (נאכדעם) וועט בעוואוסט ווערען די זינד,
אֲשֶׁר חָטְאוּ עָלֶיהָ	מיט וועלכע זיי האבען געזינדיגט,
וְהִקְרִיבוּ הַקָּהָל	דאן זאל די פערזאַמלונג בריינגען
פַּר בֶּן־בָּקָר לְחַטָּאת	איין יונגען שטיר פיר אַ זינד אָפּפער,
וְהֵבִיאוּ אֹתוֹ	און זיי זאלען איהם בריינגען
לִפְנֵי אֹהֶל מוֹעֵד׃	פאר דעם פערזאַמלונגס־געצעלט.
15. וְסָמְכוּ	15. און עס זאלען אָנשפּאַרען
זִקְנֵי הָעֵדָה	די עלטעסטע פון דער געמיינדע
אֶת־יְדֵיהֶם	זייערע הענד
עַל־רֹאשׁ הַפָּר	אויף דעם קאָפּ פון דעם שטיר
לִפְנֵי יְהוָה	פאר דעם עוויגען,
וְשָׁחַט אֶת־הַפָּר	און מען זאל שלאַכטען דעם שטיר
לִפְנֵי יְהוָה׃	פאר דעם עוויגען.
16. וְהֵבִיא הַכֹּהֵן הַמָּשִׁיחַ	16. און דער געזאַלבטער פריסטער זאל בריינגען
מִדַּם הַפָּר	פון דאס בלוט פון דעם שטיר
אֶל־אֹהֶל מוֹעֵד׃	אין דעם פערזאַמלונגס געצעלט.
17. וְטָבַל הַכֹּהֵן	17. און דער פריסטער זאל איינטונקען
אֶצְבָּעוֹ	זיין פינגער
מִן־הַדָּם	[1]אין דאס בלוט,
וְהִזָּה שֶׁבַע פְּעָמִים	און ער זאל שפּריצען זיבען מאל
לִפְנֵי יְהוָה	פאר דעם עוויגען
אֶת־פְּנֵי הַפָּרֹכֶת׃	געגען דעם פאָרהאַנג.
18. וּמִן־הַדָּם יִתֵּן	18. און פון דעם בלוט זאל ער געבען
עַל־קַרְנֹת הַמִּזְבֵּחַ	אויף די הערנער פון דעם אַלטאַר,
אֲשֶׁר לִפְנֵי יְהוָה	וועלכער [2]איז פאר דעם עוויגען,
אֲשֶׁר בְּאֹהֶל מוֹעֵד	וועלכער [2]איז אין דעם פערזאַמלונגס געצעלט,
וְאֵת כָּל־הַדָּם יִשְׁפֹּךְ	און דאס גאַנצע בלוט זאל ער אויסגיסען
אֶל־יְסוֹד	צום גרונד
מִזְבַּח הָעֹלָה	פון דעם בראַנד־אָפּפער אַלטאַר,
אֲשֶׁר־פֶּתַח	וועלכער ([2]איז ביים) איינגאַנג
אֹהֶל מוֹעֵד׃	פון דעם פערזאַמלונגס געצעלט.
19. וְאֵת כָּל־חֶלְבּוֹ	19. און זיין גאַנצע פעטס
יָרִים מִמֶּנּוּ	זאל ער אראָב־נעהמען פון איהם.

וְהִקְטִיר הַמִּזְבֵּחָה׃	און ער זאל (עס) רויכערן אויף דעם אַלטאַר.
20. וְעָשָׂה לַפָּר	20. און ער זאל טהאָן צום שטיר,
כַּאֲשֶׁר עָשָׂה	ווי ער האט געטאָן
לְפַר הַחַטָּאת	צום שטיר פון דעם זינד אָפּפער,
כֵּן יַעֲשֶׂה־לּוֹ	אַזוי זאל ער טהאָן צו איהם,
וְכִפֶּר עֲלֵהֶם הַכֹּהֵן	און דער פריסטער זאל אויף זיי [3]פערגעבען,
וְנִסְלַח לָהֶם׃	און עס וועט זיי פערגעבען ווערען.
21. וְהוֹצִיא אֶת־הַפָּר	21. און ער זאל אַרויס־פיהרען דעם שטיר
אֶל־מִחוּץ לַמַּחֲנֶה	אויסער־האלב פון דעם לאַגער,
וְשָׂרַף אֹתוֹ	און ער זאל איהם פערברענען,
כַּאֲשֶׁר שָׂרַף	ווי ער האט פערברענט
אֵת הַפָּר הָרִאשׁוֹן	דעם ערשטען שטיר,
חַטַּאת הַקָּהָל הוּא׃	עס איז אַ זינד־אָפּפער פון דער פערזאַמלונג.
22. אֲשֶׁר נָשִׂיא יֶחֱטָא	22. ווען אַ פירשט וועט זינדיגען,
וְעָשָׂה	און ער וועט טהאָן
אַחַת מִכָּל־מִצְוֹת	איינע פון אלע פערבאָטען
יְהוָה אֱלֹהָיו	פון דעם עוויגען זיין גאט,
אֲשֶׁר לֹא־תֵעָשֶׂינָה	וועלכע דאַרפען ניט געטאָן ווערען,
בִּשְׁגָגָה	דורך איין אירטהום,
וְאָשֵׁם׃	און ער וועט זיך פערשולדיגען.
23. אוֹ־הוֹדַע אֵלָיו	23. און עס וועט איהם בעקאַנט געמאַכט ווערען[4]
חַטָּאתוֹ	זיין זינד,
אֲשֶׁר חָטָא בָּהּ	מיט וועלכע ער האט געזינדיגט,
וְהֵבִיא אֶת־קָרְבָּנוֹ	דאַן זאל ער בריינגען זיין אָפּפער
שְׂעִיר עִזִּים	אַ ציגען־באָק,
זָכָר תָּמִים׃	אַ מענגליכען, אָהן אַ פעהלער.
24. וְסָמַךְ יָדוֹ	24. און ער זאל אָנשפּאַרען זיין האַנד
עַל־רֹאשׁ הַשָּׂעִיר	אויף דעם קאָפּ פון דעם באָק,
וְשָׁחַט אֹתוֹ	און ער זאל איהם שלאַכטען
בִּמְקוֹם אֲשֶׁר־יִשְׁחַט	אין דעם אָרט וואו מען שלאַכטעט
אֶת־הָעֹלָה	דעם בראַנד־אָפּפער
לִפְנֵי יְהוָה	פאר דעם עוויגען.
חַטָּאת הוּא׃	עס איז אַ זינד־אָפּפער.
25. וְלָקַח הַכֹּהֵן	25. און דער פריסטער זאל נעהמען
מִדַּם הַחַטָּאת	פון דאס בלוט פון דעם זינד אָפּפער
בְּאֶצְבָּעוֹ	מיט זיין פינגער,

1) פון. 2) שטעהט. 3) פערזעהנען. 4) אזוי: ווי „וְהוּדַע" אָדער ווי „ונודעה" אין פ׳ 14, אדער „או" מיינט ווי „אם", זעה רש"י.

וְנָתַ֞ן עַל־קַרְנֹ֗ת	און ער זאל (עס) געבען אויף די הערנער
מִזְבַּ֣ח הָעֹלָ֔ה	פון דעם בראַנד־אָפּפער אַלטאַר,
וְאֶת־דָּמ֣וֹ יִשְׁפֹּ֔ךְ	און זיין בלוט זאל ער אויסגיסען
אֶל־יְס֖וֹד	צום גרונד
מִזְבַּ֥ח הָעֹלָֽה׃	פון דעם בראַנד־אָפּפער־אַלטאַר.
26. וְאֶת־כָּל־חֶלְבּ֞וֹ	26. און זיין גאַנצע פעטס
יַקְטִ֣יר הַמִּזְבֵּ֗חָה	זאל ער רויכערן אויף דעם אַלטאַר,
כְּחֵ֖לֶב זֶ֣בַח הַשְּׁלָמִ֑ים	ווי די פעטס פון די פרידענס שלאַכטונג
וְכִפֶּ֨ר עָלָ֧יו הַכֹּהֵ֛ן	און דער פריסטער זאל פערגעבען אויף איהם
מֵחַטָּאת֖וֹ	וועגען זיין זינד,
וְנִסְלַ֥ח לֽוֹ׃	און עס וועט איהם פערגעבען ווערען.
שִׁשִּׁי	שִׁשִּׁי
27. וְאִם־נֶ֧פֶשׁ אַחַ֛ת	27. און אויב [1]איין פערזאָן
תֶּחֱטָ֥א בִשְׁגָגָ֖ה	וועט זינדיגען דורך איין אירטהום
מֵעַ֣ם הָאָ֑רֶץ	פון דעם פאָלק פון דעם לאַנד[1]
בַּעֲשֹׂתָ֗הּ	דאַמיט וואס [2]ער וועט טהאָן
אַחַ֛ת מִמִּצְוֺ֥ת יְהוָ֖ה	איינע פון די פערבאָטענע פון דעם עוויגען,
אֲשֶׁ֥ר לֹא־תֵעָשֶׂ֖ינָה	וועלכע דאַרפען ניט געטאָן ווערען,
וְאָשֵֽׁם׃	און ער וועט זיך פערשולדיגען.
28. א֚וֹ הוֹדַ֣ע אֵלָ֔יו	28. און עס וועט איהם בעקאַנט געמאַכט ווערען[3]
חַטָּאת֖וֹ אֲשֶׁ֣ר חָטָ֑א	זיין זינד, וועלכע ער האט געזינדיגט.
וְהֵבִ֣יא קָרְבָּנ֗וֹ	דאַן זאל ער ברייגגען זיין אָפּפער
שְׂעִירַ֤ת עִזִּים֙	אַ ציג,
תְּמִימָ֣ה נְקֵבָ֔ה	אַ ווייבליכע, אָהן אַ פעהלער,
עַל־חַטָּאת֖וֹ	וועגען זיין זינד.
אֲשֶׁ֥ר חָטָֽא׃	וועלכע ער האט געזינדיגט.
29. וְסָמַךְ֙ אֶת־יָד֔וֹ	29. און ער זאל אָנשפּאַרען זיין האַנד
עַ֖ל רֹ֣אשׁ הַֽחַטָּ֑את	אויף דעם קאָפּ פון דעם זינד־אָפּפער,
וְשָׁחַט֙ אֶת־הַֽחַטָּ֔את	און ער זאל שלאַכטען דעם זינד־אָפּפער
בִּמְק֖וֹם הָעֹלָֽה׃	אין דעם אָרט פון דעם בראַנד־אָפּפער.
30. וְלָקַ֨ח הַכֹּהֵ֤ן	30. און דער פריסטער זאל נעהמען
מִדָּמָהּ֙	פון איהר בלוט
בְּאֶצְבָּע֔וֹ	מיט זיין פינגער,
וְנָתַ֕ן עַל־קַרְנֹ֖ת	און ער זאל (עס) געבען אויף די הערנער
מִזְבַּ֣ח הָעֹלָ֑ה	פון דעם בראַנד־אָפּפער־אַלטאַר,
וְאֶת־כָּל־דָּמָ֣הּ יִשְׁפֹּ֔ךְ	און איהר גאַנצע בלוט זאל ער אויסגיסען
אֶל־יְס֖וֹד הַמִּזְבֵּֽחַ׃	צום גרונד פון דעם אלטאַר.
31. וְאֶת־כָּל־חֶלְבָּ֣הּ	31. און איהר גאַנצע פעטס
יָסִ֗יר	זאל ער אַראָב־נעהמען,
כַּאֲשֶׁ֨ר הוּסַ֣ר חֵלֶב֮	ווי עס איז אַראָב־גענומען געוואָ־ען די פעטס
מֵעַ֣ל זֶ֣בַח הַשְּׁלָמִים֒	פון די פרידענס־שלאַכטונג
וְהִקְטִ֤יר הַכֹּהֵן֙	און דער פריסטער זאל (עס) רויכערן
הַמִּזְבֵּ֔חָה	אויף דעם אַלטאַר
לְרֵ֥יחַ נִיחֹ֖חַ לַיהוָ֑ה	צום ליבליכען גערוך צום עוויגען,
וְכִפֶּ֥ר עָלָ֛יו הַכֹּהֵ֖ן	און דעם פריסטער זאל פערגעבען אויף איהם,
וְנִסְלַ֥ח לֽוֹ׃	און עס וועט איהם פערגעבען ווערען.
32. וְאִם־כֶּ֛בֶשׂ	32. און אויב אַ לאַם
יָבִ֥יא קָרְבָּנ֖וֹ	וועט ער ברייגגען זיין אָפּפער
לְחַטָּ֑את	אַלס זינד־אָפּפער,
נְקֵבָ֥ה תְמִימָ֖ה	אַ ווייבליכעס, אָהן אַ פעהלער,
יְבִיאֶֽנָּה׃	זאל ער עס ברייגגען.
33. וְסָמַךְ֙ אֶת־יָד֔וֹ	33. און ער זאל אָנשפּאַרען זיין האַנד
עַ֖ל רֹ֣אשׁ הַֽחַטָּ֑את	אויף דעם קאָפּ פון דעם זינד־אָפּפער,
וְשָׁחַ֤ט אֹתָהּ֙ לְחַטָּ֔את	און ער זאל עס שלאַכטען אַלס אַ זינד־אָפּפער,
בִּמְק֕וֹם אֲשֶׁ֥ר יִשְׁחַ֖ט	אין דעם אָרט, וואו מען שלאַכטעט
אֶת־הָעֹלָֽה׃	דעם בראַנד־אָפּפער.
34. וְלָקַ֨ח הַכֹּהֵ֜ן	34. און דער פריסטער זאל נעהמען
מִדַּ֣ם הַֽחַטָּ֗את	פון דאס בלוט פון דעם זינד אָפּפער
בְּאֶצְבָּעוֹ֙	מיט זיין פינגער,
וְנָתַ֕ן עַל־קַרְנֹ֖ת	און ער זאל (עס) געבען אויף די הערנער
מִזְבַּ֣ח הָעֹלָ֑ה	פון דעם בראַנד־אָפּפער אַלטאַר,
וְאֶת־כָּל־דָּמָ֣הּ יִשְׁפֹּ֔ךְ	און איהר גאַנצע בלוט זאל ער אויסגיסען
אֶל־יְס֖וֹד הַמִּזְבֵּֽחַ׃	צום גרונד פון דעם אלטאַר.
35. וְאֶת־כָּל־חֶלְבָּ֣הּ	35. און איהרע גאַנצע פעטס
יָסִ֗יר	זאל ער אַראָב־נעהמען,
כַּאֲשֶׁ֨ר יוּסַ֥ר	ווי עס ווערט אַראָב־גענומען
חֵֽלֶב־הַכֶּשֶׂב֮	די פעטס פון דעם לאַם
מִזֶּ֣בַח הַשְּׁלָמִים֒	פון די פרידענס־שלאַכטונג,
וְהִקְטִ֨יר הַכֹּהֵ֤ן אֹתָם֙	און דער פריסטער זאל זיי רויכערן
הַמִּזְבֵּ֔חָה	אויף דעם אלטאַר
עַ֖ל אִשֵּׁ֣י יְהוָ֑ה	[4]איבער די פייער־אָפּפער פון עוויגען,
וְכִפֶּ֨ר עָלָ֧יו הַכֹּהֵ֛ן	און דער פריסטער זאל פערגעבען אויף איהם

1) ד. ה. איינער פון פאָלק, ניט אַ פירשט. 2) זי. 3) זעה בעמערקונג צו פ׳ 23. 4) זעה בעמערקונג 3 פ׳ 5.

עַל־חַטָּאתוֹ	וועגען זיין זינד,
אֲשֶׁר חָטָא	וועלכע ער האט געזינדיגט,
וְנִסְלַח לוֹ׃	און עס וועט איהם פערגעבען ווערען.

ה
Cap. V.

1. וְנֶפֶשׁ כִּי־תֶחֱטָא	1. און ווען א פערזאָן וועט זינדיגען,
וְשָׁמְעָה	דאמיט וואס זי האט געהערט
קוֹל אָלָה	די שטימע פון א בעשווערונג,[1]
וְהוּא עֵד	און ער איז א צייגע,[2]
אוֹ רָאָה אוֹ יָדָע	ענטוועדער ער האט געזעהן אָדער ער וויים (עפּעס),
אִם־לוֹא יַגִּיד	אויב ער וועט ניט זאגען,
וְנָשָׂא עֲוֺנוֹ׃	[3]דאַן וועט ער טראָגען זיין זינד.
2. אוֹ נֶפֶשׁ	2. אדער א פערזאָן,
אֲשֶׁר תִּגַּע	וואס וועט אָנריהרען
בְּכָל־דָּבָר טָמֵא	אָן איר־געָנד וועלכע אונרייניע זאַך,
אוֹ בְנִבְלַת	ענטוועדער אָן דעם טויטען קערפּער
חַיָּה טְמֵאָה	פון איין אונרייניע טהיר,
אוֹ בְּנִבְלַת	אדער אָן דעם טויטען קערפּער,
בְּהֵמָה טְמֵאָה	פון איין אונרייניע פיה,
אוֹ בְּנִבְלַת	אדער אָן דעם טויטען קערפּער
שֶׁרֶץ טָמֵא	פון איין אונרייניעם געווירם.
וְנֶעְלַם מִמֶּנּוּ	און עס וועט [5]פערבאָרגען ווערען פון איהם,
וְהוּא טָמֵא	[6]און ער איז אונריין,
וְאָשֵׁם׃	[6]און ער וועט זיך פערשולדיגען;[7]
3. אוֹ כִי יִגַּע	3. אדער ווען ער וועט אָנריהרען
בְּטֻמְאַת אָדָם	אָן די אונרייניקייט פון א מענשען,
לְכֹל טֻמְאָתוֹ	אָן זיין איר־געָנד וועלכע אונרייניקייט,
אֲשֶׁר יִטְמָא בָּהּ	וואס ער וועט ווערען אונריין דורך איהר,
וְנֶעְלַם מִמֶּנּוּ	און עס וועט [5]פערבאָרגען ווערען פון איהם.
וְהוּא יָדַע	און נאָכדעם האט ער זיך דערוואוסט,
וְאָשֵׁם׃	דאס ער האט זיך פערשולדיגט;
4. אוֹ נֶפֶשׁ	4. אדער א פערזאָן
כִּי תִשָּׁבַע	ווען זי וועט שווערען
לְבַטֵּא בִשְׂפָתַיִם	אַרויס־רעדענדיג מיט די ליפּען
לְהָרַע אוֹ לְהֵיטִיב	(זיך) שלעכטעס צו טהאָן אדער גוטעס צו טהאָן,
לְכֹל	אין אַלעם,
אֲשֶׁר יְבַטֵּא הָאָדָם	וואס דער מענש וועט אַרויס־רעדען

בִּשְׁבֻעָה	מיט א שוואור,
וְנֶעְלַם מִמֶּנּוּ	און עס וועט [5]פערבאָרגען ווערען פון איהם,
וְהוּא־יָדַע	און (נאָכדעם) האט ער זיך דערוואוסט,
וְאָשֵׁם	דאס ער האט זיך פערשולדיגט
לְאַחַת מֵאֵלֶּה׃	צו איינע פון דיזע (זאַכען).
5. וְהָיָה	5. און עס זאל זיין,
כִי־יֶאְשַׁם	ווען ער וועט זיך פערשולדיגען
לְאַחַת מֵאֵלֶּה	צו איינע פון דיזע (זאַכען),
וְהִתְוַדָּה	דאַן זאל ער בעקענען,
אֲשֶׁר חָטָא עָלֶיהָ׃	מיט וואס ער האט זיך פערזינדיגט,
6. וְהֵבִיא אֶת־אֲשָׁמוֹ	6. און ער זאל ברינגען זיין שולד־אָפּפער
לַיהוָה	צום עוויגען
עַל חַטָּאתוֹ	וועגען זיין זינד,
אֲשֶׁר חָטָא	וועלכע ער האט געזינדיגט,
נְקֵבָה מִן־הַצֹּאן	א ווייבליכעס פון די שאָף,
כִּשְׂבָּה	א לאַם
אוֹ־שְׂעִירַת עִזִּים	אדער א ציג
לְחַטָּאת	פיר א זינד־אָפּפער,
וְכִפֶּר עָלָיו הַכֹּהֵן	און דער פריסטער זאל אויף איהם פערגעבען
מֵחַטָּאתוֹ׃	וועגען זיין זינד.
7. וְאִם־לֹא תַגִּיעַ יָדוֹ	7. אבער ווען זיין האַנד וועט ניט גרייכען[8]
דֵּי שֶׂה	גענוג (פיר) א לאַם,
וְהֵבִיא אֶת־אֲשָׁמוֹ	דאַן זאל ער ברינגען [9]זיין שולד־אָפּפער,
אֲשֶׁר חָטָא	(וועגען דעם), וואס ער האט געזינדיגט,
שְׁתֵּי תֹרִים	צוויי טורטעל־טויבען
אוֹ־שְׁנֵי בְנֵי־יוֹנָה	אדער צוויי יונגע טויבען
לַיהוָה	צום עוויגען
אֶחָד לְחַטָּאת	איינע פיר א זינד־אָפּפער
וְאֶחָד לְעֹלָה׃	און איינע פיר א בראַנד־אָפּפער.
8. וְהֵבִיא אֹתָם	8. און ער זאל זיי ברינגען
אֶל־הַכֹּהֵן	צו דעם פריסטער.
וְהִקְרִיב	און ער זאל אָפּפערן
אֶת־אֲשֶׁר לַחַטָּאת	די וועלכע איז פיר א זינד־אָפּפער.
רִאשׁוֹנָה	צום ערשטען
וּמָלַק אֶת־רֹאשׁוֹ	און ער זאל אָב־קנייפּען זיין קאָפּ
מִמּוּל עָרְפּוֹ	פון געגען זיין נאַקען,

1) ד. ה. ער האט געהערט ווי מען האט בעשוואָרען, דאס דער וואס וויים, זאל עדות זאגען 2) ד. ה. ער וויים צוזאָגען עדות. 3) און ער וועט א. ז. וו. 4) קריכענדע. 5) פערגעסען. 6) דאס. 7) דאמיט, וואס ער וועט עסען הייליגעס אדער ער וועט אַריינגיין אים הייליגטהום. 8) ד. ה. ווען ער איז ניט אים שטאנדע. 9) (פיר) זיין זינד.

וְלֹא יַבְדִּיל׃	אבער ער זאל (עס) ניט אָבטהיילען.
9. וְהִזָּה	9. און ער זאל שפּרענגען
מִדַּם הַחַטָּאת	פון דאס בלוט פון דעם זינד־אָפּפער
עַל־קִיר הַמִּזְבֵּחַ	אויף דעם וואַנד פון דעם אלטאַר.
וְהַנִּשְׁאָר בַּדָּם	און דאס איבריגע פון דאס בלוט
יִמָּצֵה	זאל אויס־געדריקט ווערען
אֶל־יְסוֹד הַמִּזְבֵּחַ	צום גרונד פון דעם אַלטאַר,
חַטָּאת הוּא׃	עס איז אַ זינד־אָפּפער.
10. וְאֶת־הַשֵּׁנִי	10. און די צווייטע
יַעֲשֶׂה עֹלָה	זאל ער מאַכען אַ בראַנד־אָפּפער,
כַּמִּשְׁפָּט	נאך דעם רעכט,
וְכִפֶּר עָלָיו הַכֹּהֵן	און דער פריסטער זאל פערגעבען אויף איהם
מֵחַטָּאתוֹ אֲשֶׁר־חָטָא	וועגען זיין זינד, וועלכע ער האט געזינדיגט,
וְנִסְלַח לוֹ׃	און עס וועט איהם פערגעבען ווערען.
שְׁבִיעִי	שְׁבִיעִי
11. וְאִם־לֹא תַשִּׂיג יָדוֹ	11. און אויב זיין האַנד וועט ניט גרייכען
לִשְׁתֵּי תֹרִים	פיר צוויי טורטעל־טויבען
אוֹ לִשְׁנֵי בְנֵי־יוֹנָה	אדער פיר צוויי יונגע טויבען,
וְהֵבִיא אֶת־קָרְבָּנוֹ	דאַן זאל ער ברייגגען זיין אָפּפער,
אֲשֶׁר חָטָא	(וועגען דעם), וואס ער האט געזינדיגט
עֲשִׂירִת הָאֵפָה סֹלֶת	אַ צעהנטעל איפה פיינע מעהל
לְחַטָּאת	פיר אַ זינד־אָפּפער,
לֹא־יָשִׂים עָלֶיהָ שֶׁמֶן	ער זאל ניט לייגען אויף איהר אייל,
וְלֹא־יִתֵּן עָלֶיהָ לְבֹנָה	און ער זאל ניט געבען אויף איהר וויהרויך,
כִּי חַטָּאת הִוא׃	דען דאס איז אַ זינד-אָפּפער.
12. וֶהֱבִיאָהּ	12. און ער זאל עס ברייגגען
אֶל־הַכֹּהֵן	צום פריסטער,
וְקָמַץ הַכֹּהֵן ׀ מִמֶּנָּה	און דער פריסטער זאל אַראָב־נעהמען דאַפון
מְלוֹא קֻמְצוֹ	זיין פולען הויפען,
אֶת־אַזְכָּרָתָהּ	איהר געדענק־טהייל,
וְהִקְטִיר הַמִּזְבֵּחָה	און ער זאל (עס) רויכערן אויף דעם אלטאַר
עַל אִשֵּׁי יְהוָה	איבער[1] די פייער־אָפּפערס פון דעם עוויגען,
חַטָּאת הִוא׃	עס איז אַ זינד־אָפּפער.
13. וְכִפֶּר עָלָיו הַכֹּהֵן	13. און דער פריסטער זאל פערגעבען אויף איהם
עַל־חַטָּאתוֹ	וועגען זיין זינד,
אֲשֶׁר־חָטָא	וועלכע ער האט געזינדיגט

מֵאַחַת מֵאֵלֶּה	געגען איינע פון דיזע (זאכען)
וְנִסְלַח לוֹ	און עס וועט איהם פערגעבען ווערען,
וְהָיְתָה לַכֹּהֵן	און עס זאל געהערען צום פריסטער
כַּמִּנְחָה׃	אַזוי ווי דער שפּייז־אָפּפער.
14. וַיְדַבֵּר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	14. און דער עוויגער האט גערעט צו משה,
לֵאמֹר׃	זאָגענדיג:
15. נֶפֶשׁ	15. אַ פערזאָן
כִּי־תִמְעֹל מַעַל	ווען עס וועט בעגיין איין אונטרייע,
וְחָטְאָה בִּשְׁגָגָה	און וועט זינדיגען דורך איין אירטהום
מִקָּדְשֵׁי יְהוָה	געגען די הייליגטהימער פון דעם עוויגען,[2]
וְהֵבִיא אֶת־אֲשָׁמוֹ	דאַן זאל ער ברייגגען זיין שולד-אָפּפער
לַיהוָה	צום עוויגען,
אַיִל תָּמִים	אַ ווידער אָהן אַ פעהלער,
מִן־הַצֹּאן	פון די שאָף
בְּעֶרְכְּךָ	נאך דיין שאַצונג
כֶּסֶף־שְׁקָלִים	(אין ווערטה פון צוויי) זילבערנע שקל,
בְּשֶׁקֶל־הַקֹּדֶשׁ	נאך דעם שקל פון דעם הייליגטהום
לְאָשָׁם׃	פיר אַ שולד־אָפּפער.
16. וְאֵת אֲשֶׁר חָטָא	16. און דאס, וואס ער האט געזינדיגט
מִן־הַקֹּדֶשׁ	געגען דעם הייליגטהום,
יְשַׁלֵּם	זאל ער בעצאָהלען,
וְאֶת־חֲמִישִׁתוֹ	און זיין פינפטע טהייל[3]
יוֹסֵף עָלָיו	זאל ער צולייגען צו איהם,
וְנָתַן אֹתוֹ לַכֹּהֵן	און ער זאל עס געבען צום פריסטער,
וְהַכֹּהֵן יְכַפֵּר עָלָיו	און דער פריסטער זאל פערגעבען אויף איהם
בְּאֵיל הָאָשָׁם	מיט דעם ווידער פון דעם שולד־אָפּפער,
וְנִסְלַח לוֹ׃	און עס וועט איהם פערגעבען ווערען.
17. וְאִם־נֶפֶשׁ כִּי תֶחֱטָא	17. און אויב אַ פערזאָן וועט זינדיגען,
וְעָשְׂתָה	און וועט טהאָן
אַחַת מִכָּל־מִצְוֹת יְיָ	איינע פון אַלע פערבאָטען פון דעם עוויגען,
אֲשֶׁר לֹא תֵעָשֶׂינָה	וועלכע דאַרפען ניט געטאָן ווערען,
וְלֹא־יָדַע	און ער וויים ניט[4]
וְאָשֵׁם	און ער האט זיך פערשולדיגט
וְנָשָׂא עֲוֹנוֹ׃	און ער טראָגט זיין זינד.
18. וְהֵבִיא	18. דאַן זאל ער ברייגגען

1) זעה בעמערקונג צו 3. 5. 2) ד. ה. ווען ער האט ניט געבראַכט זיינע בכורים, מעשרות, נדרים, נעטהיגע קרבנות א. ז. וו. 3) ד. ה. אַ פינפטעל פון וואס ער איז שולדיג. 4) היר רעדט זיך פון אשם תלוי, זעה רש"י.

אַיִל תָּמִים	אַ ווידער, אָהן אַ פעהלער,
מִן־הַצֹּאן	פון די שאָף
בְּעֶרְכְּךָ	נאָך דיין שאַצונג
לְאָשָׁם	פיר אַ שולד־אָפּפער
אֶל־הַכֹּהֵן	צום פריסטער,
וְכִפֶּר עָלָיו הַכֹּהֵן	און דער פריסטער זאָל פערגעבען אויף איהם
עַל שִׁגְגָתוֹ	וועגען זיין אירטהום,
אֲשֶׁר־שָׁגָג	וועלכען ער איז בעגאַנגען
וְהוּא לֹא־יָדַע	און ער האָט ניט געוואוסט,
וְנִסְלַח לוֹ׃	און עס וועט איהם פערגעבען ווערען.
19. אָשָׁם הוּא	19. עס איז אַ שולד־אָפּפער
אָשֹׁם אָשַׁם לַיהוָה׃	ער האָט זיך פערשולדיגט געגען דעם עווינען.
20 וַיְדַבֵּר יי אֶל־מֹשֶׁה	20. און דער עוויגער האָט גערעדט צו משה,
לֵּאמֹר׃	זאָגענדיג:
21. נֶפֶשׁ כִּי תֶחֱטָא	21. ווען אַ פערזאָן וועט זינדיגען,
וּמָעֲלָה מַעַל בַּיהוָה	און וועט בעגיין אונטרייע געגען דעם עוויגען,
וְכִחֵשׁ בַּעֲמִיתוֹ	און ער וועט לייקענען זיין [1]נעכסטען,
בְּפִקָּדוֹן	אין אַ בעהאַלטענע זאַך[2]
אוֹ־בִתְשׂוּמֶת יָד	אדער אין וואס מען האָט איהם איבערגעבען אין האַנד[3]
אוֹ בְגָזֵל	אדער אין רויב[4]
אוֹ עָשַׁק אֶת־עֲמִיתוֹ׃	אדער ער האָט ערפּרעסט (פון) זיין [1]נעכסטען.
22. אוֹ־מָצָא אֲבֵדָה	22. אדער ער האָט געפונען אַ פערלאָרענע (זאַך),
וְכִחֶשׁ בָּהּ	און ער האָט עס געלייקענט,
וְנִשְׁבַּע עַל־שָׁקֶר	און ער האָט געשוואָרען אויף פאַלשעס:
עַל־אַחַת מִכֹּל	וועגען איינע פון אַלע (זאַכען)
אֲשֶׁר־יַעֲשֶׂה הָאָדָם	וואס דער מענש וועט טהאָן
לַחֲטֹא בָהֵנָּה׃	צו זינדיגען הירך זיי.
23 וְהָיָה	23. און עס זאָל זיין,
כִּי־יֶחֱטָא	ווען ער וועט זינדיגען,
וְאָשֵׁם	און ער וועט זיך פערשולדיגען,
וְהֵשִׁיב אֶת־הַגְּזֵלָה	דאַן זאָל ער צוריק־קעהרען דעם רויב,
אֲשֶׁר גָּזָל	וואס ער האָט גערויבט,
אוֹ אֶת־הָעֹשֶׁק	אדער דאָס ערפּרעסטע,
אֲשֶׁר עָשָׁק	וואס ער האָט ערפּרעסט,
אוֹ אֶת־הַפִּקָּדוֹן	אדער די בעהאַלטענע זאַך,
אֲשֶׁר הָפְקַד אִתּוֹ	וואס איז בעהאַלטען געוואָרען ביי איהם,

אוֹ אֶת־הָאֲבֵדָה	אדער די פערלאָרענע (זאַך)
אֲשֶׁר מָצָא׃	וואס ער האָט געפונען.
מַפְטִיר	מַפְטִיר
24. אוֹ מִכֹּל	24. אדער (איינע) פון אַלע (זאַכען)
אֲשֶׁר־יִשָּׁבַע עָלָיו לַשֶּׁקֶר	וואס ער וועט שווערען דאַריף פאַלש,
וְשִׁלַּם אֹתוֹ בְּרֹאשׁוֹ	דאַן זאָל ער עס בעצאָהלען אין פול[5]
וַחֲמִשִׁתָיו יֹסֵף עָלָיו	און אַ פינפטעל דאַפון זאָל ער צולייגען צו איהם;
לַאֲשֶׁר הוּא לוֹ	צו דעם, צו וועמען עס געהערט,
יִתְּנֶנּוּ	זאָל ער עס געבען
בְּיוֹם אַשְׁמָתוֹ׃	אין דעם טאָג פון זיין שולד.[6]
25. וְאֶת־אֲשָׁמוֹ	25. און זיין שולד־אָפּפער
יָבִיא לַיהוָה	זאָל ער ברינגען צום עוויגען
אַיִל תָּמִים	אַ ווידער אָהן אַ פעהלער,
מִן־הַצֹּאן	פון די שאָף
בְּעֶרְכְּךָ	נאָך דיין שאַצונג
לְאָשָׁם	אַלס שולד אָפּפער
אֶל־הַכֹּהֵן׃	צום פריסטער.
26. וְכִפֶּר עָלָיו הַכֹּהֵן	26. און דער פריסטער זאָל פערגעבען אויף איהם
לִפְנֵי יְהוָה	פאַר דעם עוויגען,
וְנִסְלַח לוֹ	און עס וועט איהם פערגעבען ווערען
עַל־אַחַת מִכֹּל	אויף איינע פון אַלע (זאַכען)
אֲשֶׁר־יַעֲשֶׂה	וואס ער וועט טהאָן,
לְאַשְׁמָה בָהּ׃	זיך צו פערשולדיגען דורך איהר.

צַו — TZAV

Cap. VI. — ו

1. וַיְדַבֵּר יי אֶל־מֹשֶׁה	1. און דער עוויגער האָט גערעדט צו משה,
לֵּאמֹר׃	זאָגענדיג:
2. צַו אֶת־אַהֲרֹן	2. בעפעהל אהרן
וְאֶת־בָּנָיו	און זיינע זיהן
לֵאמֹר	זאָגענדיג:
זֹאת תּוֹרַת הָעֹלָה	דיזעס איז דאָס געזעץ פון דעם בראַנד־אָפּפער:
הִוא הָעֹלָה	דאָס בראַנד־אָפּפער
עַל מוֹקְדָה	(זאָל בלייבען) אויף דער פייער־שטעלע,
עַל־הַמִּזְבֵּחַ	אויף דעם אַלטאַר,

1) פריינד, נעבען־מענש. 2) ד. ה. וואס מען האָט ביי איהם בעהאַלטען. 3) ד. ה. געלד, וואס מען האָט איהם געגעבען אין געשעפט. רש"י. 4) וואס ער האָט גערויבט. 5) זעה בעמערקונג 4 צו במדבר 5. 7. 6) שולד־אָפּפער, שולד־בעקענונג, בעשולדיגונג.

כָּל־הַלַּיְלָה	די גאנצע נאכט
עַד־הַבֹּקֶר	ביז צום מארגען,
וְאֵשׁ הַמִּזְבֵּחַ	און דאס פייער פון דעם אלטאר
תּוּקַד בּוֹ׃	זאל ברענען אויף איהם.
3. וְלָבַשׁ הַכֹּהֵן	3. און דער פריסטער זאל [1]אנציהען
מִדּוֹ בַד	זיין לייבענע קלייד
וּמִכְנְסֵי־בַד	און לייבענע הויזען
יִלְבַּשׁ עַל־בְּשָׂרוֹ	זאל ער [1]אנציהען אויף זיין לייב,
וְהֵרִים אֶת־הַדֶּשֶׁן	און ער זאל אוועג־נעהמען די אש,
אֲשֶׁר תֹּאכַל הָאֵשׁ	וועלכע דאס פייער וועט פערצעהרען
אֶת־הָעֹלָה	דעם בראנד־אָפּפער [2]
עַל־הַמִּזְבֵּחַ	אויף דעם אלטאר,
וְשָׂמוֹ אֵצֶל הַמִּזְבֵּחַ׃	און ער זאל עס לייגען ביי דעם אלטאר.
4. וּפָשַׁט אֶת־בְּגָדָיו	4. און ער זאל אראָפּ־ציהען זיינע קליידער,
וְלָבַשׁ	און ער זאל [1]אנציהען
בְּגָדִים אֲחֵרִים	אנדערע קליידער,
וְהוֹצִיא אֶת־הַדֶּשֶׁן	און ער זאל ארויס ברענגען די אש
אֶל־מִחוּץ לַמַּחֲנֶה	אויסער־האלב פון דעם לאגער
אֶל־מָקוֹם טָהוֹר׃	צו א ריינעם אָרט.
5. וְהָאֵשׁ עַל־הַמִּזְבֵּחַ	5. און די פייער אויף דעם אלטאר
תּוּקַד־בּוֹ	זאל ברענען אויף איהם,
לֹא תִכְבֶּה	עס זאל ניט פערלאשען ווערען,
וּבִעֵר עָלֶיהָ הַכֹּהֵן	און דער פריסטער זאל [3]אויף איהר אנצינדען
עֵצִים	האלץ
בַּבֹּקֶר בַּבֹּקֶר	מארגען פיר מארגען,
וְעָרַךְ עָלֶיהָ הָעֹלָה	און ער זאל [3]אויף איהר ארדנען דעם בראנד־אָפּפער
וְהִקְטִיר עָלֶיהָ	און ער זאל [3]אויף איהר רויכערן
חֶלְבֵי הַשְּׁלָמִים׃	די פעט־שטיקער פון די פרידענס־אָפּפער.
6. אֵשׁ תָּמִיד	6. בעשטענדיגע פייער
תּוּקַד עַל־הַמִּזְבֵּחַ	זאל ברענען אויף דעם אלטאר
לֹא תִכְבֶּה׃	עס זאל ניט פערלאשען ווערען.
7. וְזֹאת תּוֹרַת	7. און דיזעס איז דאס געזעטץ
הַמִּנְחָה	פון דעם שפייז־אָפּפער:
הַקְרֵב אֹתָהּ	ברענגען זאלען עס
בְּנֵי־אַהֲרֹן	אהרן'ס זיהן
לִפְנֵי יְהוָה	פאר דעם עוויגען
אֶל־פְּנֵי הַמִּזְבֵּחַ׃	צו דער פאָדער־זייטע פון דעם אלטאר.
8. וְהֵרִים מִמֶּנּוּ	8. און [4]ער זאל אראָב־נעהמען דאפון
בְּקֻמְצוֹ	מיט זיין הויפען
מִסֹּלֶת הַמִּנְחָה	פון די פיינע מעהל פון דעם שפייז־אָפּפער
וּמִשַּׁמְנָהּ	און פון איהרע אייל
וְאֵת כָּל־הַלְּבֹנָה	און די גאנצע ווייהרויך,
אֲשֶׁר עַל־הַמִּנְחָה	וועלכע איז אויף דעם שפייז־אָפּפער,
וְהִקְטִיר הַמִּזְבֵּחַ	און ער זאל רויכערן אויף דעם אלטאר
רֵיחַ נִיחֹחַ	(צום) ליבליכען גערוך
אַזְכָּרָתָהּ לַיהוָה׃	איהר געדענק־טהייל צום עוויגען.
9. וְהַנּוֹתֶרֶת מִמֶּנָּה	9. און דאס איבריגע דאפון
יֹאכְלוּ אַהֲרֹן וּבָנָיו	זאלען עסען אהרן און זיינע זיהן,
מַצּוֹת תֵּאָכֵל	אונגעזויערט זאל עס געגעסען ווערען
בְּמָקוֹם קָדֹשׁ	אין א היילigען אָרט,
בַּחֲצַר אֹהֶל־מוֹעֵד	אין דעם הויף פון דעם פערזאמלונגס געצעלט
יֹאכְלוּהָ׃	זאלען זיי עס עסען.
10. לֹא תֵאָפֶה חָמֵץ	10. עס זאל ניט געבאקען ווערען געזויערט;
חֶלְקָם נָתַתִּי אֹתָהּ	(אלס) זייער טהייל האב איך עס געגעבען
מֵאִשָּׁי	פון מיינע פייער־אָפּפערס,
קֹדֶשׁ קָדָשִׁים הִוא	עס איז אלער־הייליגסט
כַּחַטָּאת וְכָאָשָׁם׃	ווי דער זינד אָפּפער און ווי דער שולד־אָפּפער.
11. כָּל־זָכָר	11. יעדעס מענליכע
בִּבְנֵי אַהֲרֹן	אונטער אהרן'ס קינדער
יֹאכְלֶנָּה	זאל עס עסען,
חָק־עוֹלָם	(אלס) עוויגער געזעטץ
לְדֹרֹתֵיכֶם	פיר אייערע געשלעכטער,
מֵאִשֵּׁי יְהוָה	פון די פייער־אָפּפערס פון דעם עוויגען;
כֹּל אֲשֶׁר־יִגַּע בָּהֶם	אלעס, וואס ריהרט זיך אן זיי
יִקְדָּשׁ׃	זאל הייליג זיין.
שֵׁנִי	שֵׁנִי
12. וַיְדַבֵּר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	12. און דער עוויגער האט גערעדט צו משה,
לֵּאמֹר׃	זאגענדיג:
13. זֶה קָרְבַּן	13. דיזער איז דער אָפּפער
אַהֲרֹן וּבָנָיו	פון אהרן און זיינע זיהן,
אֲשֶׁר־יַקְרִיבוּ לַיהוָה	וועלכע זיי זאלען ברייגנען צום עוויגען
בְּיוֹם הִמָּשַׁח אֹתוֹ	אין דעם טאג, (ווען) ער ווערט געזאלבט:

1) אנטאן, זיך אנקליידען. 2) ד. ה. די אש, וואס איז געוואָרען פון דעם, וואס דער פייער האט פערברענט דעם בראנד־אָפּפער. 3) דארויף, ד. ה. אויף דעם פייער. 4) איינער פון די פריסטערס.

עשירת האפה סלת	א צעהנטעל איפה פיינע מעהל,
מנחה תמיד	(אלס) בעשטענדיגער שפייז אפפער,[1]
מחציתה בבקר	א העלפט דאפון אם מארגען,
ומחציתה בערב:	און א העלפט דאפון אם אבענד.[1]
14. על־מחבת	14. אויף א פאן
בשמן תעשה	מיט אייל זאל עס געמאכט ווערען,
מרבכת תביאנה	[2]אבגעבריהט זאלסט'ו עס ברייגגען
תפיני	[3]צוויבאק,
מנחת פתים	[6]א שפייז־אפפער אין שטיקער
תקריב	זאלסט'ו עס ברייגגען
ריח־ניחח ליהוה:	(צום) ליבליכען גערוך פיר דעם עוויגען.
15. והכהן	15. און דער פריסטער,
המשיח תחתיו	וועלכער וועט געזאלבט ווערען אין זיין שטעלע
מבניו	פון זיינע זיהן,
יעשה אתה	זאל עס טהאן;
חק־עולם ליהוה	(אלס) עוויגער געזעטץ צום עוויגען;
כליל תקטר:	גאנץ זאל עס גערויכערט ווערען.
16. וכל־מנחת כהן	16. און יעדער שפייז־אפפער פון א פריסטער
כליל תהיה	זאל גאנץ (געאפפערט) ווערען,
לא תאכל:	עס זאל ניט גענעסען ווערען
17. וידבר יי אל־משה	17. און דער עוויגער האט גערעדט צו משה,
לאמר:	זאגענדיג:
18. דבר אל־אהרן	18. רייד צו אהרן
ואל־בניו	און צו זיינע זיהן,
לאמר	זאגענדיג:
זאת תורת החטאת	דיזעס איז דאס געזעטץ פון דעם זינד־אפפער:
במקום	אין דעם ארט,
אשר תשחט העלה	וואו דער בראנד־אפפער וועט געשלאכטעט ווערען
תשחט החטאת	זאל געשלאכט ווערען דער זינד־אפפער,
לפני יהוה	פאר דעם עוויגען,
קדש קדשים הוא:	עס איז אלער־הייליגסט.
19. הכהן	19. דער פריסטער,
המחטא אתה	וועלכער אפפערט עס אלס זינד־אפפער,
יאכלנה	זאל עס עסען;
במקום קדש תאכל	אין א הייליגען ארט זאל עס גענעסען ווערען,
בחצר אהל מועד:	אין דעם הויף פון פערזאמלונגס־געצעלט.

20. כל אשר־יגע	20. אלעס וואס וועט אנריהרען
בבשרה	אן איהרע פלייש,
יקדש	זאל הייליג זיין;
ואשר יזה מדמה	און דאס וואס עס וועט שפריצען פון איהר בלוט
על־הבגד	אויף'ן קלייד,
אשר יזה עליה	דאס, וואס עס שפריצט דארויף,[4]
תכבס במקום קדש:	זאלסט'ו וואשען אין א הייליגען ארט.
21. וכלי־חרש	21. און א ליימענע געפעס,
אשר תבשל־בו	וואס [5]עס וועט געקאכט ווערען דארין
ישבר	זאל צובראכען ווערען;
ואם־בכלי נחשת	און אויב אין א קופערנע געפעס,
בשלה	איז עס געקאכט געווארען,
ומרק ושטף	דאן זאל עס געשייערט און געשווענקט ווערען
במים:	מיט וואסער.
22. כל־זכר בכהנים	22. יעדעס מענליכע אונטער די פריסטער
יאכל אתה	זאל עס עסען;
קדש קדשים הוא:	עס איז אלער־הייליגסט.
23. וכל־חטאת	23. און יעדער זינד־אפפער,
אשר יובא מדמה	וואס וועט געבראכט ווערען פון איהר בלוט
אל־אהל מועד	צום פערזאמלונגס־געצעלט
לכפר בקדש	צום פערגעבען אים הייליגטהום,
לא תאכל	זאל ניט גענעסען ווערען,
באש תשרף:	אים פייער זאל עס פערברענט ווערען.
Cap. VII.	ז
1. וזאת תורת האשם	1. און דיזעס איז דאס געזעטץ פון דעם שולד־אפפער
קדש קדשים הוא:	עס איז אלער־הייליגסט.
2. במקום	2. אין דעם ארט
אשר ישחטו	וואו מען וועט שלאכטען
את־העלה	דעם בראנד־אפפער.
ישחטו את־האשם	זאל מען שלאכטען דעם שולד־אפפער,
ואת־דמו	און זיין בלוט
יזרק על־המזבח	זאל מען שפרענגען אויף דעם אלטאר
סביב:	ארום.
3. ואת כל־חלבו	3. און זיין גאנצע פעטס
יקריב ממנו	זאל מען אפפערן פון איהם.
את האליה	דעם ווידעל

1) דאס איז פיר דעם כהן גדול, אבער א כהן הדיוט האט נור ביי זיין איינווייהונג דיזען אפפער געבראכט. 2) אבגעקאכט, אפגעזאטען; געריסטעט; דורכגעקנעטען. 3) אייניגע מאל געבאקען ווי צוויבאק. 4) ד. ה. דער פלעק פון קלייד, וואס איז בעשפריצט געווארען. 5) דער זינד־אפפער. 6) ווי.

וְאֶת־הַחֵלֶב	און די פעטס,
הַמְכַסֶּה אֶת־הַקֶּרֶב :	וואס בעדעקט די איינגעווייד.
4. וְאֵת שְׁתֵּי הַכְּלָיֹת	4. און די צוויי נירען
וְאֶת־הַחֵלֶב	און די פעטס,
אֲשֶׁר עֲלֵיהֶן	וואס איז אויף זיי,
אֲשֶׁר עַל־הַכְּסָלִים	וואס איז ביי די פלאַנקען,
וְאֶת־הַיֹּתֶרֶת	און די רויט־פלייש,
עַל־הַכָּבֵד	(וואס איז) אויף דעם לעבער,
עַל־הַכְּלָיֹת	מיט די נירען
יְסִירֶנָּה :	זאל ער עס אַראָב־נעהמען.
5. וְהִקְטִיר אֹתָם הַכֹּהֵן	5. און דער פריסטער זאל זיי רויכערן
הַמִּזְבֵּחָה	אויף דעם אַלטאר
אִשֶּׁה לַיהוָה	(אַלס) פייער־אָפּפער צום עוויגען;
אָשָׁם הוּא :	עס איז אַ שולד־אָפּפער.
6. כָּל־זָכָר בַּכֹּהֲנִים	6. יעדעס מענליכע אונטער די פריסטערס
יֹאכְלֶנּוּ	זאל עס עסען,
בְּמָקוֹם קָדוֹשׁ יֵאָכֵל	אין אַ הייליגען אָרט זאל עס געגעסען ווערען,
קֹדֶשׁ קָדָשִׁים הוּא :	עס איז אַלער־הייליגסט.
7. כַּחַטָּאת כָּאָשָׁם	7. ווי דער זינד־אָפּפער, אַזוי דער שולד־אָפּפער,
תּוֹרָה אַחַת לָהֶם	איין געזעטץ איז פיר זיי;
הַכֹּהֵן	דער פריסטער,
אֲשֶׁר יְכַפֶּר־בּוֹ	וועלכער פערגיבט דאַמיט,
לוֹ יִהְיֶה :	צו איהם זאל עס געהערען.
8. וְהַכֹּהֵן הַמַּקְרִיב	8. און דער פריסטער, וועלכער אָפּפערט
אֶת־עֹלַת אִישׁ	דעם בראַנד־אָפּפער פון אַ מאַן,
עוֹר הָעֹלָה	די פעל פון דעם בראַנד־אָפּפער,
אֲשֶׁר הִקְרִיב	וואס ער האט געאָפּפערט
לַכֹּהֵן	(זאל זיין) פיר דעם פריסטער,
לוֹ יִהְיֶה :	צו איהם זאל עס געהערען.
9. וְכָל־מִנְחָה	9. און יעדער שפייז־אָפּפער
אֲשֶׁר תֵּאָפֶה בַּתַּנּוּר	וואס ווערט געבאַקען אים אויווען,
וְכָל־נַעֲשָׂה	און אַלעס, וואס ווערט געמאַכט
בַמַּרְחֶשֶׁת	אין דער בראָט־פאַן
וְעַל־מַחֲבַת	אדער אויף דער פאַן,
לַכֹּהֵן	(זאל זיין) פיר דעם פריסטער
הַמַּקְרִיב אֹתָהּ	וועלכער האט עס געאָפּפערט;
לוֹ תִהְיֶה :	צו איהם זאל עס געהערען.
10. וְכָל־מִנְחָה	10. און יעדער שפייז־אָפּפער
בְלוּלָה־בַשֶּׁמֶן	געמישט מיט אייל
וַחֲרֵבָה	אדער טרוקען
לְכָל־בְּנֵי אַהֲרֹן	צו אַלע קינדער פון אהרן
תִּהְיֶה	זאל עס געהערען,
אִישׁ כְּאָחִיו :	איינעם ווי דעם אַנדערן.
שְׁלִישִׁי	שְׁלִישִׁי
11. וְזֹאת תּוֹרַת	11. און דיזעס איז דאס געזעטץ
זֶבַח הַשְּׁלָמִים	פון די פרידענס־שלאַכטונג,
אֲשֶׁר יַקְרִיב לַיהוָה :	וואס יעמאַנד וועט ברייגגען צום עוויגען.
12. אִם עַל־תּוֹדָה	12. אויב צום דאַנק
יַקְרִיבֶנּוּ	וועט ער עס ברייגגען,
וְהִקְרִיב	דאַן זאל ער ברייגגען
עַל־זֶבַח הַתּוֹדָה	מיט דער דאַנק־שלאַכטונג
חַלּוֹת מַצּוֹת	אונגעזייערטע קוכענס.
בְּלוּלֹת בַּשֶּׁמֶן	געמישט מיט אייל,
וּרְקִיקֵי מַצּוֹת	און אונגעזייערטע קיכלעך,
מְשֻׁחִים בַּשָּׁמֶן	בעשמירט מיט אייל,
וְסֹלֶת מֻרְבֶּכֶת	און פיינע מעהל, אָבגע־ בריהט
חַלֹּת	(און געמאַכט) קוכענס,
בְּלוּלֹת בַּשָּׁמֶן :	געמישט מיט אייל.
13. עַל־חַלֹּת לֶחֶם חָמֵץ	13. מיט קוכענס פון געזייערטע ברויט
יַקְרִיב קָרְבָּנוֹ	זאל ער ברייגגען זיין אָפּפער
עַל־זֶבַח	ביי די שלאַכטונג
תּוֹדַת שְׁלָמָיו :	פון זיין דאַנק־פרידענס־ אָפּפער.
14. וְהִקְרִיב מִמֶּנּוּ	14. און ער זאל ברייגגען דאפון
אֶחָד מִכָּל־קָרְבָּן	איינעם פון יעדען אָפּפער[1]
תְּרוּמָה לַיהוָה	(אַלס) הייב־אָפּפער צום עוויגען,
לַכֹּהֵן	צום פריסטער,
הַזֹּרֵק	וועלכער שפּרענגט
אֶת־דַּם הַשְּׁלָמִים	דאס בלוט פון דעם פרידענס־אָפּפער,
לוֹ־יִהְיֶה :	צו איהם זאל עס געהערען.
15. וּבְשַׂר	15. און די פלייש
זֶבַח תּוֹדַת שְׁלָמָיו	פון זיין דאַנק־פרידענס־ שלאַכטונג,

1) ד. ה. איינע פון יעדער דערמאָהנטען סאָרט קוכענס געהערט צום פריסטער, און די איבריגע עסט דער, וואס האט געבראַכט דעם קרבן. זעה רש"י.

בְּיוֹם קָרְבָּנוֹ	אין דעם טאג פון זיין־אפפער
יֵאָכֵל	זאל עס געגעסען ווערען
לֹא־יַנִּיחַ מִמֶּנּוּ	ער זאל ניט ליגען לאזען דאפון
עַד־בֹּקֶר:	ביז (צום) מארגען.
16 וְאִם־נֶדֶר אוֹ נְדָבָה	16. און אויב א צוזאג אדער א פרייווילינע גאבע
זֶבַח קָרְבָּנוֹ	איז זיין אפפער־שלאכטונג.
בְּיוֹם הַקְרִיבוֹ	אין דעם טאג, (ווען) ער ברייגגט
אֶת־זִבְחוֹ	זיין שלאכטונג
יֵאָכֵל	זאל עס געגעסען ווערען,
וּמִמָּחֳרָת	און (אויך) אויף מארגען,
וְהַנּוֹתָר מִמֶּנּוּ	[1]אויב עס בלייבט איבריג דאפון,
יֵאָכֵל:	זאל עס געגעסען ווערען.
17. וְהַנּוֹתָר	17. אבער, וואס בלייבט איבריג
מִבְּשַׂר הַזָּבַח	פון די פלייש פון דער שלאכטונג,
בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי	אויף דעם דריטען טאג,
בָּאֵשׁ יִשָּׂרֵף:	זאל עס אים פייער פערברענט ווערען.
18. וְאִם הֵאָכֹל יֵאָכֵל	18. און אויב עס וועט געגעסען ווערען
מִבְּשַׂר־זֶבַח שְׁלָמָיו	פון די פלייש פון זיין פרידענס־שלאכטונג
בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי	אויף דעם דריטען טאג,
לֹא יֵרָצֶה	וועט עס ניט מיט ווילען אנגענומען ווערען.
הַמַּקְרִיב אֹתוֹ	דער וואס ברייגגט עס,
לֹא יֵחָשֵׁב לוֹ	דעם וועט עס ניט גערעכענט ווערען;
פִּגּוּל יִהְיֶה	עס איז אונווירדיג,
וְהַנֶּפֶשׁ	און די פערזאן
הָאֹכֶלֶת מִמֶּנּוּ	וואס עסט דאפון,
עֲוֹנָהּ תִּשָּׂא:	וועט טראגען איהר זינד.
19. וְהַבָּשָׂר	19. און די פלייש,
אֲשֶׁר יִגַּע בְּכָל־טָמֵא	וואס ריהרט אן אירגענד איין אונריינע (זאך),
לֹא יֵאָכֵל	זאל ניט געגעסען ווערען,
בָּאֵשׁ יִשָּׂרֵף	אים פייער זאל עס פערברענט ווערען;
וְהַבָּשָׂר	אבער די (ריינע) פלייש[2],
כָּל־טָהוֹר	יעדער ריינער
יֹאכַל בָּשָׂר:	קען (דאס) פלייש עסען.[3]
20. וְהַנֶּפֶשׁ	20. און די פערזאן,
אֲשֶׁר־תֹּאכַל בָּשָׂר	וואס וועט עסען פלייש
מִזֶּבַח הַשְּׁלָמִים	פון די פרידענס־שלאכטונג,
אֲשֶׁר לַיהוָה	וואס איז פיר דעם עוויגען,
וְטֻמְאָתוֹ עָלָיו	און זיין אונריינקייט איז אויף איהם,
וְנִכְרְתָה	דאן וועט אויסגעראט ווערען
הַנֶּפֶשׁ הַהִוא	יענע פערזאן
מֵעַמֶּיהָ:	פון איהר פאלק.
21. וְנֶפֶשׁ כִּי־תִגַּע	21. און ווען א פערזאן וועט אנריהרען
בְּכָל־טָמֵא	אן אירגענד איין אונריינע (זאך),
בְּטֻמְאַת אָדָם	אן די אונריינקייט פון א מענשען,
אוֹ בִּבְהֵמָה טְמֵאָה	אדער אן איין אונריינע פיה,
אוֹ בְּכָל־שֶׁקֶץ טָמֵא	אדער אן אירגענד איין אונריינעם [4]גרייעל,
וְאָכַל	און ער וועט עסען
מִבְּשַׂר זֶבַח הַשְּׁלָמִים	פון די פלייש פון די פרידענס־שלאכטונג,
אֲשֶׁר לַיהוָה	וואס איז פיר דעם עוויגען,
וְנִכְרְתָה	דאן וועט אויסגעראט ווערען
הַנֶּפֶשׁ הַהִוא	יענע פערזאן
מֵעַמֶּיהָ:	פון איהר פאלק.
22 וַיְדַבֵּר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	22. און דער עוויגער האט גערעט צו משה,
לֵּאמֹר:	זאגענדיג:
23. דַּבֵּר	23. רייד
אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	צו די קינדער ישראל,
לֵאמֹר	זאגענדיג:
כָּל־חֵלֶב	יעדע פעטס
שׁוֹר וְכֶשֶׂב וָעֵז	פון איין [5]אקס אדער א [6]לאם אדער א ציג
לֹא תֹאכֵלוּ:	זאלט איהר ניט עסען.
24. וְחֵלֶב נְבֵלָה	24. און די פעטס פון א [7]געפאלענע (פיה)
וְחֵלֶב טְרֵפָה	און די פעטס פון א צוריסענע (פיה)
יֵעָשֶׂה לְכָל־מְלָאכָה	מעג געברויכט ווערען צו יעדע ארבייט,
וְאָכֹל לֹא תֹאכְלֻהוּ:	אבער עסען זאלט איהר עס ניט עסען.
25. כִּי כָּל־אֹכֵל חֵלֶב	25. דען יעדער (וואס) עסט פעטס
מִן־הַבְּהֵמָה	פון דעם פיה,
אֲשֶׁר יַקְרִיב מִמֶּנָּה	וואס מען ברייגגט דאפון
אִשֶּׁה לַיהוָה	א פייער־אפפער צום עוויגען
וְנִכְרְתָה	וועט אויסגעראט ווערען
הַנֶּפֶשׁ הָאֹכֶלֶת	די פערזאן וואס עסט,
מֵעַמֶּיהָ:	פון איהר פאלק.
26. וְכָל־דָּם	26. און יעדע בלוט

1) אזוי ווי אם יותר; זעה רש"י. 2) פון דעם פרידענס־אפפער. 3) זאגאר ניט דער, וואס ברייגגט דעם אפפער. 4) שמוציגע זאך, מאוסקייט. 5) רינד. 6) שאף. 7) טויטע.

לֹא תֹאכְלוּ	זאלט איהר ניט עסען
בְּכֹל מוֹשְׁבֹתֵיכֶם	אין אלע אייערע וואָהן־ערטער
לָעוֹף וְלַבְּהֵמָה׃	פון געפליגעל אדער פון פיה.
27. כָּל־נֶפֶשׁ	27. יעדע פערזאָן,
אֲשֶׁר־תֹּאכַל כָּל־דָּם	וואס וועט עסען אירגענד וועלכע בלוט,
וְנִכְרְתָה	וועט אויסגעראָט ווערען
הַנֶּפֶשׁ הַהִוא	יענע פערזאָן
מֵעַמֶּיהָ׃	פון איהר פאָלק.
28 וַיְדַבֵּר יי אֶל־מֹשֶׁה	28. און דער עוויגער האט גערעט צו משה,
לֵּאמֹר׃	זאָגענדיג:
29. דַּבֵּר	29. רייד
אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	צו די קינדער ישראל,
לֵאמֹר	זאָגענדיג:
הַמַּקְרִיב	דער, וואס ברייננגט
אֶת־זֶבַח שְׁלָמָיו	זיין פרידענס־שלאַכטונג
לַיהוָֹה	צום עוויגען,
יָבִיא אֶת־קָרְבָּנוֹ	זאל ברייננגען זיין אָפּפער
לַיהוָֹה	צום עוויגען
מִזֶּבַח שְׁלָמָיו׃	פון זיין פרידענס שלאַכטונג.
30. יָדָיו תְּבִיאֶינָה	30. זיינע הענד זאלען ברייננגען
אֵת אִשֵּׁי יְהוָֹה	די פייער־אָפּפערס פון דעם עוויגען,
אֶת־הַחֵלֶב	די פעטס
עַל־הֶחָזֶה	[1]אויף די ברוסט
יְבִיאֶנּוּ	זאל ער עס ברייננגען;
אֵת הֶחָזֶה	די ברוסט
לְהָנִיף אֹתוֹ תְּנוּפָה	עס צו בעוועגען [2](אַלס) בעוועגונגס־אָפּפער
לִפְנֵי יְהוָֹה׃	פאר דעם עוויגען.
31. וְהִקְטִיר הַכֹּהֵן	31. און דער פריסטער זאל רויכערן
אֶת־הַחֵלֶב	די פעטס
הַמִּזְבֵּחָה	אויף דעם אַלטאַר,
וְהָיָה הֶחָזֶה	און די ברוסט זאל זיין
לְאַהֲרֹן וּלְבָנָיו׃	פיר אהרן און פיר זיינע זיהן.
32. וְאֵת שׁוֹק הַיָּמִין	32. און דעם רעכטען שענקעל
תִּתְּנוּ תְרוּמָה	זאלט איהר געבען (אַלס) הייב־אָפּפער
לַכֹּהֵן	צום פריסטער
מִזִּבְחֵי שַׁלְמֵיכֶם׃	פון אייערע פרידענס־שלאַכטונגען.

33. הַמַּקְרִיב	33. דער, וואס אָפּפערט
אֶת־דַּם הַשְּׁלָמִים	די בלוט פון די פרידענס־אָפּפערס
וְאֶת־הַחֵלֶב	און די פעטס
מִבְּנֵי אַהֲרֹן	פון אהרן׳ס זיהן,
לוֹ תִהְיֶה שׁוֹק הַיָּמִין	צו איהם זאל געהערען דער רעכטער שענקעל
לְמָנָה׃	פיר אַ גאַבע.
34. כִּי אֶת־חֲזֵה הַתְּנוּפָה	34. דען די ברוסט פון דעם בעוועגונגס־אָפּפער
וְאֵת שׁוֹק הַתְּרוּמָה	און דעם שענקעל פון דעם הייב־אָפּפער
לָקַחְתִּי	האב איך גענומען
מֵאֵת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל	פון די קינדער ישראל
מִזִּבְחֵי שַׁלְמֵיהֶם	פון זייערע פרידענס־שלאַכטונגען,
וָאֶתֵּן אֹתָם	און איך האב זיי געגעבען
לְאַהֲרֹן הַכֹּהֵן	צו אהרן, דעם פריסטער,
וּלְבָנָיו	און צו זיינע זיהן
לְחָק־עוֹלָם	אלס עוויגער געזעטץ
מֵאֵת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃	פון די קינדער ישראל.
35 זֹאת מִשְׁחַת אַהֲרֹן	35. דיזעס איז דער זאַלב־טהייל פון אהרן
וּמִשְׁחַת בָּנָיו	און דער זאַלב־טהייל פון זיינע זיהן
מֵאִשֵּׁי יְהוָֹה	פון די פייער־אָפּפערס פון דעם עוויגען,
בְּיוֹם הִקְרִיב אֹתָם	פון דעם טאג, (ווען) מען האט זיי צוגעפיהרט
לְכַהֵן לַיהוָֹה׃	פריסטערס צו זיין צום עוויגען.
36. אֲשֶׁר צִוָּה יְהוָֹה	36. וואס דער עוויגער האט בעפוילען
לָתֵת לָהֶם	זיי צו געבען,
בְּיוֹם מָשְׁחוֹ אֹתָם	אין דעם טאג, (ווען) מען האט זיי געזאַלבט,
מֵאֵת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	פון די קינדער ישראל
חֻקַּת עוֹלָם	(אַלס) עוויגער געזעטץ
לְדֹרֹתָם׃	פיר זייערע געשלעכטער.
37. זֹאת הַתּוֹרָה	37. דיזעס איז דאס געזעטץ
לָעֹלָה לַמִּנְחָה	פיר דעם בראַנד־אָפּפער, פיר דעם שפּייז־אָפּפער
וְלַחַטָּאת וְלָאָשָׁם	און פיר דעם זינד־אָפּפער און פיר דעם שולד־אָפּפער,
וְלַמִּלּוּאִים	און פיר דעם אַיינווייהונגס־אָפּפער
וּלְזֶבַח הַשְּׁלָמִים׃	און פיר די פרידענס־שלאַכטונג;
38. אֲשֶׁר צִוָּה יְהוָֹה אֶת־מֹשֶׁה	38. וואס דער עוויגער האט בעפוילען משה
בְּהַר סִינָי	אויף דעם באַרג סיני,

1) זעה רש״י. 2) וועבען אַלס וועב־אָפּפער. 3) אַ בעוועגונג.

בְּיוֹם צַוֺּתוֹ	אין דעם טאג, (ווען) ער האט בעפוילען
אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	די קינדער ישראל
לְהַקְרִיב	צו ברייגגען
אֶת־קָרְבְּנֵיהֶם	זייערע אָפּפערס
לַיהוָה	צום עוויגען
בְּמִדְבַּר סִינָי׃	אין דער וויסטע סיני.
Cap. VIII.	ח
רְבִיעִי	רְבִיעִי
1. וַיְדַבֵּר יְיָ אֶל מֹשֶׁה	1. און דער עוויגער האט גערעט צו משה,
לֵּאמֹר׃	זאָגענדיג:
2. קַח אֶת־אַהֲרֹן	2. נעהם אהרן
וְאֶת־בָּנָיו אִתּוֹ	און זיינע זיהן מיט איהם,
וְאֵת הַבְּגָדִים	און די קליידער
וְאֵת שֶׁמֶן הַמִּשְׁחָה	און די זאלב־אייל
וְאֵת׀ פַּר הַחַטָּאת	און דעם שטיר פון דעם זינד־אָפּפער
וְאֵת שְׁנֵי הָאֵילִים	און די צוויי ווידערס
וְאֵת סַל הַמַּצּוֹת׃	און דעם קאָרב (מיט) די אונגעזייערטע ברויט.
3. וְאֵת כָּל־הָעֵדָה	3. און די גאנצע געמיינדע
הַקְהֵל	פערזאמעל
אֶל־פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד׃	צום איינגאנג פון דעם פערזאמלונגס־געצעלט.
4. וַיַּעַשׂ מֹשֶׁה	4. און משה האט געטאָן
כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֹתוֹ	ווי דער עוויגער האט איהם בעפוילען;
וַתִּקָּהֵל הָעֵדָה	און די געמיינדע האט זיך פערזאמעלט
אֶל־פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד׃	צום איינגאנג פון דעם פערזאמלונגס־געצעלט.
5. וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה	5. און משה האט געזאָגט
אֶל־הָעֵדָה	צו דער געמיינדע:
זֶה הַדָּבָר	דיזע איז די זאך,
אֲשֶׁר־צִוָּה יְהוָה	וועלכע דער עוויגער האט בעפוילען
לַעֲשׂוֹת׃	צו טהאָן.
6. וַיַּקְרֵב מֹשֶׁה	6. און משה האט צוגעפיהרט
אֶת־אַהֲרֹן וְאֶת־בָּנָיו	אהרן און זיינע זיהן,
וַיִּרְחַץ אֹתָם בַּמָּיִם׃	און ער האט זיי געוואַשען מיט וואסער.
7. וַיִּתֵּן עָלָיו	7. און ער האט געגעבען אויף איהם
אֶת־הַכֻּתֹּנֶת	די העמדע,
וַיַּחְגֹּר אֹתוֹ בָּאַבְנֵט	און ער האט איהם אַרום־גע־גאַרטעלט מיט'ן גאַרטעל,
וַיַּלְבֵּשׁ אֹתוֹ	און ער האט איהם אָנגעקליידעט
אֶת־הַמְּעִיל	דעם איבער־מאַנטעל,
וַיִּתֵּן עָלָיו	און ער האט געגעבען אויף איהם,
אֶת־הָאֵפֹד	דעם אפוד,
וַיַּחְגֹּר אֹתוֹ	און ער האט איהם ארומ־געגאַרטעלט
בְּחֵשֶׁב הָאֵפֹד	מיט דעם גאַרטעל פון דעם אפוד,
וַיֶּאְפֹּד לוֹ בּוֹ׃ *	און ער האט איהם [3] בעפעסטיגט דאַמיט. *
8. וַיָּשֶׂם עָלָיו	8. און ער האט געזעצט דארויף
אֶת־הַחֹשֶׁן	דעם ברוסט־שילד,
וַיִּתֵּן אֶל־הַחֹשֶׁן	און ער האט געלייגט אין דעם ברוסט־שילד
אֶת־הָאוּרִים	די אורים
וְאֶת־הַתֻּמִּים׃	און די תומים.[4]
9 וַיָּשֶׂם אֶת־הַמִּצְנֶפֶת	9 און ער האט געזעצט די מיטצע
עַל־רֹאשׁוֹ	אויף זיין קאָפּ.
וַיָּשֶׂם עַל־הַמִּצְנֶפֶת	און ער האט געזעצט אויף דער מיטצע
אֶל־מוּל פָּנָיו	געגען זיין פאָדער־זייטע
אֵת צִיץ הַזָּהָב	דעם גאָלדענעם שטערן־בלעך,
נֵזֶר הַקֹּדֶשׁ	דעם הייליגען קרוין,
כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃	ווי דער עוויגער האט בעפוילען משה.
10. וַיִּקַּח מֹשֶׁה	10. און משה האט גענומען
אֶת־שֶׁמֶן הַמִּשְׁחָה	די זאלב־אייל,
וַיִּמְשַׁח אֶת־הַמִּשְׁכָּן	און ער האט געזאַלבט דעם וואָהנונג,
וְאֶת־כָּל־אֲשֶׁר־בּוֹ	און אַלעס, וואס איז אין איהם,
וַיְקַדֵּשׁ אֹתָם׃	און ער האט זיי געהייליגט.
11. וַיַּז מִמֶּנּוּ	11. און ער האט געשפריצט דאפון
עַל־הַמִּזְבֵּחַ	אויף דעם אַלטאַר
שֶׁבַע פְּעָמִים	זיבען מאָל,
וַיִּמְשַׁח אֶת־הַמִּזְבֵּחַ	און ער האט געזאַלבט דעם אַלטאַר
וְאֶת־כָּל־כֵּלָיו	און אַלע זיינע געפעס
וְאֶת־הַכִּיֹּר וְאֶת־כַּנּוֹ	און דעם וואַש־בעקען און זיין געשטעל,
לְקַדְּשָׁם׃	אום זיי צו הייליגען.
12. וַיִּצֹק	12. און ער האט געגאָסען
מִשֶּׁמֶן הַמִּשְׁחָה	פון די זאַלב־אייל
עַל רֹאשׁ אַהֲרֹן	אויף אהרן'ס קאָפּ,
וַיִּמְשַׁח אֹתוֹ	און ער האט איהם געזאַלבט
לְקַדְּשׁוֹ׃	אום איהם צו הייליגען.

1) געלייגט, איהם אָנגעטאָן. 2) לייב־ראָק. 3) אַרום־געגאַרטעלט, אַרומגעבונדען. 4) זעה רש"י און שטיינבערג'ס באור, שמות 28. 30.

* הייער איז די העלפט פון דער תורה אין פסוקים.

13. וַיַּקְרֵב מֹשֶׁה	13. און משה האט צוגעפיהרט
אֶת־בְּנֵי אַהֲרֹן	אהרן'ס זיהן,
וַיַּלְבִּשֵׁם כֻּתֳּנֹת	און ער האט זיי אנגעקלייר־דעט (מיט) העמדער,
וַיַּחְגֹּר אֹתָם אַבְנֵט	און ער האט זיי ארומגעגאר־טעלט (מיט) א גארטעל,
וַיַּחֲבֹשׁ לָהֶם מִגְבָּעוֹת	און ער האט זיי [1]אנגעטאן הויכע מיטצען,
כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהֹוָה אֶת־מֹשֶׁה׃	ווי דער עוויגער האט בעפוילען משה.
חֲמִישִׁי	חֲמִישִׁי
14. וַיַּגֵּשׁ	14. און ער האט געבראכט
אֵת פַּר הַחַטָּאת	דעם שטיר פון דעם זינד־אפפער,
וַיִּסְמֹךְ אַהֲרֹן וּבָנָיו	און אהרן און זיינע זיהן האבען אנגעשפארט
אֶת־יְדֵיהֶם	זייערע הענד
עַל־רֹאשׁ	אויף דעם קאפ
פַּר הַחַטָּאת׃	פון דעם שטיר פון דעם זינד־אפפער.
15. וַיִּשְׁחָט	15. און [2] מען האט (איהם) געשלאכטעט,
וַיִּקַּח מֹשֶׁה אֶת־הַדָּם	און משה האט גענומען די בלוט,
וַ יִּ תֵּ ן	און ער האט (עס) געגעבען
עַל־קַרְנוֹת הַמִּזְבֵּחַ	אויף די הערנער פון דעם אלטאר
סָבִיב	ארום
בְּאֶצְבָּעוֹ	מיט זיין פינגער,
וַיְחַטֵּא אֶת־הַמִּזְבֵּחַ	און ער האט [3]געריייניגט דעם אלטאר,
וְאֶת־הַדָּם יָצַק	און די בלוט האט ער געגאסען
אֶל־יְסוֹד הַמִּזְבֵּחַ	צו דעם גרונד פון דעם אלטאר,
וַיְקַדְּשֵׁהוּ	און ער האט [4]איהם געהייליגט,
לְכַפֵּר עָלָיו׃	אום צו פערגעבען אויף [4]איהם.
16. וַיִּקַּח	16. און ער האט גענומען
אֶת־כָּל־הַחֵלֶב	די גאנצע פעטס,
אֲשֶׁר עַל־הַקֶּרֶב	וואס איז אויף די איינגעווידע,
וְאֵת יֹתֶרֶת הַכָּבֵד	און די רויט-פלייש פון דעם לעבער
וְאֶת־שְׁתֵּי הַכְּלָיֹת	און די צוויי נירען
וְאֶת־חֶלְבְּהֶן	און זייערע פעטס,
וַיַּקְטֵר מֹשֶׁה	און משה האט (עס) גערויכערט
הַמִּזְבֵּחָה׃	אויף דעם אלטאר.
17. וְאֶת־הַפָּר	17. און דעם שטיר
וְאֶת־עֹרוֹ	און זיין פעל
וְאֶת־בְּשָׂרוֹ	און זיין פלייש
וְאֶת־פִּרְשׁוֹ	און זיין מיסט
שָׂרַף בָּאֵשׁ	האט ער פערברענט אים פייער
מִחוּץ לַמַּחֲנֶה	אויסער־האלב פון דעם לאגער,
כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהֹוָה אֶת־מֹשֶׁה׃	ווי דער עוויגער האט בעפוילען משה.
18. וַיַּקְרֵב	18. און ער האט געבראכט
אֵת אֵיל הָעֹלָה	דעם ווידער פון דעם בראנד־אפפער
וַיִּסְמְכוּ אַהֲרֹן וּבָנָיו	און אהרן און זיינע זיהן האבען אנגעשפארט
אֶת־יְדֵיהֶם	זייערע הענד
עַל־רֹאשׁ הָאָיִל׃	אויף דעם קאפ פון דעם ווידער.
19. וַיִּשְׁחָט	19. און [2]מען האט (איהם) געשלאכטעט,
וַיִּזְרֹק מֹשֶׁה	און משה האט געשפרענגט
אֶת־הַדָּם	די בלוט
עַל־הַמִּזְבֵּחַ סָבִיב׃	אויף דעם אלטאר ארום.
20. וְאֶת־הָאַיִל	20. און דעם ווידער
נִתַּח לִנְתָחָיו	האט ער צושניטען אויף זיינע שטיקער,
וַיַּקְטֵר מֹשֶׁה	און משה האט גערויכערט
אֶת־הָרֹאשׁ	דעם קאפ
וְאֶת־הַנְּתָחִים	און די שטיקער
וְאֶת־הַפָּדֶר׃	און די פעטס.
21. וְאֶת־הַקֶּרֶב	21. און די איינגעווידע
וְאֶת־הַכְּרָעַיִם	און די קני־שטיקער
רָחַץ בַּמָּיִם	האט ער געוואשען מיט וואסער,
וַיַּקְטֵר מֹשֶׁה	און משה האט גערויכערט
אֶת־כָּל־הָאַיִל	דעם גאנצען ווידער
הַמִּזְבֵּחָה	אויף דעם אלטאר;
עֹלָה הוּא	דאס איז א בראנד־אפפער
לְרֵיחַ־נִיחֹחַ	צום ליבליכען גערוך,
אִשֶּׁה הוּא לַיהֹוָה	עס איז א פייער-אפפער צום עוויגען,
כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהֹוָה אֶת־מֹשֶׁה׃	ווי דער עוויגער האט בעפוילען משה.
שִׁשִּׁי	שִׁשִּׁי
22. וַיַּקְרֵב	22. און ער האט געבראכט
אֶת־הָאַיִל הַשֵּׁנִי	דעם צווייטען ווידער,
אֵיל הַמִּלֻּאִים	דעם ווידער פון דער איינווייהונג,
וַיִּסְמְכוּ אַהֲרֹן וּבָנָיו	און אהרן און זיינע זיהן האבען אנגעשפארט

1) אנגעפונדען. 2) ער. 3) ענטזינדיגט. 4) דעם אלטאר.

אֶת־יְדֵיהֶם	זייערע הענד
עַל־רֹאשׁ הָאָיִל׃	אויף דעם קאפ פון דעם ווידער.
23. וַיִּשְׁחָט׀	23. און מען האט (איהם) געשלאכטעט.
וַיִּקַּח מֹשֶׁה מִדָּמוֹ	און משה האט גענומען פון זיינע בלוט,
וַיִּתֵּן	און ער האט (עס) געגעבען
עַל־תְּנוּךְ	אויף דעם [1]אויער־לעפכען
אֹזֶן־אַהֲרֹן הַיְמָנִית	פון אהרן'ס רעכטען אויער,
וְעַל־בֹּהֶן	און אויף דעם גראבען פינגער
יָדוֹ הַיְמָנִית	פון זיין רעכטע האנד,
וְעַל־בֹּהֶן	און אויף דעם גראבען פינגער
רַגְלוֹ הַיְמָנִית׃	פון זיין רעכטע פוס.
24. וַיַּקְרֵב	24. און ער האט צוגעפיהרט
אֶת־בְּנֵי אַהֲרֹן	אהרן'ס זיהן,
וַיִּתֵּן מֹשֶׁה מִן־הַדָּם	און משה האט געגעבען פון די בלוט
עַל־תְּנוּךְ	אויף דעם [1]אויער־לעפכען
אָזְנָם הַיְמָנִית	פון זייער רעכטען אויער,
וְעַל־בֹּהֶן	און אויף דעם גראבען פינגער
יָדָם הַיְמָנִית	פון זייער רעכטע האנד,
וְעַל־בֹּהֶן	און אויף דעם גראבען פינגער
רַגְלָם הַיְמָנִית	פון זייער רעכטע פוס,
וַיִּזְרֹק מֹשֶׁה אֶת־הַדָּם	און משה האט געשפרענגט די בלוט
עַל־הַמִּזְבֵּחַ סָבִיב׃	אויף דעם אלטאר ארום.
25. וַיִּקַּח אֶת־הַחֵלֶב	25. און ער האט גענומען די פעטס
וְאֶת־הָאַלְיָה	און דעם ווידעל
וְאֶת־כָּל־הַחֵלֶב	און די גאנצע פעטס,
אֲשֶׁר עַל־הַקֶּרֶב	וואס איז אויף די איינגעווידע,
וְאֵת יֹתֶרֶת הַכָּבֵד	און די רויט-פלייש פון דעם לעבער
וְאֶת־שְׁתֵּי הַכְּלָיֹת	און די צוויי נירען
וְאֶת־חֶלְבְּהֶן	און זייערע פעטס
וְאֵת שׁוֹק הַיָּמִין׃	און דעם רעכטען שענקעל.
26. וּמִסַּל הַמַּצּוֹת	26. און פון דעם קארב פון די אונגעזייערטע ברויט,
אֲשֶׁר׀ לִפְנֵי יְהוָה	וועלכער (איז געשטאנען) פאר דעם עוויגען,
לָקַח	האט ער גענומען
חַלַּת מַצָּה אַחַת	איין אונגעזייערטען קוכען
וְחַלַּת לֶחֶם שֶׁמֶן אַחַת	און איין קוכען פון אייל-ברויט
וְרָקִיק אֶחָד	און איין קיכעל,
וַיָּשֶׂם עַל־הַחֲלָבִים	און ער האט (עס) געלייגט אויף די פעט-שטיקער
וְעַל־שׁוֹק הַיָּמִין׃	און אויף דעם רעכטען שענקעל.
27. וַיִּתֵּן אֶת־הַכֹּל	27. און ער האט געלייגט אלעס
עַל־כַּפֵּי אַהֲרֹן	אויף אהרן'ס הענד
וְעַל כַּפֵּי בָנָיו	און אויף זיינע זיהן'ס הענד,
וַיָּנֶף אֹתָם	און ער האט זיי בעוואגען
תְּנוּפָה לִפְנֵי יְהוָה׃	(אלס) בעוועגונגס־אפפער פאר דעם עוויגען.
28. וַיִּקַּח מֹשֶׁה אֹתָם	28. און משה האט זיי גענומען
מֵעַל כַּפֵּיהֶם	פון זייערע הענד,
וַיַּקְטֵר הַמִּזְבֵּחָה	און ער האט (זיי) געראויכערט אויף דעם אלטאר
עַל־הָעֹלָה	[2]אויף דעם בראנד-אפפער,
מִלֻּאִים הֵם	זיי זיינען איין איינווייהונגס-אפפער
לְרֵיחַ נִיחֹחַ	צום ליבליכען גערוך,
אִשֶּׁה הוּא לַיהוָה׃	עס איז א פייער-אפפער צום עוויגען.
29. וַיִּקַּח מֹשֶׁה	29. און משה האט גענומען
אֶת־הֶחָזֶה	די ברוסט,
וַיְנִיפֵהוּ	און ער האט עס בעוואגען
תְנוּפָה לִפְנֵי יְהוָה	(אלס) בעוועגונגס־אפפער פאר דעם עוויגען;
מֵאֵיל הַמִּלֻּאִים	פון דעם איינווייהונגס אפפער
לְמֹשֶׁה הָיָה לְמָנָה	האט עס געהערט צו משה פיר א גאבע,
כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃	ווי דער עוויגער האט בעפוילען משה.
שְׁבִיעִי	שְׁבִיעִי
30. וַיִּקַּח מֹשֶׁה	30. און משה האט גענומען
מִשֶּׁמֶן הַמִּשְׁחָה	פון די זאלב־אייל
וּמִן־הַדָּם	און פון די בלוט,
אֲשֶׁר עַל־הַמִּזְבֵּחַ	וואס[3] (איז געוועזן) אויף דעם אלטאר,
וַיַּז עַל־אַהֲרֹן	און ער האט געשפריצט אויף אהרן,
עַל־בְּגָדָיו	אויף זיינע קליידער,
וְעַל־בָּנָיו	און אויף זיינע זיהן,
וְעַל־בִּגְדֵי בָנָיו אִתּוֹ	און אויף זיינע זיהן'ס קליידער מיט איהם,
וַיְקַדֵּשׁ אֶת־אַהֲרֹן	און ער האט געהייליגט אהרן,
אֶת־בְּגָדָיו	זיינע קליידער,
וְאֶת־בָּנָיו	און זיינע זיהן,
וְאֶת־בִּגְדֵי בָנָיו אִתּוֹ׃	און זיינע זיהן'ס קליידער מיט איהם.
31. וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה	31. און משה האט געזאגט

1) אהר־קנארפעל. 2) מיט. 3) מען האט געשפריינגט.

אל-אהרן ואל-בניו	צו אהרן און צו זיינע זיהן:
בשלו את-הבשר	קאכט די פלייש
פתח אהל מועד	(ביים) איינגאנג פון דעם פערזאמלונגס געצעלט,
ושם תאכלו אתו	און דאָרט זאלט איהר עס עסען
ואת-הלחם	און די ברויט,
אשר בסל המלאים	וואס איז אין דעם קאָרב פון דער איינוויהונג,
כאשר צויתי	ווי איך האב בעפוילען,
לאמר	זאגענדיג:
אהרן ובניו	אהרן און זיינע זיהן
יאכלהו:	זאלען עס עסען.
32. והנותר	32. און דאס, וואס בלייבט איבריג,
בבשר ובלחם	פון די פלייש און פון די ברויט,
באש תשרפו:	זאלט איהר אים פייער פערברענען.
33. ומפתח	33. און פון דעם איינגאנג
אהל מועד	פון דעם פערזאמלונגס געצעלט
לא תצאו	זאלט איהר ניט ארויס־גיין
שבעת ימים	זיבען טעג.
עד יום מלאת	ביז דעם טאג, (ווען) עס וועלען פול זיין
ימי מלאיכם	אייערע איינוויהונגס־טעג,
כי שבעת ימים	דען זיבען טעג
ימלא את-ידכם:	וועט מען פילען אייערע הענד.
34. כאשר עשה	34. ווי מען האט געטאָן
ביום הזה	אין דיזען טאג,
צוה יהוה לעשת	האט דער עוויגער בעפוילען צו טהאָן,
לכפר עליכם:	אום צו פערגעבען אויף אייך.
35. ופתח אהל מועד	35. און (ביים) איינגאנג פון דעם פערזאמלונגס געצעלט
תשבו יומם ולילה	זאלט איהר זיצען טאג און נאכט
שבעת ימים	זיבען טעג,
ושמרתם	און איהר זאלט היטען
את-משמרת יהוה	די [1]פעראָרדנונג פון דעם עוויגען
ולא תמותו	אום איהר זאלט ניט שטארבען,
כי-כן צויתי:	דען אזוי בין איך בעפוילען געוואָרען.
36. ויעש אהרן ובניו	36. און אהרן און זיינע זיהן האבען געטאָן
את כל-הדברים	די אלע זאכען,
אשר-צוה יהוה	וועלכע דער עוויגער האט בעפוילען
ביד-משה:	דורך משה.

שמיני — SHEMINEE

Cap. IX.	ט
1. ויהי	1. און עס איז געווען,
ביום השמיני	אויף דעם אכטען טאג[2]
קרא משה	האט משה גערופען
לאהרן ולבניו	[צו] אהרן און [צו] זיינע זיהן
ולזקני ישראל:	און [צו] די עלטעסטע פון ישראל.
2. ויאמר אל-אהרן	2. און ער האט געזאגט צו אהרן:
קח-לך	נעהם דיר
עגל בן-בקר	א יונגע רינד־קאלב
לחטאת	פיר א זינד אָפּפער,
ואיל לעלה	און א ווידער פיר א בראנד־אָפּפער,
תמימם	אָהן א פעהלער,
והקרב לפני יהוה:	און ברייננ (זיי) פאר דעם עוויגען.
3. ואל-בני ישראל	3. און צו די קינדער ישראל
תדבר לאמר	זאלסט'ו רעדען, זאָגענדיג:
קחו שעיר-עזים	נעהמט א ציגען־באָק
לחטאת	פיר א זינד־אָפּפער
ועגל וכבש	און א קאלב און א לאם
בני-שנה	פון איין יאָהר אלט,
תמימם	אָהן א פעהלער,
לעלה:	פיר א בראנד־אָפּפער.
4. ושור ואיל	4. און איין אָקס און א ווידער
לשלמים	פיר א פרידענס־אָפּפער,
לזבח לפני יהוה	צו שלאכטען פאר דעם עוויגען,
ומנחה	און א שפייז־אָפּפער,
בלולה בשמן	געמיישט מיט אייל,
כי היום	דען הייטע
יהוה נראה אליכם:	וועט דער עוויגער [3]ער־שיינען צו אייך.
5. ויקחו	5. און זיי האבען גענומען,
את אשר צוה משה	וואס משה האט בעפוילען
אל-פני אהל מועד	צום פאָדער־זייט פון דעם פערזאמלונגס־געצעלט,
ויקרבו כל-העדה	און די גאנצע געמיינדע האבען זיך דערנעהנטערט,
ויעמדו לפני יהוה:	און זיי האבען זיך געשטעלט פאר דעם עוויגען.
6. ויאמר משה	6. און משה האט געזאגט:

1) פארשריפט, וואכט. 2) פון איינוויהונג. 3) זיך בעוויזען.

זֶה הַדָּבָר	דיזע זאַך,
אֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה	וועלכע דער עוויגער האט בעפוילען,
תַּעֲשׂוּ	זאלט איהר טהאָן,
וְיֵרָא אֲלֵיכֶם	און עס וועט ערשיינען צו אייך
כְּבוֹד יְהוָה׃	די עהרע פון דעם עוויגען.
7. וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה	7. און משה האט געזאָגט
אֶל־אַהֲרֹן	צו אהרן:
קְרַב אֶל־הַמִּזְבֵּחַ	דערנעהנטער זיך צום אלטאַר,
וַעֲשֵׂה אֶת־חַטָּאתְךָ	און [1]מאַך דיין זינד־אָפּפער
וְאֶת־עֹלָתֶךָ	און דיין בראַנד־אָפּפער,
וְכַפֵּר בַּעַדְךָ	און פערגיב פיר דיר
וּבְעַד הָעָם	און פיר דאס פאָלק,
וַעֲשֵׂה	און [1]מאַך
אֶת־קָרְבַּן הָעָם	דעם אָפּפער פונדעם פאָלק,
וְכַפֵּר בַּעֲדָם	און פערגיב פיר זיי,
כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה׃	ווי דער עוויגער האט בעפוילען.
8 וַיִּקְרַב אַהֲרֹן	8. און אהרן האט זיך דערנעהנטערט
אֶל־הַמִּזְבֵּחַ	צום אַלטאַר,
וַיִּשְׁחַט	און ער האט געשלאַכטעט
אֶת־עֵגֶל הַחַטָּאת	די קאַלב פון דעם זינד־אָפּפער,
אֲשֶׁר־לוֹ	וועלכער איז געוועזן פיר איהם.
9 וַיַּקְרִבוּ בְּנֵי אַהֲרֹן	9. און אהרן'ס זיהן האבען געבראַכט
אֶת־הַדָּם	די בלוט
אֵלָיו	צו איהם.
וַיִּטְבֹּל	און ער האט איינגעטונקט
אֶצְבָּעוֹ בַּדָּם	זיין פינגער אין די בלוט,
וַיִּתֵּן	און ער האט (עס) געגעבען
עַל־קַרְנוֹת הַמִּזְבֵּחַ	אויף די הערנער פון דעם אלטאַר
וְאֶת־הַדָּם יָצַק	און די בלוט האט ער געגאָסען
אֶל־יְסוֹד הַמִּזְבֵּחַ׃	צום גרונד פון דעם אַלטאַר.
10. וְאֶת־הַחֵלֶב	10. און די פעטס
וְאֶת־הַכְּלָיֹת	און די נירען
וְאֶת־הַיֹּתֶרֶת	און די רויט־פלייש
מִן־הַכָּבֵד	פון דעם לעבער
מִן־הַחַטָּאת	פון דעם זינד־אָפּפער
הִקְטִיר הַמִּזְבֵּחָה	האט ער גערויכערט אויף דעם אלטאַר,
כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃	ווי דער עוויגער האט בעפוילען משה.
11. וְאֶת־הַבָּשָׂר	11. און די פלייש
וְאֶת־הָעוֹר	און די פעל
שָׂרַף בָּאֵשׁ	האט ער פערברענט אים פייער
מִחוּץ לַמַּחֲנֶה׃	אויסער־האַלב פון דעם לאַגער.
12. וַיִּשְׁחַט אֶת־הָעֹלָה	12. און ער האט געשלאַכטעט דעם בראַנד־אָפּפער,
וַיַּמְצִאוּ בְּנֵי אַהֲרֹן	און אהרן'ס זיהן האבען [2]דערלאַנגט
אֵלָיו	צו איהם
אֶת־הַדָּם	די בלוט.
וַיִּזְרְקֵהוּ עַל־הַמִּזְבֵּחַ	און ער האט עס געשפּרענגט אויף דעם אַלטאַר
סָבִיב׃	אַרום.
13. וְאֶת־הָעֹלָה	13. און דעם בראַנד־אָפּפער
הִמְצִיאוּ אֵלָיו	האבען זיי דערלאַנגט צו איהם
לִנְתָחֶיהָ	און [3]איהרע שטיקער
וְאֶת־הָרֹאשׁ	און דעם קאָפּ,
וַיַּקְטֵר עַל־הַמִּזְבֵּחַ׃	און ער האט (עס) גערויכערט אויף דעם אַלטאַר.
14. וַיִּרְחַץ אֶת־הַקֶּרֶב	14. און ער האט געוואַשען די איינגעווייד
וְאֶת־הַכְּרָעָיִם	און די קני־שטיקער,
וַיַּקְטֵר עַל־הָעֹלָה הַמִּזְבֵּחָה׃	און ער האט(עס)גערויכערט איבער דעם בראַנד־אָפּפער אויף דעם אַלטאַר.
15. וַיַּקְרֵב	15. און ער האט געבראַכט
אֵת קָרְבַּן הָעָם	דעם אָפּפער פון דעם פאָלק,
וַיִּקַּח	און ער האט גענומען
אֶת־שְׂעִיר הַחַטָּאת	דעם ציגען־באָק פון דעם זינד־אָפּפער,
אֲשֶׁר לָעָם	וועלכער איז געוועזן פיר דאס פאָלק.
וַיִּשְׁחָטֵהוּ	און ער האט איהם געשלאַכטעט,
וַיְחַטְּאֵהוּ	און ער האט עס געאָפּפערט אַלס זינד־אָפּפער,
כָּרִאשׁוֹן׃	ווי דעם ערשטען (אָפּפער).[4]
16. וַיַּקְרֵב אֶת־הָעֹלָה	16. און ער האט געבראַכט דעם בראַנד־אָפּפער,
וַיַּעֲשֶׂהָ כַּמִּשְׁפָּט׃	און ער האט עס געמאַכט נאך דעם רעכט.
שֵׁנִי	שֵׁנִי
17. וַיַּקְרֵב	17. און ער האט געבראַכט
אֶת־הַמִּנְחָה	דעם שפּייז־אָפּפער,
וַיְמַלֵּא כַפּוֹ מִמֶּנָּה	און ער האט אָנגעפילט זיין האַנד דאַפון,
וַיַּקְטֵר עַל הַמִּזְבֵּחַ	און ער האט (עס) געריכערט אויף דעם אַלטאַר,

1) בערייט צו; אָפּפער. 2) דערלאַנגט, גערייכט. 3) זיינע. 4) ד. ה. ווי דעם עגל החטאת.

מִלְּבַד עֹלַת הַבֹּקֶר׃	אויסער דעם מאָרגען־בראנד־אָפּפער.
18. וַיִּשְׁחַט אֶת־הַשּׁוֹר	18. און ער האט געשלאַכטעט דעם אָקס
וְאֶת־הָאַיִל	און דעם ווידער,
זֶבַח הַשְּׁלָמִים	די פרידענס־שלאַכטונג,
אֲשֶׁר לָעָם	וואס איז געווען פיר דאס פאָלק;
וַיַּמְצִאוּ בְּנֵי אַהֲרֹן	און אהרן׳ס זיהן האבען דערלאַנגט
אֶת־הַדָּם אֵלָיו	די בלוט צו איהם,
וַיִּזְרְקֵהוּ עַל־הַמִּזְבֵּחַ	און ער האט עס געשפּרענגט אויף׳ן אלטאר
סָבִיב׃	ארום.
19. וְאֶת־הַחֲלָבִים	19. און די פעט־שטיקער
מִן־הַשּׁוֹר	פון דעם אָקס
וּמִן־הָאַיִל	און פון דעם ווידער,
הָאַלְיָה וְהַמְכַסֶּה	דעם ווידעל און די בעדעקענדע (פעטס)
וְהַכְּלָיֹת	און די נירען
וְיֹתֶרֶת הַכָּבֵד׃	און די רויט־פלייש פון דעם לעבער.
20. וַיָּשִׂימוּ	20. און זיי האבען געלייגט
אֶת־הַחֲלָבִים	די פעט־שטיקער
עַל־הֶחָזוֹת	אויף די ברוסט־שטיקער,
וַיַּקְטֵר הַחֲלָבִים	און ער האט געריכערט די פעט־שטיקער
הַמִּזְבֵּחָה׃	אויף דעם אלטאר.
21. וְאֵת הֶחָזוֹת	21. און די ברוסט־שטיקער
וְאֵת שׁוֹק הַיָּמִין	און דעם רעכטען שענקעל
הֵנִיף אַהֲרֹן	האט אהרן בעוואָגען
תְּנוּפָה לִפְנֵי יְהוָה	(אלס) בעוועגונגס־אָפּפער פאר דעם עוויגען,
כַּאֲשֶׁר צִוָּה מֹשֶׁה׃	ווי משה האט בעפוילען.
22. וַיִּשָּׂא אַהֲרֹן	22 און אהרן האט אויפגעהויבען
אֶת־יָדָו ידיו ק׳	זיינע הענד
אֶל־הָעָם	צום פאָלק,
וַיְבָרְכֵם	און ער האט זיי געבענשט,
וַיֵּרֶד	און ער איז ארונטער־געגאנגען
מֵעֲשֹׂת הַחַטָּאת	[1]פון מאכען דעם זינד־אָפּפער
וְהָעֹלָה	און דעם בראנד־אָפּפער
וְהַשְּׁלָמִים׃	און דעם פרידענס־אָפּפער.
23 וַיָּבֹא מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן	23. און משה און אהרן זיינען אריינגעקומען
אֶל־אֹהֶל מוֹעֵד	אין דעם פערזאמלונגס־געצעלט,[2]
וַיֵּצְאוּ	און זיי זיינען (ווידער) ארויס־געגאנגען,
וַיְבָרְכוּ אֶת־הָעָם	און זיי האבען געבענשט דאס פאָלק;
וַיֵּרָא כְבוֹד־יְהוָה	און דעם עוויגען׳ס הערליכקייט איז ערשינען
אֶל־כָּל־הָעָם׃	צום־גאַנצען פאָלק.
שְׁלִישִׁי	שְׁלִישִׁי
24. וַתֵּצֵא אֵשׁ	24. און עס איז ארויס־געגאנגען א פייער
מִלִּפְנֵי יְהוָה	פון דעם עוויגען,
וַתֹּאכַל עַל־הַמִּזְבֵּחַ	און עס האט פערצעהרט אויף דעם אלטאר
אֶת־הָעֹלָה	דעם בראנד־אָפּפער
וְאֶת־הַחֲלָבִים	און די פעט־שטיקער,
וַיַּרְא כָּל־הָעָם	און דאס גאנצע פאלק האט (עס) געזעהן,
וַיָּרֹנּוּ	און זיי האבען געזונגען,
וַיִּפְּלוּ עַל־פְּנֵיהֶם׃	און זיי זיינען געפאלען אויף זייער געזיכט.

Cap. X.

1. וַיִּקְחוּ בְנֵי־אַהֲרֹן	1. און עס האבען גענומען אהרן׳ס זיהן,
נָדָב וַאֲבִיהוּא	נדב און אביהוא,
אִישׁ מַחְתָּתוֹ	יעדער זיין רויכער־פאַן,
וַיִּתְּנוּ בָהֵן אֵשׁ	און זיי האבען געגעבען אין זיי פייער
וַיָּשִׂימוּ עָלֶיהָ קְטֹרֶת	און זיי האבען געלייגט דאַרויף רויכער־ווערק,
וַיַּקְרִיבוּ לִפְנֵי יְהוָה	און זיי האבען געבראַכט פאר דעם עוויגען
אֵשׁ זָרָה	פרעמדע פייער,
אֲשֶׁר לֹא צִוָּה אֹתָם׃	וועלכע ער האט זיי ניט בעפוילען.
2. וַתֵּצֵא אֵשׁ	2. און עס איז ארויס־געגאַנגען אַ פייער,
מִלִּפְנֵי יְהוָה	פון דעם עוויגען,
וַתֹּאכַל אוֹתָם	און עס האט זיי פערצעהרט,
וַיָּמֻתוּ לִפְנֵי יְהוָה׃	און זיי זיינען געשטאָרבען פאר דעם עוויגען.
3. וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה	3. און משה האט געזאָגט
אֶל־אַהֲרֹן	צו אהרן:
הוּא אֲשֶׁר־דִּבֶּר יְהוָה	דאס איז, וואס דער עוויגער האט גערעט,
לֵאמֹר	זאָגענדיג:
בִּקְרֹבַי אֶקָּדֵשׁ	דורך מיינע נאָהענטע[3] וועל איך געהייליגט ווערען,
וְעַל־פְּנֵי כָל־הָעָם	און פאר דעם גאַנצען פאָלק
אֶכָּבֵד	וועל איך געעהרט ווערען;
וַיִּדֹּם אַהֲרֹן׃	און אהרן האט [4]שטיל געשוויגען.
4. וַיִּקְרָא מֹשֶׁה	4. און משה האט גערופען
אֶל־מִישָׁאֵל	[צו] מישאל
וְאֶל אֶלְצָפָן	און [צו] אלצפן,

1) נאַכדעם ווי ער האט געאָפּפערט א. ז. וו. 2) זעה רש״י. 3) ד. ה. די פריסטער. 4) זיך בערוהיגט.

בְּנֵי עֻזִּיאֵל	די זיהן פון עוזיאל,
דֹּד אַהֲרֹן	אהרן׳ס אנקעל,
וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם	און ער האט געזאגט צו זיי:
קִרְבוּ	דערנעהנטערט אייך,
שְׂאוּ אֶת־אֲחֵיכֶם	טראגט אייערע ברידער
מֵאֵת פְּנֵי־הַקֹּדֶשׁ	פון פאר דעם הייליגטהום
אֶל־מִחוּץ לַמַּחֲנֶה׃	אויסער־האלב פון דעם לאגער,
5. וַיִּקְרְבוּ	5. און זיי האבען זיך דערנעהנטערט,
וַיִּשָּׂאֻם בְּכֻתֳּנֹתָם	און זיי האבען זיי געטראגען אין זייערע העמדער
אֶל־מִחוּץ לַמַּחֲנֶה	אויסער־האלב פון דעם לאגער,
כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה׃	ווי משה האט גערעט.
6. וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה	6. און משה האט געזאגט
אֶל־אַהֲרֹן	צו אהרן
וּלְאֶלְעָזָר וּלְאִיתָמָר	און צו אלעזר און צו איתמר,
בָּנָיו	זיינע זיהן:
רָאשֵׁיכֶם	אייערע קעפ
אַל־תִּפְרָעוּ	זאלט איהר ניט לאזען וואקסען [1]ווילד,
וּבִגְדֵיכֶם לֹא־תִפְרֹמוּ	און אייערע קליידער זאלט איהר ניט איינרייסען,
וְלֹא תָמֻתוּ	אום איהר זאלט ניט שטארבען
וְעַל כָּל־הָעֵדָה	און איבער די גאנצע געמיינדע
יִקְצֹף	זאל ער צירנען;
וַאֲחֵיכֶם	אבער אייערע ברידער
כָּל־בֵּית יִשְׂרָאֵל	דאס גאנצע הויז ישראל,
יִבְכּוּ אֶת־הַשְּׂרֵפָה	זאלען בעוויינען דעם בראנד
אֲשֶׁר שָׂרַף יְהוָה׃	וועלכען דער עוויגער האט פערברענט.
7. וּמִפֶּתַח	7. און פון דעם איינגאנג
אֹהֶל מוֹעֵד	פון דעם פערזאמלונגס־געצעלט
לֹא תֵצְאוּ	זאלט איהר ניט ארויס־גיין,
פֶּן־תָּמֻתוּ	דאמיט איהר זאלט ניט שטארבען,
כִּי־שֶׁמֶן מִשְׁחַת יְהוָה	דען די אייל פון דעם עוויגען׳ס זאלבונג
עֲלֵיכֶם	איז אויף אייך;
וַיַּעֲשׂוּ כִּדְבַר מֹשֶׁה׃	און זיי האבען געטאן ווי משה׳ס ווארט.
8. וַיְדַבֵּר יְהוָה	8. און דער עוויגער האט גערעט
אֶל־אַהֲרֹן	צו אהרן,
לֵאמֹר׃	זאגענדיג:
9. יַיִן וְשֵׁכָר	9. וויין אדער שטארקע געטראנק
אַל־תֵּשְׁתְּ	זאלסט׳ו ניט טרינקען,
אַתָּה וּבָנֶיךָ אִתָּךְ	דו און דיינע זיהן מיט דיר,
בְּבֹאֲכֶם	ווען איהר קומט אריין
אֶל־אֹהֶל מוֹעֵד	אין דעם פערזאמלונגס־געצעלט,
וְלֹא תָמֻתוּ	אום איהר זאלט ניט שטארבען,
חֻקַּת עוֹלָם	(דאס זאל זיין) איין עוויגער געזעטץ
לְדֹרֹתֵיכֶם׃	פיר אייערע געשלעכטער.
10. וּלְהַבְדִּיל	10. [2]אום צו שיידען
בֵּין הַקֹּדֶשׁ	צווישען דאס הייליגע
וּבֵין הַחֹל	און צווישען דאס [3]אונהייליגע,
וּבֵין הַטָּמֵא	און צווישען אונריינעס
וּבֵין הַטָּהוֹר׃	און צווישען ריינעס.
11. וּלְהוֹרֹת	11. און צו לערנען
אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	די קינדער ישראל,
אֵת כָּל־הַחֻקִּים	די אלע געזעצע,
אֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה	וואס דער עוויגער האט גערעט
אֲלֵיהֶם	צו זיי
בְּיַד־מֹשֶׁה׃	דורך משה.

רְבִיעִי — רְבִיעִי

12. וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה	12. און משה האט גערעט
אֶל־אַהֲרֹן	צו אהרן
וְאֶל אֶלְעָזָר	און צו אלעזר
וְאֶל־אִיתָמָר	און צו איתמר,
בָּנָיו הַנּוֹתָרִים	זיינע איבריג־געבליבענע זיהן:
קְחוּ אֶת־הַמִּנְחָה	נעהמט דעם שפייז־אפפער,
הַנּוֹתֶרֶת מֵאִשֵּׁי יְהוָה	וואס בלייבט איבריג פון דעם עוויגען׳ס פייער-אפפערס,
וְאִכְלוּהָ מַצּוֹת	און עסט עס אונגעזייערט
אֵצֶל הַמִּזְבֵּחַ	ביי דעם אלטאר,
כִּי קֹדֶשׁ קָדָשִׁים הִוא	דען עס איז אלער-הייליגסט.
13. וַאֲכַלְתֶּם אֹתָהּ	13. און איהר זאלט עס עסען
בְּמָקוֹם קָדוֹשׁ	אין א הייליגען ארט,
כִּי חָקְךָ	דען דיין בעשטימטער (טהייל)
וְחָק־בָּנֶיךָ הִוא	און דער בעשטימטער טהייל פון דיינע זיהן איז עס
מֵאִשֵּׁי יְהוָה	פון דעם עוויגען׳ס פייער־אפפערס,
כִּי־כֵן צֻוֵּיתִי׃	דען אזוי בין איך בעפוילען געווארען.
14. וְאֵת חֲזֵה הַתְּנוּפָה	14. און די ברוסט פון דעם בעוועגונגס־אפפער

1) פריי, אונגעשארען צום צייכען פון טרויער. 2) ד. ה. דארום טהארען די כהנים ניט טרינקען שטארקע געטרענקע, ווייל זיי דארפען וויסען צו אונטערשיידען א. ז. וו. 3) אייגפאכעס.

וְאֵת שׁוֹק הַתְּרוּמָה	אונ דעם שענקעל פון דעם הייב־אָפּפער
תֹּאכְלוּ	זאלט איהר עסען
בְּמָקוֹם טָהוֹר	אין אַ ריינעם אָרט,
אַתָּה וּבָנֶיךָ וּבְנֹתֶיךָ	דו אונ דיינע זיהן אונ דיינע טעכטער
אִתָּךְ	מיט דיר,
כִּי־חָקְךָ	דען דיין בעשטימטער (טהייל)
וְחָק־בָּנֶיךָ	אונ דער בעשטימטער טהייל פון דיינע זיהן
נִתְּנוּ	זיינען זיי געגעבען געווארען
מִזִּבְחֵי שַׁלְמֵי	פון די פרידענס־שלאַכטונגען
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃	פון די קינדער ישראל.
15. שׁוֹק הַתְּרוּמָה	15. דעם שענקעל פון דעם הייב־אָפּפער
וַחֲזֵה הַתְּנוּפָה	אונ די ברוסט פון דעם בעוועגונגס־אָפּפער
עַל אִשֵּׁי הַחֲלָבִים	[1]מיט די פייער־אָפּפערס פון די פעט־שטיקער
יָבִיאוּ	זאלען זיי ברינגען
לְהָנִיף תְּנוּפָה	צו בעוועגען (אַלס) בעוועגונגס־אָפּפער
לִפְנֵי יְהוָה	פאר דעם עוויגען,
וְהָיָה לְךָ	אונ עס זאל געהערען צו דיר
וּלְבָנֶיךָ אִתְּךָ	אונ צו דיינע זיהן מיט דיר,
לְחָק־עוֹלָם	אַלס עוויגער געזעטץ,
כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה׃	ווי דער עוויגער האט בעפוילען.
חֲמִישִׁי	חֲמִישִׁי
16. וְאֵת שְׂעִיר הַחַטָּאת	16. אונ (וועגען) דעם באָק פון דעם זינד אָפּפער[2]
דָּרֹשׁ דָּרַשׁ מֹשֶׁה	האט משה געפאָרשט,
וְהִנֵּה שֹׂרָף	אונ זעה, עס איז פערברענט געווארען;
וַיִּקְצֹף	דאַן האט ער געצירנעט
עַל־אֶלְעָזָר	אויף אלעזר
וְעַל־אִיתָמָר	אונ אויף איתמר,
בְּנֵי אַהֲרֹן הַנּוֹתָרִם	אהרן'ס איבריג־געבליבענע זיהן,
לֵאמֹר׃	זאָגענדיג:
17. מַדּוּעַ לֹא־אֲכַלְתֶּם	17. ווארום האט איהר ניט געגעסען
אֶת־הַחַטָּאת	דעם זינד־אָפּפער
בִּמְקוֹם הַקֹּדֶשׁ	אין דעם אָרט פון דעם הייליגטהום,
כִּי קֹדֶשׁ קָדָשִׁים הִוא	דען עס איז אַלער-הייליגסט,
וְאֹתָהּ נָתַן לָכֶם	אונ איהר האט ער אייך געגעבען
לָשֵׂאת	צו טראָגען

אֶת־עֲוֹן הָעֵדָה	די זינד פון דער געמיינדע,
לְכַפֵּר עֲלֵיהֶם	צו פערגעבען אויף זיי
לִפְנֵי יְהוָה׃	פאר דעם עוויגען?
18. הֵן	18. זעה,
לֹא־הוּבָא אֶת־דָּמָהּ	איהר בלוט איז ניט געבראַכט געווארען
אֶל־הַקֹּדֶשׁ פְּנִימָה	אין דעם הייליגטהום אינעווייניג,
אָכוֹל תֹּאכְלוּ אֹתָהּ	איהר האט עס (אַלזאָ) געדאַרפט עסען
בַּקֹּדֶשׁ	אין דעם הייליגטהום,
כַּאֲשֶׁר צִוֵּיתִי׃	ווי איך האב בעפוילען.
19. וַיְדַבֵּר אַהֲרֹן	19. אונ אהרן האט גערעט
אֶל־מֹשֶׁה	צו משה:
הֵן הַיּוֹם הִקְרִיבוּ	זעה, הייטע האבען [3]זיי געאָפּפערט
אֶת־חַטָּאתָם	זייער זינד־אָפּפער
וְאֶת־עֹלָתָם	אונ זייער בראַנד־אָפּפער
לִפְנֵי יְהוָה	פאר דעם עוויגען,
וַתִּקְרֶאנָה אֹתִי כָּאֵלֶּה	אונ מיר האט געטראָפען דיזעס!
וְאָכַלְתִּי חַטָּאת הַיּוֹם	[4]זאל איך הייטע עסען זינד־אָפּפער?
הַיִּיטַב בְּעֵינֵי יְהוָה׃	וועט עס געפעליג זיין אין דעם עוויגען'ס אויגען?
20. וַיִּשְׁמַע מֹשֶׁה	20. אונ ווען משה האט (עס) געהערט,
וַיִּיטַב בְּעֵינָיו׃	דאַן איז עס געפעליג געווען אין זיינע אויגען.
CAP. XI.	יא
שִׁשִּׁי	שִׁשִּׁי
1. וַיְדַבֵּר יְהוָה	1. אונ דער עוויגער האט גערעט
אֶל־מֹשֶׁה וְאֶל־אַהֲרֹן	צו משה אונ צו אהרן,
לֵאמֹר אֲלֵהֶם׃	זאָגענדיג צו זיי:
2. דַּבְּרוּ	2. רעדט
אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	צו די קינדער ישראל,
לֵאמֹר	זאָגענדיג:
זֹאת הַחַיָּה	דיזעס איז דאס טהיר,
אֲשֶׁר תֹּאכְלוּ	וואס איהר מעגט עסען
מִכָּל־הַבְּהֵמָה	פון אַלע פיה,
אֲשֶׁר עַל־הָאָרֶץ׃	וואס איז אויף דער ערד.
3. כֹּל מַפְרֶסֶת פַּרְסָה	3. יעדעס, וואס האט אַ געטהיילטע קלויע,
וְשֹׁסַעַת שֶׁסַע פְּרָסֹת	אונ די קלויען זיינען אין גאַנצען דורכ־געשפּאָלטען,
מַעֲלַת גֵּרָה	(אונ) בריינגט אַרויף דאס געקייעטע

1) אויף. 2) זעה רש״י. 3) אהרן'ס זיהן. 4) אדער: אונ ווען איך וואלט הייטע געגעסען זינד-אָפּפער א. ז. וו.

בַּבְּהֵמָה	אונטער פיה,
אֹתָהּ תֹּאכֵלוּ :	דאס מעגט איהר עסען.
4. אַךְ	4. נור
אֶת־זֶה לֹא תֹאכְלוּ	דיזעס זאלט איהר ניט עסען
מִמַּעֲלֵי הַגֵּרָה	פון די, וואס בריינגען ארויף דאס געקייעטע,
וּמִמַּפְרִסֵי הַפַּרְסָה	אדער פון די, וואס האבען געטהיילטע קרויען;[1]
אֶת־הַגָּמָל	דעם קאמעל,
כִּי־מַעֲלֵה גֵרָה הוּא	דען ער בריינגט (נור) ארויף דאס געקייעטע,
וּפַרְסָה אֵינֶנּוּ (מַפְרִיס)	אבער ער האט קיינע געטהיילטע קרויען;
טָמֵא הוּא לָכֶם :	אונריין איז ער פיר אייך.
5. וְאֶת־הַשָּׁפָן	5. און דעם [2]קאַנינכען,
כִּי־מַעֲלֵה גֵרָה הוּא	דען ער בריינגט (נור) ארויף דאס געקייעטע,
וּפַרְסָה לֹא יַפְרִיס	אבער ער האט קיינע געטהיילטע קרויען;
טָמֵא הוּא לָכֶם :	אונריין איז ער פיר אייך.
6. וְאֶת־הָאַרְנֶבֶת	6. און דעם האָז,
כִּי־מַעֲלַת גֵּרָה הִוא	דען [3]ער בריינגט (נור) ארויף דאס געקייעטע,
וּפַרְסָה לֹא הִפְרִיסָה	אבער [3]ער האט קיינע געטהיילטע קרויען;
טְמֵאָה הִוא לָכֶם :	אונריין איז עס פיר אייך.
7. וְאֶת־הַחֲזִיר	7. און דעם שויין
כִּי־מַפְרִיס פַּרְסָה הוּא	דען ער האט (נור) געטהייל־טע קלויען
וְשֹׁסַע שֶׁסַע פַּרְסָה	און די קלויע איז אין גאנצען דורך־געשפּאָלטען,
וְהוּא גֵּרָה לֹא־יִגָּר	אבער ער בריינגט ניט ארויף דאס געקייעטע;
טָמֵא הוּא לָכֶם :	אונריין איז ער פיר אייך.
8. מִבְּשָׂרָם	8. פון זייער פלייש
לֹא תֹאכֵלוּ	זאלט איהר ניט עסען,
וּבְנִבְלָתָם לֹא תִגָּעוּ	און זייער טויטען־קערפּער זאָלט איהר ניט אָנריהרען;
טְמֵאִים הֵם לָכֶם :	אונריין זיינען זיי פיר אייך.
9. אֶת־זֶה תֹּאכְלוּ	9. דיזעס מעגט איהר עסען
מִכֹּל אֲשֶׁר בַּמָּיִם	פון אלעס, וואס איז אין וואסער:
כֹּל אֲשֶׁר־לוֹ	אלעס, וואס האט
סְנַפִּיר וְקַשְׂקֶשֶׂת	פלוס־פעדערן און שופּען.
בַּמַּיִם	אים וואסער,
בַּיַּמִּים וּבַנְּחָלִים	אין די מעערען אדער אין די טייכען,
אֹתָם תֹּאכֵלוּ :	זיי מעגט איהר עסען.

10. וְכֹל אֲשֶׁר אֵין־לוֹ	10. און אלעס, וואס האט ניט
סְנַפִּיר וְקַשְׂקֶשֶׂת	פלוס־פעדערן אדער שופּען
בַּיַּמִּים וּבַנְּחָלִים	אין די מעערען אדער אין די טייכען
מִכֹּל שֶׁרֶץ הַמַּיִם	פון יעדע [4]קריכענדע פון'ם וואסער
וּמִכֹּל נֶפֶשׁ הַחַיָּה	און פון יעדע לעבעדיגע טהיר,
אֲשֶׁר בַּמָּיִם	וואס איז אים וואסער,
שֶׁקֶץ הֵם לָכֶם :	איין אָבשיי זיינען זיי פיר אייך.
11. וְשֶׁקֶץ יִהְיוּ לָכֶם	11. און איין אָבשיי זאלען זיי פיר אייך בלייבען,
מִבְּשָׂרָם לֹא תֹאכֵלוּ	פון זייער פלייש זאלט איהר ניט עסען
וְאֶת־נִבְלָתָם תְּשַׁקֵּצוּ	און זייער טויטען־קערפּער זאלט איהר פער־אָבשייען.
12. כֹּל אֲשֶׁר אֵין־לוֹ	12. אלעס, וואס האט ניט
סְנַפִּיר וְקַשְׂקֶשֶׂת	פלוס־פעדערן און שופּען
בַּמָּיִם	אים וואסער,
שֶׁקֶץ הוּא לָכֶם :	איין אָבשיי איז עס פיר אייך.
13. וְאֶת־אֵלֶּה	13. און דיזע
תְּשַׁקְּצוּ	זאלט איהר פער־אָבשייען
מִן־הָעוֹף	פון דעם געפליגעל,
לֹא יֵאָכְלוּ	זיי זאלען ניט געגעסען ווערען;
שֶׁקֶץ הֵם	איין אָבשיי זיינען זיי:
אֶת־הַנֶּשֶׁר	דעם אדלער
וְאֶת־הַפֶּרֶס	און דעם ביינברעכער
וְאֵת הָעָזְנִיָּה :	און דעם [5]שווארצען אדלער.
14. וְאֶת־הַדָּאָה	14. און דעם [6]גייער
וְאֶת־הָאַיָּה לְמִינָהּ :	און דעם [7]פאַלקען נאך איהר אַרט.
15. אֵת כָּל־עֹרֵב לְמִינוֹ	15. יעדען ראָב נאך זיין אַרט.
16. וְאֵת בַּת הַיַּעֲנָה	16. און דעם שטרויס
וְאֶת־הַתַּחְמָס	און די [8]שוואַלב
וְאֶת־הַשָּׁחַף	און דעם קוקוק
וְאֶת־הַנֵּץ לְמִינֵהוּ :	און דעם [9]שפּערבער נאך זיין אַרט.
17. וְאֶת־הַכּוֹס	17. און דעם [10]פעליקאַן
וְאֶת־הַשָּׁלָךְ	און דעם [11]שטורץ־פעליקאַן
וְאֶת־הַיַּנְשׁוּף :	און די [12]נאַכט־איילע.
18. וְאֶת־הַתִּנְשֶׁמֶת	18. און דעם [13]שוואַן
וְאֶת־הַקָּאָת	און די [14]קרעהע
וְאֶת־הָרָחָם :	און דעם [15]אַאז־גייער.
19. וְאֵת הַחֲסִידָה	19. און דעם [16]שטאָרך,

1) ד. ה. וועלכע האבען נור 1 זאַך, מעלה גרה אדער מפריס פרסה. 2) קראָליק. 3) זי. 4) געווימעל. 5) מעער־אדלער. 6) ווייסער האַביכט. 7) שוואַרצער האַביכט. 8) נאַכט־איילע. 9) האַביכט. 10) האָרנאיילע 11) וואַסער־ראָב, פיש פעליקאַן 12) קראַניך. 13) פלעדער־מויז, וואסער־הינן. 14) פעליקאַן, קראָפּפּ־גאַנז. 15) גרינשפּעכט 16) רייהער.

הָאֲנָפָה לְמִינָהּ	דעם [1]רייהער נאך איהר ארט.
וְאֶת־הַדּוּכִיפַת	און דעם [2]אויער־האָהן
וְאֶת־הָעֲטַלֵּף׃	און די פלעדער־מויז.
20. כֹּל שֶׁרֶץ הָעוֹף	20. יעדע געפליגעלטע קריכענדע,
הַהֹלֵךְ עַל־אַרְבַּע	וואס גייט אויף פיער (פיס);
שֶׁקֶץ הוּא לָכֶם׃	איין אַבשיי איז עס פיר אייך.
21. אַךְ אֶת־זֶה תֹּאכְלוּ	21. נור דיזעס מעגט איהר עסען:
מִכֹּל שֶׁרֶץ הָעוֹף	פון יעדע געפליגעלטע קריכענדע,
הַהֹלֵךְ עַל־אַרְבַּע	וואס גייט אויף פיער (פיס),
אֲשֶׁר־לא לו ק' כְרָעַיִם	וואס האט [3]שפרינג־פיס
מִמַּעַל לְרַגְלָיו	איבער זיינע פיס[4]
לְנַתֵּר בָּהֵן	צו שפרינגען מיט זיי
עַל־הָאָרֶץ׃	אויף דער ערד.
22. אֶת־אֵלֶּה מֵהֶם	22. דיזע פון זיי
תֹּאכֵלוּ	מעגט איהר עסען,
אֶת־הָאַרְבֶּה לְמִינוֹ	דעם היישרעק נאך זיין אַרט,
וְאֶת־הַסָּלְעָם לְמִינֵהוּ	און דעם [5]סלעם נאך זיין אַרט,
וְאֶת־הַחַרְגֹּל לְמִינֵהוּ	און דעם [6]חרגול נאך זיין אַרט,
וְאֶת־הֶחָגָב לְמִינֵהוּ׃	און דעם [7]חגב נאך זיין אַרט.
23. וְכֹל שֶׁרֶץ הָעוֹף	23. אבער יעדע געפליגעלטע קריכענדע,
אֲשֶׁר־לוֹ אַרְבַּע רַגְלָיִם	וואס האט פיער פיס[8]
שֶׁקֶץ הוּא לָכֶם׃	זאל זיין איין אַבשיי פיר אייך.
24. וּלְאֵלֶּה תִּטַּמָּאוּ	24. און דורך דיזע וועט איהר אונריין ווערען;
כָּל־הַנֹּגֵעַ בְּנִבְלָתָם	יעדער, וואס ריהרט אָן זייער טויטען־קערפער,
יִטְמָא עַד־הָעָרֶב׃	זאל אונריין זיין ביז אַבענד.
25. וְכָל־הַנֹּשֵׂא	25. און יעדער, וואס טראָגט
מִנִּבְלָתָם	פון זייער טויטען־קערפער,
יְכַבֵּס בְּגָדָיו	זאל וואַשען זיינע קליידער,
וְטָמֵא עַד־הָעָרֶב׃	און ער זאל זיין אונריין ביז אַבענד.
26. לְכָל־הַבְּהֵמָה	26. יעדעס פיה
אֲשֶׁר הִוא מַפְרֶסֶת פַּרְסָה	וואס האט אַ געטהיילטע קלויע,
וְשֶׁסַע ׀ אֵינֶנָּה שֹׁסַעַת	אבער דער שפּאַלט איז ניט גאַנץ דורכ־געשפּאָלטען
וְגֵרָה אֵינֶנָּה מַעֲלָה	און זי בריינגט ניט אַרויף דאס געקייעטע,
טְמֵאִים הֵם לָכֶם	זיינען אונריין פיר אייך;

כָּל־הַנֹּגֵעַ בָּהֶם יִטְמָא	יעדער, וואס ריהט זיי אָן, זאל זיין אונריין.
27. וְכֹל ׀ הוֹלֵךְ	27. און יעדער וואס גייט
עַל־כַּפָּיו	אויף זיינע [9]טאַטצען
בְּכָל־הַחַיָּה	אונטער יעדע טהיר,
הַהֹלֶכֶת עַל־אַרְבַּע	וואס גייט אויף פיער (פיס).
טְמֵאִים הֵם לָכֶם	זיינען אונריין פיר אייך;
כָּל־הַנֹּגֵעַ בְּנִבְלָתָם	יעדער, וואס ריהרט אָן זייער טויטען־קערפער,
יִטְמָא עַד־הָעָרֶב׃	זאל זיין אונריין ביז אַבענד.
28. וְהַנֹּשֵׂא	28. און דער, וואס טראָגט
אֶת־נִבְלָתָם	זייער טויטען־קערפער,
יְכַבֵּס בְּגָדָיו	זאל וואַשען זיינע קליידער,
וְטָמֵא עַד־הָעָרֶב	און ער זאל זיין אונריין ביז אַבענד;
טְמֵאִים הֵמָּה לָכֶם׃	זיי זיינען אונריין פיר אייך.
29. וְזֶה לָכֶם הַטָּמֵא	29. און דיזעס איז פיר אייך דאס אונרייניגע
בַּשֶּׁרֶץ	אונטער דאס קריכענדע,
הַשֹּׁרֵץ עַל־הָאָרֶץ	וואס קריכט אויף דער ערד:
הַחֹלֶד	[10]דאס וויזעל
וְהָעַכְבָּר	און די מויז
וְהַצָּב לְמִינֵהוּ׃	און די שילד־קרעטע נאך [11]זיין אַרט.
30. וְהָאֲנָקָה	30. און דער [12]איגעל
וְהַכֹּחַ	און דער [13]מאָלך
וְהַלְּטָאָה	און די [14]איידעקסע
וְהַחֹמֶט	און די [15]שנעקע
וְהַתִּנְשָׁמֶת׃	און דאס [16]קאַמעלעאָן.
31. אֵלֶּה	31. דיזע זיינען
הַטְּמֵאִים לָכֶם	די אונרייניגע פיר אייך
בְּכָל־הַשָּׁרֶץ	אונטער אלע קריכענדע;
כָּל־הַנֹּגֵעַ בָּהֶם	יעדער, וואס ריהרט זיי אָן,
בְּמֹתָם	ווען זיי זיינען טויט,
יִטְמָא עַד־הָעָרֶב׃	זאל זיין אונריין ביז אַבענד.
32. וְכֹל	32. און אַלעס,
אֲשֶׁר־יִפֹּל עָלָיו	וואס וועט פאַלען דאַרויף
מֵהֶם ׀	פון זיי,
בְּמֹתָם	ווען זיי זיינען טויט,
יִטְמָא	זאל זיין אונריין;
מִכָּל־כְּלִי־עֵץ	פון אירגענד אַ הילצערנע געפעס,

1) בראַך־פויגעל 2) בערג-האָהן. 3) קניען, שענקלען. 4) זעה רש״י. 5) פעלז־שפרינגער. 6) שלאַנגען־ווערגער. 7) געפליגעלטע־היישרעק. 8) אבער קיין שפרינג־פיס, זעה רש״י. 9) פפאָטען, טאַפּען, ראַפּעס. 10) דער מױלװאורף 11) איהר. 12) צישענדע איידעקסע 13) שטאַרקע איידעקסע 14) שטויב איידעקסע. 15) בלינד־שלייך 16) מױלװאורף.

אוֹ בֶגֶד	אדער אַ קלייד,
אוֹ־עוֹר	אדער פעל,
אוֹ שָׂק	אדער אַ זאַק,
כָּל־כְּלִי	יעדע געפעס,
אֲשֶׁר־יֵעָשֶׂה מְלָאכָה	וואס ווערט געטאָן אַרבייט
בָּהֶם	מיט זיי,
בַּמַּיִם יוּבָא	זאל עס געבראַכט ווערען אין וואַסער,
וְטָמֵא עַד־הָעֶרֶב	און עס איז אונריין ביז אָבענד,
וְטָהֵר׃	און דאַן איז עס ריין.
שְׁבִיעִי	שְׁבִיעִי
33. וְכָל־כְּלִי־חֶרֶשׂ	33. און יעדע ליימענע געפעס,
אֲשֶׁר־יִפֹּל מֵהֶם	וואס וועט אַריינפאַלען פון זיי
אֶל־תּוֹכוֹ	אין איהם,
כֹּל אֲשֶׁר בְּתוֹכוֹ	אַלעס, וואס איז אין איהם,
יִטְמָא	זאל זיין אונריין
וְאֹתוֹ תִשְׁבֹּרוּ׃	און [1]איהם זאלט איהר צוברעכען.
34. מִכָּל־הָאֹכֶל	34. פון אַלע שפייזע,
אֲשֶׁר יֵאָכֵל	וואס ווערט געגעסען,
אֲשֶׁר יָבוֹא עָלָיו מַיִם	וואס וועט קומען דאַרויף וואַסער,
יִטְמָא	זאל זיין אונריין[2]
וְכָל־מַשְׁקֶה	און יעדע געטראַנק,
אֲשֶׁר יִשָּׁתֶה	וואס ווערט געטרונקען
בְּכָל־כְּלִי	אין איר געַנד וועלכע געפעס
יִטְמָא׃	זאל זיין אונריין[2].
35. וְכֹל	35. און אַלעס,
אֲשֶׁר־יִפֹּל מִנִּבְלָתָם	וואס וועט פאַלען פון זייער טויטען־קערפּער
עָלָיו	דאַרויף,
יִטְמָא	זאל זיין אונריין,
תַּנּוּר וְכִירַיִם	איין אויווען אדער אַ [3]קיך
יֻתָּץ	זאל [4]צובראָכען ווערען[5]
טְמֵאִים הֵם	זיי זיינען אונריין,
וּטְמֵאִים יִהְיוּ לָכֶם׃	און אונריין, זאלען זיי בלייבען פיר אייך.
36. אַךְ מַעְיָן וּבוֹר	36. נור אַ קוואַל און אַ ברונען,
מִקְוֵה־מַיִם	(אדער) אַ וואַסער־זאַמלונג
יִהְיֶה טָהוֹר	זאל בלייבען ריין;
וְנֹגֵעַ בְּנִבְלָתָם	אָבער דער, וואס ריהרט אָן זייער טויטען־קערפּער,

יִטְמָא׃	זאל זיין אונריין.[6]
37. וְכִי יִפֹּל מִנִּבְלָתָם	37. און ווען עס וועט פאַלען פון זייער טויטען־קערפּער
עַל־כָּל־זֶרַע זֵרוּעַ	אויף איר געַנד וועלכע געזייטע זאַמען
אֲשֶׁר יִזָּרֵעַ	וועלכע ווערט געזייט,
טָהוֹר הוּא׃	איז עס ריין.
38. וְכִי יֻתַּן־מַיִם	38. ווען אָבער עס וועט געגעבען ווערען וואַסער
עַל־זֶרַע	אויף זאַמען,
וְנָפַל מִנִּבְלָתָם עָלָיו	און עס וועט פאַלען פון זייער טויטען־קערפּער דאַרויף,
טָמֵא הוּא לָכֶם׃	איז עס אונריין פיר אייך.
39. וְכִי יָמוּת	39. און ווען עס וועט שטאַרבען
מִן־הַבְּהֵמָה	פון דעם פיה,
אֲשֶׁר־הִיא לָכֶם	וועלכע איז פיר אייך
לְאָכְלָה	צום עסען,
הַנֹּגֵעַ בְּנִבְלָתָהּ	דער, וואס ריהרט אָן איהר טויטען־קערפּער,
יִטְמָא עַד־הָעָרֶב׃	זאל זיין אונריין ביז אָבענד.
40. וְהָאֹכֵל מִנִּבְלָתָהּ	40. און דער, וואס עסט פון איהר טויטען־קערפּער,
יְכַבֵּס בְּגָדָיו	זאל וואַשען זיינע קליידער,
וְטָמֵא עַד־הָעָרֶב	און ער זאל זיין אונריין ביז אָבענד,
וְהַנֹּשֵׂא אֶת־נִבְלָתָהּ	און דער, וואס טראָגט איהר טויטען־קערפּער,
יְכַבֵּס בְּגָדָיו	זאל וואַשען זיינע קליידער,
וְטָמֵא עַד־הָעָרֶב׃	און ער זאל זיין אונריין ביז אָבענד.
41. וְכָל־הַשֶּׁרֶץ	41. און יעדע קריכענדע,
הַשֹּׁרֵץ עַל־הָאָרֶץ	וואס קריכט אויף דער ערד,
שֶׁקֶץ הוּא	איז עס איין אָבשיי;
לֹא יֵאָכֵל׃	עס זאל ניט געגעסען ווערען.
42. כֹּל הוֹלֵךְ	42. יעדעס, וואס גייט
עַל־גָּחוֹן	אויפ'ן בויך,
וְכֹל ׀ הוֹלֵךְ	און יעדעס, וואס גייט
עַל־אַרְבַּע	אויף פיער (פיס),
עַד כָּל־מַרְבֵּה רַגְלַיִם	ביז יעדע פיל־פיסיגע
לְכָל־הַשֶּׁרֶץ	פון יעדע קריכענדע,
הַשֹּׁרֵץ עַל־הָאָרֶץ	וואס קריכט אויף דער ערד,
לֹא תֹאכְלוּם	זאלט איהר זיי ניט עסען,
כִּי־שֶׁקֶץ הֵם׃	דען זיי זיינען איין אָבשיי.
43. אַל־תְּשַׁקְּצוּ	43. איהר זאלט ניט אָבשייליך מאַכען
אֶת־נַפְשֹׁתֵיכֶם	אייערע זעעלען

1) דאס געפעס. 2) ד. ה. אויב עס איז אין איין אונרייגע ליימענע געפעס; זעה רש"י. 3) פייער־הערדע. 4) צופּ שטויסען, צו־פיצעלט. 5) ד. ה. ווען דאָרט פאַלט אַריין נבלה. 6) זעה רש"י.

בכל־השרץ	דורך אירגענד וועלכע קריכענדע,
השרץ	וואס קריכט,
ולא תטמאו בהם	און איהר זאלט אייך ניט פעראונרייניגען דורך זיי,
ונטמתם חסר א׳ בם:	דאס איהר זאלט אונריין ווערען דורך זיי.
44. כי אני יהוה אלהיכם	44. דען איך בין דער עוויגער, אייער גאט,
והתקדשתם	דארום זאלט איהר אייך הייליגען
והייתם קדשים	און איהר זאלט זיין הייליג,
כי קדוש אני	דען איך בין הייליג,
ולא תטמאו	און איהר זאלט ניט פער־אונרייניגען
את־נפשתיכם	אייערע זעעלען
בכל־השרץ	דורך אירגענד וועלכע קריכענדע,
הרמש על־הארץ:	וואס קריכט אום אויף דער ערד.
מפטיר	מפטיר
45. כי אני יהוה	45. דען איך בין דער עוויגער,
המעלה אתכם	וועלכער האט אייך ארויף־געבראכט
מארץ מצרים	פון דעם לאנד מצרים,
להית לכם לאלהים	צו זיין צו אייך פיר א גאט,
והייתם קדשים	און איהר זאלט זיין הייליג,
כי קדוש אני:	דען איך בין הייליג.
46. זאת תורת	46. דיזעס איז דאס געזעטץ
הבהמה והעוף	פון די פיה און די געפליגעל
וכל נפש החיה	און יעדע לעבעדיגע טהיר,
הרמשת במים	וואס קריכט אום אים וואסער,
ולכל־נפש	און פון יעדע לעבעדיגע,
השרצת על־הארץ:	וואס קריכט אויף דער ערד.
47. להבדיל	47. צו אונטערשיידען
בין הטמא	צווישען דעם אונריינעם,
ובין הטהר	און צווישען דעם רייכעם
ובין החיה הנאכלת	און צווישען דעם טהיר, וואס ווערט געגעסען,
ובין החיה	און צווישען דעם טהיר,
אשר לא תאכל:	וואס דארף ניט געגעסען ווערען.

תזריע THAZREEA

Cap. XII. יב

1. וידבר יי אל־משה	1. און דער עוויגער האט גערעט צו משה,

לאמר: 2. דבר אל־בני ישראל לאמר
אשה כי תזריע וילדה זכר וטמאה שבעת
ימים כימי נדת דותה תטמא: 3. וביום
השמיני ימול בשר ערלתו: 4. ושלשים
יום ושלשת ימים תשב בדמי טהרה
בכל־קדש לא־תגע ואל־המקדש לא תבא
עד־מלאת ימי טהרה: 5. ואם־נקבה תלד
וטמאה שבעים כנדתה וששים יום
וששת ימים תשב על־דמי טהרה:
6. ובמלאת ימי טהרה לבן או לבת
תביא כבש בן־שנתו לעלה ובן־יונה
או־תר לחטאת אל־פתח אהל־מועד אל־
הכהן: 7. והקריבו לפני יהוה וכפר עליה
וטהרה ממקר דמיה זאת תורת הילדת
לזכר או לנקבה: 8. ואם־לא תמצא ידה
די שה ולקחה שתי־תרים או שני בני
יונה אחד לעלה ואחד לחטאת וכפר
עליה הכהן וטהרה:

Cap. XIII. יג

1. וידבר יהוה	1. און דער עוויגער האט גערעט
אל־משה ואל־אהרן	צו משה און צו אהרן,
לאמר:	זאגענדיג:
2. אדם	2. א מענש,
כי־יהיה	ווען עס וועט זיין
בעור־בשרו	אין דער הויט פון זיין [1]פלייש
שאת	א [2]געשווילעכץ
או־ספחת	אדער א [3]פלעכע
או בהרת	אדער א פלעק,
והיה בעור־בשרו	און עס [4]וועט ווערען אין דער הויט פון זיין [1]פלייש
לנגע צרעת	צו א פלאג פון אויסזאטץ,
והובא	דאן זאל ער געבראכט ווערען
אל־אהרן הכהן	צו אהרן, דעם פריסטער,
או אל־אחד מבניו	אדער צו איינעם פון זיינע זיהן,
הכהנים:	די פריסטערס.
3. וראה הכהן	3. און דער פריסטער זאל זעהן
את־הנגע	די פלאג

1) לייב. 2) געשוואולסט, ערהעהונג. 3) שארף; אויפגעלאפענע שטעלע. 4) האלט ביים ווערען א. ז. וו.

בְּעוֹר־הַבָּשָׂר	אין דער הויט פון דאס פלייש.
וְשֵׂעָר בַּנֶּגַע	אויב דאס האָר אין דער ¹פלאַג
הָפַךְ לָבָן	האט זיך פערוואַנדעלט (אין) ווייס.
וּמַרְאֵה הַנֶּגַע	און דאס אויסזעהן פון דער פלאַג
עָמֹק מֵעוֹר בְּשָׂרוֹ	איז טיפער אלס די הויט פון זיין פלייש,
נֶגַע צָרַעַת הוּא	איז דאס אַ פלאַג פון אויסזאַטץ,
וְרָאָהוּ הַכֹּהֵן	ווען דער פריסטער וועט איהם זעהן,
וְטִמֵּא אֹתוֹ׃	דאַן זאל ער איהם פיר אונריין ערקלערען.
4. וְאִם־בַּהֶרֶת לְבָנָה הִוא	4. און אויב עס איז אַ ווייסער פלעק
בְּעוֹר בְּשָׂרוֹ	אין דער הויט פון זיין פלייש
וְעָמֹק אֵין־מַרְאֶהָ	און איהר אויסזעהן איז ניט טיפער
מִן־הָעוֹר	אלס די הויט,
וּשְׂעָרָה	און דאס האָר
לֹא־הָפַךְ לָבָן	האט זיך ניט פערוואַנדעלט (אין) ווייס,
וְהִסְגִּיר הַכֹּהֵן	דאַן זאל דער פריסטער פערשליסען
אֶת־הַנֶּגַע	די פלאַג²
שִׁבְעַת יָמִים׃	זיבען טעג.
5. וְרָאָהוּ הַכֹּהֵן	5. און דער פריסטער זאל איהם זעהן
בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי	אייף דעם זיבענטען טאג,
וְהִנֵּה הַנֶּגַע	אויב די פלאַג
עָמַד בְּעֵינָיו	איז געבליבען שטעהן אין זיין ³אויסזעהן
לֹא־פָשָׂה הַנֶּגַע	די פלאַג האט זיך ניט ⁴אויסגעברייטערט
בָּעוֹר	אין דער הויט,
וְהִסְגִּירוֹ הַכֹּהֵן	דאַן זאל דער פריסטער איהם פערשליסען
שִׁבְעַת יָמִים שֵׁנִית׃	אַ צווייטען מאל זיבען טעג.
שֵׁנִי	שֵׁנִי
6. וְרָאָה הַכֹּהֵן אֹתוֹ	6. און דער פריסטער זאל איהם זעהן
בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי	אויף דעם זיבענטען טאג
שֵׁנִית	אַ צווייטען מאל,
וְהִנֵּה כֵּהָה הַנֶּגַע	אויב די פלאַג איז ⁵דונקעל
וְלֹא־פָשָׂה הַנֶּגַע	און די פלאַג האט זיך ניט ⁴אויסגעברייטערט
בָּעוֹר	אין דער הויט,
וְטִהֲרוֹ הַכֹּהֵן	דאַן זאל דער פריסטער איהם פיר ריין ערקלערען,
מִסְפַּחַת הִוא	עס איז אַ פלעכטע,
וְכִבֶּס בְּגָדָיו	און ער זאל וואַשען זיינע קליידער,
וְטָהֵר׃	און ער איז ריין.
7. וְאִם־פָּשֹׂה תִפְשֶׂה	7. אבער אויב עס וועט זיך אויסברייטען
הַמִּסְפַּחַת	די פלעכטע
בָּעוֹר	אין דער הויט,
אַחֲרֵי הֵרָאֹתוֹ	נאכדעם ווי ער האט זיך געוויזען
אֶל־הַכֹּהֵן	צום פריסטער
לְטָהֳרָתוֹ	צו זיין ריין שפרעכונג,
וְנִרְאָה שֵׁנִית	דאַן זאל ער זיך ווייזען א צווייטען מאל
אֶל־הַכֹּהֵן׃	צום פריסטער.
8. וְרָאָה הַכֹּהֵן	8. און דער פריסטער זאל זעהן,
וְהִנֵּה פָּשְׂתָה	אויב עס האט זיך אויס־געברייטערט
הַמִּסְפַּחַת	די פלעכטע
בָּעוֹר	אין דער הויט,
וְטִמְּאוֹ הַכֹּהֵן	דאַן זאל דער פריסטער איהם פיר אונריין ערקלערען
צָרַעַת הִוא׃	עס איז איין אויסזאַטץ.
9. נֶגַע צָרַעַת	9. א ¹פלאַג פון אויסזאַטץ,
כִּי תִהְיֶה בְּאָדָם	ווען עס וועט זיין אויף א מענשען
וְהוּבָא אֶל־הַכֹּהֵן׃	דאַן זאל ער געבראַכט ווערען צו דעם פריסטער
10. וְרָאָה הַכֹּהֵן	10. און ווען דער פריסטער וועט זעהן,
וְהִנֵּה שְׂאֵת־לְבָנָה	דאס עס איז א ווייסע געשוואָלעכץ
בָּעוֹר	אין דער הויט,
וְהִיא הָפְכָה	און זי האט פערוואַנדעלט
שֵׂעָר לָבָן	דאס האָר (אין) ווייס
וּמִחְיַת בָּשָׂר חַי	און א ⁶צייכען פון רויהע פלייש⁷
בַּשְׂאֵת׃	איז אין דער געשוואָלעכץ.
11. צָרַעַת נוֹשֶׁנֶת הִוא	11. איז עס א פעראַלטער־טער אויסזאַטץ
בְּעוֹר בְּשָׂרוֹ	אין דער הויט פון זיין פלייש,
וְטִמְּאוֹ הַכֹּהֵן	און דער פריסטער זאל איהם פיר אונריין ערקלערען,
לֹא יַסְגִּרֶנּוּ	ער זאל איהם ניט פער־שליסען,
כִּי טָמֵא הוּא׃	דען ער איז אונריין.
12. וְאִם־פָּרוֹחַ תִּפְרַח	12. אבער אויב עס וועט ⁸בּריהען
הַצָּרַעַת	דער אויסזאַטץ
בָּעוֹר	אין דער הויט,
וְכִסְּתָה הַצָּרַעַת	און דער אויסזאַטץ וועט פערדעקען
אֵת כָּל־עוֹר הַנֶּגַע	די גאַנצע הויט פון דער פלאַג
מֵרֹאשׁוֹ וְעַד־רַגְלָיו	פון זיין קאָפּ ביז זיינע פיס,

1) וואונד. אויסשלאַג. 2) ד. ה. די פּערזאָן, וועלכע האט דעם אויסזאַטץ. 3) אויגען, געשטאַלט. 4) פערגרע־סערט, פערמעהרט. 5) בלאַס, שוואַך. 6) וואונד; פערהיילונג. 7) ווילד־פלייש; געזונדע פלייש; זעה רש״י. 8) אויספּרעכען.

לְכָל־מַרְאֵה עֵינֵי הַכֹּהֵן׃	אזוי ווייט ווי דעם פּריס־טערס אויגען זעהען.[1]
13. וְרָאָה הַכֹּהֵן	13. ווען דער פּריסטער וועט זעהן,
וְהִנֵּה כִסְּתָה הַצָּרַעַת	דאס דער אויסזאַטץ האט בּעדעקט
אֶת־כָּל־בְּשָׂרוֹ	זיין גאַנצעס פלייש.
וְטִהַר אֶת־הַנָּגַע	דאַן זאל ער פיר ריין ער־קלערען די פּלאַג;
כֻּלּוֹ הָפַךְ לָבָן	(ווען) אַלעס האט זיך פערוואַנדעלט (אין) ווייס
טָהוֹר הוּא׃	איז ער ריין.
14. וּבְיוֹם	14. אבער אין דעם טאג,
הֵרָאוֹת בּוֹ	(ווען) עס וועט געזעהן ווערען אין איהם
בָּשָׂר חַי	רויהע פלייש,
יִטְמָא׃	זאל ער אונריין זיין.
15. וְרָאָה הַכֹּהֵן	15. און ווען דער פּריסטער וועט זעהן
אֶת־הַבָּשָׂר הַחַי	די רויהע פלייש,
וְטִמְּאוֹ	דאַן זאל ער איהם פיר אונריין ערקלערען;
הַבָּשָׂר הַחַי	די רויהע פלייש
טָמֵא הוּא	איז אונריין,
צָרַעַת הוּא׃	עס איז איין אויסזאַטץ.
16. אוֹ כִי יָשׁוּב	16. אדער, ווען עס וועט זיך צוריק קעהרען,[2]
הַבָּשָׂר הַחַי	די רויהע פלייש
וְנֶהְפַּךְ לְלָבָן	און עס וועט זיך פערוואַנד־לען אין ווייס,
וּבָא אֶל־הַכֹּהֵן׃	דאַן זאל ער קומען צום פּריסטער.
כִּי נֶפֶשׁ כָּל־בָּשָׂר	דען די זעלע פון אַלעס פלייש
דָּמוֹ הִוא	איז זיין בלוט
כָּל־אֹכְלָיו	יעדער פון די וואָס עסען איהם
יִכָּרֵת׃	וועט אויסגעראָטעט ווערען.
15. וְכָל־נֶפֶשׁ	15. און יעדע פערזאָן,
אֲשֶׁר תֹּאכַל	וואָס וועט עסען
נְבֵלָה וּטְרֵפָה	אַ געפאַלענעס אָדער אַ צוריסענעס,
בָּאֶזְרָח וּבַגֵּר	סיי אַן איינגעבאָרענער און סיי אַ פרעמדער גר,
וְכִבֶּס בְּגָדָיו	דאַן זאָל ער וואַשען זיינע קליידער,
וְרָחַץ בַּמַּיִם	און ער זאָל זיך וואַשען מיט וואַסער,
וְטָמֵא עַד־הָעֶרֶב	און ער זאָל זיין אומריין ביז אָבענד
וְטָהֵר׃	און ער איז ריין.
16. וְאִם לֹא יְכַבֵּס	16. אָבער אויב ער וועט (זיי) ניט וואַשען,
וּבְשָׂרוֹ לֹא יִרְחָץ	און זיין לייב וועט ער ניט וואַשען,

1) אָפּפערן. 2) ריכטען מיין געזיכט. 3) בעשטימט פיר דעם אַלטאַר. 4) פערזיינט. 5) ווילדפרעט.
6) ד. ה. ער מוז זעהן, אַז ס'זאָל קיין בלוט בלייבען. 7) טויט. 8) פון טהירען. 9) באָדען.

וְנָשָׂא עֲוֺנוֹ׃	דאַן וועט ער טראָגען זיין זינד.

CAP. XVIII. יח

1. וַיְדַבֵּר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	1. און דער עוויגער האט גערעדט צו משה,
לֵּאמֹר׃	זאָגענדיג:
2. דַּבֵּר	2. רייד
אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	צו די קינדער ישראל,
וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם	און דו זאלסט זאגען צו זיי:
אֲנִי יְהוָֹה אֱלֹהֵיכֶם׃	איך בין דער עוויגער, אייער גאט.
3. כְּמַעֲשֵׂה	3. ווי די טהאַט
אֶרֶץ־מִצְרַיִם	פון דעם לאַנד מצרים,
אֲשֶׁר יְשַׁבְתֶּם־בָּהּ	וואס איהר האט געוואָהנט אין איהר,
לֹא תַעֲשׂוּ	זאלט איהר ניט טהאָן,
וּכְמַעֲשֵׂה אֶרֶץ־כְּנַעַן	און ווי די טהאַט פון דעם לאַנד כנען,
אֲשֶׁר אֲנִי מֵבִיא אֶתְכֶם שָׁמָּה	וואס איך ברינג אייך דאָרטען,
לֹא תַעֲשׂוּ	זאלט איהר ניט טהאָן,
וּבְחֻקֹּתֵיהֶם	און אין זייערע געזעטצע
לֹא תֵלֵכוּ׃	זאלט איהר ניט גיין.
4. אֶת־מִשְׁפָּטַי תַּעֲשׂוּ	4. מיינע רעכטע זאלט איהר טהאָן,
וְאֶת־חֻקֹּתַי תִּשְׁמְרוּ	און מיינע געזעטצע זאלט איהר היטען,
לָלֶכֶת בָּהֶם	צו גיין אין זיי;
אֲנִי יְהוָֹה אֱלֹהֵיכֶם׃	איך בין דער עוויגער, אייער גאט.
5. וּשְׁמַרְתֶּם	5. און איהר זאלט היטען
אֶת־חֻקֹּתַי	מיינע געזעטצע
וְאֶת־מִשְׁפָּטַי	און מיינע רעכטע,
אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה אֹתָם הָאָדָם	[1]וואס דער מענש זאל זיי טהאָן
וָחַי בָּהֶם	דאס ער זאל לעבען דורך זיי:
אֲנִי יְהוָֹה׃	איך בין דער עוויגער.

ששי

6. אִישׁ אִישׁ אֶל־כָּל־שְׁאֵר בְּשָׂרוֹ לֹא
תִקְרְבוּ לְגַלּוֹת עֶרְוָה אֲנִי יְהוָֹה׃ 7. עֶרְוַת
אָבִיךָ וְעֶרְוַת אִמְּךָ לֹא תְגַלֵּה אִמְּךָ הִוא
לֹא תְגַלֶּה עֶרְוָתָהּ׃ 8. עֶרְוַת אֵשֶׁת־אָבִיךָ
לֹא תְגַלֵּה עֶרְוַת אָבִיךָ הִוא׃ 9. עֶרְוַת
אֲחוֹתְךָ בַת־אָבִיךָ אוֹ בַת־אִמֶּךָ מוֹלֶדֶת
בַּיִת אוֹ מוֹלֶדֶת חוּץ לֹא תְגַלֶּה עֶרְוָתָן׃
10. עֶרְוַת בַּת־בִּנְךָ אוֹ בַת־בִּתְּךָ לֹא תְגַלֶּה
עֶרְוָתָן כִּי עֶרְוָתְךָ הֵנָּה׃ 11. עֶרְוַת בַּת־
אֵשֶׁת אָבִיךָ מוֹלֶדֶת אָבִיךָ אֲחוֹתְךָ הִוא
לֹא תְגַלֶּה עֶרְוָתָהּ׃ 12. עֶרְוַת אֲחוֹת־אָבִיךָ
לֹא תְגַלֵּה שְׁאֵר אָבִיךָ הִוא׃ 13. עֶרְוַת
אֲחוֹת־אִמְּךָ לֹא תְגַלֵּה כִּי־שְׁאֵר אִמְּךָ הִוא׃
14. עֶרְוַת אֲחִי־אָבִיךָ לֹא תְגַלֵּה אֶל־אִשְׁתּוֹ
לֹא תִקְרָב דֹּדָתְךָ הִוא׃ 15. עֶרְוַת כַּלָּתְךָ
לֹא תְגַלֵּה אֵשֶׁת בִּנְךָ הִוא לֹא תְגַלֶּה
עֶרְוָתָהּ׃ 16. עֶרְוַת אֵשֶׁת־אָחִיךָ לֹא תְגַלֵּה
עֶרְוַת אָחִיךָ הִוא׃ 17. עֶרְוַת אִשָּׁה וּבִתָּהּ
לֹא תְגַלֵּה אֶת־בַּת־בְּנָהּ וְאֶת־בַּת־בִּתָּהּ לֹא
תִקַּח לְגַלּוֹת עֶרְוָתָהּ שַׁאֲרָה הֵנָּה זִמָּה הִוא׃
18. וְאִשָּׁה אֶל־אֲחֹתָהּ לֹא תִקָּח לִצְרֹר
לְגַלּוֹת עֶרְוָתָהּ עָלֶיהָ בְּחַיֶּיהָ׃ 19. וְאֶל־
אִשָּׁה בְּנִדַּת טֻמְאָתָהּ לֹא תִקְרַב לְגַלּוֹת
עֶרְוָתָהּ׃ 20. וְאֶל־אֵשֶׁת עֲמִיתְךָ לֹא־תִתֵּן
שְׁכָבְתְּךָ לְזָרַע לְטָמְאָה־בָהּ׃ 21. וּמִזַּרְעֲךָ
לֹא־תִתֵּן לְהַעֲבִיר לַמֹּלֶךְ וְלֹא תְחַלֵּל אֶת־
שֵׁם אֱלֹהֶיךָ אֲנִי יְהוָֹה׃ שְׁבִיעִי (רביעי כשהן
מחוברין) 22. וְאֶת־זָכָר לֹא תִשְׁכַּב מִשְׁכְּבֵי
אִשָּׁה תּוֹעֵבָה הִוא׃ 23. וּבְכָל־בְּהֵמָה לֹא־
תִתֵּן שְׁכָבְתְּךָ לְטָמְאָה־בָהּ וְאִשָּׁה לֹא־
תַעֲמֹד לִפְנֵי בְהֵמָה לְרִבְעָהּ תֶּבֶל הוּא׃

24. אַל־תִּטַּמְּאוּ	24. איהר זאל אייך ניט פעראונרייניגען
בְּכָל־אֵלֶּה	דורך דיזע אלע (זאכען)[2],
כִּי בְכָל־אֵלֶּה	דען דורך דיזע אלע (זאכען)
נִטְמְאוּ הַגּוֹיִם	האבען זיך פעראונרייניגט די פעלקער,
אֲשֶׁר־אֲנִי מְשַׁלֵּחַ	וועלכע איך [3]שיק ארויס
מִפְּנֵיכֶם׃	פאר אייך.
25. וַתִּטְמָא הָאָרֶץ	25. און דאס לאַנד איז פעראונרייניגט געוואָרען,
וָאֶפְקֹד עֲוֺנָהּ עָלֶיהָ	און איך האב איהר [4]דער־מאָהנט איהרע זינד,
וַתָּקִא הָאָרֶץ	און די ערד האט אויסגעשפּיט
אֶת־יֹשְׁבֶיהָ׃	איהרע בעוואָהנער.
26. וּשְׁמַרְתֶּם אַתֶּם	26. דאַרום זאלט איהר היטען

1) אדער: דער מענש, וועלכער וועט זיי טהאָן, וועט לעבען דורך זיי. 2) וועלכע זיינען אויבען דערמאָהנט.
3) טרייב. 4) בעשטראָפט פיר איהרע זינד.

אֶת־חֻקֹּתַי	מיינע געזעטצע
וְאֶת־מִשְׁפָּטַי	און מיינע רעכטע,
וְלֹא תַעֲשׂוּ	און איהר זאלט ניט טהאָן
מִכֹּל הַתּוֹעֵבֹת הָאֵלֶּה	פון דיזע אלע אונווירדיג־קייטען,
הָאֶזְרָח וְהַגֵּר	דער איינגעבאָרענער און דער פרעמדער,
הַגָּר בְּתוֹכְכֶם׃	וועלכער האלט זיך אויף צווישען אייך.
27. כִּי אֶת־כָּל־הַתּוֹעֵבֹת הָאֵל	27. דען דיזע אלע אונווירדיגקייטען
עָשׂוּ אַנְשֵׁי־הָאָרֶץ	האבען געטאָן די לייטע פון דעם לאַנד,
אֲשֶׁר לִפְנֵיכֶם	וועלכע (זיינען געוועזען) פאר אייך,
וַתִּטְמָא הָאָרֶץ׃	און דאס לאַנד איז פעראונ־רייניגט געווארען.
מַפְטִיר	מַפְטִיר
28. וְלֹא־תָקִיא הָאָרֶץ אֶתְכֶם	28. אום דאס לאַנד זאל אייך ניט אויסשפייען
בְּטַמַּאֲכֶם אֹתָהּ	ווען איהר וועט עס פעראונרייניגען,
כַּאֲשֶׁר קָאָה	ווי עס האט אויסגעשפייט
אֶת־הַגּוֹי	די נאַציאָן,
אֲשֶׁר לִפְנֵיכֶם׃	וועלכע (איז געוועזען) פאר אייך.
29. כִּי כָּל־אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה	29. דען יעדער, וואס וועט טהאָן
מִכֹּל הַתּוֹעֵבֹת הָאֵלֶּה	פון דיזע אלע אונווירדיג־קייטען,
וְנִכְרְתוּ	וועלען אויסגעראָטעט ווערען
הַנְּפָשׁוֹת הָעֹשֹׂת	די פערזאָנען, וועלכע טהוען (עס),
מִקֶּרֶב עַמָּם׃	פון צווישען זייער פאָלק.
30. וּשְׁמַרְתֶּם	30. און איהר זאלט היטען
אֶת־מִשְׁמַרְתִּי	מיין [1]פעראָרדנונג
לְבִלְתִּי עֲשׂוֹת	ניט צו טהאָן
מֵחֻקּוֹת הַתּוֹעֵבֹת	פון די געזעטצע פון די אונווירדיגקייטען,
אֲשֶׁר נַעֲשׂוּ לִפְנֵיכֶם	וועלכע זיינען געטאָן געווארען פאר אייך,
וְלֹא תִטַּמְּאוּ בָּהֶם	און איהר זאלט אייך ניט פעראונרייניגען דורך זיי,
אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃	איך בין דער עוויגער, אייער גאט.

קְדֹשִׁים — KEDOSHIM

CAP. XIX. — יט

1. וַיְדַבֵּר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	1. און דער עוויגער האט גערעדט צו משה,
לֵּאמֹר׃	זאָגענדיג:
2. דַּבֵּר	2. רייד
אֶל־כָּל־עֲדַת	צו די גאַנצע געמיינדע
בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל	פון די קינדער ישראל,
וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם	און דו זאלסט זאגען צו זיי:
קְדֹשִׁים תִּהְיוּ	הייליג זאלט איהר זיין,
כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי	דען הייליג בין איך,
יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃	דער עוויגער אייער גאט.
3. אִישׁ	3. יעדער
אִמּוֹ וְאָבִיו תִּירָאוּ	זאל פירכטען זיין מוטער און זיין פאטער,
וְאֶת־שַׁבְּתֹתַי	און מיינע רוהע טעג
תִּשְׁמֹרוּ	זאלט איהר היטען,
אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃	איך בין דער עוויגער, אייער גאט.
4. אַל־תִּפְנוּ	4. איהר זאלט אייך ניט ווענדען
אֶל־הָאֱלִילִם	צו די געטצען,
וֵאלֹהֵי מַסֵּכָה	און געגאָסענע געטער
לֹא תַעֲשׂוּ לָכֶם	זאלט איהר אייך ניט מאַכען;
אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃	איך בין דער עוויגער, אייער גאט.
5. וְכִי תִזְבְּחוּ	5. און ווען איהר וועט שלאַכטען
זֶבַח שְׁלָמִים לַיהוָה	א פרידענס־שלאַכטונג צום עוויגען,
לִרְצֹנְכֶם תִּזְבָּחֻהוּ׃	זאלט איהר עס שלאַכטען צום וואָלגעפאַלען פיר אייך[2].
6. בְּיוֹם זִבְחֲכֶם	6. אין דעם טאג פון אייער שלאַכטונג
יֵאָכֵל	זאל עס געגעסען ווערען
וּמִמָּחֳרָת	און אויף מאָרגען,
וְהַנּוֹתָר	און וואס בלייבט־איבריג
עַד־יוֹם הַשְּׁלִישִׁי	ביז דעם דריטען טאג,
בָּאֵשׁ יִשָּׂרֵף׃	זאל פערברענט ווערען אים פייער.
7. וְאִם הֵאָכֹל יֵאָכֵל	7. אבער אויב עס וועט געגעסען ווערען
בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי	אויף דעם דריטען טאג,
פִּגּוּל הוּא	איז עס אונווירדיג,
לֹא יֵרָצֶה׃	עס וועט ניט וואהלגעפעליג אנגענומען ווערען.
8. וְאֹכְלָיו	8. און ווער עס עסט עס
עֲוֹנוֹ יִשָּׂא	דער וועט טראָגען זיין זינד,
כִּי־אֶת־קֹדֶשׁ יְהוָה	דען די הייליגקייט פון דעם עוויגען
חִלֵּל	האט ער פעראונהייליגט,
וְנִכְרְתָה	און עס וועט אויסגעראָטעט ווערען
הַנֶּפֶשׁ הַהִוא	יענע פערזאָן
מֵעַמֶּיהָ׃	פון איהר פאָלק.

1) פאָרשריפט, געבאָט. 2) ד. ה. איהר זאלט טהאָן אזוי, אז גאט זאל עס מיט ווילען אָננעהמען פיר אייער פערזעהנונג; זעה רש"י.

9. וּבְקֻצְרְכֶם	9. און ווען איהר וועט שניידען
אֶת־קְצִיר אַרְצְכֶם	דעם שניט פון אייער לאנד,
לֹא תְכַלֶּה פְּאַת שָׂדְךָ לִקְצֹר	זאלסט'ו ניט אין גאנצען אפשניידען דאס ענדע פון דיין פעלד
וְלֶקֶט קְצִירְךָ	און די [1]נאכלעזע פון דיין שניט
לֹא תְלַקֵּט׃	זאלסט'ו ניט צוזאמענ־קלייבען.
10. וְכַרְמְךָ	10. און דיין וויין־גארטען
לֹא תְעוֹלֵל	זאלסט'ו ניט אין גאנצען אפקלייבען,
וּפֶרֶט	און די איינצעלנע (טרויבען)
כַּרְמְךָ	פון דיין וויין־גארטען
לֹא תְלַקֵּט	זאלסט'ו ניט צוזאמענ־קלייבען;
לֶעָנִי וְלַגֵּר	פיר דעם ארמען און פיר דעם פרעמדען
תַּעֲזֹב אֹתָם	זאלסט'ו זיי לאזען,
אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃	איך בין דער עוויגער, אייער גאט.
11. לֹא תִּגְנֹבוּ	11. איהר זאלט ניט שטילען,
וְלֹא־תְכַחֲשׁוּ	און איהר זאלט ניט לייקענען
וְלֹא־תְשַׁקְּרוּ	און איהר זאלט ניט ליגען זאגען
אִישׁ בַּעֲמִיתוֹ׃	איינער געגען דעם אנדערן.
12. וְלֹא־תִשָּׁבְעוּ	12. און איהר זאלט ניט שווערען
בִשְׁמִי	ביי מיין נאמען
לַשָּׁקֶר	צו א ליגען,
וְחִלַּלְתָּ	דען דו וועסט ענטהייליגען
אֶת־שֵׁם אֱלֹהֶיךָ	דעם נאמען פון דיין גאט,
אֲנִי יְהוָה׃	איך בין דער עוויגער.
13. לֹא־תַעֲשֹׁק	13. דו זאלסט ניט בעדריקען
אֶת־רֵעֲךָ	דיין פריינד,
וְלֹא תִגְזֹל	און דו זאלסט ניט רויבען;
לֹא־תָלִין	דו זאלסט ניט איבער נאכט פערהאלטען
פְּעֻלַּת שָׂכִיר	דעם ארבייטס־(לוין) פון א [2]געדונגענעם
אִתְּךָ	ביי דיר
עַד־בֹּקֶר׃	ביז (דעם) מארגען.
14. לֹא־תְקַלֵּל חֵרֵשׁ	14. דו זאלסט ניט פלוכען א טויבען,
וְלִפְנֵי עִוֵּר	און פאר א בלינדען
לֹא תִתֵּן מִכְשֹׁל	זאלסט'ו קיין [3]שטרויכלונג לייגען,
וְיָרֵאתָ מֵּאֱלֹהֶיךָ	און דו זאלסט זיך פירכטען פאר דיין גאט,
אֲנִי יְהוָה׃	איך בין דער עוויגער.

שֵׁנִי	שֵׁנִי
חמישי (כשהן מחוברין)	
15. לֹא־תַעֲשׂוּ עָוֶל	15. איהר זאלט קיין אונ־רעכט טהאן
בַּמִּשְׁפָּט	אים געריכט,
לֹא־תִשָּׂא	דו זאלסט ניט אכטען[4]
פְנֵי־דָל	די פערזאן פון איין ארמען,
וְלֹא תֶהְדַּר	און דו זאלסט ניט [5]בעשיינען
פְּנֵי גָדוֹל	די פערזאן פון א גרויסען (מאן),
בְּצֶדֶק	מיט גערעכטיקייט
תִּשְׁפֹּט עֲמִיתֶךָ׃	זאלסט'ו ריכטען דיין [6]נעכסטען.
16. לֹא־תֵלֵךְ רָכִיל	16. דו זאלסט ניט גיין (אלס) פערליימדער
בְּעַמֶּיךָ	אונטער דיין פאלק,
לֹא תַעֲמֹד	דו זאלסט ניט בלייבען שטעהן
עַל־דַּם רֵעֶךָ	ביי דעם [7]בלוט פון דיין פריינד,
אֲנִי יְהוָה׃	איך בין דער עוויגער.
17. לֹא־תִשְׂנָא	17. דו זאלסט ניט האסען
אֶת־אָחִיךָ	דיין ברודער
בִּלְבָבֶךָ	אין דיין הארצען;
הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ	דו זאלסט [8]שטראפען
אֶת־עֲמִיתֶךָ	דיין [6]נעכסטען,
וְלֹא־תִשָּׂא עָלָיו חֵטְא׃	אום דו זאלסט ניט טראגען וועגען איהם א זינד.
18. לֹא־תִקֹּם	18. דו זאלסט ניט ראכע נעהמען
וְלֹא־תִטֹּר	און דו זאלסט ניט [9]היטען (צארן)
אֶת־בְּנֵי עַמֶּךָ	געגען די קינדער פון דיין פאלק,
וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ	און דו זאלסט ליבען דיין [10]פריינד ווי דיך זעלבסט;
אֲנִי יְהוָה׃	איך בין דער עוויגער.
19. אֶת־חֻקֹּתַי	19. מיינע געזעטצע
תִּשְׁמֹרוּ	זאלט איהר היטען,
בְּהֶמְתְּךָ	דיינע פיה
לֹא־תַרְבִּיעַ כִּלְאַיִם	זאלסט'ו ניט צוזאמען־פאא־רען פון צווייערליי ארטען,
שָׂדְךָ	דיין פעלד
לֹא־תִזְרַע כִּלְאָיִם	זאלסט'ו ניט זעען פון צווייערליי ארטען,
וּבֶגֶד כִּלְאַיִם	און א קלייד פון צווייערליי ארטען,
שַׁעַטְנֵז	וואל און פלאקס געמישט,
לֹא יַעֲלֶה	זאל ניט ארויף־קומען
עָלֶיךָ׃	אויף דיר.

1) די צווייטע זאמלונג נאך דעם שניט. 2) טאגע־לוינער. 3) אנשטאס. 4) ד. ה. זיין פארטהייאיש פיר דעם ארמען. 5) בעעהרען, איינזעהענעס האבען. 6) פריינד, נעבען־מענשען. 7) ד. ה. לעבענס־געפאהר. 8) צור־רעכט ווייזען, אויסריידען. 9) נאכטראגען. 10) נעכסטען, נעבען־מענשען.

20. וְאִישׁ כִּי־יִשְׁכַּב אֶת־אִשָּׁה שִׁכְבַת־זֶרַע
וְהִוא שִׁפְחָה נֶחֱרֶפֶת לְאִישׁ וְהָפְדֵּה לֹא
נִפְדָּתָה אוֹ חֻפְשָׁה לֹא נִתַּן־לָהּ בִּקֹּרֶת
תִּהְיֶה לֹא יוּמְתוּ כִּי־לֹא חֻפָּשָׁה׃ 21 וְהֵבִיא
אֶת־אֲשָׁמוֹ לַיהוָה אֶל־פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד
אֵיל אָשָׁם׃ 33. וְכִפֶּר עָלָיו הַכֹּהֵן בְּאֵיל
הָאָשָׁם לִפְנֵי יְהוָה עַל־חַטָּאתוֹ אֲשֶׁר חָטָא
וְנִסְלַח לוֹ מֵחַטָּאתוֹ אֲשֶׁר חָטָא׃

שְׁלִישִׁי — שְׁלִישִׁי

23 וְכִי־תָבֹאוּ	23. און ווען איהר וועט קומען
אֶל הָאָרֶץ	אין דאס לאנד,
וּנְטַעְתֶּם	און איהר וועט פלאנצען
כָּל־עֵץ מַאֲכָל	אירגענד וועלכען [1]שפייז־בוים,
וַעֲרַלְתֶּם עָרְלָתוֹ	דאן זאלט איהר אלס אונבעשניטען בעטראכטען[2]
אֶת־פִּרְיוֹ	זיין פרוכט.
שָׁלֹשׁ שָׁנִים	דריי יאהר
יִהְיֶה לָכֶם עֲרֵלִים	זאל עס זיין ביי אייך אלס אונבעשניטען,
לֹא יֵאָכֵל׃	עס זאל ניט געגעסען ווערען
24. וּבַשָּׁנָה הָרְבִיעִת	24. און אויף דעם פירטען יאהר
יִהְיֶה כָּל־פִּרְיוֹ	זאל אלע זיינע פרוכט זיין
קֹדֶשׁ הִלּוּלִים לַיהוָה׃	הייליג (אלס) [3]דאנק-זאגונג צום עוויגען.
25 וּבַשָּׁנָה הַחֲמִישִׁת	25. און אויף דעם פינפטען יאהר
תֹּאכְלוּ אֶת־פִּרְיוֹ	זאלט איהר עסען זיין פרוכט
לְהוֹסִיף לָכֶם	אום אייך צו פערמעהרען
תְּבוּאָתוֹ	זיין ערטראג,[4]
אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃	איך בין דער עוויגער, אייער גאט.
26 לֹא תֹאכְלוּ	26. איהר זאלט ניט עסען
עַל־הַדָּם	(עטוואס) מיט דעם בלוט;[5]
לֹא תְנַחֲשׁוּ	איהר זאלט ניט געברויכען [6]שלאנגען־בעשווערונג
וְלֹא תְעוֹנֵנוּ׃	און איהר זאלט ניט געברויכען [7]וואלקען־דייטונג.
27. לֹא תַקִּפוּ	27. איהר זאלט ניט רונד אבשערען
פְּאַת רֹאשְׁכֶם	די זייטען-עקען פון אייער קאפ,
וְלֹא תַשְׁחִית	און דו זאלסט ניט פערדארבען
אֵת פְּאַת זְקָנֶךָ׃	די זייטען־עקען פון דיין בארד.
28. וְשֶׂרֶט לָנֶפֶשׁ	28. און איין איינשניט וועגען א(טויטע) פערזאן
לֹא תִתְּנוּ בִּבְשַׂרְכֶם	זאלט איהר ניט מאכען אין אייער לייב,
וּכְתֹבֶת קַעֲקַע	און איינגעקריצטע שריפט
לֹא תִתְּנוּ בָּכֶם	זאלט איהר ניט מאכען אין אייך;
אֲנִי יְהוָה׃	איך בין דער עוויגער.
29. אַל־תְּחַלֵּל	29. דו זאלסט ניט ענטעהרען
אֶת־בִּתְּךָ	דיין טאכטער
לְהַזְנוֹתָהּ	איהר אויסגעלאסען צו מאכען,
וְלֹא־תִזְנֶה הָאָרֶץ	אום דאס לאנד זאל ניט אויסגעלאסען זיין
וּמָלְאָה הָאָרֶץ זִמָּה׃	און דאס לאנד וועט פול ווערען (מיט) שאנדטהאט.
30. אֶת־שַׁבְּתֹתַי	30. מיינע רוהע־טעג
תִּשְׁמֹרוּ	זאלט איהר היטען,
וּמִקְדָּשִׁי תִּירָאוּ	און מיין הייליגטהום זאלט איהר עהר־פירכטען,
אֲנִי יְהוָה׃	איך בין דער עוויגער.
31. אַל־תִּפְנוּ	31. איהר זאלט אייך ניט ווענדען
אֶל־הָאֹבֹת	צו די טויטען־בעשווערער
וְאֶל־הַיִּדְּעֹנִים	און צו די צייכען־דייטער;
אַל־תְּבַקְשׁוּ	איהר זאלט ניט זוכען
לְטָמְאָה בָהֶם	זיך צו פעראונרייניגען דורך זיי;
אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃	איך בין דער עוויגער, אייער גאט.
32. מִפְּנֵי שֵׂיבָה	32. פאר א גרויען (מאן)
תָּקוּם	זאלסט'ו אויפשטיין
וְהָדַרְתָּ פְּנֵי זָקֵן	און דו זאלסט [8]בעשיינען דאס אנזעהן פון איין אלטען,
וְיָרֵאתָ מֵּאֱלֹהֶיךָ	און דו זאלסט זיך פירכטען פאר דיין גאט;
אֲנִי יְהוָה׃	איך בין דער עוויגער.

רְבִיעִי — רְבִיעִי

ששי (כשהן מחוברין)

33. וְכִי־יָגוּר אִתְּךָ	33. און ווען עס וועט זיך אויפהאלטען ביי דיר
גֵּר	א פרעמדער,
בְּאַרְצְכֶם	אין אייער לאנד,
לֹא תוֹנוּ אֹתוֹ׃	זאלט איהר איהם ניט [9]קריינקען.
34. כְּאֶזְרָח מִכֶּם	34. ווי דער איינגעבארענער פון אייך,
יִהְיֶה לָכֶם	זאל זיין ביי אייך
הַגֵּר ׀ הַגָּר אִתְּכֶם	דער פרעמדער, וועלכער האלט זיך אויף ביי אייך,
וְאָהַבְתָּ לוֹ כָּמוֹךָ	און דו זאלסט איהם ליבען ווי דיך זעלבסט,
כִּי־גֵרִים הֱיִיתֶם	דען פרעמדע זייט איהר געווען
בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם	אין דאס לאנד מצרים;
אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃	איך בין דער עוויגער, אייער גאט.

1) פרוכט. 2) ד. ה. לאזען ווילד וואקסען און ניט עסען דאפון. 3) לויב־פרייזונג, פריידען-פעסט. 4) ד. ה. די פרוכט וואס דער בוים טראגט. 5) זעה רש״י. 6) צויבעריי, צייכענדייטעריי. 7) זעה רש״י. 8) אכטען, בעעהרען. 9) דריקען,

35. לא־תעשו עול	35. איהר זאלט קיין אונרעכט טהאן
במשפט	אים געריכט,
במדה	אים [1]מאס
במשקל	אים געוויכט
ובמשורה :	און אים נאסען־מאס[2].
36. מאזני צדק	36. ריכטיגע וואג־שאלען,
אבני־צדק	ריכטיגע (געוויכט)-שטיינער
איפת צדק	א ריכטיגע [3]איפה
והין צדק	און א ריכטיגען [4]הין
יהיה לכם	זאל זיין בייא אייך,
אני יהוה אלהיכם	איך בין דער עוויגער, אייער גאט,
אשר הוצאתי אתכם	וואס איך האב אייך ארויס־געפיהרט
מארץ מצרים :	פון דעם לאנד מצרים.
37. ושמרתם	37. און איהר זאלט היטען
את־כל־חקתי	אלע מיינע געזעטצע
ואת־כל־משפטי	און אלע מיינע רעכטע,
ועשיתם אתם	און איהר זאלט זיי טהאן;
אני יהוה :	איך בין דער עוויגער.

Cap. XX.

כ

חמישי	חמישי
1. וידבר יי אל־משה	1. און דער עוויגער האט גערעדט צו משה,
לאמר :	זאגענדיג:
2. ואל־בני ישראל	2. און צו די קינדער ישראל
תאמר	זאלסט'ו זאגען:
איש איש	יעדער מאן
מבני ישראל	פון די קינדער ישראל
ומן־הגר	אדער פון דעם פרעמדען,
הגר בישראל	וועלכער האלט זיך אויף אונטער די ישראל,
אשר יתן מזרעו	וועלכער וועט געבען פון זיין [5]זאמען
למלך	צום (געטץ) מולך,
מות יומת	זאל געטויטעט ווערען,
עם הארץ	דאס פאלק פון דעם לאנד
ירגמהו באבן :	זאלען איהם פערווארפען מיט שטיינ(ער).
3. ואני אתן את־פני	3. און איך וועל [6]געבען מיין צארן
באיש ההוא	געגען יענעם מאן,[7]
והכרתי אתו	און איך וועל איהם אויסראטען
מקרב עמו	פון צווישען זיין פאלק,
כי מזרעו	דען פון זיין [5]זאמען
נתן למלך	האט ער געבען צום (געטץ) מולך,
למען טמא	אום צו פעראונרייניגען
את־מקדשי	מיין היילגטהום
ולחלל	און צו פעראונהייליגען
את־שם קדשי :	מיין הייליגען נאמען.
4. ואם העלם יעלימו עם הארץ	4. אבער אויב דאס פאלק פון דעם לאנד וועלען [8]אבווענדען
את־עיניהם	זייערע אויגען
מן־האיש ההוא	פון יענעם מאן,
בתתו מזרעו למלך	ווען ער וועט געבען פון זיין [5]זאמען צום (געטץ) מולך[9]
לבלתי המית אתו :	איהם ניט צו טויטען.
5. ושמתי אני את־פני	5. דאן וועל איך [6]געבען מיין געזיכט
באיש ההוא	געגען יענעם מאן
ובמשפחתו	און געגען זיין פאמיליע,
והכרתי אתו	און איך וועל אויסראטען איהם
ואת כל־הזנים	און אלע וואס קעהרען אב
אחריו	נאך איהם
לזנות אחרי המלך	אום אבצוקעהרען נאך דעם (געטץ) מולך,
מקרב עמם :	פון צווישען זייער פאלק.
6. והנפש	6. און די פערזאן,
אשר תפנה	וועלכע וועט זיך ווענדען
אל־האבת	צו די טויטען־בעשווערער
ואל־הידענים	און צו די צייכען־דייטער
לזנת אחריהם	אבצוקעהרען נאך זיי,
ונתתי את־פני	וועל איך [6]געבען מיין געזיכט
בנפש ההוא	געגען יענע פערזאן,
והכרתי אתו	און איך וועל איהם אויסראטען
מקרב עמו :	פון צווישען זיין פאלק.
7. והתקדשתם	7. און איהר זאלט אייך הייליגען,
והייתם קדשים	און איהר זאלט זיין הייליג,
כי אני יהוה אלהיכם	דען איך בין דער עוויגער, אייער גאט.
8. ושמרתם	8. און איהר זאלט היטען
את־חקתי	מיינע געזעטצע,
ועשיתם אתם	און איהר זאלט זיי טהאן,

1) פיר לאנגע אדער טרוקענע זאכען. 2) פיר פליסיגע זאכען. 3) א געוויסע מאס פיר טרוקענע זאכען. 4) א געוויסע מאס פיר פליסיגע זאכען. 5) קינדער. 6) ריכטען מיין געזיכט. 7) ד. ה. אויב דאס פאלק האט איהם ניט פער־שוויגט. 8) פערבארגען, אבקעהרען, פערהילען. 9) ד. ה. זיי וועלען זיך מאכען ניט זעהענדיג, וואס ער טהוט,

אני יהוה מקדשכם :	איך בין דער עוויגער, וועלכער הייליגט אייך.
9. כי־איש איש	9. [דען] יעדער מאן,
אשר יקלל	וועלכער וועט פלוכען
את־אביו ואת־אמו	זיין פאטער און זיין מוטער,
מות יומת	זאל געטויטעט ווערען;
אביו ואמו קלל	זיין פאטער און זיין מוטער האט ער געפלוכט,
דמיו בו :	זיין בלוט־שולד איז אויף איהם.

10. ואיש אשר ינאף את־אשת איש אשר
ינאף את־אשת רעהו מות־יומת הנאף
והנאפת : 11. ואיש אשר ישכב את־אשת
אביו ערות אביו גלה מות־יומתו שניהם
דמיהם בם : 12. ואיש אשר ישכב את־
כלתו מות יומתו שניהם תבל עשו
דמיהם בם : 13. ואיש אשר ישכב את־
זכר משכבי אשה תועבה עשו שניהם
מות יומתו דמיהם בם : 14. ואיש אשר
יקח את־אשה ואת־אמה זמה הוא
באש ישרפו אתו ואתהן ולא־תהיה
זמה בתוככם : 15. ואיש אשר יתן שכבתו
בבהמה מות יומת ואת־הבהמה תהרגו :
16. ואשה אשר תקרב אל־כל־בהמה
לרבעה אתה והרגת את־האשה ואת־
הבהמה מות יומתו דמיהם בם : 17. ואיש
אשר־יקח את־אחתו בת־אביו או־בת־
אמו וראה את־ערותה והיא־תראה את־
ערותו חסד הוא ונכרתו לעיני בני עמם
ערות אחתו גלה עונו ישא : 18. ואיש
אשר־ישכב את־אשה דוה וגלה את־
ערותה את־מקרה הערה והוא גלתה
את־מקור דמיה ונכרתו שניהם מקרב
עמם : 19. וערות אחות אמך ואחות
אביך לא תגלה כי את־שארו הערה
עונם ישאו : 20. ואיש אשר ישכב את־
דדתו ערות דדו גלה חטאם ישאו
ערירים ימתו : 21. ואיש אשר יקח את־
אשת אחיו נדה הוא ערות אחיו גלה

ערירים יהיו :	
22. ושמרתם	22. און איהר זאלט היטען
את־כל־חקתי	אלע מיינע געזעטצע
ואת־כל־משפטי	און אלע מיינע רעכטע,
ועשיתם אתם	און איהר זאלט זיי טהאָן,
ולא־תקיא אתכם	אז עס זאל אייך ניט אויס־שפייען
הארץ	דאס לאנד,
אשר אני מביא אתכם שמה	וואס איך ברינג אייך דאָרט,
לשבת בה :	צו וואָהנען דארין.
שביעי	שלישי
23. ולא תלכו	23. און איהר זאלט ניט גיין
בחקת הגוי	אין די געזעטצע פון דער נאציאָן,
אשר־אני משלח	וועלכע איך שיק אוועג
מפניכם	פאר אייך;
כי את־כל־אלה	דען זיי אלע דאָזיגע
עשו	האבען זיי געטאָן,
ואקץ בם :	דארום האב איך זיי [2]פעראבשייעט.
24. ואמר לכם	24. און איך האב געזאגט צו אייך:
אתם תירשו	איהר זאלט [3]ערבען
את־אדמתם	זייער לאנד,
ואני אתננה לכם	און איך וועל עס געבען צו אייך
לרשת אתה	עס צו [3]ערבען,
ארץ	א לאנד,
זבת חלב ודבש	וואס פליסט (מיט) מילך און האָניג,
אני יהוה אלהיכם	איך בין דער עוויגער, אייער גאָט,
אשר־הבדלתי אתכם	וואס איך האב אייך אבגע־זאנדערט
מן־העמים :	פון די פעלקער.
מפטיר	מפטיר
25. והבדלתם	25. דארום זאלט איהר אונטער־שיידען
בין־הבהמה הטהרה	צווישען די ריינע פיה
לטמאה	און די אונריינע,
ובין־העוף הטמא	און צווישען דעם אונריינעם געפליגעל
לטהר	און דעם ריינעם,
ולא־תשקצו	און איהר זאלט ניט אפשייליך מאכען
את־נפשתיכם	אייערע זעלען

1) טרייב ארויס. 2) פער׳מיאוס׳ט, פעראכטעט. 3) בעזיצען.

בַּבְּהֵמָה וּבָעוֹף	דורך די פיה און דורך דאס געפליגעל
וּבְכֹל	אָדער דורך אַלעס,
אֲשֶׁר תִּרְמֹשׂ הָאֲדָמָה	וואס קריכט (אויף) דער ערד
אֲשֶׁר־הִבְדַּלְתִּי לָכֶם	וועלכע איך האָב אָבגעזאָנדערט פיר אייך
לְטַמֵּא׃	אַלס אונריין.
26 וִהְיִיתֶם לִי קְדֹשִׁים	26. און איהר זאָלט זיין צו מיר הייליג,
כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי יְהוָה	דען הייליג בין איך, דער עוויגער,
וָאַבְדִּל אֶתְכֶם	און איך האָב אייך אָבגעזאָנדערט
מִן־הָעַמִּים	פון די פעלקער
לִהְיוֹת לִי׃	צו געהערען צו מיר.
27. וְאִישׁ אוֹ־אִשָּׁה	27. און אַ מאַן אדער אַ פרוי
כִּי־יִהְיֶה בָהֶם אוֹב	ווען עס וועט זיין אונטער זיי אַ טויטען־בעשווערער
אוֹ יִדְּעֹנִי	אדער אַ צייכען־דייטער,
מוֹת יוּמָתוּ	זאָלען זיי געטויטעט ווערען,
בָּאֶבֶן יִרְגְּמוּ אֹתָם	מיט שטיינער זאָל מען זיי פערוואַרפען,
דְּמֵיהֶם בָּם׃	זייער בלוט־שולד איז איבער זיי.

אֱמֹר

EMORE

כא

Cap. XXI.

1. וַיֹּאמֶר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	1. און דער עוויגער האָט געזאָגט צו משה:
אֱמֹר אֶל־הַכֹּהֲנִים	זאָג צו די פריסטער,
בְּנֵי אַהֲרֹן	אהרן׳ס זיהן,
וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם	און דו זאָלסט זאָגען צו זיי:
לְנֶפֶשׁ	צו אַ (טויטע)־פערזאָן
לֹא־יִטַּמָּא	זאָל קיינער זיך פעראונרייניגען
בְּעַמָּיו׃	אין זיין פאָלק.
2. כִּי אִם־לִשְׁאֵרוֹ	2. זאָנדערן צו זיין [1]בלוט־פערוואַנדטען,
הַקָּרֹב אֵלָיו	וועלכער איז נאָהענט צו איהם,
לְאִמּוֹ וּלְאָבִיו	צו זיין פאָטער און צו זיין מוטער
וְלִבְנוֹ וּלְבִתּוֹ	און צו זיין זוהן און צו זיין טאָכטער
וּלְאָחִיו׃	און צו זיין ברודער.
3. וְלַאֲחֹתוֹ הַבְּתוּלָה	3. און צו זיין שוועסטער, די יונג־פרוי,
הַקְּרוֹבָה אֵלָיו	וועלכע איז (נאָך) נאָהענט צו איהם
אֲשֶׁר לֹא־הָיְתָה לְאִישׁ	וועלכע האָט נאָך ניט געהערט צו אַ מאַן,
לָהּ יִטַּמָּא׃	צו איהר זאָל ער זיך פעראונרייניגען.
4. לֹא יִטַּמָּא	4. ער זאָל זיך ניט פעראונרייניגען
בַּעַל בְּעַמָּיו	אַלס [2]עהע־מאַן אין זיין פאָלק
לְהֵחַלּוֹ׃	זיך צו פעראונהייליגען.[3]
5. לֹא־יִקְרְחָה קָרְחָה	5. זיי זאָלען ניט מאַכען אַ פּליך
בְּרֹאשָׁם	אויף זייער קאָפּ,
וּפְאַת זְקָנָם	און די זייטען־עקען פון זייער באָרד
לֹא יְגַלֵּחוּ	זאָלען זיי ניט אָבגאָלען,
וּבִבְשָׂרָם	און אין זייער לייב
לֹא יִשְׂרְטוּ שָׂרָטֶת׃	זאָלען זיי קיין אַיינשניט איינשניידען.
6. קְדֹשִׁים יִהְיוּ	6. הייליג זאָלען זיי זיין
לֵאלֹהֵיהֶם	צו זייער גאָט,
וְלֹא יְחַלְּלוּ	און זיי זאָלען ניט פעראונהייליגען
שֵׁם אֱלֹהֵיהֶם	דעם נאָמען פון זייער גאָט,
כִּי אֶת־אִשֵּׁי יְהוָה	דען די פייער־אָפּפערס פון דעם עוויגען,
לֶחֶם אֱלֹהֵיהֶם	די שפּייזע פון זייער גאָט,
הֵם מַקְרִיבִם	אָפּפערן זיי,
וְהָיוּ קֹדֶשׁ׃	דאַרום זאָלען זיי זיין הייליג.
7. אִשָּׁה זֹנָה וַחֲלָלָה	7. איין אויסגעלאַסענע פרוי אדער אַ [4]געשענדעטע
לֹא יִקָּחוּ	זאָלען זיי ניט נעהמען,
וְאִשָּׁה	און אַ פרוי,
גְּרוּשָׁה מֵאִישָׁהּ	(וועלכע איז) [5]געשידען פון איהר מאַן,
לֹא יִקָּחוּ	זאָלען זיי ניט נעהמען,
כִּי־קָדֹשׁ הוּא	דען ער איז הייליג
לֵאלֹהָיו׃	צו זיין גאָט.
8. וְקִדַּשְׁתּוֹ	8. און דו זאָלסט איהם הייליג האַלטען,
כִּי אֶת־לֶחֶם אֱלֹהֶיךָ	דען די שפּייזע פון דיין גאָט
הוּא מַקְרִיב	אָפּפערט ער,
קָדֹשׁ יִהְיֶה־לָּךְ	ער זאָל זיין הייליג ביי דיר,
כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי יְהוָה	דען הייליג בין איך, דער עוויגער,
מְקַדִּשְׁכֶם׃	וועלכער הייליגט אייך.
9. וּבַת אִישׁ כֹּהֵן	9. און די טאָכטער פון אַ פריסטער,
כִּי תֵחֵל לִזְנוֹת	ווען זי וועט זיך פערשוועכען אויסגעלאַסען צו ווערען,
אֶת־אָבִיהָ	איהר פאָטער
הִיא מְחַלֶּלֶת	פעראונהייליגט זי,
בָּאֵשׁ תִּשָּׂרֵף׃	אים פייער זאָל זי פערברענט ווערען.
10. וְהַכֹּהֵן	10. און דער פריסטער,
הַגָּדוֹל מֵאֶחָיו	וועלכער איז גרעסער אַלס זיינע ברידער,[6]

1) זעה רש״י. 2) פערהייראַטהעטער מאַן, זעה רש״י. 3) היר ווערט גערעט פון איין אונגעזעצליכע הייראַטה, זעה רש״י. 4) ענטעהרטע, געשוועכטע. 5) פערטריבען, געגט. 6) ד. ה. דער כהן גדול.

אשר-יוצק	וואס עס איז געגאסען געווארען
על-ראשו	אויף זיין קאפ
שמן המשחה	דאס זאלב-אייל
ומלא את-ידו	און מען האט געפילט זיינע הענד
ללבש את-הבגדים	אנצוציהען די קליידער,
את-ראשו לא יפרע	זאל זיין קאפ ניט לאזען ווילד וואקסען[1]
ובגדיו לא יפרם:	און זיינע קליידער זאל ער ניט צורייסען.
11. ועל כל-נפשת מת	11. און צו אירגענד וועלכע (טויטע) פערזאן
לא יבא	זאל ער ניט קומען,
לאביו ולאמו	צו זיין פאטער אדער צו זיין מוטער
לא יטמא:	זאל ער זיך ניט פעראונרייניגען.
12. ומן-המקדש	12. און פון דעם הייליגטהום
לא יצא	זאל ער ניט ארויס-גיין,
ולא יחלל	[2]און ער זאל ניט פעראונהייליגען
את מקדש אלהיו	דאס הייליגטהום פון זיין גאט,
כי נזר	דען די [10]ווייהע
שמן משחת אלהיו	פון די זאלב-אייל פון זיין גאט
עליו	איז אויף איהם;
אני יהוה:	איך בין דער עוויגער.
13. והוא	13. און ער,
אשה בבתוליה	א פרוי אין איהר יונגפרוי-שטאנד
יקח:	זאל ער נעהמען.
14. אלמנה וגרושה	14. א וויטווע אדער א געשיידענע,
וחללה זנה	אדער א געשענדעטע אדער איין אויסגעלאסענע,
את-אלה לא יקח	דיזע זאל ער ניט נעהמען,
כי אם-בתולה	זאנדערן א יונג-פרוי
מעמיו	פון זיין פאלק
יקח אשה:	זאל ער נעהמען א פרוי.
15. ולא-יחלל זרעו	15. אום ער זאל ניט פעראונהייליגען זיין זאמען
בעמיו	אין זיין פאלק,
כי אני יי מקדשו:	דען איך בין דער עוויגער, וועלכער הייליגט איהם.
שני	שני
16. וידבר יי אל-משה	16. און דער עוויגער האט גערעדט צו משה,
לאמר:	זאגענדיג:
17. דבר אל-אהרן	17. רייד צו אהרן,
לאמר	זאגענדיג:

איש מזרעך	א מאן פון דיין זאמען
לדרתם	אין זייערע געשלעכטער
אשר יהיה בו מום	וואס עס וועט זיין אין איהם א פעהלער,
לא יקרב	זאל זיך ניט דערנעהנטערן
להקריב	צו אפפערן
לחם אלהיו:	די שפייזע פון זיין גאט.[3]
18. כי כל-איש	18. דען יעדער מאן,
אשר-בו מום	וואס אין איהם איז א פעהלער,
לא יקרב	זאל זיך ניט דערנעהנטערן:
איש עור או פסח	א מאן א בלינדער אדער א הינקעדיגער,
או חרם	אדער מיט איין [4]איינגעדריקטען נאז,
או שרוע:	אדער א לאנג-גלידיגער.
19. או איש	19. אדער א מאן,
אשר-יהיה בו	וואס עס וועט זיין אין איהם
שבר רגל	א בראך אין פוס
או שבר יד:	אדער א בראך אין האנד.
20. או-גבן או-דק	20. אדער א [5]הויקערדיגער, אדער א [6]קארליק,
או תבלל בעינו	אדער א [7]פלעק אין זיין אויג,
או גרב	אדער א טרוקענער קרעטץ,
או ילפת	אדער א פייכטער קרעטץ,
או מרוח אשך:	אדער צודריקטע האדען.[9]
21. כל-איש	21. יעדער מאן,
אשר-בו מום	וואס אין איהם איז א פעהלער,
מזרע אהרן הכהן	פון דעם זאמען פון אהרן, דעם פריסטער,
לא יגש	זאל זיך ניט דערנעהנטערן
להקריב	צו אפפערן
את-אשי יהוה	די פייער-אפפערס פון דעם עוויגען;
מום בו	א פעהלער איז אין איהם,
את לחם אלהיו	די [3]שפייזע פון זיין גאט
לא יגש להקריב:	זאל ער זיך ניט דער-נעהנטערן צו אפפערן.
22. לחם אלהיו	22. די [3]שפייזע פון זיין גאט
מקדשי הקדשים	פון די אלער-הייליגסטע
ומן-הקדשים	און פון די הייליגע
יאכל:	מעג ער עסען.
23. אך אל-הפרכת	23. אבער צום פארהאנג
לא יבא	זאל ער ניט קומען,

1) ביי א טרויער-פאל. 2) אום. 3) ד. ה. קרבנות. 4) פלאציגען. 5) בוקליגער; 6) צווערג; לאנגע ברעמען. 7) דינע הויט איבערן אויג. 8) צומישונג. 9) זעה רש"י אויפ'ן גאנצען פסוק. 10) קרוינע.

וְאֶל־הַמִּזְבֵּחַ	און צום אלטאר
לֹא יִגַּשׁ	זאל ער זיך ניט דער־נעהנטערן,
כִּי־מוּם בּוֹ	דען א פעהלער איז אין איהם
וְלֹא יְחַלֵּל	און ער זאל ניט פעראונ־הייליגען
אֶת־מִקְדָּשַׁי	מיינע הייליגטהימער,
כִּי אֲנִי יְיָ מְקַדְּשָׁם:	דען איך בין דער עוויגער, וועלכער היילגט זיי.
24. וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה	24. און משה האט (עס) גערעט
אֶל־אַהֲרֹן וְאֶל־בָּנָיו	צו אהרן און צו זיינע זיהן,
וְאֶל־כָּל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל:	און צו אלע קינדער ישראל.

Cap. XXII. — כב

1. וַיְדַבֵּר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	1. און דער עוויגער האט גערעט צו משה,
לֵּאמֹר:	זאגענדיג:
2. דַּבֵּר	2. רייד
אֶל־אַהֲרֹן וְאֶל־בָּנָיו	צו אהרן און צו זיינע זיהן,
וְיִנָּזְרוּ	דאס זיי זאלען זיך אבשיידען[1]
מִקָּדְשֵׁי בְנֵי־יִשְׂרָאֵל	פון די הייליגטהימער פון די קינדער ישראל[2],—
וְלֹא יְחַלְּלוּ	אום זיי זאלען ניט פעראונהייליגען
אֶת־שֵׁם קָדְשִׁי	מיין הייליגען נאמען,—
אֲשֶׁר הֵם מַקְדִּשִׁים לִי	וואס זיי הייליגען צו מיר;[3]
אֲנִי יְהוָֹה:	איך בין דער עוויגער.
3. אֱמֹר אֲלֵהֶם	3. זאג צו זיי:
לְדֹרֹתֵיכֶם	פיר אייערע געשלעכטער,
כָּל־אִישׁ	יעדער מאן,
אֲשֶׁר־יִקְרַב	וועלכער וועט זיך דערנעהנטערן
מִכָּל־זַרְעֲכֶם	פון אלע אייערע זאמען
אֶל־הַקֳּדָשִׁים	צו די הייליגטהימער,
אֲשֶׁר יַקְדִּישׁוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל לַיהוָֹה	וואס די קינדער ישראל וועלען הייליגען צום עוויגען,
וְטֻמְאָתוֹ עָלָיו	און זיין אונריינהייט איז אויף איהם,
וְנִכְרְתָה	זאל אויסגעראָטעט ווערען
הַנֶּפֶשׁ הַהִוא	יענע פערזאן
מִלְּפָנָי	פון פאר מיר,
אֲנִי יְהוָֹה:	איך בין דער עוויגער.
4. אִישׁ אִישׁ	4. יעדער מאן
מִזֶּרַע אַהֲרֹן	פון אהרן'ס זאמען,
וְהוּא צָרוּעַ אוֹ זָב	וועלכער איז איין אויסזעציגער אדער א פליסיגער,
בַּקֳּדָשִׁים לֹא יֹאכַל	זאל ניט עסען פון די הייליגטהימער
עַד אֲשֶׁר יִטְהָר	ביז ער וועט ריין זיין;
וְהַנֹּגֵעַ	און דער וואס ריהרט אָן
בְּכָל־טְמֵא־נֶפֶשׁ	אין עטוואס, וואס איז אונ־ריין פון א (טויטע) פערזאן,
אוֹ אִישׁ	אדער א מאן,
אֲשֶׁר־תֵּצֵא מִמֶּנּוּ	וואס וועט ארויס־גיין פון איהם
שִׁכְבַת־זָרַע:	זאמען־פלוס.
5. אוֹ־אִישׁ	5. אדער א מאן,
אֲשֶׁר יִגַּע	וועלכער וועט אָנריהרען
בְּכָל־שֶׁרֶץ	אָן אירגענד איין קריכענדע,
אֲשֶׁר יִטְמָא־לוֹ	[4]וואס ער ווערט אונריין דורך איהם,
אוֹ בְאָדָם	אדער אָן א מענשען,
אֲשֶׁר יִטְמָא־לוֹ	וואס ער ווערט אונריין דורך איהם
לְכֹל טֻמְאָתוֹ:	דורך אירגענד זיין אונריינהייט.
6. נֶפֶשׁ אֲשֶׁר תִּגַּע־בּוֹ	6. די פערזאן, וואס וועט איהם אָנריהרען,
וְטָמְאָה עַד־הָעָרֶב	זאל אונריין זיין ביז דעם אבענד,
וְלֹא יֹאכַל	און ער זאל ניט עסען
מִן־הַקֳּדָשִׁים	פון די הייליגטהימער,
כִּי אִם־רָחַץ בְּשָׂרוֹ	זאָנדערן ווען ער האט געוואַשען זיין לייב
בַּמָּיִם:	אים וואסער.
7. וּבָא הַשֶּׁמֶשׁ	7. און ווען די זון געהט אונטער,
וְטָהֵר	דאַן איז ער ריין,
וְאַחַר יֹאכַל	און נאכדעם מעג ער עסען
מִן־הַקֳּדָשִׁים	פון די הייליגטהימער,
כִּי לַחְמוֹ הוּא:	דען עס איז זיין שפייזע.
8. נְבֵלָה וּטְרֵפָה	8. א [5]געפאלענע אדער א [6]צוריסענע
לֹא יֹאכַל	זאל ער ניט עסען
לְטָמְאָה־בָהּ	זיך צו פעראונרייניגען דאדורך;
אֲנִי יְהוָֹה:	איך בין דער עוויגער.
9. וְשָׁמְרוּ	9. און זיי זאלען היטען
אֶת־מִשְׁמַרְתִּי	מיין פעראָרדנונג,
וְלֹא־יִשְׂאוּ עָלָיו חֵטְא	אום זיי זאלען ניט טראָגען וועגען דעם א זינד
וּמֵתוּ בוֹ	און זיי זאלען שטאַרבען דאדורך,
כִּי יְחַלְּלֻהוּ	ווען זיי וועלען עס ענטהייליגען;
אֲנִי יְהוָֹה מְקַדְּשָׁם:	איך בין דער עוויגער, וועלכער היילגט זיי.
10. וְכָל־זָר	10. און קיין פרעמדער

1) אָבהאַלטען. 2) ווען זיי זיינען אונריין. 3) דער־פסוק דאַרף פערשטאַנען ווערען ווי: מקדשי בני ישראל אשר הם מקדישים לי ולא יחללו וכו'. 4) וואס איז אונריין צו איהם. 5) פון זיך געשטאָרבענעס טהיר. 6) פון טהירען.

לֹא־יֹאכַל קֹדֶשׁ	זאָל ניט עסען הייליגעס;
תּוֹשַׁב כֹּהֵן	דער איינוואָהנער פון א פריסטער
וְשָׂכִיר	אדער א געדונגענער
לֹא־יֹאכַל קֹדֶשׁ׃	זאָל ניט עסען הייליגעס.
11. וְכֹהֵן	11. און א פריסטער,
כִּי־יִקְנֶה נֶפֶשׁ	ווען ער וועט קויפען א פערזאָן,
קִנְיַן כַּסְפּוֹ	דער איינקויף פיר זיין געלד,
הוּא יֹאכַל בּוֹ	ער מעג עסען דאַפון,
וִילִיד בֵּיתוֹ	און זיין הויזגעבאָרענער
הֵם יֹאכְלוּ בְלַחְמוֹ׃	זיי מעגען עסען פון זיין שפייזע.
12. וּבַת־כֹּהֵן	12. און די טאָכטער פון א פריסטער,
כִּי תִהְיֶה לְאִישׁ זָר	ווען זי וועט געהערען צו א פרעמדען מאַן,
הִוא	זי,
בִּתְרוּמַת הַקֳּדָשִׁים	פון דעם הייבאָפּפער פון די הייליגטהימער
לֹא תֹאכֵל׃	זאָל זי ניט עסען.
13. וּבַת־כֹּהֵן	13. און די טאָכטער פון א פריסטער,
כִּי תִהְיֶה	ווען זי וועט זיין
אַלְמָנָה וּגְרוּשָׁה	א וויטווע אדער א געשיידענע
וְזֶרַע אֵין לָהּ	און קינדער האט זי ניט,
וְשָׁבָה	און זי וועט זיך צוריק קעהרען
אֶל־בֵּית אָבִיהָ	צו איהר פאָטער'ס הויז
כִּנְעוּרֶיהָ	ווי אין איהר יוגענד,
מִלֶּחֶם אָבִיהָ	פון איהר פאָטער'ס שפּייזע
תֹּאכֵל	מעג זי עסען;
וְכָל־זָר לֹא־יֹאכַל בּוֹ׃	אבער קיין פרעמדער זאָל ניט עסען דאַפון.
14. וְאִישׁ	14. און א מאַן,
כִּי־יֹאכַל קֹדֶשׁ	ווען ער וועט עסען הייליגעס
בִּשְׁגָגָה	דורך איין אירטהום,
וְיָסַף חֲמִשִׁיתוֹ עָלָיו	דאַן זאָל ער צולייגען דאַצו א פינפטעל דאַפון[2],
וְנָתַן לַכֹּהֵן	און ער זאָל געבען צום פריסטער
אֶת־הַקֹּדֶשׁ׃	דאס הייליגע.
15. וְלֹא יְחַלְּלוּ	15. און זיי זאָלען ניט פעראונהייליגען
אֶת־קָדְשֵׁי	די הייליגטהימער
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	פון די קינדער ישראל,
אֵת אֲשֶׁר־יָרִימוּ	וואס זיי וועלען אָבשיידען
לַיהוָה׃	צום עוויגען.

16. וְהִשִּׂיאוּ אוֹתָם	16. דען זיי וועלען ברינגען אויף זיך
עֲוֹן אַשְׁמָה	די שטראָף פון שולד,
בְּאָכְלָם	ווען זיי וועלען עסען
אֶת־קָדְשֵׁיהֶם	זייערע הייליגטהימער;
כִּי אֲנִי יְהוָה מְקַדְּשָׁם	דען איך בין דער עוויגער, וועלכער הייליגט זיי.
שְׁלִישִׁי	שלישי
17. וַיְדַבֵּר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	17. און דער עוויגער האט גערעדט צו משה,
לֵּאמֹר׃	זאָגענדיג:
18. דַּבֵּר	18. רייד
אֶל־אַהֲרֹן וְאֶל־בָּנָיו	צו אהרן און צו זיינע זיהן,
וְאֶל כָּל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	און צו אלע קינדער ישראל,
וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם	און דו זאָלסט זאָגען צו זיי:
אִישׁ אִישׁ	יעדער מאַן
מִבֵּית יִשְׂרָאֵל	פון דעם הויז ישראל
וּמִן־הַגֵּר בְּיִשְׂרָאֵל	אדער פון דעם פרעמדלינג אונטער די ישראל,
אֲשֶׁר יַקְרִיב קָרְבָּנוֹ	וועלכער וועט ברינגען זיין אָפּפער
לְכָל־נִדְרֵיהֶם	פון אלע זייערע צוזאָגען
וּלְכָל־נִדְבוֹתָם	אדער פון אלע זייערע פרייוויליגע גאַבען,
אֲשֶׁר־יַקְרִיבוּ לַיהוָה	וועלכע זיי וועלען ברינגען צום עוויגען
לְעֹלָה׃	פיר א בראַנד־אָפּפער.
19. לִרְצֹנְכֶם	19. צום וואָהלגעפאַלען פיר אייך,
תָּמִים זָכָר	אָהן א פעהלער, א מענליכעס
בַּבָּקָר	פון די רינד־פיה
בַּכְּשָׂבִים וּבָעִזִּים׃	פון די שאָף אדער פון די ציגען.
20. כֹּל אֲשֶׁר־בּוֹ מוּם	20. אלעס וואס אין איהם איז א פעהלער
לֹא תַקְרִיבוּ	זאָלט איהר ניט ברינגען,
כִּי־לֹא לְרָצוֹן	דען ניט צום וואָהלגעפאַלען
יִהְיֶה לָכֶם׃	וועט עס זיין פיר אייך.
21. וְאִישׁ כִּי־יַקְרִיב	21. און ווען א מאַן וועט אָפּפערן
זֶבַח־שְׁלָמִים לַיהוָה	א פרידענס־שלאַכטונג צום עוויגען,
לְפַלֵּא־נֶדֶר	אלס בעזאָנדערען צוזאָג,
אוֹ לִנְדָבָה	אדער אלס פרייוויליגע גאבע,
בַּבָּקָר אוֹ בַצֹּאן	פון די רינדער אדער פון די שאָף,
תָּמִים יִהְיֶה לְרָצוֹן	זאָל עס זיין אָהן א פעהלער צום וואָהלגעפאַלען,
כָּל־מוּם לֹא יִהְיֶה־בּוֹ׃	קיין פעהלער זאָל ניט זיין אין איהם.
22. עַוֶּרֶת אוֹ שָׁבוּר	22. א בלינדע אדער (מיט) א צובראָכענעם (גליד),

1) ד. ה. ניט קיין כהן. 2) ד. ה. ער זאָל געבען מיט א פינפטעל מעהר ווי ער האט געגעסען. 3) ערהעבען. 4) זינד.

אוֹ־חָרוּץ	אדער אַ [1]פעהלער־האַפטער
אוֹ־יַבֶּלֶת	אדער (מיט) אַ [2]בראָדעווקע,
אוֹ גָרָב אוֹ יַלֶּפֶת	אדער (מיט) אַ טרוקענעם אדער אַ פייכטען קרעטץ,
לֹא־תַקְרִיבוּ אֵלֶּה	זאלט איהר דיזע ניט אָפּפערן
לַיהוָֹה	צום עוויגען,
וְאִשֶּׁה לֹא־תִתְּנוּ מֵהֶם	און אַ פייער־אָפּפער זאלט איהר פון זיי ניט געבען
עַל־הַמִּזְבֵּחַ לַיהוָֹה׃	אויף דעם אַלטאַר צום עוויגען.
23. וְשׁוֹר וָשֶׂה	23. און איין אָקס אדער אַ [3]לאַם,
שָׂרוּעַ וְקָלוּט	אַ לאַנג־גלידיגער אדער אַ [4]קורץ־גלידיגער,
נְדָבָה תַּעֲשֶׂה אֹתוֹ	מעגסט'ו עס מאַכען אַלס פרייוויליגע גאַבע,
וּלְנֵדֶר לֹא יֵרָצֶה׃	אבער אַלס צוזאָג איז עס ניט וואָהלגעפעליג.
24. וּמָעוּךְ וְכָתוּת	24. און (מיט) צוריבענע אדער צוקוועטשטע האָדען,
וְנָתוּק וְכָרוּת	אדער אָבגעריסענע אדער אָבגעשניטענע האָדען
לֹא תַקְרִיבוּ לַיהוָֹה	זאלט איהר ניט אָפּפערן צום עוויגען,
וּבְאַרְצְכֶם לֹא תַעֲשׂוּ׃	און אין אייער לאַנד זאלט איהר (זאָלכעס) ניט מאַכען.
25. וּמִיַּד בֶּן־נֵכָר	25. און פון דער האַנד פון אַ [5]פרעמדען
לֹא תַקְרִיבוּ	זאלט איהר ניט אָפּפערן
אֶת־לֶחֶם אֱלֹהֵיכֶם	די שפייזע פון אייער גאָט
מִכָּל־אֵלֶּה	פון דיזע אַלע,
כִּי מָשְׁחָתָם בָּהֶם	דען זייער [6]פערדערבען איז אין זיי,
מוּם בָּם	אַ פעהלער איז אין זיי,
לֹא יֵרָצוּ לָכֶם׃	זיי זיינען ניט וואָהלגעפעליג פיר אייך.
26. וַיְדַבֵּר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	26. און דער עוויגער האט גערעט צו משה,
לֵּאמֹר׃	זאָגענדיג:
27. שׁוֹר	27. איין [7]אָקס
אוֹ־כֶשֶׂב אוֹ־עֵז	אדער אַ שאָף אדער אַ ציג,
כִּי יִוָּלֵד	ווען עס וועט געבאָרען ווערען,
וְהָיָה שִׁבְעַת יָמִים	דאַן זאל עס בלייבען זיבען טעג
תַּחַת אִמּוֹ	[8]אונטער זיין מוטער,
וּמִיּוֹם הַשְּׁמִינִי	אבער פון דעם אַכטען טאג
וָהָלְאָה	און ווייטער
יֵרָצֶה	איז עס וואָהל־געפעליג
לְקָרְבַּן אִשֶּׁה לַיהוָֹה׃	אַלס פייער־אָפּפער צום עוויגען.
28. וְשׁוֹר אוֹ־שֶׂה	28. און איין אָקס אדער אַ [3]לאַם,
אֹתוֹ וְאֶת־בְּנוֹ	איהם מיט זיין קינד,
לֹא תִשְׁחֲטוּ	זאלט איהר ניט שלאַכטען
בְּיוֹם אֶחָד׃	אין איין טאג.
29. וְכִי־תִזְבְּחוּ	29. און ווען איהר וועט שלאַכטען
זֶבַח־תּוֹדָה לַיהוָֹה	אַ דאַנק־שלאַכטונג צום עוויגען,
לִרְצֹנְכֶם תִּזְבָּחוּ׃	זאלט איהר שלאַכטען צום וואָהל־געפאַלען פיר אייך.[9]
30. בַּיּוֹם הַהוּא יֵאָכֵל	30. אין דעם זעלבען טאג זאל עס געגעסען ווערען,
לֹא־תוֹתִירוּ מִמֶּנּוּ	איהר זאלט ניט איבריג־לאַזען פון איהם
עַד־בֹּקֶר	ביז (צום) מאָרגען;
אֲנִי יְהוָֹה׃	איך בין דער עוויגער.
31. וּשְׁמַרְתֶּם מִצְוֹתַי	31. און איהר זאלט היטען מיינע געבאָטע,
וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם	און איהר זאלט זיי טהאָן;
אֲנִי יְהוָֹה׃	איך בין דער עוויגער.
32. וְלֹא תְחַלְּלוּ	32. און איהר זאלט ניט פעראונהייליגען
אֶת־שֵׁם קָדְשִׁי	מיין הייליגען נאָמען,
וְנִקְדַּשְׁתִּי	און איך זאל געהייליגט ווערען
בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	צווישען די קינדער ישראל;
אֲנִי יְהוָֹה מְקַדִּשְׁכֶם׃	איך בין דער עוויגער, וועלכער הייליגט אייך.
33. הַמּוֹצִיא אֶתְכֶם	33. וועלכער האט אייך אַרויס־געפיהרט
מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם	פון דעם לאַנד מצרים,
לִהְיוֹת לָכֶם לֵאלֹהִים	צו זיין צו אייך פיר אַ גאָט;
אֲנִי יְהוָֹה׃	איך בין דער עוויגער.

Cap. XXIII. — כג

רְבִיעִי	רְבִיעִי
1. וַיְדַבֵּר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	1. און דער עוויגער האט גערעט צו משה,
לֵּאמֹר׃	זאָגענדיג:
2. דַּבֵּר	2. רייד
אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	צו די קינדער ישראל,
וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם	און דו זאלסט זאגען צו זיי
מוֹעֲדֵי יְהוָֹה	(וועגען) די [10]פעסט־טעג פון דעם עוויגען,
אֲשֶׁר־תִּקְרְאוּ אֹתָם	וואס איהר זאלט זיי אויס־רופען
מִקְרָאֵי קֹדֶשׁ	(אַלס) הייליגע [11]פערזאַמ־לונגען;
אֵלֶּה הֵם מוֹעֲדָי׃	דיזע זיינען מיינע [10]פעסט־טעג:
3. שֵׁשֶׁת יָמִים	3. זעקס טעג
תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה	זאל געטאָן ווערען אַרבייט,
וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי	אבער אויף דעם זיבענטען טאג
שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן	(זאל זיין) אַ פייערליכער רוהע־טאג,
מִקְרָא־קֹדֶשׁ	אַ הייליגע פערזאַמלונג,

1) פערשטימעלטער, צוקאַלעטשעטער אין די ליפען, אויגען־ברעמען, אויערן אדער צונג. 2) וואָרצע. 3) שעפס. 4) אדער: מיט צוזאַמען געוואַקסענע קלויען. 5) אויסלענדער. 6) פעהלער. 7) רינד. 8) ביי. 9) זעה בעמער־קונג צו ו״ט 5. 10) פייער־טעג, ימים טובים. 11) צוזאַמענ־בערופונגען.

כָּל־מְלָאכָה	יעדע ארבייט
לֹא תַעֲשׂוּ	זאלט איהר ניט טהאָן,
שַׁבָּת הִוא לַיהוָה	עס איז אַ רוהע־טאג צום עוויגען
בְּכֹל מוֹשְׁבֹתֵיכֶם׃	אין אַלע אייערע וואָהנונגען
4. אֵלֶּה מוֹעֲדֵי יְהוָה	4. דיזע זיינען די פעסט טעג פון דעם עוויגען,
מִקְרָאֵי קֹדֶשׁ	הייליגע פערזאַמלונגען,
אֲשֶׁר־תִּקְרְאוּ אֹתָם	וואס איהר זאלט זיי אויסרופען
בְּמוֹעֲדָם׃	אין זייער [1]בעשטימטע צייט.
5. בַּחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן	5. אין דעם ערשטען מאָנאַט
בְּאַרְבָּעָה עָשָׂר	אין דעם פערצעהנטען (טאג)
לַחֹדֶשׁ	פון דעם מאָנאַט
בֵּין הָעַרְבָּיִם	געגען אַבענד
פֶּסַח לַיהוָה׃	(דארף מען בריינגען) אַ [2]פסח־אָפּפער צום עוויגען.
6. וּבַחֲמִשָּׁה עָשָׂר יוֹם	6. און אין דעם פופצעהנטען טאג
לַחֹדֶשׁ הַזֶּה	פון דיזען מאָנאַט
חַג הַמַּצּוֹת	איז דער פייער־טאג פון די אונגעזייערטע ברויט
לַיהוָה	צום עוויגען;
שִׁבְעַת יָמִים	זיבען טעג
מַצּוֹת תֹּאכֵלוּ׃	זאלט איהר עסען אונגע־זייערטע ברויט.
7. בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן	7. אין דעם ערשטען טאג
מִקְרָא־קֹדֶשׁ	אַ הייליגע פערזאַמלונג
יִהְיֶה לָכֶם	זאל זיין ביי אייך,
כָּל־מְלֶאכֶת עֲבֹדָה	קיין דינסט־ארבייט
לֹא תַעֲשׂוּ׃	זאלט איהר ניט טהאָן
8. וְהִקְרַבְתֶּם	8. און איהר זאלט אָפּפערן
אִשֶּׁה לַיהוָה	אַ פייער־אָפּפער צום עוויגען
שִׁבְעַת יָמִים	זיבען טעג;
בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי	אויף דעם זיבענטען טאג
מִקְרָא־קֹדֶשׁ	איז אַ הייליגע פערזאַמלונג,
כָּל־מְלֶאכֶת עֲבֹדָה	יעדע דינסט־ארבייט
לֹא תַעֲשׂוּ׃	זאלט איהר ניט טהאָן.
9. וַיְדַבֵּר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	9. און דער עוויגער האט גערעט צו משה,
לֵּאמֹר׃	זאגענדיג:
10. דַּבֵּר	10. רייד
אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	צו די קינדער ישראל,
וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם	און דו זאלסט זאגען צו זיי:

כִּי־תָבֹאוּ אֶל־הָאָרֶץ	ווען איהר וועט קומען אין דאס לאַנד,
אֲשֶׁר אֲנִי נֹתֵן לָכֶם	וואס איך גיב אייך,
וּקְצַרְתֶּם אֶת־קְצִירָהּ	און איהר וועט שניידען איהר שניט,
וַהֲבֵאתֶם אֶת־עֹמֶר	דאַן זאלט איהר בריינגען איין [3]עומר
רֵאשִׁית קְצִירְכֶם	פון די ערסטלינגען פון אייער שניט
אֶל־הַכֹּהֵן׃	צום פריסטער.
11. וְהֵנִיף אֶת־הָעֹמֶר	11. און ער זאל [4]בעוועגען דעם [3]עומר
לִפְנֵי יְהוָה	פאר דעם עוויגען
לִרְצֹנְכֶם	צום וואָהל־געפאַלען פיר אייך,
מִמָּחֳרַת הַשַּׁבָּת	פון מאָרגען נאך דעם רוהע־טאג[5]
יְנִיפֶנּוּ הַכֹּהֵן׃	זאל עס דער פריסטער [4]בעוועגען.
12. וַעֲשִׂיתֶם	12. און איהר זאלט [6]מאַכען
בְּיוֹם הֲנִיפְכֶם	אין דעם טאג ווען איהר וועט [4]בעוועגען
אֶת־הָעֹמֶר	דעם [3]עומר
כֶּבֶשׂ תָּמִים	אַ לאַם אָהן אַ פעהלער
בֶּן־שְׁנָתוֹ	פון איין יאָהר אַלט
לְעֹלָה לַיהוָה׃	פיר אַ בראַנד־אָפּפער צום עוויגען.
13. וּמִנְחָתוֹ	13. און זיין שפייז־אָפּפער
שְׁנֵי עֶשְׂרֹנִים סֹלֶת	צוויי צעהנטעל פיינע מעהל
בְּלוּלָה בַשֶּׁמֶן	געמישט מיט אייל
אִשֶּׁה לַיהוָה	(אַלס) פייער־אָפּפער צום עוויגען
רֵיחַ נִיחֹחַ	(צום) ליבליכען גערוך,
וְנִסְכֹּה	און זיין טראַנק־אָפּפער
יַיִן רְבִיעִת הַהִין׃	אַ פערטעל הין וויין.
14. וְלֶחֶם	14. און ברויט
וְקָלִי וְכַרְמֶל	און [7]געבראָטענע אדער גרינע קערנער
לֹא תֹאכְלוּ	זאלט איהר ניט עסען
עַד־עֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה	ביז דיזען זעלביגען טאג
עַד הֲבִיאֲכֶם	ביז איהר וועט בריינגען
אֶת־קָרְבַּן אֱלֹהֵיכֶם	דעם אָפּפער פון אייער גאָט;
חֻקַּת עוֹלָם	איין עוויגעס געזעטץ
לְדֹרֹתֵיכֶם	פיר אייערע געשלעכטער
בְּכֹל מֹשְׁבֹתֵיכֶם׃	אין אַלע אייערע וואָהנונגען
15. וּסְפַרְתֶּם לָכֶם	15. און איהר זאלט אייך צייל׳ען
מִמָּחֳרַת הַשַּׁבָּת	פון מאָרגען נאך דעם רוהע טאג,
מִיּוֹם הֲבִיאֲכֶם	פון דעם טאג, ווען איהר וועט בריינגען

1) פעסטע. 2) איבערשרייטונגס־ אדער שוינונגס־אָפּפער. 3) גאַרבע אדער אַ געוויסע מאָס מיט געטריידע. 4) שווינגען. 5) ד. ה. אויף מאָרגען נאך דעם ערשטען טאג פסח. 6) צוּבּערייטען, אָפּפערן. 7) געריסטעטע.

אֶת־עֹמֶר הַתְּנוּפָה	דעם עומר פֿון בעוועגונג
שֶׁבַע שַׁבָּתוֹת	זיבען וואָכען,
תְּמִימֹת תִּהְיֶינָה׃	גאַנצע (וואָכען) זאָלען זיי זיין.
16. עַד מִמָּחֳרַת	16. ביז אויף מאָרגען
הַשַּׁבָּת הַשְּׁבִיעִת	פֿון דער זיבענטע וואָך
תִּסְפְּרוּ	זאָלט איהר ציילען,
חֲמִשִּׁים יוֹם	פֿופֿציג טעג;
וְהִקְרַבְתֶּם	און איהר זאָלט ברײנגען
מִנְחָה חֲדָשָׁה לַיהוָֹה׃	אַ [2]נייעס שפּייז־אָפּפֿער צום עווּיגען.
17. מִמּוֹשְׁבֹתֵיכֶם	17. פֿון אייערע וואָהנונגען
תָּבִיאוּ	זאָלט איהר ברײנגען
לֶחֶם תְּנוּפָה שְׁתַּיִם	צוויי ברויט [2]פֿון בעוועגונג,
שְׁנֵי עֶשְׂרֹנִים סֹלֶת	פֿון צוויי צעהנטעל פֿיינע מעהל
תִּהְיֶינָה	זאָלען זיי זיין,
חָמֵץ תֵּאָפֶינָה	געזויערט זאָלען זיי געבאַקען ווערען,
בִּכּוּרִים לַיהוָֹה׃	(אַלס) ערסטלינגען צום עווּיגען.
18. וְהִקְרַבְתֶּם	18. און איהר זאָלט ברײנגען
עַל־הַלֶּחֶם	צו דעם ברויט
שִׁבְעַת כְּבָשִׂים	זיבען לעמער,
תְּמִימִם	אָהן אַ פֿעהלער
בְּנֵי שָׁנָה	פֿון איין יאָהר אַלט,
וּפַר בֶּן־בָּקָר אֶחָד	און איין יונגען שטיר
וְאֵילִם שְׁנָיִם	און צוויי ווידערס,
יִהְיוּ עֹלָה לַיהוָֹה	זיי זאָלען זיין אַ גאַנץ־אָפּפֿער צום עווּיגען,
וּמִנְחָתָם וְנִסְכֵּיהֶם	און זייער שפּייז־אָפּפֿער און זייער טראַנק־אָפּפֿער,
אִשֵּׁה	(אַלס) פֿייער־אָפּפֿער
רֵיחַ־נִיחֹחַ לַיהוָֹה׃	(צום) ליבליכען גערוך פֿיר דעם עווּיגען.
19. וַעֲשִׂיתֶם	19. און איהר זאָלט מאַכען
שְׂעִיר־עִזִּים אֶחָד	איין ציגען־באָק
לְחַטָּאת	פֿיר אַ זינד־אָפּפֿער,
וּשְׁנֵי כְבָשִׂים	און צוויי לעמער
בְּנֵי שָׁנָה	פֿון איין יאָהר אַלט
לְזֶבַח שְׁלָמִים׃	פֿיר אַ פֿרידענס־שלאַכטונג.
20. וְהֵנִיף הַכֹּהֵן אֹתָם	20. און דער פּריסטער זאָל זיי בעוועגען
עַל לֶחֶם הַבִּכֻּרִים	מיט דעם ברויט פֿון די ערסטלינגען
תְּנוּפָה לִפְנֵי יְהוָֹה	(אַלס) בעוועגונגס־אָפּפֿער פֿאַר דעם עווּיגען

עַל־שְׁנֵי כְּבָשִׂים	מיט די צוויי לעמער,
קֹדֶשׁ יִהְיוּ לַיהוָֹה	הייליג זאָלען זיי זיין צום עווּיגען,
לַכֹּהֵן׃	פֿיר דעם פּריסטער.
21. וּקְרָאתֶם	21. און איהר זאָלט אויסרופֿען
בְּעֶצֶם׀ הַיּוֹם הַזֶּה	אין דיזען זעלבען טאָג,
מִקְרָא־קֹדֶשׁ	אַ [3]הייליגע פֿערזאַמלונג
יִהְיֶה לָכֶם	זאָל זיין בײַ אייך,
כָּל־מְלֶאכֶת עֲבֹדָה	קיין דינסט־אַרבייט
לֹא תַעֲשׂוּ	זאָלט איהר ניט טהאָן;
חֻקַּת עוֹלָם	איין עוויגעס געזעטץ (זאָל עס זיין)
בְּכָל־מוֹשְׁבֹתֵיכֶם	אין אַלע אייערע וואָהנונגען
לְדֹרֹתֵיכֶם׃	פֿיר אייערע געשלעכטער.
22. וּבְקֻצְרְכֶם	22. און ווען איהר וועט שניידען
אֶת־קְצִיר אַרְצְכֶם	דעם שניט פֿון אייער לאַנד,
לֹא־תְכַלֶּה	זאָלסט'ו ניט אין גאַנצען (אָבשניידען)
פְּאַת שָׂדְךָ	דאָס ענדע פֿון דיין פֿעלד
בְּקֻצְרֶךָ	אין דיין שניידען,
וְלֶקֶט קְצִירְךָ	און די [4]נאָכלעזע פֿון דיין שניט
לֹא תְלַקֵּט	זאָלסט'ו ניט צוזאַמענקלייבען;
לֶעָנִי וְלַגֵּר	פֿיר דעם אָרמען און פֿיר דעם פֿרעמדען
תַּעֲזֹב אֹתָם	זאָלסט'ו זיי לאָזען;
אֲנִי יְהוָֹה אֱלֹהֵיכֶם׃	איך בין דער עוויגער, אייער גאָט.
חֲמִישִׁי	חֲמִישִׁי
23. וַיְדַבֵּר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	23. און דער עוויגער האָט גערעדט צו משה,
לֵּאמֹר׃	זאָגענדיג:
24. דַּבֵּר	24. רייד
אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	צו די קינדער ישראל,
לֵאמֹר	זאָגענדיג:
בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי	אין דעם זיבענטען מאָנאַט
בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ	אין דעם ערשטען (טאָג) פֿון דעם מאָנאַט
יִהְיֶה לָכֶם שַׁבָּתוֹן	זאָל בײַ אייך זיין אַ רוהע טאָג
זִכְרוֹן תְּרוּעָה	אַ [5]שאַלונג צום אַנדיינקען,
מִקְרָא־קֹדֶשׁ׃	אַ הייליגע פֿערזאַמלונג.
25. כָּל־מְלֶאכֶת עֲבֹדָה	25. קיין דינסט־אַרבייט
לֹא תַעֲשׂוּ	זאָלט איהר ניט טהאָן,
וְהִקְרַבְתֶּם אִשֶּׁה לַיהוָֹה׃	און איהר זאָלט ברײנגען אַ פֿייער־אָפּפֿער צום עווּיגען.

1) צור. 2) ד. ה. פֿון נייע געטריידע. 3) איין אויסרופֿונג פֿון הייליגקייט; איין פֿערקינדיגונג פֿון הייליגקייט.
4) די צווייטע זאַמלונג נאָך די הויפּט־זאַמלונג. 5) שופֿר בלאָזען.

26. וַיְדַבֵּר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	26. און דער עוויגער האט גערעט צו משה,
לֵּאמֹר:	זאגענדיג:
27. אַךְ בֶּעָשׂוֹר	27. [דאך] אין דעם צעהנטען (טאג)
לַחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי הַזֶּה	פון דיזען זיבענטען מאנאט
יוֹם הַכִּפֻּרִים הוּא	איז א טאג פון [1]פערגעבונג,
מִקְרָא־קֹדֶשׁ	א הייליגע פערזאמלונג
יִהְיֶה לָכֶם	זאל עס זיין ביי אייך,
וְעִנִּיתֶם	און איהם זאלט [2]פייניגען
אֶת־נַפְשֹׁתֵיכֶם	אייערע זעלען;
וְהִקְרַבְתֶּם אִשֶּׁה לַיְיָ:	און איהר זאלט ברענגען א פייער־אפפער צום עוויגען.
28. וְכָל־מְלָאכָה	28. און קיין ארבייט
לֹא תַעֲשׂוּ	זאלט איהר ניט טהאן
בְּעֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה	אין דיזען זעלבען טאג,
כִּי יוֹם כִּפֻּרִים הוּא	דען עס איז א טאג פון [1]פערגעבונג
לְכַפֵּר עֲלֵיכֶם	צו פערגעבען אויף אייך
לִפְנֵי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם:	פאר דעם עוויגען אייער גאט
29. כִּי כָל־הַנֶּפֶשׁ	29. דען יעדע פערזאן,
אֲשֶׁר לֹא־תְעֻנֶּה	וועלכע וועט זיך ניט פייניגען
בְּעֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה	אין דיזען זעלבען טאג,
וְנִכְרְתָה מֵעַמֶּיהָ:	דאן וועט זי אויסגעראטעט ווערען פון איהר פאלק.
30. וְכָל־הַנֶּפֶשׁ	30. און יעדע פערזאן,
אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה	וועלכע וועט טהאן
כָּל־מְלָאכָה	אירגענד איין ארבייט
בְּעֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה	אין דיזען זעלבען טאג,
וְהַאֲבַדְתִּי	דאן וועל איך פערטילגען
אֶת־הַנֶּפֶשׁ הַהִוא	יענע פערזאן
מִקֶּרֶב עַמָּהּ:	פון צווישען איהר פאלק.
31. כָּל־מְלָאכָה	31. קיין ארבייט
לֹא תַעֲשׂוּ	זאלט איהר ניט טהאן;
חֻקַּת עוֹלָם	אין עוויגעס געזעטץ (זאל עס זיין)
לְדֹרֹתֵיכֶם	פיר אייערע געשלעכטער
בְּכֹל מֹשְׁבֹתֵיכֶם:	אין אלע אייערע וואהנונגען
32. שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן	32. איין פייערליכער רוהע־טאג
הוּא לָכֶם	איז עס ביי אייך,
וְעִנִּיתֶם	און איהר זאלט [2]פייניגען
אֶת־נַפְשֹׁתֵיכֶם	אייערע זעלען;
בְּתִשְׁעָה לַחֹדֶשׁ	אין דעם נײַנטען טאג פון דעם מאנאט
בָּעֶרֶב	אין אבענד,
מֵעֶרֶב עַד־עֶרֶב	פון אבענד ביז אבענד
תִּשְׁבְּתוּ שַׁבַּתְּכֶם:	זאלט איהר רוהען אייערע רוהע־טאג.
שִׁשִּׁי	שִׁשִּׁי
33. וַיְדַבֵּר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	33. און דער עוויגער האט גערעט צו משה,
לֵּאמֹר:	זאגענדיג:
34. דַּבֵּר	34. רעד
אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	צו די קינדער ישראל,
לֵאמֹר	זאגענדיג:
בַּחֲמִשָּׁה עָשָׂר יוֹם	אין דעם פופצעהנטען טאג
לַחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי הַזֶּה	פון דיזען זיבענטען מאנאט
חַג הַסֻּכּוֹת	איז דער פייער־טאג פון די [3]הײַטען
שִׁבְעַת יָמִים	זיבען טעג,
לַיהוָה:	צום עוויגען.
35. בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן	35. אין דעם ערשטען טאג,
מִקְרָא־קֹדֶשׁ	(זאל זיין) א הייליגע פערזאמלונג,
כָּל־מְלֶאכֶת עֲבֹדָה	קיין דינסט־ארבייט
לֹא תַעֲשׂוּ:	זאלט איהר ניט טהאן.
36. שִׁבְעַת יָמִים	36. זיבען טעג
תַּקְרִיבוּ אִשֶּׁה לַיהוָה	זאלט איהר ברענגען א פייער־אפפער צום עוויגען,
בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי	אויף דעם אכטען טאג
מִקְרָא־קֹדֶשׁ	א הייליגע פערזאמלונג
יִהְיֶה לָכֶם	זאל זיין ביי אייך,
וְהִקְרַבְתֶּם	און איהר זאלט ברענגען
אִשֶּׁה לַיהוָה	א פייער־אפפער צום עוויגען
עֲצֶרֶת הִוא	עס איז [4]א (פעסט־) פערזאמלונג,
כָּל־מְלֶאכֶת עֲבֹדָה	קיין דינסט ארבייט
לֹא תַעֲשׂוּ:	זאלט איהר ניט טהאן.
37. אֵלֶּה מוֹעֲדֵי יְהוָה	37. דיזע זײַנען די פעסט־טעג פון דעם עוויגען,
אֲשֶׁר־תִּקְרְאוּ אֹתָם	וואס איהר זאלט זיי אויסרופען
מִקְרָאֵי קֹדֶשׁ	(אלס) הייליגע פערזאמלונגען,
לְהַקְרִיב אִשֶּׁה לַיְיָ	צו אפפערן פייער־אפפער צום עוויגען,
עֹלָה וּמִנְחָה	בראנד־אפפער און שפייז־אפפער,
זֶבַח וּנְסָכִים	שלאכטונג און טראנק־אפפערס,
דְּבַר־יוֹם בְּיוֹמוֹ:	דאס בעשטימטע פון יעדען טאג אין זיין טאג.

1) פערזעהנונג. 2) דורך פאסטען און אנדערע זאכען. 3) ביידלער. 4) שלוס־פעסט; אבהאלטונגס־פעסט,

38. מִלְּבַד שַׁבְּתֹת יְיָ	38. אויסער די רוהע־טעג פון דעם עוויגען
וּמִלְּבַד מַתְּנוֹתֵיכֶם	און אויסער אייערע גאַבען
וּמִלְּבַד כָּל־נִדְרֵיכֶם	און אויסער אַלע אייערע צוזאָגען
וּמִלְּבַד	און אויסער
כָּל־נִדְבֹתֵיכֶם	אַלע אייערע פריייווילינע־גאַבען,
אֲשֶׁר תִּתְּנוּ לַיהוָה׃	וועלכע איהר וועט געבען צום עוויגען.
39. אַךְ בַּחֲמִשָּׁה עָשָׂר יוֹם	39. [דאָך] אין דעם פופ־צעהנטען טאג
לַחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי	פון דער זיבענטען מאָנאַט,
בְּאָסְפְּכֶם	ווען איהר וועט אײַנזאַמלען
אֶת־תְּבוּאַת הָאָרֶץ	די [1]פרוכט פון דעם לאַנד
תָּחֹגּוּ אֶת־חַג־יְהוָה	זאלט איהר פייערן דעם עוויגען׳ס פייער־טאג
שִׁבְעַת יָמִים	זיבען טעג,
בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן	אין דעם ערשטען טאג
שַׁבָּתוֹן	איז אַ רוהע־טאג,
וּבַיּוֹם הַשְּׁמִינִי	און אין דעם אַכטען טאג
שַׁבָּתוֹן׃	איז אַ רוהע טאג.
40. וּלְקַחְתֶּם לָכֶם	40. און איהר זאלט אייך נעהמען
בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן	אין דעם ערשטען טאג
פְּרִי עֵץ הָדָר	די פרוכט פון אַ פראַכט־בוים,[2]
כַּפֹּת תְּמָרִים	פאַלמען־צווייגען[3]
וַעֲנַף עֵץ־עָבֹת	און אַ צווייג פון אַ מירטהען בוים[4]
וְעַרְבֵי־נָחַל	און טייך־ריטלאַך,[5]
וּשְׂמַחְתֶּם	און איהר זאלט אייך פרעהען
לִפְנֵי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם	פאַר דעם עוויגען, אייער גאָט,
שִׁבְעַת יָמִים׃	זיבען טעג.
41. וְחַגֹּתֶם אֹתוֹ	41. און איהר זאלט עס פייערן
חַג לַיהוָה	אַ פייער־טאג צום עוויגען
שִׁבְעַת יָמִים בַּשָּׁנָה	זיבען טעג אים יאָהר.
חֻקַּת עוֹלָם	(אַלס) עוויגעס געזעטץ
לְדֹרֹתֵיכֶם	פיר אייערע געשלעכטער
בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי	אין דעם זיבענטען מאָנאַט
תָּחֹגּוּ אֹתוֹ׃	זאלט איהר עס פייערן.
42. בַּסֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ	42. אין די היטען זאָרט איהר וואָהנען
שִׁבְעַת יָמִים	זיבען טעג,
כָּל־הָאֶזְרָח בְּיִשְׂרָאֵל	אַלע אײַנגעבאָרענע אונטער די ישראל
יֵשְׁבוּ בַּסֻּכֹּת׃	זאלען וואָהנען אין די היטען
43. לְמַעַן יֵדְעוּ	43. אום עס זאלען וויסען
דֹרֹתֵיכֶם	אייערע געשלעכטער,
כִּי בַסֻּכּוֹת הוֹשַׁבְתִּי	דאס אין [די] היטען האָב איך געמאַכט וואָהנען
אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	די קינדער ישראל,
בְּהוֹצִיאִי אוֹתָם	ווען איך האב זיי ארויס־געפיהרט
מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם	פון דעם לאַנד מצרים,
אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃	איך בין דער עוויגער, אייער גאָט.
44. וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה	44. און משה האט געזאָגט
אֶת־מֹעֲדֵי יְהוָה	די פעסט־טעג פון דעם עוויגען
אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃	צו די קינדער ישראל.

Cap. XXIV. — כד

שְׁבִיעִי

1. וַיְדַבֵּר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	1. און דער עוויגער האט גערעט צו משה,
לֵּאמֹר׃	זאָגענדיג:
2. צַו אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	2. בעפעהל די קינדער ישראל,
וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ	דאס זיי זאלען נעהמען צו דיר
שֶׁמֶן זַיִת זָךְ	ריינע אָליווען־אייל,
כָּתִית	געשטויסענע,
לַמָּאוֹר	[6]צור בעלייכטונג,
לְהַעֲלֹת נֵר תָּמִיד׃	אָנצוצינדען (די) לאָמפ(ען) בעשטענדיג.
3. מִחוּץ	3. אויסער־האַלב
לְפָרֹכֶת הָעֵדֻת	פון דעם פאָרהאַנג פון דאס צייגניס,
בְּאֹהֶל מוֹעֵד	אין דעם פערזאַמלונגס־געצעלט
יַעֲרֹךְ אֹתוֹ אַהֲרֹן	זאל עס אהרן צוריכטען,
מֵעֶרֶב עַד־בֹּקֶר	פון אַבענד ביז מאָרגען
לִפְנֵי יְהוָה תָּמִיד	פאר דעם עוויגען בעשטענדיג;
חֻקַּת עוֹלָם	איין עוויגעס געזעטץ (זאל עס זיין)
לְדֹרֹתֵיכֶם׃	פיר אייערע געשלעכטער.
4. עַל הַמְּנֹרָה הַטְּהֹרָה	4. אויף דעם ריינעם לייכטער[7]
יַעֲרֹךְ אֶת־הַנֵּרוֹת	זאל ער צורעכט מאַכען די לאָמפען
לִפְנֵי יְהוָה תָּמִיד׃	פאר דעם עוויגען בעשטענדיג.
5. וְלָקַחְתָּ סֹלֶת	5. און דו זאלסט נעהמען פיינע מעהל,
וְאָפִיתָ אֹתָהּ	און דו זאלסט דאפון באַקען
שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה חַלּוֹת	צוועלף קוכענס,

1) ערטראַג. 2) אתרוג. 3) לולב. 4) דיכט־בלעטערדיגען בוים, ד. ה. הדסים. 5) באַך־ווײַדען, ערבות, הושענות. 6) פיר דעם לייכטער. 7) ד. ה. אויף דעם לייכטער פון ריינעם גאָלד.

שְׁנֵי עֶשְׂרֹנִים	(פון) צוויי צעהנטעל
יִהְיֶה הַחַלָּה הָאֶחָת׃	זאל זיין [1]יעדער איין קוכען.
6. וְשַׂמְתָּ אוֹתָם	6. און דו זאלסט זיי לייגען
שְׁתַּיִם מַעֲרָכוֹת	(אין) צוויי [2]רייהען,
שֵׁשׁ הַמַּעֲרָכֶת	זעקס [1]יעדע רייהע,
עַל־הַשֻּׁלְחָן הַטָּהֹר	אויף דעם ריינעם טיש[3]
לִפְנֵי יְהוָה׃	פאר דעם עוויגען.
7. וְנָתַתָּ	7. און דו זאלסט לייגען
עַל־הַמַּעֲרֶכֶת	אויף [1]יעדע רייהע
לְבֹנָה זַכָּה	ריינע וויירויך,
וְהָיְתָה לַלֶּחֶם	און עס זאל זיין צום ברויט
לְאַזְכָּרָה	אלס געדיינק־טהייל,
אִשֶּׁה לַיהוָה׃	א פייער אָפּפער צום עוויגען.
8. בְּיוֹם הַשַּׁבָּת	8. אין דעם רוהע טאג,
בְּיוֹם הַשַּׁבָּת	אין דעם רוהע טאג[4]
יַעַרְכֶנּוּ לִפְנֵי יְהוָה	זאל ער עס צורעכטען פאר דעם עוויגען
תָּמִיד	בעשטענדיג,
מֵאֵת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל	פון די קינדער ישראל
בְּרִית עוֹלָם׃	(אלס) עוויגער בונד.
9. וְהָיְתָה	9. און עס זאל געהערען
לְאַהֲרֹן וּלְבָנָיו	צו אהרן און צו זיינע זיהן,
וַאֲכָלֻהוּ	און זיי זאלען עס עסען
בְּמָקוֹם קָדֹשׁ	אין א הייליגען ארט,
כִּי	דען
קֹדֶשׁ קָדָשִׁים הוּא לוֹ	עס איז אלער־הייליגסט פיר איהם
מֵאִשֵּׁי יְהוָה	פון די פייער־אָפּפערס פון דעם עוויגען,
חָק־עוֹלָם׃	(אלס) עוויגעס געזעטץ.
10. וַיֵּצֵא	10. און עס איז ארויס־געגאנגען
בֶּן־אִשָּׁה יִשְׂרְאֵלִית	דער זוהן פון איין איזרא־עליטישע פרוי,
וְהוּא בֶּן־אִישׁ מִצְרִי	אבער ער איז געוועזן דער זוהן פון א מצרי־שען מאן,[5]
בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	אינמיטען די קינדער ישראל,
וַיִּנָּצוּ בַּמַּחֲנֶה	און עס האבען זיך געקריגט אים לאגער
בֶּן הַיִּשְׂרְאֵלִית	דער זוהן פון די איזרא־עליטישע (פרוי)
וְאִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי׃	און [6]איין איזראעליטישער מאן.
11. וַיִּקֹּב בֶּן־הָאִשָּׁה הַיִּשְׂרְאֵלִית	11. און דער זוהן פון די איזראעליטישע פרוי האט [7]אויסגערעדט

אֶת־הַשֵּׁם	דעם נאמען,[8]
וַיְקַלֵּל	און ער האט געפלוכט.
וַיָּבִיאוּ אֹתוֹ	און מען האט איהם געבראכט
אֶל־מֹשֶׁה	צו משה;
וְשֵׁם אִמּוֹ שְׁלֹמִית	און זיין מוטער'ס נאמען (איז געוועזן) שלומית,
בַּת־דִּבְרִי	די טאכטער פון דברי,
לְמַטֵּה־דָן׃	פון דעם שטאם דן.
12. וַיַּנִּיחֻהוּ בַּמִּשְׁמָר	12. און מען האט איהם אריין געזעצט אין [9]וואכט־הויז
לִפְרֹשׁ לָהֶם	(ביז) מען וועט זיי ערקלערען
עַל־פִּי יְהוָה׃	נאך דעם עוויגען'ס בעפעהל
13. וַיְדַבֵּר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	13. און דער עוויגער האט גערעדט צו משה,
לֵּאמֹר׃	זאגענדיג:
14. הוֹצֵא אֶת־הַמְקַלֵּל	14. פיהר ארויס דעם פלוכער
אֶל־מִחוּץ לַמַּחֲנֶה	אויסער־האלב פון דעם לאגער,
וְסָמְכוּ	און עס זאלען אָנשפארען
כָל־הַשֹּׁמְעִים	אלע, וואס האבען געהערט
אֶת־יְדֵיהֶם	זייערע הענד
עַל־רֹאשׁוֹ	אויף זיין קאפּ,
וְרָגְמוּ אֹתוֹ	און עס זאל איהם פער־שטייניגען
כָּל־הָעֵדָה׃	די גאנצע געמיינדע.
15. וְאֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	15. און צו די קינדער ישראל
תְּדַבֵּר לֵאמֹר	זאלסט'ו רייד ען, זאגענדיג:
אִישׁ אִישׁ	יעדער מאן,
כִּי־יְקַלֵּל אֱלֹהָיו	ווען ער וועט פלוכען זיין גאט,
וְנָשָׂא חֶטְאוֹ׃	דאן טראגט ער זיין שולד.
16. וְ נֹ קֵ ב	16. און דער וואס רעדט אויס (מיט לעסטערונג)
שֵׁם־יְהוָה	דעם עוויגען'ס נאמען,
מוֹת יוּמָת	זאל געטויטעט ווערען,
רָגוֹם יִרְגְּמוּ־בוֹ	פערשטייניגען זאל איהם
כָּל־הָעֵדָה	די גאנצע געמיינדע;
כַּגֵּר כָּאֶזְרָח	ווי דער פרעמדער אזוי דער איינגעבארענער,
בְּנָקְבוֹ שֵׁם	ווען ער רעדט אויס (מיט לעסטערונג דעם) נאמען
יוּמָת׃	זאל ער געטויטעט ווערען.
17. וְאִישׁ כִּי יַכֶּה	17. און ווען א מאן וועט שלאגען
כָּל־נֶפֶשׁ אָדָם	אירגענד איין מענשען־[10]זעלע
מוֹת יוּמָת׃	זאל ער געטויטעט ווערען.

1) די. 2) אָרדנונגען, שיכטען. 3) ד. ה. וואס איז געמאכט פון ריינעם גאָלד. 4) ד. ה. יעדען שבת. 5) ד. ה. זיין מוטער איז געוועזן א ישראלית אבער זיין פאטער א מצרי. 6) דער. 7) אויסדריקליך ארויסגערעדט, זעה רש"י. 8) פון גאט. 9) געפענגניס. 10) פערזאָן, וועזען.

18. וּמַכֵּה	18. און דער, וואס שלאָגט
נֶפֶשׁ־בְּהֵמָה	די [1]זעלע פון אַ פיה,
יְשַׁלְּמֶנָּה	זאל ער עס בעצאָהלען,
נֶפֶשׁ תַּחַת נָפֶשׁ׃	[2]זעלע פיר זעלע.
19. וְאִישׁ כִּי־יִתֵּן מוּם	19. און אַ מאַן ווען ער וועט מאַכען אַ פעהלער
בַּעֲמִיתוֹ	אין זיין [3]פריינד,
כַּאֲשֶׁר עָשָׂה	ווי ער האט געטאָן,
כֵּן יֵעָשֶׂה לּוֹ׃	אַזוי זאל געטאָן ווערען צו איהם.
20. שֶׁבֶר תַּחַת שֶׁבֶר	20. אַ בראָך פיר אַ בראָך,
עַיִן תַּחַת עַיִן	איין אויג פיר איין אויג,
שֵׁן תַּחַת שֵׁן	אַ צאָהן פיר אַ צאָהן,
כַּאֲשֶׁר יִתֵּן מוּם	ווי ער וועט מאַכען אַ פעהלער
בָּאָדָם	אין דעם מענשען,
כֵּן יִנָּתֶן בּוֹ׃	אזוי זאל איהם געמאַכט ווערען.
מַפְטִיר	מַפְטִיר
21. וּמַכֵּה בְהֵמָה	21. און דער, וואס שלאגט אַ פיה,
יְשַׁלְּמֶנָּה	זאל ער עס בעצאהלען,
וּמַכֵּה אָדָם	און דער, וואס שלאגט אַ מענשען,
יוּמָת׃	זאל געטויטעט ווערען.
22. מִשְׁפַּט אֶחָד	22. איין רעכט
יִהְיֶה לָכֶם	זאל זיין ביי אייך,
כַּגֵּר כָּאֶזְרָח יִהְיֶה	דער פרעמדער זאל זיין ווי דער איינגעבאָרענער,
כִּי אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃	דען איך בין דער עוויגער, אייער גאָט.
23. וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה	23. און משה האט גערעט
אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	צו די קינדער ישראל,
וַיּוֹצִיאוּ אֶת־הַמְקַלֵּל	און זיי האבען ארויס־געפיהרט דעם פלוכער
אֶל־מִחוּץ לַמַּחֲנֶה	אויסער־האַלב פון דעם לאַגער,
וַיִּרְגְּמוּ אֹתוֹ אָבֶן	און זיי האבען איהם פער־וואָרפען (מיט) שטיינער,
וּבְנֵי־יִשְׂרָאֵל עָשׂוּ	און די קינדער ישראל האבען געטאן,
כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃	ווי דער עוויגער האט בעפוילען משה.

בְּהַר BEHAR

Cap. XXV. כה

1. וַיְדַבֵּר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	1. און דער עוויגער האט גערעט צו משה,
בְּהַר סִינַי	אויף דעם באַרג סיני
לֵאמֹר׃	זאגענדיג:
2. דַּבֵּר	2. רייד
אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	צו די קינדער ישראל,
וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם	און דו זאלסט זאגען צו זיי:
כִּי תָבֹאוּ אֶל־הָאָרֶץ	ווען איהר וועט קומען אין דאס לאנד,
אֲשֶׁר אֲנִי נֹתֵן לָכֶם	וואס איך גיב אייך,
וְשָׁבְתָה הָאָרֶץ	דאַן זאל דאס לאנד רוהען
שַׁבָּת לַיהוָה׃	א רוהע צום עוויגען.
3. שֵׁשׁ שָׁנִים	3. זעקס יאָהר
תִּזְרַע שָׂדֶךָ	זאלסט'ו בעזעען דיין פעלד,
וְשֵׁשׁ שָׁנִים	און זעקס יאָהר
תִּזְמֹר כַּרְמֶךָ	זאלסט'ו בעשניידען דיין וויין־גאָרטען,
וְאָסַפְתָּ	און דו זאלסט איינזאַמלען
אֶת־תְּבוּאָתָהּ׃	איהרע פרוכט.
4. וּבַשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִת	4. אבער אויף דעם זיבענטען יאָהר
שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן	אַ פייערליכע רוהע
יִהְיֶה לָאָרֶץ	זאל זיין פיר דאס לאַנד,
שַׁבָּת לַיהוָה	אַ רוהע צום עוויגען,
שָׂדְךָ לֹא תִזְרָע	דיין פעלד זאלסט'ו ניט בעזעען,
וְכַרְמְךָ לֹא תִזְמֹר׃	און דיין וויין־גאָרטען זאלסט'ו ניט בעשניידען.
5. אֵת סְפִיחַ קְצִירְךָ	5. דעם [4]זעלבסט־וואוקס פון דיין שניט
לֹא תִקְצוֹר	זאלסט'ו ניט שניידען,
וְאֶת־עִנְּבֵי נְזִירֶךָ	און די טרויבען פון דיינע אונבעשניטענע ווינשטאָקען
לֹא תִבְצֹר	זאלסט'ו ניט אָבקלייבען,
שְׁנַת שַׁבָּתוֹן	אַ רוהע יאָהר
יִהְיֶה לָאָרֶץ׃	זאל עס זיין פיר דאס לאַנד.
6. וְהָיְתָה	6. און עס זאל זיין
שַׁבַּת הָאָרֶץ	(די פרוכט פון) דעם רוהע (יאָהר) פון דעם לאַנד
לָכֶם לְאָכְלָה	פיר אייך צום עסען,
לְךָ וּלְעַבְדְּךָ	פיר דיר און פיר דיין קנעכט
וְלַאֲמָתֶךָ	און פיר דיין דינסט,
וְלִשְׂכִירְךָ	און פיר דיין געדונגענעם
וּלְתוֹשָׁבְךָ	און פיר דיין איינוואָהנער,
הַגָּרִים עִמָּךְ׃	וועלכע וואָהנען ביי דיר.
7. וְלִבְהֶמְתְּךָ	7. און פיר דיין פיה
וְלַחַיָּה	און פיר דאס טהיר,

1) וועזען. 2) שטיק פיר שטיק. 3) נעכסטען, נעבען־מענשען. 4) גאָבוואוקס; ווידער־וואוקס, וואס וואַקסט פון זיך פון דעם זאמען, וואס פאלט אַראָפּ ביים שניידען.

אֲשֶׁר בְּאַרְצֶךָ	וואס איז אין דיין לאנד,
תִּהְיֶה כָל־תְּבוּאָתָהּ	זאל זיין איהר גאנצע פרוכט
לֶאֱכֹל׃	צום עסען.
8 וְסָפַרְתָּ לְךָ	8. און דו זאלסט דיר אפציילען
שֶׁבַע שַׁבְּתֹת שָׁנִים	זיבען רוהע יאהרען,
שֶׁבַע שָׁנִים	זיבען יאהר
שֶׁבַע פְּעָמִים	זיבען מאל,
וְהָיוּ לְךָ יְמֵי	דאס עס זאלען זיין פיר דיר די טעג
שֶׁבַע שַׁבְּתֹת הַשָּׁנִים	פון די זיבען רוהע יאהרען
תֵּשַׁע וְאַרְבָּעִים שָׁנָה	ניין און פערציג יאהר.
9. וְהַעֲבַרְתָּ	9. און דו זאלסט לאזען דורכגיין
שׁוֹפַר תְּרוּעָה	א פאזוינען־שאלונג
בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁבִעִי	אין דעם זיבענטען מאנאט
בֶּעָשׂוֹר לַחֹדֶשׁ	אין דעם צעהנטען (טאג) פון דעם מאנאט,
בְּיוֹם הַכִּפֻּרִים	אין דעם פערגעבונגס טאג
תַּעֲבִירוּ שׁוֹפָר	זאלט איהר לאזען דורכגיין א פאזוינען־(שאלונג)
בְּכָל־אַרְצְכֶם׃	אין אייער גאנצען לאנד.
10. וְקִדַּשְׁתֶּם	10. און איהר זאלט הייליגען
אֵת שְׁנַת הַחֲמִשִּׁים שָׁנָה	דעם פופציגסטען יאהר,
וּקְרָאתֶם דְּרוֹר	און איהר זאלט אויסרופען פרייהייט
בָּאָרֶץ	אים לאנד
לְכָל־יֹשְׁבֶיהָ	פיר אלע איהרע בעוואהנער
יוֹבֵל הִוא תִּהְיֶה לָכֶם	א יובל־(יאהר) זאל עס זיין ביי אייך,
וְשַׁבְתֶּם	און איהר זאלט אייך צוריקקעהרען
אִישׁ אֶל־אֲחֻזָּתוֹ	יעדער צו זיין אייגענטהום,
וְאִישׁ אֶל־מִשְׁפַּחְתּוֹ	און יעדער צו זיין פאמיליע
תָּשֻׁבוּ׃	זאלט איהר אייך צוריקקעהרען.
11. יוֹבֵל הִוא	11. א יובל־(יאהר)
שְׁנַת הַחֲמִשִּׁים שָׁנָה תִּהְיֶה לָכֶם	זאל דאס פופציגסטע יאהר זיין ביי אייך:
לֹא תִזְרָעוּ	איהר זאלט ניט זעען,
וְלֹא תִקְצְרוּ	און איהר זאלט ניט שניידען
אֶת־סְפִיחֶיהָ	איהר זעלבסט־וואוקס.
וְלֹא תִבְצְרוּ	און איהר זאלט ניט אבקלייבען
אֶת־נְזִרֶיהָ׃	איהרע אונבעשניטענע וויינ־שטאקען.

12. כִּי יוֹבֵל הִוא	12. דען עס איז א יובל־(יאהר),
קֹדֶשׁ תִּהְיֶה לָכֶם	הייליג זאל עס זיין ביי אייך,
מִן־הַשָּׂדֶה	פון דעם פעלד[1]
תֹּאכְלוּ	מעגט איהר עסען
אֶת־תְּבוּאָתָהּ׃	איהר פרוכט.
13. בִּשְׁנַת הַיּוֹבֵל הַזֹּאת	13. אין דיזען יובל יאהר
תָּשֻׁבוּ	זאלט איהר אייך צוריקקעהרען
אִישׁ אֶל־אֲחֻזָּתוֹ׃	יעדער צו זיין אייגענטהום.
שֵׁנִי	שֵׁנִי
14. וְכִי־תִמְכְּרוּ מִמְכָּר	14. און ווען איהר וועט [2]פערקויפען א פערקויף
לַעֲמִיתֶךָ	צו דיין [3]פריינד
אוֹ קָנֹה מִיַּד עֲמִיתֶךָ	אדער קויפען פון דער האנד פון דיין [3]פריינד,
אַל־תּוֹנוּ	זאלט איהר ניט נארען
אִישׁ אֶת־אָחִיו׃	איינער דעם אנדערן.
15. בְּמִסְפַּר שָׁנִים	15. נאך דער צאהל פון (די) יאהרען
אַחַר הַיּוֹבֵל	נאך דעם יובל (יאהר)
תִּקְנֶה מֵאֵת עֲמִיתֶךָ	זאלסט'ו קויפען פון דיין [3]פריינד,
בְּמִסְפַּר	נאך דער צאהל
שְׁנֵי־תְבוּאֹת	פון די [4]ערטראג־יאהרען
יִמְכָּר־לָךְ׃	זאל ער דיר פערקויפען.[5]
16. לְפִי רֹב הַשָּׁנִים	16. נאך די מעהרהייט פון די יאהרען
תַּרְבֶּה מִקְנָתוֹ	זאלסט'ו פערמעהערן זיין קויף־פרייז
וּלְפִי מְעֹט הַשָּׁנִים	און נאך די ווייניגקייט פון די יאהרען
תַּמְעִיט מִקְנָתוֹ	זאלסט'ו פערמינדערן זיין קויף־פרייז,
כִּי מִסְפַּר תְּבוּאֹת	דען די צאהל פון ערטראגען
הוּא מֹכֵר לָךְ׃	פערקויפט ער דיר.
17. וְלֹא תוֹנוּ	17. און איהר זאלט ניט נארען
אִישׁ אֶת־עֲמִיתוֹ	איינער דעם אנדערן,
וְיָרֵאתָ מֵאֱלֹהֶיךָ	און דו זאלסט זיך פירכטען פאר דיין גאט,
כִּי אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם	דען איך בין דער עוויגער, אייער גאט.
18. וַעֲשִׂיתֶם	18. און איהר זאלט טהאן
אֶת־חֻקֹּתַי	מיינע געזעצע
וְאֶת־מִשְׁפָּטַי	און מיינע רעכטע
תִּשְׁמְרוּ	זאלט איהר היטען,
וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם	און איהר זאלט זיי טהאן,

1) ד. ה. אבער מען טהאר עס ניט איינזאמלען אויף שפעטער. 2) עטוואס פערקויפען. 3) נעכסטען, נעבען־מענשען. 4) איינקונפטס־יאהרען. 5) ד. ה. ער זאל נור נעהמען דעם פרייז פיר אזויפיל יאהרען וויפיל עס איז נאך ביז יובל.

ויישבתם על-הארץ	דאן וועט איהר וואהנען אויף דעם לאנד
לבטח:	אין זיכערהייט.
שלישי	שלישי
ישני (כשהן מחוברין)	
19. ונתנה הארץ	19. און דאס לאנד וועט געבען
פריה	איהר פרוכט,
ואכלתם לשבע	און איהר וועט עסען צו זאט
וישבתם לבטח	און איהר וועט וואהנען אין זיכערהייט
עליה:	אויף איהר.
20. וכי תאמרו	20. און ווען איהר וועט זאגען:
מה נאכל	וואס וועלען מיר עסען
בשנה השביעית	אים זיבענטען יאהר?
הן לא נזרע	זעה, מיר וועלען ניט זייען
ולא נאסף	און מיר וועלען ניט איינזאמלען
את-תבואתנו:	אונזערע פרוכט?
21. וצויתי את-ברכתי	21. אבער איך וועל בעפעהלען מיין זעגען
לכם	[1]וועגען אייך
בשנה הששית	אים זעקסטען יאהר,
ועשת את-התבואה	און עס וועט [2]טראגען דעם ערטראג
לשלש השנים:	פיר דריי יאהר.
22. וזרעתם	22. און ווען איהר וועט זייען
את השנה השמינית	דאס אכטע יאהר,
ואכלתם	דאן וועט איהר עסען
מן-התבואה ישן	פון דעם אלטען ערטראג,
עד | השנה התשיעית	ביז דעם נייטנטען יאהר,
עד-בוא תבואתה	ביז עס וועט קומען איהר ערטראג,
תאכלו ישן:	וועט איהר עסען אלטע.
23. והארץ	23. און דאס לאנד
לא תמכר לצמתת	זאל ניט פערקויפט ווערען אויף עוויג,
כי-לי הארץ	דען צו מיר געהערט דאס לאנד,
כי-גרים	דען פרעמדע
ותושבים	און איינוואהנער
אתם עמדי:	זייט איהר ביי מיר.
24. ובכל ארץ	24. און אין דעם גאנצען לאנד
אחזתכם	פון אייער אייגענטהום,
גאלה תתנו לארץ:	זאלט איהר געבען אויסלייזונגס(רעכט) פיר דאס לאנד.

רביעי	רביעי
25. כי-ימוך אחיך	25. ווען דיין ברודער וועט ארם ווערען,
ומכר מאחזתו	און ער וועט פערקויפען פון זיין אייגענטהום,
ובא גאלו	דאן זאל קומען זיין [3]אויסלייזער,
הקרב אליו	וועלכער איז נאהענט צו איהם,
וגאל	און ער זאל אויסלייזען
את ממכר אחיו:	דעם פערקויף פון זיין ברודער.
26. ואיש	26. און א מאן,
כי לא יהיה-לו גאל	ווען ער וועט ניט האבען איין [3]אויסלייזער,
והשיגה ידו	און זיין האנד וועט גרייכען,
ומצא כדי גאלתו:	און ער וועט געפינען גענוג (פיר) זיין אויסלייזונג.[4]
27. והשב	27. דאן זאל ער אפרעכענען
את-שני ממכרו	די יאהרען פון זיין פערקויף,
והשיב את-העדף	און ער זאל צוריק-געבען [5]דאס איבריגע
לאיש אשר מכר-לו	צום מאן, וואס ער האט פערקויפט צו איהם,
ושב לאחזתו:	און ער קעהרט זיך צוריק צו זיין אייגענטהום.
28. ואם לא-מצאה ידו	28. און אויב זיין האנד האט ניט געפונען
די השיב לו	גענוג איהם צוריק צו געבען,
והיה ממכרו	דאן זאל זיין זיין פערקויף
ביד הקנה אתו	אין דער האנד פון דעם, וואס קויפט עס,
עד שנת היובל	ביז דעם יובל יאהר.
ויצא ביבל	אבער עס גייט ארויס (פריי) אים יובל-(יאהר),
ושב לאחזתו:	און ער קעהרט זיך צוריק צו זיין אייגענטהום.
חמישי	חמישי
שלישי (כשהן מחוברין)	
29. ואיש כי-ימכר	29. און ווען א מאן וועט פערקויפען
בית-מושב	א וואהן-הויז
עיר חומה	(אין) א שטאט, (וואס האט ארום) א מויער,
והיתה גאלתו	דאן זאל זיין זיין אויסלייזונגס (רעכט)
עד-תם	ביז (צו) ענדע
שנת ממכרו	פון דעם יאהר פון זיין פערקויף,
ימים תהיה גאלתו:	א יאהר זאל זיין זיין אויסלייזונגס (רעכט).
30. ואם לא-יגאל	30. און ווען עס וועט ניט אויסגעלייזט ווערען
עד-מלאת לו	ביז עס וועט איהם פול ווערען
שנה תמימה	א גאנצעס יאהר,
וקם הבית	דאן זאל בלייבען שטעהן דאס הויז,

1) איבער. 2) מאכען. 3) פערוואנדטער. 4) ד. ה. ווען ער וועט אליין ווערען פערמעגליך אויסצולייזען זיין אייגענטהום. 5) דעם רעסט.

אֲשֶׁר־בָּעִיר	וואס איז אין דער שטאָט,
אֲשֶׁר־לא לו ק׳ חֹמָה	וואס האט אַ מויער.
לַצְּמִיתֻת	אויף עוויג
לַקֹּנֶה אֹתוֹ	ביי דעם, וואס קויפט עס
לְדֹרֹתָיו	פיר זיינע געשלעכטער,
לֹא יֵצֵא בַּיֹּבֵל :	עס זאל ניט ארויסגיין (פריי) אים יובל (יאָהר).
31. וּבָתֵּי הַחֲצֵרִים	31. און די הייזער פון די [1]דערפער,
אֲשֶׁר אֵין־לָהֶם חֹמָה	וועלכע האבען קיין מויער
סָבִיב	ארום,
עַל־שְׂדֵה הָאָרֶץ	צום פעלד פון דעם לאַנד
יֵחָשֵׁב	זאל עס גערעכענט ווערען;
גְּאֻלָּה תִּהְיֶה־לּוֹ	אויסלייזונגס־(רעכט) זאל זיין דאַפיר,
וּבַיֹּבֵל יֵצֵא :	און אים יובל־(יאָהר) זאל עס אַרויסגיין (פריי).
32. וְעָרֵי הַלְוִיִּם	32. און די שטעדט פון די לויים,
בָּתֵּי	(אדער) די הייזער
עָרֵי אֲחֻזָּתָם	פון די שטעדט פון זייער אייגענטהום,
גְּאֻלַּת עוֹלָם	איין עוויגע אויסלייזונגס־(רעכט)
תִּהְיֶה לַלְוִיִּם :	זאלען האבען די לויים.
33. וַאֲשֶׁר יִגְאַל	33. און ווער עס וועט אויסלייזען
מִן־הַלְוִיִּם	פון די לויים,[2]
וְיָצָא	דאַן זאל אַרויסגיין (פריי)
מִמְכַּר־בַּיִת	דער פערקויף פון דעם הויז
וְעִיר אֲחֻזָּתוֹ	אדער די שטאט פון זיין אייגענטהום
בַּיֹּבֵל	אים יובל (יאהר),
כִּי בָתֵּי	דען די הייזער
עָרֵי הַלְוִיִּם	פון די שטעדט פון די לויים
הִוא אֲחֻזָּתָם	דאס איז זייער אייגענטהום
בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל :	צווישען די קינדער ישראל.
34. וּשְׂדֵה	34. און דאס פעלד
מִגְרַשׁ עָרֵיהֶם	פון דעם [3]פרייען פלאַטץ פון זייערע שטעדט
לֹא יִמָּכֵר	זאל ניט פערקויפט ווערען,
כִּי־אֲחֻזַּת עוֹלָם הוּא	דען עס איז איין עוויגער אייגענטהום
לָהֶם :	פיר זיי.
35. וְכִי־יָמוּךְ אָחִיךָ	35. און ווען דיין ברודער וועט אָרם ווערען
וּמָטָה יָדוֹ עִמָּךְ	און זיין [4]האַנד וועט זינקען ביי דיר,
וְהֶחֱזַקְתָּ בּוֹ	דאַן זאלסט'ו איהם אונטער־שטיצען,
גֵּר וְתוֹשָׁב	[5]אַ פרעמדער אדער איין איינוואָהנער,
וָחַי עִמָּךְ :	און ער זאל לעבען ביי דיר.
36. אַל־תִּקַּח מֵאִתּוֹ	36. דו זאלסט ניט נעהמען פון איהם
נֶשֶׁךְ וְתַרְבִּית	צינז אדער [6]וואוכער,
וְיָרֵאתָ מֵאֱלֹהֶיךָ	און דו זאלסט זיך פירכטען פאר דיין גאט,
וְחֵי אָחִיךָ עִמָּךְ :	און דיין ברודער זאל לעבען ביי דיר.
37. אֶת־כַּסְפְּךָ	37. דיין געלד
לֹא־תִתֵּן לוֹ בְּנֶשֶׁךְ	זאלסט'ו איהם ניט געבען אויף צינזען,
וּבְמַרְבִּית	און אויף [6]וואוכער
לֹא־תִתֵּן אָכְלֶךָ :	זאלסט'ו ניט געבען דיינע שפייזע.
38. אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם	38. איך בין דער עוויגער, אייער גאָט,
אֲשֶׁר הוֹצֵאתִי אֶתְכֶם	וואס איך האב אייך אַרויס־געפיהרט
מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם	פון דעם לאַנד מצרים,
לָתֵת לָכֶם	אייך צו געבען
אֶת־אֶרֶץ כְּנַעַן	דאס לאַנד כנען,
לִהְיוֹת לָכֶם	אום צו זיין צו אייך
לֵאלֹהִים :	פיר אַ גאָט.
שִׁשִּׁי	שִׁשִּׁי

רביעי (כשהן מחוברין)

39. וְכִי־יָמוּךְ אָחִיךָ	39. און ווען דיין ברודער וועט אָרם ווערען
עִמָּךְ	ביי דיר,
וְנִמְכַּר־לָךְ	און ער וועט זיך פערקויפען צו דיר,
לֹא־תַעֲבֹד בּוֹ	זאלסט'ו ניט ארבייטען מיט איהם
עֲבֹדַת עָבֶד :	די אַרבייט פון אַ קנעכט.
40. כְּשָׂכִיר כְּתוֹשָׁב	40. ווי א געדונגענער ווי איין איינוואָהנער
יִהְיֶה עִמָּךְ	זאל ער זיין ביי דיר;
עַד־שְׁנַת הַיֹּבֵל	ביז דעם יובל יאָהר
יַעֲבֹד עִמָּךְ :	זאל ער אַרבייטען ביי דיר.
41. וְיָצָא מֵעִמָּךְ	41. דאַן זאל ער אַרויסגיין פון דיר,
הוּא וּבָנָיו עִמּוֹ	ער און זיינע קינדער מיט איהם.
וְשָׁב אֶל־מִשְׁפַּחְתּוֹ	און ער זאל זיך צוריק קעה־רען צו זיין פאַמיליע,
וְאֶל־אֲחֻזַּת אֲבֹתָיו	און צו דעם אייגענטהום פון זיינע עלטערן
יָשׁוּב :	זאל ער זיך צוריק קעהרען.
42. כִּי־עֲבָדַי הֵם	42. דען זיי זיינען מיינע קנעכט,
אֲשֶׁר־הוֹצֵאתִי אֹתָם	וואס איך האב זיי אַרויס־געפיהרט
מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם	פון דעם לאַנד מצרים;

1) אָפענע שטעדט. 2) דא איז פילייכט דער נייעס אז ביי די לויים קען יעדער אויסלייזען, זאגאר ניט קיין פער־וואנדטער, זעה פיליפזאהן'ס קאָמענטאַר און רש"י 3) בעצירק, וויידע־פלאַטץ. 4) פערמעגען. 5) ווי א פרעמדער א. ז. וו. זאל ער לעבען ביי דיר. 6) פערמעהרונג.

לֹא יִמָּכְרוּ	זיי זאָלען ניט פערקויפט ווערען
מִמְכֶּרֶת עָבֶד׃	ווי מען פערקויפט אַ קנעכט.[1]
43. לֹא־תִרְדֶּה בוֹ	43. דו זאָלסט ניט הערשען איבער איהם
בְּפָרֶךְ	מיט שטרענגע,
וְיָרֵאתָ מֵאֱלֹהֶיךָ׃	און דו זאָלסט זיך פירכטען פאַר דיין גאָט.
44. וְעַבְדְּךָ וַאֲמָתְךָ	44. און דיין קנעכט און דיין דינסט,
אֲשֶׁר יִהְיוּ־לָךְ	וועלכע מעגען בלייבען ביי דיר,
מֵאֵת הַגּוֹיִם	(זאָלען זיין) פון די פעלקער,
אֲשֶׁר סְבִיבֹתֵיכֶם	וועלכע זיינען אַרום אייך;
מֵהֶם תִּקְנוּ	פון זיי מעגט איהר קויפען
עֶבֶד וְאָמָה׃	אַ קנעכט אָדער אַ דינסט.
45. וְגַם	45. און אויך
מִבְּנֵי הַתּוֹשָׁבִים	פון די קינדער פון די איינוואָהנער,[2]
הַגָּרִים עִמָּכֶם	וועלכע האַלטען זיך אויף ביי אייך,
מֵהֶם תִּקְנוּ	פון זיי מעגט איהר קויפען
וּמִמִּשְׁפַּחְתָּם	און פון זייער פאַמיליע
אֲשֶׁר עִמָּכֶם	וועלכע איז ביי אייך,
אֲשֶׁר הוֹלִידוּ	וועלכע זיי האָבען געבאָרען
בְּאַרְצְכֶם	אין אייער לאַנד,
וְהָיוּ לָכֶם לַאֲחֻזָּה׃	און זיי זאָלען געהערען צו אייך אַלס אייגענטהום.
46. וְהִתְנַחַלְתֶּם אֹתָם	46. און איהר מעגט זיי מאַכען צום ערב
לִבְנֵיכֶם אַחֲרֵיכֶם	צו אייערע קינדער נאָך אייך
לָרֶשֶׁת אֲחֻזָּה	(זיי) צו [3]ערבען (אַלס) אייגענטהום,
לְעֹלָם בָּהֶם תַּעֲבֹדוּ	אויף עוויג מעגט איהר מיט זיי אַרבייטען,
וּבְאַחֵיכֶם	אָבער איבער אייערע ברידער,
בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל	די קינדער ישראל
אִישׁ בְּאָחִיו	איינער איבער דעם אַנדערן,
לֹא־תִרְדֶּה בוֹ בְּפָרֶךְ׃	זאָלסט'ו ניט הערשען איבער איהם מיט שטרענגע.
שביעי	שביעי
47. וְכִי תַשִּׂיג	47. און ווען עס וועט גרייכען
יַד גֵּר וְתוֹשָׁב	די האַנד פון אַ פרעמדען אָדער איין איינוואָהנער
עִמָּךְ,	ביי דיר,
וּמָךְ אָחִיךָ עִמּוֹ	און דיין ברודער וועט אָרם ווערען ביי איהם,
וְנִמְכַּר	און ער וועט זיך פערקויפען
לְגֵר תּוֹשָׁב	צום פרעמדלינג, (אָדער) צו איין איינוואָהנער
עִמָּךְ	ביי דיר,
אוֹ לְעֵקֶר	אָדער צו [4]איינעם, וואָס שטאַמט אַרויס
מִשְׁפַּחַת גֵּר׃	פון דער פאַמיליע פון אַ פרעמדען.
48. אַחֲרֵי נִמְכַּר	48. נאָכדעם ווי ער האָט זיך פערקויפט
גְּאֻלָּה תִּהְיֶה־לּוֹ	זאָל ער האָבען אויסלייזונגס (רעכט),
אֶחָד מֵאֶחָיו	איינער פון זיינע ברידער
יִגְאָלֶנּוּ׃	זאָל איהם אויסלייזען.
49. אוֹ־דֹדוֹ	49. אָדער זיין אָנקעל
אוֹ בֶן־דֹּדוֹ	אָדער זיין אָנקעל'ס אַ זוהן
יִגְאָלֶנּוּ	זאָל איהם אויסלייזען,
אוֹ־מִשְּׁאֵר בְּשָׂרוֹ	אָדער פון זיינע בלוטס־פערוואַנדטע
מִמִּשְׁפַּחְתּוֹ	פון זיין פאַמיליע
יִגְאָלֶנּוּ	זאָל איהם אויסלייזען,
אוֹ־הִשִּׂיגָה יָדוֹ	אָדער ווען זיין האַנד גרייכט
וְנִגְאָל׃	דאַן קען ער זיך זעלבסט אויסלייזען.
50. וְחִשַּׁב עִם־קֹנֵהוּ	50. און ער זאָל זיך רעכנען מיט זיין קויפער
מִשְּׁנַת הִמָּכְרוֹ לוֹ	פון דעם יאָהר, וואָס ער האָט זיך פערקויפט צו איהם
עַד שְׁנַת הַיֹּבֵל	ביז דעם יובל יאָהר,
וְהָיָה כֶּסֶף מִמְכָּרוֹ	און עס זאָל זיין דאָס געלד פון זיין פערקויף
בְּמִסְפַּר שָׁנִים	נאָך דער צאָהל פון (די) יאָהרען,
כִּימֵי שָׂכִיר	ווי די צייט פון אַ געדונגענעם
יִהְיֶה עִמּוֹ׃	זאָל ער זיין ביי איהם.[5]
51. אִם־עוֹד רַבּוֹת בַּשָּׁנִים	51. אויב עס זיינען נאָך פילע יאָהרען,
לְפִיהֶן יָשִׁיב גְּאֻלָּתוֹ	נאָך זיי[6] זאָל ער צוריק געבען זיין לייז־(געלד)
מִכֶּסֶף מִקְנָתוֹ׃	פון זיין קויף־געלד.
52. וְאִם־מְעַט	52. און אויב ווייניג
נִשְׁאַר בַּשָּׁנִים	איז איבריג־געבליבען פון די יאָהרען
עַד־שְׁנַת הַיֹּבֵל	ביז דעם יובל יאָהר,
וְחִשַּׁב־לוֹ	דאַן זאָל ער (עס) איהם בערעכנען;
כְּפִי שָׁנָיו	נאָך זיינע יאָהרען
יָשִׁיב אֶת־גְּאֻלָּתוֹ׃	זאָל ער צוריק־געבען זיין לייז־(געלד).
53. כִּשְׂכִיר	53. ווי אַ געדונגענער
שָׁנָה בְּשָׁנָה	(פון) יאָהר צו יאָהר
יִהְיֶה עִמּוֹ	זאָל ער זיין ביי איהם,
לֹא־יִרְדֶּנּוּ בְּפֶרֶךְ	ער זאָל ניט הערשען איבער איהם מיט שטרענגע
לְעֵינֶיךָ׃	פאַר דיינע אויגען.

1) ווערטערליך: אַ פערקויף פון אַ קנעכט. 2) פון פרעמדע פעלקער. 3) בעזיצען. 4) אָבקעמלינג. 5) ד. ה. אַזוי ווי ער וואָלט איהם געדונגען יעדען יאָהר פיר אַ געוויסע סומא. זעה רש"י. 6) ד. ה. פערהעלטניסמעסיג נאָך די פילע יאָהרען.

54. וְאִם־לֹא יִגָּאֵל	54. אונ אויב ער ווערט ניט אויסגעלייזט ווערען
בְּאֵלֶּה	דורך דיזע,
וְיָצָא בִּשְׁנַת הַיֹּבֵל	דאַן זאָל ער ארויסגיין (פריי) אין דעם יובל יאָהר,
הוּא וּבָנָיו עִמּוֹ׃	ער אונ זיינע קינדער מיט איהם.
מַפְטִיר	מַפְטִיר
55. כִּי־לִי בְנֵי־יִשְׂרָאֵל	55. דען צו מיר זיינען די קינדער ישראל
עֲבָדִים	קנעכט.
עֲבָדַי הֵם	זיי זיינען מיינע קנעכט,
אֲשֶׁר־הוֹצֵאתִי אוֹתָם	וואס איך האב זיי ארויס־געפיהרט
מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם	פון דעם לאַנד מצרים;
אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃	איך בין דער עוויגער, אייער גאָט.
CAP. XXVI.	כו
1. לֹא־תַעֲשׂוּ לָכֶם	1. איהר זאלט אייך ניט מאַכען
אֱלִילִם	געטצען,
וּפֶסֶל וּמַצֵּבָה	אונ א געשניצטען בילד אונ א שטאַנד־זייל
לֹא־תָקִימוּ לָכֶם	זאלט איהר אייך ניט אויפשטעלען,
וְאֶבֶן מַשְׂכִּית	אונ [1]א שטיין מיט בילדער
לֹא תִתְּנוּ בְּאַרְצְכֶם	זאלט איהר ניט מאַכען אין אייער לאַנד,
לְהִשְׁתַּחֲוֺת עָלֶיהָ	אום זיך צו בוקען פאר איהר,
כִּי אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם	דען איך בין דער עוויגער, אייער גאָט.
2. אֶת־שַׁבְּתֹתַי	2. מיינע רוהע־טעג
תִּשְׁמֹרוּ	זאלט איהר היטען,
וּמִקְדָּשִׁי תִּירָאוּ	אונ מיין היילגטהום זאלט איהר עהר־פירכטען;
אֲנִי יְהוָה׃	איך בין דער עוויגער.
בְּחֻקֹּתַי	BEHUKOTHAY
3. אִם־בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ	3. אויב אין מיינע געזעטצע ווערט איהר גיין,
וְאֶת־מִצְוֺתַי תִּשְׁמְרוּ	אונ מיינע געבאָטע ווערט איהר היטען,
וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם׃	אונ איהר ווערט זיי טהאָן,
4. וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם	4. דאַן וועל איך געבען אייערע רעגענס[2]
בְּעִתָּם	אין זייער צייט,
וְנָתְנָה הָאָרֶץ יְבוּלָהּ	אונ די ערד וועט געבען איהר [3]ערטראג,
וְעֵץ הַשָּׂדֶה	אונ דער בוים פון פעלד
יִתֵּן פִּרְיוֹ׃	וועט געבען זיין פרוכט.
5. וְהִשִּׂיג לָכֶם	5. אונ עס וועט גרייכען ביי אייך
דַּיִשׁ אֶת־בָּצִיר	די דרעש־צייט די וויין־לעזע

וּבָצִיר יַשִּׂיג אֶת־זָרַע	אונ די וויין־לעזע וועט גרייכען די זאָאט־(צייט),[4]
וַאֲכַלְתֶּם לַחְמְכֶם	אונ איהר וועט עסען אייער ברויט
לָשֹׂבַע	צו זאַט,
וִישַׁבְתֶּם לָבֶטַח	אונ איהר וועט זיטצען רוהיג
בְּאַרְצְכֶם׃	אין אייער לאַנד.
שֵׁנִי	שֵׁנִי
6. וְנָתַתִּי שָׁלוֹם	6. אונ איך וועל געבען פרידען
בָּאָרֶץ	אים לאַנד,
וּשְׁכַבְתֶּם	אונ איהר וועט אייך לייגען (שלאפען),
וְאֵין מַחֲרִיד	אונ קיינער וועט אייך ניט שרעקען,
וְהִשְׁבַּתִּי	אונ איך וועל פערטילגען
חַיָּה רָעָה	דאס בייזע טהיר
מִן־הָאָרֶץ	פון דעם לאַנד,
וְחֶרֶב	אונ (דאס) שווערט
לֹא־תַעֲבֹר בְּאַרְצְכֶם	וועט ניט דורכגיין אין אייער לאַנד.
7. וּרְדַפְתֶּם	7. אונ איהר וועט יאָגען
אֶת־אֹיְבֵיכֶם	אייערע פיינדע,
וְנָפְלוּ לִפְנֵיכֶם	אונ זיי וועלען פאַלען פאר אייך
לֶחָרֶב׃	דורך דאַס שווערט.
8. וְרָדְפוּ מִכֶּם חֲמִשָּׁה	8. אונ פינף פון אייך וועלען יאָגען
מֵאָה	הונדערט,
וּמֵאָה מִכֶּם	אונ הונדערט פון אייך
רְבָבָה יִרְדֹּפוּ	וועלען יאָגען צעהן טויזענד
וְנָפְלוּ אֹיְבֵיכֶם	אונ אייערע פיינדע וועלען פאַלען
לִפְנֵיכֶם	פאר אייך
לֶחָרֶב׃	דורך דאס שווערט.
9. וּפָנִיתִי אֲלֵיכֶם	9. אונ איך וועל זיך ווענדען צו אייך,
וְהִפְרֵיתִי אֶתְכֶם	אונ איך וועל אייך פרוכטבאר מאַכען,
וְהִרְבֵּיתִי אֶתְכֶם	אונ איך וועל אייך מעהרען,
וַהֲקִימֹתִי אֶת־בְּרִיתִי	אונ איך וועל אויפשטעלען מיין בונד
אִתְּכֶם׃	מיט אייך.
שְׁלִישִׁי	שְׁלִישִׁי
שני (כשהן מחוברין)	
10. וַאֲכַלְתֶּם	10. אונ איהר וועט עסען
יָשָׁן נוֹשָׁן	גאַנץ אַלטע,[5]

1) אדער: א שוי־שטיין. 2) ד. ה. דעם פריה אונ שפעט רעגען. 3) פרוכט. 4) ד. ה. די דרעש צייט וועט דויערן ביז די וויין־לעזע אונ די וויין־לעזע ביז די זאָאט צייט. 5) ווייל עס וועט וואקסען זעהר פיל אונ עס וועט בלייבען פיר א לאַנגע צייט שפעטער.

וְיָשָׁן	און אלטע
מִפְּנֵי חָדָשׁ תּוֹצִיאוּ׃	וועט איהר אַרויספריינגען פאר דעם נייעס.[1]
11. וְנָתַתִּי מִשְׁכָּנִי	11. און איך וועל מאַכען מיין וואָהנונג
בְּתוֹכְכֶם	צווישען אייך.
וְלֹא־תִגְעַל נַפְשִׁי אֶתְכֶם׃	און מיין זעלע וועט אייך ניט [2]פעראַכטען.
12. וְהִתְהַלַּכְתִּי	12. און איך וועל [3]אומגיין
בְּתוֹכְכֶם	צווישען אייך.
וְהָיִיתִי לָכֶם לֵאלֹהִים	און איך וועל זיין צו אייך פיר אַ גאָט,
וְאַתֶּם תִּהְיוּ־לִי לְעָם׃	און איהר וועט זיין צו מיר פיר אַ פאָלק.
13. אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם	13. איך בין דער עוויגער, אייער גאָט,
אֲשֶׁר הוֹצֵאתִי אֶתְכֶם	וואס איך האב אייך אַרויס־געפיהרט
מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם	פון דעם לאַנד מצרים,
מִהְיֹת לָהֶם עֲבָדִים	אום ניט צו זיין צו[4]זיי קנעכט
וָאֶשְׁבֹּר	און איך האב צובראָכען
מֹטֹת עֻלְּכֶם	די שטאַנגען פון אייער יאָך,
וָאוֹלֵךְ אֶתְכֶם	און איך האב אייך געפיהרט
קוֹמְמִיּוּת׃	[5]שטאָלץ.
14. וְאִם־לֹא תִשְׁמְעוּ לִי	14. אבער אויב איהר וועט מיר ניט צו הערען,
וְלֹא תַעֲשׂוּ	און איהר וועט ניט טהאָן
אֵת כָּל־הַמִּצְוֹת הָאֵלֶּה׃	דיזע אַלע געבאָטע.
15. וְאִם־בְּחֻקֹּתַי	15. און אויב מיינע געזעטצע
תִּמְאָסוּ	וועט איהר פעראַכטען,
וְאִם אֶת־מִשְׁפָּטַי	און אויב מיינע רעכטע
תִּגְעַל נַפְשְׁכֶם	וועט אייער זעלע [2]פעראַכטען
לְבִלְתִּי עֲשׂוֹת	ניט צו טהאָן
אֶת־כָּל־מִצְוֹתַי	אַלע מיינע געבאָטע,
לְהַפְרְכֶם אֶת־בְּרִיתִי	דאס איהר וועט צושטערען מיין בונד.
16. אַף־אֲנִי	16. אויך איך
אֶעֱשֶׂה־זֹּאת לָכֶם	וועל דיזעס טהאָן צו אייך,
וְהִפְקַדְתִּי עֲלֵיכֶם	און איך וועל בעפוילען איבער אייך
בֶּהָלָה	אַ שרעק,
אֶת־הַשַּׁחֶפֶת	די שווינדזוכט
וְאֶת־הַקַּדַּחַת	און די היטציגע פיבער,
מְכַלּוֹת עֵינַיִם	וועלכע [6]פערדאַרבען די אויגען
וּמְדִיבֹת נָפֶשׁ	און בעטריבען די זעלע,
וּזְרַעְתֶּם לָרִיק	און איהר וועט זייען [7]אומזאָנסט
זַרְעֲכֶם	אייער זאָמען,
וַאֲכָלֻהוּ אֹיְבֵיכֶם׃	דען אייערע פיינדע וועלען עס פערצעהרען.
17. וְנָתַתִּי פָנַי בָּכֶם	17. און איך וועל געבען מיין געזיכט געגען אייך,
וְנִגַּפְתֶּם	און איהר וועט געפלאַגט ווערען
לִפְנֵי אֹיְבֵיכֶם	פאר אייערע פיינדע,
וְרָדוּ בָכֶם שֹׂנְאֵיכֶם	און עס וועלען הערשען איבער אייך אייערע האַסער
וְנַסְתֶּם	און איהר וועט לויפען
וְאֵין־רֹדֵף אֶתְכֶם׃	און קיינער וועט אייך יאָגען.
18. וְאִם־עַד־אֵלֶּה	18. און אויב ביי דיזע
לֹא תִשְׁמְעוּ לִי	וועט איהר מיר ניט צוהערען,
וְיָסַפְתִּי	דאַן וועל איך מעהרען
לְיַסְּרָה אֶתְכֶם	אייך צו שטראָפען
שֶׁבַע עַל־חַטֹּאתֵיכֶם׃	זיבען־פאַך אויף אייערע זינדע.
19. וְשָׁבַרְתִּי	19. און איך וועל צובּרעכען
אֶת־גְּאוֹן עֻזְּכֶם	דעם שטאָלץ פון אייער מאַכט,
וְנָתַתִּי אֶת־שְׁמֵיכֶם	און איך וועל מאַכען אייער הימעל
כַּבַּרְזֶל	ווי אייזען
וְאֶת־אַרְצְכֶם	און אייער לאַנד
כַּנְּחֻשָׁה׃	ווי קופער.
20. וְתַם לָרִיק כֹּחֲכֶם	20. און אייער קראַפט וועט זיך ענדיגען [7]אומזאָנסט,
וְלֹא־תִתֵּן אַרְצְכֶם	און אייער לאַנד וועט ניט געבען
אֶת־יְבוּלָהּ	איהר ערטראַג,
וְעֵץ הָאָרֶץ	און דער בוים פון דעם לאַנד
לֹא יִתֵּן פִּרְיוֹ׃	וועט ניט געבען זיין פרוכט.
21. וְאִם־תֵּלְכוּ עִמִּי	21. און אויב איהר וועט (דאָך) גיין מיט מיר
קֶרִי	צו־ווידער,
וְלֹא תֹאבוּ לִשְׁמֹעַ לִי	און איהר וועט מיר ניט וועלען צוהערען,
וְיָסַפְתִּי עֲלֵיכֶם מַכָּה	דאַן וועל איך מעהרען אויף אייך אַ פלאַג
שֶׁבַע כְּחַטֹּאתֵיכֶם׃	זיבען־פאַך נאָך אייערע זינדע.
22. וְהִשְׁלַחְתִּי בָכֶם	22. און איך וועל אַנשיקען אויף אייך
אֶת־חַיַּת הַשָּׂדֶה	דאס חיה פון דעם פעלד,
וְשִׁכְּלָה אֶתְכֶם	און זי וועט אייך קינדער־לאָז מאַכען,
וְהִכְרִיתָה	און זי וועט אויסראָטען
אֶת־בְּהֶמְתְּכֶם	אייער פיה,

1) ווייל עס וועט קיין פלאַטץ זיין פיר ביידע. 2) פערוואַרפען, פעראַבשייען. 3) וואַנדלען. 4) צו די מצרים. 5) אויפגעריכטעט, אויפרעכט, בקומה זקופה (רש״י). 6) מאַכען שמאַכטען. 7) צו ניכטס.

וְהִמְעִיטָה אֶתְכֶם	און זי וועט אייך ווייניגער מאַכען,
וְנָשַׁמּוּ דַּרְכֵיכֶם׃	און אייערע וועגען וועלען פערוויסטעט ווערען.
23. וְאִם־בְּאֵלֶּה	23. און אויב דורך דיזע
לֹא תִוָּסְרוּ לִי	וועט איהר מיר ניט [1]גע־שטראָפט ווערען,
וַהֲלַכְתֶּם עִמִּי קֶרִי׃	און איהר וועט גיין מיט מיר צו־ווידער.
24. וְהָלַכְתִּי אַף־אֲנִי	24. דאַן וועל איך אויך גיין
עִמָּכֶם	מיט אייך
בְּקֶרִי	צו ווידער.
וְהִכֵּיתִי אֶתְכֶם גַּם־אָנִי	און אויך איך וועל אייך שלאָגען
שֶׁבַע עַל־חַטֹּאתֵיכֶם׃	זיבען־פאַך אויף אייערע זינדע.
25. וְהֵבֵאתִי עֲלֵיכֶם	25. און איך וועל ברינגען איבער אייך
חֶרֶב	אַ שווערד
נֹקֶמֶת	וואס נעהמט ראַכע
נְקַם־בְּרִית	די ראַכע פיר דעם בונד,
וְנֶאֱסַפְתֶּם	און איהר וועט אייך פערזאַמלען
אֶל־עָרֵיכֶם	אין אייערע שטעדט,
וְשִׁלַּחְתִּי דֶבֶר	אבער איך וועל שיקען אַ פּעסט
בְּתוֹכְכֶם	צווישען אייך
וְנִתַּתֶּם בְּיַד־אוֹיֵב׃	און איהר וועט געגעבען ווערען אין פיינד'ס האַנד.
26. בְּשִׁבְרִי לָכֶם	26. [6]ווען איך וועל אייך צו־ברעכען
מַטֵּה־לֶחֶם	[2]די ברויט־שטיצע,
וְאָפוּ עֶשֶׂר נָשִׁים	און צעהן פרויען וועלען באַקען
לַחְמְכֶם	אייער ברויט
בְּתַנּוּר אֶחָד	אין איין אויווען,
וְהֵשִׁיבוּ לַחְמְכֶם	און זיי וועלען צוריק־ברייני־גען אייער ברויט
בַּמִּשְׁקָל	מיט דעם געוויכט,
וַאֲכַלְתֶּם	און איהר וועט עסען,
וְלֹא תִשְׂבָּעוּ׃	און איהר וועט ניט זאַט ווערען.
27. וְאִם־בְּזֹאת	27. און אויב דורך דיזעס
לֹא תִשְׁמְעוּ לִי	וועט איהר מיר ניט צוהערען
וַהֲלַכְתֶּם עִמִּי בְּקֶרִי׃	און איהר וועט גיין מיט מיר צו־ווידער.
28. וְהָלַכְתִּי עִמָּכֶם	28. דאַן וועל איך גיין מיט אייך
בַּחֲמַת־קֶרִי	אין צאָרן צו־ווידער,
וְיִסַּרְתִּי אֶתְכֶם אַף־אָנִי	און אויך איך וועל אייך שטראָפען
שֶׁבַע עַל־חַטֹּאתֵיכֶם׃	זיבען פאַך אויף אייערע זינדע.
29. וַאֲכַלְתֶּם	29. און איהר וועט עסען
בְּשַׂר בְּנֵיכֶם	דאס פלייש פון אייערע זיהן,
וּבְשַׂר בְּנֹתֵיכֶם	און דאס פלייש פון אייערע טעכטער
תֹּאכֵלוּ׃	וועט איהר עסען.
30. וְהִשְׁמַדְתִּי	30. און איך וועל אויס־ראָטען
אֶת־בָּמֹתֵיכֶם	אייערע (געטצען) [3]העהען
וְהִכְרַתִּי	און איך וועל פערטילגען
אֶת־חַמָּנֵיכֶם	אייערע זאָנען־בילדער,
וְנָתַתִּי אֶת־פִּגְרֵיכֶם	און איך וועל געבען אייערע טויטע קערפערס
עַל־פִּגְרֵי גִּלּוּלֵיכֶם	אויף די טויטע קערפערס פון אייערע געטצען,
וְגָעֲלָה נַפְשִׁי אֶתְכֶם׃	און מיין זעלע וועט אייך פעראַכטען.
31. וְנָתַתִּי אֶת־עָרֵיכֶם	31. און איך וועל מאַכען אייערע שטעדט
חָרְבָּה	[4]טרימער,
וַהֲשִׁמּוֹתִי	און איך וועל פערוויסטען
אֶת־מִקְדְּשֵׁיכֶם	אייערע הייליגטהימער,
וְלֹא אָרִיחַ	און איך וועל ניט שמעקען
בְּרֵיחַ נִיחֹחֲכֶם׃	[אין] אייער ליבליכען גערוך
32. וַהֲשִׁמֹּתִי אֲנִי	32. און איך וועל פערוויסטען
אֶת־הָאָרֶץ	דאס לאַנד,
וְשָׁמְמוּ עָלֶיהָ	דאס עס וועלען זיך וואונדערן איבער איהר
אֹיְבֵיכֶם	אייערע פיינדע,
הַיֹּשְׁבִים בָּהּ׃	וועלכע וואָהנען אין איהר.
33. וְאֶתְכֶם	33. און אייך
אֱזָרֶה בַגּוֹיִם	וועל איך פערשפרייטען אונטער די פעלקער,
וַהֲרִיקֹתִי אַחֲרֵיכֶם	און איך וועל ארויסציהען הינטער אייך
חָרֶב	(דאס) שווערד,
וְהָיְתָה אַרְצְכֶם	און אייער לאַנד וועט זיין
שְׁמָמָה	אַ וויסטע,
וְעָרֵיכֶם יִהְיוּ חָרְבָּה׃	און אייערע שטעדט וועלען זיין [4]טרימער.
34. אָז תִּרְצֶה הָאָרֶץ	34. דאַן וועט דאס לאַנד בעפרידיגען
אֶת־שַׁבְּתֹתֶיהָ	איהרע רוהע יאָהרען
כֹּל יְמֵי הָשַּׁמָּה	די גאַנצע צייט פון איהר פערוויסטונג,
וְאַתֶּם	[5]ווען איהר וועט זיין
בְּאֶרֶץ אֹיְבֵיכֶם	אין דעם לאַנד פון אייערע פיינדע,
אָז תִּשְׁבַּת הָאָרֶץ	דאַן וועט דאס לאַנד רוהען,

1) געציכטיגט, געבעסערט. 2) ווערטערליך: ברויט־שטאָב. 3) הויכע פלעטצער געמאַכט צום געטצען דינסט.
4) חורבות, רואינען. 5) וועהרענד.

וְהִרְצָת	און זי וועט בעפרידיגען
אֶת־שַׁבְּתֹתֶיהָ׃	איהרע רוהע יאָהרען.
35. כָּל־יְמֵי הָשַּׁמָּה	35. די גאַנצע צייט פון דער פערוויסטונג
תִּשְׁבֹּת	וועט זי רוהען,
אֵת אֲשֶׁר לֹא־שָׁבְתָה	וואס זי האט ניט גערוהט
בְּשַׁבְּתֹתֵיכֶם	אין אייערע רוהע יאָהרען
בְּשִׁבְתְּכֶם עָלֶיהָ׃	ווען איהר האט געוואוינט אויף איהר.
36. וְהַנִּשְׁאָרִים בָּכֶם	36. און די איבריג־געבליבענע אונטער אייך,
וְהֵבֵאתִי מֹרֶךְ	וועל איך ברייננגען [1]שרעק
בִּלְבָבָם	אין זייער הארצען
בְּאַרְצֹת אֹיְבֵיהֶם	אין די לענדער פון זייערע פיינדע,
וְרָדַף אֹתָם	און עס וועט זיי יאָגען
קוֹל עָלֶה נִדָּף	די שטימע פון א פערוועהטען בלאַט,
וְנָסוּ מְנֻסַת־חֶרֶב	און זיי וועלען לויפען ווי מען לויפט פאר דעם שווערט,
וְנָפְלוּ	און זיי וועלען פאַלען
וְאֵין רֹדֵף׃	[2]ווען קיינער וועט זיי ניט יאָגען.
37. וְכָשְׁלוּ	37. און זיי וועלען שטרויכלען
אִישׁ־בְּאָחִיו	איינער איבער דעם אַנדערן,
כְּמִפְּנֵי־חֶרֶב	ווי פאר דעם שווערט,
וְרֹדֵף אָיִן	[2]ווען קיינער יאָגט ניט,
וְלֹא־תִהְיֶה לָכֶם	און איהר וועט ניט האבען
תְּקוּמָה	א בעשטאַנד[3]
לִפְנֵי אֹיְבֵיכֶם׃	פאר אייערע פיינדע.
38. וַאֲבַדְתֶּם	38. און איהר וועט [4]פערלאָרען ווערען
בַּגּוֹיִם	אונטער די פעלקער,
וְאָכְלָה אֶתְכֶם	און עס וועט אייך פערצעהרען
אֶרֶץ אֹיְבֵיכֶם׃	דאס לאַנד פון אייערע פיינדע.
39. וְהַנִּשְׁאָרִים בָּכֶם	39. און די איבריג־געבליבענע אונטער אייך
יִמַּקּוּ בַּעֲוֺנָם	וועלען [5]צוגאַנגען ווערען אין זייער זינד
בְּאַרְצֹת אֹיְבֵיכֶם	אין די לענדער פון אייערע פיינדע
וְאַף בַּעֲוֺנֹת אֲבֹתָם	און אויך דורך די זינד פון זייערע עלטערן,
אִתָּם יִמָּקּוּ׃	מיט זיי וועלען זיי [5]צוגאַנגען ווערען.
40. וְהִתְוַדּוּ אֶת־עֲוֺנָם	40. דאַן וועלען זיי בעקענען זייער זינד
וְאֶת־עֲוֺן אֲבֹתָם	און די זינד פון זייערע עלטערן
בְּמַעֲלָם	אין זייער אונטרייהייט,
אֲשֶׁר מָעֲלוּ־בִי	וואס זיי זיינען אונטריי געוועזען געגען מיר,

וְאַף	און אויך
אֲשֶׁר־הָלְכוּ עִמִּי	וואס זיי זיינען געגאַנגען מיט מיר
בְּקֶרִי׃	צרוּוידער.
41. אַף־אֲנִי אֵלֵךְ עִמָּם	41. אויך איך וועל גיין מיט זיי
בְּקֶרִי	צרוּוידער,
וְהֵבֵאתִי אֹתָם	און איך וועל זיי ברייננגען
בְּאֶרֶץ אֹיְבֵיהֶם	אין דאס לאַנד פון זייערע פיינדע,
אוֹ־אָז יִכָּנַע	דאַן וועט אונטער־טהעניג ווערען
לְבָבָם הֶעָרֵל	זייער [6]אונבעשניטענעס הארץ,
וְאָז יִרְצוּ אֶת־עֲוֺנָם׃	און דאַן וועלען זיי בעפרידיגען (פיר) זייער זינד.
42. וְזָכַרְתִּי	42. אבער איך וועל געדיינקען
אֶת־בְּרִיתִי יַעֲקוֹב	מיין בונד (מיט) יעקב,
וְאַף	און אויך
אֶת־בְּרִיתִי יִצְחָק	מיין בונד (מיט) יצחק,
וְאַף	און אויך
אֶת־בְּרִיתִי אַבְרָהָם	מיין בונד (מיט) אברהם
אֶזְכֹּר	וועל איך געדיינקען,
וְהָאָרֶץ אֶזְכֹּר׃	און דאס לאַנד וועל איך געדיינקען.
43. וְהָאָרֶץ	43. און דאס לאַנד
תֵּעָזֵב מֵהֶם	וועט פערלאָזען ווערען פון זיי,
וְתִרֶץ אֶת־שַׁבְּתֹתֶיהָ	און זי וועט בעפרידיגען איהרע רוהע יאָהרען,
בָּהְשַׁמָּה מֵהֶם	ווען זי וועט פערוויסטעט ווערען פון זיי,
וְהֵם יִרְצוּ אֶת־עֲוֺנָם	און זיי וועלען בעפרידיגען (פיר) זייער זינד,
יַעַן וּבְיַעַן	דאַפיר ווייל
בְּמִשְׁפָּטַי מָאָסוּ	מיינע רעכטע האבען זיי פעראַכטעט,
וְאֶת־חֻקֹּתַי	און מיינע געזעטצע
גָּעֲלָה נַפְשָׁם׃	האט זייער זעלע פעראַכטעט.
44. וְאַף גַּם־זֹאת	44. און אויך דיזעס,
בִּהְיוֹתָם	ווען זיי וועלען זיין
בְּאֶרֶץ אֹיְבֵיהֶם	אין דעם לאַנד פון זייערע פיינדע,
לֹא־מְאַסְתִּים	וועל איך זיי ניט פעראַכטען
וְלֹא־גְעַלְתִּים	און איך וועל זיי ניט [7]פערוואַרפען
לְכַלֹּתָם	זיי צו פערניכטען,
לְהָפֵר בְּרִיתִי אִתָּם	צו צושטערען מיין בונד מיט זיי,
כִּי אֲנִי יְהֹוָה אֱלֹהֵיהֶם	דען איך בין דער עוויגער, זייער גאָט.
45. וְזָכַרְתִּי לָהֶם	45. און איך וועל געדיינקען פון זייערט־וועגען

1) ווייכקייט, פייגהייט. 2) וועהרענד, אָבוואָהל. 3) ד. ה. קרעפטען צו שטעהן. 4) אומקומען. 5) הינ־שווינדען, אומקומען. 6) פערשטאָקטעס, פערווילדעטעס. 7) פעראַכטען.

ברית ראשנים	דעם בונד פון די ערשטע,
אשר הוצאתי־אתם	וואס איך האב זיי אַרויס־געפיהרט
מארץ מצרים	פון דעם לאַנד מצרים
לעיני הגוים	פאר די אויגען פון די פעלקער,
להיות להם לאלהים	צו זיין צו זיי פיר אַ גאט;
אני יהוה :	איך בין דער עוויגער.
46. אלה החקים	46. דיזע זיינען די געזעטצע
והמשפטים	און די רעכטע
והתורת	און די לעהרע,
אשר נתן יהוה	וועלכע דער עוויגער האט געגעבען
בינו	צווישען איהם
ובין בני ישראל	און צווישען די קינדער ישראל,
בהר סיני	אויף דעם בארג סיני
ביד־משה :	דורך משה.

Cap. XXVII. כז

רביעי | רביעי

ששי (כשהן מחוברין)

1. וידבר יי אל־משה	1. און דער עוויגער האט גערעט צו משה,
לאמר :	זאגענדיג:
2. דבר	2. רייד
אל־בני ישראל	צו די קינדער ישראל,
ואמרת אלהם	און דו זאלסט זאגען צו זיי:
איש כי יפליא נדר	ווען אַ מאַן וועט מאַכען אַ בעזאָנדערען צוזאָג
בערכך נפשת	אין דיין שאַטצונג פון פערזאָנען[1]
ליהוה :	צום עוויגען (צו וויהען).
3. והיה ערכך	3. דאַן זאל זיין דיין שאַטצונג
הזכר	פון אַ מענליכע (פערזאָן)
מבן עשרים שנה	פון צוואַנציג יאָהר אַלט
ועד בן־ששים שנה	ביז זעכציג יאָהר אַלט,
והיה ערכך	דאַן זאל זיין דיין שאַטצונג
חמשים שקל כסף	פופציג שקל זילבער
בשקל הקדש :	נאך דעם שקל פון דעם הייליגטהום.
4. ואם־נקבה הוא	4. און אויב עס איז אַ ווייבליכע (פערזאָן),
והיה ערכך	דאַן זאל זיין דיין שאַטצונג
שלשים שקל :	דרייסיג שקל.
5. ואם	5. און אויב
מבן־חמש שנים	פון פינף יאָהר אַלט
ועד בן־עשרים שנה	ביז צוואַנציג יאָהר אַלט.
והיה ערכך הזכר	דאַן זאל זיין דיין שאַטצונג פון אַ מענליכע (פערזאָן)
עשרים שקלים	צוואַנציג שקל,
ולנקבה	און פיר אַ ווייבליכע (פערזאָן)
עשרת שקלים :	צעהן שקל.
6. ואם מבן־חדש	6. און אויב פון אַ מאָנאַט אַלט
ועד בן־חמש שנים	ביז פינף יאָהר אַלט,
והיה ערכך הזכר	דאַן זאל זיין דיין שאַטצונג פון אַ מענליכע (פערזאָן)
חמשה שקלים כסף	פינף שקל זילבער.
ולנקבה ערכך	און פיר אַ ווייבליכע פערזאָן (זאל זיין) דיין שאַטצונג:
שלשת שקלים כסף	דריי שקל זילבער
7. ואם	7. און אויב
מבן־ששים שנה	פון זעכציג יאָהר אַלט
ומעלה	און העכער.
אם־זכר	אויב אַ מענליכע (פערזאָן)
והיה ערכך	דאַן זאל זיין דיין שאַטצונג
חמשה עשר שקל	פופצעהן שקל,
ולנקבה	און פיר אַ ווייבליכע (פערזאָן)
עשרה שקלים :	צעהן שקל.
8. ואם־מך הוא	8. אבער אויב ער איז אַרמער
מערכך	אַלס דיין שאַטצונג,[2]
והעמידו	דאַן זאל מען איהם שטעלען
לפני הכהן	פאר דעם פריסטער,
והעריך אתו הכהן	און דער פריסטער זאל איהם אָבשאַטצען;
על־פי אשר תשיג	לויט ווי עס וועט גרייכען
יד הנדר	די האַנד פון דעם צוזאָגער,
יעריכנו הכהן :	זאל איהם דער פריסטער אָבשאַטצען.
9. ואם־בהמה	9. און אויב פיה,
אשר יקריבו ממנה	וואס מען קען אָפּפערן דאַפון
קרבן ליהוה	איין אָפּפער צום עוויגען,
כל אשר יתן ממנו	אַלעס, וואס ער וועט געבען דאַפון
ליהוה	צום עוויגען
יהיה־קדש :	זאל זיין הייליג.
10. לא יחליפנו	10. ער זאל עס ניט פערוועקסלען,
ולא־ימיר אתו	און ער זאל עס ניט אויס־בייטען

1) היער ווערט גערעדט וועגען א נדר פון פערזאָנען, פיה, הייזער און פעלדער, וועלכע מען דארף שאַטצען און דעם ווערטה דאַפון אָבגעבען צום הייליגטהום. 2) ד.ה. ווען ער האט ניט צו בעצאהלען וויפיל די זאך איז ווערטה.

טוב ברע	א גוטע אויף א שלעכטע,
או־רע בטוב	אדער א שלעכטע אויף א גוטע,
ואם־המר ימיר	און אויב ער וועט אויסבייטען
בהמה בבהמה	פיה אויף פיה,
והיה־הוא ותמורתו	דאן זאל עס געשעהן, דאס ער און זיין אויסבייטונג
יהיה־קדש:	זאל זיין הייליג.
11. ואם	11. און אויב
כל־בהמה טמאה	אירגענד איין אונרייגעס פיה,
אשר לא־יקריבו ממנה	וואס מען קען ניט אפפערן דאפון
קרבן ליהוה	איין אפפער צום עוויגען,
והעמיד	דאן זאל מען שטעלען
את־הבהמה	דאס פיה
לפני הכהן:	פאר דעם פריסטער.
12. והעריך הכהן אתה	12. און דער פריסטער זאל עס אבשאצען,
בין טוב ובין רע	סיי גוט און סיי שלעכט,
כערכך הכהן	נאך [1]די שאטצונג פון דעם פריסטער
כן יהיה:	אזוי זאל עס זיין.
13. ואם־גאל יגאלנה	13. און אויב ער וועט עס אויסלייזען,
ויסף חמישתו	דאן זאל ער צולייגען א פינפטעל דאפון
על־ערכך:	צו דיין שאטצונג.
14. ואיש	14. און א מאן,
כי־יקדש את־ביתו	ווען ער וועט הייליגען זיין הויז
קדש ליהוה	(אלס) הייליגטהום צום עוויגען,
והעריכו הכהן	דאן זאל עס דער פריסטער אבשאצען,
בין טוב ובין רע	סיי גוט און סיי שלעכט,
כאשר יעריך אתו הכהן	ווי דער פריסטער וועט עס אבשאצען,
כן יקום:	אזוי זאל עס בלייבען.
15. ואם־המקדיש	15. און אויב דער, וואס הייליגט,
יגאל את־ביתו	וועט אויסלייזען זיין הויז,
ויסף	דאן זאל ער צולייגען
חמישית כסף־ערכך	א פינפטעל פון דעם געלד פון דיין שאטצונג
עליו	צו איהם,
והיה לו:	און עס זאל געהערען צו איהם.

חמישי (שביעי)	חמישי
16. ואם משדה אחזתו	16. און אויב פון דעם פעלד פון זיין אייגענטהום
יקדיש איש ליהוה	וועט א מאן הייליגען צום עוויגען,
והיה ערכך	דאן זאל זיין דיין שאטצונג
לפי זרעו	נאך זיין אויסזאאט,
זרע חמר שערים	דער אויסזאאט פון א [2]חומר גערשטען
בחמשים שקל כסף:	פיר פופציג שקל זילבער.[3]
17. אם־משנת היבל	17. אויב פון דעם יובל [4]יאהר
יקדיש שדהו	וועט ער הייליגען זיין פעלד,
כערכך יקום:	זאל עס בלייבען ווי דיין שאטצונג.[5]
18. ואם־אחר היבל	18. אבער אויב נאך יובל
יקדיש שדהו	וועט ער הייליגען זיין פעלד,
וחשב־לו הכהן	דאן זאל איהם דער פריסטער בערעכנען
את־הכסף	דאס געלד
על־פי השנים	נאך די יאהרען,
הנותרת	וועלכע זיינען איבריג־געבליבען
עד שנת היבל	ביז דעם יובל יאהר,
ונגרע מערכך:	און עס זאל [6]געמינדערט ווערען פון דיין שאטצונג.
19. ואם־גאל יגאל	19. און אויב עס וועט אויסלייזען
את־השדה	דאס פעלד
המקדיש אתו	דער, וואס הייליגט עס,
ויסף	דאן זאל ער צולייגען
חמשית כסף־ערכך	א פינפטעל פון דעם געלד פון דיין שאטצונג
עליו	צו איהם,
וקם לו:	און עס זאל בלייבען ביי איהם.[7]
20. ואם־לא יגאל	20. אבער אויב ער וועט ניט אויסלייזען
את־השדה	דאס פעלד,
ואם־מכר	און אויב מען האט פערקויפט[8]
את־השדה	דאס פעלד
לאיש אחר	צו איין אנדער מאן,
לא־יגאל עוד:	קען עס מעהר ניט אויס־געלייזט ווערען.
21. והיה השדה	21. און דאס פעלד זאל זיין,
בצאתו ביבל	ווען עס גייט ארויס אים יובל
קדש ליהוה	הייליג צום עוויגען,
כשדה החרם	ווי דאס פעלד פון דער [9]פערבאנונג,
לכהן תהיה אחזתו:	צום פריסטער זאל געהע־רען זיין אייגענטהום.

1) זעה רש״י פ׳ 2. 2) א געוויסע מאאס. 3) פיר א יובל יאהרען. 4) ד. ה. גלייך נאך יובל. 5) 50 שקל. 6) אבגערעכענט, אבגעצויגען. 7) נאך יובל אויך. 8) דער גזבר של הקדש. 9) פערשווארענע, געהייליגטע.

שִׁשִּׁי 22. וְאִם	22. און אויב
אֶת־שְׂדֵה מִקְנָתוֹ	זיין געקויפטעס פעלד,
אֲשֶׁר לֹא	וואס איז ניט
מִשְּׂדֵה אֲחֻזָּתוֹ	פון דעם פעלד פון זיין אייגענטהום.
יַקְדִּישׁ לַיהוָה׃	וועט ער הייליגען צום עוויגען.
23. וְחִשַּׁב־לוֹ הַכֹּהֵן	23. דאַן זאל דער פריסטער איהם בערעכנען
אֵת מִכְסַת הָעֶרְכְּךָ	די סומע פון [1]דער שאַטצונג
עַד שְׁנַת הַיֹּבֵל	ביז דעם יובל יאָהר,
וְנָתַן אֶת־הָעֶרְכְּךָ	און ער זאל געבען [1]די שאַטצונג
בַּיּוֹם הַהוּא	אין דעם זעלבען טאג
קֹדֶשׁ לַיהוָה׃	(אלס) הייליגטהום צום עוויגען.
24. בִּשְׁנַת הַיּוֹבֵל	24. אים יובל יאָהר
יָשׁוּב הַשָּׂדֶה	זאל דאס פעלד צוריק־קעהרען
לַאֲשֶׁר קָנָהוּ מֵאִתּוֹ	צו דעם, וואס ער האט געקויפט פון איהם,
לַאֲשֶׁר־לוֹ	צו דעם, וואס עס געהערט
אֲחֻזַּת הָאָרֶץ׃	(אלס) לאַנד־אייגענטהום.
25. וְכָל־עֶרְכְּךָ יִהְיֶה	25. און דיין יעדע שאַטצונג זאל זיין
בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ	נאך דעם שקל פון דעם הייליגטהום,
עֶשְׂרִים גֵּרָה	צוואנציג גרה
יִהְיֶה הַשָּׁקֶל׃	זאל זיין דער שקל.
26. אַךְ־בְּכוֹר	26. [2]נור איין ערשט־געבאָרענער,
אֲשֶׁר יְבֻכַּר לַיהוָה	וואס געהערט צום עוויגען אלס ערשט־געבורט
בִּבְהֵמָה	אונטער פיה,
לֹא־יַקְדִּישׁ אִישׁ אֹתוֹ	זאל עס קיין מאַן ניט הייליגען,[3]
אִם־שׁוֹר אִם־שֶׂה	סיי איין אָקס סיי א לאַם
לַיהוָה הוּא׃	געהערט עס צום עוויגען.[4]
27. וְאִם	27. און אויב
בַּבְּהֵמָה הַטְּמֵאָה	פון אונרייגע פיה,[5]
וּפָדָה בְעֶרְכֶּךָ	דאַן זאל ער אויסלייזען נאך דיין שאַטצונג,
וְיָסַף חֲמִשִׁתוֹ עָלָיו	און ער זאל צולייגען א פינפטעל דאַפון דאַצו,
וְאִם־לֹא יִגָּאֵל	און אויב עס וועט ניט אויסגעלייזט ווערען,
וְנִמְכַּר בְּעֶרְכֶּךָ׃	דאַן זאל עס פערקויפט ווערען נאך דיין שאַטצונג.
28. אַךְ כָּל־חֵרֶם	28. [2]נור יעדעס פערבאַנטע,
אֲשֶׁר יַחֲרִם אִישׁ לַיי	וואס א מאַן וועט [6]הייליגען צום עוויגען
מִכָּל־אֲשֶׁר־לוֹ	פון אלעס, וואס געהערט צו איהם,
מֵאָדָם וּבְהֵמָה	פון מענשען אדער פיה,

וּמִשְּׂדֵה אֲחֻזָּתוֹ	אדער פון דעם פעלד פון זיין אייגענטהום,
לֹא יִמָּכֵר	זאל עס ניט פערקויפט ווערען,
וְלֹא יִגָּאֵל	און עס זאל ניט אויסגעלייזט ווערען;
כָּל־חֵרֶם	יעדעס פערבאַנטע
קֹדֶשׁ־קָדָשִׁים הוּא	איז אַלער־הייליגסט
לַיהוָה׃ שְׁבִיעִי	צום עוויגען.
29. כָּל־חֵרֶם	29. יעדעס פערבאַנטע,
אֲשֶׁר יָחֳרַם	וואס וועט געהייליגט ווערען
מִן־הָאָדָם	פון דעם מענשען,[7]
לֹא יִפָּדֶה	זאל ניט אויסגעלייזט ווערען;
מוֹת יוּמָת׃	ער מוז געטויטעט ווערען.
30. וְכָל־מַעְשַׂר הָאָרֶץ	30. און יעדעס צעהנטע פון דעם לאַנד,
מִזֶּרַע הָאָרֶץ	פון דעם זאַמען פון דעם לאַנד,
מִפְּרִי הָעֵץ	פון דער פרוכט פון דעם בוים
לַיהוָה הוּא	געהערט עס צום עוויגען,
קֹדֶשׁ לַיהוָה׃	עס איז הייליג צום עוויגען.
31. וְאִם־גָּאֹל יִגְאַל אִישׁ	31. און אויב א מאַן וועט אויסלייזען
מִמַּעַשְׂרוֹ	פון זיינע צעהנטען,
חֲמִשִׁיתוֹ יֹסֵף עָלָיו׃	זאל ער צולייגען א פינפטעל דאַפון.
32. וְכָל־מַעְשַׂר	32. און יעדעס צעהנטע
בָּקָר וָצֹאן	פון רינדער און שאָף,
כֹּל אֲשֶׁר־יַעֲבֹר	יעדעס, וואס וועט דורכגיין
תַּחַת הַשָּׁבֶט	אונטער דעם רוט,[8]
הָעֲשִׂירִי	דאס צעהנטע
יִהְיֶה־קֹּדֶשׁ לַיהוָה׃	זאל זיין הייליג צום עוויגען.
33. לֹא יְבַקֵּר	33. מען זאל ניט אונטער־זוכען
בֵּין־טוֹב לָרַע	צווישען גוט און שלעכט,
וְלֹא יְמִירֶנּוּ	און מען זאל עס ניט אויס־בייטען
וְאִם־הָמֵר יְמִירֶנּוּ	און אויב מען וועט עס אויסבייטען,
וְהָיָה־הוּא וּתְמוּרָתוֹ	דאַן זאל געשעהן, דאס ער און זיין אויסבייטונג
יִהְיֶה־קֹּדֶשׁ	זאל זיין הייליג,
לֹא יִגָּאֵל׃	עס קען ניט אויסגעלייזט ווערען.
34. אֵלֶּה הַמִּצְוֹת	34. דיזע זיינען די געבאָטען,
אֲשֶׁר צִוָּה יי אֶת־מֹשֶׁה	וועלכע דער עוויגער האט בעפוילען משה
אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	צו די קינדער ישראל
בְּהַר סִינָי׃	אויף דעם בארג סיני.

חזק

1) זעה באור. 2) אבער, יעדאָך 3) פיר איין אנדער קרבן. 4) אָהן זיין הייליגונג. 5) זעה רש"י און באור. 6) פערבאַנען, ווייהען. 7) זעה רש"י און במדבר 35 פ' 31. 8) מען פלעגט דורכלאַזען אלע פיה דורך א טהיר איינציגווייז און די צעהנטע איז בעצייכענט געווארען מיט א געפארבטען רוטה אלס מעשר.

מאגילניצקי׳ס

ליניען

סקול חומש

— אדער —

עוזר המורה והתלמיד

(דעם לעהרער׳ס און שילער׳ס געהילפע)

איין גאנץ נייע אונד לייכטע מעטהאדע

צו אונטערריכטען גאנץ חומש, אהן ענדערונג אדער אבקירצונג, מיט גרויס ערפאלג
מיט דער הילפע פון א נייע „ליניען־סיסטעם״

פיר סקולס, חדרים, תלמוד תורה׳ס און זעלבסט־אונטערריכט

— פון —

יוסף בן יהודה מאגילניצקי

פרינציפאל־לעהרער פון מאגילניצקי׳ס „בְּנֵי צִיוֹן סְקוּל״, 708 סויטה 5טע סט., פילאדעלפיא, פא.
(פארמאלס לעהרער פיר העברעע העבּרעאישע אונטערריכט אין די היברו עדיוקיישען סאסייטי׳ס סקול)

ספר במדבר

4טע פערבעסערטע אויפלאגע.

— פערלאג און דרוק פון —

יוסף מאגיל, 708 סויטה 5טע סטריט,

פילאדעלפיא, פא.

תרס״ג

וויא לערנט מען דעם עוזר המורה והתלמיד?

גיט יעדען שילער א קאַרטעל אָדער א גלייכע שטיקעל פּאַפּיר. הייסט זיי דאַמיט פערדעקען די איבערזעצונג בלויז ביז די שורה, וועלכע זיי געהן לערנען. הייסט זיי לעזען די שורה חומש און די איבערזעטצונג דאַרויף זעהר לאַנגזאַם און פּאָרזיכטיג ביז זיי זיינען אימשטאַנדע די איבערזעצונג צו זאָגען אויסווייניג. דאַן זאָלען זיי ארויפרוקען די קאַרטעל אום צו פערדעקען די איבערזעצונג און זאָלען 1 מאָל לעזען די שורה חומש און איבערזעצען אויסווייניג. דאַן זאָלען זיי אַראָברוקען די קאַרטעל און איבערלעזען די איבערזעצונג אינעווייניג אום זיך צו איבערצייגען אויב זיי האבען ריכטיג איבערזעצט. ווען זיי געפינען אויס, אז זיי האבען ריכטיג איבערזעצט, דאַרפען זיי אייניגע מאָל איינאיבען די שורה אום צו געדיינקען און דאַרפען דאַן לערנען די צווייטע און דריטע שורה אויף דעם זעלבען אַרט. ווען זיי לערנען אָב אַ פסוק אָדער אַ האַלבען, דאַרפען זיי גיין ווידערהאָלען דעם פסוק, דאס הייסט, זיי דאַרפען פערדעקען די איבערזעצונג און לעזען יעדע שורה בעזונדער און איבערזעצען אויסווייניג. אָבער זיי דאַרפען ניט אוועג־געהן פון א שורה ביז זיי רוקען ניט אראָב די קאַרטעל אום נאכדעם צו לעזען די איבערזעצונג אינעווייניג און צו וויסען אויף זיכער אויב זיי האבען ריכטיג איבערזעצט אָדער ניט.

שמות הטעמים

פַּשְׁטָא מֻנַּח זַרְקָא מֻנַּח סֶגּוֹל מֻנַּח | מֻנַּח רְבִיעִי
מַהְפַּךְ פַּשְׁטָא זָקֵף־קָטֹן זָקֵף־גָּדוֹל מֵרְכָא טִפְּחָא
מֻנַּח אֶתְנַחְתָּא פָּזֵר תְּלִישָׁא־קְטַנָּה תְּלִישָׁא־גְדוֹלָה
קַדְמָא וְאַזְלָא אַזְלָא־גֵרֵשׁ גֵּרְשַׁיִם דַּרְגָּא תְּבִיר יְתִיב
פְּסִיק | סוֹף־פָּסוּק שַׁלְשֶׁלֶת קַרְנֵי־פָרָה מֵרְכָא־כְפוּלָה
יָרֵחַ־בֶּן־יוֹמוֹ׃

דיזע חומשים זיינען צו בעקומען ביי אַלע מוכרי ספרים. הויפּט פערקויף פיר אַלע לענדער ביים איבערזעצער:

J. Magil, 708 S. 5th St. Philadelphia, America.

הויפּט פערקויף אין רוסלאַנד ביי:

Ш. Лесемъ, Вильна. М. Стефановская ул. Д. Городища.
Sh. Lessem, Wilna, M-Stefanofska Strasse. Haus Gorodisca.

סֵפֶר בְּמִדְבָּר

NUMERI.

CAPUT. I. א

1. וַיְדַבֵּר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	1. און דער עוויגער האט גערעט צו משה
בְּמִדְבַּר סִינַי	אין דער וויסטע סיני,
בְּאֹהֶל מוֹעֵד	אין דעם פערזאַמלונגס געצעלט,
בְּאֶחָד	אין דעם ערשטען (טאָג)
לַחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי	פון דעם צווייטען מאָנאַט
בַּשָּׁנָה הַשֵּׁנִית	אין דעם צווייטען יאָהר
לְצֵאתָם	נאך זייער אַרויסגאַנג
מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם	פון דאס לאַנד מצרים
לֵאמֹר :	זאָגענדיג:
2. שְׂאוּ	2. נעהמט אויף
אֶת־רֹאשׁ	די קאָפּ־(צאַהל)
כָּל־עֲדַת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל	פון די גאַנצע געמיינדע פון די קינדער ישראל
לְמִשְׁפְּחֹתָם	נאך זייערע פאַמיליען,
לְבֵית אֲבֹתָם	נאך זייערע [1]פעטערליכע הייזער,
בְּמִסְפַּר שֵׁמוֹת	[2]מיט דער צאָהל פון זייערע נעמען,
כָּל־זָכָר	יעדען מענליכען,
לְגֻלְגְּלֹתָם :	נאך זייערע קעפּ.
3. מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה	3. פון צוואַנציג יאָהר אַלט
וָמַעְלָה	און העכער,
כָּל־יֹצֵא צָבָא	יעדער, (וואס) גייט אַרויס (אים) [3]העער
בְּיִשְׂרָאֵל	אין ישראל,
תִּפְקְדוּ אֹתָם	זאָלט איהר זיי ציילען
לְצִבְאֹתָם	נאך זייערע העערען,
אַתָּה וְאַהֲרֹן :	דו און אהרן.
4. וְאִתְּכֶם יִהְיוּ	4. און מיט אייך זאלען זיין[4]
אִישׁ אִישׁ לַמַּטֶּה	צו איין מאַן פון'ם שטאַם,

אִישׁ רֹאשׁ לְבֵית אֲבֹתָיו הוּא :	אַ מאַן (וואס) איז דער הויפּט פון זיינע פעטערליכע הייזער
5. וְאֵלֶּה	5. און דיזע זיינען
שְׁמוֹת הָאֲנָשִׁים	די נעמען פון די מענער,
אֲשֶׁר יַעַמְדוּ אִתְּכֶם	וועלכע זאלען אייך ביישטיין
לִרְאוּבֵן	פיר דעם (שטאַם) ראובן
אֱלִיצוּר בֶּן־שְׁדֵיאוּר :	אליצור, דער זוהן פון שדיאור.
6. לְשִׁמְעוֹן	6. פיר שמעון
שְׁלֻמִיאֵל בֶּן־צוּרִישַׁדָּי :	שלומיאל, דער זוהן פון צורישדי.
7. לִיהוּדָה	7. פיר יהודה
נַחְשׁוֹן בֶּן־עַמִּינָדָב :	נחשון, דער זוהן פון עמינדב
8. לְיִשָּׂשכָר	8. פיר ישכר
נְתַנְאֵל בֶּן־צוּעָר :	נתנאל, דער זוהן פון צוער.
9. לִזְבוּלֻן	9. פיר זבולון
אֱלִיאָב בֶּן־חֵלֹן :	אליאב, דער זוהן פון חלון.
10. לִבְנֵי יוֹסֵף	10. פיר די זיהן פון יוסף:
לְאֶפְרַיִם	פיר אפרים
אֱלִישָׁמָע בֶּן־עַמִּיהוּד	אלישמע, דער זוהן פון עמיהוד,
לִמְנַשֶּׁה	פיר מנשה,
גַּמְלִיאֵל בֶּן־פְּדָהצוּר :	גמליאל, דער זוהן פון פדהצור.
11. לְבִנְיָמִן	11. פיר בנימין
אֲבִידָן בֶּן־גִּדְעֹנִי :	אבידן, דער זוהן פון גדעוני
12. לְדָן	12. פיר דן
אֲחִיעֶזֶר בֶּן־עַמִּישַׁדָּי :	אחיעזר, דער זוהן פון עמישדי.
13. לְאָשֵׁר	13. פיר אשר

1) פאַמיליען הייזער. 2) נאך. 3) קריגס־העער. 4) צום העלפען צעהלען,

פַּגְעִיאֵל בֶּן־עָכְרָן׃	פגעיאל, דער זוהן פון עכרן
14. לְגָד	14. פיר גד
אֶלְיָסָף בֶּן־דְּעוּאֵל׃	אליסף, דער זוהן פון דעואל
15. לְנַפְתָּלִי	15. פיר נפתלי
אֲחִירַע בֶּן־עֵינָן	אחירע, דער זוהן פון עינן.
16. אֵלֶּה	16. דיזע זיינען
קְרִיאֵי קרואי ק׳ הָעֵדָה	די בערופענע פון דער געמיינדע,
נְשִׂיאֵי מַטּוֹת אֲבוֹתָם	די פירשטען פון זייערע פעטערליכע שטאַמען,
רָאשֵׁי	די הייפטער
אַלְפֵי יִשְׂרָאֵל	פון די טויזענדען פון ישראל
הֵם׃	(זיינען) זיי.
17. וַיִּקַּח מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן	17. און משה און אהרן האבען גענומען
אֵת הָאֲנָשִׁים הָאֵלֶּה	דיזע מענער
אֲשֶׁר נִקְּבוּ בְּשֵׁמוֹת׃	וועלכע זיינען בעשטימט געוואָרען מיט (די) נעמען
18. וְאֵת כָּל־הָעֵדָה	18. און די גאַנצע געמיינדע
הִקְהִילוּ	האבען זיי פערזאַמעלט
בְּאֶחָד	אין דעם ערשטען (טאג)
לַחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי	פון דעם צווייטען מאָנאַט,
וַיִּתְיַלְדוּ	און זיי האבען אָנגעגעבען זייער געבורט
עַל־מִשְׁפְּחֹתָם	אויף זייערע פאַמיליען
לְבֵית אֲבֹתָם	נאך זייערע פעטערליכע הייזער
בְּמִסְפַּר שֵׁמוֹת	מיט דער צאָהל פון (די) נעמען
מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה	פון צוואַנציג יאהר אַלט
וָמָעְלָה	און העכער
לְגֻלְגְּלֹתָם׃	נאך זייערע קעפּ.
19. כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה	19. ווי דער עוויגער האט בעפוילען משה,
וַיִּפְקְדֵם	און ער האט זיי געציילט
בְּמִדְבַּר סִינָי׃	אין דער וויסטע סיני.
שֵׁנִי	שֵׁנִי
20. וַיִּהְיוּ בְנֵי רְאוּבֵן	20. און עס זיינען געוועזען די קינדער פון ראובן
בְּכֹר יִשְׂרָאֵל	דער ערשט-געבאָרענער פון ישראל
תּוֹלְדֹתָם לְמִשְׁפְּחֹתָם	זייערע געבורטען נאך זייערע פאַמיליען,
לְבֵית אֲבֹתָם	נאך זייערע פעטערליכע הייזער,
בְּמִסְפַּר שֵׁמוֹת	מיט דער צאָהל פון (די) נעמען
לְגֻלְגְּלֹתָם	נאך זייערע קעפּ.

כָּל־זָכָר	יעדער מענליכער
מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה	פון צוואַנציג יאהר אַלט
וָמָעְלָה	און העכער,
כֹּל יֹצֵא צָבָא׃	יעדער (וואס) גייט אַרויס (אים) הער.
21. פְּקֻדֵיהֶם	21. זייערע געציילטע
לְמַטֵּה רְאוּבֵן	פון דעם שטאַם ראובן
שִׁשָּׁה וְאַרְבָּעִים אֶלֶף	(זיינען געוועזען) זעקס און פערציג טויזענד
וַחֲמֵשׁ מֵאוֹת׃	און פינף הונדערט.
22. לִבְנֵי שִׁמְעוֹן	22. פון די זיהן פון שמעון,
תּוֹלְדֹתָם לְמִשְׁפְּחֹתָם	זייערע געבורטען נאך זייערע פאַמיליען,
לְבֵית אֲבֹתָם	נאך זייערע פעטערליכע הייזער,
פְּקֻדָיו	זיינע געציילטע
בְּמִסְפַּר שֵׁמוֹת	מיט דער צאָהל פון (די) נעמען,
לְגֻלְגְּלֹתָם	נאך זייערע קעפּ,
כָּל־זָכָר	יעדער מענליכער
מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה	פון צוואַנציג יאהר אַלט
וָמָעְלָה	און העכער,
כֹּל יֹצֵא צָבָא׃	יעדער (וואס) גייט אַרום (אים) הער.
23. פְּקֻדֵיהֶם	23. זייערע געציילטע
לְמַטֵּה שִׁמְעוֹן	פון דעם שטאַם שמעון
תִּשְׁעָה וַחֲמִשִּׁים אֶלֶף	ניין און פופציג טויזענד
וּשְׁלֹשׁ מֵאוֹת׃	און דריי הונדערט.
24. לִבְנֵי גָד	24. פון די זיהן פון גד
תּוֹלְדֹתָם לְמִשְׁפְּחֹתָם	זייערע געבורטען נאך זייערע פאַמיליען,
לְבֵית אֲבֹתָם	נאך זייערע פעטערליכע הייזער,
בְּמִסְפַּר שֵׁמוֹת	מיט דער צאָהל פון (די) נעמען,
מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה	פון צוואַנציג יאָהר אַלט
וָמָעְלָה	און העכער.
כֹּל יֹצֵא צָבָא׃	יעדער (וואס) גייט אַרויס (אים) הער.
25. פְּקֻדֵיהֶם	25. זייערע געציילטע
לְמַטֵּה גָד	פון דעם שטאַם גד,
חֲמִשָּׁה וְאַרְבָּעִים אֶלֶף	פינף און פערציג טויזענד
וְשֵׁשׁ מֵאוֹת וַחֲמִשִּׁים	און זעקס הונדערט און פופציג.
26. לִבְנֵי יְהוּדָה	26. פון די זיהן פון יהודה
תּוֹלְדֹתָם לְמִשְׁפְּחֹתָם	זייערע געבורטען נאך זייערע פאַמיליען.

1) גענאַנט. 2) געשלעכטס-פאָלגע, געשלעכטס-רעגיסטער.

לְבֵית אֲבֹתָם	נאך זייערע פעטערליכע הייזער,
בְּמִסְפַּר שֵׁמֹת	מיט דער צאהל פון (די) נעמען,
אֵשׁ יְהוָה	אַ פייער פון דעם עוויגען,
וַתֹּאכַל	און עס האט פערצעהרט
בִּקְצֵה הַמַּחֲנֶה׃	אַם ענדע פון דעם לאַגער.[7]
2. וַיִּצְעַק הָעָם	2. דאַן האט דאס פאלק געשריען
אֶל־מֹשֶׁה	צו משה,
וַיִּתְפַּלֵּל מֹשֶׁה	און משה האט געבעטען
אֶל־יְהוָה	צום עוויגען,
וַתִּשְׁקַע הָאֵשׁ׃	און דאס פייער איז [8]פערזונקען געווארען.
3. וַיִּקְרָא	3. און מען האט גערופען
שֵׁם־הַמָּקוֹם הַהוּא	דעם נאמען פון יענעם אָרט
תַּבְעֵרָה	תבערה,
כִּי־בָעֲרָה בָם	דען עס האט געברענט אונטער זיי
אֵשׁ יְהוָה׃	דאס פייער פון דעם עוויגען.
4. וְהָאסַפְסֻף	4. און דאס [9]צוזאַמען־געלאָפענע פאָלק,
אֲשֶׁר בְּקִרְבּוֹ	וואס איז געווען אונטער איהם
הִתְאַוּוּ תַּאֲוָה	האבען געהאַט פערשידענע לוסטען,
וַיָּשֻׁבוּ וַיִּבְכּוּ	און עס האבען ווידער געוויינט
גַּם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	אויך די קינדער ישראל,
וַיֹּאמְרוּ	און זיי האבען געזאגט:
מִי יַאֲכִלֵנוּ בָּשָׂר׃	ווער וועט אונז געבען עסען פלייש?
5. זָכַרְנוּ אֶת־הַדָּגָה	5. מיר גערדיינקען די פיש,
אֲשֶׁר־נֹאכַל בְּמִצְרַיִם	וועלכע מיר פלעגען עסען אין מצרים
חִנָּם	אומזאָנסט,
אֵת הַקִּשֻּׁאִים	די [10]אוגערקעס
וְאֵת הָאֲבַטִּחִים	און די מעלאָנען
וְאֶת־הֶחָצִיר	און די [11]קרויט
וְאֶת־הַבְּצָלִים	און די [12]צוויבעל

1) די לאַגער־פלעצער. וואו מיר דארפען לאַגערן. 2) דער באַרג סיני. 3) אויסצוגעפינען. 4) קעהר צוריק. 5) מענגע, צעהן־טויזענדער. 6) ביטער. 7) זעה רש״י, באור און פיליפזאהן׳ס קאָמענטאַר. 8) פערשוואונדען. 9) געזינדעל, פרעמדען־געזינדעל, לומפען־פאָלק, געמישטעס־פאָלק. 10) קירבים. 11) לויך. 12) ציבעלעס.

וְאֶת־הַשּׁוּמִים :	און די קנאָבעל.
6. וְעַתָּה	6. אָבער יעצט
נַפְשֵׁנוּ יְבֵשָׁה	איז אונזער זעלע טרוקען,
אֵין כֹּל	ניכטס איז דאָ.
בִּלְתִּי	זאָנדערן
אֶל־הַמָּן עֵינֵינוּ :	צום מָן זיינען אונזערע אויגען (געריכטעט).
7. וְהַמָּן	7. און דער מָן
כִּזְרַע־גַּד הוּא	איז געוועזען ווי ווייסע קאָריאַנדער זאָמען,
וְעֵינוֹ	און זיין אויסזעהן (איז געוועזען)
כְּעֵין הַבְּדֹלַח :	ווי דאס אויסזעהן פון קריסטאַל.[1]
8. שָׁטוּ הָעָם	8. דאס פאָלק איז [2]ארומגעגאַנגען,
וְלָקְטוּ	און זיי האָבען געקליבען,
וְטָחֲנוּ בָרֵחַיִם	און זיי האָבען (עס) געמאָלען אין דער האַנד־מיהל,
אוֹ דָכוּ בַּמְּדֹכָה	אדער זיי האָבען (עס) צו־שטויסען אין דער־[3]שטייסעל,
וּבִשְּׁלוּ בַּפָּרוּר	און זיי האָבען (עס) געקאָכט אים טאָפּ,
וְעָשׂוּ אֹתוֹ עֻגוֹת	און זיי האָבען דאָפון געמאַכט קיכענס.
וְהָיָה טַעְמוֹ	און זיין געשמאַק איז געוועזען
כְּטַעַם לְשַׁד הַשָּׁמֶן :	ווי דער געשמאַק פון [4]אייל־זאַפט.
9. וּבְרֶדֶת הַטַּל	9. און ווען דער טהוי פלעגט אַרונטער־[5]גיין
עַל־הַמַּחֲנֶה	אויף דעם לאַגער
לָיְלָה	ביי נאַכט.
יֵרֵד הַמָּן עָלָיו :	פלעגט דער מָן אַרונטער־[5]גיין אויף איהם.
10. וַיִּשְׁמַע מֹשֶׁה	10. און משה האט געהערט
אֶת הָעָם	דאס פאָלק
בֹּכֶה לְמִשְׁפְּחֹתָיו	וויינט נאָך זיינע פאַמיליען,
אִישׁ לְפֶתַח אָהֳלוֹ	יעדער ביים איינגאַנג פון זיין געצעלט.
וַיִּחַר־אַף יְהוָֹה מְאֹד	דאַן האט זעהר געברענט דעם עוויגען'ס צאָרן,
וּבְעֵינֵי מֹשֶׁה רָע :	און אין משה'ס אויגען איז עס געוועזען שלעכט.[6]
11. וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל־יי	11. און משה האט געזאָגט צום עוויגען:
לָמָה הֲרֵעֹתָ לְעַבְדֶּךָ	ווארום האסט'ו שלעכטעס געטאָן צו דיין קנעכט,
וְלָמָּה לֹא־מָצָתִי חֵן	און ווארום האב איך ניט געפונען גונסט
בְּעֵינֶיךָ	אין דיינע אויגען,
לָשׂוּם	[7]צו לייגען
אֶת־מַשָּׂא	די לאַסט
כָּל־הָעָם הַזֶּה	פון דיזע גאַנצע פאָלק
עָלָי :	אויף מיר.

12. הֶאָנֹכִי הָרִיתִי	12. האָב איך דען געטראָגען
אֵת כָּל־הָעָם הַזֶּה	דיזע גאַנצע פאָלק
אַב־אָנֹכִי יְלִדְתִּיהוּ	אדער האב איך עס געבאָרען
כִּי־תֹאמַר אֵלַי	דאס דו זאָגסט צו מיר:
שָׂאֵהוּ בְחֵיקֶךָ	טראָג איהם אין דיין בוזען,
כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאֹמֵן	ווי דער [8]ערציהער טראָגט
אֶת־הַיֹּנֵק	דעם זויגלינג,
עַל הָאֲדָמָה	אין דאס לאַנד
אֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתָּ	וואס דו האסט געשוואָרען
לַאֲבֹתָיו :	צו זיינע עלטערן?
13. מֵאַיִן לִי בָּשָׂר	13. פון וואַנען האב איך פלייש
לָתֵת	צו געבען
לְכָל־הָעָם הַזֶּה	צו דיזען גאַנצען פאָלק,
כִּי־יִבְכּוּ עָלַי	דאס זיי וויינען אויף מיר,
לֵאמֹר	זאָגענדיג:
תְּנָה־לָּנוּ בָשָׂר	גיב אונז פלייש,
וְנֹאכֵלָה :	דאס מיר זאלען עסען?
14. לֹא־אוּכַל אָנֹכִי לְבַדִּי לָשֵׂאת	14. איך קען ניט אליין טראָגען
אֶת־כָּל־הָעָם הַזֶּה	דיזעס גאנצע פאָלק,
כִּי כָבֵד מִמֶּנִּי :	דען עס איז צו שווער פאר מיר.
15. וְאִם־כָּכָה	15. און אויב אַזוי
אַתְּ־עֹשֶׂה לִּי	טהוסט'ו מיר,
הָרְגֵנִי נָא הָרֹג	(דאַן) דערשלאָג מיר דאָך,
אַב־מָצָאתִי חֵן	אויב איך האב געפונען גונסט
בְּעֵינֶיךָ	אין דיינע אויגען,
וְאַל־אֶרְאֶה בְּרָעָתִי :	און איך וויל ניט זעהן מיין אונגליק.
16. וַיֹּאמֶר יי אֶל־מֹשֶׁה	16. און דער עוויגער האט געזאָגט צו משה:
אֶסְפָה־לִּי	פערזאַמעל מיר
שִׁבְעִים אִישׁ	זיבציג מאַן
מִזִּקְנֵי יִשְׂרָאֵל	פון די עלטעסטע פון ישראל
אֲשֶׁר יָדַעְתָּ	וואס דו ווייסט,
כִּי־הֵם זִקְנֵי הָעָם	דאס זיי זיינען די עלטעסטע פון פאָלק,
וְשֹׁטְרָיו	און זיינע בעאַמטע,
וְלָקַחְתָּ אֹתָם	און דו זאלסט זיי נעהמען
אֶל־אֹהֶל מוֹעֵד	צום פערזאַמלונגס־געצעלט

1) פערל. 2) אַרומגעלאָפען. 3) מערזער. 4) אייל־קוכען. 5) פאַלען. 6) ד. ה. משה'ן איז עס ניט געפעליג געוואָרען. 7) דאס דו האסט געלייגט. 8) ווערטער.

וְהִתְיַצְּבוּ שָׁם עִמָּךְ׃	און זיי זאלען זיך דארט שטעלען ביי דיר.
17. וְיָרַדְתִּי	17. און איך וועל אראבקומען,
וְדִבַּרְתִּי עִמְּךָ שָׁם	און איך וועל דארט ריידען מיט דיר,
וְאָצַלְתִּי	און איך וועל [1]אפּטהיילען
מִן־הָרוּחַ	פון דעם גייסט,
אֲשֶׁר עָלֶיךָ	וואס איז אויף דיר,
וְשַׂמְתִּי עֲלֵיהֶם	און איך וועל (עס) לייגען אויף זיי,
וְנָשְׂאוּ אִתְּךָ	און זיי וועלען טראגען מיט דיר
בְּמַשָּׂא הָעָם	אין דער לאסט פון דעם פאלק,
וְלֹא־תִשָּׂא אַתָּה	און דו וועסט ניט טראגען
לְבַדֶּךָ׃	אליין.
18. וְאֶל־הָעָם תֹּאמַר	18. און צום פאלק זאלסט'ו זאגען:
הִתְקַדְּשׁוּ לְמָחָר	[2]הייליגט אייך אויף מארגען,
וַאֲכַלְתֶּם בָּשָׂר	און איהר וועט עסען פלייש,
כִּי בְּכִיתֶם	דען איהר האט געוויינט
בְּאָזְנֵי יְהוָה	פאר די אויערען פון דעם עוויגען,
לֵאמֹר	זאגענדיג:
מִי יַאֲכִלֵנוּ בָּשָׂר	ווער וועט אונז געבען עסען פלייש,
כִּי־טוֹב לָנוּ בְּמִצְרָיִם	דען עס איז אונז [3]בעסער געוועזען אין מצרים,
וְנָתַן יְהוָה לָכֶם בָּשָׂר	דארום וועט אייך דער עוויגער געבען פלייש,
וַאֲכַלְתֶּם׃	דאס איהר זאלט עסען.
19. לֹא יוֹם אֶחָד	19. ניט איין טאג
תֹּאכְלוּן	וועט איהר עסען
וְלֹא יוֹמָיִם	און ניט צוויי טעג
וְלֹא ׀ חֲמִשָּׁה יָמִים	און ניט פינף טעג
וְלֹא עֲשָׂרָה יָמִים	און ניט צעהן טעג
וְלֹא עֶשְׂרִים יוֹם׃	און ניט צוואנציג טעג.
20. עַד ׀ חֹדֶשׁ יָמִים	20. (זאנדערן) ביז א מאנאט צייט,
עַד אֲשֶׁר־יֵצֵא	ביז עס וועט ארויסגיין
מֵאַפְּכֶם	פון אייער נאז,
וְהָיָה לָכֶם לְזָרָא	און עס וועט אייך ווערען צום עקעל,
יַעַן כִּי־מְאַסְתֶּם	ווייל איהר האט פעראכטעט
אֶת־יְהוָה	דעם עוויגען,
אֲשֶׁר בְּקִרְבְּכֶם	וועלכער איז צווישען אייך,
וַתִּבְכּוּ לְפָנָיו לֵאמֹר	און איהר האט געוויינט פאר איהם, זאגענדיג:
לָמָּה זֶּה יָצָאנוּ	וואורום דאך זיינען מיר ארויסגעגאנגען
מִמִּצְרָיִם׃	פון מצרים?
21. וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה	21. און משה האט געזאגט:
שֵׁשׁ־מֵאוֹת אֶלֶף	זעקס הונדערט טויזענד
רַגְלִי	פוס־געהער
הָעָם	(איז) דאס פאלק,
אֲשֶׁר אָנֹכִי בְּקִרְבּוֹ	וואס איך בין צווישען איהם,
וְאַתָּה אָמַרְתָּ	און דו זאגסט:
בָּשָׂר אֶתֵּן לָהֶם	פלייש וועל איך זיי געבען,
וְאָכְלוּ חֹדֶשׁ יָמִים׃	און זיי וועלען עסען א מאנאט צייט!
22. הֲצֹאן וּבָקָר	22. ווען שאף און רינדער
יִשָּׁחֵט לָהֶם	וועט געשלאכטעט ווערען פיר זיי
וּמָצָא לָהֶם	וועט עס גענוג זיין פיר זיי?
אִם אֶת־כָּל־דְּגֵי הַיָּם	אדער ווען אלע פיש פון דעם מעער
יֵאָסֵף לָהֶם	וועט געזאמעלט ווערען פיר זיי
וּמָצָא לָהֶם׃	וועט עס גענוג זיין פיר זיי?
23. וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה	23. און דער עוויגער האט געזאגט צו משה:
הֲיַד יְהוָה תִּקְצָר	איז דען דעם עוויגען'ס האנד קורץ?
עַתָּה תִרְאֶה	יעצט וועסט'ו זעהן,
הֲיִקְרְךָ דְבָרִי	אויב עס וועט דיר איינטרעפען מיין ווארט,[4]
אִם־לֹא׃	אדער ניט.
24. וַיֵּצֵא מֹשֶׁה	24. און משה איז ארויסגעגאנגען,
וַיְדַבֵּר אֶל־הָעָם	און ער האט גערעט צום פאלק
אֵת דִּבְרֵי יְהוָה	דעם עוויגען'ס ווערטער,
וַיֶּאֱסֹף	און ער האט פערזאמעלט
שִׁבְעִים אִישׁ	זיבציג מאן
מִזִּקְנֵי הָעָם	פון די עלטעסטע פון דעם פאלק,
וַיַּעֲמֵד אֹתָם	און ער האט זיי געשטעלט
סְבִיבֹת הָאֹהֶל׃	ארום דעם געצעלט.
25. וַיֵּרֶד יְהוָה ׀ בֶּעָנָן	25. און דער עוויגער איז אראב־געקומען אים וואלקען,
וַיְדַבֵּר אֵלָיו	און ער האט גערעט צו איהם,
וַיָּאצֶל מִן־הָרוּחַ	און ער האט [1]אבגעטיילט פון דעם גייסט,
אֲשֶׁר עָלָיו	וואס איז געוועזען אויף איהם,
וַיִּתֵּן	און ער האט (עס) געלייגט
עַל־שִׁבְעִים אִישׁ	אויף די זיבציג מאן,
הַזְּקֵנִים	די עלטעסטע,
וַיְהִי	און עס איז געוועזען,

1) אבשיידען, אבזאנדערן, ענטנעהמען. 2) פערייט אייך אן. 3) גוט. 4) ד. ה. אויב עס וועט פאסירען ווי איך זאג.

כְּנוֹחַ עֲלֵיהֶם הָרוּחַ	ווען עס האט גערוהט אויף זיי דער גייסט,
וַיִּתְנַבְּאוּ	דאַן האבען זיי פּראָפעצייעט
וְלֹא יָסָפוּ׃	אבער זיי האבען ניט מעהר (פּראָפעצייעט).
26. וַיִּשָּׁאֲרוּ	26. און עס זיינען געבליבען
שְׁנֵי־אֲנָשִׁים ׀	צוויי מענער
בַּמַּחֲנֶה	אים לאַגער,
שֵׁם הָאֶחָד ׀ אֶלְדָּד	דער נאמען פון איינעם (איז געוועזן) אלדד,
וְשֵׁם הַשֵּׁנִי מֵידָד	און דער נאמען פון דעם צווייטען (איז געוועזן) מידד
וַתָּנַח עֲלֵהֶם הָרוּחַ	און עס האט גערוהט אויף זיי דער גייסט,
וְהֵמָּה בַּכְּתֻבִים	און זיי זיינען געוועזן אונטער די אויפגעשריבענע,[1]
וְלֹא יָצְאוּ הָאֹהֱלָה	אבער זיי זיינען ניט אַרויס־געגאַנגען צום געצעלט,
וַיִּתְנַבְּאוּ בַּמַּחֲנֶה׃	און זיי האבען פּראָפעצייעט אים לאַגער.
27. וַיָּרָץ הַנַּעַר	27. דאַן איז געלאָפען דער קנאבע,
וַיַּגֵּד לְמֹשֶׁה וַיֹּאמַר	און ער האט דערציילט צו משה, און ער האט געזאגט:
אֶלְדָּד וּמֵידָד	אלדד און מידד
מִתְנַבְּאִים בַּמַּחֲנֶה׃	פּראָפעצייען אים לאַגער.
28. וַיַּעַן	28. און עס האט געאַנטוואָרט
יְהוֹשֻׁעַ בִּן־נוּן	יהושע, דער זוהן פון נון,
מְשָׁרֵת מֹשֶׁה	משה׳ס דינער
מִבְּחֻרָיו	פון זיין יוגענד אָן,[2]
וַיֹּאמַר	און ער האט געזאגט:
אֲדֹנִי מֹשֶׁה כְּלָאֵם׃	מיין הערר משה, פערוועהר (עס) זיי!
29. וַיֹּאמֶר לוֹ מֹשֶׁה	29. און משה האט צו איהם געזאגט:
הַמְקַנֵּא אַתָּה לִי	ביזט׳ו אייפערזיכטיג פיר מיך?
וּמִי יִתֵּן	און ווער וואָלט געבען,[3]
כָּל־עַם יְהוָה נְבִיאִים	(דאס) דעם עוויגען׳ס גאַנצע פאָלק זאלען זיין פּראָפעטען
כִּי־יִתֵּן יְהוָה	דאס דער עוויגער זאל געבען
אֶת־רוּחוֹ	זיין גייסט
עֲלֵיהֶם׃	אויף זיי!
שְׁבִיעִי	שְׁבִיעִי
30. וַיֵּאָסֵף מֹשֶׁה	30. און משה איז [4]אַריינגעגאַנגען
אֶל־הַמַּחֲנֶה	אין דאס לאַגער,
הוּא וְזִקְנֵי יִשְׂרָאֵל׃	ער און די עלטעסטע פון ישראל.
31. וְרוּחַ נָסַע ׀	31. און א ווינד האט געצויגען
מֵאֵת יְהוָה	פון דעם עוויגען,
וַיָּגָז שַׂלְוִים	און ער האט [5]אָנגעטראָגען וואַכטלען
מִן־הַיָּם	פון דעם מעער,
וַיִּטֹּשׁ עַל־הַמַּחֲנֶה	און ער האט זיי פערשפּרייט אַרום דעם לאַגער,
כְּדֶרֶךְ יוֹם כֹּה	ביי א טאג רייזע היער
וּכְדֶרֶךְ יוֹם כֹּה	און ביי א טאג רייזע דאָרט
סְבִיבוֹת הַמַּחֲנֶה	אַרום דעם לאַגער,
וּכְאַמָּתַיִם	און ביי צוויי איילען
עַל־פְּנֵי הָאָרֶץ׃	אויף די פלעכע פון דער ערד
32. וַיָּקָם הָעָם	32. און דאס פאָלק איז אויפגעשטאַנען
כָּל־הַיּוֹם הַהוּא	יענעם גאַנצען טאג
וְכָל־הַלַּיְלָה	און די גאַנצע נאַכט
וְכֹל ׀ יוֹם הַמָּחֳרָת	און דעם גאַנצען מאָרגע־דיגען טאג
וַיַּאַסְפוּ אֶת־הַשְּׂלָו	און זיי האבען געזאַמעלט דעם וואַכטעל,
הַמַּמְעִיט	דער, וואס האט ווייניג געזאַמערט,
אָסַף	האט געזאַמעלט
עֲשָׂרָה חֳמָרִים	צעהן חומר,
וַיִּשְׁטְחוּ לָהֶם שָׁטוֹחַ	און זיי האבען עס [6]אויס־געשפּרייט
סְבִיבוֹת הַמַּחֲנֶה׃	אַרום דעם לאַגער.
33. הַבָּשָׂר	33. דאס פלייש
עוֹדֶנּוּ בֵּין שִׁנֵּיהֶם	איז נאך געוועזן צווישען זייערע ציינער,
טֶרֶם יִכָּרֵת	בעפאָר עס איז נאך פער־צעהרט געוואָרען,
וְאַף יְהוָה	ווען דעם עוויגען׳ס צאָרן
חָרָה בָעָם	האט געברענט געגען דאס פאָלק,
וַיַּךְ יְהוָה בָּעָם	און דער עוויגער האט גע־שלאָגען אונטער דעם פאָלק
מַכָּה רַבָּה מְאֹד׃	זעהר א גרויסען שלאַג.
34. וַיִּקְרָא	34. און מען האט גערופען
אֶת־שֵׁם הַמָּקוֹם הַהוּא	דעם נאמען פון יענעם אָרט
קִבְרוֹת הַתַּאֲוָה	קברות התאוה,[7]
כִּי־שָׁם קָבְרוּ	דען דאָרט האט מען בעגראָבען
אֶת־הָעָם הַמִּתְאַוִּים׃	דאס פאָלק, וואס האט געלוסט.
35. מִקִּבְרוֹת הַתַּאֲוָה	35. פון קברות התאוה
נָסְעוּ הָעָם חֲצֵרוֹת	האט דאס פאָלק געררייזט (נאך) חצרות,
וַיִּהְיוּ בַּחֲצֵרוֹת׃	און זיי זיינען געבליבען אין חצרות.

CAP. XII. יב

1. וַתְּדַבֵּר מִרְיָם וְאַהֲרֹן	1. און מרים און אהרן האבען גערעט

1) ד. ה. אונטער די עלטעסטע, וועלכע זיינען געווען פערשריבען צו געהן צום פערזאמלונגס געצעלט; זעה רש״י. 2) פון זיינע אויסער וויילטע לייטע. 3) ד. ה. הלואי. 4) זעה רש״י. 5) אָנגעיאָגט, געמאכט פליהען. 6) ווערטערליך: אויסגעשפּרייט איין אויסשפּרייטונג. 7) ד. ה. די גראָבען פון דער לוסט.

בְּמֹשֶׁה	געגען משה
עַל־אֹדוֹת	וועגען
הָאִשָּׁה הַכֻּשִׁית	די פרוי פון כוש,
אֲשֶׁר לָקָח	וועלכע ער האט גענומען,
כִּי־אִשָּׁה כֻשִׁית לָקָח	דען ער האט גענומען א פרוי פון כוש.
2. וַיֹּאמְרוּ	2. און זי האבען געזאגט:
הֲרַק אַךְ־בְּמֹשֶׁה	צו דען נור [1]מיט משה אליין
דִּבֶּר יְהוָה	האט דער עוויגער גערעט?
הֲלֹא גַּם־בָּנוּ דִבֵּר	האט ער ניט אויך [1]מיט אונז גערעט?
וַיִּשְׁמַע יְהוָה׃	און דער עוויגער האט (עס) געהערט.
3. וְהָאִישׁ מֹשֶׁה	3. אבער דער מאן משה
עָנָו מְאֹד	איז געווען זעהר [2]בעשיידען
מִכֹּל הָאָדָם	מעהר אלס אלע מענשען.
אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי הָאֲדָמָה׃	וואס (זיינען געווען) אויף דער פלעכע פון דער ערד.
4. וַיֹּאמֶר יְיָ פִּתְאֹם	4. און דער עוויגער האט געזאגט [3]פלעצליך
אֶל־מֹשֶׁה וְאֶל־אַהֲרֹן	צו משה און צו אהרן
וְאֶל־מִרְיָם	און צו מרים:
צְאוּ שְׁלָשְׁתְּכֶם	גייט ארויס איהר דריי
אֶל־אֹהֶל מוֹעֵד	צום פערזאמלונגס-געצעלט
וַיֵּצְאוּ שְׁלָשְׁתָּם׃	און זיי דריי זיינען ארויס־געגאנגען.
5. וַיֵּרֶד יְהוָה	5. און דער עוויגער איז אראב־געקומען
בְּעַמּוּד עָנָן	אין א וואלקען־זייל,
וַיַּעֲמֹד	און ער האט זיך געשטעלט
פֶּתַח הָאֹהֶל	(ביים) איינגאנג פון דעם געצעלט,
וַיִּקְרָא	און ער האט אויסגערופען:
אַהֲרֹן וּמִרְיָם	אהרן און מרים!
וַיֵּצְאוּ שְׁנֵיהֶם׃	און זיי ביידע זיינען ארויס־געגאנגען.
6. וַיֹּאמֶר	6. און ער האט געזאגט:
שִׁמְעוּ־נָא דְבָרָי	הערט דאך מיינע ווערטער:
אִם־יִהְיֶה נְבִיאֲכֶם	ווען (אונטער) אייך איז דא א פראפעט,
יְהוָה	(איך) עוויגער
בַּמַּרְאָה	אין ערשיינונג
אֵלָיו אֶתְוַדָּע	גיב איך זיך צו איהם ערקענען,
בַּחֲלוֹם אֲדַבֶּר־בּוֹ׃	אין טרוים רייד איך מיט איהם.
7. לֹא־כֵן עַבְדִּי מֹשֶׁה	7. ניט אזוי איז מיין קנעכט משה,

בְּכָל־בֵּיתִי נֶאֱמָן הוּא	אין מיין גאנצען הויז איז ער פערטרויט.
8. פֶּה אֶל־פֶּה	8. מויל צו מויל
אֲדַבֶּר־בּוֹ	רייד איך מיט איהם.
וּמַרְאֶה	און [4]זיכטבאר
וְלֹא בְחִידֹת	און ניט אין רעטהזעלען,[4]
וּתְמֻנַת יְהוָה יַבִּיט	און דעם עוויגען׳ס גע־שטאלט קוקט ער;
וּמַדּוּעַ לֹא יְרֵאתֶם	און וואַרום האט איהר ניט געפירכטעט
לְדַבֵּר בְּעַבְדִּי	צו ריידען געגען מיין קנעכט
בְמֹשֶׁה׃	געגען משה?
9. וַיִּחַר־אַף יְהוָה בָּם	9. און דעם עוויגען׳ס צארן האט געברענט געגען זיי,
וַיֵּלַךְ׃	און ער איז אוועג־געגאנגען
10. וְהֶעָנָן סָר	10. און (ווען) דער וואלקען האט זיך אבגעקעהרט
מֵעַל הָאֹהֶל	פון דעם געצעלט,
וְהִנֵּה מִרְיָם	[5]דאן איז מרים געווען
מְצֹרַעַת כַּשָּׁלֶג	אויסזעטציג ווי שניי;
וַיִּפֶן אַהֲרֹן אֶל־מִרְיָם	און אהרן האט זיך געווענ־דעט צו מרים,
וְהִנֵּה מְצֹרָעַת׃	[5]און ער זעהט זי איז אויס־זעטציג.
11. וַיֹּאמֶר אַהֲרֹן	11. דאן האט אהרן געזאגט
אֶל־מֹשֶׁה	צו משה:
בִּי אֲדֹנִי	ביטע, מיין הערר!
אַל־נָא תָשֵׁת עָלֵינוּ	לייג דאך ניט אויף אונז
חַטָּאת	א זינד
אֲשֶׁר נוֹאַלְנוּ	(דאפיר) וואס מיר האבען נאריש געהאנדעלט
וַאֲשֶׁר חָטָאנוּ׃	און וואס מיר האבען געזינדיגט.
12. אַל־נָא תְהִי כַּמֵּת	12. זאל זי דאך ניט זיין ווי די טויטע (געבורט),
אֲשֶׁר בְּצֵאתוֹ	וואס ביי זיין ארויסגיין
מֵרֶחֶם אִמּוֹ	פון זיין מוטער־לייב
וַיֵּאָכֵל חֲצִי בְשָׂרוֹ׃	איז שוין פערצעהרט די העלפט פון זיין לייב.[6]
13. וַיִּצְעַק מֹשֶׁה	13. און משה האט געשריען
אֶל־יְהוָה	צום עוויגען,
לֵאמֹר	זאגענדיג:
אֵל נָא	איך ביטע, גאט,
רְפָא נָא לָהּ׃	הייל דאך איהר!
מפטיר	מפטיר
14. וַיֹּאמֶר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	14. און דער עוויגער האט געזאגט צו משה:
וְאָבִיהָ	ווען איהר פאטער

1) דורך. 2) ד. ה. ניט שטאלץ. 3) פלוצלונג. 4) ד. ה. דייטליך און ניט פערשטעלט אין רעטעניסען. 5) און זעה. 6) זעה רש״י.

יָרֹק יָרַק בְּפָנֶיהָ	וואלט געשפיגען אין איהר געזיכט,
הֲלֹא תִכָּלֵם	וואלט זי זיך ניט געשעמט
שִׁבְעַת יָמִים	זיבען טעג?¹
תִּסָּגֵר שִׁבְעַת יָמִים	זאל זי פערשלאָסען ווערען זיבען טעג
מִחוּץ לַמַּחֲנֶה	אויסער־האלב פון דעם לאגער,
וְאַחַר תֵּאָסֵף :	און נאכדעם זאל זי אריינגענומען ווערען.
15. וַתִּסָּגֵר מִרְיָם	15. און מרים איז פערשלאָסען געווארען
מִחוּץ לַמַּחֲנֶה	אויסער־האלב פון דעם לאגער,
שִׁבְעַת יָמִים	זיבען טעג,
וְהָעָם לֹא נָסַע	און דאס פאלק האט ניט גערייזט
עַד־הֵאָסֵף מִרְיָם :	ביז מרים איז אריינגענומען געווארען.
16. וְאַחַר נָסְעוּ הָעָם	16. און נאכדעם האט דאס פאלק גערייזט
מֵחֲצֵרוֹת	פון חצרות
וַיַּחֲנוּ	און זיי האבען געלאגערט
בְּמִדְבַּר פָּארָן :	אין דער וויסטע פארן.

שְׁלַח לְךָ

SHELACH

Cap. XIII·

יג

1. וַיְדַבֵּר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	1. און דער עווינער האט גערעדט צו משה,
לֵּאמֹר :	זאגענדיג:
2. שְׁלַח־לְךָ אֲנָשִׁים	2. שיק דיר מענער,
וְיָתֻרוּ	און זיי זאלען ²אויסזעהן
אֶת־אֶרֶץ כְּנַעַן	דאס לאנד כנען,
אֲשֶׁר־אֲנִי נֹתֵן	וואס איך גיב
לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל	צו די קינדער ישראל,
אִישׁ אֶחָד	איין מאן,
אִישׁ אֶחָד	איין מאן
לְמַטֵּה אֲבֹתָיו	פון זיין פעטערליכען שטאם
תִּשְׁלָחוּ	זאלט איהר שיקען,
כֹּל נָשִׂיא בָהֶם :	יעדען פירשט אונטער זיי.³
3. וַיִּשְׁלַח אֹתָם מֹשֶׁה	3. און משה האט זיי געשיקט
מִמִּדְבַּר פָּארָן	פון דער וויסטע פארן
עַל־פִּי יְהוָה	אויף דעם עווינען׳ס בעפעהל,
כֻּלָּם אֲנָשִׁים	זיי אלע (זיינען געווען) מענער,
רָאשֵׁי בְנֵי־יִשְׂרָאֵל הֵמָּה :	(וועלכע זיינען) די הייפטער פון די קינדער ישראל.
4. וְאֵלֶּה שְׁמוֹתָם	4. און דיזע זיינען זייערע נעמען:
לְמַטֵּה רְאוּבֵן	פיר דעם שטאם ראובן:
שַׁמּוּעַ בֶּן־זַכּוּר :	שמוע, דער זוהן פון זכור.
5. לְמַטֵּה שִׁמְעוֹן	5. פיר דעם שטאם שמעון:
שָׁפָט בֶּן־חוֹרִי :	שפט, דער זוהן פון חורי.
6. לְמַטֵּה יְהוּדָה	6. פיר דעם שטאם יהודה:
כָּלֵב בֶּן־יְפֻנֶּה :	כלב, דער זוהן פון יפנה.
7. לְמַטֵּה יִשָּׂשכָר	7. פיר דעם שטאם יששכר:
יִגְאָל בֶּן־יוֹסֵף :	יגאל, דער זוהן פון יוסף.
8. לְמַטֵּה אֶפְרָיִם	8. פיר דעם שטאם אפרים:
הוֹשֵׁעַ בִּן־נוּן :	הושע, דער זוהן פון נון.
9. לְמַטֵּה בִנְיָמִן	9. פיר דעם שטאם בנימין:
פַּלְטִי בֶּן־רָפוּא :	פלטי, דער זוהן פון רפוא.
10. לְמַטֵּה זְבוּלֻן	10. פיר דעם שטאם זבולון:
גַּדִּיאֵל בֶּן־סוֹדִי :	גדיאל דער זוהן פון סודי.
11. לְמַטֵּה יוֹסֵף	11. פיר דעם שטאם פון יוסף,
לְמַטֵּה מְנַשֶּׁה	(נעמליך) פיר דעם שטאם מנשה:⁴
גַּדִּי בֶּן־סוּסִי :	גדי, דער זוהן פון סוסי.
12. לְמַטֵּה דָן	12. פיר דעם שטאם דן:
עַמִּיאֵל בֶּן־גְּמַלִּי :	עמיאל, דער זוהן פון גמלי.
13. לְמַטֵּה אָשֵׁר	13. פיר דעם שטאם אשר:
סְתוּר בֶּן־מִיכָאֵל :	סתור, דער זוהן פון מיכאל.
14. לְמַטֵּה נַפְתָּלִי	14. פיר דעם שטאם נפתלי:
נַחְבִּי בֶּן־וָפְסִי :	נחבי, דער זוהן פון ופסי.
15. לְמַטֵּה גָד	15. פיר דעם שטאם גד:
גְּאוּאֵל בֶּן־מָכִי :	גאואל, דער זוהן פון מכי.
16. אֵלֶּה שְׁמוֹת	16. דיזע זיינען די נעמען
הָאֲנָשִׁים	פון די מענער,
אֲשֶׁר־שָׁלַח מֹשֶׁה	וועלכע משה האט געשיקט
לָתוּר אֶת־הָאָרֶץ	אויסצוזעהן דאס לאנד
וַיִּקְרָא מֹשֶׁה	און משה האט גערופען
לְהוֹשֵׁעַ בִּן־נוּן	הושע, דעם זוהן פון נון,
יְהוֹשֻׁעַ :	יהושע.
17. וַיִּשְׁלַח אֹתָם מֹשֶׁה	17. און משה האט זיי געשיקט
לָתוּר אֶת־אֶרֶץ כְּנָעַן	אויסצוזעהן דאס לאנד כנען
וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם	און ער האט געזאגט צו זיי:

1) זעה רש״י. 2) בעקוקען, אויסשפּאָנירען. 3) אדער: יעדער פון זיי זאל זיין א פירשט. 4) דען פון יוסף האבען זיך גערעכענט 2 שטאמען, אפרים און מנשה. זעה בראשית מ״ח, 5.

עֲלוּ זֶה בַּנֶּגֶב	גייט דאַך אויף אין זיד־זייט.[1]
וַעֲלִיתֶם אֶת־הָהָר׃	און איהר זאָלט אַרויפגיין דעם באַרג.
18. וּרְאִיתֶם	18. און איהר זאָלט זעהן
אֶת־הָאָרֶץ	דאס לאַנד,
מַה־הִוא	ווי עס איז,
וְאֶת־הָעָם	און דאס פאָלק,
הַיֹּשֵׁב עָלֶיהָ	וואס וואָהנט דארויף,
הֶחָזָק הוּא	אויב ער איז שטאַרק
הֲרָפֶה	אדער שוואַך,
הַמְעַט הוּא	אויב ער איז ווייניג
אִם־רָב׃	אדער פיל.
19. וּמָה הָאָרֶץ	19. און ווי איז דאס לאַנד,
אֲשֶׁר־הוּא יֹשֵׁב בָּהּ	וואס ער וואהנט דאַרין,
הֲטוֹבָה הִוא	אויב עס איז גוט
אִם־רָעָה	אדער שלעכט,
וּמָה הֶעָרִים	און ווי זיינען די שטעט,
אֲשֶׁר־הוּא יוֹשֵׁב	וואס ער וואָהנט
בָּהֵנָּה	אין זיי,
הַבְּמַחֲנִים	אויב אין לאַגערען[2]
אִם בְּמִבְצָרִים׃	אדער אין פעסטונגען.
20. וּמָה הָאָרֶץ	20. און ווי איז דאס לאַנד,
הַשְּׁמֵנָה הִוא	אויב עס איז פעט
אִם־רָזָה	אדער מאָגער,
הֲיֵשׁ־בָּהּ עֵץ	אויב עס זיינען דאַרין דאַ ביימער
אִם־אַיִן	אדער ניט.
וְהִתְחַזַּקְתֶּם	און איהר זאָלט זיך שטאַרקען,
וּלְקַחְתֶּם	און איהר זאָלט נעהמען
מִפְּרִי הָאָרֶץ	פון דער פרוכט פון דעם לאַנד;
וְהַיָּמִים	און די טעג (זיינען געווען)
יְמֵי בִּכּוּרֵי עֲנָבִים׃	די טעג פון די ערשטלינגע פון טרויבען.
שֵׁנִי	שֵׁנִי
21. וַיַּעֲלוּ	21. און זיי זיינען אויפגעגאַנגען,
וַיָּתֻרוּ אֶת־הָאָרֶץ	און זיי האבען אויסגעזעהן דאס לאַנד
מִמִּדְבַּר־צִן	פון דער וויסטע צין
עַד־רְחֹב	ביז רחוב,
לְבֹא חֲמָת׃	צום איינגאַנג פון חמת.[3]

22. וַיַּעֲלוּ בַנֶּגֶב	22. און זיי זיינען אויפגעגאַנגען אין זיד־זייט,
וַיָּבֹא עַד־חֶבְרוֹן	און זיי זיינען געקומען ביז חברון,
וְשָׁם	און דאָרט (זיינען געווען)
אֲחִימַן שֵׁשַׁי וְתַלְמַי	אחימן, ששי און תלמי,
יְלִידֵי הָעֲנָק	די קינדער פון דעם ענק;[4]
וְחֶבְרוֹן	—און חברון
שֶׁבַע שָׁנִים נִבְנְתָה	איז זיבען יאהר געבויט געוואָרען
לִפְנֵי צֹעַן מִצְרָיִם׃	בעפאָר צוען אין מצרים—.
23. וַיָּבֹאוּ	23. און זיי זיינען געקומען
עַד־נַחַל אֶשְׁכֹּל	ביז דעם טהאל אשכול,
וַיִּכְרְתוּ מִשָּׁם זְמוֹרָה	און זיי האבען אויסגעשניטען פון דאָרט אַ צווייג
וְאֶשְׁכּוֹל עֲנָבִים אֶחָד	און איין הייגעל טרויבען,
וַיִּשָּׂאֻהוּ בַמּוֹט	און זיי האבען עס געטראָגען אויף[5] אַ שטאַנג
בִּשְׁנָיִם	צוויי צוזאַמען,[6]
וּמִן־הָרִמֹּנִים	און פון די גראַנאַט־עפּעל
וּמִן־הַתְּאֵנִים׃	און פון די פייגען.
24. לַמָּקוֹם הַהוּא	24. [צו] יענעם אָרט
קָרָא נַחַל אֶשְׁכּוֹל	האט מען גערופען נחל אשכול
עַל אֹדוֹת הָאֶשְׁכּוֹל	וועגען דעם הייגעל,
אֲשֶׁר־כָּרְתוּ מִשָּׁם	וועלכען עס האבען פון דאָרט אויסגעשניטען,
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃	די קינדער ישראל.
25. וַיָּשֻׁבוּ	25. און זיי האבען זיך־צוריק געקעהרט
מִתּוּר הָאָרֶץ	פון אויסזעהן דאס לאַנד
מִקֵּץ אַרְבָּעִים יוֹם׃	צום ענדע פון פערציג טעג.
26. וַיֵּלְכוּ	26. און זיי זיינען געגאַנגען
וַיָּבֹאוּ	און זיי זיינען געקומען
אֶל־מֹשֶׁה וְאֶל־אַהֲרֹן	צו משה און צו אהרן
וְאֶל־כָּל־עֲדַת	און צו די גאַנצע געמיינדע
בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל	פון די קינדער ישראל
אֶל־מִדְבַּר פָּארָן	צו דער וויסטע פארן
קָדֵשָׁה	נאָך קדש.
וַיָּשִׁיבוּ אֹתָם דָּבָר	און זיי האבען זיי צוריק געבראַכט אנטוואָרט
וְאֶת־כָּל־הָעֵדָה	און די גאַנצע געמיינדע,
וַיַּרְאוּם	און זיי האבען זיי געוויזען
אֶת־פְּרִי הָאָרֶץ׃	די פרוכט פון דעם לאַנד.
27. וַיְסַפְּרוּ־לוֹ	27. און זיי האבען איהם דערציילט,

1) גייט־זייט. 2) ד. ה. אָפענע לאַגער שטעדט. 3) וואו מען קומט אין חמת. 4) ריז. 5) דער. 6) ד. ה. צוויי מענשען האבען עס געטראָגען.

וַיֹּאמְרוּ	און זיי האבען געזאגט:
בָּאנוּ אֶל־הָאָרֶץ	מיר זיינען געקומען אין דאס לאנד,
אֲשֶׁר שְׁלַחְתָּנוּ	וואס דו האסט אונז געשיקט
וְגַם	און ווירקליך[1]
זָבַת חָלָב וּדְבַשׁ הִוא	עס פליסט (מיט) מילך און האניג,
וְזֶה־פִּרְיָהּ׃	און דיזעס איז איהרע פרוכט.
28. אֶפֶס כִּי־עַז הָעָם	28. נור דאס פאלק איז שטארק,
הַיֹּשֵׁב בָּאָרֶץ	וואס וואהנט אין דעם לאנד,
וְהֶעָרִים בְּצֻרוֹת	און די שטעדט זיינען פעסטע,
גְּדֹלֹת מְאֹד	זעהר גרויסע,
וְגַם־יְלִדֵי הָעֲנָק	און אויך די קינדער פון דעם ענק
רָאִינוּ שָׁם׃	האבען מיר דארט געזעהן.
29. עֲמָלֵק יוֹשֵׁב	29. עמלק וואהנט
בְּאֶרֶץ הַנֶּגֶב	אים זיד־לאנד,
וְהַחִתִּי	און דער חתי
וְהַיְבוּסִי וְהָאֱמֹרִי	און דער יבוסי און דער אמורי
יוֹשֵׁב בָּהָר	וואהנט אויף דעם בארג
וְהַכְּנַעֲנִי	און דער כנעני
יוֹשֵׁב עַל־הַיָּם	וואהנט ביים מעער
וְעַל יַד הַיַּרְדֵּן׃	און ביים זייט פון דעם ירדן.
30 וַיַּהַס כָּלֵב	30. און כלב האט [2]איינגעשטילט
אֶת־הָעָם	דאס פאלק
אֶל־מֹשֶׁה	געגען משה,
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט:
עָלֹה נַעֲלֶה	מיר וועלען אויפגיין,
וְיָרַשְׁנוּ אֹתָהּ	און מיר וועלען עס ערבען,
כִּי־יָכוֹל נוּכַל לָהּ׃	דען מיר וועלען עס בייקומען.
31. וְהָאֲנָשִׁים	31. אבער די מענער,
אֲשֶׁר־עָלוּ עִמּוֹ	וועלכע זיינען אויפגעגאנגען מיט איהם,
אָמְרוּ	האבען געזאגט:
לֹא נוּכַל לַעֲלוֹת	מיר קענען ניט אויפגיין
אֶל־הָעָם	צום פאלק,
כִּי־חָזָק הוּא מִמֶּנּוּ׃	דען ער איז שטארקער פיר אונז.
32. וַיֹּצִיאוּ	32. און זיי האבען ארויסגעבראכט
דִּבַּת הָאָרֶץ	שלעכטע רייד איבער דאס לאנד,
אֲשֶׁר תָּרוּ אֹתָהּ	וועלכע זיי האבען אויסגעזעהן.
אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	צו די קינדער ישראל,
לֵאמֹר	זאגענדיג:
הָאָרֶץ	דאס לאנד,
אֲשֶׁר עָבַרְנוּ בָהּ	וועלכעס מיר זיינען דורכגעגאנגען
לָתוּר אֹתָהּ	עס אויס־צוזעהן,
אֶרֶץ	(איז) א לאנד,
אֹכֶלֶת יוֹשְׁבֶיהָ הִוא	וואס זי פערצעהרט איהרע איינוואהנער
וְכָל־הָעָם	און דאס גאנצע פאלק,
אֲשֶׁר־רָאִינוּ בְתוֹכָהּ	וואס מיר האבען געזעהן דארין
אַנְשֵׁי מִדּוֹת׃	זיינען מענשען פון (גרויסען) מאס.[3]
33. וְשָׁם רָאִינוּ	33. און דארט האבען מיר געזעהן
אֶת־הַנְּפִילִים	די ריזען,
בְּנֵי עֲנָק	די קינדער פון ענק,
מִן־הַנְּפִלִים	פון די ריזען,
וַנְּהִי בְעֵינֵינוּ	און מיר זיינען געוועזען אין אונזערע אויגען
כַּחֲגָבִים	ווי היישרעקען,
וְכֵן הָיִינוּ בְּעֵינֵיהֶם׃	און אזוי זיינען מיר געוועזען אין זייערע אויגען.

Cap., XIV. יד

1. וַתִּשָּׂא כָּל־הָעֵדָה	1. און די גאנצע געמיינדע האט אויפגעהויבען,
וַיִּתְּנוּ אֶת־קוֹלָם	און זיי האבען ארויסגעלאזען זייער שטימע,
וַיִּבְכּוּ הָעָם	און דאס פאלק האט געוויינט
בַּלַּיְלָה הַהוּא׃	אין יענע נאכט.
2. וַיִּלֹּנוּ	2. און עס האבען [4]געמורמעלט
עַל־מֹשֶׁה וְעַל־אַהֲרֹן	געגען משה און געגען אהרן
כֹּל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	אלע קינדער ישראל,
וַיֹּאמְרוּ אֲלֵהֶם	און עס האבען געזאגט צו זיי
כָּל־הָעֵדָה	די גאנצע געמיינדע:
לוּ־מַתְנוּ	[5]א, ווען מיר וואלטען געשטארבען
בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם	אים לאנד מצרים!
אוֹ בַּמִּדְבָּר הַזֶּה	אדער אין דיזער וויסטע
לוּ־מָתְנוּ	א, ווען מיר וואלטען געשטארבען!
3. וְלָמָה יְהֹוָה מֵבִיא אֹתָנוּ	3. און ווארום ברענגט אונז דער עוויגער
אֶל־הָאָרֶץ הַזֹּאת	אין דיזע לאנד
לִנְפֹּל בַּחֶרֶב	צו פאלען דורך דעם שווערט?
נָשֵׁינוּ וְטַפֵּנוּ	אונזערע פרויען און קינדער

1) און אויך. 2) בערוהיגט. 3) הויכע מענשען. 4) זיך בעקלאגט, געקריגט. 5) הלואי וואלטען.

יהיו לבז	וועלען זיין צו רויב!
הלוא טוב לנו	איז ניט בעסער פיר אונז
שוב מצרימה :	צוריק צו קעהרען נאך מצרים?
4. ויאמרו	4. און זיי האבען געזאגט
איש אל־אחיו	איינער צום אנדערן:
נתנה ראש	[1]מיר וועלען מאכען [2]א הויפט,
ונשובה מצרימה :	און [1]מיר וועלען זיך צוריק־קעהרען נאך מצרים.
5 ויפל משה ואהרן	5. און משה און אהרן זיינען געפאלען
על־פניהם	אויף זייער געזיכט
לפני כל־קהל	פאר דער גאנצען פערזאמלונג
עדת בני ישראל :	פון דער געמיינדע פון די קינדער ישראל.
6. ויהושע בן־נון	6. אבער יהושע, דער זוהן פון נון,
וכלב בן־יפנה	און כלב, דער זוהן פון יפונה
מן־התרים	פון די, וועלכע האבען אויס־געזעהן
את־הארץ	דאס לאנד,
קרעו בגדיהם :	האבען צוריסען זייערע קליידער.
7. ויאמרו	7. און זיי האבען געזאגט
אל־כל־עדת	צו דער גאנצען געמיינדע
בני־ישראל	פון די קינדער ישראל,
לאמר	זאגענדיג:
הארץ	דאס לאנד,
אשר עברנו בה	וועלכעס מיר זיינען דורכגעגאנגען,
לתור אתה	איהר אויסצוזעהן,
טובה הארץ מאד מאד :	איז דאס לאנד זעהר, זעהר גוט.
שלישי	שלישי
8. אם־חפץ בנו יהוה	8. אויב דער עוויגער וויל אונז,[3]
והביא אתנו	דאן וועט ער אונז ברייגגען
אל־הארץ הזאת	אין דיזעס לאנד,
ונתנה לנו	און ער וועט עס געבען צו אונז,
ארץ	א לאנד,
אשר־הוא זבת	וואס עס פליסט
חלב ודבש :	(מיט) מילך און האניג.
9. אך ביהוה	9. אבער געגען דעם עוויגען
אל־תמרדו	זאלט איהר ניט ווידער־שפעגנסטיג זיין,
ואתם אל־תיראו	און איהר זאלט ניט פירכטען
את־עם הארץ	דאס פאלק פון דעם לאנד,
כי לחמנו הם	דען זיי זיינען אונזער ברויט,[4]
סר צלם מעליהם	זייער [5]שאטען האט זיך אבגעקעהרט פון זיי,
ויהוה אתנו	אבער מיט אונז איז דער עוויגער;
אל־תיראם :	איהר זאלט זיי ניט פירכטען!
10. ויאמרו כל־העדה	10. און די גאנצע געמיינדע האט געזאגט
לרגום אתם באבנים	זיי צו פערוואַרפען מיט שטיינער,
וכבוד יהוה	אבער די הערליכקייט פון דעם עוויגען
נראה באהל מועד	האט זיך בעוויזען אין דעם פערזאמלונגס־געצעלט
אל־כל־בני ישראל :	צו אלע קינדער ישראל.
11 ויאמר יי אל־משה	11. און דער עוויגער האט געזאגט צו משה:
עד־אנה ינאצני	ביז ווי לאנג וועט מיך [6]ערצירנען
העם הזה	דיזעס פאלק.
ועד־אנה	און ביז ווי לאנג
לא־יאמינו בי	וועלען זיי ניט גלויבען אין מיר
בכל האתות	בײַ די אלע צייכענס,
אשר עשיתי בקרבו	וועלכע איך האב געטאן צווישען איהם?
12. אכנו בדבר	12. איך וועל איהם שלאגען מיט דער פעסט,
ואורשנו	און איך וועל איהם פערטילגען,
ואעשה אתך	און איך וועל דיך מאכען
לגוי־גדול ועצום ממנו :	פיר א גרעסערע און שטאר־קערע פאלק אלס [7]איהם.
13. ויאמר משה אל־יי	13. און משה האט געזאגט צום עוויגען:
ושמעו מצרים	אבער עס וועלען (עס) הער־רען די מצרים,
כי־העלית בכחך	וואס דו האסט ארויפגע־פיהרט מיט דיין קראפט
את־העם הזה	דיזעס פאלק
מקרבו :	פון צווישען איהם.
14. ואמרו	14. און זיי וועלען דער־ציילען
אל־יושב	צו די בעוואהנער
הארץ הזאת	פון דיזען לאנד,[8]
שמעו כי־אתה יהוה	(וועלכע) האבען געהערט, דאס דו, עוויגער,
בקרב העם הזה	ביזט צווישען דיזעס פאלק,
אשר־עין בעין	דאס אויג אין אויג
נראה אתה יהוה	האסט'ו, עוויגער, זיך בעוויזען,
ועננך עמד עלהם	און דיין וואלקען שטייט איבער זיי,
ובעמד ענן	און מיט א וואלקען־זייל

1) לאָמיר. 2) א פיהרער. 3) ד. ה. אויב ער ליבט אונז. 4) ד. ה. מיר וועלען זיי פערצעהרען ווי ברויט. 5) שוטץ. 6) פעראכטען. 7) דיזעס פאלק. 8) די ענדע דאפון קומט אין פ״ 15: והמת את העם הזה א. ז. וו.

אַתָּה הֹלֵךְ לִפְנֵיהֶם	גייסט'ו פאר זיי
יוֹמָם	ביי טאג,
וּבְעַמּוּד אֵשׁ לָיְלָה׃	און מיט אַ פייער־זייל ביי נאַכט.
15. וְהֵמַתָּה	15. [1]דאס דו האסט געטויטעט
אֶת־הָעָם הַזֶּה	דיזעס פאָלק
כְּאִישׁ אֶחָד	ווי איין מאַן,
וְאָמְרוּ הַגּוֹיִם	דאַן וועלען זאגען די פעלקער,
אֲשֶׁר־שָׁמְעוּ	וועלכע האבען געהערט
אֶת־שִׁמְעֲךָ	דיין [2]הערונג,
לֵאמֹר׃	זאגענדיג:
16. מִבִּלְתִּי יְכֹלֶת יְהוָֹה	16. ווייל דער עוויגער קען ניט
לְהָבִיא	[צו] בריינגען
אֶת־הָעָם הַזֶּה	דיזעס פאָלק
אֶל־הָאָרֶץ	אין דאס לאַנד,
אֲשֶׁר־נִשְׁבַּע לָהֶם	וואס ער האט געשוואָרען צו זיי,
וַיִּשְׁחָטֵם בַּמִּדְבָּר׃	דאַרום האט ער זיי אויסגעשלאַכטעט אין די וויסטע.
17. וְעַתָּה יִגְדַּל־נָא	17. און יעצט. זאל דאָך גרויס זיין
כֹּחַ אֲדֹנָי	דעם עוויגען'ס קראַפט,
כַּאֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ	ווי דו האסט גערעט,
לֵאמֹר׃	זאגענדיג:
18. יְהוָֹה אֶרֶךְ אַפַּיִם	18. דער עוויגער איז לאַנגמיטהיג
וְרַב־חֶסֶד	און גרויס (אין) גנאַדע,
נֹשֵׂא עָוֺן וָפָשַׁע	(ער) פערצייהעט זינד און פערברעכען,
וְנַקֵּה לֹא יְנַקֶּה	אבער ער לאָזט ניט אונבעשטראָפט,
פֹּקֵד עֲוֺן אָבוֹת	(ער) דערמאָהנט די זינד פון עלטערן
עַל־בָּנִים	אויף קינדער,
עַל־שִׁלֵּשִׁים	אויף דעם דריטען (געשלעכט)
וְעַל־רִבֵּעִים׃	און אויף דעם פירטען (געשלעכט).
19. סְלַח־נָא	19. פערגיב דאָך
לַעֲוֺן הָעָם הַזֶּה	[צו] די זינד פון דיזען פאָלק,
כְּגֹדֶל חַסְדֶּךָ	ווי דיין גרויסע גנאַדע,
וְכַאֲשֶׁר נָשָׂאתָה	און ווי דו האסט פערצייהעט
לָעָם הַזֶּה	[צו] דיזען פאָלק,
מִמִּצְרַיִם וְעַד־הֵנָּה׃	פון מצרים ביז [3]אהער.
20. וַיֹּאמֶר יְהוָֹה	20. און דער עוויגער האט געזאגט:
סָלַחְתִּי כִּדְבָרֶךָ׃	איך האב פערגעבען נאָך דיין וואָרט.
21. וְאוּלָם חַי־אָנִי	21. אבער, זאָ וואהר ווי איך לעב
וְיִמָּלֵא כְבוֹד־יְהוָֹה	און ווי דעם עוויגען'ס עהרע איז פול
אֶת־כָּל־הָאָרֶץ׃	די גאַנצע ערד,
22. כִּי כָל־הָאֲנָשִׁים	22. דאס די אלע מענער,
הָרֹאִים אֶת־כְּבֹדִי	וועלכע האבען געזעהן מיין עהרע
וְאֶת־אֹתֹתַי	און מיינע צייכענס,
אֲשֶׁר עָשִׂיתִי	וועלכע איך האב געטאָן
בְמִצְרַיִם וּבַמִּדְבָּר	אין מצרים און אין דער וויסטע,
וַיְנַסּוּ אֹתִי	און זיי האבען מיר געפרופט
זֶה עֶשֶׂר פְּעָמִים	שוין צעהן מאל,
וְלֹא שָׁמְעוּ בְּקוֹלִי׃	און זיי האבען ניט געהערט צו מיין שטימע.
23. אִם־יִרְאוּ	23. [4]דאס זיי וועלען ניט זעהן
אֶת־הָאָרֶץ	דאס לאַנד,
אֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתִּי	וואס איך האב געשווארען
לַאֲבֹתָם	צו זייערע עלטערן,
וְכָל־מְנַאֲצַי	און אלע, וואס ערצירנען מיך,
לֹא יִרְאוּהָ׃	וועלען עס ניט זעהן.
24. וְעַבְדִּי כָלֵב	24. אבער מיין קנעכט כלב,
עֵקֶב הָיְתָה	ווייל עס איז געווען
רוּחַ אַחֶרֶת עִמּוֹ	איין אַנדער גייסט מיט איהם
וַיְמַלֵּא אַחֲרָי	און ער האט ערפילט נאך מיר,[5]
וַהֲבִיאֹתִיו	דארום וועל איך איהם בריינגען
אֶל־הָאָרֶץ	אין דאס לאַנד,
אֲשֶׁר־בָּא שָׁמָּה	וואס ער איז דארט געקומען
וְזַרְעוֹ יוֹרִשֶׁנָּה׃	און זיין זאמען וועט עס [6]ערבען.
25. וְהָעֲמָלֵקִי	25. און דער עמלקי
וְהַכְּנַעֲנִי	און דער כנעני
יוֹשֵׁב בָּעֵמֶק	וואהנט אין טהאל;
מָחָר פְּנוּ	מאָרגען ווענדעט אייך,
וּסְעוּ לָכֶם הַמִּדְבָּר	און רייזט אייך (אין) די וויסטע,
דֶּרֶךְ יַם־סוּף׃	דעם וועג (נאך) דעם שילף־מעער.
רְבִיעִי	רְבִיעִי
26. וַיְדַבֵּר יְהוָֹה	26. און דער עוויגער האט גערעט
אֶל־מֹשֶׁה וְאֶל־אַהֲרֹן	צו משה און צו אהרן,
לֵאמֹר׃	זאגענדיג:
27. עַד־מָתַי	27. ביז ווי לאַנג (וועל איך פערצייהען) -

1) זעה בעמערקונג צו פ' 14. 2) רוף, נאָמען, לויב. 3) יעצט, היערהער. 4) אַזוי ווי: חי אני אם יראו, 5) ד. ה. ער האט מיר געפאָלגט. 6) בעזיצען.

לָעֵדָה הָרָעָה הַזֹּאת	[צו] דיזע שלעכטע געמיינדע,
אֲשֶׁר הֵמָּה מַלִּינִים	וואס [1]זיי מאכען מוררען
עָלָי	געגען מיר?
אֶת־תְּלֻנּוֹת	דאס מוררען
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	פון די קינדער ישראל,
אֲשֶׁר הֵמָּה מַלִּינִים	וואס [1]זיי מאכען מוררען
עָלַי	געגען מיר,
שָׁמָעְתִּי׃	האב איך געהערט.
28. אֱמֹר אֲלֵהֶם	28. זאג צו זיי:
חַי־אָנִי	זא וואהר איך לעב,
נְאֻם־יְהוָה	איז דער שפרוך פון דעם עוויגען,
אִם־לֹא	אויב ניט
כַּאֲשֶׁר דִּבַּרְתֶּם	ווי איהר האט גערעט
בְּאָזְנָי	אין מיינע אויערן,
כֵּן אֶעֱשֶׂה לָכֶם׃	אזוי וועל איך טהאן צו אייך.
29. בַּמִּדְבָּר הַזֶּה	29. אין דיזער וויסטע
יִפְּלוּ פִגְרֵיכֶם	וועלען פאלען אייערע [2]קערפערס.
וְכָל־פְּקֻדֵיכֶם	און אלע אייערע געציילטע
לְכָל־מִסְפַּרְכֶם	נאך אייער גאנצען צאהל,
מִבֶּן | עֶשְׂרִים שָׁנָה	פון צוואנציג יאהר
וָמָעְלָה	אין העכער.
אֲשֶׁר הֲלִינֹתֶם עָלָי׃	וואס איהר האט געמורמט געגען מיר.
30. אִם־אַתֶּם תָּבֹאוּ	30. איהר וועט ניט קומען[3]
אֶל־הָאָרֶץ	אין דאס לאנד,
אֲשֶׁר נָשָׂאתִי	וואס איך האב אויפגעהויבען
אֶת־יָדִי	מיין האנד (צו שווערען)
לְשַׁכֵּן | אֶתְכֶם בָּהּ	אייך צו לאזען וואהנען דארין,
כִּי אִם־כָּלֵב בֶּן־יְפֻנֶּה	זאנדערן נור כלב, דער זוהן פון יפונה,
וִיהוֹשֻׁעַ בִּן־נוּן׃	און יהושע, דער זוהן פון נון.
31. וְטַפְּכֶם	31. אבער אייערע קינדער,
אֲשֶׁר אֲמַרְתֶּם	וואס איהר האט געזאגט,
לָבַז יִהְיֶה	זיי וועלען ווערען צו רויב,
וְהֵבֵיאתִי אֹתָם	זיי וועל איך אריינבריינגען,
וְיָדְעוּ אֶת־הָאָרֶץ	און זיי וועלען קענען לערנען דאס לאנד,
אֲשֶׁר מְאַסְתֶּם בָּהּ׃	וואס איהר האט עס פעראכטעט.
32. וּפִגְרֵיכֶם אַתֶּם	32. אבער אייערע קערפערס
יִפְּלוּ בַּמִּדְבָּר הַזֶּה׃	וועלען פאלען אין דיזער וויסטע.
33. וּבְנֵיכֶם	33. און אייערע קינדער
יִהְיוּ רֹעִים בַּמִּדְבָּר	וועלען זיך פיטערן אין דער וויסטע
אַרְבָּעִים שָׁנָה	פערציג יאהר,
וְנָשְׂאוּ אֶת־זְנוּתֵיכֶם	און זיי וועלען טראגען אייער אבקעהרונג,[4]
עַד־תֹּם פִּגְרֵיכֶם	ביז אייערע [2]קערפערס וועלען זיך ענדיגען
בַּמִּדְבָּר׃	אין דער וויסטע.
34. בְּמִסְפַּר הַיָּמִים	34. נאך דער צאהל פון די טעג,
אֲשֶׁר־תַּרְתֶּם	וואס איהר האט אויסגעזעהן
אֶת־הָאָרֶץ	דאס לאנד,
אַרְבָּעִים יוֹם	פערציג טעג,
יוֹם לַשָּׁנָה	א טאג פיר א יאהר,
יוֹם לַשָּׁנָה	א טאג פיר א יאהר,
תִּשְׂאוּ אֶת־עֲוֹנֹתֵיכֶם	וועט איהר טראגען אייערע זינדע,
אַרְבָּעִים שָׁנָה	פערציג יאהר;
וִידַעְתֶּם אֶת־תְּנוּאָתִי	און איהר וועט וויסען מיין אבוועגדונג.[5]
35. אֲנִי יְהוָה דִּבַּרְתִּי	35. איך עוויגער האב גערעט
אִם־לֹא | זֹאת אֶעֱשֶׂה	און וואהרליך! דיזעס וועל איך טהאן
לְכָל־הָעֵדָה הָרָעָה הַזֹּאת	צו דיזע גאנצע, שלעכטע געמיינדע,
הַנּוֹעָדִים עָלָי	וועלכע האבען זיך פערזאמעלט געגען מיר;
בַּמִּדְבָּר הַזֶּה יִתַּמּוּ	אין דיזער וויסטע וועלען זיי זיך ענדיגען,
וְשָׁם יָמֻתוּ׃	און דארט וועלען זיי שטארבען.
36. וְהָאֲנָשִׁים	36.—און די לייטע,
אֲשֶׁר־שָׁלַח מֹשֶׁה	וועלכע משה האט געשיקט
לָתוּר אֶת־הָאָרֶץ	אויסצוזעהן דאס לאנד,
וַיָּשֻׁבוּ	און זיי האבען זיך צוריק געקעהרט,
וַיַּלִּינוּ עָלָיו	און זיי האבען געמאכט מוררען געגען איהם
אֶת־כָּל־הָעֵדָה	די גאנצע געמיינדע
לְהוֹצִיא דִבָּה	ארויס־צוברייגגען שלעכטע רייד
עַל־הָאָרֶץ׃	איבער דאס לאנד.
37. וַיָּמֻתוּ הָאֲנָשִׁים	37. דיזע מענער זיינען געשטארבען,
מוֹצִאֵי	(וועלכע) האבען ארויסגעבראכט
דִבַּת־הָאָרֶץ רָעָה	די שלעכטע רייד איבער דאס לאנד,
בַּמַּגֵּפָה	דורך דער פלאג
לִפְנֵי יְהוָה׃	פאר דעם עוויגען.

1) די מרגלים; זעה רש"י און באור. 2) טויטע קערפערס. 3) אזוי ווי: חי אני אם תבואו וכו'. 4) ד. ה. זיי וועלען מוזען ליידען צוליב אייער זינד. 5) ד. ה. ווי שלעכט עס איז, ווען איך האב זיך אבגעווענדעט פון אייך.

38. וִיהוֹשֻׁעַ בִּן־נוּן	38. אבער יהושע, דער זוהן פון נון,
וְכָלֵב בֶּן־יְפֻנֶּה	און כלב, דער זוהן פון יפונה
חָיוּ	זיינען לעבען געבליבען
מִן־הָאֲנָשִׁים הָהֵם	פון יענע מענער,
הַהֹלְכִים	וועלכע זיינען געגאנגען
לָתוּר אֶת־הָאָרֶץ׃	אויסצווזעהן דאס לאַנד.—
39. וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה	39. און משה האט גערעט
אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה	דיזע ווערטער
אֶל־כָּל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	צו אַלע קינדער ישראל,
וַיִּתְאַבְּלוּ הָעָם מְאֹד׃	און דאס פאָלק האט זעהר געטרויערט.
40. וַיַּשְׁכִּמוּ בַבֹּקֶר	40. און זיי זיינען אויפגעשטאַנען פריה דעם מאָרגענס
וַיַּעֲלוּ	און זיי זיינען אַרויף־געגאַנגען
אֶל־רֹאשׁ־הָהָר	צום שפּיץ באַרג,
לֵאמֹר	זאָגענדיג:
הִנֶּנּוּ	היר זיינען מיר,
וְעָלִינוּ אֶל־הַמָּקוֹם	און מיר ווילען אויפגיין צום אָרט,
אֲשֶׁר־אָמַר יְהֹוָה	וואס דער עוויגער האט געזאגט,
כִּי חָטָאנוּ׃	דען מיר האבען געזינדיגט.
41. וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה	41. אבער משה האט געזאגט:
לָמָּה זֶּה	וואָרום [1]דאָך
אַתֶּם עֹבְרִים	טרעט איהר איבער
אֶת־פִּי יְהֹוָה	דעם עוויגען'ס בעפעהל?
וְהִוא לֹא תִצְלָח׃	דאס וועט דאָך ניט [2]בעגליקען!
42. אַל־תַּעֲלוּ	42. איהר זאלט ניט אויפגיין,
כִּי אֵין יְיָ בְּקִרְבְּכֶם	דען דער עוויגער איז ניט צווישען אייך,
וְלֹא תִּנָּגְפוּ	אום איהר זאלט ניט גע־פראגט ווערען
לִפְנֵי אֹיְבֵיכֶם׃	פאר אייערע פיינדע.
43. כִּי הָעֲמָלֵקִי	43. דען דער עמלקי
וְהַכְּנַעֲנִי	און דער כנעני
שָׁם לִפְנֵיכֶם	זיינען דאָרט פאר אייך,
וּנְפַלְתֶּם בֶּחָרֶב	און איהר וועט פאַלען דורך דעם שווערט,
כִּי־עַל־כֵּן שַׁבְתֶּם	דען וויל איהר האט אייך צוריק געקעהרט
מֵאַחֲרֵי יְהֹוָה	פון נאָך־צופאָלגען דעם עוויגען,
וְלֹא־יִהְיֶה יְיָ עִמָּכֶם׃	דארום וועט דער עוויגער ניט זיין מיט אייך.
44. וַיַּעְפִּלוּ לַעֲלוֹת	44. אבער זיי האבען זיך [3]דערוואַגט ארויף־צוגיין
אֶל־רֹאשׁ הָהָר	צום שפּיטץ פון דעם באַרג,
וַאֲרוֹן בְּרִית־יְהֹוָה	אבער די בונדעס־לאָדע פון דעם עוויגען
וּמֹשֶׁה	און משה
לֹא־מָשׁוּ	האבען ניט [4]אָבגעטרעטען
מִקֶּרֶב הַמַּחֲנֶה׃	פון מיטען דעם לאַגער.
45. וַיֵּרֶד הָעֲמָלֵקִי	45. און עס איז אַראָב־געקומען דער עמלקי
וְהַכְּנַעֲנִי	און דער כנעני,
הַיֹּשֵׁב בָּהָר הַהוּא	וועלכער וואָהנט אין יענעם באַרג,
וַיַּכּוּם	און זיי האבען זיי געשלאגען
וַיַּכְּתוּם עַד־הַחָרְמָה׃	און זיי האבען זיי [5]צוקלאָפּט ביז חרמה.

Cap. XV· טו

1. וַיְדַבֵּר יְיָ אֶל־מֹשֶׁה	1. און דער עוויגער האט גערעט צו משה,
לֵּאמֹר׃	זאָגענדיג:
2. דַּבֵּר	2. רייד
אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	צו די קינדער ישראל,
וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם	און דו זאלסט זאגען צו זיי:
כִּי תָבֹאוּ	ווען איהר וועט קומען
אֶל־אֶרֶץ	צו דעם לאַנד
מוֹשְׁבֹתֵיכֶם	פון אייערע וואָהנונגען,
אֲשֶׁר אֲנִי נֹתֵן לָכֶם׃	וואס איך גיב אייך.
3. וַעֲשִׂיתֶם	3. און איהר וועט וועלען [6]מאַכען
אִשֶּׁה לַיהֹוָה	אַ פייער־אָפּפער צום עוויגען
עֹלָה אוֹ־זֶבַח	אַ בראַנד־אָפּפער, אדער אַ שלאַכטונג,
לְפַלֵּא־נֶדֶר	צום בעזאָנדערן צוזאָג,
אוֹ בִנְדָבָה	אדער אַלס פרייוויליגע גאַבע,
אוֹ בְּמֹעֲדֵיכֶם	אדער אין אייערע פעסט־טעג,
לַעֲשׂוֹת	צו [6]מאַכען
רֵיחַ נִיחֹחַ לַיהֹוָה	אַ ליבליכען גערוך פיר דעם עוויגען,
מִן־הַבָּקָר	פון די רינדער
אוֹ מִן־הַצֹּאן׃	אדער פון די שאָף.
4. וְהִקְרִיב	4. דאַן זאל ברייגגען
הַמַּקְרִיב קָרְבָּנוֹ לַיְיָ	דער, וואס ברייגגט זיין אָפּפער צום עוויגען,
מִנְחָה סֹלֶת עִשָּׂרוֹן	אַ שפּייז אָפּפער פון אַ צעהנטעל פיינע מעהל
בָּלוּל	געמישט
בִּרְבִיעִת הַהִין שָׁמֶן	מיט אַ פערטיל הין אייל.
5. וְיַיִן לַנֶּסֶךְ	5. און וויין פיר אַ טראַנק־אָפּפער
רְבִיעִית הַהִין	אַ פערטעל הין,

1) זשע. 2) געלינגען. 3) אונטערשטאַנען, ערדרייסטעט. 4) זיך געריהרט, אָבגעוויכען. 5) צושמיסען, צושטויסען, צערספּרענגט; זעה באור. 6) אָפּפערן, בערייטען.

תעשה על־העלה	זאלסט'ו 'מאכען צום בראנד־אפפער
או לזבח	אדער צו דער שלאכטונג,
לכבש האחד :	פיר (יעדען) איין לאם.[2]
6. או לאיל	6. [3]אבער צו א ווידער
תעשה מנחה	זאלסט'ו 'מאכען א שפייז־אפפער
סלת שני עשרנים	(פון) צוויי צעהנטעל פיינע מעהל,
בלולה בשמן	געמישט מיט אייל
שלשית ההין :	א דריטעל הין.
7. ויין לנסך	7. און וויין פיר א טראנק־אפפער
שלשית ההין	א דריטעל הין
תקריב	זאלסט'ו בריינגען
ריח־ניחח ליהוה :	(צום) ליבליכען גערוך פיר דעם עוויגען.
חמישי	חמישי
8. וכי־תעשה	8. און ווען דו ווערסט 'מאכען
בן־בקר	א יונגען רינד
עלה או־זבח	(אלס בראנד־אפפער אדער שלאכטונג,
לפלא־נדר	צום בעזאנדערען צוזאג,
או־שלמים ליהוה :	אדער (אלס) פרידענס־אפפער צום עוויגען.
9. והקריב	9. דאן זאל מען בריינגען
על־בן־הבקר	צום יונגען רינד
מנחה	א שפייז־אפפער
סלת שלשה עשרנים	(פון) דריי צעהנטעל פיינע מעהל,
בלול בשמן	געמישט מיט אייל
חצי ההין :	א האלבען הין.
10. ויין	10. און וויין
תקריב לנסך	זאלסט'ו בריינגען פיר א טראנק־אפפער
חצי ההין	א האלבען הין,
אשה	(עס איז) א פייער־אפפער
ריח־ניחח ליהוה :	(צום) ליבליכען גערוך פיר דעם עוויגען.
11. ככה יעשה	11. אזוי זאל געטאן ווערען
לשור האחד	ביי (יעדען) איין אקס.
או לאיל האחד	אדער ביי (יעדען) איין ווידער,
או־לשה	אדער ביי א לאם
בכבשים או בעזים :	אונטער די שאף אדער אונטער די ציגען.
12. כמספר	12. נאך דער צאהל,
אשר תעשו	וואס איהר וועט 'מאכען,

ככה תעשו לאחד	אזוי זאלט איהר טהאן ביי (יעדען) איינעם,
כמספרם :	נאך זייער צאהל.[2]
13. כל־האזרח	13. יעדער איינגעבארענער
יעשה־ככה את־אלה	זאל אזוי מאכען דיזע,
להקריב אשה	צו בריינגען א פייער־אפפער
ריח־ניחח ליהוה :	(צום) ליבליכען גערוך פיר דעם עוויגען.
14. וכי־יגור אתכם	14. און ווען עס וועט זיך אויפהאלטען ביי אייך
גר	א פרעמדער
או אשר־בתוככם	אדער דער, וואס איז צווישען אייך,
לדרתיכם	פיר אייערע געשלעכטער,
ועשה אשה	און ער וועט וועלען מאכען א פייער־אפפער
ריח־ניחח ליהוה	(צום) ליבליכען גערוך פיר דעם עוויגען,
כאשר תעשו	ווי איהר וועט טהאן,
כן יעשה :	אזוי זאל ער טהאן.
15. הקהל	15. פערזאמלונג !
חקה אחת לכם	איין געזעטץ (זאל זיין) פיר אייך
ולגר	און פיר דעם פרעמדען,
הגר	וועלכער האלט זיך אויף (ביי אייך),
חקת עולם	איין עוויגעס געזעטץ (זאל עס זיין)
לדרתיכם	פיר אייערע געשלעכטער:
ככם כגר יהיה	ווי איהר אזוי זאל זיין דער פרעמדער
לפני יהוה :	פאר דעם עוויגען.
16. תורה אחת	16. איין לעהרע
ומשפט אחד	און איין רעכט
יהיה לכם	זאל זיין פיר אייך
ולגר	און פיר דעם פרעמדען,
הגר אתכם :	וועלכער האלט זיך אויף ביי אייך.
ששי	ששי
17. וידבר יי אל־משה	17. און דער עוויגער האט גערעט צו משה,
לאמר :	זאגענדיג:
18. דבר	18. רייד
אל־בני ישראל	צו די קינדער ישראל.
ואמרת אלהם	און דו זאלסט זאגען צו זיי:
בבאכם אל־הארץ	ווען איהר וועט קומען אין דאס לאנד,
אשר אני מביא אתכם שמה :	וואס איך בריינג אייך דארטען.

1) אפפערן,בערייטען. 2) ד. ה. פיר יעדעס פיה מוז מען בריינגען דאס שפייז־אפפער, די אייל און וויין, ווי אויבען שטעהט. זעה רש"י צו פ' 5 און 12. 3) אדער.

19. וְהָיָה	19. דאַן זאָל זיין,
בַּאֲכָלְכֶם	ווען איהר וועט עסען
מִלֶּחֶם הָאָרֶץ	פון דעם ברויט פון דעם לאַנד,
תָּרִימוּ תְרוּמָה לַיהוָה׃	זאָלט איהר ¹אָבשיידען אַ הייב־אָפּפער צום עוויגען.
20. רֵאשִׁית	20. (אַלס) ערסטלינג
עֲרִסֹתֵכֶם	פון אייער טייג
חַלָּה תָּרִימוּ	זאָלט איהר ¹אָבשיידען אַ קוכען
תְרוּמָה	(אַלס) הייב־אָפּפער,
כִּתְרוּמַת גֹּרֶן	ווי דאָס הייב־אָפּפער פון דער ²טענע,
כֵּן תָּרִימוּ אֹתָהּ׃	אַזוי זאָלט איהר עס אָבשיידען.
21. מֵרֵאשִׁית	21. פון דעם ערסטלינג
עֲרִסֹתֵיכֶם	פון אייער טייג
תִּתְּנוּ לַיהוָה תְּרוּמָה	זאָלט איהר געבען צום עוויגען אַ הייב־אָפּפער
לְדֹרֹתֵיכֶם׃	פיר אייערע געשלעכטער.
22. וְכִי תִשְׁגּוּ	22. און ווען איהר וועט פעראירערן,
וְלֹא תַעֲשׂוּ	און איהר וועט ניט טהאָן
אֵת כָּל־הַמִּצְוֹת הָאֵלֶּה	דיזע אַלע געבאָטע,
אֲשֶׁר־דִּבֶּר יְהוָה	וועלכע דער עוויגער האָט גערעט
אֶל־מֹשֶׁה׃	צו משה.
23. אֵת כָּל־אֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֲלֵיכֶם	23. אַלעס וואָס דער עוויגער האָט בעפוילען צו אייך
בְּיַד־מֹשֶׁה	דורך משה,
מִן־הַיּוֹם	פון דעם טאָג,
אֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה	וואָס דער עוויגער האָט בעפוילען
וָהָלְאָה	און ווייטער
לְדֹרֹתֵיכֶם׃	פיר אייערע געשלעכטער.
24. וְהָיָה	24. דאַן זאָל עס זיין,
אִם מֵעֵינֵי הָעֵדָה	אויב ³אויספערזעהען פון דער געמיינדע
נֶעֶשְׂתָה לִשְׁגָגָה	איז עס געטאָן געוואָרען דורך אירטהום,
וְעָשׂוּ כָל־הָעֵדָה	דאַן זאָל ⁴מאַכען די גאַנצע געמיינדע
פַּר בֶּן־בָּקָר אֶחָד	איין יונגען שטיר
לְעֹלָה	פיר אַ בראַנד־אָפּפער
לְרֵיחַ נִיחֹחַ לַיהוָה	צום ליבליכען גערוך פיר דעם עוויגען,
וּמִנְחָתוֹ וְנִסְכּוֹ	און זיין שפּייז־אָפּפער און זיין טראַנק־אָפּפער
כַּמִּשְׁפָּט	נאָך דעם רעכט.

וּשְׂעִיר־עִזִּים אֶחָד	און איין ציגען־באָק
לְחַטָּת׃ (חסר א׳)	פיר אַ זינד־אָפּפער.
25. וְכִפֶּר הַכֹּהֵן	25. און דער פּריסטער זאָל פערגעבען
עַל־כָּל־עֲדַת	אויף די גאַנצע געמיינדע
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	פון די קינדער ישראל,
וְנִסְלַח לָהֶם	און עס וועט זיי פערגעבען ווערען,
כִּי־שְׁגָגָה הִוא	דען עס איז איין אירטהום,
וְהֵם הֵבִיאוּ	און זיי האָבען געבראַכט
אֶת־קָרְבָּנָם	זייער אָפּפער,
אִשֶּׁה לַיהוָה	אַ פייער־אָפּפער צום עוויגען
וְחַטָּאתָם	און זייער זינד־אָפּפער
לִפְנֵי יְהוָה	פאַר דעם עוויגען
עַל־שִׁגְגָתָם׃	וועגען זייער אירטהום.
26. וְנִסְלַח	26. און עס וועט פערגעבען ווערען
לְכָל־עֲדַת	צו דער גאַנצען געמיינדע
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	פון די קינדער ישראל
וְלַגֵּר	און צו דעם פרעמדען,
הַגָּר בְּתוֹכָם	וועלכער האַלט זיך אויף צווישען זיי,
כִּי לְכָל־הָעָם	דען צום גאַנצען פאָלק
בִּשְׁגָגָה׃	(איז עס געשעהן) דורך אירטהום.
שְׁבִיעִי	שְׁבִיעִי
27. וְאִם־נֶפֶשׁ אַחַת	27. און אויב איין פּערזאָן
תֶּחֱטָא בִשְׁגָגָה	וועט זינדיגען דורך אירטהום,
וְהִקְרִיבָה	דאַן זאָל זי ברינגען
עֵז בַּת־שְׁנָתָהּ	אַ ציג פון אַ יאָהר אַלט
לְחַטָּאת׃	פיר אַ זינד־אָפּפער.
28. וְכִפֶּר הַכֹּהֵן	28. און דער פּריסטער זאָל פערגעבען
עַל־הַנֶּפֶשׁ	אויף די פּערזאָן,
הַשֹּׁגֶגֶת	וועלכע האָט געאירערט,
בְּחֶטְאָה בִשְׁגָגָה	דאַמיט, וואָס זי האָט געזינדיגט דורך אירטהום
לִפְנֵי יְהוָה	פאַר דעם עוויגען,
לְכַפֵּר עָלָיו	צו פערגעבען אויף איהם,
וְנִסְלַח לוֹ׃	און עס וועט איהם פערגעבען ווערען.
29. הָאֶזְרָח	29. (פיר) דעם איינגעבאָרענעם
בִּבְנֵי יִשְׂרָאֵל	אונטער די קינדער ישראל
וְלַגֵּר	און פיר דעם פרעמדען,

1) אָבהייבען. 2) דרעש־שייער. 3) פון ניט זעהן, פון ניט בעמערקען, אָהנע וויסען. 4) אָפּפערן, בערייטען.

הגר בתוכם	וועלכער האַלט זיך אויף צווישען זיי,
תורה אחת	איין [1]געזעטץ
יהיה לכם	זאל זיין ביי אייך
לעשה בשגגה :	פיר דעם, וואס טהוט דורך אירטהום.
30. והנפש	30. אבער די פּערזאָן,
אשר־תעשה |	וועלכע וועט טהאָן
ביד רמה	מיט אויפגעהויבענער האַנד[2]
מן־האזרח	פון דעם איינגעבאָרענעם
ומן־הגר	אדער פון דעם פרעמדען,
את־יהוה הוא מגדף	לעסטערט ער דעם עווינען.
ונכרתה	און עס זאל אויסגעראָטעט ווערען
הנפש ההוא	יענע פּערזאָן
מקרב עמה :	פון צווישען איהר פאָלק.
31. כי דבר־יי בזה	31. דען דעם עוויגען'ס וואָרט האט ער פעראַכטעט
ואת־מצותו הפר	און זיין געבאָט האט ער פערשטערט,
הכרת | תכרת	אויסגעראָטעט זאל ווערען
הנפש ההוא	יענע פּערזאָן,
עונה ה׳ רפה בה :	איהר זינד איז אויף איהר.
32. ויהיו בני־ישראל	32. ווען די קינדער ישראל זיינען געווען
במדבר	אין דער וויסטע,
וימצאו איש	האָבען זיי געפונען אַ מאַן
מקשש עצים	קלייבענדיג האָלץ
ביום השבת :	אין דעם רוהע־טאָג.
33. ויקריבו אתו	33. און עס האבען איהם געבראַכט
המצאים אתו	די, וועלכע האבען איהם געפונען
מקשש עצים	קלייבענדיג האָלץ,
אל־משה ואל־אהרן	צו משה און צו אהרן
ואל כל־העדה :	און צו דער גאַנצען געמיינדע.
34. ויניחו אתו	34. און זיי האבען איהם אריינ־געזעצט
במשמר	אין דאס [3]וואַכט־הויז,
כי לא פרש	דען עס איז ניט געווען ערקלערט,
מה־יעשה לו :	וואס איהם זאל געטאָן ווערען.
35 ויאמר יי אל־משה	35. און דער עוויגער האט געזאגט צו משה:
מות יומת האיש	געטויטעט זאל ווערען דער מאַן;
רגום אתו באבנים	פערוואַרפען זאל איהם מיט שטיינער
כל־העדה	די גאַנצע געמיינדע

מחוץ למחנה :	אויסער־האַלב פון דעם לאַגער.
36. ויציאו אתו	36. און עס האט איהם ארויסגעפיהרט
כל־העדה	די גאַנצע געמיינדע
אל־מחוץ למחנה	אויסער־האַלב פון דעם לאַגער,
וירגמו אתו באבנים	און זיי האבען איהם פערוואָרפען מיט שטיינער,
וימת	און ער איז געשטאָרבען,
כאשר צוה יהוה את־משה :	ווי דער עוויגער האט בעפוילען משה.
מפטיר	מפטיר
37 ויאמר יי אל־משה	37. און דער עוויגער האט געזאגט צו משה,
לאמר :	זאָגענדיג:
38. דבר	38. רייד
אל־בני ישראל	צו די קינדער ישראל,
ואמרת אלהם	און דו זאלסט זאגען צו זיי,
ועשו להם ציצת	דאס זיי זאלען מאַכען פיר זיך [4]ישוי־פעדעם
על־כנפי בגדיהם	אויף די עקען פון זייערע קליידער
לדרתם	ביי זייערע געשלעכטער,
ונתנו	און זיי זאלען [5]געבען
על־ציצת הכנף	צו די [4]ישוי־פעדעם פון דעם עק
פתיל תכלת :	אַ שנור פון בלויע וואָל:
39. והיה לכם לציצת	39. און עס זאל זיין ביי אייך אַלס [4]ישוי־פעדעם,
וראיתם אתו	דאס איהר זאלט עס זעהן,
וזכרתם	און איהר זאלט געדיינקען
את־כל־מצות יהוה	אלע געבאָטע פון דעם עוויגען,
ועשיתם אתם	און איהר זאלט זיי טהאָן,
ולא־תתורו	און איהר זאלט ניט [6]נאָכגיין
אחרי לבבכם	נאך אייער האַרצען
ואחרי עיניכם	און נאך אייערע אויגען,
אשר־אתם זנים	וואס איהר קעהרט אָב
אחריהם :	נאך זיי.
40. למען תזכרו	40. אום איהר זאלט געדיינקען,
ועשיתם	און איהר זאלט טהאָן
את־כל־מצותי	אלע מיינע געבאָטע,
והייתם קדשים	און איהר זאלט זיין הייליג
לאלהיכם :	צו אייער גאָט.
41. אני יי אלהיכם	41. איך בין דער עוויגער, אייער גאָט,

1) לעהרע. 2) ד. ה. עפענטליך און מיט ווילען. 3) געפענגניס. 4) פערדעם צו קוקען אויף זיי. 5) מאַכען, זעצען, אַנברייגגען. 6) נאָכזוכען, נאָכפאָרשען נאך די תאות הלב.

אֲשֶׁר הוֹצֵאתִי אֶתְכֶם	וואס איך האב אייך ארויס־געפיהרט
מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם	פון דעם לאַנד מצרים,
לִהְיוֹת לָכֶם לֵאלֹהִים	צו זיין צו אייך פיר א גאט;
אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃	איך בין דער עוויגער, אייער גאט.

קֹרַח KORACH

Cap. XVI. טז

1. וַיִּקַּח קֹרַח	1. און עס האט זיך גענומען[1] קרח,
בֶּן־יִצְהָר	דער זוהן פון יצהר,
בֶּן־קְהָת	דער זוהן פון קהת,
בֶּן־לֵוִי	דער זוהן פון לוי,
וְדָתָן וַאֲבִירָם	און דתן און אבירם,
בְּנֵי אֱלִיאָב	די זוהן פון אליאב,
וְאוֹן בֶּן־פֶּלֶת	און און, דער זוהן פון פלת,
בְּנֵי רְאוּבֵן׃	די זוהן פון ראובן.
2. וַיָּקֻמוּ לִפְנֵי מֹשֶׁה	2. און זיי האבען זיך גע־שטעלט פאר משה
וַאֲנָשִׁים	און מענער
מִבְּנֵי־יִשְׂרָאֵל	פון די קינדער ישראל,
חֲמִשִּׁים וּמָאתָיִם	צוויי הונדערט און פופציג,
נְשִׂיאֵי עֵדָה	די פירשטען פון דער געמיינדע,
קְרִאֵי מוֹעֵד	בערופענע צו דער פערזאמלונג,
אַנְשֵׁי שֵׁם׃	מענער פון נאמען.
3. וַיִּקָּהֲלוּ	3. און זיי האבען זיך פערזאמעלט
עַל־מֹשֶׁה וְעַל־אַהֲרֹן	געגען משה און געגען אהרן
וַיֹּאמְרוּ אֲלֵהֶם	און זיי האבען געזאגט צו זיי:
רַב־לָכֶם	[2]גענוג פיר אייך!
כִּי כָל־הָעֵדָה	דען די גאַנצע געמיינדע
כֻּלָּם קְדֹשִׁים	זיינען אלע הייליגע,
וּבְתוֹכָם יְהוָה	און צווישען זיי איז דער עוויגער,
וּמַדּוּעַ תִּתְנַשְּׂאוּ	און ווארום זאלט איהר אייך ערהויבען
עַל־קְהַל יְהוָה׃	איבער די פערזאַמלונג פון דעם עוויגען?
4. וַיִּשְׁמַע מֹשֶׁה	4. ווען משה האט (עס) געהערט,
וַיִּפֹּל עַל־פָּנָיו׃	דאַן איז ער געפאַלען אויף זיין געזיכט.
5. וַיְדַבֵּר אֶל־קֹרַח	5. און ער האט גערעדט צו קרח
וְאֶל־כָּל־עֲדָתוֹ	און צו זיין גאַנצע געמיינדע,
לֵאמֹר	זאָגענדיג:

בֹּקֶר וְיֹדַע יְהוָה	מאָרגען, דאַן וועט דער עוויגער בעקאַנט מאַכען
אֶת־אֲשֶׁר־לוֹ	ווער עס געהערט צו איהם,
וְאֶת־הַקָּדוֹשׁ	און דעם הייליגען
וְהִקְרִיב אֵלָיו	וועט ער דערנעהנטערן צו זיך,
וְאֵת אֲשֶׁר יִבְחַר־בּוֹ	און וועמען ער וועט ערוועהלען,
יַקְרִיב אֵלָיו׃	דעם וועט ער דערנעהנטערן צו זיך.
6. זֹאת עֲשׂוּ	6. טהוט דיזעס:
קְחוּ־לָכֶם מַחְתּוֹת	נעהמט אייך פייער־פאַנען,
קֹרַח וְכָל־עֲדָתוֹ׃	קרח און זיין גאַנצע געמיינדע.
7. וּתְנוּ בָהֵן ׀ אֵשׁ	7. און גיט אין זיי פייער,
וְשִׂימוּ עֲלֵיהֶן ׀ קְטֹרֶת	און לייגט אויף זיי רויכער־ווערק,
לִפְנֵי יְהוָה	פאר דעם עוויגען
מָחָר	מאָרגען;
וְהָיָה	און עס וועט זיין,
הָאִישׁ אֲשֶׁר־יִבְחַר יְיָ	דעם מאַן, וועלכען דער עוויגער וועט אויסוועהלען,
הוּא הַקָּדוֹשׁ	ער איז דער הייליגער;
רַב־לָכֶם בְּנֵי לֵוִי׃	[2]גענוג פיר אייך, קינדער פון לוי!
8. וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה	8. און משה האט געזאגט
אֶל־קֹרַח	צו קרח:
שִׁמְעוּ־נָא בְּנֵי לֵוִי׃	הערט דאָך, קינדער פון לוי!
9. הַמְעַט מִכֶּם	9. איז עס ווייניג פיר אייך,
כִּי־הִבְדִּיל אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אֶתְכֶם	דאס דער גאט פון ישראל האט אייך אָבגעזאָנדערט
מֵעֲדַת יִשְׂרָאֵל	פון דער געמיינדע פון ישראל,
לְהַקְרִיב אֶתְכֶם אֵלָיו	אייך צו דערנעהנטערן צו איהם
לַעֲבֹד אֶת־עֲבֹדַת	צו דינען דעם דינסט
מִשְׁכַּן יְהוָה	פון דעם עוויגען׳ס וואָהנונג
וְלַעֲמֹד לִפְנֵי הָעֵדָה	און צו שטעהן פאר דער געמיינדע
לְשָׁרְתָם׃	זיי צו בעדינען.
10. וַיַּקְרֵב אֹתְךָ	10. און ער האט דערנעהנ־טערט דיך
וְאֶת־כָּל־אַחֶיךָ	און אַלע דיינע ברידער,
בְנֵי־לֵוִי	די קינדער פון לוי,
אִתָּךְ	מיט דיר,
וּבִקַּשְׁתֶּם גַּם־כְּהֻנָּה׃	דאס איהר פערלאַנגט אויך פריסטערטהום?
11. לָכֵן	11. דארום
אַתָּה וְכָל־עֲדָתְךָ	דו און דיין גאנצע געמיינדע

1) עס פעהלט דער אָביעקט „וואס" ער האט גענומען; זעה דאַריבער רש"י און דר. פיליפזאהן׳ס קאָמענטאַר; אם בעסטען איז: קרח און דתן א. ז. וו. האבען גענומען (מענער), ויקומו וכ׳ו. מיר האבען עס איבערזעצט ווי מען רעדט אין אידיש: זיי האבען זיך גענומען און געשטעלט א. ז. וו. 2) צופיל גרויסקייט האט איהר אייך גענומען.

הַנֹּעָדִים	וועלכע האבען זיך פערזאמעלט,
עַל־יְהוָה	(זייט איהר) געגען דעם עוויגען,
וְאַהֲרֹן מַה־הוּא	דען אהרן, וואס איז ער,
כִּי תַלִּינוּ עָלָיו׃	דאס איהר קריגט געגען איהם?
12. וַיִּשְׁלַח מֹשֶׁה	12. און משה האט געשיקט
לִקְרֹא	[צו] רופען
לְדָתָן וְלַאֲבִירָם	[צו] דתן און [צו] אבירם,
בְּנֵי אֱלִיאָב	די זיהן פון אליאב;
וַיֹּאמְרוּ	אבער זיי האבען געזאגט:
לֹא נַעֲלֶה׃	מיר וועלען ניט ארויף קומען
13. הַמְעַט	13. איז עס ווייניג,
כִּי הֶעֱלִיתָנוּ	דאס דו האסט אונז ארויף געפיהרט
מֵאֶרֶץ	פון א לאנד,
לָךְ	צו דיר,
אֶרֶץ	אַ לאַנד,
זָבַת חָלָב וּדְבָשׁ׃	וואס פליסט (מיט) מילך און האָניג,

1) ד. ה. הלואי, 2) ד. ה. אין גאַנצען ווי דער עוויגער האט בעפוילען,

שִׁשִּׁי	שִׁשִּׁי
4. שְׁמַע יִשְׂרָאֵל	4. הער ישראל.
יְהוָה אֱלֹהֵינוּ	[1]דער עוויגער איז אונזער גאט,
יְהוָה ׀ אֶחָד׃	דער עוויגער איז איינער.
5. וְאָהַבְתָּ	5. און דו זאלסט ליבען
אֵת יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	דעם עוויגען, דיין גאט,
בְּכָל־לְבָבְךָ	מיט דיין גאנצען הארצען
וּבְכָל־נַפְשְׁךָ	און מיט דיין גאנצע זעלע
וּבְכָל־מְאֹדֶךָ׃	און מיט דיין גאנצען פערמעגען.
6. וְהָיוּ	6. און עס זאלען זיין
הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה	דיזע ווערטער,
אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ	וועלכע איך בעפויל דיך
הַיּוֹם	הייטע,
עַל־לְבָבֶךָ׃	אויף דיין הארצען.
7. וְשִׁנַּנְתָּם לְבָנֶיךָ	7. און דו זאלסט זיי [2]איינשארפען [צו] דיינע קינדער,
וְדִבַּרְתָּ בָּם	און דו זאלסט ריידען וועגען זיי,
בְּשִׁבְתְּךָ בְּבֵיתֶךָ	ווען דו זיצסט אין דיין הויז,
וּבְלֶכְתְּךָ בַדֶּרֶךְ	און ווען דו גייסט אין וועג,
וּבְשָׁכְבְּךָ	און ווען דו לייגסט זיך (שלאפען),
וּבְקוּמֶךָ׃	און ווען דו שטייסט אויף.
8. וּקְשַׁרְתָּם לְאוֹת	8. און דו זאלסט זיי אנבינדען אלס צייכען
עַל־יָדֶךָ	אויף דיין האנד,
וְהָיוּ לְטֹטָפֹת	און זיי זאלען זיין צו [3]שטערען־בענדער
בֵּין עֵינֶיךָ׃	צווישען דיינע אויגען.
9. וּכְתַבְתָּם	9. און דו זאלסט זיי אנשרייבען
עַל־מְזֻזוֹת בֵּיתֶךָ	אויף די פפאסטען פון דיין הויז
וּבִשְׁעָרֶיךָ׃	און אין דיינע טויערען.
10. וְהָיָה	10. און עס וועט זיין,
כִּי־יְבִיאֲךָ ׀ יְיָ אֱלֹהֶיךָ	ווען דער עוויגער, דיין גאט, וועט דיך בריינגען
אֶל־הָאָרֶץ	אין דאס לאנד,
אֲשֶׁר נִשְׁבַּע לַאֲבֹתֶיךָ	וואס ער האט געשווארען צו דיינע עלטערן,
לְאַבְרָהָם	צו אברהם,
לְיִצְחָק וּלְיַעֲקֹב	צו יצחק און צו יעקב,
לָתֶת לָךְ	דיר צו געבען
עָרִים גְּדֹלֹת וְטֹבֹת	גרויסע און גוטע שטערט,
אֲשֶׁר לֹא־בָנִיתָ׃	וועלכע דו האסט ניט געבויט.

11. וּבָתִּים	11. און הייזער
מְלֵאִים כָּל־טוּב	פול מיט אלעם גוטען,
אֲשֶׁר לֹא־מִלֵּאתָ	וועלכע דו האסט ניט געפילט,
וּבֹרֹת חֲצוּבִים	און אויסגעהאקטע ברונענס
אֲשֶׁר לֹא־חָצַבְתָּ	וועלכע דו האסט ניט אויסגעהאקט,
כְּרָמִים וְזֵיתִים	וויין־גערטנער און אייל־בוימער,
אֲשֶׁר לֹא־נָטָעְתָּ	וועלכע דו האסט ניט געפלאנצט,
וְאָכַלְתָּ	און דו וועסט עסען,
וְשָׂבָעְתָּ׃	און דו וועסט זאט ווערען.
12. הִשָּׁמֶר לְךָ	12. (דאן) זאלסט'ו זיך היטען
פֶּן־תִּשְׁכַּח אֶת־יְהוָה	דאס דו זאלסט ניט פערגעסען דעם עוויגען,
אֲשֶׁר הוֹצִיאֲךָ	וועלכער האט דיך ארויסגעפיהרט
מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם	פון דעם לאנד מצרים
מִבֵּית עֲבָדִים׃	פון קנעכט־הויז.
13. אֶת־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	13. דעם עוויגען, דיין גאט,
תִּירָא	זאלסט'ו פירכטען,
וְאֹתוֹ תַעֲבֹד	און איהם זאלסט'ו דינען,
וּבִשְׁמוֹ תִּשָּׁבֵעַ׃	און ביי זיין נאמען זאלסט'ו שווערען.
14. לֹא תֵלְכוּן	14. איהר זאלט ניט גיין
אַחֲרֵי אֱלֹהִים אֲחֵרִים	נאך אנדערע געטער,
מֵאֱלֹהֵי הָעַמִּים	פון די געטער פון די פעלקער,
אֲשֶׁר סְבִיבוֹתֵיכֶם׃	וועלכע זיינען ארום אייך.
15. כִּי אֵל קַנָּא	15. דען איין אייפריגער גאט
יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	איז דער עוויגער, דיין גאט,
בְּקִרְבֶּךָ	צווישען דיר,
פֶּן־יֶחֱרֶה	אום עס זאל ניט ברענען
אַף־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	דער צארן פון דעם עוויגען, דיין גאט,
בָּךְ	איבער דיר,
וְהִשְׁמִידְךָ	און ער וועט דיך פערטילגען
מֵעַל פְּנֵי הָאֲדָמָה׃	פון דער פלעכע פון דער ערד.
16. לֹא תְנַסּוּ	16. איהר זאלט ניט פרופען
אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם	דעם עוויגען, אייער גאט,
כַּאֲשֶׁר נִסִּיתֶם	ווי איהר האט (איהם) געפרופט
בַּמַּסָּה׃	אין מסה.
17. שָׁמוֹר תִּשְׁמְרוּן	17. איהר זאלט היטען
אֶת־מִצְוֹת	די געבאטען

1) אדער דער עוויגער, אונזער גאט. 2) איינג'חזר'ן, איינאיבען. 3) תפלין של ראש.

יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם	פון דעם עוויגען, אייער גאט
וְעֵדֹתָיו וְחֻקָּיו	און זיינע צייגנים און זיינע געזעטצען
אֲשֶׁר צִוָּךְ׃	וועלכע ער האט דיך בעפוילען.
18. וְעָשִׂיתָ	18. און דו זאלסט טהאָן
הַיָּשָׁר וְהַטּוֹב	דאס רעכטע און דאס גוטע
בְּעֵינֵי יְהוָה	אין דעם עוויגען'ס אויגען,
לְמַעַן יִיטַב לָךְ	אום דיר זאל גוט זיין,
וּבָאתָ	און דו זאלסט קומען,
וְיָרַשְׁתָּ	און דו זאלסט ערבען
אֶת־הָאָרֶץ הַטֹּבָה	דאס גוטע לאנד,
אֲשֶׁר־נִשְׁבַּע יְהוָה	וואס דער עוויגער האט געשווארען
לַאֲבֹתֶיךָ׃	צו דיינע עלטערן.
19. לַהֲדֹף	19. צו פערשטויסען
אֶת־כָּל־אֹיְבֶיךָ	אלע דיינע פיינדע
מִפָּנֶיךָ	פון דיר,
כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה׃	ווי דער עוויגער האט גערעדט.
20. כִּי־יִשְׁאָלְךָ בִנְךָ	20. ווען דיין זוהן וועט דיך פרעגען
מָחָר	[1]מאָרגען,
לֵאמֹר	זאגענדיג:
מָה הָעֵדֹת	וואס איז די צייגנים
וְהַחֻקִּים וְהַמִּשְׁפָּטִים	און די געזעטצען און די רעכטען,
אֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֱלֹהֵינוּ אֶתְכֶם׃	וועלכע דער עוויגער, אונזער גאט, האט אייך בעפוילען?
21. וְאָמַרְתָּ לְבִנְךָ	21. דאַן זאלסט'ו זאגען צו דיין זוהן:
עֲבָדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה	קנעכט זיינען מיר געוועזען ביי פרעה
בְּמִצְרָיִם	אין מצרים
וַיֹּצִיאֵנוּ יי מִמִּצְרַיִם	און דער עוויגער האט אונז אַרויסגעפיהרט פון מצרים
בְּיָד חֲזָקָה׃	מיט אַ שטאַרקע האַנד.
22. וַיִּתֵּן יְהוָה	22. און דער עוויגער האט [2]געגעבען
אֹתֹת וּמֹפְתִים	צייכענס און וואונדער,
גְּדֹלִים וְרָעִים	גרויסע און שלעכטע,
בְּמִצְרַיִם	אין מצרים,
בְּפַרְעֹה וּבְכָל־בֵּיתוֹ	איבער פרעה און איבער זיין גאַנצעס הויז,
לְעֵינֵינוּ׃	פאר אונזערע אויגען.
23. וְאוֹתָנוּ	23. און אונז
הוֹצִיא מִשָּׁם	האט ער אַרויסגעפיהרט פון דאַרט,
לְמַעַן הָבִיא אֹתָנוּ	אום אונז אַריינצוברייננגען,
לָתֶת לָנוּ	אונז צו געבען
אֶת־הָאָרֶץ	דאס לאַנד,
אֲשֶׁר נִשְׁבַּע	וואס ער האט געשווארען
לַאֲבֹתֵינוּ׃	צו אונזערע עלטערן.
24. וַיְצַוֵּנוּ יְהוָה	24. און דער עוויגער האט אונז בעפוילען
לַעֲשׂוֹת	צו טהאָן
אֶת־כָּל־הַחֻקִּים הָאֵלֶּה	דיזע אלע געזעטצען,
לְיִרְאָה	צו פירכטען
אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵינוּ	דעם עוויגען, אונזער גאט,
לְטוֹב לָנוּ	אום אונז זאל גוט זיין
כָּל־הַיָּמִים	אַלע צייטען,
לְחַיֹּתֵנוּ כְּהַיּוֹם הַזֶּה׃	אונז דאס לעבען צו ער־האַלטען, ווי דיזען טאַג.
25. וּצְדָקָה תִּהְיֶה־לָּנוּ	25. און עס וועט פיר אונז [3]זיין אַ גערעכטיגקייט,
כִּי־נִשְׁמֹר לַעֲשׂוֹת	ווען מיר וועלען היטען צו טהאָן
אֶת־כָּל־הַמִּצְוָה הַזֹּאת	דיזעס גאַנצע געבאָט
לִפְנֵי יְהוָה אֱלֹהֵינוּ	פאר דעם עוויגען, אונזער גאט,
כַּאֲשֶׁר צִוָּנוּ׃	ווי ער האט אונז בעפוילען.
CAP. VII.	ז
שְׁבִיעִי	שְׁבִיעִי
1. כִּי יְבִיאֲךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	1. ווען דער עוויגער דיין גאט וועט דיך ברייננגען
אֶל־הָאָרֶץ	אין דאס לאַנד,
אֲשֶׁר־אַתָּה בָא־שָׁמָּה	וואס דו [4]קומסט דאָרטען
לְרִשְׁתָּהּ	איהר צו ערבען,
וְנָשַׁל גּוֹיִם־רַבִּים	און ער וועט [5]אַרויסוואַרפען פילע נאַציאָנען
מִפָּנֶיךָ	פאר דיר,
הַחִתִּי וְהַגִּרְגָּשִׁי	דעם חתי און דעם גרגשי,
וְהָאֱמֹרִי וְהַכְּנַעֲנִי	און דעם אמורי און דעם כנעני
וְהַפְּרִזִּי וְהַחִוִּי	און דעם פריזי און דעם חוי
וְהַיְבוּסִי	און דעם יבוסי,
שִׁבְעָה גוֹיִם	זיבען נאַציאָנען,
רַבִּים וַעֲצוּמִים מִמֶּךָּ׃	גרעסערע און שטאַרקערע אלס דו.
2 וּנְתָנָם יי אֱלֹהֶיךָ	2. און דער עוויגער, דיין גאט, וועט זיי געבען

1) ד.ה. צ״: די קינפטיגע צייט. 2) געטאָן. 3) זיין גערעכנעט אלס גערעכטיגקייט. 4) געהסט. 5) אַרויס־טרייבען.

לְפָנֶיךָ	פאר דיר,
וְהִכִּיתָם	און דו וועסט זיי שלאגען,
הַחֲרֵם תַּחֲרִים אֹתָם	זאלסט'ו זיי אין גאנצען פערוויסטען,
לֹא־תִכְרֹת לָהֶם	דו זאלסט ניט שליסען מיט זיי
בְּרִית	א בונד,
וְלֹא תְחָנֵּם׃	און דו זאלסט זיי ניט בעגנאדיגען.
3. וְלֹא תִתְחַתֵּן בָּם	3. און דו זאלסט זיך ניט פערשוועגערען מיט זיי,
בִּתְּךָ	דיין טאכטער
לֹא־תִתֵּן לִבְנוֹ	זאלסט'ו ניט געבען צו זיין זוהן,
וּבִתּוֹ	און זיין טאכטער
לֹא־תִקַּח לִבְנֶךָ׃	זאלסט'ו ניט נעהמען פיר דיין זוהן.
4. כִּי־יָסִיר אֶת־בִּנְךָ	4. דען ער וועט מאכען אפּ־קעהרען דיין זוהן
מֵאַחֲרַי	[1]פון מיר,
וְעָבְדוּ	און זיי וועלען דינען
אֱלֹהִים אֲחֵרִים	אנדערע געטער,
וְחָרָה אַף־יְהוָה בָּכֶם	און דעם עוויגען'ס צארן וועט פרענען געגען אייך,
וְהִשְׁמִידְךָ מַהֵר׃	און ער וועט דיך שנעל פערטילגען.
5. כִּי־אִם־כֹּה תַעֲשׂוּ	5. זאנדערן אזוי זאלט איהר טהאן
לָהֶם	צו זיי:
מִזְבְּחֹתֵיהֶם תִּתֹּצוּ	זייערע אלטארען זאלט איהר [2]צושטויסען,
וּמַצֵּבֹתָם תְּשַׁבֵּרוּ	און זייערע שטאנד־זיילען זאלט איהר [3]צוברעכען,
וַאֲשֵׁירֵהֶם תְּגַדֵּעוּן	און זייערע [4]לינדען־בוימער זאלט איהר אויסהאקען,
וּפְסִילֵיהֶם	און זייערע געשניצטע בילדער
תִּשְׂרְפוּן בָּאֵשׁ׃	זאלט איהר פערברענען אים פייער.
6. כִּי עַם קָדוֹשׁ אַתָּה	6. דען דו ביסט א הייליגעס פאָלק
לַיהוָה אֱלֹהֶיךָ	צום עוויגען, דיין גאט,
בְּךָ בָּחַר	דיך האט ערוועהלט
יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	דער עוויגער, דיין גאט,
לִהְיוֹת לוֹ	צו זיין צו איהם
לְעַם סְגֻלָּה	אלס [5]אייגענטהימליכעס פאָלק
מִכֹּל הָעַמִּים	פון אלע פעלקער.
אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי הָאֲדָמָה׃	וועלכע זיינען אויף דער פלעכע פון דער ערד.
7. לֹא מֵרֻבְּכֶם	7. ניט וויל איהר זייט מעהר
מִכָּל־הָעַמִּים	אלס אלע פעלקער
חָשַׁק יְהוָה בָּכֶם	האט דער עוויגער אייך [6]בעגעהרט,
וַיִּבְחַר בָּכֶם	און ער האט אייך ערוועהלט;
כִּי־אַתֶּם הַמְעַט	דען איהר זייט די ווייניגסטע
מִכָּל־הָעַמִּים׃	פון אלע פעלקער.
8. כִּי	8. זאנדערן,
מֵאַהֲבַת יְהוָה אֶתְכֶם	וייל דער עוויגער ליבט אייך
וּמִשָּׁמְרוֹ	און וייל ער היט
אֶת־הַשְּׁבֻעָה	דעם שוואור,
אֲשֶׁר נִשְׁבַּע	וואס ער האט געשווארען
לַאֲבֹתֵיכֶם	צו אייערע עלטערן,
הוֹצִיא יְהוָה אֶתְכֶם	האט דער עוויגער אייך ארויסגעפיהרט
בְּיָד חֲזָקָה	מיט א שטארקע האנד,
וַיִּפְדְּךָ	און ער האט דיך אויסגע־לייזט
מִבֵּית עֲבָדִים	פון קנעכט־הויז.
מִיַּד פַּרְעֹה	פון דער האנד פון פרעה,
מֶלֶךְ־מִצְרָיִם׃	דעם קעניג פון מצרים.
9. וְיָדַעְתָּ	9. דארום זאלסט'ו וויסען,
כִּי־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	דאס דער עוויגער, דיין גאט
הוּא הָאֱלֹהִים	איז דער גאט,
הָאֵל הַנֶּאֱמָן	דער [7]טרייער גאט,
שֹׁמֵר הַבְּרִית וְהַחֶסֶד	(וועלכער) היט דעם בונד און די גנאדע
לְאֹהֲבָיו	צו די, וואס ליבען איהם,
וּלְשֹׁמְרֵי מִצְוֹתָו	און צו די, וואס היטען זיינע געבאטע,
לְאֶלֶף דּוֹר׃	(ביז) צום טויזענדסטען געשלעכט.
10. וּמְשַׁלֵּם לְשֹׂנְאָיו	10. און ער בעצאהלט צו זיינע האסערס
אֶל־פָּנָיו	אין [8]זיין געזיכט,
לְהַאֲבִידוֹ	אום [9]איהם צו פערניכטען,
לֹא יְאַחֵר לְשֹׂנְאוֹ	ער פערזאמט ניט (צו בע־צאהלען) צו זיין האסער,
אֶל־פָּנָיו	אין זיין געזיכט
יְשַׁלֶּם־לוֹ׃	בעצאהלט ער איהם.
11. וְשָׁמַרְתָּ	11. און דו זאלסט היטען
אֶת־הַמִּצְוָה	דאס געבאט
וְאֶת־הַחֻקִּים	און די געזעטצען
וְאֶת־הַמִּשְׁפָּטִים	און די רעכטען,
אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ	וועלכע איך בעפעהל דיר
הַיּוֹם	הייטע
לַעֲשׂוֹתָם׃	זיי צו טהאן.

1) פון נאכצופאלגען מיר. 2) צופרעכען, צושטערן, צופיצלען. 3) צושמעטערן. 4) געטצען־וועלדער. 5) טהייערעס, בעזאנדערעס. 6) געלוסט, פערלאנגט. 7) וואהרהאפטיגער. 8) זייער; זעה רש"י. 9) זיי.

עֵקֶב

AYKEB.

12. וְהָיָה ׀	12. און עס וועט זיין,
עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן	דאפיר, ווייל איהר וועט געהארכען
אֵת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה	דיזע רעכטען,
וּשְׁמַרְתֶּם	און איהר וועט היטען,
וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם	און איהר וועט זיי טהאן,
וְשָׁמַר יי אֱלֹהֶיךָ לְךָ	דארום וועט דער עוויגער, דיין גאט, היטען פיר דיר
אֶת־הַבְּרִית	דעם בונד
וְאֶת־הַחֶסֶד	און די גנאדע,
אֲשֶׁר נִשְׁבַּע לַאֲבֹתֶיךָ	וועלכע ער האט געשווארען צו דיינע עלטערן.
13. וַאֲהֵבְךָ	13. און ער וועט דיך ליבען,
וּבֵרַכְךָ	און ער וועט דיך בענשען,
וְהִרְבֶּךָ	און ער וועט דיך מעהרען,
וּבֵרַךְ פְּרִי־בִטְנְךָ	און ער וועט בענשען די פרוכט פון דיין לייב[1]
וּפְרִי־אַדְמָתֶךָ	און די פרוכט פון דיין לאנד,
דְּגָנְךָ	דיינע [2]קארן
וְתִירֹשְׁךָ וְיִצְהָרֶךָ	און דיין מאסט און דיין אייל
שְׁגַר־אֲלָפֶיךָ	[3]דאס געווארפענע פון דיינע רינדער
וְעַשְׁתְּרֹת צֹאנֶךָ	און [3]די פערמעהרונג פון דיינע שאף,
עַל הָאֲדָמָה	אויף דעם לאנד,
אֲשֶׁר־נִשְׁבַּע	וואס ער האט געשווארען
לַאֲבֹתֶיךָ	צו דיינע עלטערן
לָתֶת לָךְ׃	דיר צו געבען.
14. בָּרוּךְ תִּהְיֶה	14. דו וועסט זיין געבענשט
מִכָּל־הָעַמִּים	(מעהר) אלס אלע פעלקער,
לֹא־יִהְיֶה בְךָ	עס וועט ניט זיין אונטער דיר
עָקָר וַעֲקָרָה	איין אונפרוכטבארער אדער איין אונפרוכטבארע[4]
וּבִבְהֶמְתֶּךָ׃	און (אויך ניט) אונטער דיינע פיה.
15. וְהֵסִיר יְהוָה מִמְּךָ	15. און דער עוויגער וועט [5]דערווייטערן פון דיר
כָּל־חֹלִי	יעדע קראנקהייט,
וְכָל־מַדְוֵי מִצְרַיִם הָרָעִים	און אלע שלעכטע [6]וויימאגען פון מצרים,
אֲשֶׁר יָדַעְתָּ	וועלכע דו ווייסט,
לֹא יְשִׂימָם בָּךְ	וועט ער זיי ניט לייגען אויף דיך,
וּנְתָנָם בְּכָל־שֹׂנְאֶיךָ׃	זאנדערן ער וועט זיי געבען אויף אלע דיינע האסערס.
16. וְאָכַלְתָּ	16. און דו זאלסט פערצעהרען
אֶת־כָּל־הָעַמִּים	די אלע פעלקער,
אֲשֶׁר יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	וועלכע דער עוויגער, דיין גאט,
נֹתֵן לָךְ	גיט דיר;
לֹא־תָחוֹס עֵינְךָ	דיין אויג זאל ניט שוינען
עֲלֵיהֶם	אויף זיי,
וְלֹא תַעֲבֹד	און דו זאלסט ניט דינען
אֶת־אֱלֹהֵיהֶם	זייערע געטער,
כִּי־מוֹקֵשׁ הוּא לָךְ׃	דען עס איז א פאל־שטריק פאר דיר.
17. כִּי תֹאמַר בִּלְבָבְךָ	17. ווען דו וועסט [7]זאגען אין דיין הארצען:
רַבִּים הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה	דיזע פעלקער זיינען מעהר
מִמֶּנִּי	אלס איך,
אֵיכָה אוּכַל	ווי וועל איך קענען
לְהוֹרִישָׁם׃	זיי פערטרייבען?
18. לֹא תִירָא מֵהֶם	18. (אבער) דו זאלסט זיך ניט פירכטען פאר זיי:
זָכֹר תִּזְכֹּר	דו זאלסט געדיינקען,
אֵת אֲשֶׁר־עָשָׂה יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	וואס דער עוויגער דיין גאט האט געטאן
לְפַרְעֹה	צו פרעה
וּלְכָל־מִצְרָיִם׃	און צו גאנץ מצרים.
19. הַמַּסֹּת הַגְּדֹלֹת	19. די גרויסע פרופונגען,
אֲשֶׁר־רָאוּ עֵינֶיךָ	וועלכע דיינע אויגען האבען געזעהן,
וְהָאֹתֹת וְהַמֹּפְתִים	און די צייכענס און די וואונדער
וְהַיָּד הַחֲזָקָה	און די שטארקע האנד
וְהַזְּרֹעַ הַנְּטוּיָה	און דער אויסגעשטרעקטער ארם,
אֲשֶׁר הוֹצִאֲךָ	(מיט) וועלכע דיך האט ארויסגעפיהרט
יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	דער עוויגער, דיין גאט,
כֵּן־יַעֲשֶׂה יי אֱלֹהֶיךָ	אזוי וועט דער עוויגער דיין גאט טהאן
לְכָל־הָעַמִּים	צו אלע פעלקער,
אֲשֶׁר־אַתָּה יָרֵא	וואס דו פירכטעסט זיך
מִפְּנֵיהֶם׃	פאר זיי.
20. וְגַם אֶת־הַצִּרְעָה	20. און אויך די [8]האורניסע
יְשַׁלַּח יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	וועט דער עוויגער דיין גאט אנשיקען
בָּם	אויף זיי,

1) ד. ה. קינדער. 2) געטריידע. 3) דער צוו־וואוקס. 4) ד. ה. א מאן אדער א פרוי וועלכע קענען קיינע קינדער האבען. 5) אוועגנעהמען, אבשאפען. 6) שמערצען, קראנקהייטען. 7) טראכטען. 8) גיפטיגע פליג.

עַד־אֲבֹד	ביז עס וועלען פערלאָרען ווערען
הַנִּשְׁאָרִים	די איבריג־געבליבענע
וְהַנִּסְתָּרִים מִפָּנֶיךָ׃	און די פערבאָרגענע פאר דיר.
21 לֹא תַעֲרֹץ מִפְּנֵיהֶם	21. דו זאלסט זיך ניט [1]שרעקען פאר זיי,
כִּי־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	דען דער עוויגער, דיין גאט,
בְּקִרְבֶּךָ	איז צווישען דיר.
אֵל גָּדוֹל וְנוֹרָא׃	א גרויסער און פורכטבארער גאט.
22. וְנָשַׁל יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	22. און דער עוויגער, דיין גאט, וועט [2]ארויסווארפען
אֶת־הַגּוֹיִם הָאֵל	דיזע פעלקער
מִפָּנֶיךָ	פאר דיר
מְעַט מְעָט	ביסלעכווייז.
לֹא תוּכַל כַּלֹּתָם מַהֵר	דו וועסט זיי ניט קענען פערניכטען שנעל,
פֶּן־תִּרְבֶּה עָלֶיךָ	אים עס זאלען זיך ניט מעהרען געגען דיר
חַיַּת הַשָּׂדֶה׃	די טהירען פון'ם פעלד.
23. וּנְתָנָם יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	23. אבער דער עוויגער דיין גאט וועט זיי געבען
לְפָנֶיךָ	פאר דיר,
וְהָמָם מְהוּמָה גְדֹלָה	און ער וועט זיי [3]צוטומלען (דורך) א גרויסען [4]טומעל
עַד הִשָּׁמְדָם׃	ביז זיי וועלען פערטיליגט ווערען.
24. וְנָתַן מַלְכֵיהֶם	24. און ער וועט געבען זייערע קעניגע
בְּיָדֶךָ	אין דיין האנד,
וְהַאֲבַדְתָּ אֶת־שְׁמָם	און דו וועסט פערניכטען זייער נאמען
מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם	פון אונטער דעם הימעל,
לֹא־יִתְיַצֵּב אִישׁ	קיין מאן וועט זיך ניט שטעלען
בְּפָנֶיךָ	פאר דיר,
עַד הִשְׁמִדְךָ אֹתָם׃	ביז דו וועסט זיי פערטילגען
25. פְּסִילֵי אֱלֹהֵיהֶם	25. די געשניצטע בילדער פון זייערע געטער
תִּשְׂרְפוּן בָּאֵשׁ	זאלט איהר פערברענען אים פייער;
לֹא־תַחְמֹד	דו זאלסט ניט גלוסטען
כֶּסֶף וְזָהָב עֲלֵיהֶם	(דאס) זילבער און גאלד, (וואס איז) אויף זיי,
וְלָקַחְתָּ לָךְ	דאס דו זאלסט (עס) נעהמען פיר דיך,
פֶּן תִּוָּקֵשׁ בּוֹ	אום דו זאלסט ניט [5]געשטרויכעלט ווערען דאדורך,
כִּי תוֹעֲבַת יְהוָה אֱלֹהֶיךָ הוּא׃	דען עס איז דער [6]אבשיי פון דעם עוויגען, דיין גאט
26. וְלֹא־תָבִיא	26. און דו זאלסט ניט ברייגען
תוֹעֵבָה	איין [6]אבשיי
אֶל־בֵּיתֶךָ	אין דיין הויז,
וְהָיִיתָ חֵרֶם כָּמֹהוּ	זאנסט וועסט'ו זיין [7]פערבאנט ווי ער;
שַׁקֵּץ ׀ תְּשַׁקְּצֶנּוּ	דו זאלסט עס [8]פערעקלען,
וְתַעֵב ׀ תְּתַעֲבֶנּוּ	און דו זאלסט עס פעראבשייען,
כִּי־חֵרֶם הוּא׃	דען עס איז פערבאנט.

ח

CAP. VIII.

1. כָּל־הַמִּצְוָה	1. דאס גאנצע געבאט,
אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ	וואס איך בעפעהל דיך
הַיּוֹם	היינט,
תִּשְׁמְרוּן לַעֲשׂוֹת	זאלט איהר היטען צו טהאן,
לְמַעַן תִּחְיוּן	אום איהר זאלט לעבען
וּרְבִיתֶם	און איהר זאלט זיך מעהרען,
וּבָאתֶם	און איהר זאלט קומען,
וִירִשְׁתֶּם אֶת־הָאָרֶץ	און איהר זאלט ערבען דאס לאנד,
אֲשֶׁר־נִשְׁבַּע יְהוָה	וואס דער עוויגער האט געשווארען
לַאֲבֹתֵיכֶם׃	צו אייערע עלטערן.
2. וְזָכַרְתָּ	2. און דו זאלסט געדיינקען
אֶת־כָּל־הַדֶּרֶךְ	דעם גאנצען וועג,
אֲשֶׁר הוֹלִיכְךָ	וואס דיך האט געפיהרט
יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	דער עוויגער, דיין גאט,
זֶה אַרְבָּעִים שָׁנָה	[9]דיזע פערציג יאהר
בַּמִּדְבָּר	אין דער וויסטע,
לְמַעַן עַנֹּתְךָ	אום דיך צו פייניגען,
לְנַסֹּתְךָ	דיך צו פרופען,
לָדַעַת	צו וויסען,
אֶת־אֲשֶׁר בִּלְבָבְךָ	וואס אין דיין הארצען איז,
הֲתִשְׁמֹר מִצְוֺתָו	אויב דו וועסט היטען זיינע געבאָטען
אִם־לֹא׃	אָדער ניט.
3. וַיְעַנְּךָ	3. און ער האט דיך [10]געפייניגט,
וַיַּרְעִבֶךָ	און ער האט דיך געלאָזען הונגערן,
וַיַּאֲכִלְךָ אֶת־הַמָּן	און ער האט דיר געגעבען עסען דעם מן,
אֲשֶׁר לֹא־יָדַעְתָּ	וועלכען דו האסט ניט געוואוסט,
וְלֹא יָדְעוּן אֲבֹתֶיךָ	און דיינע עלטערן האבען ניט געוואוסט,
לְמַעַן הוֹדִיעֲךָ	אום דיר צו לאָזען וויסען,
כִּי	דאס

1) צובראָכען ווערען. 2) ארויסטרייבען. 3) פערווירען. 4) פערווירונג. 5) אריינפאלען אין פאל-שטריק. 6) אונווירדיגקייט. 7) פערפלוכט; באנן. 8) פעראכטען, פער'מיאוס'ן. 9) שוין. 10) דעמיטהיגט.

לֹא עַל־הַלֶּחֶם לְבַדּוֹ	ניט אויף ברויט אליין
יִחְיֶה הָאָדָם	קען דער מענש לעבען,
כִּי	זאנדערן
עַל־כָּל־מוֹצָא פִי־יְיָ	אויף אלעס וואס דעם עוויגען׳ס מויל ברייננט ארויס
יִחְיֶה הָאָדָם׃	קען דער מענש לעבען.[1]
4. שִׂמְלָתְךָ	4. דיין קלייד
לֹא בָלְתָה מֵעָלֶיךָ	איז ניט [2]אַלט געווארען אויף דיר,
וְרַגְלְךָ לֹא בָצֵקָה	און דיין פוס איז ניט געשוואלען געווארען
זֶה אַרְבָּעִים שָׁנָה׃	[3]דיזע פערציג יאהר.
5. וְיָדַעְתָּ עִם־לְבָבֶךָ	5. דארום זאלסט׳ו וויסען אין דיין הארצען,
כִּי כַּאֲשֶׁר יְיַסֵּר אִישׁ	דאס אזוי ווי א מאן שטראפט
אֶת־בְּנוֹ	זיין זוהן,
יְהוָה אֱלֹהֶיךָ מְיַסְּרֶךָּ׃	(אזוי) שטראפט דיך דער עוויגער דיין גאט.
6. וְשָׁמַרְתָּ	6. און דו זאלסט היטען
אֶת־מִצְוֹת	די געבאטען
יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	פון דעם עוויגען, דיין גאט,
לָלֶכֶת בִּדְרָכָיו	צו גיין אין זיינע וועגען,
וּלְיִרְאָה אֹתוֹ׃	און איהם צו פירכטען.
7. כִּי יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	7. דען דער עוויגער, דיין גאט,
מְבִיאֲךָ	ברייננט דיך
אֶל־אֶרֶץ טוֹבָה	אין א גוטעס לאנד,
אֶרֶץ נַחֲלֵי מָיִם	א לאנד פון טייכען וואסער;
עֲיָנֹת וּתְהֹמֹת	קוועלען אין [4]טיפע־קוועלען
יֹצְאִים	געהען ארויס
בַּבִּקְעָה וּבָהָר׃	אים טהאל און אים בארג.
8. אֶרֶץ חִטָּה וּשְׂעֹרָה	8. א לאנד פון ווייץ און גערשטען
וְגֶפֶן וּתְאֵנָה	און וויין־שטאק(ען) און פייגען בוימ(ער)
וְרִמּוֹן	און גראנאט־עפעל.
אֶרֶץ־זֵית שֶׁמֶן וּדְבָשׁ	א לאנד פון אייל־בוימ(ער) און האניג.
9. אֶרֶץ	9. א לאנד,
אֲשֶׁר לֹא בְמִסְכֵּנֻת	וואס ניט אין ארמוטה
תֹּאכַל־בָּהּ לֶחֶם	וועסט׳ו אין איהר עסען ברויט,
לֹא־תֶחְסַר כֹּל בָּהּ	ניכטס וועט דיר פעהלען אין איהר;
אֶרֶץ	א לאנד,
אֲשֶׁר אֲבָנֶיהָ בַרְזֶל	וואס איהרע שטיינער זיינען אייזען,
וּמֵהֲרָרֶיהָ	און פון איהרע בערג

תַּחְצֹב נְחֹשֶׁת׃	וועסט׳ו אויסהאקען קופער.
10. וְאָכַלְתָּ	10. און ווען דו וועסט עסען
וְשָׂבָעְתָּ	און דו וועסט זאט ווערען,
וּבֵרַכְתָּ	דאן זאלסט׳ו [5]בענשען
אֶת־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	דעם עוויגען, דיין גאט,
עַל־הָאָרֶץ הַטֹּבָה	[6]וועגען דאס גוטע לאנד,
אֲשֶׁר נָתַן־לָךְ׃	וואס ער האט דיר געגעבען.
שֵׁנִי	שֵׁנִי
11. הִשָּׁמֶר לְךָ	11. היט זיך,
פֶּן־תִּשְׁכַּח	דאס דו זאלסט ניט פערגעסען.
אֶת־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	דעם עוויגען, דיין גאט,
לְבִלְתִּי שְׁמֹר מִצְוֹתָיו	ניט צו היטען זיינע געבאטען,
וּמִשְׁפָּטָיו וְחֻקֹּתָיו	און זיינע רעכטען און זיינע געזעטצען,
אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ	וועלכע איך בעפוויל דיך
הַיּוֹם׃	הייטע.
12. פֶּן־תֹּאכַל	12. דאס, ווען דו וועסט עסען
וְשָׂבָעְתָּ	און דו וועסט זאט ווערען,
וּבָתִּים טֹבִים תִּבְנֶה	און גוטע הייזער וועסט׳ו בויען,
וְיָשָׁבְתָּ׃	און דו וועסט (זיי) בעוואהנען.
13. וּבְקָרְךָ וְצֹאנְךָ	13. און דיינע רינדער און דיינע שאף
יִרְבְּיֻן	וועלען זיך מעהרען,
וְכֶסֶף וְזָהָב	און גאלד און זילבער
יִרְבֶּה־לָּךְ	וועט זיך ביי דיר מעהרען.
וְכֹל אֲשֶׁר־לְךָ יִרְבֶּה׃	און אלעס, וואס איז ביי דיר וועט זיך מעהרען.
14. וְרָם לְבָבֶךָ	14. דאס דיין הארץ זאל זיך (ניט) ערהויבען,
וְשָׁכַחְתָּ	און דו זאלסט (ניט) פערגעסען
אֶת־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	דעם עוויגען, דיין גאט,
הַמּוֹצִיאֲךָ	וועלכער האט דיך ארויסגעפיהרט
מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם	פון דעם לאנד מצרים,
מִבֵּית עֲבָדִים׃	פון קנעכט־הויז.
15. הַמּוֹלִיכְךָ	15. וועלכער האט דיך געפיהרט
בַּמִּדְבָּר הַגָּדֹל וְהַנּוֹרָא	אין דער גרויסען און פורכטבארען וויסטע
נָחָשׁ שָׂרָף	(וואו עס זיינען דא) שלאנגען ברענענדע שלאנג(ען)
וְעַקְרָב	און שקארפיאנ(ען)
וְצִמָּאוֹן	און [7]טרוקענהייט.

1) ד. ה. גאט קען ערנעהרען דעם מענשען מיט וואס איהם געפעלט. 2) פערפוילט. 3) שוין. 4) פלוטהען אונטער אירדישע (וואסער). 5) לויבען, פרייזען, דאנקען. 6) פיר. 7) דורשטיגעס לאנד, דירדע.

אֲשֶׁר אֵין־מָיִם	וואו עס איז קיין וואסער דא,
הַמּוֹצִיא לְךָ מַיִם	וועלכער האט דיר ארויס־געבראכט וואסער
מִצּוּר הַחַלָּמִישׁ׃	פון דעם [1]קיזעל־פעלזען.
16. הַמַּאֲכִלְךָ מָן	16. וועלכע האט דיר געגע־בען עסען מן
בַּמִּדְבָּר	אין דער וויסטע,
אֲשֶׁר לֹא־יָדְעוּן אֲבֹתֶיךָ	וואס דיינע עלטערן האבען ניט געוואוסט
לְמַעַן עַנֹּתְךָ	אום דיך צו [2]פייניגען,
וּלְמַעַן נַסֹּתֶךָ	און אום דיך צו פרופען,
לְהֵיטִבְךָ בְּאַחֲרִיתֶךָ׃	אום דיך גוטעס צו טהאן אין דיין צוקונפט.
17. וְאָמַרְתָּ בִּלְבָבֶךָ	17. און (דאס) דו זאלסט [3](ניט) זאגען אין דיין הארץ:
כֹּחִי וְעֹצֶם יָדִי	מיין קראפט און די שטאר־קייט פון מיין האנד
עָשָׂה לִי	האט מיר [4]ערווארבען
אֶת־הַחַיִל הַזֶּה׃	דיזעס פערמעגען.
18. וְזָכַרְתָּ	18. זאנדערן דו זאלסט גערדיינקען
אֶת־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	דעם עוויגען, דיין גאט,
כִּי הוּא הַנֹּתֵן לְךָ כֹּחַ	דען ער איז עס, וועלכער גיט דיר קראפט,
לַעֲשׂוֹת חָיִל	צו ערווערבען פערמעגען;
לְמַעַן הָקִים	אום אויפצושטעלען
אֶת־בְּרִיתוֹ	זיין בונד,
אֲשֶׁר־נִשְׁבַּע	וועלכען ער האט געשווארן
לַאֲבֹתֶיךָ	צו דיינע עלטערן,
כַּיּוֹם הַזֶּה׃	ווי דיזען טאג.[5]
19. וְהָיָה	19. און עס וועט זיין,
אִם־שָׁכֹחַ תִּשְׁכַּח	אויב דו וועסט פערגעסען
אֶת־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	דעם עוויגען, דיין גאט,
וְהָלַכְתָּ	און דו וועסט גיין
אַחֲרֵי אֱלֹהִים אֲחֵרִים	נאך אנדערע געטער,
וַעֲבַדְתָּם	און דו וועסט זיי דינען,
וְהִשְׁתַּחֲוִיתָ לָהֶם	און דו וועסט זיך בוקען צו זיי,
הַעִדֹתִי בָכֶם הַיּוֹם	האב איך אייך געווארענט היינטע,
כִּי אָבֹד תֹּאבֵדוּן׃	דאס איהר וועט פערלארען ווערען.
20. כַּגּוֹיִם	20. ווי די פעלקער,
אֲשֶׁר יְהוָה מַאֲבִיד	וועלכע דער עוויגער פער־ניכטעט
מִפְּנֵיכֶם	פאר אייך,
כֵּן תֹּאבֵדוּן	אזוי וועט איהר פערלארען ווערען,
עֵקֶב לֹא תִשְׁמְעוּן	דאפיר ווייל איהר הערט ניט
בְּקוֹל יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃	צו די שטימע פון דעם עוויגען, אייער גאט.

Cap. IX.

ט

1. שְׁמַע יִשְׂרָאֵל	1. הער ישראל!
אַתָּה עֹבֵר הַיּוֹם	דו גייסט היינטע איבער
אֶת־הַיַּרְדֵּן	דעם ירדן,
לָבֹא	אום צו קומען,
לָרֶשֶׁת גּוֹיִם	צו ערבען פעלקער
גְּדֹלִים וַעֲצֻמִים מִמֶּךָּ	גרעסערע און שטארקערע אלס דו,
עָרִים גְּדֹלֹת וּבְצֻרֹת	גרויסע און בעפעסטיגטע שטעדט
בַּשָּׁמָיִם׃	ביז אין הימעל.
2. עַם־גָּדוֹל וָרָם	2. א גרויסע און א הויכע פאלק,
בְּנֵי עֲנָקִים	קינדער פון די ענקים,
אֲשֶׁר אַתָּה יָדַעְתָּ	(פון) וועלכע דו ווייסט,
וְאַתָּה שָׁמַעְתָּ	און דו האסט געהערט:
מִי יִתְיַצֵּב	ווער קען זיך שטעלען
לִפְנֵי בְּנֵי עֲנָק׃	פאר די קינדער פון ענק.
3. וְיָדַעְתָּ הַיּוֹם	3. דארום זאלסט'ו היינטע וויסען,
כִּי יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	דאס דער עוויגער, דיין גאט,
הוּא הָעֹבֵר לְפָנֶיךָ	ער, וועלכער גייט פאר דיר,
אֵשׁ אֹכְלָה	איז א ברענענדעס פייער,
הוּא יַשְׁמִידֵם	ער וועט זיי פערטילגען,
וְהוּא יַכְנִיעֵם לְפָנֶיךָ	און ער וועט זיי אונטער־טהעניג מאכען פאר דיר,
וְהוֹרַשְׁתָּם	און דו וועסט זיי פערטרייבען
וְהַאֲבַדְתָּם מַהֵר	און דו וועסט זיי פערניכטען שנעל,
כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר יְיָ לָךְ׃	ווי דער עוויגער האט גע־רעדט צו דיר.
שְׁלִישִׁי	שְׁלִישִׁי
4. אַל תֹּאמַר	4. דו זאלסט ניט זאגען
בִּלְבָבְךָ	אין דיין הארצען,
בַּהֲדֹף יְהוָה אֱלֹהֶיךָ אֹתָם	ווען דער עוויגער, דיין גאט, וועט זיי פערשטויסען
מִלְּפָנֶיךָ	פאר דיר,
לֵאמֹר	זאגענדיג:
בְּצִדְקָתִי	דורך מיין גערעכטיגקייט
הֱבִיאַנִי יְהוָה	האט מיך דער עוויגער געבראכט,
לָרֶשֶׁת	צו ערבען

1) קיזעל־הארטעל פעלזען. 2) דעמיטהיגען. 3) דאס געהט אויף די אויבערשטע ווערטער פון תאכל וכו׳ ורם לבבך וכ״ו ואמרת בלבבך. 4) אויפגעטאן. 5) ד. ה. ווי עס איז יעצט געשעהן.

אֶת־הָאָרֶץ הַזֹּאת	דיזעס לאנד.
וּבְרִשְׁעַת	און וועגען די [1]אונגערעכטיגקייט
הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה	פון דיזע פעלקער
יי מוֹרִישָׁם מִפָּנֶיךָ׃	פערטרייבט זיי דער עוויגער פאר דיר.
5. לֹא בְצִדְקָתְךָ	5. ניט וועגען דיין גערעכטיגקייט
וּבְיֹשֶׁר לְבָבְךָ	און וועגען די [2]אויפריכטיגקייט פון דיין הארצען,
אַתָּה בָא	קומסט'ו,
לָרֶשֶׁת אֶת־אַרְצָם	צו ערבען זייער לאנד,
כִּי בְּרִשְׁעַת ׀	זאנדערן וועגען די [1]אונגערעכטיגקייט
הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה	פון דיזע נאציאנען
יי אֱלֹהֶיךָ מוֹרִישָׁם	פערטרייבט זיי דער עוויגער דיין גאט
מִפָּנֶיךָ	פאר דיר,
וּלְמַעַן הָקִים	און אום אויפצושטעלען
אֶת־הַדָּבָר	די זאך,
אֲשֶׁר נִשְׁבַּע יְהוָה	וועלכע דער עוויגער האט געשווארען
לַאֲבֹתֶיךָ	צו דיינע עלטערן,
לְאַבְרָהָם	צו אברהם,
לְיִצְחָק וּלְיַעֲקֹב׃	צו יצחק און צו יעקב.
6. וְיָדַעְתָּ	6. און דו זאלסט וויסען,
כִּי לֹא בְצִדְקָתְךָ	דאס ניט וועגען דיין גערעכטיגקייט
יְהוָה אֱלֹהֶיךָ נֹתֵן לְךָ	גיט דיר דער עוויגער, דיין גאט,
אֶת־הָאָרֶץ הַטּוֹבָה הַזֹּאת	דיזע גוטע לאנד
לְרִשְׁתָּהּ	איהר צו ערבען;
כִּי	דען
עַם־קְשֵׁה־עֹרֶף אָתָּה	דו ביסט א הארט-נעקיגעס פאלק.
7. זְכֹר אַל־תִּשְׁכַּח	7. געדיינק, דו זאלסט ניט פערגעסען,
אֵת אֲשֶׁר־הִקְצַפְתָּ	[3]וואס דו האסט ערצירנעט
אֶת־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	דעם עוויגען, דיין גאט,
בַּמִּדְבָּר	אין דער וויסטע,
לְמִן־הַיּוֹם	פון דעם טאג אן,
אֲשֶׁר־יָצָאתָ	וואס דו ביסט ארויס־געגאנגען
מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם	פון דעם לאנד מצרים,
עַד־בֹּאֲכֶם	ביז איהר זייט געקומען
עַד־הַמָּקוֹם הַזֶּה	ביז דיזען ארט,
מַמְרִים הֱיִתֶם	זייט איהר ווידערשפענסטיג געווען
עִם־יְהוָה׃	געגען דעם עוויגען.
8. וּבְחֹרֵב	8. און אין חורב
הִקְצַפְתֶּם אֶת־יְהוָה	האט איהר ערצירנעט דעם עוויגען
וַיִּתְאַנַּף יְהוָה בָּכֶם	און דער עוויגער האט געצירנעט איבער אייך,
לְהַשְׁמִיד אֶתְכֶם׃	אייך צו פערטילגען.
9. בַּעֲלֹתִי הָהָרָה	9. ווען איך בין ארויפגעגאנגען אויף דעם בארג,
לָקַחַת	צו נעהמען
לוּחֹת הָאֲבָנִים	די שטיינערנע טאוולען,
לוּחֹת הַבְּרִית	די טאוולען פון דעם בונד,
אֲשֶׁר־כָּרַת יי עִמָּכֶם	וועלכע דער עוויגער האט געשלאסען מיט אייך,
וָאֵשֵׁב בָּהָר	און איך בין געזעסען אויף דעם בארג
אַרְבָּעִים יוֹם	פערציג טעג
וְאַרְבָּעִים לַיְלָה	און פערציג נעכט,
לֶחֶם לֹא אָכַלְתִּי	ברויט האב איך ניט געגעסען
וּמַיִם לֹא שָׁתִיתִי׃	און וואסער האב איך ניט געטרונקען.
10. וַיִּתֵּן יְהוָה אֵלַי	10. און דער עוויגער האט געגעבען צו מיר
אֶת־שְׁנֵי לוּחֹת הָאֲבָנִים	די צוויי שטיינערנע טאוולען
כְּתֻבִים	געשריבען
בְּאֶצְבַּע אֱלֹהִים	מיט גאטעס פינגער,
וַעֲלֵיהֶם	און אויף זיי (איז געווען)
כְּכָל־הַדְּבָרִים	[ווי] די אלע ווערטער,
אֲשֶׁר דִּבֶּר יי עִמָּכֶם	וועלכע דער עוויגער האט גערעדט מיט אייך
בָּהָר	אויף דעם בארג
מִתּוֹךְ הָאֵשׁ	פון מיטען דעם פייער
בְּיוֹם הַקָּהָל׃	אין דעם טאג פון דער פערזאמלונג.
11. וַיְהִי	11. און עס איז געווען
מִקֵּץ אַרְבָּעִים יוֹם	אם ענדע פון פערציג טעג
וְאַרְבָּעִים לָיְלָה	און פערציג נעכט,
נָתַן יְהוָה אֵלַי	האט דער עוויגער געגעבען צו מיר
אֶת־שְׁנֵי לֻחֹת הָאֲבָנִים	די צוויי שטיינערנע טאוולען
לֻחוֹת הַבְּרִית׃	די טאוולען פון דעם בונד.
12. וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלַי	12. דאן האט דער עוויגער געזאגט צו מיר:
קוּם	שטעה אויף,
רֵד מַהֵר מִזֶּה	גיי שנעל ארונטער פון היר

1) גאטלאזיגקייט. 2) רעכטשאפענהייט, גערעדעהייט. 3) ווי.

כִּי שִׁחֵת עַמְּךָ	דען פערדארבען האט דיין פאלק,
אֲשֶׁר הוֹצֵאתָ	וואס דו האסט ארויס־געפיהרט
מִמִּצְרָיִם	פון מצרים,
סָרוּ מַהֵר	זיי האבען אבגעקעהרט שנעל
מִן־הַדֶּרֶךְ	פון דעם וועג,
אֲשֶׁר צִוִּיתִם	וואס איך האב זיי בעפוילען
עָשׂוּ לָהֶם מַסֵּכָה׃	זיי האבען זיך געמאכט א געגאסענע (קאלב).
13. וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלַי	13. און דער עוויגער האט געזאגט צו מיר,
לֵאמֹר	זאגענדיג:
רָאִיתִי אֶת־הָעָם הַזֶּה	איך האב געזעהן דיזעס פאלק,
וְהִנֵּה	און זעה,
עַם־קְשֵׁה־עֹרֶף הוּא׃	עס איז א הארט-נעקיגעס פאלק.
14. הֶרֶף מִמֶּנִּי	14. לאז אב פון מיר,
וְאַשְׁמִידֵם	און איך וועל זיי פערטילגען
וְאֶמְחֶה אֶת־שְׁמָם	און איך וועל אבמעקען זייער נאמען
מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם	פון אונטער דעם הימעל,
וְאֶעֱשֶׂה אוֹתְךָ	און איך וועל דיך מאכען
לְגוֹי־עָצוּם וָרָב מִמֶּנּוּ׃	צו א שטארקערן און צאהל־רייכערען פאלק פון איהם.[1]
15. וָאֵפֶן	15. און איך האב זיך געווענדעט,
וָאֵרֵד מִן־הָהָר	און איך בין ארונטער גע־גאנגען פון דעם בארג,
וְהָהָר בֹּעֵר בָּאֵשׁ	[2]און דער בארג האט גע־ברענט אים פייער,
וּשְׁנֵי לוּחֹת הַבְּרִית	און די צוויי טאוולען פון דעם בונד
עַל שְׁתֵּי יָדָי׃	אויף מיינעביידע הענד.
16. וָאֵרֶא	16. און איך האב געזעהן
וְהִנֵּה חֲטָאתֶם	דאס איהר האט געזינדיגט
לַיהוָה אֱלֹהֵיכֶם	צו דעם עוויגען, אייער גאט,
עֲשִׂיתֶם לָכֶם	איהר האט אייך געמאכט
עֵגֶל מַסֵּכָה	א געגאסענע קאלב,
סַרְתֶּם מַהֵר	איהר האט אבגעקעהרט שנעל
מִן־הַדֶּרֶךְ	פון דעם וועג,
אֲשֶׁר־צִוָּה יְיָ אֶתְכֶם׃	וואס דער עוויגער האט אייך בעפוילען.
17. וָאֶתְפֹּשׂ	17. און איך האב אנגענומען
בִּשְׁנֵי הַלֻּחֹת	[אין] די צוויי טאוולען,
וָאַשְׁלִכֵם	און איך האב זיי ארויס־געווארפען
מֵעַל שְׁתֵּי יָדָי	פון מיינע ביידע הענד,
וָאֲשַׁבְּרֵם לְעֵינֵיכֶם׃	און איך האב זיי צובראכען פאר אייערע אויגען.

18. וָאֶתְנַפַּל לִפְנֵי יי	18. דאן האב איך זיך גע־ווארפען פאר דעם עוויגען
כָּרִאשֹׁנָה	ווי דאס ערשטע מאל,
אַרְבָּעִים יוֹם	פערציג טעג
וְאַרְבָּעִים לַיְלָה	און פערציג נעכט,
לֶחֶם לֹא אָכַלְתִּי	ברויט האב איך ניט געגעסען,
וּמַיִם לֹא שָׁתִיתִי	און וואסער האב איך ניט געטרונקען,
עַל כָּל־חַטַּאתְכֶם	וועגען אלע אייערע זינדה,
אֲשֶׁר חֲטָאתֶם	וואס איהר האט געזינדיגט,
לַעֲשׂוֹת הָרַע	צו טהאן וואס שלעכט איז
בְּעֵינֵי יְהוָה	אין דעם עוויגען׳ס אויגען
לְהַכְעִיסוֹ׃	אום איהם צו ערצירנען.
19. כִּי יָגֹרְתִּי	19. דען איך האב זיך גע־פירכטעט
מִפְּנֵי הָאַף וְהַחֵמָה	פאר דעם צארן און דעם גרים־צארן,
אֲשֶׁר קָצַף יי עֲלֵיכֶם	וואס דער עוויגער האט גע־צירנעט איבער אייך,
לְהַשְׁמִיד אֶתְכֶם	אייך צו פערטילגען;
וַיִּשְׁמַע יְהוָה אֵלַי	און דער עוויגער האט מיר צוגעהערט
גַּם בַּפַּעַם הַהִוא׃	אויך יענעס מאל
20. וּבְאַהֲרֹן	20. און איבער אהרן
הִתְאַנַּף יְהוָה מְאֹד	האט דער עוויגער זעהר געצירנעט,
לְהַשְׁמִידוֹ	איהם צו פערטילגען,
וָאֶתְפַּלֵּל	און איך האב געבעטען
גַּם־בְּעַד אַהֲרֹן	אויך פיר אהרן
בָּעֵת הַהִוא׃	אין יענער צייט.
21. וְאֶת־חַטַּאתְכֶם	21. און אייער זינד־(ווערק),
אֲשֶׁר־עֲשִׂיתֶם	וואס איהר האט געמאכט,
אֶת־הָעֵגֶל	דאס קאלב,
לָקַחְתִּי	האב איך גענומען,
וָאֶשְׂרֹף אֹתוֹ ׀ בָּאֵשׁ	און איך האב עס פערברענט אים פייער,
וָאֶכֹּת אֹתוֹ	און איך האב עס צושטויסען
טָחוֹן הֵיטֵב	גוט צומאלענדיג,
עַד אֲשֶׁר־דַּק לְעָפָר	ביז עס איז געווארען דין צו שטויב,
וָאַשְׁלִךְ אֶת־עֲפָרוֹ	און איך האב געווארפען זיין שטויב
אֶל־הַנַּחַל	אין דעם טייך,
הַיֹּרֵד מִן־הָהָר׃	וועלכער [3]געהט ארונטער פון דעם בארג.
22. וּבְתַבְעֵרָה	22. און אין תבערה
וּבְמַסָּה	און אין מסה

1) ד. ה. אלס דיזעס פאלק. 2) וועתרענד. 3) פליסט.

וּבְקִבְרֹת הַתַּאֲוָה	און אין קברות התאוה
מַקְצִפִים הֱיִיתֶם	האט איהר ערצירנעט
אֶת־יְהוָה :	דעם עוויגען.
23. וּבִשְׁלֹחַ יְיָ אֶתְכֶם	23. און ווען דער עוויגער האט אייך געשיקט
מִקָּדֵשׁ בַּרְנֵעַ	פון קדש ברנע,
לֵאמֹר	זאָגענדיג :
עֲלוּ	געהט אויף,
וּרְשׁוּ אֶת־הָאָרֶץ	און ערבט דאס לאַנד,
אֲשֶׁר נָתַתִּי לָכֶם	וואס איך האב אייך געגעבען,
וַתַּמְרוּ	דאַן זייט איהר געוועזען ווידער־שפּענסטיג
אֶת־פִּי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם	דעם בעפעהל פון דעם עוויגען, אייער גאָט,
וְלֹא הֶאֱמַנְתֶּם לוֹ	און איהר האט איהם ניט געגלויבט,
וְלֹא שְׁמַעְתֶּם בְּקֹלוֹ :	און איהר האט ניט צוגע־הערט זיין שטימע.
24. מַמְרִים הֱיִיתֶם	24. ווידער־שפּענסטיגע זייט איהר געוועזען
עִם־יְהוָה	געגען דעם עוויגען
מִיּוֹם דַּעְתִּי אֶתְכֶם :	פון דעם טאָג אָן, וואס איך ווייס אייך.
25. וָאֶתְנַפַּל לִפְנֵי יְיָ	25. און איך האב זיך גע־וואָרפען פאר דעם עוויגען
אֵת אַרְבָּעִים הַיּוֹם	די פערציג טעג
וְאֶת־אַרְבָּעִים הַלַּיְלָה	און די פערציג נעכט,
אֲשֶׁר הִתְנַפָּלְתִּי	וועלכע איך האב זיך גע־וואָרפען,[1]
כִּי־אָמַר יְהוָה	דען דער עוויגער האט געזאגט
לְהַשְׁמִיד אֶתְכֶם :	אייך צו פערטילגען.
26. וָאֶתְפַּלֵּל אֶל־יְהוָה	26. און איך האב געבעטען צום עוויגען,
וָאֹמַר	און איך האב געזאָגט:
אֲדֹנָי יֱהוִה	העער, עוויגער!
אַל־תַּשְׁחֵת	דו זאלסט ניט פערדארבען
עַמְּךָ וְנַחֲלָתְךָ	דיין פאָלק און דיין ערב,
אֲשֶׁר פָּדִיתָ בְּגָדְלֶךָ	וועלכע דו האסט אויסגע־לייזט מיט דיין גרויסקייט,
אֲשֶׁר־הוֹצֵאתָ	וועלכע דו האסט ארויס־געפיהרט
מִמִּצְרַיִם	פון מצרים
בְּיָד חֲזָקָה :	מיט אַ שטאַרקע האנד.
27. זְכֹר לַעֲבָדֶיךָ	27. געדיינק [וועגען] דיינע קנעכט,
לְאַבְרָהָם	[וועגען] אברהם,
לְיִצְחָק וּלְיַעֲקֹב	[וועגען] יצחק און [וועגען] יעקב,
אַל־תֵּפֶן	דו זאלסט זיך ניט ווענדען
אֶל־קְשִׁי הָעָם הַזֶּה	צו די האַרטקייט פון דיזעס פאָלק
וְאֶל־רִשְׁעוֹ	און צו זיין שלעכטקייט
וְאֶל־חַטָּאתוֹ :	און צו זיין זינד.
28. פֶּן־יֹאמְרוּ הָאָרֶץ	28. אום עס זאל ניט זאָגען דאס לאַנד,
אֲשֶׁר הוֹצֵאתָנוּ מִשָּׁם	וואס דו האסט אונז ארויס־געפיהרט פון דאָרט:
מִבְּלִי יְכֹלֶת יְהוָה	ווייל דער עוויגער קען ניט
לַהֲבִיאָם אֶל־הָאָרֶץ	זיי צו ברייגגען אין דאס לאַנד,
אֲשֶׁר־דִּבֶּר לָהֶם	וואס ער האט גערעדט צו זיי
וּמִשִּׂנְאָתוֹ אוֹתָם	און ווייל ער האסט זיי,
הוֹצִיאָם	האט ער זיי אַרויסגעפיהרט
לַהֲמִתָם בַּמִּדְבָּר :	זיי צוטויטען אין דער וויסטע
29. וְהֵם עַמְּךָ	29. און זיי זיינען (דאָך) דיין פאָלק
וְנַחֲלָתֶךָ	און דיין ערב,
אֲשֶׁר הוֹצֵאתָ	וועלכע דו האסט אַרויס־געפיהרט
בְּכֹחֲךָ הַגָּדֹל	מיט דיין גרויסען קראַפט
וּבִזְרֹעֲךָ הַנְּטוּיָה :	און מיט דיין אויסגעשטרעק־טען ארם.
Cap. X.	י
רְבִיעִי	רְבִיעִי
1. בָּעֵת הַהִוא	1. אין יענער צייט
אָמַר יְהוָה אֵלַי	האט דער עוויגער געזאָגט צו מיר:
פְּסָל־לְךָ	האַק דיר אויס
שְׁנֵי־לוּחֹת אֲבָנִים	צוויי שטיינערנע טאָוולען,
כָּרִאשֹׁנִים	ווי די ערשטע,
וַעֲלֵה אֵלַי הָהָרָה	און גיי אַרויף צו מיר אויף דעם באַרג,
וְעָשִׂיתָ לְּךָ אֲרוֹן עֵץ :	און דו זאלסט דיר מאַכען אַ לאַדע פון האָלץ.
2. וְאֶכְתֹּב עַל־הַלֻּחֹת	2. און איך וועל שרייבען אויף די טאָוולען
אֶת־הַדְּבָרִים	די ווערטער,
אֲשֶׁר הָיוּ	וועלכע זיינען געוועזען
עַל־הַלֻּחֹת הָרִאשֹׁנִים	אויף די ערשטע טאָוולען,
אֲשֶׁר שִׁבַּרְתָּ	וועלכע דו האָסט צובראָכען
וְשַׂמְתָּם בָּאָרוֹן :	און דו זאלסט זיי לייגען אין די לאַדע.
3. וָאַעַשׂ	3. דאַן האב איך געמאַכט
אֲרוֹן עֲצֵי שִׁטִּים	אַ לאַדע פון שטים האָלץ,
וָאֶפְסֹל	און איך האב אויסגעהאַקט
שְׁנֵי־לֻחֹת אֲבָנִים	צוויי שטיינערנע טאָוולען,
כָּרִאשֹׁנִים	ווי די ערשטע,
וָאַעַל הָהָרָה	און איך בין ארויפגעגאַנגען אויף דעם באַרג,

1) ד. ה. אַזוי ווי איהר ווייסט, דאס איך האב זיך געוואָרפען פאר דעם עוויגען.

וּשְׁנֵי הַלֻּחֹת בְּיָדִי׃	אונד די צוויי טאָוולען אין מיין האנד.
4. וַיִּכְתֹּב עַל־הַלֻּחֹת	4. און ער האט געשריבען אויף די טאוולען,
כַּמִּכְתָּב הָרִאשׁוֹן	ווי די ערשטע שריפט
אֵת עֲשֶׂרֶת הַדְּבָרִים	די צעהן ווערטער,[1]
אֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה	וועלכע דער עווינער האט גערעדט
אֲלֵיכֶם	צו אייך
בָּהָר	אויף דעם בארג
מִתּוֹךְ הָאֵשׁ	פון מיטען דעם פייער
בְּיוֹם הַקָּהָל	אין דעם טאג פון דער פערזאמלונג,
וַיִּתְּנֵם יְהוָה אֵלָי׃	און דער עווינער האט זיי געגעבען צו מיר.
5. וָאֵפֶן	5. און איך האב זיך געווענדעט,
וָאֵרֵד מִן־הָהָר	און איך בין ארונטער־געגאנגען פון דעם בארג,
וָאָשִׂם אֶת־הַלֻּחֹת	און איך האב געלייגט די טאוולען
בָּאָרוֹן	אין די לאדע,
אֲשֶׁר עָשִׂיתִי	וועלכע איך האב געמאכט,
וַיִּהְיוּ שָׁם	און זיי זיינען דארט [2]געוועזען
כַּאֲשֶׁר צִוַּנִי יְהוָה׃	ווי דער עווינער האט מיך בעפוילען.
6. וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל נָסְעוּ	6. און די קינדער ישראל האבען גערייזט
מִבְּאֵרֹת בְּנֵי־יַעֲקָן	פון בארות בני יעקן
מוֹסֵרָה	נאך מוסרה,
שָׁם מֵת אַהֲרֹן	דארט איז געשטארבען אהרן,
וַיִּקָּבֵר שָׁם	און ער איז דארט בעגראבען געווארען,
וַיְכַהֵן אֶלְעָזָר בְּנוֹ	און זיין זוהן אלעזר איז געווארען פריסטער
תַּחְתָּיו׃	אין זיין שטעלע.
7. מִשָּׁם נָסְעוּ	7. פון דארט האבען זיי געריייזט
הַגֻּדְגֹּדָה	נאך גודגוד,
וּמִן־הַגֻּדְגֹּדָה יָטְבָתָה	און פון גודגוד נאך יטבתה,
אֶרֶץ נַחֲלֵי־מָיִם׃	א לאנד פון טייכען וואסער
8. בָּעֵת הַהִוא	8. אין יענער צייט
הִבְדִּיל יְהוָה	האט דער עווינער אבגעשיידעט
אֶת־שֵׁבֶט הַלֵּוִי	דעם שטאם לוי,
לָשֵׂאת	צו טראגען
אֶת־אֲרוֹן בְּרִית־יְהוָה	די בונדעס־לאדע פון דעם עוויגען,
לַעֲמֹד לִפְנֵי יְהוָה	צו שטעהען פאר דעם עוויגען,
לְשָׁרְתוֹ	איהם צו בעדינען,
וּלְבָרֵךְ בִּשְׁמוֹ	און צו בענשען אין זיין נאמען

עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃	ביז דיזען טאג.
9. עַל־כֵּן	9. דארום
לֹא־הָיָה לְלֵוִי	האט דער לוי ניט געהאט
חֵלֶק וְנַחֲלָה	א טהייל און איין ערב
עִם־אֶחָיו	מיט זיינע ברידער,
יְהוָה הוּא נַחֲלָתוֹ	דער עווינער איז זיין ערב,
כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר יְיָ אֱלֹהֶיךָ	ווי דער עווינער, דיין גאט, האט גערעדט
לוֹ׃	צו איהם.
10. וְאָנֹכִי עָמַדְתִּי	10. און איך בין געשטאנען
בָהָר	אויף דעם בארג,
כַּיָּמִים הָרִאשֹׁנִים	ווי די ערשטע טעג,
אַרְבָּעִים יוֹם	פערציג טעג
וְאַרְבָּעִים לָיְלָה	און פערציג נעכט,
וַיִּשְׁמַע יְהוָה אֵלַי	און דער עווינער האט מיר צוגעהערט
גַּם בַּפַּעַם הַהִוא	אויך יענעם מאל,
לֹא־אָבָה יְהוָה	דער עווינער האט ניט געוואלט
הַשְׁחִיתֶךָ׃	דיך פערדארבען.
11. וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלַי	11. און דער עווינער האט געזאגט צו מיר:
קוּם	שטעה אויף,
לֵךְ לְמַסַּע	גיי [3]צו דער רייזע
לִפְנֵי הָעָם	פאר דעם פאלק.
וְיָבֹאוּ	דאס זיי זאלען קומען,
וְיִירְשׁוּ אֶת־הָאָרֶץ	און זיי זאלען ערבען דאס לאנד,
אֲשֶׁר־נִשְׁבַּעְתִּי	וואס איך האב געשווארען
לַאֲבֹתָם	צו זייערע עלטערען,
לָתֵת לָהֶם׃	זיי צו געבען.
חֲמִישִׁי	חֲמִישִׁי
12. וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל	12. און יעצט, ישראל,
מָה יְיָ אֱלֹהֶיךָ שֹׁאֵל	וואס [4]פארדערט דער עווינער, דיין גאט,
מֵעִמָּךְ	פון דיר,
כִּי אִם־לְיִרְאָה	[5]זאנדערן צו פירכטען
אֶת־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	דעם עוויגען, דיין גאט
לָלֶכֶת בְּכָל־דְּרָכָיו	צו גיין אין אלע זיינע וועגען,
וּלְאַהֲבָה אֹתוֹ	און איהם צו ליבען,
וְלַעֲבֹד	און צו דינען
אֶת־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	דעם עוויגען, דיין גאט.

1) צעהן געבאָטע. 2) פערבליבען. 3) צום רייזען. 4) פערלאנגט. 5) דאס.

בְּכָל־לְבָבְךָ	מיט דיין גאנצען הארצען,
וּבְכָל־נַפְשֶׁךָ׃	און מיט דיין גאנצע זעעלע.
13. לִשְׁמֹר	13. צו היטען
אֶת־מִצְוֺת יְהוָה	די געבאטען פון דעם עוויגען
וְאֶת־חֻקֹּתָיו	און זיינע געזעטצען,
אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ	וועלכע איך בעפעהל דיך
הַיּוֹם	הייטע,
לְטוֹב לָךְ׃	[1]אום דיר זאל גוט זיין.
14. הֵן	14. זעה,
לַיְיָ אֱלֹהֶיךָ הַשָּׁמַיִם	צום עוויגען, דיין גאט, געהערען די הימעל
וּשְׁמֵי הַשָּׁמָיִם	און די הימעל־הימעל,
הָאָרֶץ וְכָל־אֲשֶׁר־בָּהּ	די ערד און אלעס, וואס איז אין איהר.
15. רַק בַּאֲבֹתֶיךָ	15. (דאך) נור [אין] דיינע עלטערן
חָשַׁק יְהוָה	האט דער עוויגער [2]געלוסט
לְאַהֲבָה אוֹתָם	זיי צו ליבען,
וַיִּבְחַר בְּזַרְעָם	און ער האט ערוועהלט [אין] זייערע קינדער
אַחֲרֵיהֶם	נאך זיי,
בָּכֶם	[אין] אייך
מִכָּל־הָעַמִּים	פון אלע פעלקער,
כַּיּוֹם הַזֶּה׃	ווי דיזען טאג.
16. וּמַלְתֶּם	16. דארום זאלט איהר בע־שניידען
אֵת עָרְלַת לְבַבְכֶם	די [3]פארהויט פון אייער הארצען,
וְעָרְפְּכֶם	און אייער נאקען
לֹא תַקְשׁוּ עוֹד׃	זאלט איהר ניט מעהר הארט מאכען.[4]
17. כִּי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם	17. דען דער עוויגער, אייער גאט,
הוּא אֱלֹהֵי הָאֱלֹהִים	איז דער גאט פון די געטער
וַאֲדֹנֵי הָאֲדֹנִים	און דער הערר פון די הערען,
הָאֵל הַגָּדֹל	דער גרויסער גאט,
הַגִּבֹּר וְהַנּוֹרָא	דער מעכטיגער און דער עהר־פורכטבארער,
אֲשֶׁר לֹא־יִשָּׂא פָנִים	וועלכער אכטעט קיין פער־זאן,
וְלֹא יִקַּח שֹׁחַד׃	און ער נעהמט קיין [5]בע־שטעכונג.
18. עֹשֶׂה	18. (וועלכער) טהוט
מִשְׁפַּט יָתוֹם וְאַלְמָנָה	דאס רעכט פון דעם וואיזען און דער וויטווע,
וְאֹהֵב גֵּר	און (וועלכער) ליבט א פרעמדען,
לָתֶת לוֹ	איהם צו געבען
לֶחֶם וְשִׂמְלָה׃	ברויט און א קלייד.
19. וַאֲהַבְתֶּם אֶת־הַגֵּר	19. און איהר זאלט ליבען דעם פרעמדען,
כִּי־גֵרִים הֱיִיתֶם	דען פרעמדע זייט איהר געוועזען
בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם׃	אים לאנד מצרים.
20. אֶת־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	20. דעם עוויגען, דיין גאט,
תִּירָא	זאלסט'ו פירכטען,
אֹתוֹ תַעֲבֹד	איהם זאלסט'ו דינען
וּבוֹ תִדְבָּק	און אן איהם זאלסט'ו זיך אנשליסען,
וּבִשְׁמוֹ תִּשָּׁבֵעַ׃	און ביי זיין נאמען זאלסט'ו שווערען.
21. הוּא תְהִלָּתְךָ	21. ער איז דיין לויב,
וְהוּא אֱלֹהֶיךָ	און ער איז דיין גאט,
אֲשֶׁר־עָשָׂה אִתְּךָ	וועלכער האט געטאן מיט דיר
אֶת־הַגְּדֹלֹת וְאֶת־הַנּוֹרָאֹת הָאֵלֶּה	דיזע גרויסע און פורכטבארע (טהאטען),
אֲשֶׁר רָאוּ עֵינֶיךָ׃	וועלכע דיינע אויגען האבען געזעהן.
22. בְּשִׁבְעִים נֶפֶשׁ	22. מיט זיבציג זעעלע(ן)
יָרְדוּ אֲבֹתֶיךָ	זיינען דיינע עלטערן ארונטער־געקומען
מִצְרָיְמָה	נאך מצרים,
וְעַתָּה	און יעצט
שָׂמְךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	האט דער עוויגער, דיין גאט, דיך געמאכט,
כְּכוֹכְבֵי הַשָּׁמַיִם	ווי די שטערען פון דעם הימעל
לָרֹב׃	אין [6]מענגע.

Cap. XI. — יא

1. וְאָהַבְתָּ	1. דארום זאלסט'ו ליבען
אֵת יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	דעם עוויגען, דיין גאט,
וְשָׁמַרְתָּ מִשְׁמַרְתּוֹ	און דו זאלסט היטען זיין [7]פעראָרדנונג
וְחֻקֹּתָיו וּמִשְׁפָּטָיו	און זיינע געזעטצען און זיינע רעכטען
וּמִצְוֺתָיו	און זיינע געבאטען
כָּל־הַיָּמִים׃	אלע צייטען.
2. וִידַעְתֶּם הַיּוֹם	2. און איהר דארפט (עס) הייטע וויסען,
כִּי לֹא אֶת־בְּנֵיכֶם	דען ניט מיט אייערע קינדער (רייד איך),
אֲשֶׁר לֹא־יָדְעוּ	וועלכע וויסען ניט,
וַאֲשֶׁר לֹא־רָאוּ	און וועלכע האבען ניט געזעהן
אֶת־מוּסַר	די [8]שטראף
יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם	פון דעם עוויגען, אייער גאט,
אֶת־גָּדְלוֹ	זיין גרויסקייט,

1) צו דיין וואהל. 2) פערלאנגט. 3) פערווילדערונג, פערשטאָקטהייט. 4) ד. ה. איהר זאלט ניט מעהר האַרט־נעקיג זיין. 5) אונטערקויפונג. 6) פילקייט. 7) פארשריפט; וואכט. 8) ציכטיגונג.

אֶת־יָדוֹ הַחֲזָקָה	זיין שטארקע האנד
וּזְרֹעוֹ הַנְּטוּיָה׃	און זיין אויסגעשטרעקטען ארם.
3. וְאֶת־אֹתֹתָיו	3. און זיינע צייכענס
וְאֶת־מַעֲשָׂיו	און זיינע טהאטען,
אֲשֶׁר עָשָׂה	וועלכע ער האט געטאן
בְּתוֹךְ מִצְרָיִם	אין מצרים
לְפַרְעֹה מֶלֶךְ־מִצְרַיִם	צו פרעה, דעם קעניג פון מצרים,
וּלְכָל־אַרְצוֹ׃	און צו זיין גאנצעס לאנד.
4. וַאֲשֶׁר עָשָׂה	4. און וואס ער האט געטאן
לְחֵיל מִצְרַיִם	צום העער פון מצרים,
לְסוּסָיו וּלְרִכְבּוֹ	צו זיינע פערד און צו זיינע וועגען,
אֲשֶׁר הֵצִיף	וואס ער האט געמאכט פערפלייצען
אֶת־מֵי יַם־סוּף	די וואסער פון דעם שילף־מעער
עַל־פְּנֵיהֶם	[1] איבער זיי,
בְּרָדְפָם אַחֲרֵיכֶם	ווען זיי האבען געיאגט נאך אייך,
וַיְאַבְּדֵם יְהוָה	און דער עוויגער האט זיי פערניכטעט
עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃	ביז דיזען טאג.
5. וַאֲשֶׁר עָשָׂה לָכֶם	5. און וואס ער האט געטאן פיר אייך
בַּמִּדְבָּר	אין דער וויסטע,
עַד־בֹּאֲכֶם	ביז איהר זייט געקומען
עַד־הַמָּקוֹם הַזֶּה׃	ביז דיזען ארט.
6. וַאֲשֶׁר עָשָׂה	6. און וואס ער האט געטאן
לְדָתָן וְלַאֲבִירָם	צו דתן און צו אבירם,
בְּנֵי אֱלִיאָב	די זוהן פון אליאב,
בֶּן־רְאוּבֵן	דער זוהן פון ראובן,
אֲשֶׁר פָּצְתָה הָאָרֶץ	וואס די ערד האט געעפענט
אֶת־פִּיהָ	איהר מויל,
וַתִּבְלָעֵם	און זי האט פערשלונגען זיי
וְאֶת־בָּתֵּיהֶם	און זייערע הייזער
וְאֶת־אָהֳלֵיהֶם	און זייערע געצעלטען
וְאֵת כָּל־הַיְקוּם	און דעם גאנצען בעשטאנד,
אֲשֶׁר בְּרַגְלֵיהֶם	וואס איז געוועזען [2] ביי זיי
בְּקֶרֶב כָּל־יִשְׂרָאֵל׃	צווישען גאנץ ישראל.
7. כִּי עֵינֵיכֶם הָרֹאֹת	7. זאנדערן אייערע אויגען האבען געזעהן
אֶת כָּל־מַעֲשֵׂה יְיָ הַגָּדֹל	דאס גאנצע גרויסע ווערק פון דעם עוויגען,

אֲשֶׁר עָשָׂה׃	וואס ער האט געטאן.
8. וּשְׁמַרְתֶּם	8. דארום זאלט איהר היטען
אֶת־כָּל־הַמִּצְוָה	דאס גאנצע געבאט,
אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ	וואס איך בעפעהל דיך
הַיּוֹם	הייטע,
לְמַעַן תֶּחֶזְקוּ	אום איהר זאלט שטארק זיין
וּבָאתֶם	און איהר זאלט קומען,
וִירִשְׁתֶּם אֶת־הָאָרֶץ	און איהר זאלט ערבען דאס לאנד,
אֲשֶׁר אַתֶּם עֹבְרִים	וואס איהר גייט איבער
שָׁמָּה	דארטען
לְרִשְׁתָּהּ׃	איהר צו ערבען.
9. וּלְמַעַן תַּאֲרִיכוּ יָמִים	9. און אום איהר זאלט לאנג [3] לעבען
עַל־הָאֲדָמָה	אויף דעם לאנד,
אֲשֶׁר נִשְׁבַּע יְהוָה	וואס דער עוויגער האט געשווארען
לַאֲבֹתֵיכֶם	צו אייערע עלטערען
לָתֵת לָהֶם	(עס) צו געבען צו זיי
וּלְזַרְעָם	און צו זייער זאמען,
אֶרֶץ	א לאנד,
זָבַת חָלָב וּדְבָשׁ׃	וואס פליסט (מיט) מילך און האניג.
שִׁשִּׁי	שִׁשִּׁי
10. כִּי הָאָרֶץ	10. דען דאס לאנד,
אֲשֶׁר אַתָּה בָא־שָׁמָּה	וואס דו קומסט דארטען,
לְרִשְׁתָּהּ	איהר צו ערבען,
לֹא כְאֶרֶץ מִצְרַיִם הִוא	איז ניט ווי דאס לאנד מצרים,
אֲשֶׁר יְצָאתֶם מִשָּׁם	וואס איהר זייט ארויסגעגאנגען פון דארט.
אֲשֶׁר תִּזְרַע	וואו דו זעעסט
אֶת־זַרְעֲךָ	דיין זאמען,
וְהִשְׁקִיתָ בְרַגְלְךָ	און דו מוזט (עס) אנטרינקען מיט דיין פוס,[4]
כְּגַן הַיָּרָק׃	ווי א [5] קרויט־גארטען
11. וְהָאָרֶץ	11. זאנדערן דאס לאנד,
אֲשֶׁר אַתֶּם עֹבְרִים	וואס איהר גייט איבער
שָׁמָּה	דארטען
לְרִשְׁתָּהּ	איהר צו ערבען,
אֶרֶץ הָרִים וּבְקָעֹת	איז א לאנד פון בערג און טהאלען,

1) איבער זייער געזיכט. 2) אין זייער געפאלגע. 3) בלייבען 4) ד. ה. דו מוזט טראגען וואסער דעם בארען צו בעוועסערן. 5) גרינס־גארטען.

לִמְטַר הַשָּׁמַיִם	פון דעם רעגען פון דעם הימעל
תִּשְׁתֶּה־מָּיִם׃	טרינקט ע וואסער.
12. אֶרֶץ	12. א לאנד
אֲשֶׁר־יְהוָֹה אֱלֹהֶיךָ	וואס דער עוויגער דיין גאט
דֹּרֵשׁ אֹתָהּ	[1]פערזארגט איהר.
תָּמִיד	בעשטענדיג
עֵינֵי יְיָ אֱלֹהֶיךָ בָּהּ	זיינען די אויגען פון דעם עוויגען דיין גאט אויף איהר,
מֵרֵשִׁית הַשָּׁנָה	פון אנפאנג יאהר
וְעַד אַחֲרִית שָׁנָה׃	ביז ענדע יאהר.
13. וְהָיָה	13. און עס וועט זיין,
אִם־שָׁמֹעַ תִּשְׁמְעוּ	אויב איהר וועט הערען
אֶל־מִצְוֺתַי	צו מיינע געבאטען.
אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם הַיּוֹם	וועלכע איך בעפעהל אייך היינט.
לְאַהֲבָה	צו ליבען
אֶת־יְהוָֹה אֱלֹהֵיכֶם	דעם עוויגען, אייער גאט,
וּלְעָבְדוֹ	און איהם צו דינען
בְּכָל־לְבַבְכֶם	מיט אייער גאנצען הארצען
וּבְכָל־נַפְשְׁכֶם׃	און מיט אייער גאנצע זעלע.
14. וְנָתַתִּי	14. דאן וועל איך געבען
מְטַר־אַרְצְכֶם	דעם רעגען פון אייער לאנד
בְּעִתּוֹ	אין זיין צייט.
יוֹרֶה וּמַלְקוֹשׁ	פריה־רעגען און שפעט־רעגען,[2]
וְאָסַפְתָּ דְגָנֶךָ	און דו וועסט איינזאמלען דיינע [3]געטריידע
וְתִירֹשְׁךָ וְיִצְהָרֶךָ׃	און דיין מאסט און דיין אייל.
15. וְנָתַתִּי עֵשֶׂב	15. און איך וועל געבען [4]גראז
בְּשָׂדְךָ	אין דיין פעלד
לִבְהֶמְתֶּךָ	פיר דיינע פיה,
וְאָכַלְתָּ	און דו וועסט עסען
וְשָׂבָעְתָּ׃	און דו וועסט זאט זיין
16. הִשָּׁמְרוּ לָכֶם	16. היט אייך (אבער),
פֶּן־יִפְתֶּה לְבַבְכֶם	דאס אייער הארץ זאל ניט [5]נאריש ווערען,
וְסַרְתֶּם	און איהר וועט אפקעהרען.
וַעֲבַדְתֶּם	און איהר וועט דינען
אֱלֹהִים אֲחֵרִים	אנדערע געטער
וְהִשְׁתַּחֲוִיתֶם לָהֶם׃	און איהר וועט זיך בוקען צו זיי,

17. וְחָרָה אַף־יְהוָֹה בָּכֶם	17. דען דעם עוויגען'ס צארן וועט ברענען איבער אייך,
וְעָצַר אֶת־הַשָּׁמַיִם	און ער וועט [6]פערשליסען דעם הימעל,
וְלֹא־יִהְיֶה מָטָר	און עס וועט קיין רעגען זיין;
וְהָאֲדָמָה לֹא תִתֵּן	און די ערד וועט ניט געבען
אֶת־יְבוּלָהּ	איהר [7]פרוכט,
וַאֲבַדְתֶּם מְהֵרָה	און איהר וועט פערלארען ווערען שנעל
מֵעַל הָאָרֶץ הַטֹּבָה	פון דעם גוטען לאנד,
אֲשֶׁר יְהוָֹה נֹתֵן לָכֶם׃	וואס דער עוויגער גיט אייך
18. וְשַׂמְתֶּם	18. דארום זאלט איהר לייגען
אֶת־דְּבָרַי אֵלֶּה	דיזע מיינע ווערטער
עַל־לְבַבְכֶם	[8]אויף אייער הארצען
וְעַל־נַפְשְׁכֶם	און [8]אויף אייער זעלע,
וּקְשַׁרְתֶּם אֹתָם	און איהר זאלט זיי אנבינדען
לְאוֹת עַל־יֶדְכֶם	אלס צייכען אויף אייער האנד,[9]
וְהָיוּ לְטוֹטָפֹת	און זיי זאלען זיין אלס שטערן־בענדער[10]
בֵּין עֵינֵיכֶם׃	צווישען אייערע אויגען.
19. וְלִמַּדְתֶּם אֹתָם	19. און איהר זאלט זיי לעהרען
אֶת־בְּנֵיכֶם	אייערע קינדער,
לְדַבֵּר בָּם	צו ריידען וועגען זיי,
בְּשִׁבְתְּךָ בְּבֵיתֶךָ	ווען דו זיצט אין דיין הויז
וּבְלֶכְתְּךָ בַדֶּרֶךְ	און ווען דו גייסט אים וועג,
וּבְשָׁכְבְּךָ	און ווען דו לייגסט זיך שלאפען,
וּבְקוּמֶךָ׃	און ווען דו שטייסט אויף.
20. וּכְתַבְתָּם	20. און דו זאלסט זיי שרייבען
עַל־מְזוּזוֹת בֵּיתֶךָ	אויף די פפאסטען פון דיין הויז
וּבִשְׁעָרֶיךָ׃	און אין דיינע טויערען.
21. לְמַעַן יִרְבּוּ יְמֵיכֶם	21. אום עס זאלען זיך מעהרען אייערע טעג
וִימֵי בְנֵיכֶם	און די טעג פון אייערע קינדער
עַל הָאֲדָמָה	אויף דעם לאנד,
אֲשֶׁר נִשְׁבַּע יְהוָֹה	וואס דער עוויגער האט געשווארען
לַאֲבֹתֵיכֶם	צו אייערע עלטערן,
לָתֵת לָהֶם	זיי צו געבען,
כִּימֵי הַשָּׁמַיִם	ווי די טעג פון דעם הימעל
עַל־הָאָרֶץ׃	איבער די ערד.[11]

1) בעאבכטעט. 2) דער פריה־רעגען פאנגט אן אין פאלעסטינא נאך דעם זעען, אם ענדע אקטאבער; און דער שפעט־רעגען אם ענדע מערץ. 3) קארן. 4) קרויט. 5) פערפיהרט. 6) אויפהאלטען. 7) ערטראג, געוועקס. 8) צו. 9) ד. ה. תפלין של יד. 10) ד. ה. תפלין של ראש. 11) ד. ה. ווי לאנג ווי די וועלט וועט עקסיסטירען

שביעי ומפטיר

22. כִּי	22. דען,
אִם־שָׁמֹר תִּשְׁמְרוּן	אויב איהר וועט היטען
אֶת־כָּל־הַמִּצְוָה הַזֹּאת	דיזעס גאַנצע געבאָט,
אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה	וואס איך בעפֿויל
אֶתְכֶם	אייך,
לַעֲשֹׂתָהּ	עס צו טהאָן,
לְאַהֲבָה	צו ליבען
אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם	דעם עוויגען, אייער גאט,
לָלֶכֶת	צו גיין
בְּכָל־דְּרָכָיו	אין אַלע זיינע וועגען,
וּלְדָבְקָה־בוֹ׃	און זיך [1]אַנצושליסען אָן איהם.
23. וְהוֹרִישׁ יְהוָה	23. דאַן וועט דער עוויגער פערטרייבען
אֶת־כָּל־הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה	דיזע אַלע פעלקער
מִלִּפְנֵיכֶם	פאַר אייך,
וִירִשְׁתֶּם גּוֹיִם	און איהר וועט ערבען פעלקער
גְּדֹלִים וַעֲצֻמִים מִכֶּם׃	גרעסערע און שטאַרקערע אַלס איהר.
24. כָּל־הַמָּקוֹם	24. [2]יעדער אָרט,
אֲשֶׁר תִּדְרֹךְ כַּף־רַגְלְכֶם בּוֹ	וואס אייער פוס־זייל וועט טרעטען אויף איהם,
לָכֶם יִהְיֶה	וועט עס געהערען צו אייך,
מִן־הַמִּדְבָּר	פון דער וויסטע
וְהַלְּבָנוֹן	און דעם לבנון,
מִן־הַנָּהָר	פון דעם שטראָם,
נְהַר־פְּרָת	דעם שטראָם פרת,
וְעַד הַיָּם הָאַחֲרוֹן	ביז דעם הינטערסטען מעער,
יִהְיֶה גְּבֻלְכֶם׃	וועט זיין אייער גרענעץ.
25. לֹא־יִתְיַצֵּב אִישׁ	25. קיין מאַן וועט ניט בעשטעהן
בִּפְנֵיכֶם	פאַר אייך,
פַּחְדְּכֶם	אייער שרעקען
וּמוֹרַאֲכֶם	און אייער פורכט
יִתֵּן ׀ יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם	וועט דער עוויגער, אייער גאט, געבען
עַל־פְּנֵי כָל־הָאָרֶץ	איבער דאס גאַנצע לאַנד,
אֲשֶׁר תִּדְרְכוּ־בָהּ	וואס איהר וועט טרעטען אויף איהר,
כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר לָכֶם׃	ווי ער האט גערעדט צו אייך.

רְאֵה REAY.

26. רְאֵה	26. זעה,
אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם	איך [3]גיב פאַר אייך
הַיּוֹם	הייטע
בְּרָכָה וּקְלָלָה׃	זעגען און פלוך.
27. אֶת־הַבְּרָכָה	27. דעם זעגען,
אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ	אויב איהר וועט הערען
אֶל־מִצְוֹת	צו די געבאָטען
יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם	פון דעם עוויגען אייער גאט,
אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם הַיּוֹם׃	וועלכע איך בעפֿויל אייך הייטע.
28. וְהַקְּלָלָה	28. און דעם פלוך,
אִם־לֹא תִשְׁמְעוּ	אויב איהר וועט ניט הערען
אֶל־מִצְוֹת	צו די געבאָטען
יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם	פון דעם עוויגען אייער גאט,
וְסַרְתֶּם מִן־הַדֶּרֶךְ	און איהר וועט זיך אַבקעהרען פון דעם וועג,
אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם הַיּוֹם	וואס איך בעפֿויל אייך הייטע
לָלֶכֶת	צו גיין
אַחֲרֵי אֱלֹהִים אֲחֵרִים	נאָך אַנדערע געטער,
אֲשֶׁר לֹא־יְדַעְתֶּם׃	וועלכע איהר ווייסט ניט.
29. וְהָיָה	29. און עס וועט זיין,
כִּי יְבִיאֲךָ יְיָ אֱלֹהֶיךָ	ווען דער עוויגער, דיין גאט, וועט דיך ברייגגען
אֶל־הָאָרֶץ	אין דאס לאַנד,
אֲשֶׁר־אַתָּה בָא־שָׁמָּה	וואס דו קומסט דאָרטען,
לְרִשְׁתָּהּ	איהר צו ערבען,
וְנָתַתָּה	דאַן זאָלסט'ו [4]געבען
אֶת־הַבְּרָכָה	דעם זעגען
עַל־הַר גְּרִזִים	אויף דעם באַרג גריזים,
וְאֶת־הַקְּלָלָה	און דעם פלוך
עַל־הַר עֵיבָל׃	אויף דעם באַרג עיבל.
30. הֲלֹא־הֵמָּה	30. [5]דיזע (בערג) זיינען
בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן	אויף יענער זייט ירדן,
אַחֲרֵי דֶּרֶךְ	[6]הינטער דעם וועג,

1) צו פינדען, בעהעפטען, אַנהייגגען. 2) דער גאַנצער. 3) לייג. 4) ערטהיילען. 5) זיינען זיי ניכט. 6) אויף

מְבוֹא הַשֶּׁמֶשׁ	(געגען) זאָנען־אונטערגאנג
בְּאֶרֶץ הַכְּנַעֲנִי	אין דעם לאַנד פון דעם כנעני,
הַיֹּשֵׁב בָּעֲרָבָה	וועלכער וואָהנט אין דער עבענע,
מוּל הַגִּלְגָּל	געגענאיבער גלגל.
אֵצֶל אֵלוֹנֵי מֹרֶה :	ביי די אייכען פון מורה.
31. כִּי אַתֶּם עֹבְרִים	31. דען איהר גייט איבער
אֶת־הַיַּרְדֵּן	דעם ירדן,
לָבֹא	צו קומען,
לָרֶשֶׁת אֶת־הָאָרֶץ	צו ערבען דאס לאַנד,
אֲשֶׁר־יְהֹוָה אֱלֹהֵיכֶם	וואס דער עוויגער, אייער גאָט,
נֹתֵן לָכֶם	גיט אייך,
אֶל־הָאָרֶץ	אין דאס לאנד,
אֲשֶׁר־יָרְשׁוּ אֲבֹתֶיךָ	וואס דיינע עלטערן האבען געערבט,
וִירִשְׁתָּהּ	און דו וועסט איהר ערבען,
וְהֵיטִבְךָ	און ער וועט דיר גוטעס טהאן
וְהִרְבְּךָ מֵאֲבֹתֶיךָ׃	און ער וועט דיך מעהרען מעהר אלס דיינע עלטערן.
6. וּמָל יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	6. און דער עוויגער, דיין גאט, וועט בעשניידען
אֶת־לְבָבְךָ	דיין הארץ
וְאֶת־לְבַב זַרְעֶךָ	און דאס הארץ פון דיין זאמען,
לְאַהֲבָה	צו ליבען
אֶת־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	דעם עוויגען, דיין גאט,
בְּכָל־לְבָבְךָ	מיט דיין גאנצען הארצען
וּבְכָל־נַפְשְׁךָ	און מיט דיין גאנצער זעעלע,
לְמַעַן חַיֶּיךָ׃	אום דו זאלסט לעבען.
חֲמִישִׁי	חֲמִישִׁי
שלישי כשהן מחוברין	שלישי כשהן מחוברין
7. וְנָתַן יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	7. און דער עוויגער, דיין גאט, וועט געבען
אֵת כָּל־הָאָלוֹת הָאֵלֶּה	דיזע אלע פלוכען
עַל־אֹיְבֶיךָ	אויף דיינע פיינדע
וְעַל־שֹׂנְאֶיךָ	און אויף דיינע האסערס,
אֲשֶׁר רְדָפוּךָ׃	וועלכע האבען דיך נאכגעיאגט.
8. וְאַתָּה תָשׁוּב	8. און דו וועסט זיך צוריק־קעהרען,
וְשָׁמַעְתָּ בְּקוֹל יְהוָה	און דו וועסט הערען אין די שטימע פון דעם עוויגען,
וְעָשִׂיתָ	און דו וועסט טהאן
אֶת־כָּל־מִצְוֺתָיו	אלע זיינע געבאטען,
אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ	וועלכע איך בעפעהל דיך
הַיּוֹם׃	היינטע.
9. וְהוֹתִירְךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	9. און דער עוויגער דיין גאט וועט דיר איבערפלוס געבען
בְּכֹל מַעֲשֵׂה יָדֶךָ	אין יעדעס ווערק פון דיין האנד,
בִּפְרִי בִטְנְךָ	אין דער פרוכט פון דיין לייב
וּבִפְרִי בְהֶמְתְּךָ	און אין דער פרוכט פון דיינע פיה
וּבִפְרִי אַדְמָתְךָ	און אין דער פרוכט פון דיין לאנד,
לְטֹבָה	צום גוטען,
כִּי יָשׁוּב יְהוָה לָשׂוּשׂ עָלֶיךָ	דען דער עוויגער וועט זיך ווידער פרעהען איבער דיר

1) ביז. 2) דיינע געפאנגענע. 3) דיין פערשטויסונג.

לטוב	צום גוטען,
כאשר־שש	ווי ער האט זיך געפרעהט
על־אבתיך :	איבער דיינע עלטערן.
10. כי תשמע	10. ווען דו וועסט הערען
בקול יהוה אלהיך	אין די שטימע פון דעם עוויגען, דיין גאט,
לשמר	צו היטען
מצותיו וחקתיו	זיינע געבאָטען און זיינע געזעטצען,
הכתובה	וואס איז געשריבען
בספר התורה הזה	אין דיזען בוך פון דער לעהרע,
כי תשוב	ווען דו וועסט זיך צוריק־קעהרען
אל־יהוה אלהיך	צום עוויגען, דיין גאט,
בכל־לבבך	מיט דיין גאנצען הארצען
ובכל־נפשך :	און מיט דיין גאנצער זעעלע.
11. כי המצוה הזאת	11. דען דיזעס געבאָט,
אשר אנכי מצוך	וואס איך בעפעהל דיך
היום	הייטע,
לא־נפלאת הוא ממך	איז ניט צו וואונדערבאר פיר דיר
ולא־רחקה הוא :	און זי איז ניט וועיט.
12. לא בשמים הוא	12. זי איז ניט אים הימעל,
לאמר	דאס מען זאל זאגען:
מי יעלה־לנו	ווער וועט פיר אונז אויפגיין
השמימה	צום הימעל,
ויקחה לנו	און ער זאל איהר נעהמען צו אונז,
וישמענו אתה	און ער זאל איהר לאָזען הערען צו אונז,
ונעשנה :	דאס מיר זאלען איהר טהאָן.
13. ולא־מעבר לים הוא	13. און זי איז ניט פון יענער זייט מעער,
לאמר	דאס מען זאל זאגען:
מי יעבר־לנו	ווער וועט פיר אונז איבערגיין
אל־עבר הים	צו יענער זייט פון דעם מעער,
ויקחה לנו	און ער זאל איהר נעהמען צו אונז,
וישמענו אתה	און ער זאל איהר לאָזען הערען צו אונז,
ונעשנה :	דאס מיר זאלען איהר טהאָן.
14. כי־קרוב אליך הדבר מאד	14. זאָנדערן דאס וואָרט איז זעהר נאָהענט צו דיר,

בפיך ובלבבך	אין דיין מויל און אין דיין הארצען,
לעשתו :	דאס דו זאלסט עס טהאָן.
שביעי ומפטיר	שביעי ומפטיר
רביעי כשהן מחוברין	רביעי כשהן מחוברין
15. ראה	15. זעה,
נתתי לפניך היום	איך האב פאר דיר הייטע געגעבען
את־החיים	דאס לעבען
ואת־הטוב	און דאס גוטע,
ואת־המות	און דעם טויט
ואת־הרע :	און דאס שלעכטע.
16. אשר אנכי מצוך	16. אינדעם איך בעפעהל דיך
היום	הייטע,
לאהבה	צו ליבען
את־יהוה אלהיך	דעם עוויגען, דיין גאט,
ללכת בדרכיו	צו גיין אין זיינע וועגען,
ולשמר מצותיו	און צו היטען זיינע געבאָטען
וחקתיו ומשפטיו	און זיינע געזעטצען און זיינע רעכטען,
וחיית ורבית	דאס דו זאלסט לעבען, און דו זאלסט זיך מעהרען,
וברכך יהוה אלהיך	און דער עוויגער, דיין גאט, זאל דיך בענשען
בארץ	אין דעם לאנד,
אשר־אתה בא־שמה	וואס דו קומסט דארטען,
לרשתה :	איהר צו ערבען.
17. ואם־יפנה לבבך	17. אבער ווען דיין הארץ וועט זיך אבווענדען,
ולא תשמע	און דו וועסט ניט הערען,
ונדחת	און דו וועסט פערפיהרט ווערען,
והשתחוית	און דו וועסט זיך בוקען
לאלהים אחרים	צו אנדערע געטער
ועבדתם :	און דו וועסט זיי דינען.
18. הגדתי לכם היום	18. [3]זאג איך אייך הייטע,
כי אבד תאבדון	דאס איהר וועט פערלאָרען געהן,
לא־תאריכן ימים	איהר וועט ניט לאנג לעבען
על־האדמה	אויף דעם לאנד,
אשר אתה עבר	וואס דו גייסט איבער
את־הירדן	דעם ירדן,
לבוא שמה	אום דארטען צו קומען,
לרשתה :	איהר צו ערבען.

1) אונערררייכבאר, אונבעגרייפליך. 2) פערשטויסען. 3) פעקינדיג.

19. הַעִדֹתִי בָכֶם הַיּוֹם	19. איך נעהם הייטע אלס צייגע געגען אייך
אֶת־הַשָּׁמַיִם	דעם הימעל
וְאֶת־הָאָרֶץ	און די ערד:
הַחַיִּים וְהַמָּוֶת	דאס לעבען און דעם טויט
נָתַתִּי לְפָנֶיךָ	האב איך געגעבען פאר דיר,
הַבְּרָכָה וְהַקְּלָלָה	דעם זעגען און דעם פלוך,
וּבָחַרְתָּ בַּחַיִּים	און דו זאלסט אויסוועהלען [אין] לעבען,
לְמַעַן תִּחְיֶה	אום דו זאלסט לעבען,
אַתָּה וְזַרְעֶךָ׃	דו און דיין זאמען.
20. לְאַהֲבָה	20. צו ליבען
אֶת־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	דעם עוויגען, דיין גאט.
לִשְׁמֹעַ בְּקֹלוֹ	צו הערען אין זיין שטימע,
וּלְדָבְקָה־בוֹ	און זיך אנצושליסען אן איהם,
כִּי הוּא חַיֶּיךָ	דען ער איז דיין לעבען
וְאֹרֶךְ יָמֶיךָ	און די פערלייגערונג פון דיינע טעג,
לָשֶׁבֶת עַל־הָאֲדָמָה	צו וואהנען אויף דעם לאנד,
אֲשֶׁר נִשְׁבַּע יְהוָה	וואס דער עוויגער האט געשווארען
לַאֲבֹתֶיךָ	צו דיינע עלטערן,
לְאַבְרָהָם	צו אברהם,
לְיִצְחָק וּלְיַעֲקֹב	צו יצחק און צו יעקב,
לָתֵת לָהֶם׃	זיי צו געבען.

CAP. XXXI. — לא

וַיֵּלֶךְ — VAYELECH.

1. וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה	1. און משה איז געגאנגען,
וַיְדַבֵּר	און ער האט גערעדט
אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה	דיזע ווערטער
אֶל־כָּל־יִשְׂרָאֵל׃	צו גאנץ ישראל.
2. וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם	2. און ער האט געזאגט צו זיי:
בֶּן־מֵאָה וְעֶשְׂרִים שָׁנָה	הונדערט און צוואנציג יאהר אלט
אָנֹכִי הַיּוֹם	בין איך הייטע,
לֹא־אוּכַל עוֹד	איך קען מעהר ניט
לָצֵאת וְלָבוֹא	ארויסגיין און אריינגיין[1],
וַיהוָה אָמַר אֵלַי	און דער עוויגער האט געזאגט צו מיר:
לֹא תַעֲבֹר	דו וועסט ניט איבערגיין
אֶת־הַיַּרְדֵּן הַזֶּה׃	דיזען ירדן.
3. יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	3. דער עוויגער, דיין גאט,
הוּא ׀ עֹבֵר לְפָנֶיךָ	ער געהט פאר דיר,
הוּא־יַשְׁמִיד	ער וועט פערטילגען
אֶת־הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה	דיזע פעלקער
מִלְּפָנֶיךָ	פאר דיר,
וִירִשְׁתָּם	און דו וועסט זיי ערבען;
יְהוֹשֻׁעַ	יהושע,
הוּא עֹבֵר לְפָנֶיךָ	ער גייט פאר דיר,
כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה׃	ווי דער עוויגער האט גערעדט.
שֵׁנִי	שֵׁנִי
4. וְעָשָׂה יְהוָה לָהֶם	4. און דער עוויגער וועט טהאן צו זיי,
כַּאֲשֶׁר עָשָׂה	ווי ער האט געטהאן
לְסִיחוֹן וּלְעוֹג	צו סיחון און צו עוג,
מַלְכֵי הָאֱמֹרִי	די קעניגע פון דעם אמורי,
וּלְאַרְצָם	און צו זייער לאנד,
אֲשֶׁר הִשְׁמִיד אֹתָם׃	וואס ער האט זיי פערטיליגט.
5. וּנְתָנָם יְהוָה	5. און דער עוויגער וועט זיי געבען
לִפְנֵיכֶם	פאר אייך,
וַעֲשִׂיתֶם לָהֶם	און איהר זאלט טהאן צו זיי,
כְּכָל־הַמִּצְוָה	ווי דאס גאנצע געבאט,
אֲשֶׁר צִוִּיתִי אֶתְכֶם׃	וואס איך האב אייך בעפוילען.
6. חִזְקוּ וְאִמְצוּ	6. שטארקט זיך, און פעסטיגט זיך,
אַל־תִּירְאוּ	איהר זאלט זיך ניט פירכטען,
וְאַל־תַּעַרְצוּ מִפְּנֵיהֶם	און איהר זאלט זיך ניט שרעקען פאר זיי.
כִּי ׀ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ	דען דער עוויגער, דיין גאט,
הוּא הַהֹלֵךְ עִמָּךְ	ער איז עס, וועלכער געהט מיט דיר,
לֹא יַרְפְּךָ	ער וועט דיך ניט אבלאזען,
וְלֹא יַעַזְבֶךָּ׃	און ער וועט דיך ניט פערלאזען.
שְׁלִישִׁי	שְׁלִישִׁי
חמישי כשהן מחוברין	חמישי כשהן מחוברין
7. וַיִּקְרָא מֹשֶׁה	7. און משה האט גערופען
לִיהוֹשֻׁעַ	צו יהושע,
וַיֹּאמֶר אֵלָיו	און ער האט געזאגט צו איהם
לְעֵינֵי כָל־יִשְׂרָאֵל	פאר די אויגען פון גאנץ ישראל:

1) ד. ה. זיין א פיהרער.

חֲזַק וֶאֱמָץ	שטארק זיך און פעסטיג זיך
כִּי אַתָּה תָּבוֹא	דען דו וועסט קומען
אֶת־הָעָם הַזֶּה	מיט דיזען פאלק
אֶל הָאָרֶץ	אין דאס לאנד,
אֲשֶׁר נִשְׁבַּע יְהוָה	וואס דער עוויגער האט געשווארען
לַאֲבֹתָם	צו זייערע עלטערן,
לָתֵת לָהֶם	זיי צו געבען,
וְאַתָּה תַּנְחִילֶנָּה אוֹתָם :	און דו זאלסט איהר מאכען ערבען (צו) זיי.
8. וַיהוָה	8. און דער עוויגער,
הוּא הַהֹלֵךְ לְפָנֶיךָ	ער, וועלכער גייט פאר דיר,
הוּא יִהְיֶה עִמָּךְ	ער וועט זיין מיט דיר,
לֹא יַרְפְּךָ	ער וועט דיך ניט אבלאזען,
וְלֹא יַעַזְבֶךָּ	און ער וועט דיך ניט פערלאזען,
לֹא תִירָא	דו זאלסט זיך ניט פירכטען,
וְלֹא תֵחָת :	און דו זאלסט זיך ניט שרעקען.
9. וַיִּכְתֹּב מֹשֶׁה	9. און משה האט אויפגעשריבען
אֶת־הַתּוֹרָה הַזֹּאת	דיזע לעהרע,
וַיִּתְּנָהּ אֶל־הַכֹּהֲנִים	און ער האט איהר געגעבען צו די פריסטערס,
בְּנֵי לֵוִי	די זיהן פון לוי,
הַנֹּשְׂאִים	וועלכע טראגען
אֶת־אֲרוֹן בְּרִית יְהוָה	די בונדעס־לאדע פון דעם עוויגען,
וְאֶל־כָּל־זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל	און צו אלע עלטעסטע פון ישראל.
רְבִיעִי	רְבִיעִי
10. וַיְצַו מֹשֶׁה אוֹתָם	10. און משה האט זיי בעפוילען,
לֵאמֹר	זאגענדיג:
מִקֵּץ שֶׁבַע שָׁנִים	אם ענדע פון זיבען יאהר,
בְּמֹעֵד	אין דער בעשטימטען צייט
שְׁנַת הַשְּׁמִטָּה	פון דעם ערלאסונגס־יאהר
בְּחַג הַסֻּכּוֹת :	אם פייער־טאג פון די הִיטען.
11. בְּבוֹא כָל־יִשְׂרָאֵל	11. ווען גאנץ ישראל וועט קומען,
לֵרָאוֹת	צו ערשיינען
אֶת־פְּנֵי יי אֱלֹהֶיךָ	פאר דעם געזיכט פון דעם עוויגען, דיין גאט,
בַּמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחָר	אין דעם ארט, וועלכען ער וועט ערוועהלען,
תִּקְרָא	זאלסט'ו לעזען
אֶת־הַתּוֹרָה הַזֹּאת	דיזע לעהרע
נֶגֶד כָּל־יִשְׂרָאֵל	²פאר גאנץ ישראל
בְּאָזְנֵיהֶם :	פאר זייערע אויערען.
12. הַקְהֵל אֶת־הָעָם	12. פערזאמעל דאס פאלק,
הָאֲנָשִׁים	די מענער
וְהַנָּשִׁים וְהַטַּף	און די פרויען און די קינדער,
וְגֵרְךָ אֲשֶׁר בִּשְׁעָרֶיךָ	און דיין פרעמדער, וועלכער איז אין דיינע טויערען,
לְמַעַן יִשְׁמְעוּ	אום זיי זאלען הערען,
וּלְמַעַן יִלְמְדוּ	און אום זיי זאלען לערנען,
וְיָרְאוּ	און זיי זאלען פירכטען
אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם	דעם עוויגען, אייער גאט,
וְשָׁמְרוּ לַעֲשׂוֹת	און זיי זאלען היטען צו טהאן
אֶת־כָּל־דִּבְרֵי	אלע ווערטער
הַתּוֹרָה הַזֹּאת :	פון דיזער לעהרע.
13. וּבְנֵיהֶם	13. און זייערע קינדער,
אֲשֶׁר לֹא־יָדְעוּ	וועלכע האבען ניט געוואוסט,
יִשְׁמְעוּ	זאלען הערען,
וְלָמְדוּ לְיִרְאָה	און זיי זאלען לערנען צו פירכטען
אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם	דעם עוויגען, אייער גאט,
כָּל־הַיָּמִים	אלע צייטען,
אֲשֶׁר אַתֶּם חַיִּים	וואס איהר לעבט
עַל־הָאֲדָמָה	אויף דעם לאנד,
אֲשֶׁר אַתֶּם עֹבְרִים אֶת־הַיַּרְדֵּן שָׁמָּה	וואס איהר גייט דארטען איבער דעם ירדן,
לְרִשְׁתָּהּ :	איהר צו ערבען.
חֲמִישִׁי	חֲמִישִׁי
שִׁשִּׁי כשהן מחוברין	שִׁשִּׁי כשהן מחוברין
14. וַיֹּאמֶר יי אֶל־מֹשֶׁה	14. און דער עוויגער האט געזאגט צו משה:
הֵן קָרְבוּ יָמֶיךָ	זעה, דיינע טעג האבען זיך דערנעהנטערט
לָמוּת	צום שטארבען,
קְרָא אֶת־יְהוֹשֻׁעַ	רוף יהושע,
וְהִתְיַצְּבוּ	און שטעלט זיך
בְּאֹהֶל מוֹעֵד	אין דעם פערזאמל.נגס־געצעלט,
וַאֲצַוֶּנּוּ	און איך וועל איהם בעפוילען
וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה וִיהוֹשֻׁעַ	און משה און יהושע זיינען געגאנגען,
וַיִּתְיַצְּבוּ	און זיי האבען זיך געשטעלט
בְּאֹהֶל מוֹעֵד :	אין פערזאמלונגס־געצעלט

1) בײלער. 2) אין געגענווארט,

15. וַיֵּרָא יְהֹוָה בָּאֹהֶל	15. און דער עוויגער האט זיך בעוויזען אים געצעלט
בְּעַמּוּד עָנָן	מיט א וואלקען זייל.
וַיַּעֲמֹד עַמּוּד הֶעָנָן	און דער וואלקען־זייל האט זיך געשטעלט
עַל־פֶּתַח הָאֹהֶל׃	ביים איינגאנג פון געצעלט.
16. וַיֹּאמֶר יְיָ אֶל מֹשֶׁה	16. און דער עוויגער האט געזאגט צו משה:
הִנְּךָ שֹׁכֵב	זעה, דו וועסט ליגען
עִם־אֲבֹתֶיךָ	ביי דיינע עלטערן,
וְקָם הָעָם הַזֶּה	און דיזעס פאלק וועט אויפשטעהן,
וְזָנָה ׀ אַחֲרֵי ׀ אֱלֹהֵי	און ער וועט אפקעהרען נאך די געטער
נֵכַר־הָאָרֶץ	פון דעם [1]פרעמדען פון דעם לאנד,
אֲשֶׁר הוּא בָא־שָׁמָּה	וואס ער קומט דארטען
בְּקִרְבּוֹ	צווישען איהם,
וַעֲזָבַנִי	און ער וועט מיך פערלאזען,
וְהֵפֵר אֶת־בְּרִיתִי	און ער וועט צושטערען מיין בונד,
אֲשֶׁר כָּרַתִּי אִתּוֹ׃	וועלכען איך האב געשלאסען מיט איהם.
17. וְחָרָה אַפִּי בוֹ	17. דאן וועט מיין צארן ברענען געגען איהם
בַיּוֹם־הַהוּא	אין יענעם טאג,
וַעֲזַבְתִּים	און איך וועל זיי פערלאזען,
וְהִסְתַּרְתִּי פָנַי מֵהֶם	און איך וועל פערבערגען מיין געזיכט פון זיי,
וְהָיָה לֶאֱכֹל	און ער וועט זיין צום פערצעהרען,
וּמְצָאֻהוּ	און עס וועלען איהם טרעפען
רָעוֹת רַבּוֹת וְצָרוֹת	פילע אונגליקען און נויטען
וְאָמַר בַּיּוֹם הַהוּא	און ער וועט זאגען אין יענעם טאג:
הֲלֹא עַל כִּי־אֵין אֱלֹהַי בְּקִרְבִּי	איז עס ניט וויל מיין גאט איז ניט צווישען מיר,
מְצָאוּנִי	(דארום) האבען מיך געטראפען
הָרָעוֹת הָאֵלֶּה׃	דיזע אונגליקען.
18. וְאָנֹכִי	18. אבער איך
הַסְתֵּר אַסְתִּיר פָּנַי	וועל פערבערגען מיין געזיכט
בַּיּוֹם הַהוּא	אין יענעם טאג
עַל כָּל־הָרָעָה	וועגען די גאנצע פייזעס
אֲשֶׁר עָשָׂה	וואס ער האט געטהאן
כִּי פָנָה	דען ער האט זיך געווענדעט
אֶל־אֱלֹהִים אֲחֵרִים׃	צו אנדערע געטער.
19. וְעַתָּה כִּתְבוּ לָכֶם	19. און יעצט שרייבט אייך אויף
אֶת־הַשִּׁירָה הַזֹּאת	דיזען [2]געזאנג,
וְלַמְּדָהּ	און לעהר איהר
אֶת־בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל	די קינדער ישראל,
שִׂימָהּ בְּפִיהֶם	לייג איהר אין זייער מויל,
לְמַעַן תִּהְיֶה־לִּי	אום עס זאל זיין צו מיר
הַשִּׁירָה הַזֹּאת	דיזער געזאנג
לְעֵד בִּבְנֵי יִשְׂרָאֵל׃	אלס צייגע געגען די קינדער ישראל.
שִׁשִּׁי	שִׁשִּׁי
שביעי כשהן מחוברין	שביעי כשהן מחוברין
20. כִּי־אֲבִיאֶנּוּ	20. דען איך וועל איהם ארייננבריינגען
אֶל־הָאֲדָמָה ׀	אין דאס לאנד,
אֲשֶׁר־נִשְׁבַּעְתִּי	וואס איך האב געשווארען
לַאֲבֹתָיו	צו זיינע עלטערן,
זָבַת חָלָב וּדְבַשׁ	וואס פליסט (מיט) מילך און האניג,
וְאָכַל	און ער וועט עסען,
וְשָׂבַע	און ער וועט זאט ווערען
וְדָשֵׁן	און ער וועט פעט ווערען,
וּפָנָה	און ער וועט זיך ווענדען
אֶל־אֱלֹהִים אֲחֵרִים	צו אנדערע געטער,
וַעֲבָדוּם	און זיי וועלען זיי דינען,
וְנִאֲצוּנִי	און זיי וועלען מיך ערצירנען
וְהֵפֵר אֶת־בְּרִיתִי׃	און ער וועט צושטערען מיין בונד.
21. וְהָיָה	21. און עס וועט זיין,
כִּי־תִמְצֶאןָ אֹתוֹ	ווען עס וועלען איהם טרעפען
רָעוֹת רַבּוֹת וְצָרוֹת	גרויסע אונגליקען און נויטען,
וְעָנְתָה הַשִּׁירָה הַזֹּאת	דאן וועט דיזער [2]געזאנג [3]אנטווארטען
לְפָנָיו	פאר איהם
לְעֵד	אלס צייגע,
כִּי לֹא תִשָּׁכַח	—דען ער וועט ניט פערגעסען ווערען
מִפִּי זַרְעוֹ	פון דעם מויל פון זיין זאמען,—
כִּי יָדַעְתִּי	דען איך ווייס
אֶת־יִצְרוֹ	זיין [4]געדאנקען,
אֲשֶׁר הוּא עֹשֶׂה הַיּוֹם	וואס ער טהוט הייטע,
בְּטֶרֶם אֲבִיאֶנּוּ	בעפאר איך האב איהם נאך געבראכט
אֶל־הָאָרֶץ	אין דאס לאנד.
אֲשֶׁר נִשְׁבָּעְתִּי׃	וואס איך האב געשווארען.

1) אויסלענדער. 2) ליד, 3) שפרעכען, בעצייגען. 4) זינען.

22. וַיִּכְתֹּב מֹשֶׁה	22. און משה האט אויפגעשריבען
אֶת־הַשִּׁירָה הַזֹּאת	דיזען געזאנג
בַּיּוֹם הַהוּא	אין יענעם טאג,
וַיְלַמְּדָהּ	און ער האט עס געלעהרט
אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃	די קינדער ישראל.
23. וַיְצַו	23. און ער האט בעפוילען
אֶת־יְהוֹשֻׁעַ בִּן־נוּן	יהושע, דעם זוהן פון נון,
וַיֹּאמֶר	און ער האט געזאגט:
חֲזַק וֶאֱמָץ	שטארק זיך, און פעסטיג זיך,
כִּי אַתָּה תָּבִיא	דען דו וועסט אריינברייגגען
אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	די קינדער ישראל
אֶל־הָאָרֶץ	אין דאס לאנד,
אֲשֶׁר־נִשְׁבַּעְתִּי לָהֶם	וואס איך האב געשווארען צו זיי,
וְאָנֹכִי אֶהְיֶה עִמָּךְ׃	און איך וועל זיין מיט דיר.
שְׁבִיעִי	שְׁבִיעִי
24. וַיְהִי׀	24. און עס איז געוועזן,
כְּכַלּוֹת מֹשֶׁה	אלס משה האט געענדיגט
לִכְתֹּב	צו שרייבען
אֶת־דִּבְרֵי	די ווערטער
הַתּוֹרָה־הַזֹּאת	פון דיזער לעהרע
עַל־סֵפֶר	אויף א בוך,
עַד תֻּמָּם׃	ביז זייער ענדע.
25. וַיְצַו מֹשֶׁה	52. דאן האט משה בעפוילען
אֶת־הַלְוִיִּם	די לויים,
נֹשְׂאֵי	וועלכע טראגען
אֲרוֹן בְּרִית־יְהוָה	די בונדעס־לאדע פון דעם עוויגען,
לֵאמֹר׃	זאגענדיג:
26. לָקֹחַ	26. נעהמט
אֵת סֵפֶר הַתּוֹרָה הַזֶּה	דיזען בוך פון דער לעהרע,
וְשַׂמְתֶּם אֹתוֹ	און איהר זאלט עס לייגען
מִצַּד	פון דער זייט
אֲרוֹן בְּרִית־יְהוָה	פון די בונדעס־לאדע פון דעם עוויגען,
אֱלֹהֵיכֶם	אייער גאט,
וְהָיָה־שָׁם בְּךָ לְעֵד׃	און עס זאל דארט זיין געגען דיר אלס צייגע.
27. כִּי אָנֹכִי יָדַעְתִּי	27. דען איך ווייס

אֶת־מֶרְיְךָ	דיין ווידערשפענסטיגקייט
וְאֶת־עָרְפְּךָ הַקָּשֶׁה	און דיין הארטנעקיגקייט;
הֵן בְּעוֹדֶנִּי חַי עִמָּכֶם	זעה, ווען איך לעב נאך מיט אייך
הַיּוֹם	הייטע,
מַמְרִים הֱיִתֶם	זייט איהר געוועזן ווידערשפענסטיג
עִם־יְהוָה	געגען דעם עוויגען,
וְאַף כִּי־אַחֲרֵי מוֹתִי׃	אום וויפיל מעהר נאך מיין טויט?!
מַפְטִיר	מַפְטִיר
28. הַקְהִילוּ אֵלַי	28. פערזאמעלט צו מיר
אֶת־כָּל־זִקְנֵי	אלע עלטעסטע
שִׁבְטֵיכֶם	פון אייערע שטאמען
וְשֹׁטְרֵיכֶם	און אייערע בעאמטע,
וַאֲדַבְּרָה בְאָזְנֵיהֶם	און איך וועל רייד׳ען פאר זייערע אויערען
אֵת הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה	דיזע ווערטער,
וְאָעִידָה בָּם	און איך וועל נעהמען געגען זיי אלס צייגע
אֶת־הַשָּׁמַיִם	דעם הימעל
וְאֶת־הָאָרֶץ׃	און די ערד.
29. כִּי יָדַעְתִּי	29. דען איך ווייס,
אַחֲרֵי מוֹתִי	דאס נאך מיין טויט
כִּי־הַשְׁחֵת תַּשְׁחִתוּן	וועט איהר געוויס פערדערבען,
וְסַרְתֶּם מִן־הַדֶּרֶךְ	און איהר וועט אפקעהרען פון דעם וועג,
אֲשֶׁר צִוִּיתִי אֶתְכֶם	וועלכען איך האב אייך בעפוילען,
וְקָרָאת אֶתְכֶם	און אייך וועט טרעפען
הָרָעָה	דאס אונגליק
בְּאַחֲרִית הַיָּמִים	אין די שפעטערע צייטען,
כִּי־תַעֲשׂוּ	ווען איהר וועט טהאן
אֶת־הָרַע	דאס שלעכטע
בְּעֵינֵי יְהוָה	אין דעם עוויגען׳ס אויגען,
לְהַכְעִיסוֹ	אום איהם צו [1]ערגערן
בְּמַעֲשֵׂה יְדֵיכֶם׃	דורך דאס ווערק פון אייערע הענד.
30. וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה	30. און משה האט גערערט
בְּאָזְנֵי	פאר די אויערען
כָּל־קְהַל יִשְׂרָאֵל	פון דער גאנצען פערזאמלונג פון ישראל
אֶת־דִּבְרֵי	די ווערטער
הַשִּׁירָה הַזֹּאת	פון דיזען געזאנג
עַד תֻּמָּם׃	ביז זייער ענדע.

1) ערצירנען, קריינקען.

CAP. XXXII. לב
HAAZINU הַאֲזִינוּ

1. הַאֲזִינוּ הַשָּׁמַיִם	1. [1]פערנעהמט, איהר הימעל,
וַאֲדַבֵּרָה	און איך וויל רעדען,
וְתִשְׁמַע הָאָרֶץ	און זאל די ערד הערען
אִמְרֵי־פִי׃	די ווערטער פון מיין מויל.
2. יַעֲרֹף כַּמָּטָר לִקְחִי	2. זאל טריפען ווי דער רעגען מיין לעהרע,
תִּזַּל כַּטַּל אִמְרָתִי	זאל רינען ווי דער טהוי מיין רעדע;
כִּשְׂעִירִם עֲלֵי־דֶשֶׁא	ווי א גוס־רעגען אויף גראז
וְכִרְבִיבִים עֲלֵי־עֵשֶׂב׃	און ווי [2]א גרויסער רעגען אויף קרויט.
3. כִּי שֵׁם יְהוָה אֶקְרָא	3. דען איך וועל רופען דעם נאמען פון דעם עוויגען,
הָבוּ גֹדֶל לֵאלֹהֵינוּ׃	(דארום) גיט גרויסקייט צו אונזער גאט.
4. הַצּוּר	4. (ער איז) דער פעלז,
תָּמִים פָּעֳלוֹ	פאלקאמען איז זיין [3]ווערק,
כִּי כָל־דְּרָכָיו מִשְׁפָּט	דען אלע זיינע וועגען זיינען רעכט;
אֵל אֱמוּנָה	א גאט פון [4]טריייע,
וְאֵין עָוֶל	און אָהן אונרעכט,
צַדִּיק וְיָשָׁר הוּא׃	רעכט און [5]גערא֗ד איז ער.
5. שִׁחֵת לוֹ	5. [6]ער האט זיך זעלבסט פערדאָרבען,
לֹא בָּנָיו	זיי זיינען ניט (מעהר) זיינע קינדער
מוּמָם	[7]וועגען זייער פעהלער,
דּוֹר עִקֵּשׁ וּפְתַלְתֹּל׃	א קרומער און א פער־דרייטער געשלעכט[8].
6. הַלַיהוָה תִּגְמְלוּ־זֹאת	6. צו דעם עוויגען [9]פער־צאָהלט איהר אזוי?
עַם נָבָל וְלֹא חָכָם	[10]אונוווירדיגעס און ניט־קלוגעס פאלק!
הֲלוֹא־הוּא אָבִיךָ	איז ער ניט דיין פאטער,
קָּנֶךָ	וועלכער האט דיך ערוואָרבען?
הוּא עָשְׂךָ	ער האט דיך [11]געמאכט,
וַיְכֹנְנֶךָ׃	און ער האט דיך פעגרינדעט

שֵׁנִי	שֵׁנִי
7. זְכֹר יְמוֹת עוֹלָם	7. געדיינק די טעג פון פארצייטען,
בִּינוּ שְׁנוֹת דֹּר־וָדֹר	בעטראכט די יאהרען פון [12]פריהערדיגע געשלעכט,
שְׁאַל אָבִיךָ	פרעג דיין פאטער,
וְיַגֵּדְךָ	און ער וועט דיר דערציילען,
זְקֵנֶיךָ	דיינע עלטעסטע,
וְיֹאמְרוּ־לָךְ׃	און זיי וועלען דיר זאגען.
8. בְּהַנְחֵל עֶלְיוֹן גּוֹיִם	8. ווען דער עוויגער האט בעזיטץ געגעבען פעלקער,
בְּהַפְרִידוֹ בְּנֵי אָדָם	ווען ער האט צוטהיילט די מענשען־קינדער,
יַצֵּב גְּבֻלֹת עַמִּים	האט ער געשטעלט די גרענעצען פון די פעלקער
לְמִסְפַּר בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃	נאך די צאהל פון די קינדער ישראל.[13]
9. כִּי חֵלֶק יְהוָה עַמּוֹ	9. דען דעם עוויגען׳ס טהייל איז זיין פאָלק,
יַעֲקֹב חֶבֶל נַחֲלָתוֹ׃	יעקב איז דאס [14]לאָאָז פון זיין ערב.
10. יִמְצָאֵהוּ	10. ער האט איהם געפונען
בְּאֶרֶץ מִדְבָּר	אין וויסטען לאנד,
וּבְתֹהוּ יְלֵל יְשִׁמֹן	און אין דער וויסטע [15] פון ווילדנים־יאמער;
יְסֹבְבֶנְהוּ	ער האט איהם ארום־גערינגעלט,
יְבוֹנְנֵהוּ	ער האט אויף איהם אכטונג געגעבען,
יִצְּרֶנְהוּ	ער האט איהם געהיט,
כְּאִישׁוֹן עֵינוֹ׃	ווי זיין [16]אויגען־אפעל
11. כְּנֶשֶׁר יָעִיר קִנּוֹ	11. ווי דער אָדלער [17] בעוואכט זיין נעסט,
עַל־גּוֹזָלָיו יְרַחֵף	איבער זיינע יונגע שוועבט ער,
יִפְרֹשׂ כְּנָפָיו	ער שפרייט אויס זיינע פליגלען,
יִקָּחֵהוּ	ער נעהמט עס,
יִשָּׂאֵהוּ	ער טראָגט עס
עַל־אֶבְרָתוֹ׃	אויף זיין פליגעל.
12. יְהוָה בָּדָד יַנְחֶנּוּ	12. דער עוויגער פיהרט איהם אליין,
וְאֵין עִמּוֹ אֵל נֵכָר׃	און מיט איהם איז קיין פרעמדער גאט דא.

דער אידעען־גאַנג פון שירת האזינו, לויט דר. פיליפזאהן, איז פאָלגענדער: אויפרוף צום הערען די רעדע (פסוק 1) און די כאַראַקטעריזירונג פון די רעדע (פ׳ 2), וועלכע גילט אַלס גאטעס לויב (פ׳ 3); גאָטעס לויב אַלס ריכטער (פ׳ 4), און דאַגעגען די פערדאָרבענהייט פון ישראל (פ׳ 5). דאַן קומט די אַנקלאַגע פון ישראל פיר זיין שלעכטע אויפפיהרונג און פערגעסען גאט, וועלכער האט זיי פיעל גוטעס געטהאָן (פ׳ 6—18). דאָן פאָלגט די פער־אורטהיילונג פון ישראל און די בעשטראפונג פיר זיינע זינדע (19־35). דערנאָך, ווען גאט וועט שוין האָבען געענדיגט זיין שטראפע און ישראל וועט פאסט אין גאנצען פערלאָרען זיין (פ׳ 36), דאַן וועט גאט בעווייזען, דאס נור ער און ניט די געטער קען אַלעס, און ער וועט זיין ראכע וועגדען געגען ישראל׳ס פיינדע און ישראל וועט געראַטעט און פערזעהנט ווערען (פ׳ 37—43).

1) הארכט. 2) שפרעע־רעגען, פלאַטץ־רעגען. 3) טהאַט. 4) גערעכטיגקייט. 5) רעכטפערטיג. 6) ד. ה. ישראל. 7) אָדער: דאס איז זייער אייגענער פעהלער. זעה רש״י. 8) ד. ה. א פאלשער און טיקישער געשלעכט. 9) פערגעלטעט, בעלוינט, דאנקט. 10) נידערטרעכטיגעס, ניכטס־ווירדיגעס. 11) בעשאַפען. 12) פריהעריגע געשלעכטער. 13) זעה רש״י. 14) טהייל. 15) פאַל ווילדניס־געהייל, ד. ה. וואו עס הערט זיך דאס יאמערן פון ווילדע טהירען. 16) אויגען־בילד. 17) עררעגט, וועקט.

שלישי	שלישי
13. ירכבהו	13. ער האט איהם [1]ערהויבען
על-במותי ארץ	אויף די העהען פון (דער) ערד,
ויאכל תנובת שדי	און ער האט געגעסען די פרוכט פון (די) פעלדער,
ויניקהו דבש	און ער האט איהם געלאזען זויגען האניג
מסלע	פון פעלזען,
ושמן מחלמיש צור:	און אייל פון פעלזען-קיזעל.
14. חמאת בקר	14. בוטער פון רינדער
וחלב צאן	און מילך פון שאף,
עם-חלב כרים	מיט דעם פעט פון לעמער,
ואילים בני-בשן	און ווידערס פון בשן
ועתודים	און בעק,
עם-חלב כליות חטה	מיט דעם [2]אינערען פעט פון ווייץ,
ודם-ענב	און פון דעם בלוט פון טרויבען
תשתה-חמר:	האסט'ו געטרונקען וויין.
15. וישמן ישרון	15. אלס [3]ישרון איז פעט געווארען,
ויבעט	דאן האט ער אויסגעבריקט;
שמנת	דו ביסט פעט געווארען,
עבית	דו ביסט דיק געווארען,
כשית	דו ביסט [4]בעלייבט געווארען,
ויטש	דאן האט ער פערלאזען,
אלוה עשהו	דעם גאט, וועלכער האט איהם געמאכט,
וינבל	און ער האט פעראכטעט.
צור ישעתו:	דעם פעלז פון זיין הילף.
16. יקנאהו בזרים	16. זיי [5]מאכען איהם אייפעריג דורך פרעמדע (געטער),
בתועבת יכעיסהו:	דורך אונווירדיגקייטען ערגערן זיי איהם.
17. יזבחו לשדים	17. זיי שלאכטען צו די טייפלען,
לא אלה	אונגעטער,
אלהים לא ידעום	געטער, וועלכע זיי ווייסען ניט,
חדשים	נייע,
מקרב באו	וועלכע זיינען ניט לאנג געקומען,
לא שערום אבתיכם:	וועלכע אייערע עלטערן האבען [6]ניט געפירכטעט.
18. צור ילדך	18. דעם פעלז, וועלכער האט דיך געבארען,
תשי	האסט'ו פערגעסען,
ותשכח	און דו האסט פערגעסען
אל מחללך:	דעם גאט, וועלכער האט דיך בעשאפען.

רביעי	רביעי
19. וירא יהוה	19. און דער עוויגער האט (עס) געזעהן,
וינאץ	און ער האט געצירנעט
מכעס בניו ובנתיו:	פון ערגערניס פון זיינע זיהן און זיינע טעכטער.
20. ויאמר	20. און ער האט געזאגט:
אסתירה פני מהם	איך וויל פערבערגען מיין געזיכט פון זיי,
אראה מה אחריתם	איך וועל זעהן, וואס וועט זיין זייער ענדע,
כי דור תהפכת המה	דען זיי זיינען א געשלעכט פון פערקעהרטהייט,
בנים לא-אמן בם:	קינדער, אין וועלכע עס איז קיין טרייע דא.
21. הם קנאוני	21. זיי האבען מיך [7]אייפעריג געמאכט
בלא-אל	דורך אונגעטער,
כעסוני בהבליהם	זיי האבען מיך געערגערט דורך זייערע ניכטיגקייטען,
ואני אקניאם	דארום וועל איך זיי [8]אייפעריג מאכען
בלא-עם	דורך איין אונפאלק,
בגוי נבל אכעיסם:	דורך איין אונווירדיגעס פאלק וועל איך זיי ערגערן.
22. כי-אש קדחה	22. דען א פייער האט זיך אנגעצונדען
באפי	אין מיין צארן,
ותיקד	און עס האט געברענט,
עד-שאול תחתית	ביז דער אונטערסטען העלע,
ותאכל ארץ ויבלה	און עס האט פערצעהרט (די) ערד און איהרע פרוכט,
ותלהט מוסדי הרים:	און עס האט ענטפלאמט די גרונדפעסטען פון בערג.
23. אספה עלימו	23. איך וועל פערזאמלען איבער זיי
רעות	אונגליקען,
חצי אכלה-בם:	מיינע פיילען וועל איך [9]פערברויכען געגען זיי.
24. מזי רעב	24. פערשמאכטע פון הונגער
ולחמי רשף	און פערצעהרטע פון [10]פיבער
וקטב מרירי	און גיפטיגען פעסט,
ושן-בהמת	און דעם צאהן פון די טהירען
אשלח-בם	וועל איך אנשיקען אויף זיי
עם-חמת זחלי עפר:	מיט דעם גיפט פון די שטויב-קריכענדע.
25. מחוץ תשכל-חרב	25. פון אויסען וועט דער שווערט [11]בערויבען,
ומחדרים אימה	און פון די צימערען פורכט,
גם-בחור גם-בתולה	אויך (דעם) יונגלינג אויך (די) יונגפרוי,
יונק עם-איש שיבה:	דעם זייגלינג מיט דעם גרויען מאן.
26. אמרתי אפאיהם	26. איך האב געזאגט: איך וויל זיי [12]צושפרייטען,

1) געמאכט רייטען. 2) פעט פון די נירען פון ווייץ. 3) ישראל. 4) פול, פערדעקט געווארען (מיט פעטס). 5) רייצען איהם. 6) זיך ניט פארגעשטעלט. 7) גערייצט. 8) רייצען. 9) פערברויגען, ענדיגען. 10) גלוטת. 11) פערניכטען, פערוואוסטען. 12) פערניכטען.

אַשְׁבִּיתָה מֵאֱנוֹשׁ	איך וויל פערטילגען פון מענשען
זִכְרָם׃	זייער אָנדיינקען.
חֲמִישִׁי	חֲמִישִׁי
27. לוּלֵי כַּעַס אוֹיֵב אָגוּר	27. ווען איך וואלט ניט פירכטען דעם פיינדס [1]צארן
פֶּן־יְנַכְּרוּ צָרֵימוֹ	דאס זייערע פיינדע זאלען ניט [2]אבלייקענען,
פֶּן־יֹאמְרוּ	דאס זיי זאלען ניט זאגען:
יָדֵנוּ רָמָה	אונזער האנד איז הויך,
וְלֹא יְהוָה	און ניט דער עוויגער
פָּעַל כָּל־זֹאת׃	האט געווירקט דיזעס אלעס.
28. כִּי־גוֹי אֹבַד עֵצוֹת הֵמָּה	28. דען זיי זיינען א פאלק וואס האט פערלארען ראטהען,
וְאֵין בָּהֶם תְּבוּנָה׃	און עס איז אין זיי ניטא קיין פערשטאנד.
29. לוּ חָכְמוּ	29. ווען זיי וואלטען קלוג געווען,
יַשְׂכִּילוּ זֹאת	וואלטען זיי דיזעס פערשטאנען,
יָבִינוּ לְאַחֲרִיתָם׃	זיי וואלטען בעטראכטען זייער ענדע.
30. אֵיכָה יִרְדֹּף אֶחָד אֶלֶף	30. ווי אזוי קען איינער נאכיאגען טויזענד,
וּשְׁנַיִם יָנִיסוּ רְבָבָה	און צוויי זאלען מאכען ענטלויפען צעהן טויזענד,
אִם־לֹא	אויב ניט,
כִּי־צוּרָם מְכָרָם	ווייל זייער פעלז האט זיי פערקויפט,
וַיהוָה הִסְגִּירָם׃	און דער עוויגער האט זיי איבערגעגעבען.
31. כִּי לֹא כְצוּרֵנוּ צוּרָם	31. דען ניט ווי אונזער פעלז איז זייער פעלז.
וְאֹיְבֵינוּ פְּלִילִים׃	ווען אויך אונזערע פיינדע זיינען די ריכטער.
32. כִּי־מִגֶּפֶן סְדֹם גַּפְנָם	32. דען פון דעם ווינשטאק פון סדום איז זייער ווינשטאק,
וּמִשַּׁדְמֹת עֲמֹרָה	און פון די פעלדער פון עמורה,
עֲנָבֵמוֹ	זייערע טרויבען
עִנְּבֵי־רוֹשׁ	זיינען טרויבען פון גיפט,
אַשְׁכְּלֹת מְרֹרֹת לָמוֹ׃	זיי האבען ביטערע (טרויבען) ־הייגלעך.
33. חֲמַת תַּנִּינִם יֵינָם	33. שלאנגען־גיפט איז זייער וויין,
וְרֹאשׁ פְּתָנִים אַכְזָר׃	און [3]טויטליכער גיפט פון [4]נאטערן.
34. הֲלֹא הוּא כָּמֻס עִמָּדִי	34. איז עס ניט פערבארגען ביי מיר,
חָתוּם בְּאוֹצְרֹתָי׃	פערזיגעלט אין מיינע שאטצען?

35. לִי נָקָם וְשִׁלֵּם	35. איך האב ראכע און [5]פערגעלטונג
לְעֵת תָּמוּט רַגְלָם	צור צייט (ווען) זייער פוס וועט [6]וואנקען,
כִּי קָרוֹב יוֹם אֵידָם	דען עס איז נאהענט דער טאג פון זייער אונגליק,
וְחָשׁ עֲתִדֹת לָמוֹ׃	און שנעל וועט קומען די [7]צוקונפט פיר זיי.
36. כִּי־יָדִין יְהוָה עַמּוֹ	36. דען דער עוויגער וועט ריכטען זיין פאלק,
וְעַל־עֲבָדָיו יִתְנֶחָם	און איבער זיינע קנעכט וועט ער זיך [8]ערבארמען,
כִּי יִרְאֶה	ווען ער וועט זעהען,
כִּי־אָזְלַת יָד	דאס די מאכט איז אויס־געגאנגען,
וְאֶפֶס עָצוּר וְעָזוּב׃	און עס איז ניטא קיין [9]קנעכט און קיין פרייער.
37. וְאָמַר	37. דאן וועט ער זאגען:
אֵי אֱלֹהֵימוֹ	וואו זיינען זייערע געטער,
צוּר חָסָיוּ בוֹ׃	דער פעלז, אויף וועלכען זיי האבען זיך געשטיצט.
38. אֲשֶׁר חֵלֶב זְבָחֵימוֹ	38. וואס די פעט פון זייערע שלאכטונגען
יֹאכֵלוּ	עסען זיי,
יִשְׁתּוּ יֵין נְסִיכָם	זיי טרינקען דעם וויין פון זייער טראנק־אפפער,
יָקוּמוּ	זאלען זיי אויפשטעהן,
וְיַעְזְרֻכֶם	און זאלען זיי אייך העלפען,
יְהִי עֲלֵיכֶם סִתְרָה׃	זאלען זיי זיין איבער אייך א שוטץ.
39. רְאוּ ׀ עַתָּה	39. זעהט יעצט,
כִּי אֲנִי אֲנִי הוּא	דאס איך, איך בין עס,
וְאֵין אֱלֹהִים עִמָּדִי	און קיין גאט נעבען מיר;
אֲנִי אָמִית	איך טויטע
וַאֲחַיֶּה	און בעלעב,
מָחַצְתִּי	איך פערוואונד,
וַאֲנִי אֶרְפָּא	און איך הייל,
וְאֵין מִיָּדִי מַצִּיל׃	און קיינער רעטעט ניט פון מיין האנד.
40. כִּי־אֶשָּׂא	40. דען איך הויב אויף
אֶל־שָׁמַיִם	צום הימעל
יָדִי	מיין האנד,
וְאָמַרְתִּי	און איך זאג:
חַי אָנֹכִי לְעֹלָם׃	זא וואהר ווי איך לעב עוויג!
41. אִם־שַׁנּוֹתִי	41. ווען איך וועל געשארפט האבען
בְּרַק חַרְבִּי	דעם בליץ פון מיין שווערט,
וְתֹאחֵז בְּמִשְׁפָּט יָדִי	און מיין האנד וועט אנ־נעהמען דאס רעכט,
אָשִׁיב נָקָם	דאן וועל איך צוריק־קעהרען ראכע
לְצָרָי	צו מיינע פיינדע,

1) קריינקונג. 2) ניט אנערקענען. 3) מערדערליכער. 4) גיפטיגע שלאנגען. 5) בעלאהנונג. 6) זיך שאקלען. 7) ד. ה. דאס פאראהער־בעשטימטע. 8) בעדויערן. 9) „פערהייראטהער און אונפערהייראטהער“ „רעגענט און אונטערטהאן, „דאס פערשלאסענע און פערלאסענע“ ד. ח. קאסטבארע און אונקאסטבארע.

וּלְמְשַׂנְאַי אֲשַׁלֵּם׃	און [צו] מיינע האסערס וועל איך בעצאהלען.
42. אַשְׁכִּיר חִצַּי מִדָּם	42. איך וועל [1]אנטרינקען מיינע פיילען מיט בלוט,
וְחַרְבִּי תֹּאכַל בָּשָׂר	און מיין שווערט וועט פערצעהרען פלייש,
מִדַּם חָלָל וְשִׁבְיָה	פון דעם בלוט פון דערשלאגענע און געפאנגענע,
מֵרֹאשׁ פַּרְעוֹת אוֹיֵב׃	פון דעם [2]קאפ פון די פירשרטען פון פיינד.
43. הַרְנִינוּ גוֹיִם עַמּוֹ	43. לויבט נאציאנען, זיין פאלק,
כִּי דַם־עֲבָדָיו	דען דאס בלוט פון זיינע קנעכט
יִקּוֹם	וועט ער רעכנען,
וְנָקָם יָשִׁיב	און ראכע וועט ער צוריק־קעהרען
לְצָרָיו	צו זיינע פיינדע,
וְכִפֶּר אַדְמָתוֹ	און ער וועט [3]פערגעבען זיין לאנד
עַמּוֹ׃	(און) זיין פאלק.
שביעי	שביעי
44. וַיָּבֹא מֹשֶׁה	44. און משה איז געקומען
וַיְדַבֵּר	און ער האט גערעדט
אֶת־כָּל־דִּבְרֵי	אלע ווערטער
הַשִּׁירָה־הַזֹּאת	פון דיזען געזאנג
בְּאָזְנֵי הָעָם	פאר די אויערען פון דעם פאלק,
הוּא וְהוֹשֵׁעַ בִּן־נוּן׃	ער און הושע, דער זוהן פון נון.
45. וַיְכַל מֹשֶׁה	45. אלס משה האט געענדיגט
לְדַבֵּר	צו רעדען
אֶת־כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה	דיזע אלע ווערטער
אֶל־כָּל־יִשְׂרָאֵל׃	צו גאנץ ישראל.
46. וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם	46. דאן האט ער געזאגט צו זיי:
שִׂימוּ לְבַבְכֶם	ריכטעט אייער הארץ
לְכָל־הַדְּבָרִים	צו די אלע ווערטער
אֲשֶׁר אָנֹכִי מֵעִיד בָּכֶם הַיּוֹם	וועלכע איך בעצייג היינט געגען אייך.
אֲשֶׁר תְּצַוֻּם	דאס איהר זאלט זיי בעפעהלען
אֶת־בְּנֵיכֶם	(צו) אייערע קינדער,
לִשְׁמֹר לַעֲשׂוֹת	צו היטען צו טהאן
אֶת־כָּל־דִּבְרֵי	אלע ווערטער
הַתּוֹרָה הַזֹּאת׃	פון דיזער לעהרע.
47. כִּי לֹא־דָבָר רֵק הוּא מִכֶּם	47. דען דאס איז ניט קיין [4]ליידיגעס ווארט פיר אייך,

כִּי־הוּא חַיֵּיכֶם	דען דאס איז אייער לעבען,
וּבַדָּבָר הַזֶּה	און דורך דיזעס ווארט
תַּאֲרִיכוּ יָמִים	זאלט איהר לאנג לעבען
עַל־הָאֲדָמָה	אויף דעם לאנד,
אֲשֶׁר אַתֶּם עֹבְרִים	וואס איהר געהט איבער
אֶת־הַיַּרְדֵּן	דעם ירדן
שָׁמָּה	דארטען,
לְרִשְׁתָּהּ׃	איהר צו ערבען.
מפטיר	מפטיר
48. וַיְדַבֵּר יְהֹוָה אֶל־מֹשֶׁה	48. און דער עוויגער האט גערעדט צו משה
בְּעֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה	אין דיזען זעלבען טאג,
לֵאמֹר׃	זאגענדיג:
49. עֲלֵה	49. געה ארויף
אֶל־הַר הָעֲבָרִים הַזֶּה	אויף דיזען בארג עברים,
הַר־נְבוֹ	דער בארג נבו
אֲשֶׁר בְּאֶרֶץ מוֹאָב	וואס איז אים לאנד מואב,
אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי יְרֵחוֹ	וואס איז פאר ירחו,
וּרְאֵה	און זעה
אֶת־אֶרֶץ כְּנַעַן	דאס לאנד כנען,
אֲשֶׁר אֲנִי נֹתֵן	וואס איך גיב
לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל	צו די קינדער ישראל
לַאֲחֻזָּה׃	אלס אייגענטהום.
50. וּמֻת בָּהָר	50. און שטארב אויף דעם בארג,
אֲשֶׁר אַתָּה עֹלֶה שָׁמָּה	וואס דו געהסט דארטען ארויף,
וְהֵאָסֵף אֶל־עַמֶּיךָ	און ווער איינגעזאמעלט צו דיין פאלק,
כַּאֲשֶׁר־מֵת	ווי עס איז געשטארבען
אַהֲרֹן אָחִיךָ	אהרן, דיין ברודער,
בְּהֹר הָהָר	אויף דעם בארג הר,
וַיֵּאָסֶף אֶל־עַמָּיו׃	און ער איז איינגעזאמעלט געווארען צו זיין פאלק.
51. עַל אֲשֶׁר מְעַלְתֶּם	51. ווייל איהר האט אונטריי געהאנדעלט
בִּי	געגען מיר
בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל	צווישען די קינדער ישראל
בְּמֵי־מְרִיבַת קָדֵשׁ	ביי די קריגס-וואסער פון קדש,
מִדְבַּר־צִן	(אין) דער וויסטע צין,

1) בערוישען. 2) לאקיגען קאפ פון פיינד. 3) פערזעהנען. 4) ליידיגעס, אונוויכטיגעס.

על אשר לא קדשתם אותי	וייל איהר האט מיך ניט געהייליגט
בתוך בני ישראל :	צווישען די קינדער ישראל.
52. כי מנגד	52. דען פון [1]ווייטען
תראה את הארץ	וועסט'ו זעהן דאס לאנד,
ושמה לא תבוא	אבער דארטען וועסט'ו ניט אריינקומען,
אל הארץ	אין דאס לאנד,
אשר אני נתן	וואס איך גיב
לבני ישראל :	צו די קינדער ישראל.

Cap. XXXIII. לג

וזאת הברכה HABERACHA

1. וזאת הברכה	1. און דיזעס איז דער זעגען,
אשר ברך משה איש האלהים	וואס משה, דער געטליכער מאן, האט געבענשט
את בני ישראל	די קינדער ישראל
לפני מותו :	פאר זיין טויט.
2. ויאמר	2. און ער האט געזאָגט:
יהוה מסיני בא	דער עוויגער איז געקומען פון סיני,
וזרח משעיר למו	און ער האט אויפגעשיינט צו זיי פון שעיר,
הופיע מהר פארן	ער האט [2]ערשיינט פון בארג פארן[3],
ואתה מרבבת קדש	און ער איז געקומען פון די צעהן־טויזענדער הייליגע[4],
מימינו	פון זיין רעכטער האנד
אש דת למו :	א פייעריגעס געזעטץ פיר זיי
3. אף חבב עמים	3. ער ליבט אויך (די) [5]שטאמען.
כל קדשיו בידך	אלע זיינע הייליגע זיינען אין דיין האנד,
והם תכו לרגלך	און זיי האבען זיך [6]געווארפען צו דיין פוס,
ישא מדברתיך :	ער האט [7]אויפגענומען דיינע ווערטער.[8]
4. תורה	4. א געזעטץ
צוה לנו משה	האט אונז משה געבאָטען
מורשה	(אלס) ערבטהייל
קהלת יעקב :	(פיר) די פערזאמלונג פון יעקב[9].

5. ויהי בישרון מלך	5. און ער איז געווארען אין [10]ישרון א קעניג,
בהתאסף	ווען עס האבען זיך פער־זאמעלט
ראשי עם	די הייפּטער פון פאלק,
יחד שבטי ישראל	צוזאמען די שטאמען פון ישראל.
6. יחי ראובן	6. ראובן זאל לעבען,
ואל ימת	און ער זאל ניט שטארבען
ויהי מתיו מספר :	און זיינע מענשען זאלען זיין [11]((אהן) א צאהל.
7. וזאת ליהודה	7. און דיזעס איז וועגען יהודה,
ויאמר	און ער האט געזאָגט:
שמע יהוה	הער, עוויגער,
קול יהודה	די שטימע פון יהודה,
ואל עמו תביאנו	און צו זיין פאלק זאלסט'ו איהם ברינגען,
ידיו רב לו	(ווען) זיינע הענד וועלען קעמפפען פיר איהם,
ועזר מצריו תהיה :	(דאן) זאלסט'ו זיין א הילפע (צו איהם) [12]פון זיינע פיינדע.
שני	שני
8. וללוי אמר	8. און וועגען לוי האט ער געזאָגט:
תמיך ואוריך	דיינע תומים און דיינע [13]אורים
לאיש חסידך	(פאסען) פיר דיין פרומען מאן[14],
אשר נסיתו במסה	וואס דו האסט איהם גע־פרופט אין מסה,
תריבהו	דו האסט זיך געקריגט מיט איהם
על מי מריבה :	ביי די קריג־וואסער.
9. האמר	9. וועלכער האט געזאָגט:
לאביו ולאמו	צו זיין פאטער און צו זיין מוטער:
לא ראיתיו	איך האב זיי ניט געזעהען,
ואת אחיו לא הכיר	און זיינע ברידער האט ער ניט דערקענט,[15]
ואת בנו לא ידע	און זיינע קינדער האט ער ניט געוואוסט,
כי שמרו אמרתך	דען זיי האבען געהיט דיין וואָרט,
ובריתך ינצרו :	און דיין בונד האבען זיי געוואהרט.
10. יורו משפטיך ליעקב	10. זיי לעהרען יעקב דיינע רעכטע,
ותורתך לישראל	און ישראל—דיין לעהרע;
ישימו קטורה	זיי לייגען רויכערווערק

1) געגענאיבער. 2) ערגלענצט. 3) וואהרשיינליך זיינען שעיר און פארן די היפּטסטאציאָנען, וואו גאט האט זיך געאָפּענבארט צו ישראל. זעה רש״י. 4) זעה רש״י. 5) פעלקער. 6) הינגעשטרעקט, הינגעלייגט. 7) הויך געטראָגען. 8) זעה רש״י און פערשידענע פרושים אין דר. פיליפּזאהן׳ס קאָמענטאר. 9) אדער: (דאס)־געזעטץ׳ (וועלכעס) משה האט אונז געבאָטען, איז איין ערבטהייל פיר די פערזאמלונג פון יעקב. 10) ישראל. 11) דאס וואָרט „ואל״ אין פריהערינען זאַטץ איז „מושך עצמו ואחר עמו״ און דארום דארף עס היער פערשטאנען ווערען: ואל יהי מתיו מספר. 12) געגען 13) דאס רעדט ער צו גאט. 14) דאמיט ווערט געמיינט דער גאנצער שטאם לוי, וועלכער פאסט פיר דעם פריסטער־אמט און לעהר־אמט וועגען זייער איבערגעבענהייט צו גאט, ווי זיי האבען עס בעוויזען ביים עגל הזהב. ווען די לויים האבען ניט געשוינט קיין אייגענע ברידער און פריינדע, וועלכע האבען אנטהייל גענומען אין מאכען דעם עגל. שמות ל״ב 27. 15) זעה אנמערקונג 14.

בְּאַפֶּךָ	פאר דיין [1]געזיכטס,
וְכָלִיל עַל־מִזְבְּחֶךָ׃	און גאנץ־אָפּפער אויף דיין אלטאר.
11. בָּרֵךְ יְהוָה חֵילוֹ	11. בענש, עוויגער, זיין [2]קראפט,
וּפֹעַל יָדָיו תִּרְצֶה	און דאס ווערק פון זיין האנד זאלסטו בעוויליגען,
מְחַץ מָתְנַיִם	פערוואונדע די לענדען
קָמָיו וּמְשַׂנְאָיו	פון זיינע פיינדע און זיינע האסערס,
מִן־יְקוּמוּן׃	דאס זיי זאלען ניט אויפ־שטעהן.
12. לְבִנְיָמִן אָמַר	12. וועגען בנימין האט ער געזאגט:
יְדִיד יְהוָה	דער ליבלינג פון דעם עוויגען,
יִשְׁכֹּן לָבֶטַח עָלָיו	ער וועט זיכער וואהנען ביי איהם[3],
חֹפֵף עָלָיו כָּל־הַיּוֹם	ער בעשיצט איבער איהם אלע צייט,
וּבֵין כְּתֵפָיו שָׁכֵן׃	און צווישען זיינע שולטער־רען רוהט ער[3].
שְׁלִישִׁי	שְׁלִישִׁי
13. וּלְיוֹסֵף אָמַר	13. און וועגען יוסף האט ער געזאגט:
מְבֹרֶכֶת יְהוָה אַרְצוֹ	געבענשט פון דעם עוויגען איז זיין לאנד,
מִמֶּגֶד שָׁמַיִם	פון די [4]טהייערקייט פון [illegible]ל,
מִטָּל	פון טהוי
וּמִתְּהוֹם	און פון (דער) טיפע,
רֹבֶצֶת תָּחַת׃	וועלכע ליגט אונטען.
14. וּמִמֶּגֶד	14. און פון די [4]טהייערקייט,
תְּבוּאֹת שָׁמֶשׁ	פון די פרוכטען פון (דער) זון
וּמִמֶּגֶד	און פון די [4]טהייערקייט
גֶּרֶשׁ יְרָחִים׃	פון די [5]ארויסברייננונג פון (דעם) מאנד.
15. וּמֵרֹאשׁ	15. און פון דעם בעסטען
הַרְרֵי־קֶדֶם	פון די אוראלטע בערג,
וּמִמֶּגֶד	און פון די [4]טהייערקייט
גִּבְעוֹת עוֹלָם׃	פון די עוויגע היגלען.
16. וּמִמֶּגֶד	16. און פון די [4]טהייערקייט
אֶרֶץ וּמְלֹאָהּ	פון (דער) ערד און איהר [6]פילע,
וּרְצוֹן שֹׁכְנִי סְנֶה	און די גנאדע פון דעם וואס רוהט אין דארן,
תָּבוֹאתָה	זאל עס קומען
לְרֹאשׁ יוֹסֵף	אויף יוסף'ס קאפ,
וּלְקָדְקֹד	און אויף דעם שייטעל

נְזִיר אֶחָיו׃	פון דעם געקרוינטען פון זיינע ברידער.
17. בְּכוֹר שׁוֹרוֹ	17. [7]זיין ערסטגעבארענער אָקס,
הָדָר לוֹ	פראכט איז צו איהם,
וְקַרְנֵי רְאֵם קַרְנָיו	און די הערנער פון א ביפעל זיינען זיינע הערנער,
בָּהֶם	מיט זיי
עַמִּים יְנַגַּח יַחְדָּו	שטויסט ער אלע פעלקער צוזאמען
אַפְסֵי־אָרֶץ	(ביז) די ענדען פון דער ערד,
וְהֵם רִבְבוֹת אֶפְרַיִם	און זיי זיינען די צעהען־טויזענדער פון אפרים,
וְהֵם אַלְפֵי מְנַשֶּׁה׃	און זיי זיינען די שטאמען פון מנשה.
רְבִיעִי	רְבִיעִי
18. וְלִזְבוּלֻן אָמַר	18. און וועגען זבולן האט ער געזאגט:
שְׂמַח זְבוּלֻן	פרעה זיך זבולן
בְּצֵאתֶךָ	ביי דיין אויסגאנג,
וְיִשָּׂשכָר בְּאֹהָלֶיךָ׃	און ישכר אין דיינע געצעלטען.
19. עַמִּים הַר־יִקְרָאוּ	19. פעלקער וועלען זיי [8]רופען (צום) בארג,
שָׁם יִזְבְּחוּ	דארט וועלען זיי שלאכטען
זִבְחֵי־צֶדֶק	גערעכטע שלאכטונגען,
כִּי שֶׁפַע יַמִּים	דען דעם איבערפלוס פון מערען
יִינָקוּ	וועלען זיי זויגען
וּשְׂפֻנֵי טְמוּנֵי חוֹל׃	און די פערבארגענע שאטצען פון זאמד.[9]
20. וּלְגָד אָמַר	20. און וועגען גד האט ער געזאגט:
בָּרוּךְ מַרְחִיב גָּד	געלויבט זאל זיין דער, וואס ברייטעט אויס גד,
כְּלָבִיא שָׁכֵן	ווי א לעווין רוהט ער,
וְטָרַף זְרוֹעַ	און ער רייסט (דעם) ארם
אַף־קָדְקֹד׃	אויך (דעם) שייטעל.
21. וַיַּרְא רֵאשִׁית לוֹ	21. און ער האט דערזעהן איין ערסטטהייל פיר זיך,[10]
כִּי־שָׁם	דען דארט
חֶלְקַת מְחֹקֵק סָפוּן	וואר איהם געזיכערט דער טהייל פון געזעטצגעבער[10]
וַיֵּתֵא רָאשֵׁי עָם	און דאן איז ער געקומען אן דער שפיצע פון פאלק[11],
צִדְקַת יְהוָה עָשָׂה	די גערעכטיגקייט פון דעם עוויגען האט ער געטהאן
וּמִשְׁפָּטָיו	און זיינע רעכטען
עִם־יִשְׂרָאֵל׃	מיט ישראל.
22. וּלְדָן אָמַר	22. און וועגען דן האט ער געזאגט:

1) נאז. 2) פערמעגען. 3) זעה רש״י. 4) זיסיגקייט. 5) טריב, ארויסטרייבונג. 6) ד. ה. וואס פילט אן די ערד. 7) אדער: (ווי) זיין ערסטגעבארענער אָקס האט ער פראכט. 8) לאדען. 9) ד. ה. די טהייערע זאכען, וועלכע געפינען זיך פערבארגען אין די זאמד פון מער. 10) ד. ה. ער האט פיר זיך אויסגעקליבען א טהייל פון דיזער זייט ירדן, ווייל דארט האט ער בעקומען זיין געזיכערטען (ספון) טהייל פון געזעטצגעבער זעלבסט. זעה רש״י. 11) היר ווערט גערעדט פון דעם פפליכט פון גד (ווי אויך ראובן וחצי שבט המנשה) צו געהן אן דער שפיצע פון די קריגס־לייטע איינצונעהמען דאס לאנד פיר די איבריגע שטאמען, במדבר ל״ב, 19—32.

דָּ֖ן גּ֣וּר אַרְיֵ֑ה	דן איז א יונגער לייב,
יְזַנֵּ֖ק מִן־הַבָּשָֽׁן׃	ער שפרינגט ארויס פון בשן.
23. וּלְנַפְתָּלִ֣י אָמַ֔ר	23. און וועגען נפתלי האט ער געזאגט:
נַפְתָּלִי֙ שְׂבַ֣ע רָצ֔וֹן	נפתלי איז געזעטיגט מיט גנאדע
וּמָלֵ֖א בִּרְכַּ֣ת יְהוָ֑ה	און פול מיט דעם עוויגען'ס זעגען,
יָ֥ם וְדָר֖וֹם יְרָֽשָׁה׃	[1]ערב וועסט־זייט און זיד־זייט.
24. וּלְאָשֵׁ֣ר אָמַ֔ר	24. און וועגען אשר האט ער געזאגט:
בָּר֥וּךְ מִבָּנִ֖ים אָשֵׁ֑ר	געבענשט [2]מעהר אלס אלע זיהן וועט זיין אשר.
יְהִ֤י רְצוּי֙ אֶחָ֔יו	ער וועט זיין דער [3]געליבטער פון זיינע ברידער.
וְטֹבֵ֥ל בַּשֶּׁ֖מֶן רַגְלֽוֹ׃	און ער וועט טונקען אין אייל זיינע פיס.
25. בַּרְזֶ֥ל וּנְחֹ֖שֶׁת	25. אייזען און קופער
מִנְעָלֶ֑ךָ	(וועלען זיין) דיינע ריגלען,
וּכְיָמֶ֖יךָ דָּבְאֶֽךָ׃	און ווי דיינע טעג—דיין [4]רוהע.
26. אֵ֥ין כָּאֵ֖ל יְשֻׁר֑וּן	26. עס איז ניטא ווי גאט, ישורון!
רֹכֵ֤ב שָׁמַ֙יִם֙	ער רייט אויף (דעם) הימעל
בְּעֶזְרֶ֔ךָ	פיר דיין הילף,
וּבְגַאֲוָת֖וֹ שְׁחָקִֽים׃	און אין זיין גרויסקייט (איז ער אויף) וואלקענס.
שִׁשִּׁי	שִׁשִּׁי
27. מְעֹנָה֙	27. (דיין) וואהנונג[5]
אֱלֹ֣הֵי קֶ֔דֶם	איז דער אוראלטער גאט,
וּמִתַּ֖חַת	און פון אונטען
זְרֹעֹ֣ת עוֹלָ֑ם	זיינען די עוויגע ארמען,
וַיְגָ֧רֶשׁ מִפָּנֶ֛יךָ	און ער האט פערטריבען פאר דיר
אוֹיֵ֖ב	(דעם) פיינד,
וַיֹּ֥אמֶר	און ער האט געזאגט:
הַשְׁמֵֽד׃	פערטיליג!
28. וַיִּשְׁכֹּן֩ יִשְׂרָאֵ֨ל	28. און ישראל האט געוואהנט
בֶּ֤טַח	זיכער,
בָּדָד֙ עֵ֣ין יַעֲקֹ֔ב	איינזאם—יעקב'ס קוועלע,
אֶל־אֶ֖רֶץ	אין א לאנד
דָּגָ֣ן וְתִיר֑וֹשׁ	פון קארן און מאסט,
אַף־שָׁמָ֖יו	אויך זיינע הימלען
יַ֥עַרְפוּ טָֽל׃	טריפען טהוי.
29. אַשְׁרֶ֨יךָ יִשְׂרָאֵ֜ל	29. גליקליך ביסט'ו ישראל!
מִ֣י כָמ֗וֹךָ	ווער איז ווי דו,
עַ֚ם נוֹשַׁ֣ע בַּֽיהוָ֔ה	א פאלק, געהאלפען דורך דעם עוויגען,
מָגֵ֣ן עֶזְרֶ֔ךָ	(דער) שילד פון דיין הילף
וַאֲשֶׁר־חֶ֖רֶב	און וועלכער איז דער שווערט
גַּאֲוָתֶ֑ךָ	פון דיין גרויסקייט,
וְיִכָּחֲשׁ֤וּ אֹיְבֶ֙יךָ֙ לָ֔ךְ	און דיינע פיינדע וועלען דיר [6]שמייכלען
וְאַתָּ֖ה	אבער דו
עַל־בָּמוֹתֵ֥ימוֹ תִדְרֹֽךְ׃	אויף זייערע [7]העהען וועסט'ו טרעטען.
שְׁבִיעִי	שְׁבִיעִי

לד

CAP. XXXIV.

1. וַיַּ֨עַל מֹשֶׁ֜ה	1. און משה איז אויפגעגאנגען
מֵעַרְבֹ֤ת מוֹאָב֙	פון די עבענען פון מואב
אֶל־הַ֣ר נְב֔וֹ	אויף דעם בארג נבו,
רֹ֚אשׁ הַפִּסְגָּ֔ה	די שפיטצע פון פסגה,
אֲשֶׁ֖ר עַל־פְּנֵ֣י יְרֵח֑וֹ	וועלכע איז פאר ירחו.
וַיַּרְאֵ֨הוּ יְהוָ֧ה	און דער עוויגער האט איהם געוויזען
אֶת־כָּל־הָאָ֛רֶץ	דאס גאנצע לאנד,
אֶת־הַגִּלְעָ֖ד עַד־דָּֽן׃	גלעד ביז דן.
2. וְאֵת֙ כָּל־נַפְתָּלִ֔י	2. און גאנץ נפתלי
וְאֶת־אֶ֥רֶץ	און דאס לאנד
אֶפְרַ֖יִם וּמְנַשֶּׁ֑ה	פון אפרים און מנשה
וְאֵת֙ כָּל־אֶ֣רֶץ יְהוּדָ֔ה	און דאס גאנצע לאנד יהודה,
עַ֖ד הַיָּ֥ם הָאַחֲרֽוֹן׃	ביז דעם הינטערסטען מעער
3. וְאֶת־הַנֶּ֗גֶב	3. און דאס זיד־(לאנד)
וְאֶת־הַכִּכָּ֞ר	און דעם קרייז,
בִּקְעַ֧ת יְרֵח֛וֹ	דאס טהאל פון ירחו,
עִ֥יר הַתְּמָרִ֖ים	די פאלמען־שטאדט
עַד־צֹֽעַר׃	ביז צוער.
4. וַיֹּ֨אמֶר יְהוָ֜ה אֵלָ֗יו	4. און דער עוויגער האט געזאגט צו איהם:
זֹ֣את הָאָ֡רֶץ	דיזעס איז דאס לאנד,
אֲשֶׁ֣ר נִ֠שְׁבַּעְתִּי	וואס איך האב געשווארען
לְאַבְרָהָ֨ם	צו אברהם,
לְיִצְחָ֣ק וּֽלְיַעֲקֹב֮	צו יצחק און צו יעקב
לֵאמֹר֒	זאגענדיג:
לְזַרְעֲךָ֖ אֶתְּנֶ֑נָּה	צו דיין זאמען וועל איך עס געבען;
הֶרְאִיתִ֣יךָ בְעֵינֶ֔יךָ	איך האב דיר (עס) געלאזען זעהען מיט דיינע אויגען,
וְשָׁ֖מָּה לֹ֥א תַעֲבֹֽר׃	אבער דארטען וועסט'ו ניט איבערגעהן.
5. וַיָּ֨מָת שָׁ֜ם מֹשֶׁ֧ה	5. און דארט איז געשטארבען משה.

1) דאס איז א „צווי" מיט א ה"א נוספת, ווי עס איז צו זעהן פון די נגינה מלעיל. 2) מיט זיהן א. ז. וו. 3) גינסטלינג. 4) רייכקייט, ד. ה. ווי לאנג דו וועסט לעבען, אזוי לאנג וועסט'ו רוהיג, אדער רייך זיין. זעה רש"י. 5) ד. ה. א צופלוכטס־ארט. 6) חנפ'נען. 7) הויכע ערטער.

עבד־יהוה	דער קנעכט פון דעם עוויגען
בארץ מואב	אים לאנד מואב
על־פי יהוה:	אויף דעם עוויגען׳ס בעפעהל.
6. ויקבר אתו בגי	6. און [1]ער האט איהם בעגראבען אים טהאל,
בארץ מואב	אים לאנד מואב,
מול בית פעור	געגענאיבער בית פעור,
ולא־ידע איש	און קיין מאן ווייס ניט
את־קברתו	זיין גראב
עד היום הזה:	ביז היינטיגען טאג.
7. ומשה בן־מאה ועשרים שנה	7. און משה וואר הונדערט און צוואנציג יאהר אלט,
במתו	ווען ער איז געשטארבען;
לא־כהתה עינו	זיין אויג איז ניט דונקעל געווארען,
ולא־נס לחה:	און זיין [2](ליעבענס)־זאפט איז ניט [3]אויסגעגאנגען.
8. ויבכו בני ישראל את־משה	8. און די קינדער ישראל האבען בעוויינט משה
בערבת מואב	אין די עבענען פון מואב
שלשים יום	דרייסיג טעג,
ויתמו	דאן האבען זיך געענדיגט
ימי בכי אבל משה:	די טעג פון וויינען פון טרויער איבער משה.
9. ויהושע בן־נון	9. און יהושע, דער זוהן פון נון,
מלא	איז געווען פול
רוח חכמה	מיט דעם גייסט פון קלוגהייט,
כי־סמך משה	דען משה האט אנגע־שפארט

את־ידיו	זיינע הענד
עליו	אויף איהם.
וישמעו אליו בני־ישראל	און די קינדער ישראל האבען איהם צוגעהערט,
ויעשו	און זיי האבען געטהאן,
כאשר צוה יהוה את־משה:	ווי דער עוויגער האט בע־פוילען משה.
10. ולא־קם נביא עוד	10. און עס איז מעהר ניט אויפגעשטאנען א פראפעט
בישראל	אין ישראל
כמשה	ווי משה,
אשר ידעו יהוה	וועלכען דער עוויגער האט געקענט
פנים אל־פנים:	געזיכט צו געזיכט.
11. לכל־האתת	11. [4]בײַ די אלע צייכענס
והמופתים	און די וואונדערס
אשר שלחו יהוה	וואס דער עוויגער האט איהם געשיקט,
לעשות	צו טהאן
בארץ מצרים	אים לאנד מצרים
לפרעה	צו פרעה
ולכל־עבדיו	און צו אלע זיינע קנעכט
ולכל־ארצו:	און צו זיין גאנצען לאנד.
12. ולכל היד החזקה	12. און [4]בײַ דער גאנצען שטארקען האנד
ולכל המורא הגדול	און [4]בײַ דער גאנצען גרויסען פירכטבארקייט,
אשר עשה משה	וועלכע משה האט געטהאן
לעיני כל־ישראל:	פאר די אויגען פון גאנץ ישראל.

1) מען. 2) פײַנטקייט, פרישקייט. 3) אויסגעלאפען, פערפאלען, פערשוואונדען געווארען. 4) אין.

חזק

נשלמו חמשה חומשי התורה,
בעזר אלהים בראשית ברא,
אחרי שלשת שני עבודה קשה ומרה,
ביום ד׳ ערב יום מתן התורה,
שנת התרס״א.